STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01753

# MEDRESH RABA KOHELES

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Mrs. Julius Zulver*
*in memory of*
*Doris & Selma Zulver*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מדרש רבה

# קהלת

תרגום יידיש

שינויי נוסחאות

| | |
|---|---|
| ביאורים | דערקלערונגען |
| ומבואות | און אריינפירן |
| מאת | פון |

שמשון דונסקי

מאָנטרעאל תשכ"ז

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
אַ סובסידיע פונעם
„קאַנאַדאַ קאונסיל״

באַקומען די
ח. מ. קייזערמאַן ליטעראַרישע פּרעמיע
פונעם
קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס

שער בלאט געצייכנט פון
מ נ ח ם ד ו נ ס ק י

געדרוקט אין דער
„נאָרטהערן פרינטינג און ליטאָגראַפינג קאָ.״
מאָנטרעאל, קאנאדע, 1967

א מתנה
מיינע קינדער
מנחם און ליליאַן
צפורה און יעקב (ראַבינאָוויטש)
באהבה רבה

— — — ודברי אשר שמתי בפיך
לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך — — —

— — — און מיינע ווערטער וואָס איך האָב אַריינגעטאָן אין דיין מויל
זאָלן זיך ניט אָפּטאָן פון דיין מויל און פון דעם מויל פון דיינע
קינדער און פון דעם מויל פון דיינע קינדסקינדער — — —.

(ישעיה נט, כא)

# אַריינפיר

### א

די קלאַסישע מדרש עפאָכע, סיי פון מדרש הלכה, סיי פון מדרש אגדה, ציט זיך פון אורעלטע צייטן אָן, און אירע אָנהייבן לאָזן זיך מערקן שוין אין די טעג פון עזרא הסופר. זינט עזרא האָט פראָקלאַמירט תורת משה ווי די קאָנסטיטוציע פונעם יידישן פאָלק,[1] וואָס איז מחייב סיי דעם כלל און סיי דעם יחיד, אַזוי גלייך האָט זיך אָנגעהויבן די אַקטיוויטעט פון די גייסטיקע פירער פונעם פאָלק אויסצוטייטשן און צו דרשענען די תורה אין אירע פאַרשיידענע אַספעקטן. און אונטערן דרוק פון די וויטערדיקע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען, ווען לעבנס באַדינגונגען האָבן זיך כסדר געביטן, האָט זיך נאַטירלעכערוויז דאָס טייטשן און דרשענען די תורה אויך געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען און זיך אויסברייטערן.

מיטן אויסנאַם פון קאַרגע אַכט צענדליק יאָר פון דער פרייער חשמונאים מדינה, איז ארץ ישראל דורך דער צייט פון צווייטן בית המקדש געלעגן אונטער דער אָפט שווערער און דריקנדיקער הערשאַפט פון פרעמדע מלוכות. זינט פאָמפּייס איינגעמען ירושלים האָט די פאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד געהאַלטן אין איין גיין באַרג אַראָפ, ביז דאָס ערגסטע איז געקומען מיטן צווייטן חורבן און שפעטער מיטן בר־כוכבא אויפשטאַנד. האָט דאָס פאָלק, אונטערן איינפלוס פון זיינע גייסטיקע פירערס, צוביסלעך זיך צוגע־וואוינט צו זען אין דער תורה, און שפעטער אין תנ"ך בכלל, דעם איינציקן ירושה אוצר וואָס איז אים פאַרבליבן פונעם ליכטיקן און גלאָררייכן אַמאָל. אין דעם אוצר האָט ער געפונען דעם שורש פון זיינע אינסטיטוציעס, דעם קוואַל פון זיינע אידעען און גלויבונגען און דעם אורשפרונג פון זיין גאַנץ קולטור לעבן, סיי בנוגע געזעץ, און סיי בנוגע אַלע אַנדערע פאַרשיידענע פאַזן אין לעבן פונעם יחיד, און פונעם פאָלק, — פון געזעלשאַפטלעכן, נאַציאָנאַל־היסטאָרישן, רעליגיעז־עטישן און אינטעלעקטועלן כאַראַקטער.

אין דעם דאָזיקן אוצר האָט מען געזוכט און געפונען ענטפערס אויף אַלע פראָבלעמען פון לעבן, סיי פון דער פאַרגאַנגענהייט, סיי פון דער קעגנוואַרט און פון דער צוקונפט. „הפוך בה והפוך בה, דכולה בה"[2] — זוך אין דער תורה און זוך ווידער אין איר, וואָרום אַלץ איז אין איר. און אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון הונדערטער יאָרן סיי דער מדרש הלכה וואָס טייטשט אויס די געזעצן פון דער תורה און פאַסט זיי צו צו די באַגריפן פון נייע צייטן און צו די געענדערטע לעבנס תנאים, און וואָס רעדט צום אינטעלעקט, צום למדן אין בית מדרש; און סיי דער מדרש אגדה, וואָס

רעדט מער צום פאַרזאָרגטן פאָלקס מענטשן און גיט אים גייסטיקע נערונג און האָפענונג אין שלעכטע צייטן און אַ צוזאָג אויפן יום שכולו טוב, פאַרן יחיד ווי פאַרן כלל.

צוערשט זיינעןביידע סאָרטן מדרש איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור מינדלעך, און ס'איז אפילו געווען כמעט אַן אויסדריקלעכער פאַרבאָט עס צו פאַרשרייבן.[3] שפּעטער אָבער האָט די גרויסע מאַסע אָנגעקליבענע מאַטעריאַלן אוממעגלעך געמאַכט דאָס אָנצוהאַלטן מינדלעך; זיינען די חכמים געצוואונגען געוואָרן צו פאַרבויגן די טראַדיציע, און זיי האָבן אָנגעהויבן זאַמלען און פאַרשרייבן סיי מדרש הלכה, וואָס איז געקומען צום קלאַסישן אויסדרוק אין דער משנה, און סיי מדרש אגדה, וואָס זיינע ספּעציעלע זאַמלונגען נעמען שפּעטער איבער דעם געקירצטן נאָמען מדרש.[4]

די אַרבעט פון זאַמלען און רעדאַגירן די מדרש ספרים ציט זיך אַרום אַכט־ניין הונדערט יאָר, פון אַרום דעם דריטן יאָרהונדערט נאָך דער אַלגע־מיינער צייטרעכענונג [5] ביז אַרום דעם צוועלפטן,—אַזוי די מדרש ליטעראַטור בכלל, אַזוי אויך די סעריע ספרים וואָס ווערן באַצייכנט מיטן אַלגעמיינעם נאָמען מדרש רבה, אָנהייבנדיק מיטן עלטסטן פון זיי, בראשית רבה, און ענדיקנדיק מיט די יינגסטע, ווי שמות רבה און במדבר רבה.[6]

די רעדאַקציע פון קוהלת רבה איז לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן פאַרגע־קומען אוממגעפער אין מיטן פון דער דאַזיקער מדרשים עפּאָכע. ניט נאָר איז דער דאָזיקער מדרש יינגער פון תלמוד ירושלמי, פון וועלכן ער שעפּט אַ סך פון זיינע מאַטעריאַלן, נייערט אויך פון בראשית רבה, ויקרא רבה, איכה

א

[1] נחמיה, ח—י. [2] אבות ה, כה. [3] פאַרגלייך: „דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאמרן בכתב — ווערטער וואָס (זיינען געגעבן געוואָרן) מינדלעך טאָרסטו ניט זאָגן פון שריפט (גיטין ס, ב); אָדער: „הדא אגדתא, הכותבה אין לו חלק" — די דאָזיקע אגדתא, ווער עס פאַרשרייבט זי האָט ניט קיין חלק (אויף יענער וועלט) (ירושלמי שבת, טז, א).
[4] מער וועגן מדרש הלכה און מדרש אגדה און די שייכותן צווישן זיי, ווי אויך וועגן דער פראַגע פון מדרש שבעל פה און מדרש שבכתב, זע אַריינפיר צו אונדזער אויסגאַבע פון איכה רבה, מאָנטרעאַל, תשט"ז. [5] „ר' יוחנן (אין דריטן יאָרהונדערט) זאָגט: ס'איז אַ בונד געשלאָסן, — ווער עס לערנט אגדה פון אַ ספר, וועט עס ניט שנעל פאַרגעסן" (ירושלמי ברכות, ה, א). און אַזוי ווערן הגדה ספרים דערמאָנט אין שייכות מיט ר' יוחנן אויך אין ברכות כג, א; און אין גיטין ס, א, ווערט דערציילט, אַז ער און ריש לקיש פלעגן שבת אַריינקוקן אין אַן אגדה ספר. [6] דער נאָמען מדרש רבה פאַר די צען ספרים פון דעם מין (פינף אויף די חמישה חומשי תורה און פינף אויף די חמש מגילות) האָט זיך צוערשט באַצויגן נאָר אויף בראשית רבה, — דער גרויסער מדרש אויף בראשית — וואַרשיינלעך צו אונטערשיידן אים פון אַ צווייטער, קלענערער זאַמלונג פון דרשות און אגדות אויפן זעלבן ספר; צוליב דעם אָבער וואָס די דאָזיקע צען מדרשים זיינען פאַרבונדן מיט אַזעלכע תנכישע ספרים, וואָס זיינען געוואָרן אַן אָפיציעלער טייל פונעם שול ריטואַל, זיינען זיי צוביסלעך אַלע אַרונטער אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען מדרש רבה (די מדרשים אויף קוהלת און אסתר זיינען געווען די לעצטע צו באַקומען דעם טיטול רבה, — אסתר ערשט אין דער ווילנער ראָם אויסגאַבע; זע ה. ל. שטראַק, אַריינפיר צום תלמוד און מדרש,

רבה און רות רבה, וואָס דינען אים אויך גאַנץ אָפט ווי אַ קוואַל פון דרשות, באַזונדערס די פתיחתאס פון יענע מדרשים.[7] אַ גוטער ביישפּיל פון דעם זיינען די לאַנגע דרשות, אויף יב, א—ז, וואָס זיינען גענומען פון ויקרא רבה יח, א, און פון איכה רבה, פתיחתא כג, און וואָס דרשענען יענע פסוקים אויפן חורבן.[8]

אויף דעם סמך נעמען פאָרשערס אָן, אַז קוהלת רבה געהערט צו די שפּעטערדיקע מדרשים.[9] פון דער אַנדערער זייט אָבער איז פאַראַן אַ קלאָרע אָנווייזונג, אַז אין דער ערשטער העלפט פון אַכטן יאָרהונדערט האָט שוין אונדזער מדרש עקזיסטירט.[10] לויט דעם דאַרף מען אָננעמען, אַז קוהלת רבה שטאַמט אָפּ ניט שפּעטער פון אַרום סוף זיבעטן, אָדער אָנהייב אַכטן יאָרהונדערט.

געאָגראַפיש שטאַמט אונדזער מדרש אָפּ, סיי לויטן סטיל, סיי לויטן אינהאַלט, פון ארץ ישראל, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס געוויסע עלעמענטן זיינען קומען מעגלעך פון תלמוד בבלי.[11] אַ דירעקטער באַווייז פאַרן ארץ ישראלדיקן אָפּשטאַם פון אונדזער מדרש איז דער מאמר אין א, לד (איבער־געחזרט אין ג, יב): רבנן דתמן בשם ר׳ יצחק דהכא, ור׳ טוביה בשם ר׳ יצחק —די רבנן פון דאָרטן (זאָגן) אין נאָמען פון ר׳ יצחקן פון דאַנען, און ר׳ טוביה אין נאָמען פון ר׳ יצחקן — — —; סיי ר׳ טוביה, סיי סתם ר׳ יצחק זיינען ארץ ישראלדיקע אמוראים (זע מ. מרגליות, אנציקלופדיה לחכמי התלמוד והגאונים), אַזוי אַז דער פון דאָרטן מוז דאָ מיינען בבל, און פון דאַנען — ארץ ישראל. זע אויך ב, ז, וואו עס ווערט דערציילט, אַז שלמה

---

ענגליש, ז׳ 339, באַמערקונג 3). [7] די מחברים פון די פתיחתאס פלעגן געוויינלעך אָנהייבן זייער דרשה מיט אַ פסוק פון כתובים, און אונדזער בעל מדרש באַנוצט זיך אָפט מיט יענע דרשות וואָס זיינען געבויט אויף פסוקים פון קוהלת (וועגן דעם ענין פתיחתא זע באַמערקונג 1 צו פתיחתא א פון אונדזער איכה רבה אויסגאַבע). [8] אַז דער צונויפשטעלער פון קוהלת רבה האָט גענומען פון איכה רבה און ניט פאַרקערט, איז קלאָר פונעם סוף פון יענער דרשה. אין איכה רבה ענדיקט זיך די פתיחתא מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „— — — ווי נאָר דער רוח הקודש האָט זיך אָפּגעטאָן — — — אַזוי האָט ירמיה גע־קלאָגט אויף זיי איכה — ווי איז געבליבן איינזאַם“. אָבער אונדזער בעל המדרש, כדי צוצופירן די דרשה צום ווייטערדיקן פסוק (ח), וואָס איז דער לייטמאָטיוו פון גאַנצן ספר קוהלת, ענדיקט זיינע ווערטער אויפן פאָלגנדיקן אופן: „— — — ווען ירמיה האָט געזען, אַז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן — — און דער רוח הקודש האָט זיך אָפּ־געטאָן, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זאָגן איבער זיי הבל הבלים — נישטיקייט פון נישטי־קייטן“. [9] זע צונץ, ספר הדרשות (העברעאיש, ירושלים, תשי״ד) און א. ה. וויס, דור דור ודורשיו, ג, 274. [10] ר׳ צבי הירש חיות (מבוא למדרש רבה, ראָם, ווילנע תרע״א) ווייזט אָן, אַז ר׳ אחאי גאון (אין אַכטן יאָרהונדערט) ציטירט אין זיין שאילתות, פרשה יתרו דעם מאמר פון נידה ג, א: „ג׳ שותפים יש באדם“, ברענגענדיק דערביי אַ משל פון ר׳ יהודה הנשיא, וואָס געפינט זיך ניט אין דער גמרא, אָבער איז יאָ פאַראַן אין קוהלת רבה (ה, ג). [11] חנוך אלבעק (צוגאָב באַמערקונג 22, ז׳ 404 פון ספר הדרשות) שלאָגט אָפּ די באַווייזן פון צונץ און וויס, אַז דער בעל המדרש האָט זיך באַנוצט מיט טעקסטן פון בבלי (אויסער ביים סאַמע סוף, וואָס איז אַ צוגאָב פון אַ שפּעטערדיקן

המלך פלעגט שיקן גייסטער קיין אינדיע צו ברענגען וואַסער אַנצוטרינקען דאָ די פון דאָרטן געבראַכטע פעפערביימער, — קלאָר, אַז פאַרן בעל המדרש מיינט דער דאָ ארץ ישראל. ווי נאָך אַ באַווייז פאַר דעם קאָנען דינען די גרויסע צאָל רוימישע און גריכישע ווערטער וואָס געפינען זיך אינעם ספר, ווי אויך דער אויסדרוק צלב, קרייציקונג פאַר הענגען (ז, כו), — אַ שפּראַך ירושה פון רוימישער הערשאַפט.

איינגעטיילט איז דער מדרש לויט די פרשיות פון ספר קוהלת, צוועלף אין צאָל. די דאָזיקע איינטיילונג איז אָבער אַ שפּעטערדיקע; עס זיינען גע־בליבן שפּורן פון אַן עלטערער איינטיילונג. פאַרן אָנהייב פון פּרשה ז געפינט זיך אַ צושריפט סדרא תניינא, דער צווייטער סדר (אָפּטייל), און פאַרן פּסוק ז פון פּרשה ט איז אָנגעשריבן סדרא תליתאה, דער דריטער סדר. מיר ווייסן אָבער פון דער מסורה, אַז די אַמאָליקע איינטיילונג פונעם ספר קוהלת איז געווען אין פיר סדרים, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די פאָלגנדיקע פּסוקים: 1) א, א; 2) ג, יג; 3) ז, א; 4) ט, ז. איז אויף דעם סמך קאָן מען אָננעמען, צוזאַמען מיט אַ צאָל מדרש פאָרשערס,[12] אַז לכתחילה איז אויך דער מדרש געווען איינגעטיילט לויט די זעלבע פיר סדרים. אַזוי ווי עס פעלט אָבער אַ דרש אויפן לעצטן פּסוק פונעם ערשטן סדר (ג, יב), איז מעגלעך, אַז צוזאַמען מיט יענעם דרש, וואָס איז אַרויסגעפאַלן איבער אַ פאַרזען פון אַן איבערשרייבער, איז אויך אַרויסגעפאַלן די צושריפט סליק סדרא קדמאה, געענדיקט דער ערשטער סדר; און אַ שפּעטערדיקער איבערשרייבער, ניט האָבנדיק פאַר זיך יענע באַצייכענונג, האָט אָנגענומען, אַז די ווייטערדיקע באַצייכנונגען: סליק סדרא תניינא, געענדיקט דער צווייטער סדר, און סליק סדרא תליתאה, געענדיקט דער דריטער סדר, זיינען אַ טעות, און ער האָט פּשוט אַרויסגעלאָזט אין ביידע פאַלן דאָס וואָרט סליק, געענדיקט, און עס האָט זיך באַקומען ווי מיר האָבן עס היינט, אַז ערשט ביי ז, א, הייבט זיך אָן דער צווייטער סדר, און ביי ט, ז — דער דריטער. דאָס דערקלערט אויך, פאַרוואָס די גרייס פונעם ערשטן סדר איז, אין פאַרגלייך צו די אַנדערע צוויי, אויסער יעדער פּראָפּאָרץ.

## ב

„בקשו חכמים לגנוז ספר קוהלת, מפני שמצאו בו דברים מטין לצד מינות״, — די חכמים האָבן געוואָלט „באַהאַלטן״ (ניט איינשליסן צווישן די תנ״ך ספרים) דעם ספר קוהלת, מחמת עס געפינען זיך אין אים ווערטער וואָס זיינען נוטה צו אפּיקורסות.[1] דער ספר קוהלת, מיט זיינע ביטערע ספקות

איבערשרייבער. זע דעם רד״לס סאַמע לעצטע באַמערקונג צו קוהלת רבה). [12] זע יידיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע, באַנד 7, ז' 529, און הערמאַן שטראַק, אַריינפיר צום תלמוד און מדרש (ענגלישע אויסגאַבע), ז' 220.

ב

[1] קוהלת רבה א, ד. די מאָטיווירונג אין דער גמרא (שבת יג, ב) איז, ווייל זיינע

און טיפן יאוש, האָט אַרויסגערופן צווייפל ביי די חכמים, צי איז ער ראוי צו אַן אָרט צווישן די כתבי הקודש. מיט זייער געזונטן חוש פאַר עכטקייט און אויפריכטיקייט האָבן זיי אָבער געפילט, אַז דעם דאָזיקן וואונדערלעכן ספר, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק אַ צעווייטיקטע און ליידנדיקע נשמה, טאָר מען ניט דן זיין לגניזה. דערצו איז דעם ספר בייגעשטאַנען דער זכות פון זיין טראַדיציאָנעלן מחבר, דער „חכם מכל אדם". האָט מען ראשית געפונען אַ זכות אין דעם, וואָס דער ספר „הייבט זיך אָן מיט דברי תורה און ענדיקט זיך מיט דברי תורה".[2] און נאָכדעם האָט מען זיך גענומען אַלע־גאָריש אויסצודרשענען דעם ספר, פסוק נאָך פסוק, כדי אַריינצוברענגען דעם אינהאַלט פונעם ספר אינעם גאָלדענעם געפלעכט פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט און צופּאַסן אים צום צענטראַלן שטראָם פון יידישן רעליגיעזן געדאַנק.

דער דאָזיקער אופן פון אויסטייטשן די פסוקים פון קוהלת איז שוין פון אַלטע צייטן אָן געווען זייער פּאָפּולער. דער אַראַמישער תרגום אויפן ספר איז מער מדרש ווי איבערזעצונג, אויסטייטשנדיק די פסוקים פונעם ספר פון איין זייט אויף פאַרשיידענע פּאַסירונגען און טראַפן אין דער יידישער פאַר־גאַנגענהייט, און פון דער צווייטער זייט אויפן לעבן און אויפפיר פון מענטשן, אויף דער וויכטיקייט פון תורה לערנען און פון מצוות און מעשים טובים, און אויפן שכר ועונש פון די צדיקים און רשעים אויף יענער וועלט. אַזעלכע דרשות, נאָר פיל מער אויסגעברייטערט, זיינען אויך צעוואָרפן איבערביידע תלמודים און אין פאַרשיידענע מדרש ספרים, און אַ באַזונדערער אָפּקלייב פון דעם איז קוהלת רבה, וואָס גייט נאָך דעם ספר פסוק נאָך פסוק, און באַנוצט זיך דערביי, ווי אַלע אַנדערע בעלי מדרש, מיט פאָלקס מעשות, אָפט באַהויכט מיט פיינעם הומאָר,[3] מיט פאָלקס ווערטלעך, היסטאָרישע פּאַסי־רונגען, מעשות וועגן די גדולי האומה און וועגן וויכטיקע געשעענישן, כדי צו אילוסטרירן און קאָנקרעט און בילדעריש אַרויסצוברענגען זיינע געדאַנקען און אידעען.

אַ קלאַסישער ביישפּיל פון דעם דאָזיקן אַלעגאָרישן אויסטייטש פון די פסוקים איז דער ווייטערדיקער מאמר, וואָס ווערט איבערגעחזרט גאַנצע פיר מאָל: „איטלעכס מאָל וואָס אין דער דאָזיקער מגילה ווערט דערמאָנט עסן און טרינקען, רעדט דער פסוק (אין דער אמתן) וועגן תורה און מעשים טובים".[4]

---

ווערטער זיינען סותר איינע די אַנדערע. [2] שבת, דאָרט. [3] אַ שטייגער די מעשה וועגן אדריאַנוסן און דעם זקן מיט זיין שכן (ב, כג), די באַקאַנטע פּאַבל מיטן פוקס און די וויינטרויבן (ה, כא), די מעשה מיט שמואלן און דעם פּערסיאַנער (ז, יט), די מעשה מיט אדריאַנוסן און ר' יהושע בן חנניה (ט, ג), די מעשה מיט ר' עקיבאן און דעם סריס (י, ט), אָדער די מעשות וואָס געפינען זיך אין יא, יג, באַזונדערס די מעשה מיט דעם וואָס האָט זיך אָנגעגעסן און ניט געהאַט צו באַצאָלן. [4] ב, כו; ג, טז; ה, כד; ח, טו.

אוודאי האָבן די בעלי אגדה געוואוסט דעם פּשוטן פּשט פונעם פּסוק, און דעם כלל, אַז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו".[5] זיי האָבן אָבער אויך געהאַט אַ צווייטן כלל: „הלא כה דברי כאש" — מיין וואָרט איז דאָך ווי פייער, זאָגט גאָט, און ווי אַ האַמער וואָס צעשמעטערט אַ פעלדז: אַזוי ווי דער דאָזיקער האַמער (ווען ער שלאָגט אין פעלדז) שפּריצן פון אונטער אים פיל פונקען, אַזוי אויך קאָן אַ פּסוק געטייטשט ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים".[6] און אויפן סמך פון דעם דאָזיקן כלל האָבן זיי זיך כסדר באַמיט זיך צו באַפרייען פון די ענגע ראַמען פון דער אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט און אַרויסגיין אויף די ברייטע פליינען פונעם כלל, ווי זיי האָבן אויך כסדר געזוכט זיך צו באַפרייען פון דער געצוימטקייט פון צייט און זיך אַריבערצוטראָגן אַהין, וואו קיין צייט גרעניצן עקזיסטירן ניט, — אין דער איבערצייטלעכקייט און אייביקייט אַריין.

כדי דאָס דורכצופירן האָבן די בעלי אגדה בדרך כלל אויפגעגעבן די לאָגישע פאַרבינדונגען און די קעגנזייטיקע שייכותן פון די פּסוקים פונעם טעקסט, נעמענדיק איטלעכן פּסוק, און אָפט אויך טיילן פון פּסוקים, ווי אַ גאַנצקייט פאַר זיך. אין זייער דראַנג צום אַלגעמיינעם און אייביקן האָבן זיי אין יעדן פּסוק און האַלבן פּסוק געזוכט אָדער אַ רעפלעקסיע פון יידישן און מענטשלעכן גורל, אָדער אַ שפּליטער פון קאָסמישער אייביקייט. אַזוי האָבן עס די דרשנים בכלל זייער אָפט געטאָן; אָבער באַזונדערס איז עס געטאָן געוואָרן מיט קהלת (און אַזוי אויך מיט שיר השירים). און דרשנענדיק אויף דעם אופן די פּסוקים פון קהלת איז די בעלי אגדה געלונגען צו פאַרוואַנדלען די ספקות און די אַנטוישונגען און די האַרבע מחשבות פונעם ספר וועגן דער נישטיקייט און זינלאָזיקייט פונעם לעבן — אין טעקסטן פון טיפסטן אָפּטימיזם, טעקסטן וואָס אָטעמען מיט אמונה און ביטחון אין האַר פון דער וועלט, אַז ער באַגייט קיינמאָל ניט קיין אומרעכט.

אַזוי ווערט דער פּסוק יש צדיק — פאַראַן אַ צדיק וואָס גייט אונטער אין זיין צידקות (ז, טו), געטייטשט אויף אַ צדיק וואָס גייט יונג אַוועק פון דער וועלט, כדי ער זאָל ניט נכשל ווערן אין זינד; און פאַראַן אַ רשע וואָס איז מאריך ימים אין זיין רשעות ווערט דערקלערט מיט דעם, וואָס דער איבערשטער וואַרט אים אָפּ ער זאָל תשובה טאָן.[7] און אין דעם זעלבן זין ווערט אויך געטייטשט דער פּסוק: עס זיינען פאַראַן צדיקים, וואָס עס טרעפט זיי לויט דער טוּאונג פון די רשעים, און עס זיינען פאַראַן רשעים, וואָס עס טרעפט זיי לויט דער טוּאונג פון די צדיקים (ח, יד): די קומען אָפּ אויף דער וועלט פאַר זייער ביסל זינד, כדי זיי זאָלן באַקומען זייער פולן חלק אויף יענער וועלט, און יענע באַקומען אויף דער וועלט זייער שכר פאַרן ביסל גוטס וואָס זיי האָבן געטאָן, כדי עס זאָל זיי גאָרניט בלייבן אויף יענער וועלט.[8] און דער פּסוק כי מקרה — וואָרום דער טראַף פון די מענטשנקינדער

[5] מע טאָר ניט פאַרגעסן דעם פּשוטן מיין פונעם פּסוק (שבת סג, א). [6] סנהדרין לד, א;

און דער טראַף פון דער בהמה, — איין טראַף איז פאַר זיי, ווערט אַזוי גע־טייטשט, אַז עס באַקומט זיך אַ דורכאויס פּאָזיטיווער אינהאַלט, גאַנץ אין גייסט פון מסורהדיקער יידישקייט.[9] און די ביטערע טענה, ואיך ימות החכם עם הכסיל, ווערט געטייטשט אין דעם זין פון — ווי קאָנסטו גאָר מיינען, אַז דער חכם שטאַרבט גלייך ווי דער נאַר? דער נאַר שטאַרבט און ווערט פאַר־געסן, בעת דער חכם ווערט געדענקט אויף אַלע דורות.[10] און ווי דער שטיי־גער איז ווערט דער דאָזיקער טייטש באַקרעפטיקט מיט אַ גאַנצער רייע ציטאַטן פון תנ״ך.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער פּסוק: אַלץ וואָס דו האָסט ביד צו טאָן מיט דיין כוח, טו; וואָרום ס׳איז ניטאָ קיין טואונג און קיין חשבון און קיין וויסן און קיין חכמה אין דער גרוב וואוהין דו גייסט (ט, י). דער בעל המדרש הייסט איבערדרייען דעם פּסוק און אים לייענען אַזוי: אויב ס׳איז ניטאָ קיין טואונג און קיין חשבון, אא״וו, איז אַלץ וואָס דו האָסט ביד צו טאָן מיט דיין כוח, טו, — און דער פּסוק באַקומט פּונקט אַ פאַרקערטן זין ווי ער האָט אין זיין אָריגינעלער פאָרם.[11]

און נאָך איין ביישפּיל פון דעם זעלבן מין. אויפן פּעסימיסטישן, שיר ניט ציניש פּסוק: וחכמת המסכן — און די חכמה פון דעם אָרימאַן בלייבט פאַרשעמט (ט, טז), פרעגט דער בעל המדרש: איז דען די חכמה פון ר׳ עקיבאַן, וואָס איז געווען אַן אָרימאַן, געבליבן פאַרשעמט? און דער ענטפער איז, אַז דער פּסוק מיינט יענע חכמים, וואָס פּאָדערן פון יענעם גערעכטיקייט און אמת, און אַליין זיינען זיי אָרים אין מידות און מעשים טובים, — זייער חכמה איז מבוזה.[12]

אַן אויסנאַם איז דער דרש אויפן פּסוק ב, פּרשה ט: הכל — אַלץ איז גלייך פאַר אַלעמען, איין טראַף פאַרן צדיק און פאַרן רשע, אא״וו. ניט נאָר פרואווט ניט דער בעל המדרש אויסצוטייטשן און פאַרמילדערן די נעגאַטיווע אויסדרוקן פונעם פּסוק, נייערט ער ווערט נאָך מיטגעריסן מיטן שאַרפן פּעסימיזם און פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם אַזוי אויך שטאַרקן איינדרוק פונעם טעקסט מיט ביישפּילן פון יידישער געשיכטע: נח דער צדיק און פרעה דער רשע שטאַרבן ביידע הינקעדיקע; משה און אהרן, דער גוטער און דער ריינער, שטאַרבן אין מדבר צוגלייך מיט די מרגלים, וואָס האָבן אַנגערעדט שלעכטס אויפן לאַנד; יאשיהו, וואָס האָט מקריב געווען קרבנות צו גאָט, שטאַרבט אַ דורכגעשטאָכענער פון פיילן, פּונקט ווי אחאב, וואָס האָט געשטערט דאָס מקריב זיין צו גאָט; דוד, דער גוטער, וואָס האָט גורם געווען צו שטאַרקן די הלכה אין ישראל און האָט געבויט דעם בית המקדש, און נבוכדנצר דער רשע, וואָס האָט דעם בית המקדש חרוב געמאַכט, — ביידע האָבן געקיניגט פערציק יאָר; צדקיהו, וואָס האָט געבראָכן זיין שבועה, און שמשון הגיבור, וואָס איז געווען אָפּגעהיט מיט אַ שבועה, — ביידע זיינען

---

שבת פח, ב. [7] ז, לב. [8] ח, טו. [9] ג, כד. [10] ב, טז—יח. [11] ט, יב, [12] ט, כז.

געשטאָרבן מיט אויסגעשטאָכענע אויגן; און אַזוי זיינען אהרונס זין, וואָס זיינען אין קיין מחלוקת ניט געווען פאַרמישט, אַרויס פון דער וועלט פאַר־ברענטע, פונקט ווי קורחס געזעמל, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן איבער זייער מחלוקת קעגן משהן און אהרונען.[13]

אַ צווייטער ביישפיל פון פּראָטעסט קעגן דעם אומגערעכטן סדר עולם איז די רעאַקציע פונעם בעל המדרש אויפן פסוק: דעם צדיק און דעם רשע טוט גאָט משפטן (ג, יז): „דער גזלן גייט אויף דער תליה, און ר׳ עקיבא איז געגאַנגען אויף דער תליה!"[14]

אָפט ווערט אַ פסוק אויסגעטייטשט סיי פשטמעסיק, סיי אַלעגאָריש. אַ גוטער ביישפיל פאַר דעם זיינען די פסוקים א — ז, פרשה יב, וואָס שילדערן אין אַ פּאָעטיש־בילדעריש לשון דעם סוף פון אַ מענטשן. די ערשטע דרשה[15] איז אַן אויסטייטשונג פון די פסוקים לויט זייער ווערטערלעכער באַדייטונג, אויסגעברייטערט אין גייסט פון די בעלי אגדה מיט משלים און אַפאָריזמען. די צווייטע דרשה איז שוין אַן אַלעגאָרישע אויסטייטשונג פון די זעלבע פסו־קים אויפן חורבן בית ראשון און די פאַרשיידענע טראַגישע און פּאַטעטישע געשעענישן פון יענער צייט.[16]

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפיל, ווי אַזוי דער בעל המדרש הייבט אָן די אויסטייטשונג פון די פסוקים צוערשט מיט זייער פשטותדיקער באַ־דייטונג, און גייט נאָך דעם איבער צו באַשיידן די זעלבע טעקסטן אויף מער סובלימירטע, עטיש־רעליגיעזע, אָדער געשיכטלעך־נאַציאָנאַלע ענינים, זיי־נען די דרשות אויף די פסוקים ד—ח, פרשה ב. צוערשט ווערן די פסוקים, וואָס רעדן וועגן שלמה המלכס אויפטוען געטייטשט אויף אויפטוען מאַטע־ריעלע: וועגן זיינע פּאַלאַצן, זיינע וויינגערטנער, זיינע וואַסערווערק, זיינע קנעכט און דינער, זיין אויסנעמלעך רייכן טיש, זיינע פאַנטאַסטישע אוצרות פון גאָלד און זילבער, זיין גרויסע חכמה, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אינעם פאַרמעסט מיט דער מלכה שבא, די זינגערס און זינגערינס וואָס האָבן אים פאַרווײַלט, די בעדער וואָס ער האָט זיך אויסגעבויט און די שדים און שדיכעס וואָס האָבן זיי באַהייצט.[17] ר׳ חייא בר נחמיה איז אָבער ניט צופרידן מיט דער דאָזיקער אויסטייטשונג. ער זאָגט: „צי דען לאָזט אונדז דער פסוק מער ניט וויסן, נייערט וועגן שלמהס רייכקייט? דער דאָזיקער פסוק רעדט ניט אַנדערש, נייערט וועגן דברי תורה". און די זעלבע פסוקים ווערן דורך אים באַשיידט אויף שולן און בתי מדרשים און אויף די שורות פון חכמים וואָס זיינען אין זיי אויסגעזעצט, אויף די משניות גדולות פון ר׳ חייא רבה און ר׳ הושעיא רבה און בר קפרא, אויף די דרשות פון די תלמידי חכמים, אויף די תינוקות של בית רבן, אויף דעם גורל פון די געצנדינער לעתיד לבוא, או״ו, או״ו.[18] און זיך ניט באַנוגענדיק מיט דעם, ברענגט גלייך נאָך דעם

---

[13] ט, א. וועגן דודן ווי דער בויער פון בית המקדש זע ב, יח, באַמ. 2. [14] ג, כב.

דער בעל המדרש אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי אַ דריטן באַשייד פון די זעלבע פסוקים, לויט וועלכן זיי רעדן וועגן דער צייט ווען יידן האָבן זיך באַזעצט אין כנען, — וועגן די גרייטע הייזער וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען פאַר זיך, די וואונדערלעכע גערטנער, די באַכן וואַסער, די גבעונים וואָס האָבן זיי באַדינט, די רייכע סטאַדעס שאָף און רינדער וואָס די בני גד און בני ראובן און דער האַלבער שבט מנשה האָבן פאַרמאָגט, דאָס גאָלד און זילבער וואָס יידן האָבן מיטגעבראַכט פון מצרים, דאָס רויב פון די באַזיגטע מלכים סיחון און עוג, די פאַרגעניגנס און וואוילטאָגן וואָס יידן האָבן זיך אָנגעטאָן, — אַ נאָסטאַלגישע שילדערונג פונעם פאַרגאַנגענעם גליקלעכן אַמאָל, געגעבן פון אַ בעל אגדה, וואָס אין זיין צייט איז פון דעם אַלעמען שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן.[19]

קוהלת רבה געהערט צו די עקזעגעטישע, אויסטייטשערישע מדרשים, נאָכגייענדיק דעם ספר פסוק נאָך פסוק.[20] דאָ און דאָרט אָבער געפינען זיך אין אים אויך לענגערע דרשות. אַ שטייגער אויף די פסוקים יד—טו, פרשה ט,[21] געפינען זיך גאַנצע אַכט באַזונדערע אויסטייטשונגען. די דאָזיקע צוויי פסוקים וואָס מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן גערעדט וועגן אַ באַשטימטן קאָנקרעטן פאַל אין דעם מחברס צייט,[22] האָבן מיט זייער איבערגעלאָדענעם אינהאַלט גערייצט די פאַנטאַזיע פונעם בעל המדרש, און זיי ווערן געטייטשט אויף פאַרשיידענע פערזענלעכקייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט (אויף נוחן מיטן דור המבול, אויף יוספן אין מצרים, אויף יהודהן אין מצרים, אויף משהן אין מצרים, אויף משהן ביים באַרג סיני און ביי דער מעשה מיטן עגל הזהב), אָדער אויף רעליגיעז־עטישע ענינים (אויף די זקנים און חכמים אין בית מדרש, אויפן יצר טוב וואָס ראַטעוועט מענטשן פון זינד.[23]

ווי אין אַנדערע מדרשים געפינען זיך אויך אין קוהלת רבה אָפּקלאַנגען פון אַקטועלע היסטאָרישע פאַסירונגען און איבערלעבונגען פון דער מדרש עפּאָכע. אַ שטייגער די מעשות אין פרשה א, כד—כה, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דער גייסטיקער געראַנגל וואָס איז אָנגעגאַנגען אין יידישן לעבן באַלד נאָכן אויפקום פון קריסטנטום. אָדער מעשות וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן פּאָליטישן געראַנגל פון די יידן אין ארץ ישראל אין יענע צייטן, אַ

---

[15] יב, א—ז. [16] יב, ח. [17] ב, ו—י. [18] ב, י. [19] ב, יא. [20] פון די 222 פסוקים פונעם ספר פעלן אויס דרשות אויף 20, אויסער פינף אַנדערע וואָס ווערן נכלל אינעם דרש אויף שכנותדיקע פסוקים. [21] עיר קטנה — אַ שטאָט אַ קליינע, און מענטשן אין איר זיינען ווינציק; און עס איז געקומען אויף איר אַ גרויסער מלך און האָט זי אַרומגערינגלט, און האָט געבויט אַרום איר גרויסע וואַלן. און עס האָט זיך געפונען אין איר אַן אָרימאַן אַ חכם, און ער האָט מציל געווען די שטאָט מיט זיין חכמה. אָבער קיינער האָט ניט געדענקט דעם דאָזיקן אָרימאַן מענטשן. [22] רנ״ק (מורה נבוכי הזמן, שער יא) טייטשט אויס די פסוקים אויף מילטיאַדעסן, וואָס האָט אין יאָר 490 פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכענונג מיט זיין חכמה געראַטעוועט אַטענס פון דריושעס באַלאַגערונג, און איז נאָכדעם פאַרראַטן געוואָרן פון זיינע שטאָטלייט און איז געשטאָרבן אַ פאַרגעסענער אין תפיסה. [23] ט, יט—כו.

שטייגער די מעשה פון לוליאנוס און פאפוס אין דער צייט פון טראַכינוס (טראַיאַנוס).[24] פון באַזונדערן אינטערעס איז די פּאַטעטישע דערציילונג וועגן דער אָפּטריניקייט פון אל־ישע בן אבויה („אחר”), וואָס האָט אין אָנגעזיכט פון אַדריאַנוסעס רדיפות פאַרלאָרן זיין גלויבן אין נצח ישראל און פאַרלאָזט (לויט אַנדערע נוסחאות: פאַרראַטן) זיינע חברים און זיין פאָלק.[25]

שוין פון גאָר אַלטע צייטן אָן איז געווען איינגעפירט צו לייענען דעם ספר קוהלת אום סוכות.[26] ס'איז זייער מעגלעך, אַז דער ציל איז געווען קעגנצואווירקן מיטן ספר פון הבל הבלים די איינפלוסן פון דער געצנדינערישער וועלט, ביי וועמען די פריילעכע האַרבסט ימים טובים פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין וואַקכאַנאַליעס פון שיכרות און זנות. און דער פאַקט וואָס דער ספר איז געוואָרן אַ טייל פון דער ליטורגיע האָט שוין נאַטירלעכערווייז געפירט צום צוזאַמענשטעל פון אַ באַזונדערן מדרש אויף אים, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט די מדרשים אויף די אַנדערע פיר מגילות. און דאָ האָבן די בעלי המדרש באַוויזן די גרויסע קונסט פון שאַפן אויפן באַזיס פון אַ ספר וואָס איז געווען עלול צו פאַרשפּרייטן ספקות און פּעסימיזם — אַ מדרש וואָס וועקט מענטשן צו מצוות און מעשים טובים, צו ליבשאַפט צו גאָט, צום פאָלק ישראל און צו תורה; אַ ווערק וואָס פלאַנצט איין אין האַרצן דעם טיפן גלויבן, אַז דער צלם אלהים אין מענטשן וועט סוף־כל־סוף גובר זיין זיינע שוואַכקייטן און אַטאַוויסטישע נייגונגען, און אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מע וועט באַשיינפּערלעך זען, אַז אַנשטאָט דער רוח בני האדם זאָל, ווי דער רוח הבהמה, חלילה יורד זיין למטה, איז ער דווקא עולה למעלה, און שטייגט צו אַלץ העכערע מדרגות פון דערהויבענער מענטשלעכקייט.

ג

דער וואָס איז דערצויגן געוואָרן פון זיין קינדהייט אָן אויף דער מקורות־דיקער, טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור, האָט ניט קיין שוועריקייטן ביים אויפנעמען די מדרש־שאַפונגען. ער איז פון יונגערהייט אָן קאָנדיציאָנירט צו דעם דאָזיקן ספּעציפישן אופן פון אַרויסברענגען געדאַנקען און עמאָציעס, אידעען און איבערלעבונגען. אויב נאָר די שפּראַך איז אים צוגענגלעך, קען ער צוטרעטן דירעקט צום ענין און הנאה האָבן פון אַ שאַרפן זאָג, פון אַ קלוגן אויסטייטש, פון אַ טיפזיניקן געדאַנק און פון אַ פאַרטיפטן אַריינבליק אין געשעענישן און אין מענטשלעכע כאַראַקטערן, און אין גורל פון מענטשן און פעלקער, באַזונדערס פון יידישן מענטשן און פון יידישן פאָלק.

ניט אַזוי איז עס מיט יענעם וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף דער מאָדערנער ליטעראַטור. דער מאָדערנער לייענער איז צוגעוואוינט צו גרע־

---

[24] ג, כב. [25] ז, יח. [26] אין אונדזער נוסח פון מסכתא סופרים יד, ג, ווערט קוהלת ניט דערמאָנט צוזאַמען מיט די אַנדערע מגילות וואָס מע לייענט אין שול. אָבער עלבאָגען (תולדות התפילה, בערלין תרפ״ד, ז' 118) ווייזט אָן, אַז דער מחבר פון ספר המנהיג, ראב״ן הירחי, האָט געהאַט פאַר זיך אַ נוסח, וואו קוהלת ווערט יאָ דערמאָנט; און אַזוי איז אויך גורס דער גר״א אין זיינע הגהות צו מסכתא סופרים.

סערע ליטעראַרישע גאַנצקייטן, באַזונדערס אין פּראָזע, סיי אין בעלעטריס־טיק, סיי אין פּובליציסטיק. און דאָ באַגעגנט ער זיך מיט אַ שאַפונג וואָס באַשטייט מערסטנס פון פראַגמענטן און קורצע אָפּשניטן, און אָפטמאָל פון קורצע זאַצן, וואָס מוזן גענומען ווערן ווי גאַנצקייטן פאַר זיך. די געציילטע לענגערע זאַכן וואָס געפינען זיך דאָ און דאָרט אין די מדרשים זיינען אויסנאַ־מען, וואָס באַשטעטיקן נאָר דעם כלל (דאָס נעמט זיך הויפּטזעכלעך פון דעם, וואָס די מדרש־ליטעראַטור באַשטייט ביז אין אַ גרויסער מאָס פון נאָטיצן, פאַרצייכנט פון דעם בעל דרשן אַליין אָדער פון אַ צוהערער, בעת אגדה איז נאָך געווען אַ תורה שבעל־פה; איז ממילא דאָס ניט־דערזאָגטע, דאָס סוגעס־טיווע, אָפט מער פונעם געזאָגטן און אַרויסגעבראַכטן). דערצו קומט נאָך צו דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון דער מדרש־ליטעראַטור, וואָס ווערט געגעבן אין דער פאָרם פון פירושים און אויסטייטשונגען און דרשות אויף תנ״ך־פסוקים. דאָס אַלץ איז גורם, אַז דער מאָדערנער לייענער זאָל גלייך ביים ערשטן באַריר זיך אָפּשרעקן און אָפּמאַכן ביי זיך, אַז דאָס אַלץ איז אַרכאַאיש און אָפּגעלעבט, און — ניט פאַר אים.

אָבער מיטן אָפּזאָגן זיך און דערווייטערן זיך פון די דאָזיקע אַלטע קולטור־שאַפונגען איז דער לייענער ווילנדיק־ניט־ווילנדיק בידים מפקיר אומשאַצבאַרע קולטור־אוצרות, וואָס האָבן בכוח צו באַרייכערן זיין גייסטיק לעבן אויף אַן אומגעאַנטן אופן. ווייל ניט נאָר פאַרן היסטאָריקער פון דער אַנטוויקלונג פון יידישן געדאַנק און פאַרן פאָלקלאָריסט און אַנטראָפּאָלאָג איז דער מדרש אַן אומאויסשעפּלעכער אוצר. אויך דער אַלגעמיינער אינטע־ליגענטער לייענער קאָן אין דער אגדה געפינען ענטפערס אויף זיינע פאַר־שיידענע נויטן און ראַנגלענישן — רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע, עטישע און אויך עסטעטישע. און אין אונדזער צייט פון נייע, קיינמאָל ניט געאַנטע פּחדים און מוראס, קאָן ער — אויב נאָר ער וועט זיך באַמיען גובר צו זיין די פאָרם און אַריינדרינגען אין תוך — געפינען אין דער אגדה, ווי אונדזערע זיידעס אַמאָל, אַ טרייסט און אַ האָפענונג, און אַ גלויבן, אַז כאָטש זייער פּאַמעלעך, גייט דאָך דער מענטש צו אַ בעסער און שענער און מענטשלעכער לעבן.

דער לייענער דאַרף זיך אָבער צוגעוואוינען און זיך באַמיען צו לייענען מיט כוונה, צו אַקטיוויזירן זיין לייענען, בעסער — ער דאַרף זיך צוגעוואוינען צו לערנען אַ ספר, עפּעס וואָס די מאָדערנע ליטעראַטור, באַזונדערס די מער־פּאָפּולערע, די פאַרוויילונגס־ליטעראַטור, האָט אים ניט אויסגעלערנט. עפּענענדיק אַ מדרש דאַרף דער לייענער (און ווידער: ס׳בעט זיך דאָס וואָרט לערנער) זיין גרייט צו זען אין יעדן פראַגמענט אַ גאַנצקייט, אַ שאַרפן, כאָטש קורצן אויפבליץ פון מענטשלעכן געדאַנק, פון אַן איבערלעבונג. ער דאַרף, פיגוראַטיוו גערעדט, זיך אויסלערנען צו זען אין אַ טראָפּן וואַסער די גאַנצע גאַמע קאָלירן פון דער זון וואָס שפּיגלט זיך אין דעם. און דערביי דאַרף ער זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז דער פּסוק דינט מערסטנס

דעם בעל מדרש נאָר ווי אַ מיטל אַרויסצובריינגען זיין אייגענעם געדאַנק. און ווידער פיגוראַטיוו גערעדט: דער פסוק דינט דעם בעל המדרש ניט מער ווי אַ פידל אויף אויסצושפילן אויף דעם זיין אייגענעם ניגון. איז די פראַגע, צי האָט טאַקע דער פסוק דאָס געמיינט, דאָ ניט אויפן אָרט; די פראַגע איז, וואָס דער בעל אגדה האָט געוואָלט, וואָס ער האָט געמיינט. דערביי זיינען די בעלי־אגדה אָפט אַזוי בילדעריש אין זייער לשון, אַזוי פּאָעטיש אין זייערע אויסדרוקן, אַז די עסטעטישע איבערלעבונג דערביי איז זייער אָפט אַן אומפאַרגעסלעכע.

ד

ניטאָ קיין מער דאַנקבאַרע שפּראַך אויף איבערצוזעצן מדרש (און אַזוי אויך אַנדערע תורה־שבעל־פה שאַפונגען) ווי יידיש. די איבערזעצונגען פון מדרש רבה אויף דייטש (וואונטשע) און אויף ענגליש (סאָנטשינאָ) זיינען פון דעם שטאַנדפונקט פון אינהאַלט קאָרעקט און פּינקטלעך. זיי קאָנען אָבער ניט איבערגעבן די וואַרעמע אַטמאָספערע און דעם אינטימען אַראָמאַט פון דעם מדרש־נוסח אַזוי ווי יידיש. יידיש האָט זיך אויסגעבריט און אויסגע־וואַרעמט און זיך אַנטוויקלט אונטער די פליגלען פון דער תלמוד־ און מדרש־ליטעראַטור. דאָס טייטשן און לערנען גמרא און מדרש דורך הונדער־טער יאָרן אויף יידיש האָט געשאַפן אַ בשותפותדיקן נוסח פאַר ביידע לשונות, און ביי בית־מדרש־ און ישיבה־לערנערס זיינען זייער אָפט די גרענעצן צווישן די צוויי, אין פלוג באַזונדערע, שפּראַכן געווען פאַרווישט געוואָרן. שפּראַך־קאָמבינאַציעס פון דעם מין פון „מה־דאַך — אַ פשיטא שוין" זיינען געוואָרן אַזוי נאַטירלעך, אַזוי ווי ס׳איז געוואָרן נאַטירלעך דאָס כסדר־דיקע צונויפגיסן זיך פון די העברעאישע און אַראַמישע עלעמענטן אין די אָריגינעלע טעקסטן. אין דער זעלבער ריכטונג האָבן צווישן דעם פשוטן פאָלק געווירקט די פאָלקסטימלעכע מגידים און די פאַרשיידענע עברי־טייטש ספרים, ווי דער „טייטש־חומש", דער „נחלת־צבי" און אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט זייער אַ ברייטע לייענערשאַפט, באַזונדערס צווישן דעם ווייבער־פאָלק. ס׳איז גענוג אַ פון־אויבנאויפיק בלעטערן דעם יהואש־ספיוואַק־ווערטערבוך פון דעם העברעאיש־אַראַמישן עלעמענט אין יידיש צו זען, וואָס פאַר אַן אינטימער קאָנטאַקט ס׳איז דורך דער צייט געשאַפן געוואָרן צווישן די ביידע שפּראַכן. אָבער ס׳איז ניט נאָר אַ פראַגע פון וואָקאַבולאַר אַליין. ס׳איז אויך די מוזיק און דער טאָן, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך אָט דעם באַשערטן זיווג, וואָס האָט ביידע עלעמענטן, אָריגינאַל און טייטש, צונויפגעגאָסן אין אַ געבענטשטער גאַנצקייט. קען זיך עמיצער היינט צו טאָג פאָרשטעלן דאָס לערנען מדרש אויף ענגליש, צי אויף וועלכן ניט איז אַנדער לשון (מיטן אויסנאַם אפשר פון לאַדינאָ, צי פון אַן אַראַבישן יידיש) מיטן טאָן און ניגון ווי מען האָט עס געטאָן, און ווי עס ווערט נאָך דאָ און דאָרט ביז היינט געטאָן,

לערנענדיק אים אויף יידיש — און ממילא מיט יענער וואַרעמקייט און אינ־טימקייט וואָס אַזאַ מין לערנען הויכט אָן אויפן לערנער?

די אַרבעט פון איבערזעצן מדרש איז זייער אַ קאָמפּליצירטע און אַ שווערע. ס׳איז ווי איבערזעצן פּאָעזיע, וואו דאָס אָפּטייטשן ווערטער איז ניט גענוג, און נאָר דער ריכטיקער ניואַנס פונעם וואָרט שאַפט די מוזיק און די אַטמאָספערע פונעם ליד — אַניט פאַרלירט דאָס ליד די נשמה זיינע, מעג די אָפּטייטשונג זיין ווי קאָרעקט און ריכטיק.

אָבער דאָס איבערזעצן מדרש אויף יידיש גיט גלייכצייטיק דעם איבער־זעצער, אַ דאַנק דער אינטימיטעט־שותפות וואָס דאָס יידישע לשון פאַרמאָגט מיטן אָריגינאַל, אַ געוואַלדיקע הנאה און אַ טיפע נשמהדיקע איבערלעבונג, ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָרן אַ מיטשאַפער פון די דאָזיקע אַלט־יידישע פאָלקס אוצרות. ויהי רצון, אַז כאָטש אַ טייל פון דער דאָזיקער הנאה זאָל זיך איבערטראָגן צום לייענער און לערנער, והיה זה שכרי.

שמשון דונסקי

* * *

וועגן אַלגעמיינע ענינים בנוגע דער אויסגאַבע זע באַמערקונגען צום סוף פונעם אַריינפיר צו אונדזער איכה רבה אויסגאַבע, מאָנטרעאָל, תשט״ז. זע אויך דעם ענגלישן אַריינפיר צום סוף פון דעם פאָרליגנדיקן ספר.

וועגן די שינויי נוסחאות און וועגן דעם יידיש פון דער איבערזעצונג זע אַריינפיר צו אונדזער אויסגאַבע פון אסתר רבה, מאָנטרעאָל תשכ״ב, ז׳ 13 און ווייטער.

ביים באַשטימען די סימנים (סוב קאַפּיטלעך) פון דעם ספר האָבן מיר זיך געריכט לויט דער ראָם אויסגאַבע פון תרנ״ז (מיטן עץ־ענף יוסף). אין די אַנדערע ראָם אויסגאַבעס איז די איינטיילונג צו קאָמפּליצירט און ניט שטענדיק אויסגעהאַלטן.

* * *

טיפע אָנערקענונג און הארציקער דאנק ווערט דאָ געגעבן מיין ליבן חבר און קאָלעגע, דעם דיכטער און לערער מ. מ. שאַפּיר, פאַר זיין אומדערמידלעכער און העכסט חברישער מיטהילף ביים לייענען די קאָרעקטור־בויגנס.

# קהלת רבה

# פרשה א

## א

(א) דברי קהלת — די ווערטער פון קהלת דעם זון פון דודן, דעם מלך אין ירושלים.

**דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט מיט רוח הקודש דורך שלמה דעם מלך פון** ישראל (משלי כב, כט): זעסטו אַ מענטשן פלינק אין זיין אַרבעט, — פאַר מלכים וועט ער שטיין.

מע דערציילט וועגן ר' חנינא בן דוסא, אַז ער האָט געזען, ווי זיינע שטאָט־לייט ברענגען אויף נדרים און נדבות קיין ירושלים. האָט ער געזאָגט: „אַלע ברענגען אויף קיין ירושלים נדרים און נדבות, און איך ברענג גאָרנישט ניט."[1] וואָס האָט ער געטאָן? ער איז אַרויס אויפן פיטערפעלד פון זיין שטאָט און האָט דאָרט געזען אַ שטיין; האָט ער אים אַרומגעהאַקט און אַרומגעטעסעט און אַרומגעשליפן, און געזאָגט: „איך נעם אויף זיך אים אויפצוברענגען קיין ירושלים."[2] האָט ער געוואָלט אָנדינגען אַרבעטער, און עס זיינען אים צו דער האַנט געקומען פינף מענטשן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „וועט איר מיר אַרויפ־ברענגען דעם דאָזיקן שטיין קיין ירושלים? האָבן זיי אים געזאָגט: „גיב אונדז פופציק סלעים[3], און מיר וועלן אים אַרויפברענגען קיין ירושלים". האָט ער זיי געוואָלט געבן, אָבער ער האָט גראָד דאַן גאָרניט ניט געהאַט אויף דער האַנט. האָבן זיי אים איבערגעלאָזט און זיינען זיך אַוועק. האָט אים הקדוש ברוך הוא צוגעשיקט פינף מלאכים אין דער געשטאַלט פון מענטשן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „וועט איר מיר אַרויפברענגען דעם דאָזיקן שטיין? האָבן זיי אים געזאָגט: „גיב אונדז פינף סלעים, און מיר וועלן דיר אַרויפברענגען דיין שטיין קיין ירושלים, בתנאי אָבער, אַז דו זאָלסט צולייגן אַ האַנט און אַ פינגער מיט אונדז." האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט און אַ פינגער מיט זיי, — ערשט זיי שטייען אין ירושלים. האָט ער זיי געוואָלט געבן זייער לוין, אָבער ער האָט זיי ניט געקענט געפינען. איז ער אַריין אין לשכת הגזית[4] און זיך

---

א. [1] ר' חנינא בן דוסא איז געווען באַקאַנט מיט זיין אָרימקייט (זע תענית כד—כה). [2] פאַרן בית המקדש. [3] אַ מטבע אַזאַ, דאָס זעלבע וואָס שקל (זע אונקלוס, שמות ל, יג). אין דער ראָם אויסגאַבע פון תרס"ט (מיטן מהרז"ו און רד"ל) איז דער נוסח חמשה, פינף סלעים. אָבער אין דער אויסגאַבע פון תרנ"ז (מיטן „עץ יוסף") איז דער נוסח חמשים, און אַזוי איז אויך דער נוסח אין דער אויסגאַבע פון מוהרי"ם יעבץ (איבערגע־דרוקט פון „אורה", ניו יאָרק), און דאָס לייגט זיך מער אויפן שכל, ווייל אויב ער האָט ניט געקענט באַווייזן צו געבן פינף סלעים די ערשטע פינף מענטשן, ווי האָט ער געקענט מסכים זיין אויפן זעלבן געצאָלט מיט די צווייטע? אין אָנהייב פון שיר השירים רבה איז

# פרשה א

## א

(א) דברי קהלת בן דוד מלך בירושלים.

**זה שאמר הכתוב ברוח הקדש על ידי שלמה מלך ישראל** (משלי כב): חזית איש מהיר במלאכתו, לפני מלכים יתיצב.

**מעשה בר׳ חנינא בן דוסא, שראה בני עירו מעלין נדרים ונדבות לירושלים. אמר: „הכל מעלין לירושלים נדרים ונדבות, ואני איני מעלה דבר.״ מה עשה? יצא למדברה של עירו וראה שם אבן אחת, ושבבה וסיתתה ומירקה, ואמר: „הרי עלי להעלותה לירושלים״. בקש לשכור לו פועלים, נזדמנו לו חמשה בני אדם. אמר להן: „מעלין לי אתם אבן זו לירושלים?״ אמרו לו: „תן לנו חמשים סלעים, ואנו מעלים אותה לירושלים.״ בקש ליתן להם, ולא נמצא בידו דבר לשעה. הניחוהו והלכו להם. זימן לו הקב״ה חמשה מלאכים בדמות בני אדם. אמר להם: „אתם מעלין לי אבן זו?״ אמרו לו: „תן לנו חמשה סלעים, ואנו מעלין לך אבנך לירושלים, ובלבד שתתן ידך ואצבעך עמנו״. נתן ידו ואצבעו עמהם, ונמצאו עומדים בירושלים. בקש ליתן להם שכרן, ולא מצאן. נכנס ללשכת הגזית ושאל בשבילם. אמרו לו: „דומה, שמלאכי השרת העלו אבנך לירושלים.״ וקראו עליו המקרא הזה:** חזית איש מהיר במלאכתו, לפני מלכים יתיצב, — **קרי ביה:** לפני מלאכים **יתיצב.**

**אמר ר׳ סימון בשם ר׳ שמעון בן חלפתא: לבלווטוס שהיה גדל בפלטין של מלכים. אמר לו המלך: „שאל מה אתן לך״. אמר**

---

נאָכגעפרעגט אויף זיי. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „עס שיינט, אַז מלאכים פון הימל האָבן אַרויפגעבראַכט דיין שטיין קיין ירושלים.״ און זיי האָבן געלייענט אויף אים דעם דאָזיקן פסוק: חזית — זעסטו אַ מענטשן פלינק אין זיין אַר־בעט,—פאַר מלכים וועט ער שטיין, — לייען עס: פאַר מלאכים וועט ער שטיין.

ר׳ סימון האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן חלפתא: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ ראַטגעבער וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין קיניגלעכן

---

דער נוסח מאה זהובים, הונדערט זהובים. [4] זאַל פון געטעסטעטע שטיינער, — אַ זאַל

פאַלאַץ. האָט אים דער מלך געזאָגט: „בעט, וואָס זאָל איך דיר געבן.“ האָט דער ראַטגעבער זיך געזאָגט: „ווער איך אים בעטן זילבער און גאָלד, אָדער טייערע פערל, וועט ער מיר געבן; קליידער, וועט ער מיר געבן. נייערט איך וועל אים בעטן זיין טאָכטער, וועט מיר צוזאַמען מיט זיין טאָכטער אַלצדינג געגעבן ווערן.“ אזוי האָט זיך גאָט באַוויזן צו שלמהן אין גבעון אין חלום פון דער נאַכט, (מלכים א, ג, ה) ויאמר אלהים — און גאָט האָט געזאָגט: בעט, וואָס זאָל איך דיר געבן. האָט שלמה זיך געזאָגט: „ווער איך בעטן זילבער און גאָלד און פערל, וועט ער מיר געבן; נייערט איך וועל בעטן חכמה, און מיט דעם וועט שוין אַלץ זיין.“ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק ט): ונתת — זאָלסטו געבן דיין קנעכט אַ פאַרשטענדיק האַרץ. האָט אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „חכמה האָסטו געבעטן, און האָסט ניט געבעטן קיין עושר און כבוד, אָדער דאָס לעבן פון דיינע פיינט; דעריבער ווערט דיר געגעבן חכמה און וויסן, און דורך דעם וועל איך דיר אויך געבן רייכקייט און פאַר־מעגנס און כבוד.“ גלייך (דאָרט, פסוק טו) ויקץ שלמה — האָט זיך שלמה אויפגעכאַפּט, ערשט עס איז אַ חלום. — זאָגט ר׳ יצחק: דער חלום שטייט אויף זיין אָרט[5]: אַ פויגל צוויטשערט, און ער ווייסט פאַרוואָס ער צוויטשערט; אַן אייזל רעוועט, און ער ווייסט, פאַרוואָס ער רעוועט. באָלד (דאָרט) ויבא — איז ער געקומען קיין ירושלים און האָט זיך געשטעלט פאַרן ארון פון גאָטס בונד, און האָט אויפגעבראַכט עולות און געמאַכט שלמים[6], און געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר אַלע זיינע קנעכט. — ר׳ יצחק האָט געזאָגט: פון דאַנען איז געדרונגען, אַז מע דאַרף מאַכן אַ סעודה, ווען מען ענדיקט לערנען די תורה[7]. — גלייך האָט גערוט אויף אים דער רוח הקודש, און ער האָט מחבר געווען די דאָזיקע דריי ספרים: משלי, און שיר השירים, און קהלת; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: דברי — די ווערטער פון קהלת, דעם זון פון דודן.

ב

אַן אַנדער פשט [אויפן פסוק] די ווערטער פון קהלת, דעם זון פון דודן: דריי נביאים, מחמת זייער נבואה איז געווען ווערטער פון פירוואָרף, איז זייער נבואה אָנגעהאַנגען געוואָרן אויף זיי אַליין, און דאָ זיינען זיי: די ווער־טער פון קהלת; (עמוס א, א) דברי — די ווערטער פון עמוסן; (ירמיה א) דברי — די ווערטער פון ירמיהון.[1] און פאַרוואָס האָט מען אים גערופן ירמיה? ווייל אין זיינע טעג איז ירושלים געוואָרן אַ וויסטעניש.[2] — עמוס — פאַרוואָס האָט מען אים גערופן עמוס? ר׳ פנחס האָט געזאָגט: ווייל ער איז געווען

אין בית המקדש הויף, וואו דער סנהדרין פלעגט זיצן. [5] ער איז פאַראַן אין דער ווירק־לעכקייט, ער ווערט מקוים. [6] עולה (בראַנדאָפּפער) — אַ קרבן וואָס פלעגט אינגאַנצן אויפגיין אין פייער אויפן מזבח; שלמים (פרידאָפּפער) — אַ קרבן וואָס נאָר זיין פעטס פלעגט אויסגערויכערט ווערן אויפן מזבח און דאָס איבעריקע פלעגט געגעסן ווערן טיילווייז פון די כוהנים און טיילווייז פונעם בעל הקרבן. [7] ווייל שלמה האָט געמאַכט אַ סעודה נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען חכמה, וואָס איז אידענטיש מיט תורה.

ב. [1] אַנדערש ווי ביי אַנדערע נביאים, וואו די נביאה רייד ווערן לכתחילה צוגעשריבן צו גאָט (זע די אָנהייב פסוקים פון הושע, יואל, מיכה, צפניה און מלאכי). [2] אורימיאה

אותו בלווטוס: „אם שואל אני כסף וזהב, או מרגליות טובות, הוא נותן לי; בגדים, הוא נותן לי. אלא אני שואל בתו, והכל ינתן לי בכלל בתו״. כך בגבעון נראה ה׳ אל שלמה בחלום הלילה (מלכים א, ג) ויאמר אלהים: שאל מה אתן לך. אמר שלמה: „אם אני שואל כסף וזהב ומרגליות, הוא נותן לי; אלא הריני שואל את החכמה, והכל בכלל״. הה״ד (שם) ונתת לעבדך לב שומע. אמר לו הקב״ה: „החכמה שאלת, ולא שאלת לך עושר וכבוד ונפש אויביך; לפיכך החכמה והמדע נתון לך, ועל ידי כן גם עושר ונכסים וכבוד אתן לך״. מיד (שם) ויקץ שלמה, והנה חלום, — אמר ר׳ יצחק: חלום עומד על כנו: צפור מצויץ, ויודע על מה מצויץ; חמור נוהק, ויודע על מה נוהק. מיד (שם) ויבא ירו־שלים ויעמד לפני ה׳, ויעל עולות ושלמים, ויעש משתה לכל עבדיו. א״ר יצחק: מכאן שעושין סעודה לגמרה של תורה. מיד שרתה עליו רוח הקודש, ואמר שלשה ספרים הללו: משלי ושיר השירים וקהלת. הה״ד: דברי קהלת בן דוד.

ב

ד״א: דברי קהלת בן דוד, — שלשה נביאים, על ידי שהיה נבואתן דברי קנתרין נתלת נבואתן בעצמן, ואלו הן: דברי קהלת; (עמוס א) דברי עמוס; (ירמיה א) דברי ירמיהו. ולמה נקרא שמו ירמיה? שבימיו נעשה ירושלים אירימיאה. עמוס — למה נקרא שמו עמוס? א״ר פנחס: שהיה עמוס בלשונו; אמרו אנשי דורו: הניח הקב״ה את כל בריותיו, ולא השרה שכינתו אלא על הדין קטיע לישנא, פסילוסא. קהלת — למה נקרא שמו קהלת? שהיו דבריו נאמרין בהקהל, על שם שנאמר (מלכים א, ח): אז יקהל שלמה. ר׳ אחא בשם ר׳ הונא: משמר נכנס, משמר יוצא—לשמוע חכמת שלמה. והוא שמלכת שבא אמרה לו: (שם): אשרי אנשיך,

---

שוועער [3] אויף דער צונג. זיינע בני־דור האָבן געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט איבערגעלאָזן אַלע זיינע מענטשן, און האָט ניט געמאַכט רוען זיין שכינה אויף קיינעם, נייערט אויף דער אָפּגעהאַקטער צונג, אויף דעם שטאַמלער. — קהלת — פאַרוואָס האָט מען אים גערופן קהלת? מחמת זיינע ווערטער פלעגן געזאָגט ווערן ביי פאַרזאַמלונגען, לויט ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, ח, א): אָז — דעמאָלט האָט שלמה פאַרזאַמלט — — —. ר׳ אחא אין נאָמען פון ר׳ הונאן [האָט געזאָגט]: אַ געזעמל אַריין, אַ געזעמל אַרויס, — צו הערן שלמהס חכמה. און דאָס איז וואָס די מלכה פון שבא האָט געזאָגט צו אים

(דאָרט י, ח): אשרי — וואויל איז דיינע מענטשן, וואויל איז די דאָזיקע קנעכט דיינע; און נאָך שטייט (דאָרט ה, יד): ויבאו — און מען איז געקומען פון אַלע פעלקער צו הערן שלמהס חכמה.

מיט דריי נעמען האָט מען אים גערופן: ידידיה, קהלת, שלמה. ר' יהושע זאָגט: מיט זיבן, — אָגור, יקה, למואל, איתיאל.[4] שמואל האָט געזאָגט: די עיקרדיקע און הויפּט נעמען זיינען ידידיה, קהלת, שלמה. ר' שמואל איז מסכים אויך וועגן יענע פיר, נייערט זיי זיינען געווען שלמהס ביינעמען, און זיי זיינען געגעבן געוואָרן אויף געדרשנט צו ווערן: אָגור, מחמת ער איז געווען אָנגעפילט[5] מיט דברי תורה; יקה, מחמת ער האָט צוריקגעגעבן[6] זיינע ווערטער [פון חכמה] ווי דער דאָזיקער בעקן, וואָס אַ מאָל ווערט ער אָנגעפילט און אַ מאָל ווערט ער אויסגעליידיקט; אַזוי האָט שלמה אין איין צייט געלערנט תורה און אין אַן אַנדער צייט האָט ער די תורה פאַרגעסן[7]; למואל, מחמת ער האָט אין האַרצן גערעדט קעגן גאָט[8] און געזאָגט: „איך קאָן מערן [ווייבער] און ניט זינדיקן"; [9] איתיאל, מחמת ער האָט געזאָגט (משלי ל, א): „איתיאל ואוכל — איך האָב כוח,[10] און איך וועל קענען [מערן ווייבער און ניט זינדיקן, דען איך בין]אָדן] דודס זון, אַ מלך בן מלך, אַ צדיק בן צדיק, אַ חכם בן חכם, אַ יחסן בן יחסן". ר' יודן אין נאָמען פון ר' אלכסנדרי [האָט געזאָגט]: דער דאָזיקער אָקס, כל־זמן זיינע אָדערן זיינען ניט איבערגעשניטן געוואָרן, קען געשלעפּט ווערן פאַר איינעם פון זיינע אָדערן; אָבער נאָכדעם ווי זיינע אָדערן זיינען איבערגעשניטן געוואָרן — וויפל שטריק און וויפל האָקנס דאַרף מען אים צו שלעפּן. אַזוי — כל־זמן שלמה האָט ניט געזינדיקט, האָט ער זיך געהאַלטן אויף זיין אייגענעם זכות; ווי באַלד ער האָט געזינדיקט, אַזוי האָט ער געמוזט אָנקומען צו זיין זכות אבות.[11] דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (מלכים א, יא, יג): למען — פון וועגן דוד מיין קנעכט[12].

ר' שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: וואויל איז דעם וואָס האָט זוכה געווען צו קיניגן אין אַן אָרט פון מלכות[13]: דאָרטן שטייט (דברים א, ד): אשר יושב — וואָס זיצט אין עשתרות און אדרעי; אָבער דאָ: מלך אין ירושלים, אין אַן אָרט פון מלכות.

---

— ירמיה. [3] עמוס — שווער־באַלאָדן. [4] און די פריערדיקע דריי. — די צוגעגעבענע פיר נעמען זיינען גענומען געוואָרן פון משלי ל, א, און לא, א (למואל). [5] אגור, אָנגעזאַמלט. [6] מקיא, מייקערן, אויסברעכן. [7] ווען ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון זיינע ווייבער אויף שלעכטע וועגן (מלכים א, יא, ג—ו). [8] נם לאל — למואל (אַ נון און אַ למד פאַרבייטן זיך אַ מאָל). [9] פאַרגלייך דברים יז, טז—יז, וואו דעם מלך פון ישראל ווערט פאַרבאָטן צו האָבן אַ סך ווייבער, אַ סך פערד און אַ סך גאָלד און זילבער. פאַרגלייך אויך אסתר רבה, א, יב (אין אונדזער אויסגאַבע זייט 59). [10] אל—כוח: איך האָב גענוג כוח ניט געשטרויכלט צו ווערן (מתנות כהונה). לויטן מהרז"ו מיינט איתיאל מיט מיר איז גאָט, און מיין ליבשאַפט און געטריישאַפט צו אים וועט מיר בייַשטיין ניט צו זינדיקן. [11] שיר השירים, וואָס שלמה האָט מחבר געווען אין דער יוגנט (פאַרגלייך שיר השירים רבה א, י: ווען אַ מענטש איז יונג, זאָגט ער ווערטער פון געזאַנג), ווערט אָנגערופן אויף זיין נאָמען בלויז: שיר השירים אשר לשלמה; בעת ביים אָנהייב פון משלי און קהלת,

אשרי עבדיך אלה; **וכתיב** (שם ה): ויבאו מכל העמים לשמע חכמת שלמה.

**שלשה שמות נקראו לו: ידידיה, קהלת, שלמה. ר' יהושע אומר: שבעה, — אגור, יקה, למואל, איתיאל. אמר שמואל: עיקר אותנטייא שלהם: ידידיה, קהלת, שלמה. מודה ר' שמואל באילין ארבעה, אלא שנתכנה בהן שלמה ושנתנו להדרש:** אגור, **שאגור בדברי תורה;** יקה, **שהיה** מקיא **בדבריו כספל הזה, שמתמלא בשעתו ומתפנה בשעתו, כך שלמה למד תורה בשעתה ושכחה בשעתה;** למואל, שנם לאל **בלבו ואמר: "יכול אני להרבות ולא לחטוא";** איתיאל, **שאמר:** "אתי אל ואוכל, — **בן דוד, מלך בן מלך, חכם בן חכם, צדיק בן צדיק, אבגינוס בן אבגינוס". ר' יודן בשם ר' אלכסנדרי: השור הזה עד שלא נחתכו גידיו, נתלה הוא אפילו בגיד אחד משלו; אבל משנחתכו גידיו — כמה חבלים וכמה מסמרות צריך לתלות בהן. כך עד שלא חטא שלמה, היה נתלה בזכות עצמו; וכאן שחטא תלו לו בזכות אבותיו. הה"ד** (מלכים א, יא): למען דוד עבדו.

**תני ר' שמעון בן יוחאי: אשרי מי שזכה למלוך במקום מלכות: להלן כתיב** (דברים א): אשר יושב בעשתרות באדרעי, **ברם הכא:** מלך בירושלים, **במקום מלכות.**

## ג

(ב) הבל הבלים. **ר' הונא בשם ר' אחא אמר: דוד אמר דבר אחד ולא פירשו, ופירשו שלמה בנו; שלמה אמר דבר אחד ולא פירשו, ופירשו דוד אביו. דוד אמר** (תהלים קמד): אדם להבל דמה,

---

## ג

(ב) הבל הבלים — נישטיקייט פון נישטיקייטן. **ר' הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' אחאן: דוד האָט געזאָגט אַ וואָרט, און ער האָט עס ניט באַשיידט; האָט עס באַשיידט זיין זון שלמה. שלמה האָט געזאָגט אַ וואָרט, און ער האָט עס ניט באַשיידט; האָט עס באַשיידט זיין פאָטער דוד. דוד האָט געזאָגט** (תהלים קמד, ד): אדם — אַ מענטש איז געגליכן צו הבל,[1] **צו וואָסער**

---

וואָס ער האָט מחבר געווען שפּעטער, נאָך זיין געשטרויכלט ווערן, ווערט ער אָנגערופן בן דוד. [12] אין זכות פון דודס צדקות וועט גאָט איבערלאָזן איין שבט פאַר זיינע קינ־דער, און ניט אָפּרייסן די גאַנצע מלוכה פון זיי. [13] אין ירושלים, וואָס איז אָנגעברייט פאַר דער אַנטפּלעקונג פון גאָטס מלוכה אויף דער וועלט (רד"ל).

הבל? אויב צום הבל פון אַ באַקאויוון, האָט עס דאָך אַ ממשות; אויב צום הבל פון אַ קאַכאויוון, האָט עס דאָך אַ ממשות. איז געקומען שלמה זיין זון און האָט עס באַשיידט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: הבל הבלים — נישטי־קייט פון נישטיקייטן, האָט געזאָגט קהלת. ר׳ שמואל בר נחמן לערנט עס אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן קרחה: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מענטשן וואָס שטעלט צו [ביים פייער] זיבן טעפּ[2] איינעם איבערן צווייטן, און די פאַרע פונעם אויבערשטן טאָפּ האָט קיין ממשות ניט[3].

שלמה האָט געזאָגט (קהלת ו, יב): כי מי יודע — דען ווער ווייסט וואָס איז גוט פאַרן מענטשן אין לעבן, [אין די געציילטע טעג פון זיין נישטיק לעבן] וואָס ער מאַכט דורך ווי אַ שאָטן? — ווי וואָסער שאָטן? אויב ווי דער שאָטן פון אַ וואַנט, האָט ער דאָך אַ ממשות[4]; אויב ווי דער שאָטן פון אַ טייטלבוים, האָט ער דאָך אַ ממשות. איז געקומען דוד און האָט עס באַ־שיידט — (תהלים קמד, ד): ימיו — זיינע טעג זיינען ווי אַ פאַרבייגייענדיקער שאָטן. ר׳ הונא [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון רב אחאן: ווי דער דאָזיקער פויגל, וואָס פליט פאַרביי, און זיין שאָטן פאַרגייט מיט אים. שמואל האָט געזאָגט: ווי דער שאָטן פון די בינען, וואָס האָט קיין שום ממשות ניט.

ר׳ שמואל בר רבי יצחק לערנט עס אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן אלעזר: די זיבן הבלים וואָס קהלת האָט געזאָגט זיינען קעגן די זיבן וועלטן וואָס אַ מענטש זעט [אין זיין לעבן]: ווען ער איז אַ יאָר אַלט איז ער געגליכן צו אַ מלך וואָס זיצט אין זיין טראָגבעטל, און אַלע האַלדזן אים און קושן אים; איז ער צוויי און דריי יאָר אַלט, איז ער געגליכן צו אַ חזיר, און שטעקט זיינע הענט אין די רינשטאָקן; צו צען יאָר שפּרינגט ער ווי אַ ציג; צו צוואַנציק יאָר הירזשעט ער ווי אַ פערד, פּוצט זיך און גלוסט נאָך אַ ווייב; האָט ער גענומען אַ ווייב, איז ער ווי אַן אייזל[5]; זיינען אים געבוירן געוואָרן קינדער, פאַרהאַרטעוועט ער זיין פּנים ווי אַ הונט צו ברענגען זיי שפּייז; איז ער אַלט געוואָרן, איז ער ווי אַ מאַלפּע[6]. — דאָס וואָס דו זאָגסט איז נאָר ביי עם־הארצים, אָבער וועגן תלמידי חכמים שטייט געשריבן (מלכים א, א, א) והמלך — און דער מלך דוד איז געוואָרן אַלט, — כאָטש ער איז געווען אַלט, איז ער נאָך אַלץ געווען מלך.

ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: די זיבן מאָל הבל[7] וואָס קהלת האָט געזאָגט זיינען קעגן די זיבן טעג פון בראשית. אין ערשטן טאָג (בראשית א, א): בראשית — אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, און עס שטייט געשריבן (ישעיה נא, ו): כי שמים — דען די הימלען ווערן ווי רויך צעקראָכן[8]. אין צווייטן טאָג: יהי רקיע — זאָל זיין אַן אויסשפּרייט, און עס שטייט געשריבן (דאָרט לד, ד): ונגלו — און עס וועלן זיך אויפוויקלען די הימלען ווי אַ מגילה. אין דריטן טאָג: יקוו — זאָלן זיך איינזאַמלען די וואַסערן, און עס שטייט געשריבן (דאָרט יא, טו): והחרים ה׳ — און גאָט וועט אויסטריקענען[9] די צונג פונעם ים פון מצרים. אין פערטן טאָג: יהי — זאָלן זיין ליכטער, און עס שטייט געשריבן (דאָרט כד, כג): וחפרה — און עס

— לאיזה הבל? אם להבל של תנור, יש בו ממש; אם להבל של כירה, יש בו ממש. בא שלמה בנו ופירש; הדא הוא דכתיב: הבל הבלים, אמר קהלת. ר׳ שמואל בר נחמן מתני לה בשם ר׳ יהושע בן קרחה: לאדם ששופת שבע קדרות זו למעלה מזו וזו למעלה מזו, והבל של עליונה אין בו ממש.

שלמה אמר (קהלת ו): כי מי יודע, מה טוב לאדם בחיים, [מספר ימי חיי הבלו] ויעשם כצל? — כאיזה צל? אם כצלו של כותל, יש בו ממש; אם כצלו של דקל, יש בו ממש. בא דוד ופירש (תהלים קמד): ימיו כצל עובר. ר׳ הונא בשם ר׳ אחא: כהדין עופא, דעבר וטוליה עבר עמיה. שמואל אמר: כצלן של דבורים, שאין בו ממש של כלום.

ר׳ שמואל בר רב יצחק מתני לה בשם ר׳ שמעון בן אלעזר: שבעה הבלים שאמר קהלת כנגד שבעה עולמות שאדם ראה: בן שנה דומה למלך נתון באיספקרפסטי, והכל מחבקין ומנ־שקין אותו; בן שתים ושלש דומה לחזיר, שפושט ידיו בביבין; בן עשר שנה קופץ כגדי; בן עשרים כסוס נהים, משפר גרמיה ובעי אתתא; נשא אשה, הרי הוא כחמור; הוליד בנים, מעיז פניו ככלב והביא להם מזונות; הזקין, הרי הוא כקוף. — הדא דתימר בעמי הארץ, אבל בבני תורה כתיב (מלכים א, א): והמלך דוד זקן, — אף על פי שהוא זקן, מלך.

ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: שבעה הבלים שאמר קהלת — כנגד שבעה ימי בראשית. בראשון (בראשית א): בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ, וכתיב (ישעיה נא): כי שמים כעשן נמלחו. בשני: יהי רקיע, וכתיב (שם לד): ונגלו כספר השמים. בשלישי: יקוו המים, וכתיב (שם יא): והחרים ה׳ את לשון ים מצרים. ברביעי: יהי מאורות, וכתיב (שם כד): וחפרה הלבנה

---

וועט בלאַס ווערן די לבנה און די זון וועט פאַרשעמט ווערן. אין פינפטן טאָג: ישרצו המים — זאָל דאָס וואַסער ווידמענען — — — [און פייגל זאָלן אומ־

---

ג. [1] הבל מיינט אי נישטיקייט, אי הויך, פאַרע. [2] קעגן די זיבן מאָל הבל וואָס גע־פינט זיך אין אונדזער פסוק: דריי מאָל הבל, אין איינצאָל, און צוויי מאָל הבלים, אין מערצאָל, וואָס יעדעס מיינט צום ווייניקסטן צוויי, איז צוזאַמען זיבן (מהרז״ו). [3] מחמת ער איז צו ווייט פון פייער. [4] ער האָט אַ באַשטימטן דויער, און מע קען זיך אין אים שיצן פון דער היץ. [5] אַרבעט שווער אויף פרנסה. [6] ער פאַרלירט דעם פאַרשטאַנד, און נאָר אויסערלעך איז ער ענלעך אויף אַ מענטשן. [7] זע אויבן באַמערקונג 2. [8] לאָזט עס זיך אויס מיט נישטיקייט (און אַזוי אויך ווייטער). [9] זע תרגום אויף דעם פסוק, וואָס טייטשט

פליען אויף דער ערד], און עס שטייט געשריבן (צפניה א, ג): אסף — איך וועל פארלענדן די פייגל פון הימל. אין זעקסטן טאג: נעשה — לאמיר מאכן א מענטשן, און עס שטייט געשריבן (דארטן) אסף — איך וועל פארלענדן מענטש און בהמה.

— **אבער וועגן שבת וואס קאנסטו זאגן?**[10]

— (שמות לא, יד) מחלליה — דער וואס פארשוועכט אים זאל געטייט ווערן[11].

— **דאס איז געזאגט נאר ביי א מזיד**[12]**; אבער א שוגג**[13] **ברענגט א קרבן און עס ווערט אים פארגעבן.**

**ר׳ ברכיה האט געזאגט: ווי באלד אדם האט דערזען דעם שבח פון שבת, אז אויב מע ברענגט א קרבן ווערט פארגעבן, אזוי האט ער אנגעהייבן צו זינגען פון וועגן אים לויבן און געזאנגען צו הקדוש ברוך הוא. דאס איז ווי אין פסוק שטייט** (תהלים צב, א) מזמור — א געזאנג פון וועגן דעם טאג פון שבת, — **ר׳ לוי האט געזאגט: אדם הראשון האט עס מחבר געווען**[14].

## ד

(ג) מה יתרון — וואס קומט ארויס דעם מענטשן [פון זיין גאנצער מי].

**ר׳ בנימין האט געזאגט: די חכמים האבן געוואלט באהאלטן**[1] **דעם ספר קהלת, מחמת זיי האבן געפונען אין אים ווערטער וואס זיינען נוטה צו אפיקורסות. זיי האבן געזאגט: איז דאס די גאנצע חכמה שלמהס, וואס ער איז געקומען זאגן:** מה יתרון — וואס קומט ארויס דעם מענטשן פון זיין גאנצער מי? **מע קען דאך מיינען — אויך פון דער באמיאונג אין דער תורה [קומט גארניט ארויס]! ווידער האבן זיי געזאגט: ער האט דאך ניט געזאגט "בכל עמל", פון יעדער מי**[2]**, נייערט** בכל עמלו, פון זיין גאנצער מי, — **אויף זיין אייגענער מי**[3] **דארף זיך א מענטש ניט באמיען, ער דארף זיך אבער באמיען אויף דער מי פון דער תורה.**

**ר׳ שמואל בר׳ יצחק האט געזאגט: די חכמים האבן געוואלט באהאלטן דעם ספר קהלת, איבער דעם וואס זיי האבן געפונען אין אים ווערטער וואס זיינען נוטה צו אפיקורסות. זיי האבן געזאגט: איז די גאנצע חכמה שלמהס אין דעם, וואס ער האט געזאגט** (קהלת יא, ט): שמח בחור — פריי זיך, בחור, אין דיין יוגנט, און זאל דיין הארץ דיר וואויל טאן אין די טעג פון דיין בחור־שאפט, און גיי אין די אויגן פון דיין הארצן און נאך דער זעאונג פון דיינע אויגן? **משה האט געזאגט** (במדבר טו, לט): ולא תתורו — און איר זאלט ניט נאכגיין נאך אייער הארצן און נאך אייערע אויגן, **און שלמה האט געזאגט:** און גיי אין די וועגן פון דיין הארצן און נאך דער זעאונג פון דיינע אויגן, — **איז הפקר א וועלט**[4]**? לית דין ולית דיין**[5]**? ווי באלד אבער ער האט געזאגט** (קהלת, דארט): ודע — אבער זיי וויסן, אז פאר דעם אלעם וועט דיך גאט ברענגען צום משפט, **אזוי האבן זיי געזאגט: גוט האט שלמה געזאגט.**

**ר׳ הונא און ר׳ אחא [האבן געזאגט] אין נאמען פון ר׳ חלפיי: זיין מי** איז אונטער דער זון, **אבער דעם אוצר האט ער איבער דער זון**[6]**. ר׳ יודן**

ובושה החמה. בחמישי: ישרצו המים — — — [ועוף יעופף על הארץ], וכתיב (צפניה א): אסף עוף השמים. בששי: נעשה אדם, וכתיב (שם): אסף אדם ובהמה.

— בשבת מאי אית לך למימר?

— (שמות לא) מחלליה מות יומת.

— הדא אמר במזיד; אבל בשוגג יביא קרבן ויתכפר לו.

א״ר ברכיה: כיון שראה אדם שבחו של שבת, שהמביא קרבן מתכפר לו, התחיל משורר עליה להקב״ה שבח ומזמור. הה״ד (תהלים צב): מזמור שיר ליום השבת, — אמר ר׳ לוי: אדם הראשון אמרו.

ד

(ג) מה יתרון לאדם. א״ר בנימין: בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת, מפני שמצאו בו דברים מטין לצד מינות. אמרו: הרי כל חכמתו של שלמה שבא לומר: מה יתרון לאדם בכל עמלו, — יכול, אף בעמלה של תורה! חזרו ואמרו: לא אמר „בכל עמל״, אלא בכל עמלו, — בעמלו אינו עמל, אבל עמל הוא בעמלה של תורה.

א״ר שמואל בר׳ יצחק: בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת על ידי שמצאו בו דברים שמטין לצד מינות. אמרו: כל חכמתו של שלמה כך, שאמר: שמח בחור בילדותך ויטיבך לבך בימי בחורותיך והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך! ומשה אמר (במדבר טו): ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, ושלמה אמר: והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך, — הותרה הרצועה? לית דין ולית דיין? כיון שאמר: ודע, כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט, אמרו: יפה אמר שלמה.

ר׳ הונא ור׳ אחא בשם ר׳ חלפיי: עמלו תחת השמש ואוצר לו למעלה מהשמש. א״ר יודן: תחת השמש אין לו, למעלה מן

והחרים ווי והחריב (אַ מם און אַ בית פאַרבייטן זיך צומאָל). [10] די קדושה פון שבת וועט דאָך קיינמאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין נישטיקייט. [11] איז דער שבת אויך אַ מאָל גורם צו נישטיקייט. [12] ווען איינער איז מחלל שבת מיט אַ כיון, מיטן פולן וויסן. [13] איינער וואָס איז מחלל שבת ניט ווילנדיק. [14] וועגן אדם הראשונען אַלס דעם מחבר פון תהלים צב זע דאָרט תרגום אויף פסוק א.

ד. [1] ניט אַריינגעמען אין תנ״ך. [2] און דאָס וואָלט כולל געווען אויך די באַמיאונג אין דער תורה. [3] די באַמיאונג זיך איינצושאַפן מאַטעריעלע גיטער. [4] ווערטערלעך: איז לויז געוואָרן דער [קנופּ פונעם] רימען? [5] ניטאָ קיין משפט און קיין שופט? [6] זיין באַלוינונג פאַר באַמיען זיך אין דער תורה וועט דער מענטש באַקומען אין הימל, אויף

האָט געזאָגט: אונטער דער זון האָט ער געאַרבעט [פאַר זיין מי אין דער תורה], איבער דער זון האָט ער יאָ. ר׳ לוי און די רבנן [זאָגן וועגן דעם]. ר׳ לוי האָט געזאָגט: [דער פסוק מיינט:] וואָס פאַר אַ לוין [7] איז דאָ פאַר די מענטשן, וואָס זאַמלען אָן מצוות און מעשים טובים? גענוג פאַר זיי, וואָס איך לאָז שיינען אויף זיי דאָס ליכט[8]. און די רבנן זאָגן: וואָס פאַר אַ לוין איז דאָ פאַר די צדיקים, וואָס זאַמלען אָן מצוות און מעשים טובים? גענוג פאַר זיי, וואָס איך בין אָנגעברייט צו באַנייען זייערע פנימער ווי דער באַלעם פון דער זון,ווי אין פסוק שטייט (שופטים ה, לא): ואוהביו — און זיינע ליב־האָבער וועלן זיין ווי דער אויפגאַנג פון דער זון אין איר שטאַרקייט.

ר׳ ינאי האָט געזאָגט: דער שטייגער פון דער וועלט איז אַז אַ מענטש קויפט אַ פונט פלייש, מיט וויפל שוועריקייטן און מיט וויפל מי זעט ער זיך אָן, ביז ער קאָכט עס אָפּ; אָבער איך [כביכול] מאַך דיר בלאָזן ווינטן און ברענג אויף וואָלקנס, און לאָז פאַלן רעגן און טוי, און מאַך וואַקסן געוויקסן און לאָז זיי צייטיק ווערן, און גרייט צו אַ טיש פאַר איטלעך איינעם, און גיב איטלעך איינעם זיינע באַדערפעניש, און איטלעכן קערפּער וואָס אים פעלט, — זאָלט איר מיר ניט ברענגען דעם עומר [9]? ר׳ פנחס האָט געזאָגט: דער שטיי־גער פון דער וועלט איז, אַז אַ מענטש וואַשט זיין בגד אין די רעגן טעג, — מיט וויפל שוועריקייטן און מיט וויפל מי זעט ער זיך אָן, ביז ער טריקנט אים אויס; אָבער איך מאַך דיר בלאָזן ווינטן און ברענג אויף וואָלקנס, און לאָז פאַלן רעגן און טוי, און מאַך וואַקסן געוויקסן און וואַש זיי אָפּ און לאָז זיי צייטיק ווערן און טריקן זיי אויס, און גרייט צו אַ טיש פאַר איטלעך איינעם, און גיב איטלעך איינעם זיינע באַדערפעניש, און איטלעכן קערפּער וואָס אים פעלט, — זאָלט איר מיר ניט ברענגען דעם עומר? ר׳ ברכיה האָט גע־זאָגט: [גאָט זאָגט:] „איך בין דיין שפּייז־צושטעלער, —וועט איר מיך ניט לאָזן פאַרזוכן פון מיין געקעכטס, אַז איך זאָל וויסן וואָס אים פעלט?” ר׳ יהושע פון סיכנין האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ לוין: „איך בין דיין [תבואה] היטער, ווּעסטו מיר געאַרבעט געבן פון דעם וואָס איך האָב אָפּגעהיט?”

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (ירמיה ה, כד): ולא אמרו — און זיי האָבן ניט געזאָגט אין זייער האַרצן: לאָמיר מורא האָבן פאַר גאָט — [גאָט זאָגט:] „אָ, איר זינדיקע! פון איצט אָן[10] דאַרפט איר מיך שוין ניט מער?” לערנט אונדז דער פסוק (דאָרט): שבועות — די איינגעשטעלטע וואָכן פון שניט היט ער אונדז אָפּ, — ער היט אונדז אָפּ פון בראַנד, ער היט אונדז אָפּ פון שלעכטע טויען. און דאָס איז וואָס דוד זאָגט (תהלים סח, י): גשם נדבות — אַ רעגן אַ נדבה[11] דערלאַנגסטו, גאָט, — איז עס רעגן וואָס זי[12] דאַרף, [גיסטו עס] אַ נדבה; און אויב טוי איז עס וואָס זי דאַרף, דער־לאַנגסטו, גאָט.

ר׳ חייא האָט געלערנט: אין פסוק שטייט (ויקרא כג, טו): שבע — זיבן פולע וואָכן זאָלן זיי זיין[13], — ווען [קענען זיי זיין פולע[14]]? ווען [די משמורות[15] פון] ישוע און שכניה זיינען ניטאָ צווישן זיי[16].

השמש יש לו. ר׳ לוי ורבנן. ר׳ לוי אמר: מה הנאה יש לבריות, אשר מסגלות במצוות ובמעשים טובים? דיין, שאני מזריח עליהן אורה. ורבנין אמרין: מה הנאה יש אל הצדיקים, שמסגלין במצ־וות ובמעשים טובים? דיין, שאני עתיד לחדש פניהם כגלגל חמה, דכתיב (שופטים ה): ואוהביו כצאת השמש בגבורתו.

א״ר ינאי: בנוהג שבעולם אדם לוקח ליטרה של בשר, — כמה צער וכמה יגיע רואה, עד שיבשלנה; ואני משיב לך רוחות, ומעלה עננים, ומוריד גשמים וטללים, ומגדל צמחין ומבשלן, ועורך שלחן בפני כל אחד ואחד, ונותן כל צרכיו לכל אחד ואחד ולכל גויה וגויה כדי מחסורה, — ואין אתם מביאין לי את העומר? אמר ר׳ פנחס: בנוהג שבעולם אדם מכבס כסותו בימות הגש־מים, כמה צער ויגיעה רואה עד שינגבה; ואני משיב לך רוחות ומעלה עננים, ומוריד גשמים וטללים, ומגדל צמחים ומכבסן ומבשלן ומנגבן, ועורך שלחן לפני כל אחד ואחד, ונותן כל צרכיו לכל אחד ואחד ולכל גויה וגויה די מחסורה, — ואין אתם מביאין לי את העומר? אמר ר׳ ברכיה: „פסנטורך אנא, ולית את מטעם לי מתבשילי, דאידע מהו צריך?״ ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אמר: „סנטורך אנא, ולית את יהיב לי מסנטריותי?״

אמר ר׳ אלעזר: כתיב (ירמיה ה): ולא אמרו בלבבם: נירא נא את ה׳, וגו׳, — „הא, חייבין! מן כדון לית אתון צריכין לי?״ תלמוד לומר (שם): שבועות חקות קציר ישמר לנו. — ישמר לנו משרב, ישמר לנו מטללים רעים. והוא שדוד אומר (תהלים סח): גשם נדבות תניף, אלהים, — אם גשם היא צריכה — נדבה, ואם טללים היא צריכה — תניף אלהים.

תני ר׳ חייא: כתיב (ויקרא כג): שבע שבתות תמימות תהיינה, — אימתי? בזמן שאין ישוע ושכניה ביניהם.

---

יענער וועלט. [7] ווערטערלעך: הנאה. [8] און דער טייטש פון מה יתרון איז: צו וואָס זאָל איך אויסדערציילן דעם גאַנצן שכר וואָס אַ מענטש באַקומט פאַר זיין מי אין דער תורה? גענוג פאַר אים וואָס די זון שיינט איבער אים (ידי משה). [9] אַ מאָס תבואה וואָס יידן פלעגן דאַרפן ברענגען אין בית המקדש דעם צווייטן טאָג פסח (ויקרא כג, י). [10] נאָך דעם ווי די תבואה איז שוין פאַרטיק. [11] אזוי לויטן דרש. [12] די תבואה. [13] פון צווייטן טאָג פסח ביז שבועות (ויקרא כג, טו). [14] אַז יעדע וואָך זאָל זיך אָנהייבן מיט זונטיק, ווי די וואָך פון בראשית. [15] כוהנישע וואַכן, וואָס האָבן געטאָן די עבודה אין בית המקדש לויט דער ריי, איטלעכע אַ וואָך צייט. [16] פיר און צוואַנציק משמורות זיי־

ר׳ אבא האָט געזאָגט: קום און זע מיט וויפל שוועריקייטן און מיט וויפל מי מע זעט זיך אָן, ביז מע ברענגט דעם עומר, ווי מיר האָבן געלערנט[17]: שליחים פון בית דין פלעגן אַרויסגיין ערב יום טוב און בינדן עס[18] אין בינטלעך ווען ס׳איז נאָך געווען באַהאָפטן צו דער ערד, כדי עס זאָל זיין גרינג געשניטן צו ווערן, און אַלע נאָענטע שטעטלעך פלעגן זיך דאָרט צונויפזאַמלען, כדי עס זאָל געשניטן ווערן מיט גרויס פּאַראַד.

ר׳ לוי האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „דו מענטש! אָט האָסטו געאַקערט און געזייט, און געשניטן, און געבונדן אין גאַרבן, און געמאַכט הויפנס, — אויב איך לאָז דיר ניט אַרויס אַ ביסל ווינט, קאָנסטו עס ווינטשופלען? און אפילו דעם לוין פאַרן ווינט גיסטו מיר ניט!" דאָס איז [וואָס דער פּסוק זאָגט] (קהלת ה, טו): ומה יתרון — טאָ וואָס קומט אַרויס וואָס ער מיט זיך אויפן ווינט?[19]

רבי האָט געמאַכט אַ חתונה מאָלצייט פאַר זיין זון. האָט רבי פאַררופן אַלע רבנן, און האָט פאַרגעסן צו רופן בר קפּרא. איז ער אַוועק און אָנגעשריבן [ביי רבין] אויפן טויער: נאָך דיין גאַנצער שמחה קומט טויט, טאָ וואָס קומט אַרויס פון דיין שמחה?" האָט רבי געזאָגט: „ ווער האָט עס אונדז געטאָן?" האָט מען געזאָגט: „בר קפּרא, דען דו האָסט פאַרגעסן אים צו רופן; איז ער געבליבן אַליין אַ פאַרשעמטער[20]. איז ער געגאַנגען און געמאַכט נאָך אַ סעודה און האָט גערופן אַלע רבנן, און האָט אויך גערופן בר קפּראן. איז ביי איטלעך געקעכטס וואָס מע האָט געשטעלט פאַר זיי האָט ער געזאָגט וועגן דעם דריי הונדערט משלים פון פוקסן; האָט עס זיי וואויל געטאָן, און דאָס געקעכטס איז קאַלט געוואָרן, און זיי האָבן עס ניט פאַרזוכט. האָט רבי געזאָגט צו זיינע באַדינער: „פאַרוואָס גייען אונדזערע געקעכטסן אַריין און אַרויס, און זיי פאַרזוכן ניט גאָרניט? האָבן זיי אים געזאָגט: „איבער איינעם אַן אַלטן וואָס זיצט דאָרט, און ווי אַ געקעכטס קומט אַריין, אזוי זאָגט ער דריי הונדערט משלים פון פוקסן; איבער דעם ווערט דאָס געקעכטס אָפּגעקילט, און זיי פאַרזוכן גאָרניט ניט". איז ער ארויף צו אים און אים געזאָגט:

---

נען געווען, און דער ניינטער און צענטער לויט דער ריי זיינען געווען די משמורות פון ישוע און שכניה (זע דברי הימים א, כד, יא). איז אויב ראש חודש ניסן, וואָס דאַן האָט זיך אָנגעהייבן דאָס יאָר פון די משמורות, איז אויסגעפאַלן אום שבת, זיינען צווישן ראש חודש ניסן (אַריינגערעכנט) און צווישן שבועות פאַראַן צען שבתים, און אַזוי ווי אום פּסח און אום שבועות דינען אַלע משמורות גלייך, קומט אויס, אַז די משמורות פון ישוע און שכניה האָבן זייער ריי ערשט נאָך שבועות („שבת ערב שבועות קומט אַריין ישוע, אָבער ער טוט ניט די עבודה ביז נאָך שבועות".] נעמט עס ר׳ חייא ווי אַ סימן, אַז נאָר אין פאַל ווען די ישוע און שכניה משמורות קומען ניט אַריין פאַר שבועות, וואָס דאַן הייבן זיך אָן די ספירה טעג אום זונטיק, זיינען די דאָזיקע טעג פולע זיבן וואָכן (מתנת כהונה. דער מהרז״ו האָט געוויסע אויסזעצונגען, אָבער ער בלייבט אויך ביי דער זעלבער דערקלערונג. זע אויך זרע אפרים אויף פסיקתא רבתי, פיסקא מצות העומר, און ש. בובער, פסיקתא דרב כהנא, פיסקא ח׳). אין ויקרא רבה כח, ג, איז דער נוסח פון ר׳ חייאס מימרא אינגאַנצן אַנדערש. [17] משנה מנחות י, ג.
[18] די נאָך ניט געשניטענע גערשטן. [19] צו מאַכן אים בלאָזן. [20] ווערטערלעך: פאַרדעקט

אמר ר׳ אבא: בוא וראה, כמה צער וכמה יגיע רואין, עד שמביאין את העומר, כדתנינן: כיצד עושין? שליחי בית דין יוצאין בערב יום טוב ועושין אותן כריכות במחובר לקרקע, כדי שיהא נוח ליקצר, וכל העיירות הסמוכות לשם מתכנסות לשם, כדי שיהיה נקצר בעסק גדול.

אמר ר׳ לוי: אמר לך הקב״ה: „אדם! הרי חרשת וזרעת, וקצרת, ועמרת, ועשית ערמות ערמות, — אם איני מוציא לך מעט רוח, יכול את לזרות? ואפילו שכר אותו רוח אין אתה נותן לי!״ הוי: ומה יתרון לו שיעמל לרוח.

רבי עשה סעודת משתה בנו; קרא רב לכל רבנן, ואינשי למקרי בר קפרא. אזל וכתב על תרעא: „אחר כל שמחתך — מות, ומה יתרון לשמחתך?״ אמר: „מאן עבד לן הדא?״ אמרו: „בר קפרא, דאנשיתון למקרי ליה; לגרמיה חפיה הוא״. אזל ועבד אריסטון אוחרן, וקרא לכל רבנן, וקרא ליה לבר קפרא. ועל כל תבשיל ותבשיל דהוה מניח קדמיהון הוה אמר עליה תלת מאה מתלין על הדין תעלה; והוה עריב להון, והות תבשילא צנין ולא טעמין ליה. והוה רבי אמר לשומשנוהי: „למה תבשילי-נון עללין ונפקין, ולא טעמין מידי?״ אמרין ליה: „בגין חד סב דיתיב תמן, וכיון דתבשילא עליל הוא אמר תלת מאה מתלין בהדין תעלה; בגין כן תבשילא צנין ולא טעמין מידי״. סליק לגביה, א״ל: „למה את עביד כן? שביק אריסטון דאכלין״. א״ל: „לא תהא סבור דבגין מגיסך אתית, אלא בגין דלא צווחת לי עם חברי. כן אמר שלמה: מה יתרון לאדם, וגו׳, מאחר שדור הולך ודור בא?״ מן דפייסן דין לדין עבדין שלמא. אמר אבא בר קפרא

---

„פאַרוואָס טוסטו אזוי? לאָז די געסט עסן.״ האָט ער געזאָגט צו אים: „כדי דו זאָלסט ניט מיינען, אַז צוליב דיין סעודה בין איך געקומען; נייערט [איך האָב זיך געפילט געטראָפן] איבער דעם וואָס דו האָסט מיך ניט פאַררופן צוזאַמען מיט מיינע חברים. האָט ניט אזוי געזאָגט שלמה: מה יתרון — וואָס קומט אַרויס דעם מענטשן — — — ווי באַלד (פסוק ד) דור הולך — אַ דור גייט און אַ דור קומט?״ אַז זיי האָבן איינער דעם צווייטן איבערגע־בעטן און געמאַכט שלום, האָט אבא[21] בר קפרא געזאָגט צו רבין: „מה־דאָך

---

(חפיה), ווי איינער וואָס פאַרדעקט זיך ס׳פּנים פון חרפּה. [21] און ניט ווי די ענגליש ייִדישע ענציקלאָפּעדיע (באַנד 2, 503) וויל האָבן אַז בר קפּראס נאָמען איז געווען אלעזר.

אויף דער וועלט, וואָס איז ניט דיינס [22], האָט דיך הקדוש ברוך הוא באַשאָנקען מיט שלווה; אויף יענער וועלט, וואָס איז אין גאַנצן דיינס [23], אוודאי און אוודאי!"

ר' בנאה האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „קינ־דער מיינע, זעט דעם חילוק צווישן מיר און אייך. ווי שטייט געשריבן [ביים מן] ? (שמות טז, טז) עומר — אַן עומר אויף אַ קאָפּ, לויט דער צאָל פון אייערע נפשות, און איר אַלע צוזאַמען גיט מיר איין עומר, און ניט קיין עומר פון ווייץ, נייערט פון גערשטן. פונדעסטוועגן זייט אָפּגעהיט אים צו ברענגען אין צייט." דעריבער וואָרנט משה די יידן און ער זאָגט זיי (ויקרא כג, י): והבאתם — און איר זאָלט ברענגען דעם עומר.

ה

(ד) דור הולך — אַ דור גייט און אַ דור קומט. ר' יודן זאָגט אין נאָמען פון ר' לוין: נישטאָ דיר דער טאָג, וואָס עס ווערן ניט געבוירן אין אים זעכציק ריבוא [1] און עס שטאַרבן ניט אין אים זעכציק ריבוא; און פון וואַנען איז עס געדרונגען? אַ דור גייט און 'אַ דור קומט — — — (ה) און די זון שיינט אויף און די זון גייט אונטער [2]. ר' ברכיה און ר' יעקב בר אבונא און ר' חייא בר אבא [זאָגן] 'אין נאָמען פון ר' לוי בר סיסי: פון ווען די זון שיינט אויף ביז די זון גייט אונטער גייט אַ דור אַוועק און אַ דור קומט אָן [3]. און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אַ אַ דור 'באַשטייט פון זעכציק ריבוא? ווי דער פסוק זאָגט (דברים א, לה): אם יראה איש — אויב עמיצער פון די דאָזיקע מענטשן, פון דעם דאָזיקן שלעכטן דור, וועט אָנזען [דאָס גוטע לאַנד], און יענער דור איז באַשטאַנען פון זעכציק ריבוא.

ר' ברכיה האָט געזאָגט: דער דאָזיקער טעפּער, אַז ער פילט אָן זיין אויוון [4], — איז דאָס וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט ערשט, [נעמט ער אַרויס] לעצט; אָבער דאָ [5] — דער וואָס איז אַוועק [6] ערשט וועט צוריקקומען ערשט; דער וואָס איז אַוועק לעצט, וועט צוריקקומען לעצט.

ו

ר' לוי און ר' יעקב פון גבול[1] [זאָגן] אין נאָמען פון ר' חנינאן: [דער פסוק מיינט:] אזוי ווי דער דור גייט אַוועק, אזוי קומט ער צוריק: גייט איינער אַוועק אַ הינקעדיקער, קומט ער צוריק אַ הינקעדיקער; גייט ער אַוועק

[22] דען רבי האָט זיך באַמיט ניט הנאה צו האָבן פון דער וועלט (מהרז"ו). [23] ער האָט זיך עס פאַרדינט מיט מצוות און מעשים טובים.

ה. [1] ריבוא — צען טויזנט. [2] הייסט עס, אַז צווישן זון אויפגאַנג און זון אונטער־גאַנג שטאַרבט אויס איין דור און עס ווערט געבוירן אַ צווייטער (און ווייטער ווייזט אָן דער בעל המדרש, אַז אַ דור באַשטייט פון זעכציק ריבוא). [3] די מימרא פון ר' לוי בר סיסי קומט צו דערקלערן דאָס פריערדיקע מיט דעם וואָס זי שטעלט לכתחילה דעם פסוק ה פאַרן פסוק ד. [4] מיט טעפּ, זיי אויסצובאַקן. [5] ביי תחית המתים. — ר' ברכיהס מימרא געהערט לויטן אינהאַלט צום סימן ו; מחמת אָבער אין אַלע אויסגאַבעס געפינט עס זיך דאָ, האָבן מיר, צוליב דער באַקוועמלעכקייט פונעם לערנער, ניט געמאַכט קיין ענדערונג. [6] געשטאָרבן.

לרבי: „ומה בעולם הזה שאינו שלך, השפיע לך הקב״ה שלוה; עולם הבא שכולו שלך — על אחת כמה וכמה!״

א״ר בנאה: אמר הקב״ה לישראל: „בני, דעו מה ביני לביניכם. מה כתיב (שמות טז): עמר לגלגולת מספר נפשותיכם, וגו׳. מן דיהבון אתוך כולכון עומר, ולא עומר של חטין, אלא של שעורין. אף על פי כן תהיו זהירין להביא אותו בעונתו״. לפיכך משה מזהיר את ישראל ואומר להם (ויקרא כג): והבאתם את עמר, וגו׳.

ה

(ה) דור הולך ודור בא. ר׳ יודן בשם ר׳ לוי אומר: אין לך בכל יום ויום שאין נולדין בו ששים רבוא ומתים ששים רבוא; ומה טעם? דור הולך ודור בא — — —

(ה) וזרח השמש ובא השמש. ר׳ ברכיה ור׳ יעקב בר אבונא ור׳ חייא בר אבא בשם ר׳ לוי בר סיסי: משזרח השמש ובא השמש דור הולך ודור בא. ומניין לדור שהוא ששים רבוא? שנאמר (דברים א): אם יראה איש באנשים האלה, הדור הרע הזה, ואותו הדור ששים רבוא היה.

א״ר ברכיה: היוצר הזה משקיע כבשונו, — מה שמשקיע ראשון הוא אחרון; ברם הכא — הלך ראשון, בא ראשון; הלך אחרון, בא אחרון.

ו

ר׳ לוי ור׳ יעקב גבולאי בשם ר׳ חנינא: כדור הולך, כן דור בא: הולך חיגר, בא חיגר; הולך סומא, בא סומא. שלא יהו אומרים: „אחרים המית ואחרים החיה״. דכתיב (שם לב): אני אמית ואחיה, — מי שאומר את החמורה הוא אומר את הקלה? אני אמית ואחיה, הרי חמורה, וכל שכן (שם) מחצתי ואני ארפא,

---

אַ בלינדער, קומט ער צוריק אַ בלינדער. כדי מע זאָל ניט זאָגן: „געטייט האָט ער די, און צום לעבן געבראַכט האָט ער אַנדערע״. דען עס שטייט געשריבן (דאָרט לב, לט): אני אמית — איך וועל טייטן און וועל מאַכן לעבעדיק, — ווען איינער זאָגט דאָס האַרבערע, זאָגט ער [נאָך דעם] דאָס גרינגערע? איך וועל טייטן און וועל מאַכן לעבעדיק, דאָס איז דאָס האַרבע, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי (דאָרט) מחצתי — איך האָב פאַרוואונדעט און וועל אויסהיילן, וואָס איז דאָך אַ סך גרינגער![2] בייערט [עס מיינט:] איך לאָז זיי

ו. [1] אָדער גבל (תהלים פג, ח; יחזקאל כז, ט, און אַנד.) [2] איז דאָך די צווייטע

מיט זייערע פעלערן, כדי מע זאָל ניט זאָגן: „געטייט האָט ער די, און צום לעבן געבראַכט האָט ער אַנדערע״: איך וועל טייטן און וועל מאַכן לעבעדיק [ווי] איך האָב פאַרוואונדעט, און נאָך דעם וועל איך זיי אויסהיילן[3].

## ז

אַן אַנדער פּשט: מחצתי — איך האָב פאַרוואונדעט און איך וועל אויסהיילן, — ר׳ חנינא [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן לקיש און ר׳ יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ יוחנן און ר׳ לוי אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: דאָ שטייט ניט „הכיתי״, איך האָב געשלאָגן, נייערט מחצתי, [מיינט עס:] די מחיצה וואָס איך האָב געמאַכט צווישן די אייבערשטע און די אונטערשטע, וואָס די אייבערשטע לעבן אייביק און די אונטערשטע שטאַרבן, [איז נאָר] אויף דער וועלט, אָבער לעתיד לבוא[1] וועט קיין טויט אין גאַנצן ניט זיין, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה כה, ח): בלע המות — ער וועט פאַרטיליקן דעם טויט אויף אייביק. ר׳ אבא האָט געזאָגט [דער פּסוק מיינט]: אויך די מחיצה וועל איך אויסהיילן: מחצתי — מיין „מחיצה״ וועל איך אויסהיילן.

## ח

ר׳ אבא בר כהנא [האָט געזאָגט], און אַנדערע זאָגן עס אין נאָמען פון ר׳ אדא בר חוניא: [דער פּסוק מיינט]: זאָל דער דור וואָס קומט זיין אין דיינע אויגן ווי דער דור וואָס איז אַוועק. דו זאָלסט ניט זאָגן: „וואָלט ר׳ עקיבא געלעבט, וואָלט איך געלערנט פּסוק פאַר אים[1]; וואָלטן ר׳ זירא און ר׳ יוחנן געלעבט, וואָלט איך געלערנט משנה פאַר זיי.״ נייערט דער דור וואָס קומט אין דיינע טעג און דער חכם וואָס איז פאַראַן אין דיינע טעג [זאָלן זיין אין דיינע אויגן] ווי דער דור וואָס איז אַוועק און ווי די פאַרצייטיקע חכמים וואָס זיינען געווען פאַר דיר.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (שמואל א, יב, ו): ה׳ — גאָט וואָס האָט באַשאַפן משהן און אהרנען — — — און ווייטער שטייט (דאָרט פּסוק יא): וישלח ה׳ — און גאָט האָט געשיקט ירובעלן און בדנען, און יפתחן און שמואלן: ירובעל איז גדעון, בדן איז שמשון, יפתח איז ווי דער נאָמען זאָגט[2], און אין פּסוק שטייט (תהלים צט, ו): משה ואהרן — משה און אהרן זיינען געווען צווישן זיינע כוהנים, און שמואל צווישן די וואָס רופן זיין נאָמען, — דער פּסוק פאַרגלייכט דריי אומוויכטיקע מענטשן מיט דריי וועלט־גדולים, דיך צו לערנען, אַז דער בית־דין פון ירובעלן איז אזוי חשוב פאַר הקדוש ברוך הוא ווי דער בית־דין פון משהן, און דער בית־דין פון

---

העלפט פונעם פּסוק איבעריק. [3] לייענענדיק דעם פּסוק אזוי: אני אמית ואחיה מחצתי, ואני ארפא.

ז. [1] אין משיחס צייטן.

ח. [1] ווי אַ תלמיד פאַרן רבין. [2] ווערטערלעך, לויטן פּשט. וועגן די פריערדיקע צוויי פאַרגלייך ראש השנה כה, א: פאַרוואָס הייסט גדעון ירובעל? ווייל ער האָט געמאַכט אַ קריג מיטן בעל (זע שופטים ו, כה—לב); פאַרוואָס הייסט שמשון בדן? ווייל ער איז

**שהיא קלה ממנה! אלא שאני מעמיד אותם במומיהון, שלא יהו אומרים: „אחרים המית ואחרים החיה״:** אני אמית ואחיה מחצתי, **ואני חוזר ומרפאן.**

ז

**דבר אחר:** מחצתי ואני ארפא, — **ר׳ חנינא בשם ר׳ שמעון בן לקיש ור׳ יהושע דסיכנין בשם ר׳ יוחנן ור׳ לוי בשם ר׳ יוחנן:** „הכיתי״ **אין כתיב כאן, אלא** מחצתי, — מחיצה **שעשיתי בין העליונים לתחתונים, שהעליונים קיימין והתחתונים מתים בעולם הזה, אבל לעתיד לבוא אין מיתה כל עיקר, שנאמר** (ישעיה כה): בלע המות לנצח. **א״ר אבא: אף אותה** מחיצה **אני חוזר ומרפא אותה:** מחצתי — „מחיצתי״ **אני ארפא.**

ח

**ר׳ אבא בר כהנא, ואמרי לה בשם ר׳ אדא בר חוניא: יהיה בעיניך דור שבא כדור שהלך. שלא תאמר: „אילו היה ר׳ עקיבא קיים, הייתי קורא לפניו; אילו היו ר׳ זירא ור׳ יוחנן קיימין, הייתי שונה לפניהם״. אלא דור שבא בימיך וחכם שבימיך כדור שהלך וחכמים הראשונים שהיו לפניך.**

**א״ר יוחנן: כתיב** (שמואל א, יב): ה׳ אשר עשה את משה ואת אהרן, **וגו׳; וכתיב** (שם): וישלח ה׳ את ירובעל ואת בדן ואת יפתח ואת שמואל: ירובעל **זה** גדעון, בדן **זה** שמשון, יפתח **כמשמעו, וכתיב** (תהלים צט): משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו, — **שקל הכתוב שלשה קלי עולם עם שלשה גדולי עולם ללמדך, שבית דינו של ירובעל גדול וחשוב לפני הקב״ה כבית דינו של משה, ובית דינו של שמשון כבית דינו של אהרן, ובית דינו של יפתח כבית דינו של שמואל. ללמדך, שכל מי שנתמנה פרנס על הציבור, אפילו הוא קל שבקלים, הרי הוא כאביר שבאבירים הראשונים; שנאמר** (דברים יז): ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם, **וגו׳, — אין לי אלא שופט שב-**

---

**שמשונען ווי דער בית־דין פון אהרנען, און דער בית־דין פון יפתחן ווי דער בית־דין פון שמואלן. דיך צו לערנען, אַז איטלעכער וואָס ווערט באַשטימט ווי אַ פרנס איבער קהל, אפילו ער איז דער לעצטער פון די לעצטע, איז ער ווי דער חשובסטער פון די חשובסטע פון די פאַרצייטיקע; ווי דער פסוק זאָגט** (דברים יז, ט): ובאת — זאָלסטו קומען צו די כהנים פון שבט און צו דעם שופט וואָס וועט זיין אין יענע טעג, — **איך האָב ניט קיין אַנדערן ווי**

**דעם שופט וואָס אין דיין דור; ווי קומט דאָ אַריין דער שופט וואָס איז ניט אין דיין דור?**[3] **טאָ וואָס־זשע לערנט אונדז דער פסוק:** און צו דעם שופט וואָס וועט זיין אין יענע טעג? **דער פסוק לערנט אונדז, אַז דער שופט וואָס אין דיין דור איז אין זיין צייט [אַזוי חשוב] ווי דער שופט וואָס איז געווען אין די טעג פון פאַרצייטן. און אַזוי זאָגט דער פסוק** (קהלת ז, י): אל תאמר — זאָלסט ניט זאָגן: ווי קומט עס, וואָס די פאַרצייטיקע טעג זיינען געווען בעסער ווי די איצטיקע?

**ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: דו דאַרפסט זיך נאָר צוהערן צום שופט וואָס אין דיין דור: עס שטייט געשריבן** (במדבר לו, א): ויקרבו ראשי האבות — און עס האָבן גענענט די הויפּטלייט פון די פאָטערס פון דער משפּחה פון די קינדער פון גלעד, דעם זון פון מכיר, דעם זון פון מנשה, [און זיי האָבן גערעדט פאַר משהן און פאַר די פירשטן, ראשי אבות — הויפּטלייט פון פאָטערהייזער], — **[און] ר׳ יודן האָט געזאָגט: [ביי די ערשטע שטייט:** ראשי] האבות[4], די הויפּטלייט פון די פאָטערהייזער, **[און ביי די צווייטע שטייט:** ראשי] אבות[5], הויפּטלייט פון פאָטערהייזער! **נייערט די [ערשטע] גייען אַריין אין הערשאַפט און די צווייטע גייען אַרויס פון הערשאַפט**[6]**, דעריבער האָט זיי דער פסוק געשריבן פעליק**[7]**.**

**ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן** (דברי הימים א, יב, כח): ויהוידע — און יהוידע, אהרנס עלטסטער, — **איז דען יהוידע געווען אַן עלטסטער איבער אהרנען? נייערט ווען אהרן וואָלט געלעבט אין דעם דור פון יהוידע, וואָלט יהוידע אין זיין צייט געווען חשובער פון אים.**

**ר׳ סימאַי האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן** (דאָרט ו, לד): ואהרן ובניו און אהרן און זיינע קינדער האָבן געדעמפט אויפן מזבח פון בראַנדאָפּפער, — **האָבן דען אהרן און זיינע קינדער נאָך געלעבט? זיינען דאָך צדוק און זיינע קינדער געווען [די כוהנים]! נייערט [דער פסוק קומט] דיך צו לערנען, אַז ווען אהרן און זיינע קינדער וואָלטן דאַן געלעבט, וואָלט צדוק אין זיין צייט געווען העכער פון זיי.**

**ר׳ הילל דער זון פון ר׳ שמואל בר נחמן ברענגט עס**[8] **פון דאַנען** (נחמיה ח, יז): ויעשו כל הקהל — און די גאַנצע עדה וואָס האָט זיך אומגעקערט פון געפאַנגענשאַפט האָט געמאַכט סוכות, און זיי זיינען געזעסן אין סוכות; דען די קינדער פון ישראל האָבן אַזוי ניט געטאָן זינט די טעג פון ישוע בן נון ביז יענעם טאָג, און עס איז געווען זייער אַ גרויסע שמחה, — **דער פסוק האָט פוגם בכבוד געווען דעם צדיק אין קבר צוליב דעם יעניקן**[9] **אין זיין צייט**[10]**. און די רבנן ברענגען עס פון דאַנען** (עזרא ז, ה): בן אבישוע — דער זון פון אבישוע, דער זון פון פינחס, דער זון פון אלעזר, [דער זון פון אהרן דעם כוהן גדול.] אָט דער עזרא איז אַרויף פון בבל, — **[דער פסוק מיינט ניט אַנדערש] נייערט ווען אהרן וואָלט געלעבט, וואָלט עזרא אין זיין צייט געווען חשובער פון אים**[11]**.**

דורך; שופט שאינו בדורך מניין? מה תלמוד לומר: ואל השופט אשר יהיה בימים ההם? מלמד, שהשופט שבדורך הרי הוא בזמנו כשופט שהיה בימים הראשונים. וכן הוא אומר (קהלת ז): אל תאמר: מה היה שהימים הראשונים היו טובים מאלה.

אמר ר׳ שמעון בן לקיש: אין לך לשמוע אלא שופט שבדורך: כתיב (במדבר לו): ויקרבו ראשי האבות למשפחת בני גלעד בן מכיר בן מנשה, וגו׳, — א״ר יודן: האבות — אבות! אלא אלו נכנסין לארכי ואלו נשמטין מן הארכי, לפיכך פגמן הכתוב.

אמר ר׳ ברכיה: כתיב (דברי הימים א, יב): ויהוידע הנגיד לאהרן, — וכי יהוידע היה נגיד לאהרן? אלא אילו היה אהרן קיים בדורו של יהוידע, יהוידע היה גדול ממנו בשעתו.

אמר ר׳ סימאי: כתיב (שם ו): ואהרן ובניו מקטירים על מזבח העולה, וגו׳, — וכי אהרן ובניו קיימים? והלא צדוק ובניו היו! אלא ללמדך, שאילו היה אהרן ובניו קיימים צדוק היה גדול מהם בשעתו.

ר׳ הילל בריה דר׳ שמואל בר נחמן מייתי לה מהכא (נחמיה ח): ויעשו כל הקהל השבים מן השבי סכות, וישבו בסכות; כי לא עשו מימי ישוע בן נון כן בני ישראל עד היום ההוא, ותהי שמחה גדולה מאד, — פגם הכתוב בכבודו של צדיק בקבר בשביל פלוני בשעתו. ורבנן מייתי לה מן הכא (עזרא ז): בן אבישוע בן פינחס בן אלעזר [בן אהרן הכהן הראש]. הוא עזרא עלה מבבל, — אלא אילו היה אהרן קיים, היה עזרא גדול ממנו בשעתו.

---

אַרויסגעקומען פון שבט דן. [3] אזוי געטייטשט דעם טעקסט לויט ספרי קעח (אויף אונדזער פסוק): „ר׳ יוסי הגלילי האָט געזאָגט: קען דיר דען אַרויף אויפן געדאַנק, אַז אַ מענטש זאָל גיין צו אַ שופט וואָס געפינט זיך ניט אין זיינע טעג?״ און אזוי איז דער נוסח אויך אין סנהדרין כח, ב, אין ילקוט דברים, תתקיא, און ילקוט שמואל, קיד. [4] מיט דער הא הידיעה, וואָס גיט צו באַשטימטקייט, חשיבות. [5] אָן דער הא הידיעה. [6] די מעשה וואָס ווערט דערציילט אין במדבר לו איז פאָרגעקומען צום סוף פון די מדבר טעג, ווען עס איז געקומען די צייט פון משהן און די איבעריקע לעבן געבליבענע הויפּטלייט צו שטאַרבן (זע דברים א, לה—לז), און אַנדערע האָבן געדאַרפט פאַרנעמען זייער אָרט. [7] אָן דער הא הידיעה, צו ווייזן, אַז זייער חשיבות איז אַריבער צו די נייע הויפּטלייט. — די איינשטעלונג פונעם טעקסט איז באַזירט אויף אונדזער השערה, אַז מיט ר׳ יודן ווערט דאָ געמיינט ר׳ יהודה נשיאה, רבינ׳ס אייניקל, וואָס האָט געווירקט אין ערשטן און צווייטן דור פון די אמוראים, און ריש לקיש, פונעם צווייטן דור אמוראים, באַזירט זיין מימרא אויף ר׳ יודנס ווערטער (אַנדערע אמוראים מיטן נאָמען ר׳ יודן האָבן געלעבט אין שפּעטערדיקע דורות). [8] לערנט עס אַרויס. [9] צוליב עזראן. — דער

ט

(ד) והארץ — און די ערד באַשטייט אייביק. ר׳ יהושע בן קרחה האָט געזאָגט: דער פסוק האָט ניט געדאַרפט זאָגן אַנדערש, נייערט: „די ערד גייט און די ערד קומט, און דער דור[1] באַשטייט אייביק״, — ווער איז דען באַשאַפן געוואָרן פון וועמענס וועגן? איז די ערד באַשאַפן געוואָרן פון וועגן דעם דור, אָדער דער דור איז באַשאַפן געוואָרן פון וועגן דער ערד? ניט די ערד פון וועגן דעם דור? נייערט, דער דור, מחמת ער האַלט זיך ניט אָן די התחייבותן צו הקדוש ברוך הוא, דעריבער שטאַרבט ער אָפּ; אָבער די ערד, מחמת זי האַלט זיך אָן די התחייבותן פון הקדוש ברוך הוא[2], דעריבער שטאַרבט זי ניט אָפּ.

ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (ישעיה סה, כב): כי כימי העץ — דען אַזוי ווי די טעג פון דעם בוים וועלן זיין די טעג פון מיין פאָלק, און עץ, בוים, מיינט ניט אַנדערש, נייערט תורה, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ג, יח): עץ חיים — אַ בוים פון לעבן איז זי פאַר די וואָס האַלטן זיך אָן איר, — ווער איז דען באַשאַפן געוואָרן פון וועמענס וועגן? די תורה פון וועגן ישראל, אָדער ישראל פון וועגן דער תורה? ניט די תורה פון וועגן ישראל? נייערט אויב די תורה, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון וועגן ישראל, לעבט אויף אייביקע אייביקייטן; ישראל, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין אייגענעם זכות — אוודאי און אוודאי!

ר׳ יצחק האָט געזאָגט: אַ מלכות קומט און אַ מלכות גייט, אָבער ישראל באַשטייט אייביק. דאָס איז [דער מיין פונעם פסוק]: והארץ — און די ערד באַשטייט אייביק. ר׳ שמואל אין נאָמען פון ר׳ פלטיה פון נוה ברענגט עס[3] פון דעם דאָזיקן פסוק (שופטים יח, ל): ויהונתן בן גרשם — און יהונתן דער זון פון גרשום, דעם זון פון מנשהן, ער און זיינע קינדער זיינען געווען כוהניםביים שבט דן ביזן טאָג פונעם גלות פון לאַנד, — קען דען אַ לאַנד גיין אין גלות אָדער זיין נע ונד? נייערט דאָס מיינט מען ישראל, וואָס ווערן אָנגערופן ארץ, לאַנד, ווי דער פסוק זאָגט (מלאכי ג, יב): ואשרו אתכם — און אַלע פעלקער וועלן אייך שאַצן גליקלעך, דען איר וועט זיין אַ געווינטשט לאַנד, — איר וועט גערופן ווערן געווינטשט לאַנד.

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן לקיש: אַלץ וואָס הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן אינעם מענטשן, האָט ער באַשאַפן אין דער ערד דאָס גלייכן. אַ מענטש האָט אַ קאָפּ, און די ערד האָט אַ קאָפּ, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ח, כו): וראש — און דעם קאָפּ[4] פון די שטויבן פון דער וועלט. אַ מענטש האָט אויגן, און די ערד האָט אויגן, ווי דער פסוק זאָגט

---

נוסח אין ירושלמי (שביעות ו, א) איז מפני צדיק בשעתו, פון וועגן דעם צדיק פון יענער צייט, און אַזוי איז עס אויך אין ילקוט, נחמיה תתרעא. [10] אַנשטאָט דעם בכבו־דיקן נאָמען יהושע (זע במדבר יג, טז) שרייבט זיך אין פסוק ישוע, צו ווייזן, אַז אין איצטיקן דור איז עזרא חשובער פון דעם פאַרצייטיקן גדול. [11] דער אויסדרוק הוא עזרא, אָט דער עזרא, וואָס קומט גלייך נאָך אהרנס נאָמען ווייזט, אַז אין איצטיקן דור איז עזרא חשובער פון אהרנען.

## ט

(ד) והארץ לעולם עומדת. א״ר יהושע בן קרחה: לא היה קרא צריך למימר, אלא: „הארץ הולכת והארץ באה, והדור לעולם הוא עומד״ — וכי מי נברא בשביל מי? ארץ נבראה בשביל דור, או דור נברא בשביל ארץ? לא ארץ בשביל דור? אלא דור, על ידי שאינו עומד בתפקידיו של הקב״ה, לפיכך הוא בולה; והארץ, על ידי שהיא עומדת בתפקידיו של הקב״ה, לפיכך אינה בולה.

אמר ר׳ שמעון בן יוחאי: כתיב: (ישעיה סה): כי כימי העץ ימי עמו, ואין עץ אלא תורה, שנאמר (משלי ג): עץ חיים היא למחזיקים בה, — וכי מי נברא בשביל מי? התורה בשביל ישראל, או ישראל בשביל תורה? לא תורה בשביל ישראל? אלא תורה, שנבראת בשביל ישראל, הרי היא קיימת לעולמי עולמים; ישראל, שנבראו בזכותם, על אחת כמה וכמה!

אמר ר׳ יצחק: מלכות נכנסת ומלכות יוצאת, וישראל עומד לעולם. הוי: והארץ לעולם עומדת. ר׳ שמואל בשם ר׳ פלטיה דנוה מייתי ליה מן הדין קרייא (שופטים יח): ויהונתן בן גרשם בן מנשה הוא ובניו היו כהנים לשבט הדני עד גלות הארץ, — וכי ארץ גולה או מטלטלת? אלא אלו ישראל שנקראו ארץ, שנאמר (מלאכי ג): ואשרו אתכם כל הגוים, כי תהיו אתם ארץ חפץ, — אתם תיקראו ארץ חפץ.

אמר ר׳ ברכיה בשם ר׳ שמעון בן לקיש: כל מה שברא הקב״ה באדם, ברא בארץ לדוגמא לו. אדם יש לו ראש, והארץ יש לה ראש, שנאמר (משלי ח): וראש עפרות תבל. אדם יש לו עינים, והארץ יש לה עינים, שנאמר (שמות י): וכסה את עין הארץ. אדם יש לו אזנים, והארץ יש לה אזנים, שנאמר (ישעיה א): והאזיני, ארץ, אדם יש לו פה, והארץ יש לה פה, שנאמר (במדבר טז):

---

(שמות י, ה): וכסה — און ער וועט פאַרדעקן דאָס אויג פון דער ערד[5]. אַ מענטש האָט אויערן, און די ערד האָט אויערן, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה א, ב): והאזיני — און נויג צו אַן אויער, דו ערד. אַ מענטש האָט אַ מויל, און די ערד האָט אַ מויל, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר טז, לב): ותפתח הארץ

---

ט. [1] די מענטשן וואָס לעבן אויף דער ערד. [2] די פליכט וואָס גאָט האָט אַרויפגעלייגט אויף איר אַרויסצוגעבן פרוכט יאָר־יערלעך. [3] ברענגט אַ באַווייז, אַז מיט ארץ, ערד, וואָס מיינט אויך לאַנד, ווערט געמיינט ישראל. [4] לויטן פשט: און דעם אָנהייב. [5] לויטן

— און די ערד האָט געעפּנט איר מויל. אַ מענטש עסט, און די ערד עסט, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט יג, לב): ארץ — אַ לאַנד[6] וואָס עסט אויף אירע איינוואוינער. אַ מענטש טרינקט, און די ערד טרינקט, ווי דער פּסוק זאָגט (דברים יא, יא): למטר השמים — פונעם רעגן פון הימל טרינקט זי וואַסער. אַ מענטש שפּייט אויס, און די ערד שפּייט אויס, ווי דער פּסוק זאָגט (ויקרא יח, כח): ולא תקיא הארץ — כדי דאָס לאַנד זאָל אייך ניט אויסשפּייען. אַ מענטש האָט הענט, און די ערד האָט הענט, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית לד, כא): והארץ — און אָט איז דאָס לאַנד ברייט־האַנטיק[8] פאַר זיי. אַ מענטש האָט דיכן, און די ערד האָט דיכן, ווי דער פּסוק זאָגט (ירמיה לא, ח): וקבצ־תים — און איך וועל זיי איינזאַמלען פון די עקן[9] פון דער ערד. אַ מענטש האָט אַ נאַפּל, און די ערד האָט אַ נאַפּל, ווי דער פּסוק זאָגט (יחזקאל לח, יב): יושבי — די וואָס זיצן אויפן נאַפּל פון דער ערד. אַ מענטש האָט נאַקעט־קייט[10], און די ערד האָט נאַקעטקייט, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית מב, יב): לראות — צו זען די נאַקעטקייט פון לאַנד זענט איר געקומען. אַ מענטש האָט פיס, און די ערד האָט פיס, ווי דער פּסוק זאָגט: והארץ — און די ערד באַ־שטייט אייביק. וואָס מיינט באַשטייט? האַלט אויף[11]. [וואָס האַלט זי אויף? זאָגן וועגן דעם] ר׳ אחא און די רבנן. ר׳ אחא האָט געזאָגט: אירע התחיי־בותן[12]. די רבנן זאָגן: איר שפּייז[13].

ר׳ שמעון בן יוסי בן לקוניא האָט געזאָגט: ווייל אויף דער וועלט בויט אַ מענטש[14] אַ הויז, און אַן אַנדערער פאַרניצט עס; ער פלאַנצט אַ בוים, און אַן אַנדערער עסט [זיין פּרוכט]; אָבער לעתיד לבוא (ישעיה סה, כב) וועלן זיי ניט בויען און אַן אַנדערער זאָל וואוינען; זיי וועלן ניט פלאַנצן, און אַן אַנדערער זאָל עסן. ווי דער פּסוק זאָגט [דאָרט]: כי כימי העץ — דען אזוי ווי די טעג פון דעם בוים וועלן זיין די טעג פון מיין פאָלק, און די אַרבעט פון זייערע הענט וועלן פאַרנוצן מיינע אויסדערוויילטע.

ו

(ה) וזרח השמש — און די זון שיינט אויף און די זון גייט אונטער. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אבא בר כהנא: ווייסן מיר דען ניט אַז די זון שיינט אויף און די זון גייט אונטער? טאָ וואָס איז דער מיין? — נאָך איידער עס גייט אונטער די זון פון איין צדיק, לאָזט ער אויפשיינען די זון פון אַן אַנדער צדיק. דעם טאָג וואָס ר׳ עקיבא איז געשטאָרבן איז געבוירן געוואָרן רבי, און מע האָט אויף אים געלייענט דעם דאָזיקן פּסוק: און די זון

פּשט: דעם אָנבליק פון דער ערד. [6] ווי אויבן (באַמ. 3): ארץ מיינט אי ערד, אי לאַנד. [7] די ערד אין לאַנד כנען. [8] געראַם און גרויס. [9] ירכתי, פונעם זעלבן שורש וואָס ירך, דיך. [10] שאַנד, אינטימע אברים. [11] מעמדת. [12] זע באַמ. 2. [13] כדי אויפצוהאַלטן תבואה דאַרף מען עס אויסמישן מיט ערד (בראשית רבה צ, ה; שבת לא, א). [14] מעג־לעך, אַז דאָ דאַרף שטייט אדם מישראל, אַ ייד, אויף וועלכן ס׳איז מקויים געוואָרן די קללה פון דער תוכחה (דברים כח, ל): בית תבנה — אַ הויז וועסטו בויען, און וועסט ניט וואוינען אין דעם, אא״וו.

ותפתח הארץ את פיה. **אדם אוכל, והארץ אוכלת, שנאמר** (שם יג): ארץ אוכלת יושביה. **אדם שותה, והארץ שותה, שנאמר** (דברים יא): למטר השמים תשתה מים. **אדם מקיא, והארץ מקיאה, שנאמר** (ויקרא יח): ולא תקיא הארץ, וגו׳. **אדם יש לו ידים, והארץ יש לה ידים, שנאמר** (בראשית לד): והארץ הנה רחבת ידים. **אדם יש לו ירכים, והארץ יש לה ירכים, שנאמר** (ירמיה לא): וקבצתים מירכתי ארץ. **אדם יש לו טבור, והארץ יש לה טבור, שנאמר** (יחזקאל לח): יושבי על טבור הארץ. **אדם יש לו ערוה, והארץ יש לה ערוה, שנאמר** (בראשית מב): לראות את ערות הארץ באתם. **אדם יש לו רגלים, והארץ יש לה רגלים, שנאמר:** והארץ לעולם עומדת.

**מה היא** עומדת? מעמדת. **ר׳ אחא ורבנן. ר׳ אחא אמר: תפקידיה. רבנן אמרי: מזונותיה.**

**אמר ר׳ שמעון בן יוסי בן לקוניא: לפי שבעולם הזה אדם בונה בנין, ואחר מבלה, נוטע נטיעה, ואחר אוכל. אבל לעתיד לבא** (ישעיה סה): לא יבנו ואחר ישב, לא יטעו ואחר יאכל; **שנאמר** (שם): כי כימי העץ ימי עמי, ומעשי ידיהם יבלו בחירי.

**י**

(ה) וזרח השמש ובא השמש. **ר׳ ברכיה בשם ר׳ אבא בר כהנא אמר: וכי אין אנו יודעין, שזרח השמש ובא השמש? אלא מה הוא כן? — עד שלא ישקע שמשו של צדיק זה, הוא מזריח שמשו של צדיק אחר. יום שמת ר׳ עקיבא נולד רבי, וקראו עליו פסוק זה:** וזרח השמש ובא השמש. [**יום שמת רבי נולד ר׳ אבא בר אהבה, וקראו עליו:** וזרח השמש ובא השמש.] **יום שמת רב אדא בר אהבה נולד רב המנונא בריה, וקראו עליו:** וזרח השמש ובא השמש. **יום שמת רב המנונא נולד ר׳ אבין בריה, וקראו**

---

שײַנט אויף און די זון גייט אונטער. [**דעם טאָג וואָס ר׳ יהודה איז געשטאָרבן איז געבוירן געוואָרן ר׳ אדא בר אהבה, און מע האָט אויף אים געלייענט:** און די זון שײַנט און די זון גייט אונטער.][1] **דעם טאָג וואָס רבי אדא בר אהבה איז געשטאָרבן איז געבוירן געוואָרן רב המנונא זיין זון, און מע האָט אויף אים געלייענט:** און די זון שײַנט אויף און די זון גייט אונטער. **דעם טאָג ווען רב המנונא איז געשטאָרבן איז געבוירן געוואָרן ר׳ אבין זיין זון, און מע**

---

י. [1] **צוגעגעבן לויט** בראשית רבה נח, ב. **אין** קידושין עב, ב, **איז דער נוסח אַנ־**

האָט געלייענט אויף אים: און די זון שיינט אויף און די זון גייט אונטער. דעם טאָג וואָס ר׳ אָבין איז געשטאָרבן איז געבוירן געוואָרן אַבא הושעיא פון טיריא, און מע האָט געלייענט אויף אים: און די זון שיינט אויף און די זון גייט אונטער. נאָך איידער ער האָט געלאָזט אונטערגיין די זון פון שרהן, האָט ער געלאָזט אויפשיינען די זון פון רבקהן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית כב, כג): ובתואל — און בתואל האָט געבאָרן רבקהן, און ערשט נאָכ־דעם (דאָרט, כג, ב): ותמת שרה — און שרה איז געשטאָרבן אין קרית ארבע, און ווייטער איז געשריבן (דאָרט כד, סז): ויבאה יצחק — און יצחק האָט די אַריינגעבראַכט אין דעם געצעלט פון זיין מוטער שרהן. נאָך איידער ער האָט געלאָזט אונטערגיין די זון פון משהן, האָט ער געלאָזט אויפשיינען די זון פון יהושען. נאָך איידער ער האָט געלאָזט אונטערגיין די זון פון יהושען, האָט ער געלאָזט אויפשיינען די זון פון עתניאלן, און דאָס איז יעבץ[2]. און אַזוי אַלע, אין איטלעכן דור. דאָס איז דער פסוק: און די זון שיינט אויף און די זון גייט אונטער.

יא

מע האָט געלערנט אין נאָמען פון ר׳ נתן: דער באַלעם פון דער זון האָט אַ פוטערפאַס, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יט, ה): לשמש — פאַר דער זון האָט ער געמאַכט אַ געצעלט אין זיי, און אַ סאַזשעלקע וואָסער געפינט זיך פאַר אים. און בעת ער וויל אַרויסגיין איז ער אָנגעגליט; אָבער הקדוש ברוך הוא שוואַכט אָפּ זיין כוח אין וואָסער, כדי ער זאָל ניט פאַרברענען די וועלט. אָבער לעתיד לבוא וועט אים הקדוש ברוך הוא אַנטבלויזן פון זיין שייד[1] און פון זיין פוטערפאַס, און וועט אים אָנהיצן אויף די רשעים, ווי דער פסוק זאָגט (מלאכי ג, יט): כי הנה — וואָרום אָט קומט דער טאָג, ער ברענט ווי אַן אויוון. ר׳ ינאי און ר׳ ישמעאל זאָגן ביידע: לעתיד לבוא וועט קיין גיהנם ניט זיין, נייערט די זון וועט אַרויסגיין: צדיקים וועלן זיך וואוילטאָן מיט איר, — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק כ): וזרחה — און עס וועט אויפשיינען פאַר אייך, וואָס איר האָט מורא פאַר מיין נאָמען, אַ זון פון רעכטפאַרטיקייט מיט היילונג אין אירע פליגלען; — און די רשעים וועלן געמשפּט ווערן דורך איר, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק יט): ולהט אותם — און אָנצינדן וועט זיי דער טאָג וואָס קומט.

יב

(ו) הולך — ער גייט קיין דרום און פאַרדרייט זיך קיין צפון, — ער גייט קיין דרום בייטאָג און פאַרדרייט זיך קיין צפון ביינאַכט; סובב, סובב — רונד אַרום, רונד אַרום גייט דער ווינט, און איבער זיינע געדרייען קערט זיך אום דער ווינט. דאָס זיינען די מזרח און מערב זייטן.

ועל סביבותיו — און איבער זיינע געדרייען קערט זיך אום דער ווינט.— ר׳ יהושע בן חנניה[1] האָט געזאָגט: ווען דער דאָזיקער ווינט קומט אַרויס אויף

---

דערש. [2] לויט גמרא אין תמורה (טז, א) זיינען די ביידע אידענטיש.

יא. [1] געביטן מהשתקו אויף מנשתיקו לויט תוספתא יומא ג, ג.

**עליו:** וזרח השמש ובא השמש. **יום שמת ר' אבין נולד אבא הושעיא איש טריא, וקראו עליו:** וזרח השמש ובא השמש. **עד שלא השקיע שמשה של שרה, הזריח שמשה של רבקה; ההד"** (בראשית כב): ובתואל ילד את רבקה, **ואחר כך** (שם כג): ותמת שרה בקרית ארבע, **וכתיב** (שם כד): ויביאה יצחק האהלה שרה אמו. **עד שלא השקיע שמשו של משה, הזריח שמשו של יהושע. עד שלא השקיע שמשו של יהושע, הזריח שמשו של עתניאל, והוא יעבץ. וכן כולם בכל דור ודור. הוי:** וזרח השמש ובא השמש.

יא

**תני בשם ר' נתן: גלגל חמה יש לו נרתק, הה"ד** (תהלים יט): לשמש שם אהל בהם, **וברכה** של מים לפניו. **ובשעה שהוא רוצה לצאת הוא משולהב; והקב"ה מתיש כוחו במים, כדי שלא ישרוף את העולם. אבל לעתיד לבא הקב"ה מערטלו (ומהשתקו) [מנש־תקו] ומנרתקו, ומלהט אותו ברשעים, שנאמר** (מלאכי ג): כי הנה היום בא, בוער כתנור, וגו'. **ר' ינאי ור' ישמעאל תרויהון אמרין: אין גיהנם לעתיד לבוא, אלא שמש היא יוצאה: צדיקים נהנין ממנה, — מניין? שנאמר** (שם): וזרחה לכם, יראי שמי, שמש צדקה ומרפא בכנפיה; — ורשעים נדונין בה, **שנאמר** (שם): ולהט אותם היום הבא.

יב

(ו) הולך אל דרום וסובב אל צפון, — **הולך אל דרום ביום וסובב אל צפון בלילה;** סובב סובב הולך הרוח, ועל סביבותיו שב הרוח, **אלו פני מזרח מערב.**

ועל סביבותיו שב הרוח, — **א"ר יהושע בן חנניה: הרוח הזה בשעה שהוא יוצא בעולם הקב"ה (מחשלו) [מרשלו] בהרים ומשברו בגבעות, ואומר לו: „תן דעתך, שלא תזיק לבריותי." ומה טעם?** (ישעיה נז): כי רוח מלפני יעטוף, — **משלהי ליה; היך**

---

**דער וועלט, שוואַכט אים[2] הקדוש ברוך הוא אָפּ דורך די בערג און ברעכט אים איין דורך די היגלען, און זאָגט צו אים: „גיב אַכטונג, דו זאָלסט ניט שאָדן טאָן מיינע באַשעפענישן". און פון וואַנען איז עס געדרונגען?** (ישעיה נז, טז): כי רוח — דען דער ווינט ווערט אָפּגעשוואַכט פון פאַר מיר[3], — יעטוף מיינט **ער שוואַכט אים אָפּ; אַט ווי דו זאָגסט** (יונה ב, ח): בהתעטף —

יב. [1] **אין** בראשית רבה כד, ד, **ווערט די** מימרא **געבראַכט אין נאָמען פון ר' הונאן.** [2] **געביטן לויט** ויקרא רבה טו, א (חשל **מיינט אויסשמידן, שטאַרקער מאַכן, דער היפוך**

ווען פאַרחלשט געוואָרן איז מיין זעל אין מיר. און פון וועגן וואָס דאָס אַלץ?[4] פון וועגן די נשמות וואָס איך האָב געמאַכט[5].

ר׳ הונא האָט געזאָגט: אין דריי ערטער [דערציילט אונדז דער פסוק] איז דער ווינט אַרויס אָן אַ מאָס און געוואָלט חרב מאַכן די וועלט מיט אירע באַוואוינער, — איין מאָל אין די טעג פון איובן, איין מאָל אין די טעג פון אליהון, און איין מאָל אין די טעג פון יונהן. איין מאָל אין די טעג פון איובן, ווי דער פסוק זאָגט (איוב א, יט): והנה — און אָט איז אַ גרויסער ווינט אָנגעקומען פון דער זייט פון מדבר; און איין מאָל אין די טעג פון אליהון, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, יט, יא): והנה — ערשט גאָט גייט פאַרביי, און אַ גרויסער און שטאַרקער ווינט צעטרייסלט בערג און ברעכט פעלדזן; און איין מאָל אין די טעג פון יונהן, ווי דער פסוק זאָגט (יונה א, ד): וה׳ — און גאָט האָט אָנגעוואָרפן אַ גרויסן ווינט אויפן ים. ר׳ יהודה בר שלום[6] האָט געזאָגט: דער ווינט וואָס איז געווען אין די טעג פון איובן איז ניט געקומען אויף דער וועלט, נייערט פון וועגן יענעם הויז אַליין[7], און דער וואָס [אין די טעג] פון יונהן איז ניט גקומען אויף דער וועלט, נייערט פון וועגן יענער שיף אַליין[8]; און קיין אַנדער וועלט־אַרומנעמענדיקער ווינט איז ניט געווען, נייערט דער וואָס [אין די טעג] פון אליהון, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, יט, יא): און ער האָט געזאָגט: גיי אַרויס און שטעל זיך אויפן באַרג פאַר גאָט. [ערשט גאָט גייט פאַרביי, און אַ גרויסער און שטאַרקער ווינט צעטרייסלט בערג און ברעכט פעלדזן פאַר גאָט].[9]

ר׳ חייא בר תנחום[10] [האָט געזאָגט], און אַנדערע זאָגן עס אין נאָמען פון ר׳ יוחנן[11]: דער מלך המשיח וועט ניט קומען, כּל־זמן אַלע נשמות וואָס זיינען אַרויף אויפן געדאַנק [פונעם אויבערשטן] באַשאַפן צו ווערן, וועלן ניט קומען אויף דער וועלט, און דאָס זיינען די נשמות וואָס ווערן דערמאָנט אינעם ספר פון אדם הראשון, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ה, א): זה ספר — דאָס איז דאָס בוך פון די געבורטן פון אדמען.[12]

---

פונעם דרש). [3] אזוי לויטן דרש. [4] פאַרוואָס ווערט דער ווינט אָפּגעשוואַכט? [5] סוף פונעם פסוק אין ישעיה. [6] אין בראשית רבה כד, ד, ווערט די מימרא געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ יודן בר׳ ישמעאל. [7] אין וועלכן איובס קינדער זיינען געזעסן. [8] אין וועלכער יונה האָט זיך געזוכט צו באַהאַלטן פון גאָט. — לויטן נוסח אין בראשית רבה מיינט עס, אַז דער ווינט האָט נאָר באַרירט איובס הויז און יונהס שיף. [9] משמעות, אַז דאָס וואָס דאָ ווערט גערעדט וועגן פעלזן ברענגט דעם בעל המדרש צום געדאַנק, אַז דער ווינט איז געווען אויף דער גאַנצער וועלט. [10] אין בראשית רבה איז דער נוסח ר׳ תנחום בר חייא. [11] אין בראשית רבה — אין נאָמען פון די רבנן. [12] די אגדה זאָגט אויף דעם פסוק, אַז אין דעם דאָזיקן ספר איז געווען פאַרשריבן אַלץ וואָס עס וועט פּאַסירן אין די קומענדיקע דורות. — דער מאמר פון ר׳ חייא בר תנחום באַציט זיך אויפן פריער געבראַכטן פסוק פון ישעיה (נז, טז), און ער ווערט קלאָר לויט אַ גמרא אין עבודה זרה ה, א: ר׳ יוסי האָט געזאָגט: משיח וועט ניט קומען ביז עס וועלן זיך ניט אויסלאָזן אַלע נשמות אין גוף (אַן אָרט אַזאַ אין הימל), ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה דאָרט): כי לא לעולם — דען ניט אויף אייביק טו איך קריגן און ניט אויף תמיד טו איך צערענען, נייערט דער גייסט וואָס איז פאַרשפּעטיקט פון פאַר מיר (זע דאָרט

**כמה דאת אמר** (יונה ב): בהתעטף עלי נפשי. **כל כך למה? בשביל** ונשמות אני עשיתי.

**אמר ר׳ הונא: בשלשה מקומות יצא הרוח שלא במשקל, ובקשה הרוח להחריב את העולם כולו על יושביו. — אחת בימי איוב, ואחת בימי אליהו, ואחת בימי יונה. אחת בימי איוב, שנאמר** (איוב א): והנה רוח גדולה באה מעבר המדבר; **ואחת בימי אליהו, שנאמר** (מלכים א, יט): והנה ה׳ עובר, ורוח גדולה וחזק מפרק הרים ומשבר סלעים; **ואחת בימי יונה, שנאמר** (יונה א): וה׳ הטיל רוח גדולה על הים. **א״ר יהודה בר שלום: אותו הרוח שהיה בימי איוב לא היה בעולם, אלא בשביל אותו הבית בלבד, ואותו של יונה לא היה בעולם, אלא בשביל אותה ספינה בלבד; ואין לך קוזמיקון, אלא אותו של אליהו, שנאמר** (מלכים א, יט): **ויאמר:** צא ועמדת בהר לפני ה׳, **וגו׳.**

**ר׳ חייא בר תנחום, ואמרי לה בשם ר׳ יוחנן: לעולם אין מלך המשיח בא, עד שיעמדו כל הנשמות שעלו במחשבה להבראות, ואלו הן הנשמות האמורות בספרו של אדם הראשון, שנאמר** (בראשית ה): זה ספר תולדות אדם.

**יג**

(ז) כל הנחלים הולכים אל הים. **ומהיכן הארץ שותה? ר׳ אליעזר ור׳ יהושע. ר׳ אליעזר אומר: מימי אוקינוס היא שותה, דכתיב** (בראשית ב): **ואך** יעלה מן הארץ והשקה. **אמר לו ר׳ יהושע: מימי אוקינוס לא מים מלוחים הן? אמר לו: מתמתקין הן בעבים, דכתיב** (איוב לו): אשר יזלו שחקים, **— איכן הם נעשים נוזלים?**

---

**יג**

(ז) כל הנחלים — אַלע טייכן גייען צום ים. **און פון וואַנען טרינקט די ערד? [וועגן דעם זאָגן] ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע. ר׳ אליעזר זאָגט: די וואַסערן פון ים־אוקיאַנוס טרינקט זי, ווי עס שטייט געשריבן** (בראשית ב, ו): ואד און אַ נעפּלי גייט אויף פון דער ערד און טרינקט אָן [דאָס גאַנצע פּנים פון דער ערד]. **האָט ר׳ יהושע געזאָגט צו אים: זיינען ניט די אוקיאַנוס וואַסערן געזאַלצן? האָט ער אים געזאָגט: זיי ווערן פאַרזיסט אין די וואָלקנס. ווי עס שטייט געשריבן** (איוב לו, כח): אשר יזלו שחקים — **וואָס עס פליסן**

---

רשי: יעטוף **ווערט געטייטשט לויטן פּסוק** והיה העטופים — **און די** שפּעטיקע זיינען געווען פאַר לבנען, — בראשית ל, מב; **זע דאָרט אויך** אונקלוס): **די פאַרשפּעטיקונג פון משיחס קומען איז איבער** די נשמות וואָס איך האָב געמאַכט, **און זיי זיינען נאָך אויף דער וועלט ניט געקומען.**

די וואָלקנס, וואו ווערן זיי פליסיק?[2] אין די וואָלקנס. און ר׳ יהושע זאָגט: פון די אייבערשטע וואַסערן טרינקט זי[3], ווי עס שטייט געשריבן (דברים יא, יא): פונעם רעגן פון הימל טרינקט זי וואַסער. און די וואָלקנס שטאַרקן זיך [און גייען אַרויף] פון דער ערד צום הימל און נעמען זיי אויף ווי פונעם מויל פון אַ לאָגל, ווי עס שטייט געשריבן (איוב לו, כז): יזקו — זיי זיפּן דעגן פון זיין נעפל, און זיי זיפּן עס ווי מיט אַ זיפּ, און קיין טראָפּן רירט ניט אָן אַ צווייטן, ווי עס שטייט געשריבן (שמואל ב, כב, יב): חשרת מים — אַ זיפּונג[4] פון וואַסערן [פון די] געדיכטע וואָלקנס[5]; און פאַרוואָס רופט זיי דער פּסוק שחקים? מחמת זיי צערייבן[6] דאָס וואַסער [אויף טראָפּנס]. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: ווי דער דאָזיקער מאָגן[7]; ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: ווי די דינע [קישקעס] פון אַ בהמה. דען ר׳ יהושע האָט געזאָגט: גרויס[8] איז דער טאָג ווען עס גייט רעגן, דען דאָס רעגענען איז געגליכן [אין חשיבות] צו דער גאַנצער וועלט באַשאַפונג; און פון וואַנען איז עס געדרונגען? (איוב ה, ט): עושה גדולות — ער טוט גרויסע זאַכן ניט צו דערפאָרשן, וואונדער ביז אָן אַ צאָל; מיט וואָס? ער גיט רעגן אויפן פּנים פון דער ערד — — —.

יד

ווי פלעגט די ערד טרינקען?[1] וועגן דעם זאָגן ר׳ יהודה און ר׳ סימון[2] און די רבנן. ר׳ יהודה זאָגט: ווי דער דאָזיקער נילוס, וואָס באַוואַסערט, און קומט און באַוואַסערט ווידער[3]. ר׳ סימון האָט געזאָגט: [ס׳איז געווען] אַ מין פאַרפלייצונג[4], ווי דער דאָזיקער [טייך] קבריאל, וואָס גייט איבער און פאַרפלייצט[5]. און די רבנן זאָגן: ווי אַ מין תיוהא (אַ טייך אַזאַ אין בבל, און ער הייסט תיוהא); און פאַרוואָס ווערט זיין נאָמען גערופן תיוהא? מחמת ער קערט זיך אום און באַוואַסערט איין מאָל אין פערציק יאָר[6].

פון דעם פלעגט די ערד צוערשט טרינקען, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית ב, ו): ואד — און אַ נעפל גייט אויף פון דער ערד. אָבער הקדוש ברוך הוא האָט זיך באַרעכנט, אַז די ערד זאָל טרינקען ניט אַנדערש, נייערט פון אויבן[7]. ר׳ שמואל בר נחמן [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ חנינא פון ציפּורי, און אַנדערע זאָגן — ר׳ חנין פון ציפּורי אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן: פון וועגן פיר זאַכן האָט הקדוש ברוך הוא זיך באַרעכנט, אַז די ערד זאָל טרינקען ניט אַנדערש, נייערט פון אויבן; פון וועגן מענטשן מיט שטאַרקע אָרעמס[8]; און כדי אַראָפּצושווענקען די שלעכטע טויען; און כדי דאָס הויכלאַנד זאָל טרינקען באַגלייך מיטן נידערלאַנד; און כדי אַלע זאָלן הייבן זייערע אויגן צום הימל, ווי דער פּסוק זאָגט (איוב ה, יא): לשום — צו מאַכן [אַז] די נידעריקע [זאָלן אַרויפקוקן] צו דער הייך[9].

---

יג. [1] וואָס קומט אויף פונעם ים. [2] ווי די פליסיקע טייכן, וואָס זייער וואַסער איז זיס. [3] פון די וואַסערן וואָס אין די הימלען (זע בראשית א, ז). [4] אזוי לויטן דרש. [5] אין אַלע אויסגאַבן ווערט דאָ ציטירט פון תהלים (יח, יב), וואו דער נוסח איז: חשכת מים — אַ חושך פון וואַסערן. מיר האָבן עס געביטן אויפן נוסח פון שמואל, לויט בראשית רבה יג, י, וואָס פּאַסט זיך בעסער צו דער דרשה (זע אויך רש״ש). [6] שוחקים.

**בשחקים. ור׳ יהושע אומר: ממים העליונים היא שותה, דכתיב** (דברים יא): למטר השמים תשתה מים. **והעננים מתגברין מן הארץ עד לשמים ומקבלין אותן כמפי הנוד, דכתיב** (איוב לו): יזקו מטר לאדו, **וחושרין אותה ככברה, ואין טיפה נוגעת בחברתה, דכתיב** (שמואל ב, כב): חשרת מים עבי שחקים; **ולמה קורא אותן שחקים? שהם שוחקים את המים. ר׳ אבא בר כהנא אמר: כהדין מסוסא; ר׳ שמואל בר נחמן אמר: כדקין הללו של בהמה. דאמר ר׳ יהושע: (קשה) [גדול] יום ירידת גשמים, שהיא שקולה כנגד כל מעשה בראשית; ומה טעם?** (איוב ה): עושה גדולות ואין חקר, נפלאות עד אין מספר; **במה?** הנותן מטר על פני ארץ, **וגו׳.**

יד

**כיצד הארץ שותה? ר׳ יהודה ור׳ סימון ורבנן. ר׳ יהודה אומר: כהדין נילוס, דמשקה וחוזר ומשקה. ר׳ סימון אמר: כמין תיובה, כהדין קבריאל, דמרבי וקבר. ורבנן אמרי: כמין תווהא (נהר הוא בבבל ושמו תווהא); ולמה נקרא שמו תווהא? שהוא חוזר ומשקה אחת לארבעים שנה.**

**ממנו היתה הארץ שותה מתחילה, שנאמר** (בראשית ב): ואד יעלה מן הארץ. **וחזר בו הקב״ה שלא תהא הארץ שותה אלא מלמעלה. ר׳ שמואל בר נחמן בשם ר׳ חנינא דציפורי, ואית דאמרי ר׳ חנין דצפורי בשם ר׳ שמואל בר נחמן: בשביל ארבעה דברים חזר בו הקב״ה שלא תהא הארץ שותה, אלא מלמעלן: בשביל בעלי זרוע, ובשביל להדיח טללים רעים, ושיהא הגבוה שותה כנמוך, ושיהו הכל נושאין עיניהם לשמים, שנאמר** (איוב

טו

ה): לשום שפלים למרום, **וגו׳.**

**ד״א:** כל הנחלים הולכים אל הים, **זה אוקיינוס;** והים איננו מלא, **זה אוקיינוס, שאינו מתמלא לעולם.**

---

טו

**אַן אַנדער פּשט:** אַלע טייכן גייען צום ים, **דאָס איז דער ים־אוקיאַנוס**[1]**;** און דער ים ווערט ניט פול, **דען דער אוקיאַנוס ווערט קיין מאָל ניט איבערפול.**

---

[7] וואָס צעמאָלט דאָס עסן. [8] טעקסט געענדערט לויט אַ גמרא אין תענית (ט,ב).

יד. [1] איידער ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען אויף דער וועלט. [2] אין בראשית רבה יג, ט — ר׳ נחמיה. [3] די ערד הייסט עס, פלעגט באַוואַסערט ווערן דורך די טייכן, ווי מצרים דורכן נילוס. [4] ווערטערלעך: אַ צוריקגעבן, אַן אויסברעכן. [5] ווערטערלעך:

מע דערציילט וועגן ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע, אַז זיי האָבן זיך אַ מאָל אַרויסגעלאָזט אויפן ים הגדול; איז די שיף אַריין אין אַן אָרט, וואו דאָס וואַסער האָט זיך ניט באַוואויגן. האָט ר׳ אליעזר געזאָגט צו ר׳ יהושען: „מיר זיינען אַהער געקומען ניט אַנדערש, נייערט אויף עפּעס אויסצופּרואוון״. האָבן זיי דאָרט אָנגעפילט אַ פולע פאַס וואַסער. אַז זיי זיינען געקומען קיין רוים, האָט אדריאַנוס געזאָגט צו זיי: „וואָס פאַר אַ מין וואַסערן זיינען עס אין ים־אוקיאַנוס?״ האָבן זיי אים געזאָגט: „דאָס זיינען וואַסערן, וואָס שלינגען וואַסערן״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איז עס מעגלעך, אַז אַלע טייכן גייען אַהין, און זיי ווערן קיינמאָל ניט איבערפולט?״ האָבן זיי אים געזאָגט: „זיי שלינגען איין אַלע וואַסערן אויף דער וועלט״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך גלייב אייך ניט, ביז איר וועט עס מיר דאָ ניט באַווייזן״. האָבן זיי גענומען דאָס וואַסער וואָס זיי האָבן גענומען פון די וואַסערן פון ים־אוקיאַנוס און אָנגעפילט אַ קריגל וואַסער, און זיי האָבן אַריינגעגעבן [נאָך] וואַסער אין דעם, אָבער דאָס ים וואַסער האָט עס איינגעשלונגען.

לויט ר׳ אליעזרס מיינונג [דערקלערט זיך דער סוף פונעם פסוק]: פון דאָרט שעפּן זיי; לויט ר׳ יהושעס מיינונג — אַהין גייען זיי ווידער[2].

## טז

אַן אַנדער פשט: אַלע טייכן גייען צום ים, — די גאַנצע חכמה פונעם מענטשן איז ניט ערגעץ אַנדערש, נייערט אין הארצן; און דער ים ווערט ניט פול, — און דאָס הארץ ווערט קיין מאָל ניט איבערפולט. וועסטו אפשר זאָגן, אַז וויבאַלד אַ מענטש גיט אַרויס זיין חכמה פונעם הארצן,[1] אַזוי וועט זי זיך שוין מער קיינמאָל צו אים ניט אומקערן? לערנט אונדז דער פסוק: אַהין גייען זיי ווידער[2].

## יז

אַן אַנדער פשט: אַלע טייכן [גייען צום ים], — די גאַנצע תורה וואָס אַ מענטש לערנט איז ניט ערגעץ אַנדערש, נייערט אין הארצן; און דער ים ווערט ניט פול, — און דאָס הארץ ווערט ניט פול, די נשמה איז קיין מאָל ניט זאַט, ווי דער פסוק זאָגט (קהלת ו, ז): וגם הנפש — און דאָך ווערט די זעל ניט אָנגעפילט. וועסטו אפשר זאָגן, אַז ווי באַלד אַ מענטש גיט אַרויס זיין לערנען צו אַן אַנדערן, קערט זיך עס שוין מער ניט אום צו אים? לערנט

---

באַגראָבט (די ערד אונטערן וואַסער). [6]תיווהא — אַ ציטערניש, אַ שרעק. מענטשן ציטערן כסדר, טאָמער קומט ער ניט צוריק. [7]פון רעגן. [8]זיי זאָלן ניט קענען אַוועקנעמען דאָס וואַסער פון די שוואַכע. [9]אַזוי לויטן דרש.

טו. [1]דער גרויסער ים (געוויינלעך: דער מיטללענדישער ים „ים הגדול״, צום אונטערשייד פון די קליינע אינלענדישע ימים, אין ארץ ישראל, ווי דער ים כנרת און ים המלח. [2]ר׳ אליעזר וואָס זאָגט אויבן (סימן יג), אַז די וואָלקנס נעמען זייער וואַסער פון ים, טייטש דעם סוף פון אונדזער פסוק: שם הם שבים ללכת — אַהין גייען זיי (די וואָלקנס) צו שעפּן, טייטשנדיק שבים ווי שואבים, שעפּן. ר׳ יהושע ווידער, וואָס זאָגט דאָרט, אַז די וואָלקנס נעמען פון די אייבערשטע וואַסערן, טייטשט שבים לויטן פשט. די טייכן וואָס ווערן פול פון רעגן וואַסער קערן זיך אום צום ים (מהרז״ו).

מעשה בר׳ אליעזר ור׳ יהושע שהיו פורשין בים הגדול; נכנסה הספינה למקום שהמים לא היו מהלכין. אמר לו ר׳ אליעזר לר׳ יהושע: לא באנו לכאן, אלא לנסיון. מילאו משם חבית מלאה מים. מכיון דאתון לרומי, אמר לון אדריאנוס: „מי אוקיינוס מה הן?״ אמרין ליה: „מים בולעין הן למים״. ואמר לון: „אפשר כל הנחלים שם, ואינם מתמלאין?״ אמרין ליה: „בולעין הן לכל מים שבעולם״. אמר לון: „איני מאמין לכם, עד דתחמון לי לכאן.״ נסבון המים שלקחו ממי אוקיינוס ומלין לוקניתא מים, והוון יהבין בגויה מים, והן בולעין להון.

על דעתיה דר׳ אליעזר משם הם שואבין; ועל דעתיה דר׳ יהושע לשם הם שבים ללכת.

טז

ד״א: כל הנחלים הולכים אל הים, — כל חכמתו של אדם אינה אלא בלב; והים איננו מלא, — והלב איננו מתמלא לעולם. תאמר, שמשעה שאדם מוציא חכמתו מלבו, שוב אינה חוזרת עליו לעולם? תלמוד לומר: שם הם שבים ללכת.

יז

ד״א: כל הנחלים, — כל התורה שאדם לומד אינה אלא בל, והים איננו מלא, — והלב איננו מלא, לא הנפש שבעה לעולם שנאמר: וגם הנפש לא תמלא. תאמר, שמשעה שאדם מוציא את תלמודו לאחר, שוב אינה חוזרת עליו? תלמוד לומר: שם הם שבים ללכת, דכתיב (דברים ו): והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך.

מטרונה אחת שאלה את ר׳ יוסי בר חלפתא; אמרה ליה: „מהו דין שנאמר (דניאל ב): יהב חכמתא לחכימין? לא היה צריך

---

אונדז דער פסוק: אַהין גייען זיי ווידער, ווי עס שטייט געשריבן (דברים ו, ו): והיו הדברים האלה — און די דאָזיקע ווערטער וואָס איך באַפעל דיר היינט וועלן זיין[1] אין דיין האַרצן.[2]

איינע אַ מאַטראָנע האָט אַ מאָל געפרעגט ר׳ יוסי בן חלפתאן אַ פראַגע: „וואָס מיינט דאָס וואָס דער פסוק זאָגט (דניאל ב, כא): יהב — ער גיט חכמה צו די חכמים און וויסן צו די וואָס ווייסן פאַרשטאַנדיקייט? דער פסוק

---

טז. [1] לערנענדיק זי אַ צווייטן מענטשן. [2] דווקא דורך לערנען יענעם ווערט דעם מענטשנס חכמה באַרייכערט.

יז. [1] אַזוי לויטן דרש. [2] כאָטש ווייטער שטייט דאָרט: ושננתם — און דו זאָלסט זיי

האָט ניט אַנדערש געדאַרפט זאָגן, נייערט: ער גיט חכמה צו ניט קלוגע און וויסן צו די וואָס ווייסן ניט קיין פאַרשטאַנדיקייט!" האָט ער געזאָגט צו איר: „[איך וועל דיר עס דערקלערן מיט] אַ משל: אויב עס קומען צו דיר צוויי מענטשן צו לייען געלט ביי דיר, איינער פון זיי איז רייך און דער אַנדערער איז אָרים, — וועמען פון זיי וועסטו אַנטלייען, דעם רייכן, צי דעם אָרימען?" האָט זי געזאָגט צו אים: „דעם רייכן". האָט ער איר געזאָגט: „פאַרוואָס?" האָט זי געזאָגט צו אים: „ווייל אויב דער רייכער וועט האָבן פאַרלוירן מיין געלט, האָט ער פון וואַנען צו באַצאָלן; אויב אָבער דער אָרימער וועט האָבן פאַרלוירן מיין געלט, — פון וואַנען וועט ער מיר באַצאָלן?" האָט ער איר געזאָגט: „זאָלן ניט דיינע אויערן הערן וואָס דו ברענגסט אַרויס פון דיין מויל? ווען גאָט וואָלט געגעבן חכמה צו די נאַראָנים, וואָלטן זיי געזעסן און זיך פאַרנומען מיט דעם אין אָפּטריט־הייזער און אין שפּיל־הייזער און אין באָד־הייזער. נייערט הקדוש ברוך הוא האָט געגעבן חכמה צו די חכמים, זיצן זיי און פאַרנעמען זיך מיט דעם אין שולן און אין בתי מדרשים. דאָס מיינט דער פּסוק: יהב — ער גיט חכמה צו די חכמים און וויסן צו די וואָס ווייסן פאַרשטאַנדיקייט.

## יח

אַן אַנדער פּשט: אַלע טייכן גייען צום ים, — אַלע גרים קומען ניט אַריין ערגעץ אַנדערש, נייערט אין ישראל; און דער ים ווערט ניט פול, — אָבער ישראלס [אייגענע] צאָל איז קיין מאָל ניט פעליק[1], ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר כג, י): מי מנה — ווער האָט געציילט דעם שטויב פון יעקב.

וועסטו אפשר זאָגן, אַז איטלעכער וואָס איז זיך ניט מגייר אויף דער וועלט וועט זיך קענען מגייר זיין אויף יענער וועלט?[2] לערנט אונדז דער פּסוק (ישעיה נד, טו): הן — זע, דער גר וואָס וועט זיך מגייר זיין[3] פון איצט און ווייטער, אפס — איז ניט מיט מיר, דערווייטערט פון מיר; ווער וועט זיין מיט מיר? מי גר — ווער עס איז זיך מגייר מיט דיר אויף דער וועלט, עליך יפול — וועט צו דיר צופאַלן[4] אויף יענער וועלט. ר' יוחנן האָט געזאָגט: און ניט נאָר דאָס, נייערט אין דעם אָרט וואו ער איז זיך מגייר, דאָרט וועט ער באַקומען זיין חלק, ווי דער פּסוק זאָגט (יחזקאל מז, כג): והיה — און עס זאָל זיין, אין דעם שבט וואָס ביי אים וועט זיך דער גר מגייר זיין[5], דאָרטן זאָלט איר געבן זיין נחלה.

---

איינלערנען צו דיינע קינדער, איז אָבער פאַראַן דער צוזאָג, אַז זיי וועלן אַלעמאָל בלייבן אין האַרצן. — די דאָזיקע דרשה איז איי[illegible]טלעך נאָר אַן אַנדער ווערסיע פון דער פריי־ערדיקער, און חכמה איז פאַרן בעל המדרש געוויינלעך אידענטיש מיט תורה.

יח. [1] אזוי ווי דער ים איז פול פון זיך אַליין, און דאַרף ניט אָנקומען צו די טייכן וואָס גייען אַריין אין אים, אזוי האָט ישראל אַלע מאָל זיין אייגענע צוגעזאָגטע צאָל, און ער דאַרף ניט פול ווערן דורך די גרים וואָס קומען אַריין אין אים. [2] ווען משיח וועט קומען. [3] געטייטשט לויטן דרש, און אזוי אויך די ווייטערדיקע טיילן פונעם פּסוק. [4] אזוי געטייטשט לויט בראשית כה, יח און דברי הימים א, יב, כ. [5] אזוי לויטן דרש.

קרא למימר, אלא: "יהב חכמתא ללא חכימין, ומנדעי ללא ידעי בינה!" אמר לה: "משל: אם יבואו אצלך שני בני אדם ללוות ממך ממון, אחד מהן עשיר ואחד מהן עני, — לאיזה מהן את מלוה, לעשיר או לעני? אמרה לו: "לעשיר". אמר לה: "ולמה?" אמרה לו: "שאם אובד העשיר ממוני, יש לו מהיכן יפרע; אבל אם איבד העני ממוני, מאין יפרע לי?" אמר לה: "ולא ישמעו אזניך מה שאת מוציאה מפיך? אילו נתן הקב"ה חכמה לטפשים, היו יושבים והוגין בה בבתי כסאות ובבתי תיאטריאות ובבתי מרחצאות. אלא נתן הקב"ה חכמה לחכימין, והם יושבין והוגין בה בבתי כנסיות ובבתי מדרשות. הוי: יהיב חכמתא לחכימין ומנדעא לידעי בינה".

יח

ד"א: כל הנחלים הולכים אל הים, — כל הגרים אינן נכנסין אלא בישראל; והים איננו מלא, — וישראל ממניינן אינן חסרין לעולם, שנאמר (במדבר כג): מי מנה עפר יעקב.

שמא תאמר, שכל מי שאיננו מתגייר בעולם הזה מתגייר בעולם הבא? תלמוד לומר (ישעיה נד): הן גר יגור מכאן ואילך, אפס מאותי — הפסק מאתי; מאן גבי? מי גר אתך בעולם הזה, עליך יפול לעולם הבא. אמר ר' יוחנן: ולא עוד, אלא במקום שהוא מתגייר, משם הוא נוטל חלקו, שנאמר (יחזקאל מז): והיה בשבט אשר גר הגר [אתו, שם תתנו נחלתו].

יט

ד"א: כל הנחלים הולכים אל הים, — כל המתים אינן נכנסין אלא לשאול, והשאול אינו מתמלא לעולם, שנאמר (משלי כז): שאול ואבדון לא תשבענה, וגו'. תאמר, משהם מתים בעולם הזה שוב אינם חיים לעולם הבא? תלמוד לומר: אל מקום שה־

---

יט

אַן אַנדער פשט: אַלע טײַכן גײען צום ים, — אַלע געשטאָרבענע גײען ניט אַרײַן ערגעץ אַנדערש, נײַערט אין שאול[1], און דער שאול ווערט קײן מאָל ניט פול, ווי דער פסוק זאָגט (משלי כז, כ): שאול ואבדון — דער שאול און דער אומקום ווערן ניט זאַט. ווערסטו אפשר זאָגן, אַז נאָך זײער שטאַרבן אויף דער וועלט וועלן זײ שוין מער ניט לעבן אויף יענער וועלט? לערנט אונדז דער פסוק: אל מקום — צו דעם אָרט וואוהין די טײַכן גײען,

---

יט. [1] לײַען שעאָל, אונטערערד, וואו די געשטאָרבענע געפינען זיך.

אַהין גייען זיי ווידער, — צו דעם אָרט וואו די געשטאָרבענע פאַרזאַמלען זיך אויף יענער וועלט, אַהין גייען זיי ווידער, און זיי זיינען אָנגעברייט צו זאָגן שירה אין די טעג פון משיחן. פון וואַנען איז עס געדרונגען? (ישעיה כד, טז): מכנף הארץ — פון עק ערד האָבן מיר געזאַנגען געהערט; און נאָך זאָגט דער פסוק (דאָרט כו, יט): יחיו — עס וועלן אויפלעבן דיינע געשטאָרבענע; די טויטע לייבער וועלן אויפשטיין.

כ

אַן אַנדער פשט: אַלע טייכן גייען צום ים, — אַלע יידן זאַמלען זיך ניט צונויף ערגעץ אַנדערש, נייערט אין ירושלים, און זיי זיינען עולה רגל יאָר־איין יאָר־אויס; און דער ים ווערט ניט פול, — און ירושלים ווערט קיין מאָל ניט איבערפולט, ווי מיר האָבן געלערנט[1]: מע פלעגט שטיין אין ענגשאַפט און זיך בוקן אין רחבות. ר' שמואל בר חובה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' אחאן: אַ בלויז פון פיר איילן [פלעגט ווערן] צווישן איטלעך איינעם און אַן אייל אויף יעדער זייט, כדי איינער זאָל ניט הערן די תפילה פונעם צווייטן און אַ טעות מאַכן[2]. אל מקום — צו דעם אָרט וואוהין די טייכן גייען, — אין דעם אָרט וואו יידן זאַמלען זיך צונויף אויף דער וועלט, דאָרט וועלן זיי זיך צונויפזאַמלען אויף יענער וועלט, לעתיד לבוא, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כז, יג): והיה — און עס וועט זיין, אין יענעם טאָג וועט געבלאָזן ווערן מיט אַ גרויסן שופר, און עס וועלן קומען די פאַרלוירענע אין לאַנד פון אשור, און די פאַרשטויסענע אין לאַנד פון מצרים, און זיי וועלן זיך בוקן צו גאָט אויפן הייליקן באַרג אין ירושלים.

כא

אַן אַנדער פשט אַלע טייכן גייען צום ים, — דאָס גאַנצע געלט קומט ניט אַן ערגעץ אַנדערש, נייערט צו מלכות אדום[1], און מלכות אדום ווערט קיין מאָל ניט פול; דען ר' לוי האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (משלי כז, כ): ועיני האדם — און די אויגן פון דעם מענטשן ווערן ניט זאַט, — [לייען:] און די אויגן פון אדום ווערן ניט זאַט. ווערסטו אפשר זאָגן, אַז ווי באַלד דאָס געלט איז אַריין אין אדום, אַזוי וועט עס שוין מער זיך ניט אומקערן צו זיין בעל הבית? לערנט אונדז דער פסוק: צו דעם אָרט וואוהין די טייכן גייען, אַהין גייען זיי ווידער, — פון דעם אָרט וואו דאָס געלט ווערט אויפגעזאַמלט, אין מלכות אדום, אויף דער וועלט, פון דאָרט וועט זיך עס צעשפּרייטן אין די טעג פון משיחן, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה כג, יח): והיה סחרה — און איר פאַרדינסט און איר גאָב וועט זיין הייליק צו גאָט.

ר' ישמעאל בר' יוסי האָט געפרעגט רבין אַ פראַגע: „וואָס מיינט דאָס וואָס איז געשריבן (דאָרט): כי — דען פאַר די וואָס זיצן פאַר גאָט וועט זיין איר פאַרדינסט?" האָט ער אים געזאָגט: אָט ווי דו און דיינע חברים און די

---

כ. [1] אבות ה, ה. [2] אין זיין אייגענער תפילה.

כא. [1] רוים. [2] וועגן דער אָרימקייט פון די תלמידי חכמים, וואָס האָבן צומאָל קיין רעכטן בגד ניט געהאַט אויף זיך. זע ירושלמי פאה ח, ז, און רות רבה ו, יב (אין אונדזער

נחלים הולכים, שם הם שבים ללכת. — **למקום שהמתים מתכנסין לעולם הבא, שם הם שבים, ועתידים לומר שירה לימות המשיח. מה טעם?** (ישעיה כד): מכנף הארץ זמירות שמענו, **ואומר** (שם כו): יחיו מתיך, נבלתי יקומון.

כ

**ד״א:** כל הנחלים הולכים אל הים — **כל ישראל אינם מתכנסין אלא לירושלים, ועולים בפעמי רגלים בכל שנה ושנה;** והים איננו מלא, — **וירושלים אינה מתמלאת לעולם, דתנינן: עומדין צפופים ומשתחוים רווחים. ר׳ שמואל בר חובה בשם ר׳ אחא אמר: ארבע אמות ריוח בין כל אחד ואחד ואמה מכל צד, כדי שלא יהא שומע תפילתו של חבירו ויטעה.** — אל מקום שהנחלים הולכים, — **למקום שישראל מתכנסין בעולם הזה, שם הם מתכנסין לעולם הבא, לעתיד לבא, שנאמר** (שם כז): והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול, ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים, והשתחוו לה׳ בהר הקדש בירושלים.

כא

**ד״א:** כל הנחלים הולכים אל הים, — **כל הממון אינו עולה אלא למלכות אדום, ומלכות אדום אינה מתמלאת לעולם; דאמר ר׳ לוי: כתיב** (משלי כז): ועיני האדם לא תשבענה, — **ועיני אדום לא תשבענה. תאמר, משהממון נכנס באדום, שוב אינו חוזר לבעליו? תלמוד לומר:** אל מקום שהנחלים הולכים, שם הם שבים ללכת, — **למקום שהממון מתכנס, למלכות אדום, בעולם הזה, משם הוא מתפזר לימות המשיח, דכתיב** (ישעיה כג): והיה סחרה ואתננה קדש לה׳, **וגו׳.**

**ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי בעא קמיה רבי; אמר ליה: „מהו דין דכתיב** (שם): כי ליושבים לפני ה׳ יהיה סחרה? **אמר ליה: „כגון את וחבריך ושני עטופי סדינים כיוצא בך, שאין אתם חשובים בעצמכם כלום״. [ד]אמר ר׳ ירמיה בן אלעזר: עתיד הקב״ה**

---

צוויי אַנדערע וואָס זיינען איינגעהילט אין ליילעכער[2] ווי דו, וואָס איר האַלט ניט פון זיך גאָרניט. [דען][3] ר׳ ירמיה בן אלעזר האָט געזאָגט: הקדוש ברוך

---

אויסגאַבע זייט 123): האָבן די חכמים געוויינט און געזאָגט „אַזוי ווי אונדזער אָנטועכץ אין דער וואָכן, אזוי איז אונדזער אָנטועכץ אום שבת״. [3] מיר האָבן דאָ צוגעגעבן דאָס וואָרט דען און אזוי אויך ווייטער דאָס וואָרט און, און דורך דעם באַקומט זיך, אַז רבי אַליין ברענגט די ווערטער פון ר׳ ירמיה בן אלעזר (אַ תנא פון פערטן—פינפטן דור) זיך

הוא איז אָנגעברייט צו באַנייען די ליכטיקייט פון די פּנימער פון צדיקים לעתיד לבוא; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (שופטים ה, לא): ואוהביו — און זיינע ליבהאָבער וועלן זיין ווי דער אויפגאַנג פון דער זון אין איר שטאַרקייט. [און][4] אַזוי ווי ער וועט באַנייען זייערע פּנימער, אַזוי וועט ער באַנייען זייערע בגדים, — היינטיקן טאָג האַלב־זיידנס, צו מאָרגנס — גאַנץ־זיידנס״. האָט ער אים [ווידער] געזאָגט: „וואָס מיינט דאָס וואָס שטייט געשריבן (ישעיה דאָרט): לאכל — צו עסן צו זאַט און פאַר אַ צודעק אַ טייערן?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „היינטיקן טאָג האַלב־זיידנס[5], און צו מאָרגנס גאַנץ זיידנס.״

## כב

כל הדברים — אַלע ווערטער ווערן מיד; קיין מענטש קען עס ניט אַרויס־רעדן. פּוסטע רייד פאַרמאַטערן אַ מענטשן. [למשל, ווען איינער זאָגט:] „קורא היום״ (אַ פעלדהון היינט) [און ער מיינט] — [אַ פעלדהון] מאַרי־נירט אין קנאָבל[1]; „סלע כעופרת״ (אַ סלע ווי בליי) — [געשניטן אין] קליינע שטיקלעך[2]; „מתפללות בטור מסכן״ (מע דאַוונט אויפן אָרימאַנס באַרג) — די שטיקלעך זיינען געבראָטן מיט זענעפט[3]; „שור משפט בטור מסכן״ (אָקס פון משפט אויפן אָרימאַנס באַרג) — שפּינאַט מיט זענעפט[4].

ביי ר׳ יונתן זיינען די האָר אויסגעפאַלן. איז ער אַוועק קיין מגדלה פון די פאַרבערס [5] זיך צו היילן. איז דאָרט געווען איינער אַ שערער. האָט ער אים געזאָגט: „ביסט אַהער געקומען פון וועגן דיינע האָר, זיי אויסצוהיילן?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „זיי שטראָמען אַרויס פונעם לייב,[6] און אָט האָב איך געזען, אַז דאָ איז פאַראַן אַ רפואה[7] עס אויסצוהיילן; האָב איך זיך אַריבערגעטראָגן אַהער אונטערצואיילן די היילונג״. האָט זיך דער שערער אויפגעהויבן און זיך געבוקט צו זיינע פיס און געזאָגט צו אים: „ערשט נעכטן אין אָוונט, איידער דער רבי איז געקומען, האָט מען דאָ געשמועסט [וועגן אַ רפואה פאַר דיר]״.

---

צו שטיצן אויף זיי; ממילא איז ניט נויטיק צו ענדערן די אָרדנונג פונעם טעקסט, ווי עס שלאָגט פאָר דער מהרז״ו און אין זיינע פּוס־טריט — די ענגלישע אויסגאַבע פון סאָנ־טשינאָ (זייט 25, באַמ. 1). [4] זע באַמ. 3. [5] טעקסט געביטן לויטן מהרז״ו (יאַסטראָוו מיינט, אַז ארסקינון איז מעגלעך אַ פאַרגרייזונג פונעם גריכישן איריוקסילון, וואָס מיינט באַוול״.

כב. [1] יום, טאָג, איז אויף אַראַמיש יומא, וואָס איז ענלעך צו תומא, קנאָבל (בייטנ־דיק אין טעקסט שמה אויף שומים, קנאָבל). דאָס און די ווייטעריקע זיינען ביישפּילן פון רעדן אין אַ פאַרשטעלט לשון, מיט ווערטשפּילן. [2] סלע איז אַ מטבע, געלט — מעות; און פאַרבייטנדיק די תו אויף אַ טית, מאַכט עס מיעוט, ווייניק, קליין; עופרת, בליי, איז אויף אַראַמיש אבר, און אבר אין העברעאיש מיינט אַ גליד, אַ טייל, — אַ שטיקל. [3] מתפללות — דאַוונען, איז אויף אַראַמיש צליין, און צלי אויף העברעאיש מיינט גע־בראָטנס. טור איז אויף אַראַמיש אַ באַרג, הר אויף העברעאיש, און מסכן איז אַן אָרימאַן, דל; און די צוויי ווערטער צוזאַמען (פאַרבייטנדיק די הא אויף אַ חית) מאַכן חרדל, זענעפט. — מיר האָבן אין טעקסט געביטן שרוין (געווייקט) אויף צלוין, געבראָטן (די צדי און די למד פאַרבייטן זיך לייכט אויף אַ שין און אַ ריש), און חתיכות, שטיקער, וואָס קוקט

לחדש מאור פניהם של צדיקים לעתיד לבא; הא כמד״א (שופטים ה): ואוהביו כצאת השמש בגבורתו. [ו] כשם שהוא מחדש פניהם, כך הוא מחדש לבושיהם. — יומא דין סימיסריקון, מחר אולוס-ריקון. א״ל: „מהו דין דכתיב (ישעיה כג): לאכל לשבעה ולמכסה עתיק?״ א״ל: „יומא דין (ארסקינון) [סימיסריקון] ולמחר או-לוסריקון.

כב

(ח) כל הדברים יגעים, לא יוכל [איש לדבר]. דברי הבטלה מיגעין את האדם: „קורא היום״ — כבוש (שמה) [שומים]; „סלע בעופרת״ — מעוט חתיכות; „מתפללות בטור מסכן״ — חתוכין (שרויין חתוכין) [צלויין בחרדל]; „שור משפט בטור מסכן״ — תרדין בחרדל.

ר׳ יונתן נשר שעריה; אזל להדה מגדלה בצבעיה מיתאסייא. הוה תמן חד ספר. אמר: „בשביל שערך באתה לכאן לרפאותו?״ א״ל: „שיטפו מאלל, והא סכית, שיש בה (סעל) [תעל] לרפאותו; ואני הועתקתי לכאן להחיש מחיה״. קם ורבע ליה על רגליו; אמר ליה: „כאן בריש משתעי קמיה דרב באורתא״.

כג

ד״א: כל הדברים יגעים, — דברי אומנות מיגעין. ר׳ אלעזר בשם ר׳ חנינא בריה דר׳ אבהו אמר: הדין עובדא הוה באיתתא, שהוליכה את בנה אצל הנחתום בקיסרין; אמרה ליה: „אליף ית בני אומנות״. אמר לה: „ישב אצלי חמש שנים, ואני מלמדו חמש

---

כג

אַן אַנדער פשט: אַלע ווערטער ווערן מיד, — ווערטער פון מלאכה מאַכן מיד. ר׳ אלעזר אין נאָמען פון ר׳ חנינא דעם זון פון ר׳ אבהו האָט געזאָגט: ס׳איז געווען אַ מעשה מיט אַ פרוי וואָס האָט געבראַכט צו פירן איר זון צו אַ בעקער אין קסריה, און אים געזאָגט: „לערן אויס מיין זון די מלאכה״. האָט ער געזאָגט צו איר: „זאָל ער זיין ביי מיר פינף יאָר, און איך וועל אים אויס-לערנען [צוצוגרייטן] פינף הונדערט מינים [מאכלים] פון ווייץ״. איז ער

---

אויס ווי אַן איבערחזרונג פון פריערדיקן, אויף חרדל, ווי ווייטער. [4] שור משפט (אָקס פון משפט) איז אויף אַראַמיש תור דין, און אין איין וואָרט, אַרויסלאָזנדיק די וו, — תרדין, שפינאַט (לויט אַנדערע — אַזאַ בוריק); טור מסכן — חרדל, — ווי אויבן. וועגן די אַלע איינטייטשונגען זע מתנות כהונה און רד״ל; זע אויך די סאַנטשינאָ אויסגאַבע, זייט 25). [5] אין דער געגנט פון טבריה. [6] גענוצט ניט געוויינלעכע, מליצהדיקע ווערטער אין אַ שמועס וועגן אַ פשוטן ענין, און אַזוי ווייטער די אַלע אונטערגעשטראָכענע ווערטער אינעם טעקסט. [7] טעקסט ענדערונג לויט רד״ל און מתנות כהונה.

געווען ביי אים פינף יאָר, און ער האָט אים אויסגעלערנט פינף הונדערט מינים [מאכלים] פון ווייץ; און ער האָט געזאָגט צו איר: „זאָל ער זיצן ביי מיר נאָך פינף יאָר, און איך וועל אים אויסלערנען טויזנט מינים פון ווייץ". און וויפיל מינים [מאכלים] פאַרמאָגט ווייץ? די רבנן זאָגן: דער ווייץ פון מנית איז ווייץ אָן אַ צאָל[1]; ר' אחא האָט געזאָגט: פינף הונדערט מינים פאַרמאָגט דער ווייץ, ווי דער באַטרעף פון מנית.[2] ר' חנינא און ר' יונתן זיינען ביידע געזעסן און האָבן גערעכנט, און זיינען געבליבן שטיין ביי זעכציק.[3]

און נאָך האָט ר' אלעזר געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוסין[4]: ס'איז געווען אַ מעשה מיט איינער אַ פרוי וואָס האָט געבראַכט צו פירן איר זון צו אַ סאַרווער און אים געזאָגט: „לערן אויס מיין זון די מלאכה". האָט ער געזאָגט צו איר: „זאָל ער זיין ביי מיר פיר יאָר, און איך וועל אים אויסלערנען הונדערט מינים [געריכטן] פון אייער". איז ער געווען ביי אים פיר יאָר, און ער האָט אים אויסגעלערנט הונדערט מינים [געריכטן] פון אייער. און ער האָט געזאָגט צו איר: „זאָל ער זיין ביי מיר נאָך פיר יאָר, און איך וועל אים אויסלערנען נאָך הונדערט מינים [געריכטן] פון אייער". אַז רבי[5] האָט עס געהערט, האָט ער געזאָגט: מיר האָבן [אַזאַ] גוטס אויף אונדזער לעבן ניט געזען.

## כד

אָן אַנדער פשט: אַלע ווערטער ווערן מיד — ווערטער פון מינות[1] פאַר־מאַטערן אַ מענטשן. ס'איז געשען אַ מעשה מיט ר' אליעזרן[2], אַז ער איז געכאַפּט געוואָרן איבער מינות[3]. האָט אים דער מושל גענומען און אַרויפ־געבראַכט אויף אַ געשטעל אים צו משפטן. ער האָט אים געזאָגט: „רבי, אַזאַ אדם גדול ווי דו זאָל זיך פאַרנעמען מיט די דאָזיקע פוסטע זאַכן?" האָט ער געזאָגט צו אים: „איך האָב נאמנות אין שופט!" האָט יענער געמיינט, אַז וועגן אים האָט ער עס געזאָגט; ער האָט עס אָבער געזאָגט ניט אַנדערש, נייערט פון וועגן דעם אייבערשטן. האָט ער אים געזאָגט: „ווי באַלד אַז דו לייגסט נאמנות אויף מיר, איז האָב איך אויך געטראַכט און געזאָגט: איז עס מעגלעך, אַז די דאָזיקע ישיבות זאָלן פאַרפירט ווערן פון אַזעלכע פוסטע זאַכן? פאַרגעבן! ביסט פריי". נאָך דעם ווי ר' אליעזר איז באַפרייט געוואָרן פונעם געשטעל, האָט ער זיך מצער געווען, וואָס ער איז געכאַפּט געוואָרן איבער ווערטער פון מינות. זיינען אַריין צו אים זיינע תלמידים אים צו טרייסטן, אָבער ער האָט [די טרייסט ווערטער] ניט אָנגענומען. איז אַריין

כג. [1] מנין — מנית. (זע יחזקאל כז, יז). טעקסט געענדערט לויט איכה רבה ג, ו (אונדזער אויסגאַבע זייט 289; זע דאָרט באַמערקונגען). [2] מנית באַטרעפט לויט דער נומערישער ווערט פון די אותיות 500. — אין איכה רבה איז דער נוסח פאַרקערט: די ערשטע מימרא ווערט דאָרט געבראַכט אין נאָמען פון ר' אחאן, די צווייטע — אין נאָמען פון די רבנן (אויסער נאָך קליינע שינויים). [3] זיי האָבן געלעבט נאָכן חורבן, און די

מאות מינין בחטה". ישב אצלו חמש שנים, ולמדו חמש מאות מינין בחטה, ואמר לה: "ישב אצלי חמש שנים אחרות, ואני מלמדו אלף מינין בחטה". וכמה מינין אית בחטה? רבנן אמרי: בחטי מנית, — חטין (דמנין) [דלא מנין]; ר' אחא אמר: חמש מאות מינין בחטה, מנין מנית. ר' חנינא ור' יונתן תרויהון יתבון וחשבון וקומון על שתין.

ועוד ר' אלעזר בשם ר' יוסי אמר: עובדא הוה בהדא איתתא בקיסרין, שהוליכה את בנה אצל חד פרכוניס; אמרה ליה: "למד את בני אומנות". אמר לה: "ישב אצלי ארבע שנים, ואני מלמדו מאה מינין בביצה". וישב אצלו ארבע שנים ולמדו מאה מינין בביצה. אמר לה: "ישב עמי ארבע שנים אחרות, ואני מלמדו מאה מינין אחרים בביצה". שמע רבי ואמר: לא ראינו טובה מימינו.

כד

ד"א: כל הדברים יגעים, — דברי מינות מיגעין את האדם. מעשה ברבי אליעזר, שנתפס לשום מינות. נטלו אותו הגמון והעלו על הבימה לדון אותו. אמר לו: "רבי, אדם גדול כמותך יעסוק בדברים בטלים הללו?" א"ל: "נאמן עלי הדיין!" והוא סבר, שבשבילו אמר; והוא לא אמר, אלא לשום שמים. א"ל: "מאחר שהאמנתני עליך, אף אני הייתי סבור ואומר: אפשר שישיבות הללו טועות הן בדברים בטלים הללו? דימוס! פטור אתה." אחר שנפטר ר' אליעזר מן הבימה, היה מצטער על שנתפס על דברי מינות. נכנסו תלמידיו אצלו לנחמו, ולא קבל. נכנס ר' עקיבא אצלו; א"ל: רבי, שמא אחד מן המינין אמר לפניך דבר, וערב לפניך?" אמר לו: "הן, — השמים! הזכרתני. פעם

---

צו אים ר' עקיבא און האָט אים געזאָגט: "רבי, אפשר האָט איינער פון די מינים געזאָגט פאַר דיר אַ וואָרט, און עס איז דיר געווען אָנגעלייגט[4]?" האָט ער געזאָגט צו אים: "יאָ, — ביי גאָט! דו האָסט מיר דערמאָנט. איך בין

אַמאָליקע שפּע איז שוין מער ניט געווען. [4] אין איכה רבה איז דער נוסח: ר' אלעזר בר' יוסי האָט געזאָגט. [5] אין איכה רבה — ר' שמעון בן חלפתא (און זע אויבן, באַמ. 3).

כד. [1] אפּיקורסות, אַנדערשגלויביקייט. מערסטנס ווערט אונטער דעם פאַרשטאַנען דאָס אויפקומענדיקע קריסטנטום, און אונטער מינים — די יידן־קריסטן. [2] ר' אליעזר בן הורקנוס, אָדער ר' אליעזר הגדול. [3] איבערן חשד, אַז ער האָט געהערט צו דער סעקטע קריסטן. דאָס איז געווען אין דער צייט פון אדריאנוסן, וואָס האָט גערודפט די קריסטן. [4] און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ חשד, אַז ער האַלט מיט די קריסטן. אָדער:

איין מאָל געגאַנגען אין דער הויפּט גאַס פון ציפּורי, איז צוגעקומען צו מיר איינער אַ מענטש מיטן נאָמען יעקב פון כפר סכניא, און ער האָט מיר געזאָגט אַ וואָרט [אין נאָמען פון ישוע בן פנטירי][5], און דאָס וואָרט האָט מיר הנאה געטאָן. און דאָס איז געווען דאָס וואָרט: 'אין אייער תורה שטייט געשריבן דברים כג, יט): לא תביא — זאָלסט ניט ברענגען די גאָב פון אַ זונה און דאָס געצאָלט פון אַ הונט [אין דעם הויז פון גאָט דיין גאָט], — ווי איז מיט דעם[6]?' האָב איך געזאָגט צו אים: זיי זיינען געאַסרט. האָט ער מיר געזאָגט: 'אויף אַ קרבן זיינען זיי געאַסרט; מעג מען זיי אָבער פאַרניכטן[7]?' האָב איך געזאָגט צו אים: אויב אַזוי, וואָס זשע קען מען טאָן מיט זיי? האָט ער מיר געזאָגט:'זאָל מען מאַכן פון זיי באָד־הייזער און אָפּטריט־הייזער.' האָב איך געזאָגט צו אים: גוט האָסטו געזאָגט. און גראָד דאַן איז פאַרהוילן געוואָרן פון מיר די הלכה[8]. ווי באַלד ער האָט געזען, אַז איך האָב מסכים געווען מיט זיינע ווערטער, האָט ער מיר געזאָגט: '[אַזוי האָט מיך געלערנט ישוע בן פנטירי:][9] פון שמוץ איז עס געקומען און צו שמוץ זאָל עס גיין, ווי דער פּסוק זאָגט (מיכה א, ז): כי מאתנן זונה — דען פון זונה־גאָב האָט זי זיי אויפגעקליבן, און צו זונה גאָב זאָלן זיי זיך אומקערן, — זאָל מען פון זיי מאַכן אָפּטריטן פאַר קהל'. און דאָס האָט מיר הנאה געטאָן, און צוליב דעם בין איך געכאַפּט געוואָרן איבער מינות. און ניט נאָר דאָס, נייערט איך האָב נאָך עובר געווען אויף דעם וואָס איז געשריבן אין דער תורה (משלי ה, ח): הרחק — דערווייטער פון איר דיין וועג, און דו זאָלסט ניט גענענען צום איינגאַנג פון איר הויז, — דערווייטער פון איר דיין וועג, דאָס איז מינות, דו זאָלסט ניט גענענען צום איינגאַנג פון איר הויז, דאָס איז זנות; פאַרוואָס? (דאָרט ז, כו) כי רבים — דען פיל דערשלאָגענע האָט זי אַוועקגעלייגט, און אַ סך זיינען אירע דערהרגעטע." — ביז ווי ווייט[10]? ר' חסדא האָט געזאָגט: ביז פיר איילן.

איבער דעם [11] איז געשטאָרבן ר' אלעזר בן דמא, דער זון פון ר' ישמע־אלס שוועסטער. דען אַ שלאַנג האָט אים אַ ביס געטאָן; איז געקומען יעקב פון כפר סכניא[12] אים צו היילן אין נאָמען פון יענעם[13], אָבער ר' ישמעאל האָט אים ניט געלאָזט. ער האָט געזאָגט: „דו טאָרסט ניט, בן דמא!" האָט ער

---

און דערפאַר איז ער געשטראָפט געוואָרן מן השמים. [5] צוגעגעבן לויט תוספתא חולין ב, כד. אין די ראַם אויסגאַבעס געפינט זיך דאָ, און אַזוי אויך ווייטער, אַ בלויז, אַרויפּ־געצוואונגען פון דער צענזור. אין אַנדערע אויסגאַבעס געפינט זיך דער אויסדרוק משום פלוני, אין נאָמען פון יענעם. (אין די השמטות הש"ס צו עבודה זרה יז, א, איז דער נוסח: און איך האָב דאָרט געטראָפן איינעם פון ישו הנוצרים תלמידים). [6] נאָכדעם ווי מע האָט זיי געהייליקט צום בית המקדש (מהרז"ו). [7] און עובר זיין אויף בל תשחית. [8] אַז מע טאָר זיך ניט צוהערן צו די ווערטער פון מינים. [9] צוגעגעבן לויט די השמטות הש"ס, דאָרט. (דער נוסח דאָרט איז איןביידע פאַלן ישו הנוצרי; מיר האָבן זיך געריכט לויטן נוסח פון דער תוספתא). [10] דאַרף מען זיי אויסמיידן. [11] איבער דעם איסור ניט צו האָבן צו טאָן מיט די מינים. [12] אין תוספתא חולין ב, כב, איז דער נוסח כפר סמא און אַזוי אויך ווייטער, ז, מז. [13] פון ישו הנוצרי; אין תוספתא איז דער נוסח ווי אויבן:

אחת הייתי עולה באיסטרטא של צפורי, ובא אלי אדם אחד, ויעקב איש כפר סכניא שמו, ואמר לי דבר אחד [משום ישוע בן פנטירי], והנאני הדבר. ואותו הדבר היה: 'כתוב בתורתכם (דברים כג): לא תביא אתנן זונה ומחיר כלב, — מה הן?' אמרתי לו: אסורין. אמר לי: 'לקרבן אסור, לאבדן מותר?' אמרתי לו: ואם כן מה יעשה בהם? אמר לי: 'יעשה בהן בתי מרחצאות ובתי כסאות'. אמרתי לו: יפה אמרת. ונתעלמה ממני הלכה לשעה. כיון שראה שהודיתי לדבריו, אמר לי: '[כך למדני ישוע בן פנטירי] מצואה באו ולצואה יצאו, שנאמר (מיכה א): כי מאתנן זונה קבצה, ועד אתנן זונה ישובו, — יעשו כורסוון לרבים'. והנאני, ועל אותו דבר נתפסתי לשום מינות. ולא עוד, אלא שע-ברתי על מה שכתוב בתורה (משלי ה): הרחק מעליה דרכך, ואל תקרב אל פתח ביתה, — הרחק מעליה דרכך, זו המינות, ואל תקרב אל פתח ביתה זו זנות; למה? (שם ז): כי רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגיה". עד כמה? אמר ר' חסדא: עד ארבע אמות.

מכאן היה מת ר' אלעזר בן דמא, בן אחותו של ר' ישמעאל. שנשכו נחש. ובא יעקב איש כפר סכניא לרפאותו בשום פלוני, ולא הניחו ר' ישמעאל. אמר: „אין אתה רשאי, בן דמא". אמר לו: „הנח לי, ואני אביא לך ראיה מן התורה, שהוא מותר". ולא הס-פיק להביא לו ראיה, עד שמת. ושמח ר' ישמעאל ואמר: „אשריך, בן דמא, שיצתה נשמתך בטהרה, ולא פרצת גדרן של חכמים; שכל מי שפורץ גדרן של חכמים, סוף שהפורעניות באות עליו, שנאמר (קהלת י): „ופורץ גדר ישכנו נחש". — ולא נשוך היה? אלא שלא ישכנו נחש לעתיד לבא. ומה הוה ליה ביה? (ויקרא יח):

---

געזאָגט צו אים: „לאָז מיר, וועל איך דיר ברענגען אַ ראיה פון דער תורה, אַז מע מעג". ער האָט אָבער ניט באַוויזן אים צו ברענגען די ראיה אײדער ער איז געשטאָרבן. האָט זיך ר' ישמעאל געפרייט און געזאָגט: „וואויל איז דיר, בן דמא, וואָס דיין נשמה איז אַרויס אין ריינקייט, און דו האָסט ניט געבראָכן דעם גדר פון די חכמים; דען איטלעכער וואָס ברעכט דעם גדר פון די חכמים, איז דער סוף, אַז די שטראָף קומט אויף אים, ווי דער פסוק זאָגט (קהלת י, ח): ופורץ גדר — און דער וואָס ברעכט דעם גדר, אים וועט בייסן אַ שלאַנג." — אָבער איז ער שוין ניט געווען אַ געביסענער? נייערט עס זאָל אים ניט בייסן אַ שלאַנג אויף יענער וועלט[14]. — און וואָס האָט ער געהאַט [צו זאָגן] וועגן דעם?[15] (ויקרא יח, ה): [ושמרתם — און איר זאָלט

אָפּהיטן מיינע חוקים און מיינע געזעצן] וואָס אַ מענטש זאָל זיי טאָן און לעבן דורך זיי, אָבער ניט שטאַרבן דורך זיי.

כה

ס'איז געווען אַ מעשה מיט אַ פרוי וואָס איז געקומען פאַר ר' אליעזרן זיך מגייר צו זיין. האָט זי געזאָגט צו אים: רבי, זיי מיך מקרב[1]" האָט ער געזאָגט צו איר: „דערצייל אויס דיינע מעשים". האָט זי געזאָגט: „מיין יינגס־טער זון איז [מיר געבוירן געוואָרן] פון מיין עלטסטן זון." האָט ער זי אויס־געזידלט. איז זי אַוועק צו ר' יהושען, און ער האָט זי אויפגענומען. האָבן געזאָגט צו אים זיינע תלמידים: „ר' אליעזר דערווייטערט, און דו דערנענ־טערסט? האָט ער געזאָגט צו זיי: „ ווי באַלד זי איז געקומען צו דער דעה זיך מגייר צו זיין, וועט זי שוין מער ניט לעבן אין דער וועלט [פון איר פריערדיקן שטייגער], ווי עס שטייט געשריבן (משלי ב, יט) כל באיה — אַלע וואָס קומען צו איר[2], קערן זיך ניט אום; אָבער אויב זיי האָבן זיך אומ־געקערט, ולא ישיגו — וועלן זיי מער ניט גרייכן די [פריערדיקע] וועגן פון לעבן[3].

חנינא, דער זון פון ר' יהושעס ברודער, איז געגאַנגען קיין כפר נחום; האָבן אים די מינים אָפּגעטאָן עפּעס [אַ כישוף], און אים אַריינגעפירט זיצנ־דיק און רייטנדיק אויף אַן אייזל אום שבת. איז ער אַוועק צו זיין פעטער יהושע, און ער האָט אַרויפגעטאָן אַ זאַלב אויף אים, און ער איז אויסגעהיילט געוואָרן. האָט ער אים געזאָגט: „ ווי באַלד דער אייזל פון דעם דאָזיקן רשע[4] האָט זיך גענומען צו דיר, קאָנסטו שוין מער ניט לעבן אין ארץ ישראל". האָט ער אַראָפּגענידערט פון דאָרט קיין בבל און איז דאָרט געשטאָרבן בשלום.

איינער פון ר' יונתנס תלמידים איז אַנטלאָפן צו זיי[5]. איז ער געגאַנגען און האָט אים געפונען אַרבעטנדיק מיט זיי ביים סאַרווערן[6]. האָבן די מינים געשיקט צו אים אזוי צו זאָגן: „שטייט דען ניט אזוי געשריבן (דאָרט א, יד): גורלך — דיין גורל זאָלסטו וואַרפן צווישן אונדז, איין בייטל זאָל זיין פאַר אונדז אַלעמען?[7]" זיי האָבן געזאָגט צו אים: „רבי קום און טו אַ חסד מיט איינער אַ כלה." איז ער געגאַנגען און האָט זי געטראָפן, ווי זיי גיבן זיך אָפּ מיט איינער אַ מיידל[8]. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איז אזוי דער שטייגער פון יידן צו טאָן?" האָבן זיי אים געזאָגט: „שטייט דען ניט אזוי געשריבן אין דער תורה: דיין גורל זאָלסטו וואַרפן צווישן אונדז, איין בייטל זאָל זיין פאַר אונדז אַלעמען?[9]" איז ער אַנטלאָפן[10], און זיי זיינען אים נאָכגעלאָפן, ביז ער איז צוגעקומען צו דער טיר [פון זיין הויז] און האָט זי פאַרקלאַפּט אין זייערע פּנימער. האָבן זיי געזאָגט: „ר' יונתן, גיי דערצייל דיין מאַמען, אַז דו האָסט זיך ניט אומגעדרייט און האָסט ניט געקוקט אויף אונדז; דען וואָלסטו זיך

---

אין נאָמען פון ישוע בן פנטירא. [14] „די שלאַנג פון די רבנן וואָס האָט אין גאַנצן קיין רפואה ניט", — עבודה זרה כז, ב (פאַרגלייך אבות ב, י, די ווערטער פון ר' אליעזרן וועגן דעם ביס פון די חכמים). [15] וואָס פאַר אַ ראיה האָט בן דמא געקענט ברענגען, אַז מע מעג זיך לאָזן היילן פון די מינים?

[ושמרתם את חקותי ואת משפטי,] אשר יעשה אותם האדם, וחי בהם, ולא שימות בהם.

כה

מעשה באשה אחת שבאת אצל ר׳ אליעזר להתגייר. אמרה לו: „רבי, קרבני״. אמר לה: „פרטי את מעשיך״. אמרה: „בני הקטן מבני הגדול״. נזף בה. הלכה אצל ר׳ יהושע, וקבלה. אמרו לו תלמידיו: „ר׳ אליעזר מרחק, ואתה מקרב?״ אמר להם: „כיון שנתנה דעתה להתגייר, אינה חיה לעולם, דכתיב (משלי ב): כל באיה לא ישובון, ואם שבו, לא ישיגו ארחות חיים״.

חנינא בן אחי ר׳ יהושע אזל להדיה כפר נחום; ועבדון ליה מינאי מלה, ועלון יתיב רכיב חמרא בשבתא. אזל לגבי יהושע חביביה, ויהב עלוי משח, ואיתסי. א״ל: „כיון דאיתער בך חמרא דההוא רשיעא, לית את יכיל שרי בארעא דישראל״. נחת ליה מן תמן לבבל ודמך תמן בשלמיה.

ר׳ יונתן ערק חד מן תלמידוי לגביהון. אזל ואשכחיה עבד בן אפטוניות. שלחון מיניא בתריה, כך אמרין ליה: „ולא כך כתיב (שם א): גורלך תפיל בתוכנו, כיס אחד יהיה לכולנו?״ (והוה פרח ואינון פרחון בתריה) אמרין ליה: „רבי, (איתא) [אתי] גמול חסדא להדא כלתא״. הלך ומצאן עסוקים בריבה אחת. אמר לון: „כן ארחיהון דיהודאי עבדין?״ אמרין ליה: „ולא כן כתיב בתורה: גורלך תפיל בתוכנו, כיס אחד, וגו׳?״ והוה פרח, ואינון פרחין בתריה, עד דמטא לתרע וטרד באפיהון. אמרון: ר׳ יונתן, אזיל גלוג לאמך, דלא הפכת ולא אסתכלת בן; דאילו

כה. [1] דערנעענטער מיך צו יידישקייט, זיי מיך מגייר. [2] צו דער וועלט פון זינד. [3] לויטן פשט איז דער פסוק געשריבן אין ריטעם פון סינאָנימישן פּאַראַלעליזם (ווען ביידע טיילן זיינע דריקן אויס די זעלבע אידעע); לויטן דרש — אין אַנטיטעטישן פּאַראַלעליזם (ווען זיי זיינען קעגנגעזעצט איינס צום אַנדערן). [4] אַן אַנצוהערעניש אויף ישו הנוצרי, און מיטן אייזל ווערט דאָ וואַרשיינלעך געמיינט ישוס תלמיד, וואָס האָט אים אָפּגעטאָן דעם כישוף. [5] צו די מינים. [6] לויט יאַסטראָוו. די ערשטע קריסטן האָבן געלעבט אין קאָמונאַלע גרופּעס, און אויך זייערע מאָלצייטן זיינען געגעסן געוואָרן קאָמונאַל. [7] אין טעקסט איז דאָ פאַראַן נאָכדעם די פראַזע: „און ער איז אַנטלאָפן, און זיי זיינען אים נאָכגעלאָפן״, וואָס שטימט ניט מיטן ווייטערדיקן גאַנג פון דער מעשה, און עס קוקט אויס, ווי אַן איבערחזורונג פון ווייטער. מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט אין איינקלאַנג מיטן מהרז״ו. [8] אין זנות. [9] דאָ ווערט אונטערגעהאַלטן די באַשולדיקונג אויף די ערשטע קריסטן, אַז זיי האָבן געהאַלטן די פרויען אין קאָמונאַלן באַזיץ. ווען כיס, אַ בייטל, ווי אַן אַנצוהערעניש אויף אַ פרוי, זע אסתר רבה, אָנהייב פרשה ה (אונדזער אויסגאַבע זייט 123; זע דאָרט באַמערקונגען). [10] לויטן אויבן געבראַכטן דרש: דערוויי־

אומגעדרייט און געקוקט אויף אונדז, איז מער ווי מיר וואָלטן געלאָפן נאָך דיר, וואָלסטו געלאָפן נאָך אונדז." [11]

די מינים פלעגן האָבן צו טאָן מיט ר' יהודה בן נקוסה; זיי פלעגן אים האַלטן אין איין פרעגן, און ער פלעגט זיי ענטפערן; זיי פלעגן פרעגן, און ער פלעגט ענטפערן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איר פירט אַ וויכוח בחינם. קומט לאָמיר אָפּמאַכן צווישן זיך, אַז איטלעכער וואָס וועט מנצח זיין דעם צווייטן, זאָל ער אים אַ קלאַפּ טאָן אין מוח מיט אַ האַמער". און ער האָט זיי מנצח געווען, און ער האָט צעקלאַפּט זייערע מוחות, ביז זיי זיינען פול געוואָרן מיט וואונדן אויף וואונדן. אַז ער איז [אַהיים] געקומען, האָבן גע־זאָגט צו אים זיינע תלמידים: „רבי, מע האָט דיך געהאָלפן פון הימל, און דו האָסט מנצח געווען." האָט ער געזאָגט צו זיי: „בחינם[12]! גייט און זייט מתפלל וועגן דעם דאָזיקן מענטשן און פון וועגן דעם דאָזיקן לאָגל[13] וואָס איז געווען פול מיט טייערע שטיינער און פערל, אָבער איצט איז ער פול מיט [אויסגעברענטע] קוילן.[14]

## כו

אַן אַנדער פּשט: אַלע ווערטער ווערן מיד, — אַפילו ווערטער פון תורה פאַרמאַטערן אַ מענטשן. צוערשט ווען אַ מענטש קומט אַריין לערנען תורה, און זיי זיינען אים מטהר דאָס וואָס איז [אין זיינע אויגן[1]] טמא, אומריין, און זיינען מטמא דאָס וואָס איז [אין זיינע אויגן] טהור, ריין, [ווערט ער פאַרטומלט]. און ער ווייס ניט, אַז וואָס מער מע שוואַכט מיט דעם אָפּ זיין כוח, וועט ער לסוף [אַליך מער] קאָנען אַרויסלערנען קל וחומר[2], און גזרה שווה[3], און [פּסקענען וועגן] אומריינקייט און ריינקייט, און וועגן איסור און היתר.

## כז

(ח) לא תשבע עין — קיין אויג קאָן זיך ניט זאַט אָנקוקן. ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: אַלע גוטע זאַכן און די ברכות און די טרייסט ווערטער

---

טער פון איר דיין וועג, דאָס איז מינות. [11] אַזוי שטאַרק איז געווען דער נסיון פון די מינים. [12] ניטאָ איבער וואָס זיך צו פרייען. [13] געמיינט זיך און זיין קאָפּ. [14] ווי ער האָט זיך ניט געהיט, איז ער דאָך אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אידעען פון די מינים.

כו. [1] אַזוי לויט די מפרשים. עס קען אָבער אויך מיינען, אַז מיט מטהר זיין דאָס אומריינע און מטמא זיין דאָס ריינע ווערט דאָ ניט געמיינט אַרויסצוברענגען דעם ריכטיקן פּסק הלכה, נייערט די כוונה איז אַריינצופירן דעם נייעם לערנער אין די וועגן פונעם תלמודישן פּלפּול (פאַרגלייך עירובין יג: „ר' עקיבא האָט עס געזאָגט נאָר כדי צו שאַרפן די מוחות פון די תלמידים„; און דאָרט ווייטער: „ — — — פאַרוואָס האָט מען ניט געפּסקנט דעם דין ווי ר' מאיר? מחמת זיינע חברים האָבן ניט געקענט דערגיין, וואָס איז באמת זיין מיינונג; דען אויף טמא פלעגט ער זאָגן, אַז ס'איז טהור, און ברענגען אויף דעם ראיות, און אויף טהור פלעגט ער זאָגן, אַז ס'איז טמא, און ברענגען אויף דעם ראיות". און דאָרט ווייטער: „איינער אַ תלמיד חכם איז געווען אין יבנה, וואָס פלעגט מטהר זיין אַ שרץ מיט הונדערט און פופציק באַווייזן). [2] דער מעטאָד פון אַרויסלערנען דאָס האַרבערע (חומר) פון דעם לייכטערן (קל). [3] דער מעטאָד פון ווערטערלעכער אַנאַלאָגיע.

הפכת ואיסתכלת בן, — יותר מן מה דהוינן פרחין בתרך, הוית פריח בתרן.״

ר׳ יהודה בן נקוסה היו המינין מתעסקין עמו; היו שואלין אותו, ומשיב; שואלין אותו, ומשיב. אמר לון: „על מגן אתון מגיבין. אתו נעביד בינינן, דכל בר נש דנצח חבריה יהא פצע מוחיה דחבריה בקורנס.״ והוא נצח לון ופצע מוחיהון, עד דאית־מלאון פיצעין, פיצעין. וכיון דאתא, אמרין ליה תלמידוי: רבי, סייעוך מן השמים ונצחת!״ אמר לון: „ועל מגן! לכו והתפללו על אותו האיש ועל אותה החמת, שהיתה מלאה אבנים טובות ומרגליות, אבל עכשו מלאה פחמין.״

כו

דבר אחר: כל הדברים יגעים, — אפילו דברי תורה מיגעין את האדם. בתחילה אדם נכנס ללמוד תורה, והן מטהרין לו את הטמא ומטמאין את הטהור והוא אינו יודע, שכל מה שהן מתי־שין בהן כוחו, סוף שהוא מוציא קלות וחמורות, וגזרות שוות, וטומאה וטהרה, ואיסור והיתר.

כז

(ח) לא תשבע עין, וגו׳. אמר ר׳ שמאל בר נחמן: כל טובות וברכות ונחמות שראו הנביאים בעולם הזה, לא לחנם ראו, אלא על ידי שהיו הוגין ועושין מצוות וצדקות. ואם תאמר, שראו? כבר נאמר (ישעיה סד): עין לא ראתה, אלהים, זולתך, וגו׳. ואם תאמר, שלא ראו? כבר ראו מקצת, שנאמר (עמוס ג): כי לא יעשה ה׳ אלהים דבר, כי אם גלה סודו אל עבדיו הנביאים. כיצד ראו? ר׳ ברכיה אמר: כמבין סדקו של פתח. ר׳ לוי אמר: ראו, ומתן

---

וואָס די נביאים האָבן פאָראויסגעזען אויף דער וועלט, האָבן זיי ניט בחינם געזען, נייערט דערפאַר וואָס זיי פלעגן זיין פאַרטיפט און פאַרטאָן אין מצוות און צדקות. ווערסטו אפשר זאָגן, אַז זיי האָבן [אַלץ] געזען? איז דאָך שוין געזאָגט געוואָרן (ישעיה סד, ג): עין — קיין אויג האָט ניט געזען, אויסער דיר, גאָט. און ווערסטו זאָגן, אַז זיי האָבן גאָר ניט געזען? האָבן זיי דאָך פאַרט אַ ביסל געזען, ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ג, ז): כי לא יעשה ה׳ — דען גאָט דער האַר טוט ניט קיין זאַך, סיידן ער האָט אַנטפּלעקט זיין סוד צו זיינע קנעכט די נביאים. טאָ ווי האָבן זיי געזען? ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ווי אין אַ שפּאַלט פון אַ טיר. ר׳ לוי האָט געזאָגט: זיי האָבן געזען [דעם שכר פאַר

אַנדערע], אָבער זייער אייגענעם שכר האָבן זיי ניט געזען.[1] ר׳שמעון בן חלפתא האָט געזאָגט: אַלע גוטע זאַכן און די ברכות און די טרייסט ווערטער וואָס די נביאים האָבן פאָראויסגעזען אויף דער וועלט, האָבן זיי געזען נאָר פאַר די וואָס טוען תשובה; אָבער דער וואָס האָט ניט פאַרזוכט דעם טעם פון זינד אויף זיין לעבן, [זיין שכר] האָט קיין אויג ניט געזען [אויסער דיר, גאָט].

כח

(ט) מה שהיה — וואָס עס איז געווען דאָס וועט זיין. די רבנן זאָגן: לעתיד לבוא וועלן די [פאַרגאַנגענע] דורות זיך פאַרזאַמלען פאַר הקדוש ברוך הוא און זאָגן פאַר אים: „רבונו של עולם! ווער וועט זיין דער ערשטער צו זאָגן שירה פאַר דיר?“ און ער וועט זיי זאָגן: „פאַרצייטן האָט קיינער ניט געזאָגט קיין שירה פאַר מיר, נייערט דער דור פון משהן; וועט אויך איצט קיינער ניט זאָגן קיין שירה פאַר מיר, נייערט ער.“ פון וואַנען איז עס געדרונגען? [פון דעם] וואָס דער פסוק זאָגט (ישעיה מב, י): שירו לה׳ — זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג, זיין לויב פון עק פון דער ערד, איר וואָס נידערט אויפן ים און זיין פולקייט.[1]

ס׳איז געשען אַ מעשה, אַז מלכות האָט געשיקט צו די רבנן און געזאָגט צו זיי: „שיקט אונדז איינעם פון אייערע פאַקלען“. האָבן זיי געזאָגט: „אזוי פיל פאַקלען האָבן זיי, און זיי ווילן פון אונדז אַ פאַקל! אזוי פיל פאַקלען[2] האָבן זיי, אזוי פיל טייערע שטיינער און פערל האָבן זיי! עס שיינט אונדז, אַז זיי ווילן פון אונדז ניט עפעס אַנדערש, נייערט איינעם וואָס זאָל באַלייכטן דאָס פנים מיט דער הלכה“. האָבן זיי געשיקט צו זיי ר׳ מאירן. האָבן זיי אים געשטעלט פראַגן און ער האָט געענטפערט. זיי האָבן געפרעגט, און ער האָט געענטפערט. צום סוף האָבן זיי אים געפרעגט: „פאַרוואָס ווערט [אדום][3] גערופן חזיר?“ האָט ער זיי געזאָגט: „מחמת דעם וואָס ער איז אָנגעברייט אומצוקערן[4] דאָס מלכות צו דעם וועמען עס קומט[5]. און נאָך איז ר׳ מאיר געזעסן און געדרשנט: „דער וואָלף איז אָנגעברייט צו לאָזן שערן פון זיך פיינע וואָל און דער הונט — [צוצושטעלן] הערמעלין פוטער“.[6] האָבן זיי געזאָגט צו אים: „גענוג דיר, ר׳ מאיר: [אין פסוק שטייט] ואין כל חדש — און ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון.“

די רבנן זאָגן: לעתיד לבוא וועט הקדוש ברוך הוא לאָזן אויסרופן און זאָגן: „איטלעכער וואָס האָט ניט געגעסן קיין חזיר פלייש אויף זיין לעבן, זאָל קומען און נעמען זיין שכר“. וועלן קומען אַ סך פון די אומות העולם, וואָס האָבן אויף זייער לעבן קיין חזיר ניט געגעסן, צו נעמען זייער שכר. דעמאָלט וועט הקדוש ברוך הוא זאָגן: „די דאָזיקע זועלן האָבן פאַרדינטביידע וועלטן! ניט גענוג זיי, וואָס זיי האָבן אויפגעגעסן זייער וועלט[7], נייערט זיי ווילן נאָך אויפעסן די וועלט פון מיינע קינדער אויך![8]“ דעמאָלט וועט הקדוש ברוך הוא לאָזן אויסרופן צום צווייטן מאָל און זאָגן: „איטלעכער וואָס

שכרן לא ראו. אמר ר׳ שמעון בן חלפתא: כל טובות וברכות ונחמות שראו הנביאים בעולם הזה, לבעלי תשובה ראו; אבל מי שלא טעם חטא מימיו, — עין לא ראתה, וגו׳.

כח

(ט) מה שהיה הוא שיהיה. רבנן אמרי: לעתיד לבא הדורות מתכנסין לפני הקב״ה ואומרים לפניו: „רבוש״ע! מי יאמר לפניך שירה בתחילה?״ ואומר להם: „לשעבר לא אמר שירה לפני, אלא דורו של משה; ועכשו לא יאמר שירה לפני, אלא הוא״. מאי טעמא? שנאמר (ישעיה מב): שירו לה׳ שיר חדש, תהלתו בקצה הארץ, יורדי הים ומלואו, וגו׳.

מעשה ושלחה מלכות אצל רבותינו ואמרה להם: „שלחו לנו קסילופנוס אחד משלכם״. אמרו: „כמה קסילופנוס יש להם, והם מבקשין ממנו קסילופנוס אחד! כמה (מקות פנסין) [קסי־לופנסין] יש להם, כמה אבנים טובות ומרגליות יש להם! כמדו־מין אנו, שאין מבקשין ממנו, אלא מאיר פנים בהלכה״. שלחו להם את ר׳ מאיר. והיו שואלין אותו, והוא משיב; שואלין אותו, והוא משיב. ובסוף שאלו אותו: „למה נקרא שמו [של אדום] חזיר?״ אמר להם: „שהוא עתיד להחזיר את המלכות לבעליה״. ועוד ישב ר׳ מאיר ודרש: „עתיד זאב להיות גזוז מילתן, והכלב גלבטינון״. אמרו לו: „דייך, ר׳ מאיר: ואין כל חדש תחת השמש״.

רבנן אמרין: לעתיד לבא הקב״ה מוציא כרוז ומכריז ואומר: „כל מי שלא אכל בשר חזיר מימיו, יבוא ויטול שכרו״. והרבה מאומות העולם שלא אכלו בשר חזיר מימיהם, והם באים ליטול שכרן. באותה שעה הקב״ה אומר: „נשתכרו אלה שני עולמות! לא דיין שאכלו עולמן, אלא הם מבקשין לאכול עולמן של בני עודי!״ באותה שעה הקב״ה מוציא כרוז פעם שניה ומכריז ואומר:

---

כז. [1] לויט מתנות כהונה.

כח. [1] דער פסוק ווערט געטייטשט אויף משיחס צייטן און דער אויסדרוק איר וואָס נידערט אויפן ים ווערט געדרשנט אויף משהן און זיין דור, וואָס זיינען אַריבער דעם ים סוף, און דאָס איז די דערקלערונג פונעם פסוק: וואָס עס איז געווען דאָס וועט זיין, — די וואָס האָבן אַ מאָל געזונגען פאַר גאָט וועלן עס אויך שפּעטער טאָן. [2] טעקסט ענדע־רונג לויט יאַסטראָוו. [3] רוים. — צוגאָב און אויסטייטש לויט ויקרא רבה יג, ה. פון אַ צאָל פסוקים ווערט דאָרט אַרויסגעדרשנט דער נאָמען חזיר אויף רוים, און צום סוף ווערט דאָרט געבראַכט ר׳ מאירס ענטפער, נאָר ניט אין זיין נאָמען. [4] להחזיר — חזיר. [5] און וואָס עס איז געווען דאָס וועט זיין. [6] פאַר די צדיקים לעתיד לבוא. [7] געהאַט עולם הזה,

האָט אויף זיין לעבן ניט געגעסן קיין פלייש פון נבלות און טרפות, פון שקצים און רמשים[9], [זאָל קומען און נעמען זיין שכר". אָבער דעמאָלט וועט קיינער ניט קומען, ווייל] אויב איינער האָט ניט געגעסן אַזוינס ביי זיך, האָט ער געגעסן ביי זיין חבר. דעריבער: פאַרוואָס רופט מען [יענע באַשעפעניש] חזיר? ווייל ער איז אָנגעברייט אומצוקערן די גדולה און דאָס מלכות צו דעם וועמען עס קומט[10].

וואָס זיינען די תחשים־פעלן[11]? ר' יהודה זאָגט: פיאָלעט קאָלירטע [פעלן]. ר' נחמיה זאָגט: הערמעלין פוטער. ר' יוחנן זאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געוויזן משהן אַזאַ מין גרויסע חיה, און פון איר האָט ער געמאַכט וואָס איז געווען נייטיק פאַרן משכן, און נאָכדעם האָט זי גאָט באַהאַלטן[12]. ר' אבין האָט געזאָגט: איר נאָמען איז געווען קערעש. ר' הושעיא האָט געלערנט: זי האָט געהאַט איין האָרן אויפן שטערן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סט, לב): ותיטב לה' — און ביי גאָט וועט עס זיין בעסער ווי אַן אָקס, באַהאָרנט און באַקלויט. — אָבער מקרין, באַהאָרנט, מיינט דאָך צוויי[13]! האָט ר' חנינא בר יצחק געזאָגט: מקרן שטייט[14].

ר' ברכיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יצחקן: ווי ס'איז געווען מיטן ערשטן אויסלייזער, אַזוי וועט זיין מיטן לעצטן אויסלייזער[15]. אַזוי ווי ביים ערשטן אויסלייזער ווערט געזאָגט (שמות ד, כ): ויקח משה — און משה האָט גענומען זיין ווייב און זיינע זין און האָט זיי געמאַכט רייטן אויפן אייזל, אַזוי וועט אויך זיין ביים לעצטן אויסלייזער, ווי עס ווערט געזאָגט (זכריה ט, ט): עני — אָרים, און רייט אויף אַן אייזל. אַזוי ווי דער ערשטער אויסלייזער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם מן, ווי דער פסוק זאָגט (שמות טז, ד): אָט וועל איך אייך מאַכן רעגענען ברויט פון הימל, אַזוי וועט אויך דער לעצטער אויסלייזער אַראָפּברענגען דעם מן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים עב, טז): יהי — עס וועט זיין געברעקלט ברויט[16] אין לאַנד. אַזוי ווי דער ערשטער אויסלייזער האָט אַרויפגעבראַכט דעם ברונעם[17], אַזוי וועט אויך דער לעצטער אויסלייזער אַרויפברענגען דאָס וואַסער, ווי דער פסוק זאָגט (יואל ד, יח): ומעין — און אַ קוואַל וועט אַרויסגיין פון גאָטס הויז און וועט אָנטרינקען דעם טאָל פון שיטים.

---

[8] זיי ווילן אויך עולם הבא. [9] אומווירדיקע און קריכנ־דיקע, — פאַרגלייך ויקרא יא, וואו עס ווערן אויסגערעכנט אַלע באַשעפענישן וואָס יידן טאָרן ניט עסן. (אונטער חזיר ווערט דאָ פאַרשטאַנען אַלע פאַרבאָטענע באַשעפענישן). [10] צוריק צו ישראל, און דאָס איז לויטן פסוק: וואָס עס איז געווען דאָס וועט זיין. [11] פון וועלכע מע האָט געמאַכט אַ צודעק פאַרן אוהל מועד (שמות כו, יד). [12] פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט: וואָס עס איז געווען דאָס וועט זיין. [13] ווייל דאָס וואָרט האָט די אַראַמישע פאָרם פון מערצאָל. [14] דער כתיב איז פעליק, אָן אַ יוד, פאַר אַ סימן אַז די חיה האָט געהאַט נאָר איין האָרן [15] ווי ביי משהן, אַזוי ביי משיחן: וואָס עס איז געווען דאָס וועט זיין. [16] געלייענט פסת, (אַ גערעטעניש) ווי פתת, פון פתות, צעברעק־לען, און דער פסוק ווערט געדרשנט אויף משיחס צייטן. [17] פאַרגלייך במדבר כא, יז.

„כל מי שלא אכל בשר נבלות וטרפות, שקצים ורמשים — — —."
אם לא אכל משלו, אכל משל חברו. הוי: למה נקרא שמו חזיר?
שעתיד להחזיר הגדולה והמלכות לבעליה.

עורות תחשים מה הן? ר׳ יהודה אומר: אלטינון. ר׳ נחמיה אומר: גלבטינון. ר׳ יוחנן אומר: מין חיה גדולה הראה הקב״ה למשה, ועשה הימנה צורך המשכן וגנזה. ר׳ אבין אמר: קרש היה שמה. תני ר׳ הושעיא: קרן אחת היתה לו במצחו, שנאמר (תהלים סט): ותיטב לה׳ משור פר מקרין מפריס, וגו׳. — מקרין תרתי שמע מינה! א״ר חנינא בר יצחק: מקרן כתיב.

ר׳ ברכיה אמר בשם ר׳ יצחק: כגואל ראשון, כך גואל אחרון. מה גואל ראשון נאמר (שמות ד): ויקח משה את אשתו ואת בניו וירכיבם על החמור, כך גואל אחרון, שנאמר (זכריה ט): עני ורוכב על החמור. מה גואל ראשון הוריד את המן, שנאמר (שמות טז): הנני ממטיר לכם לחם מן השמים, אף גואל אחרון יוריד את המן שנאמר (תהלים עב): יהי פסת בר בארץ. מה גואל ראשון העלה את הבאר, אף גואל אחרון יעלה את המים, שנאמר (יואל ד): ומעין מבית ה׳ יצא והשקה את נחל השטים.

כט

(י) יש דבר שיאמר: ראה, זה חדש הוא. כתיב (דברים ט): ויתן ה׳ אלי את שני לוחות האבנים כתובים באצבע אלהים, ועליהם ככל הדברים, — אמר ר׳ יהושע בן לוי: „עליהם" — ועליהם, „כל" — ככל, „דברים" — הדברים, „המצוה" — כל המצוה, ללמדך שמקרא ומשנה, הלכות, תוספתות והגדות, ומה שתלמיד ותיק עתיד להורות, כבר היה וניתן הלכה למשה מסיני.

---

כט

(י) יש דבר — פאראן אַ זאַך אויף וואָס מע זאָגט: זע, דאָס איז ניי. עס שטייט געשריבן (דברים ט, י): ויתן ה׳ — און גאָט האָט מיר געגעבן די צוויי שטיינערנע לוחות געשריבן מיט גאָטס פינגער, און אויף זיי — אזוי ווי די אַלע ווערטער, — האָט ר׳ יהושע בן לוי געזאָגט: [עס שטייט ניט „עליהם", אויף זיי [נייערט] ועליהם — און אויף זיי; [עס שטייט ניט „כל", אַלע, [נייערט] ככל — אזוי ווי אַלע; [עס שטייט ניט „דברים, ווערטער, [נייערט] הדברים — די ווערטער; [עס שטייט ניט „המצוה", דאָס געבאָט, [נייערט] כל המצוה [1] — דאָס גאַנצע געבאָט, — דיך צו לערנען, אַז מקרא[2] און משנה, הלכות[3], תוספתות[4] און אגדות, און אַלץ וואָס אַ תלמיד אַ וואויללערנער וועט ווען עס איז פסקענען, איז שוין אַמאָל געווען און איז

געגעבן געוואָרן ווי אַ הלכה צו משהן אויפן באַרג סיני.[5] פון וואַנען איז עס געדרונגען? פון דעם וואָס עס שטייט געשריבן: פאַראַן אַ זאַך אויף וואָס מע זאָגט: זע, דאָס איז נײַ; אָבער זײַן חבר[6] שטעלט עס פעסט: כבר היה — עס איז שוין געווען פאַרצײַטן.

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ חלבון: [ס׳איז אַ משל] מיט איינעם וואָס האָט געהאַט אַרײַנגעטאָן אַ מטבע אין זײַן פאָלע, און ס׳איז אַרויסגעפאַלן.[7] זאָל ער אַרײַנטאָן אַ גרעסערע פון דעם, איז ניטאָ גענוג אָרט; זאָל ער אַרײַנטאָן אַ קלענערע פון דעם, וועט דאָס אָרט ניט אויסגעפילט ווערן; טאָ זאָל ער אַרײַנטאָן אַזאַ ווי יענע, וועט דאָס אָרט אויסגעפילט ווערן. אַזוי, האָסטו געהערט תורה פונעם מויל פון אַ תלמיד חכם, זאָל עס זײַן אין דײַנע אויגן ווי דײַנע אויערן וואָלטן עס געהערט פון באַרג סיני[8]. דאָס איז וואָס דער נביא טאַדלט זיי און זאָגט צו זיי (ישעיה מח, טז): קרבו אלי — גענעענט צו מיר, הערט דאָס צו: גלײַך פון אָנהייב האָב איך ניט פון פאַר־באָרגעניש גערעדט, פון זינט עס איז דאָ בין איך דערבײַ".[9] זאָגן זיי צו אים: „פאַרוואָס האָסטו עס אונדז ניט געזאָגט [ביז אַהער]?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איבער דעם וואָס עס זײַנען [ביז היינט] ניט באַשאַפן געוואָרן אין מיר די קעמערלעך[10], אָבער איצט, אַז עס זײַנען באַשאַפן געוואָרן אין מיר די קעמערלעך — (דאָרט) ועתה — און אַצינד האָט גאָט דער האַר מיך גע־שיקט מיט זײַן גייסט.

## ל

(יא) אין זכרון — ניטאָ קיין געדעכעניש פון די פריערדיקע. ר׳ אחא האָט געזאָגט: ניטאָ קיין געדעכעניש פון די פריערדיקע, דאָס איז דער דור פון מבול; וגם — און אויך פון די שפּעטערדיקע, דאָס זײַנען די לײַט פון סדום; און אויף וועמען ווערט געזאָגט: עם שיהיו — מיט די וואָס וועלן זײַן צו לעצט? דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ב, לא): לאחרונה —

---

כט. [1] די לעצטע פראַזע איז גענומען פון דברים ה, כח. [2] פסוק, תנ״ך (וואָס מע האָט געמוזט לייענען פון געשריבענעם טעקסט, אין איינקלאַנג מיטן מאמר, אַז דברים שבכתב אי אתה רשאי לאומרם בעל פה — טעקסטן פון דער תורה שבכתב טאָר מען ניט זאָגן אויסנווייניק (גיטין ס, ב; תמורה יד, ב). [3] דינים פון דער תורה שבעל פה. [4] הלכות וואָס זײַנען ניט אַרײַן אין דער משנה.. [5] צוגעגעבענע עקסטראַ אותיות זײַנען אַ רמז אויף דער תורה שבעל פה, וואָס איז געגעבן געוואָרן משהן צוזאַמען מיט דער תורה שבכתב (זע תנחומא בובער, כי תשא, יז). [6] די צווייטע העלפט פון פסוק. [7] און דער אָפּצייכן פון דעם איז געבליבן אין בגד. [8] ווײַל אין פאָטענץ איז עס שוין געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני (און לויטן משל — ניט מער און ניט ווייניקער): עס איז שוין געווען פאַרצײַטן. [9] דעם נביאס ווערטער זײַנען, הייסט עס, ניט נײַ, נייערט זיי זײַנען שוין געווען גלײַך פון אָנהייב, נאָך בײַ מתן תורה. [10] אויפצונעמען גאָטס וואָרט: דער נביא אַליין איז ביז איצט ניט געווען גרייט אויף דעם. און אַזוי איז עס אויך מיט דער תורה שבעל פה: געווען איז זי גלײַך בײַ מתן תורה, נאָר דאָס פאָלק איז נאָך ניט געווען גרייט עס אויפצונעמען.

מניין? ממה שכתוב: יש דבר שיאמר: ראה, זה חדש הוא, והרי חבירו מוכיח עליו: כבר היה לעולמים.

ר׳ ברכיה בשם ר׳ חלבו: לאחד שהיתה סלע צרורה בכנפיו ונפלה ממנו. ליתן גדולה ממנה, אין המקום מחזיק; ליתן קטנה ממנה, אינה מתמלאה; ליתן כיוצא בה, המקום מתמלא. כך, שמעת תורה מפי תלמיד חכם, יהי בעיניך, כאלו שמעוה אזניך מהר סיני. הוא שהנביא מקנתרן ואומר להם (ישעיה מח): „קרבו אלי, שמעו זאת: לא מראש בסתר דברתי; מעת היותה שם אני״. אמרי ליה: „למה לא אמרת לן?״ אמר להם: „שלא נבראו בי קינים; ועכשו שנבראו בי קינים — (שם) ועתה ה׳ אלהים שלחני ורוחו.

## ל

(יא) אין זכרון לראשונים. א״ר אחא: אין זכרון לראשונים, זה דור המבול; וגם לאחרונים, אלו הסדומיים; ועל מי נאמר: עם שיהיו לאחרונה? אלו ישראל, שנאמר (במדבר ב): לאחרונה יסעו לדגליהם.

ר׳ יודן בשם ר׳ שמעון בן שקפא אמר: אין זכרון לראשונים, אלו המצריים; וגם לאחרונים, אלו העמלקים; ועל מי נאמר למחות את זכר עמלק? לישראל, שנאמר (דברים כה): תמחה את זכר עמלק.

כמה נסים נעשו לישראל משיצאו ממצרים ועד שלא יצאו ישראל ממצרים; עליהם הוא אומר: אין זכרון לראשונים וגם לאחרונים שיהיו; ולמי אני נותן זכרון? לנסים של עולם הבא,

---

צו לעצט זאָלן זיי ציען לויט זייערע פּאַנען[1].

ר׳ יודן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן שקפא: ניטאָ קיין געדעכעניש פון די פריערדיקע, דאָס זיינען די מצרים; און אויך פון די שפּעטערדיקע, דאָס זיינען די עמלקים; און וועמען איז אָנגעזאָגט געוואָרן אָפּצומעקן דאָס געדעכעניש פון עמלק? צו ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (דברים כה, יט): תמחה — זאָלסט אויסמעקן דאָס געדעכעניש פון עמלק[2].

וויפיל נסים זיינען געטאָן געוואָרן צו ישראל זינט זיי זיינען אַרויס פון מצרים און אײדער זיי זיינען אַרויס פון מצרים; וועגן די [דאָזיקע נסים] זאָגט דער פסוק: ניטאָ קיין געדעכעניש פון די פריערדיקע, און אויך פון די שפּעטערדיקע וואָס וועלן נאָך זיין; און צו וועלכע וועל איך יאָ געבן אַ גע־

---

ל. [1] ישראל וועט איבערלעבן אַלע רשעים. [2] מיינט עס, אַז ישראל וועט בלייבן צו

דעכעניש? צו די נסים פון יענער וועלט[3], ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה כג, ז): ולא יאמרו עוד — און מע וועט מער ניט זאָגן: ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אַרויפגעבראַכט די קינדער פון ישראל פון לאַנד מצרים; נייערט, — נייערט: ווי עס לעבט גאָט, וואָס האָט אַרויפגעבראַכט און וואָס האָט אַריינגעבראַכט די קינדער פון דעם הויז פון ישראל פון צפון לאַנד און פון אַלע לענדער — — —.

וויפיל נביאים זיינען אויפגעשטאַנען ביי יידן, וואָס מע האָט ניט אויסגערעכנט זייערע נעמען; אָבער לעתיד לבוא וועט הקדוש ברוך הוא קומען און זיי מיטברענגען מיט זיך. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (זכריה יד, ה): ובא ה׳ — און גאָט מיין גאָט וועט קומען, און אַלע הייליקע מיט דיר.

ר׳ זירא האָט געזאָגט: וויפיל חסידים און בני תורה זיינען געווען ראוי באַשטימט צו ווערן [אין סנהדרין, און זיינען ניט באַשטימט געוואָרן], אַ שטייגער יהודה און חזקיה[4]; אויף זיי זאָגט דער פסוק: און אויך פון די שפּעטערדיקע[5] וואָס וועלן נאָך זיין וועט ניט זיין קיין געדעכעניש. אָבער לעתיד לבוא איז הקדוש ברוך הוא אָנגעברייט זיך צו באַשטימען אַן אייגענע חבורה פון צדיקים, און ער וועט זיי באַזעצן ביי זיך אין דער גרויסער ישיבה[6], ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה כד, כג): וחפרה הלבנה — און די לבנה וועט צו חרפה זיין און די זון וועט פאַרשעמט ווערן — — — און אַנטקעגן זיינע זקנים וועט זיין כבוד, — עס ווערט ניט געזאָגט: „און קעגן זיינע מלאכים, און קעגן זיינע מחנות, און קעגן זיינע כוהנים", נייערט און קעגן זיינע זקנים וועט זיין כבוד[7].

ר׳ אבין האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי: הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט צו זיצן [אין דער ישיבה של מעלה] ווי אין אַ שייער, און די צדיקים וועלן זיצן פאַר אים; ווי דאָס וואָס שטייט געשריבן ביי יהושפטן, ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים ב, יח, ט): ומלך ישראל — און דער מלך פון ישראל און יהושפט דער מלך פון יהודה זיצן — — — אין אַ שייער, — זיינען זיי דען אין אַ שייער געזעסן? נייערט ווי מיר האָבן געלערנט[8]: דער [זיץ פון] סנהדרין איז געווען ווי אַ האַלב קיילעכדיקער שייער, כדי זיי זאָלן

לעצט. [3] פון משיחס צייטן. [4] טעקסט ענדערונג לויטן רד"ל. (דעם נאָמען יהודה בר׳ חזקיה איז אין ערגיץ ניט צו געפינען). — יהודה און חזקיה, ר׳ חייאס זין, האָבן צוערשט זיך אויפגעהאַלטן, צוזאַמען מיט זייער פאָטער, ביי רבין, דעם נשיא פון סנהדרין; צוליב אַ שאַרפן אויסדרוק זייערן קעגן דעם נשיא (סנהדרין לח, א) זיינען זיי, ווייזט אויס, דערווייטערט געוואָרן פון רבינס טיש (ברכות יח, ב: ר׳ חייאס זין זיינען אַוועק אין דאָרף, און האָבן [פון שווערער אַרבעט] פאַרגעסן זייער לערנען), און ניט זוכה געווען צו קריגן סמיכה (מיט אַ פּאָר אויסנאַמען ווערן זיי אומעטום גערופן מיט זייערע בלויזע נעמען, אָן דעם טיטול רבי) און באַשטימט צו ווערן ווי חברים אין סנהדרין. און ר׳ זירא נעמט זיך דאָ אָן זייער קריוודע. [5] אין שייכות מיט די פאַרגעסענע נביאים וואָס זיינען געווען פריער. [6] אין דער ישיבה של מעלה (זע בבא מציעא פו, א, וועגן דער מחלוקת אין דער אייבערשטער ישיבה אין אַ דין פון טומאה און טהרה). [7] און זקנים מיינט תלמידי חכמים. — מעגלעך אַז מיט זון און לבנה ווערט דאָ געגעבן אַן אָנצוהערעניש

**דכתיב** (ירמיה כג): ולא יאמרו עוד: חי ה׳ אשר העלה את בני יש־ראל מארץ מצרים **אלא** — כי אם: חי ה׳, אשר העלה ואשר הביא את זרע בית ישראל מארץ צפונה ומכל הארצות, **וגו׳.**

**כמה נביאים עמדו להם לישראל, ולא נתפרשו שמותן; אבל לעתיד לבא הקדוש ברוך הוא בא ומביאן עמו. היינו דכתיב** (זכריה יד): ובא ה׳ אלהי, כל קדושים עמך.

**אמר ר׳ זירא: כמה חסידים ובני תורה היו ראויין לימנות, כגון יהודה (ב״ר) [ו] חזקיה; עליהם הוא אומר:** וגם לאחרונים שיהיו לא יהיה זכרון. **אבל לעתיד לבא הקב״ה עתיד להמנות לו חבורה של צדיקים משלו, ומושיבן אצלו בישיבה גדולה, שנאמר** (ישעיה כד): וחפרה הלבנה ובושה החמה, **וגו׳,** ונגד זקניו כבוד, — **„ונגד מלאכיו, ונגד גדודיו, ונגד כוהניו" לא נאמר, אלא** ונגד זקניו כבוד.

**אמר ר׳ אבין בשם ר׳ שמעון בן יוחאי: עתיד הקב״ה לישב כבגורן, וצדיקים יושבין לפניו; כההוא דכתיב ביהושפט, שנאמר** (דברי הימים ב, יח): ומלך ישראל ויהושפט מלך יהודה יושבים **וגו׳,** בגרן, **וגו׳, — וכי בגורן היו יושבין? אלא כדתנן: סנהדרין עשויה כחצי גורן עגולה, כדי שיהו רואין זה את זה. ואמר שלמה: „אנא חמיתיה מצומצם ביניהם;" הה״ד** (משלי לא): נודע בשערים בעלה, בשבתו עם זקני ארץ.

**ר׳ ברכיה ור׳ חלבו ועולא ביראה ור׳ ביבי ור׳ אלעזר בשם ר׳ חנינא אומר: עתיד הקב״ה ליעשות ראש מחולה לצדיקים לעתיד לבא, שנאמר** (תהלים מח): שיתו לבכם לחילה, — לחולה

---

קענען זען איינער דעם אַנדערן. און שלמה האָט געזאָגט: „איך האָב אים געזען אין ענגשאַפט צווישן זיי"[9]; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (משלי לא, כג): נודע — באַקאַנט אין די טויערן איז איר מאַן, ווען ער זיצט מיט די זקנים פון לאַנד[10].

**ר׳ ברכיה און ר׳ חלבו און עולא פון בירא און ר׳ ביבי און ר׳ אלעזר זאָגן אין נאָמען פון ר׳ חנינא: הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט צו ווערן דער ערשטער אין אַ טאַנץ פון די צדיקים אויף יענער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט** (תהילים מח, יד): שיתו — טוט אַכט אויף אירע מויערן, — **דער** כתיב

---

**אויפן נשיא.** [8] סנהדרין לו, ב. [9] **שלמה האָט געזען ברוח הקודש, ווי דער אייבערש־טער זיצט צווישן די צדיקים אין דער ישיבה של מעלה.** [10] **און מיט בעל, מאַן, ווערט**

איז לחולה[11], צום טאַנץ וואָס זיי טאַנצן פאַר אים ווי די מיידלעך, און ווייזן אויף אים מיטן פינגער און זאָגן (דאָרט פסוק טו): כי זה אלהים — אַז דאָס איז גאָט, אונדזער גאָט אויף אייביק און שטענדיק; ער וועט אונדז פירן על מות [לייען] עלמות, מיט דער פלינקייט פון מיידלעך[12], ווי די דאַזיקע מייד־לעך[13]; ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט סח, כח): עלמות — מיידלעך וואָס פייקלען.

[אַן אַנדער פשט:][14] עלמות — ווי עקילס[15] האָט איבערגעזעצט: אטאנאסיה, אומשטערבלעכקייט[16]; עלמות [וועט לויט דעם מיינען] עולמות, ביידע וועלטן: ער וועט אונדז פירן אויף דער וועלט און ער וועט אונדז פירן אויף יענער וועלט[17].

## לא

(יב) אני קהלת — איך קוהלת בין געווען מלך איבער ישראל אין ירו־שלים. ר׳ שמואל דער זון פון ר׳ יצחקן האָט געזאָגט: דאָס וואָלט געדאַרפט געשריבן ווערן און זיך געפינען ביים אָנהייב פונעם ספר; טאָ פאַרוואָס איז עס געשריבן געוואָרן דאָ? ניירעט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער תורה[1]. און דעסטגלייכן האָט געלערנט ר׳ ישמעאל (שמות טו, ט): אמר אויב — דער שונא האָט געזאָגט: איך וועל יאָגן, איך וועל כאַפּן, — דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אָנהייב פון דער שירה; טאָ פאַרוואָס איז עס גע־שריבן געוואָרן דאָ? נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער תורה. און דעסטגלייכן (ויקרא ט, א) ויהי — און עס איז געווען אויפן אַכטן טאָג, — דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אָנהייב פונעם ספר[2]; טאָ פאַרוואָס איז עס געשריבן געוואָרן דאָ? נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער תורה. און דעסטגלייכן (דברים כט, ט): אתם נצבים — איר שטייט היינט, — דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אָנהייב פונעם ספר; נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער תורה. און דעסטגלייכן (יהושע ג, ז): היום הזה — היינטיקן טאָג וועל איך דיך אָנהייבן גרייסן, — דאָס וואָלט געדאַרפט געשריבן ווערן ביים אָנהייב פונעם ספר; נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער תורה. און דעסטגלייכן (שופטים ה, ג): שמעו — הערט, איר מלכים, פאַרנעמט, איר האָרן, — דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אָנהייב פון דער שירה; נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער

---

אין תנ״ך אָפּט באַצייכנט גאָט אין זיין שייכות צו ישראל. [11] דער נוסח אין אַלע תנ״ך ספרים איז לחילה (זע מנחת שי אויף דעם פסוק); מעגלעך אַז דער בעל המדרש מיינט צו זאָגן: לייען ניט לחילה, נייערט לחולה. [12] לייענענדיק על מות ווי איין וואָרט, — ווי דער רבים פון עלמה, מיידל, יונגפרוי. [13] די איבערחזרונג קומט פון דער אַראַמישער אָפּטייטשונג פון עלמות. [14] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט. [15] איבערזעצער פון תנ״ך אויף גריכיש אין צווייטן יאָרהונדערט. [16] טעקסט עמענדירט לויט ויקרא רבה יא, ט, וואו עס ווערט דערקלערט: אַ וועלט אָן טויט. (ווי עס וואָלט געשטאַנען אל מות מיט אַן אלף). [17] הוא ינהגנו עלמות — ער וועט אונדז פירן אויף ביידע וועלטן.

לא. [1] אין דער תורה איז אָפּט ניטאָ קיין כראָנאָלאָגישע אָרדנונג, און זאַכן וואָס דאַרפן זיין פריער קומען שפּעטער, און פאַרקערט (אונטער תורה ווערט דאָ און ווייטער פאַרשטאַנען גאַנץ תנ״ך). [2] מחמת דאָרט רעדט זיך וועגן מחנך זיין דעם מזבח, וואָלט

**כתיב, לחולה שהן חלין לפניו כעלמות ומראין עליו באצבע ואומרים** (שם): כי זה אלהים, אלהינו עולם ועד; הוא ינהגנו על מות: עלמות — **בזריזות עלמות, כאילין עולמתא; המד״א:** על־מות תופפות.

[ד״א] עולמות — **תרגם עקילס: (ענתה נסיע) [אתנסיאה];** עלמות — **בשני עולמות:** ינהגנו **בעולם הזה** וינהגנו **בעולם הבא.**

לא

(יב) אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלים. **אמר ר׳ שמואל בר ר׳ יצחק: זה היה ראוי להכתב ולהיות תחלת הספר; ולמה נכתב כאן? אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. ודכוותיה תני ר׳ ישמעאל** (שמות טו): אמר אויב: ארדף, אשיג, — **זה היה ראוי להיות תחלת השירה; ולמה נכתב כאן? אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. ודכוותיה** (ויקרא ט): ויהי ביום השמיני, — **זה היה ראוי להיות תחלת הספר; ולמה נכתב כאן? אלא שאין מוק־דם ומאוחר בתורה. ודכוותיה** (דברים כט): אתם נצבים היום, — **זה היה ראוי להיות תחלת הספר; אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. ודכוותיה** (יהושע ג): ויאמר ה׳ אל יהושע: היום הזה אחל גדלך, — **זה היה ראוי להכתב תחלת הספר; אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. ודכוותיה** (שופטים ה): שמעו מלכים, האזינו רוזנים, — **זה היה ראוי להיות ראש לשירה; אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. ודכוותיה** (ישעיה ו): בשנת מות המלך עוזיהו, — **זה היה ראוי להיות תחלת הספר; אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. ודכוותיה** (ירמיה ב): הלך וקראת באזני ירושלים, — **זה היה ראוי להיות תחלת הספר; אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. ודכוותיה** (יחזקאל יז): בן אדם! חוד חידה, — **זה היה ראוי להיות תחלת הספר; אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. ודכוותיה** (תה־

---

**תורה. און דעסטגלייכן** (ישעיה ו, א): בשנת — אין דעם יאָר וואָס דער מלך עוזיהו איז געשטאָרבן, — **דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אָנהייב פונעם ספר; נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער תורה. און דעסטגלייכן** (ירמיה ב, ב): הלך — זאָלסט גיין און רופן אין די אויערן פון ירושלים, — **דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אָנהייב פונעם ספר; נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער תורה. און דעסטגלייכן** (יחזקאל יז, ב): בן אדם — דו מענטשנקינד! ראָט אַ רעטעניש, — **דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אָנהייב פונעם ספר[3]; נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער**

תורה. און דעסטגלייכן (תהלים עג, כב): ואני — און איך בין פאַרגרעבט, און ווייס ניט; ווי אַ בהמה [בין איך פאַר דיר], — דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אָנהייב פונעם ספר[4]; נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער תורה. און דעסטגלייכן: איך קהלת בין געווען מלך איבער ישראל, — דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אָנהייב פונעם ספר; נייערט ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער אין דער תורה.

## לב

(יב) אני קהלת — איך קוהלת בין געווען מלך איבער ישראל: ווען איך בין געווען [מלך], בין איך געווען [אַ יש]; אָבער איצט בין איך גאָרניט. ר׳ חנינא בר יצחק האָט געזאָגט: ווען איך בין געווען [מלך], בין איך געווען [אַ יש]; אָבער איצט בין איך גאָרניט ניט ווערט[1].

דריי וועלטן האָט ער געזען אין די טעג פון זיין לעבן. [וועגן דעם האָבן געזאָגט] ר׳ יודן און ר׳ אוניה. ר׳ יודן האָט געזאָגט: [ער איז געווען] אַ מלך, אַ הדיוט און ווידער אַ מלך; אַ חכם, אַ נאַר, און ווידער אַ חכם; רייך, אָרים און ווידער רייך. און פון וואַנען איז עס געדרונגען? (קהלת ז, טו): את הכל — אַלץ האָב איך געזען אין די טעג פון מיין נישטיקייט, — אַ מענטש דערציילט ניט אויס זיינע צרות, נייערט אין אַ צייט פון וואוילגעמיט, ווען ער קערט זיך אום צו זיין רייכקייט. און ר׳ אוניה האָט געזאָגט: אַ הדיוט, אַ מלך און ווידער אַ הדיוט; אַ נאַר, אַ חכם, און ווידער אַ נאַר; אָרים, רייך און ווידער אָרים. און פון וואַנען איז עס געדרונגען? איך קוהלת בין געווען מלך איבער ישראל אין ירושלים [ — איך בין געווען, ווען איך בין געווען; איצט אָבער בין איך עס ניט][2].

## לג

(יג) ונתתי את לבי — און איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו פאָרשן און נאָכזוכן אין דער חכמה[1]. וואָס מיינט און נאָכזוכן אין דער חכמה? זוכן די חכמה, ווערן אַן אויסקוקער פון דער חכמה; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יג, ב): שלח לך — שיק דיר מענטשן, און זאָלן זיי אויסקוקן[2] דאָס

די פרשה געדאַרפט קומען פאַר די דינים פון די קרבנות. [3] דאָ רעדט זיך וועגן דער געפאַנגענשאַפט פון יהויכין ווי וועגן עפּעס וואָס איז אין פלוג ערשט פאַרגעקומען (אַזוי לויטן בעל המדרש), און דער פרק א איז דאַטירט דעם פינפטן יאָר נאָך דעם (פסוק ב).
[4] דאָס דריטע ספר פון תהלים: טייטשנדיק עס אין איצטיקער צייט, וואָלט זיך דער פסוק גיכער געפּאַסט צום אָנהייב פון קאַפּיטל עג, ווייל אָנהייבנדיק מיטן פסוק יז איז שוין פאַראַן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס גייט דעם רשע גוט און דעם צדיק שלעכט.

לב. [1] די דרשה איז געבויט אויף אַ מעשה, אַז אשמדאי, דער מלך פון די שדים, האָט פאַרטריבן שלמהן פון טראָן און פאַרנומען זיין אָרט. דערביי איז פאַראַן אַ מחלוקת פון רב און שמואל. איינער זאָגט, אַז שלמה איז שפּעטער צוריק געוואָרן קיניג און דער צווייטער — אַז ער איז שוין געבליבן אַ הדיוט, אַ פּשוטער מענטש (גטין סח; מדרש תהלים עח). — די ווערטער פון ר׳ חנינא בר יצחק קוקן אויס ווי אַן איבערחזרונג פון די ווייטערדיקע ווערטער פון ר׳ אוניה, און אפילו דער נאָמען ר׳ חנינא, פּונקט ווי ר׳ אוניה, קוקט אויס ווי אַ פאַרגרייזונג פון ר׳ חוניא, אין וועמעס נאָמען די ווייטערדיקע

לים עג): ואני בער ולא אדע, בהמות, וגו׳, — **זה היה ראוי להיות תחלת הספר; אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה. ודכוותיה:** אני קהלת, הייתי מלך על ישראל, — **זה היה ראוי להיות תחלת הספר; אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה.**

לב

(יב) אני קהלת הייתי מלך על ישראל: **כד הוינא, הוינא; וכדו לית אנא מידי. ר׳ חנינא בר יצחק אמר: כד הוינא, הוינא; וכדו לית אנא שוי מידי.**

**שלשה עולמות ראה בימיו ובחייו. ר׳ יודן ור׳ אוניה. ר׳ יודן אמר: מלך והדיוט ומלך; חכם, טפש וחכם; עשיר, עני ועשיר. ומאי טעמא?** את הכל ראיתי בימי הבלי, — **לית בר נש מתני אנוקי דידיה, אלא בשעת רווחיה, כשיחזור לעותריה. ור׳ אוניה אמר: הדיוט, מלך והדיוט; טפש, חכם וטפש; עני, עשיר ועני. ומה טעם?** אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלים [— **הוינא, כד הוינא; ברם כען לית אנא].**

לג

(יג) ונתתי את לבי לדרוש ולתור בחכמה. **מהו** ולתור בחכמה? **תור לחכמה (לעשות תואר) [היעשות תייר] לחכמה; המד״א** (במדבר יג): שלח לך אנשים ויתורו את ארץ כנען: **מאן דקרא טבאות, יתיב לגביה; דתני טבאות, יתיב לגביה.**

**ד״א:** לדרוש ולתור, ולתור — **ולהותיר: הדין פייטנא כד הוה עביד אלפביתין, זמנין (חשל) [מחסל] לה, וזמנין מחסר לה; אבל**

---

לאַנד כנען: **וואו נאָר איינער האָט גוט געלערנט מקרא, איז ער געזעסן מיט אים;וואו נאָר איינער האָט גוט געלערנט משנה, איז ער געזעסן מיט אים.**

**אַן אַנדער פשט אויף** לדרוש ולתור, — ולתור **מיינט** ולהותיר, **און אי־בערצולאָזן: דער דאָזיקער פייטן[3], ווען ער מאַכט אלף־ביתן[4], איז אַ מאָל פאַרענדיקט[5] ער עס, און אַ מאָל לאָזט ער עס פעליק; אָבער שלמה, ווען ער**

---

**ווערטער ווערן געבראַכט אין** שיר השירים רבה א, י (**פאַרגלייך** אנציקלופדיה לחכמי התלמוד והגאונים פון דר׳ מ. מרגלית, **וואו ר׳ חוניא און ר׳ חנינא ווערן אידענטיפיצירט). אין** שיר השירים רבה **איז די איבערחזרונג ניטאָ.** [2] **צוגעגעבן לויט** שיר השירים רבה, **דאָרט.**

לג. [1] **געטייטשט לויטן** דרש. [2] ויתורו, — **דער פסוק ווערט געבראַכט פעסטצו־שטעלן דעם טייטש פון** ולתור. [3] **פאָעט, מחבר פון פיוטים און שירים.** [4] **שירים מיט אַן אַקראָסטיך, וואָס יעדע שורה הייבט זיך אָן מיט אַן אַנדער אות, לויט דער אָרדנונג פונעם**

פלעגט מאַכן אלף־ביתן, פלעגט ער עס מאַכן מיט פינף אותיות מער; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (מלכים א, ה, יב): ויהי שירו חמשה ואלף — (און זיינע שירים זיינען געווען טויזנט מיט פינף) — און דער איבערבלייב[6] פון זיינע משלים איז געווען פינף איבער דעם אלף[־בית][7]. און ניט נאָר אין דברי תורה אַליין איז שלמה געווען אַן אויסקוקער, נייערט ועל כל — וועגן אַלץ וואָס ווערט געטאָן אונטערן הימל, למשל: ווי מע פאַרזיסט דעם זענעפט און מע פאַרזיסט דעם לובין, און ווי מע זאָל טרינקען דאָס וואַרימס — וויין און וואַסער און פעפער, איטלעכס אַ דריטל.

## לד

(יג) הוא ענין רע — דאָס איז אַ שלעכטער ענין, וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשנקינדער זיך אָפּצוגעבן מיט דעם. ר׳ בון זאָגט: דאָס איז די טבע פון געלט. [דען] ר׳ יודן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ איבו: קיין מענטש גייט ניט אָוועק פון דער וועלט, אַז ער זאָל האָבן כאָטש האַלב פון דעם וואָס ער האָט געגלוסט, נייערט אויב ער האָט הונדערט, וויל ער מאַכן פון דעם צוויי הונדערט; און אויב ער האָט צוויי הונדערט, וויל ער מאַכן פון דעם פיר הונדערט.

לענות בו — זיך אָפּצוגעבן מיט דעם, — ר׳ יהודה זאָגט אין נאָמען פון ר׳ לוין: האָט אַ מענטש זוכה געווען און ער האָט געטאָן מיט זיין געלט מצוות, און ער האָט מתפלל געווען, ווערט ער געענטפערט[1]; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ל, לג): וענתה — און עס וועט עדות זאָגן[2] אויף מיר מיין צדקה[3]. אויב ניט, וועט עס עדות זאָגן אויף אים און אים פאַרקלאָגן; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (דברים יט, טז): לענות — עדות צו זאָגן אויף אים צום שלעכטן.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דאָס איז די טבע פון גזלה; דען ר׳ שמעון בר אבא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: למשל, ווען די מאָס ווערט איבערפולט מיט זינד, — וועלכע איז די ערשטע פון אַלע אָנצוקלאָגן? גזלה. דען ר׳ יודן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: עס שטייט געשריבן (עמוס ט, א): ובצעם און זייער רויב איז דאָס ערשטע פאַר אַלעמען[4].

ר׳ יעקב בר אחא אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: פיר און צוואַנציק חטאים האָט יחזקאל אויסגערעכנט, און מיט קיינס פון זיי אַלע האָט ער ניט פאַר־ענדיקט, נייערט מיט גזלה; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל כב, יג): והנה — און אָט האָב איך געקלאַפּט מיין האַנט איבער דיין אומערלעך געווין וואָס דו האָסט געמאַכט.

ר׳ פינחס אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: ווייל דער נביא רעדט וועגן געצנ־דינסט, גילוי עריות און בלוט פאַרגיסונג, [און דאָך פאַרענדיקט ער נאָר מיט גזלה, מיינט עס, אַז] קיין ערגערס פון זיי אַלע איז ניטאָ, נייערט גזלה[5].

ר׳ חוניא האָט באַשיידט דעם פסוק וועגן די [ספרים פון] נביאים און כתובים, אַז וואָלט ישראל זוכה געווען, וואָלטן זיי געהאַט צו לייענען ניט

שלמה, כד הוה עביד אלפביתין, הוה מותר לה חמש אתואן; ההייד (מלכים א, ה): ויהי שירו חמשה ואלף. — ויהי שירו של משל חמשה ואלף. ולא בדברי תורה בלבד היה שלמה תייר, אלא על כל אשר נעשה תחת השמים, כגון: היאך ממתיקין את החרדל וממתיקין את התורמסין, והיאך שותין את החמין — יין ומים ופלפלין בשליש.

לד

(יג) הוא ענין רע נתן אלהים לבני האדם לענות בו. ר׳ בון אומר: זו שיפוטו של ממון. אמר ר׳ יודן בשם ר׳ איבו: אין אדם יוצא מן העולם וחצי תאותו בידו. אלא אן אית ליה מאה, בעי למעבד יתהון תרתין מאוון; ואן אית ליה תרתי מאוון, בעי למעבד יתהון ארבע מאה.

לענות בו. — ר׳ יהודה בשם ר׳ לוי: זכה אדם ועשה מממונו מצוה, התפלל ונענה בו; המד״א (בראשית ל): וענתה בי צדקתי. אם לאו, הוא עונה בו ומקטרגו; המד״א (דברים יט): לענות בו סרה.

ר׳ יוחנן אמר: זה שיפוטו של גזל; דאמר ר׳ שמעון בר אבא בשם ר׳ יוחנן: משל לסאה מלאה עוונות, — מי מקטרג בראש כולם? זה גזל. דאמר ר׳ יודן בשם ר׳ יוחנן (עמוס ט): ובצעם בראש כלם כתיב. ר׳ יעקב בר אחא בשם ר׳ יוחנן: עשרים וארבעה חטאות סידר יחזקאל, ומכולם לא חתם אלא בגזל; ההייד (יחזקאל כב): והנה הכיתי כפי על בצעך אשר עשית, וגו׳. ר׳ פנחס בשם ר׳ יוחנן: לפי שהוא בענין עבודת כוכבים וגלוי עריות ושפיכות דמים, אין לך קשה מכולם אלא גזל.

ר׳חוניא פתר קרייא בנביאים ובכתובים, שאילו זכו ישראל, לא היו קורין אלא חמשה חומשי תורה, ה׳ ספרים בלבד; וכלום ניתנו להם נביאים וכתובים, אלא [להוכיחם. רבנן אמרין: אף

---

מער ווי די פינף חומשים פון דער תורה, פינף ספרים בלויז; דען די ספרים פון נביאים און כתובים זיינען זיי געגעבן געוואָרן ניט אַנדערש, נייערט [זיי

---

אלף—בית. [5] טעקסט ענדערונג לויט שיר השירים רבה א, ז. [6] שיורו — שירו. [7] אזוי ווערט דאָ געדרשנט דאָס וואָרט אלף (טויזנט); זע ווייטער, ז, מב.

לד. [1] נענה — לענות. [2] וענתה — לענות. [3] אזוי לויטן דרש. [4] אזוי לויטן דרש. ובצעם (און צעברעך זיי) ווערט דאָ געדרשנט לויטן וואָרט בצע, רויב, אומאָרנטלעך געווין. [5] אין אַלע געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דער דאָזיקער מאמר פריער, נאָך דער

צו שטראָפן[6]. די רבנן זאָגן: פונדעסטוועגן — זיך אָפּצוגעבן מיט דעם:] אַז מע זאָל זיך באַמיען איבער זיי און איבער דער תורה און טאָן מצוות און צדקות, כדי מע זאָל קריגן איבער דעם אַ גוטן שכר אזוי ווי [פאַרן מיען זיך איבער] די פינף ספרים פון דער תורה[7].

ר׳ אבהו האָט געזאָגט: דאָס איז די טבע פון דער תורה, וואָס אַ מענטש לערנט תורה און פאַרגעסט. די רבנן פון דאָרטן[8] זאָגן אין נאָמען פון ר׳ יצחקן פון דאַנען[9], און ר׳ טוביה אין נאָמען פון ר׳ יצחקן: ס׳איז פאַר זיין אייגענער טובה, וואָס אַ מענטש לערנט תורה און פאַרגעסט; דען וואָלט אַ מענטש געלערנט תורה און ניט פאַרגעסן, וואָלט ער זיך אָפּגעגעבן מיט תורה אַ צוויי־דריי יאָר, און וואָלט אַוועק און זיך אָפּגעגעבן מיט זיין מלאכה, און וואָלט שוין קיין מאָל אין זיין לעבן ניט אַריינגעקוקט אין איר. נייערט ווי באַלד אַ מענטש לערנט תורה און פאַרגעסט, אזוי קאָן ער זיך ניט אַוועקרירן און זיך דערווייטערן פון די ווערטער פון דער תורה[10].

און די רבנן זאָגן: דאָס איז די טבע פון גזלה[11]. אַ ראיה האָסטו, אַז אזוי איז עס, וואָרום די ערשטע דורות, איבער דעם וואָס זיי זיינען געווען פאַרטאָן און פאַרקאָכט אין גזלה, — דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (איוב כד, ב): גבולות — גרעניצן פלעגן זיי פאַררוקן, אַ סטאַדע פלעגן זיי אַוועקרויבן און פי־טערן[12] — זע, ווי זיי זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט דורך וואַסער. אָבער דער שבט ראובן און גד, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון גזלה, איבער דעם האָט זיי הקדוש ברוך הוא געגעבן זייער נחלה אין אַן אָרט, וואו ס׳איז ניטאָ קיין [מעגלעכקייט פאַר] גזלה, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר לב, א): והנה — און ערשט דאָס אָרט איז אַן אָרט פאַר פי[13]. און אזוי [האָבן מיר געלערנט: למשל] מהיר, [וואָס איז] זעכצן מייל אויף זעכצן מייל[14].

---

פראַזע „וויל ער מאַכן פון דעם פיר הונדערט”; ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דאָרט איז ניט זיין פּלאַץ. ווייטער, פרשה ג, יב, געפינט זיך דער מאמר פאַר די ווערטער פון ר׳ יעקב בר אחא, און אַזוי אויך, מיט שינויים, אין ויקרא רבה לג, ג. מיר האָבן עס געשטעלט דאָ, מחמת דער דרש בינדט זיך אַמבעסטן מיטן אינהאַלט פון יחזקאל כב. [6] און וואָלטן זיי ניט גע־זינדיקט, וואָלטן די דאָזיקע ספרים ניט נייטיק געווען, און דאָס זאָל מיינען דער פסוק: דאָס איז אַ שלעכטער ענין, וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשנקינדער זיך אָפּצוגעבן מיט דעם. [7] דער טעקסט אין די פאַרשידענע געדרוקטע אויסגאַבעס איז דאָ פאַרמישט און ניט קלאָר. מיר האָבן אויסגעשטעלט דעם טעקסט לויטן רד״ל, וועלכער שטיצט זיך טייל־ווייז אויפן אות אמת. [8] פון בבל. [9] פון ארץ ישראל, וואו דער מדרש איז צונויפ־געשטעלט געוואָרן. [10] און דער אין פלוג שלעכטער ענין פון פאַרגעסן לאָזט זיך אויס צום גוטן מיט דעם, וואָס מע מוז זיך כסדר אָפּגעבן מיט דעם, און באַקומען שכר דער־פאַר. [11] אַ שלעכטער ענין — — — . [12] געטייטשט אין פאַרגאַנגענער צייט לויטן דרש, אַז דער פסוק איז געזאָגט געוואָרן קעגן דעם דור המבול (זע בראשית רבה לח, ו). [13] זייערע נחלות זיינען געלעגן ביים ראַנד פון מדבר, ווייט פון אַ ישוב, און ס׳איז ניט געווען די געפאַר, אַז זייער פי זאָל זיך פאַשען אויף פרעמדע פעלדער. [14] אויף אַלע זייטן זעכצן מייל ווייט פון אַ ישוב. זע ירושלמי פסחים ד, ג: מעג מען דען האָדעווען קליינע פי? ר׳ בון האָט געזאָגט: למשל מהיר, וואָס איז זעכצן מייל אויף זעכצן מייל (אונדזער טעקסט געענדערט לויט יענעם נוסח).

על פי כן — לענות בו:] שיהיו יגעים בהן ובתורה ועושין מצוות וצדקות, כדי לקבל עליהם שכר טוב (רבנן אמרין: אף על פי כן לענות בו, — מקבלים עליהם שכר) כחמשה ספרי תורה.

ר׳ אבהו אמר: זה שיפוטה של תורה, שאדם למד תורה ושכחה. רבנן דתמן בשם ר׳ יצחק דהכא ור׳ טוביה בשם ר׳ יצחק: לטובתו אדם למד תורה ושוכח; שאילו היה אדם למד תורה ולא שכחה, היה מתעסק בתורה שתים שלש שנים, וחוזר ומתעסק במלאכתו, ולא היה משגיח בה לעולם כל ימיו. אלא מתוך שאדם למד תורה ושוכחה, אינו מזיז ואינו מזיע את עצמו מדברי תורה.

רבנן אמרי: זה שיפוטו של גזל. תדע, שכן הוא, שהרי דורות הראשונים על ידי שהיו עסוקין ושטופין בגזל, — המד״א (איוב כד): גבולות ישיגו, עדר גזלו וירעו — ראה, כי נמחו במים מן העולם. אבל שבט ראובן וגד, שהרחיקו עצמן מן הגזל, לפיכך נתן להם הקב״ה נחלתם במקום שאין בו גזל, שנאמר (במדבר לב): והנה המקום מקום מקנה, וגו׳. וכן: [כגון] (מ)מהיר [שהיא] ששה עשר מיל על ששה עשר מיל.״

לה

(יד) ראיתי את כל המעשים שנעשו [תחת השמש, והנה הכל הבל ורעות רוח]. א״ר אבא בר כהנא: לזקן שהיה יושב בפרשת דרכים, והיו לפניו שני שבילין: אחד תחלתו מישור, וסופו קוצים וארזים וקנים; ואחד תחלתו קנים וארזים וקוצים, וסופו מישור. והיה מזהיר לעוברין ולשבים ואומר: „זה תחלתו מישור, וסופו ארזים וקוצים וקנים; וזה תחלתו קוצים וארזים

---

לה

(יד) ראיתי — איך האָב געזען אַלע טואונגען וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון, ערשט אַלץ איז נישטיקייט און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ זקן וואָס פלעגט זיצן ביים שייד־וועג, און פאַר אים זיינען געווען צוויי שטעגן: איינער וואָס איז ביים אָנהייב געווען גלאַט, אָבער ביים סוף — דערנער, צעדערן און ראָר; און איינער וואָס איז ביים אָנהייב געווען מיט ראָר, צעדערן און דערנער, אָבער ביים סוף גלאַט. און ער פלעגט וואָרענען די פאַרבייגייערס און פלעגט זאָגן: „דער איז ביים אָנהייב גלאַט, אָבער ביים סוף — צעדערן און דערנער און ראָר;

און דער איז ביים אָנהייב מיט דערנער און צעדערן און ראַר, אָבער ביים סוף גלאַט". דאַרפן ניט מענטשן אים דאַנקבאַר זיין, וואָס ער וואָרנט זיי פון זייער טובה וועגן, זיי זאָלן זיך ניט איינמאַטערן? אזוי — דאַרפן ניט מענטשן דאַנקבאַר זיין שלמהן, וואָס זיצט ביי די טויערן פון חכמה און וואָרנט ישראל[1]: איך האָב געזען אַלע טואונגען, וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון, ערשט אַלץ איז נישטיקייט און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט, אויסער תשובה און מעשים טובים? און די רבנן זאָגן: [ס'איז אַ משל] מיט אַ שטערן־זעער וואָס פלעגט זיצן ביים איינגאַנג צום האַפן, און ער פלעגט וואָרענען אַלע פאַרבייגייער און פלעגט זיי זאָגן: „די סחורה איז גאַנגבאַר אין דעם־און־דעם אָרט און יענע סחורה איז גאַנגבאַר אין דעם־און־דעם אָרט." דאַרפן ניט מענטשן אים דאַנקבאַר זיין? אזוי אויך שלמהן, וואָס האָט געזאָגט: איך האָב געזען אַלע טואונגען — — — אויסער תשובה און מעשים טובים.

## לו

(טו) מעוות — דאָס פאַרקרימטע קען מען ניט אויסגלייכן [און דאָס פעליקע קען ניט גערעכנט ווערן]. אויף דער וועלט, ווער עס איז פאַרקרימט, קען זיך אויסגלייכן; און ווער עס איז פעליק, קען נאָך פאַררעכנט ווערן[1]. אָבער אויף יענער וועלט, ווער עס איז פאַרקרימט, קען זיך ניט אויסגלייכן; און ווער עס איז פעליק, קען ניט פאַררעכנט ווערן.

עס טרעפט, אַז צוויי רשעים זיינען געווען חברים איינער מיטן אַנדערן אויף דער וועלט. האָט איינער פון זיי זיך צוגעאיילט און געטאָן תשובה ביים לעבן, פאַר זיין טויט, און איינער האָט פאַרן טויט קיין תשובה ניט געטאָן. האָט דער וואָס האָט תשובה געטאָן ביי זיין לעבן זוכה געווען און איז געשטאַנען זייט־ביי־זייט מיט אַ חבורה פון צדיקים. און דער שטייט זייט־ביי־זייט מיט אַ חבורה פון רשעים, און ער זעט זיין חבר און ער זאָגט: „אפשר איז פאַראַן משוא־פנים[2] אויף דער דאָזיקער וועלט? ווי איז דעם דאָזיקן מענטשן[3]! ער און איך זיינען געווען אויף דער וועלט צוזאַמען, מיר זיינען געווען ווי איינער און מיר האָבן געגנבעט אין איינעם און געגזלט אין איינעם, און מיר האָבן אָפּגעטאָן אַלע שלעכטע מעשים אויף דער וועלט אין איינעם. פאַרוואָס־זשע איז דער זייט־ביי־זייט מיט אַ חבורה פון צדיקים, און איך בין זייט־ביי־זייט מיט אַ חבורה פון רשעים?" זאָגט מען אים: „דו נאַר איי־נער! ביסט געווען אַ מנוול [און האָסט זיך געוואַלגערט][4] נאָך דיין טויט דריי טעג, און מע האָט דיך צומאָל אין קיין ארון ניט אַריינגעלייגט, און מיט שטריק האָט מען דיך געשלעפּט צום קבר: (ישעיה יד, יא) תחתיך — אונטער דיר איז מיט ווערים געבעט, און דיין איבערדעק איז מויל. האָט דיין חבר

לה. [1] דאָ ווערט אין די געדרוקטע טעקסטן געבראַכט מיט אַ טעות דער אָנהייב פונעם ווייטערדיקן פסוק: שבתי וראה תחת השמש (ט, יא), און מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזן.

לו. [1] אַ רשע קען תשובה טאָן און פאַררעכנט ווערן צווישן צדיקים. [2] פאַוואָריטיזם, דאָס שוינען אַ מענטשן ניט פאַרדינטערהייט. [3] געמיינט זיך. [4] צוגעגעבן לויט רות

וקנים, וסופו מישור." אין הבריות צריכין להחזיק לו טובה, שהוא מזהירן לטובתן, שלא ליגען? כך — אין הבריות צריכין להחזיק טובה לשלמה, שהוא יושב על שערי החכמה ומזהירן לישראל: ראיתי את כל המעשים שנעשו תחת השמש [, והנה הכל הבל ורעות רוח], חוץ מתשובה ומעשים טובים? ורבנן אמרו: לאיס-טרולוגוס שהיה יושב על פתח הלימן, והיה מזהיר לכל העוברים והשבים ואומר להם: „פרגמטיא פלונית יוצאה במקום פלוני ופרגמטיא פלונית יוצאה במקום פלוני". אין הבריות צריכין להחזיק לו טובה? כך לשלמה, שאמר: ראיתי את כל המעשים, וגו', — חוץ מתשובה ומעשים טובים.

לו

(טו) מעות לא יוכל לתקן, [וחסרון לא יוכל להמנות]. בעולם הזה, מי שהוא מעות, יכול להתקן; ומי שהוא בחסרון, יכול להמנות. אבל לעתיד לבא, מי שהוא מעות, אינו יכול להתקן; ומי שהוא בחסרון, אינו יכול להמנות.

יש מן הרשעים שהיו חברים זה לזה בעולם. אחד הקדים ועשה תשובה בחייו, קודם מיתתו, ואחד לא עשה תשובה קודם מיתתו. זכה זה שעשה בחייו ועמד בצד חבורה של צדיקים. וזה עומד בצד חבורה של רשעים, והוא רואה את חברו ואומר: „שמא משוא פנים יש בעולם הזה? אוי לאותו האיש! הוא וזה היינו בעולם יחד, שהיינו כאחד וגנבנו כאחד וגזלנו כאחד, וע-שינו כל מעשים רעים שבעולם כאחד. מפני מה זה בצד חבורה של צדיקים, ואותו האיש בצד חבורה של רשעים?" ואומר לו: „שוטה שבעולם! מנוול היית [ומושלך] לאחר מיתתך ימים שלשה, ולארון לא הכניסוך, ובחבלים גררוך לקבר: (ישעיה יד): תחתיך יוצע רמה, ומכסיך תולעה. וראה חברך בנוולך, ונשבע לשוב מדרך רשעתו ועשה תשובה כצדיק; וגרמה לו תשובתו ליטול לכאן חיים וכבוד וחלק עם הצדיקים. כל כך למה? שהיתה ספיקא בידך לשוב; ואילו שבתה, היה טוב לך".

---

געזען דיין מנוולדיקייט, און ער האָט געשוואָרן זיך אָפּצוקערן פון דעם וועג פון זיין רשעות, און ער האָט תשובה געטאָן ווי אַ צדיק; האָט אים זיין תשובה גורם געווען, אַז ער זאָל דאָ באַקומען לעבן און כבוד און אַ חלק צווישן צדי-קים. פאַרוואָס איז עס אזוי [מיט דיר געשען]? מחמת דו האָסט געהאַט ביד תשובה צו טאָן; און וואָלסטו תשובה געטאָן, וואָלט דיר גוט געווען."

זאָגט ער צו זיי: „לאָזט מיך, וועל איך גיין און איך וועל תשובה טאָן״. ענטפערט מען אים און מע זאָגט אים: „אָ, דו נאַר איינער! ווייסטו ניט, אַז די דאָזיקע וועלט איז געגליכן צו שבת און די וועלט פון וואַנען דו ביסט געקומען איז געגליכן צו ערב שבת? אויב אַ מענטש גרייט ניט אָן אום ערב שבת, וואָס וועט ער עסן אום שבת? און ווייסטו ניט, אַז די וועלט פון וואַנען דו ביסט געקומען איז געגליכן צו דער יבשה, און די דאָזיקע וועלט איז געגליכן צום ים? און אויב אַ מענטש גרייט זיך ניט אָן אויף דער יבשה, וואָס וועט ער עסן אויפן ים? און ווייסטו ניט, אַז די דאָזיקע וועלט איז געגליכן צו אַ מדבר, און די וועלט פון וואַנען דו ביסט געקומען איז געגליכן צו אַ יישוב? אויב אַ מענטש גרייט זיך ניט אָן אין יישוב, וואָס וועט ער עסן אין מדבר?״ דעמאָלט פאַרקריצט ער מיט די ציין און עסט דאָס לייב פון זיך, ווי דער פסוק זאָגט (קהלת ד, ה): הכסיל — דער נאַר פאַרלייגט זיינע הענט און עסט דאָס לייב פון זיך.

און ער זאָגט: „לאָזט מיך, איך זאָל קענען זען מיין חבר אין זיין כבוד״. און זיי זאָגן: „דו נאַר איינער! מיר זיינען באַפוילן פונעם אויבערשטנס מויל, אַז קיין צדיקים זאָלן ניט שטיין צווישן רשעים, און קיין רשעים צווישן צדי־קים; און ניט קיין ריינע זייט־ביי־זייט מיט אומריינע, און ניט קיין אומריינע זייט־ביי־זייט מיט ריינע. און אויף וואָס זיינען מיר באַפוילן? אויף [אָפּצוהיטן] דעם דאָזיקן טויער[5], ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיח, כ): זה השער — דער דאָזיקער טויער איז פון גאָט, צדיקים זאָלן אַריינגיין אין אים.״ גלייך צערייסט ער זיינע קליידער און פליקט זיך די האָר, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט קיב, י): רשע יראה — דער רשע זעט און ער ערגערט זיך.

לז

אַן אַנדער פשט: דאָס פאַרקרימטע קען מען ניט אויסגלייכן, — זינט די וואַסערן זיינען פאַרקרימט געוואָרן אין די ששת ימי בראשית[1], זיינען זיי נאָך ניט אויסגעגלייכט געוואָרן; און דאָס פעליקע קען ניט גערעכנט ווערן, — זינט הקב״ה האָט פעליק געמאַכט דאָס לבנה יאָר קעגן דעם זון יאָר מיט עלף טעג[2], זיינען שוין אַריבער אזוי פיל יאָרן און אזוי פיל [זון און לבנה] מחזורים[3] און אזוי פיל עיבור יאָרן[4], און דאָס לבנה יאָר האָט נאָך אַלץ ניט געגרייכט דאָס זון יאָר[5].

אַן אַנדער פשט: דאָס פאַרקרימטע קען מען ניט אויסגלייכן, — זינט דער דור המבול איז פאַרקרימט געוואָרן דורך זיינע שלעכטע מעשים, איז ער ניט אויסגעגלייכט געוואָרן; און דאָס פעליקע קען ניט גערעכנט ווערן, — זינט הקדוש ברוך הוא האָט פעליק געמאַכט זייערע יאָרן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ו, ג): והיו ימיו — און זיינע טעג וועלן זיין הונדערט און צוואַנציק יאָר[6], זיינען זיי נאָך ניט [פול] געציילט געוואָרן.

רבה ג, ג (אין אונדזער אויסגאַבע זייטן 80—81). [5] פון גן עדן.

לז. [1] ווען גאָט האָט באַפוילן, זיי זאָלן פאַרלאָזן די ערד און זיך פאַרזאַמלען אין די

**והוא אומר להם: „הניחו לי, ואלך ואעשה תשובה״. ומשיבין אותו ואמרים לו: „אי, שוטה שבעולם! אין אתה יודע, שהעולם הזה דומה לשבת ועולם שבאת ממנו דומה לערב שבת? אם אין אדם מתקן מערב שבת, מה יאכל בשבת? ואין אתה יודע, שהעולם שבאת ממנו דומה ליבשה, והעולם הזה דומה לים? ואם אין אדם מתקן לו ביבשה, מה יאכל בים? ואין אתה יודע, שהעולם הזה דומה למדבר, ועולם שבאת ממנו דומה ליישוב? אם אין אדם מתקן לו מן היישוב, מה יאכל במדבר?״ מיד חורק שיניו ואוכל את בשרו, שנאמר:** הכסיל חובק את ידיו ואוכל את בשרו.

**והוא אומר: „הניחו לי, ואראה בכבוד חברי.״ והן אומרין: „שוטה שבעולם! מצווין אנו מפי הגבורה, שלא יעמדו צדיקים בתוך רשעים, ולא רשעים בתוך צדיקים; ולא טהורים בצד טמ־אים, ולא טמאים בצד טהורים. ועל מה אנו מצווין? על השער הזה, שנאמר** (תהלים קיח): זה השער לה׳, צדיקים יבאו בו׳. **מיד קורע את בגדיו ותולש את שערו, שנאמר** (שם קיב): רשע יראה וכעס.

לז

**דבר אחר:** מעות לא יוכל לתקן, — **משנתעוותו המים מששת ימי בראשית, עוד לא נתקנו;** וחסרון לא יוכל להמנות, — **מש־חסר הקב״ה שנת הלבנה משנת החמה אחד עשר יום. הרי כמה שנים וקצים וכמה עיבורים, ולא הגיעה שנת (חמה ללבנה) [לבנה לחמה].**

**ד״א:** מעות לא יוכל לתקן, — **משנתעוותו דור המבול במעשיהם הרעים, שוב לא נתקנו;** וחסרון לא יוכל להמנות, — **משחסר הקב״ה שנותיהם, שנאמר** (בראשית ו): **והיו** ימיו מאה ועשרים שנה, **עוד לא נמנו.**

---

ימען (זע שמות רבה טו, כב). [2] אין גמרא (חולין ס, ב) ווערט דערציילט, אַז לכתחילה איז די לבנה געווען פון דער זעלבער גרייס ווי די זון; נאָר נאָכדעם ווי זי האָט אַרויס־געוויזן אומצופרידנקייט מיט דעם, האָט דער אייבערשטער זי פאַרקלענערט. נעמט דער בעל המדרש אָן, אַז דורכדעם איז אויך דאָס יאָר פון דער לבנה פאַרקלענערט געוואָרן. [3] יאָר־ציקלען פון דער זון (28 יאָר) און פון דער לבנה (21 יאָר). [4] ווען עס ווערט צו־געגעבן אין לוח אַ דרייצנטער חודש (אדר ב), כדי אויסצוגלייכן דאָס לבנה יאָר מיטן זון יאָר. [5] טעקסט געענדערט לויט זיין לאָגיק. [6] און פאַר דעם האָבן מענטשן גע־

אַן אַנדער פּשט: דאָס פאַרקרימטע קען מען ניט אויסגלייכן, — כל זמן אַ מענטש דרייט זיך ניט אַוועק פון דברי תורה, קאָן ער זיך נאָך פאַרריכטן; און דאָס פעליקע קען ניט גערעכנט ווערן, — כל זמן אַ מענטש מאַכט זיך ניט פעליק פון דברי תורה, קאָן ער נאָך גערעכנט ווערן[7]. אזוי ווי ר׳ יהודה און ר׳ אלעזר וואָס פלעגן לערנען אין איינעם. האָט ר׳ יהודה זיך גענומען אַ פרוי, און ר׳ אלעזר האָט אים איבערגעיאָגט אין די שבעת ימי המשתה; זיינען אַריבער וויפל יאָרן אים צו דעריאָגן, און ער האָט אים ניט דעריאָגט. דאָס איז: און דאָס פעליקע קען ניט גערעכנט ווערן.

אַז ס׳איז געקומען די צייט פון לייענען קריאת שמע[8] און ער האָט עס ניט געלייענט אין צייט, זאָגט אויף אים דער פּסוק: דאָס פאַרקרימטע קען מען ניט אויסגלייכן; איז געקומען די צייט פון דאַוונען, און ער האָט ניט געדאַוונט, זאָגט אויף אים דער פּסוק: און דאָס פעליקע קען ניט גערעכנט ווערן.

מיר האָבן געלערנט: ר׳ שמעון בן מנסיא זאָגט: ווער איז עס וואָס איז פאַרקרימט און קען ניט פאַרריכטן? דער וואָס איז געקומען אויף אַן ערווה[9], און ס׳איז אים געבוירן געוואָרן פון איר אַ ממזר. ווּעסטו זאָגן דאָס זעלבע וועגן אַ גנב און אַ גזלן? ער קען דאָך פאַרריכטן.

ר׳ שמעון בר׳ יוסי זאָגט: מע רופט ניט קיינעם פאַרקרימט, נייערט דעם וואָס איז צוערשט געווען גלייך און איז פאַרקרימט געוואָרן; און ווער איז עס? דאָס איז דער תלמיד חכם וואָס איז אַוועק פון דער תורה.

ר׳ שמעון בן מנסיא זאָגט: האָט אַ מענטש געגנבעט, קען ער די גנבה אומקערן; האָט ער געגזלט, קען ער די גזלה אומקערן. און ניט אויף אים ווערט געזאָגט: דאָס פאַרקרימטע קען מען ניט אויסגלייכן. אָבער דער וואָס קומט אויף אַן אשת איש, פאַרשניידט זיין לעבן פון דער וועלט און דערצו אסרט ער די פרוי אויף איר מאַן.

ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: מע זאָגט ניט: „באַטראַכט דעם דאָזיקן קעמל, טאָמער איז ער אַ בעל מום[10]; באַטראַכט דעם דאָזיקן חזיר, טאָמער איז ער אַ בעל מום". אָבער וועמען באַטראַכט מען יאָ? [די שעפּסן פאַרן] קרבן תמיד; און ווער איז עס? דאָס איז דער תלמיד חכם וואָס איז אַוועק פון דער תורה. יהודה בן לקיש אין נאָמען פון רבן שמעון בן גמליאל: אויף אים זאָגט

---

לעבט הונדערטער און הונדערטער יאָרן (זע דאָרט, פּרק ה). [7] צווישן ערלעכע מענטשן, מיר האָבן אָנגענומען דעם נוסח פון דער ראָם אויסגאַבע פון תרנ״ז (מיטן עץ יוסף) און צוגעגעבן דאָס וואָרט אין אין אָנהייב פונעם אָריגינאַל טעקסט, און אַזוי איז עס אויך אין אַנדערע אויסגאַבעס. דער מתנות כהונה שטרייכט אויס ביידע מאָל אין טעקסט דאָס וואָרט אין, און אַזוי איז דער נוסח אין דער אויסגאַבע פון תרצ״ח, און לויט דעם דאַרף זיך דער טעקסט לייענען ווי אַ פראַגע: אויב אַ מענטש דרייט זיך אַוועק פון דברי תורה, קאָן ער זיך נאָך פאַרריכטן? או״ו. [8] אין פרימאָרגן. [9] געלעבט מיט אַ פרוי פון נאָענטער קרובהשאַפט (זע ויקרא כ, י און ווייטער). [10] טאָמער האָט ער אַ פעלער, און מע קען אים ניט מקריב זיין אויפן מזבח: אַ קעמל איז אַ טרפה חיה, און קאָן סיי

**ד״א:** מעות לא יוכל לתקן, — **אם [אין] אדם מעוות עצמו מדברי** תורה, **יכול הוא לתקן את עצמו;** וחסרון לא יוכל להמ־נות, — **אם אין אדם מחסיר עצמו מדברי תורה, יכול הוא עוד להמנות. משאדם מעוות עצמו מדברי תורה אינו יכול לתקן, ומשאדם מחסר עצמו מדברי תורה אינו יכול להמנות. כי הא דר׳ יהודה ור׳ אלעזר הוו תניין כחדא. ונסב ליה ר׳ יהודה אנת־תיה, וקדמיה ר׳ אלעזר שבעת ימים דמשתיתא; ועבר כמה שנים דימטי ביה, ולא מטא ביה. הוי:** וחסרון לא יוכל להמנות.

**הגיע שעת קריאת שמע, ולא קרא בעונתה, עליו הכתוב אומר:** מעות לא יוכל לתקן; **הגיע שעת התפלה, ולא התפלל בה, עליו נאמר:** וחסרון לא יוכל להמנות.

**תנינן: ר׳ שמעון בן מנסיא אומר: אי זהו** מעוות **שאינו יכול לתקון? זה הבא על הערוה והוליד ממנה ממזר. תאמר בגזלן ובגנב? יכול הוא לתקן. ר׳ שמעון בר׳ יוסי אומר: אין קורין** מעוות, **אלא למי שהיה מתוקן תחלה ונתעוות; ואי זהו? זה תלמיד חכם הפורש מן התורה.**

**ר׳ שמעון בן מנסיא אומר: גנב אדם, אפשר שיחזיר את הגנבה; גזל, יחזיר את גזלו. ועל זה לא נאמר:** מעות לא יוכל לתקן. **אבל הבא על אשת איש, טרף חייו מן העולם וגם אסרה על בעלה.**

**ר׳ שמעון בן יוחאי אומר: אין אומרין: בקרו גמל זה, שמא בעל מום הוא; בקרו את החזיר הזה, שמא בעל מום הוא. ואת מי מבקרין? את התמידין; ואיזה זהו? זה תלמיד חכם שפירש מן התורה. יהודה בן לקיש בשם רבן שמעון בן גמליאל: עליו הכ־תוב אומר** (משלי כז): כצפור נודדת מן קנה, כן איש נודד ממקומו.

**וכך הוא אומר: אלף דור עלו במחשבה להבראות; כמה נמחו**

---

דער פסוק (משלי כז, ח): כצפור — ווי אַ פויגל וואָגלט אַוועק פון איר נעסט, אזוי איז אַ מענטש וואָס וואָגלט אַוועק פון זיין אָרט[11].

**און אַזוי [אויך] זאָגט ער[12]: טויזנט דורות זיינען אַרויף אויף דער מחשבה**

---

ווי קיין קרבן ניט זיין, און אזוי אויך דער חזיר. [11] **און דאָס אָרט פון אַ תלמיד חכם איז אין בית מדרש ביי דער תורה.** [12] **ס׳איז ניט קלאָר, ווען דער בעל המדרש מיינט דאָ, דער דאָזיקער מאמר ווערט אין פאַרשיידענע מקורות געבראַכט אונטער אַנדערע נעמען** (מדרש תהלים קה, ג; בראשית רבה כח, ד; תנחומא לך־לך, יא, און יתרו, ט; ילקוט תהלים תתסג; קוהלת רבה ד, ד), **און נאָר אין איין אָרט** (חגיגה יג, ב) **ווערט ער גע־**

[פון גאָט] באַשאַפן צו ווערן; וויפל פון זיי זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן[13]? ניין הונדערט און פיר און זיבעציק דורות. און פון וואַנען איז עס געדרונגען? [אין פּסוק שטייט] (תהלים קה, ח): דבר — דאָס וואָרט וואָס ער האָט באַפוילן אויפן טויזנטסטן דור[14], און וואָס איז עס? **דאָס איז די תורה**[15]. ר׳ לוי אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן: ניין הונדערט און **אַכציק [דורות]** און פון וואַנען איז עס געדרונגען? דאָס וואָרט וואָס ער האָט באַפוילן אויפן טויזנטסטן דור, דאָס איז די [מצווה פון] מילה[16].

ר׳ יעקב בר אחא אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: **אַ מענטש זאָל זיך** קיינמאָל ניט צוריקהאַלטן פון גיין אין בית מדרש. מחמת וויפל מאָל איז געפרעגט געוואָרן אין יבנה[17] די הלכה וועגן די מולטער־שיפלעך פון ירדן: אַ מולטער־שיפל פון ירדן — פאַרוואָס איז עס מקבל טומאה[18]? און קיינער האָט זיך ניט אויפגעהייבן, און קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם. ביז ר׳ חנינא בן עקביא האָט געדרשנט וועגן דעם אין זיין שטאָט: פאַרוואָס איז דאָס מולטער־שיפל פון ירדן מקבל טומאה? ווייל מע לאָדט עס אָן אויף דער יבשה און נאָך דעם לאָזט מען עס אַראָפּ אין וואַסער[19]. האָט מען אים געפרעגט: אָבער אָט לאָזן דאָך אויך אַראָפּ די ים־פּאָרערס פון אשקלון [זייערע שיפלעך אין וואַסער ערשט נאָכן אָנלאָדן זיי]? האָט ר׳ אלעזר בן יוסי געזאָגט: דאָס איז אַנדערש, מחמת נאָר אַ טייל [פון זייערע שיפלעך] שטייט אויף דער ערד. און נאָך אַ זאַך האָט ער געדרשנט: צווייגן פון אַ טייטלבוים וואָס מע האָט אָפּגעהאַקט, סיי אויף צו מאַכן אַ געלעגער, סיי אויף געצעלטן, דאַרפן [צוערשט] צונויפגעבונדן ווערן[20].

---

בראַכט אין נאָמען פון ר׳ שמעון החסיד, אַ גאַנץ אומבאַקאַנטער נאָמען. לאָזט זיך מאַכן די השערה, אַז דער בעל המדרש ציטירט דעם מאמר פון דער גמרא חגיגה, און אונטער דעם נאָמען ר׳ שמעון החסיד האָט ער פאַרשטאַנען איינעם פון די אויבנגעבראַכטע ר׳ שמעונס: אָדער דעם לעצטן בעל המאמר, רבן שמעון בן גמליאל (דעם צווייטן), וואָס איז געווען אַ גרויסער ענוו (זע בבא מציעא פד, ב, וואו ער רופט זיך אָן פוקס, אין פאַרגלייך מיט ר׳ שמעון בן יוחאי דעם לייב); אָדער ר׳ שמעון בן יוחאי, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן צדיק (מיט זיין תפילה האָט ער געקענט אַרויסציען גאָלדענע רענדלעך פון דער ערד, — שמות רבה נב, ג; פאַרגלייך אויך שבת לג, ב, וואו עס ווערט דערציילט, אַז נאָך זיין אַרויסגיין פון דער הייל, וואו ער האָט זיך באַהאַלטן פון מלכות צוועלף יאָר צייט, פלעגט ער פאַרברענען זאַכן מיטן קוק פון זיין אויג); אָדער גאָר ר׳ שמעון בן מנסיא, וואָס ווערט דערמאָנט ווי אַ חבר פון אַן עדה קדושה (ירושלמי מעשר שני, ב, ד; קוהלת רבה ט, ז; ילקוט קוהלת תתקעט). [13] פונעם פּלאַן און זיינען ניט באַשאַפן געוואָרן. [14] געטייטשט לויטן דרש. [15] די תורה האָט געזאָלט געגעבן ווערן דעם טויזנטסטן דור נאָך דער וועלט באַשאַפונג, אָבער זי איז געגעבן געוואָרן אויפן זעקס און צוואַנציקסטן דור (צען דורות פון אדמען ביז נוחן, צען דורות פון נוחן ביז אברהמען, און זעקס דורות פון אברהמען ביז משהן), קומט אויס, אַז ניין הונדערט און זעקס און זיבעציק דורות זיינען אַרויסגעפאַלן פונעם וועלט פּלאַן. [16] און מצוות מילה איז געגעבן געוואָרן צו אברהמען, אין צוואַנציקסטן דור. — און וועגן די ניט באַשאַפענע דורות ווערט עס געזאָגט: דאָס פּעליקע קען ניט גערעכנט ווערן. [17] דאָס זיץ אָרט פון דעם

**מהם? תשע מאות ושבעים דורות. ומה טעם?** (תהלים קה): דבר צוה לאלף דור. **ואיזה זה? זו התורה. ר׳ לוי בשם ר׳ שמואל בר נחמן: תשע מאות ושמונים; ומה טעם?** דבר צוה לאלף דור **זו היא המלה.**

**ר׳ יעקב בר אחא בשם ר׳ יוחנן: לעולם אל ימנע אדם עצמו לילך לבית המדרש. שהרי כמה פעמים נשאלה הלכה זו ביבנה בעריבת הירדן: עריבת הירדן למה היא טמאה? ולא עמד אדם ולא אמר בה דבר. עד שדרשה ר׳ חנינא בן עקביא בעירו: ערי־בת הירדן למה היא טמאה? מפני שטוענין אותה ביבשה ומורי־דין אותה למים. אתיבון ליה: והלא יורדי אשקלון שקעוה, וגו׳? אמר ר׳ אלעזר בן יוסי: שנייה היא, שמקצתה שקועה בארץ. ועוד דבר אחר דרש: חריות של דקל שגדען, בין לשכיבה בין לאהלים, צריכות הן קישור.**

לח

(טז) דברתי אני עם לבי.

**הלב רואה, שנאמר:** ולבי ראה הרבה. **הלב שומע, שנאמר** (מלכים א, ג): ונתת לעבדך לב שומע. **הלב מדבר, שנאמר:** דברתי אני עם לבי. **הלב הולך, שנאמר** (מלכים ב, ה): לא לבי הלך? **הלב נופל, שנאמר** (שמואל א, יז): אל יפל לב אדם עליו. **הלב עומד,**

---

לח

(טז) דברתי — איך האָב מיר גערעדט מיט מיין האַרצן.

**דאָס האַרץ זעט, ווי דער פּסוק זאָגט**[1]: ולבי — און מיין האַרץ האָט געזען אַ סך. **דאָס האַרץ הערט, ווי דער פּסוק זאָגט** (מלכים א, ג, ט): זאָלסטו געבן דיין קנעכט אַ האַרץ וואָס הערט[2]. **דאָס האַרץ רעדט, ווי דער פּסוק זאָגט:** דברתי — איך האָב מיר גערעדט מיט מיין האַרצן. **דאָס האַרץ גייט, ווי דער פּסוק זאָגט**(מלכים ב, ה, כו): לא לבי — איז ניט מיין האַרץ מיטגעגאַנגען? **דאָס האַרץ פאַלט איין, ווי דער פּסוק זאָגט** (שמואל א, יז, לב): אל יפל — זאָל קיין מענטשנס האַרץ ניט איינפאַלן איבער אים. **דאָס האַרץ שטייט, ווי דער**

---

**סנהדרין און פון דער גרויסער ישיבה נאָכן צווייטן חורבן.** [18] **נאָר כלים פון דער יבשה ווערן אומריין ווען עס רירט זיך אָן אָן זיי אַ טמאדיקע זאַך, אָבער ניט קיין שיף אויפן וואַסער** (זע כלים ב, ג). [19] **האָט עס דעם דין פון אַ כלי אויף דער יבשה. — און די וואָס זיינען אין בית מדרש ניט געווען האָבן די דרשה פאַרפעלט, און דאָס פעליקע קען ניט גערעכנט ווירן.** [20] **און ערשט דאַן ווערן זיי פאַררעכנט ווי אַ כלי און זיינען מקבל טומאה. — זע רד״ל וועגן אַ מער לאָגישער סעקווענץ פון די מאמרים אין דעם סימן.**

**פסוק זאָגט** (יחזקאל כב, יד): היעמד — וועט דיין האַרץ שטיין? **דאָס האַרץ פרייט זיך, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים טז, ט): לכן — דעריבער פרייט זיך מיין האַרץ און מיין כבוד[3] איז לוסטיק. **דאָס האַרץ שרייט, ווי דער פסוק זאָגט** (איכה ב, יח): צ׳עק — געשריען האָט זייער האַרץ צו גאָט. **דאָס האַרץ ווערט געטרייסט, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה מ, ב): דברו — רעדט צום האַרצן פון ירושלים[4]. **דאָס האַרץ האָט פאַרדרוס, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים טו, י): ולא ירע לבבך — און זאָל דיין האַרץ ניט פאַרדריסן. **דאָס האַרץ ווערט געשטאַרקט, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות ט, יב): ויחזק ה׳ — און גאָט האָט געשטאַרקט פרעהס האַרץ. **דאָס האַרץ ווערט ווייך, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים כ, ג): אל ירך — זאָל ניט ווייך ווערן אייער האַרץ. **דאָס האַרץ ווערט אומעטיק, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית ו, ו) ויתעצב — און ס׳איז אים אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. **דאָס האַרץ שרעקט זיך, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים כח, סז): מפחד — פון וועגן דער שרעק פון דיין האַרצן. **דאָס האַרץ ווערט צעבראָכן, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים נא, יט) : לב נשבר — אַ צעבראָכן און דערשלאָגן האַרץ.

**דאָס האַרץ גרייסט זיך, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים ח, יד) : ורם לבבך — און דיין האַרץ וועט זיך דערהייבן. **דאָס האַרץ שטעלט זיך קעגן, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה ה, כג): ולעם הזה — אָבער דאָס דאָזיקע פאָלק האָט אַן אָפּגעקערט און ווידערשפּעניק האַרץ. **דאָס האַרץ טראַכט אויס, ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, יב, לג): בחדש — אין דעם חודש וואָס ער האָט אויסגעטראַכט פון זיין האַרצן. **דאָס האַרץ פאַרטראַכט [צום בייזן], ווי דער פסוק זאָגט** (דברים כט, יח): כי בשרירות — דען אין דער איינגעשפּאַרטקייט פון מיין האַרצן וועל איך גיין. **דאָס האַרץ גייט איבער, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים מה, ב): רחש לבי — מיין האַרץ גייט איבער מיטן גוטן וואָרט. **דאָס האַרץ טראַכט, ווי דער פסוק זאָגט:** (משלי יט, כא): רבות — אַ סך מחשבות זיינען אין מענטשנס האַרצן. **דאָס האַרץ באַגערט, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים כא, ג): תאוות — דעם באַגער פון זיין האַרצן האָסטו אים געגעבן. **דאָס האַרץ קערט אָפּ, ווי דער פסוק זאָגט** (משלי ז, כה): אל ישט — זאָל ניט אָפּקערן צו אירע וועגן דיין האַרץ. **דאָס האַרץ פאַרפירט, ווי דער פסוק זאָגט** (במדבר טו, לט): ולא תתורו — און איר זאָלט ניט נאָכגיין נאָך אייער האַרצן. **דאָס האַרץ ווערט אונטערגעלענט, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית יח, ה): וסעדו — און לענט אונטער אייער האַרץ. **דאָס האַרץ קען געגנבעט ווערן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט לא, כ): ויגנב יעקב — און יעקב האָט געגנבעט לבנס האַרץ.

**דאָס האַרץ ווערט אונטערטעניק, ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא כו, מא): או אז — אויב דעמאָלט וועט זייער האַרץ אונטערטעניק ווערן. **דאָס האַרץ לאָזט**

לח. [1] דער סוף פון אונדזער פסוק. [2] ווערטערלעך, לויטן דרש. [3] מיין זעל, מיין נשמה. [4] און לויט פסוק א מיינט עס טרייסט רייד.

**שנאמר** (יחזקאל כב): היעמד לבך? **הלב שמח, שנאמר** (תהלים טז): לכן שמח לבי ויגל כבודי. **הלב צועק, שנאמר** (איכה ב): צעק לבם אל ה׳. **הלב מתנחם, שנאמר** (ישעיה מ): דברו על לב ירושלים. **הלב מצטער, שנאמר** (דברים טו): ולא ירע לבבך. **הלב מתחזק, שנאמר** (שמות ט): ויחזק ה׳ את לב פרעה. **הלב מתרכך, שנאמר** (דברים כ): אל ירך לבבכם. **הלב מתעצב, שנאמר** (בראשית ו): ויתעצב אל לבו. **הלב מתפחד, שנאמר** (דברים כח): מפחד לבבך. **הלב משתבר, שנאמר** (תהלים נא): לב נשבר ונדכה.

**הלב מתגאה, שנאמר** (דברים ח): ורם לבבך. **הלב מסרב, שנאמר** (ירמיה ה): ולעם הזה היה לב סורר ומורה. **הלב מתבדה, שנאמר** (מלכים א, יב): בחדש אשר בדא מלבו. **הלב מהרהר, שנאמר** (דברים כט): כי בשרירות לבי אלך. **הלב מרחש, שנאמר** (תהלים מה): רחש לבי דבר טוב. **הלב מחשב, שנאמר** (משלי יט): רבות מחשבות בלב איש. **הלב מתאוה, שנאמר** (תהלים כא): תאות לבו נתתה לו. **הלב סוטה, שנאמר** (משלי ז): אל ישט אל דרכיה לבך. **הלב זונה, שנאמר** (במדבר טו): ולא תתורו אחרי לבבכם. **הלב נסעד, שנאמר** (בראשית יח): וסעדו לבכם. **הלב נגנב, שנאמר** (שם לא): ויגנב יעקב את לב לבן.

**הלב נכנע, שנאמר** (ויקרא כו): או אז יכנע לבבם. **הלב משתדל, שנאמר** (בראשית לד): וידבר על לב הנערה. **הלב תועה, שנאמר** (ישעיה כא): תעה לבבי. **הלב חרד, שנאמר** (שמואל א, ד): כי היה לבו חרד. **הלב נעור, שנאמר** (שיר השירים ה): אני ישנה ולבי ער. **הלב אוהב, שנאמר** (דברים ו): ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך. **הלב שונא, שנאמר** (ויקרא יט): לא תשנא את אחיך בלבבך. **הלב**

---

**זיך איבעררעדן, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית לד, ג): וידבר — און ער האָט גערעדט צום האַרצן פון דער מיידל. **דאָס האַרץ ווערט צעטומלט, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה כא, ד): תעה — צעטומלט איז געוואָרן מיין האַרץ. **דאָס האַרץ ציטערט, ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל א, ד, יג): כי היה לבו — ווייל זיין האַרץ האָט געציטערט. **דאָס האַרץ ווערט וואַך, ווי דער פסוק זאָגט** (שיר השירים ה, ב): אני ישנה — איך שלאָף און מיין האַרץ איז וואַך. **דאָס האַרץ האָט ליב, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים ו, ה): ואהבת — און דו זאָלסט ליב האָבן גאָט דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן. **דאָס האַרץ האָט פיינט, ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא יט, יז): לא תשנא — דו זאָלסט ניט פיינט האָבן דיין ברודער אין דיין האַרצן. **דאָס האַרץ איז מקנא, ווי דער פסוק זאָגט** (משלי כג, יז):

אל יקנא — זאָל דיין האַרץ ניט מקנא זיין. **דאָס האַרץ ווערט געפּאַרשט, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה יז, י): אני ה׳ — איך, גאָט, טו פאָרשן דאָס האַרץ. **דאָס האַרץ ווערט צעריסן, ווי דער פסוק זאָגט** (יואל ב, יג): וקרעו — און צערייסט אייער האַרץ און ניט אייערע קליידער. **דאָס האַרץ פאַרטיפט זיך, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים מט, ד): והגות — און די פאַרטיפונג פון מיין האַרצן וועט זיין פאַרשטענדיקייט.

**דאָס האַרץ איז ווי פייער, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה כ, ט): והיה — איז עס געווען אין מיין האַרצן ווי אַ פייער. **דאָס האַרץ איז ווי אַ שטיין, ווי דער פסוק זאָגט** (יחזקאל לו, כו): והסירתי — און איך וועל אָפּטאָן דאָס האַרץ פון שטיין. **דאָס האַרץ קערט זיך אום מיט תשובה, ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים ב, כג, כה): אשר שב — וואָס האָט זיך אומגעקערט צו גאָט מיט זיין גאַנצן האַרצן. **דאָס האַרץ ווערט הייס, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים יט, ו): כי יחם — אַז עס וועט זיך אים דערהיצן זיין האַרץ. **דאָס האַרץ שטאַרבט, ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל א, כה, לז): וימת — איז אָפּגעשטאָרבן זיין האַרץ אין אים. **דאָס האַרץ צעגייט, ווי דער פסוק זאָגט** (יהושע ז, ה): וימס — און ס׳איז צעגאַנגען געוואָרן דאָס האַרץ פון פאָלק.

**דאָס האַרץ נעמט אויף ווערטער, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים ו, ו): והיו — און די דאָזיקע ווערטער וואָס איך באַפעל דיר היינט זאָלן זיין אויף דיין האַרצן. **דאָס האַרץ נעמט אויף פאָרכטיקייט, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה לב, מ): ואת יראתי — און מיין פאָרכטיקייט וועל איך אַריינגעבן אין זייער האַרצן. **דאָס האַרץ לויבט, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קיא, א): אודה ה׳ — איך וועל לויבן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן. **דאָס האַרץ גלוסט, ווי דער פסוק זאָגט** (משלי ו, כה) אל תחמד — זאָלסט ניט גלוסטן איר שיינקייט אין דיין האַרצן. **דאָס האַרץ ווערט האַרט, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כח, יד): ומקשה לבו — און דער וואָס מאַכט האַרט זיין האַרץ [וועט אַריינפאַלן אין שלעכטס]. **דאָס האַרץ מאַכט פריילעך, ווי דער פסוק זאָגט** (שופטים טז, כה): ויהי — און עס איז געווען, אַז זייער האַרץ איז געווען פריילעך. **דאָס האַרץ טוט פאַלשקייט, ווי דער פסוק זאָגט** (משלי יב, כ): מרמה — פאַלשקייט איז אין האַרצן פון די וואָס פאַרטראַכטן שלעכטס. **דאָס האַרץ רעדט אַרויס פון זיך, ווי אין פסוק שטייט** (שמואל א, א, יג): וחנה — און חנה, זי רעדט אין איר האַרצן. **דאָס האַרץ האָט ליב שוחד, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה כב, יז): כי — וואָרום דיין האַרץ און דיינע אויגן זיינען ניט מער ווי נאָר אויף דיין [ניט ערלעך] געווין. **דאָס האַרץ פאַרשרייבט ווערטער, ווי דער פסוק זאָגט** (משלי ג, ג): כתבם — פאַרשרייב זיי אויפן טאָוול פון דיין האַרצן. **דאָס האַרץ פאַרטראַכט [שלעכטס], ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ו, יד): תהפוכות — פאַרקערטקייטן איז אין זיין האַרצן, ער פאַרטראַכט בייז. **דאָס האַרץ נעמט אויף מצוות, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט י, ח): חכם לב — דער קלוגהאַרציקער נעמט אָן מצוות. **דאָס האַרץ טוט מוטוויליקייט, ווי דער פסוק זאָגט** (עובדיה א, ג): זדון לבך —

**מקנא, שנאמר** (משלי כג): אל יקנא לבך. **הלב נחקר, שנאמר** (ירמיה יז): אני ה׳ חוקר לב. **הלב נקרע, שנאמר** (יואל ב): וקרעו לבבכם ואל בגדיכם. **הלב הוגה, שנאמר** (תהלים מט): והגות לבי תבונות.

**הלב הוא כאש, שנאמר** (ירמיה כ): והיה בלבי כאש. **הלב הוא כאבן, שנאמר** (יחזקאל לו): והסירותי את לב האבן. **הלב שב בתשובה, שנאמר** (מלכים ב כג): אשר שב אל ה׳ בכל לבבו. **הלב חם, שנאמר** (דברים יט): כי יחם לבבו. **הלב מת, שנאמר** (שמואל א, כה): וימת לבו בקרבו. **הלב נמס, שנאמר** (יהושע ז): וימס לבב העם.

**הלב מקבל דברים, שנאמר** (דברים ו): והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך. **הלב מקבל יראה, שנאמר** (ירמיה לב): ואת יראתי אתן בלבבם. **הלב מודה, שנאמר** (תהלים קיא): אודה ה׳ בכל לבב. **הלב חומד, שנאמר** (משלי ו): אל תחמד יפיה בלבבך. **הלב מתקשה, שנאמר** (שם כח): ומקשה לבו. **הלב מטיב, שנאמר** (שופטים טז): ויהי כטוב לבם. **הלב עושה מרמה, שנאמר** (משלי יב): מרמה בלב חורשי רע. **הלב מתוכו מדבר, שנאמר** (שמואל א, א): וחנה היא מדברת אל לבה. **הלב אוהב שוחד, שנאמר** (ירמיה כב): כי אין עיניך ולבך, [כי אם על בצעך]. **הלב כותב דברים, שנאמר** (משלי ג): כתבם על לוח לבבך. **הלב חורש, שנאמר** (שם ו): תהפוכות בלבו, חורש רע. **הלב מקבל מצוות, שנאמר** (שם י): חכם לב יקח מצות. **הלב עושה זדון, שנאמר** (עובדיה א): זדון לבך השיאך. **הלב עושה סדרים, שנאמר** (משלי טז): לאדם מערכי לב. **הלב מתגדל, שנאמר** (דברי הימים ב, כה): ונשאך לבך. **הוי: דברתי אני עם לבי לאמר: אני הנה הגדלתי, וגו׳.**

---

די מוטוויליקייט פון דיין האַרצן האָט דיך אָנגערעדט. **דאָס האַרץ מאַכט צוגרייטונגען, ווי דער פסוק זאָגט** (משלי טז, א): לאדם — דעם מענטשנס זיינען די צוגרייטונגען פון האַרצן. **דאָס האַרץ מאַכט זיך גרויס, ווי דער פסוק זאָגט** (דברי הימים ב, כה, יט): ונשאך לבך — האָט דיך דיין האַרץ דערהויבן.

**דאָס איז [וואָס שלמה זאָגט]:** דברתי — איך האָב גערעדט מיט מיין האַרצן אַזוי צו זאָגן: אָט האָב איך מיך געגרייסט [און אָנגעזאַמלט חכמה].[5]

---

[5] **דאָס האַרץ, הייסט עס, איז אים געווען אינסטרומענטאַל אין אַלע זיינע טואונגען און דערגרייכונגען.**

## לט

(יח) כי ברב חכמה — דען אין אַ סך חכמה איז אַ סך פאַרדראָס. **ווען נאָר אַ מענטש מערט חכמה, מערט ער פאַרדראָס; און ווען נאָר ער מערט וויסן, מערט ער ווייטאָק. שלמה האָט געזאָגט: „דורך דעם וואָס איך האָב געמערט חכמה, האָב איך געמערט פאַרדראָס; און דורך דעם וואָס איך האָב געמערט וויסן, האָב איך געמערט ווייטאָק".**

**רב האָט געזאָגט: אַ תלמיד חכם דאַרף ניט קיין וואָרנונג[1]. ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: אָט ווי די דינע פלאַקס־קליידער וואָס קומען פון בית שאָן[2], — אויב איינס פון זיי ווערט פאַרסאַזשעט, וויפיל געלט האָט עס אָפּ־געקאָסט! אָבער די גראָבע פלאַקס־קליידער וואָס קומען פון ארבל[3] — אויב מע פאַרסאַזשעט איינס פון זיי, וואָס זיינען זיי ווערט און וואָס איז זייער באַ־טרעף?[4] צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו צוויי וואָס זיינען אַריין אין אַ קראָם; איינער האָט געגעסן שוואַרץ ברויט און אַרבעס[5], און איינער האָט געגעסן וויס ברויט און פעט פלייש און געטרונקען אַלטן וויין מיט געווירצן און איז אַרויס קראַנק. דער האָט געגעסן לייכטע זאַכן און איז געשעדיקט געוואָרן, און דער האָט געגעסן גראָבע זאַכן און איז ניט געשעדיקט געוואָרן. אַזוי אויך — האָסטו אַ מאָל געזען אַן אייזל מיט קאַנוואולסיעס? אַ קעמל מיט קאַנוואולסיעס? ניירערט וואו געפינען זיך יסורים? ביי מענטשן. ר' ישמעאל האָט געלערנט: לויטן קעמל די משא[6].**

**מע האָט געלערנט אין נאָמען פון ר' מאירן: ווייל די שלאַנג האָט געהאַט מער חכמה, דעריבער איז איר שטראָף געווען לויט איר חכמה; ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית ג, א): והנחש — און די שלאַנג איז געווען קליגער פון אַלע חיות פון פעלד, **דעריבער** איז זי פאַרשאָלטן פון אַלע בהמות און מער פון אַלע חיות פון פעלד[7].

**פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן געמערט חכמה פון זייער טובה וועגן, און פאַראַן וואָס האָבן געמערט חכמה פון זייער רעה וועגן. וואָס האָבן געמערט פון זייער טובה וועגן — משה און שלמה; וואָס האָבן געמערט פון זייער רעה וועגן — דואג און אחיתופל[8]. פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן געמערט זייער גבורה פון זייער טובה וועגן, און פאַראַן וואָס האָבן געמערט זייער גבורה פון זייער רעה וועגן. וואָס האָבן געמערט פון זייער טובה וועגן — דוד און**

---

לט. [1] **אַ געוויינלעכער מענטש קאָן ניט באַשטראָפט ווערן, סיידן מע וואָרנט אים אין פאָראויס; אָבער אַ תלמיד חכם, וואָס וויס דעם דין, קאָן באַשטראָפט ווערן אָן אַ וואָרנונג** (זע סנהדרין ח,ב: חבר אינו צריך התראה). **הייסט עס, אַז זיין וויסן פאַרשאַפט אים פאַרדראָס און ווייטאָק.** [2] **אַ שטאָט אין עמק הירדן.** [3] **אַ שטאָט אין אייבערשטן גליל.** [4] **און אַזוי איז עס מיט מענטשן: אַ פאַרברעכן זעט זיך מער אָן ביי אַן איידעלן מענטשן, איידער ביי אַ פשוטן.** [5] **גענויער: שויט געוויקסן, — אַרבעס, בעבלעך, אא"וו.** [6] **פאָלקס ווערטל: וואָס חשובער דער מענטש, אַלץ גרעסער די אחריות** [7] מער — **לויטן דרש.** [8] **דער ערשטער האָט פאַרגאָסן פיל בלוט** (שמואל כב, יח—יט), **דער צווייטער האָט זיך**

## לט

(יח) כי ברב חכמה רב כעס. **כל זמן שאדם מרבה בחכמה, מרבה בכעס; וכל זמן שהוא מרבה בדעת, מרבה ביסורין. אמר שלמה: „על ידי שהרביתי בחכמה, הרביתי בכעס; ועל ידי שהר־ביתי בדעת, הרביתי ביסורין".**

**רב אמר: תלמיד חכם אין צריך התראה. א"ר שמואל בר נחמן: ככלי פשתן הדקין, הבאים מבית שאן, — אם נתפחם אחד מהן, בכמה דמין הוא עשוי! כלי פשתן הגסין הבאין מארבל, — אם פחמו אחד מהן, מה הן ומה דמיהן? משל למה הדבר דומה? לשנים שנכנסו לחנות; אחד אכל פת קיבר וקיטנית, ואחד אכל פת נקיה ובשר שמן ושתה יין ישן ומיני אגרטין ויצא חולה. דין אכל מילין קלילין ואיתנזק, ודין אכל מילין בורין ולא איתנזק. כך, ראית מימיך חמור עוית עליו? גמל עוית עליו? אלא היכן היסורין מצויין? בבני אדם. תני ר' ישמעאל: לפום גמלא שיחנא.**

**תני בשם ר' מאיר: לפי שהיתה חכמתו של נחש יותר, כך היתה מכתו לפי חכמתו; שנאמר** (בראשית ג): והנחש היה ערום מכל חית השדה, **לפיכך הוא** ארור מכל הבהמה ומכל חית השדה.

**יש שהרבו חכמה לטובתן, ויש שהרבו חכמה לרעתן. שהרבו לטובתן — משה ושלמה; שהרבו לרעתן — דואג ואחיתופל. יש שהרבו גבורתן לטובתן, ויש שהרבו גבורתן לרעתן. שהרבו לטובתן — דוד ויהודה; שהרבו לרעתן — שמשון וגלית. יש שהרבו עושר לטובתן, ויש שהרבו לרעתן. שהרבו לטובתן — דוד ושלמה; ושהרבו לרעתן — קרח והמן. יש שהרבו בנים לטו־בתן, ויש שהרבו בנים לרעתן. שהרבו לטובתן — בני יעקב ודוד;**

---

יהודה[9]; וואָס האָבן געמערט פון זייער רעה וועגן — שמשון און גלית. פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן געמערט רייכקייט פון זייער טובה וועגן, און פאַראַן וואָס האָבן געמערט פון זייער רעה וועגן. וואָס האָבן געמערט פון זייער טובה וועגן — דוד און שלמה[10]; און וואָס האָבן געמערט פון זייער רעה וועגן — קורח און המן.[11] פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן געמערט זין פון זייער טובה וועגן, און פאַראַן וואָס האָבן געמערט זין פון זייער רעה וועגן. וואָס האָבן געמערט פון זייער טובה וועגן — די זין פון יעקבן און דודן[12]. פון זייער רעה וועגן —

---

אַליין אָנגעטאָן אַ מיתה (שמואל ב, יז, כג). [9] וועגן דער גבורה פון יהודהן זע בראשית

די זין פון אחאבן און פון עלין, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל א, ב, יב): ובני עלי — און עלי'ס זין זיינען געווען נידערטרעכטיקע יונגען; און אחאבס זין, וואָס האָבן ניט מקבל געווען אויף זיך דעם עול פונעם אייבערשטן, האָבן ניט געוואוסט פון גאָט,[13] דען זיי האָבן געזאָגט: „ניטאָ קיין מלך אין הימל“.[14]

רבה צג, ו—ז. ..[10] מיט זייער פאַרמעגן איז געבויט געוואָרן דער בית המקדש. [11] וועגן זייער עשירות. זע אסתר רבה ז, ה (אין אונדזער אויסגאַבע זייט 152). [12] דברי הימים

**לרעתן — בני אחאב ועלי, שנאמר** (שמואל א, ב): ובני עלי בני בליעל, וגו׳; **בני אחאב, שלא קבלו עליהם עול שמים**, לא ידעו את ה׳, **שאמרו: „אין מלכות בשמים״.**

---

א, כח, ה: ווייל אַ סך זין האָט מיר גאָט געגעבן. [13] **אָנגעווענדט אין אייבערשטן פסוק אויף די בני עלי.** [14] **אין** מלכים ב, י, **ווערט דערציילט, אַז אחאב האָט געהאַט זיבעציק זין, און יהוא האָט זיי אַלעמען געלאָזט אויסהרגענען, — משמעות איבער זייער זינדיקייט.**

# פרשה ב

## א

(א) אמרתי — איך האָב מיר געזאָגט אין מיין האַרצן: קום אַקאָרשט, איך וועל דיך פּרואוון מיט פרייד. ר׳ פּנחס און ר׳ חזקיה [זאָגן וועגן דעם] אין נאָמען פון ר׳ סימון בר זבדי. ר׳ פּנחס האָט געזאָגט: [אנסכה מיינט] איך וועל אויספּרואוון דאָס און וועל אויספּרואוון דאָס[1]: איך וועל אויס־פּרואוון די ווערטער פון דער תורה און איך וועל אויספּרואוון די ווערטער פון מינות[2], און איך וועל אַנטלויפן[3] פון די ווערטער פון מינות צו די ווערטער פון תורה. וראה — און זאָלסט זען גוטס, דאָס גוטס פון דער תורה. והנה — און ערשט אויך דאָס איז נישטיקייט, — האָט דאָך דער פּסוק גע־דאַרפט זאָגן ניט אַנדערש, נייערט „און ערשט אויך דאָס איז שמחה"[4], און דו זאָגסט: און ערשט אויך דאָס איז נישטיקייט! [וועגן דעם] האָט ר׳ חזקיה געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ סימון בר זבדי: גאָר די תורה וואָס דו לערנסט אויף דער וועלט איז נישטיק קעגן דער תורה וואָס [מע לערנט] אויף יענער וועלט. מחמת אויף דער וועלט לערנט אַ מענטש תורה און פאַרגעסט; אָבער אויף יענער וועלט, וואָס שטייט דאָרט געשריבן? (ירמיה לא, לג): נתתי — איך גיב זיי אַריין מיין תורה אינעווייניק[5]. און די רבנן זאָגן: [אנסכה מיינט:] דער יצר הרע וועט נאָך צעגיין[6] פאַרן יצר טוב, און וועסט זען גוטס, דאָס גוטס פון יענער וועלט. ר׳ יונה אין נאָמען פון ר׳ סימון בר זבדי: ´דאָס גאַנצע וואוילזיין וואָס אַ מענטש זעט אויף דער וועלט איז נישטיק קעגן דעם וואוילזיין פון יענער וועלט; דען אויף דער וועלט שטאַרבט דער מענטש און לאָזט אַן אַנדערן ירשענען זיין וואוילזיין, אָבער וועגן יענער וועלט שטייט געשריבן (ישעיה סה, כב): לא יבנו — זיי וועלן ניט בויען, און אַן אַנדערער זאָל וואוינען.

## ב

(ב) לשחוק — אויף געלעכטער האָב איך געזאָגט: אַ צעמישעניש. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: ווי פאַרמישט איז דאָס געלעכטער וואָס די אומות העולם לאַכן אין זייערע צירק־הייזער און אין זייערע שפּיל־הייזער![1] ולשמחה — און אויף פרייד: וואָס טוט זי אויף, — וואָס האָט אַ תלמיד חכם[2] אַריינצוקומען אַהין?

---

א. [1] לייענענדיק אנסכה ווי צוויי ווערטער: אנסה כה, איך וועל פּרואוון אַזוי (מתנות כהונה). [2] אפּיקורסות, אַנדערשגלייביקייט (זע אויבן א, כד, באַמ. [1]). [3] אנוסה — אנסכה. [4] ווי באַלד עס רעדט זיך וועגן תורה. [5] און וואָס גאָט אַליין גיט אַריין קען ניט פאַרגעסן ווערן. [6] ווערטערלעך: צעגאָסן ווערן: ינתך — ננסכה (נסך מיינט גיסן, און ענלעך צו דעם איז נתך).

# פרשה ב

## א

(א) אמרתי אני בלבי: לכה נא אנסכה בשמחה. **ר׳ פנחס ור׳ חזקיה בשם ר׳ סימון בר זבדי. ר׳ פנחס אמר:** אנסכה ואנסכה: אנסה **בדברי תורה** ואנסה **בדברי מינות**, ואנוסה **מדברי מינות לדברי תורה**. וראה בטוב, — **בטובתה של תורה**. והנה גם הוא הבל, — **לא היה צריך קרייה למימר, אלא „והנה גם הוא שמחה״, ואת אמר:** והנה גם הוא הבל! **ר׳ חזקיה בשם ר׳ סימון בר זבדי אמר: כל התורה שאת למד בעולם הזה הבל הוא לפני תורה שבעולם הבא. לפי שבעולם הזה אדם למד תורה ושוכח; אבל לעתיד לבוא, מה כתיב תמן?** (ירמיה לא) נתתי את תורתי בקרבם. **ורבנן אמרין: עוד ינתך יצר הרע לפני יצר טוב**, וראה בטוב, — **בטובתו של עולם הבא. ר׳ יונה בשם ר׳ סימון בר זבדי: כל שלוה שאדם רואה בעולם הזה הבל היא לפני שלותו של עולם הבא; לפי שבעולם הזה אדם מת ומוריש שלותו לאחר, אבל לעולם הבא כתיב** (ישעיה סה): לא יבנו ואחר ישב.

## ב

(ב) לשחוק אמרתי: מהולל. **אמר ר׳ אבא בר כהנא: מה מעורבב השחוק שאומות העולם שוחקים בבתי קרקסיאות ובבתי תיאטריאות שלהם!** ולשמחה מה זה עושה, — **מה טיבו של תלמיד חכם להכנס שם?**

**דבר אחר:** לשחוק אמרתי: מהולל, — **מה מעורבב השחוק ששחקה מידת הדין על דור המבול! הדא הוא דכתיב** (איוב כא): זרעם נכון לפניהם — — — בתיהם שלום מפחד — — — שורו

---

**אַן אַנדער פשט:** אויף געלעכטער האָב איך געזאָגט: אַ צעמישעניש, — **ווי געמישט [מיט טרויער]** [3] **איז געווען דאָס געלעכטער וואָס דער מדת הדין האָט געלאַכט איבערן דור המבול! דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (איוב כא, ח־טו): זרעם — זייערע קינדער שטייען פעסט פאַר זייער פנים — — — זייערע

---

ב. [1] **זייער געלעכטער וועט לסוף פאַרמישט ווערן מיט טרויער.** מהולל **ווערט דאָ געטייטשט** לויט מהול, געמישט. [2] **וואָס טראָגט אין זיך די פרייד פון דער תורה.** [3] **דער אייבערשטער קאָן זיך כביכול ניט פרייען מיטן גאַנצן האַרצן אויף דער שטראָף פון די**

הייזער זיינען בשלום, אָן שרעק — — — זיין אָקס באַפרוכפּערט און פאַרוואָרפט ניט — — — זיי שיקן אַרויס ווי שאָף זייער קליינוואַרג — — — זיי הייבן אויף [אַ קול] מיט פויק און האַרף — — — זיי פאַרברענגען אין גוטס זייערע טעג — — —. **און וואָס שטייט דאָרט ווייטער?** ויאמרו — און זיי האָבן געזאָגט צו גאָט: טרעט אָפּ פון אונדז. **און ווי באַלד זיי האָבן געזאָגט:** מה שדי — וואָס איז דער אַלמעכטיקער, אַז מיר זאָלן אים דינען? **אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי:** ולשמחה — און אויף פרייד: וואָס טוט זי אויף? **[איך שווער] ביי אייער לעבן, אַז איך וועל אייך אָפּמעקן פון דער וועלט!" דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (בראשית ז, כג): וימח — און ער האָט אָפּגעמעקט דעם גאַנצן באַשטאַנד.

**אַן אַנדער פשט:** אויף געלעכטער האָב איך געזאָגט: אַ צעמישעניש — **ווי געמישט [מיט טרויער] איז געווען דאָס געלעכטער וואָס דער מידת הדין האָט געלאַכט איבער די לייט פון סדום! ווי דער פסוק זאָגט** (איוב כח, ה—ז): ארץ — ערד, וואָס פון איר קומט אַרויס ברויט — — — דאָס אָרט פון סאַפּיר זיינען אירע שטיינער — — — אַ שטעג, וואָס קיין רויבפויגל ווייס אים ניט — — — **אָבער אַז זיי האָבן געזאָגט: „לאָמיר מאַכן פאַרגעסן פון צווישן אונדז די תורה פון [אויפנעמען] דעם פוס[גייער]"**[4], **ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט פסוק ד): פרץ — ער האָט אויסגעבראָכן אַ שטראָם פון די פליסיקע[5] [שוועבל און פייער אויף די] וואָס האָבן פאַרגעסן [די תורה] פונעם פוס[5א], **אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „ביי אייער לעבן! איך וועל אייך מאַכן פאַרגעסן פון דער וועלט." ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית יט, כד): וה' — און גאָט האָט געלאָזט רעגענען אויף סדום און אויף עמורה [שוועבל און פייער].

**אַן אַנדער פשט:** אויף געלעכטער האָב איך געזאָגט: אַ צעמישעניש — **ווי געמישט [מיט טרויער] איז געווען דאָס געלעכטער וואָס דער מידת הדין האָט געלאַכט איבער אלישבע די טאָכטער פון עמינדב**[6]**! אלישבע די טאָכטער פון עמינדב האָט געזען פיר שמחות אין איין טאָג: משה איר שוואָגער איז געוואָרן מלך; נחשון איר ברודער — נשיא, דער הויפּט פון אַלע נשיאים**[7]**; אהרן איר מאַן — כוהן, אָנגעטאָן אין די אפוד שטיינער**[8]**; אירע צוויי זין — די צווייטע אין דער כהונה. אָבער ווי זיי זיינען אַריין [אין משכן] צו רויכערן [ווייררויך] אָן רשות, אַזוי זיינען זיי פאַרברענט געוואָרן**[9]**, און איר פרייד איז פאַרקערט געוואָרן צו טרויער. דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט:** און אויף פרייד: וואָס טוט זי אויף? **ווי דער פסוק זאָגט:** (ויקרא טז, א): אחרי מות — נאָכן טויט פון אהרונס צוויי זין.

---

רשעים (פאַרגלייך מגילה י, ב): גאָט האָט געזאָגט צו די מלאכים: „מיינע באַשעפעניש טרינקען זיך אין ים, און איר ווילט זאָגן שירה?". [4] איינע פון די הויפּט זינד פון די סדום לייט איז געווען וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אויפנעמען קיין אָרימע וואַנדערער (זע סנהדרין קט, א). [5] גר, געטייטשט לויטן שורש נגר, רינען (זע תרגום). [5א] געטייטשט

עבר ולא יגעיל — — — ישלחו כצאן עויליהם — — — ישאו בתף וכנור — — — יבלו בטוב ימיהם — — —. **מה כתיב תמן?** ויאמרו לאל: סור ממנו. **וכיון שאמרו:** מה שדי כי נעבדנו? **אמר להם הקב״ה:** „ולשמחה: מה זה עושה? **חייכם, שאמחה אתכם מן העולם!״ הדא הוא דכתיב** (בראשית ז): וימח את כל היקום.

**ד״א:** לשחוק אמרתי: מהולל. — **מה מעורבב השחוק ששחקה מדת הדין על אנשי סדום, שנאמר** (איוב כח): ארץ, ממנה יצא לחם — — — מקום ספיר אבניה — — — נתיב לא ידעו עיט — — —. **וכשאמרו:** „**נשכח תורת הרגל מבינותינו״, הה״ד** (שם) פרץ נחל מעם גר, הנשכחים מני רגל. **אמר להם הקב״ה:** „**חייכם! אני אשכח אתכם מן העולם״. שנאמר** (בראשית יט): וה׳ המטיר על סדום.

**ד״א:** לשחוק אמרתי: מהולל. — **מה מעורבב השחוק ששחקה מדת הדין על אלישבע בת עמינדב! אלישבע בת עמינדב ראתה ארבע שמחות ביום אחד: משה יבמה מלך; נחשון אחיה נשיא, ראש כל הנשיאים; אהרן בעלה כהן, מלובש אבני אפוד; שני בניה סגני כהונה. וכיון שנכנסו להקטר שלא ברשות נשרפו, ונהפכה שמחתה לאבל. הוי אומר:** ולשמחה מה זה עושה, **שנאמר** (ויקרא טז): אחרי מות שני בני אהרן, **וגו׳.**

ג

**ד״א:** לשחוק אמרתי: מהולל, — **מה מעורבב השחוק! דאמר ר׳ אחא אמר שמואל: שלשה הן הדברים, ששיחקה עליהם מידת הדין, ולבסוף הוללתם ועירבבתם. כתיב** (דברים יז): **ולא ירבה לו**

---

ג

אַן אַנדער פשט: אויף געלעכטער האָב איך געזאָגט: אַ צעמישעניש, — ווי פאַרמישט איז דאָס געלעכטער! דען ר׳ אחא האָט געזאָגט פון שמואלס וועגן: דאָס זיינען דריי זאַכן [1], וואָס דער מידת הדין האָט [לכתחילה] געלאַכט איבער זיי [2], אָבער צום סוף האָט ער עס פאַרווירט און פאַרמישט. עס שטייט געשריבן (דברים יז, יז): ולא ירבה — און ער זאָל זיך ניט מערן

---

לויטן דרש (זע רשי אויף דעם פסוק). [6] אהרונס ווייב (שמות ו, כג). [7] במדבר ב, ג און דאָרט ז, יב. [8] שמות כח. [9] ויקרא י, א—ב.

ג. [1] וואָס שלמה האָט געטאָן קעגן דין. [2] ניט גענומען ערנסט און אים ניט באַ־

קיין ווייבער, **און עס שטייט געשריבן** (מלכים א, יא, ג): ויהי לו — און ער האָט געהאַט ווייבער האַרינטעס זיבן הונדערט, און קעפּסווייבער — דריי הונדערט; **עס שטייט געשריבן** (דברים יז, טז): לא ירבה — ער זאָל זיך ניט מערן קיין פערד, **און עס שטייט געשריבן** (מלכים א, ה, ו): ויהי לשלמה — און שלמה האָט געהאַט פערציק טויזנט שטאַלן פערד; **עס שטייט געשריבן** (דברים יז, יז): וכסף — און קיין זילבער און גאָלד זאָל ער זיך ניט שטאַרק מערן, **און עס שטייט געשריבן** (מלכים א, י, כז): ויתן המלך — און דער מלך האָט געמאַכט דאָס זילבער אין ירושלים ווי שטיינער. — **פלעגט מען זיי ניט גנבענען? ר׳ יוסי בר׳ חנינא האָט געזאָגט: דאָס זיינען געווען שטיינער צען איילן און שטיינער פון אַכט איילן**[3]**. מע האָט געלערנט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי: אפילו די געוויכטן פון שלמהס טעג זיינען געווען פון גאָלד, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט פסוק כא): אין כסף — קיין [זאַך פון] זילבער; דאָס האָט זיך אין שלמהס טעג גאָרניט גערעכנט[4]**. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט:** „און אויף פרייד: וואָס טוט זי? — **וואָס טוט די דאָזיקע קרוין אין דיין האַנט? גיי אַראָפּ פון מיין שטול!" דעמאָלט איז אַראָפּ אַ מלאך אין שלמהס געשטאַלט**[5] **און האָט זיך געזעצט אויף זיין שטול. פלעגט ער אַרומגיין איבער שולן און בתי מדרשים און איבער די הייזער פון די חשובע לייט פון ישראל און פלעגט זאָגט: „איך קוהלת בין געווען מלך". פלעגן זיי**[6] **אים שלאָגן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ און דערלאַנגען אים אַ שיסל גריץ. דעמאָלט האָט ער געוויינט און געזאָגט** (קוהלת ב, י): וזה — און דאָס איז מיין חלק פון מיין גאַנצער מי.

ד

**אַן אַנדער פשט:** אויף געלעכטער האָב איך געזאָגט: אַ צעמישעניש, — **ר׳ פינחס האָט געזאָגט: אויב די שמחה**[1] **איז פאַרמישט, וואָס קען אויפטאָן דאָס פרייען זיך?**

**ס׳איז געווען אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, פון די גרויסע לייט פון בבל, וואָס זיין זון האָט חתונה געהאַט אין אַ מיטוואָך**[2]**. האָט ער געמאַכט אַ סעודה פאַר די חכמים, און האָט געזאָגט צו זיין זון: „גיי אַרויף אויפן בוידעם און ברענג אונדז גוטן ווין פון דער־און־דער פאַס." איז ער אַרויף צו ברענגען אַלטן ווין פונעם בוידעם; האָט אים אַ ביס געטאָן אַ שלאַנג, און ער איז געשטאָרבן. [דער פאָטער] האָט געוואַרט, ער זאָל אַראָפּקומען**

---

[3] צו שווער צו גנבענען. [4] נייערט אַלץ איז געווען געמאַכט פון גאָלד (דאָס וואָרט נחשב, גערעכנט, קאָן מיינען זאַכן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צו וועגן און רעכענען, — מהרז"ו). [5] לויט אַ גמרא אין גיטין (סח) און לויטן מדרש תהלים (עח, יב) איז עס געווען אשמדאי, דער מלך פון די שדים (זע אויך רות רבה ה, ו; אונדזער אויסגאַבע זייטן 112—113). [6] די הויז פרויען ביי וועמען ער פלעגט בעטלען (זע רות רבה, דאָרט).

ד. [1] טעקסט עמענדירט לויט ויקרא רבה כ, ג. [2] לויט דער משנה (כתובות א, א), אַז

נשים, **וכתיב** (מלכים א, יא): ויהי לו נשים שרות שבע מאות ושלש מאות פילגשים; **כתיב** (דברים יז): לא ירבה לו סוסים, **וכתיב** (מלכים א, ה): ויהי לשלמה ארבעים אלף ארות סוסים; **כתיב** (דברים יז): וכסף וזהב לא ירבה לו מאד, **וכתיב** (מלכים א, י): ויתן המלך את הכסף בירושלים כאבנים. — **לא היו נגנבות? אמר ר' יוסי בר' חנינא: אבני עשר אמות ואבני שמונה אמות. תני בשם ר' שמעון בן יוחאי: אפילו משקלות שהיו בימי שלמה של זהב היו, שנאמר** (שם): אין כסף; לא נחשב בימי שלמה למאומה. **אמר הקב"ה:** „ולשמחה מה זה עושה? **מה עטרה זו עושה בידך? רד מכסאי!" באותה שעה ירד מלאך בדמותו של שלמה וישב על כסאו. והיה מחזר על בתי כנסיות ועל בתי מדרשות ועל בתי גדולי ישראל ואומר: „אני קהלת הייתי מלך." והיו מכין אותו בקנה ונותנין לפניו קערה של גריסין. באותה שעה בכה ואמר:** וזה היה חלקי מכל עמלי.

ד

**ד"א:** לשחוק אמרתי: מהולל, — **א"ר פנחס: (דדהובא) [דחו־כא] מעורבב, מה חדותא עבדא?**

**עובדא הוה בבר נש חד מרברבי בבל, שנשא בנו אשה ברביעי. עשה סעודה לחכמים. אמר לבנו: „עלה לעלייה והבא לנו יין טוב מחבית פלונית". עלה להביא יין ישן מן העליה; הכישו נחש ומת. המתין לירד ולא ירד, אמר: „אעלה ואראה, מה טיבו שבני מתעכב". עלה ומצאו שהכישו נחש ומת מושלך בין החביות. המתין אותו חסיד, עד שאכלו ושתו האורחין כל סעודתן וגמרו לברך, אמר להם: „רבותי, לא לברך ברכת חתנים לבית אותו האיש באתם ולברך בנו, [אלא] עכשו אמרו עליו בר־**

---

און אַז ער איז ניט אַראָפּ, האָט ער געזאָגט: „איך וועל אַרויפגיין און זען, וואָס איז מיט מיין זון וואָס ער זאַמט זיך". איז ער אַרויף און האָט געפונען, אַז אַ שלאַנג האָט אים אַ ביס געטאָן, און ער איז געשטאָרבן ליגנדיק צווישן די פעסער. האָט דער דאָזיקער חסיד אָפּגעוואַרט ביז די געסט האָבן אָפּגע־געסן און אָפּגעטרונקען די גאַנצע סעודה און געענדיקט בענטשן, און ער האָט געזאָגט צו זיי: „רבותי, ניט צו מאַכן די חתן־ברכות [3] און צו בענטשן זיין זון זענט איר געקומען אין הויז פון דעם דאָזיקן מענטשן; נייערט איצט

אַ בתולה דאַרף חתונה האָבן מיטוואָך. [3] שבע ברכות.

**זאָגט איבער זיין זון די ברכה פון אבלות. ניט צו פירן אים אונטער דער חופה זענט איר געקומען, — פירט אים צום קבר". איז אריין ר' זכאי און געהאַלטן אַ הספד איבער אים** [**מיטן פסוק**]: אויף געלעכטער האָב איך גע־זאָגט: אַ צעמישעניש, און אויף פרייד: וואָס טוט זי אויף?

ה

(ג) תרתי — איך האָב נאָכגעזוכט אין מיין האַרצן ווי צו פאַרציען מיין לייב מיט ווייַן. **שלמה האָט געזאָגט:** איך האָב נאָכגעזוכט אין מיין האַרצן ווי צו פאַרציען מיין לייב מיט וויין, — **צו פאַרציען מיין לייב מיטן וויין פון דער תורה;** ולבי — און מיין האַרץ זאָל זיך פירן מיט חכמה, **מיט דער חכמה פון דער תורה.** ולאחז — און זיך האַלטן אַן נאַרישקייט, — **ר' יודן האָט גע־פרעגט פון ר' אחאַן: וואָס מיינט דאָס וואָס איז געשריבן:** און זיך האַלטן אַן נאַרישקייט? **האָט ער אים געזאָגט:** [**טייטש עס**] **זיך האַלטן אַן פאַר־שטאַנדיקייט.**[1]

ו

(ד) הגדלתי — איך האָב מיר געטאָן גרויסע אויפטוען. **שלמה האָט גע־זאָגט: מיינע אויפטוען זיינען גרעסער פון די אויפטוען פון מיינע עלטערן.** איך האָב מיר געטאָן גרויסע אויפטוען, — **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (מלכים א, י, יח): ויעש המלך — און דער מלך האָט געמאַכט אַ גרויסן העלפאַנדביין טראָן.[1] בניתי — איך האָב מיר געבויט הייזער, — **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט ט, י): ויהי — און עס איז געווען צום סוף פון צוואַנציק יאָר וואָס שלמה האָט געבויט די צוויי הייזער. נטעתי — איך האָב מיר געפלאַנצט ווינגערטנער, **ווי דער פסוק זאָגט** (שיר השירים ח, יא): כרם — אַ ווינגאָרטן האָט שלמה געהאַט אין בעל המון.

ז

(ה) עשיתי — איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און סעדער, **לויטן פשט;** ונטעתי — און איך האָב געפלאַנצט אין זיי ביימער פון אַלערליי פירות, **אפילו דעם פעפערבוים. ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: שלמה פלעגט זיך באַנוצן מיט גייסטער און פלעגט זיי שיקן קיין אינדיע, און זיי פלעגן אים ברענגען פון דאָרט וואַסער און זיי אַנטרינקען דאָ**[1]**, און** [**דער בוים**] **פלעגט געבן פרוכט. האָט געזאָגט צו אים ר' ינאי דער זון פון ר' שמעון: אויב דו זאָגסט אַזוי, קומט אויס לויט דיר, אַז ער האָט זיך באַדאַרפט שווער באַמיען. נייערט שלמה האָט מיט זיין חכמה זיך געשטעלט אויפן גרונט פון דער ערד**[2] **און ער האָט געזען וועלכער** [**אַפצווייג**] **פון איר גרונט ציט זיך אַהין, האָט ער געפלאַנצט אויף דעם** [**אַפצווייג פון דעם**] **גרונט פון** [**יענעם**] **לאַנד, און אַזוי פלעגט עס אַרויסגעבן פרוכט.**

ה. [1] סכלות — נאַרישקייט, סכלתנותא — פאַרשטאַנדיקייט (**אַראַמיש; זע אונקלוס,** שמות לה, לא).

ו. [1] **און ווייטער** (פסוק כ) **שטייט דאָרט:** אַזוינס איז ניט געמאַכט געוואָרן אין קיין **קיניגרייך.**

**כת אבלים על בנו. לא להכניסו לחופה באתם, — הכניסוהו לקבר".**
**עאל ר' זכאי ואפטר עליה:** לשחוק אמרתי: מהולל, ולשמחה: מה זה עושה?

ה

(ג) תרתי בלבי למשוך ביין את בשרי. **אמר שלמה:** תרתי בלבי למשוך ביין את בשרי, — **למשוך ביינה של תורה את בשרי:** ולבי נוהג בחכמה, — **בחכמתה של תורה.** ולאחז בסכלות, — **ר' יודן בעא קמיה דר' אחא: מהו דין דכתיב:** ולאחז בסכלות? **אמר ליה: לאחוז בסכלתנותא.**

ו

(ד) הגדלתי מעשי. **אמר שלמה: הגדלתי מעשי ממעשי אבותי.** הגדלתי מעשי, — **הה"ד** (מלכים א, י): ויעש המלך כסא שן גדול, **וגו'.** בניתי לי בתים, — **הה"ד** (שם ט): ויהי מקץ עשרים שנה אשר בנה שלמה את שני הבתים. נטעתי לי כרמים, **שנאמר** (שיר השירים ח): כרם היה לשלמה בבעל המון.

ז

(ה) עשיתי לי גנים ופרדסים, **כמשמעו;** ונטעתי בהם עץ כל פרי, **אפילו פלפלין. אמר ר' אבא בר כהנא: ברוחות היה שלמה משתמש ושולח להנדיקי, ומביאין לו משם מים ומשקין כאן, ועושה פירות. א"ל ר' ינאי בריה דר' שמעון: אם אתה אומר כן, נמצאת מיגעו. אלא עמד שלמה בחכמתו על משתיתה של ארץ וראה איזה משתיתה מופנה לשם, ונטע בה על משתיתה של ארץ, וכך היתה עושה פירות.**

---

ז. [1] אין ארץ ישראל, דאָס לאַנד פונעם בעל המדרש. כדי די פעפער־ביימער זאָלן קענען וואַקסן אין ארץ ישראל האָבן זיי זיך גענויטיקט אין וואַסער פון דעם לאַנד פון וואַנען זיי קומען. [2] „ארץ ישראל געפינט זיך אין מיטן פון דער וועלט, און ירושלים אין מיטן פון ארץ ישראל, און דער בית המקדש אין מיטן פון ירושלים, און דער היכל אין מיטן פון בית המקדש, און דער ארון אין מיטן פונעם היכל, און דער אבן שתיה געפינט זיך פאַרן ארון, [און פאַרוואָס רופט מען דעם שטיין שתיה?] ווייל פון אים איז געגרונטפעסטיקט געוואָרן (נשתת) די וועלט; און שלמה וואָס איז געווען אַ חכם און האָט זיך פאַרשטאַנען אויף די וואָרצלען וואָס צעגייען זיך פון דעם שטיין איבער דער גאַנצער וועלט, האָט געפלאַנצט אויף זיי אַלערליי ביימער, און אַרויסגעבראַכט פרוכט. דעריבער זאָגט ער: איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און סעדער". (תנחומא קדושים, י).

ח

(ו) עשיתי — איך האָב מיר געמאַכט וואַסערבאַכן, **סאַזשעלקעס**; להשקות — אָנצוטרינקען מיט זיי דעם וואַלד מיט וואַקסנדיקעביימער, **דאָס איז ארץ ישראל, ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, י, יז): ויתנם המלך — און דער מלך האָט זיי אַריינגעגעבן אין דעם הויז פון לבנון־וואַלד.[1]

ט

(ז) קניתי — איך האָב געקויפט קנעכט און דינסטן, **ווי עס שטייט געשריבן** (נחמיה ז, ס): כל הנתינים — אַלע נתינים און די קינדער פון שלמהס קנעכט דריי הונדערט צוויי און ניינציק. ובני בית — און הויז מענטשן האָב איך געהאַט,[1] **ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, ה, ז): וכלכלו הנצבים — און די דאָזיקע געשטעלטע פלעגן אויסהאַלטן דעם מלך — — — זיי פלעגן ניט פאַרפעלן קיין זאַך, — **וואָס מיינט זיי פלעגן ניט פאַרפעלן קיין זאַך? ר׳ חמא בר חנינא האָט געזאָגט: קיין מאָל האָט קיין זאַך ניט געפעלט אויף שלמהס טיש, ניט קיין רויזן אין די זומער טעג און ניט קיין אוגערקעס אין די ווינטער טעג,[2] נייערט ער האָט הנאה געהאַט פון זיי אַ גאַנץ יאָר.**

גם מקנה — אויך הערטן פון רינדער און שאָף אַ סך האָב איך געהאַט; **און דער פסוק זאָגט** (דאָרט, פסוק ג): וברבורים אבוסים — און געשטאָפּטע ברבורים, — **וואָס מיינט ברבורים? די רבנן זאָגן: מינים [פייגל] פון באַרבאַריע.[3] ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ יהודהן: אַ גרויסער פויגל איז ער געווען, געהייכט און געלויבט; און ער פלעגט [קומען צופליען] און זיך אַרויפזעצן טאָג־טעגלעך אויף זיין טיש. און פון וואַנען פלעגט ער קומען? ער פלעגט קומען טעגלעך פון באַרבאַריע.**

י

(ח) כנסתי — איך האָב מיר אָנגעזאַמלט אויך גאָלד און זילבער. **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (מלכים א, י, כז): ויתן המלך — און דער מלך האָט געמאַכט דאָס זילבער אין ירושלים ווי שטיינער. **איז עס מעגלעך, זיי זאָלן האָבן געווען ווי שטיינער אויף וועגן און אין הויפן און ניט געגנבעט ווערן? נייערט זיי זיינען געווען גרויס, שטיינער פון אַכט איילן און שטיינער פון צען איילן.[1] מע האָט געלערנט: אפילו די געוויכטן פון שלמהס טעג זיינען געווען פון גאָלד, און מע פלעגט וועגן אויף וואָגשאָלן פון אַ צענטנער גאָלד; און אַלע געוויכטן, גרויסע און קליינע, זיינען געווען פון גאָלד.**

וסגלת — און אוצרות פון מלכים, **ווי דער פסוק זאָגט** (דברי הימים ב, ט, כג): וכל — און אַלע מלכים פון דער ערד זוכן שלמהס פנים: והמדינות — און מדינות, **דאָס איז די מלכה פון שבא, וואָס פלעגט זיך מתווכח זיין**

---

ח. [1] און אַזוי ווי דאָס הויז איז געשטאַנען אין ירושלים (זע מלכים א, ז, ב), מיינט עס, אַז שלמה האָט געלאָזט פלאַנצן וועלדער אין ארץ ישראל.

ט. [1] מענטשן אויפצופאַסן אויף דער הויז אויפהאַלטונג (לויטן דרש). [2] ווערטערלעך: זון־טעג און רעגן־טעג. [3] לענדער הינטער דער רוימישער אימפעריע.

ח

(ו) עשיתי לי ברכות מים, — **פיסקינוס;** להשקות מהם יער צומח עצים, **זו ארץ ישראל, שנאמר** (מלכים א, י): ויתנם המלך בית יער הלבנון.

ט

(ז) קניתי עבדים ושפחות, **דכתיב** (נחמיה ז): כל הנתינים ובני עבדי שלמה שלש מאות ותשעים ושנים. ובני בית היה לי, **שנאמר** (מלכים א, ה): וכלכלו הנצבים האלה את המלך, **וגו׳.** לא יעדרו דבר, — **מהו** לא יעדרו דבר? **א״ר חמא בר חנינא: מעולם לא חסר שלחנו של שלמה לא וורד בימות החמה ולא קישואים בימות הגשמים, אלא היה טועמן כל השנה.**

גם מקנה בקר וצאן הרבה היה לי; **ואומר** (שם): וברבורים **אבוסים,** — **מה הוא** וברבורים אבוסים? **רבנן אמרי: מינייא ברברייה. ר׳ ברכיה בשם ר׳ יהודה: עוף גדול היה, ומעולה ומשובח; והיה עולה ויושב על שלחנו בכל יום ויום. ומהיכן הוא בא? מברברייה היה בא בכל יום.**

י

(ח) כנסתי לי גם כסף וזהב **הה״ד** (מלכים א, י): ויתן המלך את הכסף בירושלם כאבנים. **אפשר כאבנים בדרכים ובחצרות ולא היו נגנבות? אלא היו גדולות, אבני ח׳ אמות ואבני י׳ אמות. תנא: אפילו משקלות שהיו בימי שלמה של זהב היו, והיו מש־תמשין בכלי משקלות של זהב קנטרין; וכל משקל ומשקל, גדול וקטן, של זהב היו.**

וסגלת מלכים, **שנאמר** (דברי הימים ב, ט): וכל מלכי הארץ מבקשים את פני שלמה; **והמדינות, זו מלכת שבא, שהיתה מדיינת עמו בחכמתה ובשאלותיה, ולא יכלה לנצחו, שנאמר** (מלכים א, י): ותבא לנסותו בחידות — — — ויגד לה שלמה את כל דבריה.

---

**מיט אים מיט איר חכמה און מיט אירע פראַגעס, און האָט אים ניט געקענט בייקומען, ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, י, א): ותבא — און זי איז גע־קומען אים אויסצופּרואוון מיט רעטעניש — — — און שלמה האָט איר געזאָגט אַלע אירע זאַכן.[2]

עשיתי — איך האָב מיר איינגעשאַפט זינגערס און זינגערינס, — מענער זינגערס און פרויען זינגערנס.[3] ותענוגות — און די פאַרגעניגנס פון מענטשנקינדער, — קהלשע און פריוואַטע בעדער; שדה ושדות — שדים און שדיכעס וואָס פלעגן זיי באַהייצן.[4]

ר' חייא בר נחמיה האָט געזאָגט: צי דען לאָזט אונדז דער פסוק מער ניט וויסן, נייערט וועגן שלמהס רייכקייט? דער דאָזיקער פסוק רעדט ניט אַנדערש, נייערט וועגן דברי תורה: —

הגדלתי — איך האָב מיר געטאָן גרויסע אויפטוען, דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות לב, טז): והלוחות — און די לוחות זיינען געווען די אַרבעט[5] פון גאָט; איך האָב מיר געבויט הייזער, דאָס זיינען שולן און בתי מדרשים. איך האָב מיר געפלאַנצט וויינגערטנער, דאָס זיינען די שורות פון די תלמידי חכמים, וואָס זיצן שורותוויז ווי אַ וויינגאָרטן, ווי מיר האָבן געלערנט: „די דאָזיקע דרשה האָט ר' אלעזר בן עזריה געדרשנט פאַר די חכמים אין וויינגאָרטן פון יבנה",[6] — איז עס דען געווען אַ וויינגאָרטן? נייערט דאָס זיינען די תלמידי חכמים וואָס זיצן שורותוויז ווי אַ וויינגאָרטן.

עשיתי — איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און סעדער, דאָס זיינען די גרויסע משניות [זאַמלונגען],[7] אַ שטייגער די משנה פון ר' חייא רבה און די משנה פון ר' הושעיא רבה און די משנה פון בר קפרא; און איך האָב געפלאַנצט אין זיי ביימער פון אַלערליי פירות, דאָס איז די גמרא,[8] וואָס איז איינגעשלאָסן אין זיי.

עשיתי — איך האָב מיר געמאַכט וואַסערבאַכן, — ר' חייא רבה האָט געזאָגט: דאָס זיינען די דרשות; אַנצוטרינקען מיט זיי דעם וואַלד מיט וואַקסנדיקע ביימער, דאָס זיינען די קינדער וואָס לערנען. ר' נחמן האָט געזאָגט: [איך האָב מיר געמאַכט וואַסערבאַכן.] דאָס איז די גמרא; אַנצוטרינקען מיט זיי דעם וואַלד מיט וואַקסנדיקע ביימער, דאָס זיינען די תלמידי חכמים וואָס לערנען.

קניתי — איך האָב געקויפט קנעכט און דינסטן, דאָס זיינען די [געצנדינערישע] אומות, ווי דער פסוק זאָגט (יואל ג, ב): וגם — און אויך אויף די קנעכט און אויף די דינסטן וועל איך אין יענע טעג אויסגיסן מיין גייסט.[9] און די [וואָס וועלן בלייבן] געצנדינער[10] וועלן לעתיד לבוא זיין קנעכט צו

י. [1] זע אויבן ב, ג, און דאָרט באַם. 3. [2] אין די פאַרשיידענע אויסגאַבעס ווערט די צווייטע העלפט פון דער ציטאַט גענומען פון פסוק יג; מיר האָבן זיך דערלויבט צו בייטן עס אויף פסוק ג, וואָס פאַסט זיך בעסער צום אינהאַלט. [3] די איבערחזרונג נעמט זיך פון דער אַראַמישער אָפּטייטשונג [4] אַ לעגענדע גייט אַרום ביז היינט אין ארץ ישראל, אַז די הייסע קוואַלן פון טבריה ווערן באַהייצט אונטער דער ערד פון אַ שד, וואָס שלמה המלך האָט דאָרט אַריינגעזעצט, נאָך דעם ווי ער האָט אים בלינד געמאַכט, כדי ער זאָל ניט קענען אַרויסגיין. [5] מעשה — מעשי. [6] כתובות מט, א, אין דער משנה. [7] וואָס זיינען ניט אַריין אין דער משנה וואָס רבי האָט מסדר געווען. [8] די שקלא וטריאס און וויכוחים אַרום די הלכות פון דער משנה. [9] און דאָס איינקויפן קנעכט מיינט מאַכן זיי פאַר קנעכט פון דעם אייבערשטן. [10] עכו"ם (עובדי כוכבים ומזלות, די וואָס

עשיתי לי שרים ושרות, **זמרין וזמרתא;** ותענוגות בני אדם, — **דימוסיות ומרחצאות;** שדה ושדות, — **שידא ושידתא דהוון אזיין בהון.**

**א״ר חייא בר נחמיה: וכי אין הכתוב מודיענו, אלא עשרו של שלמה? הא אין מדבר, אלא בדברי תורה:**

הגדלתי מעשי, **הה״ד** (שמות לב): והלוחות מעשה אלהים המה; בניתי לי בתים, **אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות;** נטעתי לי כר־מים, **אלו שורות של תלמידי חכמים, שהם יושבין שורות שורות ככרם, כדתנן: „זה מדרש דרש ר׳ אלעזר בן עזריה לפני חכמים בכרם ביבנה״, — וכי כרם היה? אלא אלו תלמידי חכמים שיוש־בין שורות שורות ככרם.**

עשיתי לי גנות ופרדסים, **אלו משניות גדולות, כגון משנתו של ר׳ חייא רבה ומשנתו של ר׳ הושעיא רבה ומשנתו של בר קפרא;** ונטעתי בהם עץ כל פרי, **זה התלמוד שכלול בהם.**

עשיתי לי ברכות מים, — **ר׳ חייא רבה אמר: אלו הדרשות;** להשקות מהן יער צומח עצים, **אלו התינוקות שהם למדים. ר׳ נחמן אמר:** [עשיתי לי ברכות מים,] **זה התלמוד;** להשקות מהם יער צומח עצים, **אלו תלמידי חכמים שהם למדים.**

קניתי עבדים ושפחות, **אלו האומות, שנאמר** (יואל ג): וגם על העבדים ועל השפחות בימים ההמה אשפוך את רוחי; **והעכו״ם לעתיד לבוא יהיו עבדים לישראל, כמו שכתוב בישעיה** (סא): ועמדו זרים; ורעו צאנכם, **וגו׳**.—ובני בית היה לי, **זה רוח הקודש;** גם מקנה בקר וצאן, **אלו הקרבנות; הה״ד** (ויקרא א): מן הבקר ומן הצאן תקריבו.

---

**ישראל ווי עס שטייט געשריבן אין ישעיה** (סא, ה): ועמדו זרים — און פרעמדע וועלן שטיין און פיטערן אייערע שאָף. — און הויז מענטשן האָב איך געהאַט, **דאָס איז דער רוח הקודש;**[11] אויך הערטן פון רינדער און שאָף, **דאָס זיינען די קרבנות; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (ויקרא א, ב): מן הבקר — פון די רינדער אָדער פון די שאָף זאָלט איר מקריב זיין.

---

**דינען צו די שטערן); — אין דער ראָם אויסגאַבע מיטן רד״ל איז דאָס וואָרט אַרויסגע־לאָזט, און אויף דעם אָרט איז דאָ אַ בלויז; מיר האָבן דאָס וואָרט אַריינגעשטעלט לויט דער ראָם אויסגאַבע פון תרג״ז** (מיטן עץ יוסף. — **אָנשטאָט דאָס אייבערשטע** האומות, **די פעלקער, שטייט דאָרט אויף** העכו״ם, **און לויט דעם האָבן מיר צוגעגעבן דאָס וואָרט** געצנדינערישע). [11] **לויטן פסוק** (במדבר יב, ז): בכל ביתי — **אין מיין גאַנצן הויז איז**

כנסתי — איך האָב מיר אָנגעזאַמלט אויך גאָלד און זילבער, **דאָס זיינען די ווערטער פון דער תורה, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים יט, יא): הנחמדים — זיי זיינען גלוסטיקער פון גאָלד; און אוצרות פון מלכים, **ווי דער פסוק זאָגט** (משלי ח, טו): בי — דורך מיר[12] טוען די מלכים קיניגן — — — דורך מיר טוען די הערשער הערשן; — און מדינות, **דאָס זיינען די תלמידי חכמים, וואָס זיינען זיך מתווכח[13] אין דער הלכה;** איך האָב מיר איינגעשאַפט זינגערס און זינגערנס, **דאָס זיינען די תוספתות;**[14] און די פאַרגעניגנס, **דאָס זיינען די אגדות, וואָס זיינען דער פאַרגעניגן [ביים לימוד] פון מקרא;**[15] שדה ושדות, — **דאָס זיינען מאַנסלייט ריכטער און ווייבער ריכטערינס.**[16]

יא

**ר׳ יהושע בן לוי האָט באַשיידט די פסוקים אויף ישראל ווען זיי זיינען אַריין אין לאַנד: —**

הגדלתי — איך האָב מיר געטאָן גרויסע אויפטוען, [**ווי אין פסוק שטייט**] (במדבר טו, ב־ג): כי תבאו — אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד פון אייער באַזעצונג — — — און איר וועט מאַכן[1] אַ פייער־קרבן צו גאָט — — —; איך האָב מיר געבויט הייזער, [**ווי דער פסוק זאָגט**] (דברים ו, יא): ובתים — און הייזער פול מיט אַלדאָס גוטס; — איך האָב מיר געפלאַנצט ווייַנגאָרטנער (דאָרט): כרמים — ווייַנגערטנער און איילבערטגערטנער וואָס ניט דו האָסט געפלאַנצט.[2]

עשיתי — איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און סעדער: **אַדריאַנוס, די ביינער זאָלן אים צעריבן ווערן, האָט געפרעגט ר׳ יהושע בן חנניהן: „עס שטייט געשריבן אין דער תורה** (דאָרט ח, ט): ארץ — אַ לאַנד וואָס ניט אין אָרימקייט [וועסטו דאָרט עסן ברויט, עס וועט דיר גאָרניט פעלן דאָרט], **קאָנסטו מיר ברענגען דריי זאַכן וואָס איך וועל דיך בעטן?" האָט ער אים געזאָגט: און וואָס זיינען זיי?" האָט ער געזאָגט צו אים: „פעפער און פאַזאַנען און זיידנס". האָט ער אים געבראַכט פעפער פון נצחנא,[3] און פאַזאַנען פון ציידן[4] (און אַנדערע זאָגן: פון עכברין,[5]) און זיידנס פון גוש חלב.**[6]

עשיתי — איך האָב מיר געמאַכט וואַסערבאַכן, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט

---

ער (משה) באַגלויבט, און **דאָרט רעדט זיך וועגן דעם רוח הקודש וואָס האָט גערוט אויף אים** (מתנות כהונה). [12] **דאָס רעדט די חכמה וואָס איז אידענטיש מיט תורה.** [13] מדיינין — מדינות. [14] **„צוגאָבן", הלכה מאַטעריאַלן, וואָס זיינען ניט אַריינגענומען געוואָרן אין רבים משניות און זיינען געבליבן אַין אַ באַזונדערער זאַמלונג מיט דעם נאָמען — — —. נאָך דעם געפינען זיך אין די טעקסטן אין קלאַמערן די ווערטער** משוררים זכרים, משוררות נקבות **(זינגערס מענער און זינגערנס פרויען), אַן איבערחזרנדיקע דערקלערונג פונעם דריטן פאַראַגראַף פון** סימן י. [15] **תנ"ך.** [16] **לויטן** מתנות כהונה **ווערן די ווערטער** שדה ושדות **געדרשנט לויטן גמרא אויסדרוק** שודא דדיינא, **שיקול הדעת, איינזען פונעם ריכטער** (כתובות פה, ב).

יא. [1] ועשיתם — מעשי. [2] **און די ווערטער** איך האָב מיר געפלאַנצט **ווערן לויט דעם פאַרשטאַנען: איך האָב געפונען פאַרפלאַנצט.** [3] **א. כהן** (סאָנטשינאָ): **אפשר אַ פאַר־גרייזונג פון** נצרת (**מעגלעך געווען געשריבן** נצרתא). [4] **דאָס תנכישע צידון.** [5] **ביידע**

כנסתי לי גם כסף וזהב, **אלו דברי תורה, שנאמר** (תהלים יט): הנחמדים מזהב; וסגלת המלכים, **שנאמר** (משלי ח): בי מלכים ימלכו — — — בי שרים ישרו; והמדינות, **אלו תלמידי חכמים, שמדיינין בהלכה;** עשיתי לי שרות ושרות, **אלו התוספתות;** ותענוגות, **אלו האגדות, שהן עינוגו של מקרא;** שדה ושדות, — **דיינין זכרים ודיינות נקבות.**

יא

**ר׳ יהושע בן לוי פתר קרייה בישראל בכניסתן לארץ:** — הגדלתי מעשי (במדבר טו): כי תבאו אל ארץ מושבותיכם — — — ועשיתם אשה לה׳; — בניתי לי בתים (דברים ו): ובתים מלאים כל טוב; — נטעתי לי כרמים (שם): כרמים וזיתים אשר לא נטעת.

עשיתי לי גנות ופרדסים: **אדריאנוס שחיק טמיא שאל את ר׳ יהושע בן חנניה: „כתיב בתורה** (שם ח): ארץ אשר לא במס־כנות [תאכל בה לחם, לא תחסר כל בה], — **יכול את מייתי לי תלת מילין דאנא שאיל?" א"ל: „ומה אינון?" אמר ליה: „פלפלין ופיסיאנין ומטקסא". אייתי פלפלין מן נצחנה, ופיסיאנין מן ציידן (ומאן דאמר: מן עכברין), ומטקסא מן גוש חלב.**

עשיתי לי ברכות מים, **שנאמר** (שם): ארץ נחלי מים; — להש־קות מהם יער צומח עצים, — **אמר ר׳ לוי: אפילו קנים של חצים לא חסרה ארץ ישראל.**

קניתי עבדים ושפחות (שמות יב): וגם ערב רב [עלה אתם]; — ובני בית היה לי, **אלו הגבעונים, שעשאן יהושע חוטבי עצים ושואבי מים, שנאמר** (יהושע ט): ויתנם יהושע ביום ההוא חוטבי

---

פסוק ז): ארץ — אַ לאַנד פון באַכן וואַסער; — אָנצוּטרינקען מיט זיי דעם וואַלד מיט וואַקסנדיקע ביימער, — **ר׳ לוי האָט געזאָגט: אפילו ראָרשטעק־לעך אויף פיילן האָבן ניט געפעלט אין ארץ ישראל.**

קניתי — איך האָב געקויפט קנעכט און דינסטן (שמות יב, לח): וגם — און אויך געמישט פאָלק אַ סך [איז אַרויפגעגאַנגען מיט זיי]; — און הויז מענטשן האָב איך געהאַט, **דאָס זיינען די גבעונים, וואָס יהושע האָט זיי גע־מאַכט פאַר האָלצהעקערס און וואַסערשעפּערס. ווי דער פסוק זאָגט** (יהושע ט, כז): ויתנם יהושע — און יהושע האָט זיי געמאַכט אין יענעם טאָג פאַר

האָלצהעקערס און וואַסערשעפּערס; — אויך הערטן **פון רינדער און שאָף אַ סך האָב איך געהאַט** (במדבר לב, א): ומקנה רב — און אַ סך פי האָבן געהאַט [די קינדער פון ראובן און די קינדער פון גד, זייער פיל].

כנסתי — איך האָב מיר אָנגעזאַמלט אויך גאָלד און זילבער, **ווי דער פּסוק זאָגט** (תהלים קה, לז): ויוציאם — און ער האָט זיי אַרויסגענומען מיט זילבער און גאָלד; — און אוצרות פון מלכים און מדינות, **דאָס איז דאָס רויב פון עוג** [6] **און דאָס רויב פון מדין;**[7] איך האָב מיר איינגעשאַפט זינגערס און זינגערנס, **מאַנסלייט זינגערס און ווייבער זינגערנס;** און די פאַרגעניגנס פון מענטשקינדער. **דאָס זיינען די פאַרגעניגנס פון ישראל [אין זייער לאַנד];** שדה ושדות, — **וואוילטאָג אויף וואוילטאָג.**[8]

יב

(ט) וגדלתי — און איך בין געווען גרעסער און איך האָב אָנגעזאַמלט מער פון איטלעכן וואָס איז געווען פאַר מיר אין ירושלים. **ווער איז דען געווען פאַר אים אין ירושלים, — ניט זיין פאָטער דוד?**[1]

**פיר מענטשן ווערן גערופן** מנה בן פרס:[2] **און בן פלת**[3], **דער זון פון צפור**[4], **דער זון פון בעור**[5] **און חזקיה;**[6] **און צוויי ווערן גערופן** מנה בן מנה:[7] **דער זון פון קיש**[8] **און שלמה.**

אף חכמתי — אויך מיין חכמה איז מיר געבליבן,[9] **— ר' אחא האָט געזאָגט:** שלמה **האָט געזאָגט: „די גאַנצע תורה וואָס איך האָב געלערנט מיט פּעטש**[10] **און מיט כעס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי מיר ביז אויף דער עלטער".**

יג

(י) וכל אשר — און אַלץ וואָס מיינע אויגן האָבן פאַרלאַנגט האָב איך פון זיי ניט צוריקגעהאַלטן; איך האָב ניט פאַרמיטן מיין האַרץ פון קיין פרייד, **— דאָס איז די פרייד פון רייכקייט.** דען מיין האַרץ האָט זיך געפרייט מיט מיין גאַנצער מי, — און דאָס איז געוואָרן[1] דער חלק פון מיין גאַנצער מי, — **איינער זאָגט: זיין קרוג, און איינער זאָגט: זיין גאַרטל.**[2] **אַן אַנדער פשט:**

---

**אין אייבערשטן גליל.** [6] במדבר כא, לג—לה. [7] דאָרט לא. [8] **מעגלעך געדרשנט** שדה ושדות לויט לשד, **פעטס, זאַפט.**

יב. [1] **און אפילו אים האָט ער איבערגעשטיגן.** [2] **מנה איז אַ מטבע פון הונדערט** שקל, פרס (פּראַס) **איז אַ האַלבע מנה: די פיר זיינען געווען חשובער פון זייערע פאָטערס.** [3] במדבר טז, א: **צוערשט איז ער צוגעשטאַנען צו קורחן, אָבער שפּעטער איז ער אַוועק פון אים און איז ניצול געוואָרן; זיין פאָטער, פלת, איז אַן אומבאַקאַנטע פּערזאָן.** [4] במדבר כב און ווייטער: **בלק איז געווען מלך אין מואב, אָבער זיין פאָטער, צפור, איז אומבאַקאַנט.** [5] **בלעם** (דאָרט), **באַוואוסט ווי אַ נביא, אָבער זיין פאָטער, בעור, איז אומבאַקאַנט.** [6] מלכים ב, יח—כ: **ער איז געווען אַ צדיק, אָבער זיין פאָטער, אָחז, איז געווען אַ רשע.** [7] **סיי זיי, סיי זייערע פאָטערס זיינען געווען חשובע לייט.** [8] **שאול המלך** (עמענדירט לויטן רד"ל **און לויט** יאַסטראָוו). [9] **געטייטשט לויטן דרש.** [10] **געביטן** פסטירין **אויף** מסטורין, **פון** סטר, **פּאַטשן** (יאַסטראָוו), **און** טייטשנדיק אף — **כעס. אויסער דעם האָבן מיר געביטן דאָס אָרט פונעם וואָרט** בזקנתי (**פאַרגלייך** משלי יג, כד: חושך שבטו — דער וואָס קאַרגט זיין רוט האָט פיינט זיין זון). **ענלעך צו דעם איז דער נוסח אין** ילקוט (תתקס"ח).

עצים ושואבי מים; — גם מקנה בקר וצאן הרבה היה לי (במדבר לב): ומקנה רב היה [לבני ראובן ולבני גד, עצום מאד].

כנסתי לי גם כסף וזהב, **שנאמר** (תהלים קה): ויוציאם בכסף וזהב; — וסגלת מלכים והמדינות, **זו ביזת עוג וביזת מדין;** עשיתי לי שרים ושרות, **משוררים זכרים ומשוררות נקבות;** ותענוגות בני האדם, **זה עינוגן של ישראל;** שדה ושדות, — **תפנוקין ותפנוקיין.**

יב

(ט) וגדלתי והוספתי מכל שהיה לפני בירושלים. **וכי מי היה לפניו בירושלים, — לא דוד אביו היה?**

**ארבעה נקראו** מנה בן פרס: **און בן פלת, בנו צפור, בנו בעור וחזקיה; ושנים נקראו** מנה בן מנה: **בן (ע)קיש ושלמה.**

אף חכמתי עמדה לי, — **אמר ר' אחא: „כל תורה שלמדתי (בזקנתי פסטירין) [במסטורין] באף נתקיימה בי [בזקנתי].**

יג

(י) וכל אשר שאלו עיני לא אצלתי מהם; לא מנעתי את לבי מכל שמחה, **זו שמחת העושר.** כי לבי שמח מכל עמלי, — וזה היה חלקי מכל עמלי, — **מאן דאמר: קודיה, מאן דאמר: קשרתיה.**

**ד"א:** וכל אשר שאלו עיני, **בנשים,** לא אצלתי מהם; לא מנעתי את לבי מכל שמחה, **זו שמחת הנשים;** כי לבי שמח מכל עמלי, **זו הפרשת חלה; ומאן דאמר: זו הפרשת נסכים.**

יד

[(יב) ופניתי אני לראות חכמה. **זהו שאמר הכתוב** (קהלת יב):

---

און אַלץ וואָס מיינע אויגן האָבן פאַרלאַנגט, **אין פרויען,** האָב איך פון זיי ניט צוריקגעהאַלטן; איך האָב ניט פאַרמיטן מיין האַרץ פון קיין פרייד, **דאָס איז די פרייד פון פרויען;** דען מיין האַרץ האָט זיך געפרייט מיט מיין גאַנצער מי, **דאָס איז דאָס אָפּשיידן חלה;[3] און איינער זאָגט: דאָס איז דאָס אָפּשיידן [וויין] אויף צו גיסן [אויפן מזבח][4].**

**יד**

[(יב) ופניתי — און איך האָב מיך געקערט צו באַקוקן חכמה. **דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט** (קהלת יב, ט): ויותר — און חוץ דעם וואָס קהלת איז

---

יג. [1] **געבליבן, — לויטן דרש.** [2] **דאָס איז אים געבליבן נאָך דעם ווי זיין מלוכה איז אַוועקגענומען געוואָרן פון אים** (זע אויבן, א, לב, און דאָרט באַמ. 1. [3] במדבר טו, כ: ער האָט זיך געפרייט מיט זיין באַמיען זיך אָפּצוהיטן די מצוה. [4] שמות כט, מ.

געווען אַ חכם, האָט ער נאָך געלערנט דאָס פאָלק קענטשאַפט; און ער האָט געוואויגן און געפאָרשט און צונויפגעשטעלט משלים אַ סך, — און ער האָט געוואויגן די ווערטער פון דער תורה און געפאָרשט די ווערטער פון דער תורה, ער האָט געמאַכט אויערן[1] פאַר דער תורה. און עס באַקומט זיך, אַז ביז שלמה איז ניט געקומען, איז קיין משל ניט געווען.][2]

ר׳ נחמן האָט געזאָגט [וועגן דעם] צוויי זאַכן: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ וועלדל פון ראָר, וואָס קיין מענטש האָט אַהין ניט געקענט אַריינגיין. וואָס האָט געטאָן איינער אַ חכם? ער האָט געשניטן [דעם ראָר] און איז אַריין, געשניטן און אַריין; ער איז אַריין דורכן אויסשניט און איז אַרויס דורכן אויסשניט. [האָבן אַלע אָנגעהויבן אַריינגיין און אַרויסגיין דורכן אויסשניט.][3]

און נאָך האָט ר׳ נחמן געזאָגט: ס׳איז אַ משל מיט אַ גרויסן פּאַלאַץ, וואָס האָט געהאַט אַ סך טירן, און ווער ס׳פלעגט נאָר אַריין אַהין פלעגט פאַר־בלאָנדזשען. איז דאָרט געווען איינער אַ חכם. איז ער אַריין און גענומען אַ קנויל גראָז־שטריק און צוגעבונדן ביים אַריינגאַנג. פלעגן[3] אַלע אַריינגיין מיט דער שטריק און אַרויסגיין מיט דער שטריק.

[אַן אַנדער פשט:][4] און איך האָב מיך געקערט צו באַקוקן חכמה: [אָנשטאָט] ופניתי [לייען] ופיניתי, און איך האָב אויסגעליידיקט, ווי דער דאָזיקער בעקן, וואָס אַמאָל ווערט ער אָנגעפילט און אַ מאָל ווערט ער אויס־געליידיקט; אזוי האָט שלמה געלערנט תורה אין איין צייט און זי פאַרגעסן אין אַן אַנדער צייט.[5] צו באַקוקן חכמה און משוגעת און נאַרישקייט, — [וועגן דעם זאָגן] ר׳ חנינא בר פפא און ר׳ סימון. ר׳ חנינא בר פפא זאָגט: משוגעת, דאָס זיינען די אינטריגעס פון מלכות, און נאַרישקייט, דאָס איז די באַלעסטיקונג.[6] ר׳ סימון זאָגט: משוגעת, דאָס איז דאָס משוגעת פון אפּי־קורסות, און נאַרישקייט, דאָס איז טיפּשות.

כי מה האדם — דען וואָס [קען אויפטאָן] דער מענטש וואָס קומט נאָכן מלך? דאָס וואָס מע האָט שוין לאַנג געטאָן. אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגן: „איך קאָן זיך דערגרונטעווען צום יסוד פון דער וועלט", זאָג אים: „צו [די מעשים פון] אַ מלך אַ בשר ודם קאָנסטו זיך ניט דערגרונטעווען; וועסטו זיך קענען דערגרונטעווען צו [די מעשים פון] דעם מלך איבער אַלע מלכים,

---

יד. [1] אזנים — ואזן. מיט זיינע משלים און שפּריכווערטער האָט ער געמאַכט, אַז מענטשן זאָלן זיך צוהערן צו די ווערטער פון דער תורה, ווי ווייטער. [2] ר׳ נחמנס צוויי ווייטערדיקע מימראס געפינען זיך אין אַלע אויסגאַבעס, דורך דער שולד, משמעות, פון אַ ניט אָפּגעהיטן איבערשרייבער, ניט אויפן ריכטיקן אָרט, — זיי רייסן דאָרט איבער די נאַטירלעכע שייכות צווישן דעם פריערדיקן מיטן שפּעטערדיקן (כאָטש דער רד"ל אויף בראשית רבה, יב, א, מאַטערט זיך אויסצוגלייכן דעם ענין). מיר האָבן דעריבער, אין איינקלאַנג מיטן מהרז"ו (בראשית רבה דאָרט), געשטעלט די דאָזיקע מימראס צום אָנהייב פונעם סימן, אין דירעקטער שייכות מיטן פסוק ופניתי, און זיך דערלויבט דערביי צו־צוגעבן פאַר דעם אַ קורצן פראַגמענט פון שיר השירים רבה (א, ח), וואו די זעלבע צוויי מימראס געפינען זיך אין זייער לאָגישער סעקווענץ. [3] צוגעגעבן לויט שיר השירים רבה. [4] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט. [5] זע אויבן א, ב. [6] פון מלכות, די שווערע צינזן וואָס

ויותר שהיה קהלת חכם, עוד למד דעת את העם; ואזן וחקר, תקן משלים הרבה. — ואזן **דברי תורה** וחקר **דברי תורה, עשה אזנים לתורה. ואת מוצא, שעד שלא עמד שלמה לא היתה דוגמא.]**

**ר' נחמן אמר תרתי: לחורשת הקנים, שאין אדם יכול להכנס לתוכה. מה עשה פיקח אחד? כיסח ונכנס, כיסח ונכנס; נכנס דרך הכיסוח ויצא דרך הכיסות.** [**התחילו הכל נכנסין דרך הכי־סוח ויוצאין.**] **ר' נחמן אמר חורי: לפלטין גדולה שהיו לה פתחים הרבה, וכל מי שנכנס לתוכה טועה. היה שם פיקח אחד. נכנס ונטל פקיעת גמי וקשרה נגד הפתח;** [**היו**] **הכל נכנסין אצל הפקעת ויוצאין דרך הפקעת.**

[ד"א:] ופניתי אני לראות חכמה. ופניתי — ופיניתי, **כספל הזה, שנתמלא בשעתו ונשפך בשעתו; כך למד שלמה תורה בשעתו ושכחה בשעתו.** לראות חכמה והוללות וסכלות. — **ר' חנינא בר פפא** ור' סימון. **ר' חנינא בר פפא אומר:** הוללות זו **הוללה של מלכות, וסכלות, זו הטרחות. ר' סימון אומר:** הוללות **זו הוללה של מינות, וסכלות זו הטפשות.**

כי מה האדם שיבוא אחרי המלך? [את אשר כבר עשוהו]. **אם יאמר לך אדם: "יכול אני לעמוד על משתיתו של עולם", אמור לו: "אחרי מלך בשר ודם אי אתה יכול לעמוד; אחר מלך מלכי המלכים הקב"ה אתה יכול לעמוד?"**

**א"ר שמעון בן יוחאי: משל למה הדבר דומה? למלך בשר ודם שבנה פלטין, וכל העוברים ושבים נכנסים לתוכו ואמרו: "אלו היו עמודיה גבוהים, היתה נאה: אילו היו כותליה גבוהים, היתה נאה; אילו היתה תקרתה גבוהה, היתה נאה". שמא יבוא איש ויאמר: "אילו היו לי שלש ידים, או שלש עינים, או שלש**

---

הקדוש ברוך הוא?" [7]

ר' שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מלך אַ בשר ודם, וואָס האָט אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ, און אַלע פאַרבייגייערס פלעגן אַריינגיין אינעווייניק און פלעגן זאָגן: "וואָלטן זיינע זיילן געווען הע־כער, וואָלט ער געווען שענער; וואָלטן זיינע ווענט געווען העכער, וואָלט ער געווען שענער; וואָלט זיין סופיט געווען העכער, וואָלט ער געווען שענער." קען אפשר אַ מענטש קומען און זאָגן: "וואָלט איך געהאַט דריי הענט, צי

---

[7] אין אַלע אויסגאַבעס געפינען זיך דאָ די פריערדיקע צוויי מלכות לייגט אַרויף.

דריי אויגן, צי דריי אויערן, צי דריי פיס, וואָלט איך געווען שענער״? לערנט אונדז דער פסוק: דאָס וואָס מע האָט שוין לאַנג געטאָן, — עס שטייט דאָ ניט „וואָס ער האָט געטאָן״, נייערט וואָס מע האָט געטאָן, — הקדוש ברוך הוא כביכול און זיין בית־דין האָבן עס געטאָן: מע האָט זיך געציילט [8] איבער איטלעכן אבר דיינעם און מע האָט דיך אויפגעשטעלט ווי עס געהער צו זיין. און טאָמער ווּעסטו זאָגן: „צוויי הערשאַפטן זיינען פאַראַן?״ [9] איז עס דאָך שוין געזאָגט געוואָרן (דברים לב, ו): הוא — ער האָט דיך געמאַכט און דיך געפורעמט.

ר׳ לוי בר חיתא האָט געזאָגט: אַ מלך אַ בשר ודם וואָס בויט אַ פּאַלאַץ, — אויב ער וואָלט אַרויפגעטאָן די רינע איבער דער עפענונג, וואָלט עס ניט געווען שיין און ניט בכבודיק. אָבער הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן דעם מענטשן און האָט אַרויפגעטאָן זיין רינע איבער זיין עפענונג. און וואָס איז עס? די נאָז זיינע, — און דאָס איז זיין שיינקייט און דאָס איז זיין בכבודיקייט.

ר׳ יצחק בר מריון האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (בראשית ב, ז): וייצר ה׳ — און גאָט דער האַר האָט געפורעמט דעם מענטשן, — צו וואָס זאָגט ער: דעם מענטשן וואָס ער האָט געפורעמט? [10] נייערט [דער פסוק וויל זאָגן, אַז] דער פעלז [11] איז אַ געשיקטער מייסטער, וואָס גרייסט זיך, כביכול, מיט זיין װעלט און זאָגט: „זעט דאָס באַשעפעניש וואָס איך האָב באַשאַפן און די צורה וואָס איך האָב אויסגעמייסטערט.״ און נאָך האָט ר׳ יצחק בר מריון געזאָגט: [עס שטייט] (דאָרט, פסוק ד): אלה — דאָס איז די געשיכטע פון דעם הימל און דער ערד ווען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, — ער האָט זיי באַשאַפן און ער לויבט זיי, טאָ ווער קען זיי פאַרמיאוסן? זייער באַשאַפער רימט זיי, טאָ ווער קאָן וואַרפן שאַנד אויף זיי? נייערט זיי זיינען שיין און בכבודיק, ווי דער פסוק זאָגט: דאָס איז די געשיכטע פון דעם הימל און דער ערד.[12]

ר׳ פינחס האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ לוין: בהבראם: [13] [לייען] בהא בראם, מיט דער הא האָט ער זיי באַשאַפן.[14]

## טו

(יג) וראיתי — און איך האָב איינגעזען, אַז חכמה האָט אַ מעלה איבער נאַרישקייט. מע האָט געלערנט אין נאָמען פון ר׳ מאירן: אַזוי ווי ליכטיקייט האָט אַ מעלה איבער פינצטערקייט, אַזוי האָבן די ווערטער פון תורה אַ מעלה איבער ווערטער פון נישטיקייטן.

מימראס פון ר׳ נחמן (זע באַמ. 3). [8] מע האָט געמאַכט אַן אָפּשטימונג. [9] דער אייבערשטער און זיין בית־דין. [10] ווייטער פסוק ח: די ווערטער וואָס ער האָט געפורעמט זיינען אין פלוג אַן איבעריקע איבערחזרונג. [11] צור, באַצייכנונג פון גאָט; אַן אָנשפיל אויף צייר, מייסטער, קינסטלער, און אויף יצר, פורעמען, באַשאַפן. [12] די אַקצענטירונג דאָס איז קלינגט ווי אַ גרייסן זיך, און אַזוי אויבן די איבערחזרונג וואָס ער האָט געפורעמט. [13] ווען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן. [14] ס׳איז דעם אייבערשטן אָנגעקומען די באַשאַפונג אַזוי גרינג ווי אַרויסצורעדן אַ הא, — אַזוי לויט ר׳ אבהן פון ר׳ יוחננס וועגן, בראשית רבה יב, י (לויט ר׳ אלעזרן, דאָרט, האָט דער אייבערשטער אויסגעפורעמט ביידע

אזנים, או שלש רגלים, הייתי נאה״? תלמוד לומר: את אשר כבר עשוהו, — אין כתיב כאן „עשהו״, אלא עשוהו, — כביכול הקב״ה ובית דינו עשאוהו: נמנים על כל אבר ואבר משלך ומעמידך על תיקונך. ואם תאמר: שתי רשויות הן? והלא כבר נאמר (דברים לב): הוא עשך ויכוננך.

אמר ר׳ לוי בר חיתא: מלך בשר ודם בונה פלטין, אם נתן ביבה על פתחה, אינה נאה ואינה משובחת. אלא הקב״ה ברא את האדם ונתן ביבו על פתחו, ואיזה זה? זה בית חוטמו, והוא נואו והוא שבחו. א״ר יצחק בר מריון: כתיב (בראשית ב): וייצר ה׳ אלהים את האדם, מה תלמוד לומר: [האדם] אשר יצר? אלא הצור הוא צייר נאה, כביכול מתגאה בעולמו ואומר: „ראו בריה שבראתי וצורה שציירתי״. ואמר ר׳ יצחק בר מריון (שם): אלה תולדות השמים והארץ בהבראם, — הוא בראן והוא משבחן, ומי מגנן? בוראן מקלסן, מי נותן בהן דופי? אלא הם נאים ומשובחים הם, שנאמר: אלה תולדות השמים והארץ. ר׳ פנחס בשם ר׳ לוי אמר: בהבראם, — בה״א בראם.

טו

(יג) וראיתי אני, שיש יתרון [לחכמה מן הסכלות]. תני בשם ר׳ מאיר: כשם שיש יתרון בין האור לבין החשך, כן יש יתרון בין דברי תורה לדברי הבלים.

טז

(יד) החכם עיניו בראשו, וגו׳. החכם עיניו בראשו, והכסיל עיניו ברגליו? אלא עד שהחכם בראשו של ענין, הוא יודע מה יש בסופו. ר׳ מאיר הוה צווח לסופיה דמלה רישיה.

---

טז

(יד) החכם — דער חכם האָט זיינע אויגן אין קאָפּ — — —. האָט דען דער חכם זיינע אויגן אין קאָפּ און דער נאַר — אין די פיס? נייערט ווען דער חכם האַלט נאָך ביים אָנהייב[1] פון אַ זאַך, ווייסט ער שוין וואָס וועט זיין מיט דעם ביים סוף. ר׳ מאיר פלעגט רופן דעם סוף פון אַ זאַך אָנהייב.[2]

---

וועלטן, די און יענע, מיט די צוויי אותיות פונעם שם יה, — יענע וועלט מיט דער יוד און די וועלט מיט דער הא).

טז. [1] ראש, וואָס מיינט סיי קאָפּ, סיי אָנהייב. [2] ווייל דער חכם זעט גלייך ביים אָנהייב, וואָס פון אַ זאַך וועט אַרויסקומען. פאַרגלייך: איזהו חכם? הרואה את הנולד (תמיד לב, א), — ווער איז אַ חכם? דער וואָס זעט פאָראויס דאָס קומענדיקע. זע אויך

**אַן אַנדער פשט:** דער חכם האָט זיינע אויגן אין קאָפּ, **דאָס איז אברהם אבינו;** אָבער דער נאַר גייט אין דער פינצטער, **דאָס איז נמרוד.**[3] און איך ווייס אויך, אַז איין טרעפעניש וועט זיי טרעפן אַלעמען; (טו) האָב איך מיר געזאָגט אין האַרצן: אַזוי ווי עס טרעפט דעם נאַר, וועט עס אויך מיך טרעפן, — **איך ווער געררופן מלך און נמרוד הרשע ווערט גערופן מלך, דער וועט שטאַרבן און דער וועט שטאַרבן; אויב אַזוי,** טאָ נאָך וואָס בין איך דעמאָלט געווען קליגער? **פאַרוואָס האָב איך זיך מוסר נפש געווען איבער דער הייליקייט פון דעם נאָמען פון הקדוש ברוך הוא און האָב געוואָרנט און געזאָגט: ניטאָ קיין גאָט ווי ער צווישן די אייבערשטע און די אונטערשטע? אָבער ווידער האָב איך געזאָגט,** (טז) אַז עס איז ניטאָ קיין געדעכעניש פאַרן חכם [צוזאַמען] מיטן נאַר אויף אייביק, וואָרום אין די טעג וואָס וועלן קומען וועט אַלץ שוין לאַנג זיין פאַרגעסן.[4] **פאַרוואָס?**[5] **דען בעת ישראל קומט אַריין אין אַ צרה, זאָגן זיי** (שמות לב, יג): זכר — דערמאָן זיך אָן אברהמען, יצחקן און ישראלן דיינע קנעכט; **אפשר זאָגן די אומות העולם: „געדענק די מעשים פון נמרודן"? דאָס איז ווי אין פסוק שטייט:** טאָ ווי קען שטאַרבן דער חכם מיטן נאַר?[6]

יז

**אַן אַנדער פשט:** דער חכם האָט זיינע אויגן אין קאָפּ, **דאָס איז משה;** אָבער דער נאַר גייט אין דער פינצטער, **דאָס איז בלעם הרשע.** און איך ווייס אויך, אַז איין טרעפעניש וועט זיי טרעפן אַלעמען; האָב איך מיר געזאָגט אין האַרצן: **דער ווערט גערופן נביא און דער ווערט גערופן נביא; אויב אַזוי,** טאָ נאָך וואָס בין איך דעמאָלט געווען קליגער? **פאַרוואָס האָב איך אָפּגעגעבן מיין לעבן פון וועגן דער תורה? אָבער ווידער האָב איך געזאָגט,** אַז עס איז ניטאָ קיין געדעכעניש פאַרן חכם [צוזאַמען] מיטן נאַר אויף אייביק; וואָרום אין די טעג וואָס וועלן קומען וועט אַלץ שוין זיין פאַרגעסן. **מאָרגן, אַז ישראל וועט אַריין אין אַ צרה, וועלן זיי זאָגן** (ישעיה סג, יא): ויזכר — און עס האָט זיך דערמאָנט זיין פאָלק אָן די טעג פון פאַרצייטן, פון משהן. **אפשר זאָגן די אומות העולם: „און עס האָט זיך דערמאָנט זיין פאָלק אָן די טעג פון פאַרצייטן, פון בלעמען"? דאָס איז ווי אין פסוק שטייט:** טאָ ווי קען שטאַרבן דער חכם מיטן נאַר?

יח

**אַן אַנדער פשט:** דער חכם האָט זיינע אויגן אין קאָפּ, **דאָס איז דוד דער מלך פון ישראל;** אָבער דער נאַר גייט אין דער פינצטער, **דאָס איז נבוכדנצר הרשע.** און איך ווייס אויך, אַז איין טרעפעניש וועט זיי טרעפן אַלע־

---

אבות ב, יג. [3] בראשית י, ח—ט. **ער האָט געוואָרפן אברהמען אין פייער פאַר אָפּזאָגן זיך פון געצנדינסט** (זע בראשית רבה לח, יג). [4] **אין דער צוקונפט וועט מען דיביידע ניט געדענקען צוזאַמען, וואָרום דער רשע וועט פאַרגעסן ווערן צוזאַמען מיט זיינע מעשים, — אַזוי לויטן דרש.** [5] **אויף וועלכן גרונט ווערט עס געזאָגט?** [6] **נייערט דעם חכמס געדעכעניש לעבט אייביק.**

**ד״א:** החכם עיניו בראשו, **זה אברהם אבינו;** והכסיל בחשך הולך, **זה נמרוד.** וידעתי גם אני, שמקרה אחד יקרה את כלם. (טו) ואמרתי אני בלבי: כמקרה הכסיל גם אני יקרני, **וגו׳, — אני נקראתי מלך ונמרוד הרשע נקרא מלך, זה מת וזה מת; אם כן** — ולמה חכמתי אני אז יותר? **למה מסרתי נפשי על קדושת שמו של הקב״ה והזהרתי ואמרתי: אין אלוה כמוהו בעל־יונים ובתחתונים? ועוד חזרתי ואמרתי** (טז), כי אין זכרון לחכם עם הכסיל לעולם; בשכבר הימים הבאים הכל נשכח. **למה? דכיון דישראל נכנסין לידי צרה הן אומרים** (שמות לב): זכר לאברהם, ליצחק ולישראל עבדיך, **וגו׳; שמא אומות העולם אומ־רים: „זכור למעשה נמרוד״? הה״ד:** ואיך ימות החכם עם הכסיל?

יז

**ד״א:** החכם עיניו בראשו, **זה משה;** והכסיל בחשך הולך, **זה בלעם הרשע.** וידעתי גם אני, שמקרה אחד יקרה את כלם. ואמרתי אני בלבי: **זה נקרא נביא וזה נקרא נביא; אם כן** — ולמה חכמתי אני אז יותר? **למה נתתי נפשי על התורה? וחזרתי ואמרתי,** כי אין זכרון לחכם עם הכסיל לעולם; בשכבר הימים הבאים הכל נשכח. **למחר ישראל נכנסין לצרה ואומרים** (ישיה סג): ויזכר ימי עולם, משה עמו, **וגו׳. שמא או״ה אומרים: „ויזכור ימי עולם, בלעם עמו״? הה״ד:** ואיך ימות החכם עם הכסיל?

יח

**ד״א:** החכם עיניו בראשו, **זה דוד מלך ישראל;** והכסיל בחשך הולך, **זה נבוכדנצר הרשע.** וידעתי גם אני, שמקרה אחד יקרה את כלם. ואמרתי אני בלבי; **זה בנה בית המקדש ומלך ארבעים שנה, וזה החריבו ומלך ארבעים שנה; אם כן** — ולמה חכמתי אני אז יותר? **למה נתתי נפשי על בנין בית המקדש?**

---

מען; האָב איך מיר געזאָגט אין האַרצן: [1] **דער האָט געבויט** [2] **דעם בית המקדש און האָט געקיניגט פערציק יאָר, און דער האָט אים חרוב געמאַכט און האָט** געקיניגט פערציק יאָר; אויב אזוי, טאָ נאָך וואָס בין איך דעמאָלט געווען קליגער? **פאַרוואָס האָב איך אָפּגעגעבן מיין לעבן פון וועגן דעם אויפבוי־**

---

יח. [1] אין דער ראָם אויסגאַבע איז דאָ, און אזוי אויך ווייטער, אַריין מיט אַ טעות דער פסוק טז וואָס געהערט צום ווייטערדיקן טעקסט. מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט אין איינקלאַנג מיט די פריערדיקע דרשות אויף אונדזערע פסוקים. [2] ווייל דוד האָט צוגע־

פון בית המקדש? אָבער ווידער האָב איך געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין גערעכעניש פאַרן חכם [צוזאַמען] מיטן נאַר אויף אייביק, וואָרום אין די טעג וואָס וועלן קומען וועט אַלץ שוין לאַנג זיין פאַרגעסן. מאָרגן וועט שלמה אויפשטיין און אויפבויען דעם בית המקדש און וועט זאָגן (דברי הימים ב, ו, מב): זכרה — געדענק די חסדים פון דוד דיין קנעכט. אפשר וועט אויל מרודך [3] אויפשטיין און זאָגן: „געדענק די חסדים פון נבוכדנצר דיין קנעכט"? דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: טאָ ווי קען שטאַרבן דער חכם מיטן נאַר?

## יט

אַן אַנדער פשט: דער חכם האָט די אויגן אין קאָפּ, דאָס איז דער וואָס קויפט ווייץ אויף דריי יאָר;[1] אָבער דער נאַר גייט אין דער פינצטער, דאָס איז דער וואָס קויפט ווייץ אויף איין יאָר. און איך ווייס אויך — — — האָב איך מיר געזאָגט אין האַרצן: דער עסט און דער עסט; אויב אַזוי, טאָ נאָך וואָס בין איך דעמאָלט געווען קליגער? פאַרוואָס האָב איך פאַרמשכונט די כלים פונעם צימער [2] זיך צו פאַרגרייטן מיט שפייז? אָבער ווידער האָב איך געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין גערעכעניש פאַרן חכם [צוזאַמען] מיטן נאַר אויף אייביק, וואָרום אין די טעג וואָס וועלן קומען וועט אַלץ שוין לאַנג זיין פאַרגעסן. מאָרגן, אַז אַ יאָר פון טריקעניש וועט אָנקומען, וועט דער עסן פון יקרות און דער וועט עסן פון זול. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: טאָ ווי קען שטאַרבן דער חכם מיטן נאַר?

## כ

אַן אַנדער פשט: דער חכם האָט די אויגן אין קאָפּ, דאָס איז אַ תלמיד חכם וואָס איז באַשטענדיק אין זיין לערנען; אָבער דער נאַר גייט אין דער פינצטער, דאָס איז דער וואָס איז ניט באַשטענדיק אין זיין לערנען.[1] און איך ווייס אויך — — — האָב איך מיר געזאָגט אין האַרצן: דער ווערט גערופן רבי און דער ווערט גערופן רבי, דער [ווערט גערופן] חכם און דער [ווערט גערופן] חכם, דער הילט זיך אין אַ טלית און דער הילט זיך אין אַ טלית; אויב אַזוי, טאָ נאָך וואָס בין איך דעמאָלט געווען קליגער? פאַרוואָס האָב איך אָפּגעגעבן מיין לעבן פון וועגן מיין תורה? אָבער ווידער האָב איך געזאָגט: עס איז ניטאָ קיין גערעכעניש פאַרן חכם [צוזאַמען] מיטן נאַר. מאָרגן וועלן זיי ביידע אַריינקומען אין בית מדרש,[2] אָדער אין אַן אַנדער אָרט, און איינער וועט פרעגן דעם צווייטן. איז דער וועט געפרעגט ווערן, און ער וועט ענטפערן; אָבער דער וועט געפרעגט ווערן, און ער וועט ניט ענטפערן. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: טאָ ווי קען שטאַרבן דער חכם מיטן נאַר?

---

גרייט אַלץ וואָס איז געווען נויטיק צו בויען דעם בית המקדש, ווערט עס אים פאַררעכנט ווי ער אַליין וואָלט עס געבויט. [3] מלכים ב, כה, כז.

יט. [1]. זע אסתר רבה פתיחתא א. [2] מעגלעך פאַרגרייזט פון קיטון.

כ. [1] אין די ראַם אויסגאַבעס מיטן רד"ל און מהרז"ו פעלט די צווייטע העלפט פון

**וחזרתי ואמרתי**, כי אין זכרון לחכם עם הכסיל לעולם; בשכבר הימים הבאים הכל נשכח. **מחר שלמה עומד ובונה בית המקדש ואומר** (דברי הימים ב, ו): זכרה לחסדי דויד עבדך. **שמא אויל מרודך עומד ואומר: „זכרה לחסדי נבוכדנצר עבדך"? הה"ד:** ואיך ימות החכם עם הכסיל?

יט

**ד"א:** החכם עיניו בראשו, **זה שלקח חטים לשלש שנים;** והכסיל בחשך הולך, **זה שלקח חטים לשנה אחת.** וידעתי גם אני, **וגו׳**, ואמרתי אני בלבי: **זה אוכל וזה אוכל; אם כן** — ולמה חכמתי אני אז יותר? **למה משכנית מאניי מן קייטא לאמטי לי מזונין? וחזרתי ואמרתי**, כי אין זכרון לחכם עם הכסיל לעולם; בשכבר הימים הבאים הכל נשכח. **למחר שנת בצורת באה, זה אוכל ביוקר וזה אוכל בזול. הה"ד:** ואיך ימות החכם עם הכסיל.

כ

**ד"א:** החכם עיניו בראשו, **זה תלמיד חכם שהוא רגיל במש־נתו;** והכסיל בחשך הולך, **זה שאינו רגיל במשנתו.** וידעתי גם אני — — — ואמרתי אני בלבי: **זה נקרא** רבי **וזה נקרא** רבי, **זה** חכם **וזה** חכם, **זה עוטף בטליתו וזה עוטף בטליתו; אם כן** — ולמה חכמתי אני אז יותר? **למה נתתי נפשי על תורתי? וחזרתי ואמרתי:** אין זכרון לחכם עם הכסיל. **למחר שניהם נכנסין לבית הועד, או למקום אחר, ושואלין זה את זה; זה נשאל ומשיב, וזה נשאל ואינו משיב. הה"ד:** ואיך ימות החכם עם הכסיל.

**א"ר חייא בר נחמיה: אם אין התלמיד צריך לומר שמועה משמו של רבו, למחר תורתו משתכחת; ואיך לא יתן הרב את עצמו על התלמיד מעתה?**

---

ר׳ חייא בר נחמיה האָט געזאָגט: אויב אַ תלמיד [מיינט, אַז ער] דאַרף ניט נאָכזאָגן אַ תורה אין נאָמען פון זיין רבין, וועט מאָרגן זיין תורה פאַר־געסן ווערן; טאָ ווי זאָל זיך דער רבי ניט אָפּגעבן מיט זיין תלמיד פון וועגן דעם? [3]

---

דער מימרא. [2] ווערטערלעך: פאַרזאַמלונג הויז. [3] דער רבי דאַרף זיך זייער שטאַרק אָפּגעבן מיט זיין תלמיד, כדי ער זאָל געדענקען זיין תורה, און זי שפּעטער נאָכזאָגן אין זיין נאָמען; אַנדערש וועט דער נאָמען פונעם קלוגן רבין אָפּשטאַרבן צוזאַמען מיטן נאַרישן תלמיד, און ווי זאָל שטאַרבן דער חכם מיטן נאַר?

## כא

(יז) ושנאתי — און איך האָב פיינט געקראָגן דאָס לעבן.

אימיקאַנטראָן[1] האָט געשריבן צום קייסער אַדריאַנוס אַזוי צו זאָגן: „אויב ס'איז די גאַנצע וועלט וואָס דו האָסט פיינט, זיינען עס דאָך [אויך] די ישמעאלים[2]; אויב ס'איז די שבט אָפּהיטערס וואָס דו האָסט פיינט, זיינען עס דאָך [אויך] די שומרונים. האָסטו דאָך ניט פיינט קיינעם, נייערט די דאָזיקע אומה אַליין; וועט איר גאָט נעמען געצאָלט פון דירן!" האָט אַדריאַנוס באַפוילן [אויסצורופן], אַז דער וואָס האָט עס געטאָן זאָל זיך לאָזן דערקענען צום מלך, דען דער מלך וויל אים עפּעס געבן. איז אַוועק איינער און האָט זיך געלאָזט דערקענען.[3] האָט ער געזאָגט: „נעמט אים אַראָפּ דעם קאָפּ!" און ער האָט אים געזאָגט: „פאַרוואָס האָסטו געזאָגט אַזוי?" האָט ער געזאָגט צו אים: „ווייל דו באַפרייסט מיך פון דריי ביטערע אומגליקן". האָט ער אים געזאָגט: „וואָס זיינען זיי?" האָט ער געזאָגט צו אים: „מיין אייגן לייב בעט ביי מיר עסן אין דער פרי און איך אָוונט, און איך האָב עס ניט וואָס צו געבן, און אַזוי מיין ווייב און אַזוי מיינע קינדער". האָט אַדריאַנוס געזאָגט: „וויבאַלד ער לעבט אַ שלעכט לעבן, לאָזט אים אָפּ". האָט ער געלייענט אויף זיך [דעם פסוק]: ושנאתי — און איך האָב פיינט געקראָגן דאָס לעבן.[4]

מע דערציילט וועגן איינעם אַ פּרעסער, וואָס פלעגט אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר אַרבעטן אַלע זעקס טעג פון דער וואָך, און אום שבת פלעגט ער ניט האָבן וואָס צו עסן. וואָס האָט ער איין מאָל געטאָן? ער האָט זיך אָנגעטאָן אין זיינע לעדערנע [אַרבעטס] קליידער און איז אַרויף אויפן שפּיץ דאַך און איז אַראָפּגעפאַלן און געשטאָרבן, לייענענדיק אויף זיך [דעם פסוק]: ושנאתי — און איך האָב פיינט געקראָגן דאָס לעבן.

צו ר' הושעיאן איז מען געקומען און געזאָגט: „דיינע דיינים טרינקען ווייִן אין מאַרק". אָבער ער האָט זיי ניט געזען [טרינקענדיק].[5] איין מאָל איז ער אַרויס און האָט געפונען זיינע דיינים טרינקענדיק וויין אין מאַרק; האָט ער געלייענט אויף זיך דעם פסוק: ושנאתי — און איך האָב פיינט געקראָגן דאָס לעבן. און ער איז געשטאָרבן בשלום.[6]

ר' הונא האָט געזאָגט: [אין פסוק שטייט (בראשית ב, ז):] ויהי האדם — און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, — ער האָט אים געמאַכט פאַרשקלאַפט, אַ קנעכט צו זיך אַליין, וואָרום אויב ער אַרבעט ניט, עסט ער ניט. דאָס איז לויט דער מיינונג פון ר' חנינאן[7], דען ר' חנינא

כא. [1] אַ ייד, אַנדערש וואו ניט דערמאָנט. [2] און פונדעסטוועגן ווערן זיי ניט געפט רודפט ווי די יידן. [3] ווי דער בריוו שרייבער. [4] ווייל איך לעב קעגן מיין ווילן. [5] און כל־זמן ער האָט אַליין ניט געזען, האָט ער ניט געוואָלט גלויבן. רד"ל און מתנות כהונה ווילן בייטן לא חמי, ניט געזען, אויף לא הימון, ניט געגלויבט. [6] כאָטש ער האָט געוואָלט האָט האַרצווייטאָג, האָט ער אָבער ניט געטאָן ווי יענער, זיך צו נעמען דאָס לעבן. [7] גע־

כא

(טז) ושנאתי את החיים.

אימיקנטרון היה כותב לאדריאנוס קיסר, א״ל: „אם למולים אתה שונא, אלו הישמעאלים; אם למשמרי שבת את שונא, אלו הכותיים. הרי אין את שונא אלא האומה הזאת בלבד; אלהיה יפרע מאותו האיש!״ גזר אדריאנוס, דכל די עבד כן, יפרסם גרמיה למלכא, דמלכא בעי יתן ליה מלה. אזל חד ופרסם ית גרמיה. אמר: „ארימין רישיה!״ א״ל: „למה אמרת כן?״ א״ל: „דאת פני לההוא גברא מן תלת נסיסין בישין.״ א״ל: „מה אי־נון?״ א״ל: „נפשיה דההוא גברא בעיא מיגס גביה בצפרא וברמשא, ולית ליה מה דיתן לה, וכן אינתתיה וכן בנוי״. אמר אדריאנוס: „הואיל והוא חיי חיין בישין, שבוקו ליה״. וקרא אנפשיה: ושנאתי את החיים.

מעשה בגרגרן אחד שהיה עמל כל ימות השנה ששת ימי המעשה, ובשבת לא היה לו מה יאכל. מה עשה פעם אחת? נת־עטף בכלי קורייס שלו ועלה לראש הגג ונפל ומת, וקרא אנפ־שיה: ושנאתי את החיים.

ר׳ הושעיא אתון אמרין ליה: „דייניך שתיין חמרא בשוקא״. ולא חמי להון. חד זמן נפק ואשכח דיינוי שתן חמרא בשוקא; וקרא אנפשיה: ושנאתי את החיים. ודמך ליה בשלמא.

ר׳ הונא אמר: ויהי האדם לנפש חיה, — עשאו מכודן, עבד בפני עצמו, דאין לא לעי לא אכיל. על דעתיה דר׳ (הונא) [חנינא], דאמר ר׳ (הונא) [חנינא]: נתנני ה׳ בידי לא אוכל קום, דאין לא לעי בימַמא, לא קאים בליליא.

כב

(יח) ושנאתי אני את כל עמלי שאני עמל תחת השמש, וגו׳.

---

האָט געזאָגט: [אין פסוק שטייט (איכה א, יד):] נתנני ה׳ — גאָט האָט מיך איבערגעגעבן אין הענט, אַז איך קען ניט אויפשטיין, דען אויב איך אַרבעט ניט בייטאָג, האָב איך קיין קיום ניט ביינאַכט.[8]

כב

(יח) ושנאתי — און איך האָב פיינט געקראָגן די גאַנצע מי וואָס איך טו

---

ביטן פון ר׳ הונא לויט בראשית רבה יד, י, און לויט איכה רבה א, מג. [8] לויט איכה רבה לייענט ר׳ חנינא דאָס וואָרט בידי מיט אַ קמץ אונטער דער יוד און אַ פּתח אונטער דער דלת, — אין מיינע הענט האָט מיך גאָט איבערגעגעבן.

זיך מיען אונטער דער זון — — —.

ר׳ מאיר איז געווען אַן אויסנעמלעך גוטער שרייבער, און ער פלעגט יעדע וואָך פאַרדינען דריי סלע. פלעגט ער פאַר איין סלע עסן און טרינקען, פאַר איינעם זיך קליידן און מיטן דריטן פלעגט ער העלפן אויסהאַלטן די רבנן. האָבן געזאָגט צו אים זיינע תלמידים: „רבי, דיינע קינדער — וואָס טוסטו פאַר זיי?״ האָט ער געזאָגט צו זיי: ווען זיי זיינען צדיקים, [וועט זיין מיט זיי] ווי דאָס וואָס דוד האָט געזאָגט (תהלים לז, כה): ולא ראיתי — און איך האָב ניט געזען קיין צדיק פאַרלאָזן, און זיין קינד זאָל בעטלען ברויט; און אויב ניט, פאַרוואָס זאָל איך איבערלאָזן מיין [פאַרמעגן] דעם אייבערשטנס שונאים?״ איבער דעם האָט שלמה געזאָגט (יט): ומי יודע — און ווער ווייס, צי וועט ער זיין אַ חכם, אָדער אַ נאַר [דער וואָס וועט גע-וועלטיקן איבער מיין גאַנצער מי — — —.]

כג

(כ) וסבותי — און איך האָב זיך אָוועקגעקערט צו לאָזן מיין האַרץ זיך מיאש זיין פון מיען זיך. אָבער ווידער האָב איך געזאָגט: אַזוי ווי אַנדערע האָבן זיך געמיט פאַר מיר, אַזוי דאַרף איך זיך מיען פאַר אַנדערע.

אדריאַנוס, זאָלן אים די ביינער צעריבן ווערן, איז געגאַנגען אויף די וועגן פון טבריא און האָט געזען, ווי איינער אַן אַלטער שטייט און שניידט אַן צווייגלעך צו פלאַנצןביימער. האָט ער געזאָגט צו אים: „אַלטער, אַלטער! ווי אַלט ביסטו היינט־צו־טאָג?״ האָט ער אים געזאָגט: „הונדערט יאָר אַלט״. האָט ער געזאָגט צו אים: „און דו, הונדערט יעריקער, שטייסט און שניידסט צווייגלעך צו פלאַנצן ביימער? מיינסטו, אַז דו וועסט נאָך עסן פון זיי?״ האָט ער אים געזאָגט: „אויב איך וועל זוכה זיין, וועל איך עסן; און אויב ניט — אַזוי ווי מיינע אבות האָבן זיך געמיט פאַר מיר, אַזוי טו איך זיך מיען פאַר מיינע קינדער״. האָט ער געזאָגט צו אים: ביי דיין לעבן! אויב דו וועסט זוכה זיין און עסן פון זיי, זאָלסטו מיר לאָזן וויסן״.

אין אַ צייט אַרום האָבן זיי אַרויסגעגעבן פייגן. האָט ער געזאָגט: „איצט איז די צייט צו לאָזן וויסן דעם מלך״. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אָנ־געפילט אַ קערבל מיט פייגן און איז אַרויף און זיך געשטעלט ביים טויער פון פּאַלאַץ. האָט מען געזאָגט צו אים: „וואָס טוסטו דאָ?״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „גייט און זאָגט דעם מלך: דער אַלטער ייד וואָס דו ביסט אים פאַר־ביייגעגאַנגען וויל דיר פורש בשלום זיין״. זיינען זיי אַוועק און געזאָגט דעם מלך: איינער אַן אַלטער ייד וויל דיר פורש בשלום זיין.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „זאָל מען אים אַריינברענגען״. ווי ער איז אַריין, אַזוי האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס ווילסטו?״ האָט ער אים געזאָגט: „איך בין עס דער אַלטער, וואָס דו ביסט מיר פאַרבייגעגאַנגען, ווען איך האָב געשניטן צווייגלעך צו פלאַנצן ביימער. און דו האָסט מיר געזאָגט: ׳אויב דו וועסט זוכה זיין און עסן פון זיי, זאָלסטו מיר לאָזן וויסן׳. און אָט האָב איך זוכה געווען און איך

ר׳ מאיר הוה כתבן טב מובחר, והוה לעי תלת סלעין כל שבת והוה אכיל ושתי בחדא ומתכסי בחדא ומפרנס אוחרתא לרבנן. אמרין ליה תלמידוי: „רבי, בנך מה את עביד עליהון?״ אמר לון: „אין הוון צדיקים — כההוא דאמר דוד: ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם; ואם לאו, מה אני מניח את שלי לאויבי המקום?״ לכן אמר שלמה (יט): ומי יודע, החכם יהיה, או סכל, וגו׳.

כג

(כ) וסבותי אני ליאש את לבי מליגע. וחזרתי ואמרתי: כשם שיגעו אחרים לי, כך אני יגע לאחרים.

אדריאנוס שחיק עצמות הוה עבר באילין שבילי דטבריא וחמא חד סבא קאים חצד חצובין למנצב נציבין. א״ל: „סבא, סבא! בר כמה שנין את יומא דין?״ א״ל: „בר מאה שנין.״ א״ל: „ואת בר מאה שנין קאים חצד חצובין למנצב נציבין? סבור את, דאת אכיל מנהון?״ א״ל: „אין זכיתי, אכלית; ואין לאו, — כשם שיגעו לי אבהתי, כך אני יגע לבני״. א״ל: „בחייך! אין זכית ואכיל מנהון, תהא מודע לי״.

לסוף יומין עבדין תאיניא. אמר: „הא ענתה נודע למלכא״. מה עבד? מלא קרטילא תאינין וסלק קם על תרע פלטין. אמרין ליה: „מה עיסקך?״ א״ל: „איזלון ואמרון למלכא: סבא יהודאי דעברת עלוי בעי מישאל בשלומך.״ אזלין אמרין למלכא: „חד סב יהודאי בעי משאל בשלומך.״ אמר לון: „ועלין יתיה״. כיון דעל א״ל: „מה עיסקך?״ א״ל: „אנא סבא דעברת עלי, ואנא חצב חצובין למינצב נציבין. ואמרת לי: ׳אין זכית ואכיל מנהון, תהא מודע לי׳. הא זכיתי ואכלית מנהון, והלין תאינייא מן פי־ריהון.״ אמר אדריאנוס בההיא ענתה: „קלוונין אנא, [תיתנון סילון דדהבא ויתיב עליו; קלוונין אנא,] דתתפנו הדין קרטלא ותימלון יתיה ליה דינרין״. א״ל עבדוהי: „כל מוקרא תיקרינה

---

עס פון זיי, און די דאָזיקע פייגן זיינען פון זייער פרוכט״. דעמאָלט האָט אדריאַנוס געזאָגט: „איך באַפעל, [איר זאָלט שטעלן אַ גאָלדענעם שטול און אים זעצן אויף אים; איך באַפעל,] [1] איר זאָלט אויסליידיקן דאָס קערבל און אים עס אָנפילן מיט רענדלעך״. האָבן זיינע קנעכט געזאָגט צו אים: „אַזאַ מין כבוד זאָלסטו אָנטאָן דעם דאָזיקן אַלטן יידן?״ האָט ער געזאָגט

צו זיי: „זיין באַשעפער גיט אים אָפּ כבוד, זאָל איך אים קיין כבוד ניט געבן?"

דעם שכנס וויב איז געווען אַ פּרוי אַ צרה. האָט זי געזאָגט צו איר מאַן: „אַ, פינצטערער יונג, פינצטערער יונג! זע, דער דאָזיקער מלך האָט ליב פייגן, און ער בייט זיי מיט רענדלעך." וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אָנגעפילט זיין קויש מיט פייגן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן פּאַלאַץ. האָט מען אים געזאָגט: „וואָס ווילסטו דאָ?" האָט ער געזאָגט: „ווייל איך האָב געהערט, אַז דער מלך האָט ליב פייגן, און ער בייט זיי מיט רענדלעך". זיינען זיי אַריין און געזאָגט דעם מלך: „איינער אַן אַלטער שטייט ביים טויער פון פּאַלאַץ באַלאָדן מיט אַ פולן קויש פייגן. האָבן מיר געזאָגט צו אים: 'וואָס טוסטו דאָ?' האָט ער אונדז געזאָגט: 'איך האָב געהערט, אַז דער מלך האָט ליב פייגן, און ער בייט זיי מיט רענדלעך'". האָט ער געזאָגט: „איך באַפעל, איר זאָלט אים שטעלן ביים טויער פון פּאַלאַץ, און איטלעכער וואָס וועט אַריינגיין און אַרויסגיין זאָל אים וואַרפן [אַ פייג] אין פּנים אַריין." קעגן נאַכט האָט מען אים פריי געלאָזט, און ער איז אַוועק אַהיים. האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב: „אַט דעם גאַנצן כבוד וועל איך דיר צוריקצאָלן!" האָט זי געזאָגט: „גיי באַרים זיך פאַר דיין מאַמען, וואָס זיי זיינען געווען פייגן, און ניט קיין אתרוגים; וואָס זיי זיינען געווען רייפע, און ניט קיין גרינע".

## כד

(כא) כי יש אדם — וואָרום פאַראַן איז אַ מענטש, וואָס זיין מי איז מיט חכמה [און מיט וויסן און מיט גענִיטקייט] — — —. ר' יודן בר' סימון האָט געזאָגט: גרויס איז דער כוח פון די נביאים, וואָס פאַרגלייכן די באַשאַפונג צו איר באַשעפער;[1] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דניאל ח, טז): ואשמע — און איך האָב געהערט אַ קול פון אַ מענטש פונעם אולי.[2] און נאָך האָט ר' יודן בר' סימון געזאָגט: פאַראַן נאָך אַ פסוק, וואָס איז נאָך קלאָרער פון דעם (יחזקאל א, כו): ועל דמות הכסא — און אויף דער געשטאַלט פון דעם טראָן אַ געשטאַלט ווי דאָס אויסזען פון אַ מענטשן.

„מיט חכמה" (משלי ג, יט): ה' — גאָט האָט מיט חכמה געגרונטפעסטיקט די ערד; — „און מיט וויסן" (דאָרט פסוק כ): בדעתו — דורך זיין וויסן זיינען די תהומען געשפּאָלטן געוואָרן; — „און מיט גענִיטקייט" — ר' ברכיה [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר' יהודה בר ר' סימון: ניט מיט מי און ניט מיט מאַטער האָט הקדוש ברוך הוא באַשאַפן זיין וועלט, ווי עס שטייט געשריבן (תהלים לג, ו): בדבר ה' — מיטן וואָרט פון גאָט זיינען

כג. [1] צוגעגעבן לויט ויקרא רבה כה, ה, און לויט דעם איז פאַרשטענדלעך וואָס די קנעכט זאָגן ווייטער: „אַזאַ מין כבוד — — —."

כד. [1] אַ לשון נקיה, אַן אייפעמיזם, און די כוונה איז: וואָס פאַרגלייכן דעם באַשעפער צו דער באַשאַפונג, — אַזוי ווי דער מענטש ווערט גערופן אדם, אַזוי ווערט דער אייבערשטער גערופן אדם. אין במדבר רבה (יט, ד) איז דער נוסח: שמדמין דמות גבורה של מעלה לצורת אדם, — וואָס פאַרגלייכן דאָס געשטאַלט פון דער אייבערשטער גבורה צו דער פאָרם פון אַ מענטשן. [2] און אונטערן וואָרט מענטש ווערט דאָ פאַרשטאַנען דער

להדין סבא יהודאי?״ א״ל: „ברייה אוקריה, ואנא לא מוקר ליה?״

אינתתיה דמגירא הות ברת פחין. אמרה לבעלה: „בר קיבליי, בר קיבליי! חמי, דהדא מלכא רחימא תינין ומפרגא בדינרין.״ מה עבד? מלא מרעיליה תאינין וקם קדם פלטין. א״ל: „מה עיסקך?״ א״ל: „דשמעית, דמלכא רחמיה תינין ומפרגא בדינ-רין.״ עלון ואמרין למלכא: „חד סבא קאים על תרע פלטין טעין מלא מרעיליה תאינין. ואמרנו לו: ׳מה עיסקך?׳ ואמר לנא: ׳שמעית, דמלכא רחים תינין ומפרגא בדינרין׳״. אמר: „קלוונין אנא, דתקימון יתיה על תרע פלטין, וכל מאן דעליל ונפיק יהא טריה על אפיה״. באפתי רמשא פנון יתיה, ואזיל לביתיה. אמר לאינתתיה: „כל הדין יקרא אנא שלים ליך.״ אמרה: „איזילי גליגי לאימך, דהוון אינון תינין ולא הוון אתרוגים; דהוון בשלין ולא פגינן.״

כד

(כא) כי יש אדם שעמלו בחכמה, וגו׳. אמר ר׳ יודן בר׳ סימון: גדול כחן של נביאים, שמדמים את הצורה ליוצרה; הה״ד (דניאל ח): ואשמע קול אדם בין אולי. ואמר ר׳ יודן בר׳ סימון: אית קרייא חורן, דהוא מחוור יתיר מן דין (יחזקאל א): ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם.

„בחכמה״ (משלי ג): ה׳ בחכמה יסד ארץ; — „ובדעת״: בדע-תו תהומות נבקעו; — „ובכשרון״ — ר׳ ברכיה בשם ר׳ יהודה בר ר׳ סימון: לא בעמל ולא ביגיעה ברא הקדוש ברוך הוא את עולמו, דכתיב (תהלים לג): בדבר ה׳ שמים נעשו; — „ולאדם שלא עמל בו יתננו חלקו״, זה דור אנוש ודור המבול; גם זה הבל

---

די הימלען געמאַכט געוואָרן; — ולאדם — און אַ מענטשן וואָס האָט זיך ניט געמיט אויף דעם וועט ער דאָס געבן פאַר זיין חלק, דאָס איז דער דור פון אנוש [3] און דער דור פון מבול; — גם זה — אויך דאָס איז נישטיקייט

---

איבערשטער, און לויטן ווייטערדיקן דרש ווערט אויך אונדזער פסוק געטייטשט אויפן זעלבן אופן. [3] דער פסוק אז הוחל לקרא בשם ה׳ (בראשית ד, כו) ווערט אַזוי געדרשנט: דעמאָלט (אין דור פון אנוש) האָט מען פאַרשוועכט אַנצורופן [די געצן] מיטן נאָמען פון גאָט (בראשית רבה כג, ז; זע אויך אונקלוס און רש״י). דאָ ווערט אדם געטייטשט לויטן פשט: דער מענטש פון דור אנוש און פון דור המבול האָט ניט געוואוסט פון קיין שווע-ריקייטן, און אַלץ איז אים אָנגעקומען אָן מאַטערניש, און דאָס איז געווען די סיבה פון זיין זינדיקייט (זע תוספתא סוטה ג, ו, און סנהדרין קח, א; זע אויך בראשית רבה לד, יא).

און אַ גרויס שלעכטס, ווי עס שטייט געשריבן (בראשית ו, ה): וירא ה׳ — און גאָט האָט געזען, אַז דאָס שלעכטס פון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד — — —.

## כה

(כג) כי כל ימיו — דען אַלע זיינע טעג זיינען ווייטאָקן, **דאָס איז דער דור פון מבול, וואָס פלעגן פאַרשאַפן הקדוש ברוך הוא**[1] **ווייטאָקן מיט זייערע שלעכטע מעשים**; וכעס — און ערגערניש איז זיין טואונג, **דען זיי פלעגן דערצערענען הקדוש ברוך הוא מיט די טואונגען פון זייערע הענט**; גם בלילה — אויך ביי נאַכט איז זיין האַרץ ניט איינגעלעגן, **דען זיין האַרץ איז ניט איינגעלעגן פון עבירות. און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אויך ביי טאָג? ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט): וכל יצר — און די גאַנצע טראַכטונג פון די מחשבות פון זיין האַרצן איז נאָר צום בייזן דעם גאַנצן טאָג. **האָט אויך הקדוש ברוך הוא געבראַכט אויף זיי די שטראָף ביי טאָג און ביי נאַכט, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ז, יב): ויהי הגשם — און דער רעגן איז געווען אויף דער ערד [פערציק טעג און פערציק נעכט].

**אַן אַנדער פשט**: אויך ביי נאַכט איז זיין האַרץ ניט איינגעלעגן, **דאָס מיינט מען הקדוש ברוך הוא, וואָס האָט געטראַכט אין זיין האַרצן צו ברענגען אויף זיי די שטראָף ביי טאָג און ביי נאַכט, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט פסוק כג): וימח — און ער האָט אָפּגעמעקט דעם גאַנצן באַשטאַנד.

**אַן אַנדער פשט**: דען אַלע זיינע טעג זיינען ווייטאָקן, **דאָס זיינען די סדום־לייט, וואָס פלעגן פאַרשאַפן הקדוש ברוך הוא ווייטאָקן מיט זייערע שלעכטע מעשים**; און ערגערניש איז זיין טואונג, **דען זיי פלעגן דערצערענען הקדוש ברוך הוא מיט די טואונגען פון זייערע הענט**; אויך ביי נאַכט איז זיין האַרץ ניט איינגעלעגן, **צו ברענגען אויף זיי די שטראָף ביי טאָג און ביי נאַכט, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט יט, כד): וה׳ — און גאָט האָט אַראָפּגערעגנט אויף סדום און עמורה שוועבל און פייער.[2]

**אַן אַנדער פשט**: דען אַלע זיינע טעג זיינען ווייטאָקן, **דאָס זיינען די מצרים, וואָס פלעגן פאַרשאַפן הקדוש ברוך הוא ווייטאָקן מיט זייערע שלעכטע מעשים**; און ערגערניש איז זיין טואונג. **דען זיי פלעגן דערצערענען הקדוש ברוך הוא מיט די טואונגען פון זייערע הענט**; אויך ביי נאַכט איז זיין האַרץ ניט איינגעלעגן, — **נאָך דעם ווי אַ ייד פלעגט פאַרענדיקן זיין אַרבעט, פלעגט אים דער מצרי זאָגן: „גראָב מיר אַרום אַ צוויי אומגראָבונגען און צעשפּאַלט מיר אַ צוויי שייטן האָלץ". אַן אַנדער פשט**: אויך ביי נאַכט איז זיין האַרץ ניט איינגעלעגן, **דאָס מיינט מען הקדוש ברוך הוא, וואָס האָט געטראַכט אין זיין האַרצן צו ברענגען אויף זיי אַ שטראָף ביי טאָג און אַ שטראָף ביי נאַכט, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות יב, כט): ויהי — און עס איז געווען האַלבע נאַכט, און גאָט האָט געשלאָגן איטלעכן בכור אין לאַנד מצרים.[3]

---

כה. [1] **לויטן דרש אויף פסוק כא, אַז אונטער** אדם **ווערט דאָ פאַרשטאַנען דער אייבערשטער.** [2] **„די שטראָף אויף סדום איז פאָרגעקומען ביי טאָג, ווי אין פסוק שטייט:**

ורעה רבה, **דכתיב** (בראשית ו): וירא ה׳, כי רבה רעת האדם בארץ, **וגו׳**.

כה

(כג) כי כל ימיו מכאובים, **זה דור המבול, שהם מכאיבין להקב״ה במעשיהם הרעים**; וכעס ענינו, **שמכעיסין להקב״ה במעשי ידיהם**; גם בלילה לא שכב לבו, **שלא שכב לבו מן העבי-רות. ומניין אף היום? שנאמר** (שם): וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום. **ואף הקב״ה הביא עליהם פורענות ביום ובלילה, שנאמר** (שם ז): ויהי הגשם על הארץ [ארבעים יום וארבעים לילה].

**ד״א:** גם בלילה לא שכב לבו, **זה הקב״ה, שחשב בלבו להביא עליהם פורענות ביום ובלילה, שנאמר** (שם): וימח את כל היקום.

**ד״א:** כי כל ימיו מכאובים, **אלו הסדומיים, שהיו מכאיבין להקב״ה במעשיהם הרעים**; וכעס ענינו, **שהכעיסו להקב״ה במע-שי ידיהם**; גם בלילה לא שכב לבו **להביא עליהם פורענות ביום ובלילה, שנאמר** (שם יט): וה׳ המטיר על סדום ועל עמורה [גפ-רית ואש].

**ד״א:** כי כל ימיו מכאובים, **אלו המצריים, שהיו מכאיבים להקב״ה במעשיהם הרעים**; וכעס ענינו, **שהכעיסו להקב״ה במעשי ידיהם**; גם בלילה לא שכב לבו, — **מאחר שהיה אחד מישראל משלים מלאכתו, היה אומר לו המצרי: „עדור לי שתי עדירות ובקע לי שתי בקיעות״. ד״א:** גם בלילה לא שכב לבו, **זה הקב״ה, שחשב בלבו להביא עליהם פורענות ביום ופורענות בלילה, שנאמר** (שמות יב): ויהי בחצי הלילה [וה׳ הכה כל בכור בארץ מצרים].

כו

(כד) אין טוב באדם שיאכל ושתה. **ר׳ תנחומא אמר ר׳ נחמן בריה דר׳ שמואל בר נחמן, ור׳ מנחמא — ואמרין לה: ר׳ ירמיה ור׳ מיישא — בשם ר׳ שמואל בר רב יצחק: כל אכילה ושתיה**

---

כו

(כד) אין טוב — ניטאָ קיין בעסערס פאַרן מענטשן, ווי ער זאָל עסן און טרינקען. ר׳ תנחומא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ נחמן דעם זון פון ר׳ שמואל בר נחמן, און ר׳ מנחמא — און אַנדערע זאָגן: ר׳ ירמיה און ר׳ מיישא — אין נאָמען פון ר׳ שמואל דעם זון פון ר׳ יצחקן: איטלעכס מאָל

**וואָס אין דער דאָזיקער מגילה ווערט דערמאָנט עסן און טרינקען, רעדט דער פסוק וועגן תורה און מעשים טובים. ר׳ יונה האָט געזאָגט: דער הויפּט יסוד פאַר די אַלע איז** [**דער פסוק**] **וואָס זאָגט** (קהלת ח, טו): — — — [אשר אין טוב — דען ס׳איז ניטאָ פאַרן מענטשן קיין בעסערס אונטער דער זון, נייערט צו עסן און טרינקען און זיין פריילעך][1], און דאָס זאָל אים באַגלייטן, בעמלו, אין זיין מי, — [לייען] בעולמו, **אויף זיין וועלט, אויף דער וועלט**; ימי — די טעג פון זיין לעבן, [**וואָס מיינט**] **אין קבר אַריין; — אָבער איז דען פאַראַן אַן עסן און אַ טרינקען אין קבר, וואָס זיי זאָלן באַגלייטן דעם מענטשן אין זיין קבר? נייערט דאָס מיינט מען תורה און מעשים טובים.**

כז

(כה) כי מי יאכל — וואָרום ווער זאָל עסן און ווער זאָל הנאה האָבן אַ חוץ מיר? **שלמה האָט געזאָגט: „ווער האָט געגעסן ווי איך האָב געגעסן, און ווער האָט געטרונקען ווי איך האָב געטרונקען, און ווער האָט געטאָן ווי איך האָב געטאָן? ר׳ ירמיה אין נאָמען פון ר׳ שמואל דעם זון פון ר׳ יצחקן: אַ גרויסן אַדלער האָט שלמה געהאַט, און ער פלעגט רייטן אויף אים קיין תדמור**[1] **וואָס אין מדבר און צוריקקומען אין איין טאָג; דאָס איז וואָס עס שטייט געשריבן** (דברי הימים ב, ח, ד): ויבן — און ער האָט געבויט תדמור וואָס אין מדבר.

כח

(כו) כי לאדם — דען דעם מענטשן וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר אים — — —. דען דעם מענטשן וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר אים, **דאָס איז אברהם אבינו**, האָט ער געגעבן חכמה און וויסן און פרייד; ולחוטא — און דעם זינדיקן האָט ער געגעבן אַן ענין אָנצוזאַמלען און אָנצוקלייבן, **דאָס איז נימרוד. און אויף וועמען ווערט געזאָגט**: לתת — צו געבן דעם וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר גאָט? **דאָס איז אברהם, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית כד, א): ואברהם זקן — און אברהם איז געוואָרן אַלט [און באַטאָגט, און גאָט האָט געבענטשט אברהמען מיט אַלצדינג].

**אַן אַנדער פּשט**: דען דעם מענטשן וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר אים, **דאָס איז יצחק**, האָט ער געגעבן חכמה און וויסן און פרייד; און דעם זינדיקן האָט ער געגעבן אַן ענין אָנצוזאַמלען און אָנצוקלייבן, **דאָס איז אבימלך. און אויף וועמען ווערט געזאָגט**: צו געבן דעם וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר גאָט? **דאָס איז יצחק, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כו, יב): ויזרע יצחק — און יצחק האָט געזייט אין יענעם לאַנד — — — און גאָט האָט אים געבענטשט.

---

השמש — די זון איז אויפגעגאַנגען — — —און גאָט האָט אַראָפּגערעגנט — — —; ווערט אפשר דאָס וואָס די סדומער זיינען געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט (דאָרט פסוק יא) גערעכנט ווי שטראָף ביי נאַכט" (רד"ל). [3] און די פריערדיקע מכות פלעגן זיין ביי טאָג, ווייל יעדע האָט געדויערט זיבן טעג.

כו. [1] כדי קלאָרער צו מאַכן דעם ענין האָבן מיר צוגעגעבן דעם ערשטן טייל פונעם פסוק.

**שנאמר במגילה הזאת, בתורה ובמעשים טובים הכתוב מדבר.**
**א״ר יונה: בנין אב שבכולם שנאמר:** [אשר אין טוב לאדם תחת השמש, כי אם לאכל ולשתות ולשמוח] והוא ילונו בעמלו — בעולמו, **בעולם הזה;** ימי חייו — **לקבר. — וכי יש מאכל ומשתה בקבר שמלווין את האדם לקברו? אלא אלו תורה ומעשים טובים.**

כז

(כה) כי מי יאכל ומי יחוש, חוץ ממני? **אמר שלמה: „מאן אכיל כמה דאכלית, ומאן שתה כמה דשתיתי, ומאן עבד כמה דעבדית?״ ר׳ ירמיה בשם ר׳ שמואל בר רב יצחק: נשר גדול היה לו לשלמה, והיה רוכב עליו והולך לתדמור במדבר ובא ביום אחד; הדא דכתיב** (דברי הימים ב, ח): ויבן את תדמור במדבר.

כח

(כו) כי לאדם שטוב לפניו, **וכו׳.** כי לאדם שטוב לפניו, **זה אברהם אבינו,** נתן חכמה ודעת ושמחה; ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס, **זה נמרוד. ולמי נאמר:** לתת לטוב לפני האלהים? **זה אברהם, שנאמר** (בראשית כד): ואברהם זקן, [בא בימים, וה׳ ברך את אברהם בכל].

**ד״א:** כי לאדם שטוב לפניו, **זה יצחק,** נתן חכמה ודעת ושמחה; ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס, **זה אבימלך. ולמי נאמר:** לתת לטוב לפני האלהים? **זה יצחק, שנאמר** (שם כו): ויזרע יצחק בארץ ההיא — — — [ויברכהו ה׳].

**ד״א:** כי לאדם שטוב לפניו, **זה יעקב,** נתן חכמה ודעת ושמחה; ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס, **זה לבן. ולמי נאמר:** לתת לטוב לפני האלהים? **זה יעקב, שנאמר** (שם לא): כי ראיתי את כל אשר לבן עושה לך.

---

**אַן אַנדער פּשט:** דען דעם מענטשן וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר איס, **דאָס איז יעקב,** האָט ער געגעבן חכמה און ויסן און פרייד; און דעם זינדיקן האָט ער געגעבן אַן ענין אָנצוזאַמלען און אָנצוקלייבן, **דאָס איז לבן. און אויף וועמען ווערט געזאָגט:** צו געבן דעם וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר גאָט? **דאָס איז יעקב, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט לא, יב): כי ראיתי — דען איך האָב געזען אַלץ וואָס לבן טוט צו דיר.[1]

---

כז. [1] פּאַלמיראַ, אַן אָאַזיס שטאָט צפון־מזרח פון ארץ ישראל.

**אַן אַנדער פשט:** דעם דעם מענטשן וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר אים, **דאָס איז ישראל וואָס איז געווען אין מצרים,** האָט ער געגעבן חכמה און וויסן און פרייד; און דעם זינדיקן האָט ער געגעבן אַן ענין אָנצוזאַמלען און אָנצוקלייבן, **דאָס זיינען די כנענים. ר׳ לוי האָט געזאָגט: אפילו אַ טראָפּן פּעטס האָט קיינער פון זיי ניט אַריינגעטאָן אין זיין גריץ; און אפילו ווען איינעם האָט זיך אַן איי צעבראָכן, האָט ער זי ניט פאַרזוכט, נייערט ער האָט זי פאַרקויפט און געמאַכט געלט פון איר, — כדי אַז ווען ישראל וועט אַריינקומען אין לאַנד זאָלן זיי עס געפינען פול מיט ברכה.**[2] **און אויף וועמען** **ווערט געזאָגט:** צו געבן דעם וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר גאָט? **דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט** (במדבר כו, נג): לאלה — צו די דאָזיקע זאָל איינגעטיילט ווערן דאָס לאַנד.

**אַן אַנדער פשט:** דעם דעם מענטשן וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר אים, **דאָס איז חזקיה,** האָט ער געגעבן חכמה און וויסן און פרייד; און דעם זינדיקן האָט ער געגעבן אַן ענין אָנצוזאַמלען און אָנצוקלייבן, **דאָס איז סנחריב. און אויף וועמען ווערט געזאָגט:** צו געבן דעם וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר גאָט? **דאָס איז חזקיה, ווי דער פסוק זאָגט** (דברי הימים ב, לב, כג): וינשא — און ער איז דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון אַלע פעלקער.

**אַן אַנדער פשט:** דעם דעם מענטשן וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר אים, **דאָס איז מרדכי,** האָט ער געגעבן חכמה און וויסן און פרייד; און דעם זינדיקן האָט ער געגעבן אַן ענין אָנצוזאַמלען און אָנצוקלייבן, **דאָס איז המן. און אויף וועמען ווערט געזאָגט:** צו געבן דעם וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר אים? **דאָס איז מרדכי, ווי דער פסוק זאָגט** (אסתר ח, א): ביום ההוא — אין יענעם טאָג האָט דער מלך אחשורוש אַוועקגעגעבן צו אסתר המלכה דאָס הויז פון המנען — — —.

**ד״א:** כי לאדם שטוב לפניו, **אלו ישראל שהיו במצרים**, נתן חכמה ודעת ושמחה; ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס, **אלו הכנענים. א״ר לוי: אפילו טפת שמן לא היה נותן אחד מהם בגריסין שלו; ואפילו נשברה ביצתו, לא היה טועמה, אלא היה מוכרה ועושה אותה דמים — כדי שיכנסו ישראל לארץ וימצאו אותה מלאה ברכות. ולמי נאמר:** לתת לטוב לפני האלהים? **אלו ישראל, שנאמר** (במדבר כו): לאלה תחלק הארץ.

**ד״א:** כי לאדם שטוב לפניו, **זה חזקיה**, נתן חכמה ודעת ושמחה; ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס, **זה סנחריב. ולמי נאמר:** לתת לטוב לפני האלהים? **זה חזקיה, שנאמר** (דברי הימים ב, לב): וינשא לעיני כל הגוים.

**ד״א;** כי לאדם שטוב לפניו, **זה מרדכי**, נתן חכמה ודעת ושמחה; ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס, **זה המן. ולמי נאמר:** לתת לטוב לפני האלהים? **זה מרדכי, שנאמר** (אסתר ח): ביום ההוא נתן המלך אחשורוש לאסתר המלכה את בית המן, **וגו׳.**

---

כח. [1] און פאַר דעם ווייזט אים דער מלאך אין חלום דאָס גאַנצע האָב און גוטס וואָס דער אייבערשטער האָט אים איינגעטיילט. [2] דער אייבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין די כנענים אַזאַ קאַרגשאַפט, כדי ישראל זאָל דאָרט געפינען פון כל טוב.

# פרשה ג

## א

(א) לכל זמן — אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט, און אַ באַשטימטע שעה פאַר יעדער זאַך אונטערן הימל. **ס'איז געווען אַ צייט פאַר אדמען אַריינצוגיין אין גן עדן, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית ב, טו): ויניחהו — און ער האָט אים אַריינגעזעצט אין גן עדן; **און אַ צייט איז געווען פאַר אים אַרויסצוגיין פון דאָרטן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ג, כג): ויגרש — און ער האָט אַרויסגעטריבן אדמען — — —. **אַ צייט איז געווען פאַר נוחן אַריינצוגיין אין דער תבה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ז, א): בא — קום אַריין אין דער תבה — — —; **און אַ צייט איז געווען פאַר אים אַרויסצוגיין, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ח, טז): צא — גיי אַרויס פון דער תבה — — —. **אַ צייט איז געווען פאַר אברהמען, ער זאָל באַקומען די מצווה פון מילה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט יז, ט): ואתה — און דו, מיין בונד זאָלסטו היטן; **און אַ צייט איז געווען פאַר זיינע קינדער געמלט צו ווערן, און דאָס — אין צוויי ערטער, איין מאָל אין מצרים און איין מאָל אין מדבר, ווי דער פסוק זאָגט** (יהושע ה, ה): כי מולים — וואָרום געמלט איז געווען דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז אַרויסגעגאַנגען; [אָבער דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין מדבר אונטערוועגס, נאָך זייער אַרויסגיין פון מצרים, האָט מען ניט געמלט] [1].

און אַ באַשטימטע שעה פאַר יעדער זאַך אונטערן הימל, — אַ [באַשטימטע] **צייט איז געווען, אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן צו ישראל. ר' ביבי האָט געזאָגט: אַ צייט איז געווען פאַר יענער זאַך וואָס האָט זיך געפונען איבערן הימל, אַז זי זאָל זיך איצט געפונען אונטערן הימל; און וואָס איז עס? דאָס איז די תורה, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות כ, א): וידבר אלהים — און גאָט האָט גערעדט אָט די אַלע ווערטער, אזוי צו זאָגן.

## ב

(ב) עת — אַ צייט געבוירן צו ווערן און אַ צייט צו שטאַרבן. **ר' ברכיה האָט געזאָגט: איז דאָס די גאַנצע חכמה פון שלמה המלך, וואָס ער האָט געזאָגט:** אַ צייט געבוירן צו ווערן און אַ צייט צו שטאַרבן? **טאָ וואָס־זשע**

---

א. [1] **און דאָרט אין פסוק ב זאָגט גאָט צו יהושען:** — — — און מל ווידער די קינדער פון ישראל, אַ צווייט מאָל, **און די גמרא זאָגט, אַז דאָס ערשטע מאָל איז געווען אין מצרים** (כריתות ט, א).

# פרשה ג

א

(א) לכל זמן ועת לכל חפץ. זמן היה לו לאדם הראשון שיכנס לגן עדן, שנאמר (בראשית ב): וינחהו בגן עדן; וזמן היה לו שיצא משם, שנאמר (שם ג): ויגרש את האדם, וגו׳. זמן היה לו לנח שיכנס לתיבה, שנאמר (שם ז): בא אל התבה, וגו׳; וזמן היה לו לצאת, שנאמר (שם ח): צא מן התבה, וגו׳. זמן היה לו לאב־רהם שינתן לו המלה, שנאמר (שם יז): ואתה את בריתי תשמר; וזמן היה לבניו להמול, — מהן שימולו בשני מקומות, אחת במצרים ואחת במדבר, שנאמר (יהושע ה): כי מולים היו כל העם היוצאים, וגו׳.

ועת לכל חפץ תחת השמים,—זמן היה שתנתן התורה לישראל. א״ר ביבי: זמן היה לאותו דבר שהיה נתון למעלה מן השמים ועכשיו יהיה נתון למטה מן השמים: ואיזו? זו התורה, שנאמר (שמות כ): וידבר אלהים את כל הדברים האלה לאמר.

ב

(ב) עת ללדת ועת למות. א״ר ברכיה: הרי כל חכמתו של שלמה שאמר: עת ללדת ועת למות? מה הוא? אשריו לאדם, ששעת מיתתו כשעת לידתו: מה שעת לידתו נקי, אף שעת מיתתו נקי. עת ללדת ועת למות: בשעה שהאשה יושבת על המשבר אינון צווחין לה חייתא; ולמה אינון צווחין לה חייתא? שהיא מייתה וחייה. ולמה אינון צווחין לה מחבלתא? דהיא

---

מיינט עס? [נייערט] וואויל איז דעם מענטשן, וואָס די שעה פון זיין שטאַרבן איז אזוי ווי די שעה פון זיין געבוירן: אזוי ווי ער איז ריין [פון זינד] אין דער שעה פון זיין געבוירן, אזוי זאָל ער זיין ריין אין דער שעה פון זיין שטאַרבן. — אַ צייט געבוירן צו ווערן און אַ צייט צו שטאַרבן: בשעת די פרוי זיצט אויפן בראָכשטול רופט מען זי חייתא; און פאַרוואָס רופט מען זי חייתא? ווייל זי האַלט ביים שטאַרבן און לעבט ווידער אויף [1]. און פאַרוואָס

רופט מען זי מזובלתא? ווייל זי גיט זיך איבער [2] אין די הענט פון טויט. דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (שמות כב, כה): אם חבל — אויב דו וועסט נעמען אין משכון דאָס קלייד פון דיין חבר — — — [3]. ר׳ סימון האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ נתן פון בית גוברין [4]: [עס שטייט אין פסוק] (משלי ל, טז): שאול — דער קבר און די מאַכט פון דער מוטערלייב, — פאַרוואָס שטייט קבר לעבן מוטערלייב? דיר צו זאָגן: אַזוי ווי פון דעם מוטערלייב נעמט מען אַרויס [דאָס קינד] מיט קולי קולות, אַזוי אויך וועט מען פון קבר אַרויסנעמען [די טויטע בשעת תחית המתים] מיט קולי קולות.

## ג

אַן אַנדער פשט: אַ צייט געבוירן צו ווערן, — [ווען אַ פרוי זיצט אויפן בראָכשטול] ווערט אפילו דער מלאך המות איר אָנקלאָגער [1]. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: איבער דריי עברות שטאַרבן פרויען בשעתן געבוירן: [איבער דעם וואָס זיי זיינען ניט אָפּגעהיט אין [די דינים פון] נידה, חלה און ליכט בענטשן [2]]; און איבער דריי זאַכן שטאַרבן מאַנסלייט: דער וואָס וואוינט אין אַ צעבראָכן הויז, און דער וואָס גייט אַליין אין וועג, און דער וואָס לאָזט זיך אַרויס אויפן ים הגדול, — דער שטן ווערט דעמאָלט זיין אָנקלאָגער. דען ר׳ לוי האָט געזאָגט: אין דריי ערטער איז דער שטן גרייט מקטרג צו זיין: ווען איינער וואוינט אין אַ צעבראָכן הויז, און ווען איינער גייט אַליין אין וועג, און ווען איינער לאָזט זיך אַרויס אויפן ים הגדול.

ר׳ שמעון בר אבא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ חנינאַן: אויף אַלע וועגן לויערט די סכנה [3]. ר׳ ינאי, ווען נאָר ער פלעגט זיך אַרויסלאָזן אין וועג, פלעגט ער אָנזאָגן וועגן זיין הויז [4]. ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: אויף אַלע קראַנקע לויערט די סכנה [5].

ר׳ נתן כהן, דער ברודער פון ר׳ חייא בר אבא, האָט געהאַלטן ביים אַרויסלאָזן זיך אויפן ים. האָט ער געזאָגט צו זיין ברודער: „זיי מתפלל פאַר מיר". האָט ער אים געזאָגט: „וואָס קאָן איך מתפלל זיין פאַר דיר? ווען דו בינדסט אויס דיין לולב, בינד צו דיין שיף [6]; און אַז דו גייסט אַריין אין שול און דו הערסט דאָס קול פונעם ציבור וואָס איז מתפלל אויף רעגן [7], זאָלסטו זיך ניט פאַרלאָזן אויף מיין תפילה [8].

ר׳ יהושע דער זון פון ר׳ תנחום בר׳ חייא פון כפר אגון [9] איז געוועזן

---

ב. [1] חיה (זע שמות א, יט; לויט אונקלוס דאָרט מיינט חייתא אַ הייבאַם): [2] בוכשטעבלעך — פאַרמשכונט זיך, פון חבל, וואָס מיינט אי ווי טאָן, אי נעמען אַ משכון. [3] דער פסוק ווערט נאָר געבראַכט פעסטצושטעלן דעם טייטש פון חבל. [4] אין דער געגנט פון חברון.

ג. [1] ער נוצט אויס די צייט פון סכנה. [2] צוגעגעבן לויט דער משנה שבת ב, ו. [3] יעדעס אַרויסלאָזן זיך אויפן וועג איז פאַרבונדן מיט געפאַר. [4] וואָס צו טאָן, אין פאַל ער וועט ניט צוריקקומען. [5] דידאָזיקע מימרא פּאַסט זיך גיכער אויבן, וואו ס׳רעדט זיך וועגן די סכנות פון אַ קימפּעטאָרין. [6] ווייל גלייך נאָך סוכות, ווען ס׳קומען אָן די רעגנדיקע טעג, איז אַ געפאַר זיך אַרויסצולאָזן אויפן ים. [7] אום שמיני עצרת. [8] ווייל די תפילה פון אַ ציבור איז שטאַרקער

ממשכנא בידוי דמיתה. המד״א (שמות כב): אם חבל תחבל שלמת רעך, וגו׳. ר׳ סימון בשם ר׳ נתן דבית גוברין אמר (משלי ל): שאול ועצר רחם, — למה נסמך שאול אצל רחם? לומר לך: מה רחם מוציאין ממנו בקולי קולות, אף שאול מוציאין ממנו בקולי קולות.

ג

ד״א: עת ללדת, וגו׳, — ואפילו מלאך המות נעשה קטיגור שלה. א״ר שמואל בר נחמן: על שלש עבירות נשים מתות בשעת לידתן: [על שאינן זהירות בנידה, בחלה ובהדלקת הנר]; ובשלשה דברים אנשים מתים: השרוי בבית המרועע, והמהלך בדרך יחידי, והמפרש בים הגדול, — נעשה השטן קטיגורו. דאמר ר׳ לוי: בשלשה מקומות השטן מצוי לקטרג: השרוי בבית המרועע, והמהלך בדרך יחידי, והמפרש בים הגדול.

ר׳ שמעון בר אבא בשם ר׳ חנינא: כל הדרכים בחזקת סכנה. ר׳ ינאי [כד] הוה נפיק לאיסטרטה הוה מפקד גו ביתיה. ר׳ חלבו ור׳ שמעון בר אבא בשם ר׳ יהושע בן לוי אמר: כל החולים בחזקת סכנה.

ר׳ נתן כהן, אחוי דר׳ חייא בר אבא, הוה מפרש בימא. אמר לאחוי: „צלי עלי״. אמר ליה: „ומה נצלי עלך? הן דאת קטר לולבך, קטר אלפך; ואין עללת לבי כנישתא ושמעת קלא דצי-בורא מצליין למטרא, לא תסתמך על צלותי״.

ר׳ יהושע בריה דר׳ תנחום בר׳ חייא דכפר אגון הוה באסיא. בעא דיפרוש בין חגא לחנוכה. אמרה ליה ההיא מטרוניתא: „באילין יומיא פרשין?״ ולא שמע למילה. ואיתחמיה ליה אבוהו בחילמא; אמר: „ברי, בלא קבורה״: וגם קבורה לא היתה לו. ולא שמע לא למילוי דדין ולא למילוי דדין, וכן הות ליה.

---

אין אסיא [10]. האָט ער געוואָלט זיך אַרויסלאָזן [אויפן ים] צווישן סוכות און חנוכה. האָט געזאָגט צו אים איינע אַ מאַטראָנע: „אין די דאָזיקע טעג לאָזט מען זיך אַרויס [אויפן ים]״? אָבער ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו איר וואָרט. האָט זיך אים באַוויזן זיין פאָטער אין חלום און אים געזאָגט: „זון מיינער, אָן קבורה?״ [11] [ווי אין פסוק שטייט (קהלת ו, ג):] וגם — און אפילו קיין קבורה האָט ער ניט. אָבער ער האָט זיך ניט צוגעהערט ניט צו די ווערטער פון דער און ניט צו די ווערטער פון דעם, און אַזוי איז עס אים געשען.[12]

## ד

אַן אַנדער פּשט: אַ צײַט געבוירן צו ווערן [און אַ צײַט צו שטאַרבן], — פון דער צײַט פון געבוירן איז [באַשטימט] די צײַט פון שטאַרבן. פון דער שעה ווען דער מענטש ווערט געבוירן ווערט באַשטימט פאַר אים, וויפיל יאָר ער זאָל לעבן. איז ער זוכה, לעבט ער אויס זײַנע יאָרן; אויב ניט, מינערט מען אים פון זיי, ווי אין פּסוק שטייט (משלי י, כז): יראת ה׳ — די מורא פאַר גאָט פאַרמערט די טעג, אָבער די יאָרן פון די רשעים ווערן געקירצט,— אַזוי זײַנען די ווערטער פון ר׳ עקיבאַן.[1] און די רבנן זאָגן: איז ער זוכה, לייגט מען אים צו צו זײַנע יאָרן; אויב ניט, מינערט מען אים פון זײַנע יאָרן. „איז ער זוכה, לייגט מען אים צו", ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה לח, ה): הנני יוסף — אָט לייג איך צו צו דײַנע טעג פופצן יאָר. האָט ער געזאָגט צו זיי: פון זײַנע אייגענע האָט מען אים צוגעגעבן;[2] אַ ראיה איז פון דעם וואָס אין פּסוק שטייט (מלכים א, יג, ב): הנה — אָט וועט אַ זון געבוירן ווערן צום הויז פון דוד, יאשיהו וועט זײַן נאָמען זײַן, — [אָבער ווען חזקיהו האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן] איז דאָך נאָך מנשה אויף דער וועלט ניט געווען![3] האָבן זיי געזאָגט צו אים[4]: עס שטייט דען: „אָט וועט אַ זון געבוירן ווערן צום הויז פון דודן ביי חזקיהון"? עס שטייט דאָך ניט אַזוי, נייערט צום הויז פון דודן, — אַ זון ביי עמיצן אַנדערש פונעם קעניגלעכן הויז פון דודן.

און דאָ האָבן מיר אַ ראיה צו דעם וואָס די חכמים, די רבנן, האָבן געזאָגט. ס'איז געשען מיט איינעם פון די חשובע לייט פון צפורי, אַז ער האָט געדאַרפט פּראַווען אַ ברית מילה, און די לייט פון עין תאנה[5] זײַנען אַרויפגעקומען אים כבוד געבן. אויך ר׳ שמעון בן חלפתא איז אַרויפגעקומען מיט זיי. אַז זיי זײַנען אָנגעקומען צום טויער [פון דער שטאָט], האָבן זיי געהערט דאָס קול פון קינדער וואָס זײַנען געשטאַנען און זיך געשפּילט לעבן אַ הויז.

---

ווי די תפילה פון אַ יחיד. [9] לויט בראשית רבה ו, ה — כפר חנון. [10] רוימישע קליין־אַזיע (יאַסטראָוו). [11] ביסט גרייט אומצוקומען אין די שטורעמס אויפן ים, און אפילו ניט קומען צו קבר ישראל? [12] לויטן ירושלמי (שבת ב, ו) איז די מעשה געשען מיט איינעם אַ דאָקטער (אסיא, לויטן פני משה) מיטן נאָמען אחא, און ר׳ יוסי (אַנשטאָט ר׳ יהושע) דער זון פון ר׳ תנחומען דערציילט עס, און דער אויסלאָז „אַזוי איז עס אים געשען" איז דאָרט ניטאָ.

ד. [1] און פאַרמערט די טעג טייטשט ר׳ עקיבא ניט בוכשטעבלעך, ווייל דאָס איז דאָך קעגן זײַן אייגענעם געדאַנק, נייערט אין פאַרגלייך מיטן רשע, וואָס זײַנע טעג ווערן געמינערט. [2] צוערשט האָט חזקיהו געזאָלט שטאַרבן מיט פופצן יאָר פאַר זײַן באַשטימטער צײַט; אָבער אַז ער האָט תפילה געטאָן, האָט ער אויסגעלעבט זײַנע יאָרן, און ניט מער. [3] מנשה, חזקיהוס זון און יאשיהוס זיידע, איז אַלט געווען צוועלף יאָר ווען חזקיהו איז געשטאָרבן (מלכים ב, כ, כא—כב, א); איז ער, לויט דעם, געבוירן געוואָרן דריי יאָר נאָך חזקיהוס קראַנקייט. און אויב אַ פאַרצײַטיקער נביא האָט פאַראויסגעזאָגט יאשיהוס געבוירן ווערן, מיינט עס, אַז די פופצן יאָר וואָס זײַנען חזקיהון צוגעגעבן געוואָרן נאָך זײַן קראַנקייט זײַנען לכתחילה געווען אַרײַנגערעכנט אין זײַנע באַשטימטע יאָרן, אַנדערש וואָלט דאָך ניט געווען די מעגלעכקייט געבוירן צו ווערן ניט פאַר מנשהן און ניט פאַר יאשיהון. [4] עמענדירט לויט יבמות נ, א, און אַזוי דאַרף עס זײַן לויטן אינהאַלט. [5] אַן אָרט

ד

**ד״א: עת** ללדת, — **מעת ללדת היא עת למות. משעה שאדם נולד (הוא) נגזר עליו כמה שנים יחיה. אם זכה, הוא משלים את שנותיו; אם לאו, פוחתין לו מהן, דכתיב** (משלי י): יראת ה׳ תוסיף ימים, ושנת רשעים תקצרנה, — **כך ר׳ עקיבא. ורבנן אמרן: אם זכה, מוסיפין לו על שנותיו; אם לאו, פוחתין לו מש־נותיו. אם זכה, מוסיפין לו, שנאמר** (ישעיה לח): הנני יוסף על ימיך חמש עשרה שנה. **אמר להון: משלו מוסיפין; תדע, דהא כתיב** (מלכים א, יג): הנה בן נולד לבית דוד, יאשיהו שמו, **ועדיין לא בא מנשה לעולם. (אמר להון) [אמרו ליה]: מי כתיב: הנה בן נולד לבית דוד משל חזקיהו? לא נאמר כן, אלא** לבית דוד, **בן משאר מלכות בית דוד.**

**ודא מסייע למה דאמרין חכימיא רבנן. מעשה באחד מגדולי צפורי שבאתה לו מילה, ועלו אנשי עין תאנה לכבדו. ועלה עמהם ר׳ שמעון בן חלפתא. כד אתון לפילן אשכחון קל טלייא קיימין מדחכין קומי חדא דדרתא. חמן לר׳ שמעון בן חלפתא (עולין) [אלים] ויאה. אמרון: „לית את זיע מן הכא, עד דאת מרקיד לן ציבחר״. אמר לון: „לית דא מן דידי, דאנא גבר סב״. וזעף לון, ולא איזדעזעו ולא איתכנעון, תלה אפוי וחמא הדא דרתא הפיכא. אמר לון: „אניבון אבתרי מה דאנא אמר לכון. איזלון אמרי להדין מרא דהדא דרתא: אין דמיך יתעיר, דרישיה דחטייה חלי וסופיה מריר״. מן קל מיליהון איתעיר מרא דהדא**

אַז זיי האָבן דערזען ר׳ שמעון בן חלפתא, וואָס איז געווען געזונט [6] און שיין, האָבן זיי געזאָגט: דו רירסט זיך ניט פון דאַנען, ביז דו וועסט ניט טאַנצן פאַר אונדז אַ ביסל״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „דאָס איז ניט פאַר מיר, וואָרום איך בין אַן אַלטער מאַן״. ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף זיי, אָבער זיי האָבן זיך ניט דערשראָקן און ניט נאָכגעגעבן. האָט ער אויפגעהויבן זיין פּנים און געזען, אַז דאָס הויז האַלט ביים איבערקערן זיך.[7] האָט ער געזאָגט צו זיי: זאָגט נאָך נאָך מיר וואָס איך וועל אייך זאָגן. גייט און זאָגט דעם בעל הבית פון דעמדאָזיקן הויז: אויב ער שלאָפט, זאָל ער זיך אויפ־וועקן, דען דער אָנהייב פון זינד איז זיס, אָבער דער סוף איז ביטער״.[8] פון

ניט ווייט פון צפורי, אין גליל. [6] עמענדירט לויטן רד״ל. (וועגן ר׳ שמעון בן חלפתאס גע־זונטן אויסזען זע בבא מציעא פו, א). [7] זיין בייזער קוק איז געווען אַ מין קללה, אַז דאָס הויז זאָל איינפאַלן (מתנות כהונה לויט אַ גירסה אין אות אמת). [8] דער בעל הבית האָט

זייערע קולות האָט זיך דער בעל הבית פון הויז אויפגעכאַפּט און איז אַרויס־געקומען און געפאַלן אים צו די פיס; ער האָט געזאָגט: „רבי! איך בעט דיך, קוק זיך ניט אום אויף זייערע רייד, וואָרום זיי זיינען יונג און נאַריש". האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס קאָן איך דיר טאָן, — די גזירה איז אַ גזירה. אָבער איך וועל דיר צוואַרטן ביז דו וועסט אַרויסנעמען אַלץ וואָס דו האָסט אין הויז". ווי ער האָט אַרויסגענומען אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין הויז, האָט זיך דאָס הויז געגעבן אַ הייב אויף און איז איינגעפאַלן.

זיינען זיי אַוועק מקיים צו זיין די מצווה פון מילה. האָט דער פאָטער פונעם קינד זיי געגעבן טרינקען אַלטן וויין און ער האָט געזאָגט: „טרינקט פון דעם דאָזיקן גוטן וויין, דען איך פאַרלאָז מיך אויפן האַר פון הימל, אַז פון אים וועל איך אייך געבן צו טרינקען אויף זיין חתונה." און זיי האָבן זיך אָפּגערופן נאָך אים: „אַזוי ווי דו האָסט אים אַריינגעפירט צום ברית, אַזוי זאָלסטו אים אַריינפירן צו תורה און צו חופה!".

נאָך די דאָזיקע ווערטער זייערע איז ר' שמעון בן חלפתא אַרויס אין דער פינצטער, און ס'האָט אים באַגעגנט דער שליח צו מענטשן [9] און גע־זאָגט צו אים: „צי ווייל איר פאַרלאָזט זיך אויף אייערע גוטע מעשים, לאָזט איר זיך אַרויס אין אַ שעה וואָס איז ניט קיין שעה?" [10] האָט ער אים גע־זאָגט: „ווער ביסטו?" האָט ער געזאָגט צו אים: „איך בין דער שליח צו מענטשן". האָט ער אים געזאָגט: „און פאַרוואָס איז דיין אויסזען שלעכט?" האָט ער געזאָגט: „איבער די האַרבע רייד וואָס איך הער יעדן טאָג פון מענטשן". האָט ער אים געזאָגט: „און וואָס [פאַר אַ ווערטער] זיינען זיי?" האָט ער געזאָגט צו אים: „דאָס דאָזיקע קינד וואָס איר האָט מל געווען היינ־טיקן טאָג, זיין קוויטל איז ביי מיר, אַז איך זאָל אים אַוועקנעמען פון היינט אין דרייסיק טעג אַרום. האָט זיין פאָטער אייך געגעבן צו טרינקען און ער האָט געזאָגט: 'טרינקט גוטן וויין, דען איך פאַרלאָז מיך אויפן האַר פון הימל, אַז פון דעם וועל איך אייך געבן טרינקען אויף זיין חתונה'. האָב איך עס געהערט און בין געוואָרן אומעטיק, דען אייער תפילה [11] איז מבטל [דאָס קוויטל]".[12] האָט ער אים געזאָגט: „ביי דיין לעבן! ווייז מיר מיין קוויטל".[13] האָט ער געזאָגט: „איך האָב ניט קיין שליטה ניט אויף דיר און ניט אויף דיינע חברים". האָט ער אים געזאָגט: „פאַרוואָס?" האָט ער געזאָגט: „ווייל טאָג איין — טאָג אויס מיט איר זיך אין תורה און מצוות און איר טוט צדקה, און הקדוש ברוך הוא לייגט צו טעג צו אייערע טעג". האָט ער אים געזאָגט:

---

געזינדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט ניט געלערנט זיינע קינדער קיין גוטע מידות און איצט קומט זיין שטראָף. [9] דער מלאך המות, וואָס ווערט געשיקט צו נעמען די נשמה פון מענטשן. [10] ביינאַכט, ווען די סכנה פון בייזע גייסטער לויערט אויף די וועגן. [11] אין טעקסט — צלותהון, זייער תפילה (מעגלעך, אַז עס איז פאַרגרייזט פון צלותכון, אייער תפילה). [12] לויטן ילקוט משלי, תתקמז) איז אויבן דער נוסח: „און פאַרוואָס לאַכסטו?" און דער ענטפער איז, אַז ער האָט דעם קינדס בייז קוויטל אין האַנט, און זייער וואונטש וועט ניט מקוים ווערן. ענלעך צו דעם איז אויך דער נוסח אין דברים רבה, ט. [13] ער באַ־

דרתא ונפק ליה ורבע ליה על ריגליה; אמר: „רבי! אנא בעי מינך, לא תסתכל למיליהון, דאינון טליין ושטיין״. א״ל: „מה נעביד לך, וגזירתא גזירא. ברם תלי אנא לך עד זמן דתפיק כל מה דאית לך בדרתא״. כיון דאפיק כל מה דאית ליה בדרתא, סליקת ההיא דרתא ונחתת לה.

אזלין למקיימה מצותה דגזירתא. והוה אבוי דמיינוקא משקי לון חמר עתיק ואמר: „שתו מן הדין חמרא טבא, דאנא רחיץ במאריה דשמיא, דמיניה אנא משקי לכון במשתותיה״. וענו בתריה: „כשם שהכנסתו לברית, כך תכניסהו לתורה ולחופה!״ מן קל מיליהון נפק ר׳ שמעון בן חלפתא בחשיכתא ופגע ביה שליחהון דברייתא. א״ל: „מן בגין דאתון רחצין על עובדיכון טביא אתון נפקין על שעה דלא שעה?״ אמר לו: „את מאן את?״ אמר לו: „אנא שליחהון דברייתא.״ א״ל: „ולמה אפיך בישין?״ אמר: „מן קל מיליא קשיאתא דאנא שמע מן ברייתא בכל יום״. א״ל: „ומה אינון?״ א״ל: „הדין מיינוקא דגזרתון יומא דין, פתקיה גבי דאינסב יתיה מן הכא לתלתין יומין. והוה אבוי משקי לכון ואמר: ׳אישתון חמר טב, דאנא רחיץ במארי דשמיא, דמיניה אנא משקי לכון במשתותיה׳. ושמעית ועצבית, דצלותהון מבטלה יתיה״. א״ל: „חייך, דאת מחמי לי פיתקי״. אמר: „לית אנא שליט על דידך ולא על דלחברך״. א״ל: „למה?״ אמר: „דבכל יום ויום אתון עמלין בתורה ובמצוות ועושין צדקות, והקב״ה מוסיף ימים על ימיכם״. אמר ליה: „יהא רעוא מקמיה קודשא בריך הוא — היך מה דלית את שליט על פיתקינן, כך לא יהא לך רשו לעבור על מילנן״. ובעין רחמי מן שמיא, וחיי מיינוקא.

אמר ר׳ (עקיבא)...: מה לנו המעשה? אין לי המעשה, אלא

---

„זאָל זיין דער ווילן פון פאַר הקדוש ברוך הוא, אַז אַזוי ווי דו האָסט ניט קיין שליטה איבער אונדזערע קוויטלעך, אַזוי זאָלסטו ניט האָבן קיין רשות איבערצוטרעטן אונדזערע ווערטער״. און זיי האָבן געבעטן רחמים פון הימל, און דאָס קינד איז געבליבן לעבן.[14]

האָט געזאָגט ר׳...[15]: וואָס טויג אונדז די מעשה? איך האָב ניט קיין

---

שווערט אים, ער זאָל אים אויסזאָגן ווען ער וועט שטאַרבן. [14] איז עס אַ ראיה, אַז די באַשטימטע צאָל יאָרן פון אַ מענטשן קאָן פאַרגרעסערט ווערן. [15] אין טעקסט שטייט ר׳

מעשה, נייערט אַ בפירושן פּסוק (שמות כג, כו): את מספר — די צאָל פון דיינע טעג וועל איך אויספּילן[16]; וואָרום אַט האָט דאָך משה אזוי פיל מצוות און צדקות געטאָן, און לסוף איז אים געזאָגט געוואָרן (דברים לא, יד): הן — אַט גענענען דיינע טעג צו שטאַרבן. דאָס מיינט: אַ צייט געבוירן צו ווערן און אַ צייט צו שטאַרבן.

אַן אַנדער פּשט: אַ צייט געבוירן צו ווערן און אַ צייט צו שטאַרבן, — פון ווען דער מענטש ווערט געבוירן וואָרט הקדוש ברוך הוא אויף אים, אַז ער זאָל חתונה האָבן, — ביז צוואַנציק יאָר. האָט ער געגרייכט צו די צוואַנציק און האָט קיין ווייב ניט גענומען, זאָגט הקדוש ברוך הוא צו אים: „עס איז אַ צייט צו געבוירן פאַר דיר, און דו האָסט ניט געוואָלט; איז עס ניט אַנדערש, נייערט אַ צייט צו שטאַרבן". אַנדערע זאָגן: דער וואָס אים ברענט זיין איבערפלוס [פון תאווה], [זאָל זיך צוטיילן] אַ ביסל.[17]

עת לטעת — אַ צייט צו פלאַנצן: בשעת שלום, און אַ צייט אויסצורייסן דאָס געפלאַנצטע: בשעת מלחמה.

ה

(ג) עת להרג — אַ צייט צו הרגענען: בשעת מלחמה; און אַ צייט צו היילן: בשעת שלום. אַ צייט איינצוברעכן: בשעת מלחמה; און אַ צייט אויפצובויען: בשעת שלום.

ו

(ב) עת לבכות — אַ צייט צו וויינען: בשעת אבלות; און אַ צייט צו לאַכן: נאָך אבלות. אַ צייט צו קלאָגן: בשעת אבלות; און אַ צייט צו טאַנצן: נאָך אבלות.

ז

(ה) עת — אַ צייט צו וואַרפן שטיינער: בשעת דיין ווייב איז ריין;[1] און אַ צייט אַריינצוקלייבן שטיינער: בשעת דיין ווייב איז אומריין. אַ צייט צו האַלדזן: אַז דו זעסט אַ געזעמל צדיקים שטייען, שטיי אויף און האַלדז און קוש און גלעט זיי; און אַ צייט זיך צו דערווייטערן פון האַלדזן: אַז דו זעסט אַ געזעמל פון רשעים, דערווייטער זיך פון זיי און פון זייער גלייכן.

---

עקיבא, ס'איז אָבער זיכער אַ טעות, ווייל ר' שמעון בן חלפתא איז געווען רביס אַ תלמיד, ר' חייאס אַ חבר (ירושלמי ברכות א, א), און רבי איז געבוירן געוואָרן ווען ר' עקיבא איז אומגעקומען (אויבן א, י). אויב מיר זאָלן וועלן דווקא אויפהאַלטן די גירסא פונעם טעקסט, דאַרף מען עס עמענדירן אויף אמר לך ר' עקיבא, וואָס מיינט געוויינלעך: ר' עקיבא קאָן דיר אַזוי זאָגן, — עמיצער, הייסט עס, אַ שפּעטערדיקער, ענטפערט פאַר אים.

[16] אָבער קיין יאָרן איבער דער באַשטימטער צאָל וועלן ניט צוגעגעבן. [17] חתונה צו האָבן, כדי ער זאָל ניט קומען צו קיין זינד. — דער טעקסט איז דאָ ניט קלאָר. מיר האָבן איבערגעזעצט ידביה, זיין איבערפלוס, לויט דבא (דברים לג, כה; זע דאָרט און אונקלוס; זע אויך שטיינבערג, משפט האורים), און דערביי צוגעגעבן דאָס וואָרט יקדים, זאָל זיך צוטיילן (זע מתנות כהונה; זע אויך רד"ל, וואָס שלאָגט פאַר אַנדערע ענדערונגען אין טעקסט).

מקרא מלא (שמות כג): את מספר ימיך אמלא; שהרי משה כמה מצות עשה וכמה צדקות, ובסוף נאמר לו (דברים לא): הן קרבו ימיך למות. הוי: עת ללדת ועת למות.

ד"א: עת ללדת ועת למות, — משנולד אדם הקב"ה מצפה לו שישא אשה עד כ׳ שנה. הגיע לכ׳ ולא נשא אשה, הקב"ה אומר לו: „עת ללדת הוא לך, ולא רצית; אין זו אלא עת למות". אית דאמרי: מה דיקליה ידביה [יקדים] צבחר.

עת לטעת בשעת שלום, ועת לעקר נטוע בשעת מלחמה.

ה

(ג) עת להרוג: בשעת מלחמה; ועת לרפוא: בשעת שלום. עת לפרוץ: בשעת מלחמה; ועת לבנות: בשעת שלום.

ו

(ד) עת לבכות: בשעת האבל; ועת לשחוק: אחר האבל. עת ספוד: בשעת האבל; ועת רקוד: אחר האבל.

ז

(ה) עת להשליך אבנים: בשעה שאשתך טהורה; ועת כנוס אבנים: בשעה שאשתך טמאה. עת לחבוק: אם ראית כת של צדיקים עומדים, עמוד וחבק ונשק וגפפם; ועת לרחוק מחבק: אם ראית כת של רשעים, רחק מהם ומכיוצא בהם.

ח

(ו) עת לבקש: בשעת שלום; ועת לאבד: בשעת מלחמה. עת לשמור: בשעה טובה; ועת להשליך: בשעה רעה.

עובדא הוה בחד פרגמטוטיס דהוה אזל פריש בימא, הוא ובריה. והוה אייתי גביה קובין דינרין. יהיב ליה מותביהון

---

ח

(ו) עת — אַ צייט צו זוכן: בשעת שלום; און אַ צייט צו פאַרלירן: בשעת מלחמה. אַ צייט אויפצוהיטן: אין אַ גוטער שעה; און אַ צייט אַוועקצוואַרפן: אין אַ בייזער שעה.

ס'איז געשען אַ מעשה מיט איינעם אַ סוחר, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויפן ים, ער און זיין זון; און ער האָט געפירט מיט זיך טעפּ מיט רענדלעך.

---

ז. [1] וואַרפן שטיינער ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי געשלעכטלעכער פאַרקער: „וואַרפן"

און מע האָט אים געגעבן אַן אָרט צו זיצן אין אַ פינצטער ווינקל. האָט ער געהערט ווי די מאַטראָזן זאָגן: „ווען מיר וועלן אַרויסקומען אין אָפענעם ים, וועלן מיר זיי הרגענען און אַריינוואַרפן אין ים, און מיר וועלן צונעמען פון זיי דעמדאָזיקן פאַרמעגן מיט רענדלעך". וואָס האָט יענער מענטש גע־טאָן? ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער קריגט זיך מיט זיין זון, און ער האָט גענומען די טעפּ און זיי אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. ווען זיי זיינען אַרויף אויפן לאַנד, איז ער אַוועק און זיי פאַרקלאָגט פאַרן פּראָקאָנסול פון קסריה. האָט מען זיי געבראַכט אין תפיסה און מע האָט זיי פאַרמשפּט און באַפוילן אים אָפּצוצאָלן זיין פאַרמעגן רענדלעך. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „פון וואַ־נען[1] משפטסטו אונדז דאָ אַז מיר זיינען שולדיק?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „פון שלמה דעם מלך פון ישראל, ווי עס שטייט געשריבן: אַ צייט אַוועק־צוּוואַרפן.[2]

ט

(ז) עת — אַ צייט צו צערייסן: בשעת מלחמה; און אַ צייט צו פאַרנייען: בשעת שלום. אַ צייט צו שווייגן און אַ צייט צו רעדן: רבי מנאס ווייב איז געשטאָרבן אין צפורין. איז אַרויף צו אים ר' אבון אים מנחם אבל זיין,[1] און ער האָט אים געזאָגט: „זאָל ניט דער האַר לייגן אַכט און זאָגן פאַר אונדז אַ וואָרט תורה?" האָט ער געזאָגט צו אים: איצט איז געקומען די צייט פאַר דער תורה צו שווייגן; ס'איז [איצט] אַ מעלה צו שווייגן".[2]

(ח) עת — אַ צייט ליב צו האָבן: בשעת שלום; און אַ צייט פיינט צו האָבן: בשעת מלחמה; אַ צייט אויף מלחמה: בשעת מלחמה; און אַ צייט אויף שלום: בשעת שלום.

י

ר' יהושע פון סיכנין האָט באַשיידט די פסוקים אויף ישראל.

אַ צייט געבוירן צו ווערן און אַ צייט צו שטאַרבן, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אויף אַ קורצער ווילע בין איך געווען אַ קימפעטאָרין פאַר

---

זרע אויף קינדער, — געדרשנט: אבנים — בנים (מתנות כהונה. זע אויך מהרז"ו און בראשית רבה א, יד).

ז. [1] אויף וועלכן סמך, — ער האָט דאָך זיין געלט אַליין געוואָרפן אין ים. [2] כדי צו ראַטעווען זיך און זיין זון פון טויט האָט דער סוחר געמוזט טאָן אַזוי, און זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר.

ט. [1] ווערטערלעך: ווייזן זיין פנים פאַר אים. [2] אין אבילות טאָר מען ניט רעדן קיין דברי תורה. דער מתנות כהונה האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַנשטאָט דמחשי, די גירסא דמחמשי, די פינפפאַכיקע (די תורה וואָס באַשטייט פון פינף חמשים), און דער טעקסט ווערט לויט דעם אַזוי פאַרשטאַנען: איצט איז פאַר דער פינפפאַכיקער תורה געקומען די צייט, ווען ס'איז אַ מעלה צו שווייגן. — לויט ש. ליבערמאַן (יוונים ויוונות בארץ ישראל, 112, באַמ. 14), וואָס שטיצט אויפן מדרש הגדול (ויקרא 193), דאַרף זיך אונדזער טעקסט אַזוי לייענען: הא מטא ענתא, דאריותא מחשי ותעליא שרקין — איצט איז גע־קומען די צייט, ווען לייבן שווייגן און פוקסן שרייען.

**באפלה. שמע קלהון דנווטיא אמרין: „כד עללין אנן לפילגוס אנן קטלין לון ומשליכין לון לימא, ונסבין הדין מודליה דדינרין מיניה״. מה עבד ההוא גברא? עבד גרמיה מצהיב עם בריה, ונסב יתהון ורמא יתהון לימא. כיון דעלון לון למדינתא, אזיל וקביל עליהון גבי אנטיפיטא דקיסרין. ואייתינון בבי אסירי, ואזדון וחייבהון ליתן ליה מודליה דדינרין. אמרין ליה: „מנן את הכא דיינא לן דחייבין?״ אמר לון: „משלמה מלך ישראל, דכתיב:** עת להשליך״.

ט

(ז) עת לקרוע: **בשעת מלחמה;** ועת לתפור: **בשעת שלום.** עת לחשות ועת לדבר: **אינתתיה דרבי מנא דמכת בצפורין. סליק ר׳ אבון לגביה למחמיה ליה אפין. אמר ליה: „לית מארי משגח אמר לן חדא מילה דאורייתא?״ אמר ליה: „הא מטא ענתא דאורייתא דמחשי, מתעלייה למשתקה.״**

(ח) עת לאהב: **בשעת שלום;** ועת לשנא: **בשעת מלחמה;** עת מלחמה: **בשעת מלחמה;** ועת שלום: **בשלום.**

י

**ר׳ יהושע דסכנין פתר קרייא בישראל.**

עת ללדת ועת למות: **אמר הקב״ה: „לשעה קלה הייתי אני מילדת לבני״, דכתיב** (יחזקאל טז): ומולדותיך ביום הולדת אותך; ועת למות, **דכתיב** (במדבר יד): במדבר הזה יתמו ושם ימותו; (שם כו, סה) ולא נותר מהם איש, כי אם כלב בן יפונה, **וגו׳.** — עת לטעת, **שנאמר** (עמוס ט): ונטעתים על אדמתם; ועת לעקור נטוע, **דכתיב** (דברים כט): ויתשם ה׳ מעל אדמתם.

---

**מיינע קינדער, ווי אין פסוק שטייט** (יחזקאל טז, ד): **ומולדותיך — און דיין געבורט, אין דעם טאָג וואָס דו ביסט געבוירן געוואָרן; און אַ צײַט צו שטאַרבן, ווי אין פסוק שטייט** (במדבר יד, לה): **במדבר הזה — אין דעמדאָזיקן מדבר וועלן זיי פאַרלענדט ווערן און דאָרט וועלן זיי שטאַרבן;** (דאָרט כו, סה) **ולא נותר — און ס׳איז ניט געבליבן פון זיי קיינער, אַחוץ כלב דער זון פון יפונה — — —.**

**אַ צײַט צו פלאַנצן, ווי דער פסוק זאָגט** (עמוס ט, טו): **ונטעתים — און איך וועל זיי איינפלאַנצן אויף זייער ערד; און אַ צײַט אויסצורייסן דאָס געפלאַנצטע, ווי אין פסוק שטייט** (דברים כט, כז): **ויתשם ה׳ — און גאָט האָט זיי אָרויסגעריסן פון זייער ערד.**

אַ צייט צו הרגענען, **ווי אין פסוק שטייט** (איכה ב, ד): ויהרג — און ער האָט געהרגעט אַלע גלוסטיקע פון אויג; און אַ צייט צו היילן, **ווי אין פסוק שטייט** (ירמיה לג, ו): הנני — אָט ברענג איך אויף איר אַ געזונט און אַ היילונג. — אַ צייט איינצוברעכן, **ווי אין פסוק שטייט** (עמוס ד, ג): ופרצים — און דורך איינבראָכן וועט איר אַרויסגיין, איטלעכע פאַר זיך; און אַ צייט אויפצובויען, **ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט ט, יא): ובניתיה — און איך וועל זי אויפבויען ווי אין די אַמאָליקע טעג.

אַ צייט צו וויינען, **ווי אין פסוק שטייט** (איכה א, ב): בכה — וויינען טוט זי וויינען ביינאַכט; און אַ צייט צו לאַכן, **ווי אין פסוק שטייט** (תהלים קכו, ב): אז — דעמאָלט וועט פול ווערן אונדזער מויל מיט געלעכטער. — אַ צייט צו קלאָגן, **ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה כב, יב): ויקרא ה׳ — און גאָט דער האַר פון צבאות האָט גערופן אין יענעם טאָג צו געוויין און צו קלאָג; און אַ צייט צו טאַנצן, **ווי אין פסוק שטייט** (זכריה ח, ה): ורחובות — און די גאַסן פון דער שטאָט וועלן זיין פול [מיט יינגלעך און מיידלעך וואָס וועלן זיך שפּילן אין אירע גאַסן].

אַ צייט אַרויסצוואַרפן שטיינער, **ווי אין פסוק שטייט** (איכה ד, א): תשתפכנה — צעשאָטן זיינען געוואָרן די הייליקע שטיינער; און אַ צייט אַריינצוקלייבן שטיינער, **ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה כח, טז): הנני — אָט טו איך גרונטפעסטן אין ציון אַ שטיין. — אַ צייט צו האַלדזן, **ווי דער פסוק זאָגט** (שיר השירים ב, ו): וימינו — און זיין רעכטע האַנט זאָל מיך האַלדזן; און אַ צייט זיך צו דערווייטערן פון האַלדזן, **ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה ו, יב): ורחק ה׳ — און גאָט וועט דערווייטערן דעם מענטשן.

אַ צייט צו זוכן, **ווי אין פסוק שטייט** (דברים ד׳ כט): ובקשתם — און איר וועט זוכן פון דאָרטן גאָט דיין גאָט; און אַ צייט צו פאַרלירן, **ווי עס שטייט געשריבן** (דברים יא, טז—יז): השמרו — היט אייך, טאָמער וועט אייער האַרץ זיך לאָזן איבעררעדן — — —און איר וועט גיך פאַרלוירן גיין. — אַ צייט אויפצוהיטן, **ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים קכא, ד): הנה — זע, עס דרימלט ניט און שלאָפט ניט דער היטער פון ישראל; און אַ צייט צו פאַרוואַרפן, **ווי עס שטייט געשריבן** (דברים כז, כט): וישליכם — און ער האָט זיי פאַרוואָרפן אין אַן אַנדער לאַנד.

אַ צייט אָפּצורייסן, **ווי עס שטייט געשריבן** (שמואל א, טו, כח): קרע ה׳ — גאָט האָט אָפּגעריסן די מלוכה פון ישראל; און אַ צייט צו פאַרנייען, **ווי עס שטייט געשריבן** (יחזקאל לז, יז): והיו — און זיי זאָלן ווערן איינס אין דיין האַנט.[2] — אַ צייט צו שווייגן, **ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה מב, יד):

---

**י. [1] און ווייטער זאָגט דער נביא, אַז קיינער האָט אויפן ניי געבוירענעם ישראל ניט אַכטונג געגעבן, נאָר גאָט אַליין. [2] גאָט האָט געהייסן דעם נביא נעמען די צוויי שטעקנס, וואָס איינער האָט סימבאָליזירט יהודה און דער צווייטער — אפרים, און אין איין האַנט, ווי אַ צייכן, אַז די צוויי טיילן פון ישראל וועלן זיך צוריק פאַראייניקן.**

עת להרוג, **דכתיב** (איכה ב): ויהרג כל מחמדי עין; ועת לר־פוא, **דכתיב** (ירמיה לג): הנני מעלה לה ארוכה ומרפא. — עת לפרוץ, **דכתיב** (עמוס ד): ופרצים תצאנה אשה נגדה; ועת לבנות, **דכתיב** (שם ט) ובניתיה כימי עולם.

עת לבכות, **דכתיב** (איכה א): בכה תבכה בלילה; ועת לשחוק, **דכתיב** (תהלים קכו): אז ימלא שחוק פינו, **וגו׳**. — עת ספוד, **דכתיב** (ישעיה כב): ויקרא ה׳ אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד; ועת רקוד, **דכתיב** (זכריה ח): ורחובות העיר ימלאו [ילדים וילדות משחקים ברחובותיה].

עת להשליך אבנים, **דכתיב** (איכה ד): תשתפכנה אבני קדש; ועת כנוס אבנים, **דכתיב** (ישעיה כח): הנני יסד בציון אבן, **וגו׳**. — עת לחבוק, **שנאמר** (שיר השירים ב): וימינו תחבקני; ועת לרחק מחבק, **שנאמר** (ישעיה ו): ורחק ה׳ את האדם.

עת לבקש, **דכתיב** (דברים ד): ובקשתם משם את ה׳ אלהיך; ועת לאבד, **דכתיב** (דברים יא): השמרו לכם, פן יפתה לבבכם, **וגו׳**, ואבדתם מהרה. — עת לשמור, **דכתיב** (תהלים קכא): הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל; ועת להשליך, **דכתיב** (דברים כט): וישליכם אל ארץ אחרת, **וגו׳**.

עת לקרוע, **דכתיב** (שמואל א, טו): קרע ה׳ את ממלכות יש־ראל; ועת לתפור, **דכתיב** (יחזקאל לז): והיו לאחדים בידך. — עת לחשות, **דכתיב** (ישעיה מב): החשיתי מעולם, וגו׳; ועת לדבר, **דכתיב** (ישעיה מ): דברו על לב ירושלים, **וגו׳**.

עת לאהב, **דכתיב** (מלאכי א): אהבתי אתכם, אמר ה׳; ועת לשנא, **דכתיב** (ירמיה יב): נתנה עלי בקולה, על כן שנאתיה. — עת מלחמה, **דכתיב** (ישעיה סג): ויהפך להם לאויב [הוא נלחם

---

החשיתי — איך האָב געשוויגן פון לאַנג אָן — — —; און אַ צייט צו רעדן, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה מ, ב): דברו — רעדט צום האַרץ פון ירושלים — — —.

אַ צייט ליב צו האָבן, **ווי אין פסוק שטייט** (מלאכי א, ב): אהבתי — איך האָב אייך ליב געהאַט, זאָגט גאָט; און אַ צייט פיינט צו האָבן, **ווי אין פסוק שטייט** (ירמיה יב, ח): נתנה — זי האָט אויפגעהויבן איר קול אויף מיר, דעריבער האָב איך זי פיינט געקראָגן. — אַ צייט אויף מלחמה, **ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה סג, י): ויהפך — און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי ווי אַ **פיינט** [ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט זיי]; און אַ צייט אויף שלום, **ווי עס**

שטייט געשריבן (דאָרט סו, יב): הנני נוטה — אָט נייג איך צו איר שלום ווי אַ טייך — — —.

## יא

(ט) מה יתרון — וואָס קומט אַרויס דעם טוער פון דעם וואָס ער מיט זיך? שלמה האָט געזאָגט: וויבאַלד אַז אויף אַלץ איז פאַראַן אַ באַשטימטע צייט,[1] טאָ וואָס קומט אַרויס דעם מייסטער פון זיין מייסטערשאַפט און דעם רעכטפאַרטיקן פון זיין רעכטפאַרטיקייט? אַן אַנדער פשט: וואָס קומט אַרויס, — קיין שום מענטשן באַרוט[2] מען ניט, נייערט צווישן מענטשן פון זיין אייגענער אומנות.

ר׳ יצחק בר מריון האָט געזאָגט [עס שטייט געשריבן] (חבקוק ב, ד): וצדיק — און דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה, — אפילו דער צדיק וואָס לעבט אייביק לעבט אויך פון זיין אמונה. הקב״ה האָט געזאָגט: צוערשט האָב איך געהרגעט די בכורים פון מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, כט): ויהי — און ס׳איז געווען האַלבע נאַכט און גאָט האָט געשלאָגן [איטלעכן בכור אין לאַנד מצרים]; אַזוי אויך זאָלסטו איטלעכן בכור וואָס וועט דיר געבוירן ווערן הייליקן צו מיר, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יג, ב): קדש לי — הייליק מיר איטלעכן בכור, דו זאָלסט מיר הייליקן די בכורים פאַר מיין אמונה [אין דיר].[3] דאָס מיינט דער פסוק: און דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה.[4]

ר׳ פינחס האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ ראובן: צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מלך וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה און פאַרבעטן צו זיך אורחים; און דער מלך האָט באַפוילן אַזוי צו זאָגן: „זאָל איטלעכער ברענגען אויף וואָס זיך אָנצולענען". האָבן די געבראַכט טעפּיכער, אַנדערע האָבן געבראַכט ראָגאָזשעס, און אַנדערע האָבן געבראַכט מאַטראַצן, און אַנדערע האָבן געבראַכט איבערדעקן, און אַנדערע האָבן געבראַכט שטולן; אָבער אַנדערע האָבן געבראַכט שטיקער האָלץ און נאָך אַנדערע האָבן געבראַכט שטיינער. האָט דער מלך אויפגעצאָרנט און געזאָגט: „זאָל איטלעכער זיך אָנלענען אויף וואָס ער האָט געבראַכט". יענע וואָס זיינען געזעסן אויף העלצער און שטיינער האָבן תרעומות געהאַט אויפן מלך און געזאָגט: „איז דאָס

---

יא. [1] אויב אַלץ הענגט אָן אָן פאָראויסבאַשטימטקייט, אָן מזל, גורל. [2] באַזעצן (אויף יענער וועלט). דער דרש איז געבויט אויף אַ וואָרטשפּיל: מה יתרון — מתרין (דאָס זעלבע וואָס משרין ביים סוף פון סימן), און דער טייטש פונעם פסוק וועט זיין: מע וועט באַרוען דעם טוער צווישן די לייט מיט וועמען ער מיט זיך. [3] פאַר דער אמונה וואָס גאָט האָט געהאַט אין ישראל, אַז זיי וועלן דורכפירן זיין פאַרלאַנג. [4] איבער דעם וואָס די דרשה פון ר׳ יצחק בר מריון בינדט זיך ניט מיטן פריערדיקן, לאָזט זיך מאַכן די השערה, אַז דער טעקסט איז דאָ פאַרגרייזט געוואָרן און ער דאַרף עמענדירט ווערן אויפן פאָלגנדיקן אופן: — — — אלא עם בעלי אומנותיה; הוי (חבקוק ב, ד): וצדיק באמונתו יחיה, — אל תקרי באמונתו, אלא „באומנותו". א״ר יצחק בר מריון: וצדיק באמונתו יחיה, — אפילו צדיק חי העולמים — — — (— — — נייערט צווישן מענטשן פון זיין אייגענער אומנות; דאָס מיינט דער פסוק: און דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה, לייען ניט מיט זיין

בם]; ועת שלום, דכתיב (שם סו): הנני נוטה אליה כנהר שלום, וגו׳.

יא

(ט) מה יתרון העושה באשר הוא עמל? **אמר שלמה: הואיל ועתים עתים הן לכל, מה מהני אומנה באומנותיה וכשירא בכשרותיה?** ד״א: מה יתרון — **כל אינש ואינש לא מתרין אלא עם בעלי אומנותיה.**

**אמר ר׳ יצחק בר מריון** (חבקוק ב): וצדיק באמונתו יחיה, — **אפילו צדיק חי העולמים מאמונתו הוא חיה. אמר הקב״ה: בתחלה הרגתי בכורי מצרים, שנאמר** (שמות יב): ויהי בחצי הלילה וה׳ הכה [כל בכור בארץ מצרים]; **אף כל בכור אשר יולד לך תהא מקדישו לי, שנאמר** (שם יג): קדש לי כל בכור, **תהא מקדש לי הבכורות באמונתי. הוי:** וצדיק באמונתו יחיה.

**ר׳ פנחס בשם ר׳ ראובן: משל למה הדבר דומה? למלך שעשה סעודה וזימן אצלו אורחים; וגזר מלכא גזירתא ואמר: „כל אינש ואינש ייתי ליה מה דירבע״. אית דאייתי טפיטין, ואית דאייתי פסתיין, ואית דאייתי סטרומטין, ואית דאייתי נמור־קין, ואית דאייתי כורסוון; ואית דאייתי קיסין, ואית דאייתי אבנין. אדיק מלכא ואמר: „כל אינש ואינש ירבע על מה דאיי־תי״. אותן שהיו יושבין על העצים ועל האבנים היו מתרעמין על המלך ואומרים: „כך הוא כבודו של מלך, שנהיה יושבין על העצים ועל האבנים?״ כששמע המלך אמר להם: „לא דייכם שניוולתם פלטין באבנים ובעצים, שעמדה לי בכמה יציאות, אלא מחציפין אתם וקושרין עלי קטיגוריא! יקרכון לא עביד, אלא אתון לגרמיכון.״ כך לעתיד לבא הרשעים נידונין לגיהנם,**

---

אַ כבוד פאַרן מלך, אַז מיר זאָלן זיצן אויף העלצער און שטיינער?״ אַז דער מלך האָט עס געהערט, האָט ער געזאָגט צו זיי: „ניט גענוג אייך וואָס איר האָט פאַרמיאוסט מיט העלצער און שטיינער דעם פּאַלאַץ, וואָס האָט מיר אָפּגעקאָסט אזוי פיל הוצאות, נייערט איר האָט נאָך די חוצפּה אַרויסצוקומען קעגן מיר מיט אַן אָנקלאָג! קיינער וועט אייך קיין כבוד ניט אָנטאָן, נייערט איר אַליין״. אזוי וועלן די רשעים אויף יענער וועלט פאַרמשפּט ווערן צום

---

אמונה, נייערט „מיט [די חברים פון] זיין אומנות״. ר׳ יצחק בר מריון האָט געזאָגט: און דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה, — אפילו דער צדיק וואָס לעבט אייביק — — —). לויט

גיהנום, און זיי וועלן תרעומות האָבן אויף הקדוש ברוך הוא: „מיר האָבן דאָך געהאָפט אויף דער הילף פון הקדוש ברוך הוא, און אַזוי וועט עס זיין מיט אונדז?" זאָגט צו זיי הקדוש ברוך הוא: אויף דער וועלט וואו איר זענט געווען — זענט איר ניט געווען קיין מענטשן פון מחלוקת און לשון הרע און אַלדאָס בייז? זענט איר ניט געווען קיין מענטשן פון קריגעריי און גע־וואַלד? דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה נ, יא): הן כלכם — איר זענט דאָך אַלע פייער צינדערס און פונקען גורטערס, דעריבער גייט איר אין פלאַם פון אייער פייער און אין די פונקען וואָס איר האָט אָנגעצונדן; און טאָמער וועט איר זאָגן, אַז פון מיין האַנט איז עס אייך געקומען, — ניין, נייערט איר האָט עס געטאָן, איר — צו זיך אַליין; דעריבער וועט איר אין ווייטאָק ליגן, — פון אייער האַנט איז עס אייך געקומען.

ר' שמעון בן לקיש איז געווען פאַרטאָן אין לערנען תורה אין דער הייל פון טבריה. און דער טויער היטער [5] פלעגט זיך נוהג זיין אים אָנצוגרייטן יעדן טאָג וואַסער צו טרינקען. און ער פלעגט אַרויפקומען מיד און פאַר־מאַטערט און פלעגט זיך עס נעמען און טרינקען. איין מאָל איז ער אַריין און זיך געזעצט לעבן אים, און האָט זיך אָפּגערוט ביי אים אַ קורצע ווײַלע. און ער האָט אים געזאָגט: „רבי, געדענקסטו, אַז איך פלעג צוזאַמען מיט דיר גיין אין שול אַריין? האָסטו זוכה געווען [צו ווערן אַ בן־תורה], און איך האָב ניט זוכה געווען. בעט פאַר מיר, אַז איך זאָל האָבן מיין חלק אויף יענער וועלט צוזאַמען מיט דיר". האָט ער געזאָגט צו אים: „ווי קען איך בעטן פאַר דיר, אַז דיין גורל איז, דו זאָלסט קומען מיט די מענטשן פון דיין אומנות. דען קיין שום מענטשן באַרוט מען ניט, נייערט צווישן מענטשן פון זיין אייגענער אומנות".

## יב

(י) ראיתי — איך האָב געזען דעם ענין, [וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשן־קינדער זיך אָפּצוגעבן מיט דעם].[1] ר' איבו האָט געזאָגט: דאָס איז די נאַטור פון געלט; דען ר' יודן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' איבו: קיין מענטש גייט ניט אַוועק פון דער וועלט, אַז ער זאָל האָבן כאָטש האַלב פון דעם וואָס ער האָט געגלוסט, נייערט אויב ער האָט הונדערט, וויל ער מאַכן פון דעם צוויי הונדערט; און דער וואָס האָט צוויי הונדערט, וויל מאַכן פון זיי פיר הונדערט.

לענות בו — זיך אָפּצוגעבן מיט דעם, — ר' יהושע פון סיכנין האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' לוין: אויב דער מענטש האָט זוכה געווען און ער

---

דעם פאַררופט זיך ר' יצחק בר מריון אויף אַ פריער ציטירטן פסוק (סוגעסטירט פון דער קורצער באַמערקונג פון רד"ל). [5] פיילן, פון פילי, טויער. אַן אַנדער גירסא איז פיילדה, און לויט געוויסע מפרשים מיינט עס אַ טעפּער.

יב. [1] זע אויבן, א, לד, וואו דער זעלבער טעקסט געפינט זיך מיט קליינע ענדערונגען, באַזונדערס בנוגע געוויסע נעמען פון די דרשנים. זע דאָרט אויך די באַמערקונגען בנוגע די שינויי נוסחאות און בנוגע צו טעקסט אויפקלערונגען.

והן מתרעמין על הקב״ה: ״הרי שהיינו מצפין לישועתו של הקב״ה, וכך יהיה עלינו?״ אומר להם הקב״ה: בעולם שהייתם בו — לא בעלי מחלוקת ולשון הרע וכל רעות הייתם? ולא בעלי מריבות וחמסים אתם הייתם? הדא הוא דכתיב (ישעיה נ): הן כלכם קדחי אש, מאזרי זיקות, לפיכך אתם הולכים באור אשכם ובזיקות בערתם; ושמא תאמרו: מידי היתה זאת לכם, — לאו, אלא אתם עשיתם, אתם לעצמכם; לפיכך למעצבה תשכ־בון — מידכם היתה זאת לכם.

ר׳ שמעון בן לקיש הוה לעי באורייתא כל צרכיה בהדה אילוסיס בטבריא. והוה פיילן נהיג מעתיד ליה חד משקוייה דמים בכל יום. והוה עליל משלהי ונסיב ביה ושתי ליה. חד זמן על ויתיב גביה, ועביד עימיה אויר קליל. א״ל: „רבי, נהור את, דהוינא אנא ואת אזלין לכנישתא כחדא? את זכית, וההוא גברא לא זכי. צלי עלי, דיהווי חולקי עמך לעלמא דאתי.״ א״ל: „ומה נצלי עלך, דניהווי לך דאתת עם בני אומנותך. דכל אינש ואינש לא משרין אלא עם בעלי אומנותיה״.

יב

ראיתי את הענין. א״ר איבו: זה שיפוטו של ממון; דאמר ר׳ יודן בשם ר׳ איבו: אין אדם יוצא מן העולם וחצי תאוותו בידו, אלא אם אית ליה מאה, בעי דיעבדון תרתי מאה; ומאן דאית ליה תרתי מאה, בעי דיעבדון ארבע.

לענות בו, — ר׳ יהושע דסיכנין בשם ר׳ לוי: אם זכה אותו אדם ועשה ממונו מצוות ומתפלל ונענה בו: המד״א (בראשית ל): וענתה בי צדקתי, וגו׳. ואם לאו — הוא עונה בו ומקטרגו, דכתיב (דברים יט): לענות בו סרה.

ר׳ יוחנן אמר: זה שיפוטו של גזל, דאמר ר׳ שמעון בן לקיש

---

האָט געטאָן מיט זיין געלט מצוות און ער איז מתפלל, ווערט ער געענטפערט; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית ל, לג): וענתה — און עס וועט עדות זאָגן אויף מיר מיין צדקה. און אויב ניט, וועט דאָס געלט עדות זאָגן אויף אים און אים פאַרקלאָגן, ווי עס שטייט געשריבן (דברים יט, טז): לענות — עדות צו זאָגן אויף אים צום שלעכטן.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דאָס איז די נאַטור פון גזלה; דען ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: למשל ווען די סאה ווערט אי־

בערפולט מיט זינד, — וועלכע איז די ערשטע פון אַלע אָנצוקלאָגן? גזלה, דען ר׳ הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: [עס שטייט געשריבן] (עמוס ט, א): ובצעם — און זייער רויב איז דאָס ערשטע פאַר אַלעמען. ר׳ פינחס [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: ווייל דער נביא רעדט וועגן געצנדינסט און גילוי עריות און בלוט פאַרגיסונג, [און דאָך פאַרענדיקט ער נאָר מיט גזלה, מיינט עס, אַז] קיין ערגערס פון זיי אַלע איז ניטאָ, נייערט גזלה. ר׳ יעקב בר אחא [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: פיר און צוואַנציק חטאים האָט יחזקאל אויסגערעכנט, און מיט קיינס פון זיי אַלע האָט ער ניט פאַרענדיקט, נייערט מיט גזלה, ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל כב, יג): והנה — און אָט האָב איך געקלאַפּט מיין האַנט איבער דיין אומ־ערלעך געווין.

ר׳ חוניא האָט באַשיידט דעם פסוק וועגן די [ספרים פון] נביאים און כתובים, אַז וואָלט ישראל זוכה געווען, וואָלטן זיי געהאַט צו לייענען ניט מער ווי די פינף חומשים פון דער תורה, פינף ספרים בלויז; די ספרים פון נביאים און כתובים זיינען זיי געגעבן געוואָרן ניט אַנדערש, נייערט [זיי צו שטראָפן. די רבנן זאָגן: פונדעסטוועגן — זיך אָפּצוגעבן מיט דעם;] אַז מע זאָל זיך באַמיען איבער זיי און איבער דער תורה און טאָן מצוות און צדקות, און באַקומען איבער דעם שכר אַזוי ווי [פאַרן מיען זיך איבער] די פינף ספרים פון דער תורה.

ר׳ אבהו האָט געזאָגט: דאָס איז די נאַטור פון דער תורה, וואָס אַ מענטש לערנט תורה און פאַרגעסט. די רבנן פון דאָרטן זאָגן אין נאָמען פון ר׳ יצחקן פון דאַנען און ר׳ טוביה אין נאָמען פון ר׳ יצחקן: ס׳איז פאַר זיין אייגענער טובה, וואָס אַ מענטש לערנט תורה און פאַרגעסט; דען וואָלט אַ מענטש געלערנט תורה און ניט פאַרגעסן, וואָלט ער זיך אָפּגעגעבן מיט תורה אַ צוויי־דריי יאָר און וואָלט אַוועק און זיך אָפּגעגעבן מיט זיין באַשעפטיקונג, און וואָלט שוין קיינמאָל אין זיין לעבן ניט אַריינגעקוקט אין איר. נייערט וויבאַלד אַז אַ מענטש לערנט תורה און פאַרגעסט, אַזוי קאָן ער זיך ניט אָוועקרירן און זיך דערווייטערן פון די ווערטער פון דער תורה.

און די רבנן זאָגן: דאָס איז די נאַטור פון גזלה. אַ ראיה האָסטו, אַז אַזוי איז עס, וואָרום די ערשטע דורות, איבער דעם וואָס זיי זיינען געווען פאַרטאָן און פאַרקאָכט אין גזלה, — דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (איוב כד, ב): גבולות — גרענעצן פלעגן זיי פאַררוקן, אַ סטאַדע פלעגן זיי אַוועקרויבן און פיטערן — זע, ווי זיי זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט דורך וואַסער. אָבער דער שבט ראובן און גד, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון גזלה, איבער דעם האָט זיי הקדוש ברוך הוא געגעבן זייער נחלה אין אַן אָרט, וואו ס׳איז ניטאָ קיין [מעגלעכקייט פאַר] גזלה, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר לב, א): והנה — און ערשט דאָס אָרט איז אַן אָרט פאַר פי. און אַזוי [האָבן מיר געלערנט: „למשל] מהיר, [וואָס איז] זעכצן מייל אויף זעכצן מייל.

בשם ר׳ יוחנן: משל לסאה מלאה עוונות, — מי הוא מקטרג ראשון שבכולן? גזל, דאמר ר׳ הונא בשם ר׳ יוחנן (עמוס ט): ובצעם בראש כלם. ר׳ פנחס בשם ר׳ יוחנן: לפי שהיו בענין עבודת כוכבים וגילוי עריות ושפיכות דמים, — אין לך קשה שבכולן, אלא גזל. ר׳ יעקב בר אחא בשם ר׳ יוחנן: כ״ד חטאות סידר יחזקאל, ומכולן לא חתם, אלא בגזל, דכתיב (יחזקאל כב): והנה הכיתי כפי אל בצעך, וגו׳.

ר׳ חוניא פתר קרייה בנביאים ובכתובים, שאילו זכו ישראל, לא היו קורין אלא חמשה חומשי תורה, חמשה ספרים בלבד; וכלום ניתנו להם נביאים וכתובים, אלא [להוכיחם. רבנן אמ־רין: אף על פי כן — לענות בו:] שיהיו יגעין בהם ובתורה ועו־שים מצוות וצדקות, ומקבלין עליהם שכר כחמשה ספרי תורה.

ר׳ אבהו אמר: זה שיפוטה של תורה, שאדם לומד תורה ושכחה. רבנן דתמן בשם ר׳ יצחק דהכא ור׳ טוביה בשם ר׳ יצחק: לטובתו אדם לומד תורה ושכח; שאלו היה אדם לומד תורה ולא שכח, היה מתעסק בתורה שתים שלש שנים וחוזר ומתעסק במלאכתו, ולא היה משגיח בה לעולם כל ימיו. אלא מתוך שאדם לומד תורה ומשכחה, אינו מזיז ואינו מזיע את עצמו מדברי תורה.

ורבנן אמרין: זה שיפוטו של גזל. תדע, שהוא כן, שהרי דורות הראשונים על ידי שהיו עסוקין ושטופין בגזל, — המד״א (איוב כד): גבולות ישיגו, עדר גזלו וירעו — ראה, כי נמחו במים מן העולם. אבל שבט ראובן וגד, שהרחיקו עצמן מן הגזל, לפיכך נתן להם הקב״ה נחלה במקום שאין בו גזל, שנאמר (במדבר לב): והנה המקום מקום מקנה. וכן „[כגון] מהיר, [שהיא] ששה עשר מיל על ששה עשר מיל״.

יג

(יא) את הכל עשה יפה בעתו. א״ר תנחומא: בעונתו נברא העולם. לא היה ראוי להבראות קודם לכן, אלא לשעתו נברא,

---

יג

(יא) את הכל — אַלצדינג האָט ער געמאַכט פּאַסיק אין זיין צייט. ר׳ תנ־חומא האָט געזאָגט: אין דער פּאַסיקער צייט איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. ס׳איז ניט געמאָלט געווען, אַז זי זאָל באַשאַפן ווערן פריער, נייערט אין איר

צייט איז זי באַשאַפן געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט: אַלצדינג האָט ער געמאַכט אין זיין צייט. ר׳ אבהו האָט געזאָגט: פון דאַנען [איז געדרונגען], אַז הקדוש ברוך הוא האָט געבויט וועלטן און זיי חרוב געמאַכט, באַשאַפן וועלטן און זיי חרוב געמאַכט, ביז ער האָט באַשאַפן די איצטיקע, און ער האָט געזאָגט: „די געפעלן מיר, יענע געפעלן מיר ניט.״

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: דאָס איז אַ טיר וואָס איז אָפן ביזן תהום,[1] ווי דער פסוק זאָגט (בראשית א, לא): וירא אלהים — און גאָט האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, ערשט עס איז זייער גוט. וואָלט אַן אַנדערער געזאָגט: אַלצדינג האָט ער געמאַכט פּאַסיק אין זיין צייט, וואָלט איך געזאָגט: דערדאָזיקער וואָס האָט אויף זיין לעבן קיין שטיקל ברויט ניט אויפגעגעסן, ער זאָגט: אַלצדינג האָט ער געמאַכט פּאַסיק אין זיין צייט;[2] אָבער שלמה, וויבאַלד אַז וועגן אים שטייט געשריבן (מלכים א, ה, ב): ויהי — און דאָס ברויט פון שלמהן פאַר איין טאָג איז געווען דרייסיק כור זעמלמעל — — —, אים פּאַסט צו זאָגן: אַלצדינג האָט ער באַשאַפן פּאַסיק אין זיין צייט.

אַן אַנדער פשט: וואָלט אַן אַנדערער געזאָגט (קהלת א, ב): הבל הבלים — נישטיקייט פון נישטיקייטן, האָט געזאָגט קהלת, וואָלט איך געזאָגט: דער דאָזיקער וואָס האָט אויף זיין לעבן ניט פאַרמאָגט קיין צוויי פּרוטות, ער מאַכט חוזק פונעם געלט פון דער וועלט, און זאָגט: נישטיקייט פון נישטיקייטן. אָבער דערדאָזיקער שלמה, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (מלכים י, י, כז): ויתן המלך — און דער מלך האָט געמאַכט דאָס זילבער אין ירושלים ווי שטיינער, און מע פלעגט זיי ניט גנבענען, מחמת זיי זיינען געווען שטיינער פון צען איילן און שטיינער פון אַכט איילן; און די געוויכטן וואָס זיינען געווען אין שלמהס טעג זיינען געווען פון גאָלד, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק כא): אין כסף — קיין [זאַך פון] זילבער; דאָס האָט זיך אין שלמהס טעג גאָרניט גערעכנט;[3] — אים פּאַסט צו זאָגן: נישטיקייט פון נישטיקייטן. פאַרוואָס האָט ער געזאָגט: נישטיקייט פון נישטיקייטן? ווייל ער האָט געזען די וועלט [ווי זי איז], און וואָס איר סוף וועט זיין.

און ווען אַ אַנדערער וואָלט געזאָגט (דניאל ד, לב): וכל דיירי — און אַלע באַוואוינער פון דער ערד זיינען ווי גאָרניט גערעכנט, וואָלט איך געזאָגט: טאָמער דער וואָס האָט אויף זיין לעבן ניט באַהערשט קיין צוויי פליגן, ער זאָגט: און אַלע באַוואוינער פון דער ערד זיינען ווי גאָרניט גערעכנט; אָבער מער [פּאַסט עס] פאַר נבוכדנצר הרשע, וואָס האָט באַהערשט די גאַנצע וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה כז, ו[4]): וגם — און אויך די חיה פון פעלד האָב איך אים געגעבן אים צו דינען, [און אויך] פון דעם וואָס

---

יג. [1] אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן, פון הימל אויבן ביזן תהום אונטן, האָט ער באַשאַפן גוט. [2] ניט פאַרמאָגנדיק גאָרניט, ווערט ער באַגייסטערט פון דער קלענסטער קלייניקייט. [3] זע אויבן ב, ג, באַמערקונגען 3 און 4. [4] אין אַלע אויסגאַבעס איז דאָ דער מראה מקום ירמיהו כח, יד; אָבער דאָס וואָרט לעבדו, אים צו דינען, איז דאָרט ניטאָ. מיר האָבן עס דערפאַר געביטן אויף כז, ו, וואו דער פסוק ענדיקט זיך ווי אין אונדזער טעקסט.

**שנאמר:** את הכל עשה יפה בעתו. **א״ר אבהו: מכאן, שהיה הקב״ה בונה עולמות ומחריבן, בורא עולמות ומחריבן, עד שברא את אלו, ואמר: ״דין הניין לי, יתהון לא הניין לי״.**

**ר׳ אלעזר אמר: זה הפתח פתוח עד התהום, שנאמר** (בראשית א): וירא אלהים את כל אשר עשה, והנה טוב מאד. **אילו אחר אמר:** את הכל עשה יפה בעתו, **הייתי אומר: זה שלא אכל פרוסה מימיו, הוא אומר:** את הכל עשה יפה בעתו; **אלא שלמה, לפי שכתוב בו** (מלכים א, ה): ויהי לחם שלמה ליום אחד כור סלת, **וגו׳ — לזה נאה לומר:** את הכל עשה יפה בעתו.

**ד״א: אלו אחר אמר:** הבל הבלים, אמר קהלת, **וכו׳, הייתי אומר: זה שלא קנה לו שתי פרוטות מימיו, הוא פירת בממונו של עולם ואומר:** הבל הבלים. **אלא זה שלמה, שכתוב בו** (מלכים א, י): ויתן המלך את הכסף בירושלים כאבנים, **ולא היו נגנבות, שהיו אבני עשר אמות ואבני שמונה אמות; ומשקלות שהיו בימי שלמה של זהב היו, שנאמר** (שם): אין כסף, לא נחשב בימי שלמה למאומה, — **לזה נאה לומר:** הבל הבלים. **למה אמר:** הבל הבלים? **ראה העולם והעתיד להיות בסופו.**

**ואילו אחר אמר** (דניאל ד): וכל דיירי ארעא כלא חשיבין, **הייתי אומר: שמא זה, שלא שלט על שני זבובים מימיו, הוא אמר:** וכל דיירי ארעא כלא חשיבין; **יותר שהיה נבוכדנצר הרשע, ששלט בעולם כולו, שנאמר** (ירמיה כז): וגם את חית השדה נתתי לו לעבדו, **מן מה שכתוב** (דניאל ב): ובכל די דיירין בני אנשא, חיות ברא ועוף שמיא יהב בידך והשלטך בכלהון, — **לזה נאה לומר:** וכל דיירי ארעא כלא חשיבין, **וגו׳.**

**אילו אחר אמר זה הפסוק מחכמי האומות** (שמות יח): עתה ידעתי, כי גדול ה׳ מכל האלהים, **הייתי אומר: זה שאינו יודע**

---

**שטייט געשריבן** (דניאל ב, לח): ובכל — און וואו נאָר עס וואוינען מענטשן־קינדער, חיות פון פעלד און פייגל פון הימל, האָט ער געגעבן אין דיין האַנט, און דיך געמאַכט צו געוועלטיקן איבער זיי אַלעמען, — **דעמדאָזיקן פּאַסט צו זאָגן:** און אַלע באַוואוינער פון דער ערד זיינען ווי גאָרנישט גערעכנט.

**אויב אַן אַנדערער פון די חכמים פון די אומות העולם וואָלט געזאָגט דעם דאָזיקן פּסוק** (שמות יח, יא): עתה — אַצינד ווייס איך, אַז גאָט איז גרעסער פון אַלע געטער, **וואָלט איך געזאָגט: דערדאָזיקער וואָס ווייס ניט**

דעם כוח פון דער עבודה זרה, ער זאָגט: אַצינד וויס איך, אַז גאָט איז גרע־סער פון אַלע געטער; אָבער דער יתרו, וואָס האָט געזאָגט: איצט וויס איך, אַז גאָט איז גרעסער, — ער האָט דאָך געדינט אַ סך עבודה זרהס! דען ר׳ ישמעאל האָט געלערנט: רעואל, דאָס איז יתרו, האָט ניט דורכגעלאָזט קיין עבודה זרה אין דער וועלט, אַז ער זאָל איר ניט נאָכגיין און איר דינען,[5] און ער [אַליין] האָט עס איבערגעחזרט און געזאָגט: פון אַלע געטער,[6] און לסוף האָט ער זיך מגייר געווען און געליבט הקדוש ברוך הוא, — אים פּאַסט צו זאָגן: אַצינד וויס איך, אַז גאָט איז גרעסער פון אַלע געטער, — ער האָט תשובה געטאָן פאַר הקדוש ברוך הוא, און גאָט האָט אים אויפגענומען און אים איינגעפעסטיקט אין ישראל אויף דורות.

און וואָלט אַן אַנדער נביא און חכם זיך אויפגעשטעלט צו זאָגן (דברים לב, ד): הצור — דער פעלדז, גאַנץ איז זיין ווערק, [וואָלט מען געזאָגט: דער דאָזיקער ווייס ניט וואָס אַזוינס דער מידת הדין איז, און ער זאָגט: דער פעלדז, גאַנץ איז זיין ווערק [7]]; אָבער משה רבנו, ווייל וועגן אים שטייט געשריבן (תהלים קג, ז): יודיע — ער האָט געלאָזט וויסן זיינע וועגן צו משהן, צו די קינדער פון ישראל — זיינע מעשים, — אים פּאַסט צו זאָגן: דער פעלדז, גאַנץ איז זיין ווערק.

וואָלט אַן אַנדער מענטש געקומען זיך אויסטענהן מיט ישראל, וואָלט איך געזאָגט: אַ מענטש וואָס האָט געגעסן און געטרונקען פון זיי און זיך הנאה געטאָן פון זיי — זאָל זיי שטראָפן? אָבער משה, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (במדבר טז, טו): לא חמור אחד — קיין איינציקן אייזל האָב איך פון זיי ניט אַוועקגענומען, — אים פּאַסט צו שטראָפן ישראל; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דברים א, א): אלה — דאָס זיינען די ווערטער וואָס משה האָט גערעדט צו גאַנץ ישראל אויף יענער זייט ירדן.[8]

## יד

אַן אַנדער פשט [אויפן פסוק] אַלצדינג האָט ער געמאַכט פּאַסיק אין זיין צייט. ר׳ בון האָט אים באַשיידט אויף צוויי אופנים. ר׳ בון האָט גע־זאָגט: אברהם איז ווערט געווען באַשאַפן צו ווערן פאַר אדם הראשונען; נייערט הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אויב איך וועל באַשאַפן אברהמען פריער, — טאָמער [1] וועט ער קאַליע מאַכן, וועט ניט זיין ווער עס זאָל קומען נאָך

[5] אין אַלע אויסגאַבעס ווערט דאָ ציטירט ווי אַ באַווייז אויף דעם געזאָגטן דער פסוק (שמואל א, ד, ח): אוי לנו — ווי איז אונדז, ווער וועט אונדז ראַטעווען פון דער האַנט פון די דאָזיקע מאַכטיקע געטער! דאָס זיינען דאָך די געטער, [וואָס האָבן געשלאָגן די מצרים] — — — אָבער דער פסוק האָט קיין שייכות ניט מיט יתרון, און מיר האָבן אים אַרויסגעלאָזט אין איינקלאַנג מיטן אות אמת (ציטירט אין מתנות כהונה). [6] יתרו אַליין גיט צו, אַז ער האָט געדינט אַלע געטער. [7] צוגעגעבן לויט דברים רבה א, ה. [8] און אונטער ווערטער ווערט דאָ פאַרשטאַנען שטראָף רייד. זע דברים רבה א, ב; זע אויך תרגום יונתן אויף אונדזער פסוק (אילין פתגמי אוכחותא — דאָס זיינען ווערטער פון שטראָף) און רשי.

ודאי של עבודת כוכבים, אומר: עתה ידעתי, כי גדול ה׳ מכל האלהים; אלא זה יתרו, שאמר: עתה ידעתי, כי גדול, וגו׳, — שעבד עבודת כוכבים הרבה! דתני ר׳ ישמעאל: לא הניח רעואל, זה יתרו, עבודת כוכבים בעולם, שלא יחזיר עליה ועבדה (דכ־תיב (שמואל א, ד): אוי לנו, מי יצילנו מיד האלהים האדירים האלה! אלה הם האלהים, וגו׳), וחזר ואמר: מכל האלהים, ולבסוף נתגייר והודה להקב״ה, — לזה נאה לומר: עתה ידעתי, כי גדול ה׳ מכל האלהים, וגו׳, — שב בתשובה לפני הקב״ה, וקבלו וקבעו לישראל לדורות.

ואילו עמד אחר נביא וחכם לומר (דברים לב): הצור תמים פעלו, וגו׳ [היו אומרים: זה אינו יודע טיבה של מידת הדין, והוא אומר: הצור תמים פעלו]; אלא משה רבינו, לפי שכתוב בו (תהלים קג): יודיע דרכיו למשה, לבני ישראל עלילותיו, — לזה נאה לומר: הצור תמים פעלו.

אילו אדם אחר בא והתוכח את ישראל, הייתי אומר: אדם שאכל ושתה מהן ונהנה מהן — מוכיחן? אלא משה, שכתוב בו (במדבר טז): לא חמור אחד מהם נשאתי, וגו׳ — לזה נאה להו־כיחן לישראל; הה״ד (דברים א): אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן, וגו׳.

יד

ד״א: את הכל עשה יפה בעתו. ר׳ בון אמר בה תרתי שיטי. ר׳ בון אמר: היה ראוי אברהם להבראות קודם אדם הראשון; אלא אמר הקב״ה: „אם אברא תחלה את אברהם, — (שאם) [שמא] יקלקל, אין מי יבוא ויתקן אחריו; אלא הריני בורא אדם, ואם יקלקל זה, יבא אברהם אחריו ויתקן״. ר׳ בון אמר חורי: כתיב (יהושע יד): האדם הגדול בענקים הוא, — ראוי היה אברהם להבראות תחלה, שנאמר: האדם הגדול בענקים הוא;

---

אים און גוט מאַכן; נייערט איך וועל באַשאַפן אדמען, און אויב דער וועט קאַליע מאַכן, וועט אברהם אים נאָכקומען און גוט מאַכן״. ר׳ בון האָט געזאָגט נאָך אַ זאַך: עס שטייט געשריבן (יהושע יד, טו): האדם — דער גרעס־טער מענטש צווישן די ריזן איז ער געווען, אברהם איז ווערט געווען באַ־שאַפן צו ווערן צוערשט, ווי דער פסוק זאָגט: דער גרעסטער מענטש צווישן

---

יד.[1] געביטן פון שאם (אַז אויב) אויף שמא (טאָמער) לויט בראשית רבה יד, ו, און

די ריזן איז ער געווען; און פאַרוואָס רופט אים דער פסוק דער גרעסטער? מחמת ער איז ווערט געווען באַשפן צו ווערן צוערשט.[2] נייערט הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אויב איך וועל אים באַשאַפן צוערשט, — טאָמער וועט ער קאַליע מאַכן, וועט ניט זיין, ווער עס זאָל קומען נאָך אים און גוט מאַכן; נייערט איך וועל באַשאַפן אדם הראשונען צוערשט, און אויב ער וועט קאַליע מאַכן, וועט אברהם אים נאָכקומען און גוט מאַכן".[3]

ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: אַנדערע גיבן אַ משל, — צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו איינעם וואָס האָט געהאַט אַ דיקן באַלקן[4] אין זיין וואוינהויז; וואו זאָל ער אים אַריינטאָן, — ניט אין מיטן פונעם זאַל, אַז ער זאָל אויפהאַלטן די באַלקנס וואָס פאַר אים און די באַלקנס וואָס נאָך אים? אַזוי, פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן אברהמען אין מיטן[5]? כדי ער זאָל אויפ־האַלטן די דורות וואָס פאַר אים און די דורות וואָס נאָך אים. ר' לוי האָט געזאָגט: מע ברענגט אַריין אַן אָרנטלעכע [פרוי] אין הויז פון אַ קאַליע גע־וואָרענער;[6] מע ברענגט אָבער ניט אַריין אַ קאַליע געוואָרענע אין הויז פון אַן אָרנטלעכער[7].

ר' יהודה בר' סימון האָט געזאָגט: געשיקט וואָלט זיך, אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן דורך אדם הראשונס האַנט, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ה, א): זה — דאָס איז דער ספר פון די געבורטן פון אדמען.[8] הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אדם איז די באַשאַפונג פון מיינע הענט, זאָל איך אים ניט געבן די תורה, אַז ער זאָל זיך מיען אין איר?" ווידער האָט ער געזאָגט: „מה־דאָך די זעקס מצוות וואָס זיינען אים געגעבן געוואָרן,[9] האָט ער ניט געקענטביישטיין און זיי אָפּהיטן; ווען איך וואָלט אים געגעבן זעקס הונדערט

---

אַזוי אויך ווייטער אין דעם סימן. [2] אברהם האָט געלעבט אין חברון, די שטאָט פון ארבע, ווערט ער דאָ אידענטיפיצירט מיטן לעצטן, און משמעות, אַז דער דרש איז זיך אויך סומך אויפן וואָרט אדם (האדם הגדול — דער גרעסטער מענטש), וואָס זאָל זיין אַ רמז, אַז אברהם האָט געדאַרפט קומען אויפן אָרט פון אדמען. [3] און דאָס מיינט דער פסוק: אַלצדינג האָט ער געמאַכט פּאַסיק אין זיין צייט (און אַזוי אַלע דרשות ביזן סוף פון סימן יד). [4] און אפשר דאַרף מען עס טייטשן אַ משופּעדיקן צוויי־באַלקן (קורייס) אָנגעמענדיק, ווי מיר האָבן עס געטאָן, דעם נוסח פון דער ראָם אויסגאַבע פון תרנ"ז (דאָרט איז עס פאַרגרייזט אויף קורייס) — אַ באַלקן, וואָס איז פון דער נאַטור אויסגעפורעמט ווי אַ דרייעק. — דער נוסח אין דער ראָם אויסגאַבע פון תרס"ט איז שפעת קורייה; אין בראַ־שית רבה יד, ו, איז דער נוסח קורה שופעת. [5] צווישן אדמען פון איין זייט און מתן תורה פון דער צווייטער. [6] כדי די קאַליע געוואָרענע זאָל זיך לערנען פון דער אָרנטלעכער. [7] און אַזוי האָט גאָט באַשאַפן דעם צדיק אברהמען אין מיטן פון זינדיקע דורות, כדי זיי זאָלן זיך אָפּלערנען פון אים. [8] דער ספר, די תורה הייסט עס, האָט געדאַרפט געגעבן ווערן אין אדמס טעג, גלייך ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. [9] פון די שבע מצוות בני נוח, די זיבן מצוות וואָס מענטשן האָבן געדאַרפט אָפּהיטן נאָך פאַר מתן תורה (באַ־שטימען שופטים, ניט דינען צו געצן, ניט לעסטערן גאָט, ניט האָבן קיין געשלעכטלעכן פאַרקער צווישן נאָענטע משפחה מענטשן, ניט פאַרגיסן קיין בלוט, ניט גזלענען, ניט עסן קיין אבר מן החי — תוספתא עבודה זרה ח, ד; בבלי סנהדרין נו, ב) זיינען די ערשטע זעקס שוין געגעבן געוואָרן צו אדם הראשונען, און נאָר די זיבעטע איז צוגע־

ולמה קורא אותו גדול? שהיה ראוי להבראות תחלה. אלא אמר הקב״ה: „אם אני בורא אותו תחילה, — (שאם) [שמא] יקלקל, אין מי יבא אחריו ויתקן; אלא הרי אני בורא אדם הראשון תחלה, ואם יקלקל, יבא אברהם ויתקן אחריו.

אמר ר׳ אבא בר כהנא: יש מושלין משל, — למה הדבר דומה? לאחד שהיה לו שפעת קוריים בתוך דירתו וביתו, איכן הוא נותנה, — לא באמצע הטרקלין, כדי שתהיה סובלת קורות שלפניה וקורות שלאחריה? כך, מפני מה ברא הקב״ה לאברהם אבינו באמצע? כדי שיסבול הדורות שלפניו והדורות הבאים אחריו. א״ר לוי: מכניסין את המתוקנת לביתה של המקולקלת, ואין מכניסין המקולקלת לביתה של המתוקנת.

א״ר יהודה בר׳ סימון: ראוי היה אדם הראשון, שתנתן תורה על ידו, שנאמר (בראשית ה): זה ספר תולדות אדם. אמר הקדוש ברוך הוא: „אדם יציר כפי, ואיני נותן לו תורה, ויהא לעי בה?״ חזר ואמר: מה אם שש מצוות נתנו לו, ולא היה יכול לעמוד בהן ולשמרן; אלו נתתי לו שש מאות ושלש עשרה מצוות, רמ״ח מצוות עשה ושס״ה מצוות לא תעשה, על אחת כמה וכמה שלא יעמוד בהם!״ לכך כתיב (איוב כח): ויאמר לאדם — לא אדם: „לאדם איני נותנן; ולמי אני נותנן? לבניו.״

א״ר יעקב דכפר חנן: ראוי היה אדם הראשון, שיעמדו ממנו שנים עשר שבטים, דכתיב: זה ספר תולדות אדם: ז׳ — שבעה, ה׳ — חמשה, — שנים עשר שבטים, הרי מנין ז״ה תולדות אדם.

---

און דרייצן מצוות [10], צוויי הונדערט אַכט און פערציק געבאָטן און דריי הונדערט פינף און זעכציק פאַרבאָטן, וואָלט ער דאָך אוודאי און אוודאי ניט געקענט ביישטיין!״ דעריבער שטייט געשריבן (איוב כח, כח): ויאמר לאדם — און ער האָט געזאָגט צום מענטשן, [לייען] לא אדם [11]: „ניט צו אדמען גיב איך זיי; נייערט צו וועמען גיב איך זיי? צו זיינע קינדער״.

ר׳ יעקב פון כפר חנן האָט געזאָגט: געשיקט וואָלט זיך, אַז פון אדם הראשונען זאָלן אַרויסקומען די צוועלף שבטים, ווי עס שטייט געשריבן: זה — דאָס איז דער ספר פון די געבורטן פון אדמען: ז באַטרעפט זיבן, ה — פינף, מיינט עס צוועלף שבטים, דאָס איז דער באַטרעף פון זה, דאָס [12] [זאָלן זיין] די געבורטן פון אדמען. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אדם איז די

---

קומען אין נוחס טעג (שיר השירים רבה, אויפן פסוק ישקני). [10] די צאָל מצוות פון דער תורה, תרי״ג. [11] ווייל עס שטייט ניט „אל האדם״, נייערט לאדם, ווערט עס גענומען ווי

באַשאַפונג פון מיינע הענט, זאָל איך אים ניט געבן די צוועלף שבטים?״ ווידער האָט ער געזאָגט: „מה־דאָך די צוויי זין וואָס איך האָב אים געגעבן, האָט זיך איינער אויפגעהויבן און געהרגעט זיין ברודער; אַ פשיטא שוין, ווען איך וואָלט אים געגעבן צוועלף זין!״ און דעריבער שטייט געשריבן: ויאמר לאדם, [לייען] לא אדם: „ניט צו אדמען גיב איך זיי״; נייערט צו וועמען גיב איך זיי? צו יעקב הצדיק״.

ר׳ יצחק האָט געזאָגט: געשיקט וואָלט זיך, אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן צו ישראל אַזוי גלייך ווי זיי זיינען אַרויס פון מצרים. נייערט הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „מיינע קינדער זיינען נאָך צו זייער קאָליר ניט געקומען; זיי זיינען [ערשט] אַרויס פון שקלאַפן ביי ליים און ציגל, קענען זיי ניט גלייך נעמען די תורה״. למשל, — צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מלך, וואָס זיין זון איז אויפגעשטאַנען פון אַ קראַנקייט, און מע האָט אים געזאָגט: „לאָז דיין זון גיין אין זיין שול אַריין״. האָט ער געזאָגט: „מיין זון איז נאָך צו זיין קאָליר ניט געקומען, און דו זאָגסט[13]: ׳לאָז דיין זון גיין אין שול אַריין.׳ נייערט זאָל מיין זון זיך וואוילטאָן אַ צוויי־דריי חדשים מיט עסן און טרינקען און זאָל ער געזונט ווערן, און נאָכדעם וועט ער גיין אין זיין שול אַריין״. אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „מיינע קינדער זיינען נאָך צו זייער קאָליר ניט געקומען; זיי זיינען [ערשט] אַרויס פון שקלאַפעריי ביי ליים און ציגל, זאָל איך זיי געבן די תורה? נייערט זאָלן זיך מיינע קינדער וואוילטאָן אַ צוויי דריי חדשים מיטן מן, מיטן קוואַל און מיטן וואַכטל[14] און נאָכדעם וועל איך זיי געבן די תורה״. ווען [איז די תורה געגעבן געוואָרן]? (שמות יט, א): אין דריטן חודש.

און ר׳ ביבי און ר׳ אייבו און ר׳ הונא האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יצחק בר מריון: געשיקט וואָלט זיך, אַז ווי ישראל איז אַרויס פון מצרים, אַזוי גלייך זאָלן זיי אַריינגיין אין לאַנד אַריין; נייערט דיביימער [אין לאַנד] זיינען געוועזן פאַרעלטערט פון בוהס טעג אָן.[15] האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „וואָס וועל איך אַריבערברענגען מיינע קינדער אין אַ חורבה? נייערט איך וועל זיי אַרומפירן דורכן מדבר פערציק יאָר, כדי די כנענים זאָלן דערווייל נעמען און אויסהאַקן די אַלטע און פאַרפלאַנצן נייע, כדי ישראל זאָל ביים אַריינגיין אין לאַנד עס געפינען פול מיט אַלדאָס גוטס.

---

אַ רמז, אַז מע דאַרף עס לייענען ווי צוויי ווערטער. [12] די צאָל 12. [13] דער איבערגאַנג פון מערצאָל אין איינצאָל (צוערשט: מע האָט אים געזאָגט, און נאָכדעם: און דו זאָגסט) נעמט זיך פון דעם, וואָס אין שיר השירים רבה אויף פרשה ב, ה, וואָס איז וואַרשיינלעך דער מקור פון דעם דרש, איז אויבן דער נוסח: אמר לו פדגוגו, — האָט אים זיין דערציער געזאָגט, אין איינצאָל. [14] זע שמות טז און יז. לויט אַ גמרא (תענית ט, א) ווערט דאָ אונטער קוואַל וואַרשיינלעך פאַרשטאַנען דער קוואַל פון מרים, (בארה של מרים) וואָס איז נאָכגעגאַנגען ישראל אין מדבר אין מרימס זכות, ביז זי איז געשטאָרבן (במדבר כ, א־ב).
[15] טעקסט־ענדערונג לויטן רד״ל.

אמר הקדוש ברוך הוא: אדם יציר כפי, ואיני נותן לו שנים עשר שבטים?" חזר ואומר: "ומה שני בנים נתתי לו, ועמד אחד מהם והרג לאחיו; אילו נתתי לו שנים עשר בנים, על אחת כמה וכמה!" ולכך כתיב: ויאמר לאדם — לא אדם, "איני נותנן לאדם; ולמי אני נותנן? ליעקב הצדיק."

א"ר יצחק: ראויין היו ישראל בשעה שיצאו ממצרים, שתנתן להם תורה מיד. אלא אמר הקדוש ברוך הוא: "עדיין לא בא זיוון של בני; משעבוד טיט ולבנים יצאו, ואין יכולין לקבל תורה מיד". משל למה הדבר דומה? למלך שעמד בנו מחליו, ואמרו לו: "ילך בנך לאיסכולי שלו". אמר: "עדיין לא בא זיוו של בני, ואתה אומר: 'ילך בנך לאיסכולי שלו'. אלא יתעדן בני שנים ושלשה ירחים במאכל ובמשתה ויבריא, ואחר כך ילך לאיסכולי שלו". כך אמר הקדוש ברוך הוא: "עדיין לא בא זיוון של בני; משעבוד טיט ולבנים יצאו, ואני נותן להם את התורה? אלא יתעדנו בני שנים ושלשה חדשים במן ובאר ושלו, ואחר כך אני נותן להם את התורה". אימתי? (שמות יט, א): בחדש השלישי.

וא"ר ביבי ור' איבו ור' הונא בשם ר' יצחק בר מריון: ראויין היו ישראל בשעה שיצאו ממצרים, שיכנסו לארץ מיד; אלא שהיו [האילנות] ישנות מימי נח (האילנות). אמר הקדוש ברוך הוא: "מה אני מכניס את ישראל לחרבה? אלא הריני מקיפן דרך המדבר ארבעים שנה, כדי שיעמדו הכנענים ויקוצו ישנות ויטעו חדשות, כדי שיכנסו לארץ וימצא אותה מליאה ברכות.

### טו

ד"א: את הכל עשה יפה בעתו, [רבי אומר: אפילו לדבר עבירה יפה בעתו]. ר' ברכיה אמר רבי אבהו בשם ר' אלעזר: מחלוקת שהיתה בין רחבעם וירבעם, בין דוד ושבע בן בכרי ראויה היתה להיות. אלא אמר הקדוש ברוך הוא: "עדיין לא נבנה

---

טו

אַן אַנדער פשט: אַלצדינג האָט ער געמאַכט פּאַסיק אין זיין צייט, — רבי האָט געזאָגט: אפילו אויף אַן עבירה איז דאָ אַ פּאַסיקע צייט.[1] ר' ברכיה פון ר' אבהוס וועגן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' אלעזרן: די מחלוקת וואָס איז פאָרגעקומען צווישן רחבעמען און ירבעמען[2] האָט געזאָלט פאָרקומען צווישן דודן און שבע בן בכרין.[3] נייערט הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט:

„דער בית המקדש איז נאָך ניט געבויט געוואָרן, זאָל איך אַריינברענגען קריגערייַ אין דער מלוכה פון דודס הויז? נייערט זאָל אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש, און נאָך דעם — וואָס עס וועט צום סוף זיין וועט זיין"[4].

ר' בנימין האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' לוין: גם — אויך די וועלט האָט ער אַריינגעגעבן אין זייער האַרצן, — אַ ליבשאַפט צו דער וועלט[5] האָט ער אַריינגעגעבן אין זייער האַרצן. ר' יונתן האָט געזאָגט: [די פאַרהוילונג] פון דער שרעק פאַרן מלאך המות האָט ער אַריינגעגעבן אין זייער האַרצן[6]. נחמיה דער זון פון ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: דער פסוק (בראשית א, לא): והנה טוב מאד, — ערשט עס איז זייער גוט, גייט אויפן מענטשן [מיט זיינע צוויי יצרים]: ערשט עס איז גוט, גייט אויפן יצר טוב; זייער [גוט] גייט אויפן יצר הרע. איז דען דער יצר הרע זייער גוט? נייערט דיך צו לערנען, אַז ווען ניט דער יצר הרע, וואָלט קיין מענטש קיינמאָל קיין הויז ניט געבויט און קיין ווייב ניט גענומען און קיין קינדער ניט געבוירן. דען אַזוי זאָגט שלמה (קהלת ד, ד): כי היא — אַז דאָס איז אויס קנאה פון איינעם צום אַנדערן[7]. ר' ברכיה און ר' אבהו האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר' יונתן: אויך די וועלט האָט ער אַריינגעגעבן אין זייער האַרצן, — אַ ליבשאַפט צו יונגשאַפט[8] האָט ער אַריינגעגעבן אין זייער האַרצן, אַ ליבשאַפט צו קליינ־וואַרג האָט ער אַריינגעגעבן אין זייער האַרצן. למשל, צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַט צוויי זין, איינער אַ גרויסער און איי־

---

טו. [1] אין דער ראָם אויסגאַבע פון תרס"ט געפינט זיך רביס מימרא צום סוף פונעם פריערדיקן סימן. מיר האָבן עס געשטעלט צום אָנהייב פון סימן טו לויט דער אויסגאַבע פון תרנ"ז (מיט די ענפים), און דערביי געשטעלט צוערשט דעם פסוק, לויטן רד"ל, און ר' ברכיהס מימרא קומט לויט דעם ווי אַן אויפקלערונג צו רביס ווערטער. [2] ווען די יידישע מלוכה איז צעריסן געוואָרן אויף צווייען (מלכים א, יב). [3] וואָס האָט געמאַכט אַן אומגעלונגענעם אויפשטאַנד קעגן דודן (שמואל ב, כ). — פאַרגלייך שבת נו, ב: ר' יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבן: בשעת דוד האָט געזאָגט צו מפיבושתן (שמואל ב, יט, ל): דו און ציבא זאָלט זיך טיילן מיטן פעלד, איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט צו אים: „רחבעם און ירבעם זאָלן צעטיילן די מלוכה". און נאָך האָט ר' יהודה אין רבס נאָמען געזאָגט: ווען דוד וואָלט דאַן ניט אויפגענומען קיין לשון הרע (אויף ציבאן), וואָלט די מלוכה פון דודס הויז ניט צעטיילט געוואָרן. [4] אין אַלע אויסגאַבעס געפינט זיך דאָ אין קלאַמערן אַן איבערחזרונג פון רביס ווערטער, וואָס קוקט אויס אינגאַנצן איבעריק. סיידן מע זאָל עמענדירן דעם טעקסט אויף והיינו דאמר רבי, און דאָס איז וואָס רבי האָט געזאָגט — — —. [5] צום לעבן. [6] גאָט האָט געמאַכט מענטשן צו פאַרגעסן, אַז זייער לעבן איז פאַרגענגלעך, אַנדערש וואָלט זיי דאָס לעבן ניט איינגעגאַנגען, און זיי וואָלטן זיך מיט קיין זאַך ניט געקענט פאַרנעמען. דאָס וואָרט פאַרהוילונג (העלם, אַן אָנשפּיל אויף העולם, געשריבן אין פסוק אָן אַ ו) האָבן מיר צוגעגעבן לויטן ילקוט און לויט רש"י אויף אונדזער פסוק, און אַזוי איז עס אויך לויטן מתנות כהונה. דער רד"ל טייטשט אַנדערש דעם מאמר. [7] די באַמיאונגען פון מענטשן און זייער פאַרלאַנג אַרויסצואווייזן בריהשאַפט נעמט זיך פון דעם, וואָס איינער איז מקנא דעם צווייטן, און קנאה שטאַמט פון יצר הרע. [8] עלם — העולם. לויטן ילקוט דאַרף דאָ אָנשטאָט עלם זיין עוללים, קליינ־וואַרג. [9] הועלם — העלם (ווייל אָן אַ ו, ווי אויבן). [10] גאָטס אמתער נאָמען, וואָס איז

בית המקדש, ואני מכניס מחלוקת במלכות בית דוד? אלא יבנה בית המקדש, ואחר כך מה דהוי בסופא הוי״. (רבי אומר: אפילו לדבר עבירה יפה בעתו.)

ר׳ בנימין בשם ר׳ לוי אמר: גם את העלם נתן בלבם, — אהבת עולם נתן בלבם. אמר ר׳ יונתן: [העלם] פחדתו של מלאך המות נתן בלבם. נחמיה בריה דר׳ שמואל בר נחמן אמר (בראשית א): והנה טוב מאד, (והנה טוב) זה אדם: והנה טוב, זה יצר טוב; מאד, זה יצר הרע. וכי יצר הרע טוב מאד? אלא ללמדך, שאילולי יצר הרע לא בנה אדם בית ולא נשא אשה ולא הוליד בנים. שכן שלמה אומר (קהלת ד, ד): כי היא קנאת איש מרעהו. ר׳ ברכיה ור׳ אבהו בשם ר׳ יונתן אמר: גם את העלם נתן בלבם, — אהבת עלם נתן בלבם, אהבת תינוקות נתן בלבם. משל למה הדבר דומה? למלך שהיו לו שני בנים, אחד גדול ואחד קטן. הגדול מכבד והקטן מטנף; אף על פי כן הוא אוהב את הקטן יותר מן הגדול.

אמר ר׳ אחווה בריה דר׳ זירא: העלם, — הועלם מהם שם המפורש. משל למלך שעשה סעודה, זימן אורחים. משאכלו ושתו, אמרו לו: „תן לנו חרבות ורמחים ונשחק בהם״. נתן להם שבישתא דהדס, והכו אלו את אלו ופצעו אלו את אלו. אמר המלך: „ומה אני נתתי לכם שבישתא של הדס, כך עשיתם; אלו נתתי לכם חרבות ורמחים, על אחת כמה וכמה!״ כך אמר הקדוש ברוך הוא: „ומה אם שעה שהעלמתי מהם שם המפורש,

---

נער אַ קליינער. דער גרויסער טיילט צו כבוד און דער קליינער מאַכט שמוציק; פונדעסטוועגן האָט ער ליב דעם קליינעם מער פונעם גרויסן.

ר׳ אחווה דער זון פון ר׳ זיראַן האָט געזאָגט: העלם מיינט: ס׳איז פאַר־הוילן געוואָרן [9] פון זיי דעם שם המפורש.[10] ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה און האָט פאַרבעטן געסט. אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָבן זיי געזאָגט צו אים: „גיב אונדז שווערדן און שפּיזן, ווען מיר זיך אַ שפּיל טאָן מיט זיי״. האָט ער זיי געגעבן צווייגן פון מירטן, און זיי האָבן איינער דעם אַנדערן צעשלאָגן און צעוואונדיקט. האָט דער מלך געזאָגט: „מה־דאָך ווען איך האָב אייך געגעבן צווייגן פון מירטן האָט איר אַזוי געטאָן; אַ פשיטא שוין, ווען איך וואָלט אייך געגעבן שווערדן און שפּיזן!״ אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „מה־דאָך ווען איך האָב פאַר־

הוילן פון זיי דעם שם המפורש, הרגענען זיי מיט אַ ביי־נאָמען;[11] אַ פּשיטא שוין, ווען איך וואָלט זיי געגעבן און אַנטפּלעקט דעם שם המפורש!" געשען איז אַ מעשה מיט איינער אַ פּערסישער פרוי, וואָס האָט געשאָלטן איר זון מיט איין טייל פונעם שם המפורש. שמואל האָט עס געהערט און ער האָט געזאָגט: „גיי גרייט אים צו תכריכים".

ר' חנינא האָט געהאַט [12] דעם שם המפורש. ווען ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער געזאָגט: „איז דאָ פאַראַן אַ מענטש, וואָס מע קען עס אים איבערגעבן?" האָט מען געזאָגט: „דאָ איז פאַראַן עניני בר נחשון". האָט ער געשיקט נאָך אים. און ער איז געקומען. איז אַריין זיין זון און האָט זיך באַהאַלטן אונטערן בעט. אַז ער האָט געהאַלטן ביים איבערגעבן, האָט זיך דאָס ייִנגל צענאָסן. האָט ר' חנינא [13] געזאָגט: „גיי אַרויס פון דאָרטן, דו האָסט ניט זוכה געווען עס צו הערן און ער האָט ניט זוכה געווען עס צו באַקומען."[14]

איינער אַ רופא [15] אין צפּורי האָט געהאַט דעם שם המפורש. אַז ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער געזאָגט: „איז דאָ פאַראַן אַ מענטש וואָס מע קען עס אים איבערגעבן?" האָט מען געזאָגט: „דאָ איז פאַראַן ר' פּינחס בר חמא". האָט ער געשיקט נאָך אים, און ער איז געקומען. האָט ער אים געפרעגט: „האָסטו עפּעס גענומען אויף דיין לעבן פון אַ ייִדן?" האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב גענומען מעשר". האָט ער ניט געוואָלט נעמען אויף זיך אים איבערצוגעבן. ער האָט געזאָגט: „טאָמער וועט ער עפּעס מאָנען ביי אַ מענטשן, און יענער וועט אים ניט געבן, וועט ער אין כעס ווערן אויף אים און וועט אים הרגענען".[16]

מיר האָבן געלערנט: מע גיט ניט איבער דעם שם צו יעדן איינעם, און ניט צו איינעם וואָס האַלט ערשט אין מיטן פון זיין לעבן, נייערט צו איינעם וואָס האָט שוין אָפּגעלעבט דעם גרעסערן טייל פון זיינע יאָרן. און מע גיט עס אַנדערש ניט איבער, נייערט שטייענדיק, און מע גיט עס אַנדערש ניט איבער, נייערט אין אַ ריין אָרט און ביי אַ וואַסער.[17]

פאַרצייטן פלעגט מען אים איבערגעבן איטלעכן מענטשן. אָבער זינט עס האָבן זיך געמערט די זינדיקע, האָט מען איינגעפירט, אַז מע זאָל אים ניט איבערגעבן נייערט צו די אָפּגעהיטנסטע צווישן די כוהנים, און די אָפּגעהיטנסטע צווישן די כוהנים פלעגן אים פאַרשלינגען אינעם געזאַנג פון די כוהנים.[18] ר' טרפון האָט געזאָגט: איין מאָל בין איך אַרויף מיט שמשו־

---

געהאַלטן געוואָרן בסוד; דער וואָס ווייסט אים, באַזיצט אַן איבערנאַטירלעכן כוח. [11] אייער פון דעם אייבערשטנס נעמען וואָס ווערט גענוצט אָנשטאָט דעם שם המפורש. [12] האָט געוואוסט. [13] עמענדירט לויטן ירושלמי (יומא ג, ז), און אַזוי איז אויך גורס דער מתנות כהונה. [14] אין ירושלמי איז דער נוסח: „וואָס, איר פירט זיך דאָ מיט רמאות? גיי, ניט דיר, ניט אים". [15] אסיא, — לויטן גליון אפרים (ירושלמי דאָרט) מיינט עס איינער פון די איסיים, וואָס פלעגן זיך באַנוצן מיט הייליקע שמות. [16] מיטן כוח פון שם המפורש. [17] ווערט מען אומריין, זאָל מען זיך גלייך קענען אָפּטובלען; לויטן רד"ל — ווייט פון

הם הורגים בכינוי; אלו נתתי וגליתי להם שם המפורש, על אחת כמה וכמה!״ עובדא הוה בחד אינתא פרסייא, דאקלת ברה בחדא מילה מן שמא מפרשא. שמעה שמואל, אמר: „זיל אתקין ליה תכריכין״.

ר׳ חנניא הוה בידו שם המפורש. כד אתי מידמך, אמר: „אית הכא בר נש דמימסור ליה?״ אמרין: „אית הכא עניני בר נח-שון״. שלח בתריה ואתא. ועלל בריה ואיטמר תחות ערסא. כד אתי ממסור, עטוש ההוא ינוקא. אמר (אבוי) [ר׳ חנינא]: „פוק לך מן תמן; את לא זכית למישמע ודין לא זכה למיקבלה״.

חד אסיא בציפורי הוה בידו שם המפורש. כד בעא למידמך, אמר: „אית הכא בר נש דמימסור ליה?״ אמרין: „אית הכא ר׳ פינחס בר חמא״. שלח בתריה ואתא. ושאיל יתיה ואמר ליה: „נסיבת מן יהודאי כלום מן יומיך?״ אמר ליה: „נסיבית מעשר.״ ולא קבל עליה למימסר ליה. אמר: „דילמא תבע גבי בר נש כלום, ולא יהיב ליה, וכעס עליה וקטל ליה״.

תנא: אין מוסרין את השם לכל אדם, ולא לעומד בחצי ימיו, אלא למי שיצאו רוב שניו. ואין מוסרין אותו אלא מעומד, ואין מוסרין אותו אלא במקום טהור ועל המים.

בראשונה היו מוסרין אותו לכל אדם. וכשרבו הפושעים התקינו, שלא יהו מוסרין אותו אלא לצנועים שבכהונה, והצ-נועים שבכהונה היו מבליעין אותו בתוך נעימת הכהנים. א״ר טרפון: פעם אחת עליתי עם שמשון אחי אמא על הדוכן, והטיתי אזני כלפי כהן גדול, והבליעו בתוך נעימת הכהנים. ואמר ר׳ טרפון: פעם אחת שמעתי, ונפלתי על פני.

הקרובים, כשהם שומעים אותו נופלים על פניהם: ו[ה-

---

נען, מיין מאַמעס ברודער, אויפן דוכן,[19] און איך האָב צוגענויגט מיין אויער צום כוהן גדול, אָבער ער האָט אים פאַרשלונגען אינעם געזאַנג פון די כוה-נים. און נאָך האָט ר׳ טרפון געזאָגט: איין מאָל האָב איך עס געהערט, בין איך געפאַלן אויפן פּנים.

די נאָענטע,[20] ווען זיי פלעגן דערהערן דעם שם, פלעגן זיי פאַלן אויף

---

מענטשן, כדי קיינער זאָל זיך ניט אונטערהערן. [18] אין קידושין עא, א, רעדט זיך וועגן דעם שם פון צוועלף אותיות: ווען די כוהנים פלעגן ביים דוכענען אויסזינגען דעם שם פון פיר אותיות, פלעגן די אָפּגעהיטנסטע צווישן זיי, וואָס האָבן געוואוסט דעם שם פון צוועלף אותיות, שטילערהייט אַרויסזאָגן דעם דאָזיקן שם, און קיינער פלעגט אים ניט

**זייערע פנימער; און** [די ווייטע [21] פלעגן] **זאָגן: „ברוך — געבענטשט זאָל זיין דער נאָמען פון זיין מלכותדיקער פּראַכט אויף אייביק און אייביק". סיי די סיי יענע פלעגן זיך פון אָרט ניט רירן, ביז וואַנען דער שם איז פאַר־הוילן געוואָרן פון זיי, ווי דער פּסוק זאָגט** (שמות ג, טו): זה שמי לעולם — דאָס איז מיין נאָמען אויף אייביק, — **דער** כתיב **איז** לעלם,[22] **צו פאַרהוילן. און צו וואָס די גאַנצע** [**פאַרזיכטיקייט**]? מבלי — כדי דער מענטש זאָל ניט קענען אויסגעפינען די טוואונג וואָס גאָט האָט געטאָן פון אָנהייב ביזן סוף.[23]

## טז

(יב—יג) ידעתי — איך וויים, אַז ס'איז ניטאָ קיין בעסערס פאַר זיי, נייערט זיך צו פרייען און זיך וואוילטאָן כל זמן מע לעבט. און אויך וואָס איטלעכער מענטש עסט און טרינקט [און זעט גוטס אין זיין גאַנצער מי, — דאָס איז אַ מתנה פון גאָט]. **ר' תנחומא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' נחמן דעם זון פון רב שמואל בר נחמן, און ר' מנחמא — און אַנדערע זאָגן: ר' ירמיה און ר' מיאשה — אין נאָמען פון ר' שמואל דעם זון פון רב יצחקן: איטלעכס מאָל וואָס אין דער דאָזיקער מגילה ווערט דערמאָנט עסן און טרינקען, רעדט דער פּסוק וועגן תורה און מעשים טובים. ר' יונה האָט געזאָגט: דער הויפּט יסוד פאַר די אַלע איז דער פּסוק וואָס זאָגט** (קהלת ח, טו): [אשר אין טוב — דען ס'איז ניטאָ פאַרן מענטשן קיין בעסערס אונ־טער דער זון, נייערט צו עסן און טרינקען און זיין פריילעך], און דאָס זאָל אים באַגלייטן אין זיין מי, — [**לייען ניט** בעמלו, אין זיין מי, **נייערט**] בעולמו, **אויף זיין וועלט, אויף** דער וועלט; ימי — די טעג פון זיין לעבן. [**וואָס מיינט] אין קבר אַריין. אָבער איז דען פאַראַן אַן עסן און אַ טרינקען אין קבר, וואָס זיי זאָלן באַגלייטן דעם מענטשן אין זיין קבר? נייערט דאָס מיינט תורה און מעשים טובים וואָס דער מענטש טוט.**[1]

## יז

(יד) ידעתי — איך וויים, אַז אַלץ וואָס גאָט טוט, דאָס וועט זיין אויף אייביק. **ר' יהודה בר' סימון האָט געזאָגט: לעולם וואָלט אדם הראשון געדאַרפט לעבן אייביק;[1] טאָ פאַרוואָס איז נגזר געוואָרן אויף אים דער טויט? נייערט** והאלהים — אָבער גאָט האָט געמאַכט, אַז מע זאָל מורא האָבן פאַר אים.[2]

---

הערן. [19] אַ פּלאַטפאָרם אין בית המקדש, וואו די כוהנים פלעגן זיך שטעלן צו בענטשן דאָס פאָלק (דערפון דאָס וואָרט דוכנען). [20] די וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צום כוהן גדול, ווען ער פלעגט יום כיפור אין בית המקדש אַרויסרעדן דעם שם (אַזוי איז עס אין ירושלמי). [21] וואָס פלעגן ניט קענען הערן. — טעקסט עמענדירט לויטן ירושלמי. [22] אָן אַ ו. [23] דאָס איז דער סוף פון פּסוק יא: דער שם המפורש דאַרף בלייבן פאַרהוילן, כדי מע זאָל מיט זיין הילף ניט קענען אויסגעפינען די סודות פון דער צוקונפט, און פון דעם באַשאַף בכלל.

טז. [1] דער גאַנצער סימן איז אַן איבערחזרונג פון אויבן, ב, כו.

יז. [1] וויבאַלד דער פּסוק זאָגט, אַז אַלץ וואָס גאָט טוט, דאָס וועט זיין אויף אייביק. [2] דער סוף פונעם פּסוק, — כביכול, הייסט עס, האָט געביטן זיין לכתחילהדיקן פּלאַן,

רחוקים היו] אומרים: „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד״. אלו ואלו לא היו זזין משם, עד שעה שנתעלם מהם, שנאמר (שמות ג): זה שמי לעולם — לעלם כתיב. וכל כך למה? מבלי אשר לא ימצא האדם את המעשה אשר עשה האלהים מראש ועד סוף.

טז

(יב־יג) ידעתי, כי אין טוב בם, כי אם לשמוח ולעשות טוב בחייו. וגם כל האדם שיאכל ושתה, וכו׳. ר׳ תנחומא אמר ר׳ נחמן בריה דרב שמואל בר נחמן; ר׳ מנחמא, ואמרי ליה ר׳ ירמיה ור׳ מיאשה, בשם ר׳ שמואל בר רב יצחק: כל אכילה ושתיה שנאמר במגילה הזאת, בתורה ובמעשים טובים הכתוב מדבר. א״ר יונה: בנין אב שבכולן, שנאמר (קהלת ח): והוא ילונו בעמלו — בעולמו, בעולם הזה; ימי חייו — לקבר. וכי יש מאכל ומשתה בקבר, שמלוין את האדם לקברו? אלא אלו תורה ומעשים טובים שעושה האדם.

יז

(יד) ידעתי, כי כל אשר יעשה האלהים הוא יהיה לעולם, וכו׳. אמר ר׳ יהודה ברי סימון: ראוי היה אדם הראשון שיהיה חי וקים לעולם; ומפני מה נקנסה עליו מיתה? אלא והאלהים עשה, שייראו מלפניו. א״ר אלעזר: מתחילת ברייתו של עולם נאמר (בראשית א): יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד; וכל כך למה? ותראה היבשה. ומפני מה כתיב (עמוס ה, ט): הקורא למי הים וישפכם על פני הארץ, ה׳ שמו שתי פעמים, אחד בדור המבול ואחד בדור הפלגה? אלא והאלהים עשה, שייראו מלפניו.

---

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: ביים אָנהייב פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט ווערט געזאָגט (בראשית א, ט): יקוו — זאָלן זיך איינזאַמלען די וואַסערן פון אונטערן הימל אין איין אָרט; און אויף וואָס דאַרף מען עס? ותראה — אַז עס זאָל זיך באַוויזן די יבשה. טאָ פאַרוואָס־זשע שטייט געשריבן (עמוס ה, ח; ט, ו): הקורא — דער וואָס רופט די וואַסערן פון ים און גיסט זיי אויס אויפן פנים פון דער ערד, גאָט איז זיין נאָמען — צוויי מאָל, איין מאָל אויפן דור המבול און איין מאָל אויפן דור הפלגה[3]? נייערט — אָבער גאָט האָט געמאַכט, אַז מע זאָל מורא האָבן פאַר אים.

---

ווייל אויב דער מענטש וועט לעבן אייביק, וועט ער אינגאַנצן אין גאָט פאַרגעסן (און אויף דעם געדאַנק זיינען געבויט אַלע וויטערדיקע דרשות פון דעם סימן). [3] פאַרוואָס,

**ריש לקיש האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן** (דברים יג, א): את כל — דאָס גאַנצע וואָרט וואָס איך באַפעל אייך, דאָס זאָלט איר אָפּהיטן צו טאָן; זאָלסט ניט צוגעבן דערצו און זאָלסט ניט מינערן דערפון. **אָבער צדיקים גיבן צו צו דעם און מינערן דערפון.**[4] **ר׳ יוסי בר׳ חנינא האָט געזאָגט: [עס שטייט געשריבן** (דברים יב, יג): השמר לך — היט דיך, טאָמער וועסטו אויפּברענגען דיינע עולות אין איטלעכן אָרט וואָס דו וועסט זען],[5] **איז פון דאַנעט געדרונגען, אַז [מקריב צו זיין קרבנות אויף] אַ במה**[6] **ווערט ניט דערלויבט, נייערט דורך אַ נביא.** און אליהו שטייט און איז מקריב אויפן שפּיץ פון כרמל.[7] **ר׳ שמלאי האָט געזאָגט: דאָס וואָרט [פון גאָט]**[8] **האָט עס אים געזאָגט, [ווי עס שטייט געשריבן]** (מלכים א, יח, לו): ובדברך — און דורך דיין וואָרט האָב איך געטאָן דידאָזיקע אַלע זאַכן.

**ר׳ חנינא האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן** (שמואל ב, ז, טז): ונאמן — און פעסט וועט זיין דיין הויז און דיין מלוכה [ביז אייביק], — **ווען [איז דאָס געוועדט געוואָרן]?** (תהלים קלב, יב) אם ישמרו — אויב דיינע קינדער וועלן אָפּהיטן מיין בונד; **אָבער אויב ניט** (דאָרט פט, לג): ופקדתי — וועל איך שטראָפן מיט אַ רוט זייער פאַרברעכן.

**ר׳ יודן האָט געזאָגט: גרויס**[9] **איז גאָטספאָרכטיקייט, דען הימל און ערד זיינען אַנדערש ניט באַשאַפן געוואָרן, נייערט אין זכות פון גאָטספאָרכטי־קייט; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט:** אָבער גאָט האָט געמאַכט,[10] אַז מע זאָל מורא האָבן פאַר אים. **ר׳ ירמיה האָט געזאָגט: גרויס איז גאָטספאָרכטיקייט, דען צוויי ספרים וואָס שלמה האָט געשריבן האָט ער ניט אַנדערש פאַרענ־דיקט, נייערט מיט גאָטספאָרכטיקייט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן אין ספר משלי** (לא, ל): שקר החן — פאַלש איז חן און נישטיק איז שיינקייט; אַ גאָטספאָרכטיק ווייב, זי זאָל געריימט ווערן. **און אין דעמדאָזיקן ספר שטייט געשריבן** (יב, יג): סוף דבר — דער סוף פון דער זאַך, נאָכדעם ווי אַלץ איז געהערט געוואָרן: האָב מורא פאַר גאָט.

**ר׳ שמעון בן לקיש איז אַרויף פון חמת גדר;**[11] **האָט אים באַגעגנט ר׳**

---

**הייסט עס, האָט גאָט געמאַכט צוויי מאָל אַ פאַרפלייצונג, בעת לכתחילה האָט ער געמאַכט, אַז ים זאָל זיין באַזונדער און יבשה באַזונדער? — וועגן אַ פאַרפלייצונג אין דעם דור הפלגה** (דער דור ווען די מענטשהייט איז צעטיילט געוואָרן אויף פעלקער און שפּראַכן, בראשית יא, א—ט) זע בראשית רבה לח, י, וואו די רבנן דרשנען ויפץ (און ער האָט צעשפּרייט) ווי עס וואָלט געשטאַנען ויצף, און ער האָט זיי פאַרפלייצט מיטן וואַסער פונעם ים. [4] **אין טעקסט איז דער נוסח** ואין גורעין, **און מינערן ניט; אָבער לויטן אינהאַלט ווייטער קומט אויס, אַז זיי מינערן יאָ. מיר האָבן עס עמענדירט אין הסכם מיטן** רד״ל.
[5] **צוגעגעבן לויט** ויקרא רבה, כב, ט, **אַנדערש איז אומפאַרשטענדלעך דער נוסך** מכאן — פון דאַנען איז געדרונגען. [6] **אַ הויך אָרט, אויסערן בית המקדש.** [7] **כאָטש פון דער תורה איז עס פאַרבאָטן; ער האָט עס אָבער געטאָן, כדי מענטשן זאָלן זיך אָפּלערנען מורא צו האָבן פאַר גאָט** (זע מלכים א, יח, לט). [8] **עמענדירט לויט** ירושלמי תענית ב, ח, **און** ירו־שלמי מגילה א, יא. [9] **זייער וויכטיק.** [10] **באַשאַפן די וועלט.** [11] **עמענדירט לויטן** רד״ל.

**אמר ריש לקיש: כתיב** (דברים יג): את כל הדבר אשר אנכי מצוה אתכם, אותו תשמרו לעשות; לא תוסף עליו ולא תגרע ממנו. **אבל הצדיקים מוסיפין עליו (ואין) [ו] גורעין ממנו. אמר ר' יוסי בר' חנינא [כתיב** (דברים יב): השמר לך, פן תעלה עולו־תיך בכל מקום אשר תראה], — **מכאן, שאין הבמה ניתרת אלא על ידי נביא, ואליהו עומד ומקריב בראש הכרמל. א"ר שמלאי (דברויירא) [דבורא] אמר ליה** (מלכים א, יח): בדבריך עשיתי את כל הדברים האלה.

**אמר ר' חנינא: כתיב** (שמואל ב, ז): ונאמן ביתך וממלכתך,— **אימתי?** (תהלים קלב): אם ישמרו בניך בריתי, **וגו'; ואם לאו** (שם פט): ופקדתי בשבט פשעם, **וגו'.**

**אמר ר' יודן: גדולה היא היראה, ששמים וארץ לא נבראו אלא בזכות היראה; הה"ד:** והאלהים עשה, שייראו מלפניו. **א"ר ירמיה: גדולה היא היראה, ששני ספרים שכתב שלמה, לא חתמן אלא ביראה; הה"ד בספר משלי** (לא): שקר החן והבל היפי, אשה יראת ה' היא תתהלל. **ובספרא הדין כתיב** (יב): סוף דבר — הכל נשמע: את האלהים ירא.

**ר' שמעון בן לקיש הוה עליל מן (המתגדר) [חמת גדר]; פגע ביה ר' יונתן. אמר ליה: „היך מרי אמר אלין קרייא?" ומסר ליה. ואלין קרייא מקרתה:**

**כך גזר הקב"ה על העליונים, שיהא עליונים, ועל התחתונים, שיהיו תחתונים. עמד משה ועשה עליונים תחתונים, ותחתונים**

---

יונתן. **האָט ער אים געפרעגט:**[12] **„ווי דערקלערט מיין האַר דידאָזיקע פּסו־קים?" און ער האָט אים איבערגעגעבן** [די פּסוקים].[13] **און דאָס זיינען די פּסוקים וואָס ער האָט מיט אים געלייענט** [און באַשיידט][14]:

**אזוי האָט הקדוש ברוך הוא גוזר געווען אויף די אייבערשטע, אַז זיי זאָלן זיין אייבערשטע, און אויף די אונטערשטע, אַז זיי זאָלן זיין אונטערשטע. איז אויפגעשטאַנען משה און האָט געמאַכט פון די אייבערשטע אונטערשטע,**

---

[12] ריש לקיש האָט געפרעגט ר' יונתן, ווייל לויטן ירושלמי (ראש השנה ב, ה), איז ר' יוחנן געווען יינגער פון ר' יונתן, און ריש לקיש איז געווען ר' יוחננס אַ תלמיד־חבר, איז ניט מעגלעך, אַז ר' יונתן זאָל רופן ריש לקישן מיין האַר, ווי דער איבערזעצער פון סאָנטשינא וויל עס האָבן. [13] ר' שמעון בן לקיש האָט אויסגערעכנט פאַר ר' יונתן די פּסוקים וואָס ער האָט געוואָלט אַ דערקלערונג צו זיי. [14] דער מתנות כהונה ברענגט דאָ אַ נוסח פון אות אמת: מסרתו, ער האָט אים איבערגעגעבן, און ענלעך צו דעם לייענט

און פון די אונטערשטע — אייבערשטע; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (שמות יט, ג): ומשה — און משה איז אַרויף צו גאָט; [און פאַרקערט שטייט] (דאָרט פסוק כ): וירד ה׳ — און גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויפן באַרג סיני.

אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא גוזר געווען אויף די אונטערשטע, אַז זיי זאָלן עסן און טרינקען, און אויף די אייבערשטע, אַז זיי זאָלן ניט עסן און ניט טרינקען. איז אויפגעשטאַנען אברהם און האָט געמאַכט, אַז די אייבער־שטע זאָלן עסן און טרינקען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית יח, ח): והוא — און ער איז געשטאַנען לעבן זיי אונטערן בוים, און זיי האָבן געגעסן. — אָבער האָבן זיי דען געגעסן? ר׳ נתן האָט געזאָגט: זיי האָבן אויסגעקוקט, ווי זיי וואָלטן געגעסן, און [די עסנס] פלעגן פאַרשווּאונדן ווערן איינס נאָכן צווייטן. איז אויפגעשטאַנען משה און האָט געמאַכט די אונטערשטע, אַז זיי זאָלן ניט עסן און ניט טרינקען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות כד, כח): ויהי שם — און ער איז דאָרט געווען מיט גאָט פערציק טעג און פערציק נעכט; קיין ברויט האָט ער ניט געגעסן און קיין וואַסער האָט ער ניט געטרונקען.

אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא גוזר געווען אויפן ים, ער זאָל זיין ים, און אויף דער יבשה, זי זאָל זיין יבשה. איז אויפגעשטאַנען משה און האָט גע־מאַכט פון ים יבשה; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט יד, כב): ויבאו — און די קינדער פון ישראל זיינען אַריין אין מיטן ים אין דער טריקעניש. איז אויפגעשטאַנען אלישע, זיין תלמידס תלמיד,[15] און האָט געמאַכט פון יבשה ים; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (מלכים ב, ג, טז): עשה — זאָל מען מאַכן דעם דאָזיקן טאָל גריבער אויף גריבער — — — [און דער דאָזיקער טאָל וועט אָנגעפילט ווערן מיט וואַסער].

אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא גוזר געווען, אַז די הימלען זאָלן אים לויבן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יט, ב): השמים — די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאָט; איז אויפגעשטאַנען משה און האָט זיי איינגעשטילט, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לב, א): האזינו — פאַרנעמט, איר הימלען, און לאָמיך רעדן.

אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא גוזר געווען אויף דער זון און אויף דער לבנה, אַז זיי זאָלן אים לויבן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיג, ג): ממזרח שמש — פון דעם אויפגאַנג פון דער זון ביז איר אונטערגאַנג ווערט געלויבט דער נאָמען פון גאָט, — מהלל שטייט געשריבן;[16] איז אויפגעשטאַנען זיין

---

אויך דער רד״ל. [15] אליהו, אלישעס רבי, איז לויט אַ מסורה אידענטיש מיט פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, וואָס האָט געלעבט אין משהס טעג, און איז ממילא געווען זיינער אַ תלמיד. וועגן דער אידענטישקייט פון פינחסן מיט אליהון זע ילקוט: יהושע סימן טו, מלכים סימן ריז, און אָנהייב פון פרשׂה פינחס (ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: פינחס איז אליהו); זע אויך פרקי דר׳ אליעזר סוף פרק כט און פרק מז, ווי אויך מדרש אגדה בובער, ירושלים תשכ״א, פרשה פינחס. [16] מהלל, ווערט געלויבט, שרייבט זיך מיט אַ קובוץ אונטער דער ה, אָן אַ וו, קאָן מען עס לייענען, ווי עס וואָלט געווען געשריבן מיט

—**עליונים; הה״ד** (שמות יט): ומשה עלה אל האלהים; (שם כ) וירד ה׳ על הר סיני.

**כך גזר הקב״ה על התחתונים שיאכלו וישתו, ועל העליונים שלא יאכלו ולא ישתו. עמד אברהם ועשה עליונים אוכלים ושו־תים; הה״ד** (בראשית יח): והוא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו, — **וכי אוכלין היו? א״ר נתן: נראין כאוכלין היו, הראשון ראשון מסתלק. עמד משה ועשה תחתונים שאין אוכלים ואין שותין; הה״ד** (שמות כד): ויהי שם עם ה׳ ארבעים יום וארבעים לילה, לחם לא אכל ומים לא שתה.

**כך גזר הקב״ה על הים שיהא ים, ועל היבשה שתהא יבשה. עמד משה ועשה ים יבשה; הה״ד** (שם יד): ויבאו בני ישראל בתוך הים ביבשה. **עמד אלישע תלמיד תלמידו ועשה יבשה ים; הה״ד** (מלכים ב, ג): עשה הנחל הזה גבים גבים, **וגו׳.**

**כך גזר הקב״ה, שיהיו השמים מקלסין אותו, שנאמר** (תהלים יט): השמים מספרים כבוד אל; **עמד משה ושיתקן, שנאמר** (דברים לב): האזינו השמים ואדברה.

**כך גזר הקב״ה על השמש ועל הירח שיהיו מקלסין אותו, שנאמר** (תהלים קיג): ממזרח שמש עד מבואו מהלל שם ה׳, — מהלל **כתיב; עמד יהושע תלמידו ושיתקן, שנאמר** (יהושע י): שמש בגבעון דום וירח בעמק אילון.

**כך גזר הקב״ה על קיץ שיהיה קיץ ועל החורף שיהיה חורף. עמד שמואל ועשה קיץ חורף, שנאמר** (שמואל א, יב): הלא קציר חטים היום, **וגו׳. עמד אליהו ועשה החורף קיץ, שנאמר** (מלכים א, יז): אם יהיה השנים האלה טל ומטר, כי אם לפי דברי.

---

**תלמיד און האָט זיי איינגעשטילט, ווי דער פסוק זאָגט** (יהושע י, יב): שמש — דו זון, שטיי שטיל אין גבעון, און לבנה — אין טאָל אילון!

**אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא גוזר געווען, אַז זומער זאָל זיין זומער, און ווינטער זאָל זיין ווינטער. איז אויפגעשטאַנען שמואל און האָט געמאַכט פון זומער ווינטער, ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל א, יב, יז): הלא — היינט איז דאָך ווייצשניט. [וועל איך רופן צו גאָט, און ער וועט געבן דונערן און רעגן.][17] **איז אויפגעשטאַנען אליהו און האָט געמאַכט פון ווינטער זומער, ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, יז, א): אם יהיה — אויב עס וועט זיין אין די דאָזיקע יאָרן טוי און רעגן, סיידן לויט מיין וואָרט.[18]

---

**אַ פתח, און עס ווערט פאַרשטאַנען, אַז די זון לויבט גאָט. [17] ווינטער איז די צייט פון**

אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא גוזר געווען, אַז טאָג זאָל זיין טאָג און נאַכט זאָל זיין נאַכט. איז אויפגעשטאַנען יעקב אבינו און האָט געמאַכט פון טאָג נאַכט, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כח, יא): ויפגע — און ער האָט געטראָפן אַן אָרט און האָט דאָרטן גענעכטיקט, ווייל די זון איז אונטערגעגאַנגען, — אַוודאי [קאָן מען די ווערטער כי בא השמש, ווייל די זון איז אונטערגעגאַנגען, לייענען] כבה השמש, ער האָט אויסגעלאָשן די זון.[19] די רבנן זאָגן: הקדוש ברוך הוא האָט געלאָזט אונטערגיין דעם זון־באַלעם ניִשט אין צייט און ער האָט גערעדט מיט אים בסוד.[20] ס׳איז אַ משל מיט אַ מלכּס אַ פריינט וואָס פלעגט קומען צו אים אין באַשטימטע צייטן, — און צוליב אים פלעגט דער מלך זיך אָפּגעבן מיט די לייט פון דער מדינה; פלעגט ער זאָגן: „לעשט אויס די לאַמטערנעס און די ליכט, כדי איך זאָל קענען רעדן מיט מיין פריינט בסוד״. אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא באַהאַלטן די זון ניט אין צייט און האָט גערעדט מיט יעקבן בסוד. — זיינען אויפגעשטאַנען דבורה און ברק און האָבן געמאַכט פון נאַכט טאָג; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (שופטים ה, א): ותשר — האָט געזונגען דבורה און ברק בן אבינועם אין יענעם טאָג.[21] ר׳ פינחס און ר׳ חילקיה האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ סימון: זעקס נסים זיינען געשען אין יענעם טאָג: דעם זעלבן טאָג זיינען געקומען [יידן צו אַ משפט פאַר דבורהן];[22] דעם זעלבן טאָג האָט זי געשיקט נאָך אים,[23] און ער האָט געשיקט [צונויפצוזאַמלען צען טויזנט מאַן]; דעם זעלבן טאָג האָבן זיי געמאַכט מלחמה; דעם זעלבן טאָג איז געהרגעט געוואָרן סיסרא; דעם זעלבן טאָג האָבן זיי געטיילט רויב; דעם זעלבן טאָג האָבן זיי געזאָגט שירה. ווי דער פסוק זאָגט: ותשר — האָט געזונגען דבורה און ברק בן אבי־נועם אין יענעם טאָג.[24]

## יח

(טו) מה שהיה — דאָס וואָס איז, איז שוין לאַנג געווען, — ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה זאָגן וועגן דעם. ר׳ נחמיה[1] זאָגט: אויב אַ מענטש זאָגט דיר:

---

רעגנס אין ארץ ישראל. [18] און די רעגן צייט, ווינטער, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרוקענעם זומער. [19] גאָט האָט געמאַכט, אַז די זון זאָל אונטערגיין פאַר דער צייט: גע־מאַכט פון טאָג — נאַכט. [20] אין חלום. [21] אַזוי ווי אַלץ, אפילו דבורהס שירה זאָגן, איז פאָרגעקומען לויטן ווייטערדיקן דרש אין איין און דעם זעלבן טאָג, און אַזוי ווי אין דער שירה שטייט (פסוק כ): הכוכבים — די שטערן פון זייערע שטעגן האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סיסראן, מיינט עס אַז נאַכט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טאָג (מהרז״ו). [22] און פון זיי האָט זי אויסגעפונען, אַז די כנענים דריקן ישראל (וועגן דעם און וועגן די ווייטער אויסגערעכנטע געשעענישן זע שופטים ד—ה). [23] נאָך ברקן. [24] דריי מאָל ווערט אָנגעוואונקען אויף אַ באַשטימטן טאָג, אָבער ס׳ווערט ניט באַצייכנט, וועלכער טאָג עס איז; ווערט עס געדרשנט אויף איין און דעמזעלבן טאָג (ד, יד: זה היום, דאָס איז דער טאָג; ד, כג און ה, א: ביום ההוא, יענעם טאָג. מהרז״ו).

יח. [1] נאָמען געביטן לויט תנחומא אמור, ט. אויך אין ויקרא רבה כז, ד, איז ר׳ יהודה דער בעל המאמר פון אונדזער צווייטן פאַראַגראַף, נאָר דאָרט פעלט דער מאמר פון ר׳ נחמיהן. און ניט ווי די סאָנטשינא אויסגאַבע וויל האָבן, אַזביידע דרשות געהערן

כך גזר הקב״ה על היום שיהא יום ועל הלילה שיהא לילה. עמד יעקב אבינו ועשה היום לילה, שנאמר (בראשית כח): ויפגע במקום וילן שם, כי בא השמש, — ודאי כבה השמש. רבנן אמרין: השקיע הקב״ה גלגל חמה שלא בעונתו ודבר עמו בצנעא. משל לאוהבו של מלך שבא אצלו לקיצים, — והיה המלך נזקק לכל בני המדינה בשבילו; אמר: „כבו הפנסים והנרות, כדי שאדבר עם אוהבי בצינעא״. כך הצניע הקב״ה את השמש שלא בעונתו ודבר עם יעקב אבינו בצינעא. עמדו דבורה וברק ועשו לילה יום; הה״ד (שופטים ה): ותשר דבורה וברק בן אבינועם ביום ההוא, וגו׳. ר׳ פינחס ור׳ חלקיה בשם ר׳ סימון: ששה נסים נעשו באותו יום: בו ביום באו; בו ביום שלחה אחריו ושלח הוא; בו ביום עשו מלחמה; בו ביום נהרג סיסרא; בו ביום חלקו ביזה; בו ביום אמרו שירה, שנאמר: ותשר דבורה וברק בן אבינועם ביום ההוא, וגו׳.

יח

(טו) מה שהיה כבר הוא, — ר׳ יהודה ור׳ נחמיה. ר׳ (יהודה) [נחמיה] אומר: אם אומר לך אדם: „אפשר שהיה העולם כולו מים במים?״ אמור לו: „כבר הוא — אוקיאנוס כולו מים במים״. אשר להיות כבר היה, וגו׳, — אם יאמר לך אדם: „אפשר שהקב״ה עתיד לעשות ים יבשה?״ אמור לו: „כבר היה״, — לא כך עשה על ידי משה? שנאמר (שמות יד): ובני ישראל הלכו ביבשה, וכתיב (שם): ואתה הרם את מטך, וגו׳, וכתיב (שם): ויבואו בני ישראל בתוך הים ביבשה.

---

„איז עס מעגלעך, אַז די גאַנצע וועלט איז געווען לויטער וואַסער?״ זאָג אים: „עס איז שוין לאַנג געווען, — דער גאַרער ים אוקיאַנוס איז לויטער וואַסער״. ואשר — און דאָס וואָס דאַרף ערשט זיין איז שוין לאַנג געווען, — אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגן: „איז עס מעגלעך, אַז הקב״ה איז אָנגעברייט צו מאַכן פון ים יבשה?״ זאָג אים: „ס׳איז שוין לאַנג געווען״, — צי האָט ער ניט אַזוי געטאָן דורך משהן, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות יד, כט): ובני ישראל — און די קינדער פון ישראל זיינען געגאַנגען אין דער טריקעניש, און עס שטייט געשריבן (דאָרט טז): ואתה — און דו הויב אויף דיין שטעקן [און שטרעק אויס דיין האַנט אויפן ים און שפּאַלט אים], און עס שטייט געשריבן (דאָרט כב): ויבואו — און די קינדער פון ישראל זיינען אַריין אין מיטן ים אין דער טריקעניש.

[און ר׳ יהודה זאָגט:] [3] אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגן: „איז עס מעגלעך, אַז ווען אדם הראשון וואָלט ניט געזינדיקט, וואָלט ער געלעבט אויף אייביק?״ זאָג אים: „דאָס איז שוין לאַנג געווען, — אליהו, זאָל געדענקט ווערן צום גוטן, וואָס האָט ניט געזינדיקט, ער לעבט אייביק״. — און דאָס וואָס דאַרף פֿרשט זיין איז שוין לאַנג געווען, — אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגן: „איז עס מעגלעך אַז הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט אויפצולעבן אונדז די טויטע״? זאָג אים: „דאָס איז שוין לאַנג געווען, — ער האָט אונדז שוין לעבעדיק געמאַכט די טויטע דורך אליהון,[4] דורך אלישען[5] און דורך יחזקאלען.״ [6]

ר׳ אחא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ חלפתא:[7] אַלצדינג וואָס הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט צו טאָן און מחדש צו זיין אויף זיין וועלט לעתיד לבוא,[8] האָט ער זיך שוין מקדים געווען און אַ ביסל פון דעם געטאָן דורך אַ נביא אויף דער וועלט: „איך בין דער וואָס איז אָנגעברייט צו מאַכן פון ים יבשה, — איך האָב שוין אַזוי געטאָן אויף דער וועלט: ואתה — און דו הייב אויף דיין שטעקן — — —. איך בין דער וואָס איז אָנגעברייט פוקד צו זיין עקרות,[9] — איך האָב שוין פוקד עקרות געווען דורך אברהמען, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כא, א): וה׳ — און גאָט האָט געדאַכט אָן שרהן. איך בין דער וואָס איז אָנגעברייט לעבעדיק צו מאַכן די טויטע,[10] — איך האָב שוין לעבעדיק געמאַכט [טויטע] דורך אליהון, אלישען און יחזקאלען. איך בין דער וואָס איז אָנגעברייט צו מאַכן, אַז מלכים זאָלן זיך בוקן צו אייך,[11] — איך האָב עס אייך שוין געטאָן דורך דניאלן, דען נבוכדנצר האָט זיך געבוקט צו דניאלן, ווי דער פסוק זאָגט (דניאל ב, מו): באדין — דעמאָלט איז דער מלך נבוכדנצר געפאַלן אויף זיין פנים און זיך געבוקט צו דניאלן. איך בין דער וואָס איז אָנגעברייט צו עפענען [די אויגן פון] די בלינדע אויף יענער וועלט,[12] — איך האָב עס שוין געטאָן דורך אלישען, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים ב, ו, יז): ויפקח ה׳ — און גאָט האָט געעפנט די אויגן פון דעם יינגל.

## יט

(טו) והאלהים — און גאָט זוכט דעם געראודפטן. — ר׳ הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוסין: אייביק זוכט גאָט דעם געראודפטן. דו געפינסט,

---

צו ר׳ יהודהן, און ר׳ נחמיהס ווערטער זיינען דאָ אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן. דער רד״ל נעמט אָן, אַז דער ערשטער מאמר געהערט צו ר׳ יהודהן און דער צווייטער — צו ר׳ נחמיהן, כאָטש ער פאַרגעסט ניט אָנצואווייזן אויפן תנחומא. [2] ישעיה יא, טו: והחרים ה׳ און גאָט וועט אויסטריקענען (לויטן תרגום) די צונג פון דעם ים פון מצרים. [3] צוגעגעבן לויטן תנחומא; זע באַמערקונג 1. [4] מלכים א, יז, יז—כד. [5] מלכים ב, ד, לב—לה. [6] יחזקאל לז, א—י. [7] לויט ויקרא רבה — אין נאָמען פון ר׳ אליעזר בן חלפתא; לויטן תנחומא — אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן. [8] אין משיחס צייטן. [9] דערמאָנען זיך אָן די קינדערלאָזע און זיי בענטשן מיט קינדער. — וועגן דער הבטחה — ישעיה נד, א. [10] דאָרט כו, יט. [11] דאָרט מט, כג. [12] דאָרט לה, ח.

**[ר' יהודה אומר:] אם יאמר לך אדם: „אפשר שאילו לא חטא אדם הראשון, שהוא חי וקים לעולם?" אמור לו: „**כבר הוא, — **אליהו זכור לטוב שלא חטא, הוא חי וקים".** ואשר להיות כבר היה, **אם יאמר לך אדם: „אפשר שהקב"ה עתיד להחיות לנו את המתים?" אמור לו: „**כבר היה, **כבר החיה לנו את המתים על ידי אליהו ועל ידי אלישע ועל ידי יחזקאל.**

**ר' אחא בשם ר' חלפתא: כל מה שהקב"ה עתיד לעשותו ולחדש בעולמו לעתיד לבוא, כבר הקדים ועשה מקצת על ידי נביא בעולם הזה: „אני הוא שעתיד לעשות ים יבשה, — כבר עשיתי כן בעולם הזה:** ואתה הרם את מטך, וגו'. **אני הוא שעתיד לפקוד עקרות, — כבר הייתי פוקד על ידי אברהם, שנאמר** (בראשית כא): וה' פקד את שרה, וגו'. **אני הוא שעתיד להחיות מתים, — כבר החייתי על ידי אליהו ואלישע ויחזקאל. אני הוא שעתיד לעשות מלכים שישתחוו לכם, — כבר עשיתי לכם על ידי דניאל, שהשתחוה נבוכדנצר לדניאל, שנאמר** (דניאל ב): באדין נבוכדנצר נפל על אנפוהי ולדניאל סגיד. **אני הוא שעתיד לפקוח עורים לעתיד לבוא, — כבר עשיתי על ידי אלישע, שנאמר** (מלכים ב, ו): ויפקח ה' את עיני הנער".

יט

(טו) והאלהים יבקש את נרדף, — **ר' הונא בשם ר' יוסי אמר: לעולם אלהים יבקש את נרדף. את מוצא צדיק רודף את צדיק, והאלהים יבקש את נרדף; רשע רודף צדיק, והאלהים יבקש את נרדף; רשע רודף רשע, והאלהים יבקש את נרדף. מכל מקום יבקש את נרדף. ר' יהודה בר' סימון בשם ר' יוסי בר' נהוראי: לעולם הקב"ה מבקש דמן של נרדפים מן הרודפים. תדע לך, שכן הבל נרדף מפני קין, ולא בחר הקב"ה אלא בהבל, שנאמר**

---

אַז אַ צדיק רודפט אַ צדיק, און גאָט זוכט דעם גערודפטן; אַ רשע רודפט אַ צדיק, און גאָט זוכט דעם גערודפטן; אַ רשע רודפט אַ רשע, און גאָט זוכט דעם גערודפטן.[1] אין איטלעכן פאַל זוכט ער דעם גערודפטן. ר' יהודה בר' סימון זאָגט אין נאָמען פון ר' יוסי בר' נהוראי: אייביק זוכט הקדוש ברוך הוא דאָס בלוט פון די גערודפטע פון די וואָס רודפן זיי. אַ ראיה האָסטו, ווייל אָט איז הבל גערודפט געוואָרן פון קינען, האָט הקדוש ברוך הוא ניט אויסדערווילט אַנדערש, נייערט הבלען, ווי דער פסוק זאָגט (ברא־

שית ד, ד): וישע ה׳ — און גאָט האָט זיך געקערט צו הבלן און צו זיין קרבן. **נוח איז גערודפט געוואָרן פון די לייט פון זיין דור,**[2] **האָט הקדוש ברוך הוא ניט אויסדערוויילט אַנדערש, נייערט נוחן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ז, א): כי אותך — דען דיך האָב איך געזען אַ צדיק פאַר מיר. **אברהם איז גערודפט געוואָרן פון נמרודן,**[3] **האָט הקדוש ברוך הוא אויסדערוויילט אברהמען, ווי דער פסוק זאָגט** (נחמיה ט, ז): אתה — דו ביסט גאָט, דער גאָט וואָס האָט אויסדערוויילט אברמען. **יצחק איז גערודפט געוואָרן פון די פלשתים,**[4] **האָט הקדוש ברוך הוא אויסדערוויילט יצחקן, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית כו, כח): ויאמר — און זיי האָבן געזאָגט: זען האָבן מיר געזען, אַז גאָט איז מיט דיר. **יעקב איז גערודפט געוואָרן פון עשון, האָט הקדוש ברוך הוא אויסדערוויילט יעקבן, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קלה, ד): כי יעקב — וואָרום יעקבן האָט זיך גאָט אויסדערוויילט, ישראלן פאַר זיין אייגנס. **יוסף איז גערודפט געוואָרן פון זיינע ברידער, האָט הקדוש ברוך הוא אויסדערוויילט יוספן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט פא, ו): עדות — אַן עדות אין יוסף האָט ער עס געמאַכט, ווען ער איז אַרויס אויפן לאַנד מצרים. **משה איז גערודפט געוואָרן דורך פרעהן, האָט הקדוש ברוך הוא אויסדערוויילט משהן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט קו, כג): לולי — ווען ניט וואָס משה זיין אויסדערוויילטער האָט זיך געשטעלט אין דעם בראָך פאַר אים. **דוד איז גערודפט געוואָרן פון שאולן, האָט הקדוש ברוך הוא אויסדערוויילט דודן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט עח, ע): ויבחר — און ער האָט אויסדערוויילט דוד זיין קנעכט, און האָט אים גענומען פון געהעפטן פון די שאָף. **שאול איז גערודפט געוואָרן פון די פלשתים, האָט הקדוש ברוך הוא אויסדערוויילט שאולן, ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל א, י, כד): הראיתם — זעט איר דעם, וואָס גאָט האָט אים אויסדערוויילט? **ישראל ווערט גערודפט פון די אומות, האָט הקדוש ברוך הוא אויסדערוויילט ישראל, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים ז, ו): בך — דיך האָט גאָט דיין גאָט אויסדערוויילט אים צו זיין פאַר אַן אייגן פאָלק.

**ר׳ אלעזר בר׳ יוסי בן זמרא האָט געזאָגט: אויך מיט קרבנות איז עס אזוי; הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „דער אָקס ווערט גערודפט פונעם לייב, די ציג פונעם טיגער, די שעפּס פונעם וואָלף,**[5] **— זאָלט איר ניט מקריב זיין פאַר מיר פון די וואָס רודפן, נייערט פון די גערודפטע״; ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא כב, כז): שור — אַן אָקס, אָדער אַ שעפּס, אָדער אַ ציג [אַז עס וועט געבוירן ווערן — — — וועט עס באַוויליקט ווערן פאַר אַ קרבן].

יט. [1] **אין** ויקרא רבה כז, ה, **ווערט דאָ צוגעגעבן: אפילו ווען אַ צדיק רודפט אַ רשע, זוכט גאָט דעם גערודפטן; אַזוי אויך אין** תנחומא אמור, ט. [2] **אין תנחומא** (נוח, ה) **ווערט דערציילט, ווי נוחס בני דור פלעגן חוזקן איבער אים, איבער דער תבה וואָס ער האָט געבויט.** [3] **נמרוד האָט געוואָרפן אברהמען אין קאַלכאויוון איבער דעם וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער עבודה זרה** (בראשית רבה לח, יג). [4] בראשית כו, טו—כא. [5] **דער בעל המדרש פאַרט דאָ אויס די בהמות און חיות לויט** ישעיה יא, ו, **נאָר אין אַ פאַרקערטער אָרדנונג.**

(בראשית ד): וישע ה׳ אל הבל ואל מנחתו. **נח נרדף מפני דורו, ולא בחר הקב״ה אלא בנח, שנאמר** (שם ז): כי אותך ראיתי צדיק לפני. **אברהם נרדף** מפני נמרוד, **ובחר הקב״ה באברהם, שנאמר** (נחמיה ט): אתה הוא ה׳ האלהים אשר בחרת באברם. **יצחק נרדף מפני פלשתים, ובחר הקב״ה ביצחק, שנאמר** (בראשית כו): ויאמרו; ראה ראינו, כי היה ה׳ עמך. **יעקב נרדף מפני עשו, ובחר הקב״ה ביעקב, שנאמר** (תהלים קלה): כי יעקב בחר לו יה, ישראל לסגלתו. יוסף נרדף מפני אחיו, **ובחר הקב״ה ביוסף, שנאמר** (שם פא): עדות ביהוסף שמו, בצאתו על ארץ מצרים. **משה נרדף מפני פרעה, ובחר הקב״ה במשה, שנאמר** (שם קו): לולי משה בחירו עמד בפרץ לפניו. **דוד** נרדף **מפני שאול, ובחר הקב״ה בדוד, שנאמר** (שם עח): ויבחר בדוד עבדו, ויקחהו ממכלאות צאן. **שאול נרדף מפני פלשתים ובחר הקב״ה בשאול, שנאמר** (שמואל א, י): הראיתם אשר בחר בו ה׳? **ישראל נרדף מפני האו־מות, ובחר הקב״ה בישראל, שנאמר** (דברים ז): בך בחר ה׳ להיות לו לעם סגולה.

**ר׳ אלעזר בר׳** יוסי **בן זמרא אמר: אף בקרבנות כן; אמר הקב״ה: שור נרדף מפני ארי, עז מפני נמר, כבש מפני זאב, — לא תקריבו לפני מן הרודפים אלא מן הנרדפים״; שנאמר** (ויקרא כב): שור או כשב או עז, וגו׳.

כ

(טז) ועוד ראיתי תחת השמש: מקום המשפט שמה הרשע. **ר׳ אלעזר ור׳ יהושע בן לוי אומרים:** מקום המשפט שמה הרשע, מקום שסנהדרי גדולה יושבין וחותכין דין של ישראל, שמה

כ

(טז) ועוד ראיתי — און נאָך האָב איך געזען אונטער דער זון: אין דעם אָרט פון משפט, דאָרט איז דאָס רשעות. **ר׳ אלעזר און ר׳ יהושע בן לוי זאָגן:** [1] אין דעם אָרט פון משפט, דאָרט איז דאָס רשעות, **אין דעם אָרט וואו דער גרויסער סנהדרין** [2] **איז געזעסן און באַשטימט דאָס געזעץ פון ישראל, דאָרט**

כ. [1] אין ויקרא רבה ד, א, איז דער נוסח ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע (און אַזוי איז אויך דער נוסח אין ילקוט), און דער מהרז״ו נעמט אָן, אַז דאָס מיינט מען ר׳ אליעזר הגדול און ר׳ יהושע בן חנניה, און ער שלאָגט פאָר אַן ענדערונג אין אונדזער טעקסט און אַזוי נעמט אויך אָן באַכער, אגדות התנאים, א, 110. לויט אונדזער טעקסט קאָן עס מיינען ר׳ אלעזר בן פדת און ר׳ יהושע בן לוי, וואָס האָבן געלעבט אין ערשטן און

איז רשעות, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה לט, ג): ויבאו — און עס זיינען געקומען אַלע האַרן פון דעם מלך פון בבל און האָבן זיך געזעצט אין מיטלסטן טויער, — [לייען אַנשטאָט התוך, דעם מיטלסטן, חתוך,] דאָס אָרט וואו מע פלעגט פסקענען[3] הלכות; דאָרט איז דאָס רשעות, — דאָרט האָבן זיך געזעצט נרגל שראצר, סמגר־נבו, שרסכים דער הויפּט פון די קאַמערדינער, נרגל שראצר דער הויפּט פון די וואָרזאָגער, און אַלע איבעריקע האַרן פון דעם מלך פון בבל. דאָס ווערטל זאָגט: „דאָרט וואו דער האַר פלעגט אויפ־הענגען זיין כלי־זיין, הענגט אויף דער געמיינער[4] פּאַסטוך זיין קריגל". און דער רוח הקודש שרייט: און אין דעם אָרט פון רעכטפאַרטיקייט, דאָרט איז רשעות, דאָס איז דאָס אָרט וואָס וועגן דעם ווערט געזאָגט ישעיה א, כא): צדק — רעכטפאַרטיקייט פלעגט נעכטיקן אין איר, און אַצינד — מערדערס, אָט באַגייט מען דאָרט מערדערייען, — דאָרט האָט מען געהרגעט זכריהן[5] און אוריהן.[6]

ר' יונתן האָט געפרעגט ביי ר' אחאַן: אין וועלכן אָרט האָט מען געהרגעט זכריהן, אין דער עזרת ישראל אָדער אין דער עזרת נשים[8]? האָט ער אים געזאָגט: ניט אין דער עזרת נשים און ניט אין דער עזרת ישראל, נייערט אין דער עזרת כוהנים;[9] און זיי האָבן זיך צומאָל ניט נוהג געווען מיט זיין בלוט ניט ווי מיטן בלוט פון אַ הירש און ניט ווי מיטן בלוט פון אַן אינד. וועגן דעם בלוט פון אַן אינד און אַ הירש שטייט געשריבן (ויקרא יז, יג): ושפך — און מע זאָל אויסגיסן זיין בלוט און עס פאַרדעקן מיט ערד;[10] אָבער מיטן בלוט פון זכריה הצדיק האָט מען זיך ניט נוהג געווען ווי מיטן בלוט פון אַן אינד אָדער אַ הירש, נייערט אויף די שטיינער האָט מען עס אויסגעגאָסן, ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל כד, ז—ח): כי דמה — וואָרום איר בלוט איז אין איר מיט, אויף אַ טרוקענעם פעלדז האָט זי עס אַרויפגעטאָן; [זי האָט עס ניט אויסגעגאָסן אויף דער ערד צו פאַרדעקן שטויב אויף דעם]. פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי געווען? להעלות — כדי אויפצוברענגען גרימצאָרן, כדי צו נעמען נקמה [האָב איך אַרויפגעטאָן איר בלוט אויף אַ טרוקענעם פעלדז]. און וועגן דעם שטייט געשריבן (קהלת יב, א): וזכר — און געדענק דיין באַשעפער אין די טעג פון דיין יוגנט, איידער עס וועלן אָנקומען די טעג פון שלעכטס.[11]

---

צווייטן דור פון די ארץ ישראל אמוראים. [2] פון איין און זיבעציק חברים. [3] חותכין. [4] אַזוי געטייטשט לויט רש"י, סנהדרין קג, א. — לויטן נוסח דאָרטן אין דער גמרא בינדט זיך דאָס וואָרט קולבא מיט רעיא, אַנדערש ווי יאַסטראָוו וויל האָבן. [5] דברי הימים ב, כד, כא. [6] ירמיה כו, כג. [7] אין איכה רבה, פתיחתא ה און כג איז דער נוסח ר' יודן, און אַזוי אויך אין ירושלמי תענית ד, ה, און אין אַנדערע טעקסטן. [8] דער הויף פון בית המקדש האָט געהאַט באַזונדערע אָפּטיילונגען (עזרות): עזרת ישראל, פאַר מענער, עזרת נשים פאַר פרויען און עזרת כוהנים. [9] אין הייליקסטן אָרט, און דער חטא איז דורך דעם געווען נאָך גרעסער. [10] דאָ וואָלט גיכער געפּאַסט צו ציטירן דברים יב, כד, מחמת דאָרט ווערט דירעקט דערמאָנט אַן אינד און אַ הירש. [11] די טעג פון נבוכדנצר און נבוזראדן.

הרשע, **שנאמר** (ירמיה לט) : ויבאו כל שרי מלך בבל וישבו בשער התוך, **מקום שחותכין בו את הלכות**; שמה הרשע, — **שם ישבו** נרגל שראצר, סמגר־נבו, שרסכים רב סרים, נרגל שראצר רב־מג וכל שארית שרי מלך בבל. **מתלא אמר: הן דתלה מרי זיינא, קולבא רעיא תלה קולתיה. ורוח הקדש צווחת:** ומקום הצדק שמה הרשע, — **מקום שנאמר בו** (ישעיה א, כא) : צדק ילין בה, ועתה מרצחים, **הא עבידין קטולין, — שם הרגו את זכריה ואת אוריה.**

**ר׳ יונתן בעא קמיה ר׳ אחא: באיזה מקום הרגו את זכריה, בעזרת ישראל, או בעזרת נשים? אמר לו: לא בעזרת נשים ולא בעזרת ישראל, אלא בעזרת כהנים; ולא נהגו בדמו לא כדם צבי ולא כדם איל. בדם איל וצבי כתיב בהם בתורה** (ויקרא יז) : ושפך את דמו וכסהו בעפר; **אבל זכריה הצדיק לא נהגו בדמו לא כדם איל וצבי, אלא שפכוהו על האבנים, דכתיב** (יחזקאל כד) : כי דמה בתוכה היה, על צחיח סלע שמתהו, וגו׳. **כל כך למה?** להעלות חמה ולנקום נקם. **ועל כך כתיב:** (קהלת יב, א): וזכר את בוראך בימי בחורותיך [עד אשר לא יבאו ימי הרעה].

**את מוצא, בשעה שעלה נבוזראדן להחריב את ירושלים, רמז הקב״ה לאותו הדם, שהיה תוסס ועולה רנ״ב שנה מן יואש ועד צדקיה — מה עשו? גרפו עליו כל עפר ועשו כל ערמה, ולא נח, והיה הדם תוסס ומרתיח. אמר הקב״ה לדמא: „הא**

---

דו געפינסט, אַז בשעת נבוזראדן איז אַרויף חרוב צו מאַכן ירושלים, האָט הקדוש ברוך הוא אַ וואונק געטאָן צו יענעם בלוט, וואָס האָט געזוירן און געברויזט צוויי הונדערט און פופציק יאָר, פון יואשן ביז צדקיהון [12] — וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אַרויפגעשאַרט אויף דעם גאָר דעם שטויב און געמאַכט גאַנצע הויפנס, אָבער דאָס בלוט האָט ניט גערוט. עס האָט געזוירן און געזאָטן. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צום בלוט: „אָט איז די צייט פאַר דיר אויפצומאָנען דיין חוב״.[13] ווי נבוזראדן איז אַרויף און האָט עס געזען,

[12] לויט דברי הימים ב, כד, כא—כה, קומט אויס, אַז זכריה איז געהרגעט געוואָרן אַ קורצע צייט פאַר יואשס טויט. זיין זון אמציה האָט געקיניגט 29 יאָר (מלכים ב, יד, ב), עזריה 52 (דאָרט טו, ב), יותם 16 (דאָרט פסוק לג), אחז 16 (דאָרט טז, ב), חזקיה 29 (דאָרט יח, ב), מנשה 55 (דאָרט כא, א), אמון 2 (דאָרט פס׳ יט) יאשיהו 31 (דאָרט כב, א),

אַזוי האָט ער געזאָגט צו זיי: „וואָס איז עס פאַר אַ מין בלוט וואָס יוירט אַזוי?" האָבן זיי אים געזאָגט: „בלוט פון אָקסן און שעפּסן און ווידערס, וואָס מע פלעגט שעכטן און מקריב זיין". האָט ער געלאָזט ברענגען אָקסן און שעפּסן און ווידערס און זיי געשאָכטן איבער דעם, אָבער עס האָט זיך ניט איינגעשטילט און זיך ניט באַרואיקט און ניט אויפגעהערט [יוירן]. גלייך האָט ער זיי געבראַכט און זיי אויפגעהאָנגען אויף דער תליה. ער האָט געזאָגט צו זיי: „זאָגט מיר, וואָס איז עס פאַר אַ מין בלוט, און אויב ניט, וועל איך קעמען אייער לייב מיט אייזערנע קאַמען". האָבן זיי אים געזאָגט: „ווי באַלד אַז הקדוש ברוך הוא וויל אויפמאָנען זיין בלוט פון אונדזערע הענט, וועלן מיר דיר אויסזאָגן". און זיי האָבן אים געזאָגט: „אַ כוהן אַ נביא אַ שופט האָט נביאות געזאָגט וועגן אונדז אָט די אַלע זאַכן וואָס דו טוסט מיט אונדז, און מיר האָבן אים ניט געגלויבט; זיינען מיר אויפגעשטאַנען אויף אים און האָבן אים געהרגעט דערפאַר וואָס ער פלעגט אונדז שטראָפן." גלייך האָט ער געלאָזט ברענגען אַכציק טויזנט כהונה בליטן[14] און זיי געשאָכטן איבער דעם, אָבער עס האָט זיך ניט באַרואיקט. און דאָס בלוט האָט אַרויפגעשטראָמט אַלץ העכער, ביז עס האָט געגרייכט זכריהס קבר. און נאָך האָט ער געלאָזט ברענגען דעם גרויסן סנהדרין און דעם קליינעם סנהדרין[15] און געשאָכטן איבער דעם, אָבער עס האָט זיך ניט באַרואיקט. דעמאָלט איז געקומען דער דאָזיקער רשע און האָט זיך צעשריען אויפן בלוט און געזאָגט צו דעם: „וואָס ביסטו בעסער און וואָס איז דיין בלוט מער [ווערט] ווי דאָס בלוט פון די דאָזיקע? ווילסטו, אַז איך זאָל אומברענגען דיין גאַנצע אומה איבער דיר?" אין יענער שעה איז הקדוש ברוך הוא פול געוואָרן מיט רחמנות און ער האָט געזאָגט: „מה־דאָך דערדאָזיקער רשע בן רשע, דער אכזר, וואָס איז אַרויף חרוב צו מאַכן מיין הויז, איז פול געוואָרן מיט רחמנות אויף זיי; הײנט איך, וואָס וועגן מיר שטייט געשריבן (שמות לד, ו): ה' ה' — גאָט, גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער און לייטזעליקער גאָט, און עס שטייט געשריבן וועגן מיר (תהלים קמה, ט): טוב ה' — גאָט איז גוט צו אַלעמען, און זיין רחמנות איז אויף אַלע זיינע באַשעפענישן, — אוודאי און אוודאי!" דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא אַ וואונק געטאָן צום בלוט, או[ן] עס איז איינגעזאַפּט געוואָרן אויפן אָרט.

ר' יודן האָט געזאָגט: זיבן עבירות האָבן יידן עובר געווען אין יענעם טאָג: זיי האָבן געהרגעט אַ כוהן, און אַ נביא, און אַ שופט, און האָבן פאַר־גאָסן אומשולדיק בלוט, און האָבן מטמא געווען די עזרה; און געווען איז עס שבת און יום כיפּור.

---

יהויקים 11 (דאָרט כג, לו), צדקיהו 11 (דאָרט כד, יח), — צוזאַמען 252 יאָר. [13] ווערטער־לעך — צוואה. [14] יונגע כוהנים. [15] פון איין און זיבעציק חברים און פון דריי און צוואַנ־ציק חברים.

ענתא דתגבי דייתיקי דידך." כיון שעלה נבוזראדן וחמא יתיה אמר לון: „מה טיבו של דם זה שתוסס כך?" אמרו לו: „דם פרים וכבשים ואילים שהיו שוחטין ומקריבין". הביא פרים וכבשים ואילים ושחט עליו, ולא שתק ולא נח ולא עמד. מיד הביאן, תלאן בגרדון. אמר לון: „אמרו לי, מה טיבו של דם זה, ואם לאו, אנא מסרק יתכון במסרקא דפרזלא". אמרו לו: „הואיל והקב"ה רוצה לתבוע דמו מידינו, נגלה לך". אמרו לו: „כהן ונביא ושופט היה מתנבא עלינו את כל הדברים האלה שאתה עושה עמנו, ולא היינו מאמינים בו; ועמדנו עליו והרגנוהו על שהיה מוכי-חנו". מיד הביא שמונים אלף פרחי כהונה ושחט עליו, ולא נח. והיה הדם בוקע ועולה, עד שהגיע לקברו של זכריה. ועוד הביא סנהדרי גדולה וסנהדרי קטנה ושחט עליו, ולא נח. באותה שעה בא אותו רשע וזעק על דמא ואמר ליה: „מה טב את ומה דמא דידך יתירה מדמי אילין? בעי את, דניבד כל אומתך בגינך?" באותה שעה נתמלא הקב"ה רחמים ואמר: „ומה אם זה רשע בן רשע ואכזרי ועלה להחריב את ביתי, נתמלא עליהם רחמים; אנכי, שכתוב בי (שמות לד): ה' ה' אל רחום וחנון, וכתיב בי (תהלים קמה): טוב ה' לכל, ורחמיו על כל מעשיו, — על אחת כמה וכמה!" באותה שעה רמז הקב"ה לאותו דם, ונבלע במקומו.

א"ר יודן: שבע עבירות עברו ישראל באותה שעה: הרגו כהן ונביא ודיין, ושפכו דם נקי, וטמאו את העזרה, ויום השבת ויום הכפורים היה.

כא

ר' יהושע פתר קרא במעשה העגל: מקום המשפט שמה הרשע, מקום שעשה משה מדת הדין, שנאמר (שמות לב): עברו ושובו משער לשער במחנה, שמה הרשע, שמה כתיב (שם): ויגוף ה' את העם, וגו'. ורוח הקדש צווחת: ומקום הצדק שמה הרשע,

---

כא

ר' יהושע האָט באַשיידט דעם פּסוק אויף דער מעשה מיטן [גאָלדענעם] קאַלב: אין דעם אָרט פון משפט, דאָרט איז רשעות, אין דעם אָרט וואו משה האָט געטאָן [דאָס געבאָט פון] מידת הדין, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות לב, כז): עברו — גייט דורך הין און צוריק פון טויער צו טויער אין לאַגער, [און הרגעט איטלעכער זיין ברודער — — —], דאָרט איז רשעות,[1] דאָרט שטייט

**געשריבן** (דאָרט פסוק לה): ויגף ה׳ — און גאָט האָט געפּלאָגט דאָס פאָלק. **און דער רוח הקודש שרייט:** און אין דעם אָרט פון רעכטפאַרטיקייט, דאָרט איז דאָס רשעות, **אין דעם אָרט וואו איך האָב זיי גערעכטפאַרטיקט, און האָב זיי אָנגערופן געטלעכקייט, ווי דער פּסוק זאָגט** (תהלים פב, ו): אני אמרתי — איך האָב געזאָגט: געטער זענט איר, און זין פון דעם אייבערשטן זענט איר אַלע, — דאָרט איז דאָס רשעות, **דאָרט האָבן זיי רשעות געטאָן און געמאַכט דאָס קאַלב, ווי דער פּסוק זאָגט** (שמות לב, ח): [עשו — זיי האָבן זיך געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב,] און האָבן זיך געבוקט צו דעם.

**ר׳ יהודה האָט באַשיידט דעם פּסוק וועגן [דער מעשה פון] שיטים:**[2] אין דעם אָרט פון משפּט, דאָרט איז רשעות. **אין דעם אָרט וואו דער מידת הדין האָט געטאָן [משפּט], אין שיטים, ווי דער פּסוק זאָגט** (במדבר כה, ד): קח — נעם אַלע עלטסטע פונעם פאָלק און הענג זיי אויף פאַר גאָט אַקעגן דער זון, דאָרט איז רשעות,[3] **ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט פסוק ט): ויהיו — און די וואָס זיינען געשטאָרבן אין דער מגפה זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט. **און דער רוח הקודש שרייט:** און אין דעם אָרט פון רעכטפאַרטיקייט, דאָרט איז רשעות, **אין דעם אָרט וואו איך האָב זיי גערעכטפאַרטיקט קעגן די קל־לות פון בלעמען און האָב זיי פאַרקערט צו ברכות, ווי דער פּסוק זאָגט** (דברים כג, ו): ויהפך ה׳ — און גאָט האָט דיר פאַרקערט די קללה אין אַ ברכה, — דאָרט איז דאָס רשעות, **דאָרט האָבן זיי געטאָן רשעות און האָבן מזנה געווען, ווי דער פּסוק זאָגט** (במדבר כה, א): וישב — און ישראל איז געזעסן אין שיטים, [און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן מזנה צו זיין מיט די טעכטער פון מואב].

**ר׳ לוי און ר׳ יצחק. ר׳ לוי**[4] **האָט געזאָגט: צוויי זאַכן זיינען אין דער [לינקער] האַנט**[5] **[פון גאָט] און צוויי זאַכן אין דער רעכטער האַנט.**[6] **צוויי זאַכן אין דער [לינקער] האַנט, [די נשמה און דער משפּט,]**[7] **ווי עס שטייט געשריבן** (איוב יב, י): אשר — וואָס אין דיין האַנט איז די נשמה פון יעדן לעבעדיקן; **און עס שטייט געשריבן** (דברים לב, מא): ותאחז — און ס׳וועט זיך נעמען צום משפּט מיין האַנט. **און צוויי זאַכן זיינען אין דער רעכטער האַנט, [תורה און רעכטפאַרטיקייט,] ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט לג, ב): מימינו — פון זיין רעכטער האַנט אַ פייערדיק געזעץ פאַר זיי; **און עס שטייט געשריבן** (תהלים מח, יא): צדק — מיט רעכטפאַרטיקייט איז פול דיין רעכטע האַנט.

**ר׳ יצחק האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו דער נשמה: „דו נשמה, וויפיל איך האָב דיך געשטאַרקט און דיר באַפוילן און געזאָגט**

---

כא. [1] שטראָף פאַר רשעות. [2] וואו די קינדער פון ישראל האָבן געזינדיקט מיט די טעכטער פון מואב. [3] שטראָף פאַר רשעות, ווי אויבן. [4] לויט ויקרא רבה ד, א געהערן דידאָזיקע ווערטער צו ביידן, צו ר׳ לוין און צו ר׳ יצחקן; לויט דברים רבה ה, ד, פאַר־

**מקום שצדקתים וקראתים אלוהות, שנאמר** (תהלים פב): אני אמרתי: אלהים אתם ובני עליון כלכם, — שמה הרשע, **שם הרשיעו ועשו את העגל, שנאמר** (שמות לב): [עשו להם עגל מסכה,] וישתחוו לו.

**ר׳ יודה פתר קרא בשטים:** מקום המשפט שמה הרשע, **מקום שעשתה מדת הדין בשטים, שנאמר** (במדבר כה): קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה׳ נגד השמש, שמה הרשע, **שנאמר** (שם): ויהיו המתים במגפה עשרים וארבעה אלף. **ורוח הקדש צווחת ואומרת:** ומקום הצדק שמה הרשע, **מקום שצדקתים בקללות של בלעם והפכתים לברכות, שנאמר** (דברים כג): ויהפך ה׳ אלהיך לך את הקללה לברכה, — שמה הרשע, **שמה הרשיעו וזנו, שנאמר** (במדבר כה): וישב ישראל בשטים, [ויחל העם לזנות אל בנות מואב].

**ר׳ לוי ור׳ יצחק. ר׳ לוי אמר: שני דברים ביד ושני דברים בימין. שני דברים ביד [נפש ומשפט,] דכתיב** (איוב יב): אשר בידו נפש כל חי, **וגו׳: וכתיב** (דברים לב): ותאחז במשפט ידי. **ושני דברים בימין, [תורה וצדקה,] שנאמר** (שם לג): מימינו אש דת למו; **וכתיב** (תהלים מח): צדק מלאה ימינך.

**אמר ר׳ יצחק: אמר הקב״ה לנפש: „נפש, כל מה שהחזקתי אותך וצויתי אותך ואמרתי** (דברים יב): רק חזק לבלתי אכול הדם, **וגו׳, והרי יוצאת וגוזלת וחומסת וחוטאת, ועומדת במדת הדין, — יוצאת ממדת הדין וחוטאת! שנאמר** (ויקרא ד): דבר אל בני ישראל לאמר: נפש כי תחטא בשגגה, **וכו׳.**

---

(דברים יב, כג): רק — נייערט שטאַרק זיך ניט צו עסן דאָס בלוט, **און אָט גייסטו אַרויס און גזלסט און טוסט גוואַלד און זינדיקסט, און דו געפינסט זיך אין מידת הדין,**[8] **— גייסט אַרויס פונעם מידת הדין און זינדיקסט! ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא ד, ב): דבר — רעד צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: אַז אַ נפש [9] וועט זינדיקן דורך אַ פאַרזען.

---

קערט, **האָט ר׳ יצחק אַליין זיי געזאָגט.** [5] **דער סימבאָל פון מידת הדין.** [6] **דער סימבאָל** פון מידת הרחמים. [7] **צוגעגעבן לויט** ויקרא רבה **און לויט** דברים רבה, **און אַזוי אויך ווייטער.** [8] **אין דער לינקער האַנט, ווי אויבן.** [9] **ווייל דער פסוק ניצט דאָ דאָס וואָרט** נפש, **פאַרבינדט עס דער בעל המדרש מיטן אויבן געבראַכטן פסוק פון** איוב.

## כב

(יז) אמרתי — איך האָב זיך געזאָגט אין האַרצן: סיי דעם צדיק סיי דעם רשע טוט גאָט משפּטן. ר׳ חנינא בר פּפּא האָט געזאָגט: דעם צדיק, ווי דעם רשע טוט גאָט משפּטן: דער גזלן גייט אויף דער תליה און ר׳ עקיבא [1] גייט אויף דער תליה. אָבער רבי האָט געזאָגט: [דער פּסוק מיינט, אַז] דעם צדיק טוט גאָט משפּטן דורך דער האַנט פונעם רשע: טורנוס רופוס [2] דער רשע האָט געמשפּט ר׳ עקיבאן.[3]

און ווען טראַכינוס [4] האָט געלאָזט הרגענען לוליאַנוסן און זיין ברודער פּאַפּוסן אין לודקייא,[5] האָט ער געזאָגט צו זיי: שטאַמט איר ניט פון דעם פֿאָלק פון חנניה מישאל און עזריה,[6] און איך — פון די קינדסקינדער פון נבוכדנצר? זאָל קומען דער גאָט פון חנניה מישאל און עזריה און אייך מציל זיין פון מיין האַנט." האָבן זיי געזאָגט צו אים: „חנניה מישאל און עזריה זיינען געווען צדיקים, און דער מלך נבוכדנצר איז געווען אַ מלך אַ חשוב, און ער איז ווערט געווען, אַז דורך אים זאָל געטאָן ווערן אַ נס. אָבער מיר זיינען זינדיקע מענטשן פאַר גאָט, און דו ביסט אַ זינדיקער מלך, און ביסט ניט ווערט, אַז דורך דיר זאָל געטאָן ווערן אַ נס. און מיר זיינען חייב מיתה,[7] — ווּעסטו אונדז הרגענען, איז גוט; און אויב ניט, האָט דער אייבערשטער אַ סך לייבן און בערן און שלאַנגען און עקדישן, וואָס מענטשן קומען אום דורך זיי. און אויב דו הרגעסט אונדז, ביסטו ניט מער ווערט ווי איינער פון זיי. אָבער הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט אויפצומאָנען אונדזער בלוט פון דיין האַנט". מע זאָגט: ער האָט ניט באַוויזן [8] זיך צו רירן פון דאָרט, ביז עס זיינען אָנגעקומען צוויי שליחים [9] פון רוים, און האָבן אים אַרויסגע־לאָזט דעם מאַרך מיט האָלץ־שייטן.[10]

## כג

(יז) כי עת — וואָרום אַ צייט פאַר יעדן באַגער און פאַר יעדער טואונג איז דאָרט פאַראַן, — פאַר יעדן באַגער איז פאַראַן אַ צייט, און פאַר יעדער צייט איז פאַראַן אַ באַגער. און פאַר יעדער טואונג איז דאָרט פאַראַן, —

---

כב. [1] איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, די צען מאַרטירער וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם פאַר פאַרשפּרייטן תורה צווישן יידן. [2] טינעאוס רופוס, רוימישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה אין דער צייט פון ר׳ עקיבאן. [3] לויט דער גמרא (שבת לב, א): מגלגלין זכות על ידי זכאי וחובה על ידי חייב — מע שיקט צו גוטס דורך אַ גוטן און שלעכטס דורך אַ שלעכטן. [4] דער רוימישער קיסר טראַיאַנוס. [5] לויט אַ גמרא (בבא בתרא י, ב) ווערט מיט דעם געמיינט די שטאָט לוד, דרום מזרח פון יפו (זע אויך ווייטער ט, ח). [6] וואָס זיינען אַרויס לעבעדיק פונעם ברענענדיקן קאַלכאויוון, וואו נבוכדנצר האָט זיי אַריינגעוואָרפן (דניאל ג). [7] אונדז קומט דער טויט פאַר אונדזערע זינד קעגן גאָט. [8] טעקסט עמענדירט לויטן נוסח פון צבי מאַלטערס אויסגאַבע פון תענית (פילאַ־דעלפיע תרפ״ח, ז׳ 132). [9] אַזוי לויט אַלע מפרשים. לויט יאַסטראָוו — אַ שריפט. [10] אין די דרוק אויסגאַבן געפינט זיך דאָ אין קלאַמערן אַ דערקלערונג צום וואָרט בגזירון: פּירוש — בבקעיות (עס מיינט — מיט שטיקער האָלץ).

כב

(יז) אמרתי אני בלבי: את הצדיק ואת הרשע ישפט האלהים. ר׳ חנינא בר פפא אמר: צדיק כרשע ישפוט האלהים: לסטים עולה לגרדון ור׳ עקיבא עולה לגרדון. ורבי אמר: צדיק ביד רשע ישפוט האלהים: טורנוסרופוס הרשע דן את ר׳ עקיבא.

וכשהרג טרכינוס את לוליאנוס ואת פפוס אחיו בלודקייא, אמר להם: „אין אתם מעמם של חנניה מישאל ועזריה, ואני מבני בניו של נבוכדנצר? יבוא אלהיהם של חנניה מישאל ועזריה ויציל אתכם מידי״. אמרו לו: „חנניה מישאל ועזריה כשריך היו, והמלך נבוכדנצר היה מלך הגון, וראוי היה לעשות על ידו נס. אבל אנו בני אדם חייבין אנו למקום, ואתה מלך חייב, ואינך ראוי לעשות נס על ידך. ואנו מחויבי מיתה, — אם אתה הורגנו, מוטב; ואב לאו, הרבה אריות ודובים ונחשים ועקרבים יש למקום, שבני אדם נהרגין על ידיהם. ואם אתה הורגנו, אינך חשוב אלא כאחד מהם. אלא שהקדוש ברוך הוא עתיד לתבוע דמינו מידך״. אמרו: לא (הספיקו) [הספיק] לזוז משם, עד שבאו עליו דיופלי מרומי, והוציאו את מוחו בגזירין.

כג

(יז) כי עת לכל חפץ ועל כל המעשה שם, — לכל חפץ יש עת ולכל עת יש חפץ; ועל כל המעשה שם, — בהדין עלמא מה דאינש בעי, הוא עביד: ברם תמן דינא וחושבנא.

כד

(יח) אמרתי אני בלבי: על דברת בני האדם, — על מדברות שהרשעים מדברים בהם בעולם הזה, שהם מחרפין ומגדפין בעולם הזה, והקב״ה משפיע להם שלום; כל כך למה? לברם

---

אויף דער וועלט, וואָס אַ מענטש באַגערט טוט ער; אָבער דאָרטן [1] איז פאַראַן אַ דין און אַ חשבון.

כד

(יח) אמרתי — איך האָב זיך געזאָגט אין האַרצן: דאָס איז פון וועגן די מענטשנקינדער, — פון וועגן די פירונגען [1] וואָס די רשעים פירן זיך אויף דער וועלט, וואָס שענדן און לעסטערן אויף דער וועלט, און הקדוש ברוך הוא באַשענקט זיי מיט אַל דאָס גוטס; פאַרוואָס איז עס אַלץ אַזוי? לברם —

---

כג. [1] אויף יענער וועלט.

אַז גאָט זאָל זיי קלאָר מאַכן,[2] — כדי קלאָר צו מאַכן די מאָס פון דין פאַר די רשעים,[3] און צו זען, אַז זיי זיינען ווי אַ בהמה, — צו זען און צו ווייזן[4] דער וועלט, אַז די רשעים זיינען געגליכן ווי אַ בהמה: אזוי ווי אַ בהמה ווערט באַשטראָפט מיט הרגענען,[5] און קומט ניט אַריין אין [אייביקן] לעבן פון יענער וועלט, אזוי ווערן די רשעים, ווי די בהמות, באַשטראָפט מיט הרגענען, און זיי קומען ניט אַריין אין [אייביקן] לעבן פון יענער וועלט.

אַן אַנדער פשט: פון וועגן די מענטשנקינדער, — פון וועגן די צדיקים וואָס פירן זיך[6] אויף דער וועלט מיט פייניקונג און מיט תעניתים און מיט יסורים; און פאַרוואָס איז עס אַלץ אזוי? אַז גאָט זאָל זיי קלאָר מאַכן,[7] — כדי קלאָר צו מאַכן פאַר זיי די מאָס פון זייער רעכטפאַרטיקייט, און צו זען, אַז זיי זיינען ווי אַ בהמה, — צו זען און צו ווייזן די פעלקער פון דער וועלט, ווי ישראל ציען זיך נאָך אים ווי אַ בהמה, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לד, לא): ואתן — און איר, מיין שאָף, די שאָף פון מיין פיטערונג, מענטש זענט איר. [און ניט נאָר דאָס אַליין][8] נייערט אַזוי ווי די דאָזיקע בהמה שטרעקט אויס איר האַלדז צו דער שחיטה, אַזוי אויך די צדיקים, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מד, כג): כי עליך — וואָרום איבער דיר ווערן מיר געהרגעט דעם גאַנצן טאָג. נייערט די מסורה זאָלסטו האָבן אין דיין האַנט:[9] איטלעכער וואָס טוט אַ מצווה דירעקט פאַר זיין טויט, זעט עס אויס, ווי די מאָס פון זיין רעכטפאַרטיקייט איז ניט געווען פעליק, נייערט מיט דער דאָזיקער מצווה, און ער האָט זי אויסגעפילט; און איטלעכער וואָס באַגייט אַן עבירה האַרט פאַר זיין טויט, זעט עס אויס, ווי די מאָס פון זיין רשעות איז ניט געווען פעליק, נייערט מיט דער דאָזיקער עבירה, און ער האָט זי אויסגעפילט. סיי די און סיי די גייען אַוועק גאַנצע, די — גאַנץ מיט דער מאָס פון זייער רעכטפאַרטיקייט, און די — גאַנץ מיט דער מאָס פון זייער רשעות.

[כה]

[(יט) כי מקרה — וואָרום דער טראַף פון די מענטשנקינדער און דער טראַף פון דער בהמה, — איין טראַף איז פאַר זיי.][1] ר׳ בון און ר׳ יצחק זאָגן [וועגן דעם]. ר׳ בון האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט:

---

כד. [1] על דברת — מדברות. [2] אַזוי לויטן דרש: לברם — לברר להם. [3] די רשעים קריגן אָפּ אויף דער וועלט זייער שכר פאַרן ביסל גוטס וואָס זיי טוען אַמאָל, כדי זיי זאָלן האָבן אויף יענער וועלט אַ קלאָרן משפט פאַר זייערע שלעכטע מעשים. [4] רש״י טייטשט דעם פסוק ווי ס'וואָלט געשטאַנען לראות מיט אַ פתח אונטער דער למד, געקירצט פון להראות, צו ווייזן (זע א. כהנא אויף אונדזער פסוק). [5] ויקרא כ, טו. [6] זע באַמ. 1. [7] זע באַמערקונג 2. [8] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט, אַנדערש איז דער טעקסט ניט קלאָר. [9] אַ סימן וועגן אַ שטאַרבנדיקן, צי גייט ער אַוועק פון דער וועלט אַ צדיק אָדער אַ רשע.

[כה] [1] פונעם ווייטערדיקן טעקסט איז קלאָר, אַז אַזוי ווי ר׳ יצחק, אַזוי אויך באַציט זיך ר׳ בון אויף דעמדאָזיקן פסוק, און ער טייטשט וואַרשיינלעך מקרה, טראַף, אויף נבואה, לויטן פסוק (במדבר כג, ג): אולי יקרה ה׳, אפשר וועט זיך גאָט מיר טרעפן, און

האלהים, **לברר להם מדת הדין של רשעים**, ולראות, שהם בהמה המה להם, **לראות ולהראות לעולם, שהרשעים נמשלו כבהמה: מה הבהמה נידונת בהריגה, ואינה באה לחיי העולם הבא, אף הרשעים כבהמות נידונין בהריגה, ואינן באים לחיי העולם הבא.**

**ד"א:** על דברת בני האדם, — **על מדברות שהצדיקים מדברים בעולם הזה בסיגוף ובתעניות וביסורים; וכל כך למה?** לברם האלהים, — **לברר להם מדת צדקותם**, ולראות, שהם בהמה המה להם, — **לראות ולהראות לאומות העולם, היאך ישראל נמשכין אחריו כבהמה, שנאמר** (יחזקאל לד): ואתן צאני, צאן מרעיתי, אדם אתם. **[ולא עוד] אלא מה בהמה זו פושטת צווארה לשחיטה, כך הצדיקים, שנאמר** (תהלים מד): כי עליך הורגנו כל היום, וגו׳. **אלא המסורת הזאת תהיה בידך: כל העושה מצוה סמוך למיתתו, דומה שלא היתה מדת צדקתו חסרה, כי אם אותה מצוה, והשלימה; וכל העובר עבירה סמוך למיתתו, דומה שלא היתה מדת רשעתו חסירה, כי אם אותה עבירה והשלימה. אלו ואלו הולכין שלימין, אלו שלימין במדת צדקם, ואלו שלימין במדת רשעם.**

[כה]

[(יט) כי מקרה בני האדם ומקרה הבהמה, ומקרה אחד להם.] **ר׳ בון ור׳ יצחק. ר׳ בון אמר: אמר הקב"ה: לא כשם שהעמדתי נביאים מישראל, שהם קרויים אדם, שנאמר** (יחזקאל לד): אדם אתם, — **לא כך העמדתי נביאים לעכו"ם, שהם קרויים בהמה, שנאמר** (יונה ד, יא): ובהמה רבה? **ור׳ יצחק אמר:** כי מקרה בני האדם ומקרה הבהמה, — **לא כשם שמקרה האדם כך מקרה**

---

**צי ניט ווי איך האָב אויפגעשטעלט נביאים פון ישראל, וואָס זיי ווערן גע־** רופן מענטש, ווי דער **פסוק זאָגט** (יחזקאל לד, לא): אדם — מענטש זענט איר, — **צי האָב איך ניט אזוי אויפגעשטעלט נביאים אויך ביי די געצנ־ דינער, וואָס ווערן אָנגערופן** בהמה, ווי **דער פסוק זאָגט** (יונה ד, יא): ובהמה רבה — און בהמות אַ סך? **און ר׳ יצחק האָט געזאָגט:** וואָרום דער טראַף פון די מענטשנקינדער און דער טראַף פון דער בהמה, — **צי ניט אַזוי ווי דער**

---

**אַנדערע פסוקים דאָרט; אָדער ער דרשנט, ווי דער** רד"ל **וויל האָבן, דעם ווייטערדיקן אויסדרוק אין אונדזער פסוק:** ורוח אחד לכל, און איין גייסט איז פאַר אַלעמען, **דער**

**טראַף פון דעם מענטשן איז דער טראַף פון דער בהמה? הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: צי ניט אַזוי ווי איך האָב גוזר געווען און געזאָגט וועגן דעם מענטשן** (ויקרא יב, ג): וביום השמיני — און אויפן אַכטן טאָג זאָל געמלט ווערן דאָס פלייש פון זיין פאָרהויט, — **צי האָב איך ניט אַזוי אויך גוזר געווען וועגן דער בהמה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כב, כז): ומיום השמיני — און פונעם אַכטן טאָג און ווייטער [וועט עס באַוויליקט ווערן פאַר אַ קרבן]?[2]

(כה) [3]

(יט) ומותר — און די מעלה פונעם מענטשן איבער דער בהמה איז אין, גאָרניט, וואָרום אַלץ איז נישטיקייט. וואָס מיינט אין? **ר' נחמן בר' יצחק האָט געזאָגט: [גאָט] האָט אים געמאַכט אַ באַפוצונג[4] אויף זיין אונטערלייב, כדי עס זאָל אים ניט וויי טאָן בשעתן זיצן. ר' לוי און ר' אמי. איינער האָט דעם]. איינער האָט געזאָגט: ער האָט אים געמאַכט דעם שלאָס און אַ זיץ[6] איבערגעבויגן איבער דעם, כדי ער זאָל ניט מבוזה ווערן ווי אַ בהמה; און איינער האָט געזאָגט: ער האָט אים געמאַכט קישעלעך אויף זיין אונטערלייב, כדי עס זאָל אים ניט וויי טאָן בשעתן זיצן. ר' לוי און ר' אמי. איינער האָט געזאָגט: ער האָט אים איינגעפירט קבורה;[7] און איינער האָט געזאָגט: ער האָט אים איינגעפירט [באַגראָבן צו ווערן אין] אַן ארון. און נאָך איינער האָט געזאָגט: ער האָט אים איינגעפירט [באַגראָבן צו ווערן אין] אַן ארון און תכריכים.**

## כו

(כ) הכל — אַלץ גייט אין איין אָרט, [אַלץ איז פון שטויב — — —], **ר' אליעזר און ר' יהושע [זאָגן וועגן דעם]. ר' אליעזר זאָגט: אַלץ וואָס הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן אין הימל, איז באַשאַפן געוואָרן פונעם הימל; און אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן אויף דער ערד, איז באַשאַפן געוואָרן פון דער ערד. וואָס איז דער טעם [פון דעם זאָג?[1] עס שטייט געשריבן]** (תהלים קמח): הללו — לויבט גאָט פון די הימלען, לויבט אים אין די הייכן. לויבט אים, אַלע זיינע מלאכים, — — — **ביז** לויבט גאָט פון דער ערד, איר ים חיות און אַלע תהומען. פייער און האָגל, שניי און נעפל, — — — **ביזן סוף פונעם גאַנצן מזמור.[2] און ר' יהושע זאָגט: אַלץ וואָס הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן אין הימל און אויף דער ערד, איז באַשאַפן געוואָרן פון**

---

גייסט פון גאָט, דער רוח הנבואה. מיר האָבן זיך דעריבער דערלויבט צוצוגעבן דעם פסוק און אָנהייבן מיט אים דעם סימן כה, אַנדערש ווי אין דער ראָם אויסגאַבע (תרנ"ז, לויט וועלכער מיר מאַכן די סימנים איינטיילונג), וואו דער סימן הייבט זיך אָן ווייטער, אין מיטן פון אונדזער פסוק. [2] לויט ר' יצחקן האָט דער פסוק אָנגעוואונקען אויף דער־

**הבהמה? אמר הקב״ה: לא כשם שגזרתי ואמרתי על האדם** (ויקרא יב): וביום השמיני ימול בשר ערלתו, — **לא כך גזרתי על הבהמה, שנאמר** (שם כב, כז): ומיום השמיני והלאה, **וגו׳?**

(כה)

(יט) ומותר האדם מן הבהמה אין, כי הכל הבל. **מהו אין? ר׳ נחמן בר׳ יצחק אמר: עשה לו נוי לתחתיתו, שלא יתבזה כב־המה. ר׳ ינאי ור׳ יודן. חד אמר: עשה לו מנעול ואפיפורין כפוי עליו, שלא יהא מתבזה כבהמה; וחד אמר: עשה לו כסתות לתחתיתו, שלא יהא מצטער בשעת ישיבתו. ר׳ לוי ור׳ אמי. חד אמר: עשה לו קבורה; וחד אמר: עשה לו ארון. וחד אמר: עשה לו ארון ותכריכין.**

כו

(כ) הכל הולך אל מקום אחד, וגו׳ — **ר׳ אליעזר ור׳ יהושע. ר׳ אליעזר אומר: כל מה שברא הקב״ה בשמים, ברייתו מן הש־מים; וכל מה שברא בארץ, ברייתו מן הארץ. מאי טעמא?** (תהלים קמח): הללו את ה׳ מן השמים, הללוהו במרומים. הללוהו כל מלאכיו, וגו׳, **עד** הללו את ה׳ מן הארץ, תנינים וכל תהומות. אש, וברד, שלג וקיטור, וגו׳, **עד סוף כל המזמור. ור׳ יהושע אומר: כל מה שברא הקב״ה בשמים ובארץ, ברייתו מן השמים.**

---

דאָזיקער ענלעכקייט צווישן מענטש און בהמה. [3] זע באַמערקונג 1. [4] נוי, אַן אָנשפּיל אויף די אותיות פון אַין. [5] דאָס דיקפלייש פון אונטערלייב איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן, כדי דער שלאָס זאָל זיך ניט אָפּן אַרויסזען ווי ביי אַ בהמה, ווי ר׳ ינאי דער־קלערט עס ווייטער. [6] דאָס זיצפלייש (לויטן פּירוש וואָס איז צוגעשריבן צו רשין אויף בראשית רבה יז, ו, וואָס שטיצט זיך אויפן תרגום ירושלמי אויף שמות כד, י, וואו ער ניצט אפיפורין פאַר אַ שטול; לויט יאַסטראָוו איז עס פאַרגרייזט פון גריכישן עפּיפּיאָן, דאָס קישעלע פון אַ זאָטל, דער זין איז אָבער דער זעלבער). [7] גאָט האָט איינגעפירט, אַז טויטע מענטשן זאָלן באַגראָבן ווערן, און זייערע קערפּערס זאָלן זיך ניט אומוואַלגערן ווי די נבלות פון בהמות און חיות, און דאָס איז די מעלה פונעם מענטשן איבער דער בהמה.

כו. [1] פון וואַנען איז עס געדרונגען? [2] דער ערשטער טייל פונעם מזמור הייבט זיך אָן מיט די הימלען, און נאָכדעם ווערט אויסגערעכנט אַלץ וואָס געפינט זיך אין די הימלען, איז עס אַ סימן, אַז די אַלע זיינען באַשאַפן געוואָרן פון די הימלען; און אַזוי איז עס אויך אין צווייטן טייל פונעם מזמור (פון פסוק ז און ווייטער), וואָס הייבט זיך אָן מיט

**הימל. דער שני, כּאַטש וועגן אים שטייט געשריבן** (איוב לז, ו): כי לשלג — וואָרום צום שניי טוט ער זאָגן: זיי ערד,[3] **איז אָבער זיין באַשאַפונג ניט אַנ־דערש, נייערט פון הימל, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה נה, י): כי — וואָרום אַזוי ווי עס נידערט דער רעגן און דער שניי פון הימל. **ר' חייא בר יוסף זאָגט: אַלץ וואָס אין הימל און אויף דער ערד איז באַשאַפן געוואָרן פון דער ערד. דער רעגן, כּאַטש וועגן אים שטייט געשריבן:** וואָרום אַזוי ווי עס נידערט דער רעגן און דער שניי פון הימל, **איז אָבער זיין באַשאַפונג ניט אַנדערש, נייערט פון דער ערד; און וואָס איז דער טעם?** (בראשית ב, ו): ואד — און אַ נעפּל פלעגט אויפגיין פון דער ערד [און פלעגט אָנטרינקען דאָס גאַנצע פּנים פון דער ערד]. **ר' יודן ברענגט עס פון דאַנען**[4]**: אַלץ גייט** אין איין אָרט, [אַלץ איז געוואָרן פון שטויב]. **ר' נחמן האָט געזאָגט: אפילו דער זון־באַלעם איז אַנדערש ניט באַשאַפן געוואָרן, נייערט פון דער ערד, ווי עס שטייט געשריבן** (איוב ט, ז): האומר לחרס — דער וואָס טוט זאָגן צו דער זון, אַז זי זאָל ניט אויפשיינען.[5]

## כז

(כא) מי יודע — ווער ווייס דעם גייסט פון די מענטשנקינדער — — —? **מיר האָבן געלערנט: סיי די נשמה פון די צדיקים און סיי די נשמה פון די רשעים**[1] **גייען אַרויף אויבן; אָבער די נשמות פון די צדיקים געפינען זיך אין [גאָטס] אוצר, און די נשמות פון די רשעים ווערן אומגעשליידערט אַרום דער ערד. דען אביגיל האָט געזאָגט צו דודן ברוח הקודש** (שמואל א, כה, כט): והיתה נפש אדוני — און די נשמה פון מיין האַר וועט זיין איינגעבונדן אין דעם בונד פון לעבן;[2] **קען מען [דאָך מיינען], אַז אויך [מיט די נשמות] פון די רשעים וועט זיין אַזוי? לערנט אונדז ווייטער דער פסוק:** ואת נפש — אָבער די נשמה פון דיינע שונאים, זי וועט ער פאַרשליידערן ווי פון אַ שליי־דערלעפל.

**אַ מאַטראָנע האָט געפרעגט ביי ר' יוסי בן חלפתא: „וואָס מיינט דאָס וואָס שטייט געשריבן:** ווער ווייס דעם גייסט פון די מענטשנקינדער, צי גייט ער אַרויף אין דער הייך?" **האָט ער איר געזאָגט: דאָס זיינען די נשמות פון די צדיקים וואָס געפינען זיך אינעם אוצר; דען אַזוי האָט אביגיל געזאָגט צו דודן ברוח הקודש:** און די נשמה פון מיין האַר וועט זיין איינגעבונדן אין דעם בונד פון לעבן; **קען מען [דאָך מיינען], אַז אויך [מיט די נשמות] פון די רשעים וועט זיין אַזוי? לערנט אונדז ווייטער דער פסוק:** אָבער די נשמה פון דיינע שונאים, זי וועט ער פאַרשליידערן ווי פון אַ שליידערלעפל. **האָט זי געזאָגט צו אים: „און וואָס איז דאָס וואָס שטייט געשריבן:** און דער גייסט פון דער בהמה, צי נידערט ער אונטן צו דער ערד?" **האָט ער איר געזאָגט:**

השלג, אע״פ שכתוב בו (איוב לז): כי לשלג יאמר: הוא ארץ, אין ברייתו אלא מן השמים, שנאמר (ישעיה נה): כי כאשר ירד הגשם והשלג מן השמים, וגו׳. ר׳ חייא בר יוסף אומר: כל מה שבשמים ובארץ ברייתו מן הארץ. הגשם, אע״פ שכתוב בו: כי כאשר ירד הגשם והשלג מן השמים, אין ברייתו אלא מן הארץ; ומה טעם? (בראשית ב): ואד יעלה מן הארץ. ר׳ יודן מייתי לה מן הכא: הכל הולך אל מקום אחד, [הכל היה מן העפר]. ר׳ נחמן אמר: אפילו גלגל חמה לא נברא אלא מן הארץ, דכתיב: (איוב ט): האומר לחרס, ולא יזרח, וגו׳.

כז

(כא) מי יודע רוח בני האדם, וגו׳. תני: אחת נשמתן של צדיקים ואחת נשמתן של רשעים, כולן עולות למרום; אלא שנשמותיהן של צדיקים הן נתונות באוצר, ונשמותיהן של רש־עים מטורפות בארץ. שאמרה אביגיל לדוד ברוח הקדש (שמואל א, כה): והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים. יכול אף של רשעים כן? תלמוד לומר: ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע.

מטרונא שאלה לר׳ יוסי בן חלפתא, אמרה לו: „מה הוא דין דכתיב: מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה?״ אמר לה: „אלו נשמותיהן של צדיקים שהן נתונות באוצר; שכן אבי־גיל אמרה לדוד ברוח הקדש: והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים, וגו׳; יכול אף של רשעים כן? תלמוד לומר: ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע״. אמרה ליה: „ומהו דין דכתיב: ורוח הבהמה היורדת היא למטה מהארץ?״ א״ל: אלו הן נשמו-

---

דער ערד, און נאָכדעם ווערט אויסגערעכנט אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד. [3] אי־בערגעזעצט ווערטערלעך, לויטן דרש. [4] לערנט אַרויס ר׳ חייאס געדאַנק פון אונדזער פסוק. [5] חרס, זון, מיינט אויך אַן ערדענע כלי, ווערט עס גענומען ווי אַ רמז, אַז אויך די זון איז באַשאַפן געוואָרן פון דער ערד (מתנות כהונה).

**דאָס זיינען די נשמות פון די רשעים, וואָס נידערן אַראָפּ אין גיהנום אונטן, ווי דער פסוק זאָגט** (יחזקאל לא, טו): ביום — אין דעם טאָג פון זיין אַראָפּ־נידערן אין אונטערערד האָב איך געמאַכט טרויערן, האָב איך איבערגעדעקט איבער אים דעם תהום.[3]

כח

(כב) וראיתי — און איך האָב איינגעזען אַז ס׳איז ניטאָ קיין בעסערס, [ווי אַז דער מענטש זאָל זיך פרייען מיט זיינע טואונגען, וואָרום דאָס איז זיין חלק;] דען ווער וועט אים ברענגען צו זען דאָס וואָס וועט זיין נאָך אים? **ווער וועט ברענגען דודן צו זען, וואָס שלמה האָט אויפגעטאָן**[1]? **ווער וועט ברענגען שלמהן** צו זען דאָס וואָס וועט זיין נאָך אים, **דאָס וואָס רחבעם האָט אויפגעטאָן**[2]?

כז. [1] **דאָס וואָרט** בהמה **אין אונדזער פסוק** (און דער גייסט פון דער בהמה צי ני־דערט ער אונטן צו דער ערד) **ווערט דאָ געטייטשט אויף די רשעים, ווי אויבן,** פסוקים

**תיהן של רשעים, שהן יורדות לגיהנם למטה, שנאמר** (יחזקאל לא): ביום רדתו שאלה האבלתי, כסתי עליו את תהום, **וגו׳.**

## כח

(כב) וראיתי, כי אין טוב, **וגו׳,** כי מי יביאנו לראות במה שיהיה אחריו? **מי יביאנו, לדוד** לראות במה **שעשה שלמה? מי יביאנו לשלמה** לראות במה שיהיה אחריו, **במה שעשה רחבעם?**

---

יח—יט. [2] געדרשנט אויפן אייביקן לעבן אויף יענער וועלט. [3] די מאַטראָנע האָט גע־טייטשט דעם פסוק אין זין פון צווייפל; ר׳ יוסי האָט אים געטייטשט אין פאָזיטיוון זין, ווי אויבן.

כח. [1] געבויט דעם בית המקדש און געבראַכט פיל כבוד צו ישראל [2] מיט זיין פאַר־ריסנקייט האָט ער צעשפּאָלטן די מלוכה אויף צווייען (מלכים א, יב).

# פרשה ד

א

(א) ושבתי — און איך האָב ווידער געזען די אַלע באַרויבטע.[1] ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה און די רבנן [זאָגן וועגן דעם]. ר׳ יהודה זאָגט: דאָס זיינען די קליינע קינדער וואָס ווערן באַהאַלטן אין זייער [פריען] לעבן איבער די זינד פון זייערע עלטערן אויף דער וועלט. אויף יענער וועלט שטייען זיי זייט ביי זייט מיט דער עדה פון צדיקים, און זייערע עלטערן זייט ביי זייט מיט דער עדה פון רשעים. און זיי זאָגן פאַר אים: „רבונו של עולם! זיינען מיר ניט געשטאָרבן נייערט איבער די זינד פון אונדזערע עלטערן? זאָלן אונדזערע עלטערן קומען [צו אונדז] אין אונדזער זכות״.[2] זאָגט ער צו זיי: „אייערע עלטערן האָבן געזינדיקט הינטער אייך,[3] און זייערע זינד זיינען מלמד חוב אויף זיי״.[4] אין יענער שעה זעצט זיך אליהו און איז מלמד זכות און ער זאָגט צו זיי: „זאָגט פאַר אים: רבונו של עולם! וואָסער מידה איז די גרעסערע, די מדה פון גוטסקייט אָדער די מידה פון שטראָף? זאָג־זשע — די מידה פון גוטסקייט איז גרעסער און די מידה פון שטראָף איז קלענער; און מיר זיינען געשטאָרבן איבער די זינד פון אונדזערע עלטערן, — היינט אויב די מידה פון גוטסקייט איז גרעסער, דאַרפן דאָך אוודאי און אוודאי אונדזערע עלטערן קומען צו אונדז!״ זאָגט ער צו זיי: „איר האָט גוט מלמד זכות געווען; זאָלן זיי קומען צו אייך״. ווי עס שטייט געשריבן (זכריה י, ט): וחיו — און זיי וועלן לעבן מיט זייערע קינדער און זיי וועלן זיך אומקערן, דען זיי קערן זיך אום פון צו נידערן אין גיהנום און זיי ווערן ניצול אין זכות פון זייערע קינדער. דעריבער איז איטלעכער מענטש מחוייב צו לערנען זיין זון תורה, כדי ער זאָל אים ראַטעווען פון גיהנום.

ב

און ר׳ חנינא[1] באַשיידט דעם פסוק אויף די וואָס ווערן געהרגעט דורך מלכות,[2] וואָס קומען אַריין אין [אייביקן] לעבן אויף יענער וועלט, כאָטש זיי זיינען זיך ניט מתוודה [פאַרן טויט].

---

א. [1] אַזוי לויטן דרש. [2] זאָל אונדזער פריצייטיקער טויט מכפר זיין אויף זייערע זינד. [3] נאָך אייער טויט. [4] קלאָגן זיי אָן. — דאָס ווייטערדיקע ווערט אין די געדרוקטע טעקסטן געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ יהודה בר׳ אלעאי אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי. מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט לויטן אות אמת, ציטירט פונעם רד״ל. אויסער דעם איז ר׳ יהודה בר׳ אלעאי געווען אַ תנא, אַ תלמיד פון ר׳ עקיבאן און אַ חבר פון ר׳ נחמיהן, און ר׳ יהושע בן לוי איז געווען פון דעם ערשטן דור אמוראים. דער מהרז״ו וויל אויפ־האַלטן די גירסא, אַרויסלאָזנדק די ווערטער בן לוי, און ר׳ יהודה זאָל עס האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן חנניא.

# פרשה ד

### א

(א) ושבתי אני ואראה את כל העשוקים. ר׳ יהודה ור׳ נחמיה ורבנן. ר׳ יהודה אומר: אלו הקטנים הנגנזים בחייהן בעון אבותם בעולם הזה. לעולם הבא הן עומדין בצד חבורה של צדיקים, ואבותיהם בצד חבורה של רשעים. והם אומרין לפניו: „רבוש״ע! כלום מתנו אלא בעון אבותינו? יבואו אבותינו בזכ־יותנו.״ והוא אומר להם: „אבותיכם חטאו מאחריכם, וחטאתיהם מלמדין קטיגור.״ (ר׳ יהודה בר׳ אלעאי בשם ר׳ יהושע בן לוי:) באותה שעה אליהו זכור לטוב יושב ומלמד סניגוריא ואומר להם: „אמרו לפניו: רבוש״ע! אי זו מדה מרובה, מדת הטובה או מדת הפורענות? אמור, — מדת הטוב מרובה ומדת הפורענות מעוטה; ומתנו בעון אבותינו, — מדת הטוב מרובה, לא כל שכן שיבואו אבותינו אצלנו!״ אמר להם: „יפה למדתם סניגוריא; יבואו אצלכם.״ דכתיב (זכריה י): וחיו את בניהם ושבו, ששבו מלירד לגיהנם והם ניצלין בזכות בניהם. לפיכך חייב כל אדם ללמד את בנו תורה, שיצילהו מגיהנם.

### ב

ור׳ חנינא פתר קרייה בהרוגי מלכות, שהם באים לחיי העולם הבא, אע״פ שאינן מתודין.

ר׳ בנימין פתר קרייה בחניפי תורה: סבורים כל עמא, שהוא קריין, ולית הוא קריין; תנויי, ולית הוא תנויי; עטיף גולתיה ותפילין ברישיה. והנה דמעת העשוקים, ואין להם מנחם. אמר

---

ר׳ בנימין באַשיידט דעם פסוק אויף די וואָס פאַלשעווען מיט דער תורה: די גאַנצע וועלט מיינט, אַז ער איז אַ קענער פון מקרא,[3] אָבער ער איז ניט קיין קענער פון מקרא; אַז ער איז אַ קענער פון משנה, אָבער ער איז ניט קיין קענער פון משנה; וויקלט זיך אין זיין טלית און טראָגט תפילין אויפן קאָפּ.[4] און אָט זיינען די טרערן פון די געדריקטע, און ניטאָ פאַר זיי קיין

ב. [1] דאָ וואָלט געדאַרפט זיין ר׳ נחמיה, לויטן אָנהייב סימן, אַנדערש פעלן דאָ זיינע ווערטער (רד״ל). [2] די וואָס שטאַרבן אויף קידוש השם. [3] תנ״ך. [4] לויטן שטייגער פון

טרייסטער.[5] האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „איך דאַרף נעמען געצאָלט פון זיי.״ ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה מח, י): ארור — פאַרשאָלטן איז דער וואָס טוט די אַרבעט פון גאָט פאַלש.

## ג

און די רבנן באַשיידן דעם פסוק אויף די אומות העולם: און אָט זײַנען די טרערן פון די געדריקטע, און ניטאָ פאַר זיי קיין טרייסטער, הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך דאַרף זיך אויסטענהן מיט זיי״; ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט נ, לד): גואלם — זייער אויסלייזער איז שטאַרק, גאָט פון צבאות איז זײַן נאָמען; ער וועט טאָן קריגן זייער קריג.

דניאל דער שניידער האָט באַשיידט דעם פסוק אויף ממזרים: [די גע־דריקטע] דאָס זײַנען די ממזרים אַליין; און ווער איז עס [דער באַדריקער]? דער וואָס איז געקומען אויף אַן ערווה[1] און האָט אים געבוירן. וואָס האָט דער געזינדיקט? און פאַרוואָס דאַרף ער לײַדן? ר׳ יהודה פון פזי האָט גע־זאָגט: אפילו דער ממזר וועט קומען אויף יענער וועלט, דען עס שטייט געשריבן: און אָט זײַנען די טרערן פון די געדריקטע, — האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: ווײַל אויף דער וועלט זײַנען זיי פסול, אָבער וועגן יענער וועלט האָט זכריה געזאָגט: איך האָב זיי געזען לויטער גאָלד,[2] ווי דער פסוק זאָגט (זכריה ד, ב): והנה — און אָט אַ מנורה, אין גאַנצן פון גאָלד [און אויף איר שפּיץ אַ בעקן].[3]

צוויי אמוראים [טײַטשן דאָס וואָרט גלה]. איינער האָט געזאָגט: [לייען] גולה, גלות; און איינער האָט געזאָגט: [לייען] גואלה,[4] איר אויסלייזער. דער וואָס האָט געזאָגט גולה מיינט מיט דעם די פאַרטריבענע אין בבל, און די שכינה וואָס איז געגאַנגען אין גלות מיט זיי;[5] און דער וואָס האָט געזאָגט גואלה, דאָס מיינט דער אויסלייזער, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה נז, ד): גואלנו — אונדזער אויסלייזער — גאָט פון צבאות איז זײַן נאָמען, און עס שטייט געשריבן (מיכה ב, יג): עלה — עס גייט אַרויף פאַר זיי דער דורכ־ברעכער — — — [און גאָט איז בראש פון זיי].

---

אַ תלמיד חכם. [5] דאָס זײַנען די מענטשן וואָס האָבן צוטרוי צום פאַלשן תלמיד חכם און ווערן פאַרפירט פון אים.

ג. [1] ער האָט געלעבט מיט אַ פרוי וואָס איז אים פאַרבאָטן (ויקרא יח, ו—כ). [2] אולוכרוסון, גריכיש. עמענדירט לויט שיר השירים רבה אויף ד, ז, (זע ערוך און יאַס־טראָוו). אין ויקרא רבה לב, ח, וואו דאָס וואָרט לייענט זיך אלו כורסוון, ווערט עס גלייך אָפּגעטײַטשט: כולו זהב טהור, אין גאַנצן ריין גאָלד. [3] פסוק ציטירט לויט ויקרא רבה, דאָרט. אין יענעם טעקסט ווערט עושקיהם, זייערע באַדריקערס געטײַטשט אויפן סנהדרין, וואָס קומט אויף זיי מיטן כוח פון דער תורה און דערווײַטערט זיי פון קהל אויפן סמך פונעם פסוק (דברים כג, ג): לא יבא — אַ ממזר זאָל ניט קומען אין גאָטס עדה. [4] לויט דער ראָם אויסגאַבע פון תרנ״ז. אין אַנדערע אויסגאַבן — גאולה, אויסלייזונג. [5] ער טײַטשט וגולה על ראשה — און די שכינה איז געגאַנגען אין גלות בראש פון די פאַרטריבענע.

**הקב״ה: „עלי להפרע מהן.״ שנאמר** (ירמיה מח): ארור עושה מלאכת ה׳ רמיה.

ג

**ורבנן פתרין קרייה באומות העולם:** והנה דמעת העשוקים, ואין להם מנחם, — **אמר הקב״ה: „עלי להתוכח עמהם״; דכתיב** (שם נ): גאלם חזק, ה׳ צבאות שמו, ריב יריב את ריבם.

**דניאל חייטא פתר קרייה בממזרין: אלו ממזרין עצמן; ואיזה זה? זה הבא על הערוה והולידו. זה מה חטא? וזה מה איכפת ליה? אמר ר׳ יהודה בן פזי: אפילו הממזר בא לעולם הבא, דכתיב:** והנה דמעת העשוקים, — **אמר הקב״ה: לפי שבעולם הזה הם פסולין, אבל לעתיד לבא אמר זכריה: אנא חמיתא (אלו כורסין) [אולוכרוסון], שנאמר** (זכריה ד): והנה מנורת זהב כלה [וגולה על ראשה].

**תרין אמורין. חד אמר:** גולה; **וחד אמר:** גאולה. **מאן דאמר** גולה **— גולה שבבבל וגלת שכינה עמהם; ומאן דאמר** גאולה **הוא פרוקא, דכתיב** (ישעיה נז): גואלנו ה׳ צבאות שמו, **וכתיב** (מיכה ב): עלה הפורץ לפניהם, וגו׳, [ה׳ בראשם].

ד

(ב) ושבח אני את המתים שכבר מתו, **אלו דור אנוש ודור המבול;** מן החיים אשר המה חיים עדנה, **אלו הסדומיים והמצריים.**

(ג) וטוב משניהם את אשר עדן לא היה, **אלו אלף דור שעלו במחשבה להבראות. וכמה נמחו מהם? ר׳ יוחנן בשם ר׳ אליעזר**

---

ד

(ב) ושבח אני — און איך לויב די טויטע, וואָס זיינען שוין לאַנג געשטאָרבן, **דאָס איז דער דור פון אנוש** [1] **און דער דור פון מבול;** מער פון די לעבעדיקע, וואָס לעבן נאָך, **דאָס זיינען די לייט פון סדום און די מצרים.** [2]

(ג) וטוב — און בעסער פון זיי ביידן איז דעם וואָס איז נאָך גאָר ניט געווען, **דאָס זיינען די טויזנט דורות וואָס זיינען אַרויף אויף דער מחשבה פון גאָט באַשאַפן צו ווערן.** [3] **און וויפיל פון זיי זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן? ר׳ יוחנן זאָגט אין נאָמען פון ר׳ אליעזר דעם זון פון ר׳ יוסי הגלילי: ניין**

---

ד. [1] זע אויבן ב, כד, באַמ. 3. [2] וואָס האָבן געלעבט שפּעטער פון די ערשטע און באַקומען זייער שטראָף אין אַ צייט אַרום. [3] פריער פון אדם הראשונען; יענע דורות

**הונדערט און פיר און זיבעציק דורות, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קה, ח): דבר — דאָס וואָרט וואָס ער האָט באַפוילן אויפן טויזנטסטן דור.[4]

### ה

**ר׳ יהושע האָט באַשיידט דעם פסוק**[1] **אויף ישראל, בשעת זיי זיינען געשטאַנען פאַרן באַרג סיני. ווי זיי זיינען דערגאַנגען צו יענער מעשה,**[2] **אַזוי האָט משה ניט דורכגעלאָזן קיין פיצל**[3] **ערד אויפן באַרג, ער זאָל זיך ניט וואַרפן אויף דעם און תפילה טאָן און בעטן רחמים אויף ישראל, אָבער ער איז ניט גענטפערט געוואָרן. און עס זיינען אים באַפאַלן פינף מלאכי חבלה:** קצף, און משחית, און השמד, אף און חמה.[4] **האָט זיך משה גלייך דערשראָקן פאַר זיי. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף די מעשים [טובים] פון די אבות. תיכף האָט ער דערמאָנט און געזאָגט** (שמות לב, יג): „זכר — געדענק אברהם, יצחק און ישראל דיינע קנעכט.״ **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „די אבות פון דער וועלט — וואָס קענען זיי האָבן צו מיר? אויב איך וועל קומען זיך אויסרעכענען מיט זיי, וועט מיר אַרויסקומען פון זיי. צו אברהמען האָב איך, וואָס ער האָט געזאָגט** (בראשית טו, ח): במה — מיט וואָס וועל איך וויסן, אַז איך וועל עס ירשענען?[5] **צו יצחקן האָב איך, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כה, כח): ויאהב — און יצחק האָט ליב געהאַט עשון, **און איך האָב אים פיינט געהאַט, ווי דער פסוק זאָגט** (מלאכי א, ג): ואת עשו — און עשון האָב איך פיינט געהאַט. **צו יעקבן האָב איך, וואָס ער האָט געזאָגט** (ישעיה מ, כז): נסתרה — פאַרבאָרגן איז מיין וועג פון גאָט״. **ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט** (שמות לב, יג): „אשר — וואָס דו האָסט זיי געשוואָרן ביי זיך, פון דיין נאָמענס וועגן״, **אַזוי איז הקדוש ברוך הוא אין דער זעלבער רגע פול געוואָרן מיט רחמנות, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט יד): וינחם ה׳ — און גאָט האָט חרטה געהאַט. **גלייך זיינען אָפּגע־טראָטן פון אים דריי מלאכי חבלה,** קצף און משחית און השמד, **און עס זיי־נען געבליבן צוויי,** אף און חמה; **דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דברים ט, יט): כי יגרתי — וואָרום איך האָב זיך געשראָקן פאַר אף און חמה. **האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! קען איך ביישטיין זיי ביידן? נעם זיך דו צו איינעם און איך צו איינעם״. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים ז, ז): קומה — שטיי אויף, גאָט, קעגן דיין אף.[6] **און פון וואַנען איז געדרונגען אַז משה האָט זיך געשטעלט קעגן דעם איינעם מלאך חמה? ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט קו, כג): ויאמר — און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיי פאַר־טיליקן, ווען ניט דאָס וואָס משה זיין אויסדערוויילטער האָט זיך געשטעלט

---

**האָבן געהאַט דאָס גליק ניט צו זיין אויסגעשטעלט צום נסיון פון זינד.** [4] **זע אויבן א, לז, באַמערקונגען 13 און 15. — די דאָזיקע דרשה אויפן פסוק ג וואָלט געדאַרפט זיין ווייטער, נאָך די סימנים ה, ו, ז, וועלכע קערן זיך אום צוריק צום פסוק ב.**

ה. [1] ושבח אני — און איך לויב די טויטע. [2] **צו מאַכן דאָס גאָלדענע קאַלב.** [3] **ווערטערלעך — ווינקל.** [4] צאָרן, פאַרדאַרבונג, פאַרטיליקונג, כעס, גרימצאָרן. [5] **מיט**

**בנו של ר׳ יוסי הגלילי אומר: תשע מאות ושבעים וארבעה דורות, שנאמר** (תהלים קה): דבר צוה לאלף דור.

ה

**ר׳ יהושע פתר קרייא בישראל, בשעה שעמדו לפני הר סיני. כיון שבאו לאותו מעשה, לא הניח משה זוית בקרקע ההר שלא נחבט עליה ומבקש תפלה ורחמים על ישראל, ולא נענה. ונזדווגו לו חמשה מלאכי חבלה:** קצף, ומשחית, והשמד, אף וחמה. **מיד נתיירא משה מהן. מה עשה? נתלה במעשה אבות. מיד הזכיר ואמר** (שמות לב): זכר לאברהם, ליצחק ולישראל עב־דיך. **אמר לו הקב״ה: „משה, אבות העולם מה יש להם עלי? אם באתי לדקדק אחריהם, אני יש לי עליהם. אברהם יש לי עליו, שאמר** (בראשית טו): במה אדע, כי אירשנה? **יצחק יש לי עליו, שנאמר** (שם כה): ויאהב יצחק את עשו, **ואני שנאתיו, שנאמר** (מלאכי א): ואת עשו שנאתי. **יעקב יש לי עליו, שאמר** (ישעיה מ): נסתרה דרכי מה׳.״ **כיון שאמר** (שמות לב): אשר נשבעת להם בך, **למען שמך, — באותה שעה נתמלא הקב״ה רחמים, שנאמר** (שם): וינחם ה׳, **וגו׳. מיד נסתלקו ממנו שלשה מלאכי חבלה, קצף ומשחית והשמד, ונשתיירו שנים, אף וחמה; הה״ד** (דברים ט): כי יגרתי מפני האף והחמה. **אמר לפניו: „רבוש״ע! יכיל אנא מיקם בתרויהון? סבול את חד ואנא הד״. הה״ד** (תהלים ז): קומה ה׳ באפך, **וגו׳. ומניין שעמד משה באחד מלאך חמה? שנאמר** (שם קו): ויאמר להשמידם, לולא משה בחירו עמד בפרץ לפניו להשיב חמתו מהשחית. **על אותה שעה הוא אומר:** ושבח אני את המ־תים — — — [מן החיים אשר המה חיים עדנה,] כגון אני וחבורתי.

ו

**ר׳ שמואל בר׳ נחמן פתר קרייא בדוד. בשעה שבנה שלמה**

---

פאַר אים אין בראָך, אָפּצוהאַלטן זיין חמה[7] פון אומברענגען. וועגן יענער שעה זאָגט דער פסוק: ושבח אני — און איך לויב די טויטע — — — [מער פון די לעבעדיקע וואָס לעבן נאָך,] ווי איך און מיינע מיטמענטשן.[8]

ו

ר׳ שמואל בר נחמן האָט באַשיידט דעם פסוק אויף דודן. בשעת שלמה

---

דעם האָט אברהם אַרויסגעוויזן אומצוטרוי צו גאָט. [6] אַזוי לויטן דרש. [7] ווי באַמ. 6.

[8] דער לעבעדיקער משה האָט אַנדערש ניט געקענט ראַטעווען די יידן, נייערט מיטן זכות פון די טויטע אבות.

האָט אויפגעבויט דעם בית המקדש, האָט ער געבעטן, אַז אַ פייער זאָל אַראָפּקומען פון הימל, אָבער ס'איז ניט אַראָפּגעקומען. ער האָט מקריב געווען טויזנט עולות, און ס'איז ניט אַראָפּגעקומען. ער האָט געזאָגט פיר און צוואַנציק תפילות, און ס'איז ניט אַראָפּגעקומען. ביז ער האָט געזאָגט (דברי הימים ב, ו, מב): זכרה — געדענק די חסדים פון דוד דיין קנעכט, אַזוי גלייך איז עס אַראָפּגעקומען, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט ז, א): וככלות און ווי שלמה האָט געענדיקט מתפּלל צו זיין, אַזוי האָט אַראָפּגענידערט דאָס פייער.[1]

ר' יודה בר' לעיי און די רבנן [האָבן געזאָגט וועגן דעם]. ר' יודה בר' לעיי[2] האָט געזאָגט: דוד האָט ווידער אויפגעלעבט אין יענער שעה; און די רבנן האָבן געזאָגט: ער האָט געבראַכט זיין [טויטן קערפּער אין] ארון. און זיי קריגן ניט[3]: דער וואָס האָט געזאָגט, אַז דוד האָט ווידער אויפגעלעבט אין יענער שעה, — דאָס איז וואָס דוד זאָגט מיט זיין אייגן מויל (תהלים ל, ד): ה' גאָט, דו האָסט אַרויפגעבראַכט מיין נפש פון אונטערערד,[4] און נאָך אַ פּסוק זאָגט (דברי הימים ב, ו, מב): ה' אלהים — גאָט דו האַר, שטויס ניט אָפּ דאָס פּנים פון דיין געזאַלבטן, און אָט שטייט ער לעבעדיק פאַר דיר;[5] און דער וואָס האָט געזאָגט, אַז זיין ארון [מיטן טויטן קערפּער] האָט ער געבראַכט, דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: זכרה — געדענק די חסדים פון דוד דיין קנעכט.[6]

און וועגן יענער שעה איז געזאָגט געוואָרן דער פּסוק: ושבח אני — און איך לויב די טויטע — — — [מער פון די לעבעדיקע], ווי איך און מיינע מיטמענטשן.[7]

ז

ר' יהודה בר' סימון האָט באַשיידט דעם פּסוק אויף יחזקאלן. בשעת ער איז געשטאַנען איבערן טאָל און ער האָט געזאָגט (יחזקאל לז, ד): העצמות היבשות — איר טרוקענעביינער, הערט דאָס וואָרט פון גאָט, אַזוי גלייך (דאָרט ז): ותקרבו — האָבן די ביינער גענעענט ביין צו זיין ביין. האָט ער געזאָגט צו זיי: „צוערשט, אַז איך האָב געזאָגט צו אייך (ירמיה ב, ד): שמעו — הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר הויז פון יעקב,[1] האָט איר ניט געהערט,

ו. [1] און פאַרצערט די קרבנות. [2] מסתמא ר' יהודה בר' אלעאי. [3] ביידע האַלטן, אַז דוד איז געבראַכט געוואָרן, נאָר לויט איינעם איז ער געבראַכט געוואָרן אַ ווידער אויפגעלעבטער, און לויטן צווייטן — אַ טויטער אין ארון. ס'קען אויך מיינען: זיי קריגן ניט אויפן סמך פון פערזענלעכע מיינונגען, נייערט אויפן סמך פון די ווייטערדיקע פּסו־קים. [4] און לויטן ערשטן פּסוק ווערט יענער קאַפּיטל אויסגעטייטשט אויף שלמה המלכס בית המקדש (זע מדרש תהלים ל, ו; בובערס אויסגאַבע, זייט 226; זע אויך תרגום און מפרשים אויף יענעם פּסוק). [5] געטייטשט, לויטן סוף פון פּסוק, אויף דודן, און עס קלינגט ווי אין שייכות צו אַ לעבעדיקן. [6] עס קלינגט ווי אין שייכות צו אַ טויטן. [7] דער טויטער דוד האָט געפּועלט וואָס דער לעבעדיקער שלמה האָט ניט געקענט פּועלן.

ז. [1] כדי צו ציטירן אַן אידענטישן פּסוק (שמעו דבר ה'), באַנוצט זיך דער בעל המדרש מיט אַ פּסוק ניט פון יחזקאל, נאָר פון ירמיה, — קומען דאָך ביידע פּסוקים פון

**את בית המקדש, בקש שתרד אש מן השמים, ולא ירדה. הקריב אלף עולות, ולא ירדה. התפלל כ״ד תפלות, ולא ירדה. עד שאמר** (דברי הימים ב, ו): זכרה לחסדי דוד עבדך, **מיד ירדה, שנאמר** (שם ז): וככלות שלמה להתפלל, והאש ירדה.

**ר׳ יודה בר׳ לעיי ורבנן. ר׳ יודה בר׳ לעיי אמר: חיה דוד באותה שעה; ורבנן אמרן: ארונו הביא. ולא פליגין: מאן דאמר חיה דוד באותה שעה, הוא שדוד אומר בפיו** (תהלים ל): ה׳, העלית מן שאול נפשי, וגו׳, **וכתוב אחד אומר** (דברי הימים ב, ו): ה׳ אלהים, אל תשב פני משיחך, **דהוא קיים קדמך; ומאן דאמר ארונו הביא, הה״ד** זכרה לחסדי דוד עבדך. **ועל אותה שעה נאמר:** ושבח אני את המתים, וגו׳, [מן החיים, וגו׳,] **כגון אני וחבורתי.**

ז

**ר׳ יהודה בר׳ סימון פתר קרייא ביחזקאל. בשעה שעמד על הבקעה ואמר** (יחזקאל לז): העצמות היבשות, שמעו דבר ה׳, **מיד** (שם) ותקרבו עצמות עצם על עצמו, וגו׳. **אמר להם: „בתחלה אמרתי לכם** (ירמיה ב): שמעו דבר ה׳, בית יעקב, **ולא שמעתם, ועכשו שמעתם; בחייכם לא שמעתם, במיתתכם שמעתם.״ על אותה שעה נאמר:** ושבח אני את המתים [וגו׳, מן החיים] וגו׳, **כגון אני וחבורתי.**

ח

(ה) הכסיל חובק את ידיו, **משל למה הדבר דומה? לשני בני אדם שהיו יגעין בתורה; אחד יגע והשביח, ואחד יגע ופירש.**

---

**און איצט האָט איר געהערט; ביי אייער לעבן האָט איר ניט געהערט, נאָך אייער טויט האָט איר געהערט.״ וועגן יענער שעה איז געזאָגט געוואָרן דער פסוק:** ושבח אני — און איך לויב די טויטע — — — [מער פון די לעבע־דיקע]; **ווי איך און מיינע מיטמענטשן.**[2]

ח

(ה) הכסיל — דער נאַר פאַרלייגט זיינע הענט און עסט זיין אייגן לייב. **למשל, צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך געמיט אין תורה. איינער האָט זיך געמיט און האָט מצליח געווען, און איינער האָט**

---

**גאָט.** [2] מהרז״ו: **די טויטע הערן גאָטס וואָרט, אָבער די לעבעדיקע ניט, ווי עס שטייט געשריבן** (יחזקאל ג, ז): ובית ישראל — און דאָס הויז פון ישראל וועט ניט וועלן זיך צוהערן צו דיר. — **לויטן עץ יוסף דאַרף מען דאָ די פראַזע „ווי איך און מיינע מיט־מענטשן״ אַרויסלאָזן, ווייל דער נביא האָט דאָ אין זינען די זעלבע מענטשן, וואָס ביים לעבן האָבן זיי זיך ניט צוגעהערט און נאָכן טויט — יאָ.**

זיך געמיט און האָט זיך דערוויטערט פון דעם. דער וואָס האָט זיך דער־ווייטערט זעט דעם וואָס האָט מצליח געווען, ווי ער שטייט [אויף יענער וועלט] זייט ביי זייט מיט אַן עדה פון צדיקים, און ער שטייט זייט ביי זייט מיט אַן עדה פון רשעים; אַזוי פאַרלייגט ער זיינע הענט און עסט זיין אייגן לייב.

ט

(ו) טוב — בעסער אַ האַנטפול מנוחה, [איידער פולע הויפנס מי און יאָגן זיך נאָך ווינט]. בעסער דער וואָס לערנט [אַ ביסל] הלכות און געניט זיך איין אין זיי, פון דעם וואָס לערנט הלכות און מידות,[1] און חזרט זיי ניט איין, אַז ער זאָל ווערן געניט אין זיי. דאָס ווערט געזאָגט: בעסער איין פויגל אַ געבונדענער, איידער הונדערט פליענדיקע. און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט — ער וויל,[2] מע זאָל אים רופן „האַר פון מכילתות".[3]

אַן אַנדער פשט: בעסער אַ האַנטפול מנוחה, — בעסער דער וואָס טוט אַ ביסל צדקה פון זיין אייגנס, פון דעם וואָס גזלט און באַנעמט און באַרייסט און טוט גרויס צדקה [אויפן חשבון] פון אַנדערע. דאָס ווערטל זאָגט: איז מזנה פאַר עפל און טיילט זיי צו קראַנקע. און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט — ער וויל מע זאָל אים רופן „טוער פון מצוות."

אַן אַנדער פשט: בעסער אַ האַנטפול מנוחה, — בעסער דער וואָס האָט צען גאָלדשטיק און ער האַנדלט און האָט פרנסה פון זיי, פון דעם וואָס נעמט אַן געלט פון פרעמדע און מאַכט היזק און פאַרלירט עס. דאָס ווערטל זאָגט: ניט גענוג אים, וואָס ער פאַרלירט זיינס, נייערט אויך פרעמדס; פאַרלירט זיינס און ניט זיינס. און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט — ער וויל מע זאָל אים רופן „סוחר".

אַן אַנדער פשט: בעסער אַ האַנטפול מנוחה, — בעסער דער וואָס דינגט אַ גאָרטן און עסט זיינע פרוכט, פון דעם וואָס דינגט אַ סך גערטנער און ער פאַרוואָרלאָזט זיי. דאָס ווערטל זאָגט: דער וואָס דינגט אַ גאָרטן, עסט פייגל; דער וואָס דינגט גערטנער, עסן פייגל אים. און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט — ער וויל מע זאָל אים רופן „האַר פון לענדערייען".

י

ר׳ יעקב בר׳ קורשאי האָט געזאָגט: בעסר אַ האַנטפול מנוחה אויף יע־נער וועלט, איידער פולע הויפנס מי און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט אויף דער

ט. [1] מאָדוסן, מעטאָדן ווי צו דרשענען הלכות: די זיבן מידות פון הללן (תוספתא סנהדרין ז), די דרייצן מידות פון ר׳ ישמעאלן (ברייתא דר׳ ישמעאל, ספרא), און די צוויי און דרייסיק מידות פון ר׳ יוסי הגלילי (ברייתא דל״ב מידות, אייזנשטיין, אוצר המד־רשים 265). [2] רעותיה (זיין ווילן) — רעות רוח. [3] מכילא, מכילתא — אַ נאָמען פאַר זאַמלונגען פון תנאישע דרשות אין הלכה. ס׳קען אויך מיינען „האַר פון מידות", דער וואָס איז באַהבנט אין דער הלכה, וואָס ווערט געדרשנט לויט די פאַרשידענע מידות (זע צונץ, הדרשות בישראל, מוסד ביאליק, ז׳ 27 און באַמערקונג 46, און איש שלום, אַריינ־פיר צו מכילתא דר׳ ישמעאל, פרק א און ה. זע אויך ויקרא רבה ג, א).

**זה שהיה יגע בתורה ופירש רואה את זה שהשביח עומד בצד חבורה של צדיקים, והוא עומד בצד חבורה של רשעים;** מיד חובק את ידיו ואוכל את בשרו.

ט

(ו) טוב מלא כף נחת [ממלא חפנים עמל ורעות רוח]. **טוב מי שהוא שונה הלכות ורגיל בהם, ממי שהוא שונה הלכות ומדות, ואינו חוזר ורגיל בהם. מתלא אמר: טבא חדא ציפרא כפותא מן מאה פרחיין.** ורעות רוח — **רעותיה דיהוי מיתקרי „מרי מכילאן".**

**ד"א:** טוב מלא כף מחת, **טוב מי שהוא עושה צדקה מעוטה משלו, ממי שהוא גוזל וחומס ועושק ועושה צדקות גדולות משל אחרים. מתלא אמר: גייפא בחזורין ומפלגא לבישייא.** ורעות רוח — **רעותיה מיתקרי „בר מצוותא".**

**ד"א:** טוב מלא כף נחת, — **טוב מי שיש לו עשרה זהובים ונושא ונותן ומתפרנס מהם, ממי שהוא נוטל ממון של אחרים ומפסידו ומאבדו. מתלא אמר: לא מיסתייה מובד דידיה, אלא דאחרינין; מובד דידיה ודלא דידיה.** ורעות רוח — **רעותיה די יהוי מיתקרי „פרגמטיוטא".**

**ד"א:** טוב מלא כף נחת, — **טוב מי שהוא שוכר גנה ואוכל פירותיה, ממי שהואַ שוכר גנות הרבה והוא מביירן. מתלא אמר: דאגיר גנה אכיל ציפרין; דאגיר גנייאן אכלין ליה ציפרין.** ורעות רוח, — **רעותיה מיתקרי „מרי אוסייאן".**

י

**א"ר יעקב בר׳ קורשאי:** טוב מלא כף נחת **בעולם הבא** ממלא חפנים עמל ורעות רוח **בעולם הזה. הוא היה אומר: יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא. שהעולם הבא אינו בא אלא מכח העולם הזה.**

---

**וועלט. ער פלעגט זאָגן: בעסער איין שעה פון נחת רוח אויף יענער וועלט, איידער דאָס גאַנצע לעבן אויף** דער **וועלט; און בעסער איין שעה פון תשובה און מעשים טובים אויף** דער **וועלט, איידער דאָס גאַנצע לעבן אויף יענער וועלט.**[1] מחמת **יענע וועלט קומט ניט אַנדערש, נייערט מיטן כוח פון** דער **וועלט.**[2]

---

י. [1] **אין** אבות (ד, יז) **איז דער סדר פון די מימרות אַ פאַרקערטער, — אפשר דער־פאַר, ווייל דער בעל המדרש וויל פאַרענדיקן מיט זיין ווייטערדיקער דערקלערונג.** [2] **נאָר אַ**

ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: בעסער אַ האַנטפול מנוחה, דאָס איז דער טאָג פון שבת, איידער פולע הויפנס מי און יאָגן זיך נאָך ווינט, דאָס זיינען די זעקס אַרבעטס טעג. דען ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: ישראל וועט אַנדערש ניט אויסגעלייזט ווערן, נייערט אין זכות פון שבת, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ל, טו): בשובה — אין רואיקייט און מנוחה וועט איר געהאָלפן ווערן, — אין [זכות פון] שבת[3] און מנוחה וועט איר געהאָלפן ווערן. און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט — ער[4] וויל מע זאָל אים רופן „אַן אַרבעטער און אַן עסער.״

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: בעסער דער איינער טריט וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געטראָטן אין לאַנד פון מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, יב): ועברתי און איך וועל דורכגיין דורכן לאַנד מצרים אין דערדאָזיקער נאכט, איידער זייערע פולע הויפנס סאָזשע פון אַ קאַלכאויוון;[5] פאַרוואָס? ווייל אין דעם איז געווען גאולה, און זיי זיינען אויסגעלייזט געוואָרן, און מיט דער סאָזשע פון קאַלכאויוון זיינען זיי ניט אויסגעלייזט געוואָרן.

יא

ר׳ יצחק האָט באַשיידט דעם פסוק אויפן שבט גד און שבט ראובן.[1] ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין ארץ ישראל און האָבן געזען, וויפיל לאַנד דאָרט איז פאַראַן צו זייען, וויפיל לאַנד דאָרט איז פאַראַן צו פלאַנצן, האָבן זיי געזאָגט: „בעסער אַ האַנטפול מנוחה אין ארץ ישראל, איידער פולע הויפנס מי אין עבר הירדן״. אָבער ווידער האָבן זיי געזאָגט: „וואָס, זיינען מיר אַליין ניט שולדיק אין דעם? צי האָבן מיר ניט געזאָגט (במדבר לב, ה): יתן — זאָל געגעבן ווערן דאָס דאָזיקע לאַנד צו דיינע קנעכט?״

אויך הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „ס׳איז מיר ליבער דער פולער הויפן [זעמלמעל] פונעם אָרימאַנס אייגנוויליקן קרבן מנחה, איידער די פולע הויפנס ווייריך פון געווירצן פונעם כוהן גדול״. פאַרוואָס? ווייל דער [ווייריך] קומט אויף פאַרגעבונג און דער [קרבן מנחה] קומט ניט אויף קיין פאַרגעבונג,[2] ווי עס שטייט געשריבן (ויקרא ב, א): ונפש — און אַז עמיצער וועט ברענגען אַ קרבן מנחה צו גאָט. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (ויקרא טז, יג): וכסה — און ס׳וועט פאַרדעקן דער וואָלקן פון ווייריך, און מיר ווייסן ניט, וואָס דאָס [פאַרדעקן] מיינט; ביז דוד איז געקומען און האָט עס אויפגעקלערט, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פה, ג):

---

דאַנק די מצוות און מעשים טובים וואָס אַ מענטש טוט אויף דער וועלט פאַרדינט ער זיך אַ חלק אויף יענער וועלט. [3] אין ירושלמי ווערט שבת אָפט גערופן שובה., אָדער שובא (זע ירושלמי סוטה א, ד). [4] דער וואָס האָט מער גערן די זעקס אַרבעטס טעג. [5] וואָס משה האָט געוואָרפן צום הימל (שמות ט, י) און מיט דעם געבראַכט אויף די מצרים די מכה פון שחין.

יא. [1] וואָס האָבן זיך באַזעצט אין עבר הירדן, ווייל דאָס לאַנד האָט געהאַט אַ סך פאַשע פאַר בהמות (במדבר לב). [2] דער פרייוויליקער קרבן מנחה פונעם אָרימאַן, וואָס זוכט ניט קיין פערזענלעכן נוצן, איז חשובער ווי דער ווייריך, וואָס ווערט געבראַכט כדי צו קריגן

**א״ר חייא בר אבא:** טוב מלא כף נחת, **זה יום השבת**, ממלא חפנים עמל ורעות רוח, **אלו ששת ימי המעשה. דאמר ר׳ חייא בר אבא: אין ישראל נגאלין, אלא בזכות שבת, שנאמר** (ישעיה ל): בשובה ונחת תושעון, — **בשובה ונייח תושעון.** ורעות רוח — **רעותיה דמיתקרי „לעי ונגיס״.**

**א״ר ברכיה: טובה דריסה שדרס הקב״ה בארץ מצרים, שנאמר** (שמות יב): **ועברתי בארץ מצרים בלילה הזה,** ממלא חפנים — **ממלא חפניהם פיח כבשן; למה? שבזו היתה גאולה ונגאלו, ובזו של פיח הכבשן לא נגאלו.**

יא

**ר׳ יצחק פתר קרייא בשבט גד ושבט ראובן, שבאו לארץ ישראל וראו כמה בית זרע יש בה, כמה בית נטע יש בה. אמרו:** „טוב מלא כף נחת **בארץ ישראל** ממלא חפנים עמל **בעבר הירדן.״ וחזרו ואמרו: „מה, לא אנן גרמינן לן? לא אמרין אנן** (במדבר לב): יתן את הארץ הזאת לעבדיך?״

**ואף הקב״ה אמר: „חביב עלי מלא קמצו של עני מנחת נדבה, ממלא חפנים של כהן גדול קטרת הסמים״. למה? שזו באה כפרה וזו אינה באה כפרה, דכתיב** (ויקרא ב, א): **ונפש כי** תקריב מנחה לה׳. **א״ר יצחק: כתיב** (ויקרא טז, יג): **וכסה ענן** הקטרת, **אין אנן יודעין מהו; עד שבא דוד ופירשו, שנאמר** (תהלים פה): נשאת עון עמך, [כסית כל חטאתם].

יב

(ז) ושבתי אני ואראה הבל תחת השמש, **זו אדרתו של מלאך המות.**

---

נשאת — דו האָסט פאַרטראָגן די זינד פון דיין פאָלק, [דו האָסט פאַרדעקט אַלע זייערע חטאים].[3]

יב

(ז) ושבתי — און ווידער האָב איך געזען נישטיקייט אונטער דער זון, דאָס איז די שליטה[1] **פונעם מלאך המות.**

---

**פאַרגעבונג פון זינד.** [3] **די דאָזיקע מימרא פון ר׳ יצחקן קומט אין די געדרוקטע טעקסטן פאַר די ווערטער** „אויך הקדוש ברוך הוא — — —.״ **דאָרט האָט עס אָבער קיין זין ניט. אין איינקלאַנג מיטן עץ יוסף און מיטן רד״ל האָבן מיר עס געשטעלט ווי אַ באַווייז, אַז דער ווייַרויך פלעגט געבראַכט ווערן מכפר צו זיין אויף זינד.**

יב. [1] אדרא — אַ פאַן (בבא בתרא עג, א), **סימבאָל פון שליטה** (מתנות כהונה): **כל זמן דער מלאך המות האָט אַ שליטה, איז אַלץ נישטיק. לויט אַנדערע מפרשים: —**

## יג

(ח) יש אחד — פאַראַן איינער, וואָס האָט ניט קיין צווייטן. פאַראַן איינער, דאָס איז הקדוש ברוך הוא, וואָס וועגן אים ווערט געזאָגט (דברים ו, ח): ה׳ אלהינו — גאָט אונדזער גאָט, גאָט איז איינער; וואָס האָט ניט קיין צווייטן, דען ער האָט ניט קיין שותף אויף זיין וועלט; גם — אויך קיין זון און קיין באַהעפטונג[1] האָט ער ניט, — אויב ער האָט ניט קיין באַהעפטונג, פון וואַנען זאָל ער האָבן אַ זון?[2] נייערט ווייל הקדוש ברוך הוא האָט ליב געהאַט ישראל, האָט ער זיי אָנגערופן קינדער, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יד, א): בנים — קינדער זענט איר צו גאָט אייער גאָט, און ער האָט זיי אָנגערופן ברידער, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קכב, ח): למען — פון וועגן מיינע[3] ברידער און פריינט. ואין — און ס׳איז ניטאָ קיין סוף צו זיין גאַנצער מי, צו דעם אַלעמען וואָס ער האָט געטאָן אין די זעקס טעג פון בראשית. ולמי — און פאַר וועמען מי איך זיך און מינער מיין זעל פון גוטס, — זיך ניט צו באַ־העפטן מיט זיינע פירונגען?[4] אויב די צדיקים זאָלן ניט שטיין פאַר אים און איינאייגענען מצוות און מעשים טובים, איז ניט נישטיקייט אַלץ וואָס הק־דוש ברוך הוא האָט באַשאַפן אויף זיין וועלט?

אַן אַנדער פשט: פאַראַן איינער, דאָס איז אברהם, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לג, כד): אחד — איינער איז געווען אברהם; וואָס האָט ניט קיין צווייטן, דען ער האָט ניט קיין גלייכן; אויך קיין זון און קיין ברודער האָט ער ניט, ער האָט קיין זון און קיין ברודער ניט געהאַט, בשעת ער איז אַריין אין קאַלכאויוון;[5] און בשעת הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט (בראשית כב, ב): קח — נעם דיין זון דיין איינאיינציקן — — — [און ברענג אים אויף דאָרטן פאַר אַן עולה], האָט ער ניט געזען, אַז ער האָט אַ זון;[6] און בשעת ער האָט געזאָגט צו אים (דאָרט יב, א): לך לך — גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד, האָט ער ניט געזען, אַז ער האָט אַ ברודער.[7] און ס׳איז ניטאָ קיין סוף צו זיין גאַנצער מי אין מצוות און מעשים טובים. און פאַר וועמען מי איך זיך און מינער מיין זעל פון גוטס, — ניט זיך צו באַהעפטן מיט זיינע[8] פירונגען? דען איטלעכער וואָס טוט ניט ווי ער, גם זה — איז עס אויך נישטיקייט.

---

זיין מאַנטל, זיין צודעק, אין וועלכן ער טראָגט אַוועק די נשמות.

יג. [1] אַח (אַ ברודער) ווערט דאָ, לויטן שרש אחה, באַהעפטן, געטייטשט אויף אַ ווייב. [2] ס׳קלינגט ווי אַ זאָג קעגן דער קריסטלעכער דאָגמאַ. [3] מיינע ווערט דאָ פאַרשטאַנען גאָטס: פיזיש האָט טאַקע גאָט ניט קיין זון און קיין ברודער, אָבער גייסטיק יאָ, און דאָס איז ישראל. [4] אונטער איך ווערט דאָ פאַרשטאַנען דער מענטש, וואָס דאַרף זיך באַמיען צו גיין אין גאָטס דרכים, און „פאַר וועמען" דאַרף דאָ פאַרשטאַנען ווערן ווי „אויף וואָס". [5] וואו נמרוד האָט אים אַריינגעוואָרפן פאַר ניט וועלן דינען צו זיינע געטער, און הרן, אבההמס ברודער, איז געשטאַנען דערביי און האָט זיך ניט געקענט אַנטשליסן, צי זאָל ער שטיין אויף אברהמס זייט, צי אויף נמרודס (בראשית רבה לח, יג). [6] ער האָט זיך געמאַכט פאַרגעסן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן זיין אייגענעם זון. [7] נחור, וועמען

## י״ג

(ח) יש אחד ואין שני. יש אחד, **זה הקב״ה, שנאמר בו** (דברים ו׳): ה׳ אלהינו, ה׳ אחד; ואין שני, **שאין לו שותף בעולמו**; גם בן ואח אין לו, — **אח אין לו, בן מאין יש לו? אלא שחבב הקב״ה לישראל וקראן בנים, שנאמר** (שם יד): בנים אתם לה׳ אלהיכם, **וקראם אחים, שנאמר** (תהלים קכב): למען אחי ורעי. — ואין קץ לכל עמלו, **לכל מה שעשה בששת ימי בראשית.** ולמי אני עמל ומחסר את נפשי מטובה,—**לא להדבק בדרכיו? אם אין הצדיקים עומדים ומסגלין מצות ומעשים טובים לפניו, אין זה הבל שברא הקב״ה בעולמו?**

**ד״א:** יש אחד, **זה אברהם, שנאמר** (יחזקאל לג): אחד היה אב־רהם; ואין שני, **שאין לו בן זוג**; גם בן ואח אין לו, **בן ואח לא היה לו, בשעה שירד אל הכבשן; ובשעה שאמר לו הקב״ה** (בראשית כב): קח נא את בנך את יחידך — — — [והעלהו שם לעו־לה], **לא ראה שיש לו בן; בשעה שאמר לו** (שם יב): לך לך מאר־צך, **לא ראה שיש לו אח.** ואין קץ לכל עמלו **ממצות ומעשים טובים.** ולמי אני עמל ומחסר את נפשי מטובה, — **לא להדבק בדרכיו? שכל מי שאינו עושה כמותו,** גם זה הבל.

**ד״א:** יש אחד, **זה שבט לוי;** גם בן ואח אין לו, — **בשעה שאמר לו משה** (שמות לב): עברו ושובו משער לשער — — — [והרגו איש את אחיו], **וכתיב** (דברים לג) האומר לאביו ולאמו: לא ראיתיו, [ואת אחיו לא הכיר, ואת בניו לא ידע]. ואין קץ לכל עמלו **במלאכת המשכן**; גם עינו לא תשבע עשר, **אלו הקר־בנות.** ולמי אני עמל, — **לא להדבק בדרכיו? כל מי שאינו עושה**

---

**אַן אַנדער פּשט:** פאַראַן איינער, **דאָס איז דער שבט לוי;** אויך קיין זון און קיין ברודער האָט ער ניט, — **בשעת משה האָט געזאָגט צו אים** (שמות לב, כז): עברו — גייט דורך הין און צוריק פון טויער צו טויער — — — [און הרגעט איטלעכער זיין ברודער], **און עס שטייט געשריבן** (דברים לג, ט): האומר — דער וואָס זאָגט אויף זיין פאָטער און אויף זיין מוטער: איך האָב זיי ניט געזען; [און זיינע ברידער האָט ער ניט דערקענט, און זיינע קינדער האָט ער ניט געוואָלט וויסן]. און ס׳איז ניטאָ קיין סוף צו זיין גאַנצער מי **אויף דער אַרבעט פונעם משכן;** גם — אויך זעטיקט זיך זיין אויג ניט מיט עשירות, **דאָס זיינען די קרבנות.** און פאַר וועמען מי איך זיך, — **ניט כדי זיך צו באַהעפטן מיט זיינע**

פירונגען? איטלעכער וואָס טוט ניט ווי ער, איז עס אויך נישטיקייט און אַ שלעכטער ענין.

אַן אַנדער פשט: פאַראַן איינער, דאָס איז דער יצר הרע; וואָס האָט ניט קיין צווייטן, דען ער האָט ניט קיין גלייכן אין עבירות; אויך קיין זון און קיין ברודער האָט ער ניט, — בשעת אַ מענטש גייט עובר זיין אַן עבירה, זעט ער ניט, אַז ער האָט אַ זון וואָס וועט שטאַרבן איבער זיינע זינד, און ער זעט ניט, אַז ער האָט אַ ברודער וואָס וועט זיך שעמען מיט אים און מבוזה ווערן דורך אים. און ס׳איז ניטאָ קיין סוף צו זיין גאַנצער מי, אין זיינע שלעכטע מעשים; אויך זעטיקט זיך זיין אויג ניט מיט עשירות, דאָס זיינען זיינע שלעכטע מעשים. און פאַר וועמען מי איך זיך? כדי זיך ניט צו באַהעפטן מיט זיינע פירונגען; און דער וואָס טוט ניט אַזוי, איז עס אויך נישטיקייט.

אַן אַנדער פשט: פאַראַן איינער, דאָס איז גביני דער זון פון חרסון; און אַן אַ צווייטן, דען ער האָט ניט קיין גלייכן;[9] אויך קיין זון און קיין ברודער האָט ער ניט, דען ער איז געווען אַן איינאיינציקער ביי זיין מאַמען; און ס׳איז ניטאָ קיין סוף צו זיין גאַנצער מי, צו דעם וואָס זיין פאָטער האָט אים אי־בערגעלאָזט. אויך זעטיקט זיך זיין אויג ניט מיט עשירות, דען ער איז געווען בלינד אויף איין אויג.[10] מע דערציילט: בשעת זיין פאָטער איז געשטאָרבן, האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער: „וויז מיר גאָר דאָס זילבער און גאָלד וואָס מיין פאָטער האָט מיר איבערגעלאָזן." איז זי אַוועק און אים געוויזן אַ באַרג[11] מיט רענדלעך; איז זי געשטאַנען אויף איין זייט און ער אויף דער צווייטער, און זיי האָבן ניט געזען איינער דעם אַנדערן. ר׳ לוי אין נאָמען פון ריש לקיש האָט געזאָגט: אין דעם טאָג וואָס גביני דער זון פון חרסון איז געשטאָרבן איז געבוירן געוואָרן בלשאצר דער הערשער פון בבל[12].

יד

(ט—יב) טובים — בעסער צווי, איידער איינער. בעסער צווי וואָס מיען זיך אין תורה, איידער איינער, וואָס דער לערנט פאַר זיך און דער פאַר זיך; כי — וואָרום אויב זיי וועלן פאַלן, וועט איינער אויפהייבן דעם צווייטן, אויב איינער פון זיי האָט פאַרגעסן אַ הלכה וועט אים זיין חבר די הלכה דערמאָנען. והחוט המשלש — און דער דרייפאַכער פאָדים וועט ניט אַזוי גיך איבערגעריסן ווערן, דאָס איז דער רבי, וואָס פאַרריכט זייערע טעותן.

אַן אַנדער פשט: בעסער צווי, איידער איינער, — בעסער צווי וואָס טוען געשעפטן צוזאַמען, איידער איינער, דער פאַר זיך און דער פאַר זיך; וואָרום אויב זיי וועלן פאַלן, אויב איינער פון זיי וועט פאַלן און אַריין אין

---

[8] אברהמס; זע אויבן באַמ. 4. [9] אין עשירות, ער האָט איבערגעלאָזט אין ארם נהרים. [10] זיין אויג ווערט דאָ געגומען בוכשטעבלעך. [11] לויט כרי, אָדער כריא, ווי ווייטער. [12] און ער האָט אויסגערויבט גביניס גאַנץ פאַרמעגן (מתנות כהונה). אַ הויפן, אַ בערגל. דאָ פעלט די פאַרענדיקונג: און דאָס איז אויך נישטיקייט און אַ שלעכטער ענין.

כמותו, גם זה הבל וענין רע הוא.

**ד״א:** יש אחד, זה יצר הרע; ואין שני, **שאין לו בן זוג בעבירה;** גם בן ואח אין לו, — **בשעה שהולך אדם לעבור עבירה, אינו רואה שיש לו בן** שימות בעונותיו, **ואינו רואה שיש לו אח** שיתביש ממנו ולהתגנות בו. ואין קץ לכל עמלו **במעשיו הרעים;** גם עינו לא תשבע עשר, **אלו מעשיו הרעים.** ולמי אני עמל? **שלא להדבק בדרכיו; ומי שאינו עושה כן,** גם זה הבל.

**ד״א:** יש אחד, **זה גביני בן חרסון;** ואין שני, **שאין לו בן זוג;** גם בן ואח אין לו, **שהיה יחיד לאמו;** ואין קץ לכל עמלו **ממה שהניח לו אביו.** גם עינו לא תשבע עשר, **שהיה סומא באחת מעיניו;** ולמי אני עמל ומחסר את נפשי מטובה, — **אמרו: בשעה שמת אביו, אמר לאמו: ״הראיני כל כסף וזהב שהניח לי אבא.״ אזלת וחמיית לי חד כורא דדינרי; והות קיימא היא מן דין סיטרא והוא מן דין סיטרא, ולא אחמון דין לדין. ר׳ לוי בשם ריש לקיש אמר: יום שמת גביני בן חרסון נולד בלשאצר סנטרא דבבל.**

יד

(ט, י, יא, יב) טובים השנים מן האחד. טובים השנים **שהם יגעין בתורה,** מן האחד, **שעוסק זה לעצמו וזה לעצמו;** כי אם יפלו, האחד יקים את חברו, **שאם שכח הלכה אחד מהם, חבירו מחזיר ההלכה;** והחוט המשלש לא במהרה ינתק, **זה הרב, שהוא מחזיר להם טעותן.**

**ד״א:** טובים השנים מן האחד, — **טובים השנים שהם נושאין ונותנין בפרקמטיא,** מן האחד, **זה לעצמו וזה לעצמו;** כי אם יפלו, **שאם יפול ויסתכן אחד מהן, חבירו מעמידו;** והחוט המ־שלש, **כד אינון תלת — — — .**

**ר׳ מאיר כד הוה חמי חד נפיק לאיסטרטא, הוה צווח ליה: ״זיל, שלם עלך, מרי מיתה״; תרין, הוה צווח לון: ״שלם לכון,**

---

אַ סכנה, וועט זיין חבר אים צוריקשטעלן; און דער דרייפאַכער פּאָדים, ווען זיי זיינען דריי, [וועט ניט אַזוי גיך צעריסן ווערן].

ר׳ מאיר, ווען ער פלעגט זען איינעם אַרויסגיין אויפן וועג, פלעגט ער אים צושרייען: ״גיי, פרידן זאָל זיין צו דיר, דו מאַן פון טויט״.[1] צוויי, פלעגט

ער צושרייען צו זיי: „פרידן צו אייך, מענער פון קריג".[2] דריי, פלעגט ער צושרייען צו זיי: „פרידן צו אייך, מענער פון שלום".[3]

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אויף דעם פסוק צוויי זאַכן. [ערשטנס] האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: בעסער צוויי, אַ מאַן מיט זיין ווייב, איידער איינער, ער פאַר זיך און זי פאַר זיך;[4] און דער דרייפאַכער פאָדים, דאָס איז הקדוש ברוך הוא, וואָס באַשענקט זיי מיט קינדער. און נאָך האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: בעסער צוויי, דאָס זיינען עמרם און יוכבד, אשר יש להם — מחמת זיי האָבן אַ גוטן לוין פאַר זייער מי, דאָס איז משה, וואָס ווערט גערופן טוב,[5] ווי דער פסוק זאָגט (שמות ב, ב) ותרא — און זי האָט אים געזען אַז ער איז גוט, — כי טוב הוא, טוביה איז זיין נאָמען, מחמת ער איז געבוירן געוואָרן אַ געמלטער.

ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה און די רבנן [זאָגן וועגן דעם פסוק]. ר׳ יהודה זאָגט: דאָס זיינען דוד און בת שבע; און דער דרייפאַכער פאָדים, דאָס איז נתן הנביא, וואָס האָט געזאָגט צו בת שבען (מלכים א, א, יד): ואני — און איך וועל קומען נאָך דיר און איך וועל פאַרפילן דיינע ווערטער. און ווען זיי זיינען געקומען צו דודן, האָט ער מסכים געווען מיט זיי און געזאָגט (דאָרט פסוק לג): והרכבתם — און איר זאָלט מאַכן רייטן זיין זון שלמהן אויף מיין מוילאייזעלין.[6] און ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: בעסער צוויי, דאָס זיינען יהוידע און יהושבע;[7] איידער איינער, דער פאַר זיך און די פאַר זיך; און דער דרייפאַכער פאָדים, דאָס זיינען די [חברים פון] סנהדרין,[8] וואָס האָבן מסכים געווען מיט זיי; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דברי הימים ב, כג, יא): ויוציאו — און זיי האָבן אַרויסגענומען דעם מלכס זון און האָבן אַרויפגעטאָן אויף אים די קרוין. און די רבנן זאָגן: בעסער צוויי, דאָס זיינען מרדכי און אסתר; איידער איינער, דער פאַר זיך און די פאַר זיך; און דער דרייפאַכער פאָדים, דאָס איז אחשורוש, וואָס האָט מסכים געווען און האָט באַפוילן און געזאָגט (אסתר ח, ח): ואתם — און איר שרייבט וועגן די יידן [ווי ס׳איז וואוילגעפעלן אין אייערע אויגן].

ר׳ לוי בר חמא האָט אין נאָמען פון ר׳ חנינא געזאָגט: בעסער צוויי, וואָס מרדכי און אסתר האָבן אויפגעהאָנגען,[9] איידער איינער, וואָס יוסף

---

יד. [1] ווערטערלעך: האָר פון טויט, און אַזוי אויך ווייטער. — אַרויסגייענדיק אַליין אויפן וועג, שטעלט אַ מענטש זיין לעבן אין געפאַר. [2] צוויי מענטשן אין וועג זיינען אין געפאַר זיך צו צעקריגן. [3] אויב צוויי וועלן זיך צעקריגן, וועט דער דריטער זיך באַמיען צו מאַכן שלום צווישן זיי. [4] אפשר אַ רמז אויף פסוק יא, (אויב צוויי ליגן צו זאַמען), וואָס ווערט דאָ ניט געדרשנט. [5] אָנשפיל אויף שכר טוב, אַ גוטן לוין: ווען עמרם האָט געהערט פון פרעהס גזרה צו דערטרינקען אַלע ניי־געבוירענע יידישע ייִנגלעך, האָט ער אָפּגעגט יוכבדן; אָבער אויף מרימס עצה האָט ער זי צוריקגענומען (שמות רבה א, יג; סוטה יב, א. [6] און שלמה איז נאָך דעם געזאַלבט געוואָרן פאַר מלך. [7] וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן דעם איין יעריקן יואש, און שפּעטער אים געקרוינט פאַר קיניג אין יהודה

מרי קטטה״; תלת, צווח לון: „שלם לכון מרי שלמא״.

ר׳ יוחנן אמר בה תרתין. ר׳ יוחנן אמר: טובים השנים, איש ואשתו, מן האחד, זה לעצמו וזו לעצמה; והחוט המשלש, זה הקב״ה שהוא פוקדן בבנים. ר׳ יוחנן אמר חורי: טובים השנים, זה עמרם ויוכבד, אשר יש להם שכר טוב בעמלם, זה משה שנקרא טוב, שנאמר (שמות ב): ותרא אותו כי טוב הוא, כי טוביה שמו, שנולד מהול.

ר׳ יהודה ור׳ נחמיה ורבנן. ר׳ יהודה אומר: זה דוד ובת שבע; והחוט המשלש, זה נתן הנביא, שאמר לה לבת שבע (מלכים א, א): ואני אבוא אחריך ומלאתי את דבריך. וכשבא אצל דוד, הסכים עמהם ואמר (שם) והרכבתם את שלמה בני על הפרדה אשר לי, וגו׳. ור׳ נחמיה אמר: טובים השנים, זה יהוידע ויהו־שבע; מן האחד, זה לעצמו וזה לעצמו;והחוט המשלש, זה סנ־הדרין שהסכימו עמהם; ההיד (דברי הימים ב, כג): ויוציאו את בן המלך ויתנו עליו את הנזר, וגו׳. ורבנן אמרי טובים השנים, זה מרדכי ואסתר; מן האחד, זה לעצמו וזה לעצמו; והחוט המשלש, זה אחשורוש שהסכים עמהם וגזר ואמר (אסתר ח): ואתם כתבו על היהודים [כטוב בעיניכם].

ר׳ לוי בר חמא בשם ר׳ חנינא אמר: טובים השנים שתלו מרדכי ואסתר, מן האחד שתלה יוסף; שאלו נעשו נסים על ידיהם לכל ישראל, וזה לא נעשו נסים על ידו; והחוט המשלש, זה הקב״ה למעלה מכולן, שהפיל שונא, דכתיב (שם ז): ויתלו את המן על העץ אשר הכין למרדכי, וגו׳.

א״ר יצחק: טובה פרשה שנאמרה על פי שנים מפרשה שנא־

---

האָט אויפגעהאָנגען,[10] דען דורך יענע זיינען געשען ניסים צו ישראל,[11] און דורך דעם זיינען קיין ניסים ניט געשען; און דער דרייפאַכער פאָדים, דאָס איז הקדוש ברוך הוא וואָס איז איבער זיי אַלעמען, דען ער האָט געלאָזט פאַלן דעם שונא, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט ז, י): ויתלו — און מע האָט אויפגעהאנגען המנען אויפן בוים וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר מרדכין.

ר׳ יצחק האָט געזאָגט: בעסער אַ פרשה וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך צוויי, איידער אַ פרשה וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך איינעם. דורך צוויי,

**ווי דער פסוק זאָגט** (שמות יב, א—ב): וידבר ה׳ — און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אהרנען אין לאַנד מצרים אַזוי צו זאָגן: דער דאָזיקער חודש זאָל אייך זיין [דער אָנהייב פון חדשים]; **„איידער אַ פרשה וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך איינעם״,** ווי עס ווערט [אָפּט] **געזאָגט:** וידבר ה׳ — און גאָט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן; און דער דרייפאַכער פּאָדים, [ווי עס שטייט געשריבן] (ויקרא יא, א): וידבר ה׳ — און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אהרנען, אַזוי צו זאָגן צו זיי — — **צו אלעזרן און איתמרן. ר׳ חייא האָט געלערנט:** אַזוי צו זאָגן צו זיי — **צו אלעזרן און איתמרן,**[12] **און זיי זאָלן זאָגן צו גאַנץ ישראל.**

**אַן אַנדער פשט:** בעסער צוויי, **דאָס זיינען משה און אהרן;** איידער איינער, **דער פאַר זיך און דער פאַר זיך. דו געפינסט, אַז ווען משה איז געקומען און געבענטשט ישראל, האָט דורך אים די שכינה ניט גערוט [אויף זיי]; אָבער ווען זיי ביידע זיינען געקומען און געבענטשט ישראל, האָט גלייך די שכינה גערוט דורך זיי; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט ט, כג): ויבא — זיינען משה און אהרן אַריינגעגאַנגען אין אוהל מועד, און זיי זיינען אַרויס און האָבן געבענטשט דאָס פאָלק; **זיי האָבן געבענטשט דאָס פאָלק, און נאָך דעם:** וירא — האָט זיך באַוויזן דער כבוד פון גאָט, **די שכינה האָט גערוט דורך זיי.**

**ר׳ זעירא האָט געזאָגט: פאַרשיידענע משפחות זיינען פאַראַן. אַ משפחה פון סופרים גיט אַרויס** סופרים;[13] **[אַ משפחה פון] בני תורה גיט אַרויס בני תורה; [אַ משפחה פון] עשירים גיט אַרויס עשירים. האָט מען גע־פרעגט: אָט זיינען דאָך די קינדס קינדער פון דער-און־דער משפחה, וואָס זיינען געוואָרן יורדים און [זייער עשירות] האָט אויפגעהערט! האָט ער געזאָגט צו זיי: שטייט דען געשריבן: „וועט קיינמאָל ניט איבערגעריסן ווערן״? וועט ניט אַזוי גיך איבערגעריסן ווערן שטייט! אויב זיי באַגייען זיך האַרט מיט אונדז,**[14] **הערן זיי אויף צו זיין רייך. דאָס איז וואָס בר קפרא האָט געזאָגט: [ניטאָ דער מענטש וואָס זאָל ווען ניט איז ניט אָנקומען אויף דעם דאָזיקן גורל;]**[15] **אויב ניט ער, קומט זיין זון; אויב ניט זיין זון, קומט זיין זונס זון.**

---

(מלכים ב, יא;; דברי הימים ב, כג). [8] אַ באַגריף פון בית שני אָנגעווענדט אויף דער צייט פון בית ראשון. [9] מרדכי און אסתר האָבן גורם געווען, אַז בגתן און תרש זאָלן געהאַנגען ווערן, מיט דעם וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן אחשורשן, אַז זיי האָבן אים געוואָלט אומברענגען. [10] מיט דעם אופן פון יוספס פותר חלום זיין האָט ער גורם געווען, אַז דער האַר פון די בעקערס זאָל געהאָנגען ווערן (בראשית מ, כב); זע איכה רבה א, יח (אונדזער אויסגאַבע ז׳ 129). [11] מרדכיס אויפדעקן די אינטריגע פון בגתן און תרש

**מרה ביחיד.** „בשנים״, **שנאמר** (שמות יב): וידבר ה׳ אל משה ואל אהרן בארץ מצרים לאמר: החדש הזה לכם, **וגו׳;** „**מפרשה שנאמרה ביחיד״, שנאמר:** וידבר ה׳ אל משה לאמר; והחוט המשלש (ויקרא יא): וידבר ה׳ אל משה ואל אהרן לאמר אליהם — **לבניו, לאלעזר ולאיתמר. תני ר׳ חייא:** לאמר אליהם — **לאל-עזר ולאיתמר, והם לאמר לכל ישראל.**

**ד״א:** טובים השנים, **זה משה ואהרן;** מן האחד, **זה לעצמו וזה לעצמו. את מוצא, כשבא משה וברך את ישראל, לא שרתה שכינה על ידו; וכשבאו שניהם וברכו את ישראל, מיד שרתה שכינה על ידיהם; הה״ד** (שם ט): ויבא משה ואהרן אל אהל מועד, ויצאו ויברכו את העם; **בירכו את העם, ואחר כך** — וירא כבוד ה׳, **שרתה שכינה על ידיהם.**

**א״ר זעירא: משפחות ומשפחות הן. משפחת סופרים מעמדת סופרים; בני תורה מעמדת בני תורה; עשירים מעמדת עשירים. אתיבון: והא זרעית זרעיתא פלונית דמטת ופסקת! אמר לון: ומי כתיב „לא לעולם ינתק״?** לא במהרה ינתק **כתיב! אין את-קשי עלנא, מתפסק מעותרא. היינו דאמר בר קפרא: [אין לך אדם, שאינו בא למידה זו;] אם לא הוא, בא בנו; אם לא בנו, בא בן בנו.**

## טו

(יג—יד) טוב ילד מסכן וחכם, ממלך זקן וכסיל. טוב ילד מסכן וחכם, **זה יצר טוב. ולמה נקרא שמו** ילד? **כי אין מזדווג**

---

## טו

(יג—יד) טוב — בעסער אַן אָרים יינגל און אַ חכם, איידער אַן אַלטער מלך און אַ נאַר. בעסער אַן אָרים יינגל און אַ חכם, **דאָס איז דער יצר טוב.**

---

האָט לסוף גורם געווען המנס מפלה (אסתר ו). [12] **מיינט עס, אַז זיי האָבן געהערט גאָטס וואָרט צוזאַמען מיט משהן און אהרנען.** [13] **תלמידי חכמים, אָפט אידענטיש מיט מלמדים.** די דרשה איז געבויט אויף אַ גמרא אין בבא מציעא (פה, א): ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: יעדערער וואָס איז אַליין אַ תלמיד חכם און זיין זון און זיין אייניקל זיינען תלמידי חכמים, וועט שוין די תורה זיך ניט אָפּטאָן פון זיינע קינדער; און דאָס איז לויט ר׳ זעיראן דער מיין פון די ווערטער: און דער דרייפאַכער פאָדים וועט ניט אַזוי גיך איבער־געריסן ווערן. [14] **מיט תלמידי חכמים, שטיצן זיי ניט.** [15] **צוגעגעבן** לויט רות רבה ה, ט (אין אונדזער אויסגאַבע ז׳ 121).

און פאַרוואָס רופט מען אים יינגל? ווייל ער שטייט ניט צו צום מענטשן, נייערט פון דרייצן יאָר און העכער;[1] און פאַרוואָס רופט מען אים אָרים? ווייל ניט אַלע הערן זיך צו צו אים; און פאַרוואָס רופט מען אים חכם? ווייל ער לערנט מענטשן דעם גלייכן וועג. איידער אַן אַלטער מלך און אַ נאַר, דאָס איז דער יצר הרע. און פאַרוואָס רופט ער אים מלך? ווייל אַלע הערן זיך צו צו אים; און פאַרוואָס רופט ער אים אַלטער? ווייל ער שטייט צו צום מענטשן פון זיין קינדהייט ביז זיין עלטער; און פאַרוואָס רופט ער אים נאַר? ווייל ער לערנט דעם מענטשן דעם שלעכטן וועג, אשר לא ידע — וואָס ער ווייס ניט מער צו זיין אָפּגעהיט, וואָס ער ווייס ניט, וויפיל צער און וויפיל יסורים עס וועלן קומען אויף אים, און ער היט זיך ניט אָפּ פון זיי.[2] כי — וואָרום פון געפענגעניש איז ער אַרויס צו קיניגן, דען ער פאַר־פלאָנטערט[3] די מענטשן ווי צווישן דערנער.[4] כי — דען אויך אין זיין מלוכה איז ער געבוירן געוואָרן אָרים, אין דער מלוכה פונעם יצר טוב ווערט גע־בוירן די אָרימקייט פונעם יצר הרע.[5]

אַן אַנדער פשט: בעסער אַן אָרים יינגל, דאָס איז אברהם; איידער אַן אַלטער מלך און אַ נאַר דאָס איז נמרוד.[6] וואָס מיינט (בראשית יד, יז): אל עמק — צום טאָל שוה? ווייל דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעגליכן,[7] און האָבן אָפּגע־האַקט צעדערן און אים געמאַכט אַ גרויסע בימה און אים אַוועקגעזעצט אויף איר אויבן אָן, און זיי האָבן אים געלויבט און געזאָגט (דאָרט כג): שמענו — הער אונדז אויס, מיין האַר; אַ געטלעכער פירשט ביסטו צווישן אונדז.[8] דען אויך אין זיין מלוכה איז ער געבוירן געוואָרן אָרים, אין דער מלוכה פון אברהמען איז געבוירן געוואָרן נמרודס אָרימקייט.

אַן אַנדער פשט: בעסער אַן אָרים יינגל, דאָס איז יוסף; און אַ חכם, דען מיט זיין חכמה האָט ער אויפגעהאַלטן די גאַנצע וועלט ביים לעבן בשעתן הונגער; איידער דער אַלטער מלך און אַ נאַר, דאָס איז פוטיפר: אַזוי פיל ניסים האָט ער געזען דורך אים, און ער איז ניט געווען אָפּגעהיט;[9] וואָרום פון געפענגעניש איז ער אַרויס צו קיניגן, פון פרעהס תפיסה־הויז[10] איז ער אַרויס אַ קעניג, ווי דער פסוק זאָגט (שם מא, מד): אני — איך בין פרעה, אָבער אָן דיר זאָל קיינער ניט אויפהייבן [אַ האַנט אָדער אַ פוס].

---

טו. [1] איז ער יינגער פונעם יצר הרע, וואָס קומט פריער, ווי ווייטער. [2] דער טייל פסוק ווערט געדרשנט אויפן מענטשן, וואָס פאַלט אַריין אין נעץ פון יצר הרע: ער פאַר־

לאדם, אלא מבן י״ג שנה ולמעלה; ולמה נקרא שמו מסכן? שאין הכל שומעין לו; ולמה נקרא שמו חכם? שהוא מלמד את הבריות לדרך הישרה. ממלך זקן וכסיל, זה יצר הרע. ולמה קורא אותו מלך? שהכל שומעין לו; ולמה קורא אותו זקן? שהוא מזדווג לו מילדותו ועד זקנתו; ולמה קורא אותו כסיל? שהוא מלמד לאדם לדרך רעה, אשר לא ידע להזהר עוד, שאינו יודע כמה צער וכמה יסורין באין עליו, והוא אינו נזהר מהם. כי מבית הסורים יצא למלך, דהוא מכשכש לברייאתה כמין ביני סריאתה. כי גם במלכותו נולד רש, במלכות יצר טוב נולד רשותו של יצר הרע.

ד״א: טוב ילד מסכן, זה אברהם; ממלך זקן וכסיל, זה נמ-רוד. מה הוא (בראשית יד): אל עמק שוה? ששם השוו, וקצצו ארזים ועשו לו בימה גדולה והושיבוהו עליה למעלה, והיו מקלסין לפניו ואומרים (שם כג): שמענו, אדוני; נשיא אלהים אתה בתוכנו. כי גם במלכותו נולד רש, במלכותו של אברהם נולד רשותו של נמרוד.

ד״א: טוב ילד מסכן, זה יוסף; וחכם, שבחכמתו החיה כל העולם כולו ברעב; ממלך זקן וכסיל, זה פוטיפר: כמה נסים ראה על ידו, ולא נזהר; כי מבית הסורים יצא למלך, מבית גיר-רתו של פרעה יצא מלך, שנאמר (שם מא): אני פרעה, ובלעדיך לא ירים איש [את ידו ואת רגלו].

---

שטייט ניט, אַז דער רעזולטאַט וועט זיין צער און יסורים. [3] מכשכש (מיט לינקע שינען), פאַרביטן פון מסכסך (זע ש. בובער, מדרש תהלים ט, באַמ. לז. [4] סריאתה — הסורים. [5] דאָרט וואו דער יצר טוב קיניגט, ווערט דער יצר הרע פאַראָרימט. [6] וואָס האָט גע־וואָרפן אברהמען אין קאַלכאויוון פאַר ניט דינען צו זיינע געטער (בראשית רבה לח, יג). [7] די אומות העולם האָבן איינגעשטימט צווישן זיך (השוו — שוה). [8] און דאָס איז געווען אברהמס זיג איבער נמרודן. [9] האָט זיך צוגעהערט צו די בלבולים וואָס זיין ווייב האָט אויסגעטראַכט אויף יוספן. [10] ווערטערלעך: פון פרעהס פיילנהויז.

## טז

(טו) ראיתי — איך האָב געזען אַלע לעבעדיקע וואָס גייען אום אונטער דער זון, דאָס מיינט מען די מעשים פון די **צדיקים; וואָס איז זיי גורם, אַז זיי זאָלן לעבן**?[1] **דאָס** וואָס זיי גייען אום אונטער דער זון[2] מיטן צווייטן יינגל, **דאָס איז דער יצר טוב.**

## יז

(טז) אין קץ — ניטאָ קיין סוף צום גאַנצן פאָלק, צו אַלע, וואָס ער איז זיי געווען דער אָנפירער, **ניטאָ קיין סוף צו די אַלע דורות וואָס דער יצר הרע האָט אומגעבראַכט;** גם — אויך די שפּעטערדיקע וועלן זיך מיט אים ניט פרייען, **מחמת זיי הערן זיך צו צו אים.**[1]

## יח

(יז) שמר — היט דיין פוס, בשעת דו גייסט צו גאָטס הויז. **מיר האָבן געלערנט: אַ מענטש טאָר ניט אַרויפגיין אויפן הר הבית**[1] **מיט געלט איינגעבונדן אין זיין אויבער־בגד, מיט שטויב אויף זיינע פיס, אָדער מיט זיין וועג־גאַרטל אַנגעגורט פון דרויסן; דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט:** היט דיין פוס, בשעת דו גייסט [צו גאָטס הויז]. **ר׳ יוסי בן יהודה זאָגט** (אסתר ד, ב): ויבא — און ער איז געקומען ביז צום מלכס טויער; וואָרום מע טאָר ניט אריינקומען אין מלכס טויער [אָנגעטאָן אין אַ זאַק], — **איז מה־דאָך צוליבן כבוד פון אַ מלך אַ בשר ודם טאָר אַזוינס ניט געטאָן ווערן, אַ פשיטא שוין צוליבן כבוד פונעם מלך איבער אַלע מלכים!**

ר׳ אדא בר׳ שמעון [האָט געזאָגט] **אין נאָמען פון ר׳ נתנען: קיינמאָל זאָל זיך אַ מענטש ניט שטעלן דאַווענען אויף אַ הויך אָרט, נייערט אין אַ נידעריק אָרט; פאַרוואָס?** (תהלים קל, א): ממעמקים — פון די טיפענישן רוף איך דיך גאָט. **רבי זאָגט: קיין מאָל זאָל אַ מענטש ניט דאַווענען ווען ער דאַרף טאָן זיינע באַדערפענישן, ווי דער פסוק זאָגט** (עמוס ד, יב): גרייט זיך צו אַנטקעגן גאָט, ישראל. **ר׳ אלכסנדרי האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן:** היט דיין פוס.[2] **ר׳ קרוצפי האָט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן געזאָגט:** היט דיין פוס, **פון די טראָפּנס וואָס צווישן דיינע פיס;** בשעת דו גייסט צו גאָטס הויז **זאָלסטו זיין ריין. ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען קליינע;**[3] **אָבער ווען גרויסע, אויב ער קאָן זיך איינהאַלטן, זאָל ער זיך איינהאַלטן.**[4] **ר׳ אבא האָט געזאָגט** (משלי ה, יח): יהי מקורך — **זאָל דיין קוואַל זיין געבענטשט,**

---

טז. [1] **דאָס אייביקע לעבן אויף** יענער וועלט. [2] **אויף** דער וועלט. — **דער יצר טוב ווערט געזופן** דאָס צווייטע יינגל **אויפן סמך פון דער פריערדיקער דרשה, אַז ער קומט שפּעטער ווי דער יצר הרע.**

יז. [1] **און זייער סוף וועט ניט זיין גוט.**

### טז

(טו) ראיתי את כל החיים המהלכים תחת השמש, **אלו מעשיהם של צדיקים; מה גרם להם להיות חיים? שמהלכין** תחת השמש עם הילד השני, **זה יצר טוב.**

### יז

(טז) אין קץ לכל העם אשר היה לפניהם, **אין קץ לכל הדורות שאיבד יצר הרע;** גם האחרונים לא ישמחו בו **שנשמעין לו.**

### יח

(יז) שמר רגלך כאשר תלך אל בית האלהים. **תני: לא יכנס אדם להר הבית במעות צרורות בסדינו ובאבק שעל רגליו ובפונדתו החגורה לו מבחוץ; המד"א:** שמר רגלך כאשר תלך, **וגו'. ר' יוסי בן יהודה אומר** (אסתר ד): ויבא עד לפני שער המלך, כי אין לבוא אל שער המלך [בלבוש שק], **— ומה לכבוד מלך בשר ודם לא יעשה כן, לכבוד מלך מלכי המלכים — על אחת כמה וכמה!**

**ר' אדא בר' שמעון בשם ר' נתן: לעולם לא יעמוד אדם במקום גבוה ויתפלל, אלא במקום נמוך; מאי טעמא?** (תהלים קל): ממעמקים קראתיך ה'. **רבי אמר: לעולם אל יתפלל אדם וצריך לנקביו, שנאמר** (עמוס ד): הכון לקראת אלהיך, ישראל. **אמר ר' אלכסנדרי: כתיב:** שמר רגלך. **ר' קרוצפי בשם ר' יוחנן אמר:** שמר רגלך, **מן הטיפין שבין רגליך;** כאשר תלך אל בית אלהים תהיה טהור. **במה דברים אמורים? בדקין; אבל בגסין, אם יכול לסבול, יסבול. א"ר אבא** (משלי ה): יהי מקורך ברוך, **בבית מקוראך תהיה ברוך; יהיה מקראך לקבר ברוך.**

---

אין דעם הויז פון דייך לייענען[5] זאָלסטו זיין געבעטשט; [און אַזוי] זאָל דייך גערופן ווערן צום קבר זייך געבענטשט.[6]

---

יח. [1] דער באַרג וואָס אויף אים איז געשטאַנען דער בית המקדש. [2] אַ לשון נקיה, אַן אייפּעמיזם, פאַר טאָן די באַדערפעניש. [3] ווען משתין זיין, וואָס אַ מענטש קאָן ניט איינהאַלטן. [4] און ניט איבערייסן דאָס דאַוונען אין מיטן, כדי צו גיין אויף די באַדערפענישן. [5] מקוראך — מקורך; דער הויפט מאָמענט פון תפילה איז געווען דאָס לייענען שמע. [6] אויב דיין פאַרווילן אין גאָטס הויז וועט זיין ריין און געבענטשט, וועסטו אויך ביים טויט זיין ריין און געבענטשט. אין ירושלמי ברכות (ב, ג) פון וואַנען דער מאמר איז

שמעון סיכנא פון עיצה[7] פלעגט גראָבן אין ירושלים ברונעמס, קאַנאַלעס און היילן.[8] האָט ער געזאָגט צו ר׳ יוחנן בן זכאי: „איך בין אַזאַ גרויסער מענטש ווי דו.״ האָט ער אים געפרעגט: „פאַרוואָס?״ האָט ער אים געזאָגט: „מחמת איך גיב זיך אָפּ מיט די באַדערפענישן פונעם כלל אַזוי ווי דו.״ ער האָט געזאָגט: „אויב אַ מענטש קומט צו דיר מיט אַ דין אָדער אַ שאלה, זאָגסטו אים: „טרינק פון דעם דאָזיקן ברונעם, דען זיין וואַסער איז קלאָר און קאַלט; אָדער אויב אַ פרוי פרעגט דיך וועגן איר נידה,[9] זאָגסטו איר: טובל זיך אָפּ אין דער מקוה,[10] וואָרום איר וואַסער מאַכט ריין.״ האָט ער אויף אים געלייענט דעם דאָזיקן פסוק: וקרוב — און ס׳איז בעסער[11] צו הערן [אַזעלכע רייד], איידער וואָס די נאַראָנים גיבן אַ שלאַכט־אָפּפער, דען זיי ווייסן ניט, אַז זיי טוען שלעכטס.[12]

הוני בר גניבא האָט געזאָגט: דאָס לייענען שמע אין צייט איז ליבער [פאַר גאָט] פון טויזנט עולות וואָס דער נאַר שעכט;[13] פאַרוואָס? דען זיי ווייסן ניט אַז זיי טוען שלעכטס, דער נאַר ווייס ניט אָפּצושיידן פון איין נדר צו אַ צווייטן. פון וואַנען איז עס געדרונגען? פון יפתחן.[14]

---

גענומען איז די ערשטע העלפט פון ר׳ אבאס ווערטער ניטאָ. [7] אַנדערע זעצן עס איבער: שמעון פון סיכנין, אַ מאַן אַ חכם. [8] אויף אָנצוזאַמלען וואַסער. [9] אַ שאלה וואָס האָט צו טאָן מיט איר מאָנאַטלעכן אויספלוס. [10] ווערטערלעך, גרוב [11] ווערטערלעך: נעענטער. [12] לויט א. כהן (סאָנטשינאָ) באַציט זיך דער נעגאַטיווער סוף פונעם פסוק אויף שמעון סיכנא פאַר זיין פאַרגלייכן זיך מיט ר׳ יוחנן. [13] און ס׳איז נענטער צו הערן ווערט דאָ

שמעון סיכנא איש עיצה היה חופר בורות שיחין ומערות בירושלים. אמר לר׳ יוחנן בן זכאי: „אני גדול כמוך״. אמר לו: „למה?״ אמר לו: „שאני עוסק בצרכי רבים כמוך.״ אמר: „אם אדם בא לידך לדין או לשאלה, אתה אומר לו: שתה מן הבור הזה, שמימיו זכין וצוננין; או אם שאלה לך אשה על נדותה, אתה אומר לה: טבלי בבור הזה, שמימיו מטהרין.״ וקרא עליו פסוק זה: וקרוב לשמוע, מתת הכסילים זבח, כי אינם יודעים לעשות רע.

הונא בר גניבא אמר: חביבה קריאת שמע בעונתה מאלף עולות שהכסיל זובח; למה? כי אינם יודעים לעשות רע. הכסיל אינו יודע להפריש בין נדר לנדר. מנין? מיפתח.

---

פאַרשטאַנען ניט צו דערווייטערן זיך מיט קריאת שמע פון דער באַשטימטער צייט.

[14] צוליב זיין עם־הארצות האָט יפתח ניט געוואוסט, אַז זיין נדר מקריב צו זיין אַ קרבן איז ניט חל אויף אַ מענטשן, און ער האָט מקריב געווען זיין טאָכטער (שופטים יא, ל־לט; זע אויך בראשית רבה ס, ג). — אין די געדרוקטע טעקסטן פאַרענדיקט זיך פרשה ד מיט די ווייטערדיקע ווערטער פון ר׳ שמעון בן חלפתא. אַזוי ווי אָבער זיי זיינען באַזירט אויף פסוק א פון פרק ה, איז עס קלאָר, אַז זיי זיינען דער אָנהייב פון פרשה ה, און מיר האָבן זיי געשטעלט דאָרט אין הסכם מיטן רד״ל, צוגעבנדיק דערביי דעם פסוק.

# פרשה ה

## א

[(א) אל תבהל — זיי ניט געאײַלט מיט דײַן מויל — — — וואָרום גאָט איז אין הימל — — —.] ר' שמעון בן חלפתא האָט געזאָגט:[1] אויב דער שוואַכער איז אויבן און דער שטאַרקער איז אונטן, ווער איז גובר? דער אייבערשטער; אַ פשיטא שוין, אַז דער אייבערשטער וואָס לעבט אין די אייביקייטן, און ער איז דער גיבור, איז אויבן, און דו ביסט אונטן! און דער פסוק האָט עס שוין פריער געזאָגט[2] וואָרום גאָט איז אין הימל און דו אויף דער ערד, [זאָלן דעריבער דײַנע ווערטער זײַן ווייניק].

(ב) כי — וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעוודיקייט,[3] — אַלע ווייטאָגן און יסורים וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געבראַכט אויפן דור המבול [זײַנען געקומען] איבער אַ סך שלעכטער באַרעדעוודיקייט וואָס זיי האָבן געהאַט; וקול כסיל — און דאָס קול פונעם נאַר מיט אַ סך ווערטער, — דורך אַ סך ווערטער וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פון זייער מויל און האָבן געזאָגט (איוב כא, טו): מה שדי — וואָס איז דער אַלמעכטיקער, אַז מיר זאָלן אים דינען?

אַן אַנדער פשט: וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעוודיקייט, — אַלע ווייטאָגן און יסורים וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געבראַכט אויפן דור הפלגה[4] — איבער אַ סך שלעכטער באַרעדעוודיקייט וואָס זיי האָבן געהאַט; און דאָס קול פונעם נאַר מיט אַ סך ווערטער, דען זיי האָבן געזאָגט (בראשית יא, ד): ונעשה — און לאָמיר זיך מאַכן אַ נאָמען — — —.

אַן אַנדער פשט: וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעוודיקייט, — אַלע ווייטאָגן און יסורים וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געבראַכט אויף די לײַט פון סדום — איבער אַ סך שלעכטער באַרעדעוודיקייט, וואָס זיי האָבן געהאַט; און דאָס קול פונעם נאַר מיט אַ סך ווערטער, דען זיי האָבן געזאָגט: „לאָמיר מאַכן פאַרגעסן פון צווישן אונדז די תורה פון [אויפנעמען] דעם פוס [גייער]";[5] דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (איוב לט, טו): ותשכח —

---

א. [1] זע לעצטע באַמערקונג פון פרשה ד. [2] און ס'איז אפילו ניט נויטיק דער קל־וחומר. [3] געטײַטשט לויט ענה, ענטפערן, זיך אָפרופן; אויך — שרײַען (שמות לב, יח: קול ענות גבורה — אַ קול פון געשריי פון גבורה): דער חלום פון גדלות וואָס די רשעים חלומען קומט צום אויסדרוק דורך אַ סך רייד. לויט דעם דרש זײַנען די צוויי העלפטן פונעם פסוק ניט קיין משל מיט אַ נמשל, נייערט אַ פולער פאַראַלעליזם (דער מהרז"ו טײַטשט חלום ווי אַ פאַרקירצונג פון חבלים, ווייטאָגן; לויט דעם: די ווייטאָגן קומען אויפן רשע איבער זײַן שלעכטער באַרעדעוודיקייט). [4] ווען די מענטשהייט איז צעטיילט געוואָרן אויף פעלקער און שפּראַכן (בראשית יא, א—ט). [5] זע אויבן ב, ב, באַמערקונג 4.

# פרשה ה

א

[(א) אל תבהל על פיך — — —.] **ר׳ שמעון בן חלפתא אמר: חלש למעלה וגבור למטה, מי נוצח? העליון; כל שכן, שעליון חי העולמים, שהוא הגבור, למעלך, ואתה למטן! וקדמך הכתוב:** כי האלהים בשמים ואתה על הארץ, [על כן יהיו דבריך מעטים].

(ב) כי בא החלום ברב ענין, — **כל חבלים ויסורין שהביא הקב״ה על דור המבול,** ברוב ענין **רע שהיה בידם;** וקול כסיל ברב דברים, — ברוב דברים **שהוציאו מפיהם ואמרו** (איוב כא): מה שדי, כי נעבדנו, **וגו׳.**

**ד״א:** כי בא החלום ברב ענין, — **כל חבלים ויסורין שהביא הקב״ה על דור הפלגה,** ברוב ענין **רע שהיה בידם;** וקול כסיל ברב דברים, **שאמרו** (בראשית יא): ונעשה לנו שם, **וגו׳.**

**ד״א:** כי בא החלום ברב ענין, — **כל חבלים ויסורין שהביא הקב״ה על הסדומיים,** ברוב ענין רע **שהיה בידם;** וקול כסיל ברב דברים, **שאמרו: „נשכח תורת הרגל מבינותינו״; הה״ד** (איוב לט): ותשכח, כי רגל תזורה, וחית השדה תדושה.

**ד״א:** כי בא החלום ברב ענין, — **כל חבלים ויסורין שהביא הקב״ה על המצרים,** ברוב ענין **רע שהיה בידם;** וקול כסיל ברב דברים, **שאמרו** (שמות ה): מי ה׳, אשר אשמע בקולו.

---

און זי האָט פאַרגעסן, אַז אַ פוס קען זי צעדריקן, און אַ חיה פון פעלד קען זי צעטרעטן.[6]

**אַן אַנדער פשט:** וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעוודיקייט, — **אַלע ווייטאָגן און יסורים וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געבראַכט אויף די מצרים — איבער אַ סך שלעכטער באַרעדעוודיקייט וואָס זיי האָבן געהאַט;** און דאָס קול פונעם נאַר מיט אַ סך ווערטער, **דען זיי האָבן געזאָגט** (שמות ה, ב): מי ה׳ — ווער איז גאָט, אַז איך זאָל זיך צוהערן צו זיין קול?

---

[6] **סדום האָט פאַרגעסן, אַז דער רעזולטאַט פון זינד איז שטראָף. די ווערטער פאַרגעסן און פוס ווערן דאָ גענומען ווי אַן אָנדייטונג אויף** מידה כנגד מידה, **סדום איז צעטראָטן**

אַן אַנדער פשט: וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעווודיקייט, — אַלע ווייטאָגן און יסורים וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געבראַכט אויף סיסראַן — איבער אַ סך שלעכטער באַרעדעווודיקייט וואָס ער האָט געהאַט; און דאָס קול פונעם נאַר מיט אַ סך ווערטער, ווי דער פסוק זאָגט (שופטים ד, ג): והוא — און ער האָט געדריקט די קינדער פון ישראל מיט כוח.[7]

אַן אַנדער פשט: וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעווודיקייט, — אַלע ווייטאָגן און יסורים וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געבראַכט אויף סנ־חריבן — איבער אַ סך שלעכטער באַרעדעווודיקייט, וואָס ער האָט געהאַט; און דאָס קול פונעם נאַר מיט אַ סך ווערטער, דען ער האָט געשענדעט און געלעסטערט, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה לו, כ)): מי — ווער זיינען עס צווישן אַלע געטער פון די דאָזיקע לענדער, וואָס האָבן מציל געווען זייער לאַנד?

אַן אַנדער פשט: וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעווודיקייט, — אַלע ווייטאָגן און יסורים וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געבראַכט אויף בלשצרן און בנימין — איבער אַ סך שלעכטער באַרעדעווודיקייט וואָס זיי האָבן גע־האָט, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה ה, יב): כחשו — זיי האָבן געלייקנט אַן גאָט.

אַן אַנדער פשט: וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעווודיקייט, — אַלע ווייטאָגן און יסורים וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געבראַכט אויף נבוכד־נצרן — [איבער דעם] וואָס ער האָט געזאָגט (דניאל ג, טו): ומן הוא — און ווער איז דער גאָט, וואָס וועט אייך ראַטעווען פון מיין האַנט?

אַן אַנדער פשט: וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעווודיקייט, — אַלע ווייטאָגן און יסורים וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געבראַכט אויף בלשצרן — איבער אַ סך שלעכטער באַרעדעווודיקייט וואָס ער האָט געהאַט, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט ה,ד): ישתיו — האָבן געטרונקען וויין און געלויבט די געטער פון גאָלד און פון זילבער.

און אַזוי אויך געפינסטו ביי פרעהן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מא, א): ויהי — און ס'איז געווען צום סוף פון צוויי יאָר צייט — — —. פרעה האָט געזאָגט: „ווער שטייט איבער וועמען, — איך איבער מייך גאָט, אָדער מיין גאָט איבער מיר? שטיי איך ניט איבער מיין גאָט?" דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: און עס איז געווען צום סוף פון צוויי יאָר צייט, [און פרעהן האָט זיך געחלומט, ערשט ער שטייט איבערן טייך].[8]

---

געוואָרן מיטן פוס פון חיות ווי אַ שטראָף פאַר פאַרגעסן "די תורה פונעם פוס". [7] אויף דעם דאָזיקן פסוק זאָגט ר' יצחק (ויקרא רבה ז, ו): „וואָס מיינט בחזקה (מיט כוח)? מיט שענדונגען און לעסטערונגען", און דאָס דערקלערט די פראַזע: און דאָס קול פונעם נאַר מיט אַ סך ווערטער. זע אויך מדרש תהלים ב, א, וואו דער דאָזיקער טייטש פון בחזקה ווערט באַזירט אויפן פסוק חזקו עלי דבריכם, חוצפהדיק זיינען אייערע ווערטער קעגן מיר (מלאכי ג, יג). [8] די מצרים האָבן געדינט צום נילוס ווי צו אַ גאָט (שמות רבה ט, ט), און פרעה האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ גאָט און האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט באַשאַפן זיך אַליין און דעם נילוס, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל כט, ג): לי יאורי — מיינס איז מיין טייך און איך האָב זיך אַליין באַשאַפן (אַזוי לויטן דרש, שמות רבה ה,

**ד״א:** כי בא החלום ברב ענין, — **כל חבלים ויסורין שהביא הקב״ה על סיסרא**, ברוב ענין **רע שהיה בידו;** וקול כסיל ברב דברים, **שנאמר** (שופטים ד): והוא לחץ את בני ישראל בחזקה.

**ד״א:** כי בא החלום ברב ענין, — **כל חבלים ויסורין שהביא הקב״ה על סנחריב**, ברב ענין **רע שהיה בידו;** וקול כסיל ברב דברים, **שחירף וגידף, שנאמר** (ישעיה לו): מי בכל אלהי הארצות האלה, אשר הצילו את ארצם, **וגו׳.**

**ד״א:** כי בא החלום ברב ענין, — **כל חבלים ויסורין שהביא הקב״ה על יהודה ובנימין**, ברב ענין **רע שבידן, שנאמר** (ירמיה ה): כחשו בה׳.

**ד״א:** כי בא החלום ברב ענין, — **כל חבלים ויסורין שהביא הקב״ה על נבוכדנצר, שאמר** (דניאל ג): ומן הוא אלהא די ישיזבנכון מן ידי?

**ד״א:** כי בא החלום ברב ענין, — **כל חבלים ויסורין שהביא הקב״ה על בלשצר**, ברב ענין רע שבידו, **דכתיב** (שם ה): אשתיו חמרא ושבחו לאלהי דהבא וכספא, **וגו׳.**

**וכן את מוצא בפרעה, שנאמר** (בראשית מא): ויהי מקץ שנתים ימים, **וגו׳. אמר פרעה:** „מי מתקיים על מי, — **אני על אלהי, או אלהי עלי? לא אנא מתקיים על אלהי?״ הה״ד:** ויהי מקץ שנתים ימים, [ופרעה חולם, והנה עומד על היאור].

**וכן אתה מוצא באחשורוש. א״ר יהודה בר׳ סימון: כל הלילה היה אחשורוש רואה המן עומד על גביו וחרבו שלופה בידו, ומעביר פורפרין מעליו וכתרו מעל ראשו ומבקש להרגו. והוה מתער ואמר: „מה חלמאה דין? חיזווא הוא דין?״ עד היכן? עד דאתא צפרא. אמר המלך** (אסתר ו): מי בחצר? **א״ל** (שם): הנה המן

---

און אַזוי איך געפינסטו ביי אחשורושן. ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: אַ גאַנצע נאַכט האָט אחשורוש געזען [אין חלום], ווי המן שטייט איבער אים מיט זיין שווערד אַפּירגעצויגן אין זיין האַנט, און ער נעמט אַראָפּ פון אים זיין פורפור מאַנטל און זיין קרוין פון זיין קאָפּ, און ער וויל אים הרגענען. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געזאָגט: „וואָס איז עס פאַר אַ חלום? איז עס אַ זעאונג?״ [9] ביז ווען [איז עס אים ניט געווען קלאָר]? ביז ס׳איז געקומען דער פרימאָרגן, און דער מלך האָט געזאָגט (אסתר ו, ד): מי — ווער איז אין הויף? האָט מען אים געזאָגט (דאָרט, ה): הנה — אָט

שטייט המן אין הויף. **האָט ער געזאָגט: „דאָס איז דער חלום!" וואָרום דער** חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעוודיקייט. (דאָרט, ד) און המן איז געקומען אין דרויסנדיקן הויף פון דעם מלכס הויז צו זאָגן דעם מלך, מע זאָל אויפֿהענגען מרדכין אויפֿן בוים וואָס ער האָט צוגעגרייט פֿאַר אים. [**פֿאַר זיך**] [10] **און פֿאַר זיינע חברים**, [ווי] עס **שטייט געשריבן** (תהלים ז, יד): ולו — און פֿאַר זיך [11] האָט ער אָנגעגרייט געצייג פון טויט, זיינע פיילן האָט ער פֿאַר די נאָכיאָגערס געמאַכט.

וואָס מיינט לדולקים? [12] **רבי האָט געזאָגט: דאָס מיינט מען די רשעים, וואָס וואַרפֿן פייער אויף זיי.**[13] **ר' יעקב פון כפר חנן** [14] **האָט געזאָגט: דאָס זיינען די וואָס האָבן אָנגעצונדן דאָס פייער ביים חורבן פון בית המקדש. און די רבנן זאָגן: דאָס זיינען די נאָכיאָגערס פון ישראל, ווי עס שטייט געשריבן** (איכה ד, יט): על ההרים — אויף די בערג האָבן זיי אונדז געיאָגט.

(אסתר ו, ו): ויאמר המן — האָט המן זיך געזאָגט אין האַרצן. **די רשעים געפֿינען זיך אין רשות פון זייער האַרץ,**[15] **ווי דער פּסוק זאָגט** (בראשית כז, מא): ויאמר עשו — און עשו האָט זיך געזאָגט אין האַרצן; (מלכים א, יב, כו) ויאמר ירבעם — און ירבעם האָט זיך געזאָגט אין האַרצן; **אָבער צדיקים, זייער האַרץ איז אין זייער רשות, ווי עס שטייט געשריבן** (שמואל א, א, יג): וחנה — און חנה, זי רעדט צו איר האַרץ; (דאָרט כז, א) ויאמר דוד — און דוד האָט געזאָגט צו זיין האַרץ; (דניאל א, ח) וישם דניאל — און דניאל האָט זיך אַרויפֿגענומען אויף זיין האַרץ.[16] **זיי זיינען געגליכן צו זייער באַשעפֿער, ווי דער פּסוק זאָגט** (בראשית ח, כא): ויאמר ה' — און גאָט האָט געזאָגט צו זיין האַרץ.

**ר' לוי און די רבנן** [זאָגן וועגן דעם]. **ר' לוי האָט געזאָגט:** [**גאָט האָט געזאָגט:**] **זיי פֿאַרטראַכטן שלעכטס אין זייער האַרצן, זאָל איך** [**פֿאַרטראַכטן**] **גוטס אין מיין האַרצן?** [**נייערט**] **זיי פֿאַרטראַכטן שלעכטס אין זייער האַרצן, און איך וועל זיי משפּטן אין זייער האַרצן"; ווי דער פּסוק זאָגט** (תהלים לז, טו): חרבם — זייער שווערד וועט אַריין אין זייער האַרצן.

---

יד). [9] אַן אַנטפּלעקונג פון הימל. [10] דאָס וואָרט לו, פֿאַר אים, קאָן אויך געטייטשט ווערן פֿאַר זיך, ווי אין ווייטערדיקן פּסוק. [11] אַזוי לויטן דרש. [12] וואָס מיר האָבן געטייטשט, לויט רש"י, פֿאַר די נאָכיאָגערס. [13] דלק מיינט אויך ברענען. [14] לויטן מדרש תהלים און ילקוט איז דער בעל המאמר ר' יוסי. [15] זיי זיינען פֿאַרשקלאַפֿט צו זייערע תאוות און פֿאַרלאַנגען. [16] אין די אַלע פֿאַלן האָבן די צדיקים באַהערשט זייערע געפֿילן און פֿאַרלאַנגען. און אַזוי אויך ווייטער — דער אייבערשטער האָט זיך גערעכנט מיטן מענטשנס שוואַכקייטן און געצוימט דעם מידת הדין (יפה ענף, בראשית רבה לד, י). די דרשה איז געבויט אויף דער אַנדערשקייט פון אויסדרוק: ביי די רשעים ווערט גענוצט דער אויסדרוק בלבו, אין זיין האַרצן, מיינט עס, אַז זיי געפֿינען זיך אין רשות פון זייער האַרץ; בעת ביי די צדיקים שטייט אל לבו, צו זיין האַרץ, אָדער על לבו, אויף זיין האַרץ, מיינט עס, אַז זיי באַהערשן דאָס האַרץ. מיר האָבן דעריבער אין צווייטן פֿאַל איבערגעזעצט על און אל ווערטערלעך (זע אונדזער אויסגאַבע פון אסתר רבה, ז' 208, באַמ. 2).

עומד בחצר. **אמר: „הא חילמאי!"** כי בא החלום ברב ענין, (שם) והמן בא לחצר בית המלך החיצונה לאמר למלך, לתלות את מרדכי על העץ אשר הכין לו **ולחבריו: כתיב** (תהלים ז): ולו הכין כלי מות, חציו לדולקים יפעל.

**מהו** לדולקים? **אמר רבי: אלו רשעים שמשליכין דלק עליהם. ר' יעקב דכפר חנן אמר: אלו שהציתו את האור בחורבן בית המקדש. ורבנן אמרי: אלו רודפיהם של ישראל, דכתיב** (איכה ד): על ההרים דלקונו.

(אסתר ו) ויאמר המן בלבו. **הרשעים ברשות לבם, שנאמר** (בראשית כז): ויאמר עשו בלבו; (מלכים א, יב) ויאמר ירבעם בלבו. **אבל צדיקים לבם ברשותם, דכתיב** (שמואל א, א): וחנה, היא מדברת על לבה; (שם כז) ויאמר דוד אל לבו; (דניאל א) וישם דניאל על לבו. **דומין לבוראן, שנאמר** (בראשית ח): ויאמר ה' אל לבו.

**ר' לוי ורבנן. ר' לוי אמר: „הן חושבין רעות בלבבם, ואני טובות בלבי? הן חושבים רעות בלבבם, ואני דן אותם בלבבם", שנאמר** (תהלים לז): חרבם תבא בלבם.

**ויאמר** המן בלבו, — **מיד השיב המן ואמר** (אסתר ו): יביאו לבוש מלכות, — **אמר לו: „הרבה לבושין יש לך, אלא** לבוש מלכות, **אותו שלבשת ביום שמלכת"**; וסוס אשר רכב עליו המלך, — **אמר לו: „הרבה סוסים יש לך, אלא אותו הסוס שר־כבת עליו ביום שמלכת"**; ואשר נתן כתר מלכות בראשו, — **כיון שהזכיר לו את הכתר, נשתנו פניו; אמר: „הא מטיא ענתיה". הה"ד:** כי בא החלום ברב ענין, וקול כסיל ברב דברים.

---

האָט המן זיך געזאָגט אין האַרצן, — **און גלייך האָט המן געענטפערט און געזאָגט** (אסתר ו, ח): יביאו — זאָל מען ברענגען אַ מלכותדיק קלייד, — **ער האָטגעזאָגט צו אים: אַ סך קליידער האָסטו, בייערט אַ** מלכותדיק קלייד, **יענעס וואָס דו האָסט אָנגעטאָן אין דעם טאָג, ווען דו ביסט געוואָרן מלך"**; וסוס — און אַ פערד וואָס דער מלך איז אויף אים געריטן, — **ער האָט צו אים געזאָגט: „אַ סך פערד האָסטו, נייערט יענעס פערד וואָס דו ביסט גע־ריטן אויף אים אין דעם טאָג ווען דו ביסט געוואָרן מלך"**; ואשר — און וואָס אַ קיניגלעכע קרוין איז אָנגעטאָן געוואָרן אויף זיין קאָפּ, — **ווי נאָר ער האָט אים דערמאָנט די קרוין, אַזוי האָט זיך אים זיין פּנים געביטן. ער האָט געזאָגט: „אָט איז געקומען זיין צייט". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן;**

וואָרום דער חלום קומט מיט אַ סך באַרעדעוודיקייט, און דאָס קול פונעם נאַר מיט אַ סך ווערטער.

ב

(ד) טוב — בעסער, אַז דו זאָלסט ניט מנדר זיין, [איידער זאָלסט מנדר זיין און ניט באַצאָלן]. ר׳ מאיר האָט געזאָגט: און בעסער פון ביידן[1] איז דער וואָס איז אינגאַנצן ניט מנדר, נייערט ער ברענגט זיין שעפּס צו דער עזרה, און הייליקט זי[2] און שעכט זי; ווי דער פּסוק זאָגט (דברים כג, כג): וכי תחדל — און אויב דו וועסט זיך פאַרמיידן פון מנדר זיין, [וועט ניט זיין אויף דיר קיין זינד]. ר׳ הונא האָט געזאָגט: ס׳איז געשען מיט איינעם, וואָס האָט מנדר געווען און ניט באַצאָלט; האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויפן ים הגדול, און זיין שיף איז געזונקען אין ים און ער איז געשטאָרבן. ר׳ שמואל האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס איז מנדר און באַצאָלט ניט, איז זיך גורם, אַז זיין ווייב זאָל שטאַרבן, ווי עס שטייט געשריבן (בראשית מח, ז): ואני — און איך, קומענדיק פון פדן, איז רחל מיר געשטאָרבן.[3]

ר׳ שמואל בר יצחק האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס איז מנדר און באַצאָלט ניט, איז גורם מע זאָל קומען צו פיר עבירות: געצנדינסט, גילוי עריות,[4] און בלוט פאַרגיסונג, אויך לשון הרע; און די אַלע האָט ער אָפּגעלערנט פון יעקבן. „געצנדינסט״, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט לה, ב): טוט אָפּ די פרעמדע געטער;[5] „גילוי עריות״, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט לד, ה): כי טמא — אַז ער האָט פאַראומריייניקט זיין טאָכטער דינהן; „בלוט פאַרגיסונג״, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט, כה): ויקחו — האָבן גענומען יעקבס צוויי זין — — — [און זיי האָבן אויסגעהרגעט אַלע מאַנספּערשוינען]; „און לשון הרע״, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט לא, א): און ער האָט געהערט די ווערטער פון לבנס זין.[6]

ר׳ מנא האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס איז מנדר און באַצאָלט ניט, איז זיך אַליין גורם דעם טויט, ווי דער פּסוק זאָגט (דברים כג, כב): כי דרש — וואָרום פאָדערן וועט אים פאָדערן גאָט דיין גאָט פון דיר.[7] און ר׳ אמי האָט געזאָגט: ניטאָ קיין טויט אָן קיין חטא און ניטאָ קיין יסורים אָן קיין זינד. „ניטאָ קיין טויט אָן קיין חטא״, ווי דער פּסוק זאָגט (יחזקאל יח, ד): הנפש — דער נפש וואָס זינדיקט, ער וועט שטאַרבן; „און ניטאָ קיין יסורים אָן קיין זינד״, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים פט, לג): ופקדתי — און איך וועל באַשטראָפן מיט אַ רוט פאַר זייער פאַרברעך און מיט פּלאָגן פאַר זייער זינד.[8]

ב. [1] סיי פון דעם וואָס איז מנדר און באַצאָלט ניט, און סיי אפילו פון דעם וואָס איז מנדר און באַצאָלט יאָ. [2] מאַכט אַ דערקלערונג, אַז זי איז הייליק, הקדש, זי גע־הערט צום מזבח, אָבער ער איז זי ניט מנדר פון פאָראויס. [3] דעם נדר וואָס יעקב האָט מנדר געווען אין בית אל (בראשית כח, כ) האָט ער באַצאָלט ערשט אין צוויי און צוואַנ־ציק יאָר אַרום (דאָרט לה, ז), און רחלס פריצייטיקער טויט איז געווען אַ שטראָף פאַר דער פאַרשפּעטיקונג (זע ויקרא רבה לז, א). [4] דאָס לעבן מיט פאַרבאָטענע פרויען. [5] איבער זיין זינד פון פאַרשפּעטיקן צו באַצאָלן דעם נדר זיינען זיין נכשל געוואָרן

ב

(ד) טוב אשר לא תדור, [משתדור ולא תשלם]. **אמר ר' מאיר: וטוב משניהם שאינו נודר כל עיקר, אלא מביא כבשתו לעזרה ומקדישה ושוחטה, שנאמר** (דברים כג): וכי תחדל לנדר [לא יהיה בך חטא]. **א"ר הונא: מעשה באחד, שנדר ולא שלם, ופרש בים הגדול וטבעה ספינתו בים ומת. א"ר שמואל: כל מי שהוא נודר ואינו משלם, גורם לעצמו שתמות אשתו, דכתיב** (בראשית מח): ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל, **וגו'.**

**א"ר** שמואל **בר** יצחק: **כל הנודר ואינו משלם, גורם לבוא לידי ארבע עבירות: עבודת כוכבים, גילוי עריות, ושפיכות דמים, ולשון הרע; וכולם למדם מיעקב. עבודת כוכבים, דכתיב** (שם לה): הסירו את אלהי הנכר; **גילוי עריות, דכתיב** (שם לד): כי טמא את דינה בתו; **שפיכות דמים, דכתיב** (שם): ויקחו שני בני יעקב, **וגו'** [ויהרגו כל זכר]; **ולשון הרע, דכתיב** (שם לא): וישמע את דברי בני לבן.

**א"ר מנא: כל הנודר ואינו משלם, גורם מיתה לעצמו, שנאמר** (דברים כג): כי דרש ידרשנו ה' אלהיך מעמך. **ואמר ר' אמי: אין מיתה בלא חטא ואין יסורין בלא עון. "אין מיתה בלא חטא" שנאמר** (יחזקאל יח): הנפש החוטאת היא תמות; **"ואין יסורין בלא עון", שנאמר** (תהלים פט): ופקדתי בשבט פשעם ובנגעים עונם.

ג

(ה) אל תתן את פיך לחטיא את בשרך. **ר' יהושע בן לוי פתר קרייא בפוסקי צדקה ברבים ואינם נותנים;** ואל תאמר לפני

---

ג

(ה) אל תתן — דערלאָז ניט דיין מויל צו מאַכן זינדיק דיין לייב. **ר' יהושע בן לוי האָט באַשיידט דעם פסוק אויף יענע, וואָס זאָגן צו צדקה בפרהסיא, און זיי גיבן ניט;** ואל תאמר — און דו זאָלסט ניט זאָגן פאַר דעם

---

מיט געצנדינסט; און אַזוי אויך ווייטער. [6] וואָס האָבן גערעדט שלעכטס אויף אים. [7] אין ויקרא רבה, פון וואַנען דער מאמר איז גענומען, איז דאָ פאַראַן אַ צוגאָב: ממך נפרעין, ולא מממונך — פון דיר וועט מען נעמען געצאָלט, און ניט פון דיין געלט. [8] און אַזוי ווי דאָס וואָרט חטא, וואָס ווערט גענוצט אין יחזקאל, וואו די שטראָף איז טויט, ווערט אויך גענוצט אין דברים, וואו עס רעדט זיך וועגן ניט מקיים זיין אַ נדר, מיינט עס, אַז די שטראָף דערפאַר איז טויט.

שליח, **דאָס איז דער חזן**,[1] אַז דאָס איז געווען אַ טעות, **„איך וואונדער זיך אויף מיר** [וואָס איך האָב צוגעזאָגט]"; למה — פאַרוואָס זאָל גאָט צערענען אויף דיין קול, **אויף דעם דאָזיקן קול וואָס מיט אים האָסטו גערעדט**; וחבל — און ער וועט פאַרדאַרבן די טואונג פון דיינע הענט, — **דאָס ביסל מצוות וואָס דער דאָזיקער מענטש פאַרמאָגט**, וועט הקדוש ברוך הוא **אַריינברענגען אַ קללה אין זיי און זיי פאַרלירן פון אים.**

**ר' בנימין האָט באַשיידט דעם פסוק אויף די וואָס פאַלשעווען מיט דער תורה**:[2] דערלאָז ניט דיין מויל, **זאָלסט ניט געבן דיין מויל קיין רשות צו** מאַכן זינדיק דיין לייב, **צו מאַכן זינדיק דיין קערפּער מיט דיין לערנען.** און דו זאָלסט ניט זאָגן פאַרן שליח, **דאָס איז דער רבי**, אַז דאָס איז געווען אַ טעות, — **ער מאַכט זיך פאַר אַ קענער פון מקרא, און איז ניט קיין קענער פון מקרא; אַ קענער פון משנה, און איז ניט קיין קענער פון משנה.** פאַרוואָס זאָל גאָט צערענען אויף דיין קול, **אויף דעם קול וואָס מיט אים האָסטו געזאָגט: די דאָזיקע הלכה האָט ער מיר געזאָגט, דעם דאָזיקן פּרק האָט ער מיר געזאָגט"**;[3] און ער וועט פאַרדאַרבן די טואונג פון דיינע הענט, — **אפילו דאָס ביסל הלכות וואָס דער דאָזיקער מענטש פאַרמאָגט, וועט הקדוש ברוך הוא אַריינברענגען אַ קללה און זיי פאַרלירן פון אים.**

**און די רבנן באַשיידן דעם פסוק אויף דעם וואָס איז מנדר:** פאַר דעם שליח, **דאָס איז דער תלמיד חכם**;[4] אַז דאָס איז געווען אַ טעות: **„איך האָב ניט מנדר געווען".** פאַרוואָס זאָל גאָט צערענען, **וואָס דו האָסט גאָר אָנגעהויבן מיט אַ נדר**, און ער וועט פאַרדאַרבן די טואונג פון דיינע הענט, — **אפילו דאָס ביסל געלט וואָס דער דאָזיקער מענטש פאַרמאָגט, וועט הקדוש ברוך הוא אַריינברענגען אַ קללה אין דעם און עס פאַרלירן פון אים.**

**רב הונא האָט באַשיידט דעם פסוק אויף לשון הרע:** דערלאָז ניט דיין מויל **צו רעדן לשון הרע**; פאַר דעם שליח, **דאָס איז דער קערפּער**; אַז דאָס איז געווען אַ טעות: **„איך האָב קיין לשון הרע ניט גערעדט"**; און ער וועט פאַרדאַרבן די טואונג פון דיינע הענט, **דאָס מיינט מען די אָדערן און ביינער וואָס אינעם קערפּער פון דעם דאָזיקן מענטשן, — הקדוש ברוך הוא וועט אַריינברענגען אין זיי די דער און דאָס קדחת און זיי פאַרלירן פון אים.**

**ר' מני האָט באַשיידט דעם פסוק אויף מרימען:** דערלאָז ניט דיין מויל **דאָס איז מרים**, צו מאַכן זינדיק דיין לייב, **דען זי האָט גערעדט לשון הרע אויף משהן** (במדבר יב, ב): הרק — צי דען נאָר מיט משהן האָט גאָט גע־רעדט? פאַר דעם שליח, **דאָס איז משה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כ, טז): וישלח — און ער האָט געשיקט אַ שליח; אַז דאָס איז געווען אַ טעות: (דאָרט יב, יא): אשר — וואָס מיר האָבן זיך באַנאַרישט און וואָס מיר האָבן גע־זינדיקט. פאַרוואָס זאָל גאָט צערענען אויף דיין קול, **דאָס איז מרים**, און ער וועט פאַרדאַרבן די טואונג פון דיינע הענט, **דאָס איז מרים, וואָס גערעדט האָט זי מיט איר מויל, און געשלאָגן געוואָרן זיינען אַלע אירע איברים.**

המלאך, זה החזן, כי שגגה היא, „תהא אנא בי״; למה יקצף האלהים על קולך, על אותו הקול שאמרת; וחבל את מעשה ידיך, — מיעוט מצוות שביד אותו האיש, הקב״ה מכניס בהן מארה ומאבדן ממנו.

ר׳ בנימין פתר קרייא בחניפי תורה: אל תתן את פיך, אל תתן רשות לפיך לחטיא את בשרך, להחטיא את גופך בלימודך. ואל תאמר לפני המלאך, זה הרב, כי שגגה היא, — עביד גרמיה קרי, ולא קרי; תני, ולא תני. למה יקצף האלהים על קולך, על הקול שאמרת: „הדא הלכה אמר לי, הדין פרק אמר לי״; וחבל את מעשה ידיך, — אפילו מיעוט הלכות שביד אותו האיש, הקב״ה מכניס בהן מארה ומאבדן ממנו.

ורבנן פתרין קרייא בנודר: לפני המלאך, זה חכם; כי שגגה היא: „אנא לא נדרית״. למה יקצף האלהים, שפתחת בנדר, וחבל את מעשה ידיך, — אפילו מעט ממון שביד אותו איש, הקב״ה מכניס בו מארה ומאבדו ממנו.

רב הונא פתר קרייא בלשון הרע: אל תתן את פיך לומר לשון הרע; לפני המלאך, זה הגוף; כי שגגה היא: „אנא לא אמ-רית לשון הרע״; וחבל את מעשה ידיך, אלו גידין ועצמות שבגוף אותו האיש, הקב״ה מכניס בהן שחפת וקדחת ומאבד אותן ממנו.

ר׳ מני פתר קרייא במרים: אל תתן את פיך, זו מרים; לחטיא את בשרך, שאמרה לשון הרע במשה (במדבר יב): הרק אך במשה דבר ה׳? לפני המלאך, זה משה, שנאמר (שם כ): וישלח מלאך; כי שגגה היא: (שם יב) „אשר נואלנו ואשר חטאנו״. למה יקצף אלהים על קולך, זו מרים, וחבל את מעשה ידיך, — מרים שאמרה בפיה, ולקו כל אבריה.

תני ר׳ יהושע: מילה בסלע, משתוקא בתרין, כאבן טבא. אמר רבי [יהודה איש כפר גבוריא]: סמא דמילתא משתוקא;

---

ר׳ יהושע האָט געלערנט: אַ וואָרט איז אַ סלע,[5] שווייגן — צוויי, ווי אַן אבן טוב. רבי [יהודה פון כפר גיבוריא] [6] האָט געזאָגט: די הויפּט זאַך

---

ג. [1] אין דער תלמודישער צייט — אַן אָנגעשטעלטער אין אַ שול, אין אַ לערן הויז; ענלעך צו שמש. [2] פאַרגלייך אויבן ד, א. [3] ער פאַררופט זיך אויף אַ גרויסן תלמיד חכם, וואָס האָט געזאָלט לערנען מיט אים תורה, און נאַרט מענטשן מיט דעם. [4] וואָס

**איז שווייגן; ווי מיר האָבן געלערנט דאָרט אין** אבות:[7] **שמעון זיין זון זאָגט: מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך געהאָדעוועט צווישן חכמים און איך האָב ניט געפונען פאַרן גוף בעסערס ווי שווייגן.**

ד

כי ברב — וואָרום פון אַ סך חלומות און נאַרישקייטן קומען אַ סך ווערטער; אָבער האָב מורא פאַר גאָט. **רבי האָט געזאָגט: אויב דו האָסט געזען שלעכטע חלומות און שלעכטע און פאַרדרייטע זעאונגען, אָדער דו שרעקסט זיך פאַר זיי,**[1] **כאַפּ זיך צו דריי זאַכן, און דו וועסט ניצול ווערן פון זיי.**[2] **דען ר׳ יודן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אלעזרן:**[3] **דריי זאַכן מאַכן צו נישט שלעכטע** גזירות, **און דאָס זיינען:** תפילה, צדקה, תשובה. **און אַלע דריי געפינען זיך אין איין פּסוק; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דברי הימים ב, ז, יד): ויכנעו — און אונטערטעניק וועט ווערן מיין פאָלק, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים, און זיי וועלן מתפּלל זיין און זוכן מיין פּנים, און וועלן זיך אומקערן פון זייערע שלעכטע וועגן, וועל איך צוהערן פון הימל און וועל פאַרגעבן זייער זינד און וועל אויפריכטן זייער לאַנד: און זיי וועלן מתפּלל זיין, **דאָס איז תפילה;** און זוכן מיין פּנים, **דאָס איז צדקה, — דאָס איז ווי דו זאָגסט** (תהלים יז, טו): אני בצדק — איך וועל מיט רעכטפאַרטיקייט[4] זען דיין פּנים; און וועלן זיך אומקערן פון זייערע שלעכטע וועגן, **דאָס איז תשובה; און נאָך דעם** — וועל איך צוהערן פון הימל — — —.

**ר׳ מונא האָט געזאָגט: אויך אַ תענית** [העלפט קעגן שלעכטע גזירות], **ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט כ, ב): יענך ה׳ — גאָט וועט דיר ענטפערן אין טאָג פון אַ צרה.[5] **ר׳ חייא און ר׳ יוסי זאָגן: אויך אַ בייט אין נאָמען און אַ בייט אין מעשים; און אַנדערע זאָגן: אויך אַ בייט אין אָרט, ווי עס שטייט געשריבן** (בראשית יב, א): לך לך — גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד. **„אַ בייט אין נאָמען" — פון אברהמען, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט יז, ה): ולא יקרא — און דיין נאָמען וועט מער ניט גערופן ווערן אברם, נייערט דיין נאָמען וועט זיין אברהם; אברם **קאָן קיין קינדער ניט האָבן,** אברהם **קאָן יאָ האָבן קינדער;** שרי **קאָן ניט געבוירן,** שרה **קאָן יאָ געבוירן. „אַ בייט אין מעשים". ווי דער פּסוק זאָגט** (יונה ג, י): וירא האלהים — און גאָט האָט געזען זייערע מעשים — — — [און גאָט האָט חרטה געהאַט אויף דעם וואָס ער האָט

---

קאָן אים מתיר נדר זיין. [5] אַ מטבע, די ווערט פון אַ שקל הקודש (אונקלוס שמות ל, יג).
[6] **צוגעגעבן** לויט מגילה יח, א; **און ניט ווי אין דער** סאָנטשינאָ **אויסגאַבע (ענגליש), וואָס האָט צוגעגעבן אין קלאַמערן** יהודה הנשיא: **די ווערטער „ווי מיר האָבן געלערנט דאָרט אין אבות" פּאַסן זיך ניט אין מויל פון ר׳ יהודה הנשיא, וואָס איז אַליין געווען דער מסדר פון דער משנה; אויך פּאַסט זיך ניט אַן אַראַמיש גלייכוואָרט אין מויל פון אַן אויסגעשפּראָכענעם קעגנער פון דער דאָזיקער שפּראַך** (בבא קמא פב—פג: **רבי האָט געזאָגט: אויף וואָס דאַרף מען אין ארץ ישראל דאָס אַראַמישע לשון? אָדער לשון קודש, אָדער גריכיש**). — **מעגלעך, אַז דער ר׳ יהודה פון כפר גבוריא איז אידענטיש מיט ר׳ יהודה בן יעקב פון בית גוברין** (תוספתא אהילות יח, טז). [7] א, יז.

כדתנינן תמן באבות: שמעון בנו אומר: כל ימי גדלתי בין החכ־מים, ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה.

ד

(ו) כי ברב חלומות והבלים ודברים הרבה, כי את האלהים ירא. אמר רבי: אם ראית חלומות קשין וחזיונות קשין והפוכין, או שאת מתיירא מהן, קפוץ לשלשה דברים, ואתה ניצל מהן. דאמר ר׳ יודן בשם ר׳ אלעזר: שלשה דברים מבטלין גזירות רעות, ואלו הן: תפלה, צדקה, תשובה. ושלשתן בפסוק אחד; הה״ד (דברי הימים ב, ז): ויכנעו עמי, אשר נקרא שמי עליהם, ויתפללו ויבקשו פני וישובו מדרכיהם הרעים, ואני אשמע מן השמים ואסלח לחטאתם וארפא את ארצם: ויתפללו, זו תפלה; ויבקשו פני, זו צדקה, — הדא מה דאת אמר (תהלים יז): אני בצדק אחזה פניך; וישובו מדרכיהם הרעים, זו תשובה; ואחר כך — ואני אשמע מן השמים, וגו׳.

ר׳ מונא אמר: אף התענית, שנאמר (שם כ): יענך ה׳ ביום צרה. ר׳ חייא ור׳ יוסי אומר: אף שינוי השם ושינוי המעשה. ויש אומרים: אף שינוי מקום, דכתיב (בראשית יב): לך לך מארצך. „שינוי השם״ — מאברהם אבינו, שנאמר (שם יז): ולא יקרא עוד שמך אברם, והיה שמך אברהם: אברם אינו מוליד, אברהם מו־ליד; שרי אינה יולדת, שרה יולדת. „שינוי מעשה״ — מנינוה, שנאמר (יונה ג): וירא האלהים את מעשיהם, וגו׳. רבה בר מחסיא וחמא בר גוריא אמרי: יפה תענית לחלום כאש לנעורת. א״ר חסדא: ובו ביום. א״ר יוחנן: ואפילו בשבת.

---

גערעדט זיי צו טאָן]. רבה בר מחסיא און חמא בר גוריא זאָגן: אַ תענית אויף אַ חלום איז אַזוי גוט ווי פייער אויף פלאַקסשטרוי. ר׳ חסדא האָט געזאָגט; און גלייך דעם זעלבן טאָג. ר׳ יוחנן[6] האָט געזאָגט: אפילו אום שבת.[7]

---

ד. [1] דו שרעקסט זיך, טאָמער וועסטו זיי זען. [2] מעגלעך אַז אַנשטאָט רבי דאַרף אויך דאָ (זע אויבן באַם. 5 צו ה, ג) זיין ר׳ יהודה, וואָס זאָל זיין אידענטיש מיטן ווייטערדיקן ר׳ יודן; אַנדערש פעלט דאָ אין רביס מאמר דער עיקר. [3] אין דער ראָם אויסגאַבע איז דער נוסח ר׳ אליעזר. מיר האָבן געביטן אויף ר׳ אלעזר לויט בראשית רבה מד, יב, און לויט ירושלמי תענית ב, ב (ר׳ לעזר); אַזוי איז אויך דער נוסח אין ילקוט קוהלת אויף דעם פסוק. [4] בצדק — צדקה. [5] געדרשנט: אַ צרה וואָס דער מענטש נעמט אַליין אויף זיך — פאַסטן. מעגלעך אויך, אַז דאָ ווערט אָנגעדייט דאָס וואָרטשפיל יענך — תענית. [6] אין שבת יא, א — ר׳ יוסף. [7] וואָס מע טאָר געווייגלעך ניט פאַסטן,

און אַזוי געפינסטו ביי חזקיה דעם מלך פון יהודה. בשעת חזקיה איז קראַנק געוואָרן, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו ישעיהן: „גיי זאָג אים (ישעיה לח, א): צו — זאָג אָן וועגן דיין הויזגעזינד, וואָרום דו שטאַרבסט, און וועסט ניט גענעזן ווערן". האָט חזקיה געזאָגט צו ישעיהן: „עס פירט זיך אויף דער וועלט, אַז אַ מענטש גייט עמיצן מבקר חולה זיין, זאָגט ער אים: 'פון הימל וועט מען אויף דיר רחמנות האָבן'. און דער רופא קומט צו אים און זאָגט אים: 'די זאַך עס, יענע זאָלסטו ניט עסן; דאָס טרינק, יענץ זאָלסטו ניט טרינקען'. און אפילו ווען ער זעט, אַז ער איז אַ נוטה למות, זאָגט ער אים ניט: 'זאָג אָן וועגן דיין הויזגעזינד', ער זאָל ניט ווערן געפאַלן ביי זיך. און דו זאָגסט מיר: 'זאָג אָן וועגן דיין הויזגעזינד, ווייל דו שטאַרבסט, און וועסט ניט גענעזן ווערן'. אויך איך, ניט אויף דיר וועל איך לייגן אַכט, און ניט צו דיינע ווערטער וועל איך זיך צוהערן; און איך נעם קיין זאַך ניט אָן נייערט וואָס מיין זיידע האָט געזאָגט: וואָרום פון אַ סך חלומות און נאַריש־קייטן קומען אַ סך ווערטער; אָבער האָב מורא פאַר גאָט." גלייך (דאָרט, ב): ויסב — האָט אויסגעדרייט חזקיהו זיין פנים צו דער וואַנט. צו וואָסער וואַנט האָט ער אויפגעהויבן זיין פנים? ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: צו דער וואַנט פון רחבן האָט ער אויפגעהויבן זיין פנים, ווי עס שטייט געשריבן (יהושע ב, טו): כי ביתה — דען איר הויז איז געווען אין דער וואַנט פון דער מויער. ער האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! רחב האָט דיר געראַטעוועט צוויי נפשות, און וויפיל נפשות האָסטו איר געראַטעוועט!

מיר האָבן געלערנט: ר' שמעון בן יוחאי זאָגט: אויב אפילו עס זיינען געווען אין איר משפחה צוויי הונדערט מענטשן, און זיי האָבן זיך באַהאָפטן מיט צוויי הונדערט משפחות זיינען זיי אַלע ניצול געוואָרן אין איר זכות: עס שטייט דאָ ניט „און איר גאַנצע משפחה", נייערט (דאָרט ו, כג) אַלע אירע משפחות האָבן זיי אַרויסגעפירט.

מיינע עלטערן, וואָס האָבן דיר אַריינגעבראַכט אַזוי פיל גרים,[8] אוודאי און אוודאי [דאַרף זייער זכות מיר ביישטיין!]" ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: צו דער וואַנט פון דער שונמית האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן, ווי עס שטייט געשריבן (מלכים ב, ד, י): נעשה נא — לאָמיר מאַכן, איך בעט, אַ קליין וואַנט־שטיבל.[9] ער האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! די דאָזיקע שונמית האָט איין וואַנט געמאַכט פאַר אלישען, און דו האָסט אויפגעלעבט איר זון; מיינע עלטערן וואָס האָבן דיר געמאַכט אָט די גאַנצע פּראַכט, [10] אוודאי און אוודאי!" רב הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוסין:

---

אויסער יום כיפור. [8] וועגן די איבער הונדערט און פופציק טויזנט פרעמדע וואָס ווערן דערמאָנט אין דברי הימים ב, ב, טז, ווערט געזאָגט אין במדבר רבה ח, ד, אַז דאָס האָבן זיי זיך מגייר געווען אין די טעג פון דוד און שלמה. [9] אַ בוידעם־שטיבל ביי דער וואַנט, וואָס האָט זיך משמעות געהויבן העכער ווי דער דאַך (זע דברים כב, ח). [10] דעם

וכן את מוצא בחזקיה מלך יהודה. בשעה שחלה חזקיה, אמר הקב״ה לישעיה: „לך אמור לו (ישעיה לח): צו לביתך, כי מת אתה ולא תחיה״. א״ל חזקיה לישעיה: „בנוהג שבעולם, אדם שהולך לבקר את החולה, אומר לו: ׳מן השמים ירחמו עליך׳. והרופא הולך אצלו ואומר לו: ׳מילתא פלוני אכול, ופלוני לא תאכל; הדין תשתה, והדין לא תשתה׳. ואפילו שיראה אותו נטוי למות, אינו אומר לו: ׳צו לביתך׳, שלא יחלש דעתו. ואתה אומר לי: ׳צו לביתך, כי מת אתה ולא תחיה׳. אף אנא, לא לך אנא ספין ולא למילך אנא שמע; ואיני תופש, אלא מה שאמר זקני: כי ברב חלומות והבלים ודברים הרבה, כי את האלהים ירא״. מיד (שם) ויסב חזקיהו פניו אל הקיר. לאיזה קיר נשא פניו? ר׳ יהושע בן לוי אמר: בקיר של רחב נשא פניו, דכתיב (יהושע ב): כי ביתה הקיר החומה. אמר לפניו: „רבש״ע! רחב שתי נפשות הצילה לך, וכמה נפשות הצלת לה! — — —

תני: ר׳ שמעון בן יוחאי אומר: אפילו היה במשפחתה מאתים אנשים, ונדבקו במאתים משפחות, כולם ניצולו בזכותה: „ואת כל משפחתה״ אין כתיב כאן, אלא ואת כל משפחותיה הוציאו.

אבותי, שכנסו לך כל הגרים, עאכ״ו!״ ר׳ שמואל בר נחמן אמר: בקירה של שונמית נשא עיניו, דכתיב (מלכים ב, ד): נעשה נא עלית קיר, אמר לפניו: „רבש״ע! שונמית זו קיר אחת עשתה לאלישע, והחיית את בנה; אבותי שעשו לך כל השבח הזה, עאכ״ו!״ ר׳ הונא בשם ר׳ יוסי אמר: בקירות לבו נשא עיניו, שנאמר (ירמיה ד): מעי, מעי, אוחילה! קירות לבי: הומה לי לבי. (לבו כתיב). אמר לפניו: „רבש״ע! חזרתי על רמ״ח איברים

---

צו די ווענט פון זיין האַרצן האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה ד, יט): מעי, מעי — מיינע אינגעווייד, מיינע אינגעווייד! איך ציטער! אָ, די ווענט פון מיין האַרצן! מיין האַרץ ברומט אין מיר.[11] ער האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! איך האָב נאָכגעקוקט די צוויי הונדערט

---

בית המקדש. [11] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט ווי אַ באַווייז, אַז דאָס וואָרט וואַנט בינדט זיך מיט האַרץ. — אין די געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דאָ אַ פראַזע ״לבו כתיב, דער כתיב איז לבו״ (זיין האַרץ, אַנשטאָט לבי, מיין האַרץ). די דאָזיקע באַמערקונג גיט דאָ אָבער גאָרניט ניט צו. אויסער דעם ווייזט אָן דער מנחת ש״י אויף דעם

אַכט און פערציק איברים וואָס דו האָסט באַשאַפן אין מיר, און איך האָב ניט געפונען, אַז איך זאָל דיך האָבן דערצערנט מיט איינעם פון זיי, — אוודאי און אוודאי דאַרף מיר געשענקט ווערן מיין נפש!" און די רבנן זאָגן: צו די ווענט פון בית המקדש האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן, ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל מג, ח): בתתם — מיט זייער שטעלן זייער שוועל לעבן מיין שוועל — — — [און נאָר אַ וואַנט איז צווישן מיר און צווישן זיי]. ער האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! מיינע עלטערן זיינען געווען גרויסע מענטשן, אָבער ניט צו יעדער צייט האָבן זיי געקענט מתפלל זיין אין בית המקדש; נייערט זיי פלעגן שטיין אין זייערע הייזער און מתפלל זיין, און נאָר אַ וואַנט איז געווען צווישן זיי און צווישן דעם בית המקדש.[12] אָבער איך, ווען איך בין מתפלל איז צווישן מיר און דעם בית המקדש אפילו קיין וואַנט ניטאָ, — אוודאי און אוודאי דאַרף מיר געשענקט ווערן מייז נפש!" גלייך (ישעיה לח, ד): ויהי — איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט צו ישעיהן: [גיי און זאָג צו חזקיהון: אַזוי האָט געזאָגט גאָט — — —: איך האָב געהערט דיין תפילה], — ער איז נאָך ניט געווען אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט. האָט ישעיה געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! צוערשט האָסטו מיר געזאָגט אַזוי, און איצט זאָגסטו מיר אַנדערש, טאָ ווי קען איך גיין עס זאָגן?" האָט ער געזאָגט צו אים: „ער איז אַ מענטש אַן ענוו, און ער וועט עס נעמען פון דיר; און ניט דאָס אַליין, נייערט דאָס וואָרט איז נאָך ניט אַרויס [צווישן מענטשן]"; ווי עס שטייט געשריבן (מלכים ב, כ, ד): ויהי — און עס איז געווען, אַז ישעיה איז נאָך ניט געווען אַרויס־געגאַנגען [פון דעם מיטלסטן הויף,[13] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אים]. ווען ישעיה איז געקומען צו אים, האָט ער אים געזאָגט: „האָב איך דיר ניט גלייך אַזוי געזאָגט: 'ניט אויף דיר וועל איך לייגן אַכט און ניט צו דיינע ווערטער וועל איך זיך צוהערן; נייערט צו דעם וואָס מיין זיידע האָט מיר געזאָגט: וואָרום פון אַ סך חלומות און נאַרישקייטן [קומען אַ סך ווערטער; אָבער האָב מורא פאַר גאָט]' ".

## ה

(ז) אם — אויב די דריקונג פונעם אָרימאַן — — — [זעסטו אין דער מדינה], — אויב דו זעסט דעם דריקער [1] פון נויטבאַדערפטיקע און אָרימע, און דער צדיק וואָס לעבט אין די אייביקייטן באַגיט אים מיט שלווה און גוטס, תראה במדינה, וועסטו [לסוף] זען אין אים דעם משפט פון גיהנם;[2]

---

פסוק, אַז אין דער מסורה איז אַזאַ כתיב ניטאָ; דערצו ציטירט ער אויך דעם אות אמת, וואָס זאָגט, אַז די צוויי ווערטער זיינען דאָ איבעריק. אויך אין ירושלמי ברכות ד, ד, זיינען זיי ניטאָ. אין איינקלאַנג מיט דעם אַלעמען האָבן מיר עס אַרויסגעלאָזט. [12] דער בעל המדרש נעמט נאָר דעם ערשטן האַלבן פסוק און טייטשט אים צו גוטן, אַז זיי האָבן געבויט זייערע וואוינונגען האַרט לעבן בית המקדש, כדי צו זיין נאָענט צו גאָט (זיך ניט רעכענענדיק דערביי מיט דער צווייטער העלפט פון פסוק). [13] לויטן קרי.

שיצרת בי, ולא מצאתי, שהכעסתיך באחד מהם, — עאכ״ו שתנתן לי נפשי!״ ורבנן אמרי: בקירות בית המקדש נשא עיניו, דכתיב (יחזקאל מג): בתתם ספם את ספי, וגו׳ [והקיר ביני וביניהם]. אמר לפניו: „רבש״ע! אבותי בני אדם גדולים היו, ולא היו יכולין להתפלל בכל שעה בבית המקדש; אלא היו עומדים בתוך בתיהם ומתפללין, והקיר בינם ובין המקדש. ואני אין קיר כשאני מתפלל ביני ובין המקדש, — עאכ״ו שתנתן לי נפשי!״ מיד (ישעיה לח): ויהי דבר ה׳ אל ישעיהו, — לא יצא משם. אמר ישעיהו לפני הקב״ה: „רבש״ע! בתחלה אמרת לי כן, ועכשו אתה אומר לי כן, ואיך אלך ואומר כן?״ א״ל: „ענותן הוא, ומקבל ממך; ולא עוד, אלא עדיין לא יצא הדיבור״, דכתיב (מלכים ב, כ): ויהי ישעיהו לא יצא [חצר התיכונה, ודבר ה׳ היה אליו]. כשהלך ישעיהו אצלו, א״ל: „לא כך אמרתי לך מתחלה: ׳לא לך אנא ספין ולא למיליך אנא שמיע, אלא מה שאמר לי זקני: כי ברב חלומות והבלים — — —׳?״

ה

(ז) אם עשק רש, — אם ראית עושק דלים ורשים, וצדיק חי העולמים משפיע לו שלוה וטובה, תראה במדינה, תראה בו דינה של גיהנם; כי גבוה [מעל גבוה שומר], אלו המלאכים, וגבוהים עליהם, זה הקב״ה.

ר׳ יוסי בר חנינא פתר קרייא בעשו: אם ראית עשו בכרך הגדול שברומי עושק דלים וגוזל רשים, והקב״ה משפיע לו שלוה, תראה בו מדת הדין. אל תתמה על מה שאמר הזקן

---

כי גבוה — וואָרום דעם הויכן היט אַ העכערער, דאָס זיינען די מלאכים; וגבוהים — און נאָך העכערע איבער זיי, דאָס איז הקדוש ברוך הוא.

ר׳ יוסי בר הונא האָט באַשיידט דעם פסוק אויף עשון: אויב דו זעסט עשון [3] אין דעם גרויסן כרך [4] פון רוים, ווי ער דריקט נויטבאַדערפטיקע און באַרויבט אָרימע, און הקדוש ברוך הוא באַגיט אים מיט שלווה, וועסטו [לסוף] זען אויף אים דעם מידת הדין. [5] אל תתמה — זאָלסט זיך ניט וואונ־

---

ה. [1] דער בעל המדרש לייענט דעם פסוק ווי עס וואָלט געשטאַנען עושק, מיט אַ וו און אַ צירה אונטער דער שין. [2] במדינה ווערט פאַרשטאַנען ווי צוויי ווערטער: בו דינה, אין אים [וועסטו זען] דעם משפט [פון גיהנום]: נאָר אויף דער וועלט האָט דער אונטערדריקער שלווה; אויף יענער וועלט וועט ער באַקומען זיין שטראָף. [3] אין דער ראָם אויסגאַבע פון תרנ״ז (מיטן עץ יוסף) איז דער נוסח ראמולוסן, איינער פון די צוויי לעגענדאַרישע גרינדערס פון רוים. [4] אין לשון פון מדרש מיינט מדינה אַ כרך,

דערן אויף דעם וואָס דער אַלטער[6] האָט געזאָגט, און זיין ווילן[7] איז געטאָן געוואָרן, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית כז, לט): הנה — זע, די פעטקייטן פון דער ערד וועט זיין דיין וואוינונג; וואָרום דעם הויכן, דאָס זיינען די דוכסים, הויפּטלייט און אייבער־קאָמאַנדירן; און נאָך העכערע איבער זיי, דאָס איז דער מלך וואָס לעבט אין די אייביקייטן.[8]

ר' אחא האָט געזאָגט, פון דעם הנה, אָט, פון אַ בשר ודם קאָנסטו לערנען וועגן דעם הנה פון הקדוש ברוך הוא: מה־דאָך דער הנה פון אַ בשר ודם האָט געגעבן לעבן צו אַ גאַנצער אומה אויף דער וועלט, ווי דער פּסוק זאָגט (אסתר ח, ז): הנה — אָט גיב איך אָפּ המנס הויז צו אסתרן;[9] אַ פּשיטא שוין ווען ס'וועט מקוים ווערן דער הנה פון הקדוש ברוך הוא, ווי דער פּסוק זאָגט (זכריה יד, א): הנה — אָט קומט אָן אַ טאָג פון גאָט!

ו

(ח) ויתרון — און אַ מעלה אויף דער ערד איז אין אַלץ.[1] ר' יהודה זאָגט: אפילו זאַכן וואָס דו זעסט זיי ווי איבעריקע[2] אויף דער וועלט, אויך זיי זיינען אין כלל פונעם זיין אויף דער וועלט. למשל: פּאַלמע־פּעדים צו מאַכן שטריק, ווילדגעוויקסן אויף אַרומצאַמען אַ גאָרטן, — אָט זיינען זיי אינעם כלל פונעם זיין אויף דער וועלט.

מלך — אַ מלך פאַרקנעכט צום פעלד, — אפילו אַ מלך וואָס הערשט פון איין עק וועלט צום צווייטן, איז פאַרקנעכט צום פעלד; ער פרעגט זיך אַלץ נאָך: „האָט די ערד אַרויסגעגעבן [תבואה]? האָט זי ניט אַרויסגעגעבן?" דעריבער (ט) אוהב כסף — דער וואָס האָט ליב געלט קען זיך ניט אָנזעטיקן מיט געלט; און דער וואָס האָט ליב אַ סך [געלט] אָן תבואה,[3] [איז דאָס אויך נאַרישקייט],[4] דען איטלעכער וואָס האַוועט און שמאַיעט[5] נאָך געלט, און קיין ערד האָט ער ניט, — וואָס פאַר אַ הנאה האָט ער? ר' יהודה בר' יוסי[6] און ר' יוחנן זאָגן: עס שטייט געשריבן (יחזקאל כז, כט): וירדו — און עס וועלן אַראָפּנידערן פון זייערע שיפן אַלע וואָס האַלטן אַ רודער, די מאַטראָסן, אַלע שיפפירערס וואָס אויפן ים, זיי וועלן אויף דער ערד בלייבן שטיין, — ווייסן מיר דען ניט, אַז זיי וועלן בלייבן שטיין אויף דער ערד? נייערט, וויבאַלד איינעמס אַ שיף איז געזונקען און ער האָט ערד, שטעלט עס אים אַוועק אויפן באָדן;[7] האָט ער ניט קיין ערד, איז ניטאָ קיין גרעסערע נישטיקייט פון דעם.

אַ גרויסע שטאָט (זע אונדזער אויסגאַבע פון אסתר רבה, ז' 55, באַמ. 1). [5] אַנשפּיל אויף מדינה. [6] יצחק. [7] החפץ פון אונדזער פּסוק. [8] דער אייבערשטער, הייסט עס, וועט ווען עס איז אויך באַצאָלן רוים פאַר איר רשעות. [9] און מיט דעם איז געקומען אַ ישועה אויף יידן.

ו. [1] אַזוי לויטן ווייטערדיקן דרש. [2] מיותרין — יתרון. [3] דער וואָס יאָגט זיך נאָך אַ פאַרמעגן וואָס קומט ניט פון דער ערד, — אַזוי לויטן דרש. [4] צוגעגעבן אין הסכם מיטן רד"ל, ויקרא רבה כב, א. [5] הומה ומהמה — בהמון. [6] אין ויקרא רבה — ר' ישמעאל בר' תנחום. [7] ערד גיט דעם מענטשן אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס.

**ונעשה חפצו, שנאמר** (בראשית כז): הנה משמני הארץ יהיה מושבך; כי גבוה, **אלו דוכסין ואיפרכין ואיסטרטליטין**; וגבוהים עליהם, **זה מלך חי העולמים.**

**א״ר אחא:** מהנה **של בשר ודם את למד** הנה של הקב״ה: ומה הנה **של בשר ודם נתן חיים לאומה שלמה בעולם הזה, שנאמר** (אסתר ח): הנה בית המן נתתי לאסתר; **לכשיבא** הנה **של הקב״ה, שנאמר** (זכריה יד): הנה יום בא לה׳, **עאכ״ו!**

ו

(ח) ויתרון ארץ בכל הוא. **ר׳ יהודה אומר: אפילו דברים שאת רואה אותן כאילו הן מיותרן בעולם, הן הן בכלל הווייתו של עולם הן; כגון שיבא למיעבד חבלא, סוגיא למסוך גניא, — הן הן בכלל הווייתו של עולם הן.**

מלך לשדה נעבד, — **אפילו מלך שולט מסוף העולם ועד סופו,** לשדה נעבד; **שאיל ואמר: „עבדת ארעא? לא עבדת ארעא?״ לפיכך** (ט) אוהב כסף לא ישבע כסף; ומי אוהב בהמון, לא תבואה, [גם זה הבל.] **שכל מי שהוא הומה ומהמה אחר הממון, וקרקע אין לו, — מה הנאה יש לו? ר׳ יהודה בר׳ יוסי ור׳ חנן אמרי: כתיב** (יחזקאל כז): וירדו מאניותיהם כל תופשי משוט, מלחים, כל חובלי הים, אל הארץ יעמדו, — **וכי אין אנו יודעים שעל הארץ הם עומדים? אלא כיון ששקעה ספינתו של אחד מהם ויש לו קרקע, על הארץ הוא מעמידו; אין לו קרקע — אין הבל גדול מזה.**

ז

**ר׳ נחמיה אומר:** ויתרון ארץ בכל הוא, — **דברים שתראה הן מיותרין בתורה, כגון תוספות של בית רבי ותוספות של ר׳ נתן, הלכות גרים ועבדים, אף הם נתנו למשה מסיני; וכגון**

---

ז

ר׳ נחמיה **זאָגט:** און אַ מעלה אויף דער ערד איז אין אַלץ, — **זאַכן אין דער תורה, וואָס דו זעסט זיי ווי איבעריק, למשל די תוספות פון רביס בית מדרש,[1] און די תוספתות פון ר׳ נתן,[2] די הלכות פון גרים און עבדים,[3] —**

ז. [1] די הלכות וואָס ר׳ יהודה הנשיא האָט ניט אַריינגענומען אין דער משנה, און זיי זיינען צענויפגעזאַמלט געוואָרן דורך זייערע תלמידים אין דער תוספתא, „צוגאָב״, אָדער זיינען צעשפּרייט אין תלמוד ווי ברייתאס, „דרויסנדיקע״, אויסגעלאָזטע משנהס. [2] אבות דר׳ נתן, אַ תוספתא, אָדער ברייתא, צו אבות. [3] שפּעט־תלמודישע מסיכ־

**אויך זיי זיינען געגעבן געוואָרן צו משהן פון סיני; און למשל די הלכות פון ציצית, תפילין און מזוזות, אויך זיי זיינען אינעם כלל פון דער תורה, ווי עס שטייט געשריבן** (דברים ט, י): ויתן ה׳ — און גאָט האָט מיר געגעבן די צוויי שטיינערנע לוחות, געשריבן מיט גאָטס פינגער, און אויף זיי איז געווען אַזוי ווי אַלע ווערטער — — — ; **און נאָך שטייט געשריבן** (דאָרט ח, א): כל המצוה — דאָס גאַנצע געבאָט וואָס איך געביט דיר היינט — — — : [**עס האָט געקענט שטיין**] כל, אַלע, [**און עס שטייט**] ככל, **אַזוי ווי אַלע;** [**עס האָט געקענט שטיין**] דברים, ווערטער, [**און עס שטייט**] הדברים, די ווערטער; [**עס האָט געקענט שטיין**] מצוה, [**און עס שטייט**] **המצוה;** [**לערנט עס אונדז, אַז**] **מקרא,**[4] **משניות, הלכות, תלמוד, תוספתות, און אגדות, און אפילו אַלץ וואָס אַ תלמיד אַ וואויללערנער וועט וועך עס איז זאָגן פאַר זיין רבין, — דאָס אַלץ איז געגעבן געוואָרן ווי אַ הלכה צו משהן אויפן באַרג סיני.**[5]

אַ מלך, דאָס איז דער בעל תלמוד;[6] פאַרקנעכט צום פעלד, **דאָס איז דער בעל משנה, וואָס איז מסדר פאַר אים די הלכה.**[7]

**ר׳ יעקב בר אבונה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוסין: אַז איינער האָט געלערנט אַליין און ניט געלערנט מיט אַ צווייטן, איז ניטאָ קיין גרע־סערע נישטיקייט פון דעם.**[8]

ח

**און די רבנן זאָגן: אפילו זאַכן וואָס דו זעסט אויף דער וועלט ווי אי־בעריק, למשל פליגן און פליי און מוקן, אויך זיי** [**האָבן אַן אָרט**] **צווישן**

---

תות מיט די נעמען וואָס גייען אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען מסיכתות קטנות, און אַזוי אויך די ווייטערדיקע. [4] תנ״ך. [5] די אותיות און ווערטער, וואָס קוקן אין פלוג אויס צו זיין איבעריק, דייטן אָן ,אַז ניט נאָר די געשריבענע תורה, נייערט אויך אַלע אַנדערע שאַפונגען וואָס ווערן דאָ אויסגערעכנט שטאַמען פון סיני. [6] דער וואָס ווייסט, ווי אַזוי אויפצוקלערן די משנה, אויסגלייכן די אויגנשיינלעכע סתירות אין איר און אויפווייזן ווי דער דין איז דאָרט וואו ס׳איז דאָ אַ מחלוקת צווישן די תנאים. אויך אין דער צייט פון די תנאים, פאַר דער שליסונג פון דער משנה, פלעגט מען דידאַזיקע וויכוחים און אויפ־קלערונגען אַרום די הלכות רופן תלמוד, אָדער גמרא (בבא מציעא לג, א—ב). [7] אין דער צייט פון די אמוראים איז געווען די אויפגאַבע פון דעם בעל המשנה, וואָס ווערט אויך גערופן תנא, צו קענען גענוי דעם טעקסט פון דער משנה, און זי פאָרזאָגן („מסדר זיין״) פאַר די אמוראים אין די ישיבות (זע סוטה כב, א, וואו עס זאָגט זיך, אַז די תנאים זיינען מבלי עולם, וועלט פאַרדאַרבערס, ווייל זיי קענען נאָר די משנה און ווייסן ניט די דערקלערונגען צו איר, — „דער תנא זאָגט, און ווייסט ניט וואָס ער זאָגט״). צו זיי פלעגט מען זיך אויך ווענדן וועגן פעסטשטעלן אַ טעקסט פון אַ תוספתא אָדער ברייתא (בבא מציעא לד, א). — אינעם וואָרט עודר, איז מסדר, איז פאַראַן אַ באַהאַל־טענער וואָרטשפּיל: דאָס וואָרט מיינט אי מסדר זיין, שטעלן אין אָרדנונג, אי צעגראָבן ערד, און דאָס לעצטע בינדט זיך מיט דער פראַזע פאַרקנעכט צום פעלד (אין ויקרא רבה כב, א, איז דער נוסח סודר). [8] דער דרש איז געבויט אויף דער פראַזע און דער וואָס האָט ליב אַ סך — אָן תבואה: ער זאַמלט אָן אַ סך תורה פאַר זיך, אָבער ער פּרואווט ניט פאַרשפּרייטן די תורה צווישן אַנדערע. (וועגן דעם סימן בכלל, פאַרגלייך אויבן א, כט).

**הלכות ציצית, תפילין ומזוזות בכלל התורה הן, כדכתיב** (דברים ט): ויתן ה׳ אלי את שני לוחות האבנים כתובים באצבע אלהים, ועליהם ככל הדברים; **וכתיב** (שם ח): כל המצוה אשר אנכי מצוך היום, **וגו׳:** כל — ככל, דברים — הדברים, מצוה — המצוה, — **מקרא, משנה, הלכה, תלמוד, תוספות, ואגדות, ואפילו כל מה שתלמיד ותיק עתיד לומר לפני רבו, כולן נתנו הלכה למשה מסיני.**

מלך, **זה בעל תלמוד,** לשדה נעבד, **זה בעל משנה, שהוא עודר לפניו את ההלכה.**

**ר׳ יעקב בר אבונה בשם ר׳ יוסי אמר: למד ולא לימד, אין הבל גדול מזה.**

ח

**ורבנן אמרי: אפילו דברים שאת רואה בעולם מיותרין, כגון זבובים ופרעושים ויתושין, אף הם בכלל ברייתו של עולם, שנאמר** (בראשית ב): ויכלו [השמים והארץ וכל צבאם].

מלך, **זה הקב״ה;** לשדה נעבד, **זה ציון, שנאמר** (מיכה ג): ציון שדה תחרש. **לפיכך** אוהב כסף, **אוהב מצות,** לא ישבע מן **המצוות. ואם אין לו מצוה קבועה לדורות, מה הנייה לו? שהרי משה כמה מצוות וצדקות עשה, ויש לו מצוה קבועה לדורות, דכתיב** (דברים ד): אז יבדיל משה שלש ערים.

---

**דער גאַנצער באַשאַפונג פון דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית ב, א): ויכלו — און עס זיינען פאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און אַלץ וואָס אין זיי.[1]

אַ מלך, **דאָס איז הקדוש ברוך הוא;** פאַרקנעכט צום פעלד, **דאָס איז ציון, ווי דער פסוק זאָגט** (מיכה ג, יב): ציון וועט אויף פעלד צעאַקערט ווערן. **דעריבער** — דער וואָס האָט ליב געלט, **דער וואָס האָט ליב** [צו טאָן] **מצוות,** קען זיך ניט אָנזעטיקן מיט מצוות.[2] **אָבער אויב ער האָט ניט קיין מצווה וואָס זאָל בלייבן אויף דורות, וואָס פאַר אַ הנאה האָט ער? דען אָט האָט משה געטאָן אַזוי פיל מצוות און צדקות, דאָך האָט ער איינגעשטעלט אַ מצווה אויף דורות,[3] ווי עס שטייט געשריבן** (דברים ד, מא—מב): — דעמאָלט האָט משה אָפגעטיילט דריי שטעט — — — [אַז אַהין זאָל אַנטלויפן אַ טויטשלעגער, וואָס הרגעט זיין חבר ניט ווילנדיק].[4]

---

ח. [1] **אַלץ אַריינגערעכנט, אפילו די סאַמע קלענסטע באַשעפענישן. — לויטן אינ־האַלט וואָלט די דאָזיקע מימרא באַדאַרפט קומען ווייטער, אין סימן ט, פאַר דער מעשה**

ט

אַן אַנדער פשט: און אַ מעלה אויף דער ערד — — —, **הקדוש ברוך הוא** האָט געזאָגט צו די נביאים: „וואָס מיינט איר, אויב איר וועט ניט גיין אין מיין שליחות, האָב איך קיין שליח ניט? זעט, אַ מעלה אויף דער ערד איז אין אַלץ, — דורך אַלץ קען איך דורכפירן מיין שליחות". ר' אחא האָט געזאָגט: אפילו דורך אַ שלאַנג, דורך אַן עקדיש, דורך אַ מוק, און אַפילו דורך אַ פראָש.

טיטוס הרשע איז אַריין אין קדשי קדשים [1] מיט אַן אַפּירגעצויגענעם שווערד אין האַנט, און האָט דורכגעשטאָכן דעם פּרוכת, און האָט אַריינגעשלעפּט צוויי זונות און האָט זיי באַמאַנט אויפן מזבח, און איז אַרויס, און זיין שווערד איז געווען באַדעקט מיט בלוט, — איינער זאָגט: פונעם בלוט פון די קרבנות, און איינער זאָגט: פונעם בלוט פונעם ציגנבאָק פון יום כיפור.[2] ער האָט אָנגעהויבן שענדן און לעסטערן און האָט געזאָגט: „ס'איז ניט גלייך יענער וואָס האָט געמאַכט אַ מלחמה מיטן מלך אין מדבר און האָט אים מנצח געווען,[3] צו דעם וואָס האָט געמאַכט אַ מלחמה אויפן מלך אין זיין הויז און האָט אים מנצח געווען". וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אַריינגעלייגט אַלע כלים פון בית המקדש אין אַ קויש און איז אַרויף אויף אַ שיף. ווי ער איז אַרויף, אַזוי האָט אַ כוואַליע אַ שלאָג געטאָן אין ים. האָט ער געזאָגט: „ווייזט אויס, אַז דער כוח פונעם גאָט פון דער דאָזיקער אומה איז ניט אַנדערש, נייערט אין וואַסער: פון דעם דור אנוש [4] האָט ער ניט אַנדערש גענומען באַצאָלט, נייערט דורך וואַסער;[5] און אויך איך, ווען איך בין געווען אין זיין הויז, האָט ער ניט געקענט ביישטיין קעגן מיר, און איצט איז ער מיר דאָ קעגנגעקומען". האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „אַ, דו רשע בן רשע! ביי דיין לעבן, דורך דער נישטיקסטער באַשעפעניש פון אַלץ וואָס איך האָב באַשאַפן אין די ששת ימי בראשית וועל איך געצאָלט נעמען פון דעם דאָזיקן רשע". גלייך האָט הקדוש ברוך הוא אָנגעשריען אויפן ים, און דער ים האָט זיך אָפּגעשטעלט פון זיין שטורעמען.

אַז ער איז אַרויס פון דאָרטן און איז אָנגעקומען קיין רוים, זיינען אַרויס אַלע מענטשן פון רוים און האָבן אים געלויבט: „באַזיגער פון די באַרבאַרן!" גלייך האָט מען אים איינגעהייצט די באָד, און ער האָט זיך אָפּגעבאָדן. אַז ער איז אַרויס, האָט מען אים אָנגעגאָסן אַ בעקן־בעכער מיט פּאָטעריאָן־ווייַן.[6] האָט אים הקדוש ברוך הוא צוגעשיקט אַ מוק אין בעכער, און ער איז אים אַריין אין נאָז און האָט געגרייכט ביז צו זיין מוח, און ער האָט גענומען אים פּיקן אין מוח און געהאַלטן אין איין עסן, ביז ער איז אויסגעוואַקסן

מיט טיטוסן. [2] גאָטס איבערגעגעבנקייט צו ציון מיינט גלייכצייטיק אויך זיין איבערגעגעבנקייט צום פאָלק פון ציון, דעריבער דאַרף אַ ייד זיין להוט צו טאָן גאָטס מצוות. [3] וואָס זאָל זיין ווירקזאַם אויך נאָך זיין טויט. [4] די דורכפירונג פון אַנדערע געבאָטן אויף שפּעטער האָט ער איבערגעלאָזט פאַר די קומענדיקע דורות; דעם געבאָט פון די ערי מקלט אָבער האָט ער אַליין דורכגעפירט.

ט

ד״א: ויתרון ארץ, וגו׳, אמר הקב״ה לנביאים: מה אתם סבורים, שאם אין אתם הולכים בשליחותי, אין לי שליח? הוי ויתרון ארץ בכל הוא, — בכל אני עושה שליחותי״. א״ר אחא: אפילו על ידי נחש, על ידי עקרב, על ידי יתוש, ואפילו על ידי צפרדע.

טיטוס הרשע נכנס לבית קדשי הקדשים וחרבו שלופה בידו, וגדר את הפרוכת, ותפש שתי זונות בידו ובעלן על גבי המזבח, ויצא וחרבו מלאה דם, — מאן דאמר: מדם הקדשים, ומאן דאמר: מדם שעיר של יום הכיפורים. התחיל מחרף ומגדף ואומר: „לא דמי ההוא דעביד קרבא עם מלכא במדברא ונצח ליה, לדעביד קרבא עם מלכא בגו ביתיה ונצח ליה״. מה עשה? כנס כל כלי בה״מ לגו גרגותני אחת וירד לספינה. כיון שירד, מחא נחשולא גו ימא. אמר: „דומה, שאין כוח אלוה של אומה זו, אלא במים: דור אנוש לא פרע מהם, אלא במים, ואף אני כשהייתי בתוך ביתו לא היה יכול לעמוד בי, ועכשו לכאן קדמוני״. אמר הקב״ה: „אי רשע בן רשע! חייך, בבריה פחותה מכל מה שבראתי בששת ימי בראשית אני פורע מאותו רשע״. מיד גער הקב״ה לים, ועמד מזעפו.

יצא משם. כשהגיע לרומי יצאו כל בני רומי וקלסוהו: „נקיטא ברברייא!״ מיד הסיקו לו את המרחץ ורחץ. כשיצא, מזגו לו כוס פיילי פוטירין של יין. זימן לו הקב״ה יתוש לתוך הכוס, ונכנס לתוך חוטמו והגיע למוחו, והתחיל מנקר במוחו ואוכל והולך, עד שגדל והיה כמין גוזל בן יונה, ובו משקל שני ליטרין. אמר: „קראו לו לרופאים ופצעו מוחו של אותו האיש,

---

און איז געוואָרן אַזוי גרויס ווי אַ יונגע טויב, צוויי פונט אויף דער וואָג. האָט ער געזאָגט: „רופט מיר דאָקטוירים, און זאָלן זיי מיר אויפשפּאַלטן

---

ט. [1] דאָס הייליקסטע צימער אין בית המקדש, וואו נאָר דער כוהן גדול האָט געמעגט אַריינגיין איין מאָל אַ יאָר, יום כיפּור. [2] ויקרא טז, ט. [3] מסתמא אַן אָנדייטונג אויף דער מפּלה וואָס גאָט האָט געבראַכט אויף פּרעהן ביים ים סוף. [4] לויט בראשית רבה ה, א (זע אויך אונדזער אויסגאַבע פון איכה רבה, ז״ז 208—209), איז דער דור אנוש באַשטראָפט געוואָרן מיט פאַרפלייצונג. [5] אין בראשית רבה י, ז, ווערט אויך דערמאָנט דער דור המבול און פּרעה. [6] ווייַן געמישט מיט פּאָטעריאָן, וואָס מע פלעגט

דעם מוח, צו וויסן מיט וואָס האָט דער גאָט פון דער דאָזיקער אומה געגומען געצאָלט פון מיר". האָט מען גערופן דאָקטוירים, און זיי האָבן אויפגעשפּאָלטן זיין מוח, און האָבן געפונען עפּעס ווי אַ יונגע טויב, צוויי פונט אויף דער וואָג.

ר׳ אלעזר דער זון פון ר׳ יוסי האָט געזאָגט: איך בין דאָרט געווען אין רוים; [האָט מען מיר דערציילט, אַז] [7] מע האָט אַרויפגעלייגט יענע יונג־טויב פון איין זייט [וואָגשאָל] און צוויי פונט אויף דער צווייטער זייט, און זיי האָבן געוואויגן גלייך איינס קעגן ס׳אַנדערע. האָט מען עס אַריינגעלייגט אין אַ שיסל, איז ווי דער [מוק] האָט זיך געביטן, אַזוי האָט זיך דער געביטן;[8] און ווען דער מוק איז אַרויסגעפלויגן, איז אַרויסגעפלויגן טיטוסעס נשמה אויף פאַרטיליקונג און אויף אייביקער שאַנד. דאָס מיינט: און אַ מעלה אויף דער ערד [איז אין אַלץ].

י

ר׳ תנחומא און ר׳ מנחמא האָבן דערציילט די דאָזיקע מעשה. ס׳איז געשען מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס איז געשטאַנעןביים טייך און האָט געזען, ווי אַ פראָש טראָגט אויף זיך אַן עקדיש און פירט אים איבערן טייך. האָט ער געזאָגט: „זיכער איז זי אָנגעברייט צו טאָן זיין[1] שליחות". זי האָט אים אַריבערגעפירט און אַז ער האָט אָפּגעטאָן זיין שליחות, האָט זי אים צוריקגעבראַכט צו זיין אָרט. און אין שטאָט האָט זיך דערהערט אַ יללה: „דעם־און־דעם האָט אַן עקדיש געביסן, און ער איז געשטאָרבן".

ר׳ פּינחס [האָט דערציילט] אין נאָמען פון ר׳ חנין פון ציפורין: ס׳איז געשען מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס האָט געשניטן תבואה אין טאָל פון בית־טופת,[2] און ער האָט געזען עפּעס אַ גראָז, האָט ער זיך געמאַכט אַ קראַנץ אויפן קאָפּ. איז אָנגעקומען אַ שלאַנג; האָט ער איר אַ קלאַפּ געטאָן און זי געהרגעט. איז אָנגעקומען איינער אַ מענטש, האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די שלאַנג און געזאָגט: „איך וואונדער מיך, ווער האָט געהרגעט די דאָזיקע שלאַנג." האָט יענער מענטש געזאָגט: „איך האָב זי געהרגעט". האָט יענער געזען דאָס גראָז אויף זיין קאָפּ. האָט ער געזאָגט צו אים: „קאָנסטו אַראָפּנעמען דעם דאָזיקן גראָז־קראַנץ פון דיין קאָפּ?" האָט ער געזאָגט: „יאָ." האָט ער געזאָגט צו אים: „קאָנסטו אָנרירן די שלאַנג מיט דעם שטעקן?" האָט ער אים געזאָגט: „יאָ". ווי ער האָט אָנגערירט די שלאַנג, אַזוי זיינען זיך אים זיינע איברים צעפאַלן.[3]

---

נעמען נאָכן באָדן זיך ווי אַ מעדיצינישן מיטל (יאַסטראָוו). [7] פון אַ צאָל ערטער איז באַקאַנט, אַז ר׳ אלעזר בר׳ יוסי האָט באַזוכט רוים (מעילה יז, ב; אסתר רבה א, יב; נידה נח, א). ס׳איז אָבער אוממעגלעך, אַז די בעלי אגדה זאָלן אים צושרייבן דעם באַזוך אין רוים אין דער צייט פון טיטוסן, וואָרום ער איז געווען פון פינפטן דור תנאים, אין דער צייט פון אדריאנוס קיסר. מיר האָבן דעריבער אַריינגעשטעלט אין דער איבערזעצונג דעם צוגאָב: האָט מען מיר דערציילט. [8] דער מוק האָט געהאַלטן אין איין איינדאַרן, און אַזוי אויך טיטוס.

לידע במה פרע ממנו אלוה של אומה זו״. קראו לרופאים ופצעו את מוחו, ומצאו כמין גוזל בן יונה, ובו משקל שני ליטרין.

א״ר אלעזר בר׳ יוסי: אני הייתי שם ברומי, ונתנו הגוזל ההוא מצד אחד ושני הליטרים מצד אחד, והוה תקיל חד לקבל חד. נתנו אותו בקערה, כל דהוה דין שאני, דין שאני; פרח יתושא, פרחא נפשיה דטיטוס לאבדון ולדראון עולם. הוי: ויתרון ארץ.

י

ר׳ תנחומא ור׳ מנחמא הוו מתנין בהדין עובדא. עובדא הוה בחד גברא, דהוה קאים גבי נהרא; חמא חד אורדעא טעונה חד עקרב ומגיזא יתיה נהרא. אמר: „ודאי זו מוכנת לעשות שליחותיה״. אגיזתיה ועבדת שליחותיה, וחזרת יתיה לאתריה. ונשמע קול יללה בעיר: פלוני נשכו עקרב ומת.

ר׳ פנחס בשם ר׳ חנין דציפורין: עובדא הוה בחד גבר, דהוה חציד בבקעת בית טופת, וחמא עישבא. עבד כלילא לרישיה. אתא חד חיויא, ומחא יתיה וקטליה. אתא חד גבר וקם ליה, סקר בחיויא, אמר: אמר: „תמה אנא על מאן דקטל הדין חיויא.״ אמר ההוא גבר: „אנא קטלתיה.״ חמא ההוא עישבא ברישיה. א״ל: יכול את למינסב הדין כלילא דעישבא מן רישך?״ אמר: „אין״. א״ל: „יכיל את קריב הדין חיויא בהדין חוטרא?״ א״ל: „אין״. כיון דקריב לההוא חיויא, מיד נשרין איבריה.

ר׳ ינאי הוה יתיב מתני על פיילי קרתא, וראה נחש אחד מרתיע ובא. והוה מרדף ליה מן הכא, והוה חזר ליה מן הכא, מן דין סטרא. אמר: „זה ודאי מוכן לעשות שליחותו״. מיד נפל קול הברה בעיר: פלוני נשוך בנחש ומת.

---

ר׳ ינאי איז געזעסן און געלערנט ביי די טויערן פון דער שטאָט, און ער האָט דערזען, ווי אַ שלאַנג צאַפּלט און קומט אָן. האָט ער זי אַוועקגעטריבן פון דאַנען, און זי איז צוריקגעקומען פון דאָרט, פון דער צווייטער זייט.[4] האָט ער געזאָגט: „אוודאי איז זי אָנגעברייט צו טאָן איר שליחות״. גלייך האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג אין שטאָט: „דער־און־דער איז געביסן געוואָרן פון אַ שלאַנג און איז געשטאָרבן.

---

י. [1] דעם אייבערשטנס. [2] וואַרשיינלעך אידענטיש מיט בית נטופה, אַרום בית לחם (יאַסטראָוו). [3] אַזוי שנעל ווי ער האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס באַשיצנדיקע גראָז, איז ער געפאַלן טויט פונעם גיפט פון דער טויטער שלאַנג. [4] די דאָזיקע איבערחזרונג

ר׳ אלעזר איז געזעסן אין בית הכיסא. איז געקומען אַ רוימער און האָט אים געהייסן אויפשטיין, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. האָט ער גע־זאָגט [5]: „דער דאָזיקער איז ניט געקומען אומזיסט". גלייך איז געקומען אַ שלאַנג און האָט אים געביסן, און ער איז געשטאָרבן. האָט ער געלייענט אויף אים דעם דאָזיקן פּסוק (ישעיה מג, ד): ואתן אדם — און איך האָב געגעבן מענטשן אַנשטאָט דיר, [לייען] „און איך האָב געגעבן אדום [6] אַנ־שטאָט דיר".

ר׳ יצחק בר׳ אלעזר האָט אומגעשפּאַצירט אויפן פעלדז ביים ים פון קיסריה. האָט ער געזען גערען ווי אַ היפּטביין קייקלט זיך צו אים. האָט ער עס באַהאַלטן, און עס האָט זיך אַרויסגעקייקלט; ער האָט עס ווידער באַהאַלטן, און עס האָט זיך ווידער אַרויסגעקייקלט. האָט ער געזאָגט: „עס איז אָנגע־ברייט צו טאָן זיין שליחות". אין טעג אַרום איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שליח פון מלכות. האָט זיך דער ביין פאַרקייקלט צווישן זיינע פיס, און ער האָט זיך פאַרטשעפּעט און איז געפאַלן און געשטאָרבן. איז מען געגאַנגען און מע האָט געזוכט אין זיין טאָרבע, און מע האָט זי געפונען פול מיט שלעכטע בריוו אויף די יידן פון קיסריה.

ר׳ שמעון בן חלפתא פלעגט זיך אָפּגעבן מיט [פאַרשיידענע זאַכן].[7] ער האָט געהאַט אַ פּרדס, און אין אים איז געווען אַ שטאַם [פון אַ בוים]; איז געקומען אַן אויערהאָן [און געמאַכט אַ נעסט אין דעם]. האָט גענומען ר׳ שמעון און עס צעוואָרפן. [איז געקומען דער אויערהאָן] און האָט עס פאַר־ריכט. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט געבראַכט אַ ברעט און אַרויפגעלייגט אויפן מויל [פון דער נעסט] און האָט אַריינגעשלאָגן [אין דעם] אַ נאָגל. וואָס האָט דער אויערהאָן געטאָן? ער איז אַוועק און געבראַכט אַזאַ גראָז און האָט עס אַרויפגעלייגט אויפן נאָגל, און האָט אים צונישט געמאַכט. וואָס האָט ר׳ שמעון געטאָן? ער האָט געזאָגט: „ס׳איז בעסער, איך זאָל דעם [גראָז] באַהאַלטן, כדי גנבים זאָלן ניט קומען און אויך אַזוי טאָן, און חרוב מאַכן מענטשן".

ר׳ ינאיס אייזלטע האָט אויפגעגעסן אַזאַ מין גראָז, און איז בלינד גע־וואָרן; האָט זי אויפגעגעסן אַן אַנדער מין גראָז, און זי איז זעעוודיק געוואָרן.

געשען איז אַ מעשה מיט צוויי מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען אויפן וועג פון טבריה, איינער אַ בלינדער און איינער אַ זעעוודיקער, און דער זעעוודי־קער האָט געפירט דעם בלינדן. האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויפן וועג עפּעס צו עסן, און ס׳איז גראָד אויסגעקומען, אַז זיי האָבן געגעסן פון יענעם גראָז. איז דער וואָס איז געווען בלינד, איז געוואָרן זעעוודיק; און דער וואָס איז

קומט פון דעם, וואָס די מעשה איז גענומען פון ויקרא רבה (כב, ד), וואו דער נוסח איז: האָט ער זי אַוועקגעטריבן פון דער זייט, און זי איז צוריקגעקומען פון דער צווייטער זייט. [5] אַרויסגעלאָזט ליה, צו אים, לויט ויקרא רבה דאָרט. [6] אידענטיש מיט רוים; דאָ — אַ רוימער. [7] פלעגט ליב האָבן צו עקספּערימענטירן. — עמענדירט לויט ויקרא

ר׳ אלעזר הוה יתיב על בית הכסא. אתא חד רומי ואקימיה ויתיב ליה. אמר (ליה): „הדין לא אתי על מגן.״ מיד בא נחש ונשכו ומת. וקרא עליו את הפסוק הזה (ישעיה מג): ואתן אדם תחתיך, — „ואתן אדום תחתיך״.

ר׳ יצחק בר׳ אלעזר הוה מטייל על שונתא דימא דקיסרין. ראה קולית אחת מתגלגלת ובאה. והוה מצנע לה, והיא מת־גלגלת; מצנע לה, והיא מתגלגלת. אמר: „זו מוכנת לעשות שלי־חותה״. לבתר יומין עבר חד בלדר מן מלכותא. איתגלגלת ביני ריגלוהי, ונכשל ונפל ומת. אזלון ופשפשוניה בשקיה, ואשכחון יתיה טעון כתבין בישין על יהודאין דקיסרין.

ר׳ שמעון בן חלפתא הוה עוסקן [בדברים]. והוה ליה חד פרדס, והוה ביה חד סדיין; אזל חד דוכיפת (ותקניה) [ועבד קן בגויה.] קם ר׳ שמעון וסתריה. [אזל הוא דוכיפת] ותקניה. מה עבד? אייתי ליה ועבד באפיה חד לוח ויהב [ביה] חד מסמרא (ותקניה). מה עבד דוכיפת? אזל ואייתי חד עישבא ויהב על ההוא מסמרא וסתריה. מה עבד ר׳ שמעון? אמר: „טב לי אנא גנז הדין, דלא ילכון גנביא ויעבדון כדין, ויחרבון ברייתא״.

חמרתיה דר׳ ינאי אכלת עישבא ואיסתמיית. אכלה עישבא חורן ואיתפתחת.

עובדא הוה בתרין גוברין דהוון עללין בשבילא דטבריא, חד סמי וחד פתיח; פתיח גדש לסמיא. יתבון למקרטא באורחא, וארעת שעתא ואכלון מן עשבא דין. דהוה סמיא, איתפתח; ודין דהוה פתיח, איסתמי. לא עלון מן תמן, עד דגדש סמיא לפתיחא.

עובדא הוה בחדר גבר, דסלק מן בבל. יתיב למקרטא על אורחא וחמא תרין ציפורין מתנציין הדא עם הדא. קטלא חדא לחברתא. אזלת חוריתא ואייתא עישבא ויהבא על מיתא,

---

געווען זעעוודיק, איז בלינד געוואָרן. זיי זיינען ניט אַוועק פון דאָרטן, ביז דער בלינדער האָט ניט געפירט דעם זעעוודיקן.

ס׳איז געשען אַ מעשה מיט איינעם וואָס איז אַרויף פון בבל. ער האָט זיך געזעצט אויפן וועג עפּעס עסן, און האָט געזען, ווי צוויי פייגל שלאָגן זיך איינער מיטן אַנדערן, און איינער האָט געהרגעט דעם אַנדערן. איז יענער פויגל אַוועק און געבראַכט אַ גראָז און אַרויפגעלייגט אויפן טויטן, און ער

האָט אים אויפגעלעבט. האָט דער מענטש געזאָגט: „ס׳איז גוט איך זאָל נעמען דעם דאָזיקן גראָז און אויפלעבן מיט דעם טויטע אין ארץ ישראל.״ האָט ער זיך צוגעאײַלט און איז אַוועק. האָט ער געזען אַ טויטן פוקס זיך וואַלגערנדיק אין וועג. האָט ער געזאָגט: „ס׳איז גוט, איך זאָל עס אויספּרוּוון אויף דעם פוקס״. האָט ער עס אַרויפגעלייגט אויף אים און האָט אים אויפגעלעבט. איז ער געגאַנגען, ביז ער איז אָנגעקומען צום לייטער פון צור.[8] ; אַז ער איז צוגעקומען צום לייטער פון צור, האָט ער געזען אַ געהרגעטן לייב ליגנדיק אין וועג. האָט ער געזאָגט: „ס׳איז גוט, איך זאָל עס אויספּרוּוון אויף דעם״. האָט ער עס אַרויפגעלייגט אויף אים און האָט אים אויפגעלעבט; איז ער אויפגעשטאַנען אויף אים און האָט אים אויפגעגעסן. דאָס איז וואָס מענטשן זאָגן: „טו ניט קיין גוטס דעם שלעכטן, וועט אויף דיר קיין שלעכטס ניט קומען; וואָרום אויב דו טוסט גוטס צום שלעכטן, טוסטו שלעכטס.״

ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: אפילו דורך וואַסער טוט הקדוש ברוך הוא זײַן שליחות. און געשען איז אַ מעשה מיט אַ קרעציקן, וואָס איז אַראָפּ זיך אָפּצוטובלען אין ים כינרת; איז גראָד אויסגעקומען, אַז מרימס קוואַל האָט אַרויפגעשטראָמט,[9] און ער האָט זיך אָפּגעבאָדן און איז אויסגעהיילט געוואָרן. — און וואו געפינט זיך מרימס קוואַל? ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (במדבר כא, כ): ונשקפה — און עס קוקט אַראָפּ איבערן ישימון,[10] וואָרום איטלעכער וואָס גייט אַרויף אויפן באַרג ישימון זעט אינעם ים פון טבריה עפּעס וואָס קוקט אויס ווי אַ קליינע זיפּ, און דאָס איז מרימס קוואַל. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: לויט ווי די רבנן האָבן אויסגערעכנט, געפינט ער זיך פונקט קעגן דעם מיטלסטן טויער פון דער אַלטער שול אין סרונגיא.[11]

רב הונא בר פּפּא האָט געזאָגט: ייִדן פלעגן אין מדבר מקריב זײַן קרבנות אויף די במות,[12] וואָס איז נאָר געווען דערלויבט כל־זמן דער בית המקדש איז ניט אויפגעשטעלט געוואָרן. מיר האָבן געלערנט:[13] „כל־זמן דער משכן איז ניט אויפגעשטעלט געוואָרן זײַנען די במות געווען דערלויבט, און די עבודה[14] פלעגט געטאָן ווערן דורך בכורים; זינט דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן זײַנען די במות פאַרבאָטן געוואָרן, און די עבודה איז געטאָן געוואָרן דורך די כוהנים״. אָבער ישראל פלעגט זיך נוהג זײַן אין מדבר [מקריב צו זײַן קרבנות] אויף די פאַרבאָטענע במות, און [גאָטס]

---

רבה, דאָרט, און אַזוי אויך די ווײַטערדיקע עמענדירונגען אין דעם פּאַראַגראַף. [8] אַ הויכער פעלדז לעבן דער שטאָט צור, פעניקיע. [9] אַ ברונעם וואָס איז אין מרימס זכות מיטגעגאַנגען מיט ישראל אין מדבר, ביז זי איז געשטאָרבן (זע אויבן ג, יד, באַמ. 13; זע אויך תענית ט, א, ירושלמי כלאים ט, ג, און ויקרא רבה כב, ד). [10] לויטן פּשט — וויסטעניש, לויטן דרש — אַ נאָמען פון אַ באַרג. אין שבת לה, א, איז דער נוסח ניט ישימון, נאָר כרמל. [11] לעבן טבריה. אין ויקרא רבה איז דער נוסח טבריה. [12] מזבחות אויף הויכע ערטער. [13] משנה זבחים יד, ד. [14] דאָס גאָטעסדינסט, דאָס מקריב זײַן די

ואחייה. אמר: טב לי נסב הדא עישבא מחיי בה מיתא דארעא דישראל." מיפרא וסלק. חמא חד תעל מיית ומקלק באורחא. אמר: „טב לי מנסייא בהדין תעל". ויהב עליה ואחייה. הוה מהלך עד שהגיע לסולמא של צור. כיון שהגיע לסולמא של צור, חמא חד אריה קטיל רמי באורחא. אמר: „טב לי מנסייא בהדין". יהב עלוי ואחייה; וקם עלוי ואכליה. הדא דברייתא אמרין: „טב לביש לא תעביד, ובישתא לא ימטי לך; וטב לביש אין עבדת, בישא עבדת".

אמר ר׳ תנחומא: אפילו במים הקב"ה עושה שליחותו. ומעשה במוכה שחין שירד לטבול בימה של טבריא; וארעת שעתא, וטפת בארה של מרים, ואסחי ואיתסי. — והיכן היא בארה של מרים? א"ר חייא בר אבא; כתיב (במדבר כא): ונשקפה על פני הישימון, שכל מי שעולה על הר ישימון רואה כמין כברה קטנה בימה של טבריא, וזו היא בארה של מרים. ר׳ יוחנן אמר: שיערו אותה רבנן, והיא מכוונת כל קבל תרעא מציעאה דכנשתא עתיקתא דסרונגיא.

א"ר הונא בר פפא: באיסור הבמה היו ישראל מקריבין במד-בר, עד שלא הוקם המשכן. תנינן: עד שלא הוקם המשכן היו הבמות מותרות, ועבודה בבכורות; משהוקם המשכן נאסרו הבמות, והעבודה בכהנים. והיו ישראל נוהגין באיסור במה במדבר, והיו פורעניות מכלות אותם. והיו או"ה אומרין: עבדן לשמו, והוא הורגן במדבר!" לפיכך הקב"ה אומר למשה (ויקרא יז): איש איש מבית ישראל אשר ישחט שור או כשב, וגו׳, ואל פתח אהל מועד, וגו׳.

---

שטראָפן פלעגן ברענגען פאַרוויסטונג אויף זיי. פלעגן די אומות העולם זאָגן: „זיי טוען עס פון זיין נאָמענס וועגן, און ער הרגעט זיי אויס אין מדבר". דעריבער זאָגט הקדוש ברוך הוא צו משהן (ויקרא יז, ג—ד): איש איש — איטלעכער מאַן פון דעם הויז פון ישראל, וואָס וועט שעכטן אַן אָקס אָדער אַ שעפּס — — — און צום איינגאַנג פון אוהל מועד האָט ער אים ניט געבראַכט — — — פאַרשניטן וועט ווערן דער דאָזיקער מענטש פון צווישן זיין פאָלק.[15]

---

קרבנות. [15] כדי די אומות העולם זאָלן וויסן, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן קעגן גאָטס ווילן. — דער גאַנצער לעצטער פּאַראַגראַף איז דאָ ניט אין פּלאַץ. ער ווערט דאָ נאָר געבראַכט איבער דעם וואָס אונדזער בעל המדרש האָט די אַלע מעשות גענומען

יא

(י) ברבות הטובה — וואָס גרעסער דאָס גוטס, אַלץ מער זיינע עסערס.

ר׳ חנניה און ר׳ יונתן האָבן געפרעגט מנחם דעם בעקער, און ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ יוסי בן חנניה האָט געזאָגט, אַז מנחם דער בעקער האָט זיי געפרעגט: „וואָס מיינט דער פסוק (דברים ח, ג): ויענך — און ער האָט דיך געפייניקט און דיך אויסגעהונגערט, — האָט דען הקדוש ברוך הוא געגעבן צו ישראל אַ הונגער שפּייז אינעם מן, וואָס האָט ער געטאָן?[1] ער האָט געבראַכט פאַר זיי צוויי אוגערקעס, איינע אַ גאַנצע און איינע אַן אָנגעבראָ־כענע, און ער האָט געזאָגט: „וויפל קאָסט די גאַנצע?" האָבן זיי געזאָגט: „צוויי מעה".[2] „און די אָנגעבראָכענע — וויפיל?" האָבן זיי אים געזאָגט: „איין מעה". האָט ער געזאָגט צו זיי: „וועט ניט דער סוף פון דער זיין דער זעלבער ווי פון יענער?"[3] און ער האָט געזאָגט צו זיי: „ס׳איז ניט גלייך, — אַזוי ווי אַ מענטש האָט הנאה פונעם טעם, אַזוי האָט ער אויך הנאה פאַר־נעם זען".[4]

ר׳ אלעזר [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ יוסי בן זמרא: דריי זאַכן זיינען געזאָגט געוואָרן וועגן דעם פייגנבוים: ער איז גוט צו עסן, שיין פאַרן אויג, און גיט צו חכמה, און אַלע דריי געפינען זיך אין איין פסוק (בראשית ג, ו): ותרא האשה — און די פרוי האָט געזען, אַז דער בוים איז גוט צו עסן, פון דאַנען [ווייסטו], אַז ער איז גוט צו עסן; וכי — און אַז ער איז אַ גאַרונג פאַר די אויגן, פון דאַנען [ווייסטו], אַז ער איז שיין פאַרן אויג; ונחמד — און דער בוים איז גלוסטיק צו באַקומען שכל, פון דאַנען [ווייסטו], אַז ער מערט חכמה. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים פט, א): משכיל — אַ באַטראַכטונג פון איתן דעם אזרחי.[5]

און אַזוי זאָגט יצחק (בראשית כז, ד): ועשה — און מאַך מיר אַ געשמאַקן מאכל, — ער האָט אים געזאָגט: „אַמאָל פלעג איך הנאה האָבן פון זען [די מאכלים]; אָבער איצט האָב איך ניט קיין אַנדער הנאה, נייערט פון טעם". און אַזוי זאָגט שלמה: וואָס גרעסער דאָס גוטס, אַלץ מער זיינע עסערס, — ס׳איז ניט גלייך דער וואָס זעט זיין ברויט־קאָרב ליידיק, און ער איז הונ־געריק, צו דעם וואָס זעט זיין ברויט־קאָרב פול, און ער איז זאַט.[6]

---

פון ויקרא רבה, און דאָרט איז דער דאָזיקער פּאַראַגראַף דירעקט געבונדן מיטן חומש טעקסט.

יא. [1] לויטן ערשטן נוסח, אַז מנחם דער בעקער איז געפרעגט געוואָרן, און אַזוי ווייטער. [2] געביטן פון מנה, הונדערט שקל, אָדער פופציק שקל קודש, אַן אוממעגלעכער פרייז פאַר אַן אוגערקע. מעה איז געווען די קלענסטע זילבערנע מטבע, אַ צוואַנציקסטל פון אַ שקל קודש, אַ צענטל פון אַ געוויינלעכן שקל (זע אונדזער אויסגאַבע פון אסתר רבה זייט 71, באַמ. 3, און זייט 209, באַמ. 5). [3] אויך די גאַנצע וועט דאָך סוף־כל־סוף צעבראָכן ווערן, טאָ פאַרוואָס זאָל זי קאָסטן מער? [4] און די הנאה פון זען די שפּייז האָבן די יידן ביים עסן דעם מן ניט געהאַט, ווייל ער האָט שטענדיק געהאַט די זעלבע מראה. [5] משכיל קען אויך מיינען דער אָדער דאָס וואָס מאַכט קלוג. לויט א. כהן (קוהלת רבה סאָנטשינא) נעמט דער בעל המדרש דאָס וואָרט לאיתן ווי אַן אָנשפּיל אויף תאנה, פייגנבוים. דער מאמר איז אָבער גענומען פון בראשית רבה (יט, ה; סה, יג), און דאָרט

יא

**(י) ברבות הטובה רבו אוכליה. ר׳ חנניה ור׳ יונתן שאלון למנחם טלמיא, ור׳ ברכיה בשם ר׳ יוסי בן חנניה אמר: שאל לון מנחם טלמיא: „מהו דין** (דברים ח): ויענך וירעיבך — **וכי מאכל רעבון נתן להם הקב״ה המן לישראל?״ מה עשה? הביא (לפניו) [לפניהם] שני קישואין, אחת שלימה ואחת שבורה. אמר: „הדא שלימתא בכמה?״ א״ל: „בתרין (מנה) [מעה]. „והדא תבירא בכמה?״ א״ל: „בחד (מנה) [מעה]״. אמר לון: „לית (טופא) [סופא] דהדא דהיא מתעביד כהדא?״ א״ל: „לא דומה, — כשם שהוא מתהנה מן הטעם, כך הוא נהנה מן הראיה״.**

**ר׳ אלעזר בשם ר׳ יוסי בר זמרא: שלשה דברים נאמרו בגואי התאנה: טוב למאכל, ויפה לעינים, ומוסיף חכמה, ושלשתן בפסוק אחד** (בראשית ג): ותרא האשה, כי טוב העץ למאכל, **מכאן שהוא טוב למאכל;** וכי תאוה הוא לעינים, **מכאן שהוא יפה לעינים;** ונחמד העץ להשכיל, **מכאן שהוא מוסיף חכמה. הדא הוא דכתיב** (תהלים פט): משכיל לאיתן האזרחי.

**וכן יצחק אומר** (בראשית כז): ועשה לי מטעמים, — **אמר לו: „בתחלה הייתי נהנה מן הראיה; ועכשו איני נהנה אלא מן הטעם״. וכן שלמה אומר:** ברבות הטובה רבו אוכליה, — **לא דמי ההוא דחמי סלגיתיה פניא וכפן, לההוא דחמי סלגיתיה מליא ושבע.**

יב

**חד כותי שאל לר׳ מאיר, א״ל: „חיין מתייא?״ א״ל: „אין״. א״ל: בחשאי, או בפרהסיא?״ א״ל: „בפרהסיא״. א״ל: „מאן את מחמי ליך?״ א״ל: „לא ממקרא ולא ממשנה, אלא מדרך ארץ אני משי-**

---

יב

איינער אַ כותי [1] האָט געפרעגט ר׳ מאירן: „וועלן די טויטע אויפלעבן?״ האָט ער אים געזאָגט: „יאָ״. האָט ער געזאָגט צו אים: „בסוד, אָדער בפּ־רהסיא [2] ?״ האָט ער אים געזאָגט: „בפרהסיא״. האָט ער געזאָגט צו אים: „ווי קאָנסטו מיר עס באַווייזן?״ האָט ער אים געזאָגט: „ניט לויט אַ פּסוק און ניט לויט אַ משנה, נייערט לויטן שטייגער פון דער וועלט וועל איך

---

ווערט ניט דערמאָנט, אַז דער עץ הדעת איז געווען אַ פייגנבוים. [6] אין בראשית רבה סה, יג, איז פאַראַן אַ צוגאָב: פון דאַנען ווייסן מיר, אַז בלינדע זיינען קיינמאָל ניט זאַט.

דיר ענטפערן״. און ער האָט אים געזאָגט: „ביי אונדז אין שטאָט איז דאָ איינער אַ נאמן: איז אַלע באַהאַלטן ביי אים [געלט] בסוד, און ער גיט עס זיי צוריק בפרהסיא. איז געקומען איינער און האָט באַהאַלטן ביי אים בפ־רהסיא, איז ווי זאָל ער אים צוריקגעבן, — בסוד, אָדער בפרהסיא? ניט בפרהסיא?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „יאָ״. האָט ער אים געזאָגט: „צי זאָלן דיינע אויערן ניט הערן וואָס דיין מויל רעדט? מענטשן באַהאַלטן ביי זייערע ווייבער אַ טראָפּן [בסוד], און הקדוש ברוך הוא קערט זיי אום דעם דאָזיקן טראָפּן, ווי אַ פיינע און שלמותדיקע באַשעפעניש, בפרהסיא; היינט דער טויטער, וואָס גייט אַוועק בפרהסיא, וועט ער ניט אודאי און אוודאי צוריקקומען בפרהסיא? נייערט, אַזוי ווי ער גייט אַוועק מיט קולי קולות, אַזוי וועט ער צוריקקומען מיט קולי קולות״.

ר׳ יונתן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יונתן פון בית גוברין:

עס שטייט געשריבן (משלי ל, טז): שאול — דער קבר און די מאַכט פון דער מוטערלייב, — וואָס האָט איינס צו טאָן מיטן אַנדערן? נייערט, אַזוי ווי דאָס מוטערלייב [גיט אַרויס דאָס קינד] מיט קולי קולות, אַזוי אויך דער קבר — מיט קולי קולות.

האָט [דער כותי] געזאָגט: „ווי וועלן זיי קומען, נאַקעט, אָדער אָנגע־טאָן?״ האָט ער געזאָגט: „אָנגעטאָן״. האָט ער געזאָגט צו אים: „ווי קאָנסטו מיר עס באַווייזן?״ האָט ער אים געזאָגט: „ניט מיט אַ פּסוק און ניט לויט אַ משנה, נייערט לויטן שטייגער פון דער וועלט וועל איך דיר ענטפערן״. און ער האָט אים געזאָגט: „האָסטו אַמאָל געזייט בעבלעך?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „יאָ״. האָט ער אים געזאָגט: „ווי האָסטו זיי געזייט, נאַקעט,[3] אָדער אָנגעטאָן?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „נאַקעט.״ האָט ער אים געזאָגט: „ווי זיינען זיי אַרויסגעקומען, אָנגעטאָן, אָדער נאַקעט?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „אָנגעטאָן״. האָט ער אים געזאָגט: „צי זאָלן דיינע אויערן ניט הערן וואָס דיין מויל רעדט? מה־דאָך בעבלעך, וואָס מע זייט זיי נאַקעט, קומען אויף אָנגעטאָן; היינט דער טויטער וואָס גייט אַוועק אין אָנטאָן, וועט דאָך אוודאי און אוודאי קומען אין אָנטאָן!״

ר׳ איבו, און אַנדערע לערנען עס אין נאָמען פון ר׳ יונתן: אין פּסוק שטייט (איוב לח, יד): תתהפך — עס בייט זיך אַזוי ווי זיגל־וואַקס, און זיי וועלן אויפשטיין ווי [אין] אַ בגד,[4] — דער בגד וואָס גייט אויף דער וועלט אַראָפּ מיטן מענטשן אין קבר, וועט מיט אים צוריקקומען לעתיד לבוא.

האָט דער כותי געזאָגט צו אים: „וויבאַלד זיי וועלן צוריקקומען לעבע־דיק און אָנגעטאָן, ווער וועט זיי צושטעלן שפּייז[5]?״ האָט ער אים געזאָגט: „ביסטו אַמאָל געווען אין חמת גדר?״ האָט ער אים געזאָגט: „יאָ״. האָט ער אים געזאָגט: אין צייט,[6] אָדער ניט אין צייט?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „סיי אין צייט און סיי ניט אין צייט.״ האָט ער אים געזאָגט: „איז דאָרט

בך". א"ל: „נאמן אחד בעירנו, והכל מפקידין אצלו בחשאי, והוא מחזיר להם בפרהסיא. בא אחד והפקיד אצלו בפרהסיא, — היאך יחזיר לו, או בחשאי או בפרהסיא? לא בפרהסיא?" א"ל: „אין". א"ל: „ולא ישמעו אזניך מה שפיך מדבר? הבריות מפקידין אצל נשותיהן טיפה של לבנות, והקב"ה מחזיר להם אותה טיפה בריה נאה שלמה בפרהסיא; המת, שהוא הולך בפרהסיא, לא כל שכן שיבא בפרהסיא? אלא כשם שהוא הולך בקולי קולות, כך הוא בא בקולי קולות".

ר' יונתן בשם ר' יונתן דבית גוברין אמר: כתיב (משלי ל): שאול ועצר רחם, — וכי מה ענין זה לזה? אלא מה עצר רחם בקולי קולות, אף שאול בקולי קולות.

אמר: „איך „איך אינון אתיין, שליחין או לבושין?" א"ל: „לבושין". א"ל: „מאן את מחמי ליי?" א"ל: „לא ממקרא ולא ממשנה, אלא מדרך ארץ אני משיבך". א"ל: „זרעית מימיך אפונין?" א"ל: „אין". א"ל: „היאך זרעתין, שליחין או לבושין?" א"ל: „שליחין". א"ל: „היאך אינון אתיין, לבושין או שליחין?" א"ל: „לבושין". א"ל: „ולא שמעין אודנך מה פומך ממלל? ומה אם אפונין, כד זרע להון שליחין עלון להון לבושין; המת שהוא הולך בלבוש, לא כל שכן שיבא בלבוש!"

ר' אייבו, ותני לה בשם ר' נתן: כתיב (איוב לח): תתהפך כחמר חותם, ויתיצבו כמו לבוש, — כסות היורדת עם אדם בעולם הזה לשאול, הא באה עמו לעתיד לבוא.

א"ל: „הואיל ואינון אתיין חיין ולבושין, מאן מספק לון מזונין?" א"ל: „אזלתא לחמת גדר מימיך?" א"ל: „אין". א"ל: „בענתה או דלא בענתה?" א"ל: „בענתה ודלא בענתה". א"ל: „ואיך היו מזונין תמן, שכיחין?" א"ל: „שכיחין". „בענתה, או דלא

---

געווען שפּייז צו באַקומען?" האָט ער געזאָגט צו אים: „געווען צו באַקומען." „אין צייט, אָדער ניט אין צייט?" האָט ער געזאָגט צו אים: „סיי אין צייט,

---

יב. [1] אַ שומרוני. [2] פאַר אַלעמען אין די אויגן. [3] אָן די שויטן. [4] אַזוי לויטן מדרש. [5] וואו וועט מען נעמען גענוג שפּייז פאַר אַלעמען? [6] אין סעזאָן, ווען אַ סך מענטשן קומען אַהין זיך היילן אין די דאָרטיקע הייסע קוואַלן (חמת גדר — אַן אָרט לעבן ים כינרת).

סיי ניט אין צייט, ווייל מאַסן מענטשן קומען אַהין צו קויפן און פאַרקויפן״. האָט ער אים געזאָגט: „אַזוי אויך דער וואָס ברענגט מאַסן מענטשן, דער ברענגט שפייז פאַר זיי, ווי עס שטייט געשריבן ביי שלמהן: וואָס גרעסער דאָס גוטס, אַלץ מער זיינען עסערס, [און פאַרקערט], וויפיל עס מערן זיך די עסערס פונעם גוטס, אַזוי פיל מערט זיך דאָס גוטס.

האָט דער כותי געזאָגט צו אים: „וויבאַלד זיי קומען צוריק לעבעדיק און אָנגעטאָן און באַזאָרגט מיט שפייז, טאָ פאַרוואָס וויינט איר נאָך זיי?״ האָט ער אים געזאָגט: „זאָל דיר די נשמה אַרויס! איז דען פאַראַן אַ מענטש וואָס זאָל פאַרלירן דאָס טייערסטע, און זאָל ניט וויינען? נייערט, אַזוי ווי אַ מענטש קומט מיט קולי קולות, אַזוי גייט ער אַוועק מיט קולי קולות״.

יג

מיר האָבן געלערנט: ווען דאָס קינד ווערט באַשאַפן אין דער מוטערס אינגעווייד זיינען פאַראַן דריי שותפים דערביי: הקדוש ברוך הוא, דער פאָטער און די מוטער. דער פאָטער גיט אַריין אין דעם דאָס זרע־ווייסל, און פון דעם קומען די ווייסע טיילן, און דער מאַרך, און די נעגל, און דאָס ווייסל פון די אויגן, און די ביינער, און די אָדערן. די מוטער גיט אַריין די רויטע זרע, און פון דעם קומט דאָס בלוט, און די הויט, און דאָס פלייש, און די האָר, און דאָס שוואַרצל אין די אויגן. און הקדוש ברוך הוא, געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען און דערהייבן זאָל זיין זיין דערמאָנונג, גיט אַריין אין דעם צען זאַכן, און דאָ זיינען זיי: גייסט און נשמה, און ס׳געשטאַלט פון פנים, און דאָס זען פון די אויגן, און דאָס הערן פון די אויערן, און דאָס רעדן פון די ליפּן, און דאָס באַוועגן די הענט, און דאָס גיין מיט די פיס, און חכמה, און פאַרשטאַנד, און עצה, און וויסן, און גבורה. און אַז עס קומט זיין צייט צו שטאַרבן, נעמט הקדוש ברוך הוא אַוועק זיין חלק, און דעם חלק פונעם פאָטער און פון דער מוטער לאָזט ער ליגן פאַר זיי, און זיין פאָטער און מוטער וויינען. זאָגט צו זיי הקדוש ברוך הוא: „וואָס איז מיט אייך, וואָס איר וויינט? האָב איך דען אַוועקגענומען אייערס? איך האָב ניט מער גע־נומען ווי מיינס״. זאָגן זיי פאַר אים: „רבונו של עולם! כל־זמן דיין חלק איז געווען צונויפגעמישט מיט אונדזער חלק, איז אונדזער חלק געווען אָפּגעהיט פון ווערים און מאַיל; אָבער איצט, אַז דו האָסט אַוועקגענומען דיין חלק פון אונדזער חלק, איז אונדזער חלק אַרויסגעוואָרפן און אַוועקגעגעבן צו ווע־רים און מאַיל״.

ר׳ יהודה הנשיא פלעגט דערציילן אַ משל וועגן דעם: צו וואָס איז די־זאַך געגליכן? צו אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ וויינגאָרטן, און ער האָט אים איבערגעגעבן צו אַן אָריס.[1] און דער מלך האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: גייט און קלייבט אַרום מיין וויינגאָרטן, און נעמט אַוועק מיין חלק, און דעם חלק פונעם אָריס לאָזט איבער אויפן אָרט״. זיינען זיי גלייך געגאַנגען

יג. [1] אַ לאַנדלאָזער פויער, וואָס באַאַרבעט עמיצנס לאַנד פאַר אַ טייל פון דער

בענתה?" א"ל: „בענתה ודלא בענתה, דבגין אוכלוסין מייתין לזבין ולזבון". א"ל: „כך מאן דמייתי אוכלוסיא, מייתי מזוניהון, דכתיב בשלמה: ברבות הטובה רבו אוכליה, — כשירבו אוכלי הטובה, תרבה הטובה". א"ל: „הואיל ואינון אתיין חיין ולבושין ומתפרנסין, למה אתון בכיין עליהון?" א"ל: „תיפח רוחיה דההוא גברא! אית בר נש דמוביד מחמדתיה ולא בכי? אלא כשם שבא בקולי קולות, כך הוא יוצא בקולי קולות".

יג

תני: בזמן שהולד נוצר במעי אמו, שלשה הם שותפין בו: הקב"ה, ואביו ואמו. אביו מזריע בו לובן שממנו הלובנים, והד־מוח, והצפרנים, ולובן שבעינים, והעצמות, והגידין. אמו מזרעת אודם, שממנו הדמים, והעור, והבשר, ושער, ושחור שבעינים. והקב"ה, יתברך שמו ויתרומם זכרו, נותן בו עשרה דברים, ואלו הן: רוח ונשמה, וקלסתר פנים, ומראית עינים, ושמיעת אזנים, ודבור שפתים, ונשיאות ידים, והילוך רגלים, וחכמה ובינה, ועצה, ודעת, וגבורה. וכשבא שעת פטירתו, הקב"ה נוטל חלקו ומניח חלק אביו ואמו לפניהם, ואביו ואמו בוכין. אמר להם הקב"ה: „מה לכם בוכין? כלום נטלתי משלכם? לא נטלתי אלא שלי". אומרים לפניו: רבש"ע! כל זמן שהיה חלקך מעורב בחל־קנו, היה חלקנו שמור מן רמה ותולעה; ועכשו שנטלת חלקך מתוך חלקנו, הרי חלקנו מושלך ונתון לרמה ותולעה".

ר' יהודה הנשיא היה מושלו: משל למה הדבר דומה? למלך שהיה לו כרם ומסרו לאריס. אמר המלך לעבדיו: „לכו בצרו את כרמי וטלו את חלקי, והניחו חלק האריס במקומו". מיד הלכו ועשו כדבר המלך. והתחיל אותו האריס צווח ובוכה. א"ל המלך: „כלום משלך נטלתי? ולא שלי נטלתי?" א"ל: „אדוני המלך! כל זמן שהיה חלקך עם חלקי, היה חלקי שמור מבזה וגנבה; ועכשיו שנטלת חלקך, הרי חלקי מושלך לבזה וגנבה".

---

און געטאָן לויטן וואָרט פונעם מלך. האָט דער אָריס אָנגעהויבן שרייען און וויינען. האָט אים דער מלך געזאָגט: „האָב איך דען דיינס גענומען? האָב איך דען ניט מיינס גענומען?" האָט ער געזאָגט צו אים: „מיין האַר מלך! כל־זמן דיין חלק איז געווען צוזאַמען מיט מיין חלק, איז מיין חלק געווען אָפּגעהיט פון רויב און גנבה; אָבער איצט, אַז דו האָסט דיין חלק אַוועקגע־

נומען, איז מיין חלק הפקר אויף רויב און גנבה". דער מלך, דאָס איז דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא; דער אָריס, דאָס זיינען דעם מענטשנס טאַטע־מאַמע. כל זמן די נשמה האַלט זיך אין מענטשן, איז ער אָפּגעהיט; ווי נאָר ער שטאַרבט, אַזוי איז ער [הפקר] פאַר ווערים און מאַיל, ווי דער פסוק זאָגט (איוב כה, ו): אף כי — אוודאי און אוודאי אַ מענטש אַ וואָרעם, דאָס זיינען די לייז וואָס ער האָט ביים לעבן; און אַ מענטשנקינד אַ מאַיל, דאָס איז דער מאַיל וואָס ווידמענט זיך אונטער אים נאָך זיין טויט.

שמעון בן אלעזר זאָגט: אפילו אַ קינד פון אַ טאָג, אויב עס לעבט, דאַרף מען עס ניט היטן, ניט פון אַ מוילוואָרף און ניט פון מייז און ניט פון שלאַנגען. דער הונט זעט און אַנטלויפט, די שלאַנג זעט און אַנטלויפט. ווען אַ מענטש אָבער שטאַרבט, אפילו ער איז עוג מלך הבשן,[2] דאַרף מען אים היטן פון אַ מוילוואָרף און פון מייז און פון שלאַנגען. ווייל כל־זמן אַ מענטש לעבט ליגט זיין מורא אויף אַלע באַשעפענישן, חיות און קריכנדיקע, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ט, ב): ומוראכם — און אייער מורא און אייער שרעק זאָל זיין אויף איטלעכער חיה פון דער ערד; וויבאַלד אָבער אַ מענטש שטאַרבט, אַזוי ווערט אָפּגענומען זיין מורא, און מע דאַרף אים היטן.

און [דעסטגלייכן], אַ קינד פון אַ טאָג, אויב ער לעבט, איז מען מחלל שבת איבער אים;[3] אָבער דוד מלך ישראל, נאָך זיין טויט איז מען איבער אים ניט מחלל שבת, און ווי שלמה האָט געזאָגט (קהלת ט, ד): כי — וואָרום אַ לעבעדיקער הונט איז בעסער ווי אַ טויטער לייב. אַזוי ווי ר׳ יהודה האָט געזאָגט פון רבס וועגן, וואָרום ר׳ יהודה האָט געזאָגט פון רבס וועגן: וואָס מיינט דער פסוק (תהלים לט, ה): הודיעני, ה׳ — לאָז מיך וויסן, גאָט, מיין סוף, און וואָס איז די מאָס פון מיינע טעג? דוד האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! לאָז מיך וויסן מיין סוף". האָט ער אים געזאָגט: „ס׳איז אַ גזירה פון פאַר מיר, אַז מע לאָזט ניט וויסן דעם סוף פון אַ בשר ודם". „און וואָס איז די מאָס פון מיינע טעג?" האָט ער אים געזאָגט: ס׳איז אַ גזירה פון פאַר מיר, אַז מע לאָזט ניט וויסן די מאָס פון די טעג פון אַ בשר ודם". „ואדעה — טאָ לאָמיך וויסן, ווען בין איך פאַרגייאיק?"[5] האָט ער אים געזאָגט: „אום שבת". האָט ער געזאָגט פאַר אים: „לאָמיך שטאַרבן צומאָרגנס פון שבת". האָט ער אים געזאָגט: „ס׳וועט שוין האָבן אָנגעקומען די [צייט פון דער] מלכות פון שלמה דיין זון, און איין מלכות קאָן ניט אָנרירן די צווייטע אפילו אויף אַ האָר". האָט ער געזאָגט צו אים: „לאָמיך שטאַרבן ערב שבת". האָט ער אים געזאָגט (דאָרט פד, יא): כי טוב — וואָרום ס׳איז בעסער אַ טאָג אין דיינע הויפן איידער טויזנט, ס׳איז בעסער איין טאָג וואָס דו לערנסט תורה פאַר מיר פון טויזנט עולות, וואָס שלמה דיין זון איז אָנגעברייט מקריב צו זיין פאַר מיר אויפן מזבח.[6]

יעדן שבת פלעגט ער זיצן און לערנען אַ גאַנצן טאָג. יענעם טאָג איז

המלך, זה מלך מלכי המלכים, הקב"ה; האריס, זה אביו ואמו של אדם. כל זמן שהנשמה באדם, שמור הוא; כיון שמת, הרי הוא לרמה ולתולעה, שנאמר (איוב כה): אף כי אנוש רמה, אלו הכנים שבחייו, ובן אדם תולעה, אלו תולעים שמרחישין תחתיו במותו.

שמעון בן אלעזר אומר: אפילו בן יומו חי אינו צריך שימור, לא מן החולדה ולא מן העכברים ולא מן הנחשים. הכלב רואה ובורח, הנחש רואה ובורח. אבל כשמת, אפילו עוג מלך הבשן צריך שימור מן החולדה ומן העכברים ומן הנחשים. שכל זמן שאדם חי אימתו מוטלת על כל הבריות והחיות והרמשים שנאמר (בראשית ט): ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ, וגו׳; כיון שמת אדם, נטלה אימתו וצריך שימור.

ותינוק בן יומו חי מחללין עליו את השבת; דוד מלך ישראל מת, אין מחללין עליו את השבת, וכדקאמר שלמה (קהלת ט): כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. כדרב יהודה אמר רב, דאמר רב יהודה אמר רב: מאי דכתיב (תהלים לט): הודיעני, ה׳ קצי, ומדת ימי מה היא? אמר דוד לפני הקב"ה: „רבש"ע! הודיעני את קצי". א"ל: „גזירה היא מלפני, שאין מודיעין קצו של בשר ודם". „ומדת ימי מה היא?" א"ל: גזרה היא מלפני, שאין מודיעין מדת ימיו של בשר ודם". „ואדעה, מה חדל אני?" א"ל: „בשבת". א"ל: „אמות באחד בשבת". א"ל: „כבר הגיעה מלכות שלמה בנך, ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא". א"ל: „אמות בערב שבת". א"ל: (שם פד): „כי טוב יום בחצריך מאלף, — טוב לי יום אחד שאתה עוסק בתורה לפני מאלף עולות שעתיד שלמה בנך להקריב לפני על גבי המזבח". כל יומא דשבתא הוה יתיב וגריס כולי יומא. ההוא יומא הוה ליה בוסתנא אחורי ביתיה; אתא מלאך המות בחיש באילניא. נפק למיחזי. הוה סליק בדרגא; איפחית דרגא מתותיה, אישתיק ונח נפשיה. שלח שלמה

---

געקומען אין סאָד וואָס ער האָט געהאַט הינטער זיין הויז דער מלאך המות און האָט געטרייסלט מיט די ביימער. איז ער אַרויס זען [וואָס איז דאָרט]. אַז ער איז אַרויף אויף אַ טרעפּל, איז דאָס טרעפּל צעבראָכן געוואָרן און־

---

גערעטעניש. [2] באַוואוסט מיט זיין לעגענדאַרישער הייך. [3] ווייל פיקוח נפש איז דוחה שבת. [4] ווען איך וועל שטאַרבן. [5] אַזוי לויטן דרש. [6] זע מלכים א, ג, ד. [7] צוזאַמען

טער אים, און ער איז אַנטשטילט געוואָרן און איז נפטר געוואָרן. האָט שלמה געשיקט [פרעגן] אין בית המדרש: „מיין פאָטער איז געשטאָרבן און ער ליגט אין זון, און די הינט פון מיין פאָטערס הויז זיינען הונגעריק; וואָס זאָל איך טאָן?" האָט מען אים געשיקט [זאָגן]: „צעשנייד אַ נבלה און לייג פאַר די הינט; און דיין פאָטער, לייג אַרויף אויף אים אַ לעבל ברויט אָדער אַ קינד, און טראָג אים איבער".[7] האָט ניט שלמה ריכטיק געזאָגט: וואָרום אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער איידער אַ טויטן לייב"?[8]

יד

(יא) ומתוקה — זיס איז דער שלאָף פון דעם וואָס אַרבעט. רבי איז אַרויס פון מרחץ, האָט זיך איינגעהילט אין זיינע בגדים און זיך געזעצט זיך אָפּצוגעבן מיט די באַדערפעניש פון מענטשן. האָט אים זיין באַדינער אָנגעגאָסן אַ כוס [וויין]. ווייל ער איז אָבער געווען פאַרנומען מיט די באַדערפעניש פון מענטשן, האָט ער קיין צייט ניט געהאַט עס צו נעמען פון אים; האָט דער קנעכט איינגעדרימלט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. אַז רבי האָט זיך אומגעדרייט און אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט ער געזאָגט: „ריכטיק האָט שלמה געזאָגט: זיס איז דער שלאָף פון דעם וואָס אַרבעט, צי ער עסט ווייניק, צי אַ סך; אָבער די זעט פונעם עושר לאָזט אים ניט שלאָפן, אָט ווי מיר, וואָס מיר פאַרנעמען זיך מיט די באַדערפענישן פון מענטשן, — אפילו שלאָפן לאָזט מען אונדז ניט".

ר' ברכיה האָט געזאָגט: צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ סאָד, און ער האָט אים איבערגעגעבן זיין זון. כל־זמן דער זון האָט געטאָן זיין ווילן, איז וואו נאָר דער מלך פלעגט זען וועלכע ניט איז שיינע פלאַנץ אויף דער וועלט, פלעגט ער זי איינפלאַנצן אין זונס סאָד; אָבער ווען דער זון פלעגט ניט טאָן זיין ווילן, איז ווי נאָר ער פלעגט זען אַ שיינע און גוטע פלאַנץ אין סאָד, אַזוי פלעגט ער זי אויסרייסן. אַזוי — דער מלך, דאָס איז הקדוש ברוך הוא; דער סאָד, דאָס איז די וועלט, און אַנדערע זאָגן: ישראל. כל־זמן זיי טוען דעם ווילן פון הקדוש ברוך הוא, איז וואו נאָר ער זעט אַ צדיק ביי די אומות העולם, אָט ווי יתרו, רחב און רות, און ווי אַנטונינוס, ברענגט ער אים און באַהעפט אים מיט ישראל;[1] אָבער ווען זיי טוען ניט זיין ווילן, איז ווי ער זעט אַ צדיק ביי ישראל, אַזוי נעמט ער אים אַוועק פון זיי.[2]

---

מיטן ברויט אָדער מיטן קינד וועט מען אויך מעגן טראָגן אום שבת דודס טויטן קערפּער.
[8] פאַרגלייך רות רבה ג, ב (אונדזער אויסגאַבע ז' 79).

יד. [1] די אַלע זיינען געווען גרי צדק. דער לעצטער — אַ רוימישער קיסר (לויט אַנדערע — פּראָקוראַטאָר אין יהודה), וואָס איז געווען נאָענט באַפריינדעט מיט ר' יהודה הנשיא. [2] די שייכות פון ר' ברכיהס מאמר, ווי אויך פון די ווייטערדיקע מאמרים (סימנים טו, טז, יז), מיט אונדזער פסוק ווערט קלאָר ערשט אין סימן יח, וואו דער שלאָף פון דעם וואָס אַרבעט ווערט אויסגעטייטשט אויפן פריצייטיקן טויט פון צדיקים.

לבי מדרשא: „אבא מיית ומוטל בחמה, וכלבים של בית אבא רעבים; מה אעשה?״ שלחו ליה: „חתוך נבלה והנח לפני כלבים; ואביך הנח עליו ככר או תינוק, וטלטלו״. ולא יפה אמר שלמה: „כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת״?

יד

(יא) מתוקה שנת העובד. רבי נפק מן דימוסיין, אתעטף בבגדים ויתיב עסיק בצרכיהון דברייתא. מזג ליה עבדיה כסא. מדעסיק בצרכי דברייתא, לא אתפני מקבלא יתיה מיניה; נתנמנם עבדא ודמך ליה. הפך רבי ואיסתכל ביה ואמר: יאות אמר שלמה: מתוקה שנת העובד, אם מעט ואם הרבה יאכל; והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון, כגון אנן, דאנן עסקין בצרכיהון דברייתא, אף למידמוך לית אנן מישתבקין.

א״ר ברכיה: משל למה הדבר דומה? למלך שהיה לו פרדס ומסרו לבנו. כל זמן שהיה בנו עושה רצונו, היה המלך רואה איזה נטיעה יפה בעולם ושותלה בפרדס של בנו; וכל זמן שלא היה בנו עושה רצונו, רואה איזו נטיעה יפה ומשובחת בפרדס והיה עוקרה. כך — המלך זה הקב״ה; הפרדס זה העולם, ויש אומרים: אלו ישראל. כל זמן שהם עושים רצונו של הקב״ה, רואה איזה צדיק באומות העולם, כגון יתרו רחב ורות, וכגון אנטונינוס, מביאו ומדבקו בישראל; וכל זמן שאין עושין רצונו, רואה איזה צדיק יש בישראל ומסלקו מהם.

טו

מה בין מיתת נערים למיתת זקנים? ר׳ יהודה ור״ נחמיה. ר׳ יהודה אומר: הנר הזה בזמן שהוא כבה מאליו, טוב לו וטוב לפתילה; ובזמן שאין כבה מאליו, רע לו ורע לפתילה. ור׳ נחמיה אומר: התאנה הזאת כל זמן שהיא נלקטת בעונתה, יפה

---

טו

וואָס איז דער חילוק צווישן דעם שטאַרבן פון יונגע און דעם שטאַרבן פון אַלטע? [וועגן דעם זאָגן] ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה. ר׳ נחמיה זאָגט: דערדאָזיקער לאָמפּ, אַז ער לעשט זיך אויס פון זיך אַליין, איז עס גוט פאַר אים און גוט פאַרן קנויט; אָבער ווען עס ווערט פאַרלאָשן ניט פון זיך אַליין, איז עס שלעכט פאַר אים און שלעכט פאַרן קנויט.[1] און ר׳ נחמיה זאָגט: דידאָזיקע פייג, אַז זי ווערט אַראָפּגעקליבן אין צייט, איז עס גוט פאַר איר

און גוט פאַרן פייגנבוים; ווען זי ווערט אָבער אַראָפּגעקליבן ניט אין צייט, איז עס שלעכט פאַר איר און שלעכט פאַרן פייגנבוים.

אַ מעשה: ר׳ חייא דער גרויסער און זיינע תלמידים — און אַנדערע זאָגן: ר׳ שמעון בן חלפתא און זיינע תלמידים, און נאָך אַנדערע זאָגן: ר׳ עקיבא און זיינע תלמידים — זיינען אַמאָל געזעסן און געלערנט אונטער אַ פייגנבוים. און דער בעל הבית פונעם פייגנבוים פלעגט זיך פעדערן און אַרומקלייבן די פייגן. האָבן זיי געזאָגט: „לאָמיר בייטן אונדזער אָרט, אפשר איז ער אונדז חושד”. און זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַן אַנדער אָרט. אויף מאָרגן האָט זיך דער בעל הבית פונעם פייגנבוים געפעדערט אַרומצוקלייבן זיין פייגנבוים, און ער האָט זיי ניט געפונען; האָט ער זיי אַרומגעזוכט און געפונען. האָט ער געזאָגט צו זיי: „רבותי! די מצוה וואָס איר האָט געטאָן מיט מיר [2] האָט איר פאַרמיטן פון מיר”. האָבן זיי אים געזאָגט: „חס ושלום!” האָט ער געזאָגט צו זיי: „טאָ פאַרוואָס האָט איר פאַרלאָזט אייער אָרט און זיך געזעצט אין אַן אַנדער אָרט?” האָבן זיי אים געזאָגט: „מיר האָבן געזאָגט: טאָמער איז ער אונדז חושד”. האָט ער געזאָגט צו זיי: „חס ושלום! נייערט איך וועל אייך זאָגן, פאַרוואָס איך פלעג זיך פעדערן און זיי אַרומקלייבן, ווייל ווען די זון שיינט אויף זיי ווערן זיי פאַרווערימט”. יענעם טאָג האָט ער זיי געלאָזט ניט אַרומגעקליבן, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז ווען די זון האָט געשיינט אויף זיי, זיינען זיי פאַרווערימט געוואָרן. האָבן זיי געזאָגט: „דער בעל הבית פונעם פייגנבוים ווייסט וואויל די צייט פונעם פייגנבוים, ווען מע דאַרף אים אַרומקלייבן, און ער קלייבט אים אַרום. אַזוי אויך ווייס הקדוש ברוך הוא ווען עס קומט די [ריכטיקע] צייט פאַרן צדיק, און ער נעמט אים אַוועק”.

טז

חייא דער זון פון רב אדא,[1] בר קפּראס שוועסטערס זון, איז נפטר געוואָרן. האָט מען געזאָגט צו ר׳ יוחנן: „גיי אַריין און זאָג נאָך אים אַ וואָרט”. האָט ער געזאָגט צו זיי: „זאָל אַריינגיין ר׳ שמעון בן לקיש, וואָרום ער ווייס, אין וואָס זייך כוח איז געווען”. איז ר׳ שמעון אַריין און האָט אים נאָכגעזאָגט: (שיר השירים ו, ב): דודי — מיין געליבטער האָט אַראָפּגענידערט צו זיין גאָרטן — — — [און אויפצוקלייבן ליליעס], — הקדוש ברוך הוא ווייס די גוטע [מעשים] פון ר׳ חייא בר אדא, און ער האָט אים אַוועקגענומען.[2]

---

טו. [1] אַזוי איז עס אויך גוט פאַר אַ מענטשן ווען ער שטאַרבט אין צייט, און ניט אין דער יוגנט. [2] לערנענדיק תורה אונטער מיין פייגנבוים.

טז. [1] אין שיר השירים רבה אויפן ווייטערדיקן פסוק איז די גירסא בר אויא. [2] ווייל ער האָט דערגרייכט אויף דער וועלט אַלץ וואָס אַ מענטש קאָן דערגרייכן האָט אים גאָט אַוועקגענומען פון דער וועלט, כדי ער זאָל ניט דאַרפן אויסשטיין די נסיונות פונעם יצר הרע (עץ יוסף).

לה ויפה לתאנה; וכשאינה נלקטת בעונתה, רע לה ורע לתאנה.

**דילמא:** ר׳ חייא רבה ותלמידיו, ואית דאמרין: ר׳ שמעון בן חלפתא ותלמידיו, ואית דאמרין: ר׳ עקיבא ותלמידיו, הוו יתבין פשטין תחות הדא תאנתא. והיה בעל התאנה משכים ולוקט את תאנתו. אמרו: „נשנה את מקומנו, שמא הוא חושדנו". ישבו במקום אחר. למחר השכים בעל התאנה ללקט את תאנתו ולא מצאן; חזר אחריהן ומצאן. אמר להם: „רבותי! מצוה חדא הויתון עבדין עמי, מנעתון יתה מני". אמרין ליה: „חס ושלום!" אמר לון: „ומפני מה הנחתם מקומכם וישבתם במקום אחר?" אמרין ליה: „אנן אמרין, שמא הוא חושדנו". אמר להם: „חס ושלום! אלא אומר לכם, מפני מה הייתי משכים ולוקט אותה, שכשתנץ עליהם השמש הם מתליעים". ההוא יומא שבקון דלא לקט, ומצאו אותם שזרחה השמש עליהם והתליעו. אמרין: „יפה בעל התאנה יודע עונתה של תאנתו, אמתי ראויה להלקט, והוא לוקטה; כך הקב"ה יודע מתי הגיע עונתו של צדיק ומסלקו".

טז

**חייא בר רב אדא בר אחתיה דבר קפרא דמך. אמרי לר׳ יוחנן: „עול ואפטור עליו". אמר לון: „ייעול ר׳ שמעון בן לקיש, דהוא ידע מה חייליה". עאל ר׳ שמעון ואפטר עליו** (שיר השירים ו): דודי ירד לגנו — — — [וללקט שושנים], — **הקב"ה יודע מעשיו של ר׳ חייא בר אדא וסילקו.**

יז

**כד דמך ר׳ סימון בר זביד עאל ר׳ אילא ואפטר עלוי הלין קרייה** (איוב כח): והחכמה מאין תמצא? — — — לא ידע אנוש ערכה — — — תהום אמר: לא בי היא — — — ונעלמה מעיני כל חי — — — **אם כן, תלמיד חכם שמת, מאין אנו מוצאין**

---

יז

**ווען ר׳ סימון בר זביד איז נפטר געווארן, איז אריין ר׳ אילא און האט אים נאכגעזאגט די דאזיקע פסוקים** (איוב כח, יב—יד): והחכמה — אבער די חכמה פון וואנען קען זי געפונען ווערן? — — — קיין מענטש וויס ניט איר ווערט — — — דער תהום זאגט: ניט אין מיר איז זי — — — (דארט כא) און זי איז פארהוילן פון די אויגן פון איטלעך לעבעדיקן. **אויב דאס איז אזוי, היינט אז א תלמיד חכם שטארבט, וואו קאנען מיר געפינען זיין אומ־**

בייט? פיר זאַכן זיינען פאַראַן, וואָס זיינען אַ נוץ פאַר דער וועלט, און זיי אַלע, אויב זיי גייען פאַרלאָרן, קאָן מען זיי פאַרבייטן; און דאָס זיינען זיי (דאָרט א—ב): כי יש — וואָרום פאַראַן איז אַן אויסגראָב פאַר זילבער, און אַן אָרט וואו מע לייטערט גאָלד; אייזן ווערט פון ערד גענומען, און פון שטיין שמעלצט מען קופּער. אָבער אַ תלמיד חכם אַז ער שטאַרבט, ווער קען אונדז ברענגען זיין אומבייט? מיר האָבן פאַרלאָרן ר׳ סימונען, ווער קען אונדז ברענגען זיין אומבייט? ר׳ לוי האָט געזאָגט: די [פאָטערס פון די] שבטים האָבן אַ מציאה געפונען, זיינען זיי געוועזן צעטומלט און ס׳האַרץ איז זיי אַרויסגעפאַלן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מב, מח): ויצא לבם — און ס׳האַרץ איז זיי אַרויסגעפאַלן, און זיי האָבן אויפגעציטערט; היינט מיר, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן ר׳ סימון בר זביד — אוודאי און אוודאי!

## יח

אַז ר׳ בון בר׳ חייא איז נפטר געוואָרן, איז אַריין ר׳ זירא און אים נאָכגעזאָגט דעמדאָזיקן פסוק: זיס איז דער שלאָף פון דעם וואָס אַרבעט. צו וואָס איז ר׳ בון בר׳ חייא געווען געגליכן? צו אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטן, און ער האָט אָנגעדונגען אַ סך אַרבעטער אים צו באַאַרבעטן. איז דאָרט געווען איינער אַן אַרבעטער וואָס האָט זיך אויסגעטויגט צו זיין אַרבעט מער פון אַלעמען, מער ווי מע דאַרף. וואָס האָט דער מלך געטאָן? ער האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט אים אַהין און צוריק. אין אָוונט צייט זיינען געקומען די אַרבעטער נעמען זייער לוין. אויך יענער אַרבעטער איז געקומען מיט זיי, און מע האָט אים געגעבן זיין פולן לוין. האָט עס די אַרבעטער אָנגעהויבן פאַרדריסן; זיי האָבן געזאָגט: „מיר האָבן געהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג און דער האָט געהאָרעוועט צוויי שעה, און דער מלך האָט אים געגעבן זיין פולן לוין". האָט דער מלך געזאָגט צו זיי: „וואָס פאַרדריסט עס אייך? דערדאָזיקער האָט מיט זיין טויג־לעכקייט פאַרהאָרעוועט אין צוויי שעה וואָס איר האָט ניט פאַרהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג". אַזוי אויך האָט ר׳ בון בר׳ חייא אָנגעלערנט תורה צצו אַכט און צוואַנציק יאָר וואָס קיין וואויללערנענדיקער תלמיד קאָן ניט אָנלערנען צו הונדערט יאָר.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס באַמיט זיך אין תורה אויף דער וועלט, לאָזט מען אים אויף יענער וועלט ניט שלאָפן, נייערט מע פירט אים אין דעם בית מדרש פון שם ועבר און פון אברהם יצחק און יעקב און משה און אהרן.[1] ביז וואַנען? ביז (שמואל ב, ז, ט): ועשיתי לך — און איך וועל דיר מאַכן אַ גרויסן נאָמען, ווי דער נאָמען פון די גרעסטע וואָס אויף דער ערד.

---

יח. [1] דער תנחומא (תשא ג), פאַרבינדט דעם געדאַנק מיטן סוף פון אונדזער פסוק: און די זעט פונעם עושר לאָזט אים ניט שלאָפן, — דאָס איז דער עושר אין תורה, וואָס מע לאָזט אים אויף יענער וועלט ניט שלאָפן.

**תמורתו? ארבעה דברים שהם תשמישו של עולם, וכולם אם אבדו יש להם חליפים, ואלו הם** (שם): כי יש לכסף מוצא, ומקום לזהב יזקו; ברזל מעפר יקח, ואבן יצוק נחושה. **אבל תלמיד חכם אם מת, מי מביא לנו תמורתו? אנו אבדנו את ר' סימון, מי מביא לנו תמורתו? אמר ר' לוי: שבטים מציאה מצאו, ותמהו ויצא לבם, שנאמר** (בראשית מב): ויצא לבם ויחרדו; **אנו, שאבדנו את ר' סימון בר זביד, — על אחת כמה וכמה!**

יח

**כד דמך ר' בון ברבי חייא עאל ר' זירא ואפטר עלוי הדין פסוקא:** מתוקה שנת העובד. **למה היה ר' בון בר' חייא דומה? למלך שהיה לו כרם ושכר פועלים הרבה לעשותו והיה שם פועל אחד מתכשר במלאכתו יותר מן הכל, יותר מדאי. מה עשה המלך? נטלו בידו והיה מטייל עמו ארוכות וקצרות. לעתותי ערב באו הפועלים ליטול שכרן; ובא אותו הפועל עמהם, ונתן לו שכרו משלם. התחילו הפועלים מצירין; אמרו: „אנו יגענו כל היום וזה יגע בשתי שעות, ונתן לו המלך שכרו משלם". אמר להם המלך: „מה לכם מצירין? יגע זה בשתי שעות בכושרות מה שלא יגעתם אתם כל היום". כך למד ר' בון בר' חייא תורה לכ"ח שנה מה שאין תלמיד ותיק יכול ללמוד למאה שנה.**

**אמר ר' יוחנן: כל מי שהוא יגע בתורה בעולם הזה, לעולם הבא אין מניחין אותו לישון, אלא מוליכין אותו לבית מדרשו של שם ועבר ושל אברהם יצחק ויעקב ומשה ואהרן. עד היכן? עד** (שמואל ב) ועשית לך שם גדול כשם הגדולים אשר בארץ.

יט

(יב) יש רעה חולה ראיתי תחת השמש. יש רעה חולה, — **וכי יש רעה חולה ויש רעה טובה? אלא איזו רעה חולה? כגון דגלום פטרגוס: מסכן, תשיש, ערטיל וכפין.** עשר שמור לבעליו

---

יט

(יב) יש — פאַראַן אַ ווייטאָקלעך שלעכטס וואָס איך האָב געזען אונטער דער זון. פאַראַן אַ ווייטאָקלעך שלעכטס — **איז דען פאַראַן אַ ווייטאָקלעך שלעכטס און אַ גוט שלעכטס? נייערט וואָסער שלעכטס איז ווייטאָקלעך? [ווען איינער איז] שוואַך און אָרים**[1]**: אָרים, שוואַך, נאַקעט און הונגעריק.** עשר — אַן עשירות געהיט פון דעם בעל הבית צו זיין שאָדן, — **ר' יהושע**

האָט געזאָגט: דאָס איז קורח; און ר׳ שמואל האָט געזאָגט: דאָס איז נבות דער יזרעאלי.[2] ר׳ יהודה האָט געזאָגט: דאָס איז המן. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דאָס זיינען די קינדער פון ראובן און די קינדער פון גד.[3] און די רבנן זאָגן: דאָס איז איוב, וואָס איז געווען רייך און איז פאַראָרימט געוואָרן, און איז ווידער געוואָרן וואָס ער איז געווען.

ר׳ גמליאל בר׳ חנינא האָט געפרעגט ביי ר׳ מונאַ: וואָס מיינט דאָס וואָס שטייט געשריבן: אַן עשירות געהיט פון דעם בעל הבית צו זיין שאָדן? האָט ער אים געזאָגט: דער סוף פון דער זאַך איז, אַז דאָס [רייכקייט זיינס] איז זיין אייגענע שטראָף. ווען עס קומט אָן אויף אים די שטראָף פון מלכות, גיט ער איר וואָס ער דאַרף געבן.[4]

כ

(יג) און דאָסדאָזיקע עשירות ווערט פאַרלאָרן דורך אַ שלעכטן עסק. ר׳ חגי האָט איין נאָמען פון ר׳ יצחק געזאָגט: דורך אַ שלעכטן געדאַנק וואָס ער האָט צוגעטראַכט קעגן דעם אָרימאַן. ער האָט געזאָגט צו אים: „איז דיר ניט בעסער, דו זאָלסט אַרבעטן און עסן? זע נאָר שענקלען, זע נאָר קני, זע נאָר פלייש! איז דיר ניט בעסער, דו זאָלסט אַרבעטן און עסן?״ האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „ניט גענוג דיר, וואָס דו האָסט אים פון דיינס ניט געגעבן, ווילסטו נאָך אַריינברענגען אַ בייז אויג אין דעם וואָס איך האָב אים געגעבן?״ דעריבער, אַז עס ווערט אים געבוירן אַ זון, האָט ער אין זיין האַנט גאָרניט: פון זיין געלט וואָס ער האָט געהאַט אין האַנט וועט ער ניט איבערלאָזן גאָרניט פאַר זיין זון.

כא

(יד) כאשר — אַזוי ווי ער איז אַרויס פון זיין מוטערס לייב. גניבא האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ פוקס וואָס האָט געפונען אַ ווייַנגאָרטן וואָס איז געווען אַרומגעצאַמט פון אַלע זייטן. איז דאָרט געווען אַ לאָך, און ער האָט געוואָלט דורכקריכן דורך איר, אָבער ער האָט ניט געקענט. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט געפאַסט דריי טעג, ביז ער איז געוואָרן מאָגער און שוואַך, און איז אַריין דורך דער לאָך, האָט זיך אָנגעגעסן און איז פעט געוואָרן. האָט ער געוואָלט אַרויסגיין און האָט בשום אופן ניט געקענט דורכגיין. האָט ער ווידער אַ מאָל געפאַסט דריי טעג, ביז ער איז ווידער געוואָרן מאָגער און שוואַך ווי ער איז געווען, און איז אַרויס. אַז ער איז אַרויס, האָט ער זיך אומגעדרייט מיטן פנים [צום ווייַנגאָרטן], געקוקט אויף אים

יט. [1] לויטן ערוך השלם, וועלכער בייט דעם נוסח אויף דעילוס פטוגוס (גריכיש), און זעט אין די וויטערדיקע פיר ווערטער אַ דערקלערונג צו דעם. אַנדערע מיינען אַז פטרגוס איז פאַרגרייזט פון פדגרוס (פאָדאַגראַ, — יאַסטראָוו). [2] מלכים א, כא. [3] וואָס צוליב זייער עשירות אין שאָף און רינדער זיינען זיי געבליבן זיצן אויף דער מזרח זייט פון ירדן (במדבר לט) און זיינען שפעטער פאַרטריבן געוואָרן פריער פון די אַנדערע שבטים (מלכים ב, טו, כט). [4] עס מיינט, משמעות, אַז דער רייכער איז שטענדיק אויסגעשטעלט צו געלט אויספּרעסונגען דורך מלכות.

לרעתו, — אמר ר׳ יהושע: זה קורח; ור׳ שמואל אמר: זה נבות היזרעאלי. ר׳ יהודה אמר: זה המן. ר׳ יצחק אמר: אלו בני ראובן ובני גד; ורבנן אמרי: זה איוב, דהוה עתיר ומתמסכן, וחזר למה דהוה.

ר׳ גמליאל בר׳ חנינא בעא קומי ר׳ מונא, א״ל: מהו דין דכתיב: עשר שמור לבעליו לרעתו? אמר לו: כל סמא דמילתא הוא קטאדיקי דידיה. כשבא עליו קטאדיקי דמלכות, יתן לה מה דיתן.

כ

(יג) ואבד העושר ההוא בענין רע. ר׳ חגי בשם ר׳ יצחק אמר: בענין רע שחשב על אותו העני. אמר לו: „לא טוב לך לעי ונגיס? חמי שוקין, חמי כרעין, חמי קופדין! לא טב לך לעי ואכיל?״ אמר הקב״ה: „לא דיי לך דמשלך לא נתת לו כלום, ובמה שנתתי לו אני אתה מכניס בו עין רעה!״ לפיכך, והוליד בן ואין בידו מאומה: מן ממונא דידיה דהוה בידיה לא ישבוק לבריה.

כא

(יד) כאשר יצא מבטן אמו. גניבא אמר: לשועל שמצא כרם, והיה מסוייג מכל פנותיו. והיה שם נקב אחד, ובקש להכנס בו, ולא הוה יכיל. מה עבד? צם תלת יומין, עד דכחיש ותשש, ועאל בהדא נקובא, ואכל ושמן. בעא למיפק, ולא יכיל מעיבר כלום. חזר וצאים תלת יומין אוחרנין, עד דכחיש ותשש וחזר היך מה דהוה, ונפק. כד נפק, הוה הפיך אפוי ואיסתכל ביה; אמר: „כרמא, כרמא! מה טב את ומה טבין אינון פירין דבגווך! וכל מה דאית בך יאין ומשבחן. ברם מה הניה ממך? כמה דבר נש עליל לגוויך, כך הוא נפיק״. כך הוא דין עלמא.

ד״א כאשר יצא מבטן אמו, ערום ישוב ללכת כשבא, — **תניא:**

---

און געזאָגט: „וויינגאָרטן, וויינגאָרטן! ווי גוט ביסטו און ווי גוט זיינען די פּירות וואָס אין דיר! און אַלץ וואָס אין דיר איז גוט און איז ווערט לויב. אָבער וואָסער הנאה האָט מען פון דיר? אַזוי ווי איינער גייט אַריין אין דיר, אַזוי גייט ער אַרויס״. אַזוי אויך איז די וועלט.

אַן אַנדער פּשט: אַזוי ווי ער איז אַרויס פון זיין מוטערס לייב, נאַקעט, [אַזוי] וועט ער צוריקגיין, ווי ער איז געקומען, — מיר האָבן געלערנט:

אַזוי ווי אַ מענטש קומט, אַזוי גייט ער אַוועק. אַ מענטש קומט מיט קולות, און גייט אַוועק פון דער וועלט מיט קולות. ער קומט אויף דער וועלט מיט געוויין, און גייט אַוועק פון דער וועלט מיט געוויין. ער קומט אויף דער וועלט מיט ליבשאַפט, און גייט אַוועק פון דער וועלט מיט ליבשאַפט. ער קומט אויף דער וועלט מיט אַ קרעכץ, און גייט אַוועק פון דער וועלט מיט אַ קרעכץ. ער קומט אויף דער וועלט ניט ווּיסנדיק, און גייט אַוועק פון דער וועלט ניט ווּיסנדיק.

מיר האָבן געלערנט אין נאָמען פון ר׳ מאיִרן: ווען אַ מענטש קומט אויף דער וועלט, זיינען אים די הענט פאַרמאַכט, ווי איינער זאָגט: „די גאַנצע וועלט איז מיינע, איך וועל זי ירשענען״. אָבער ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט, זיינען אים די הענט אָפן, ווי איינער זאָגט: „איך האָב ניט געירשנט פון דער וועלט גאָרניט. וואָרום אַזוי זאָגט שלמה: אַזוי ווי ער איז אַרויס פון זיין מוטערס לייב, נאַקעט, אַזוי וועט ער צוריקגיין, ווי ער איז געקומען, און קיין זאַך וועט ער ניט אַוועקטראָגן פאַר זיין מי.

כב

(טו) וגם זו — און אויך דאָס איז אַ ווייטאָקלעך שלעכטס: געננו ווי ער איז געקומען, אַזוי גייט ער אַוועק, — אַזוי ווי ווען ער קומט [ווערט ער געשפייזט] מיט שיטערס, אַזוי אויך ווען ער גייט אַוועק — מיט שיטערס. ר׳ פינחס האָט געזאָגט: אַזוי ווי די וועלט האָט זיך געעפנט מיט פיר מלו־כות, אַזוי וועט זי זיך שליסן מיט פיר מלוכות. זי האָט זיך געעפנט מיט פיר מלוכות, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יד, ט): את כדרלעומר — מיט כדרלעומר דעם מלך פון עילם, און תדעל דעם מלך פון גוים, און אמרפל דעם מלך פון שנער, און אריוך דעם מלך פון אלסר; און זי וועט זיך שליסן מיט פיר מלוכות: בבל, יון, מדי [1] און אדום.[2]

ומה יתרון — טאָ וואָס קומט אים אַרויס וואָס ער האָרעוועט אויפן ווינט? הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צום מענטשן: „האָסט געאַקערט, און געזייט, און געשניטן, און געמאַכט גאַרבן, און געדראָשן, און געמאַכט דערפון תבואה אין הויפנס, — אויב איך וועל ניט אַרויסלאָזן דעם ווינט, אַז דו זאָלסט עס דיר ווינטשופלען, ווי וואָלסטו געלעבט?״ קומט אויס, אַז מע גיט ניט אַנדערש דעם עומר, נייערט ווי אַ באַצאָלט פאַרן ווינט. דאָס מיינט: וואָס קומט אַרויס וואָס ער האָרעוועט, [אויב ער דאַרף וואַרטן] אויפן ווינט?

כג

(טז) גם — אויך אַלע זיינע טעג גייט ער[1] אין פינצטערניש, — דער פסוק רעדט וועגן דעם דור פון די שופטים[2]: און ערגערניש[3] אַ סך, וואָ־

---

כב. [1] אין בראשית רבה מב, ב, שטייט מדי (אידענטיש מיט פרס) פאַר יון, און דאָס איז היסטאָריש ריכטיקער. און אפשר דאַרף דאָ אונטער מדי פאַרשטאַנען ווערן די שפּעטערדיקע פּאַרטיע, וואָס האָט אין דער רוימישער עפּאָכע געהערשט אין די לענדער פון דער אַמאָליקער פרס און מדי. [2] רוים.

**כמו שבא אדם, כן ילך. אדם בא בקול, ונפטר מן העולם בקול. בא לעולם בבכיה, ונפטר מן העולם בבכיה. בא לעולם בחבה, ונפטר מן העולם בחבה. בא בעולם באנחה, ונפטר מן העולם באנחה. בא לעולם בבלי דעת, ונפטר מן העולם בבלי דעת.**

**תני בשם ר׳ מאיר: כשאדם בא לעולם, ידיו הן קפוצות, כלומר: „כל העולם כולו שלי הוא, אני נוחלו". וכשהוא נפטר מן העולם, ידיו הן פשוטות, כלומר: „לא נחלתי מן העולם הזה כלום". שכן שלמה אומר:** כאשר יצא מבטן אמו, ערום ישוב ללכת כשבא, ומאומה לא ישא בעמלו.

כב

(טו) זו רעה חולה: כל עמת שבא, כן ילך, — **הא היך מה דאתא בחליטין, כן ייזיל ליה בחליטין. אמר ר׳ פנחס: כשם שפתח העולם בארבע מלכיות, חתם בארבע מלכיות. פתח באר־בע מלכיות, שנאמר** (בראשית יד): את כדרלעומר מלך עילם, ותדעל מלך גוים, ואמרפל מלך שנער, ואריוך מלך אלסר; **וחתם בארבע מלכיות: בבל, יון, מדי ואדום.**

ומה יתרון לו שיעמול לרוח? **אמר הקב״ה לאדם: חרשת, וזרעת, וקצרת, ועמרת, ודשת, ועשית אותו תבואה וערימה, — אם אין אני מוציא רוח שתזרה לך, מהיכן את חייה?" הא אינן נותנין העומר, אלא שכר אותו הרוח. הוי:** ומה יתרון לו שיעמל לרוח?

כג

(טז) גם כל ימיו בחשך ילך, — **מדבר בדורן של שופטים:** וכעס הרבה, **שהיו מכעיסים להקב״ה במעשיהן הרעים;** וחליו וקצף, — **וחליו, אלו היסורין;** וקצף **שהקציפו להקב״ה ואמרו** (שופטים כא): למה ה׳ אלהי ישראל היתה זאת בישראל להפקד היום שבט אחד?

---

**רום זיי פלעגן ערגערן הקדוש ברוך הוא מיט זייערע שלעכטע מעשים;** און האָט קרענקעניש און צאָרן, — קרענקעניש, **דאָס זיינען די יסורים;**[4] און צאָרן, **וואָס זיי האָבן דערצערנט הקדוש ברוך הוא און געזאָגט** (שופטים כא, ג): למה — פאַרוואָס, גאָט, דו גאָט פון ישראל, איז דאָס געשען אין ישראל, עס זאָל היינט געמינערט ווערן אַ שבט?

---

**כג. [1] ילך, אַזוי איז דער נוסח אין אַלע געדרוקטע טעקסטן, אנשטאָט יאכל, ער**

אָן אַנדער פּשט: אויך אַלע זיינע טעג גייט ער אין פינצטערניש, — דער פּסוק רעדט וועגן דעם דור פון שמואלן: און ערגערניש אַ סך, וואָרום זיי פלעגן ערגערן הקדוש ברוך הוא מיט זייערע שלעכטע מעשים; און קרענ־קעניש, דאָס זיינען די יסורים; און צאָרן, וואָס זיי האָבן דערצערנט הקדוש ברוך הוא און געזאָגט (שמואל א, ד, ג): למה — פאַרוואָס האָט אונדז גאָט געשלאָגן? אַז די עשרת השבטים זיינען אין גלות געגאַנגען, איז פון זיי קיינער ניט געבליבן; אַז דער שבט יהודה איז אין גלות געגאַנגען, איז פון זיי יאָ עפּעס געבליבן.[5]

## כד

(יז) אָט וואָס איך האָב אַליין איינגעזען: עס איז גוט, יאָ עס איז שיין צו עסן און טרינקען. ר׳ תנחומא זאָגט: איטלעכס מאָל וואָס אין דערדאָזיקער מגילה ווערט דערמאָנט עסן און טרינקען, זאָגט זיך עס וועגן תורה און מעשים טובים. ר׳ יונה האָט געזאָגט: און דער הויפּט יסוד פאַר די אַלע [איז דער פּסוק] (קהלת ח, טו): והוא ילונו — און דאָס זאָל אים באַגלייטן אין זיין מי, — צי דען באַגלייטן עסן און טרינקען דעם מענטשן אין קבר אַריין? טאָ וואָס באַגלייט אים? תורה און מעשים טובים.[1]

## כה

(יח) גם — אויך איטלעכער מענטש, וואָס גאָט האָט אים געגעבן עשי־רות, און גיטער, און האָט אים געגעבן שליטה צו עסן פון דעם, — — — [איז עס אַ מתנה פון גאָט]. ר׳ פּינחס האָט געזאָגט: דידאָזיקע גאָב געפינט זיך ניט ביי יעדן מענטשן, נייערט ביי דעם וואָס גאָט באַגליקט אים.

## כו

(יט) כי — ווייל ניט פיל, דאַרף ער געדענקען, זיינען די טעג פון זיין לעבן, דאָס איז דער דור פון עלין;[1] וואָרום גאָט טוט ענטפערן אין דער פרייד פון זיין האַרצן, דאָס איז אלקנה, וואָס פלעגט פירן די יידן און זיי אַרויפברענגען קיין שילה[2] יאָר איין־יאָר אויס אויף אַן אַנדער וועג. דע־ריבער לויבט אים דער פּסוק (שמואל א, א, ג): ועלה האיש — און יענער מאַן פלעגט פון יאָר צו יאָר אַרויפגיין פון זיין שטאָט [זיך צו בוקן און מקריב צו זיין צו גאָט פון צבאות אין שילה].

---

פאַרצערט, ווי דער נוסח איז אין פּסוק. מעגלעך, אַז די בעלי המדרש האָבן געהאַט פאַר זיך אַזאַ טעקסט, און מעגלעך, אַז ס׳איז פּשוט אַריינגעפאַלן אַ גרייז. [2] זע רות רבה פּתיחתא ב און פּרשה א, א ווי אויך בראשית רבה נז, ד, וואו דער דור פון די שופטים ווערט אַרויסגעשטעלט אין אַ שלעכטע ליכט. [3] אַזוי לויטן דרש, ווי דאָס וואָרט וכעס וואָלט געהאַט אַ פּתח אונטער דער כף, אַנשטאָט אַ קמץ. [4] די צרות וואָס יענער דור איז אויסגעשטאַנען. [5] שווער צו זען די פאַרבינדונג פון דערדאָזיקער מימרא מיטן

**ד״א:** גם כל ימיו בחשך ילך, — **מדבר בדורו של שמואל:** וכעס הרבה, **שהיו מכעיסין להקב״ה במעשיהם הרעים;** וחליו, **אלו היסורין;** וקצף, **שהקציפו ואמרו** (שמואל א, ד): למה נגפנו ה׳? **גלו עשרת השבטים, ולא נשתייר מהם; גלו שבט יהודה ושבט בנימין, ונשתייר מהם.**

כד

(יז) הנה אשר ראיתי אני, טוב, אשר יפה לאכול ולשתות. **ר׳ תנחומא אומר: כל אכילה ושתיה שנאמרה במגילה הזאת, בתורה ובמעשים טובים נאמרה. אמר ר׳ יונה: ואב שבכולן** (קהלת ח): והוא ילונו בעמלו, — **וכי יש אכילה ושתיה מלוין את האדם לקבר? ומה מלוהו? תורה ומעשים טובים.**

כה

(יח) גם כל האדם, אשר נתן לו האלהים עשר ונכסים והש־ליטו לאכל ממנו — — — [וזה מתת אלהים היא]. **אמר ר׳ פנחס: המדה הזאת אינה נוהגת בכל בני אדם, אלא במי שירצה בו הקב״ה.**

כו

(יט) כי לא הרבה יזכר את ימי חייו, **זה דורו של עלי;** כי האלהים מענה בשמחת לבו, **זה אלקנה, שהיה מדריך את ישראל ומעלה אותם (בירושלים) [בשילה] בכל שנה ושנה בדרך אחרת. לכך הכתוב מקלסו** (שמואל א, א): ועלה האיש ההוא מעירו מימים ימימה.

---

פריערדיקן, סיידן דאָ פעלט עפּעס אין מיטן. מעגלעך, אַז די כוונה איז געווען, אַז אין שבט יהודה זיינען געווען טייל וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו גאָטס וואָרט, און אין דעם זכות זיינען זיי ניצול געוואָרן.

כד. [1] זע אויבן, ב, כה און ג, טז, וואו דאָס וואָרט בעמלו, אין זיין מי, ווערט געביטן אויף בעולמו, אין זיין וועלט, — אין דער אייביקער וועלט אַריין, און אויף דעם בייט ווערט געבויט דער דרש.

כו. [1] געמיינט עליס קינדער און קינדס קינדער, אויף וועמען ס׳איז נגזר געוואָרן צו שטאַרבן יונג (שמואל א, ב, לב). [2]. עמענדירט לויט מדרש שמואל, א. זיין גיין יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער וועג ווערט דאָרט דערקלערט מיט זיין פּאַרלאַנג צו וועקן ביי וואָס מער יידן דעם חשק עולה רגל צו זיין.

# פרשה ו

## א

(א) יש — פאַראַן אַ שלעכטס וואָס איך האָב געזען אונטער דער זון. ר׳ שמואל בר אַמי האָט געזאָגט: דאָס איז די [בייזע] מחשבה פון שווינדלערס, אַ שטייגער דער וואָס מישט אַריין וואַסער אין ווייַן, זאַפט פון האָרן־מאָן [1] אין בוימל, זאַפט פון ווילדע יאַגעדעס אין האָניק, אייזל־מילך אין באַלזאַם, פעך־זאַפט אין מירע, ווייַן־בלעטלעך אין בשמים־בלעטלעך, רויטע פליסיקייט אין סאָק, וויקע אין פעפער, [און דער וואָס וועגט מיט] אַ וואָג־שטאַב, וואָס איז לאַנג פון איין זייט און קורץ פון דער צווייטער. און וועגן די אַלע האָט ר׳ יוחנן בן זכאי געזאָגט: „ווי איז מיר, אויב איך זאָג;[2] ווי איז מיר, אויב איך זאָג ניט. זאָג איך, — טאָמער וועלן די שווינדלער לערנען [ווי צו שווינדלען]; זאָג איך ניט, — טאָמער וועלן די שווינדלער זאָגן: די תלמידי חכמים קענען זיך ניט אויס אויף אונדזערע מעשים״. סוף־כל־סוף האָט ער געזאָגט (הושע יד, י): כי ישרים — דען רעכטפאַרטיק זייַנען די וועגן פון גאָט; [די צדיקים גייען אין זיי, און די זינדיקע ווערן געשטרויכלט אין זיי].[3]

## ב

(ב) איש — אַ מענטש וואָס גאָט גיט אים עשירות — — . ר׳ אבא בר כהנא איז אַריין אין בית מדרש און האָט געהערט דאָס קול פון ר׳ לוין, וואָס איז געזעסן און געדרשנט דעם דאָזיקן פסוק: „אַ מענטש וואָס גאָט גיט אים עשירות, דאָס איז דער קענער פון מיקרא;[1] און גיטער, דאָס איז דער קענער פון משנה; און כבוד, דאָס איז דער קענער פון תוספתא;[2] און עס פעלט אים קיין זאַך ניט פון אַלץ וואָס אים גלוסט זיך, דאָס איז דער קענער פון די גרויסע משניות [זאַמלונגען], אַ שטייגער די משנה פון ר׳ עקיבאַן, און די משנה פון ר׳ חייאַן און פון ר׳ הושעיהן און פון בר־קפּראַן;[3] אָבער גאָט גיט אים ניט קיין שליטה צו עסן דערפון, וואָרום מע טאָר פון זיי קיין דין ניט פּסקענען;[4] נאָר אַ פרעמדער מענטש וועט עס עסן, דאָס איז דער קענער פון תלמוד, וואָס ער קאָן מטמא זייַן און מטהר זייַן, אסרן און מתיר זייַן״. איז ר׳ אבא בר כהנא אויפגעשטאַנען, אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט: „ווען איך וואָלט ניט אַרויפגעקומען אַ הער, בייערט אויף צו הערן דעם דאָזיקן טייטש פון דייַן מויל, וואָלט מיר גענוג געווען״.

---

א. [1] אָנשטאָט בלקיא הייסט יאַסטראָוו לייענען גלבקיא, גלויקיום, אַ האָרן־מאָן געוויקס. [2] אויב ער רעדט פאַרן עולם וועגן די פאַרשיידענע אופנים פון שווינדל. [3] ס׳איז דעם תלמיד חכמס פליכט צו זאָגן און זיך ניט רעכענען מיט דעם וואָס מע וועט זייַנע רייד אויסניצן צום שלעכטן.

# פרשה ו

א

(א) יש רעה אשר ראיתי תחת השמש. **אמר ר׳ שמואל בר אמי: זו מחשבתן של רמאין, כגון המערב מים ביין, מי בלקיא בשמן, מי מאיס בדבש, חלב חמור בקטף, קומוס במור, עלי גפנים בפליון, סקרא בציר, כרשינים בפלפלין, קנה מאזנים ארוך מצד זה וקצר מצד זה. ועל כולן אמר ר׳ יוחנן בן זכאי: „אוי לי, אם אומר; אוי לי, אם לא אומר. אם אומר, שמא ילמדו הרמאין; אם לא אומר, שמא יאמרו הרמאין: אין תלמידי חכמים בקיאין במעשה ידינו״. סוף סוף אמרו** (הושע יד): כי ישרים דרכי ה׳, וגו׳.

ב

(ב) איש אשר יתן לו האלהים עשר. **ר׳ אבא בר כהנא עאל לכנישתא ושמע קליה דר׳ לוי יתיב דריש הדין פסוקא:** איש אשר יתן לו האלהים עשר, **זה בעל מקרא;** ונכסים, **זה בעל משנה;** וכבוד, **זה בעל תוספתא;** ואיננו חסר לנפשו מכל אשר יתאוה, **אלו משניות גדולות, כגון משנתו של ר׳ עקיבא ומשנתו של ר׳ חייא ושל ר׳ הושעיה ושל בר-קפרא;** ולא ישליטנו האלהים לאכל ממנו, **שאסור להורות מהם;** כי איש נכרי יאכלנו, **זה בעל התלמוד, שמטמא ומטהר, אוסר ומתיר״. עמד ר׳ אבא בר כהנא, נשקו על ראשו, אמר לו: „אילו לא עליתי אלא לשמוע מפיך הטעם הזה, דיי״.**

**ר׳ ישמעאל אומר** (משלי כח): חכם בעיניו איש עשיר, **זה בעל התלמוד;** ודל מבין יחקרנו, **זה בעל אגדה.**

---

**ר׳ ישמעאל זאָגט** (משלי כח, יא): חכם — אַ חכם ביי זיך אין די אויגן איז דער רייכער מאַן, **דאָס איז דער בעל התלמוד;**[5] אָבער דער פאַרשטענדיקער אָרימאַן פאַרשטײט אים דורך, **דאָס איז דער בעל אגדה**[6].

---

ב. [1] תנ״ך, פסוק. [2] „צוגאָבן״, הלכה מאַטעריאַלן, וואָס זיינען ניט אַריינגענומען געוואָרן אין רבים משניות און זיינען געבליבן אין אַ באַזונדערער זאַמלונג מיט דעם נאָמען. [3] די לעצטע דריי זיינען ברייתות (דרויסן געבליבענע משנהס), וואָס זיינען צעוואָרפן איבערן תלמוד. [4] פון דער משנה אַליין, צי פון דער תוספתא און פון די

### ג

(ג) אם — אויב אַ מאַן זאָל האָבן הונדערט קינדער, דאָס איז קין[1], וואָס האָט געהאַט הונדערט קינדער; און זאָל לעבן אַ סך יאָרן, וואָרום ער האָט געלעבט אַ סך יאָרן;[2] און נאָך מער זאָלן זיין די טעג פון זיין לעבן [3][וואָרום ער האָט געלעבט מער ווי זיין פאָטער מיט זיבן הונדערט זעקס און צוואַנציק יאָר;[4] אָבער זיין זעל האָט זיך ניט געזעטיקט מיט דעם גוטס],[5] דען זיין זעל האָט זיך ניט געזעטיקט מיט זיין געלט און ער האָט זיך ניט געזעטיקט מיט דעם גוטס פון דער וועלט; און אויך קיין קבורה האָט ער ניט געהאַט, דען ער איז געבליבן הענגען ניט אַהער, ניט אַהין, ביז דער מבול איז געקומען און האָט אים פאַרשווענקט, ווי אין פסוק שטייט (בראשית ז, כג): וימח — און ער האָט אַראָפּגעווישט דעם גאַנצן יקום, — וואָס מיינט יקום? באַשטאַנד; ר׳ בון האָט געזאָגט: דאָס באַזעצטע לאַנד;[6] ר׳ אליעזר זאָגט: יקום מיינט דאָס געלט וואָס שטעלט אַ מענטשן אויף די פיס;[7] ר׳ שמואל האָט געזאָגט: יקום, דאָס איז קין וואָס איז פאַרשווענקט געוואָרן. בעסער פון אים איז דעם מפּיל־קינד, דאָס איז זיין ברודער הבל.[8]

### ד

אַן אַנדער פשט: אויב אַ מאַן זאָל האָבן הונדערט קינדער, דאָס איז אחאב, וואָס האָט געהאַט הונדערט קינדער. האָט ר׳ אחא געזאָגט: אָבער עס שטייט דאָך געשריבן (מלכים ב, י, א): ולאחאב — און אחאב האָט געהאַט זיבעציק זין אין שומרון! האָט ר׳ הושעיא געזאָגט: אַזוי ווי ער האָט געהאַט זיבעציק זין אין שומרון, אַזוי האָט ער געהאַט זיבעציק זין אין יזרעאל,[1] און

---

ברייתות, טאָר מען דירעקט ניט פסקענען קיין דין, נייערט לויט דעם ווי זיי ווערן דיס־קוטירט און דערקלערט אין דער גמרא (זע ירושלמי הוריות ג, ה; זע אויך בבלי, בבא מציעא לג, א—ב). [5] וואָס מע מוז אָנקומען צו אים וועגן אַ פסק דין, ווי אויבן. [6] לויטן ירושלמי (דאָרט און אויך לויטן ילקוט קוהלת) באַציט זיך דער אויסדרוק אָבער גאָט גיט אים ניט קיין שליטה צו עסן דערפון אויפן בעל אגדה, צו וועלכן מאַנכע בעלי הלכה פלעגן זיך באַציען מיט ביטול, ווייל „ניט ער אסרט און ניט ער איז מתיר; ניט ער איז מטמא און ניט ער איז מטהר", — אין למדין מן האגדות, מע קאָן פון אגדה קיין הלכה ניט לערנען. אונדזער בעל המדרש, וועמען די אגדה איז געווען טייער, האָט דעם טעקסט געביטן, און דער מאמר פון ר׳ ישמעאלן (אין ירושלמי — ר׳ שמואל בר׳ יוסי) קלינגט דאָ ווי אַ פאָרוואורף דעם פאַרריסענעם בעל הלכה.

ג. [1] דאָ שטייט איש, און ביי קינען שטייט (בראשית ד, א): קניתי איש, איך האָב באַקומען אַ מאַן (מהרז״ו, שמות רבה לא, יז). [2] לויט בראשית רבה (כב, ב) איז קין געבוירן געוואָרן גלייך דעם טאָג ווען אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן, און ער האָט דערלעבט ביזן מבול. [3] געטייטשט לויטן דרש. [4] צוזאַמען מיט אדמען האָט ער געלעבט ניין הונדערט און דרייסיק יאָר, און דער מבול, ווען ער איז ענדלעך אומגעקומען, איז פאָרגעקומען מיט זיבן הונדערט זעקס און צוואַנציק יאָר נאָך אדמס טויט (מהרז״ו, דאָרטן). [5] צוגאָב לויט שמות רבה. [6] לויטן רד״ל (בראשית רבה לב, ה). [7] לויטן וואָרט קום, אויפשטיין. [8] וואָס האָט געלעבט זייער ווייניק, און איז געפאַלן (נפל) פון קינס הענט.

ד. [1] און הונדערט באַצייכנט דאָ נאָר אַ גרויסע צאָל, ווי אויבן ביי קינען. — לויטן מתנות כהונה איז געבויט דער דרש אויף דעם, וואָס אין פסוק ווערט געזאָגט אין שומרון,

ג

(ג) אם יוליד איש מאה, זה קין, שהוליד מאה בנים; ושנים רבות יחיה, שחיה שנים הרבה; ורב שיהיו ימי שניו, [שהוסיף ימים על ימי אביו תשכ״ו שנים; ונפשו לא תשבע מן הטובה] שלא שבע נפשו מממונו ולא שבע מטובו של עולם; וגם קבורה לא היתה לו, שהיה תלוי ברפיון, ובא המבול ושטפו, דכתיב (בראשית ז): וימח את כל היקום, — מהו היקום? קיומא; ר׳ בון אמר: אוקומיני; ר׳ אליעזר אומר: היקום הוא הממון שמעמיד רגליו של בעליו; ר׳ שמואל אמר: היקום, זה קין שנשטף. טוב ממנו הנפל, זה הבל אחיו.

ד

ד״א: אם יוליד איש מאה, זה אחאב, שהוליד מאה בנים. א״ר אחא: והכתיב (מלכים ב, י): ולאחאב שבעים בנים בשומרון! א״ר הושעיא: כשם שהיה לו שבעים בנים בשומרון, כך היה לו שבעים בנים ביזרעאל, וכל אחד ואחד מהן היו לו שתי פלטריות, אחת לקיץ ואחת לחורף, דכתיב (עמוס ג): והכיתי בית החרף על בית הקיץ. ור׳ יהודה בר׳ סימון אמר: תרי לקייטא ותרתי אוחרנייתא לסיתוא, שנאמר (שם): ואבדו בתי השן. רבנן אמרי: שש, שנאמר (שם) וספו בתים רבים. ושנים רבות יחיה, שחיה שנים רבות; ונפשו לא תשבע מן הטובה, מממונו; וגם קבורה לא היתה לו, דכתיב (מלכים א, כא): במקום אשר לקקו הכלבים, וגו׳; טוב ממנו הנפל, זה נפלה של זונה.

---

איטלעך איינער פון זיי האָט געהאַט צוויי פּאַלאַצן, איינעם אויף זומער און איינעם אויף ווינטער, ווי עס שטייט געשריבן (עמוס ג, טו): והכיתי — און איך וועל שלאָגן דעם ווינטער־הויז צוזאַמען מיטן זומער־הויז. און ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: צוויי אויף זומער און צוויי אַנדערע אויף ווינטער, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט): ואבדו — און עס וועלן אונטערגיין די העלפאַנד־ביין הייזער.[2] די רבנן זאָגן: זעקס, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט): און עס וועלן פאַרלענדט ווערן גרויסע הייזער.[3] און זאָל לעבן אַ סך יאָרן, דען ער האָט געלעבט אַ סך יאָרן; אָבער זיין זעל האָט זיך ניט געזעטיקט מיט דעם גוטס, מיט זיין געלט; און אויך קיין קבורה האָט ער ניט געהאַט, ווי עס שטייט געשריבן (מלכים א, כא, יט): במקום — אויף דעם אָרט וואו די הינט האָבן געלעקט דאָס בלוט פון נבותן [וועלן די הינט אויך דיין בלוט לעקן].[4] — בעסער פון אים איז דעם מפּיל־קינד, דאָס מיינט מען דעם מפּיל־קינד פון אַ זונה.[5]

ה

(ד) וואָרום אין נישטיקייט קומט עס, און אין פינצטערניש גייט עס אַוועק, — [האָט אחאב דען געלעבט] אָן אַ ליכט און אָן אַ מרחץ? נייערט, אָן תורה[1] און אָן מעשים טובים.

ו

(ה) אויך קיין זון האָט עס ניט געזען און ניט געקענט. ס'איז אַ משל מיט צוויי מענטשן וואָס זיינען געפאָרן אויף אַ שיף. אַז זיי זיינען אָנגעקומען צו אַ האַפן, איז איינער פון זיי אַראָפּ און איז אַריין אין שטאָט, און האָט דאָרט געזען אַ סך מאכלים, אַ סך משקאות און וואוילטאָג. אַז ער איז צוריקגעקומען אויף דער שיף, האָט ער געזאָגט צו זיין חבר: „פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנגען אין שטאָט אַריין?" האָט אים יענער געזאָגט: „און דו, וואָס דו ביסט יאָ אַראָפּ און אַריין [אין שטאָט], וואָס האָסטו דאָרט געזען?" האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב געזען אַ סך מאכלים, אַ סך משקאות און וואויל־טאָג". האָט ער געזאָגט צו אים: „האָסטו כאָטש גענאָסן פון דעם?" האָט ער אים געזאָגט: „ניין". האָט יענער געזאָגט צו אים: „איך, וואָס איך בין ניט אַריין, איז מיר אַ סך בעסער פון דיר, דערפאַר טאַקע וואָס איך בין ניט אַראָפּ און האָב ניט געזען". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: ער האָט מער נחת איידער יענער.

ז

(ו—ז) און ווען ער וואָלט געלעבט צוויי מאָל טויזנט יאָר — — — די גאַנצע מי פון מענטשן איז פאַר זיין מויל. ר' שמואל האָט געזאָגט: וויפיל אַ מענטש זאָל זיך ניט באַמיען און זיך איינאייגענען אויף דער וועלט מצוות און מעשים טובים, וועט עס אים ניט קלעקן ווען דער הויך וועט אים אַרויס פון מויל.[1] און די נשמה[2] ווערט אַלץ ניט אָנגעפילט, אפילו ווען זי גייט אַרויס קען זי ניט אויספילן דעם חלל [פון האַלדז].[3] ווי אַזוי גייט אַרויס

---

ווייזט עס אויס, אַז דאָס איז אויסער די זין וואָס ער האָט געהאַט אין יזרעאל. [2] הייזער איז ניט ווייניקער ווי צוויי, און אַ ווינטערהויז און אַ זומערהויז, איז צוזאַמען פיר. [3] ווידער אַ מאָל אַ מינימום פון צוויי, צוזאַמען זעקס. [4] און כאָטש ווייטער (דאָרט כב, לז) שטייט: ויקברו — און מע האָט באַגראָבן דעם מלך אין שומרון, שטייט אָבער ווייטער אין פסוק לח: און די הינט האָבן געלעקט זיין בלוט, — איז אַ טייל פון זיין בלוט דאָך ניט געקומען צו קבורה. [5] וואָס ווערט יאָ באַגראָבן.

ה. [1] אורה זו תורה, ליכט איז תורה (מגילה טז, ב).

ז. [1] ניטאָ דער מענטש וואָס זאָל שטאַרבן אַ פולשטענדיקער צדיק (זע קהלת ז, כ). די איבערזעצונג איז לויטן ילקוט (תתקעב), וואו עס שטייט בפירוש: בשעה שהנשמה יוצאת ממנו, — אין דער צייט ווען די נשמה גייט אַרויס פון אים. לויט די מפרשים דאַרף מען עס איבערזעצן: איז עס ניט גענוג [מכפר צו זיין] אויף דער נאַרישקייט (זינד) וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל. אָדער: איז עס ניט גענוג [באַצאָלט] פאַר דעם הויך (אָטעם) וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל [מיט וועלכן דער אייבערשטער האָט אים באַשאָנקען]. [2] לויטן דרש. [3] נייערט זי גייט אַרויס מיט שווערקייטן און פאַרשאַפט יסורים: „ווען מע וויל דורכפירן עפּעס דורך אַ חלל, איז אויב די זאַך האָט די זעלבע

ה

(ד) כי בהבל בא [ובחשך ילך], — **בלא נר ובלא מרחץ? אלא בלא תורה ובלא מעשים טובים.**

ו

(ה) גם שמש לא ראה ולא ידע. **משל לשני בני אדם שהיו באים בספינה. כשהגיעו ללמן, ירד אחד מהם ונכנס למדינה, וראה שם כמה מאכל, כמה משקה ושלוה. כשחזר בספינה, אמר לחבירו: „למה לא עללתה למדינתא?" א"ל: „ואת שירדת ועללת, מה חמית תמן?" א"ל: „ראיתי כמה מאכל, כמה משתה ושלוה." א"ל: „כלום נהנת?" א"ל: „לא." א"ל: „אנא, דלא עללית, נוח לי סגין מנך, דלא נחתית ולא חמיתי." הה"ד:** נחת לזה מזה.

ז

(ו—ז) ואלו חיה אלף שנים פעמים, וגו׳, כל עמל האדם לפיהו. **א"ר שמואל: כל מה שיעמול אדם ויסגל מצוות ומעשים טובים בעולם הזה, אינו מספיק להבל היוצא מתוך פיהו.** וגם הנפש לא תמלא, **אפילו הוצאתה אינה ממלאת את הגומא. כיצד הוצאת הנפש? ר׳ יוחנן אמר: כקפיטורין מתוך הושט. ר׳ חנינא אמר: כציפורן מתוך הושט. ר׳ שמואל ברבי . . . אמר: כסילון רטוב והפוך מן הושט.**

**א"ר חנינא בר יצחק: כל מה שיעמול אדם מצוות ומעשים טובים — לפיו, ולא לפי בנו ולא לפי בתו.** וגם הנפש לא תמלא,

---

די נשמה? ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ווי אַ שטריק־קנופּ פונעם שלונג.[4] ר׳ חנינא האָט געזאָגט: ווי אַ נאָגל פונעם שלונג.[5] ר׳ שמואל דער זון פון ר׳...[6] האָט געזאָגט: ווי אַן איבערגעדרייטער גרינגער[7] דאָרן פונעם שלונג.

ר׳ חנינא בר יצחק האָט געזאָגט: וויפיל אַ מענטש זאָל זיך ניט אָנהאָרעווען קיין מצוות און מעשים טובים, איז עס נאָר פאַר זיין מויל, אָבער ניט פאַרן מויל פון זיין זון אָדער טאָכטער. און די נשמה ווערט אַלץ ניט אָנגע־

---

מאָס ווי דער חלל און זי גייט דורך לייכט, הייסט עס, אַז זי פילט אויס דעם חלל; אויב אָבער די זאַך איז גרעסער ווי דער חלל און זי גייט דורך מיט גרויסע שוועריקייטן, הייסט עס, אַז זי קען ניט אויספילן דעם חלל" (מהרז"ו, ויקרא רבה ד, ב). — אַנשטאָט לא תמלא מיט אַ חיריק תו און קמץ מם, עס ווערט ניט אָנגעפילט, לייענט עס דער בעל המדרש מיט אַ שוא תו און פתח מם, עס פילט ניט אויס. [4] לויט יאַסטראָוו: ווי אַ ראַשיקער שטראָם דורך אַ [שמאָלן] קאַנאַל; לויט רש"י (ברכות ח, א): ווי אַ דיקער שטריק דורך אַ שמאָלן לאָך פון אַ ברעט. [5] לויט א. כהן (סאָנטשינא): ווי אַ ווירבל־וואַסער פון אַ קאַנאַל. [6] אין די געדרוקטע טעקסטן שטייט דאָ ר׳ שמואל ברבי, ר׳ שמואל דער זון

פּילט, וואָרום די נשמה ווייסט: אַלץ וואָס זי האָרעוועט, האָרעוועט זי פֿאַר זיך אַליין, דעריבער איז זי ניט געזעטיקט, ניט מיט תורה און ניט מיט מעשים טובים. ס'איז אַ משל — צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ קליינשטעטלדיקן וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ בת־מלכה; ער זאָל איר ברענגען וואָס נאָר אויף דער וועלט איז פֿאַראַן, איז עס איר גאָרניט אָנגעלייגט. פֿאַרוואָס? ווייל זי איז אַ מלכס טאָכטער. אַזוי די נשמה, — זאָלסט איר ברענגען אַלע וואוילטאָגן פֿון דער וועלט,[8] איז עס איר גאָרניט. פֿאַרוואָס? ווייל זי איז פֿון די אייבערשטע [וועלטן].

דריי זיינען ניט דאַנקבאַר זייערע בעלי בתים: די נשמה, און די ערד, און די פּרוי. די נשמה — פֿון וואַנען איז געדרונגען? ווי דער פּסוק זאָגט: און די נשמה ווערט אַלץ ניט אָנגעפילט; די ערד, ווי דער פּסוק זאָגט (משלי ל, טז): ארץ — די ערד ווערט ניט זאַט מיט וואַסער; די פּרוי, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט, כ): אכלה — זי האָט אָפּגעגעסן אנן אָפּגעווישט איר מויל.[9]

דריי נעמען בשפע — און גיבן בשפע, און דאָס זיינען זיי: דער ים, די ערד און אויך דאָס מלכות.

ר' יהושע פֿון סיכנין האָט געזאָגט: זעקס מאָל שטייט דאָס וואָרט נפש,[10] קעגן די זעקס טעג פֿון דער וועלט באַשאַפֿונג. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו דער זעל: „אַלץ וואָס איך האָב באַשאַפֿן אין די זעקס טעג פֿון בראשית, האָב איך פֿון דיינט וועגן באַשאַפֿן, און דו גזלסט, און זינדיקסט און באַגייסט אומרעכט.[11]

ח

(ח) כי מה יותר — וואָרום וואָס קומט אַרויס דעם חכם מער ווי דעם נאַר? וואָס [פֿעלט] דעם אָרימאַן, וואָס ווייסט אומצוגיין מיטן לעבן? בייערט וואָס זאָל ער טאָן? [1] זאָל ער גיין צו איינעם וואָס איז גרעסער פֿון אים אין תורה,[2] און ער וועט אים דערקלערן זיין לערנען.

אַן אַנדער פּשט: וואָס האָט דער אָרימאַן, וואָס ווייסט, — וואָס האָט איינער וואָס איז אָרים אין פֿאַרמעגן צו גיין צום עושר? [3] טאָ וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער גיין; און זיך [אַליין] פֿאַרנעמען מיט מסחר.[4] אַן אַנדער פּשט:

---

פֿון רבי; אָבער רבי (ר' יהודה הנשיא) האָט ניט געהאַט קיין זון מיט דעם נאָמען. איז עס קלאָר, אַז דאָ איז אַרויסגעפאַלן דעם פֿאָטערס נאָמען. [7] ווען דער דאָרן איז גרין איז ער שעדלעכער. [8] מצוות און מעשים טובים. [9] עס רעדט זיך וועגן אַן אומגעטרייער ווייב, וואָס איר אייגענער מאַן איז איר ניט גענוג, און אַזוי אויך די פֿריערדיקע צוויי: וויפֿיל ער גיט זיי איז ניט גענוג. [10] אין ויקרא ה, וואו עס רעדט זיך וועגן אַ נפש וואָס פֿאַרזינדיקט זיך. [11] אין שייכות מיטן פֿריערדיקן, — די גאַנצע וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַר איר, און איר איז אַלץ ווייניק.

ח. [1] דער וואָס איז אַן אָרימאַן [אין תורה]. [2] תורה איז אידענטיש מיט לעבן, — דער וואָס איז אָרים אין תורה דאַרף גיין צו יענעם וואָס איז רייך אין דעם, און דאָס זאָל מיינען אומצוגיין מיטן לעבן. [3] אַן אָרימאַן איז פֿאַררעכנט ווי טויט (עבודה זרה ה, א), איז עשירות אידענטיש מיט לעבן (מהרז"ו). [4] אויף זיין קליינעם אופֿן, ווייל אַן עושר וועט מיט אים קיין שותפֿות ניט מאַכן (א. כהן סאָנטשינא).

שהנפש יודעת: כל מה שהיא עמלה, לעצמה היא עמלה, לכך אינה שבעה לא תורה ולא מעשים טובים. משל למה הדבר דומה? לעירוני שנשא בת מלכים; אם יביא לה כל מה שבעולם, אינן חשובין לה כלום. למה? שהיא בת מלך. כך הנפש, אילו הבאת לה כל מעדני עולם, אינם כלום לה. למה? שהיא מן העליונים.

שלשה אין מחזיקין טובה לבעליהן: הנפש, והארץ, והאשה. הנפש מניין? שנאמר: וגם הנפש לא תמלא; הארץ, שנאמר (משלי ל): ארץ לא שבעה מים; אשה, שנאמר (שם): אכלה ומחתה פיה.

ר׳ יהושע דסיכנין אמר: ששה פעמים כתיב בה נפש כנגד ששת ימי בראשית. אמר הקב״ה לנפש: „כל מה שבראתי בששת ימי בראשית בשבילך בראתי, ואת גוזלת וחוטאת וחומסת.

ח

(ח) כי מה יותר לחכם מן הכסיל? מה לעני יודע להלך נגד החיים? אלא מה יעשה? ילך אצל גדול ממנו בתורה ויבאר לו משנתו.

ד״א: מה לעני יודע, — מה לעני בנכסיו להלוך אצל העשיר? מה יעשה? ילך ויעסוק בפרקמטיא. ד״א: מה לעני יודע, — מה יעשה במשא ומתן? מה יעשה, — ישב ובטל? ילמד אומנות, והקב״ה מפרנסו, ויחיה.

ט

(ט) טוב מראה עינים מהלך נפש. טוב מי שהוא מבאר משנתו, ממי ששונה ורגיל בהרגל לשון והולך.

---

וואָס האָט דער אָרימאַן וואָס ווייסט, — וואָס קאָן ער טאָן מיט מסחר? טאָ וואָס זאָל ער טאָן, — זאָל ער זיצן ליידיק? זאָל ער לערנען אַ מלאכה, און הקדוש ברוך הוא וועט אים שפּייזן, און ער וועט לעבן.

ט

(ט) טוב — בעסער איז דאָס זען מיט די אויגן, איידער דאָס וואָגלען פון דער זעל, — ס׳איז בעסער דער וואָס באַמיט זיך צו דערקלערן זיין לערנען, פון דעם וואָס לערנט אויס געוואוינשאַפט, און גייט אַזוי מיט דער געוואוינשאַפט פון דער צונג.[1]

---

ט. [1] לערנט מעכאַניש, ניט אַריינטראַכטנדיק זיך אין תוך פונעם געלערנטן.

## י

(י) **מה שהיה** — וואָס עס איז געווען איז זיין נאָמען שוין לאַנג צוריק אָנגערופן געוואָרן, — **דאָס איז אדם הראשון, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית ב, טו): ויקח ה׳ — און גאָט דער האַר האָט גענומען דעם מענטשן, — און ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז ער איז [ניט מער ווי] אַ מענטש. ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך און אַ מדינה־עלטסטן וואָס זיינען געפאָרן אין אַ קאַרעטע. און די לייט פון דער מדינה האָבן געוואָלט אויסרופן צום מלך: „דאָמינין!"[1] אָבער זיי האָבן ניט געוואוסט ווער ער איז. וואָס האָט דער מלך געטאָן? ער האָט אים אַרויסגעשטופט פון דער קאַרעטע, האָבן אַלע געוואוסט, אַז ער איז [ניט מער ווי] אַ מדינה־עלטסטער. אַזוי אויך, ווען הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן אדם הראשונען, האָבן די מלאכים אַ טעות געהאַט אין אים און האָבן געוואָלט זאָגן פאַר אים „קדוש!"[2] וואָס האָט הקדוש ברוך הוא געטאָן? ער האָט אָנגעוואָרפן אַ שלאָף אויף אים, האָבן אַלע געוואוסט, אַז ער איז [ניט מער ווי] אַ מענטש; און ער האָט געזאָגט צו אים (דאָרט ג, יט): כי — וואָרום ערד ביסטו, און צו ערד זאָלסטו זיך אומקערן.

## יא

**אַן אַנדער פשט:** וואָס עס איז געווען איז זיין נאָמען שוין לאַנג צוריק אָנגערופן געוואָרן, — **דאָס איז משה, ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא א, א): ויקרא — און ער האָט גערופן צו משהן; — און עס איז באַוואוסט געוואָרן צו אַלעמען, **אַז דער דאָזיקער משה איז אַ נביא, ווען הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט** (שמות ג, י): ועתה — און אַצינד קום און איך וועל דיך שיקן צו פרעהן. **אָבער ווען עס איז געקומען צו יענער מעשה,[1] האָט ער געזאָגט** (דאָרט לב, ז): לך רד — גיי נידער אַראָפּ [וואָרום פאַרדאָרבן געוואָרן איז דיין פאָלק]. **האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! ווען זיי זיינען גוט, זיינען זיי דיינע; און ווען זיי זיינען שלעכט, זיינען זיי מיינע? צי גוט צי שלעכט זיינען זיי דאָך דיינע!" ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ וויינגאָרטן, און האָט אים איבערגעגעבן צו אַן אָריס[2] זיך אָפּצוגעבן[3] מיט אים. איז ווען דער וויינגאָרטן פלעגט אַרויסגעבן גוטן וויין, פלעגט דער מלך זאָגן: „ווי גוט דער וויין פון מיין וויינגאָרטן איז!" אָבער ווען ער פלעגט אַרויסגעבן שלעכטן וויין, פלעגט דער מלך זאָגן: „דער וויין פון מיין אָריסעס וויינגאָרטן איז שלעכט". און דער אָריס וויינט און שרייט און זאָגט פאַר אים: „מיין האַר מלך! ווען ער גיט גוטן וויין, איז ער דיינער; און ווען ער גיט**

---

י. [1] האַר, הערשער. לויט יאַסטראָוו דאַרף אָנשטאָט דומינין שטיין הימנון, — זיי האָבן אים געוואָלט זינגען אַ הימנע. [2] צוליב זיין ענלעכקייט צום אייבערשטן (לאָמיר מאַכן אַ מענטשן אין אונדזער געשטאַלט, — בראשית א, כו).

יא. [1] ווען די יידן האָבן געמאַכט דאָס גאָלדענע קאַלב. [2] זע אויבן ה, יג, באַמ. 1. [3] אין דער ראָם אויסגאַבע פון תרס"ט איז דער נוסח אָנשטאָט לעלול — לעמול, צו אַרבעטן, באַאַרבעטן.

י

(י) מה שהיה כבר נקרא שמו, **זה אדם הראשון, שנאמר** (בראשית ב): ויקח ה׳ אלהים את האדם, — ונודע אשר הוא אדם. **משל למלך ואפרכוס שהיו נתונין בקרונין. והיו מבקשין בני המדינה לומר למלך: „דומינין!״ ולא היו יודעין, אי זהו. מה עשה המלך? דחפו והוציאו חוץ לקרונין, וידעו הכל, שהוא אפרכוס. כך בשעה שברא הקב״ה אדם הראשון, טעו בו מלאכי השרת ובקשו לומר לפניו „קדוש!״ מה עשה הקב״ה? הפיל עליו שינה, וידעו שהוא אדם; ואמר לו** (שם, ג): כי עפר אתה ואל עפר תשוב.

יא

**ד״א:** מה שהיה כבר נקרא שמו, — **זה משה, שנאמר** (ויקרא א): ויקרא אל משה; — ונודע לכל, **כי זה משה נביא הוא, בשעה שאמר לו הקב״ה** (שמות ג): ועתה לכה ואשלחך אל פרעה, **וכשבא לאותו מעשה, אמר** (שם לב): לך רד [כי שחת עמך]. **אמר לפניו: „רבוש״ע! כד אינון טבין, אינון דידך; וכד אינון בישין, אינון דידי? בין טבין בין בישין דידך אינון!״ משל למלך שהיה לו כרם, ומסרו לאריס לעלול בו. כשעושה יין טוב, אומר המלך: „כמה חמריה דכרמי טב!״ וכשעושה יין רע, אומר המלך: „חמ-ריה דכרמא דאריסי ביש״. והאריס בוכה וצווח ואומר לפניו: „אדוני המלך! כך עבד חמר טב, דידך הוא; וכד הוה עביד ביש, דידי הוא? אלא בין טב ובין ביש דידך הוא!״ כך אמר משה: „בין טבין בין בישין דידך אינון!״** ולא יוכל לדין עם שתקיף ממנו: **כשאמר לו** (דברים ג): אעברה נא ואראה את הארץ הטובה, **אמר לו הקב״ה** (שם): רב לך, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה.

**ד״א:** מה שהיה, **זה ירמיהו;** ונודע **לכל שהוא נביא, שנאמר**

---

שלעכטן, איז ער מיינער? נייערט סיי גוט סיי שלעכט איז ער דאָך דיינער!״ אַזוי האָט משה געזאָגט: „צי גוט צי שלעכט זיינען זיי דיינע!״ און ער קען זיך ניט לאָדן מיט דעם וואָס איז שטאַרקער פון אים: **ווען ער האָט געזאָגט צו אים** (דברים ג, כה): אעברה נא — לאָמיך אַריבערגיין, איך בעט, און לאָמיך זען דאָס גוטע לאַנד, **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים** (דאָרט פסוק כו): רב לך — גענוג דיר, זאָלסט ניט מער רעדן צו מיר וועגן דערדאָ-זיקער זאַך.

**אַן אַנדער פשט:** וואָס עס איז געווען, **דאָס איז ירמיהו;** און עס איז באַוואוסט געוואָרן **צו אַלעמען, אַז ער איז אַ נביא, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה א, ה):

בטרם — איידער איך האָב דיך געפורעמט אין מוטערלייב, האָב איך דיך דערקענט — — — [אַ נביא פאַר פעלקער האָב איך דיך געמאַכט].

## יב

(יא) כי יש — פאַרוואָר, עס זיינען פאַראַן אַ סך זאַכן [1] וואָס מערן נישטיקייט, אַ שטייגער די וואָס האָדעווען מאַלפּעס, און קעץ, און שטעכלערס, און שימפּאַנזעס, און ים־הינט, — וואָסער הנאה האָבן זיי פון זיי? אָדער אַ ביס, אָדער אַ שטאָך, — וואָס איז די הנאה? אָדער אַ מכה, אָדער אַ וואונד. דעסטגלייכן איז מיט איינעם וואָס רייניקט אויס זיין פעלד פון שטיינער און וואַרפט זיי אין רשות הרבים,[2] — וואָסער הנאה האָט ער? אַ שטרויכלונג, אָדער אַ בייל (אַנדערע זאָגן [אָנשטאָט מרמוצי] מרצומי).[3]

געשען איז אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן,[4] וואָס האָט אויסגערייניקט זיין פעלד פון שטיינער און האָט זיי געוואָרפן אין גאַס אַרויס. איז דאָרט געווען איינער אַ חסיד, האָט ער אים נאָכגעיאָגט און געזאָגט: „פאַרוואָס וואַרפסטו שטיינער פון אַן אָרט וואָס איז ניט דיינס אין אַן אָרט וואָס איז דיינס?" האָט ער געלאַכט פון אים. אין אַ צייט אַרום איז יענער מענטש געוואָרן נויטבאַדערפטיק און האָט פאַרקויפט זיין פעלד. איז ער געגאַנגען אין גאַס און האָט זיך פאַרטשעפּעט [און איז געפאַלן]. האָט ער געזאָגט: „ניט אומזיסט האָט מיר יענער חסיד געזאָגט: 'דו וואַרפסט אין [אַן אָרט וואָס איז] דיינס'." וואָס קומט אַרויס דעם מענטשן?[5]

## יג

(יב) כי מי יודע — וואָרום ווער וויים, וואָס איז גוט פאַרן מענטשן אין לעבן? ר' הונא אין נאָמען פון ר' אחאן: דוד האָט געזאָגט אַ וואָרט, און האָט עס ניט באַשיידט, האָט עס זיין זון שלמה באַשיידט; און שלמה האָט געזאָגט אַ וואָרט און האָט עס ניט באַשיידט, האָט עס זיין פאָטער דוד באַשיידט. שלמה האָט געזאָגט: וואָרום ווער וויים, וואָס איז גוט פאַרן מענטשן אין לעבן — — — וואָס ער מאַכט דורך ווי אַ שאָטן? ווי [וואָסער שאָטן]? וועסטו זאָגן, ווי דער שאָטן פון אַ וואַנט, האָט ער דאָך אַ ממשות;[1] אויב ווי דער שאָטן פון אַ טייטלבוים, האָט ער דאָך אַ ממשות. איז געקומען דוד און האָט עס באַשיידט (תהלים קמד, ד): ימיו — זיינע טעג זיינען ווי אַ פאַרבייגייענדיקער שאָטן. „דוד האָט געזאָגט אַ וואָרט און האָט עס ניט באַשיידט, האָט עס זיין זון שלמה באַשיידט" — דוד האָט געזאָגט (דאָרט): אדם — אַ מענטש איז געגליכן צו הבל,[2] — צו וואָסער הבל? אויב צו דער פאַרע פון

---

יב. [1] אַזוי לויטן דרש. [2] אַן אָרט וואו אַלע האָבן רשות צו גיין. [3] צוגאָב פון אַן איבערשרייבער. [4] טעקסט געענדערט לויט תוספתא בבא קמא, ב, יג, און לויט בבלי בבא קמא נ, ב. [5] ווען ער באַטראַכט זיך ניט צוערשט וואָס ער טוט? בלויז פאַרדרוס.

יג. [1] כל־זמן די וואַנט שטייט האַלט זיך אויך דער שאָטן. [2] וואָס מיינט אי אַ הויך, אי נישטיקייט.

(ירמיה א): בטרם אצרך בבטן ידעתיך — — — [נביא לגוים נתתיך].

יב

(יא) כי יש דברים הרבה מרבים הבל, כגון מגדלי קופות, וחתולות וחולדות הסנאין, ואדני שדה, וכלב הים, — מה אית להון הנייה מנהון? או חד אמכותי, או חד מעקוצי, — מה הנייה? או חד פלקא, או חד פדעה. וכן המסקל מתוך שדהו ונותנו לרשות הרבים, — מה הנייה אית ליה? או חד תוקלא, או חד מרמוצי (ויש אומרים: מרצומי).

מעשה (בחסיד) [באדם] אחד שהיה מסקל מתוך שדהו ונותנו לרשות הרבים. והיה שם חסיד אחד, והיה רודפו ואומר לו: „מפני מה את מסקל מתוך שאינו שלך ונותן לתוך שלך?" והיה שוחק עליו. ולאחר ימים נצרך (החסיד) [אותו האיש] ומכר את שדהו. והיה מהלך ברשות הרבים ונתקל. אמר לו: „לא על חנם אמר לי אותו חסיד: 'נותן לתוך שלך'". מה יותר לאדם?

יג

(יב) כי מי יודע, מה טוב לאדם בחיים? ר' הונא בשם ר' אחא: דוד אמר דבר אחד ולא פרשו, ופרשו שלמה בנו; ושלמה אמר דבר אחד ולא פרשו, ופרשו דוד אביו. שלמה אמר: כי מי יודע, מה טוב לאדם בחיים — — — ויעשם כצל? כיצד? אם תאמר, לצלו של כותל, יש בו ממש; אם לצלו של דקל, יש בו ממש. בא דוד ופרש (תהלים קמד): ימיו כצל עובר. „דוד אמר דבר אחד ולא פרשו, ופרשו שלמה בנו" — דוד אמר (שם): אדם להבל דמה, — לאיזה הבל? אם להבל של תנור, יש בו ממש; אם להבל של כירה, יש בו ממש. בא שלמה ופרש: הבל הבלים.

---

אַ באַקאויוון, האָט זי דאָך אַ ממשות; אויב צו דער פּאַרע פון אַ קאָכאויוון, האָט זי דאָך אַ ממשות. איז געקומען שלמה און האָט עס באַשיידט: הבל הבלים — נישטיקייט פון נישטיקייטן.

**אַן אַנדער פשט:** וואָרום ווער וויס, וואָס איז גוט פאַרן מענטשן אין לעבן? **ר׳ פינחס האָט געזאָגט: וויבאַלד דעם מענטשנס טעג זיינען נישטיק, און געציילט זיינען זיי, און ווי אַ שאָטן זיינען זיי, טאָ וואָסער הנאה האָט ער אין לעבן? נייערט זאָלן זיי זיך פאַרנעמען מיט דברי תורה, וואָס זיינען דורך און דורך** לעבן.

אשר — וואָס ווער קען זאָגן דעם מענטשן, וואָס וועט זיין נאָך אים אונטער דער זון? **שלמה האָט געזאָגט: „איך וועל דיר זאָגן, וואָס איז בעסער פון אַלץ** (ז, א): טוב — בעסער איז אַ [גוטער] נאָמען, איידער גוטער אייל.

**ד״א:** כי מי יודע, מה טוב לאדם בחיים? **אמר ר׳ פנחס: הואיל והבל הם ימיו של אדם ומספר הם וכצל הם, מה הנאה יש לו בחיים? אלא יתעסקו בדברי תורה, שכולן חיים.**

אשר מי יגיד לאדם, מה יהיה אחריו תחת השמש? **אמר שלמה: „אני אגיד לך, מה טוב מכולן** (ז, א): טוב שם משמן טוב״.

## צווייטער סדר[1]

# פרשה ז

### א

(א) טוב — בעסער איז אַ נאָמען, איידער גוטער אייל. גוטער אייל נידערט אַראָפּ, אָבער אַ גוטער נאָמען גייט אַרויף. גוטער אייל איז נאָר פאַר אַ צייט, אָבער אַ גוטער נאָמען איז אויף אייביק. גוטער אייל ווערט צו נישט, אָבער אַ גוטער נאָמען ווערט ניט צו נישט. גוטן אייל [קריגט מען] פאַר געלט, אָבער אַ גוטן נאָמען — אומזיסט. גוטער אייל האָט אַ ווערט פאַר לעבעדיקע, אָבער אַ גוטער נאָמען האָט אַ ווערט פאַר לעבעדיקע און טויטע. גוטער אייל [געפינט זיך נאָר] ביי רייכע; אָבער אַ גוטער נאָמען — ביי רייכע און ביי אָרימע. [דער ריח פון] גוטן אייל טראָגט זיך נאָר פון קאַמער אין זאַל אַריין, אָבער אַ גוטער נאָמען — פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן. אַז גוטער אייל פאַלט אויף אַ טויטן, ווערט ער פאַרשטונקען, ווי דער פסוק זאָגט (קהלת י, א): זבובי מות — טויטע פליגן מאַכן שטינקען און בלעזלען דעם אייל פונעם זאַלבמישער; אָבער אַ גוטער נאָמען פאַלט אויף טויטע און ער ווערט ניט פאַרשטונקען, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים ב, ד, לד): ויעל — און ער איז אַרויף — — — און האָט זיך אויסגעצויגן אויף אים[2] — — —. אַז גוטער אייל פאַלט אויף וואַסער, ווערט ער פאַרשוווּנקט; אָבער אַ גוטער נאָמען אַז ער פאַלט אויף וואַסער, ווערט ער ניט פאַרשוווּנקט, ווי דער פסוק זאָגט (יונה ב, יא): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט דעם פיש, און ער האָט אויסגעשפּיגן יונהן אויף דער יבשה. אַז גוטער אייל פאַלט אויפן פייער, ווערט ער פאַרברענט; אָבער אַ גוטער נאָמען אַז ער פאַלט אויפן פייער, ווערט ער ניט פאַרברענט, ווי עס שטייט געשריבן (דניאל ג, כז): באדין — דעמאָלט זיינען אַרויס [שדרך, מישך און עבד־נגו פון פייער].

ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: מיר געפינען, אַז מענטשן [וואָס זיינען געווען געזאַלבט] מיט גוטן אייל זיינען אַריין אין אַן אָרט פון לעבן, און זיינען אַרויסגעקומען פאַרברענטע; און מענטשן מיט אַ גוטן נאָמען זיי־נען אַריין אין אַן אָרט פון טויט, און זיינען אַרויסגעקומען לעבעדיקע: נדב און אביהוא זיינען אַריין אין אַן אָרט פון לעבן,[3] און זיינען געשטאָרבן; חנניה, מישאל און עזריה[4] זיינען אַריין אין אַן אויוון מיט פייער, און זיינען אַרויס־

---

א. [1] זע אַריינפיר א. [2] אלישע הנביא האָט זיך אויסגעצויגן אויפן טויטן קינד און אים צוריק אויפגעלעבט, און זיין גרויסער נאָמען איז דורך דער באַרירונג מיטן טויטן נאָך גרעסער געוואָרן. [3] פאַרן מזבח (זע ויקרא י, א). [4] אידענטיש מיט שדרך, מישך און עבד־נגו פון אויבן.

## סדרא תניינא

# פרשה ז

א

(א) טוב שם משמן טוב. שמן טוב יורד, ושם טוב עולה. שמן טוב לשעתו, ושם טוב לעולם. שמן טוב כלה, ושם טוב אינו כלה. שמן טוב בדמים, ושם טוב בחנם. שמן טוב נוהג בחיים, ושם טוב נוהג בחיים ובמתים. שמן טוב בעשירים, ושם טוב בעניים ובעשירים. שמן טוב מהלך מקיטון לטרקלין, ושם טוב הולך מסוף עולם ועד סופו. שמן טוב נופל על המת ומבאיש, שנאמר (קהלת י): זבובי מות יבאיש יביע שמן רוקח; שם טוב נופל על המתים ואינו מבאיש, שנאמר (מלכים ב, ד): ויעל — — — ויגהר עליו, וגו׳. שמן טוב נופל על המים ונידות, ושם טוב נופל על המים ואינו נידות, שנאמר (יונה ב): ויאמר ה׳ לדג, ויקא את יונה. שמן טוב נופל על האור ונשרף, ושם טוב נופל על האור ואינו נשרף, דכתיב (דניאל ג): באדין נפקין [שדרך משך ועבד נגו מן גוא נורא].

א״ר יהודה בר׳ סימון: מצינו בעלי שמן טוב נכנסו למקום חיים ויצאו הם שרופין; ובעלי שם טוב נכנסו למקום מתים, ויצאו חיים: נדב ואביהוא נכנסו למקום חיים ומתו; חנניה, מישאל ועזריה נכנסו לאתון נורא ויצאו חיים. לכך נאמר: טוב שם משמן טוב.

ב

רבנן אמרי: אמר הקב״ה למשה: „לך ומנה לי כהן גדול״. אמר לפניו: „רבוש״ע! מאיזה שבט?״ א״ל: „משבט לוי״. „ובמה

---

געקומען לעבעדיקע. דעריבער שטייט געשריבן: בעסער איז אַ נאָמען, איי־דער גוטער אייל.

ב

די רבנן זאָגן: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משהן: „גיי און באַ־שטים מיר אַ כוהן גדול״. האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם: פון וועלכן שבט?״ האָט ער אים געזאָגט: „פון שבט לוי״. „און מיט וואָס זאָל

איך אים זאלבן?" האט ער אים געזאגט: „מיטן זאלב־אייל". האט זיך משה דעמאלט געפרייט און געזאגט: „אזוי איז מיין שבט באליבט פאר הקדוש ברוך הוא!" האט הקדוש ברוך הוא געזאגט צו אים: „ביי דיין לעבן! ס'איז ניט דיין שבט, נייערט דיין ברודער איז עס". דאס איז ווי עס שטייט געשריבן (שמות כח, א): ואתה — און דו מאך גענענען צו דיר [דיין ברודער אהרנען].[1] און פון וואנען איז געדרונגען, אז זיין זאלבונג איז געווען מיטן זאלב־אייל? ווי דער פסוק זאגט (דארט כט, ז): ולקחת — און דו זאלסט נעמען דעם זאלב־אייל. אבער זיין עבודה וואלט קיין עבודה ניט געווען, און ער וואלט זיך נאך געהאט פארזינדיקט, ווען ניט דאס וואס די נעמען פון די שבטים זיינען געווען אויסגעקריצט [ אויפן חושן וואס] אויף זיין הארצן, ווי עס שטייט געשריבן (דארט כח, כט): ונשא אהרן — און אהרן זאל טראגן [די נעמען פון די קינדער פון ישראל און דעם חושן פון משפט אויף זיין הארצן].[2] הקדוש ברוך הוא האט געזאגט: „די נעמען פון די שבטים זיינען מיר מער באליבט ווי דער זאלב־אייל, וואס [מיט אים] זיינען געזאלבט געווארן כוהנים און מלכים".

ר' נחמיה האט געזאגט: הקדוש ברוך הוא האט געזאגט צו משהן: „גיי און באשטים מיר א כוהן גדול". האט ער געזאגט פאר אים: „רבונו של עולם! פון וועלכן שבט?" האט ער אים געזאגט: „פון שבט לוי". „און מיט וואס זאל איך אים זאלבן?" האט ער אים געזאגט: „מיטן זאלב־אייל". האט זיך משה דעמאלט געפרייט און געזאגט: „אזוי איז מיין שבט באליבט פאר הקדוש ברוך הוא!" האט הקדוש ברוך הוא געזאגט צו אים: „ביי דיין לעבן! ס'איז ניט דיין שבט, נייערט דיין ברודער איז עס". דאס איז ווי עס שטייט געשריבן: ואתה — און דו מאך גענענען צו דיר [דיין ברודער אהרנען]". און פון וואנען איז געדרונגען, אז זיין זאלבונג איז געווען מיטן זאלב־אייל? ווי דער פסוק זאגט: ולקחת — און דו זאלסט נעמען דעם זאלב־אייל. אבער זיין עבודה וואלט קיין עבודה ניט געווען, און ער וואלט זיך נאך געהאט פארזינדיקט, ווען ניט דאס וואס די נעמען פון די שבטים זיינען געווען אויסגעקריצט אויף [די איידלשטיינער וואס אויף] זיינע צוויי אקסלען, ווי עס שטייט געשריבן (דארט כח, יב): ונשא אהרן — און אהרן זאל טראגן זייערע נעמען פאר גאט אויף זיינע צוויי אקסלען פאר א דערמאנונג. (דארט, י) זעקס פון זייערע נעמען [אויף איין שטיין, און די איבעריקע זעקס נעמען אויפן צווייטן שטיין]. ר' ביבי האט געזאגט: אויב איין אות פון זיי וואלט געפעלט, וואלטן זיי ניט געקענט גענוצט ווערן.[3] ר' אושעיא האט געלערנט: אפילו איין פינטל.

ר' שמעון בן יוחאי האט געלערנט: דריי קרוינען זיינען פאראן: די קרוין פון תורה, און די קרוין פון כהונה, און די קרוין פון מלכות. די קרוין פון כהונה האט אהרן זוכה געווען און ער האט זי באקומען; די קרוין פון מלכות האט דוד זוכה געווען, און ער האט זי באקומען; די קרוין פון תורה ליגט

אני מושחו?״ א״ל: ״בשמן המשחה״. באותה שעה שמח משה. אמר: ״כך שבטי חביב לפני הקב״ה!״ א״ל הקב״ה: ״חייך! לא שבטך הוא, אלא אחיך הוא״. הה״ד (שמות כח): ואתה הקרב אליך [את אהרן אחיך]. ומשיחתו משמן המשחה מניין? שנאמר (שם כט): ולקחת את שמן המשחה. אבל עבודתו אינה עבודה ונת־חייב, אילולא ששמותן של שבטים חקוקים על לבו, דכתיב (שם כח): ונשא אהרן את שמות [בני ישראל בחשן המשפט על לבו]. אמר הקב״ה: ״חביבין עלי שמותן של שבטים משמן המשחה שנמשחו כהנים ומלכים״.

אמר ר׳ נחמיה: אמר הקב״ה למשה: ״לך ומנה לי כהן גדול״. אמר לפניו: ״רבוש״ע! מאיזה שבט? א״ל: ״משבט לוי״. ״ובמה אני מושחו?״ א״ל: ״בשמן המשחה״. באותה שעה שמח משה. אמר: ״כך שבטי חביב לפני הקב״ה!״ א״ל הקב״ה: ״חייך! לא שבטך הוא, אלא אחיך הוא״. הה״ד: ואתה הקרב אליך [את אהרן אחיך]. ומשיחתו משמן המשחה מניין? שנאמר: ולקחת את שמן המשחה. אבל עבודתו אינה עבודה ונתחייב, אלולא שמותן של שבטים חקוקים על שתי כתיפיו, דכתיב (שם כח): ונשא אהרן את שמותם לפני ה׳ על שתי כתפיו לזכרון, (שם) ששה משמותם [על האבן האחת, ואת שמות הששה הנותרים על האבן השנית]. אמר ר׳ ביבי: אילו חסרים אות אחת, לא היו משמשין. תני ר׳ אושעיא: אפילו נקודה אחת.

תני ר׳ שמעון בן יוחאי: שלשה כתרים הם: כתר תורה, וכתר כהונה, וכתר מלכות. כתר כהונה זכה בו אהרן ונטלו; כתר מלכות זכה בו דוד ונטלו; כתר תורה הרי מונח לדורות. כל מי שזוכה לתורה, כאילו זכה לשלשתן; וכל שלא זכה לשלשתן, כאילו לא זכה לאחת מהן.

---

גרייט פאַר די [מענטשן פון אַלע] דורות.[4] איטלעכער וואָס איז זוכה צו תורה, איז זוכה אַלע דריי; און דער וואָס איז ניט זוכה צו אַלע דריי, איז גלייך ווי ער וואָלט ניט זוכה געווען צו קיינער פון זיי.[5]

---

ב. [1] דאָ ווערט באַזונדערס אַקצענטירט דיין ברודער. [2] אהרנס באַליבטקייט ביי גאָט איז געווען אין זכות פונעם גוטן נאָמען וואָס די שבטים האָבן געהאַט. [3] דאָס וואָס דער פסוק חזרט איבער מער ווי איין מאָל וועגן די נעמען איז אַ סימן, אַז ס׳האָט געדאַרפט זיין פינקטלעך געקריצט. [4] און ווער עס באַמיט זיך אין תורה קאָן זי זוכה זיין. [5] אויב אַ כוהן אָדער אַ מלך איז ניט קיין תלמיד חכם, האָט זיין קרוין פון כהונה

ר׳ בון האָט אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן געזאָגט: מיר געפינען, אַז הקדוש ברוך הוא איז געגאַנגען אַ מהלך פון פינף הונדערט יאָר גאַנג[6] איינצושאַפן זיך אַ נאָמען, ווי עס שטייט געשריבן (שמואל ב, ז, כג): אשר — וואָס גאָט איז געגאַנגען אויסלייזן פאַר זיך פאַר אַ פאָלק, און זיך צו מאַכן אַ נאָמען. ר׳ יוסי הגלילי[7] האָט געזאָגט: [גאָט האָט אַרויסגענומען פון מצרים] די אומה מיט אירע געטער.[8] האָט געזאָגט צו אים ר׳ עקיבא: „האָסטו דאָך געמאַכט פון הייליקייט וואָכעדיקייט![9] [נייערט] ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „דו האָסט, כביכול,[10] זיך אַליין אויסגעלייזט", ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט): אשר — וואָס דו האָסט דיר אויסגעלייזט פון מצרים אַ פאָלק מיט זיין גאָט.[11]

עס שטייט געשריבן (דברי הימים א, יז, כא): אשר הלך — וואָס גאָט איז געגאַנגען אויסצולייזן, און דאָרטן שטייט: אשר הלכו — וואָס געטער זיינען געגאַנגען[12]! [נייערט] הלך, ער איז געגאַנגען, דאָס איז הקדוש ברוך הוא; הלכו, זיי זיינען געגאַנגען, דאָס איז משה און אהרן.[13]

ג

ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: אַ גוטער נאָמען איז באַליבט מער ווי דער ארון פון [גאָטס] בונד, דען דער ארון פון בונד איז ניט געגאַנגען מער ווי דריי טעג, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר י, לג): וארון — און דער ארון פון גאָטס בונד האָט געצויגן פאַראויס פאַר זיי [אַ וועג פון דריי טעג]; אָבער אַ גוטער נאָמען טראָגט זיך פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. פון וואַנען דרינגען מיר עס? פון דודן, ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים א, יד, יז): ויצא שם דוד — און דודס נאָמען איז אַרויס אין אַלע לענדער, און גאָט האָט געגעבן זיין מורא אויף אַלע פעלקער. אַ גוטער נאָמען איז באַליבט מער ווי כהונה און מלכות, וואָרום כהונה[1] און מלכות זיינען בטל געוואָרן, אָבער אַ גוטער נאָמען איז ניט בטל געוואָרן. ר׳ אבאס תלמידים און אבא פון צידון אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן האָבן געזאָגט: די [פאָטערס פון די] שבטים זיינען מער באַליבט נאָך זייער טויט, איידער ביי זייער לעבן,

---

אָדער מלכות קיין ווערט ניט. [6] די ווייטקייט פון הימל צו דער ערד (בבלי חגיגה, יג, א). [7] דער נוסח אין ירושלמי סוכה, ד, ג און אין מכילתא בוא, יד איז ר׳ אליעזר. [8] „ר׳ אליעזר זאָגט: די עבודה זרה איז אַריבער דעם ים מיט ישראל" — ירושלמי און מכילתא, דאָרט. דער דרש איז געבויט אויפן סוף פונעם ציטירטן פסוק: וואָס דו האָסט דיר אויסגעלייזט פון מצרים אַ פאָלק מיט זיינע געטער (געטייטשט ואלהיו בוכשטעבלעך, אין מערצאָל). [9] וואָרום ער טייטשט ואלהיה אָנשטאט און איר גאָט — און אירע געצן, להבדיל. [10] אויב מע קען אַזוי זאָגן. [11] גאָט אַליין, כביכול, האָט זיך אויסגעלייזט צוזאַמען מיט ישראל: ווען ישראל גייט אין גלות, גייט די שכינה מיט מיט זיי (מכילתא דאָרט; זע אויך איכה רבה א, נד, — אונדזער אויסגאַבע ז. 215), און ווען זיי ווערן אויסגעלייזט, ווערט אויך די שכינה אויסגעלייזט מיט זיי. [12] אין מערצאָל. [13] ווי שופטים און עלטסטע זיינען זיי באַטיטולט געוואָרן אלהים (זע שמות ד, טז, און ז, א; זע אויך פסיקתא רבתי, מאַנדלבוים, בחודש השלישי, כג; שמות רבה לא, טז, און אונדזער אויסגאַבע פון רות רבה, ז. 13), דעריבער שטייט הלכו, זיי זיינען געגאַנגען.

ר׳ בון בשם ר׳ שמואל בר נחמני אמר: מצינו, שהלך הקב״ה מהלך חמש מאות שנה לקנות לו שם, דכתיב (שמואל ב, ז): אשר הלכו אלהים לפדות לו לעם ולשום לו שם. א״ר יוסי הגלילי: אומה ואלהיה. א״ל ר׳ עקיבא: עשית קדש חול. אמרו ישראל לפני הקב״ה: „כביכול עצמך פדית, שנאמר (שם): אשר פדית לך ממצרים גויים ואלהיו.

כתיב (דברי הימים א, יז): אשר הלך האלהים לפדות, ולהלן הוא אומר: אשר הלכו אלהים! — הלך, זה הקב״ה; הלכו, זה משה ואהרן.

ג

א״ר שמעון בן יוחאי: חביב שם טוב מארון הברית, שארון הברית לא הלך אלא שלשה ימים, שנאמר (במדבר י): וארון ברית ה׳ נוסע לפניהם [דרך שלשת ימים]; ושם טוב מסוף העולם ועד סופו. מנלן? מדוד, שנאמר (דברי הימים א, יד): ויצא שם דוד בכל הארצות, וה׳ נתן את פחדו על כל הגוים.. חביב שם טוב מכהונה ומלכות. שכהונה ומלכות בטלו, ושם טוב לא בטל. תלמידיו דר׳ אבא ואבא צידוני בשם ר׳ שמואל בר נחמן אמר: חביבה מיתתן של שבטים יותר מבחייהם, שבחייהם לא נאמר: ששה משמותם [על האבן האחת, וגו׳], ובמיתתן נאמר: ששה משמותם — — —

א״ר יהודה: מרים ויוכבד הן הן היו חיותיהן של ישראל, דכתיב (שמות א): שם האחת שפרה ושם השנית פועה. שפרה זו יוכבד, שהיתה משפרת את הילדים. ד״א: שפרה ורבה. ד״א:

---

וואָרום ביי זייער לעבן ווערט ניט געזאָגט: זעקס פון זייערע נעמען [אויף איין שטיין], אָבער נאָך זייער טויט ווערט געזאָגט: זעקס פון זייערע נע־מען — — — [2]

ר׳ יהודה האָט געזאָגט: מרים און יוכבד זיינען עס געווען די הייבאַמען פון ישראל, ווי עס שטייט געשריבן (שמות א, טו): שם — דער נאָמען פון איינער איז געווען שפרה און דער נאָמען פון דער צווייטער — פועה. שפרה, דאָס איז יוכבד, ווייל זי פלעגט שיין מאַכן[3] די קינדער. אַן אַנדער פשט: ווייל זי האָט זיך געפּרוכפּערט און געמערט.[4] אַן אַנדער פשט: ווייל ישראל

---

ג. [1] געמיינט כהונה גדולה. [2] דעם כבוד, אַז דער כוהן גדול זאָל טראָגן זייערע נעמען אויפן האַרצן, האָבן זיי באַקומען ערשט נאָכן טויט. [3] וואָרטשפּיל: משפרת — שפרה, און אַזוי די ווייטערדיקע. [4] ערשט נאָך פּרעהס גזירה האָט זי געבוירן משהן,

האָט זיך געפּרוכפּערט און געמערט דורך איר. אַן אַנדער פּשט: ווייל זי האָט זי שיין געמאַכט מיט מצוות און מעשים טובים. אַן אַנדער פּשט: [מע האָט זי גערופן] שפרה ווי אַ לויב, ווי דער פּסוק זאָגט (איוב כו, יג): דורך זיין ווינט ווערט לויטער דער הימל.[5] — פּועה, דאָס איז מרים, ווייל זי פלעגט אַ געשריי טאָן[6] אויף דער פרוי, און דאָס קינד פלעגט געבוירן ווערן. אַן אַנדער פּשט: פּועה, ווייל זי האָט געקרעכצט[7] און געוויינט איבער איר ברודער משהן, וואָס מע האָט געוואָרפן אין טייך, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות ב, ד): ותתצב — און געשטעלט האָט זיך זיין שוועסטער פון וויטן. אַן אַנדער פּשט: פּועה, ווייל זי האָט אַרויסגעשטראַלט[8] די מעשים פון איר ברודער.[9] אַן אַנדער פּשט: פּועה, ווייל זי האָט זיך צעשריען[10] פּרעהן אין פּנים אַריין און געזאָגט צו אים: „ווי איז דיר פון וועגן דעם יום הדין!"

מיר האָבן געלערנט: מיט דריי נעמען ווערט אַ מענטש אָנגערופן: איינער וואָס טאַטע־מאַמע רופן אים, און איינער וואָס אַנדערע רופן אים, און איינער וואָס ווערט אים גערופן אין בוך פון דער געשיכטע פון זיין באַשאַפונג.[11]

ד

ר' פּינחס האָט געזאָגט: אַ מענטש איז באַליבט מיט זיין נאָמען, אָבער איך ווייס ניט מיט וועלכן.[1] איז געקומען שלמה און האָט אויפגעקלערט: בעסער איז אַ נאָמען איידער גוטער אייל, און דער טאָג פון טויט [איז בעסער] איידער דער טאָג פון געבוירן ווערן.[2] ווערט אַ מענטש געבאָרן, איז ער באַשטימט אויף צו שטאַרבן; שטאַרבט ער, איז ער באַשטימט אויף אויפצו־לעבן.[3] ווערט אַ מענטש געבוירן, פרייען זיך אַלע; שטאַרבט ער, וויינען אַלע. אָבער עס דאַרף אַזוי ניט זיין. נייערט, ווערט אַ מענטש געבוירן, איז ניטאָ וואָס זיך צו פרייען מיט אים; וואָרום מע ווייסט ניט, אין וואָסער מזל און אין וואָסערע מעשים וועט ער זיך געפינען, — וועט ער זיין אַ צדיק, אָדער אַ רשע, אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער. אָבער ווען ער שטאַרבט, דאַרף מען זיך פרייען, וואָס ער איז אַוועק מיט אַ גוטן נאָמען און איז אַרויס פון דער וועלט בשלום.

---

וואָס איז געווען אַזוי וויכטיק ווי אַלע ששים רבוא פון ישראל (מתנות כהונה). [5] דער פּסוק ווערט געבראַכט צו באַווייזן, אַז שפרה מיינט לויטער: מע האָט זי גערופן שפרה צו לויבן זי פאַר איר לויטערקייט און שיינקייט. [6-7] פּועה. [8] הופיעה. [9] זי האָט באַלויכטן און אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט וואָס משה איז אָנגעברייט צו טאָן: מרים האָט נביאות געזאָגט, אַז איר מוטער וועט געבוירן אַ קינד, וואָס וועט אויסלייזן ישראל פון מצרים (מגילה יא, א; שמות רבה א, יג). [10] פּעת. [11] ס'קען מיינען: דער נאָמען וואָס באַצייכנט זיין איינגעבוירענעם כאַראַקטער. דער נוסח אין תנחומא (ויקהל א) איז: און איינער וואָס ער שאַפט זיך אַליין איין (דורך זיינע מעשים).

ד. [1] פון די אויבנדערמאָנטע דריי נעמען. [2] אַ מענטש איז באַליבט מיטן גוטן נאָמען וואָס ער לאָזט איבער נאָך זיך דורך טאָן מצוות און מעשים טובים, — דער דריטער נאָמען וואָס אַ מענטש ווערט גערופן לויטן נוסח פון תנחומא (זע אויבן סימן ג, באַמ. 11). [3] זע אבות ד, כב: די וואָס ווערן געבוירן [זיינען באַשטימט] צו שטאַרבן,

שפרו ורבו ישראל על ידיה. ד״א: ששפרה אותן במצוות ובמעשים טובים. ד״א: שפרה לשם שבח, שנאמר (איוב כו): ברוחו שמים שפרה. — פועה זו מרים, שהיתה פועה באשה, והולד יוצא. ד״א: פועה, שהיתה פועה ובוכה על אחיה משה, שהושלך ליאור, שנאמר (שמות ב): ותתצב אחותו מרחוק. ד״א: פועה, שהופיעה את מעשה אחיה. ד״א: פועה, שפעת בפני פרעה ואמרה לו: „אוי לך מיום הדין!״

תני: שלשה שמות נקראו לאדם הזה: אחד שקראו לו אביו ואמו, ואחד שקראו לו אחרים, ואחד שקראו לו בספר תולדות ברייתו.

ד

ר׳ פנחס אמר: אדם חביב בשמו, ואיני יודע באיזה מהן. בא שלמה ופרש: טוב שם משמן טוב, ויום המות מיום הולדו. נולד אדם, מונין לו למיתה; מת, מונין לו לחיים. נולד אדם, הכל בוכין. ואינו כן. נולד אדם, ואין שמחין בו; שאין יודעין, באיזה פרק ומעשים יעמוד, אם צדיק ואם רשע, אם טוב ואם רע. ומת, הם צריכין לשמוח שנפטר בשם טוב ויצא מן העולם בשלום. משל לשתי ספינות פורשות לים הגדול, אחת יוצאת מן הלמן ואחת נכנסת ללמן. היוצאת מן הלמן, הכל שמחין; והנכנסת ללמן לא שמחו לה. היה שם פקח אחד, אמר להם: „חילוף הדברים אני רואה: זו שהיתה יוצאה מן הלמן לא צריכין לשמוח עמה, שאין יודעין באיזה פרק עומדת, (כמה) [מה] ימים (מזדווגת) [מזדווגין] לה, כמה עלעולין הן מזדווגות; ושנכנסת ללמן הכל צריכין לשמוח שנכנסה בשלום״. כך מת

---

ס׳איז אַ משל מיט צוויי שיפן וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן ים הגדול, איינע גייט אַרויס פון האַפן און איינע קומט אַריין אין האַפן. איז די וואָס גייט אַרויס פון האַפן, מיט איר פרייען זיך אַלע; אָבער די וואָס קומט אַריין אין האַפן, מיט איר האָט מען זיך ניט געפרייט. איז דאָרט געווען איינער אַ חכם, האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך זע די זאַכן פאַרקערט: די וואָס גייט אַרויס פון האַפן, מיט איר דאַרף מען זיך פרייען, ווייל מע ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ גורל שטייט איר פאָר, וואָסערע[4] וואָסערן וועלן זי באַ-פאַלן, וויפיל שטורעמווינטן וועלן זי באַפאַלן; אָבער די וואָס קומט אַריין אין האַפן, מיט איר דאַרפן אַלע זיך פרייען וואָס זי איז אַריין בשלום״. אַזוי

און די וואָס שטאַרבן — אויפצולעבן. [4] טעקסט געביטן לויט שמות רבה מח, א, און

אַז אַ מענטש שטאַרבט, דאַרפן אַלע זיך פרייען און אים לויבן, וואָס ער איז בשלום אַוועק פון דער וועלט מיט אַ גוטן נאָמען. דאָס איז וואָס שלמה האָט געזאָגט: און דער טאָג פון טויט [איז בעסער] איידער דער טאָג פון געבוירן ווערן.

דו געפינסט, אַז ווען צדיקים ווערן געבוירן, פילט עס קיין מענטש ניט; אָבער ווען זיי שטאַרבן, פילן עס אַלע. ווען מרים איז געבוירן געוואָרן, האָט קיין מענטש עס ניט געפילט; ווען זי איז אָבער געשטאָרבן, האָט זיך אָפּגעטאָן דער ברונעם,[5] און אַלע האָבן עס דערפילט, — דער ברונעם האָט געלאָזט וויסן וועגן איר טויט.

איז געבוירן געוואָרן אהרן דער כוהן גדול האָט קיין מענטש עס ניט געפילט; ווען ער איז אָבער געשטאָרבן, האָבן זיך אָפּגעטאָן די וואָלקנס פון [גאָטס] פּראַכט, און אַלע האָבן עס דערפילט, — דער וואָלקן האָט געלאָזט וויסן וועגן זיין טויט. איז משה רבינו געבוירן געוואָרן, האָט קיין מענטש עס ניט געפילט; ווען ער איז אָבער געשטאָרבן, האָבן עס אַלע דערפילט, — דער מן האָט געלאָזט וויסן וועגן זיין טויט, וואָרום ער האָט [דאַן] אויפגעהערט.

איז יהושע געבוירן געוואָרן, האָט קיין מענטש עס ניט געפילט; ווען ער איז אָבער געשטאָרבן, האָבן עס אַלע דערפילט, ווי דער פּסוק זאָגט (יהושע כד, ל): ויקברו — און זיי האָבן אים באַגראָבן אין גבול פון זיין נחלה — — — אין צפון זייט פון באַרג געש. האָבן די רבנן געזאָגט: מיר האָבן נאָכגעזוכט אין גאַנץ מיקרא[6] און מיר האָבן ניט געפונען קיין אָרט מיטן נאָמען באַרג געש. נייערט וואָס מיינט באַרג געש? איבער דעם וואָס ישראל האָט זיך צופיל פאַררעשט[7] און פאַרנאַכלעסיקט צו טאָן [דעם לעצטן] חסד מיט יהושען, האָט הקדוש ברוך הוא געוואָלט אויפשטורעמען און אויפטרייסלען איבער זיי דעם באַרג און אים אַרויפוואַרפן אויף זיי זיי אומצוברענגען. וואָרום דאַן איז ארץ ישראל צעטיילט געוואָרן, און דאָס צעטיילן איז זיי געווען איבער־ליב; דער עוסקט זיך מיט זיין פעלד, און דער עוסקט זיך מיט זיין וויינגאָרטן, און דער עוסקט זיך מיט זיין איילבירט־גאָרטן, און דער עוסקט זיך מיט [ברענען] זיינע קוילן, — אַלע האָבן זיך געעוסקט מיט זייער אַרבעט.[8] דעריבער האָט הקדוש ברוך הוא געוואָלט אויפשטורעמען די וועלט איבער זיי. איבער דעם האָבן אַלע עס דערפילט און האָבן געלאָזט וויסן וועגן זיין טויט.[9]

איז דוד געבוירן געוואָרן, האָט עס קיין מענטש ניט געפילט; ווען ער איז אָבער געשטאָרבן, האָבן עס אַלע דערפילט, ווי דער פּסוק זאָגט (מלכים א,

---

אַזוי דאָס ווייטערדיקע. [5] לויט אַ גמרא (תענית ט, א) איז אין מרימס זכות נאָכגעגאַנגען די יידן אין מדבר אַ ברונעם וואַסער, און ווען מרים איז נפטר געוואָרן האָט זיך דער ברונעם אָפּגעטאָן פון זיי. [6] תנ״ך. [7] געש מיינט רעשן, שטורעמען, אַרומשמייען. [8] און דערווייל האָבן זיי פאַרגעסן אָפּצוגעבן יהושען דעם לעצטן כבוד. [9] פאַרגלייך

**אדם הכל צריכין לשמוח ולשבח שנפטר בשם טוב בשלום מן העולם. הוא ששלמה אמר:** ויום המות מיום הולדו.

**את מוצא, כשהצדיקים נולדין, אין בריה מרגשת; וכשמתין, הכל מרגישים. כשנולדה מרים, לא הרגיש בה בריה; וכשמתה, נסתלקה הבאר, והרגישו הכל, — הבאר הודיעה מיתתה. נולד אהרן כהן גדול, ולא הרגיש בו בריה; וכשמת, נסתלקו ענני כבוד, הרגישו הכל, — הענן הודיע מיתתו. נולד משה רבינו, ולא הרגיש בו בריה; וכשמת, הרגישו הכל, — המן הודיע מית־תו, ששבת.**

**נולד יהושע, ולא הרגיש בו בריה; וכשמת הרגישו הכל, שנאמר** (יהושע כד): ויקברו אותו בגבול נחלתו, וגו׳, מצפון להר געש. **רבנן אמרי: חזרנו על כל המקרא כולה, ולא מצינו מקום ששמו** הר געש. **אלא מהו** הר געש? **על ידי שנתגעשו ונתרשלו ישראל מלגמול חסד ליהושע, רצה הקב״ה להרעיש וגם להג־עיש עליהם ההר ולהפילו להם לאבדן. לפי שנתחלקה ארץ ישראל, והיה חלוקה חביב עליהם יותר מדאי: זה עוסק בשדהו וזה עוסק בכרמו, וזה עוסק בזיתו, וזה עוסק בפחמו, — כולן עוסקין במלאכתן. לכך בקש הקב״ה להרעיש עליהם את העולם. לפיכך הרגישו בו הכל והודיעו את מיתתו.**

**נולד דוד, ולא הרגיש בו בריה; וכשמת, הרגישו בו הכל, שנאמר** (מלכים א, יא): והדד שמע במצרים, כי שכב דוד עם אבותיו [וכי מת יואב שר הצבא]. **אמר ר׳ פנחס: והלא שכיבה היא מיתה? אלא דוד שהיה מלך, כתיב בו שכיבה; יואב, שהיה שר הצבא, כתיב בו מיתה. ד״א: והלא שכיבה היא מיתה? אלא דוד שנמשח בשמן המשחה, כתיב בו שכיבה; ויואב שלא נמשח**

---

יא, כא): והדד שמע — און הדד האָט געהערט אין מצרים, אַז דוד האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן [און אַז יואב, דער עלטסטער פונעם חיל, איז געשטאָרבן]. **האָט ר׳ פינחס געזאָגט: איז דען ניט** שכיבה, **זיך לייגן, דאָס זעלבע ווי** מיתה, **שטאַרבן? נייערט דוד, וואָס איז געווען אַ מלך, שטייט ביי אים** שכיבה;[10] **יואב, וואָס איז [נאָר] געווען דער עלטסטער פונעם חיל, שטייט ביי אים** מיתה. **אַן אַנדער פשט: איז דען ניט** שכיבה **דאָס זעלבע ווי** מיתה? **נייערט דוד, וואָס איז געזאַלבט געוואָרן מיטן זאַלב־אייל, שטייט**

---

רות רבה, פתיחתא ב (זע די באַמערקונגען אין אונדזער אויסגאַבע, ז׳ 14). [10] וואָס

ביי אים שכיבה; יואב אָבער, וואָס איז ניט געזאַלבט געוואָרן מיטן זאַלב־איל, שטייט ביי אים מיתה. אַן אַנדער פשט: איז דען ניט שכיבה דאָס זעלבע ווי מיתה? נייערט דוד, וואָס איז געשטאָרבן אויף זיין בעט, שטייט ביי אים שכיבה; יואב אָבער, וואָס איז געהרגעט געוואָרן, שטייט ביי אים מיתה. אַן אַנדער פשט: איז דען ניט שכיבה דאָס זעלבע ווי מיתה? נייערט דוד, וואָס זיינע קינדער האָבן פאַרנומען זיין אָרט, איז געזאָגט געוואָרן וועגן אים שכיבה; יואב אָבער, וואָס זיינע קינדער האָבן ניט פאַרנומען זיין אָרט, איז געזאָגט געוואָרן וועגן אים מיתה. דעריבער האָבן אַלע דערפילט אַז דוד איז געשטאָרבן — שלמה האָט געלאָזט וויסן וועגן זיין טויט.[11]

איז שמואל געבוירן געוואָרן, האָט קיין מענטש עס ניט געפילט; ווען ער איז אָבער געשטאָרבן, האָבן עס אַלע דערפילט, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל א, כה, א): וימת שמואל — און שמואל איז געשטאָרבן און גאַנץ ישראל האָט זיך צונויפגעזאַמלט און האָבן אים באַקלאָגט. ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דאָס ווערטל זאָגט: „ווער עס ווערט געביסן פון אַ שלאַנג, דערשרעקט זיך פאַר אַ שטריק".[12] ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: זיינס האָבן זיי אים אָפּגעגעבן,[13] ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ז, טז): והלך — און ער פלעגט גיין יאָר־איין יאָר־אויס און פלעגט אַרומגיין קיין בית־אל [און גלגל, און מצפה, און פלעגט משפטן ישראל אין די אַלע ערטער].

אייך פסוק זאָגט: און שמואל איז געשטאָרבן, און נאָך אַ פסוק זאָגט (דאָרט כח, ג): און שמואל איז געשטאָרבן![14] ר׳ אסי האָט געזאָגט: [דער צווייטער פסוק] און שמואל איז געשטאָרבן איז טאַקע וועגן זיין טויט; [דער ערשטער פסוק] און [אַז] [15] שמואל איז געשטאָרבן ווערט ניט אַנדערש גע־זאָגט נייערט אין שייכות מיט דער מעשה פון נבלן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כה, א—ג): וימת — און [אַז] שמואל איז געשטאָרבן און אַ מאַן איז געווען אין מעון — — — [און זיין נאָמען איז געווען נבל]. ר׳ שמואל בר נחמן האָט [וועגן דעם] געזאָגט: אַלע קלאָגן און קלאַפּן [מיט די הענט אין טרויער] אויפן טויט פונעם צדיק, און דער דאָזיקער רשע מאַכט הוליאַנ־קעס![16] ר׳ יהודה האָט געזאָגט: [דער פסוק קומט] דיך צו לערנען, אַז דער וואָס פאַרלייקנט די מצווה פון טאָן [דעם לעצטן] חסד, איז אַלץ איינס ווי ער וואָלט פאַרלייקנט דעם עיקר.[17] אָבער דוד המלך עליו השלום, וואָס פלעגט ער טאָן? ער פלעגט טאָן חסד מיט איטלעכן. ער פלעגט אַזוי זאָגן: „צי[18] ער איז אַ מערדער, צי אַ געמאָרדעטער; צי ער איז אַ יאָגער, צי אַ געיאָגטער, — איך טו מיט אים חסד ווי מיט אַ צדיק". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (תהלים יג, ו): ואני — אָבער איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף דיין חסד, מיין האַרץ וועט זיך פרייען מיט דיין הילף; איך וועל זינגען צו גאָט, ווייל טאָן [חסד האָב איך גענומען] אויף מיר.[19]

---

איז אַ חשובערער אויסדרוק איידער מיתה. [11] מיט דעם וואָס ער האָט פאַרנומען זיין אָרט. [12] זיי האָבן זיך דערמאָנט, וואָס עס האָט זיי געדראָט ביי יהושעס טויט, זיינען

בשמן המשחה, כתיב בו מיתה. ד״א: והלא שכיבה היא מיתה? אלא דוד שמת על מטתו, כתיב בו שכיבה; ויואב שנהרג, כתיב בו מיתה. ד״א: והלא שכיבה היא מיתה? אלא דוד, שירשו בניו את מקומו, נאמרה בו שכיבה; יואב, שלא ירשו בניו מקומו, נאמרה בו מיתה. לפיכך הרגישו הכל שמת דוד, — הודיע שלמה מיתתו.

נולד שמואל, ולא הרגישה בו בריה; וכשמת, הרגישו הכל, שנאמר (שמואל א, כה): וימת שמואל ויקבצו כל ישראל, ויספדו לו. אמר ר׳ יהושע בן לוי: מתלא אמר: „מאן דנכתיה חויא, חבלא מדחל ליה״. אמר ר׳ שמואל בר נחמן: משלו נתנו לו, שנאמר (שם ז): והלך מדי שנה בשנה וסבב בית אל [והגלגל והמצפה, ושפט את ישראל את כל המקומות האלה].

כתוב אחד אומר: וימת שמואל, וכתוב אחד אומר (שם כח): ושמואל מת! א״ר אסי: ושמואל מת, מיתה ודאי; וימת שמואל, אין הדברים אמורים אלא לענין נבל, שנאמר (שם כה): וימת שמואל, וגו׳ ואיש במעון, [וגו׳, ושם האיש נבל]. א״ר שמואל בר נחמן: הכל סופדין וטופחין על מיתת הצדיק, וזה הרשע עושה לו מרזיחין! אמר ר׳ יהודה: ללמדך, שכל הכופר בגמילות חסד, כאילו כופר בעיקר. אבל דוד המלך עליו השלום מה היה עושה? גומל חסד לכל. אומר כן: „(אפילו) [או] הורג, או נהרג; או רודף או נרדף, — גומל אני לו חסד כמו לצדיק״. הה״ד (תהלים יג, ו): ואני בחסדך בטחתי, יגל לבי בישועתך; אשירה לה׳ כי גמל עלי.

ה

(ב) טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה. למה? שלב חכמים בבית אבל (ד), שכל מי שמתאבל, הקב״ה משמחו,

---

ה

(ב) טוב — בעסער צו גיין אין אַ הויז פון טרויער, איידער צו גיין אין אַ הויז פון אַ שמחה. פאַרוואָס? ווייל (ד) דאָס האַרץ פון די קלוגע איז אין הויז פון טרויער, ווייל איטלעכער וואָס טרויערט וועט הקדוש ברוך הוא

---

זיי שוין ביי שמואלס טויט געווען פאַרזיכטיקער. [13] זיי האָבן אים גרויס כבוד אָפּגעגעבן, ווייל זיי האָבן געפילט, אַז ער האָט זיך עס פאַרדינט ביי זיי. [14] צו וואָס ווערט עס דערציילט צוויי מאָל? [15] צוגעגעבן לויטן איצטיקן דרש. [16] זע דאָרט כה, לו: דער

אים דערפרייען, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה כט, יט): ויספו ענוים — און די שטילע וועלן מערן שמחה דורך גאָט. אַן אַנדער פּשט: בעסער צו גיין אין אַ הויז פון טרויער, איידער צו גיין אין אַ הויז פון אַ שמחה, — ס'איז בעסער נאָכצוגיין דעם שטייגער, וואָס האָט אַ [זיכערן] צוריקצאָל, איידער דעם שטייגער, וואָס האָט ניט קיין [זיכערן] צוריקצאָל;[1] ס'איז בעסער נאָכצוגיין דעם שטייגער, וואָס איז נוגע סיי די לעבעדיקע, סיי די טויטע,[2] איידער דעם שטייגער, וואָס איז נוגע נאָר די לעבעדיקע; ס'איז בעסער נאָכצוגיין דעם שטייגער, וואָס איז נוגע סיי רייכע, סיי אָרימע, איידער דעם שטייגער, וואָס איז נוגע נאָר די רייכע; ס'איז בעסער נאָכצוגיין דעם שטייגער בײַ וועלכן ס'איז פֿאַראַן באַרויִקונג, איידער דעם שטייגער, בײַ וועלכן ס'איז ניט פֿאַראַן קיין באַרויִקונג.[3]

ו

ר' ברכיה האָט געזאָגט: [די מצווה פון] גמילות חסד [ווערט דערמאָנט אין דער תורה] ביים אָנהייב און אין מיטן און צום סוף. „ביים אָנהייב”, ווי עס שטייט געשריבן (בראשית ב, כב): ויבן ה' — און גאָט דער האַר האָט אויפגעבויט די ריפּ, וואָס ער האָט גענומען פון דעם מענטשן, [צו אַ פרוי], — עס לערנט אונדז, אַז הקדוש ברוך הוא האָט אויסגעפלאָכטן [די האָר ביי] חוהן און זי געבראַכט צו אדמען, און ער איז געוואָרן זייער אונטערפירער; ווארום אין די שטעט ביים ים[1] רופט מען אַ געפלעכט בניאתא.[2] „און אין מיטן”, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט יח, א): וירא — און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים ביי די אייכנביימער פון ממרא, — ס'לערנט אונדז, אַז ער האָט אים מבקר [חולה] געווען.[3] (דאָרט כה, יא) ויברך — און גאָט האָט געבענטשט יצחקן זיין זון, דאָס איז די ברכה פון אבלים.[4] „צום סוף”, ווי דער פּסוק זאָגט (דברים לד, ו): ויקבר — און ער האָט אים מקבר געווען אין טאָל.[5]

ר' חנין האָט געזאָגט: וואָס איז דער „שטייגער וואָס האָט אַ צוריק-

---

פּסוק דערציילט דאָרט וועגן שמואלס טויט צו ווייזן, וואָס פאַר אַ רשע נבל איז געווען. [17] געלייקנט אין גאָט, ווי אין פּסוק שטייט (תהלים יד, א): אמר נבל — נבל האָט געזאָגט אין האַרצן: ניטאָ קיין גאָט (מהרז"ו). [18] געביטן לויטן רד"ל. [19] אַזוי לויטן דרש, און דער רד"ל באַמערקט, אַז דאָ ווערט אָנגעוואונקען וואָס דוד האָט געשיקט שליחים צו טרייסטן חנון דעם מלך פון מואב אויפן טויט פון זיין פאָטער (שמואל ב, י, ב).

ה. [1] דער וואָס טוט מיטן צווייטן דעם לעצטן חסד (גייט צו זיין לוויה) איז זיכער, אַז ער וועט קריגן צוריקגעצאָלט, ווייל איטלעכער מוז ווען עס איז שטאַרבן; ווען איינער גייט אָבער צו אַ שמחה האָט ער ניט די זיכערקייט פון אַ צוריקצאָל. [2] גיין צו אַ לוויה איז אַ כבוד פאַר די טויטע און אַ טרייסט פאַר די לעבעדיקע. [3] אין אָנגעזיכט פון טויט הערן אויף אַלע קריגערייען, אָבער שמחות ענדיקן זיך אָפט מיט קריגערייען (מהרז"ו).

ו. [1] וואו מע רעדט אַראַמיש. [2] אָנשפּיל אויף ויבן. [3] נאָכדעם ווי אברהם האָט זיך געמלט (זע דאָרט יז, כו). [4] גאָט האָט מנחם אבל געווען יצחקן אויפן טויט פון אברהמען (זע אָנהייב פונעם ציטירטן פּסוק). [5] פיר מינים פון גמילות חסדים ווערן דאָ אויסגערעכנט: הכנסת כלה, ביקור חולים, ניחום אבלים און חסד של אמת — חתונה מאַכן אַ מיידל,

שנאמר (ישעיה כט): ויספו ענוים בה׳ שמחה. ד״א: טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה, — מוטב ללכת למדה שיש לה פרעון, ממדה שאין לה פרעון; מוטב ללכת במדה נוהגת בחיים ובמתים, ממדה שאינה נוהגת אלא בחיים; מוטב לילך במדה נוהגת בעשירים ובעניים, ממדה שאינה נוהגת אלא בעשירים; מוטב לילך במדה שיש בה פיוס, ממדה שאין בה פיוס.

ו

א״ר ברכיה: גמילות חסד בתורה בראשה ובאמצעיתה ובסופה. בראשה, דכתיב (בראשית ב): ויבן ה׳ אלהים את הצלע, מלמד שקילעה הקב״ה לחוה והביאה אל האדם, ונעשה שושבין להם; שכן בכרכי הים קורין לקלעיתא בניאתא. ובאמצעיתה, דכתיב (שם יח): וירא אליו ה׳ באלני ממרא, מלמד שבקרו; (שם כה): ויברך אלהים את יצחק בנו, זו ברכת אבלים. בסופה, שנאמר (דברים לד, ו): ויקבר אותו בגיא.

א״ר חנין: מדת פרעון מה היא? יעקב מת בארץ מצרים, מי ראוי להטפל בו? לא הקב״ה, שאמר לו (בראשית מו): אנכי ארד עמך מצרימה [ואנכי אעלך גם עלה]? בא יוסף וחטף לו את המצוה, דכתיב (שם נ): ויעל יוסף לקבר את אביו. מת יוסף במצרים, מי ראוי להטפל בו? לא השבטים, שהשביע אותם, שנאמר (שם): וישבע יוסף את בני ישראל? בא משה וחטף לו את המצוה, שנאמר (שמות יג): ויקח משה את עצמות יוסף. מת משה, ופרע לו הקב״ה בכבודו, שנאמר: ויקבר אותו בגיא.

---

צאָל״?[6] יעקב איז געשטאָרבן אין מצרים, איז ווער האָט זיך געדאַרפט אָפּגעבן מיט אים? ניט הקדוש ברוך הוא, וואָס האָט אים געזאָגט (בראשית מו, ד): אנכי — איך וועל אַראָפּנידערן מיט דיר קיין מצרים, און איך וועל דיך אויך אַרויפברענגען? איז געקומען יוסף און האָט אויסגעכאַפּט די מצווה פאַר זיך, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט נ, ז): ויעל — און יוסף איז אַרויפּגעגאַנגען צו באַגראָבן זיין פאָטער. יוסף איז געשטאָרבן, איז ווער האָט זיך געדאַרפט אָפּגעבן מיט אים? ניט די שבטים, וואָס ער האָט זיי באַשוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק כה): וישבע — און יוסף האָט באַשוואָרן די קינדער פון ישראל? איז געקומען משה און האָט אויסגעכאַפּט די מצווה פאַר זיך, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יג, יט): ויקח — און משה האָט גענומען די ביינער פון יוספן. ווען משה איז געשטאָרבן, האָט הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו אים אָפּגעצאָלט, ווי דער פסוק זאָגט: און ער האָט אים מקבר געווען אין טאָל.

ז

עס שטייט געשריבן (בראשית ג, כא): ויעש ה׳ — און גאָט דער האַר האָט געמאַכט פאַר אדמען און פאַר זיין ווייב העמדער פון פעל און ער האָט זיי אָנגעקליידט. מיר געפינען, אַז הקדוש ברוך הוא טוט חסדים: ער פוצט אויס כלות, בענטשט חתנים, איז מבקר חולה, איז מקבר טויטע, און איז מנחם אבל. „ער פוצט אויס כלות״, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ב, כב): ויבן ה׳ — און גאָט דער האַר האָט אויפגעבויט [די ריפּ], — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ער האָט זי אויפגעבויט און אויסגעפּוצט,[1] און האָט זי באַוויזן צו אים. ר׳ אבהו האָט געזאָגט: טאָמער וועסטו זאָגן, פון הינטער אַ באַקסער־בוים, אָדער פון הינטער אַ ווילדן פייגנבוים האָט ער זי אים באַוויזן? נייערט נאָך דעם ווי ער האָט זי אויסגעפּוצט מיט פיר און צוואנציק מינים באַפּו־צונגען, ערשט נאָך דעם האָט ער זי באַוויזן צו אים. ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט): ויביאה — און ער האָט זי געבראַכט צום מענטשן. „בענטשט חתנים״, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט א, כח): ויברך — און גאָט האָט זיי געבענטשט. „איז מבקר חולה״, ווי דער פסוק זאָגט [דאָרט יח, א]: וירא — און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים ביי די אייכנביימער פון ממרא. „איז מקבר טויטע״, ווי עס שטייט געשריבן (דברים לד, ו): ויקבר — און ער האָט אים מקבר געווען אין טאָל. „טרייסט אבלים״, ווי עס שטייט געשריבן (בראשית לה, ח): ויקרא — און ער האָט גערופן זיין נאָמען אלון בכות.[2] ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: וואָס מיינט אלון בכות? ווען יעקב האָט נאָך אָפּגעהיט אבלות נאָך דבורהן זיין אַם, איז אים אָנגעקומען די ידיעה וועגן [דעם טויט פון] זיין מוטער רבקהן, און ער האָט געוויינט צוויי געוויינען;[3] און דער פסוק זאָגט ביי יעקבן (דאָרט ט): און ער האָט אים געבענטשט, — ער האָט אים געבענטשט מיט דער ברכה פון אבלים.

ח

ר׳ סימון האָט געזאָגט: מיר געפינען, אַז [מענטשן] זיינען געגאַנגען צו אַ הויז פון אַ שמחה, און זייערע נעמען זיינען ניט דערמאָנט געוואָרן; צו אַ הויז פון טרויער, און זייערע נעמען זיינען יאָ דערמאָנט געוואָרן: עוג איז געגאַנגען צו אברהמס שמחה,[1] און זיין נאָמען איז ניט דערמאָנט גע־וואָרן; די דריי פריינט פון איובן זיינען געגאַנגען צום הויז פון טרויער, און זייערע נעמען זיינען יאָ דערמאָנט געוואָרן.[2] מיר געפינען, אַז [מענטשן] זיינען געגאַנגען צו אַ הויז פון אַ שמחה, און זיי זיינען ניט באַפרייט געוואָרן פון גיהנם; און [מענטשן] זיינען געגאַנגען צום הויז פון טרויער, און זיי זיינען יאָ באַפרייט געוואָרן פון גיהנם: עוג איז געווען ביי דער שמחה פון אברהמען, און ער איז פון גיהנם ניט באַפרייט געוואָרן; און די וואָס זיינען געגאַנגען צום הויז פון טרויער זיינען יאָ באַפרייט געוואָרן פון גיהנם.[3]

ר׳ ישׂשכר פון כפר מנדי [4] האָט געזאָגט: דער גורל פון רשעים איז אַריינגעגעבן צו ווערן אין דער נידעריקסטער אָפּטיילונג פון גיהנם, ווי

ז

**כתיב** (בראשית ג): ויעש ה׳ אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם. **מצינו, שהקב״ה גומל חסדים: מקשט כלות, מברך חתנים, מבקר חולים, וקובר מתים, ומנחם אבלים. „מקשט כלות״, דכתיב** (שם ב): ויבן ה׳ אלהים — **ר׳ יוחנן אמר: בנאה וקשטה, והראה לו. א״ר אבהו: שמא תאמר מתוך חרוב אחד, או מתוך שקמה אחת הראה לו? אלא מאחר שקשטה בעשרים וארבעה מיני תכשיטין, אחר כך הראה לו, שנאמר** (שם): ויביאה אל האדם. **„מברך חתנים״, שנאמר** (שם א): ויברך אותם אלהים. **„מבקר חולים״, שנאמר** (שם יח): וירא אליו ה׳ באלני ממרא. **קובר מתים״, דכתיב** (בראשית לה): ויקרא שמו אלון בכות. **א״ר שמואל בר נחמן:** מהו אלון בכות? **עד שמשמר אבלה של דבורה מני־קתו, באתה לו שמועת רבקה אמו, ובכה שתי בכיות; לכך נאמר:** אלון בכות. **וביעקב הוא אומר** (שם): ויברך אותו, **ברכת אב־לים ברכו.**

ח

**א״ר סימון: מצינו, שהלכו לבית המשתה, ולא נתפרשו שמותן; לבית האבל, ונתפרשו שמותן: עוג הלך במשתה אברהם, ולא נתפרש שמו; שלשת ריעי איוב הלכו לבית האבל, ונתפרשו שמותן. מצינו, שהלכו לבית המשתה, ולא נדחו מגיהנם; והלכו לבית האבל, ונדחו מגיהנם: עוג היה במשתה אברהם, ולא נדחה מגיהנם; ואלה שהלכו לבית האבל נדחו מגיהנם.**

**א״ר יששכר דכפר מנדי: דרכן של רשעים להנתן בדיוטא תחתונה של גיהנם, שנאמר** (איוב לד): תחת רשעים ספקם. **שלשת**

---

**דער פסוק זאָגט** (איוב לד, כו): אונטן טוט ער די רשעים שלאָגן.[5] **די דריי**

---

מבקר חולה זיין, מנחם אבל זיין, און טאָן דעם לעצטן חסד מיט אַ טויטן (זע ווייטער, סימן ח). [6] זע אויבן, סימן ה.

ז. [1] זע אויבן, אָנהייב סימן ו. [2] דער אייכנבוים פון געווייַן, — לויט דער דרשה האָט עס גאָט אַליין געגעבן דעם בוים אַזאַ נאָמען, אויסדריקנדיק מיט דעם מיטגעפיל צו יעקבן איבערן טויט פון דבורהן, רבקהס אַם. [3] דאָס וואָרט בכות קוקט אויס אויגנ־שיינלעך ווי אַ מערצאָל, געוויינען.

ח. [1] בראשית רבה נג, י: ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: [אין פסוק שטייט] אַ גרויסע שמחה, — אַ שמחה פאַר גרויסע לייט, עוג און אַלע גרויסע לייט זיינען דאָרט געווען. [2] איוב ב, יא. [3] ווידער געמיינט איובס פריינט, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון שטראָף אַ דאַנק איובס תפילה (דאָרט מב, ח). [4] צפון פון צפורי, אין גליל העליון

פריינט פון איובן זיינען געגאַנגען צום הויז פון טרויער, און זיי זיינען באַ־פרייט געוואָרן פון גיהנם, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט ב, יא): ויבאו — און זיי זיינען געקומען איטלעכער פון זיין אָרט, — עס שטייט דאָ ניט „איט־לעכער פון זיין הויז", „איטלעכער פון זיין שטאָט", „איטלעכער פון זיין לאַנד", נייערט איטלעכער פון זיין אָרט, פון דעם אָרט וואָס איז זיי צוגעגרייט געוואָרן אין גיהנם זיינען זיי באַפרייט געוואָרן און ניצול געוואָרן.

מיר געפינען, אַז [מענטשן] זיינען געגאַנגען צום הויז פון אַ שמחה, און דער רוח הקודש האָט אויף זיי ניט גערוט, — דאָס איז עוג; און איובס דריי פריינט זיינען געגאַנגען צום הויז פון טרויער, און דער רוח הקודש האָט אויף זיי יאָ גערוט. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ד, א): ויען — האָט געענטפערט אליפז; (דאָרט ח, א) ויען — האָט געענטפערט בילדד, [און ויען איז ניט אַנדערש נייערט אַ לשון פון נבואה, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יט, יט): והאלהים — און גאָט ענטפערט אים אויפן קול.[6]] גערעדט מיט רוח הקודש.

ט

(ב) והחי — און דער לעבעדיקער זאָל זיך עס נעמען צום האַרצן. וואָס לערנט עס אונדז? טו [דעם לעבטן] חסד, כדי מע זאָל עס טאָן צו דיר: גיי צו אַ לוויה, כדי מע זאָל גיין צו דיין לוויה; זיי מספיד, כדי מע זאָל דיך מספיד זיין, זיי מקרב, כדי מע זאָל דיך מקרב זיין, — טו חסד, כדי עס זאָל דיר געטאָן ווערן חסד. ר' מנא האָט געזאָגט: און דער לעבעדיקער זאָל זיך עס נעמען צום האַרצן, דאָס מיינט מען די צדיקים, וואָס נעמען זיך זייער טויט צום האַרצן.[1] און פאַרוואָס קלאַפּט מען זיך אויפן האַרצן?[2] צו זאָגן, אַז אַלץ איז דאָרט.[3]

אַן אַנדער פּשט: און דער לעבעדיקער וועט עס געבן צום האַרצן,[4] דאָס איז דער וואָס לעבט אייביק, דען ער באַצאָלט דעם מענטשן שכר פאַר איט־לעכן שפּאַן וואָס ער מאַכט ביים טאָן [דעם לעבטן] חסד.[5] וואָרום ר' יונה האָט געזאָגט: מע טאָר ניט פרעגן קיין דין ביי דער מיטה פון אַ טויטן.[6] אָבער אָט האָט דאָך ר' יוחנן געפרעגט ר' ינאין פאַר דער מיטה פון ר'

(יאסטראָוו). [5] אַזוי לויטן דרש. [6] דערדאָזיקער צוגעשטעלטער טעקסט איז גענומען פון ילקוט אויף אונדזער פסוק; אָן דעם איז אונדזער מדרש אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך, ניט קוקנדיק אויף אַלע באַמיאונגען פון די מפרשים (זע מתנות כהונה און עץ יוסף). דער נוסח וואָס מיר האָבן געלאָזט אין טעקסט אין קיילעכיקע קלאַמערן איז מיט אַ טעות, ווייזט אויס, אַריינגענומען געוואָרן אַהער פון ירושלמי סוטה ז, ב, אָדער פון במדבר רבה יא, ד, וואו עס ווערט נאָר גערעדט וועגן לשון קודש, אָבער ניט וועגן רוח הקודש. — דאָ גיבן מיר די איבערזעצונג פונעם אַרומגעקלאַמערטן טעקסט: מיר האָבן געלערנט אין נאָמען פון ר' מאירן (לויטן ירושלמי — אין נאָמען פון ר' יהודהן): אומעטום וואו דער פסוק נוצט דעם לשון פון ענייה, ענטפערן, און אמירה, זאָגן, כה אָדער ככה, אַזוי, ווערט עס געזאָגט אויף לשון קודש (דאָרט רעדט זיך וועגן באַשטימטע טעקסטן, וואָס מוזן געזאָגט ווערן אויף לשון קודש, און ניט אויף קיין אַנדער שפּראַך. זע אויך בבלי סוטה לג, ב).

ריעי איוב הלכו לבית האבל, ונדחו מגיהנם, דכתיב (שם ב): ויבאו איש ממקומו, — „איש מביתו״, „איש מעירו״, „איש מארצו״ אין כתיב כאן, אלא איש ממקומו, ממקום שנתבצר להם בגיהנם נדחו ונצולו ממנו.

מצינו, שהלכו לבית המשתה, ולא שרת עליהם רוח הקודש, — זה עוג; ושלשת ריעי איוב הלכו לבית האבל, ושרת עליהם רוח הקודש. ההייד (שם ד): ויען אליפז; (שם ח): ויען בלדד (תני בשם ר׳ מאיר: כל מקום שנאמר ענייה ואמירה, כה, ככה, אלו בלשון הקדש) [ואין ויען אלא לשון נבואה, שנאמר (שמות יט): והאלהים יעננו בקול], — ברוח הקדש הוא מדבר.

ט

(ב) והחי יתן אל לבו. מה תלמוד לומר? עביד חסדא, דיעבדון לך: לווי, דילווניך; ספוד, דיספדונך; קבור, דיקברונך, — גמול חסד. דתתגמל חסד. א״ר מנא: והחי יתן אל לבו, אלו הצדיקים, שנותנין מיתתן כנגד לבן. ולמה כותשין על הלב? מימר, דכולה תמן.

ד״א: והחי יתן אל לבו, זה חי העולמים, שהוא משלם שכר לבר נש על כל פסיעה ופסיעה בגמילות חסדים. דאמר ר׳ יונה: אין שואלין הלכות לפני מטתו של מת. והא ר׳ יוחנן שאל לר׳ ינאי קומיה ערסיה דר׳ שמעון בן יהוצדק: „הקדיש עולתו לבדק הבית, מהו מועלים בה?״ ומגיב ליה: „משהכהנים מעכבין בשחיטתה, מעל!״ — נאמר: כד הוה רחיק, הוה מגיב ליה.

---

שמעון בן יהוצדק: „אַז איינער הייליקט זיין קרבן עולה אויף צו פאַרריכטן דעם בית המקדש, צי איז מען חייב אויף איר אַ קרבן מעילה[7]?״ און ער האָט אים געענטפערט: „וויבאַלד די כוהנים פאַרהאַלטן איר שחיטה [פאַר זיך],[8] הייסט עס, אַז ער האָט מועל געווען[9]״! [דער ענטפער איז:] מע זאָגט, אַז ערשט ווען ער איז געווען ווייט פון דער מיטה האָט ער אים

---

ט. [1] זיי האָבן כסדר אין זינען דעם טויט, כדי זיך צו דערווייטערן פון זינד. [2] ווען אַ מענטש איז זיך מתוודה און טוט תשובה. [3] אַלע שלעכטע פאַרלאַנגען קומען פון האַרצן. [4] אַזוי לויטן ווייטערדיקן דרש. [5] און וועט עס געבן צום האַרצן וועט מיינען, אַז ער וועט געבן שכר דעם וואָס זיין האַרץ פירט אים צו דער מצווה. [6] ווייל די מחשבה דאַרף זיין אינגאַנצן אָפּגעגעבן צו דער מצווה פון לוויה. [7] אַז איינער הייליקט אַ בהמה צום בית המקדש און זאָגט, מע זאָל זי פאַרקויפן עמיצן וואָס דאַרף מקריב זיין אַ קרבן עולה, און דאָס געלט זאָל גיין אויף צו פאַרריכטן דעם בית המקדש, און עמיצער האָט אויסגענוצט די בהמה פאַר זיין פערזענלעכן נוצן, צי איז ער מחויב צו ברענגען אַ קרבן

געענטפערט. מיר האָבן געלערנט: די טרעגערס [פון דער מיטה] טאָרן ניט טראָגן קיין סאַנדאַלן, טאָמער וועט זיך אייִנעמס אַ סאַנדאַל איבעררייסן, וועט אים אויסקומען אָפּצוהאַלטן זיך [אויף אַ ווײַלע] פון דער מצווה.

ר׳ זעירא איז אומגעפאַלן אין מיטן רעדן.[10] איז מען געגאַנגען אים אויפצוהייבן, און מע האָט געפונען, אַז ער מאַטערט זיך מיטן רעדן. האָבן זיי אים געזאָגט: „וואָס איז געשען?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „[פון וועגן] דער וועלט וואָס מיר קומען אַהין".[11] דאָס איז וואָס ס׳איז געזאָגט געוואָרן: און דער לעבעדיקער זאָל זיך נעמען צום האַרצן.

ו

(ג) טוב — בעסער כעס [1] איידער געלעכטער. שלמה האָט געזאָגט: ווען דער טאַטע וואָלט געווען אַ ביסל אין כעס אויף אדוניהון, וואָלט עס אים געווען בעסער, איידער דאָס געלעכטער וואָס דער מידת הדין האָט געלאַכט איבער אים;[2] פאַרוואָס? כי — ווײַל דורך אַ בייז פּנים ווערט בעסער דאָס האַרץ,[3] ווען ער וואָלט אים געוויזן אַ בייז פּנים, וואָלט ער אים צוריקגע־בראַכט צום גוטן. אָבער (מלכים א, א, ו): ולא עצבו — און זיין פאָטער האָט אים אויף זיין לעבן ניט באַטריבט [אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָסטו אַזוי געטאָן?]. און אַזוי אויך אמנון, — בעסער וואָלט אים געווען, ווען מיין פאָטער דוד וואָלט געווען אַ ביסל אין כעס אויף אמנונען, איידער דאָס גע־לעכטער וואָס דער מידת הדין האָט געלאַכט איבער אים; און פאַרוואָס? ווײַל דורך אַ בייז פּנים ווערט בעסער דאָס האַרץ. אָבער (שמואל ב, יג, לג): כי — ווײַל נאָר אמנון אַליין איז טויט.

אַן אַנדער פּשט: בעסער כעס איידער געלעכטער, — בעסער וואָלט געווען, ווען הקדוש ברוך הוא וואָלט אין כעס געווען אויפן דור המבול,[4] איידער דאָס געלעכטער וואָס דער מידת הדין האָט געלאַכט איבער זיי. ווי

---

מעילה אויף דעם, ווי דער דין איז געווײַנלעך (זע ויקרא ה, טו). [8] זיי פאָדערן דורכאויס, אַז זיי אַליין זאָלן די בהמה שעכטן (און דאַן ווערט עס פאַררעכנט אין דער קאַטעגאָריע פון אַ קרבן, כאָטש דער אייגנטימער האָט מקדיש געווען דאָס געלט פון דעם אויף צו פאַרריכטן דעם בית המקדש). [9] באַגאַנגען אַ מעילה (פעלשונג) אין קדשים. [10] האַלטנדיק אַ הספד נאָך אַ געשטאָרבענעם. [11] ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן דעם סוף פון יעדן מענטשן, און ער האָט געחלשט. — דאָס וואָרט מן, פון, וואָס בינדט זיך ניט מיטן טעקסט, האָבן מיר אַרויסגעלאָזט. לויט מערסטע מפרשים דאַרף זיך די איבערזע־צונג לייענען אַזוי: ר׳ זעירא איז אומגעפאַלן אין פעלד (דיבורא ווערט לויט דעם גע־טייטשט ווי מדברא, פעלד). איז מען געגאַנגען אים אויפהייבן, און מע האָט געפונען, אַז ער איז אָפּגעשוואַכט (אין פעלד). האָט מען אים געפרעגט: „וואָס איז געשען?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „פון וועגן דער וועלט [פון וואַנען] מיר קומען און וואוהין [מיר גייען]" (די ערד האָט אים דערמאָנט, אַז זי איז דער אָנהייב און דער סוף פון מענטשן). אַזוי גייט אויך די ענגלישע איבערזעצונג פון א. כהן (סאָנטשינאָ), וועלכער איז אָבער געצוואונגען איבער דעם אַרויסצולאָזן דאָס צווייטע מאָל בדיבורא.

ו. [1] אַזוי לויטן דרש. [2] ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזט אויף אים גאָטס צאָרן, און שלמה האָט אים געלאָזט הרגענען (מלכים א, ב, כה). [3] אַזוי לויטן דרש. [4] און וואָלט

תני: הכתפין אסורים בנעילת הסנדל, שמא יפסק סנדלו של אחד מהם, ונמצא מתעכב מן המצוה.

ר' זעירא שרע בדבורא. אזלון מוזקופוניה, ואשכחוניה איעני בדבורא. אומרין ליה: „מהו כן?" אמר לון: „עלמא דא־תינן (מן) לתמן". הא מה דאיתמר: והחי יתן אל לבו.

י

(ג) טוב כעס משחוק. אמר שלמה: אילו כעס אבא על אדוניה קמעא, טוב היה לו משחוק ששחקה עליו מדת הדין; כי ברע פנים ייטב לב, אלו הרע לו פנים, הביאו למוטב. אלא (מלכים א, א): ולא עצבו אביו מימיו. וכן אמנון, טוב היה לו, אם כעס דוד אבא על אמנון קמעא, משחוק ששחקה עליו מדת הדין; ולמה? כי ברע פנים ייטב לב. אלא (שמואל ב, יג): כי אמנון לבדו מת.

ד"א טוב כעס משחוק, — טוב היה, אלו כעס הקב"ה על דור המבול, משחוק ששחקה עליהם מדת הדין, שנאמר (איוב כא): זרעם נכון לפניהם.

ד"א: טוב כעס משחוק, — טוב שהיה הקב"ה כועס על הס־דומים, משחוק, ששחקה עליהם מדת הדין שנאמר (שם): בתיהם שלום מפחד, וגו'.

יא

(ד) לב חכמים בבית אבל. א"ר יצחק: משל לאחד שאמר

---

דער פסוק זאָגט [איוב כא, ח): זרעם — זייערע קינדער שטייען פעסט פאַר זייער פנים מיט זיי.[5]

אַן אַנדער פשט: בעסער כעס איידער געלעכטער, — בעסער וואָלט געווען, ווען הקדוש ברוך הוא וואָלט אין כעס געווען אויף די לייט פון סדום, איידער דאָס געלעכטער וואָס דער מידת הדין האָט געלאַכט איבער זיי, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ט): בתיהם — זייערע הייזער זיינען רואיק פון שרעק.[6]

יא

(ד) דאָס האַרץ פון די קלוגע איז אין הויז פון טרויער. ר' יצחק האָט געזאָגט: ס'איז אַ משל מיט איינעם וואָס האָט געזאָגט צו זיין קנעכט: גיי

---

זיי ניט געגעבן אַזויפיל וואוילטאָג, וואָס פון דעם זיינען זיי פאַרדאָרבן געוואָרן (זע בראשית רבה לו, א). [5] דער פסוק ווערט געטייטשט אויפן דור המבול, ווי דער ווייטער־דיקער — אויף די לייט פון סדום. [6] אָבער צוליבן וואוילטאָג האָבן זיי אָן גאָט פאַרגעסן, און זיינען אומגעקומען (בראשית יט, כד—כה).

און ברענג מיר אַ גוטע זאַך". האָט ער אים געזאָגט: "וואו קאָן איך געפינען אַ גוטע זאַך?" האָט ער געזאָגט צו אים: "דאָרט וואו דו וועסט געפינען גייענדיק אַ סך מענטשן דאָרט דאַרף זיין אַ גוטע זאַך".[1]

יב

(ה) טוב — בעסער צו הערן דאָס אָנשרייען פון אַ חכם, דאָס זיינען די דרשנים;[1] איידער אַ מענטש זאָל הערן דאָס געזאַנג פון נאַראָנים, דאָס זיינען די, וואָס זינגען אויף אַ הויך קול, כדי דאָס פאָלק זאָל זיך צוהערן.[2]

אַן אַנדער פשט: בעסער צו הערן דאָס אָנשרייען פון אַ חכם, דאָס זיינען די שטראָף רייד וואָס משה רבינו האָט געשטראָפט [ישראל]; איידער אַ מענטש זאָל הערן דאָס געזאַנג פון נאַראָנים, דאָס זיינען די ברכות פון בלעם הרשע, וואָס דורך זיי איז דאָס האַרץ [פון ישראל] פאַררימן געוואָרן, און זיי זיינען געפאַלן אין שיטים.[3]

יג

(ו) כי — וואָרום ווי דאָס קנאַקן פון דערנער אונטערן טאָפּ [אַזוי איז דאָס געלעכטער פונעם נאַר]. ר' לוי דער זון פון ר' זעירא האָט זיך באַנוצט מיט דעם פסוק אויף אַ נטילת רשות[1] [צו אַ דרשה]: אַלע האָלצן ווען זיי ברענען, טראָגט זיך ניט זייער קול; אָבער די דאָזיקע דערנער ווען זיי ברענען, זייער קול טראָגט זיך, אַזוי צו זאָגן: "אויך מיר זיינען האָלץ".

יד

(ז) כי — וואָרום דער עסק[1] פאַרטומלט דעם חכם, — דער עסק וואָס תלמידי חכמים זיינען זיך מתעסק איינער מיטן אַנדערן,[2] פאַרטומלט זיין חכמה, צעמישט זיין חכמה; און מאַכט קאַליע אַ האַרץ פון תורה,[3] ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: אַכציק[4] הלכות האָב איך געלערנט פון יהודה בן פדיה וועגן אַ צעאַקערטן קבר, אָבער ווייל איך בין געווען פאַרנומען מיט די נויטן פון ציבור, האָב איך זיי פאַרגעסן.

---

יא. [1] צו אַ לוויה גייען אַ סך מענטשן, און דאָרט קען מען זיך אַראָפּנעמען אַ גוטן מוסר.

יב. [1] וואָס פלעגן מיט דער הילף פון געדרשנטע פסוקים מוסרן דעם עולם פאַר שלעכטע מעשים. [2] די מתורגמנים, איבערזעצערס, פלעגן איבערגעבן און דערקלערן פאַרן ברייטן עולם די ווערטער פון די חכמים, און כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פונעם עולם, פלעגן זיי זייערע ווערטער אויסזינגען; אָדער זיי פלעגן זינגען דעם עולם אַ געזאַנג פון לויב (רד"ל). [3] במדבר כה.

יג. [1] קריגן דערלויבעניש: עס איז געווען אַ שטייגער, אַז איידער אַ דרשן פלעגט אָנהייבן זיין דרשה, פלעגט ער זיך ווענדן צום עולם מיט אַ באַזונדערן אַריינפיר, בעטנדיק רשות צו רעדן (מהרז"ו). פאַרגלייך אַריינפיר צום געזאַנג פון אקדמות.

יד. [1] אַזוי לויטן דרש, — דער בעל המדרש לייענט דאָס וואָרט העשק מיט אַ לינקער שין, וואָס פאַרבייט זיך אָפט אויף אַ סמך. [2] צו באַזאָרגן די תלמידי חכמים מיט פרנסה. [3] אַזוי לויטן דרש, — זע ילקוט אויף אונדזער פסוק: מתנה, זו תורה, שנאמר (במדבר כא, יט): וממתנה נחליאל — מתנה, דאָס איז די תורה, ווי דער פסוק זאָגט: און פון דער מתנה (פון דעם אָרט פון מתן תורה) קיין נחליאל. [4] לויטן ילקוט און תנחומא (וארא ה) — ס', זעכציק.

לעבדו: „צא והבא לי חפץ טוב". א"ל: „ומהיכן אני מוצא חפץ טוב?" א"ל: „משתמצא רוב בני אדם הולכין, שם חפץ טוב".

יב

(ה) טוב לשמע גערת חכם, אלו הדרשנים; מאיש שומע שיר כסילים, אלו המתורגמנין, שמגביהין קולם בשיר להשמיע את העם.

ד"א: טוב לשמוע גערת חכם, אלו תוכחות שהוכיח משה רבינו; מאיש שומע שיר כסילים, אלו ברכות של בלעם הרשע, שבהן גבה לבן ונפלו בשטים.

יג

(ו) כי כקול הסירים תחת הסיר. ר' לוי בריה דר' זעירא עבד לה נטילת רשות: כל העצים כשהן דולקין אין קולן הולך; ברם הלין סרייתא, כד אינון דולקים קולן הולך, מימר: „אוף אנן קיסין".

יד

(ז) כי העשק יהולל חכם, — עסק שתלמידי חכמים עסוקין בו זה עם זה, יהולל חכם, מערבבין חכמתו; ויאבד את לב מתנה, — א"ר יהושע בן לוי: פ' הלכות למדתי מיהודה בן פדיה בחרישת הקבר, ועל ידי שהייתי עסוק בצרכי רבים, שכחתים.

איזהו תלמיד חכם? ר' אבהו בשם ר' יוחנן: כל שהוא מבטל עסקיו מפני משנתו. תני: כל ששואלין אותו הלכה ממשנתו ומשיב עליה.

טו

חמשה תלמידים היו לו לר' יוחנן בן זכאי. כל זמן שהיה קיים, היו יושבין לפניו; כשנפטר, הלכו ליבנה. והלך ר' אלעזר בן ערך אצל אשתו לאמאוס, מקום מים יפים ונוה יפה. המתין

---

ווער איז אַ תלמיד חכם? ר' אבהו אין נאָמען פון ר' יוחנן: איטלעכער וואָס גיט אויף זיינע געשעפטן צוליב זיין לערנען. מיר האָבן געלערנט: איטלעכער וואָס מע פרעגט אים אַ הלכה פון דעם וואָס ער לערנט, און ער ענטפערט גלייך.

טו

פינף תלמידים האָט ר' יוחנן בן זכאי געהאַט.[1] כל זמן ער האָט געלעבט, פלעגן זיי זיצן פאַר אים; אַז ער איז נפטר געוואָרן, זיינען זיי אַוועק קיין יבנה.[2] ר' אלעזר בן ערך איז אַוועק צו זיין ווייב קיין עמאַאוס,[3] אַן אָרט

פון גוט וואסער און שיינער וואוינונג. ער האָט געוואָרט זיי זאָלן קומען צו אים, זיי זיינען אָבער ניט געקומען. וויבאַלד אַז זיי זיינען ניט געקומען, אַזוי האָט ער געוואָלט גיין צו זיי, אָבער זיין ווייב האָט אים ניט געלאָזט. זי האָט געזאָגט: „ווער דאַרף וועמען?" האָט ער איר געזאָגט: „זיי דאַרפן מיך". האָט זי געזאָגט צו אים: אַ לאָגל [מיט עסנוואַרג] [4] און מייז, — ווער גייט געוויינלעך צו וועמען? די מייז צום לאָגל, אָדער דער לאָגל צו די מייז?" האָט ער זיך צוגעהערט צו איר און איז דאָרט געבליבן זיצן, ביז ער האָט פאַרגעסן זיין לערנען. אין אַ צייט אַרום זיינען זיי געקומען צו אים. האָבן זיי אים געפרעגט: „[רעדט זיך עס וועגן] ווייצן-ברויט, אָדער גערשטן־ברויט, — [ביי דער הלכה וועגן איינעם וואָס זיצט] אָנגעלענט, [אין הויז פון אַ קרעציקן און] עסט ברויט מיט אַ מיטגעריכט?" און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.[5]

[פאַרוואָס רופט מען אַ מיטגעריכט] „לפתן"? ר' אליעזר און ר' יוסי זאָגן: ווייל צוויי געריכטן זיינען צונויפגענומען [6] איינס מיטן צווייטן.

טז

רבי פלעגט יעדעס יאָר באַשטימען צוויי באַאַמטע.[1] זיינען זיי עס ווערט געווען, פלעגן זיי זיך האַלטן; אויב אָבער ניט, פלעגן זיי שטאַרבן. אַז רבי האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער געזאָגט צו זיין זון: „דו זאָלסט אַזוי ניט טאָן, נייערט באַשטים זיי אַלע פאַר אַ מאָל.[2] און באַשטים ר' חנינאן דעם ערשטן".

— און פאַרוואָס האָט ער אים אַליין ניט באַשטימט? ר' יוסי בר זביד האָט געזאָגט: ווייל די איינוואוינער פון ציפורי האָבן געשריען קעגן אים.[3]

— און צוליבן געשריי טוט מען אַזוי? אָט שרייען זיי [וועגן] אַ

---

טו. [1] זע אבות ב, ח. [2] וואו ר' יוחנן בן זכאי האָט אויפגעשטעלט אַ ישיבה אין דער צייט פון חורבן ירושלים. [3] אַ שטאָט אין דעם פלאַכלאַנד פון יהודה, אידענטיש מיט דימסית, אָדער דיומסית (יאַסטראָוו; זע שבת קמז, ב; אבות דר' נתן יד, ו). [4] די גירסא אין ילקוט איז הפת והעכברים, דאָס ברויט און די מייז, און ס'איז מעגלעך אַז דער ילקוט האָט געהאַט פאַר זיך אַן אַנדער נוסח אין מדרש, ווייל אין אַ לאָגל פלעגט מען האַלטן נאָר ווייץ אָדער וואַסער. — די ו, און, האָבן מיר צוגעגעבן לויטן ילקוט. [5] אין משנה נגעים (יג, ט) לערנען מיר: אַז איינער איז אַריין אין אַ הויז פון אַ קרעציקן — — — און די קליידער טראָגט ער אויף זיך און די סאַנדאַלן אויף די פיס און די רינגען אויף די הענט, איז ער ווערט גלייך טמא, אָבער זיינע זאַכן בלייבן ריין, ביז ער זאַמט זיך לאַנג גענוג אויף אויפצועסן אַ רעפטל ברויט (און דאָס — ווייצנברויט און ניט קיין גערשטנברויט, וואָס געדויערט לענגער צו צעקייען) אָנגעלענטערהייט און עסנדיק עס מיט אַ מיטגעריכט (עפּעס אָנגעשמירט אויפן ברויט, עס זאָל זיך עסן אַפּעטיטלעכער און שנעלער). האָבן זיי אים געפרעגט, וועגן וואָסער ברויט רעדט זיך דאָ. — מיר האָבן געביטן מי טב, וואָס איז בעסער, אויף מיסב, אָנגעלענט, לויט דער משנה (זע רד"ל און עץ יוסף). [6] לפותין.

להם שיבואו אצלו, ולא באו. כיון שלא באו, בקש לילך אצלם, ולא הניחתו אשתו. אמרה: „מי צריך למי?״ אמר לה: „הן צרי־כין לי״. אמרה לו: „חמת [ו]העכברים, מי דרכו לילך אצל מי? העכברים אצל החמת, או החמת אצל העכברים?״ שמע לה וישב לו, עד ששכח תלמודו. מאחר זמן באו אצלו. שאלו אותו: „פת חטין, או פת שעורים, — [מיסב ו]אוכלה בלפתן?״ ולא ידע להשיבן.

„בלפתן״, — ר׳ אליעזר ור׳ יוסי אומרים: ב׳ תבשילין לפותין זה בזה.

## טז

רבי הוה ממני תרין מנאין בכל שנה. אין הוון כדי, הוון מתקיימין; ואין לא, הוון דמכין. מן דאתא רבי למדמך, אמר לבריה: „לא תעביד כן, אלא הוי ממני כולהון כחדא. ומני לך ר׳ חנינא קדמאי״.

— והוא למה לא מנייה? ר׳ יוסי בר זביד אמר: על דצווחין ציפוריא עליה.

— ומן צווחא עבדין? הא כדון צווחין טבאות, — אם אנן שמעין בהדא, אוף בההיא צריכין שמוע להן!

ר׳ בון [אמר ר׳ לעזר בר׳ יוסה: על שהשיבו טעם ברבים. רבי הוה יתיב מתני (יחזקאל ז): ופלטו פליטיהם, והיו אל ההרים כיוני הגאיות, כלם הומיות. א״ל: „הו־

---

סך[4] [זאַכן], — אויב מיר זאָלן זיך צוהערן צו זיי וועגן דעם, דאַרף מען אויך וועגן די אַנדערע זיך צוהערן צו זיי! ר׳ בון [האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אלעזר בר׳ יוסה: איבער דעם וואָס ער האָט אים אָפּ־געענטפערט אַ וואָרט צווישן אַ סך מענטשן. רבי איז געזעסן און האָט געלערנט (יחזקאל ז, טז): ופלטו — און עס וועלן אַנטרינען זייערע אַנ־טרונענע, און זיי וועלן זיין אויף די בערג ווי טויבן פון די טאָלן, כלם הומיות, — וואָס זיי טוען אַלע ברומען. האָט ער געזאָגט צו אים: [אין

טז. [1] אַ ראש ישיבה און אַן אב בית דין, פאָרזיצער פון געריכט (מתנות כהונה). [2] באַשטים גלייך אַ שורה פון חכמים, וואָס זאָלן אין אַ באַשטימטער אָרדנונג פאַרנעמען איינער דעם אַנדערנס אָרט אין פאַל פון טויט. [3] לויטן ירושלמי (תענית ג, ד) זיינען זיי געווען אין כעס אויף אים, ווייל אָנשטאָט בעטן פאַר זיי אין צייט פון אַ מגפה און פון אַ טריקעניש, האָט ער זיי גאָר געמוסרט פאַר זייערע שלעכטע מעשים. [4] אַנשטאָט טבאות דאַרף אפשר זיין טובאות, פון טובא, אַ סך (טבאות מיינט געוויינטלעך גוט).

פסוק שטייט] הומות].[4א] האט ער אים געזאגט: „ביי וועמען האסטו געלערנט מקרא?” האט ער אים געזאגט: „ביי ר׳ המנונא דעם סופר פון בבל”. האט ער געזאגט צו אים: „אז דו וועסט גיין אהין, זאג אים, אז ער זאל דיך באשטימען[5] פאר א זקן”.[6] האט ער געוואוסט, אז ער וועט ניט באשטימט ווערן [אויף קיין אמט] כל זמן ער לעבט.

אז רבי איז געשטארבן, האט זיין זון אים געוואלט באשטימען, אבער ער האט עס ניט אנגענומען. ער האט געזאגט: „איך נעם ניט אן, נייערט [דו זאלסט באשטימען] [7] צוערשט ר׳ אפס פון דרומא.[8] איז דארט געווען איינער א זקן; האט ער געזאגט: „אויב ר׳ חנינא איז פאר מיר, בין איך דער צווייטער; און אויב ר׳ אפס איז פאר מיר, בין איך דער צווייטער”. האט ר׳ חנינא גענומען אויף זיך באשטימט צו ווערן דער דריטער, און ער האט זוכה געווען מאריך ימים צו זיין א סך יארן. ער האט געזאגט: „איך ווייס ניט, פון וועגן וואס האב איך זוכה געווען מאריך ימים צו זיין א סך יארן, — צי צוליב דער דאזיקער זאך, אדער צוליב דעם, וואס ווען איך פלעג ארויפ־גיין פון טבריה קיין ציפורי, פלעג איך אנלייגן וועג[9] כדי שואל בשלום זיין ר׳ שמעון בן חלפתאן; פון וועגן וועלכן פון די צוויי, ווייס איך ניט”.

יז

אן אנדער פשט: ווארום די קריגעריי[1] פארטומלט דעם חכם, — די קריגעריי וואס דתן און אבירם האבן זיך געקריגט מיט משה זייער רבין האבן אים גורם געווען צו פארלירן זיין חכמה; און מאכט קאליע א הארץ א געלאסנס — ווי עס וואלט געשטאנען מתונה[2]: ווען משה וואלט געווען געלאסן, וואלט ער געראטעוועט געווארן [פון רעדן קעגן גאט]. אבער אז זיי האבן אים דערצערנט און אים דערבייזערט און געזאגט צו אים (שמות ה, כא): ירא ה׳ — זאל גאט זען וועגן אייך [און משפטן, וואס איר האט שלעכט געמאכט אונדזער ריח אין די אויגן פון פרעהן,[3] האט ער עס ניט געקענט פארטראגן, נייערט אויך ער האט זיך געבייזערט פון כעס און האט געזאגט (דארט כג): און זינט איך בין געקומען [צו פרעהן צו רעדן אין דיין נאמען, איז ער זיך באגאנגען נאך ערגער מיט דעם דאזיקן פאלק, און ראַ־טעווען האסטו ניט געראטעוועט דיין פאלק]. האט הקדוש ברוך הוא געזאגט צו אים: „איך האב געשריבן וועגן דיר, אז דו ביסט א חכם, און דו בייזערסט

---

[4א] צוגעגעבן לויט ירושלמי דארט, ד, ב; אן דעם איז דא דער ענין אינגאנצן ניט קלאר. [5] געביטן שמניתיך (אז איך האב דיך באשטימט) אויף דמנייתך (אז ער זאל דיך באַ־שטימען) לויטן ירושלמי (דארט ד, ב, פון וואנען די מעשה איז גענומען). [6] א טיטול אין דער ישיבה. לויטן ירושלמי — פאר א חכם, א טיטול מיט א מדרגה נידעריקער ווי רבי. [7] צוגעגעבן לויטן ירושלמי. [8] אן ארט אין דרום ארץ ישראל (יאסטראוו). [9] ווערטערלעך: פארקרימען דעם וועג.

יז. [1] אזוי לויטן דרש, — געלייענט העשק מיט א לינקער שין און געטייטשט לויט בראשית כו, כ. . [2] אין טעקסט שטייט מתונה כתיב, מתונה (געלאסן) שטייט געשריבן. אזא כתיב איז אבער נישטא, האבן מיר עס דערפאר איבערגעזעצט: ווי עס וואלט גע־שטאנען. [3] לויט שמות רבה ה, כ, זיינען דתן און אבירם געווען צווישן די וואס האבן

מות״]. א״ל: „קדם מן קרייתא?״ א״ל: „קדם ר׳ המנונא ספרא דבבל״. א״ל: „כד תיזול לתמן, אמור ליה, (שמני־תיך) [דמנייתך] זקן״. וידע, דלא מתמני ביומיה.

כיון דדמך, בעא בריה דימניניה, ולא קביל עליה. אמר: „לית אנא מקבל, אלא [דתמני] קדם ר׳ אפס דרומא״. הוה תמן חד סב; אמר: „אם ר׳ חנינא קדמי, אנא תניין; ואם ר׳ אפס קדמי, אנא תניין״. קביל עליו ר׳ חנינא למתמני תליתוי, וזכה למארכה סגין שנין. אמר: „לית אנא ידע, מן בגין מה זכיתי מארכין שנין סגין, — מן בגין הדא מלתא, ואם מן בגין דהוינא סליק מן טבריה וציפורין, והוינא עקים איסטרטיא שאיל בשלמיה דר׳ שמעון בן חלפתא; באידין מתניין לית אנא ידע״.

יז

ד״א: כי העשק יהולל חכם, — עושק שעשקו דתן ואבירם למשה רבן אבדו חכמתו ממנו; ויאבד את לב מתנה — מתונה כתיב: אלו היה משה מתון, היה ניצול. אלא שהקניטו והקפידו אותו ואמרו לו (שמות ה): ירא ה׳ עליכם, ולא סבל, אלא אוף הוא הקפיד מכעסו ואמר (שם): ומאז באתי [אל פרעה לדבר בשמך, הרע לעם הזה, והצל לא הצלת את עמך]. א״ל הקב״ה: „אני כתבתי עליך, שאת חכם, ואת מקפיד ואומר לי כך! חייך, יש לך לידע ולידע: טוב אחריתן של בני מראשית שנתתי להם במצ־רים״. דכתיב (שם ו): עתה תראה [אשר אעשה לפרעה]. באותה שעה אמר הקב״ה: „ווי דמובדין ולא משתכחין! אבדתי את אב־רהם יצחק ויעקב, שלא הרהרו אחרי, ולא מצאתי כיוצא בהן״. באותה שעה בקשה מדת הדין לפגוע בו, דכתיב (שם): וידבר

---

זיך און זאָגסט מיר אַזוי! ביי דיין לעבן, דו האָסט באַדאַרפט וויסן און לאָזן וויסן, אַז (ח) טוב — בעסער איז דער סוף פון מיינע קינדער, איידער דער אָנהייב וואָס איך האָב זיי געגעבן אין מצרים״. ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט ו, א): עתה — אַצינד וועסטו זען [וואָס איך וועל טאָן צו פרעהן]. אין יענער שעה האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „ווייי פון זועגן די וואָס גייען פאַרלאָרן און ווערן ניט געפונען! איך האָב פאַרלאָרן אברהמען, יצחקן און יעקבן, וואָס האָבן ניט נאָכגעטראַכט נאָך מיר, און איך האָב ניט גע־פונען זייער גלייכן״. דעמאָלט האָט דער מידת הדין אים געוואָלט שלעכטס

---

געהאַט טענות צו משה רבינו. [4] און דאָ ווערט גענוצט דעם שם הויה, וואָס באַצייכנט דעם מדת הרחמים, דעם אַטריבוט פון רחמנות.

טאָן, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט ב): וידבר אלהים — און גאָט האָט גערעדט, און אלהים איז ניט אַנדערש, נייערט דער מידת הדין. אָבער [גלייך נאָך דעם] ווערט געזאָגט: ויאמר — און ער האָט געזאָגט צו אים: איך בין גאָט,[4] — ער האָט געזאָגט צו אים: „דו ביסט אַ בשר ודם, האָסטו זיי ניט געקענט פאַרטראָגן; איך אָבער בין דער דערבאַרעמדיקער גאָט, דער בעל רחמים, מיט מיינע מידות וועל איך זיך דערבאַרימען”. ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה מו, ד): אני — איך האָב געמאַכט און איך וועל פאַרטראָגן.

יח

(ח) טוב — בעסער דער סוף פון אַ זאַך, איידער איר אָנהייב.

ר' מאיר איז געזעסן און געדרשנט אין בית מדרש פון טבריה, און אלישע זיין רבי איז פאַרבייגעריטן אין גאַס אויף אַ פערד אום שבת. האָט מען געזאָגט ר' מאירן: „זע, אלישע דיין רבי קומט [רייטנדיק] אום שבת אין גאַס”. איז ער אַרויס צו אים. האָט [אלישע] אים געזאָגט: „אין וואָס האָסטו עוסק געווען?” [1] האָט ער אים געזאָגט (איוב מב, יב): וה' — און גאָט האָט געבענטשט איובס סוף מער פון זיין אָנהייב. [האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס האָסטו געזאָגט וועגן דעם?”] [2] האָט ער אים געזאָגט: „ער האָט אים געבענטשט [מיט דעם], וואָס ער האָט געטאָפּלט זיין פאַרמעגן”. האָט ער געזאָגט צו אים: „עקיבא דיין רבי האָט ניט אַזוי געזאָגט, נייערט — און גאָט האָט געבענטשט איובס סוף פון זיין אָנהייב,[3] — אין זכות פון תשובה און מעשים טובים, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין האַנט זינט זיין אָנהייב”.[4] און [ווידער] האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס נאָך האָסטו געזאָגט?” „בעסער דער סוף פון אַ זאַך, איידער איר אָנהייב”. האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס האָסטו געזאָגט וועגן דעם?” האָט ער אים געזאָגט: „עס טרעפט, אַז אַ מענטש קויפט סחורה אין זיין יוגנט, און ער פאַרלירט; און אויף דער עלטער, און ער פאַרדינט אין איר. אַן אַנדער פשט: „בעסער דער סוף פון אַ זאַך, איידער איר אָנהייב, — עס טרעפט, אַז אַ מענטש געבערט קינדער אין זיין יוגנט, און זיי שטאַרבן; און ער געבערט אויף זיין עלטער, און זיי בלייבן לעבן. אַן אַנדער פשט: בעסער דער סוף פון אַ זאַך, איידער איר אָנהייב, — עס טרעפט, אַז אַ מענטש טוט שלעכטע מעשים אין דער יוגנט, און אויף דער עלטער טוט ער גוטע מעשים. אַן אַנדער פשט: בעסער דער סוף פון אַ זאַך, איידער איר אָנהייב, — עס טרעפט, אַז אַ מענטש לערנט תורה אין זיין יוגנט און פאַרגעסט, און אויף דער עלטער קערט ער זיך אום צו איר.[5] האָט ער געזאָגט צו אים: „ר' עקיבא דיין רבי האָט ניט אַזוי געזאָגט, נייערט — גוט איז דער סוף פון אַ זאַך ווען עס איז גוט פון זיין אָנהייב אָן.[6] און אַזוי איז די מעשה געווען.

„מיין פאָטער, אבויה, איז געווען פון די גדולי הדור, און אַז ער האָט מיך געדאַרפט מל זיין, האָט ער פאַררופן אַלע גדולים פון ירושלים, און אַלע גדולי הדור, און צוזאַמען מיט זיי האָט ער פאַררופן ר' אליעזרן און ר'

אלהים, ואין אלהים אלא מדת הדין. ונאמר: ויאמר אליו אני ה׳ — א״ל: „את בשר ודם לא יכולת לסבול אותם; אני ה׳ רחמן, בעל הרחמים, במדותי ארחם״. שנאמר (ישעיה מו): אני עשיתי ואני אשא.

יח

(ח) טוב אחרית דבר מראשיתו.

ר׳ מאיר הוה יתיב ודריש בבי מדרשא דטבריה, והוה אלישע רביה גייז בשוקא ארכיב על סוסיא בשבתא. אמרון לר׳ מאיר: „הא אלישע רבך אתי גייז בשבתא בשוקא״. נפק לגביה. א״ל: „במה הויתא עסיק?״ א״ל (איוב מב): „וה׳ ברך את אחרית איוב מראשיתו״. [א״ל: „ומה אמרת ביה?״] א״ל: „ברך, שהכפיל את ממונו״. א״ל: „עקיבא רבך לא הוה אמר כן, אלא — וה׳ ברך את אחרית איוב מראשיתו, בזכות תשובה ומעשים טובים שהיו בידו מראשיתו״. א״ל: „ומה את אמרת שוב?״ „טוב אחרית דבר מראשיתו״. א״ל: „ומה את אמרת ביה?״ א״ל: „יש לך אדם שהוא קונה סחורה בנערותו והוא מפסיד, ובזקנותו הוא משתכר בה. ד״א: טוב אחרית דבר מראשיתו, — יש לך אדם שמוליד בנים בנערותו, והם מתים; מוליד בזקנותו, והן מתקיימין. ד״א: טוב אחרית דבר מראשיתו, יש לך אדם, שעושה מעשים רעים בנערותו, ובזקנותו עושה מעשים טובים. ד״א: טוב אחרית דבר מראשיתו, — יש לך אדם שהוא לומד תורה בנערותו ומשכחה, ובזקנותו הוא חוזר עליה; הוי: טוב אחרית דבר מראשיתו״. א״ל: „ר׳ עקיבא רבך לא כך אמר, אלא — טוב אחרית דבר כשהוא טוב מראשיתו. וכן היה מעשה.

„אבויה אבי [היה] מגדולי הדור, וכשבא למולני, קרא לכל גדולי ירושלים, וקרא לכל גדולי הדור, וקרא לר׳ אליעזר ולר׳ יהושע עמהם. וכשאכלו ושתו, שרון אילין אמרין מזמורין ואי־

---

יהושען. און אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען האָבן די אָנגעהויבן זאָגן געזאַנגען און די האָבן געזאָגט אלף־בית שירים.[7] האָט ר׳ אליעזר גע־

---

יח. [1] וואָס האָסטו געדרשנט. [2] צוגעשטעלט לויט רות רבה ו, ד, וואו די זעלבע מעשה געפינט זיך מיט קליינע ענדערונגען (זע אונדזער אויסגאַבע, ז׳ 132 און ווייטער). [3] אַזוי לויטן דרש. [4] אַן אָנצוהערעניש אויף זיך, אַז צו אים וועט זיך גאָט ניט צוהערן, ווייל ער האָט ניט אויסגעהאַלטן זיין יידישקייט. [5] דורך די אַלע מאמרים האָט ר׳ מאיר געוואָלט געבן אַן אָנצוהערעניש זיין רבין, אַז ער קאָן נאָך תשובה טאָן. [6] ווען ס׳איז

זאָגט צו ר׳ יהושען: ׳די דאָזיקע זיינען זיך עוסק מיט זייערס,[8] זאָלן מיר זיך ניט עוסק זיין מיט אונדזערס?׳ האָבן זיי אָנגעהייבן מיט [דרשות אויף] דער תורה, און פון דער תורה [זיינען זיי אַריבער] צו נביאים, און פון נביאים — צו כתובים. און די ווערטער זיינען געווען פריידיק, ווי בשעת זיי זיינען געגעבן געוואָרן פון באַרג סיני, און פייער האָט געפלאַמט אַרום זיי, — זיינען זיי דען ניט לכתחילה געגעבן געוואָרן פון סיני אין פייער? ווי דער פסוק זאָגט (דברים ד, יא): וההר — און דער באַרג ברענט מיט פייער ביזן האַרץ פון הימל. האָט [מיין פאָטער] געזאָגט: ׳וויבאַלד דער כוח פון תורה איז אַזוי גרויס, — אויב דער דאָזיקער זון וועט זיך מיר האַלטן, וועל איך אים אָפגעבן דער תורה׳. און איבער דעם וואָס די כוונה פון זיין מחשבה איז ניט געווען פון גאָטס וועגן, האָט זיך ביי מיר די תורה ניט געהאַלטן״.

„און וואָס נאָך האָסטו געזאָגט?״ „(איוב כח, יז): לא יערכנה — מע קאָן זי ניט שאַצן מיט קיין גאָלד אָדער גלאָז״. האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס האָסטו געזאָגט וועגן דעם?״ האָט ער אים געזאָגט: „דאָס זיינען די ווערטער פון תורה, וואָס ס׳איז שווער זיי איינצוקויפן, ווי גאָלדענע כלים, [ס׳איז אָבער גרינג זיי צו פאַרלירן] ווי גלאָז״.[9] האָט ער געזאָגט צו אים: „עקיבא דיין רבי האָט ניט אַזוי געזאָגט, נייערט — אַזוי ווי גילדערנע און גלעזערנע כלים, אויב זיי זיינען צעבראָכן געוואָרן, קען מען זיי פאַרריכטן: אַזוי אויך אַ תלמיד חכם וואָס האָט פאַרלאָרן זיין לערנען, קאָן זיך אומקערן צו דעם״. און ער האָט אים געזאָגט: „קער זיך אום, גיי אַריין [צוריק אין בית המדרש].״ האָט ער אים געזאָגט: „פאַרוואָס?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „ביז אַהער איז אַ תחום שבת״.[10] האָט ער אים געזאָגט: „פון וואַנען ווייסטו?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „פון די קלאָען פון מיין פערד, וואָרום עס איז שוין אָפגעגאַנגען צוויי טויזנט איילן״. האָט ער אים געזאָגט: „און אַזוי פיל חכמה האָסטו אין זיך, און דו קערסט זיך ניט אום?״[11] האָט ער געזאָגט צו אים: „איך האָב עס ניט בכוח״. האָט ער אים געזאָגט: „פאַרוואָס?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „איך בין אַ מאָל געריטן אויפן פערד אויף אַ שפּאַציר הינטערן בית המקדש[12] אום יום כפור וואָס איז אויסגעפאַלן אום שבת; און איך האָב געהערט ווי אַ בת-קול וואָרקעט[13] און זאָגט (ירמיה ג, כב): שובו — קערט זיך אום, קינדער אָפּקערערס; (מלאכי ג, ז) שובו אלי — קערט זיך אום

כסדר גוט, אָבער קיין געמאַכטע פעלערן לאָזן זיך ניט פאַרריכטן. [7] לידער מיט אַן אַקראָסטיך, וואָס יעדע שורה הייבט זיך אָן מיט אַן אַנדער אות, לויט דער אָרדנונג פונעם אלף־בית (אַ שטייגער ווי די ערשטע פיר פרקים פון איכה). [8] מיט וואָכעדיקע זאַכן. [9] צוגעגעבן לויט רות רבה, דאָרט. [10] און טאָרסט, לויטן דין, ווייטער ניט גיין. [11] טוסט קיין תשובה ניט. [12] לויט יענע היסטאָריקער וואָס נעמען אָן, אַז בר־כוכבא האָט באַוויזן אויפצובויען דעם בית המקדש (זע ב״צ לוריא אין בית מקרא, אב, תשכב: בית המקדש בימי בר־כוכבא), מיינט עס דאָ הינטערן בית המקדש ממש; אויב ניט, מיינט עס הינטערן אָרט פון בית המקדש. אין רות רבה איז דער נוסח הינטער דער שול. [13] מצפצפת. אין רות רבה — מפוצצת, רייסט זיך אַרויס מיט כוח, און אַזוי איז עס

לין אלפבטרין. א״ר אליעזר לר׳ יהושע: ׳אילין עסקין בדידהון, ואנן לית אנן עסקין בדידן?׳ והתחילו בתורה, ומן התורה לנביאים, ומן הנביאים לכתובים, והיו הדברים שמחים כנתינתן מסיני, והאש מלהטת סביבותיהן, — עיקר נתינתן לא מסיני נתנו באש? שנאמר (דברים ד): וההר בוער באש עד לב השמים. אמר: ׳הואיל וכך הוא גדול כחה של תורה, הבן הזה אם מתקיים לי, הריני נותנו לתורה׳. ועל ידי שלא היתה כוונת מחשבתו לשם שמים, לא נתקיימה בי תורתי״.

„ומה את אמר תובן?״ (איוב כח): „לא יערכנה זהב וזכוכית״. א״ל: „ומה אמרת ביה?״ א״ל: „אלו דברי תורה, שקשין לקנות ככלי זהב ו[נוחין ליאבד כ]זכוכית״. א״ל: „עקיבא רבך לא אמר כן, אלא מה כלי זהב וזכוכית אם נשברו, יש להם תקנה, אף תלמיד חכם שאיבד משנתו, יכול הוא לחזור עליה״. א״ל: „חזור, עול לך״. א״ל: „למה?״ „עד כאן תחום שבת״. א״ל: „מנן את ידע?״ א״ל: מטלפי סוסי, שכבר הלך אלפים אמה״. א״ל: „וכל הדא חכמתא אית בך, ולית את חוזר בך?״ א״ל: „לית בחילי״. א״ל: ״למה?״ א״ל: „רוכב הייתי על הסוס ומטייל אחורי בית המקדש ביום הכפורים שחל להיות בשבת; ושמעתי בת קול מצפצפת ואומרת (ירמיה ג): שובו, בנים שובבים; (מלאכי ג) שובו אלי ואשובה אליכם, חוץ מאלישע בן אבויה, שהיה יודע כחי ומרד בי״.

ומהיכן היה לו? ראה אדם אחד עלה לראש הדקל בשבת, ונטל האם על הבנים וירד בשלום. ובמוצאי שבת ראה אדם אחד עלה לראש הדקל ונטל הבנים ושלח את האם וירד, והכישו נחש ומת. אמר: „כתיב (דברים כב): שלח תשלח את האם

---

צו מיר, און איך וועל זיך אומקערן צו אייך, אויסער אלישע בן אבויה, וואס האט געוואוסט מיין כוח און האט ווידערשפעניקט אין מיר״.

און פון וואנען איז עס אים געקומען? ער האט א מאל געזען, ווי איינער א מענטש איז ארויף אויפן שפיץ פון א טייטלבוים אום שבת, און האט גענומען די מוטער [פויגל] מיט די קינדער, און איז אראפ בשלום. און מוצאי שבת האט ער געזען, ווי איינער א מענטש איז ארויף אויפן שפיץ פונעם טייטלבוים, און האט גענומען די קינדער און אוועקגעלאזן די מוטער, און איז אראפ, און א שלאנג האט אים א ביס געטאן, און ער איז געשטארבן. האט ער געזאגט: „עס שטייט געשריבן (דברים כב, ז): שלח תשלח — אוועק־

שיקן זאָלסטו אַוועקשיקן די מוטער, און די קינדער קאָנסטו נעמען פאַר זיך, כדי דיר זאָל גוט זיין, און דו זאָלסט מאריך ימים זיין, — וואו איז דאָס גוטס פון דעם דאָזיקן און וואו איז דאָס אריכות ימים פון דעם דאָזיקן?" און ער האָט ניט געוואוסט, אַז ר' עקיבא האָט וועגן דעם געדרשנט: כדי דיר זאָל גוט זיין אויף דער וועלט וואָס איז לויטער גוטס, און דו זאָלסט מאריך ימים זיין אויף דער וועלט וואָס איז לויטער אריכות ימים[14].

און אַנדערע זאָגן: איבער דעם וואָס ער האָט געזען די צונג פון ר' יהודה הנחתום [15] ביי אַ הונט אין מויל. האָט ער געזאָגט: „מה־דאָך די צונג, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן זיך געמיט אין דער תורה, [האָט געענדיקט] אַזוי; הייַנט אַ צונג וואָס ווייס ניט און מיט זיך ניט אין דער תורה, — אוודאי און אוודאי!" און ער האָט געזאָגט: „אויב אַזוי, איז ניטאָ קיין באַלוינונג פאַר די צדיקים און ניט קיין תחיית המתים".[16]

און אַנדערע זאָגן: איבער דעם, וואָס זיין מאַמע איז פאַרבייגעגאַנגען, ווען זי האָט געטראָגן מיט אים, פאַרביי די הייזער פון דער עבודה זרה, און זי האָט דערשמעקט [דעם ריח פון זייערע טריפהנע עסנס], און מע האָט איר געגעבן פון יענעם מין, און זי האָט געגעסן;[17] און עס האָט זיך איר צעיוירן אין בויך, ווי דער גיפט פון אַ שלאַנג.

אין אַ צייט אַרום איז אלישע בן אבויה קראַנק געוואָרן. איז מען געקומען און געזאָגט צו ר' מאירן: „אלישע איז קראַנק". איז ער אַוועק צו אים און אים געזאָגט: „קער זיך אום". האָט ער אים געזאָגט: „און אַזוי ווייט נעמט מען אָן [תשובה]?" האָט ער געזאָגט צו אים: „שטייט דען ניט געשריבן (תהלים צ, ג): תשב אנוש — דו דערפירסט דעם מענטשן ביז צו דערשלאָגנקייט — ביז צו דער צעבראָכנקייט פון דער נשמה?".[18] דעמאָלט האָט זיך אלישע בן אבויה צעוויינט און איז געשטאָרבן. האָט זיך ר' מאיר געפרייט און געזאָגט: „מיר שיינט, אַז מיין רבי איז נפטר געוואָרן מתוך תשובה".

און נאָכדעם ווי מע האָט אים באַגראָבן, איז געקומען אַ פייער צו פאַרברענען זיין קבר. איז מען געקומען צו ר' מאירן און אים געזאָגט: „דיין רבינס קבר ווערט פאַרברענט". איז ער אַרויס און פאַרשפּרייט זיין טלית איבער דעם, און ער האָט געזאָגט צו אים (רות ג, יג): „ליני — נעכטיק איבער די נאַכט, אויף דער וועלט, וואָס איז דורכאויס נאַכט; און עס וועט זיין אין פרימאָרגן, אויב טוב[19] וועט דיך אויסלייזן, זאָל ער אויסלייזן, — וואָס

---

[14] ד"ה: דער שכר פון מצוות ווערט ניט געגעבן אויף דער וועלט, נייערט אויף יענער וועלט (זע אונדזער אויסגאַבע פון רות רבה, ז' 136, באַמ. 19). [15] איינער פון די ערשטע הרוגי מלכות. [16] ניטאָ קיין באַלוינונג פאַר גוטע מעשים ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער וועלט. [17] לויט דער גמרא (חולין פב, א) מעג מען געבן אַ טראָגעדיקער פרוי, אויב עס האָט איר שטאַרק פאַרשמעקט, חזיר פלייש אויך אין ילקוט אויף אונדזער פסוק.

ואת הבנים תקח לך, למען ייטב לך והארכת ימים, — **היכן טובו של זה והיכן אריכות ימים של זה?" ולא ידע שדרשה ר' עקיבא:** למען ייטב לך **בעולם שכולו טוב,** והארכת ימים **לעולם שכולו ארוך.**

**ויש אומרים: על ידי שראה את לשונו של ר' יהודה הנחתום נתון בפי הכלב. אמר: "מה הלשון שיגע בתורה כל ימיו — כך; לשון שאינו יודע ויגע בתורה — עאכ"ו!" אמר: "אם כן, לא מתן שכר לצדיקים ולא תחיית המתים".**

**ויש אומרים: על ידי שכשהיתה אמו מעוברת בו, עברה על בתי עבודת כוכבים והריחה, ונתנו לה מאותו המין ואכלה; והיה מפעפע בכריסה כאירסה של חכינה.**

**לאחר ימים חלה אלישע בן אבויה. אתון אמרין לר' מאיר: "אלישע חולה". אזל לגביה, א"ל: "חזור בך". א"ל: "ועד כדון מקבלין?" א"ל: "ולא כתיב** (תהלים צ): תשב אנוש עד דכא, **עד דכדוכה של נפש?" באותה שעה בכה אלישע בן אבויה ומת. והיה ר' מאיר שמח ואומר: "דומה, שמתוך תשובה נסתלק רבי".**

**וכיון שקברוהו, באתה האור לשרוף את קברו. אתון אמרין ליה לר' מאיר: "קבר רבך נשרף". יצא ופרש טליתו עליה; א"ל** (רות ג): "ליני הלילה, **בעולם הזה שכולו לילה;** והיה בבקר, אם יגאלך טוב, יגאל, — **מהו** והיה בבקר? **בעולם שכולו (טוב) [בקר];** אם יגאלך טוב, **זה הקב"ה, שנאמר** (תהלים קמה): טוב ה' לכל. (רות שם) ואם לא יחפץ לגאלך, וגאלתיך אנכי, חי ה'! שכבי עד הבקר. **ודמכת לה.**

**אמרון ליה: "רבי, לעלמין דאתי, אין אמרין לך: מה את בעי [למקרבא], אביך או רבך, — מה תימר?" אמר: "אבא,**

---

**מיינט און עס וועט זיין אין פרימאָרגן? אויף דער וועלט וואָס איז לויטער פרימאָרגן;**[20] אויב טוב וועט דיך אויסלייזן, **דאָס מיינט מען הקדוש ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קמה, ט): טוב ה' — גוט איז גאָט צו אַלעמען. (רות דאָרט) ואם — אויב אָבער ער וועט דיך ניט וועלן אויסלייזן, וועל איך דיך אויסלייזן, ווי גאָט לעבט! ליג ביז אין דער פרי". **און ס'איז אויסגעלאָשן געוואָרן.**

**האָט מען אים געזאָגט: "רבי, אויף יענער וועלט, אַז מע וועט דיר זאָגן: וועמען ווילסטו [מקרב זיין],**[21] **דיין פאָטער, אָדער דיין רבין, — וואָס ווּעסטו**

זאָגן?״ האָט ער געזאָגט: „דעם פאָטער, און נאָך דעם דעם רבין״.[22] האָט מען אים געזאָגט: „און זיי וועלן זיך צוהערן צו דיר?״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „איז עס ניט אַ משנה?[23] מען מעג ראַטעווען [אום שבת פון פייער] די שייד פון אַ ספר [תורה] צוזאַמען מיטן ספר, און די שייד פון תפילין צוזאַמען מיט די תפילין — מע דאַרף ראַטעווען אלישען[24] אין זכות פון זיין תורה״.

אין אַ צייט אַרום זיינען געקומען זיינע טעכטער און פאַרלאַנגט צדקה פון אונדזער רבין.[25] האָט ער געזאָגט [תהלים קט, ט]: אל יהי לו — זאָל קיינער אים ניט שענקען קיין גנאָד, און קיינער זאָל ניט לייטזעליקן זיינע יתומים. האָבן זיי געזאָגט: „רבי, קוק ניט אויף זיינע מעשים, קוק אויף זיין תורה. דעמאָלט האָט זיך רבי צעוויינט און באַפוילן וועגן זיי, זיי זאָלן געשפּייזט ווערן. ער האָט געזאָגט: „מה־דאָך דער, וואָס זיין תורה איז ניט געווען פון גאָטס וועגן, האָט אַזוינס אַרויסגעגעבן,[26] אַ פשיטא שוין דער וואָס זיין תורה איז פון גאָטס וועגן!״

## יט

(ח) טוב — בעסער געדולדיק אין געמיט, אײדער האָפּערדיק אין געמיט.

איינער אַ פּערסיאַנער איז געקומען צו רבן און אים געזאָגט: „לערן מיר תורה״. האָט ער אים געזאָגט: „זאָג אלף״. האָט אים יענער געזאָגט: „ווער זאָגט עס, אַז דאָס איז אַן אלף? טאָמער איז עס ניט אַזוי״. „זאָג בית״. האָט אים יענער געזאָגט: „ווער זאָגט עס, אַז דאָס איז אַ בית?״ האָט ער אָנגעשריען אויף אים און אים אַרויסגעהייסן מיט געבייזער. איז ער אַוועק צו שמואלן און אים געזאָגט: „לערן מיר תורה״. האָט ער אים געזאָגט: „זאָג אלף״. האָט אים יענער געזאָגט: „ווער זאָגט עס, אַז דאָס איז אַן אלף?״ האָט ער אים געזאָגט: „זאָג בית״. האָט אים יענער געזאָגט: „ווער זאָגט עס, אַז דאָס איז אַ בית?״ האָט ער אים אָנגענומען פאַר אַן אויער, און יענער האָט געזאָגט: „מיין אויער! מיין אויער!״ האָט שמואל אים געזאָגט: „ווער זאָגט עס, אַז דאָס איז דיין אויער?״ האָט יענער אים געזאָגט: „די גאַנצע וועלט ווייס, אַז דאָס איז מיין אויער״. האָט ער אים געזאָגט: „אויך דאָ ווייס די גאַנצע וועלט, אַז דאָס איז אַן אלף און דאָס איז אַ בית״. איז דער פּערסיאַנער שטיל געוואָרן און האָט עס אָנגענומען. דאָס איז: בעסער געדולדיק אין געמיט, אײדער האָפּערדיק אין געמיט, — בעסער איז דאָס געדולד וואָס שמואל האָט אַרויסגעוויזן דעם פּערסיאַנער, אײדער דאָס געבייזער וואָס רב האָט זיך געבייזערט אויף אים; ווען ניט דאָס [געדולד פון שמואלן], וואָלט דער

---

צו עסן, צוליב פּיקוח נפש. [18] און ווייטער שטייט דאָרט: און דו זאָגסט: טוט תשובה, מענטשנקינדער. [19] אַזוי לויטן דרש. [20] געביטן לויטן ירושלמי (חגיגה ב, א). [21] צוגעגעבן לויטן ירושלמי: אַריינגענעמען צו זיך אין גן עדן. [22] אין ירושלמי איז די גירסא פאַרקערט. [23] שבת טז, א. [24] פון די פייערן פון גיהנם. [25] רבי, ר׳ יהודה הנשיא. [26] אַזאַ תלמיד ווי ר׳ מאיר, אָדער אַזעלכע פיינע און צניעותדיקע טעכטער (מתנות כהונה).

ובתר כן רבי". אמרין ליה: "ושמעי לך אינון?" אמר להון: "ולאו מתניתא היא? מצילין תיק הספר עם הספר ותיק התפילין עם התפילין, — מצילין אלישע בזכות תורתו".

לבסוף באו בנותיו ותובעות צדקה אצל רבינו. אמר (תהלים קט): אל יהי לו מושך חסד, ואל יהי חונן ליתומיו. אמרין: "רבי, לא תסתכל בעובדוהי; תסתכל לאורייתיה". באותה שעה בכה רבי וגזר עליהון שיתפרנסו. אמר: "מה מי שלא היתה תורתו לשם שמים כך העמיד, מי שתורתו לשם שמים — עאכ"ו!"

יט

(ח) טוב ארך רוח מגבה רוח.

חד פרסי אתא גבי רב, א"ל: "אלפני אוריא". א"ל: "אמור אלף". א"ל: "מאן דיימר, דהוא אלף? ימרון, דאינו כן". "אמור בית". א"ל: "מאן אמר, דהוא בית?" גער בו והוציאו בנזיפה. אזל לגבי שמואל; א"ל: "אלפני אוריא". א"ל: אמור אלף". א"ל: מאן דיימר, דהוא אלף?" א"ל: "אמור בית". א"ל: "מאן אמר, דהוא בית?" אחדיה באודניה, ואמר: "אודני! אודני!" א"ל שמו-אל: "מאן אמר, דהוא אודניך?" א"ל: "כולי עלמא ידעין, דהוא אודני". א"ל: "אוף הכא כולי עלמא ידעין, דהוא אלף ודהוא בית". מיד נשתתק הפרסי וקביל עליו. הוי: טוב ארך רוח מגבה רוח, — טובה היא האריכה שהאריך שמואל עם הפרסי מהקפדה שהקפיד עליה רב; אילולא כן, חזר הפרסי לסיאורו. וקרא עליו: טוב ארך רוח.

כ

ועוד: עקילס הגר שאל לר' אליעזר, אמר לו: "הרי חיבה שחיבב הקב"ה את הגר בלחם ובשמלה, שנאמר (דברים י, יח): ואוהב גר לתת לו לחם ושמלה? כמה טווסין וכמה פסיונין אית

---

פערסיאַנער צוריקגעגאַנגען צו זיין פאַרדאַרבנקייט. און מע האָט געלייענט אויף אים [דעם פסוק]: בעסער געדולדיק אין געמיט.

כ

און נאָך [אַ מעשה]: עקילס דער גר [1] האָט געפרעגט ר' אליעזרן: "איז גאָר די ליבשאַפט וואָס הקדוש ברוך הוא האָט ליב דעם גר נאָר אין דעם [וואָס ער גיט אים] ברויט און אַ בגד, ווי דער פסוק זאָגט (דברים י, יח): ואוהב — און ער האָט ליב דעם גר, אים צו געבן ברויט און אַ קלייד? וויפיל

פֿאַוועס און וויפֿיל פֿאַזאַנעז האָב איך, און אפילו מיינע שקלאַפֿן קוקן זיך אויף זיי ניט אום!" האָט ער אים געזאָגט: „איז עס אַ קלייניקייט אין דיינע אויגן, דאָס וואָס יעקב אבינו האָט צום אַלעם ערשטן געבעטן, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית כח, כ): ונתן לי — און ער וועט מיר געבן ברויט צו עסן און אַ בגד אָנצוטאָן, — איז עס אַ קלייניקייט?" איז ער געקומען צו ר' יהו־שען און האָט אים געפֿרעגט דאָס זעלבע; האָט ער אים געזאָגט: „אַ גר וואָס איז זיך מגייר פֿון גאָטס וועגן איז זוכה, אַז זיינע טעכטער מעגן חתונה האָבן מיט כוהנים: לחם, ברויט, דאָס מיינט מען דעם לחם הפּנים,[2] און אַ בגד, דאָס מיינט מען די בגדים פֿון כהונה.[3] ער האָט אים צוריקגעהאַלטן מיט ווערטער.[4]

האָבן זיינע תּלמידים געזאָגט צו אים: „איז עס אין דיינע אויגן אַ קליי־ניקייט דאָס וואָס דער אַלטער האָט זיך אַזוי געבעטן [5] וועגן דעם, ווי דער פּסוק זאָגט: און ער וועט מיר געבן ברויט צו עסן? טאָ פֿאַרוואָס שטופּסטו אים אָפּ מיט גאָרניט?" [6] האָט ער אים [ווידער] אָנגעהויבן איינגעמען מיט ווערטער: ברויט, דאָס איז תּורה, ווי דער פּסוק זאָגט (משלי ט, ה): לכו — קומט, עסט פֿון מיין ברויט; און אַ בגד, דאָס איז דער כבוד [פֿון תּורה], ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט ח, טו): בי — דורך מיר קיניגן מלכים".[7] דאָס איז: בעסער געדולדיק אין געמיט, בעסער איז דאָס געדולד וואָס ר' יהושע האָט אַרויסגעוויזן עקילסן דעם גר, איידער דאָס געבייזער וואָס ר' אליעזר האָט זיך געבייזערט אויף אים; וואָרום ווען ניט דאָס, וואָלט ער צוריקגע־גאַנגען צו זיין פֿאַרדאָרבנקייט. און מע האָט געלייענט אויף אים [דעם פּסוק]: בעסער געדולדיק אין געמיט, איידער האָפֿערדיק אין געמיט.

## כא

(ט) אל תבהל — זיי ניט האַסטיק אין דיין געמיט אין כעס צו ווערן. ר' יודן האָט געזאָגט: ווי דער שפּינער פֿאַרדרייט [דעם פֿאָדים] אויפֿן שפּינדל, אַזוי וועט עס אים אַרויסקומען, — אַזוי וועט ער עס אַראָפּנעמען פֿון שפּינדל;[1] אַז אַ טשייניק צעקאָכט זיך, פֿאַרגיסט ער זיין אייגענע זייט; שפּייט איינער אַרויף, פֿאַלט עס אים אַליין אויפֿן פּנים.

## כב

(יא) טובה — גוט איז חכמה מיט אַ נחלה, גוט איז חכמה, ווען זי איז אַ ירושה.[1] אַן אַנדער פּשט: גוט איז חכמה, ווען צוזאַמען מיט איר איז אויך פֿאַראַן אַ נחלה, ווי מיר האָבן געלערנט דאָרט אין אבות[2]: רבן גמליאל דער

---

כ. [1] זע אויבן א, ל, באַמ. 15. [2] וואָס דעם גרס טעכטער וועלן מעגן עסן (וועגן לחם הפּנים זע ויקרא כד, ה—ט). [3] וואָס זיינע אייניקלעך וועלן קענען טראָגן. [4] מיט די דאָזיקע ווייכע רייד האָט ער אים אָפּגעהאַלטן פֿון צוריקגיין צו דער עבודה זרה. [5] ווער־טערלעך האָט זיך געקלאַפּט (אין דער ערד; פֿאַרגלייך דעם אויסדרוק: אויסשלאָגן אַ קני ערד: זיך שטאַרק בעטן ביי יענעם). [6] ווערטערלעך: מיט אַ ראָר־שטעקעלע, עפּעס אָן אַ ממשות, — ברויט און אַ בגד זיינען, לויט זייער מיינונג, וויכטיקער פֿון דעם וואָס ר' יהושע האָט צוגעזאָגט עקילסן. [7] אין ביידע פֿאַלן רעדט די חכמה, וואָס איז אידענטיש מיט תּורה.

לי, ואפילו עבדי לא משגיחין עליהון!" א"ל: „ וכי קלה הי'א בעיניך דבר שביקש בו אבינו יעקב מתחלה, שנאמר (בראשית כח): ונתן לי לחם לאכל ובגד ללבש, — דבר קל הוא?" אתא לגבי ר' יהושע ושאיל ליה כך. א"ל: „גר שנתגייר לשם שמים זכה, ומשיאין מבנותיו לכהונה: לחם, זה לחם הפנים, ובגד, אלו בגדי כהונה". צמצמו בדברים.

אמרו לו תלמידיו: „וכי קלה היה בעיניך דבר שנחבט בו הזקן, שנאמר: ונתן לי לחם לאכל? ולמה את מושיטו בקנה?" התחיל מפייסו בדברים: „לחם, זו התורה, שנאמר (משלי ט): לכו לחמו בלחמי; ובגד, זה הכבוד, שנאמר (שם ח, טו): בי מלכים ימלכו". הוי: טוב ארך רוח, טובה היא האריכה שהאריך ר' יהושע עם עקילס הגר, מהקפדה שהקפיד בו ר' אליעזר; שאי־לולא כן, חזר לסיאורו. וקרא עליו: טוב ארך רוח מגבה רוח.

כא

(ט) אל תבהל ברוחך לכעוס. א"ר יודן: היכמה דמעזילא עזיל על פלכתיה, כן סליק ליה, — בפלכתיה הוא נסיב; היך מה דקומקומא גליש, על גיסיה שפיך; כל דרקק לעיל, על אפו נפל.

כב

(יא) טובה חכמה עם נחלה, טובה חכמה כשהיא נחלה. ד"א: טובה חכמה כשיש עמה נחלה, דתנינן תמן באבות: רבן גמליאל בנו של ר' יהודה הנשיא אומר: יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ, וכו'.

ד"א: טובה חכמה, טובה חכמתו של משה, שנאמר (משלי כא): עיר גבורים עלה חכם, עם נחלה, שהנחיל תורתו לישראל.

---

זון פון ר' יהודה הנשיא פלעגט זאָגן: „גוט איז דאָס לערנען תורה, [ווען עס גייט צוזאַמען] מיט דרך ארץ — — —".[3]

אַן אַנדער פשט: גוט איז חכמה, — גוט איז די חכמה פון משהן, ווי דער פסוק זאָגט (משלי כא, כב): עיר — אויף אַ שטאָט פון גבורים איז אַרויף דער חכם;[4] — מיט אַ נחלה, וואָרום ער האָט געגעבן זיין תורה צו ישראל פאַר אַ נחלה.[5]

---

כא. [1] די איבערחזרונג פון דער צווייטער העלפט פונעם שפּריכוואָרט קומט וואַר־שיינלעך פון דעם, וואָס דאָס ווערטל איז אומגעגאַנגען אין צוויי ווערסיעס.

כב. [1] ווען אויך די עלטערן פונעם חכם זיינען געווען חכמים, — די חכמה האָט

אַן אַנדער פשט: גוט איז חכמה, דאָס איז די חכמה פון בצלאלן, וואָס האָט געגעבן דעם ארון [קודש] צו ישראל פאַר אַ נחלה. וואָרום דעמאָלט ווען משה האָט אים געזאָגט: „מאַך אַן אָרון און כלים און אַ משכן״ [ — צו־ערשט (שמות כה, י): ועשו — און זיי זאָלן מאַכן אַן אָרון, און נאָך דעם (דאָרט כו, א): ואת המשכן — און דעם משכן זאָלסטו מאַכן — ],[6] האָט בצלאל געזאָגט צו אים: „משה רבינו! קען מען ברענגען די כלים און זיי שטעלן אין דער לופטן? זאָל מען צוערשט מאַכן דעם משכן, און נאָכדעם זאָל מען מאַכן דעם אָרון״. האָט משה געזאָגט צו אים: „סיידן דו ביסט געזעסן אין שאָטן פון גאָט,[7] דעריבער ווייסטו״.[8] דאָס איז: גוט איז חכמה מיט אַ נחלה, — גוט איז די חכמה פון בצלאלן, מיט אַ נחלה, וואָס ער האָט איינגעטיילט דעם ארון צו ישראל.

אַן אַנדער פשט: גוט איז די חכמה פון יהושען מיט דער נחלה, וואָס ער האָט געגעבן [ישראל] דאָס לאַנד פאַר אַ נחלה.

אַן אַנדער פשט: גוט איז די חכמה, ווען צוזאַמען מיט איר איז אויך פאַראַן זכות אבות;[9] ויותר — און מער נאָך פאַר די וואָס זעען די זון,[10] — וואָרום איז דעם וואָס דער זכות פון זיינע אבות שטייט אים ביי און באַלייכט אים [זיין וועג].

כג

[(יב) — וואָרום אין שאָטן פון חכמה איז ווי אין שאָטן פון געלט.]

ר׳ אחא אין נאָמען פון ר׳ תנחום: האָט אַ מענטש אַליין געלערנט און יענעם געלערנט, און האָט אָפּגעהיט [די תורה] און געטאָן [מצוות] און האָט געהאַט ביידע אויסצוהאַלטן [תלמידי חכמים] און האָט ניט אויסגעהאַלטן, איז ער אין כלל [פון די ווערטער] (דברים כז, כו): ארור — פאַרשאָלטן זאָל זיין דער, וואָס וועט ניט מקיים זיין די ווערטער פון דער דאָזיקער תורה.

---

דאַן מער האַפּט. [2] פּרק ב, משנה ב. [3] שטייגער פון דער וועלט: אַ באַשעפטיקונג זיך מפרנס צו זיין. [4] משה איז אַרויף אויפן הימל, וואו ער האָט געדאַרפט קעמפן מיט די מלאכים, וואָס האָבן אים ניט געוואָלט לאָזן נעמען די תורה (זע פסיקתא רבתי כ, ג; זע אויך שמות רבה כח, א). [5] דער פסוק אין משלי ענדיקט זיך: ויורד — און ער האָט אַראָפּגעבראַכט (לויטן דרש) די פעסטונג פון איר זיכערקייט, און דאָס ווערט געדרשנט אויף דער תורה. [6] די פראַזע אין די פירעקיקע קלאַמערן געפינט זיך אין די געדרוקטע טעקסטן צום סוף פון משהס ווייטערדיקן ענטפער; אָבער דאָרט האָבן זיי קיין זין ניט. האָבן מיר עס געשטעלט דאָ, ווי אַ דערקלערונג צו משהס ווערטער (אין די פסוקים ח—ט פון יענעם פרק ווערט טאַקע דער מקדש, אָדער משכן, דערמאָנט פריער פון די כלים, אָבער ווען דער פסוק קומט אויסצורעכענען די אַלע זאַכן אין דעטאַלן, קומט פריער דער ארון, דער שולחן, די מנורה, און ערשט דאַן דער משכן). [7] בצל אל — בצלאל. [8] זע שמות לא, ז—יא, וואו די אָרדנונג איז שוין לויט בצלאלס ווערטער. זע אויך ברכות נה, א, וואו עס זאָגט זיך, אַז אַזוי האָט עס טאַקע גאָט געזאָגט צו משהן, נאָר ער האָט פאַרביטן. [9] וואָס איז אַ נחלה, אַ ירושה. [10] אין די פאַרשידענע אויסגאַבעס געפינט זיך דער טייל פסוק פריער, נאָך די ווערטער שהנחיל את הארץ; ס׳איז אָבער קלאָר אַז זיין אָרט איז דאָ.

**ד״א:** טובה חכמה, זו **חכמתו של בצלאל, שהנחיל ארון ליש־ראל. ובשעה שאמר לו משה: „עשה ארון וכלים ומשכן״** [—בת־**חלה** (שמות כה): ועשו ארון, **ואחר כך** (שם כו): ואת המשכן תעשה —], **אמר לו בצלאל: משה רבינו! מביאין את הכלים ומעמידין אותן באויר? בתחלה יעשה המשכן, ואחר כך יעשה הארון״. אמר לו משה:** „שמא בצל אל היית **יושב וידעת״. הוי:** טובה חכמה עם נחלה, טובה חכמה **של בצלאל** עם נחלה, **שהנחיל ארון לישראל.**

**ד״א:** טובה חכמה **של יהושע** עם נחלה, **שהנחיל את הארץ.**

**ד״א:** טובה חכמה **שיש עמה זכות אבות;** ויותר לרואי השמש, — **אשרי שזכות אבותיו עומדת ומאירה לו.**

כג

[(יב) כי בצל החכמה, בצל הכסף.] **ר׳ אחא בשם ר׳ תנחום: למד אדם ולימד, ושמר ועשה, והיתה ספיקא בידו להחזיק, ולא החזיק, הרי הוא בכלל** (דברים כז): ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת. **למד ולא לימד, לא שמר ולא עשה, ולא היתה ספיקא בידו להחזיק והחזיק, הרי הוא בכלל „ברוך אשר יקים״, כי כל** ארור **הוא מכלל** ברוך. **ר׳ הונא אמר: עתיד הקב״ה לעשות צל וחופה לבעלי מצוות אצל בעלי תורה; מאי טעמא?** כי בצל החכמה, בצל הכסף.

כד

**שלש מאות נזירין עלו להקריב תשע מאות קורבנין בימי שמעון בן שטח: מאה וחמשים מצא להם פתח, ומאה וחמשים**

---

האָט ער אַליין געלערנט און יענעם ניט געלערנט, האָט ניט אָפּגעהיט און ניט געטאָן, אָבער ניט האָבנדיק ביַיד געגוג אויף אויסצוהאַלטן [תלמידי חכמים], האָט ער זיי דאָך אויסגעהאַלטן, איז ער אין כלל פון די ווערטער: „געבענטשט זאָל זיין דער, וואָס וועט מקיים זיין״,[1] ווארום ארור, פאַרשאָלטן וואַקסט אַרויס פון ברוך, געבענטשט. ר׳ הונא האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט צו מאַכן אַ שאָטן און אַ חופה פאַר די וואָס טוען מצוות[2] לעבן די וואָס לערנען תורה; פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווארום אין שאָטן פון חכמה איז ווי אין שאָטן פון געלט.

כד

דריי הונדערט נזירים זיינען אין די טעג פון שמעון בן שטח אַרויף [קיין ירושלים][1] מקריב צו זיין ניין הונדערט קרבנות.[2] פאַר הונדערט און

פופציק האָט ער געפונען אָ פּתח [חרטה];[3] אָבער פאַר די אַנדערע הונדערט און פופציק האָט ער קיין פּתח חרטה ניט געפונען. איז שמעון בן שטח אַרויף צו ינאי המלך און געזאָגט צו אים: „דריי הונדערט נזירים זיינען אַרויפגעקומען און ווילן מקריב זיין ניין הונדערט קרבנות, אָבער זיי האָבן ניט. טאָ גיב דו אַ העלפט פון דיינס, און איך וועל געבן אַ העלפט פון מיינס, און זאָלן זיי גיין און מקריב זיין". האָט ינאי זיי געגעבן אַ העלפט, און זיי זיינען אַוועק און האָבן מקריב געווען. איז מען געקומען און מע האָט אָנגערעדט פאַר ינאין לשון הרע אויף שמעון בן שטחן. מע האָט געזאָגט צו ינאין: „זאָלסט וויסן זיין, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן מקריב געווען איז געווען פון דיינס; אָבער שמעון בן שטח האָט פון זיינס גאָרניט געגעבן". אַז ער האָט עס געהערט, איז ער אין כעס געוואָרן אויף שמעון בן שטח. האָט עס שמעון בן שטח געהערט און איז אַנטלאָפן.

אין אַ צייט אַרום זיינען דאָרט געווען געהויבענע לייט פון דער פּערסישער[4] מלוכה, און זיי זיינען געזעסן ביי ינאי המלכס טיש. ביים עסן האָבן זיי געזאָגט צו ינאין: „האר מלך! מיר געדענקען, אַז דאָ איז געווען איינער אַן אַלטער, און ער פלעגט אונדז זאָגן ווערטער פון תורה". האָט ער געזאָגט צו שלומיתן, [שמעון בן שטחס] שוועסטער, ינאיס ווייב: „שיק און ברענג אים". האָט זי געזאָגט צו אים: „גיב מיר אַ וואָרט[5] און שיק אים דיין זיגלרינג,[6] וועט ער קומען". האָט ער איר געגעבן אַ וואָרט, און ער איז געקומען.

אַז ער איז געקומען האָט ער זיך געזעצט צווישן דעם מלך און דער מלכה. האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן?" האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב געהערט, אַז דו ביסט אין כעס אויף מיר, און איך האָב געהאַט פחד פאַר דיר, אַז דו זאָלסט מיך ניט הרגענען, בין איך אַנטלאָפן. און איך האָב מקיים געווען דעם דאָזיקן פּסוק וואָס שטייט געשריבן (ישעיה כו, כ): חבי — באַהאַלט זיך אויף אַ קליינער ווײַלע, ביז דער כעס וועט אַריבער". האָט ער געזאָגט צו אים: „און פאַרוואָס האָסטו געמאַכט חוזק פון מיר?" האָט ער אים געזאָגט: „חס ושלום, איך האָב פון דיר קיין חוזק ניט געמאַכט, נייערט דו [האָסט געגעבן] פון דיין געלט, און איך פון מיין תורה; ווי אין פּסוק שטייט: וואָרום אין שאָטן פון חכמה איז ווי אין שאָטן פון געלט". האָט ער געזאָגט צו אים: „און פאַרוואָס האָסטו זיך געזעצט צווישן דעם מלך און דער מלכה?" האָט ער געזאָגט צו אים: „ווייל אַזוי שטייט געשריבן

---

כג. [1] מקיים זיין די תורה ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי אויפהאַלטן זי דורך אויפהאַלטן אירע לערנערס. [2] האַלטן אויס תלמידי חכמים.

כד. [1] לויטן פּירוש וואָס איז צוגעשריבן צו רש"יִן (בראשית רבה צא, ג) — קיין ארץ ישראל. [2] אַ נזיר האָט געדאַרפט, ווען די צייט פון זיין נדר האָט זיך געענדיקט, מקריב זיין דריי קרבנות (במדבר ו, יד). [3] אַן אָפענע טיר פאַר חרטה: אין דעם אופן ווי זיי האָבן געטאָן דעם נדר פון נזירות האָט ער געפונען אַ וועג, ווי אַזוי דעם נדר מבטל צו זיין פון לכתחילה, און זיי זאָלן קיין קרבן ניט דאַרפן ברענגען. [4] פאַרטישער.

לא מצא להם פתח. סליק שמעון בן שטח לגבי ינאי מלכא, א״ל: „ש׳ נזירין סלקין, בעיין למקרבא תת״ק קורבנין, ולית להון. אלא הב את פלגא מן דידך, ואנא פלגא מן דידי, ויזלון ויקרבון״. יהב להון ינאי פלגא, ואזלון וקרבון. אתון אמרין לישן דביש לינאי על שמעון בן שטח. אמרין לינאי מלכא: תהוי ידיע, כל מה דאקריבינון מן דידך הוה; ברם שמעון בן שטח לא יהב כלום מן דידיה״. שמעיניה וכעס על שמעון בן שטח. ושמע שמ־עון בן שטח וערק.

בתר יומין הוו תמן בר נש רברבין מן מלכותא דפרס, הוון יתבין על פתוריה דינאי מלכא. מן דאכלין אמרין לינאי: „מרי מלכא! נהירין אנן, דהוה הכא חד סב, והוה אמר לן מילי דאוריתא״. אמר לשלמתו אחתיה אינתתיה דינאי: „שלחי ואייתיה. א״ל: „הב לי מילא ושלח ליה עזקתך, והוא אתי״. יהב לה מילא ואתא.

מן דאתא יתיב ליה בין מלכא ומלכתא. א״ל: „למה ערקת?״ א״ל: „שמעית דאת כעיס עלי, וצרת לי בגינך דלא תקטלנני, וערקית. והדין קרייה קיימית, דכתיב (ישעיה כו): חבי כמעט רגע עד יעבור זעם״. א״ל: „ולמה אפלית בי?״ א״ל: „ח״ו, לא אפלית בך, אלא את מן ממונך ואנא מן אורייתי; דכתיב: כי בצל החכ־מה, בצל הכסף״. א״ל: „ולמה יתבת בין מלכא למלכתא?״ א״ל: „דהכין כתיב בסיפריה דבן סירא: סלסלה ותרוממך ובין נגידים תושיבך״. א״ל: „חמית מן מה אנא מוקיר לך? א״ל: „לית את מוקיר, אלא אורייתי היא מוקרא לי, דכתיב: סלסלה ותרוממך״.

אמר לון: „מזגין לו כסא, דיבריך״. אמר: „מה איבריך? נימר: ברוך שאכל ינאי משלו״. א״ל: „עד כדון את בקשיותך!

---

אין דעם ספר פון בן סירא: סלסלה — האַלט זי טייער, וועט זי דיך דער־הייבן, און צווישן הערשער וועט זי דיך באַזעצן״.[7] האָט ער געזאָגט צו אים: „דו זעסט, ווי טייער איך האַלט דיך?״ האָט ער אים געזאָגט: „ניט דו האַלטסט מיך טייער, נייערט מיין תורה האַלט מיך טייער, ווי עס שטייט געשריבן: האַלט זי טייער, און זי וועט דיך דערהייבן״. האָט ער געזאָגט צו זיי[8]: „גיסט אים אָן אַ כוס, ער זאָל בענטשן״. האָט ער געזאָגט: „ווי זאָל איך בענטשן? איך וועל זאָגן: געבענטשט איז דער, וואָס ינאי האָט געגעסן פון זיינס״. האָט ער געזאָגט צו אים: „ביז אַהער האַלטסטו זיך ביי דיין עקשנות! איך

האָב אויף מיין לעבן ניט געהערט [מע זאָל דערמאָנען] ינאי אין בענטשן״. האָט ער געזאָגט: „טאַ וואָס זאָל איך זאָגן, — ברוך שאכלנו, געבענטשט איז דער וואָס מיר האָבן געגעסן [פון זיינס?] אָבער איך האָב דאָך ניט געגעסן״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „ברענגט אים עפּעס צו עסן״. אַז ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער געזאָגט: „ — — — וואָס מיר האָבן געגעסן פון זיינס״.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: שמעון בן שטחס חברים האָבן חולק געווען אויף אים. ר׳ אבין האָט געזאָגט: [זיי האָבן חולק געווען אויף אים] פון וועגן דער צווייטער זאַך [אויך];[9] און ר׳ ירמיה האָט געזאָגט: [נאָר] אויף דער ערשטער זאַך.[10]

— אָבער ר׳ ירמיה בייט[11] דאָך זיין שיטה: דאָרטן[12] איז עס אים קלאָר,[13] און דאָ דאַרף ער גאָר פרעגן![14]

— דאָרטן איז עס אים קלאָר לויט רבן שמעון בן גמליאל, און דאָ, וואָס ער דאַרף [פרעגן], איז עס לויט די רבנן. ווארום [רבן שמעון בן גמ־ליאל][15] האָט געלערנט: אַז איינער איז אַריין און האָט זיך צוגעזעצט און געטונקען [גרינס] מיט זיי, איז כאָטש ער האָט ניט געגעסן מיט זיי קיין כזית קאָרן־ברויט,[16] פאַררעכנט מען אים אין מזומן.[17] [און] וואָס זאָגן די חכמים?[18] ר׳ יעקב בר אחא אין נאָמען פון ר׳ איסין[19] האָט געזאָגט: מע קען אים בשום אופן ניט פאַררעכענען אין מזומן, סיידן ער זאָל עסן אַ כזית קערנער־ברויט.[20]

— [אָבער דאָס וואָס][21] מיר האָבן געלערנט: אַז צוויי האָבן געגעסן קערנער־ברויט און איינער האָט געגעסן עפּעס וואָס איז ניט קיין קערנער־ברויט, קען ער צושטיין [צום מזומן], — לויט וועמען איז עס?

— [די ברייתא][22] איז לויט רבן שמעון בן גמליאל.

[5] אַז דו ווייסט אים קיין שלעכטס ניט טאָן. [6] פאַר אַ סימן. [7] בן סירא יח, א. די ערשטע צוויי ווערטער זיינען גענומען פון משלי ד, ח. [8] צו זיינע באַדינערס. [9] פני משה (ירו־שלמי ברכות ז, ב): ניט נאָר האָבן שמעון בן שטחס חברים ניט מסכים געווען מיט אים אויף דער ערשטער זאַך, ווען ער איז גרייט געווען מוציא צו זיין ינאין מיט זיין בענטשן („געבענטשט איז דער, וואָס ינאי האָט געגעסן פון זיינס״), כאָטש ער אַליין האָט גאָרנישט ניט געגעסן, נייערט זיי האָבן חולק געווען אויף אים אפילו בנוגע צו דער צווייטער זאַך, ווען ער האָט געזאָגט „ברוך שאכלנו״, כאָטש ער האָט קיין ברויט ניט געגעסן, נאָר אַ ביסל גרינס (אַ סימן: עס ווערט ניט דערציילט, אַז ער זאָל זיך האָבן געוואַשן פאַרן עסן). [10] ווייל איינער וואָס איז אַליין ניט מחויב אַ ברכה צו מאַכן (ער האָט דאָך גאָרניט ניט געגעסן), קאָן ניט מוציא זיין אַ צווייטן (פני משה). [11] געביטן פון מחליפין, מע בייט, אויף מחלפא, ער בייט, לויטן ירושלמי, דאָרט; און אַזוי איז עס אויך אין ירושלמי נזיר ה, ג, און אין בראשית רבה צא, ג, און אין ילקוט בראשית קמח. [12] ביי דער מעשה פון שמעון בן שטח (לאָגיש וואָלט געדאַרפט זיין דאָ; אונדזער טעקסט אָבער איז גענומען ווי ער שטייט און גייט פון ירושלמי, און דאָרט פּאַסט זיך דער אויס־דרוק דאָרטן אויף דער מעשה מיט שמעון בן שטח). [13] אַז ס׳איז גענוג פאַר איינעם צו עסן גרינס, כדי ער זאָל קענען יענעם מוציא זיין מיט ברכת המזון (ווייל לויט ר׳ ירמיהן האָבן די חברים מסכים געווען מיט שמעון בן שטח אויף דער צווייטער זאַך, — זע באַמ. 9). [14] אין ירושלמי („דאָ״) פרעגט ר׳ ירמיה, צי קען איינער וואָס האָט נאָר

לא שמעית מן יומא ינאי בברכתא". אמר: "ומה אית לי למימר, — ברוך שאכלנו? ולא אכלתי". אמר להו: "אייתי ליה דייכול". מן דאכל אמר: "שאכלנו משלו".

אמר ר׳ יוחנן: וחלוקין חביריו על שמעון בן שטח. ר׳ אבין אמר: על השניה; ור׳ ירמיהו אמר: על הראשונה.

— (מחליפין) [מחלפא] שיטתיה דר׳ ירמיה: תמן פשיטא ליה, והכא צריכא ליה!

— תמן פשיטא ליה כרבן שמעון בן גמליאל, והכא צריכה ליה כרבנן. דתני [רבן שמעון בן גמליאל:] עלה והסב וטבל עמהן, אע"פ שלא אכל עמהן כזית דגן מזמנין עליו. דברי חכמים? ר׳ יעקב בר אחא בשם ר׳ איסי אמר: לעולם אין מזמנין עליו, עד שיאכל כזית דגן.

— [והא ד]תני: שנים שאכלו דגן ואחד שאכל חוץ מדגן מצטרף, — כמאן? — [מתניתא] דתנינן כרבן שמעון בן גמליאל.

כה

ג׳ בוליוטין היו בירושלים: בן ציצית הכסת, ונקדימון בן גוריון, ובן כלבא שבוע, וכל חד וחד היה יכול לספק ולפרנס למדינה עשר שנים. והיה שם בן בטיח, בן אחותו של ר׳ יוחנן בן זכאי, והיה ממונה על האוצרות, ראש (קסרין) [סיקרין]

---

כה

דריי ראַטגעבערס זיינען געווען אין ירושלים: בן־ציצית הכסת, און נקדימון בן גוריון, און בן כלבא שבוע, און איטלעכער האָט געקענט אויס־האַלטן און שפּייזן די שטאָט צען יאָר. און דאָרט איז געווען בן בטיח, ר׳ יוחנן בן זכאיס שוועסטערס אַ זון, און ער איז געווען דער ממונה אויף די שפּייכלערס, דער עלטסטער פון די די סיקאַריער [1] אין ירושלים; האָט ער

---

געגעסן גרינס מוציא זיין יענעם מיט ברכת המזון. [15] צוגעגעבן לויט תוספתא ברכות ה, כ, פון וואַנען די מימרא איז גענומען (זע פני משה, ירושלמי, דאָרט). [16] אַ שטיקל ברויט גרויס ווי אַן איילבירט (זית). [17] ווען דריי אָדער מער עסן צוזאַמען, זיינען זיי מחויב צו בענטשן בציבור. [18] אַזוי מוז מען עס פאַרשטיין לויטן אינהאַלט (זע פני משה, ירושלמי דאָרט, זע אויך רש"ש, בראשית רבה צא, ג; און ניט ווי די איבערזעצונג פון א. כהן, סאָנטשינאָ). [19] אין אַלע אויבן ציטירטע טעקסטן איז דער נוסח אין נאָמען פון ר׳ יוחנן. [20] און דעריבער פרעגט ר׳ ירמיה זיין פראַגע, ווייל טאָמער איז דער דין ווי די רבנן. [21] צוגעגעבן לויטן ירושלמי ברכות, דאָרט, און לויט בראשית רבה צא, ג. [22] צוגעגעבן לויטן ירושלמי.

כה. [1] עמענדירט לויטן אות אמת (מתנות כהונה). סיקאַריער — די עקסטרעמע עלעמענטן אין דעם יידישן אויפשטאַנד קעגן רוים אין די יאָרן 66—70 נאָך דער אָנגע־

גענומען און פאַרברענט די שפּיכלערס. אַז ר׳ יוחנן בן זכאי האָט עס געהערט, האָט ער געזאָגט: „וויי!״ איז מען אַוועק און געזאָגט צו בן בטיחן: „דיין פעטער האָט געזאָגט: וויי, וויי!״ האָט ער געשיקט און אים געבראַכט צו זיך און געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס האָסטו געזאָגט וויי? האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב ניט געזאָגט וויי, נייערט וואָ[2] האָב איך געזאָגט, וואָרום כל־זמן די טייערע שפּיכלערס שטייען, וועלן זיי זיך ניט איבערגעבן צו מאַכן מלחמה״. צווישן וויי און וואָ האָט זיך ר׳ יוחנן געראַטעוועט, און מע האָט געלייענט אויף אים: ויתרון — אָבער די מעלה פון וויסן איז, וואָס חכמה גיט לעבן דעם וואָס האָט זי.

און געשען איז אַ מעשה מיט ר׳ יוחנן, אַז עס איז אים באַפאַלן אַ הונגער קראַנקייט. איז ער אַוועק קיין אימוניס,[3] זיך געזעצט אין מזרח זייט פון אַ פייגנבוים [און געגעסן פון איר פּרוכט],[4] און ער האָט זיך אויסגעהיילט. האָט מען געזאָגט צו אים: „פון וואַנען האָסטו דאָס גענומען?״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „פון דודן, ווי עס שטייט געשריבן (שמואל א, ל, יב): ויתנו לו — און זיי האָבן אים געגעבן אַ שטיק פון געפּרעסטע פייגן — — — [און ער האָט געגעסן, און זיין אַטעם האָט זיך אים אומגעקערט]״. האָט מען געלייענט אויף אים: אָבער די מעלה פון וויסן איז, וואָס חכמה גיט לעבן דעם וואָס האָט זי.

ר׳ יוסי בר יאסין איז געפאָרן אויף אַ שיף אויפן וועג פון טאַרסיס.[5] האָט זיין יונג געזאָגט צו אים: „איך דאַרף זיך אַראָפּלאָזן [אין וואַסער]״.[6] האָט ער אים געזאָגט: „זאָלסט זיך ניט אַראָפּלאָזן אין ים, וואָרום דער ים איז מסוכן״. האָט ער געזאָגט צו אים: „אָבער איך וויל לייענען קריאת שמע״.[7] האָט ער געזאָגט צו אים: „לייען״. האָט ער געזאָגט צו אים: „איך וויל עסן״. האָט ער אים געזאָגט: „עס״. אַז זיי זיינען אָנגעקומען אין האַפן, האָט ער אים געזאָגט: „[איצט] טאָרסטו עס ניט טאָן, ביז דו וועסט זיך ניט טובלען״. און מע האָט געלייענט אויף אים: אָבער די מעלה פון וויסן איז, וואָס חכמה גיט לעבן דעם וואָס האָט זי.

## כו

ר׳ מאיר איז געזוכט געוואָרן פון מלכות.[1] איז ער אַנטלאָפן, און ס׳איז אים אויסגעקומען פאַרבייצוגיין אַ רוימישע קראָם, און ער האָט זיי געטראָפן ווי זיי זיצן און עסן פון יענעם מין. ווען זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי געזאָגט: „איז עס ער, צי איז עס ניט ער?״ זיי האָבן געזאָגט: [כדי צו וויסן]

---

נומענער צייטרעכענונג. [2] אַ פרייד אויסרוף. — וועגן דער דאָזיקער מעשה זע גיטין נו, א; זע אויך איכה רבה א, לא (אונדזער אויסגאַבע זייט 155). [3] לויט יאַסטראָוו דאַרף זיין עמאַאוס (זע אויבן ז, טו, באַמ. 3). [4] צוגעגעבן לויט אַ גירסא וואָס דער מתנות כהונה האָט געהאַט פאַר זיך. [5] די תנכישע תרשיש. [6] זיך צו טובלען פאַרן לייענען קריאת שמע. [7] און ער איז געווען טמא.

כו. [1] לויט אַ גמרא (עבודה זרה יח) האָט מען אים געוואָלט הרגענען, ווייל ער האָט אַרויסגעראַטעוועט זיין ווייבס שוועסטער פון אַ שאַנד־הויז.

**שבירושלים; ועמד ושרף את האוצרות. שמע ר' יוחנן בן זכאי, אמר: „ווי!" אזלין ואמרון לבן בטיח: חביבך אמר: ווי, ווי; שלח ואייתיתיה. א"ל: „למה את אמרת ווי?" א"ל: „לא אמרית ווי, אלא וה אמרית, שכל זמן שהאוצרות יקרין קיימין, לא יהבין גרמיהון למעבד קרבא". בין ווי לוה נמלט ר' יוחנן, וקרון עליה:** ויתרון דעת החכמה תחיה בעליה.

**ומעשה בר' יוחנן שאחזו בולמוס. והלך לאימוניס וישב לו למזרחה של תאנה [ואכל ממנה] ונתרפא. אמרין ליה: „הדא מנא לך?" א"ל: „מן דוד, דכתיב** (שמואל א, ל, יב): ויתנו לו פלח דבלה — — — [ויאכל, ותשב רוחו אליו]". **וקרון עליה:** ויתרון דעת החכמה תחיה בעליה.

**ר' יוסי בר יאסין הוה אתי באלפא ואתי מן טרסיס. ואמר ליה טליא: „אנא צריך למיחת". א"ל: „לא תיחות לימא, דימא סכנתא". א"ל: „בעי אנא למקרי קריאת שמע". א"ל: „קרי". א"ל: „בעי אנא למיכל". א"ל: „אכול". כיון דאתון ללימן, א"ל: „אסור אתה, עד שתטבול". וקרא עליה:** ויתרון דעת החכמה תחיה בעליה.

כו

**ר' מאיר הוה מתבעי למלכותא. וערק ועבר על חנותא דאר-מיין, ואשכח יתהון יתיבין אכלין מן ההוא מינא. חמון יתיה, אמרין: „הוא-הוא — לית הוא-הוא?" אמרין: „אם הוא-הוא, אנן כרזין ליה, — אין אתי אכיל עמן — — —". והוה צבע חדא אצ-בעותיה בדמה דחזיר, ויהב אצבעותיה אוחרי בפומיה, טמש הא ומתק הא. אמרין דין לדין: „אילו הוה ר' מאיר, לא הוה עביד כן". שבקוניה וערק. וקרא עליה:** ויתרון דעת החכמה תחיה בעליה.

---

צי ער איז עס, לאָמיר אים צורופן, — וועט ער קומען און עסן מיט אונדז, [איז עס ניט ער]." האָט ער איינגעפּאַרבט איינעם פון זיינע פינגער אין בלוט פונעם חזיר פלייש, און אַריינגעטאָן אַן אַנדער פינגער אין מויל, געטונקט איינעם און געזויגן דעם צווייטן. האָבן זיי געזאָגט איינער צום צווייטן: „ווען דאָס וואָלט געווען ר' מאיר, וואָלט ער אַזוינס ניט געטאָן". האָבן זיי אים אָפּגעלאָזט, און ער איז אַנטלאָפן. האָט מען געלייענט אויף אים: אָבער די מעלה פון ווישן איז, וואָס חכמה גיט לעבן דעם וואָס האָט זי.

## כז

רבי האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן אין ציפּורי, האָבן די מענטשן פון ציפּורי געזאָגט: „אויב עמיצער וועט קומען און זאָגן: רבי איז געשטאָרבן, וועלן מיר אים הרגענען". איז אַוועק בר קפּרא און האָט זיך אַריינגעקוועטשט אין אַ פענצטער, און זיין קאָפּ איז געווען פאַרוויקלט און די קליידער צעריסן, און ער האָט געזאָגט: „ברידער, קינדער פון ידעיה,[1] הערט מיך אויס, הערט מיך אויס! מלאכים און שטאַרבלעכע האָבן זיך אָנגענומען מיט דער האַנט אָן די לוחות הברית;[2] האָט זיך געשטאַרקט די האַנט פון די מלאכים, און זיי האָבן אַרויסגעכאַפּט די לוחות". האָבן זיי געזאָגט צו אים: „איז רבי געשטאָרבן?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איר האָט עס געזאָגט, איך האָב עס ניט געזאָגט". און פאַרוואָס האָט ער עס ניט געזאָגט? ווייל עס שטייט געשריבן (משלי י, יח): ומוציא — און דער וואָס טראָגט אַרויס אַ וואָרט איז אַ נאַר. האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער, און דער טומל פון קריעה־רייסן איז דערגאַנגען אַזוי וויט ווי גופתתא, אַ מהלך פון דריי מייל. האָט מען געלייענט אויף אים: אָבער די מעלה פון וויסן איז, וואָס חכמה גיט לעבן דעם וואָס האָט זי.

ר' נחמיה אין נאָמען פון ר' מנא: מעשה ניסים איז געשען אין יענעם טאָג. ערב שבת איז עס געווען, און אַלע שטעט זיינען זיך צונויפגעקומען צום הספד אויף רבין. מע האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַכצן שולן, און מע האָט אים אַוועקגעפירט קיין בית שערים, און דער טאָג האָט געוואַרט אויף זיי, ביז יעדער איינציקער ייד איז געקומען אַהיים און אָנגעצונדן אַ ליכט,[3] און זיך אָפּגעבראָטן אַ פיש, און אָנגעפילט אַ פאַס וואַסער. ערשט ווען דער לעצטער פון זיי האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, איז אונטערגעגאַנגען די זון און דער האָן האָט געקרייט.[4] האָבן זיי זיך אָנגעהויבן מצער זיין און האָבן געזאָגט: „ווי, מיר האָבן מחלל שבת געווען!" איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט: „איטלעכער וואָס האָט זיך ניט געפוילט [צו זיין] ביי רביס הספד איז אָנגעברייט אויף עולם הבא, אויסער דער וועשער וואָס איז דאָרט געווען און איז ניט געקומען". אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער אַרויף און זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דאַך, און איז געפאַלן און געשטאָרבן. איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט: „אויך דער וועשער[5] איז אָנגעברייט אויף עולם הבא".

## כח

(יג) ראה — זע דאָס ווערק פון גאָט; וואָרום ווער קען אויסגלייכן דאָס

---

כז. [1] אַ לוויים משפּחה, וואָס האָט געוואוינט אין ציפּורי. לויטן מהרז"ו — מענטשן פון וויסן און חכמה (ידיעה — ידע). [2] די טאָוולען פונעם בונד, די תורה, — אַ רמז אויף רבין, וואָס איז געווען דער קוואַל פון תורה. [3] דאָס אָנצינדן ליכט וואָלט לאָגיש געדאַרפט קומען צום סוף פונעם זאַץ. [4] דער פאַרלענגערטער טאָג האָט פאַרשלונגען די נאַכט, און ס'איז ווידער טאָג געוואָרן. [5] דאָס וואָרט לאגרא, אויפן דאַך, וואָס געפינט זיך דאָ אין די טעקסטן, איז אַ טעותדיקע איבערחזרונג פון פריער; אין ירושלמי (כלאים ט, ג) איז עס ניטאָ.

### כז

רבי הוה דמיך בציפורין, ואמרין ציפוראי: „כל דאתא ואמר: דמך רבי, אנן קטלין ליה". אזל בר קפרא ועלל בכוותא ואדיק ליה, וראשיה מיכרך ומניה בזיעין; אמר: „אחינו בני ידעיה, שמעוני. אראלים ומצוקים אחזו ידן בלוחות הברית; גברה ידן של אראלים, וחטפו את הלוחות". אמרין לו: „דמך רבי?" ואמר להו: „אתון אמריתון, אנא לא אמינא". ולמה לא אמר? דכתיב (משלי י): ומוציא דבה הוא כסיל. קרעון מניהון עד דאזל קליה דקריעה עד גופתתא, מהלך שלשה מילין. וקרא עליה: ויתרון דעת החכמה תחיה בעליה.

ר' נחמיה בשם ר' מנא: מעשה נסים נעשו באותו היום. ערב שבת היה, ואיתכנשין כל קרייתא להספידא דרבי. אשרוניה בתמני עשר כנישתא, ואובלוניה לבית שערים, ותלא לון יומא, עד דמטא כל חד וחד מישראל לביתו ומדליק את הנר וצולה לו דג וממלא חבית מים. עד שעשה האחרון שבהן, שקעה החמה וקרא הגבר. שרון מצוקין, אמרין: „ווי, דחללינן שבתא!" יצתה בת-קול ואמרה: „כל מי שלא נתעצל בהספדו של רבי, מזומן לחיי העולם הבא, בר מן קצרא, דהוה תמן ולא אתא." כיון דשמע כן, סלק וטלק גרמיה מן איגרא ונפל ומת. יצתה בת-קול ואמרה: „אף (לאגרא) קצרה מזומן לחיי העולם הבא".

### כח

(יג) ראה את מעשה האלהים, כי מי יוכל לתקן את אשר עותו. בשעה שברא הקב"ה את אדם הראשון, נטלו והחזירו על כל אילני גן עדן ואמר לו: „ראה מעשי כמה נאים ומשובחין הן, וכל מה שבראתי, בשבילך בראתי. תן דעתך, שלא תקלקל ותחריב את עולמי. שאם קלקלת, אין מי שיתקן אחריך. ולא עוד, שאת גורם מיתה לאותו צדיק.

וואָס מע [1] האָט קרוס געמאַכט? בשעת הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן אדם הראשונען, האָט ער אים גענומען און אַרומגעפירט איבער אַלע ביימער פון גן־עדן און געזאָגט צו אים: „זע מיינע ווערק, ווי שיין און פּרעכטיק זיי זיינען, און אַלץ וואָס איך האָב באַשאַפן, האָב איך פאַר דיר באַשאַפן. גיב אַכטונג, אַז דו זאָלסט ניט קאַליע מאַכן, און חרוב מאַכן מיין וועלט. וואָרום אויב דו וועסט האָבן קאַליע געמאַכט, וועט ניט זיין ווער עס זאָל פאַרריכטן נאָך דיר. און ניט נאָר דאָס, נייערט דו וועסט נאָך גורם זיין דעם טויט יענעם צדיק".[2]

צו וואָס איז משה רבינו געגליכן? צו אַ שוואַנגערער פרוי, וואָס איז געווען פאַרשפאַרט אין תפיסה. זי האָט געבוירן אַ זון, דאָרט אים אויסגע־האָדעוועט, און דאָרט איז זי געשטאָרבן. אין אַ צייט אַרום איז דער מלך פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער טיר פון דער תפיסה. אַז דער מלך איז פאַרביי־געגאַנגען, האָט דער זון אָנגעהייבן שרייען און זאָגן: „מיין האַר מלך! דאָ בין איך געבוירן געוואָרן, דאָ האָב איך זיך אויסגעהאָדעוועט; אָבער פאַר וואָסער זינד בין איך דאָ, ווייס איך ניט". האָט ער אים געזאָגט: „פאַר דער זינד פון דיין מאַמען". אַזוי איז עס מיט משהן, ווי עס שטייט געשריבן (בראשית ג, כב): הן — זע, דער מענטש איז געוואָרן ווי איינער פון אונדז, און עס שטייט געשריבן (דברים לא, יד): הן — זע, דיינע טעג דעדנענטערן זיך צום שטאַרבן.[3]

## כט

(יד) ביום — אין טאָג פון גוטס, זיי אין גוטס, — איז דיר אָנגעקומען אַ טאָג פון [טאָן] גוטס, טו עס גלייך; און אין טאָג פון שלעכטס קוק זיך אַרום, — קוק זיך אַרום תשובה צו טאָן, כדי דו זאָלסט ניצול ווערן פון דער שטראָף פון גיהנם. ר' יודן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' אלעזרן: דריי זאַכן זיינען מבטל בייזע גזרות, און דאָס זיינען זיי: תפילה, און צדקה, און תשובה. און אַלע דריי געפינען זיך אין איין פסוק; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דברי הימים ב, ז, יד): ויכנעו עמי — און מיין פאָלק, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים, וועט אונטערטעניק ווערן, און זיי וועלן מתפלל זיין און בעטן פאַר מיין פנים, און וועלן זיך אומקערן פון זייערע שלעכטע וועגן, וועל איך זיך צוהערן פון הימל און פאַרגעבן זייערע זינד און אויפריכטן זייער לאַנד: מתפלל זיין, דאָס איז תפילה; און בעטן פאַר מיין פנים, דאָס איז צדקה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יז, טו): אני — איך וועל דורך צדקה[1] זען דיין פנים; און וועלן זיך אומקערן פון זייערע שלעכטע וועגן, דאָס איז תשובה; און נאָך דעם — וועל איך זיך צוהערן פון הימל — — —. ר' מנא האָט געזאָגט: אויך דאָס פאַסטן, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט כ, ב): יענך ה' — גאָט וועט דיר ענטפערן אין טאָג פון פיין.[2] פאַר־וואָס? גם — אויך דאָס קעגן דעם האָט גאָט געמאַכט.[3]

## ל

ר' תנחום בר חייא האָט באַשיידט דעם פסוק אויף אָרימע און רייכע: [אין טאָג פון גוטס זיי אין גוטס, —] אין דעם טאָג פון דיין חברס גוטס פריי זיך מיט אים, און אין טאָג פון שלעכטס קוק זיך אַרום, — קוק זיך

---

כח. [1] אַזוי לויטן דרש. [2] משה רבינו, וואָס וואָלט ניט געשטאָרבן, ווען ניט אדם הראשונס זינד (זע ווייטער; זע אויך דברים רבה ט, ח). [3] איןביידע פאַלן ווערט גע־נוצט דאָס וואָרט הן, זע, ווערט עס גענומען ווי אַ רמז, אַז משהס טויט איז געקומען איבער אדם הראשונס זינד.

משל משה רבינו למה הדבר דומה? לאשה עוברה, שהיתה חבושה בבת האסורים. ילדה שם בן, גידלה שם ומתה שם. לימים עבר המלך על פתח האסורים. כשהמלך עובר, התחיל אותו הבן צווח ואומר: „אדוני המלך! כאן נולדתי, כאן גדלתי; באיזה חטא אני נתון כאן איני יודע". א"ל: „בחטא של אמך". כך במשה, כמו שכתוב (בראשית ג): הן האדם היה כאחד ממנו, וכתיב (דברים לא): הן קרבו ימיך למות.

כט

(יד) ביום טובה היה בטוב, — אם נזדמן לך יום טוב, תהא עושה אותו מיד; וביום רעה ראה, — ראה איך לעשות תשובה, שתנצל מדינה של גיהנם. א"ר יודן בשם ר' אלעזר: שלשה דברים מבטלין גזרות רעות, ואלו הן: תפלה, וצדקה, ותשובה. ושלשתן בפסוק אחד; הה"ד (דברי הימים ב, ז): ויכנעו עמי אשר נקרא שמי עליהם, ויתפללו ויבקשו פני וישובו מדרכיהם הר־עים, ואני אשמע מן השמים ואסלח לחטאתם וארפא את ארצם: ויתפללו, זו תפלה; ויבקשו פני, זו צדקה, המד"א (תהלים יז): אני בצדק אחזה פניך; וישובו מדרכיהם הרעים, זו תשובה; ואחר כך — ואני אשמע מן השמים, וגו'. ר' מנא אמר: אף התענית, דכתיב (שם כ): יענך ה' ביום צרה. למה? גם את זה לעמת זה עשה האלהים.

ל

ר' תנחום בר חייא פתר קרייא בעניים ובעשירים: [ביום טובה היה בטוב,] ביום טובתו של חברך שמח עמו, וביום רעה ראה, — ראה היאך לפרנס את העניים, שתקבל עליהם שכר. כך היה ר' תנחום עושה: אם היה למוד ליקח ליטרא של בשר, היה לוקח שתים, אחד חלקו ואחד לעניים; שתים אגודות של

---

אַרום, ווי אַזוי צו שפּייזן די אָרימעלייט, כדי דו זאָלסט קריגן שכר דורך זיי. ר' תנחום פלעגט אַזוי טאָן: אויב ער פלעגט געוויינלעך קויפן אַ פונט פלייש [פאַר זיך], פלעגט ער קויפן צוויי, איינס פאַר זיך און איינס פאַר אָרימעלייט; צוויי בינטלעך גרינס, איינס פאַר זיך און איינס פאַר אָרימע־

---

כט. [1] אַזוי לויטן דרש. [2] אפשר געפינט דער בעל המדרש אינעם וואָרט יענך (ער וועט דיר ענטפערן) אַן אָנשפּיל אויף תענית (פאַרגלייך ויקרא כג, כז: ועניתם — און איר זאָלט פּייניקן אייערע לייבער, וואָס ווערט פאַרשטאַנען ווי פאַסטן). [3] גאָט האָט באַשאַפן די מיטלען ווי דער מענטש זאָל זיך אַן עצה געבן קעגן זינד און קעגן זייער שטראָף.

לייט. אויך דאָס קעגן דעם האָט גאָט געמאַכט, דאָס זיינען די אָרימע און די רייכע, כדי די זאָלן זוכה זיין דורך יענע.

## לא

ר׳ אחא האָט דערקלערט דעם פסוק אויף דער תורה: [אין טאָג פון גוטס זיי אין גוטס, — ] פריי זיך מיט איר שמחה, און אין טאָג פון שלעכטס זע, — וועסט זיין צווישן די וואָס זעען, וואָס וועגן זיי שטייט געשריבן (ישעיה סו, כד): ויצאו — און זיי וועלן אַרויסקומען און זען די פגרים פון די מענטשן [וואָס האָבן פאַרבראָכן קעגן מיר], און ניט צווישן די וואָס ווערן געזען, וואָס וועגן זיי שטייט געשריבן (דאָרט): כי — וואָרום זייער וואָרעם וועט ניט שטאַרבן.[1] — אויך דאָס קעגן דעם האָט גאָט געמאַכט, דאָס מיינט מען דעם גיהנם מיטן גן עדן. ווי ווייט איז פון איינעם צום צווייטן? אַ טפח.[2] ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: [נאָר] אַ וואַנט [טיילט זיי אָפּ]. און די רבנן האָבן געזאָגט: זיי זיינען גלייך,[3] כדי מע זאָל קענען אַריינקוקן פון איינעם אין צווייטן.

ר׳ לוי האָט דערקלערט דעם פסוק: אין די ימים טובים וואָס איך האָב דיר געגעבן פריי זיך אַליין און דערפריי הקדוש ברוך הוא מיט די קרבנות. אויב עס קומט אָן אַ יאָר אָן טריקעניש,[4] גיי אַרויס אין דיין ווייַנגאָרטן, קוק און פריי זיך; קוק אויף דיין איילבירטבוים און פריי זיך. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך האָב ניט באַשאַפן קיין בעסערן מליץ יושר אויף רעגן ווי דער טאָג פון שמיני עצרת;[5] דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן [במדבר כט, לה]: ביום השמיני עצרת — אויפן אַכטן טאָג זאָל זיין אַן איינזאַמלונג פאַר אייך.

## לב

(טו) את הכל — אַלץ האָב איך געזען אין די טעג פון מיין נישטיקייט. מע האָט געפרעגט ביי שמואל הקטן: וואָס מיינט עס דאָס וואָס אין [אונדזער] פסוק שטייט: פאַראַן אַ צדיק, וואָס גייט אונטער אין זיין צידקות? האָט ער געזאָגט צו זיי: ס׳איז אַנטפּלעקט און באַוואוסט פאַר דעם וואָס־האָט־געזאָגט־און־די־וועלט־איז־געוואָרן, אַז דער צדיק קאָן אַמאָל קומען צו אַן אויסגליטשונג. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „כל־זמן ער איז נאָך אין זיין צידקות וועל איך אים אָוועקנעמען”; דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט: פאַראַן אַ צדיק וואָס גייט אונטער אין זיין צידקות. וישׁ — און פאַראַן אַ רשע וואָס איז מאריך ימים אין זיין רישעות, — כל־זמן אַ מענטש לעבט, וואַרט הקדוש ברוך הוא אויף אים, ער זאָל תשובה טאָן; שטאַרבט ער, ווערט זיין האָפנונג

---

לא. [1] די וואָס ווייטיקן אויף די בייזע גזירות וואָס מלכות גיט אַרויס קעגן לערנען תורה, וועלן דערלעבן צו זען די אייביקע שטראָף פון יענע וואָס האָבן די גזרות אַרויסגעגעבן. [2] די ברייט פון אַ פויסט. [3] איינס לעבן אַנדערן. [4] אַן אייפּעמיזם, געמיינט פאַרקערט, אַ יאָר פון טריקעניש (מהרז״ו), נאָר ניט אַרויסגערעדט צוליב אל תפתח פה לשטן. [5] ווען מע איז מתפלל אויף רעגן (תפלת גשם).

ירק, אחת לו ואחת לעניים. גם את זה לעמת זה עשה האלהים, אלו עניים ועשירים, כדי שיזכו אלו באלו.

לא

ר׳ אחא פתר קרייא בתורה: [ביום טובה היה בטוב, —] בשמחה תשמח, וביום רעה ראה, — תהיה מן הרואים, שכתוב בהם (ישעיה סו): ויצאו וראו בפגרי האנשים [הפושעים בי], ולא מן הנראים, שכתוב בהם (שם): כי תולעתם לא תמות. גם את זה לעמת זה, זה גיהנם וגן עדן. כמה ביניהם? טפח. ר׳ יוחנן אמר: שתיהן שוות, כדי שיהיו מציצות זו מזו.

ר׳ לוי פתר קרייא. בימים טובים שנתתי לך תהא שמח ומשמח להקב״ה בקרבנות. אם תבא שנה בלא בצורת, נפק לכרמך, חמי וחדי; חמי את לזיתך וחדי. אמר הקב״ה: לא בראתי פרקליט טוב לגשמים כיום שמיני עצרת; הה״ד (במדבר כט): ביום השמיני עצרת תהיה לכם.

לב

(טו) את הכל ראיתי בימי הבלי. שאלו את שמואל הקטן: מהו דכתיב: יש צדיק אובד בצדקו? אמר להם: גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, שהצדיק עתיד לבוא לידי מייט. אמר הקב״ה: „עד שהוא בצדקו אסלקנו״, שנאמר: יש צדיק אובד בצדקו. ויש רשע מאריך ברעתו, — כל זמן שאדם חי הקב״ה מצפה לו לתשובה; מת, אבדה תקותו, שנאמר (משלי יא): במות אדם רשע תאבד תקוה. לכת אחת לסטין שהיתה חבושה בבית האסורין. חתר אחד מהן חתירה אחת, וברחו כולן. נשתייר שם אחד מהן, ולא ברח. כיון שבא השלטון התחיל לחבטו במקל. א״ל: „ביש גדא וטמיע מזלא! חתירתא קומך, לא הות עריק״. כך לעתיד לבא הקב״ה אומר לרשעים: „התשובה לפניכם, ולא

---

פאַרלאָרן, ווי דער פסוק זאָגט (משלי יא, ז): במות — אַז עס שטאַרבט אַ מענטש אַ רשע, ווערט פאַרלאָרן זיין האָפנונג. [ס׳איז אַ משל מיט] אַ באַנדע גזלנים, וואָס איז געזעסן פאַרשפּאַרט אין תפיסה. האָט איינער פון זיי געמאַכט אַן אונטערגראָבונג, און זיי זיינען אַלע אַנטלאָפן. נאָר איינער איז דאָרט געבליבן וואָס איז ניט אַנטלאָפן. ווען דער אייבערהאַר איז געקומען, האָט ער אים אָנגעהויבן שלאָגן מיט אַ שטעקן. ער האָט אים געזאָגט: „דו שלימזל און שלים־שלימזל! האָסט אַן איינגראָבונג פאַר דיר, און ביסט ניט אַנטלאָפן!״ אַזוי וועט הקדוש ברוך הוא זאָגן אויף יענער וועלט צו די רשעים:

„איר האָט געהאַט ביד תשובה צו טאָן, און איר האָט קיין תשובה ניט געטאָן". נייערט (איוב יא, כ): ועיני — און די אויגן פון די רשעים וועלן אויסגיין.

און איבער דריי זאַכן, האָט ר' יאשיה געזאָגט, וויזט הקדוש ברוך הוא אַרויס געדולד צו די רשעים אויף דער וועלט: טאָמער וועלן זיי תשובה טאָן; אָדער זיי וועלן טאָן מצוות, און הקדוש ברוך הוא וועט זיי אָפּצאָלן זייער שכר אויף דער וועלט; אָדער אפשר וועלן אַרויסקומען פון זיי קינדער צדיקים. וואָרום אָט געפינען מיר, אַז הקדוש ברוך הוא האָט אַרויסגעוויזן געדולד צו אחזן, און ס'איז אַרויסגעקומען פון אים חזקיה; צו אמונען, און ס'איז אַרויסגעקומען פון אים יאשיהו; מיט שמעין, און ס'איז אַרויסגעקומען פון אים מרדכי.

לג

(טז) אל תהי — זיי ניט קיין צופיל צדיק, און קליגער זיך ניט איבעריק: זיי ניט קיין צופיל צדיק, מער ווי דיין באַשעפער, — עס רעדט זיך וועגן שאולן, ווי עס שטייט געשריבן (שמואל א, טו, ה): ויבא שאול — איז שאול געקומען צו דער שטאָט פון עמלק — — —.[י] ר' הונא און ר' בנייה זאָגן: ער האָט אָנגעהויבן טענות האָבן קעגן זיין באַשעפער און האָט געזאָגט: „אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט (דאָרט ג): לך — גיי און שלאָג עמלק, — אָבער אויב די מאַנסלייט האָבן געזינדיקט, וואָס האָבן די ווייבער געזינדיקט? און דאָס קליינוואַרג וואָס האָט געזינדיקט? און די רינדער, און דער אָקס, און דער איזל, וואָס האָבן זיי געזינדיקט?" איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט: זיי ניט קיין צופיל צדיק מער ווי דיין באַשעפער". און די רבנן זאָגן: ער האָט אָנגעהויבן טענות האָבן קעגן [דעם דין פון] דער עגלה ערופה און האָט אַזוי געזאָגט: „דער פּסוק זאָגט (דברים כא, ד): וערפו שם — און זיי זאָלן אָפּהאַקן דעם קאַלב דאָס געניק דאָרט אין טאָל, — דער הרגעט, און זי ווערט געקעפּט! אויב דער מענטש האָט געזינדיקט, וואָס האָט די בהמה געזינדיקט?" איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט: „זיי ניט קיין צופיל צדיק".

ר' שמעון בן לקיש זאָגט: איטלעכער וואָס ווערט דערבאַרעמדיק דאָרט וואו ער דאַרף זיין אַן אכזר, וועט לסוף ווערן אַן אכזר דאָרט וואו ער דאַרף זיין דערבאַרעמדיק. און פון וואַנען ווייסן מיר, אַז שאול איז געוואָרן אַן אכזר דאָרט וואו ער האָט געדאַרפט זיין דערבאַרעמדיק? ווי דער פסוק זאָגט (שמואל א, כב, יט): ואת נוב — און נוב די שטאָט פון די כוהנים האָט ער געשלאָגן מיטן שאַרף פון דער שווערד, — זאָל ניט זיין נוב כאָטש ווי די קינדער פון עמלק? און די רבנן זאָגן: איטלעכער וואָס ווערט דערבאַרעמדיק דאָרט וואו ער דאַרף זיין אַן אכזר, וועט לסוף דער מידת הדין אים טרעפן,

---

לג. [י] און ווייטער ווערט דאָרט דערציילט, אַז ניט קוקנדיק אויף גאָטס אָנזאָג דורך שמואלן, ער זאָל קיינעם פון די עמלקים ניט לאָזן לעבן, האָט ער דאָך געלאָזט לעבן אגגן, זייער מלך, און טייל פון זייערע בהמות.

שבתם". אלא (איוב יא): ועיני רשעים תכלינה.

ומפני שלשה דברים, אמר ר׳ יאשיה, הקב"ה מאריך פנים עם הרשעים בעולם הזה: שמא יעשו תשובה; או יעשו מצוות, שישלם להם הקב"ה שכרן בעולם הזה; או שמא יצאו מהן בנים צדיקים. שכן מצינו האריך פנים לאחז, ויצא ממנו חזקיה; עם אמון, יצא ממנו יאשיהו; שמעי, ויצא ממנו מרדכי.

לג

(טז) אל תהי צדיק הרבה ואל תתחכם יותר: אל תהי צדיק הרבה יותר מבוראך, — מדבר בשאול, דכתיב (שמואל א, טו): ובא שאול עד עיר עמלק, וגו׳. ר׳ הונא ורב בנייה אומר: התחיל מדיין הוא כנגד בוראו ואמר: „כך אמר הקב"ה (שם): לך והכית את עמלק, — אם אנשים חטאו, הנשים מה חטאו? והטף מה חטאו? והבקר ושור וחמור מה חטאו?" יצאת בת קול ואמרה: „אל תהי צדיק הרבה יותר מבוראך". ורבנן אמרי: התחיל מדיין כנגד עגלה ערופה ואומר: „אמר הכתוב (דברים כא): וערפו שם את העגלה בנחל, — הוא הורג, והיא נערפת! אם אדם חטא, בהמה מה חטאה? יצאה בת קול ואמרה: „אל תהי צדיק הרבה".

ר׳ שמעון בן לקיש אומר: כל מי שנעשה רחמן במקום אכ-זרי, סוף שנעשה אכזרי במקום רחמן. ומניין שנעשה אכזרי במקום רחמן? שנאמר (שמואל א, כב): ואת נוב עיר הכהנים הכה לפי חרב, — ולא תהא נוב כזרעו של עמלק? ורבנין אמרין: כל מי שנעשה רחמן במקום אכזרי, סוף שמדת הדין פוגעת בו, שנאמר (שם לא): וימת שאול ושלשת בניו.

לד

(יז) אל תרשע הרבה, — א"ר ברכיה: וצבחר שרי? אלא דלא תמר: „מן דהדה בחמה, כולה בחמה".

---

ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט לא, ו): וימת — און געשטאָרבן איז שאול און זיינע דריי זין.

לד

(יז) אל תרשע — זיי ניט צופיל רשע, — ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: און אַ ביסל מעג מען? נייערט, דו זאָלסט ניט זאָגן: „וויבאַלד [איך האָב] מיט דעם [געצויגן גאָטס] צאָרן, וועט שוין אויף אַלץ זיין [גאָטס] צאָרן".[1]

---

לד. [1] נייערט ס׳איז אַלעמאָל פאַראַן די מעגלעכקייט תשובה צו טאָן.

## לה

(יח) טוב — גוט איז, דו זאָלסט זיך האַלטן אָן דעם. **דאָס איז מיקרא**;[1] און אויך פון יענעם זאָלסטו דיין האַנט ניט אָפּלאָזן. **דאָס איז משנה**; וואָרום דער גאָטספאָרכטיקער וועט יוצא זיין[2] פאַר אַלץ. **אַ שטייגער ר' אבהו פון קיסריה.**[3]

## לו

(יט) החכמה — די חכמה שטייט ביי דעם חכם, **דאָס איז הקדוש ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט** (איוב ט, ד): חכם לב — קלוג אין האַרצן און שטאַרק אין כח; — מעשרה — מער פון צען גוועלטיקער וואָס זיינען פאַראַן אין שטאָט — **מער פון די צען זאַגן, וואָס מיט זיי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן.**[1]

**אַן אַנדער פשט:** די חכמה גיט מער שטאַרקייט דעם חכם, **דאָס איז אדם הראשון, ווי עס שטייט געשריבן** [יחזקאל כח, יב]: אתה — דו ביסט געווען אַ געצירקלטער זיגלרינג [פול מיט חכמה און גאַנץ אין שיינקייט]; מער פון צען גוועלטיקער וואָס זיינען געווען אין שטאָט, **דאָס זיינען די צען זאַכן וואָס באַדינען די זעל, און דאָס זיינען זיי: דער שלונג אויף** [**דורכלאָזן**] **שפייז, די קעל אויף** [**אַרויסצוברענגען דאָס**] **קול, די לעבער אויף כעס, די גאַל אויף קנאה, די לונגען אויף** [**אויפצונעמען דאָס**] **טרינקען,**[2] **דער פאָדערמאָגן אויף צו צעמאָלן** [**די שפייז**]**, די מילץ אויף געלעכטער, די נירן גיבן ראָט, דאָס האַרץ פאַרשטייט, די צונג פאַרענדיקט.**[3]

## לז

**אַן אַנדער פשט:** די חכמה שטייט ביי דעם חכם, **דאָס איז משה**; מער צען גוועלטיקער וואָס זיינען פאַראַן אין שטאָט, **מער פון די צען דורות וואָס פון אדמען ביז נוחן, וואָס פון זיי אַלעמען האָט גאָט ניט גערעדט מיט קיינעם, נייערט מיט אים.**

**אַן אַנדער פשט:** די חכמה שטייט ביי דעם חכם, **דאָס איז אברהם**; מער פון צען גוועלטיקער, **מער פון די צען דורות וואָס פון נוחן ביז אברהמען, וואָס קיינעם פון זיי האָט הקדוש ברוך הוא ניט אויסדערווײלט און מיט קיינעם קיין בונד ניט געשלאָסן, נייערט מיט אים, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית טו, יח): ביום ההוא — אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן מיט אברהמען אַ בונד.

**אַן אַנדער פשט:** די חכמה שטייט ביי דעם חכם, **דאָס איז יעקב**; מער פון צען גוועלטיקער, — **מער פון די צען שבטים, וואָס האָבן אַראָפּגענידערט קיין מצרים און צוריק אַרויף, און האָבן ניט געוואוסט, אַז יוסף לעבט; אָבער יעקב האָט יאָ געוואוסט, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט מב, א): וירא יעקב — און יעקב האָט געזען, אַז ס'איז פאַראַן תבואה[1] אין מצרים, — **ער האָט געוואוסט, אַז זיין האָפענונג**[2] **איז אין מצרים.**

---

לה. [1] תנ"ך. [2] אַזוי לויטן דרש. [3] **די גמרא** (עבודה זרה ד, א) **דערציילט, אַז צוליב**

לה

(יח) טוב אשר תאחז בזה, **זה מקרא;** וגם מזה אל תנח את ידך, **זה משנה;** כי ירא אלהים יצא את כלם, **כגון ר' אבהו דקיסרין.**

לו

(יט) החכמה תעז לחכם, **זה הקב"ה, שנאמר** (איוב ט): **חכם** לבב ואמיץ כח; מעשרה שליטים אשר היו בעיר, — **מעשרה מאמרות שנברא בהן העולם.**

**ד"א:** החכמה תעז לאדם, **זה אדם הראשון, דכתיב** (יחזקאל כח): אתה חותם תכנית [מלא חכמה וכליל יפי]; — מעשרה שליטים אשר היו בעיר, **אלו עשרה דברים שמשמשין את הנפש, ואלו הן: הוושט למזון, קנה לקול, כבד לחמה, מרה לקנאה, הריאה (משתן) [לשתיה], המסס לטחון, טחול לשחוק, כליות יועצות לב מבין, לשון גומר.**

לז

**ד"א:** החכמה תעז לחכם, **זה נח;** מעשרה שליטים אשר בעיר, **מעשרה דורות שמאדם ועד נח, שמכולן לא נדבר אלא עמו.**

**ד"א:** החכמה תעז לאדם, **זה אברהם;** מעשרה שליטים, **מעשרה דורות מנח ועד אברהם לא בחר הקב"ה מכולן ולא כרת ברית, אלא עמו, שנאמר** (בראשית טו): ביום ההוא כרת ה' את אברם ברית.

**ד"א:** החכמה תעז לחכם, **זה יעקב;** מעשרה שליטים, **מעשרת שבטים שירדו למצרים ועלו, ולא ידעו שיוסף קיים; ויעקב היה יודע, שנאמר** (שם מב): וירא יעקב, כי יש שבר במצרים, — **היה יודע שברו במצרים.**

---

דעם וואָס ר' אבהו פלעגט זיך אָפּט באַגעגענען מיט מינים (קריסטן און אַנדערע סעקטאַנטן), וואָס פלעגן זוכן צו פירן וויכוחים מיט אים, האָט ער זיך באַמיט צו זיין באַהאַוונט ניט נאָר אין תורה שבעל פה, נייערט אויך אין תורה שבכתב, אין מיקרא.

לו. [1] די חכמה פון הקדוש ברוך הוא איז פון פיל גרעסערן פאַרנעם, ווי דאָס וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט אין דער וועלט באַשאַפונג. לויטן מתנות כהונה — פון דער וועלט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך צען זאָגן קאָן מען זען גאָטס חכמה. לויטן מהרז"ו — אין דער תורה, וואָס איז אידענטיש מיט חכמה, קען מען זען גאָטס חכמה מער אפילו ווי אין דער וועלט באַשאַפונג. [2] געביטן לויט ויקרא רבה ד, ד; ענלעך צו דעם איז די גירסא אין מדרש תהלים, קג: לשתות, צו טרינקען. אין ילקוט (ויקרא, תסב) איז דער נוסח לשתן, פאַר השתנה. [3] דער געדאַנק איז, אַז איידער אדם האָט געזינדיקט, האָט ער באַהערשט זיינע נאַטירלעכע דראַנגען.

לז. [1] שבר. [2] שברו, געלייענט מיט אַ „לינקער" שין.

## לח

**אַן אַנדער פּשט:** די חכמה שטייט ביי דעם חכם, דאָס איז משה; מער פון צען געוועלטיקער, מער פון די צען זאַכן[1] וואָס באַדינען דעם גוף און וואָס משה האָט זיי באַזיגט, און דאָס זיינען זיי: פון מויל צום שלונג, און פון שלונג צום פאָדערמאָגן,[2] און פון פאָדערמאָגן צום אויבערמאָגן, און פון אויבערמאָגן צום מאָגן, און פון מאָגן צו דער קליינער קישקע, און פון דער קליינער קישקע צום אונטערשטן מאָגן, און פון אונטערשטן מאָגן צו די געדערים, און פון די געדערים צו דער גראָבער קישקע, און פון דער גראָבער קישקע צו דער אונטערשטער קישקע, און פון דער אונטערשטער קישקע צו דער גלייכער קישקע, און פון דער גלייכער קישקע צום שלאָס, און פון שלאָס צום דרויסן; און צו קיינעם פון זיי האָט משה ניט געדאַרפט אָנקומען, ניט אויף אַריינצונעמען [שפּייז] און ניט אויף אַרויסצוגעבן, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות לד, כח): ויהי שם — און ער איז געווען דאָרט מיט גאָט [פערציק טעג און פערציק נעכט; קיין ברויט האָט ער ניט געגעסן און קיין וואַסער האָט ער ניט געטרונקען].

**אַן אַנדער פּשט:** די חכמה גיט מער שטאַרקייט דעם חכם, דאָס איז ישראל, ווי דער פּסוק זאָגט (דברים ד, ו): רק — נייערט אַ קלוגע און פאַרשטענדיקע אומה [איז דאָסדאָזיקע גרויסע פאָלק]; — מער פון צען געוועלטיקער וואָס באַדינען די זעל, און דאָס זיינען זיי: דער שלונג אויף שפּייז, די קעל אויף [אַרויסצוברענגען דאָס] קול, די לעבער אויף כעס, די גאַל אויף קנאה, די לונגען אויף [אויפצונעמען דאָס] טרינקען, דער פאָדערמאָגן אויף צו צעמאָלן [די שפּייז], די מילץ אויף געלעכטער, די נירן גיבן ראָט, דאָס האַרץ פאַרשטייט, די צונג פאַרענדיקט.[3]

## לט

**אַן אַנדער פּשט:** די חכמה שטייט ביי דעם חכם, דאָס איז דוד; איידער צען געוועלטיקער, איידער די צען זקנים, וואָס האָבן געזאָגט [שירה] אין ספר תהלים,[1] און דאָס זיינען זיי: אדם הראשון,[2] און אברהם,[3] און משה,[4] און דוד, און שלמה.[5] וועגן די דאָזיקע פינף איז ניטאָ קיין חילוקי דעות; ווער זיינען די אַנדערע פינף? [וועגן דעם זיינען חולק] רב און ר' יוחנן.

---

לח. [1] נאַרונגס אָרגאַנען (לויטן ווייטערדיקן חשבון — צוועלף; אין ויקרא רבה ג, ד — צען, און אין אַן אַנדער אָרדנונג). [2] דאָס זעלבע וואָס מסס (אויבן סימן לו). — טייל פון די אָרגאַנען זיינען לויט דער אַנאַטאָמיע פון בעלי חיים. [3] דער געדאַנק איז, אַז ווען ישראל האָט מקבל געווען די תורה, זיינען זיי געווען פריי פון אַלע קערפּערלעכע דראַנגען.

לט.[1] דער נוסח אין מדרש תהלים (א, ו) איז: שאמרו ספר תהלים, וואָס האָבן געזאָגט (מחבר געווען) דעם ספר תהלים. [2] לויט מדרש תהלים צב, ז, האָט אדם הראשון געזאָגט יענעם קאַפּיטל, ווען זיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרן. [3] לויט אַ גמרא (בבא בתרא טו, א) איז איתן האזרחי (תהלים פט, א) אידענטיש מיט אברהמען. [4] דאָרט צ, א.

לח

**ד"א:** החכמה תעז לחכם, **זה משה;** מעשרה שליטים, **מעשרה דברים שמשמשין את הגוף שכבשן משה, ואלו הן: מן פומא לוושטא, ומן וושטא להמסיסא, ומהמסיסא לקיבתא, ומקיבתא לאיסטומכא, ומאיסטומכא לכרוכא קטינא, ומכרוכא קטינא לבית כסא, ומבית כסא לבנת מעיא, ומבנת מעיא לכרוכא עביא, ומכרוכא עביא לסני דיבא, ומסני דיבא לפטרוכא ומפטרוכא לעיזקתא, ומעיזקתא לברא; ומכולן לא נצרך משה לא להכניס ולא להוציא, שנאמר** (שמות לד): ויהי שם עם ה' [ארבעים יום וארבעים לילה, לחם לא אכל ומים לא שתה].

**ד"א:** החכמה תעז לחכם **אלו ישראל, שנאמר** (דברים ד): רק עם חכם ונבון [הגוי הגדול הזה]; — מעשרה שליטים **שמשמשין את הנפש, ואלו הן: הוושט למזון, קנה לקול, כבד לחמה, מרה לקנאה, הריאה (משתן) [לשתיה], המסס לטחון, טחול לשחוק, כליות יועצות, לב מבין, לשון גומר.**

לט

**ד"א:** החכמה תעז לחכם, **זה דוד;** מעשרה שליטים, **מעשרה זקנים שאמרו בספר תהלים, ואלו הן: אדם הראשון, ואברהם, ומשה, ודוד, ושלמה; על אילין חמשה לא אתפלגין; אילין חמשה אחרנייתא מאן אינון? רב ור' יוחנן. רב אמר: אסף, הימן, וידותון, ושלשה בני קרח — אחד, ועזרא. ור' יוחנן אמר: [הימן, וידותון, ושלשה בני קרח. על דעת ר' יוחנן] הוא אסף דהכא הוא אסף דתמן, אלא על ידי שהיה בן תורה, זכה לומר שירה**

---

רב האָט געזאָגט: אסף,[6] הימן,[7] און ידותון,[8] און די דריי זין פון קורחן[9] [וואָס ווערן גערעכנט ווי] איינער, און עזרא.[10] און ר' יוחנן האָט געזאָגט: [הימן, און ידותון, און די דריי זין פון קורחן. לויט דער מיינונג פון ר' יוחנן[11]] איז אסף פון דאַנען דער זעלבער אסף וואָס דאָרטן,[12] נייערט ווייל ער איז געווען אַ בן־תורה, האָט ער זוכה געווען אי צו זאָגן שירה מיט

---

[5] עב, א. [6] עד, א, און אַנדערע. [7] פח, א. [8] לט, א. [9] מב, א, און אַנדערע. [10] אין מדרש תהלים איז די גירסא מלכי צדק (אויפן סמך פון תהלים קי, ד); וועגן עזרא — זע מהרז"ו, שיר השירים רבה אויף ד, ד. [11] צוגעגעבן לויט שיר השירים רבה דאָרט, און לויט די אויסבעסערונגען פון רד"ל; אַנדערש איז ניטאָ, לויט ר' יוחנן, דער חשבון פון צען. [12] אסף פון דער איבערשריפט איבער אַ צאָל פרקים אין תהלים איז אידענטיש מיט אסף בן קורח (אביאסף, שמות ו, כד), און מע דאַרף אים ניט רעכענען באַזונדער.

זיינע ברידער, אי צו זאָגן שירה אַליין. לויט דער מיינונג פון רבנן איז אסף אַן אַנדערער, ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים א, כה, ב): על יד אסף — ביי דער האַנט פון אספן, וואָס האָט נביאות געזאָגט ביי דער האַנט פונעם מלך.

[תהלים לט, א) לידותון — פאַר ידותון, אויך וועגן דעם זיינען חולק] רב און ר׳ יוחנן. רב האָט געזאָגט: פאַר ידותון מיינט טאַקע [איינער מיט דעם דאָזיקן נאָמען]; ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: פאַר ידותון, [דאָס איז אסף], וואָס האָט נביאות געזאָגט וועגן די געזעצן און דינים,[13] וואָס זיינען אַריבער איבער אים און איבער ישראל.

רב הונא אין נאָמען פון ר׳ אחאן: כאָטש צען מענטשן האָבן געזאָגט דעם ספר תהלים, ווערט ער אָבער פון זיי אַלע ניט פאַררעכנט אויף קיינעמס נאָמען, נייערט אויפן נאָמען פון דוד מלך ישראל. מע האָט דערציילט וועגן דעם אַ משל, — צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מסיבה פון מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זאָגן אַ לויב־געזאַנג פאַרן מלך. האָט דער מלך געזאָגט: „איר זענט אַלע אָנגענעמע, אַלע צדיקים, אַלע זענט איר ווערט צו זאָגן אַ לויב־געזאַנג פאַר מיר; נייערט זאָל דער־און־דער עס זאָגן פאַר אייך אַלעמען. פאַרוואָס? ווייל זיין קול איז זיס״. אַזוי, בשעת די צען צדיקים האָבן געוואָלט זאָגן דעם ספר תהלים, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „איר זענט אַלע אָנגענעמע און צדיקים, און איר זענט ווערט צו זאָגן אַ לויב־ געזאַנג פאַר מיר; נייערט זאָל עס דוד זאָגן פאַר אייך אַלעמען. פאַרוואָס? ווייל זיין קול איז זיס״. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (שמואל ב, כג, א): ונעים — און דער זיסער זינגער פון ישראל.

## מ

(כ) כי — וואָרום נישטאָ אַ מענטש אַ צדיק, וואָס זאָל טאָן גוטס, ולא יחטא, און זאָל ניט זינדיקן. ר׳ יודן האָט געזאָגט: איז דען פאַראַן אַ צדיק וואָס זינדיקט יאָ? נייערט דאָס מיינט די גבאים פון צדקה און די פונאַנדער־טיילערס פון צדקה, וואָס [גיבן אַ מאָל] דעם נויטבאַדערפטיקן ווי אַ ניט־באַדערפטיקן, און דעם ניט־באַדערפטיקן גיבן זיי ווי אַ נויט־באַדערפטיקן. [און דער טייטש פון] ולא יחטא איז ווי עס ווערט געזאָגט (שופטים ט, טז): קולע — וואַרפט אַ שטיין אין אַ האָר, ולא יחטיא, און פאַרפעלט ניט.[1]

## מא

(כג) כל זה — דאָס אַלץ האָב איך אויסגעפּרואווט מיט חכמה. עס שטייט געשריבן (מלכים א, ה, ט): ויתן אלהים — און גאָט האָט געגעבן שלמהן חכמה — — — [ווי דער זאַמד וואָס אויפן ברעג ים, — זאָגן וועגן דעם] די רבנן און ר׳ לוי. די רבנן האָבן געזאָגט: ווי זאַמד — וואָס מיינט ווי זאַמד? ער

---

[13] אין זין פון גזרות און צרות ,און אונטער ידותון — אסף ווערט דאָ פאַרשטאַנען דער אסף פונעם אויבן ציטירטן פסוק פון דברי הימים, וואָס איז ניט פון די בני קורח, און אַזוי ווערט אויסגעפילט די צאָל צען.

עם אחיו וזכה לומר שירה בפני עצמו. על דעת רב אסף אחר הוא, שנאמר (דברי הימים א, כה): על יד אסף הנבא על ידי המלך.

[(תהלים לט, א) לידותון], — רב ור׳ יוחנן. רב אמר: לידותון ממש; ר׳ יוחנן אמר: לידותון, הנבא על הדתין ועל הדינין שעברו עליו ועל ישראל.

ר׳ הונא בשם ר׳ אחא: אע״פ שעשרה בני אדם אמרו ספר תהלים, מכלהון לא נאמר על שמותם אלא ע״י דוד מלך ישראל. משלו משל, למה הדבר דומה? לחבורה של אנשים המבקשת לומר הימנון למלך. אמר להם המלך: „כולכם נעימים, כולכם חסידים, כולכם משובחין לומר הימנון לפני; אלא איש פלוני יאמר על ידי כולכם. למה? שקולו ערב״. כך בשעה שבקשו עשרה צדיקים לומר ספר תהלים, אמר להם הקב״ה: „כולכם נעימים וחסידים ומשובחין לומר הימנון לפני; אלא דוד יאמר על ידי כולכם. למה? שקולו ערב״. הה״ד (שמואל ב, כג): ונעים זמירות ישראל.

מ

(כ) כי אדם אין צדיק בארץ, אשר יעשה טוב ולא יחטא. א״ר יודן: וכי יש אדם צדיק וחוטא? אלא אלו גבאי צדקה ומחלקי צדקה, שראוי — שלא כראוי, ושלא ראוי נותנין כראוי. ולא יחטא, היך כמה דאת אמר (שופטים ט): קולע באבן אל השערה ולא יחטיא.

מא

(כג) כל זה נסיתי בחכמה. כתיב (מלכים א, ה): ויתן אלהים חכמה לשלמה — — — [כחול אשר על שפת הים], — רבנן ור׳ לוי. רבנן אמרי: כחול — מהו כחול? נתן לו חכמה כנגד כל ישראל. ור׳ לוי אמר: מה החול הזה גדר לים, כך היתה חכמה גדר לשלמה. מתלא אמר: דעת חסרת — מה קנית? דעת קנית — מה חסרת?

---

האָט אים געגעבן חכמה קעגן [דער חכמה פון] גאַנץ ישראל.[1] און ר׳ לוי האָט געזאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער זאַמד איז אַ צוים פאַרן ים, אַזוי איז די חכמה געווען אַ צוים פאַר שלמהן. דאָס ווערטל זאָגט: פעלט דיר וויסן — וואָס־זשע פאַרמאָגסטו? פאַרמאָגסטו וויסן — וואָס־זשע פעלט דיר?

מ. [1] דאָס וואָרט יחטא ווערט לויט דעם געטייטשט ווי פאַרפעלן, ניט טרעפן אין ציל: די גבאים און פאַנאַנדערטיילערס פון צדקה מעגן זיין ווי אָרנטלעך, מוזן זיי אָבער פון צייט צו צייט מאַכן אַ טעות, און ניט טרעפן אין ציל.

עס שטייט געשריבן (דאָרט, י): ותרב — און ס'איז גרעסער געווען שלמהס חכמה פון דער חכמה פון אַלע קינדער פון מזרח און פון גאָר דער חכמה פון מצרים. און אין וואָס איז באַשטאַנען די חכמה פון די קינדער פון מזרח? זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף די מזלות,[2] און פלעגן צויבערן דורך פייגל, און זיינען געווען באַהאַוונט אין וואָרזאָגעניש. רבן שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט: פאַר דריי זאַכן טו איך ליבן די קינדער פון מזרח: וואָס זיי קושן ניט אויפן מויל, נייערט אין האַנט; און זיי בייסן ניט [קיין שטיקער] מיטן מויל, נייערט זיי שניידן אָפּ מיט אַ מעסער; און זיי האַלטן זיך ניט קיין עצה ערגעץ אַנדערש, נייערט אויף אַ רחבותדיק אָרט, וואָרום זיי באַ־ראָטן זיך ניט אַנדערש, נייערט אין פעלד.[3]

אין וואָס איז באַשטאַנען די חכמה פון די מצרים? דו געפינסט, אַז בשעת שלמה האָט געוואָלט בויען דעם בית המקדש, האָט ער געשיקט און געזאָגט צו פּרעה נכה: „שיק מיר מייסטערס פאַר באַצאָלט, וואָרום איך וויל בויען אַ בית המקדש". וואָס האָט פּרעה געטאָן? ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע שטערנזעערס, און זיי האָבן פאַראויסגעזען וועלכע מענטשן זיינען געווען אָנגעבערייט צו שטאַרבן יענעם יאָר, און ער האָט זיי געשיקט צו אים. וויבאַלד זיי זיינען געקומען צו שלמהן, אַזוי האָט ער פאַראויסגעזען מיט רוח הקודש, אַז זיי זיינען אָנגעבערייט צו שטאַרבן יענעם יאָר. האָט ער זיי געגעבן תכריכים און זיי צוריקגעשיקט צו אים און געזאָגט צו אים: „אויב דו האָסט ניט געהאַט גענוג קיין תכריכים פאַר די דאָזיקע מתים דיינע, נאָ דיר זיי מיט זייערע תכריכים; נעם און באַגראָב זיי".

(דאָרט יא) ויחכם — און ער איז געווען קליגער, מכל האדם, פון אדם הראשונען. און אין וואָס איז באַשטאַנען די חכמה פון אדם הראשונען? דו געפינסט, אַז ווען הקדוש ברוך הוא האָט געוואָלט באַשאַפן דעם ערשטן מענטשן, האָט ער זיך מישב געווען מיט די מלאכי השרת[4] און געזאָגט צו זיי (בראשית א, כו): „נעשה — לאָמיר מאַכן אַ מענטשן". האָבן זיי געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! (תהלים ח, ה): מה אנוש — וואָס איז אַ מענטש, אַז דו זאָלסט אים געדענקען?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „דער מענטש וואָס איך וויל אים באַשאַפן, זיין חכמה איז גרעסער פון אייערער". וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע בהמות, חיות און פייגל און האָט זיי אויסגעשטעלט פאַר זיי און ער האָט געזאָגט צו זיי: „רופט זיי אָן מיט נעמען". זיינען זיי געבליבן שטיין, און ניט געוואוסט [ווי זיי צו רופן]. איז ער אַוועק צו אָדמען און געזאָגט צו אים: „וואָס זיינען די נעמען פון די דאָ־זיקע?" האָט ער געזאָגט: „האַר פון דער וועלט! דעם פּאַסט צו רופן אָקס, און דעם לייב, און דעם — פערד, און דעם — קעמל, און דעם — אָדלער, און אַזוי אַלעמען. האָט ער געזאָגט צו אים: „און דו, וואָס איז דיין נאָמען?" האָט

---

מא. [1] וואָס ווערט אָפּט פאַרגליכן אין תנ"ך צום זאַמד וואָס אויפן ברעג ים. [2] זיינען געווען באַהאַוונט אין שטערנזעעריי. [3] צו זיין זיכער, אַז קיינער הערט זיך ניט אונטער.

**כתיב** (שם): ותרב חכמת שלמה מחכמת כל בני קדם ומכל חכמת מצרים. **ומה היתה חכמתן של בני קדם? שהיו יודעין במזל, וקוסמין בעופות, ובקיאין בטייר. אמר רבן שמעון בן גמליאל: בשלשה דברים אני משבח את בני המזרח: שאן נו־שקין בפה, אלא ביד; ואין נושכין בפה, אלא חותכים בסכין; ואין נוטלים עצה אלא במקום מרווח, שאין יועצין אלא בשדה.**

**מה היתה חכמתן של מצרים? את מוצא, בשעה שבקש שלמה לבנות בית המקדש, שלח אצל פרעה נכה ואמר: „שלח לי אומ־נים בשכרן, שאני רוצה לבנות בית המקדש". מה עשה? כנס כל אסטרולוגין שלו, וצפו וראו בני אדם שהן עתידין למות באותה שנה, ושלחן לו. וכיון שבאו אצל שלמה, צפה ברוח הקדש, שהם עתידין למות באותה שנה. ונתן להם תכריכין ושלחן לו ואמר לו: „אם לא היה לך תכריכין לצורך מתיך אלו, הרי הם ותכריכיהון; קום קבור אותם".**

(שם) ויחכם מכל האדם, **מאדם הראשון. ומה היתה חכמתו של אדם הראשון? את מוצא, כשביקש הקב"ה לבראת את אדם הראשון, נמלך במלאכי השרת ואומר להם** (בראשית א): נעשה אדם. **אמרו לפניו: „רבוש"ע!** (תהלים ח): מה אנוש כי תזכרנו?" **אמר להם: „אדם שאני רוצה לבראתו חכמתו מרובה משלכם". מה עשה? כנס כל בהמה, חיה ועוף והעמידן לפניהם ואמר להם: „קראו להם שמות". עמדו ולא ידעו; הלך אצל אדם, אמר לו: „מה שמותן של אלו?" אמר: „רבון העולמים! לזה נאה לק־רותו** שור, **ולזה** ארי, **ולזה** סוס, **ולזה** גמל, **ולזה** נשר", **וכן לכולן. ואמר לו: „אתה, מה שמך?" אמר לפניו: „**אדם, **מפני שנבראתי** מן האדמה". **„ואני, מה שמי? אמר לפניו: „אדני; מפני מה? שאתה אדון על בריותיך". הה"ד** (ישעיה מב): אני ה', הוא שמי, — **הוא**

---

ער געזאָגט פאַר אים: „אדם, ווייל איך בין באַשאַפן געוואָרן פון ערד".[5]
„און איך, וואָס איז מיין נאָמען?" האָט ער געזאָגט פאַר אים: „אדני, האַר; פאַרוואָס? ווייל דו ביסט האַר [6] איבער אַלע דיינע באַשעפענישן", דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה מב, ח): אני ה' — איך בין אדני,[7] דאָס איז מיין נאָמען, — דאָס איז מיין נאָמען וואָס אדם הראשון האָט מיך גערופן, דאָס איז מיין נאָמען וואָס איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך אַליין, דאָס איז מיין

נאָמען וואָס איך האָב אָפּגעמאַכט צווישן מיר און מיינע באַשעפענישן און צווישן די מלאכי השרת.

(מלכים א, ה, יא): מאיתן — [קליגער] פון איתן דעם אזרחי, דאָס איז אברהם, ווי אין פסוק שטייט (תהלים פט, א): משכיל — אַ באַטראַכטונג פון איתן דעם אזרחי [8] — און הימן, דאָס איז משה, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יב, ז): בכל ביתי — אין מיין גאַנץ הויז איז ער באַגלויבט.[9] — און כלכל, דאָס איז יוסף, ווי אין פסוק שטייט (בראשית מז, יב): ויכלכל יוסף — און יוסף האָט אויסגעהאַלטן [זיין פאָטער און זיינע ברידער]. די מצרים האָבן געזאָגט: „זאָל דער דאָזיקער קנעכט זיין מלך איבער אונדז נאָר מיט זיין חכמה?" האָבן זיי גענומען זיבעציק צעטלעך [10] און געוואָרפן פאַר אים, און ער האָט געלייענט איטלעכס אין זיין לשון. און ניט נאָר דאָס, נייערט ער האָט גערעדט אויף לשון קודש, וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט און ניט געקענט, און האָבן עס ניט געקענט פאַרשטיין. און אַזוי זאָגט דער פסוק (תהלים פא, ו): עדות — אַן עדות אין יוסף האָט ער עס געמאַכט — — — [אַ שפּראַך וואָס איך האָב [פריער] ניט געקענט האָב איך פאַרשטאַנען [11]].
— און דרדע, דאָס איז דער דור פון מדבר, וואָס איז געווען פול מיט וויסן.[12] די קינדער פון מחול, דאָס איז ישראל, וואָס הקדוש ברוך הוא האָט זיי מוחל געווען די מעשה פונעם [גאָלדענעם] קאַלב.

## מב

(מלכים א, ה, יב) וידבר — און ער האָט געזאָגט דריי טויזנט משלים. ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: מיר האָבן נאָכגעקוקט אין גאַנץ מיקרא, און מיר האָבן ניט געפונען, אַז שלמה זאָל בנבואה זאָגן מער ווי אַרום אַכט הונדערט פסוקים,[1] און דו זאָגסט: דריי טויזנט! נייערט דער פסוק לערנט אונדז, אַז איטלעכער פסוק וואָס שלמה האָט בנבואה געזאָגט האָט צוויי־דריי באַשיידונגען. און די רבנן האָבן געזאָגט: אויף איטלעכן פסוק [האָט ער געזאָגט] דריי טויזנט משלים, און טויזנט מיט פינף באַשיידונגען האָט איטלעכער משל. ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט): ויהי שירו, [לייען] שיורו — און געווען איז דער נאָכבלייב [2] פונעם משל טויזנט מיט פינף.[3]

---

[4] די מלאכים וואָס באַדינען דעם אייבערשטן. [5] אדמה. [6] אדון. [7] לויטן קרי. [8] זע אויבן סימן לט, באַמ, 3. [9] נאמן — הימן. [10] געשריבן אין די טראַדיציאָנעלע זיבעציק לשונות. [11] אַזוי לויטן דרש. [12] דור דעה — דרדע.

מב. [1] די צאָל שטימט ניט מיטן חשבון פון די פסוקים פון די דריי ספרים וואָס די מסורה איז מיחס צו שלמהן (שיר השירים, משלי, קהלת), וואָס באַטרעפן צוזאַמען 1254. ריכטיקער איז די גירסא אין שיר השירים רבה (אויף א, א)): „מיר האָבן נאָכגעקוקט אין גאַנץ ספר משלי, און האָבן ניט געפונען, אַז ער זאָל דאָרט האָבן געשריבן מער ווי ניין הונדערט און פופציק פסוקים", און דאָס שטימט מיט דער צאָל פסוקים אין יענעם ספר. דער נוסח אין במדבר רבה יט, ג, און אין תנחומא חוקת, ו, איז ווי אין אונדזער מדרש. [2] אין זין פון צוגאָב. [3] זע אויבן, א, לג, און דאָרט באַמ. 6.

שמי שקרא לי אדם הראשון, הוא שמי שהתניתי בני לבין עצמי, הוא שמי שהתניתי ביני לבין בריותי ובין מלאכי השרת.

(מלכים א, ה) מאיתן האזרחי, זה אברהם, דכתיב (תהלים פט): משכיל לאיתן האזרחי. — והימן, זה משה, שנאמר (במדבר יב): בכל ביתי נאמן הוא. — וכלכל, זה יוסף, דכתיב (בראשית מז): ויכלכל יוסף [את אביו ואת אחיו]. אמרו מצרים: „כלום עבד זה מלך עלינו אלא בחכמתו?" נטלו שבעים פיתקין והיו מש־ליכין לפניו, והיה קורא כל אחד ואחד בלשונו. ולא עוד, אלא שהיה מדבר בלשון הקדש, שלא היו יודעין ומכירין בו, ואינן יכולין לשמוע בו. וכן הוא אומר (תהלים פא): עדות ביהוסף שמו. — — — [שפת לא ידעתי אשמע]. — ודרדע, זה דור המדבר, שכולו דעה. — בני מחול, אלו ישראל, שמחל להם הקב"ה על מעשה העגל.

מב

(מלכים א, ה) וידבר שלשת אלפים משל. א"ר שמואל בר נח־מני: חזרנו על כל המקרא, ולא מצינו שנתנבא שלמה אלא קרוב לשמונה מאות פסוקים, ואת אמרת: שלשת אלפים! אלא מלמד, שכל פסוק ופסוק שנתנבא שלמה יש בו שנים ושלשה טעמים. ורבנן אמרי: על כל פסוק ופסוק ג' אלפים משל, ואלף וחמשה טעמים על כל משל ומשל. דכתיב (שם): ויהי שירו, שיורו של משל, חמשה ואלף.

מג

(שם, יג) וידבר על העצים. — וכי אפשר לאדם לדבר על העצים? אלא אמר שלמה: מפני מה מצורע זה מטהר בגבוה שבגבוהים ובנמוך שבנמוכים, — בעץ ארז ואזוב? אלא על ידי שאדם מגביה את עצמו כארז הוא לוקה בצרעת, וכשהוא ממעט

---

מג

(דאָרט יג) וידבר — און ער האָט גערעדט איבער ביימער, — איז דען מעגלעך פאַר אַ מענטשן צו רעדן איבער ביימער? נייערט שלמה האָט גע־זאָגט: פאַרוואָס רייניקט זיך דער דאָזיקער קרעציקער מיטן העכסטן פון די הויכע און מיטן נידעריקסטן פון די נידעריקע, — מיט צעדערהאָלץ און אזוב־גראָז?[1] נייערט איבער דעם וואָס אַ מענטש דערהייבט זיך ווי אַ צעדערבוים, ווערט ער געשלאָגן מיט קרעץ, און ווען ער מינערט זיך און

דערנידעריקט זיך ווי אזוב־גראָז, וואָס איז נידעריק, ווערט ער לסוף אויס־געהיילט. און אַזוי אויך, פאַרוואָס ווערט אַ בהמה מותר [צו עסן נאָר נאָכן דורכשניידן] צוויי סימנים,[2] און אַן עוף ווערט מותר דורך איין סימן? נייערט ווייל די בהמה איז באַשאַפן געוואָרן פון דער יבשה און די עופות פונעם ים, וואָרום אַזוי האָט בר קפרא געזאָגט: עופות זיינען באַשאַפן געוואָרן פון שליים.[3] ר׳ אבא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמואל פון קאַפּאַדאָקיע: [אַ סימן האָסטו] אַז די פיס פון אַ הון זיינען ענלעך צו דער שופּן־הויט פון אַ פיש.

(דאָרט) און איבער די שרצים[4] האָט ער געזאָגט: פאַרוואָס די אַכט שרצים וואָס [ווערן אויסגערעכנט] אין דער תורה,[5] דער וואָס פאַנגט זיי אָדער פאַרוואונדעט זיי אום שבת איז חייב,[6] אָבער אויף אַלע אַנדערע שרצים, מיאוסקייטן און קריכנדיקע איז ער פטור? ווייל [די אַכט] האָבן פעל.[7] און איבער די פיש האָט ער געזאָגט: פאַרוואָס נויטיקן זיך בהמות, חיות און עופות אין שחיטה, און פאַרוואָס דאַרפן פיש קיין שחיטה ניט? נייערט פון דעם דאָזיקן פסוק (במדבר יא, כב): הצאן — ווען שאָף און רינדער זאָלן געשאָכטן ווערן — — — אָבער ביי פיש שטייט ניט [קיין שחיטה], נייערט איינזאַמלונג: [אם כל — אויב אַלע פיש פון ים זאָלן איינגעזאַמלט ווערן —].

יעקב פון כפר ניבוריא[8] האָט געפּסקנט אין צור, אַז פיש דאַרפן שחיטה. האָט עס געהערט ר׳ חגי, האָט ער געשיקט און אים געלאָזט ברענגען. ער האָט געזאָגט צו אים: „פון וואַנען האָסטו עס געפּסקנט?" האָט ער אים גע־זאָגט: „פון דעם וואָס אין פסוק שטייט (בראשית א, כ): ישרצו — זאָל דאָס וואַסער אַרויסווידמענען אַ ווידמענונג פון לעבעדיקע באַשעפענישן, און פייגל זאָלן אומפליען איבער דער ערד, — אַזוי ווי פייגל דאַרפן שחיטה, אַזוי אויך דאַרפן פיש שחיטה. האָט ער געזאָגט: „לייגט אים אַוועק, ער זאָל קריגן מלקות". האָט יעגער געזאָגט: „אַ מענטש וואָס זאָגט אַ וואָרט פון דער תורה זאָל קריגן מלקות?" האָט ער געזאָגט צו אים: „האָסט ניט ריכטיק געפּסקנט". האָט ער אים געזאָגט: „פון וואַנען [נעמסטו עס]?" האָט ער געזאָגט צו אים: „פון דאַנען: הצאן — ווען שאָף און רינדער זאָלן געשאָכטן ווערן, אא"וו, — די דאַרפן שחיטה, און די — [נאָר] איינזאַמלען". האָט ער געזאָגט: „דער־לאַנג דיינע קלעפּ, וואָרום ס'איז גוט פאַר מיר זיי צו קריגן".[9]

---

מג. [1] זע ויקרא יד, מט. [2] די שחיטה פון אַ בהמה איז כשר נאָר ווען מע שניידט דורך דעם שלונג מיט דער קעל. [3] און זיי געפינען זיך אַזוי אַרום אין אַ מיטן־קאַטעגאָריע, צווישן בהמות, וואָס נויטיקן זיך אין אַ שחיטה פון צוויי סימנים, און צווישן פיש, וואָס נויטיקן זיך אינגאַנצן אין קיין שחיטה ניט; און דעריבער איז גענוג ביי זיי שחיטה פון איין סימן. [4] קריכנדיקע באַשעפענישן. [5] ויקרא יא, כט—ל. [6] אויב בשוגג, איז ער חייב אַ קרבן, אויב במזיד, איז ער חייב מיתה. [7] און פון אַ קלאַפּ בלייבט אַ בייל, אָבער די אַנדערע האָבן קיין פעל ניט, און עס ווערט ניט קיין בייל ביי זיי. [8] לעבן טבריה (יאַסטראָוו). [9] ער איז מודה, אַז ער האָט ניט ריכטיק געפּסקנט.

את עצמו ומשפילו כאזוב, שהוא נמוך, סופו להתרפאות. וכן: מפני מה בהמה ניתרת בשני סימנים, ועוף ניתר בסימן אחד? אלא מפני שהבהמה נבראת מן היבשה ועוף מן הים, שכן אמר בר קפרא: עוף מרקק נברא. ר׳ אבין בשם ר׳ שמואל קפודקיא אמר: דרגלוי דתרנגולתא דמיין לחספניתא דנונא.

(שם) ועל הרמש אמר: מפני מה שמונה שרצים שבתורה, הצדן והחובל בהם בשבת חייב, ושאר כל השרצים, שקצים ורמשים פטור? מפני שיש להם עורות. ועל הדגים אמר: מפני מה כל בהמה, חיה ועוף טעונין שחיטה, ודגים אינם טעונין שחיטה? אלא מהדין קרא (במדבר יא): הצאן ובקר ישחט, ובדגים אין כתיב, אלא אסיפה.

הורה יעקב איש כפר נבוריא בצור על הדגים שטעונים שחיטה. שמע ר׳ חגי, שלח ואייתיניה. א״ל: „מה הן הורית?" א״ל: „מן הן דכתיב (בראשית א): ישרצו המים נפש חיה, ועוף יעופף על הארץ, — מה עוף טעון שחיטה, אף דגים טעונין שחיטה". אמר: „ארבעיניה דילקי". אמר: „בר נש דאמר מילתא דאורייתא ילקי?" א״ל: „לא הוריתה טבאות". א״ל: „מן הן?" א״ל: „מן הכא: הצאן ובקר ישחט להם, וגו׳, — האי בשחיטה והאי באסיפה". אמר: „חבוט חבטך, דהוא טבא בקלטא".

מד

הורה יעקב איש כפר נבוריא בצור על בנה של נכרית שהוא נמול בשבת. שמע ר׳ חגי, שלח ואייתיניה. א״ל: „מן הן הורית?" א״ל: „מן הן דכתיב (במדבר א): ויתילדו על משפחותם [לבית אבותם], וכתיב (בראשית יז): יליד בית ומקנת כסף". אמר: „אר-

---

מד

יעקב פון כפר ניבוריא האָט געפּסקנט אין צור, אַז אַ זון פון אַ ניט ייִדישער מאַמען מעג געמלט ווערן אום שבת. האָט עס געהערט ר׳ חגי, האָט ער געשיקט און אים געלאָזט ברענגען. ער האָט געזאָגט צו אים: „פון וואַנען האָסטו עס געפּסקנט?" האָט ער אים געזאָגט: „פון דעם וואָס עס שטייט געשריבן (במדבר א, יח): ויתילדו — און זיי האָבן אָנגעגעבן זייער געבורט לויט זייערע משפחות [לויט זייערע פאָטערהייזער];[1] און ווידער שטייט געשריבן (בראשית יז, יב): יליד בית — אַ געבוירענער אין הויז, אָדער אַ געקויפטער פאַר געלט".[2] האָט ער געזאָגט: „לייגט אים אַוועק, ער זאָל קריגן

מלקות״. האָט ער געזאָגט צו אים: „און אַ מענטש וואָס זאָגט אַ וואָרט פון דער תורה זאָל קריגן מלקות?״ האָט ער געזאָגט: „האָסט ניט ריכטיק געפסקנט״. האָט ער געזאָגט: „פון וואַנען [נעמסטו עס]?״ — „לייג זיך, וועסטו הערן״. און ער האָט אים געזאָגט: „אויב עס קומט צו דיר איינער פון גויאישע עלטערן און זאָגט: ׳איך וויל ווערן אַ ייד בתנאי, אַז מע זאָל מיך באַשניידן אום שבת, אָדער אום יום כיפור׳, — איז מען מחלל [שבת] איבער אים, אָדער ניין? מוזטו דאָך זאָגן, אַז ניין, וואָרום מע איז ניט מחלל שבת אָדער יום כיפור, נייערט אויף אַ זון פון אַ יידישער טאָכטער בלויז״. האָט ער געזאָגט צו אים: „פון וואַנען?״ האָט ער אים געזאָגט: „לייג זיך [און הער] (עזרא י, ג): להוציא — אַרויסצושיקן די אַלע ווייבער און די וואָס זיינען געבאָרן פון זיי״.[3] האָט ער געזאָגט צו אים: „און לויט די ווערטער פון כתובים[4] גיסטו מיר מלקות?״ האָט ער אים געזאָגט: „דאָרט שטייט געשריבן: וכתורה — און לויט דער תורה זאָל עס געטאָן ווערן״. האָט ער אים געזאָגט: „לויט וועלכן פסוק פון דער תורה?״ „דער פסוק זאָגט (דברים ז, ג): ולא — און דו זאָלסט זיך ניט מתחתן זיין מיט זיי; פאַרוואָס? (דאָרט ד) כי יסיר — וואָרום ער וועט אָפּקערן דיין זון פון הינטער מיר, — דיין זון וואָס קומט אַרויס פון אַ יידישער טאָכטער, ווערט גערופן דיין זון, אָבער דיין זון וואָס קומט אַרויס פון אַ גויע און פון אַ שקלאַפין ווערט ניט גערופן דיין זון, נייערט איר זון.[5]

שלמה האָט געזאָגט: „אויף די אַלע זאַכן האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעזוכט און אויך וועגן דער פרשה פון דער פרה אדומה האָב איך נאָכגעפאָרשט; אָבער נאָך דעם ווי איך האָב זיך געמיט אויף דעם און אַריינגעטראַכט און נאָכגעפאָרשט וועגן דעם, האָב איך געזאָגט: אָט בין איך שוין קלוג! אָבער עס איז ווייט פון מיר״.[6]

---

מ״ד. [1] מיינט עס, אַז אַ קינד רעכנט זיך נאָכן פאָטער. [2] דאַרף געמלט ווערן; און אַזוי ווי אין אַנדערע פאַלן, אויב דער אַכטער טאָג איז שבת, דאַרף מען אויף דער מצווה פון מילה מחלל שבת זיין, אַזוי דאַרף עס אויך זיין אין פאַל ווען דעם קינדס מאַמע איז ניט קיין יידישע. [3] עמענדירט לויט בראשית רבה ז, ב, און אַזוי איז עס לויט דער הלכה („אומעטום וואו ס׳קען זיין קדושין און ס׳איז ניטאָ קיין איסור, גייט דאָס קינד נאָכן פאָטער — — —; אָבער דאָרט וואו קיין קדושין קען ניט זיין, גייט דאָס קינד נאָך דער מוטער; און וועלכער פאַל איז עס? אַ קינד פון אַ שקלאַפין און פון אַ ניט יידישער״. — (משנה קידושין ג, יב). [3] דאָרט רעדט זיך וועגן ניט יידישע ווייבער מיט וועמען יידן האָבן חתונה געהאַט, — מיינט עס, אַז דאָס קינד גייט נאָך דער מוטער. [4] אין טעקסט — קבלה, באַצייכנונג פאַר די ספרים פון נביאים און כתובים, וואָס פון זיי לערנט מען ניט קיין הלכה. [5] עס שטייט ניט „זיין טאָכטער (דיין געצנדינערישע שנור) וועט אָפּקערן דיין זון״ (פאַרשטאַנען ווי דיין אייניקל), נייערט זיין זון (דיין געצנדינערישער איידעם) וועט אָפּקערן דיין זון (דיין אייניקל וואָס וועט אים געבוירן ווערן פון דיין טאָכטער), מיינט עס, אַז דאָס קינד גייט נאָך דער מוטער (קרבן העדה, ירושלמי יבמות ב, ו. זע אויך מהרז״ו, בראשית רבה ז, ב, אין נאָמען פון חזקוני). וועגן יעקב

בעיניה דילקי״. א״ל: „ובר נש דאמר מילתא דאורייתא ילקי?״ אמר: „לא הורית טבאות״. א״ל: „מן הן?״ „רביע ואת שמע״. א״ל: „אם אתא לך בר עממיא לגבך ואמר: ׳אנא בעי למיתעבדא יהודי על מנת למגזר יתי ביומא דשבתא, או ביומא דכיפורי׳, — מחללין עליו, או לא? הוי אומר: אין מחללין, לפי שאין מחללין שבת ויום הכיפורים אלא על בנה של (ישראל בלבד ושל) ישראלית״. א״ל: „מן הן?״ א״ל: „רביע (עזרא י): להוציא כל נשים והנולד מהם״. א״ל: „מן הקבלה את מלקני?״ א״ל: „דכתיב (שם): וכתורה ׳יעשה״. א״ל: „מאיזו תורה?״ „דאמר (דברים ז): ולא תתחתן בם; למה? (שם) כי יסיר את בנך, — בנך הבא מישראלית קרוי בנך, ואין בנך הבא מן הגויה ומן השפחה קרוי בנך, אלא בנה״. א״ל: „חבוט חבטך, דהוא טבא בקלטא״.

אמר שלמה: „על כל אלה עמדתי ופשפשתי, ופרשה של פרה אדומה חקרתי; כיון שהייתי יגע בה ודורש וחוקר בה, (כג) אמרתי אחכמה, והיא רחוקה ממני״.

מה

(כו) ומוצא אני מר ממות את האשה, וגו׳. רבנן אמרי: על ידי שהא תובעת בידו דברים שאינו יכול לעמוד בהן, סוף שהיא ממיתה אותו מיתה מרה.

עובדא הוה בחד בר נש, דהוה ליה מגיר ליסטים, והוה נפיק ומקפח בליליא. וזיין בניה ובנתיה בימּמא. אמרה ליה אנתתיה

---

מה

(כו) ומוצא אני — און איך געפין, אַז ביטערער פונעם טויט איז די פרוי. די רבנן זאָגן: איבער דעם וואָס זי מאָנט פונעם מאַן זאַכן, וואָס ער קען ניט אויספירן, ביז לסוף הרגעט זי אים אַוועק מיט אַ ביטערן טויט.

ס׳איז געווען אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַ שכן אַ גזלן, וואָס פלעגט אַרויסגיין און באַפאַלן מענטשן ביי נאַכט און שפּייזן זיינע זין און טעכטער ביי טאָג. האָט יענעם מענטשנס ווייב געזאָגט צו אים:

---

פון כפר נבוריא זע ווייטער סימן מז, וואו ער ווערט פאַררעכנט צווישן די מינים, וואַרשיינלעך פון די יידישע קריסטן. [6] סוף פון פסוק כ״ג: שלמה האָט פאַרשטאַנען די טעמים פון אַלע דינים און געזעצן, נאָר ניט פון דער פּרה אדומה (במדבר יט): „הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: אַ געזעץ האָב איך אַרויסגעגעבן, אַ גזרה האָב איך גוזר געווען, און דו טאָרסט מיין גזרה ניט איבערטרעטן״ (תנחומא חוקת ט) — דער טעם פונעם געזעץ וועגן דער פּרה אדומה, וואָס איז מטהר טמאים און מטמא טהורים, בלייבט פאַרהוילן און פאַרבאָרגן.

„וואָס פאַר אַ שלימזל איז די פרוי וואָס האָט זיך באַהעפט מיט דיר". און זי האָט אים געזאָגט: „דו זעסט די קינדער פון יענעם שכן אונדזערן, ווי זיי עסן און טרינקען?" האָט ער געזאָגט צו איר: „דו ווילסט, איך זאָל טאָן וואָס ער טוט?" האָט זי אים געזאָגט: „און וואָס מאַכט עס אויס?" האָט ער געזאָגט צו איר: „קום מיט מיר און רעד אים איין, אַז ער זאָל מיך מיטנעמען". זיינען זיי אַוועק און האָבן אים איינגערעדט, און ער האָט אים מיטגענומען. יענע נאַכט איז ער אַרויסגעגאַנגען. איז אַרויס [אַן אַנדער] גזלן און האָט זיי אונטערגעשטעלט די וועכטער. יענער, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט די וועגן, איז אַנטלאָפן און האָט זיך געראַטעוועט; אָבער דער, וואָס איז ניט געווען באַקאַנט מיט די וועגן, איז געפאַנגען געוואָרן און איז געהאַנגען געוואָרן.[1] האָט מען געזאָגט אויף אים [דאָס ווערטל]: „דער לעצטער פון די גזלנים איז דער ערשטער פון די געהאַנגענע."

מו

דריי זאַכן זיינען שווער פאַרן קערפּער: האַרץ קראַנקייט איז שווער פאַרן קערפּער, געדערים קראַנקייט איז שווערער פאַרן קערפּער איידער האַרץ קראַנקייט, אָבער אַ ליידיקע קעשענע איז שווערער פון אַלץ.[1]

ר' יהודה האָט געזאָגט: פערצן זאַכן זיינען פאַראַן, וואָס איינס איז שטאַרקער פונעם צווייטן, און אַלע באַוועלטיקן איינס דאָס צווייטע. דער אָפּגרונט איז שטאַרק, אָבער די ערד באַוועלטיקט אים, וואָרום ער ווערט באַצוואונגען דורך איר.[2] די ערד איז שטאַרק, אָבער די בערג זיינען שטאַר־קער, וואָרום זיי באַוועלטיקן זי. דער באַרג איז שטאַרק, אָבער דאָס אייזן באַוועלטיקט אים און צעברעכט אים. אייזן איז שטאַרק, אָבער דאָס פייער צעשמעלצט עס. דאָס פייער איז שטאַרק, אָבער דאָס וואַסער באַוועלטיקט עס און פאַרלעשט עס. דאָס וואַסער איז שטאַרק, אָבער וואָלקנס פאַרטראָגן עס. וואָלקנס זיינען שטאַרק, אָבער דער ווינט צעשפּרייט זיי. דער ווינט איז שטאַרק, אָבער די וואַנט באַוועלטיקט אים און קאָן אים ביישטיין. אַ וואַנט איז שטאַרק, אָבער אַ מענטש באַוועלטיקט און צעוואַרפט זי. דער מענטש איז שטאַרק, אָבער אַ צרה צעטרייסלט אים. אַ צרה איז שטאַרק, אָבער דער ווייַן באַוועלטיקט זי און מאַכט זי פאַרגעסן. ווייַן איז שטאַרק, אָבער דער שלאָף וועפּט אים אויס. שלאָף איז שטאַרק, אָבער קראַנקייט באַוועלטיקט און פאַרטרייבט אים. קראַנקייט איז שטאַרק, אָבער דער מלאך המות באַוועלטיקט און נעמט אַוועק די נשמה. אָבער אַ שלעכטע פרוי איז ערגער[3] פון זיי אַלעמען.

מה. [1] ווערטערלעך — געקרייציקט געוואָרן, אַ שפּראַך ירושה פון רוימישער הערשאַפט.

מו. [1] אין שייכות מיט דער פריערדיקער מעשה. [2] מעגלעך אַז אַנשטאָט עליה דאַרף אין טעקסט זיין על ידיה. — מיטן וואָרט אָפּגרונט ווערן דאָ פאַרשטאַנען די וואַסערן פון אָפּגרונט, וואָס די ערד לאָזט זיי ניט אַרויסקומען און פאַרפלייצן די וועלט. [3] ווערטערלעך: שטאַרקער, שווערער.

דההוא בר נש: „מה ביש גדא דההיא איתתא דאידבקת לך". אמרה ליה: „לית את חמי בנוי דפלן מגרן היך אכלון ושתון?" א"ל: „את בעי אעביד מה איהו עביד?" א"ל: „ומה אית ביה?" א"ל: „אייזיל פייסיה עמי, דאנא אזיל עימיה". אזלון ופייסוניה, ונסב יתיה עימיה. נפק בההוא ליליא. נפק ליסטאה ותקין תז-קיטא בתריהון. דין דהוה חכים שביליא, ערק ואישתיזב; ודין לא הוה חכים שביליא, אתצייד ואיצטלב. וקרון עליו: „לקיש ליסטים בכיר לצלובים".

מו

ג' דברים קשין לגוף: מכת הלב קשה לגוף, מכת חולי מעים קשה לגוף ממכת הלב, וחסרון כיס קשה מכולן.

א"ר יהודה: ארבעה עשר דברים קשין זה מזה, וכולן מת-גאין זה מזה. תהום קשה, והארץ מתגאה עליו, שהוא כבוש עליה. הארץ קשה, וההרים קשין, מתגאין עליה. ההר קשה, והברזל מתגאה עליו ושוברו. ברזל קשה, והאש מפעפעתו. האש קשה, והמים מתגאין ומכבין אותה. המים קשים, — עננים סובלין אותן. עננים קשין, — הרוח מפזרתן. הרוח קשה, והכותל מתגאה ועומד בו. כותל קשה, — אדם מתגאה וסותרו. אדם קשה, וצרה מחלחלתו. צרה קשה, והיין מתגאה ומשכחה. יין קשה, והשינה מפיגתו. שינה קשה, וחולי מתגאה ומטלטלה. חולי קשה, ומלאך המות מתגאה ונוטל את נפשו. ואשה רעה קשה מכולן.

מז

(כו) אשר היא מצודים וחרמים, שהיא צדה בים וביבשה; אסורים ידיה, — א"ר אלעזר: אלולא שכתב בה: אסורים ידיה, היתה אוחזת אדם בשוק ואומרת: „בא והזקק לי". לכלבה נוש-

---

מז

(כו) אשר — וואָס איר האַרץ איז פאַסטקעס און נעצן, וואָרום זי טוט פאַנגען סיי אויפן ים און סיי אויף דער יבשה;[1] אסורים — געבונדן זיינען אירע הענט,[2] — ר' אלעזר האָט געזאָגט: ווען ניט דאָס וואָס עס שטייט גע־שריבן וועגן איר: געבונדן זיינען אירע הענט,[3] וואָלט זי אָנגעכאַפּט אַ מענ־

מז. [1] פאַסטקעס ווערן גענוצט אויף דער יבשה, און נעצן — אין ים. [2] אַזוי לויטן דרש. [3] דורכן פסוק (בראשית ג, טז): והוא — און ער וועט געוועלטיקן איבער דיר

טשן אין מאַרק און וואָלט געזאָגט: „קום, ליג מיט מיר". [ס'איז געגליכן צו אַ בייסנדיקער צויג, וואָס איר בעל הבית האַלט זי אויף אַ קייט, און כאַטש זי איז געבונדן, כאַפּט זי אָן אַ מענטשן אין מאַרק פאַר די קליידער. אַזוי, ווען ניט דאָס וואָס עס שטייט געשריבן וועגן איר: געבונדן זיינען אירע הענט, וואָלט זי אָנגעכאַפּט אַ מענטשן אין מאַרק. זע, וואָס אין פּסוק שטייט (בראשית לט, יב): ותתפשהו — האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר זיין קלייד, אַזוי צו זאָגן: ליג מיט מיר.

טוב — ווער ס'איז גוט פאַר גאָט וועט פון איר אַנטרונען ווערן, דאָס איז יוסף; אָבער דער זינדיקער וועט פון איר געפאַנגען ווערן, דאָס איז פּוטיפר.[4] אַן אַנדער פּשט: ווער ס'איז גוט, דאָס איז פּינחס; אָבער דער זינדיקער, דאָס איז זמרי.[5] אַן אַנדער פּשט: דער וואָס איז גוט, דאָס איז פּלטי;[6] אָבער דער זינדיקער, דאָס איז אמנון.[7]

ר' איסי פון קיסריה האָט באַשיידט דעם פּסוק אויף מינות.[8]: ווער ס'איז גוט, דאָס איז ר' אלעזר; אָבער דער זינדיקער, דאָס איז יעקב פון כפר נבוריא.[9] אַן אַנדער פּשט: ווער ס'איז גוט, דאָס איז אלעזר בן דמא; אָבער דער זינדיקער, דאָס איז יעקב פון כפר סאַמאַ.[10] אַן אַנדער פּשט: ווער ס'איז גוט, דאָס איז חנניה,[11] דער זון פון ר' יהושעס ברודער; אָבער דער זינדיקער, דאָס זיינען די לייט פון כפר נחום. אַן אַנדער פּשט: ווער ס'איז גוט, דאָס איז יהודה בן נקוסא; אָבער דער זינדיקער, דאָס זיינען די מינים. אַן אַנדער פּשט: ווער ס'איז גוט, דאָס איז ר' נתן;[12] אָבער דער זינדיקער, דאָס איז זיין תלמיד. אַן אַנדער פּשט: ווער ס'איז גוט, דאָס איז ר' אליעזר און ר' יהושע; אָבער דער זינדיקער, דאָס איז אלישע.[13]

## מח

(כז) ראה — זע, דאָס האָב איך אויסגעפונען, אמרה, האָט געזאָגט קהלת, — אָבער ווייטער זאָגט דער פּסוק (יב, ח): אמר — האָט געזאָגט קהלת [אויף לשון זכר]![1] ר' ירמיה האָט געזאָגט: דאָס איז דער רוח הקודש, וואָס אַמאָל רעדט ער אויף לשון זכר, און אַמאָל אויף לשון נקבה.[2]

אחת לאחת — איינס צו איינס צו געפינען אַ חשבון. ר' יצחק האָט געזאָגט: ס'פירט זיך אויף דער וועלט, אַז ווען אַ מענטש ווערט נכשל מיט אַן עבירה און ער פאַרשולדיקט זיך צום טויט פון אייבערשטנס האַנט, —

---

(מתנות כהונה). [4] וואָס האָט זיך געלאָזט אָנרעדן שלעכטס אויף יוספן. [5] במדבר כה, יא—יד. [6] שאולס איידעם, וואָס האָט זיך ניט צוגערירט צו מיכלן, ווייל זי האָט פריער חתונה געהאַט מיט דודן (סנהדרין יט, ב; זע שמואל א, כה, מד). [7] שמואל ב, יג, יד. [8] אפּיקורסות, אַנדערשגלייביקייט (זע אויבן א, כד, באַמ. 1). [9] זע ז, מג—מד. [10] אין א, כד איז דער נוסח: כפר סכניא. [11] דאָרט: חנינא. [12] דאָרט — ר' יונתן. [13] בן אבויה (זע אויבן, ז, יח. וועגן די אַנדערע נעמען — אויבן, א, כד).

מח. [1] און דאָ שטייט אמרה, לשון נקבה. [2] רוח איז אַ מאָל זכר, אַ מאָל נקבה.

כת, שאחזה בעליה בשלשלת, אע״פ שהיא קשורה אוחזה באדם בשוק בבגדיו. כך אילולא שכתב בה: אסורים ידיה, היתה חוטפת באדם בשוק. ראה מה כתיב (בראשית לט): ותתפשהו בבגדו לאמר: שכבה עמי.

טוב לפני האלהים ימלט ממנה, זה יוסף; וחוטא ילכד בה, זה פוטיפר. ד״א: טוב, זה פנחס, וחוטא, זה זמרי. ד״א: טוב, זה פלטי, וחוטא, זה אמנון.

ר׳ איסי דקיסרין פתר קרייה במינות: טוב, זה ר׳ אלעזר; וחוטא זה יעקב איש כפר נבוריא. ד״א:טוב, זה אלעזר בן דמא; וחוטא, זה יעקב איש כפר סאמא. ד״א: טוב, זה חנניה בן אחי ר׳ יהושע; וחוטא, אלו בני כפר נחום. ד״א: טוב, זה יהודה בן נקוסא; וחוטא, אלו המינים. ד״א: טוב, זה ר׳ נתן; וחוטא, זה תלמידו. ד״א: טוב, זה ר׳ אליעזר ור׳ יהושע; וחוטא, זה אלישע.

מח

(כז) ראה זה מצאתי, אמרה קהלת, ולהלן הוא אומר (יב): אמר קהלת! א״ר ירמיה: זה רוח הקדש, פעמים משיח בלשון זכר ופעמים משיח בלשון נקבה.

אחת לאחת למצא חשבון. א״ר יצחק: בנוהג שבעולם, אדם נכשל בעבירה והוא חייב עליה מיתה לשמים, — מת שורו, אבדה תרנגולתו, נשברה צלוחיתו, נכשל באצבעו הקטנה ויצא ממנה טיפת דם — מקצת הנפש ככל הנפש; שנאמר: אחת לאחת למצא חשבון — חדא מערערא חדא, והחשבון מתמצה. כמה הוא מיצוי החשבון? ר׳ פנחס אמר: עד אחת.

---

שטאַרבט אים אַוועק אַן אָקס, גייט אים פאַרלאָרן אַ הון, ווערט אים צעבראָכן אַ פלאַש, קלאַפּט ער זיך אָן מיטן מינדסטן פינגער און ס׳קומט אַרויס פון דעם אַ טראָפּן בלוט, [ווערט פאַררעכנט] אַ טייל פונעם לעבן ווי ס׳גאַנצע לעבן; ווי דער פסוק זאָגט: איינס צו איינס צו געפינען אַ חשבון, — איינס מאַכט צונישט דאָס צווייטע,[3] און דער חשבון ווערט אויפגעמאָנט. ווי ווייט גייט דאָס אויפמאָנען דעם חשבון? ר׳ פינחס האָט געזאָגט: ביז צו אַן איינ־ציקן [חטא].

---

[3] די שטראָף מאַכט צונישט די עבירה.

## מט

(כח) אשר — וואָס מיין זעל זוכט נאָך אַלץ, און איך האָב ניט געפונען: אַ מאַן איינעם פון טויזנט, האָב איך געפונען — — —. עס פירט זיך אויף דער וועלט, אַז טויזנט מענטשן גייען אַריין [לערנען] מיקרא, קומען אַרויס פון זיי הונדערט אויף [צו לערנען] משנה; פון זיי קומען אַרויס צען אויף תלמוד; פון זיי קומט אַרויס איינער צו פסקענען [אַ דין]. דאָס איז וואָס אין פסוק שטייט אַ מאַן, איינעם פון טויזנט, האָב איך געפונען.

אַן אַנדער פשט: אַ מאַן, דאָס איז אברהם; אָבער אַ פרוי צווישן די אַלע האָב איך ניט געפונען, דאָס איז שרה.[1] אַן אַנדער פשט: אַ מאַן, דאָס איז עמרם; אָבער אַ פרוי, דאָס איז יוכבד.[2] אַן אַנדער פשט: אַ מאַן, דאָס איז משה; אָבער אַ פרוי, דאָס זיינען די ווייבער פון דור המדבר.[3]

אַן אַנדער פשט: אַ מאַן, דאָס איז משה, וואָס איז געקומען נאָך טויזנט דורות; אָבער אַ פרוי, דאָס איז די תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן נאָך טויזנט דורות.[4] דאָס איז וואָס אין פסוק שטייט (תהלים קה): דבר — דאָס וואָרט וואָס ער האָט באַפוילן דעם טויזנטסטן דור,[5] — דער פסוק לערנט אונדז, אַז הקדוש ברוך הוא האָט אַריינגעקוקט אין אַלע קרוגן, און האָט ניט געפונען קיין קרוג, וואָס זאָל זיין בעסער אויסגעפּעכט פון דעם קרוג פון משהן, וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און מקבל געווען די תורה.[6]

## נ

(כט) לבד — נייערט זע, דאָס האָב איך געפונען, אַז גאָט האָט געמאַכט דעם מענטשן גלייך, — גלייך איז ער געווען,[1] ווי דער פסוק זאָגט: אַז גאָט האָט געמאַכט דעם מענטשן גלייך, און נאָך שטייט געשריבן (בראשית ג, כב): הן האדם — זע, דער מענטש איז געווען [2] ווי איינער פון אונדז, ווי איינער פון די מלאכי השרת.[3] אָבער ווי זיי זיינען געוואָרן צוויי, אַזוי האָבן זיי אויסגעזוכט אַ סך אויסטראַכטענישן.[4]

---

מט. [1] אפילו שרהס צידקות איז ניט געווען גאַנץ (בראשית יח, יב: זי האָט געלאַכט מיט אומגלויבן, ווען דער מלאך האָט אָנגעזאָגט אברהמען, אַז זי וועט געבוירן אַ קינד).
[2] כאָטש מיר געפינען ניט ביי איר קיין באַזונדער חטא, האָט זי אָבער ניט געגרייכט צו

מט

(כח) אשר עוד בקשה נפשי ולא מצאתי: אדם אחד מאלף מצאתי — — — **בנוהג שבעולם, אלף בני אדם נכנסין למקרא, יוצאין מהן מאה למשנה; יוצאין מהן עשרה לתלמוד; יוצא אחד מהן להוראה. הה"ד:** אדם אחד מאלף מצאתי.

**ד"א:** אדם, **זה אברהם;** ואשה בכל אלה לא מצאתי, **זו שרה. ד"א:** אדם, **זה עמרם;** ואשה, **זו יוכבד. ד"א:** אדם, **זה משה;** ואשה, **אלו נשי המדבר.**

**ד"א:** אדם, **זה משה, שבא לאלף דור;** ואשה, **זו היא התורה, שנתנה לאלף דור. הה"ד** (תהלים קה): דבר צוה לאלף דור, **מלמד, שצפה הקב"ה בכל הקנקנים, ולא מצא קנקן זפות מקנקנו של משה, שפשט ידו וקבל את התורה.**

נ

(כט) לבד ראה זה מצאתי, אשר עשה האלהים את האדם ישר, — **ישר היה, שנאמר:** אשר עשה האלהים את האדם ישר, **וכתיב** (בראשית ג): הן האדם היה כאחד ממנו, **כאחד ממלאכי השרת. וכיון שנעשו שנים, — והמה** בקשו חשבונות רבים.

---

עמרמס מדרגה (רד"ל, ויקרא רבה ב, א). [3] פאַרקערט ווי אין שיר השירים רבה (אויף ד, ט); וואו זיי ווערן באַצייכנט ווי צדיקתן (זע אויך ויקרא רבה, ב, א). לויט מירקין, ויקרא רבה, זיינען זיי געווען זינדיק, אַ סימן, אַז אפילו מרים, משהס שוועסטער, איז נכשל געוואָרן מיט לשון הרע. [4] לויט אַן אגדה (שבת פח, א) איז די תורה באַשאַפן געוואָרן ניין הונדערט און פיר און זיבעציק דורות פאַר דער וועלט באַשאַפונג, און פון דאַן ביז משהן זיינען אַריבער זעקס און צוואַנציק דורות. [5] אַזוי לויטן דרש. [6] אַזוי ווי אַ קרוג ווערט אויסגעשמירט מיט פעך, אַז דער ווייַן זאָל ניט איינגעזאַפּט ווערן און קאַליע ווערן אַזוי איז משה געווען דער איינציקער וואָס איז געווען ראוי מקבל צו זיין די תורה.

נ. [1] אָן זינד. [2] אַזוי לויטן דרש. [3] ריין פון זינד ווי אַ מלאך. [4] אין איינקלאַנג מיט דער נעגאַטיווער באַציאונג צו דער פרוי פון אויבן.

# פרשה ח

## א

(א) מי כהחכם — ווער איז גלייך צום חכם, **דאָס איז הקדוש ברוך הוא, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (איוב ט, ד): חכם — קלוג אין האַרצן און שטאַרק אין כוח; ומי — און ווער ווייס דעם באַשייד פון אַ זאַך, **דען ער האָט באַשיידט די תורה צו משהן.** חכמת — די חכמה פון אַ מענטשן באַלייכט זיין פנים, — **ר׳ שמעון האָט געזאָגט: גרויס איז דער כוח פון די נביאים, וואָס זיי פאַרגלייכן די באַשאַפונג צו איר באַשעפער, ווי אין פסוק שטייט** (דניאל ח, טז): ואשמע — און איך האָב געהערט דאָס קול פון אַ מענטשן צווישן [די ברעגן פון] אולי.[1] **ר׳ יודן האָט געזאָגט: מיר האָבן אַ פסוק, וואָס איז קלאָרער פון דעם, ווי עס שטייט געשריבן** (יחזקאל א, כו): ועל דמות — און אויף דער געשטאַלט פון דעם טראָן אַ געשטאַלט ווי דאָס אויסזען פון אַ מענטשן, אויבן אויף אים. — ועז — און די האַרטקייט פון זיין פנים ווערט פאַרביטן, **וואָרום עס בייט זיך פון מידת הדין אויף מידת הרחמים פון וועגן ישראל.**

## ב

**אַן אַנדער פשט:** ווער איז גלייך צום חכם, **דאָס איז אדם הראשון, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (דאָרט כח, יב): אתה — דו ביסט אַ געצירקלטער זיגלרינג; און ווער ווייס דעם באַשייד פון אַ זאַך, **וואָרום ער האָט אַלעמען אויסגעטיילט נעמען**,[1] די חכמה פון אדמען[2] באַלייכט זיין פנים, — **זיין שיינקייט האָט באַלויכטן זיין פנים. ר׳ לוי האָט געזאָגט: די פיאַטע פון אדם הראשונס פוס האָט פאַרטונקלט דעם באַלעם פון דער זון. און דאַרפסט זיך ניט וואונדערן: אויף דער וועלט פירט זיך, אַז ווען אַ מענטש מאַכט זיך צוויי פיינע וואַזעס, איינע פאַר זיך און איינע פאַר זיינעם אַ הויז מענטשן, — וועלכע וועט ער מאַכן שענער, ניט זיינע? אַזוי איז אדם הראשון באַשאַפן געוואָרן צו דינען גאָט, און דער זון באַלעם — צו באַדינען אדם הראשונען, — איז עס דען ניט מער ווי רעכט, אַז אדם הראשונס פיאַטע זאָל פאַרטונקלען דעם זון־באַלעם? און אויב זיין פיאַטע האָט אַזוי [געלויכטן], אַ פשיטא שוין זיין שיינענדיק פנים!**

ר׳ לוי [האָט געזאָגט] פון ר׳ חמא בר חנינאס וועגן: **דרייצן חופות האָט זיי[3] הקב״ה געשטעלט אין גן עדן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (יחז־

---

א. [1] זע אויבן ב, כד, באַמ. 1 (דאָרט ווערט אויך דער מאמר געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ יודן, ווי דער ווייטערדיקער).

# פרשה ח

## א

(א) מי כהחכם, זה הקב״ה, דכתיב ביה (איוב ט): חכם לבב ואמיץ כח; ומי יודע פשר דבר, שפשר תורה למשה. חכמת אדם תאיר פניו, — אמר ר׳ שמעון: גדול כח הנביאים, שהן מדמין צורה ליוצרה, דכתיב (דניאל ח): ואשמע קול אדם בין אולי. א״ר יודן: אית לן קרייה דנהיר מיניה, דכתיב (יחזקאל א): ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם עליו מלמעלה. — ועז פניו ישנא, שהוא משתנה ממדת הדין למדת הרחמים על ישראל.

## ב

ד״א: מי כהחכם, זה אדם הראשון, דכתיב ביה (שם כח): אתה חותם תכנית. ומי יודע פשר דבר, שפרש שמות לכל. חכמת אדם תאיר פניו, — יופיו יאיר פניו. א״ר לוי: תפוח עקיבו של אדם הראשון מכהה גלגל חמה. ואל תתמה: בנוהג שבעולם אדם עושה לו שני דיסקרין שלמין, אחד לו ואחד לבן ביתו, — של מי הוא עושה נאה, לא שלו? כך אדם הראשון נברא לתשמישו של הקב״ה, וגלגל חמה לתשמישו של אדם הראשון, — לא הוא בדין, שתפוח עקיבו של אדם הראשון מכהה גלגל חמה? ומה אם תפוח עקיבו כך, קלסתר פניו על אחת כמה וכמה!

ר׳ לוי בשם ר׳ חמא בר חנינא: שלש עשרה חופות קשר להם הקב״ה בגן עדן; הוא דכתיב (יחזקאל כח): בעדן גן אלהים היית, וגו׳. ריש לקיש אמר: אחת עשרה, ורבנן אמרי: עשר. ולא פליגי: מאן דאמר שלש עשרה עבד כל אבן יקרה מסכתך תלת;

---

קאל כח, יג): בעדן — אין עדן דעם גאָרטן פון גאָט ביסטו געווען, אא״וו.[4] ריש לקיש האָט געזאָגט: עלף, און די רבנן זאָגן: צען. אָבער זיי קריגן ניט [מער, נייערט אין דער אויסטייטשונג פונעם פסוק]: דער וואָס זאָגט דרייצן, רעכנט [די ווערטער] כל אבן — אַלערליי טייער געשטיין איז געווען דיין

---

ב. [1] זע אויבן, ז, מא. [2] לויטן מדרש. [3] אדמען און חוהן. [4] ווייטער רעכנט דאָרט אויס דער פסוק די טייערע שטיינער פון זייער צודעק, וואָס ווערן דאָ פאַרשטאַנען ווי

צודעק ווי דריי [חופות]; און דער וואָס זאָגט עלף, רעכנט זיי ווי איינס; און דער וואָס זאָגט צען, רעכנט זיי אינגאַנצן ניט.[5] און נאָך דעם דאָזיקן גאַנצן כבוד [איז געקומען די שטראָף פון] (בראשית ג, יט) כי עפר — וואָרום שטויב ביסטו [און צו שטויב זאָלסטו זיך אומקערן]. ועז — און די האַרטקייט פון זיין פנים ווערט פאַרביטן, — ווען הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט: (דאָרט, יא) המן העץ — צי האָסטו געגעסן פון דעם בוים — —? האָט דער צאָרן פון הקדוש ברוך הוא פאַרביטן די האַרטקייט פון זיין פנים און אים פאַרטריבן פון גן עדן.[6]

ג

אַן אַנדער פשט: ווער איז גלייך צום חכם, דאָס איז ישראל, וואָס וועגן זיי שטייט געשריבן (דברים ד, ו): רק — נייערט אַ קלוגע און פאַרשטענדיקע אומה [איז דאָס דאָזיקע גרויסע פאָלק]; און ווער ווייס דעם באַשייד פון אַ זאַך, וואָרום זיי האָבן געקענט דרשענען די תורה מיט ניין און פערציק טעמים אויף ריין און מיט אַזוי פיל דאָקעגן אויף אומריין. דו געפינסט, אַז ווען ישראל איז געשטאַנען ביים באַרג סיני און האָבן געזאָגט (שמות כד, ז): נעשה ונשמע, מיר וועלן טאָן און געהאָרכן, איז אַראָפּגעגעבן געוואָרן אויף זיי פון דער ליכטיקייט פון דער שכינה פון אויבן.[1] אָבער ווי זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי זיינען זיי געוואָרן [ווי] שונאים[2] צו הקדוש ברוך הוא, ווי עס שטייט געשריבן: און די האַרטקייט[3] פון זיין פנים ווערט פאַרביטן, — און דער צאָרן פון הקדוש ברוך הוא האָט פאַרביטן פון וועגן זיי די ווערטער, ווי עס שטייט געשריבן (תהלים פב, ז): אכן — אָבער ווי אַ מענטש וועט איר שטאַרבן.

ד

אַן אַנדער פשט: ווער איז גלייך צום חכם, דאָס איז דער תלמיד חכם; און ווער ווייס דעם באַשייד פון אַ זאַך, וואָרום ער ווייס, ווי מסביר צו זיין זיין לערנען. די חכמה פון אַ מענטשן באַלייכט זיין פנים, ווען מע פרעגט אים און ער ענטפערט; און די האַרטקייט[1] פון זיין פנים ווערט פאַרביטן, ווען מע פרעגט אים, און ער ווייס ניט צו ענטפערן.

ר׳ חייא איז געזעסן און געלערנט [מיט זיינע תלמידים]: פון וואַנען איז געדרונגען, אַז מע קען ניט אומבייטן ביי אַ בכור?[2] האָט אויפגעליכטן

---

חופות. [5] די רבנן נעמען אָן, אַז דער אויבן ציטירטער טייל פון פסוק באַצייכנט אין אַלגעמיין די ווייטער אויסגערעכנטע טייערע שטיינער. [6] די האַרטקייט פון זיין פנים באַציט זיך לויט דעם אויף אדמס חוצפּהדיקער זינדיקייט (לויטן מתנות כהונה — וואָס ער האָט געוואָרפן די שולד אויף חוהן און מיט דעם אַרויסגעוויזן אומדאַנקבאַרקייט צו גאָט וואָס האָט אים געגעבן אַ ווייב).

ג. [1] אין פסיקתא רבתי, פרה, י, ווערט עס אַרויסגעדרשנט פונעם פסוק (יחזקאל טז, יד): בהדרי אשר שמתי עליך — דורך מיין פּראַכט וואָס איך האָב אַרויפגעטאָן אויף דיר. [2] דאָרט ווערט אָנגעוויזן אויפן וואָרטשפּיל: ישנא (ווערט פאַרביטן) — שונא, מיט אַ לינקער שין. [3] פאַרשטאַנען ווי זיכערקייט, שטאַרקייט.

ומאן דאמר אחת עשרה עבד להון חדא; ומאן דאמר עשר לא עבד חד מנהון. ואחר כל השבח הזה — (בראשית ג) כי עפר אתה! — ועז פניו ישנא, — כשאמר לו הקב״ה (שם, יא): המן העץ — — — ואף הקב״ה שנה עז פניו וטרדו מגן עדן.

## ג

ד״א: מי כהחכם, אלו ישראל, דכתיב בהון (דברים ד): רק עם חכם ונבון. ומי יודע פשר דבר, שהיו יודעין לדרוש את התורה לארבעים ותשע פנים טהור וכנגדן טמא. את מוצא, כשעמדו ישראל על הר סיני ואמרו (שמות כד, ז): נעשה ונשמע, ניתן עליהם מזיו שכינה של מעלן. וכיון שחטאו נעשו שונאים להקב״ה, דכתיב: ועז פניו ישנא, — ואף הקב״ה שינה עליהם את הדברים, דכתיב (תהלים פב): אכן כאדם תמותון.

## ד

ד״א: מי כהחכם, זה תלמיד חכם; ומי יודע פשר דבר, שהוא יודע לפרש משנתו. חכמת אדם תאיר פניו, בשעה שהוא נשאל ומשיב; ועז פניו ישנא, בשעה שהוא נשאל ואינו יודע להשיב.

ר׳ חייא הוה יתיב ומתני: מניין, שאין ממירין בבכור? זחלין אפוי דבר פדיה. אמר: „הדין ידע, מה אנא יתיב ומתני״.

עובד כוכבים אחד ראה את ר׳ יהודה בר אלעאי, חמתיה אפוי נהרין. אמר: „הדין גברא חדא מן תלת מילין אית ביה, — או שתוי חמר, או מוזיף ברביתא, או מרבי חזירי״. שמע ר׳ יהודה בר אלעאי, א״ל: „תיפח רוחיה דההוא גברא, דחדא מן תלתיהון

---

דאָס פּנים פון בר פדיה.[3] האָט ער געזאָגט: „דער דאָזיקער ווייס, וואָס איך זיץ און לערן״.

איינער אַ געצנדינער האָט געזען ר׳ יהודה בר אלעאי און האָט באַמערקט, אַז זיין פּנים שיינט. האָט ער געזאָגט: „דער דאָזיקער מענטש איז איינס פון די דריי זאַכן: „אָדער ער איז באַטרונקען פון וויין, אָדער ער איז אַ וואָכערניק, אָדער ער האָדעוועט חזירים״. האָט עס געהערט ר׳ יהודה בר אלעאי און האָט אים געזאָגט: „זאָל דעם דאָזיקן מענטשן די נשמה אַרויס, דען קיין איינס פון די דריי איז אין מיר ניטאָ, — ניט איך אַנטליי אויף

---

ד. [1] ווי אויבן באַמ. 3. [2] אַ בכור פון אַ כשרער בהמה געהערט צו גאָט (שמות יג, ב; דברים טו, יט), און מע קען עס ניט אויסבייטן אויף עפּעס אַנדערש, ווי ביי מעשר (ויקרא כז, לג). [3] איינער פון זיינע תלמידים (לויט דער פסיקתא איז דער רבי געוועזן ניט

פראַצענט, דען עס שטייט געשריבן (דברים כג, כ): לא תשיך — זאָלסט ניט אַנטלייען דיין ברודער אויף פּראַצענט; און ניט איך האָדעווע חזירים, וואָרום אַ ייד טאָר ניט האָדעווען קיין חזירים, ווי מיר האָבן דאָרט [4] געלערנט: אַ מענטש טאָר ניט האָדעווען קיין חזירים אין ערגעץ ניט; און ניט איך בין באַטרונקען פון וויין, וואָרום אפילו די פיר כוסות וואָס איך טרינק אין דער פּסח נאַכט גיבן מיר אַ קאָפּ־ווייטאָג פון פסח ביז שבועות". האָט ער אים געזאָגט: „טאָ פאַרוואָס שיינט דיר דאָס פּנים?" האָט ער געזאָגט צו אים: „מיין תורה, זי באַשיינט מיר דאָס פּנים, ווי אין פסוק שטייט: די חכמה פון אַ מענטשן באַלייכט זיין פּנים.

ר' אבהו איז געגאַנגען קיין קיסריה און איז צוריקגעקומען פון דאָרטן מיט אַ שיינענדיק פּנים. אַז די תלמידים האָבן אים געזען, זיינען זיי אַרויף און האָבן געזאָגט צו ר' יוחנן: „דער דאָזיקער ר' אבהו האָט געפונען אַן אוצר". האָט ער זיי געפרעגט: „פאַרוואָס [מיינט איר אַזוי]?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „ווייל זיין פּנים שיינט". האָט ער געזאָגט צו זיי: „אפשר האָט ער געהערט אַ נייע [דבר] תורה". זיינען זיי אַרויף צו אים און אים געפרעגט: „וואָס פאַר אַ נייע [דבר] תורה האָט דער האָר געהערט?" האָט ער זיי געזאָגט: „אַן אַלטע תוספתא האָט מען [דאָרט] פירגעזאָגט".[5] האָט מען געלייענט אויף אים [דעם פּסוק]: די חכמה פון אַ מענטשן באַלייכט זיין פּנים.

ה

אַן אַנדער פּשט: ווער איז גלייך צום חכם, דאָס איז משה, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (משלי כא, כב): עיר גבורים — אין אַ שטאָט פון גיבורים איז אַרויף דער חכם, [און ער האָט אַראָפּגעבראַכט די זיכערע שטאַרקייט];[1] און ווער וויים דעם באַשייד פון אַ זאַך, וואָרום ער האָט באַשיידט די תורה צו ישראל. ר' מנא פון שאַאַב האָט געזאָגט פון ר' יהושע בן לויס וועגן: אויף איטלעכער זאַך וואָס הקדוש ברוך האָט געזאָגט צו משהן, האָט ער אים געזאָגט ווי אַזוי די זאַך ווערט טמא און ווי זי ווערט טהור. און אַז ער איז צוגעקומען צו דער פּרשה (ויקרא כא): אמר — זאָג צו די כוהנים,[2] האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! און טאָמער ווערן די דאָזיקע טמא, מיט וואָס קענען זיי זיך רייניקן?" האָט ער אים ניט געענטפערט קיין וואָרט. דעמאָלט איז משהס פּנים פאַרביטן געוואָרן. אָבער ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער פּרשה פון דער „פּרה אדומה",[3] אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו משהן: „יענער זאָג וואָס איך האָב דיר געזאָגט: זאָג צו די כוהנים, און

---

ר' חייא, נאָר רבי). [4] משנה בבא קמא, ז, ז. [5] קיסריה איז געווען אַן אָרט פון תורה (ירושלמי פסחים ג, ג: די רבנן פון קיסריה האָבן געפרעגט — — —).

ה. [1] די „שטאָט פון גבורים" איז דער הימל, וואו משה איז אַרויף און אַראָפּגעבראַכט די תורה (עז, שטאַרקייט, לויט תהלים ח, ג) נאָך אַ ווערטער־קאַמף מיט די מלאכים, די „גבורים" (שבת, פח—פט). [2] דאָרט ווערט אָנגעזאָגט, אַז כוהנים דאַרפן זיך אויסהיטן פון טמא ווערן. [3] במדבר יט, — די רויטע קו וואָס איז פאַרברענט געוואָרן און מיט

לית בי. — לא מוזיף ברביתא אנא, דכתיב (דברים כג): לא תשיך לאחיך; ולא מרבי חזירי אנא, דאסור ליה לבר ישראל למרבי חזירי, דתנינן תמן: לא יגדל אדם חזירים בכל מקום; ולא שתוי חמר אנא, דאפילו ארבע כסיה דאנא שתי בלילא פסחא אזיק לרישי מן פסחא לעצרתא". א"ל: „ועל מה אפך נהירין?" א"ל: „אורייתי היא דמנהרא אפוי, דכתיב: חכמת אדם תאיר פניו".

ר' אבהו אזל לקיסרין, ואתא מן תמן ואפוי נהירין. חמוניה תלמידייא, סלקין ואמרין לר' יוחנן: „הדין ר' אבהו אשכח סימא". אמר לון: „למה?" אמרין לה: „דאנפוי נהירין". א"ל: „דילמא אורייתא חדתא שמע". סלקין לגביה, אמרו ליה: „ומה אורייתא חדתא שמע מר?" אמר לון: „תוספתא עתיקא אמרון". קרא עליו: חכמת אדם תאיר פניו.

ה

ד"א: מי כהחכם, זה משה, דכתיב ביה (משלי כא): עיר גבורים עלה חכם; ומי יודע פשר דבר, שפשר תורה לישראל. ר' מנא דשאב בשם ר' יהושע בן לוי אמר: על כל דבר ודבר שהיה הקב"ה אומר למשה היה אומר לו טומאתו וטהרתו. וכיון שהגיע לפרשת (ויקרא כא): אמר אל הכהנים, אמר לפניו: „רבוש"ע! ואם נטמאו אלו במה היא טהרתן?" לא השיבו דבר, אותה שעה נש- תנו פניו של משה. וכיון שהגיעו לפרשת פרה אדומה, אמר לו הקב"ה למשה: „אותה אמירה שאמרתי לך אמר אל הכהנים, ואמרת לי: אם נטמאו, במה היא טהרתן, ולא אמרתי לך דבר,—זו היא וגזירה גזרתי, ואין בריה יכולה לעמוד על גזירתי", דכתיב אמר לפניו: „רבש"ע! וכי טהרה היא?" אמר הקב"ה: „משה! חקה היא וגזירה גזרתי, ואין בריה יכולה לעמוד על גזירתי", דכתיב (שם): זאת חקת התורה.

---

דו האסט מיך געפרעגט: אויב זיי ווערן טמא, מיט וואס קענען זיי זיך ריי- ניקן, און איך האב דיר גארניט געזאגט, — דאס איז זייער רייניקונג (במדבר יט, יז): ולקחו — זאל מען נעמען פאר דעם אומריינעם פון דער אש פון דעם פארברענטן רייניק־קרבן". האט ער געזאגט פאר אים: „רבונו של עולם! איז דאס דען א רייניקונג?" האט הקדוש ברוך הוא געזאגט: „משה! דאס איז א חוק, א גזירה וואס איך האב גוזר געווען, און קיין מענטש קאן ניט משיג זיין מיין גזירה", ווי אין פסוק שטייט (דארט, א): דאס איז דער חוק פון דער תורה".[4]

ו

(ב) אני — איך [זאָג]: דעם [באַפּעל פון דעם] מויל פונעם מלך היט אָפּ. ר׳ לוי האָט געזאָגט: איך וועל [דעם באַפעל פון] דעם מויל פונעם מלך איבער אַלע מלכים אָפּהיטן, דאָס מויל וואָס האָט געזאָגט (שמות כ, ב): אנכי — איך בין גאָט דיין האַר; ועל — און פון וועגן דעם וואָרט (דאָרט, ג): לא — זאָלסט ניט האָבן [קיין אַנדערע געטער]; שבועת — פון דער שבועה [פאַר גאָט] (דאָרט, ז): לא תשא — זאָלסט ניט אַרויפּברענגען דעם נאָמען פון גאָט דיין האַר צום פאַלשן.

ז

(ג) אל תבהל — זיי ניט געאיילט אַוועקצוגיין פון פאַר אים. ר׳ חייא בר גמדא האָט אָנגעהויבן [זיין דרשה אויף דעם, מיטן פסוק] (משלי ג, יא): מוסר ה׳ — דעם מוסר פון גאָט, מיין זון, זאָלסטו ניט פאַרכטן. מיר האָבן געלערנט:[1] דער וואָס הייבט אָן,[2] זאָל אָנהייבן מיט אַ גוט וואָרט, און ווען ער ענדיקט זאָל ער ענדיקן מיט אַ גוט וואָרט, וואָרום מיר האָבן געלערנט:[3] ביים לייענען די ברכות[4] מעג מען איבעררייסן אין מיטן;[5] אָבער ביי די קללות[6] טאָר מען ניט איבעררייסן, נייערט איינער לייענט עס אינגאַנצן; דעם מוסר פון גאָט, מיין זון, זאָלסטו ניט פאַראַכטן, פון וועגן דעם (תהלים צא, טו): עמו — מיט אים בין איך אין אַ צרה, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „מיינע קינדער ווערן געשאָלטן, זאָל איך געבענטשט ווערן?“[7] [און אויך] (משלי דאָרט) ואל תקוץ — און זאָלסט ניט פאַראומווערדיקן זיין שטראָף וואָרט, מאַך ניט פון דעם שטראָף וואָרט פון הקדוש ברוך הוא קיין שטיקלעך און ברעקלעך.[8]

ר׳ לוי בן פנטי[9] האָט געלייענט די קללות פאַר ר׳ הונאן, און ער האָט זיי גענומען אָפּמורמלען. האָט ער אים געזאָגט: „לאָז הערן דיין קול, וואָרום דאָס זיינען ניט קיין קללות, נייערט שטראָף ווערטער“: דעם מוסר פון גאָט, מיין זון, זאָלסטו ניט פאַראַכטן, און זאָלסט ניט פאַראומווערדיקן זיין שטראָף וואָרט.

ח

(ב) באשר — וואָרום דאָס וואָרט פון דעם מלך איז געוועלטיקונג. ר׳ בון האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (דברים ו, טז) לא תנסו — איר זאָלט ניט

---

איר אַש האָט מען גערייניקט טומאה. [4] מיט חוק ווערט באַצייכנט אַ געזעץ וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן מיטן שכל (זע אויבן ז, מד, און דאָרט באַמ. 6).

ז. [1] מגילה לא, ב. [2] לייענען אַ פרשה אין קריאת התורה. [3] משנה מגילה, ג, ו. [4] ויקרא כו, ג—יג; דברים כח, א—יד. [5] איינטיילן די פרשה אויף צוויי עליות. [6] די „תוכחה“, — ויקרא זאָרט, יד—מג; דברים דאָרט, טו—סח. [7] אָבער אויב מע זאָל מפסיק זיין אין מיטן פון די קללות, וועט דאָך אויסקומען דערביי צו מאַכן צוויי ברכות — צוויי מאָל בענטשן גאָט ווען ישראל ווערט געשאָלטן. [8] קוצים, קוצים, אָנשפּיל אויף ואל תקוץ (זאָלסט ניט פאַראומווערדיקן). [9] אין ירושלמי מגילה, ג, ז, איז דער נוסח בר פסטי.

ו

(ב) אני פי מלך שמר. **אמר ר׳ לוי: אני פי מלך מלכי המלכים אשמור, אותו הפה שאמר** (שמות כ): אנכי ה׳ אלהיך; ועל דברת (שם, ג) לא יהיה לך; שבועת — (שם ז) לא תשא את שם ה׳ אלהיך לשוא.

ז

(ג) אל תבהל מפניו תלך. **ר׳ חייא בר גמדא פתח** (משלי ג): מוסר ה׳, בני, אל תמאס. **תני: הפותח פותח בדבר טוב, והחותם חותם בדבר טוב, דתנינן: בברכות קורא ומפסיק, ובקללות אינו מפסיק, אלא אחד קורא את כולן:** מוסר ה׳ בני אל תמאס, **וגו׳, משום** (תהלים צא) עמו אנכי בצרה, — **אמר הקב״ה: „בני מתקללין, ואני מתברך?"** (משלי, שם) ואל תקוץ בתוכחתו, **אל תעש תוכחתו של הקב״ה קוצים קוצים.**

**ר׳ לוי בן פנטי קרא את ארוריא קדם ר׳ הונא, וגמגם בהון. א״ל: „אשמע קליך, דלית אינון קללות, תוכחת אינון:** מוסר ה׳, בני, אל תמאס, ואל תקוץ בתוכחתו".

ח

(ד) באשר דבר מלך שלטון. **א״ר בון: כתיב** (דברים ו): לא תנסו, — (בראשית כב): והאלהים נסה; (ויקרא יט) לא תקום ולא תטור, **וכתיב** (נחום א): אל קנא ונוקם ה׳. **א״ר לוי: לרב שהיה מצוה את תלמידו ואומר לו: („לא תטה משפט", והוא מטה משפט; „לא תכיר פנים", והוא מכיר פנים.) [„אל תלוה בריבית"; והיה הוא מלוה בריבית.] א״ל התלמיד: „רבי! לך שרי ולי אסור?"**

---

פרואוון [גאָט, אָבער] (בראשית כב, א) והאלהים — און גאָט האָט געפּרואווט [אברהמען]; (ויקרא יט, יח): זאָלסט זיך ניט נוקם זיין און ניט היטן קיין שנאה, און עס שטייט געשריבן (נחום א, ב): אל — אַ גאָט אַ צערענער און אַ נקמה נעמער איז גאָט! **האָט ר׳ לוי געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ רבין וואָס זאָגט אָן זיין תלמיד:** („זאָלסט ניט פאַרדרייען קיין משפט",[1] **און ער אַליין פאַרדרייט אַ משפט;** „זאָלסט ניט דערקענען קיין פּנים", **און ער אַליין דערקענט אַ פּנים;**) [„זאָלסט ניט אַנטלייען אויף צינזן", **און ער אַליין פלעגט אַנטלייען אויף צינזן**].[2] **האָט דער תלמיד געזאָגט צו אים: „רבי! דו מעגסט,**

---

ח. [1] דברים טז, יט. [2] **אַזוי ווי דער נוסח אין בראשית רבה, נה, ג (דאָרט איז נאָך פאַראַן אַ צוגאָב „זאָלסט ניט נעמען קיין שוחד", אא״וו). לויטן אינהאַלט איז אָבער קלאָר,**

און איך טאָר ניט?״ האָט ער אים געזאָגט: „איך זאָג דיר ניט אַנדערש, נייערט דו זאָלסט ניט אַנטלייען צו אַ יידן אויף ציַנזן; דו מעגסט אָבער אַנטלייען צו אַ געצנדינער, ווי דער פסוק זאָגט (דברים כג, כא): לנכרי — דעם פרעמדן מעגסטו אַנטלייען אויף ציַנזן״. אַזוי האָבן ישראל געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! אַט האָסטו אַריינגעשריבן אין דיין תורה: זאָלסט זיך ניט נוקם זיין און ניט היטן קיין שנאה, און דו אַליין ביסט זיך נוקם און היטסט שנאה!״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויף ישראל וועל איך קיין שנאה ניט היטן, ווי עס שטייט געשריבן (תהלים קג, ט) ניט אויף שטענדיק וועט ער קריגן, און ניט אויף אייביק וועט ער האַלטן שנאה; אָבער אויף די געצנ־דינער (נחום דאָרט): נוקם ה׳ — גאָט איז זיך נוקם אָן זיינע פיינט, און ער האַלט אָן דעם כעס אויף זיינע שונאים״. ער האָט געזאָגט: „איך האָב געלאָזט שרייבן אין מיין תורה: זאָלסט זיך ניט נוקם זיין און ניט טראָגן קיין שנאה אויף די קינדער פון דיין פאָלק, אָבער דו מעגסט זיך נוקם זיין אָן די געצנ־דינער״, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר לא, ב): נקום — נעם אָפּ נקמה פאַר די בני ישראל. אַזוי ווערט מקוים וואָס דער פסוק זאָגט: וואָרום דאָס וואָרט פון דעם מלך איז געוועלטיקונג.[3]

## ט

(ה) שמר — ווער עס היט דאָס געבאָט וועט ניט וויסן פון קיין בייז, דאָס איז אסתר, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט דער מצוה פון ביעור חמץ;[1] ועת — און [אַז ס׳איז דאָ] צייט און משפט, וויים דאָס האַרץ פונעם חכם, דאָס איז מרדכי, ווי עס שטייט געשריבן (אסתר ד, א): ומרדכי — און מרדכי האָט זיך דערוואוסט אַלץ וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן.

## י

(ו) כי — וואָרום אויף יעדן באַגער איז פאַראַן אַ צייט, און אויף יעדער צייט איז פאַראַן אַ באַגער [1]: ווי אַ מענטש באַגערט צו טאָן אויף דער וועלט, אַזוי טוט ער; אָבער דאָרטן [2] איז פאַראַן אַ דין און אַ חשבון.

## יא

(ח) אין אדם — קיין מענטש געוועלטיקט ניט איבערן ווינט. די רבנן [1]

---

אַז די ערשטע טיילן פונעם דרש זיינען דאָ ניט אין פּלאַץ (און אַזוי אויך אין בראשית רבה). האָבן מיר זיי דעריבער געשטעלט אין קלאַמערן, און צוגעגעבן די פראַזע וועגן ציַנזן, וואָס האָט דאָ געפעלט, זיך שטיצנדיק אויף דעם נוסח פון דער בראשית רבה אויסגאַבע פון טעאָדאָר און אלבעק, און אויפן ילקוט בראשית, צו (איןביידע פאַלן זיינען די ערשטע טיילן פונעם דרש ניטאָ און דאָ זיינען זיי, משמעות, אַריינגעפאַלן מיט אַ טעות פון ווייטער, פרשה ט, כג (כז) אָדער פון רות רבה א, ב). [2] דער מלך (דער אייבערשטער) קאָן מאַכן אַזעלכע אויסנאַמען.

ט. [1] המנס גזרה איז אַרויס אַ טאָג פאַר ערב פסח (זע אסתר ג, יב), דעם טאָג ווען מע דאַרף אויסרוימען דעם חמץ.

י. [1] אַזוי לויטן דרש (זע אויבן ג, כג). [2] אויף יענער וועלט.

א״ל: „איני אומר לך, אלא שלא תלוה לישראל בריבית; אבל הלוה לעובדי כוכבים, שנאמר (דברים כג): לנכרי תשיך״. כך אמרו ישראל לפני הקב״ה: „רבש״ע! הא כתבת בתורתך: לא תקום ולא תטור, ואת נוקם ונוטר!״ אמר להון: „לישראל לא אטור, דכתיב (תהלים קג): לא לנצח יריב ולא לעולם יטור; אבל לעובדי כוכבים (נחום שם): נוקם ה׳ לצריו, ונוטר הוא לאויביו״. אמר: „הכתבתי בתורתי: לא תקום ולא תטור את בני עמך, אבל נוקם את לעובדי כוכבים, שנאמר (במדבר לא): נקם נקמת בני ישראל״. לקיים מה שנאמר: באשר דבר מלך שלטון.

ט

(ה) שומר מצוה לא ידע דבר רע, זו אסתר, שהיתה עסוקה במצות ביעור חמץ; ועת ומשפט ידע לב חכם, זה מרדכי, דכתיב (אסתר ד): ומרדכי ידע את כל אשר נעשה.

י

(ו) כי לכל חפץ יש עת, ולכל עת יש חפץ: היך מה דבר נש בעי עביד בהאי עלמא, עביד; כרם תמן דינא וחושבנא.

יא

(ח) אין אדם שליט ברוח, רבנן אמרין: אין אדם שליט ברוח של מלאך המות לכלותו ממנו. ומניין שנקראו המלאכים רוחות? שנאמר (תהלים קד): עושה מלאכיו רוחות. ואין שלטון ביום המות, אין אדם יכול לומר למלאך המות: „המתן לי עד שאחשב חש־בונותי, ואחר כך אני בא״. ואין משלחת במלחמה, אין אדם יכול לומר: „הרי בני, או עבדי, או בן ביתי תחתי״. ולא ימלט רשע

---

זאָגן: קיין מענטש קען ניט באַהערשן דעם ווינט[2] פונעם מלאך המות אים צו פאַרמיידן פון זיך. און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז מלאכים ווערן גע־רופן ווינטן? ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קד, ד): עשה — ער מאַכט זיינע מלאכים ווינטן. — ואין — און ניטאָ קיין געוועלטיקונג איבערן טאָג פון טויט, קיין מענטש קען ניט זאָגן דעם מלאך המות: „וואַרט מיר צו, ביז איך וועל מאַכן מיינע חשבונות, און נאָך דעם וועל איך קומען.״ ואין — און ניטאָ קיין אָפּלאָז אין מלחמה, קיין מענטש קאָן ניט זאָגן: „אָט איז מיין זון, אָדער מיין קנעכט, אָדער מיין הויז מענטש אָנשטאָט מיר״. ולא ימלט — און

---

יא. [1] אין דברים רבה ט, ג, ווערט דער אָנהייב פון דעם מאמר געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ יהודהן. [2] רוח מיינט אי ווינט, אי גייסט, און לויט דעם בייט זיך אָפּט דער זין

קיין רשעות וועט ניט מציל זיין דעם טוער פון דעם, קיינער קאָן ניט אָנגעבן
קיין איינווענדונג,[3] קיינער קאָן ניט זאָגן: „איך בעט רחמים״.

ר׳ נחמיה זאָגט: קיין מענטש געוועלטיקט ניט איבערן גייסט, — קיין
נביא פון ישראל קאָן ניט געוועלטיקן איבערן גייסט פון הקדוש ברוך הוא
אים צו פאַרמיידן פון זיך, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה כ, ט): ואמרתי —
און איך האָב געזאָגט: איך וועל אים ניט געדענקען [און וועל מער ניט רעדן
אין זיין נאָמען; איז עס אָבער אין מיין האַרצן ווי אַ ברענענדיק פייער — —].
און ניטאָ קיין געוועלטיקונג איבערן טאָג פון טויט: (דאָרט טו, ב) אשר —
ווער צום טויט, צום טויט. און ניטאָ קיין אָפּלאָז אין מלחמה: (דאָרט, א): שיק
זיי אַוועק פון מיין פנים, און זאָלן זיי גיין. און קיין רשעות וועט ניט מציל
זיין דעם טוער פון דעם. — ר׳ חגי [זאָגט] אין נאָמען פון ר׳ יצחקן: ווייל
די ליצנים פון יענעם דור פלעגן מורמלען מיט זייער מויל און טייטלען מיט
זייערע פינגער, און פלעגן זאָגן (יחזקאל יב, כז): החזון — די זעאונג וואָס
ער זעט [איז אויף אַ סך טעג שפּעטער — — —], האָט דער נביא געזאָגט
צו ישראל: „ביי אייער לעבן! (דאָרט כה): וואָרום אין אייערע טעג, איר
ווידערשפּעניק הויז״.

און ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט: קיין מענטש געוועלטיקט ניט איבערן
גייסט פון די מלכותן [4] זיי צו פאַרמיידן פון זיך;[5] און ניטאָ קיין געוועלטיקונג
איבערן טאָג פון טויט, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יח, ו): קדמוני — עס
זיינען מיר אַקעגנגעקומען נעצן פון טויט; און ניטאָ קיין אָפּלאָז אין מלחמה,
ווי אין פסוק שטייט (דאָרט עח, מט): משלחת — אַן אָנשיקעניש פון בייזע
שלוחים; און קיין רשעות וועט ניט מציל זיין דעם טוער פון דעם, — וואָלטן
זיי תשובה געטאָן, וואָלטן זיי אָפּגעקילט [דעם צאָרן פון גאָט].

און די רבנן זאָגן: קיין מענטש געוועלטיקט ניט איבער זיין אייגענעם
גייסט אים צו פאַרמיידן פון זיך. ר׳ חנינא האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן
(זכריה יב, א): ויוצר — און דער וואָס פורעמט דעם גייסט פון מענטשן אין
אים, — ער בינדט איין [6] דעם מענטשנס גייסט אין אים; וואָרום ווען ניט
דאָס, איז ווען אַ צרה קומט אָן אויף אים, וואָלט ער אים גענומען און אַרויס־
געוואָרפן פון זיך.[7]

ר׳ לוי האָט געזאָגט: נאָענט צו צוויי און פופציק מאָל שטייט: און דער
מלך דוד; וויבאַלד אָבער ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, אַזוי שטייט (מל־
כים א, ב, א): ויקרבו — און עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון דודן
צו שטאַרבן, מחמת ס׳איז ניטאָ קיין געוועלטיקונג איבערן טאָג פון טויט.

ר׳ יהושע פון סיכנין [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי:

---

פונעם וואָרט אין דעם דאָזיקן סימן. [3] באַשולדיקנדיק דעם שופט צדק, כביכול, אין
רשעות. [4] אין דער עץ יוסף אויסגאַבע (ראָם, תרנ״ז) איז דער נוסח גלויות, וואָס האָט
די זעלבע באַדייטונג. [5] צו פאַרמיידן זייערע גזירות. [6] צר — יוצר. [7] ווען דעם מענטשנס
גייסט וואָלט ניט געווען ענג צונויפגעהעפט מיט זיין קערפּער, וואָלט ער ביי דער מינדס־

את בעליו, — אין מי שיתלה אנקליטון, אין מי שיאמר: „אנ-קלומא".

ור' נחמיה אומר: אין אדם שליט ברוח, — אין נביא של ישראל שליט ברוחו של הקב"ה לכלותו ממנו. שנאמר (ירמיה כ): ואמרתי: לא אזכרנו, וגו'. ואין שלטון ביום המות (שם טו): אשר למות — למות, וגו'. ואין משלחת במלחמה (שם): שלח מעל פני ויצאו. ולא ימלט רשע את בעליו, — ר' חגי בשם ר' יצחק: לפי שהיו לצנים שבאותו הדור ממלמלין בפיהם ומפריזין באצבעותיהם ואומרים (יחזקאל יב): החזון אשר הוא חוזה, וגו', אמר להם נביא לישראל: „חייכם! (שם) כי בימיכם, בית המרי".

ור' אליעזר בן יעקב אומר: אין אדם שליט ברוחן של מלכיות לכלותן ממנו; ואין שלטון ביום המות, שנאמר (תהלים יח): קדמוני מוקשי מות; ואין משלחת במלחמה, דכתיב (שם, עח): משלחת מלאכי רעים; ולא ימלט רשע את בעליו, — אלו עשו תשובה, פשרו.

ורבנן אמרי: אין אדם שליט ברוח עצמו לכלותו ממנו. א"ר חנינא: כתיב (זכריה יב): ויוצר רוח אדם בקרבו, — צר רוחו של אדם בגופו; שאילולי כן, כיון שהיתה הצרה באה עליו, היה נוטלה ומשליכה מקרבו.

א"ר לוי: קרוב לחמשים ושתים פעמים כתיב והמלך דוד; כיון שנטה למות, כתיב (מלכים א, ב): ויקרבו ימי דוד למות, משום ואין שלטון ביום המות.

ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי: שתי חצוצרות שהיו בימי משה נגנזו. כתוב אחד אומר (במדבר י): ותקעו בהן ונועדו אליך; וכתוב אחד אומר (דברים לא): הקהילו אלי את כל זקני שבטיכם, — וחצוצרות היכן הם? אמור, שכבר נגנזו בימי משה. אמר

---

די צוויי טרומייטן וואס זיינען געווען אין משהס טעג זיינען באהאלטן געווארן. איין פסוק זאגט (במדבר י, ג): ותקעו — און אז מע וועט בלאזן אין זיי, זאל זיך צונויפזאמלען צו דיר [די גאנצע עדה]; און איין פסוק זאגט (דברים לא, כח): הקהילו — זאמלט איין צו מיר אלע עלטסטע פון אייערע שבטים — און וואו זיינען געווען די טרומייטן? [8] זאג זשע, אז זיי זיינען שוין באהאלטן געווארן אין משהס טעג, — הקדוש ברוך הוא האט געזאגט: „פאר-

---

טער צרה געזוכט פטור צו ווערן פון זיין לעבן. [8] דער באפעל איינצוזאמלען די עלטסטע

וואָס זאָל ער שטאַרבן, און זיינע קינדער זאָלן בלאָזן פאַר אים אין טרומייטן?" ניט מחמת ס'איז ניטאָ קיין געוועלטיקונג אין טאָג פון טויט? [9] ר' אלעזר האָט אין נאָמען פון ר' סימון געזאָגט: אַ גרויסן כבוד האָט הקדוש ברוך הוא איינגעטיילט משהן, ווען ער האָט אים געזאָגט (במדבר י, ב): עשה — מאַך דיר צוויי טרומייטן, אָבער יהושען [האָט ער דעם כבוד] ניט [געגעבן].[10]

## יב

(ט) את כל זה — דאָס אַלץ האָב איך געזען — — — אַ צייט וואָס דער מענטש געוועלטיקט איבערן מענטשן פאַר זיין רעה, — פאַראַן אַ צייט וואָס ס'איז אַ רעה פאַרן געוועלטיקער, און פאַראַן אַ צייט וואָס ס'איז אַ רעה פאַרן באַוועלטיקטן.[1] ר' אלעזר האָט געזאָגט: קיין מענטש איז זיך ניט גורם קיין שטראָף דורך עמיצן, סיידן יענער איז גלייך צו אים,[2] ווי דער פסוק זאָגט: אַ צייט וואָס דער מענטש געוועלטיקט איבערן מענטשן [פאַר זיין רעה]. ר' יונתן האָט געזאָגט: אפילו [ווען איינער קריגט זיין שטראָף] דורך אַ שטעקן, אָדער דורך אַ רימען, וועלן זיי [3] זיך גורם זיין אַ שטראָף איבער דעם דאָזיקן מענטשן, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ט, ג): כי — וואָרום דעם יאָך פון דיין לאַסט — — — האָסטו צעבראָכן, ווי אין דעם טאָג פון מדין, — ווי אין טאָג פון דין.[4] ר' חמא בר גוריון האָט געזאָגט: אפילו פוסטעביימער [5] זיינען אָנגעברייט אָפּצוגעבן דין וחשבון; און די רבנן ברענגען עס פון דעם (דברים כ, יט): כי — וואָרום [ווי] אַ מענטש איז דער בוים פון פעלד,[6] אַזוי ווי אַ מענטש איז אָנגעברייט אָפּצוגעבן דין וחשבון, אַזוי אויך זיינען פוסטע ביימער אָנגעברייט אָפּצוגעבן דין וחשבון.

## יג

(י) ובכן — און אַזוי האָב איך געזען, אַז רשעים זיינען באַגראָבן געוואָרן, און זיינען געקומען.[1] ר' יהודה בר סימון האָט געזאָגט: אויב דער פסוק רעדט וועגן די טויטע פון יחזקאל,[2] ווערט דאָך דאָ געזאָגט רשעים, און יענע זיינען גאָר געווען צדיקים;[3] און אויב וועגן דעם זון פון דער פרוי פון צרפת [4] רעדט דער פסוק, ווערט דאָך דאָ געזאָגט באַגראָבן, און יענער איז ניט באַגראָבן געוואָרן; און אויב וועגן צדקיהו בן כנענה [5] רעדט דער פסוק, ווערט דאָך דאָ געזאָגט און זיינען געקומען, און יענער איז ניט געקומען.[6] נייערט

ווערט דאָרט געגעבן צו די לויים, און די טרומייטן ווערן ניט דערמאָנט. [9] די זילבערנע טרומייטן זיינען געווען פאַר משהן אַ סימן פון מלכות (במדבר רבה טו, טו), אָבער אין טאָג פון טויט איז קיין מלכות ניטאָ. [10] ווען יהושע האָט באַלאַגערט יריחו האָט ער זיך באַנוצט מיט שופרות, ניט מיט קיין טרומייטן (במדבר רבה, דאָרט).

יב. [1] פאַר זיין רעה קען מיינען אי פאַר דעם, אי פאַר יענעם. [2] ווען איינער ווערט געהרגעט דורך עמיצן איבער זיינע זינד, איז זיין מערדער, כאָטש אין דעם פאַל אַ שליח פון הימל, געוויינלעך אַליין אַ זינדיקער, און שפּעטער וועט ער אויך אָפּקומען זיין שטראָף. זע אבות ב, ו: הלל האָט געזאָגט: „ווייל דו האָסט דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען, און צום סוף וועלן אויך דיינע דערטרינקערס דערטרונקען ווערן". פאַר־

הקב״ה: „למה הוא מת, ויהיו בניו תוקעין לפניו בסלפינגס? לאו!״ משום ואין שלטון ביום המות. ר׳ אלעזר בשם ר׳ סימון אמר: כבוד גדול חלק הקב״ה למשה, שאמר לו (במדבר י): עשה לך שתי חצוצרות, ולא ליהושע.

יב

(ט) את כל זה ראיתי, וגו׳, עת אשר שלט האדם באדם לרע לו, — עת היא לרע לו לשולט, ועת היא לרע לו לנשלט. א״ר אלעזר: אין לך שהוא מתחייב על ידי אדם זה, אלא אדם כיוצא בו, שנאמר: עת אשר שלט האדם. ר׳ יונתן אמר: ואפילו במקל, ואפילו ברצועה מתחייבין על ידי אדם זה, שנאמר (ישעיה ט): כי את על סבלו, וגו׳, החתת כיום מדין, — כיום הדין. אמר ר׳ חמא בר גוריון: אפילו אילני סרק עתידין ליתן דין וחשבון; ורבנן מייתין לה מן הדא (דברים כ): כי האדם עץ השדה, מה האדם עתיד ליתן דין וחשבון, אף אילני סרק עתידין ליתן דין וחשבון.

יג

ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו. א״ר יהודה בר סימון: אם במתי יחזקאל הוא אומר, הלא כבר נאמר רשעים, ואותן לא היו אלא צדיקים; ואם בבנה של צרפתית הכתוב מדבר, והלא כבר נאמר קבורים, והוא לא נקבר; ואם בצדקיהו בן כנענה הכתוב מדבר, והלא כבר נאמר ובאו, והוא לא בא. אלא (מלכים

---

גלייך אויך מכות י, ב, אויפן פסוק מרשעים יצא רשע (שמואל א, כד, יג). [3] דער שטעקן און דער רימען. אין בראשית רבה כו, ו, ווערט פאַר דעם צוגעגעבן: אפילו אַ וואָלף און אַ הונט. [4] דין — מדין. [5] ביימער וואָס גיבן ניט קיין פרוכט. [6] געטייטשט לויטן דרש. — דער פסוק רעדט דווקא וועגן פרוכטביימער וואָס מע טאָר ניט אויסהאַקן אין פאַל פון אַ באַלאַגערונג; אָבער אַזוי ווי אין דעם זעלבן פסוק ווערט שוין פריער דערקלערט, פאַרוואָס מע טאָר עס ניט טאָן, זיינען די ווערטער כי האדם עץ השדה ווי איבעריקע, און זיי ווערן דעריבער געדרשנט אויף פוסטע ביימער (מהרז״ו בראשית רבה, דאָרט).

יג. [1] געקומען צו זייער רו, — אַזוי לויטן סוף פונעם מאמר; צוערשט אָבער פרואווט דער בעל המדרש עס טייטשן ווי אויפשטיין תחיית המתים. [2] יחזקאלס וויזיע וועגן די טויטע וואָס האָבן אויפגעלעבט (יחזקאל לז). [3] אונדזער בעל המדרש איז חולק אויף פרקי דר׳ אליעזר, וואו עס זאָגט זיך, אַז זיי זיינען אומגעקומען איבער דעם וואָס זיי האָבן זיך געבוקט צו נבוכדנצרס עבודה זרה (זע מהרז״ו וואָס פרואווט אויסגלייכן די סתירה). [4] וועמען אליהו הנביא האָט צוריק צום לעבן געבראַכט (מלכים א, יז, ח—כד). [5] דאָרט, כב, כד. [6] וועגן צדקיהו בן כנענה ווערט ניט דערציילט, אַז ער זאָל האָבן

(מלכים ב, יג, כא): ויהי — און עס איז געווען, אַז זיי האָבן געהאַלטן אין באַגראָבן אַ מענטשן, [ערשט זיי דערזעען אַ באַנדע; האָבן זיי אַריינגעוואָרפן דעם מאַן אין אלישעס קבר. און דער מאַן האָט זיך געקייקלט, ביז ער האָט זיך אָנגערירט אָן אלישעס ביינער, און איז לעבעדיק געוואָרן], — **קען מען מיינען אויף שטענדיק; קומט דער פסוק צו זאָגן: ויקם — און ער האָט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס, און ער לערנט אונדז, אַז זיין אויפשטיין איז געווען נאָר אויף אַ ווײַלע, בלויז אויף אָפּצושיידן זיך פון יענעם צדיק.**[7] **טאָ וואָס פאַרט מיינט און זיינען געקומען? ר׳ שמואל האָט געזאָגט: זייער זון איז אונטערגעגאַנגען און זיי זיינען ריין געוואָרן;**[8] **דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא כב, ז): ובא — און אַז די זון וועט אונטערגיין, וועט ער זיין ריין.[9]

**ר׳ לוי האָט געזאָגט** (איוב טו, כ): כל ימי — אַלע זיינע טעג איז דער רשע מתחולל — ווי טויט און געהרגעט;[10] **ווי דער פסוק זאָגט** (יחזקאל כא, ל): ואתה — און דו, רשע געהרגעטער.[11]

**אַן אַנדער פשט: דער פסוק רעדט וועגן גרים,**[12] **וואָס קומען און טוען תשובה;** וממקום קדוש — און פון אַ הייליק אָרט גייען זיי,[13] **מחמת זיי גייען אין אַ הייליק אָרט, דאָס זיינען שולן און בתי מדרשים; וישתכחו — און זיי ווערן פאַרגעסן אין שטאָט, — זייערע שלעכטע מעשים ווערן פאַרגעסן; אשר — וואו זיי האָבן רעכט געטאָן, — און עס ווערן געפונען**[14] **זייערע גוטע מעשים וואָס זיי האָבן געטאָן אין שטאָט. גם — אויך דאָס איז נישטיקייט, — ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דאָס איז נישט קיין נישטקייט!**[15] **די נישטיקייט איז דאָס, וואָס זיי קומען ניט פון זיך אַליין [זיך מגייר צו זיין]. ר׳ בון האָט געזאָגט: צדיקים זיינען אַוועק אַהין**[16] **און [דורך זיי] זיינען זיי געקומען [זיך מגייר צו זיין], אַ שטייגער יוסף צו אסנתן, יהושע צו רחבן, בועז צו רותן, משה צו חובבן.**[17] **ר׳ אחא האָט געזאָגט: די נישטיקייט איז ניט אַנדערש,**

---

צוריקגעקומען צום לעבן. [7] ווייל יענער געשטאָרבענער איז געווען אַ רשע, און ס׳איז ניט לכבוד אלישע הנביא צו ליגן לעבן אַ רשע (מע טאָר ניט באַגראָבן אַ רשע לעבן אַ צדיק״, סנהדרין מז, א. (לויט אַ מסורה איז יענער רשע געווען צדקיהו בן כנענה, — זע וועגן דעם מהרז״ו). [8] דער טויט פון די רשעים איז מכפּר אויף זייערע זינד, און אַ צדיק״, סנהדרין מז, א). [8] דער טויט פון די רשעים איז מכפּר אויף זייערע זינד, און זיי קומען צו זייער רו. [9] און דאָ ווערט דער פסוק גענומען סימבאָליש: ריין פון זינד (דער מתנות כהונה טייטשט עס ווערטערלעך: ווען איינער איז טמא איז ער ווי באַגראָבן, דערווייטערט פון אַלעמען; ווען ער ווערט ריין, קומט ער צוריק צווישן מענטשן). [10] מת וחלל, אָנשפּיל אויף מתחולל. [11] געטייטשט לויטן דרש, און דאָרט רעדט זיך וועגן אַ לעבעדיקן מענטשן. — ר׳ לויס דרש אויף אונדזער פסוק ווערט אין תנחומא יתרו, א, געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ סימון, און פיל קלאָרער: דאָס זיינען די רשעים, וואָס זיינען נאָךביים לעבן ווי טויט באַגראָבן, ווי דער פסוק זאָגט — — —. [12] וואָס זיינען געווען פריער רשעים, באַגראָבענע ביים לעבן. [13] אַזוי לויטן דרש. [14] וישתכחו קאָן מיינען אי פאַרגעסן ווערן, אי געפונען ווערן. [15] וואָס מענטשן זיינען זיך מגייר. [16] אין לאַנד פון געצנדינער. [17] די אַלע האָבן זיך מגייר געווען אונטער דער ווירקונג פון אַ צדיק; אַליין וואָלטן זיי עס ניט געטאָן.

ב, יג): ויהי הם קוברים איש, וגו׳, ויחי. יכול לעולם? תלמוד לומר: ויקם על רגליו, מלמד שלא היתה עמידתו אלא לשעה, לפרוש מאותו צדיק בלבד. ומהו ובאו? ר׳ שמואל אמר: שקעה שמשן והטהרו; הא מה דאת אמר (ויקרא כב): ובא השמש וטהר.

א״ר לוי (איוב טו): כל ימי רשע הוא מתחולל: מת וחלל; היך מה דאת אמר (יחזקאל כא): ואתה חלל רשע.

ד״א: מדבר בגרים, שהם באים ועושים תשובה; וממקום קדוש יהלכו, על ידי שהלכו במקום קדוש, אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות; וישתכחו בעיר. — וישתכחו מעשים רעים; אשר כן עשו, — וישתכחו מעשיהם הטובים אשר עשו בעיר. גם זה הבל, — אמר ר׳ יצחק: איננו הבל! וזה הבל, שאינן באין מאליהן. ר׳ בון אמר: צדיקים הלכו לשם ויבואו, כגון יוסף לאסנת, יהושע לרחב, בועז לרות, משה לחובב. א״ר אחא: אין זה הבל, אלא שאין הבריות באין ומתקדשין לתחת כנפי השכינה.

יד

(יא) אשר אין נעשה פתגם [מעשה הרעה מהרה], על ידי שאדם חוטא, ואין מדת הדין פוגעת בו, על כן מלא, וגו׳. מה אינון אמרין? „הא רומיא עללין, הא רומיא נפקין, לית להון מפוקים״. (יג) וטוב לא יהיה לרשע.

טו

(יד) יש הבל אשר נעשה על הארץ: אשריהן לצדיקים, אשר

---

נייערט דאָס וואָס מענטשן קומען ניט [אַליין] זיך צו הייליקן אונטער די פליגל פון דער שכינה.

יד

(יא) אשר — אַזוי ווי דער פסק פאַר דער שלעכטער טואונג ווערט ניט געטאָן אויף גיך, אַזוי ווי אַ מענטש זינדיקט, און דער מידת הדין באַשטראָפט אים ניט [גלייך], דעריבער דערוועגט זיך [דאָס האַרץ פון די מענטשנקינדער אין זיי צו טאָן שלעכטס]. וואָס זאָגן זיי? „אַט גייען די פאַרריסענע אַריין, אַט גייען די פאַרריסענע אַרויס, און זיי האָבן ניט קיין שטרויכלונגען״. (יג) וטוב — אָבער גוט וועט דעם רשע ניט זיין.

טו

(יד) יש הבל — פאַראַן אַ נישטיקייט וואָס ווערט געטאָן אויף דער ערד: וואוילי איז די צדיקים, וואָס זיי טרעפט אויף דער וועלט לויט דער טואונג

פון די רשעים, און ווי און אַך איז צו די רשעים, וואָס זיי טרעפט לויט דער טואונג פון די צדיקים.[2]

## טז

(טו) ושבחתי — און איך האָב מיר געלויבט די פרייד. ר׳ תנחומא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ נחמן דעם זון פון ר׳ שמואל בר נחמן, און ר׳ מנחמא — און אַנדערע זאָגן: ר׳ ירמיה און ר׳ מיאשה — אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר ר׳ יצחק: איטלעכס מאָל וואָס אין דער דאָזיקער מגילה ווערט דערמאָנט עסן און טרינקען, רעדט דער פסוק וועגן תורה און מעשים טובים. ר׳ יונה האָט געזאָגט: דער הויפט יסוד פאַר די אַלע איז דער פסוק וואָס זאָגט: [אשר אין טוב — דען ס׳איז ניטאָ פאַרן מענטשן קיין בעסערס אונטער דער זון, נייערט צו עסן און טרינקען און זיין פריילעך] און דאָס זאָל אים באַגלייטן, בעמלו — אין זיין מי׳, [לייען] בעוקמו, אויף זיין וועלט, אויף דער וועלט; ימי — די טעג פון זיין לעבן, וואָס מיינט אין קבר אַריין,[1] — אָבער איז דען פאַראַן אַן עסן און אַ טרינקען אין קבר, וואָס זיי זאָלן באַגלייטן דעם מענטשן אין זיין קבר? נייערט דאָס איז תורה און מעשים טובים וואָס דער מענטש טוט.

## יז

(טז) כאשר — אַזוי ווי איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו קענען חכמה [און צו זען די טועניש וואָס ווערט געטאָן אויף דער ערד — וואָרום ביי טאָג ווי ביי נאַכט] זעט ער ניט אַן קיין שלאָף אין זיינע אויגן: ער זעט ניט קיין תשובה און טוט ניט [קיין תשובה].[1] צוויי גוטע זאַכן זיינען נאָענט צו דיר און וויט פון דיר, וויט פון דיר און נאָענט צו דיר: תשובה איז נאָענט צו דיר און וויט פון דיר, וויט פון דיר און נאָענט צו דיר; טויט איז נאָענט צו דיר און וויט פון דיר, וויט פון דיר און נאָענט צו דיר.[2]

---

טו. [1] אשרי — אָנשפּיל אויף אשר. [2] דער צדיק קומט אָפּ אויף דער וועלט פאַר זיינע געציילטע חטאים, כדי ער זאָל האָבן זיין פולן שכר אויף יענער וועלט; דער רשע, ווידער, באַקומט אויף דער וועלט דעם שכר פאַר זיינע געציילטע מעשים טובים, כדי ער זאָל האָבן זיין פולן עונש אויף יענער וועלט (זע הוריות י, ב).

טז. [1] ווען אַ מענטש גייט צו זיין אייביק לעבן.

יז. [1] שנה, שלאָף, ווערט דאָ געטייטשט ווי שינוי, ענדערונג: דער מענטש זעט ניט צו מאַכן אין זיין לעבן אַן ענדערונג צום גוטן (מתנות כהונה און מהרז״ו; לויטן רד״ל מיינט עס, אַז דער מענטש דערמאָנט זיך ניט אָן דעם טאָג פון טויט, ווען ער ווערט אַנטשלאָפן אויף אייביק, און ער טוט דעריבער ניט קיין תשובה). [2] לויטן מהרז״ו וואָלט זיך דער טעקסט געדאַרפט לייענען אַזוי: תשובה קרובה לך — מיתה רחוקה ממך; תשובה רחוקה ממך — מיתה קרובה לך: איז תשובה נאָענט צו דיר (אויב דו טוסט תשובה אין צייט), איז דער טויט וויט פון דיר; איז תשובה וויט פון דיר (אויב דו פאַרזאַמסט תשובה צו טאָן), איז דער טויט נאָענט צו דיר. דער מתנות כהונה וויל אויפ־

מגיע אליהם כמעשה הרשעים **בעולם הזה, ואוי ואללי לרשעים,** שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים.

## טז

(טו) ושבחתי אני את השמחה. **אמר ר׳ תנחומא אמר ר׳ נחמן בריה דר׳ שמואל בר נחמן, ור׳ מנחמה — ואמרי לה: ר׳ ירמיה ור׳ מיאשה — בשם ר׳ שמואל בר ר׳ יצחק: כל אכילה ושתיה שנאמר במגילה הזאת, בתורה ובמעשים טובים הכתוב מדבר. אמר ר׳ יונה: בנין אב שבכולן שנאמר:** והוא ילונו בעמלו — **בעולמו, בעולם הזה;** ימי חייו — **לקבר. — וכי יש מאכל ומשתה בקבר שמלוין את האדם לקברו? אלא אלו תורה ומעשים טובים שעושה האדם.**

## יז

(טז) כאשר נתתי את לבי לדעת חכמה, וגו׳, שנה בעיניו איננו רואה: **אינו רואה תשובה ואינו עושה. שני דברים טובים קרובים לך ורחוקים ממך, רחוקים ממך וקרובים לך: תשובה קרובה לך ורחוקה ממך, רחוקה ממך וקרובה לך; מיתה קרובה לך ורחוקה ממך, רחוקה ממך וקרובה לך.**

## יח

ואריתי את כל מעשה האלהים. **ר׳ פנחס ור׳ ירמיה בשם ר׳ חייא בר אבא: הרבה שאלו לעשות ולעמוד על דברי תורה, ולא יכלו; ומאי טעמא?** בשל אשר יעמל האדם לבקש ולא ימצא.

---

## יח

(יז) ורא‏יתי — און איך האָב געזען די גאַנצע טואונג פון גאָט [אַז דער מענטש קען ניט אויסגעפינען — — —]. **ר׳ פינחס און ר׳ ירמיה אין נאָמען פון ר׳ חייא בר אבא: אַ סך האָבן געזוכט צו טאָן און צו באַנעמען די ווערטער פון דער תורה, און זיי האָבן ניט געקענט; און פאַרוואָס?** בשל — וואָרום וויפיל דער מענטש זאָל זיך ניט מיען צו זוכן, וועט ער ניט געפינען. וגם —

---

**האַלטן דעם נוסח דערקלערנדיק עס אויף דעם אופן: תשובה איז נאָענט צו דיר, דער רבוש״ע איז אַלעמאָל גרייט דיך אויפצונעמען מיט תשובה, און ווייט פון דיר, אויב דו גיסט זיך ניט אָפּ קיין חשבון; אָבער אויב אפילו תשובה איז ווייט פון דיר, האָסטו אָבער שטענדיק בכוח זי צו דערנענטערן צו זיך. און אַזוי אויך מיט טויט, וואָס איז אָפּהענגיק אָן תשובה.**

און אפילו ווען דער חכם וועט זאָגן, אַז ער וויס, דאָס איז שלמה, יענעם טאָג ווען ער האָט געזאָגט: „איך קען מערן [ווייבער], און ניט לאָזן אָפּקערן [מיין הארץ].[1]

ר׳ יהושע פון סיכנין האָט אין נאָמען פון ר׳ לוין געזאָגט: עס שטייט געשריבן (ישעיה מ, כג): הנותן — דער וואָס מאַכט פירשטן צו נישט, דאָס איז משה בשעת ער האָט געזאָגט (דברים א, יז): והדבר — און די זאַך וואָס וועט זיין צו שווער פאַר אייך [זאָלט איר ברענגען צו מיר, און איך וועל זי אויסהערן].[2] האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „משה, [נאָר] דו קענסט משפטן שווערע זאַכן? איך וועל לאָזן ברענגען פאַר דיר אַ דין, וואָס אַ תלמיד פון דיינעם אַ תלמיד וועט קאָנען משפטן, און אפילו ווייבער, און דו וועסט [קיין פסק דין] ניט קענען אַרויסטראָגן״. וואָס איז עס געווען? דער משפט פון צלפחדס טעכטער.[3] די רבנן זאָגן: משה האָט זיך, חס ושלום, ניט גרויס געהאַלטן, נייערט אַזוי האָט ער געזאָגט: און די זאַך וואָס וועט זיין שווער פאַר אייך, אויב איך וועל עס פאַרשטיין, ושמעתיו — וועל איך עס אויסהערן [און אייך געבן אַן ענטפער]; אויב אָבער ניט — וועל איך עס לאָזן הערן [4] פאַר גאָט.

---

יח. [1] ער האָט ניט אָפּגעהיט דאָס געבאָט, אַז אַ מלך זאָל ניט נעמען צופיל ווייבער, כדי זיין הארץ זאָל זיך ניט אָפּקערן פון גלייכן וועג (דברים יז, יז; זע אויך מלכים א,

וגם אם יאמר החכם לדעת, **זה שלמה, יום שאמר: „יכול אני להרבות ולא להטות״.**

**ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אמר: כתיב** (ישעיה מ): הנותן רוזנים לאין, **זה משה בשעה שאמר** (דברים א): והדבר אשר יקשה מכם. **אמר לו הקב״ה: „משה, את דן קשות! אני אביא לך דין, שתלמיד תלמידך יכול לדון, ואפילו הנשים, ואין את יכול להו־ציאו״. איזה זהו? זה דינן של בנות צלפחד. רבנן אמרי: חס ושלום לא נתגאה משה, אלא כך אמר:** והדבר אשר יקשה מכם, **אם הייתי סוברו** ושמעתיו, **ואם לאו — והשמעתיו לאלהים.**

---

יא, א—ג). [2] משה האָט גרינגגעשעצט דעם פאַרשטאַנד פון די עלטסטע, די פירשטן פון ישראל. [3] אַן אויסרייד משהן פאַר זיין גרויסהאַלטעריי. זע במדבר כז, א—יא. [4] ושמעתיו ווערט לויט דעם געלייענט אַ צווייט מאָל ווי והשמעתיו, און איך וועל עס לאָזן הערן. מעגלעך, אַז דער נוסח איז דאָ פאַרגרייזט געוואָרן, און דער טעקסט דאַרף זיך לייענען אַזוי: אויב איך וועל עס פאַרשטיין, והשמעתיו, וועל איך אייך לאָזן הערן; אויב אָבער ניט, ושמעתיו — וועל איך עס הערן פון גאָט.

# פרשה ט

## א

שמעון בר אבא האָט אָנגעהויבן [זיין דרשה אויפן פסוק] (ב): הכל — אַלץ איז גלייך פאַר אַלעמען, איין טראַף פאַרן צדיק, דאָס איז נח, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ו, ט): איש — אַ צדיק, אַן ערלעכער מאַן איז ער גע־ ווען, — דערציילט מען, אַז ווען ער איז אַרויס פון דער תיבה האָט אים אַ לייב אַ קלאַפּ געטאָן, און ער איז געוואָרן הינקעדיק; און פאַרן רשע, דאָס איז פרעה [נכה],[1] — דערציילט מען, אַז ווען פרעה איז געקומען זיך זעצן אויף שלמהס שטול, וואָס ער האָט גענומען פאַר זיין טאָכטערס כתובה,[2] האָט ער זיך ניט אויסגעקענט אויף זיין געווערק; האָט אַ לייב[3] אים אַ קלאַפּ געטאָן און אים צעבראָכן [אַ פוס], און ער איז געוואָרן הינקעדיק. איז דער גע־ שטאָרבן אַ הינקעדיקער און דער איז געשטאָרבן אַ הינקעדיקער. דאָס איז: איין טראַף פאַרן צדיק און פאַרן רשע.

פאַרן גוטן, דאָס איז משה, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ב, ב): ותרא — און זי האָט אים געזען אַז ער איז גוט, — ר׳ מאיר האָט געזאָגט: גוט, וואָרום ער איז געבוירן געוואָרן אַ געמלטער; און פאַרן ריינעם, דאָס איז אהרן, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער רייניקונג פון ישראל; און פאַרן אומריינעם, דאָס זיינען די מרגלים, וואָס האָבן אָנגערעדט שלעכטס אויפן לאַנד, און זיי־ נען אַהין ניט אַריינגעקומען. און יענע[4] האָבן גערעדט גוטס און לויב אויף ארץ ישראל און זיי זיינען אויך אַהין ניט געקומען.

ולזובח — און פאַר דעם וואָס איז מקריב, דאָס איז יאשיהו, ווי עס שטייט געשריבן (דברי הימים ב, לה, ז): וירם — און יאשיהו האָט אָפּגע־ שיידט פאַר די קינדער פון פאָלק [שאָף — — — פאַרן קרבן פסח]; און פאַר דעם וואָס איז ניט מקריב, דאָס איז אחאב, וואָס האָט אָפּגעשאַפן די קרבנות פונעם מזבח [פון גאָט פון ישראל.[5] לסוף] איז דער געשטאָרבן דורך פיילן און דער איז געשטאָרבן דורך פיילן.[6]

כטוב — ווי דעם גוטן, דאָס איז דוד, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (שמואל א, טז, יב): וטוב — און גוט אויפן אויסזען, — ר׳ יצחק האָט געזאָגט:

---

א. [1] לויט ויקרא רבה דאַרף מען צוגעבן נכה (לויט מלכים ב, כג, כט) וואָס קאָן מיינען דער הינקעדיקער, און אויף דעם איז געבויט דער דרש. לויט אסתר רבה א, יב (אין אונדזער אויסגאַבע זייטן 58—59) איז עס געווען פרעה שישק (לויט מלכים א, יא, מ), וואָס איז כראָנאָלאָגיש ריכטיקער. [2] וועגן שלמהס חתונה מיט פרעהס טאָכטער, זע מלכים א, ג, א. [3] זע אסתר רבה, דאָרט, וועגן די קינסטלעכע באַשעפענישן וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם געווערק פון שלמהס שטול. פאַרגלייך אויך ילקוט אסתר, תתרמו. [4] משה און אהרן. [5] ווייל ער האָט זיך איבערגעגעבן צום אָפּגאָט בעל. [6] אחאב: מלכים א,

# פרשה ט

## א

**שמעון בר אבא פתח** (ב): הכל כאשר לכל, מקרה אחד לצדיק, **זה נח, שנאמר** (בראשית ו): איש צדיק תמים היה, — אמרו: **כשיצא מן התבה הכישו ארי ושברו, והיה צולע;** ולרשע, **זה פרעה, — אמרו: כשבא פרעה לישב על כסא שלמה (כ)שלקח בכתובת בתו, לא היה יודע מנגניקון שלו; והכישו ארי ושברו, והיה צולע. זה מת צולע וזה מת צולע. הוי:** מקרה אחד לצדיק ולרשע.

לטוב, **זה משה, שנאמר** (שמות ב): ותרא אותו כי טוב הוא, — **א"ר מאיר:** טוב, **שנולד מהול;** ולטהור, **זה אהרן, שהיה עסוק בטהרתן של ישראל;** ולטמא, **אלו המרגלים, שאמרו דבה רעה על הארץ ולא נכנסו לארץ. ואלו אמרו טובתה ושבחה של ארץ ישראל, ולא נכנסו בה.**

**ולזובח, זה יאשיה, דכתיב** (דברי הימים ב, לה): וירם יאשיהו לבני העם; ולאשר איננו זובח, **זה אחאב, שביטל קרבן מעל גבי המזבח. זה מת בחצים וזה מת בחצים.**

כטוב, **זה דוד, דכתיב ביה** (שמואל א, טז): וטוב ראי, — **אמר ר' יצחק:** וטוב ראי **בהלכה, שכל מי שהוא רואה אותו זוכר את תלמודו;** כחוטא, **זה נבוכדנצר, דכתיב** (דניאל ד): וחטאך בצדקה פרק. **זה בנה בית המקדש ומלך ארבעים שנה, וזה החריבו ומלך ארבעים שנה. הוי:** מקרה אחד.

**הנשבע, זה צדקיהו, דכתיב** (דברי הימים ב, לו): אשר השביעו,

---

און גוט אויפן אויסזען אין דער הלכה, **וואָרום ווער עס האָט אים אָנגעקוקט האָט פאַרגעדענקט זיין לערנען;** כחוטא — **אַזוי דעם זינדיקן, דאָס איז נבוכדנצר, ווי אין פסוק שטייט** (דניאל ד, כד): וחטאך — און דיין זינד טו אָפּ דורך צדקה. **האָט דער געבויט דעם בית המקדש [7] און האָט געקיניגט פערציק יאָר, און דער האָט אים חרוב געמאַכט און האָט געקיניגט פערציק יאָר. דאָס איז:** איין טראַף.

הנשבע — דעם וואָס שווערט, **דאָס איז צדקיהו, ווי אין פסוק שטייט** (דברי הימים ב, לו, יג): אשר — וואָס ער האָט אים באַשוואָרן, — **ביי וואָס**

האָט ער [8] אים באַשוואָרן? ר׳ יוסי האָט געזאָגט: ביים ברית מילה האָט ער אים באַשוואָרן; רבי האָט געזאָגט: ביים מזבח האָט ער אים באַשוואָרן. כּאשר — ווי דער וואָס שיעט זיך פאַר אַ שבועה, דאָס איז שמשון, ווי דער פסוק זאָגט (שופטים טו, יב): השבעו — שווערט מיר.[9] [לסוף] איז דער געשטאָרבן מיט אויסגעשטאָכענע אויגן, און דער איז געשטאָרבן מיט אויסגעשטאָכענע אויגן.[10]

אַן אַנדער פשט: פאַרן צדיק, דאָס זיינען אהרנס זין; און פאַרן רשע, דאָס איז דאָס געזעמל פון קורחן. די זיינען אַריין [אין אוהל מועד] מקריב צו זיין דורך אַ מחלוקת, און זיינען אַרויס פאַרברענטע;[11] און אהרנס זין וואָס זיינען ניט אַריין אין קיין מחלוקת, זיינען אויך אַרויס פאַרברענטע. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ויקרא טז, א): אחרי — נאָכן טויט פון אהרנס צוויי זין.

## ב

(ד) כי — וואָרום דער וואָס איז באַהעפט, — ר׳ אחא האָט געזאָגט: דער כתיב איז יבחר, דער וואָס וועט אויסדערוויילן:[1] ווער עס וועט אויסדערוויילן דעם יצר טוב אַנשטאָט דעם יצר הרע, דאָס זיינען די צדיקים; און דער וואָס וועט אויסדערוויילן דעם יצר הרע אַנשטאָט דעם יצר טוב, דאָס זיינען די רשעים — פאַר אַלע לעבעדיקע איז דאָ אַ האָפנונג, אפילו פאַר די וואָס האָבן אויסגע־שטרעקט זייערע הענט אויפן בית המקדש איז פאַראַן אַ האָפנונג. זיי לאָזן אויפשטיין תחיית המתים קען מען ניט, וואָרום זיי האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט אויפן בית המקדש; און פאַרטיליקן זיי קען מען ניט, ווייל זיי האָבן דאָך תשובה געטאָן. זאָגט אויף זיי דער פסוק (ירמיה נא, לט): וישנו — און זיי וועלן שלאָפן אַן אייביקן שלאָף [און וועלן זיך ניט אויפכאַפּן].[2] און די רבנן זאָגן: די קליינוואַרג פון די רשעים צווישן די גוים, זיי און נבוכד־נצרס חיילות, ניט זיי וועלן אויפשטיין תחיית המתים און ניט זיי וועלן געמשפּט ווערן; אויף זיי זאָגט דער פסוק: און זיי וועלן שלאָפן אַן איי־ביקן שלאָף.[3]

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: יעדן טראָפּן וואָס הקדוש ברוך הוא האָט אַראָפּגעלאָזט אויפן דור המבול האָט ער צוערשט אויפגעזאָטן [אין גיהנום] [4] און נאָכדעם אַראָפּגעלאָזט אויף זיי, ווי דער פסוק זאָגט (איוב ו, יז): בעת — בשעת זיי ווערן צעהיצט ווערן זיי פאַרטיליקט, — זייער [אומקום דורך] צעהיצונג איז געווען לחלוטינדיק.[5]

כב, לד—לז; יאשיהו: דברי הימים ב, לה, כג—כד. [7] זע אויבן ב, יח, באַמ. 2. [8] נבוכדנצר. [9] אַ סימן, אַז אַ שבועה איז ביי אים געווען וויכטיק, אָבער צדקיהו האָט זיין שבועה צו נבוכדנצרן געבראָכן. [10] צדקיהו: מלכים ב, כה, ז; שמשון: שופטים, טז, כא. [11] זע במדבר טז, לה.

ב. [1] דער קרי, דאָס מסורהדיקע לייענען, איז יחבר, באַהעפט; אָבער דער כתיב, דער מסורהדיקער טעקסט, לייענט זיך יבחר, מיט אַ קובוץ בית: וועט אויסדערוויילט ווערן. אָבער דער בעל המדרש לייענט עס מיט אַ חיריק יוד און פתח חית: וועט אויסדערוויילן. [2] זע אונדזער אויסגאַבע פון רות רבה ג, ב, זייטן 76—77 און די באַמערקונגען. [3] אינ־

— במה השביעו? א״ר יוסי: בברית השביעו; רבי אמר: במזבח השביעו. כאשר שבועה ירא, זה שמשון, שנאמר (שופטים טו): השבעו לי. זה מת בניקור עינים, וזה מת בניקור עינים.

ד״א: לצדיק, אלו בניו של אהרן; ולרשע, אלו עדת קרח. אלו נכנסו להקריב במחלוקת ויצאו שרופים; ובני אהרן שלא נכנסו במחלוקת, ויצאו שרופים. הה״ד (ויקרא טז): אחרי מות שני בני אהרן, וגו׳.

ב

(ד) כי מי אשר יחבר, — אמר ר׳ אחא: יבחר כתיב: מי יבחר יצר טוב מיצר הרע, אלה הצדיקים; מי יבחר יצר רע מיצר טוב, אלו הרשעים, — אל כל החיים יש בטחון, אפילו אלו שפשטו ידיהם בזבול יש בטחון. להחיותן אי אפשר, שכבר פשטו ידיהם בזבול; ולכלותם אי אפשר, שכבר עשו תשובה. עליהם הוא אומר (ירמיה נא): וישנו שנת עולם. ורבנן אמרין: קטני רשעי גוים, הן וחיילותיו של נבוכדנצר לא חיין ולא נידונין; עלהם הוא אומר: וישנו שנת עולם. א״ר יוחנן: כל טיפה וטיפה שהוריד הקב״ה על דור המבול, היה מרתיחה [בגיהנום] ואחר כך מורידה עליהם שנאמר (איוב ו): בעת יזרבו נצמתו, — זריבתן [ל]חלטנית היתה.

ג

(ד) כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. אנדריאנוס שחיק טמיא שאל את ר׳ יהושע בן חנניה, א״ל: „אנא טב ממשה רבך.״ א״ל: „למה?״ „דאנא חי, והוא מת, וכתיב: כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת.״ א״ל: „יכיל את לגזור דלא ידלק בר נש נור

---

ג

(ד) כי — וואָרום אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער ווי אַ טויטן לייב. אדריאנוס, זאָלן אים די ביינער צעריבן ווערן, האָט זיך געווענדט צו ר׳ יהושע בן חנניה און געזאָגט צו אים: „איך בין בעסער פון דיין רבין משה״. האָט ער אים געזאָגט: „פאַרוואָס?״ „וואָרום איך לעב, און ער איז טויט; און אין פסוק שטייט: וואָרום אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער ווי אַ טויטן לייב״. האָט ער געזאָגט צו אים: „קענסטו גוזר זיין, אַז דריי טעג צייט זאָל קיינער ניט

---

גאַנצן פאַרטיליקט, זיי וועלן ניט אויפשטיין קיין תחית המתים ניט אויף צו האָבן עולם הבא און ניט אויף געמשפט צו ווערן (משנה סנהדרין, י, ג). [4] צוגעגעבן לויט בראשית רבה כח, ט. [5] לויט בראשית רבה, דאָרט.

אָנצינדן קיין פייער?״ האָט ער אים געזאָגט: „יאָ״. יענעם טאָג, קעגן אָוונט, זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיינען ביידע אַרויף אויפן דאַך פונעם פּאַלאַץ; האָט ער געזען אַ רויך אויפגיין פון דערווייטן. האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס איז דאָס?״ האָט ער געזאָגט: „אַ שר איז קראַנק געוואָרן, איז געקומען דער רופא אים באַזוכן און האָט אים געזאָגט: ביז דו וועסט ניט טרינקען קיין וואַרימס, וועסטו ניט געזונט ווערן״. האָט ער געזאָגט צו אים: „זאָל אים די נשמה אַרויס! דו לעבסט נאָך, און דיין גזירה איז שוין בטל געוואָרן; און משה רבינו, זינט[1] ער האָט גוזר געווען אויף אונדז (שמות לה, ג): לא תבערו — איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינערטער אין דעם טאָג פון שבת, האָט נאָך קיין ייד אויף זיין לעבן ניט אָנגעצונדן קיין פייער אום שבת,[2] און נאָך איז זיין גזירה ניט בטל געוואָרן, פון אַזוי פיל יאָרן צוריק ביז איצט, — זאָגסטו אַזוי: איך בין בעסער פון אים?״

ד

(ה) — כי החיים — וואָרום די לעבעדיקע ווייסן, אַז זיי וועלן שטאַרבן. ר׳ חייא רבה און ר׳ יונתן זיינען געגאַנגען פאַרן טויטנבעט פון ר׳ שמעון בן לקוניא; האָט זיך ר׳ יונתנס טלית נאָכגעשלעפּט אויף זיין ארון. האָט ר׳ חייא רבה געזאָגט צו אים: „מיין זון, נעם אַוועק דיין טלית, כדי זיי זאָלן ניט זאָגן: מאָרגן קומען זיי צו אונדז, און [היינט] פאַרשעמען זיי אונדז״.[1] האָט ער אים געזאָגט: „רבי, שטייט דען ניט געשריבן: והמתים — אָבער די טויטע ווייסן ניט גאָרניט?״ האָט ר׳ חייא געזאָגט צו אים: „זון מיינער, אַ פּסוק ווייסטו, אָבער קיין מדרש ווייסטו ניט: וואָרום די לעבעדיקע ווייסן, דאָס זיינען די צדיקים, וואָס אפילו נאָך זייער טויט ווערן זיי גערופן לעבעדיקע; און די טויטע ווייסן ניט גאָרניט, דאָס זיינען די רשעים, וואָס אפילו ביים לעבן ווערן זיי גערופן טויטע. און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז די צדיקים ווערן גערופן לעבעדיקע אפילו נאָך זייער טויט? ווי דער פּסוק זאָגט (שמות לג, א): אל הארץ — צו דעם לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן צו אַבּרהמען, צו יצחקן און צו יעקבן, אַזוי צו זאָגן, — ער האָט ניט געזאָגט: „צו די אבות״, נייערט צו אברהמען, צו יצחקן און צו יעקבן.[2] ער האָט געזאָגט צו משהן: „גיי און זאָג זיי: די שבועה וואָס איך האָב זיי געשוואָרן האָב איך מקיים געווען״, ווי דער פּסוק זאָגט: (דאָרט) צו דיינע קינדער וועל איך עס געבן. און רשעים ווערן אָנגערופן טויטע, ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל יח, לב): אם אחפץ — וואָרום איך באַגער ניט דעם טויט פון דעם טויטן,[3] — צי קען דען אַ טויטער שטאַרבן? נייערט דאָס זיינען די רשעים, וואָס אפילו ביי זייער לעבן ווערן זיי גערופן טויטע״. האָט ער געזאָגט צו אים: „געט־

---

ג. [1] געביטן בשעה אויף משעה, לויט רות רבה, דאָרט. [2] סיידן אין פאַל פון פּקוח נפש, אָבער דאָ האָט מען געקענט וואַרטן נאָך אַ טאָג (מתנות כהונה, רות רבה).

ד. [1] דער טלית מיט די ציצית דערמאָנט די טויטע, אַז זיי קענען מער די מצווה ניט מקיים זיין. [2] דער פּסוק רעדט וועגן זיי ווי וועגן לעבעדיקע מענטשן. [3] געטייטשט

תלתא יומין?״ א״ל: „אין״. לעידן רמשא דיומא קמו סלקו תרויהון על איגר פלטין; חמי תננא סליק מן רחיק. א״ל: „מה כן?״ אמר: „איפרכא ביש, ועאל אסיא ובקר יתיה ואמר ליה: עד דשתי חמימי לא מיתסי״. א״ל: „תיפח רוחיה! עד דאת בחיים בטלה גזרתך; ומשה רבינו, (בשעה) [משעה] שגזר עלינו (שמות לה): לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת, לא מדליק יהודאי נור בשבתא מיומוהי, ועדיין לא נתבטלה גזירתו מכמה שנים ועד השתא. — אמרת כן, דאנא טב מיניה?״

ד

(ה) כי החיים יודעים שימותו. ר׳ חייא רבה ור׳ יונתן הוון מהלכין קומי ערסיה דר׳ שמעון בן יוסי בן לקוניא; הוה טליתיה דר׳ יונתן מהלכא על ארוניה. א״ל ר׳ חייא רבה: בני, טלי טליתך, שלא יהו אומרים: למחר הן באין אצלנו, והן מחרפין אותנו״. א״ל: „רבי לא כתיב: והמתים אינם יודעים מאומה?״ א״ל: „בני, מקרא את יודע, מדרש אין את יודע: כי החיים יודעים, אלו הצדיקים, שאפילו במיתתן קרויין חיים; והמתים אינם יודעים, אלו הרשעים, שאפילו בחייהן קרויין מתים. ומניין שהצדיקים קרויין חיים במיתתן? שנאמר (שמות לג): אל הארץ אשר נשבעתי לאברהם, ליצחק וליעקב לאמר, וגו׳ — „לאבות״ לא אמר, אלא לאברהם, ליצחק וליעקב. אמר למשה: צא ואמור להן: שבועה שנשבעתי להם קיימתיה, שנאמר (שם): לזרעך אתננה. ורשעים קרויים מתים, דכתיב (יחזקאל יח): כי לא אחפוץ במות המת, — וכי המת מת? אלא אלו הרשעים, שאפילו בחייהם קרויים מתים.״ אמר לו: „ברוך שלמדני מדרש!״ ונשקו על ראשו.

(ו) גם אהבתם, שהיתה לעבודת כוכבים שלהם יותר מן הקב״ה: גם שנאתם, ששונאין להקב״ה במעשה ידיהם; גם קנאתם, שקנאוהו בעבודת כוכבים שלהם, שנאמר (דברים לב):

---

בענטשט איז דער, וואס האט מיך געלערנט א מדרש!״ און ער האט אים געקושט אויפן קאפ.

(ו) גם — אי זייער ליבשאפט, וואס איז געווען גרעסער צו דער עבודה זרה איידער צו הקדוש ברוך הוא; אי זייער פיינטשאפט, וואס זיי האבן ארויס־געוויזן צו הקדוש ברוך הוא דורך דער באשאפונג פון זייערע הענט;[4] אי זייער דערצערענונג,[5] וואס זיי האבן אים דערצערנט מיט זייער געצנדינסט, ווי

דער פסוק זאָגט (דברים לב, טז): יקניאוהו — זיי טוען אים דערצערענען מיט פרעמדע [געטער]; וחלק — און קיין חלק אויף [יענער] וועלט[6] האָבן זיי ניט מער. אָבער ישראל האָט אַ חלק [אויף יענער וועלט] און אַ גוטן שכר, ווי דער פסוק זאָגט (ז) לך — גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט.[7]

גענדיקט דער צווייטער סדר[8]

## דריטער סדר

### ה (א) [1]

(ז) לך — גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט. ר׳ הונא דער זון פון ר׳ אחאן האָט געזאָגט: בשעת דאָס קליינוואַרג גייט אַרויס פון זייער רבינס הויז, גייט אַרויס אַ בת־קול און זאָגט צו זיי: „גיי עס מיט שמחה דיין ברויט, דער הויך פון אייער מויל איז אויפגענומען געוואָרן פאַר מיר ווי אַ געשמאַקער ריח״. און בשעת די קינדער פון ישראל גייען אַרויס פון די שולן און בתי מדרשים, גייט אַרויס אַ בת־קול און זאָגט: „גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט, אייער תפילה איז געהערט געוואָרן פאַר מיר [און איז אויפגענומען געוואָרן] ווי אַ געשמאַקער ריח״.

אַן אַנדער פשט: גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט, דאָס באַציט זיך אויף דער פרשה פון חלה;[2] און טרינק מיט אַ פריילעך האַרץ דיין וויין, דאָס באַציט זיך אויף דער פרשה פון נסכים;[3] כי כבר — וואָרום גאָט האָט שוין לאַנג באַוויליקט דיינע מעשים, דאָס באַציט זיך אויפן אַריינברענגען ישראל אין לאַנד אַריין, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר טו, ב): כי תבאו — אַז איר וועט קומען אינעם לאַנד פון אייער באַזעצונג.[4]

### ו (ב)

ר׳ עזריה האָט אין נאָמען פון ר׳ יהודה בר סימון באַשיידט דעם פסוק אויף אברהם אבינו, ווען הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט (בראשית כב, ב): קח — נעם דיין זון, דיין איינאונאיינציקן. דעם ערשטן טאָג האָט ער

---

לויטן דרש. [4] די אָפּגעטער. [5—6] לויטן דרש. [7] לויטן דרש אויבן (ח, טז), אַז וואו נאָר עס ווערט דערמאָנט עסן און טרינקען אין קוהלת, מיינט עס דאָס לעבן אויף יענער וועלט. [8] זע אַריינפיר.

ה. [1] אין דער ראָם אויסגאַבע מיטן עץ יוסף (ווילנע תרנ״ז), וועלכע מיר גייען נאָך מיט דער נומערירונג פון די סימנים, הייבט זיך אָן מיטן דריטן סדר אַ נייער א״ב פאַר די סימנים. כדי ניט צו האָבן צוויי באַזונדערע נומעראַציעס פון די סימנים אין דער זעלבער פרשה, זעצן מיר פאָר די נומעראַציע לויטן א״ב פון פריער, אָבער מיר גיבן דערביי אין קלאַמערן אויך די נומעראַציע פון יענער אויסגאַבע, כדי צו פאַרלייכטערן דאָס נאָכקוקן. [2] זע במדבר טו, יט—כא. [3] גיסונגען, זע דאָרט, ה—י, וועגן דעם וויין וואָס מע פלעגט ברענגען אויפן מזבח. [4] דאָס אַריינברענגען ישראל קיין כנען איז אַ סימן, אַז גאָט האָט אין פאָראויס (כבר — שוין לאַנג) באַוויליקט ישראלס קרבנות וואָס זיי דאַרפן נאָך, לויט יענער פרשה, ערשט ברענגען.

יקניאוהו בזרים; וחלק אין להם עוד לעולם. **אבל ישראל יש להם חלק ושכר טוב, שנאמר** (ז): לך אכל בשמחה לחמך.

סליק סדרא תנינא

## סדרא תליתאה

ה (א)

(ז) לך אכול בשמחה לחמך. **א״ר הונא בריה דר׳ אחא: בשעה שהתינוקות נפטרין מבית רבן, בת קול יוצאת ואומרת להם:** לך אכול בשמחה לחמך, **נתקבל הבל פיכם לפני כריח ניחוח״. ובשעה שבני ישראל נפטרין מבתי כנסיות ומבתי מדרשות, בת קול יוצאת ואומרת:** „לך אכול בשמחה לחמך, **כבר נשמעה תפלתכם לפני כריח ניחוח״.**

**ד״א:** לך אכול בשמחה לחמך, **זו פרשת חלה;** ושתה בלב טוב יינך, **זו פרשת נסכים;** כי כבר רצה האלהים את מעשיך, **זו הכנסת ישראל לארץ, שנאמר** (במדבר טו): כי תבאו אל ארץ מושבותיכם.

ו (ב)

**ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה בר סימון פתר קרייה באברהם אבינו, כשאמר לו הקב״ה** (בראשית כב): קח נא את בנך, את יחידך. **ביום הראשון לא ראה כלום, ולא בשני; ביום השלישי מה כתיב בו?** (שם) וירא את המקום מרחוק. **מה ראה? ראה ענן קשור על ההר. אמר: „דומה, שזה ההר שאמר לי הקב״ה להעלות את יצחק בני עליו״. א״ל: „יצחק בני, רואה אתה מה שאני רואה?״ א״ל: „הן״. א״ל: „מה אתה רואה?״ א״ל: „ענן קשור על ההר״. אמר לאליעזר ולישמעאל נעריו: „רואים אתם כלום?״ אמרו:**

---

גאָרניט ניט געזען, אויך ניט דעם צווייטן טאָג; וואָס שטייט געשריבן וועגן דריטן טאָג? (דאָרט, ד) וירא — און ער האָט דערזען דאָס אָרט פון ווייטן. וואָס האָט ער דערזען? ער האָט דערזען אַ וואָלקן האַלט זיך איבערן באַרג. האָט ער געזאָגט: „דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער באַרג, וואָס הקדוש ברוך הוא האָט מיר געזאָגט אַרויפצוברענגען מיין זון יצחקן אויף אים״. האָט ער געזאָגט צו אים: „יצחק מיין זון, זעסטו וואָס איך זע?״ האָט ער געזאָגט: „יאָ״. האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס זעסטו?״ האָט ער געזאָגט: „אַ וואָלקן האַלט זיך איבערן באַרג״. האָט ער געזאָגט צו אליעזרן און צו ישמעאלן זיינע יונגען: „זעט איר עפּעס?״ האָבן זיי געזאָגט: „ניין״. האָט ער געזאָגט:

„וויבאַלד איר זעט גאָרניט ניט, און דער אייזל זעט גאָרניט ניט, טאָ (דאָרט ה) זיצט אייך דאָ מיטן אייזל, — אַ פאָלק[1] וואָס איז געגליכן צום אייזל.

דעמאָלט האָט ער גענומען יצחקן און אים אַרויפגעפירט אויף בערג און אַראָפגעגנידערט אויף היגלען, ביז ער האָט אים אַרויפגעבראַכט אויפן שפּיץ פון איינעם אַ הויכן און טורעמדיקן באַרג, און האָט אויפגעבויט אַ מזבח, און אויסגעלייגט דאָס האָלץ, און אים געבונדן אויף דעם, און גענומען דאָס מעסער אים צו שעכטן; און ווען ניט וואָס דער מלאך איז געקומען און אים געזאָגט (דאָרט, יב): אל תשלח — זאָלסט ניט אויסשטרעקן דיין האַנט אויפן ייִנגל! וואָלט ער אים שוין געהאַט געשאָכטן. און ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיין מאַמען, האָט זי געזאָגט צו אים: „וואו ביסטו געווען, מיין זון?" האָט ער איר געזאָגט: „דער טאַטע האָט מיך גענומען און מיך אַרויפגעפירט אויף בערג און אַראָפגעגנידערט אויף היגלען, ביז ער האָט מיך אַרויפגעבראַכט אויף איינעם אַ באַרג און האָט אויפגעבויט אַ מזבח, און אויסגעלייגט דאָס האָלץ, און מיך געבונדן אויף דעם, און גענומען דאָס מעסער מיך צו שעכטן; ווען ניט וואָס אַ מלאך פון הימל איז געקומען און געזאָגט צו אים: אברהם, אברהם! זאָלסט ניט אויסשטרעקן דיין האַנט אויפן ייִנגל! וואָלט איך שוין געווען אַ געשאָכטענער". ווי זיין מאַמע האָט אַזוינס געהערט, אַזוי האָט זי אַ געשריי געטאָן, און איידער זי האָט באַוויזן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, איז איר די נשמה אַרויסגעגאַנגען, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט כג, ב): ויבא — און אברהם איז געקומען צו באַקלאָגן שרהן און זי צו באַוויינען, — פון וואַנען איז ער געקומען? פון באַרג מוריה.

ר' יהודה בר' סימון האָט געזאָגט: אברהם האָט איבערגעטראַכט אין האַרצן און געזאָגט: „מיינסטו, אַז ס'איז אפשר געווען אַ פסול אין מיין זון, און [דעריבער] איז ער ניט אויפגענומען געוואָרן?" איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט צו אים: „אברהם, אברהם! גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט — — — וואָרום גאָט האָט שוין באַוויליקט דיינע מעשים, גאָט האָט באַוויליקט דיין קרבן".

ז (ג)

ר' מונא פון שאַאַב און ר' יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר' לוין האָבן באַשיידט דעם פסוק אויף ראש השנה און יום כיפור. ס'איז אַ משל מיט אַ מדינה וואָס איז געווען שולדיק דעם מלך ניט קיין באַצאָלטע צינדזן; האָט דער מלך געשיקט אַ מאַנער פון דער קאַסע עס אויפצומאָנען.[1] ווען ער איז געווען צען מייל ווייט, זיינען אַרויס די גדולים פון דער מדינה און האָבן אים געלויבט; האָט ער זיי אָפּגעלאָזט אַ דריטל. ווען ער איז געווען פינף מייל ווייט, זיינען אַרויס די מיטעלע לייט און האָבן אים געלויבט; האָט ער זיי

ו. [1] עם — מיט, עם (מיט אַ פתח) — פאָלק.

ז. [1] לויט ויקרא רבה (ל, ז) איז דער מלך אַליין געקומען, און לויטן ווייטערדיקן איז יענער נוסח לאָגישער.

„לאו". אמר: „הואיל ואין אתם רואים כלום והחמור אינו רואה כלום, שבו לכם פה עם החמור" — עם דומין לחמור.

אז הוא נטל את יצחק והעלהו הרים והורידו גבעות, והעלהו לראש הר אחד גבוה ותלול, ובנה מזבח, וסדר מערכה, ועקדו עליו, ונטל המאכלת לשוחטו; ואילולי שבא מלאך ואמר לו (שם) אל תשלח ידך אל הנער! כבר שחטו. וכשבא אל אמו, אמרה לו: „היכן היית, בני?" אמר לה: „נטלני אבא והעלני הרים והורידני גבעות, והעלני להר אחד, ובנה מזבח, וסדר מערכה, ועקדני עליו, ונטל מאכלת לשוחטני; אילו לא בא מלאך אחד מן השמים ואמר לו: אברהם, אברהם! — — — אל תשלח ידך אל הנער! כבר הייתי שחוט". כיון ששמעה שרה אמו כך, צווחה ולא הספיקה לגמור את הדבר, עד שיצתה נשמתה, דכתיב (שם כג): ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה, — מהיכן בא? מהר המוריה בא.

ר' יהודה בר' סימון אמר: היה אברהם מהרהר בלבו ואומר: „תאמר, שמא פסלות היה בבני, ולא נתקבל?" יצתה בת קול ואמרה לו: „אברהם, אברהם! לך אכול בשמחה לחמך, וגו', כי כבר רצה האלהים את מעשיך, רצה האלהים את קרבנך".

ז (ג)

ר' מונא דשאב ור' יהושע דסכנין בשם ר' לוי פתר קרייה בראש השנה וביום הכפורים. משל למדינה, שהיתה חייבת ליפסין למלך; שלח המלך גבאי טימיון לגבותה. ברחוק עשרה מילין יצאו גדולי המדינה וקלסוהו, והתיר להם שליש. ברחוק חמשה מילין יצאו הבינונים וקלסוהו, והתיר להם שליש. כשקרב, יצאו לקראתו אנשים, נשים וטף וקלסוהו, ומחל להם את הכל. אמר לון: „מה דאזל, אזל; מן הכא ולהלן הוא חושבנא". כך ערב ראש השנה גדולי הדור מתענין, הקב"ה מתיר להם שליש מעונותיהם, שנאמר (תהלים קל): כי עמך הסליחה למען תורא.

---

אָפּגעלאָזט אַ דריטל. ווען ער האָט זיך דערנענטערט, זיינען אַרויס קעגן אים מאַנסלייט, ווייבער און קינדער און האָבן אים געלויבט; האָט ער זיי מוחל געווען אינגאַנצן. ער האָט געזאָגט צו זיי: „וואָס איז אַוועק איז אַוועק; פון איצט אָן און ווייטער איז עס אַ [נייער] חשבון". אַזוי, אום ערב ראש השנה פאַסטן די גדולי הדור, לאָזט זיי הקדוש ברוך אָפּ אַ דריטל פון זייערע זינד,

ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קל, ד): כי עמך — וואָרום ביי דיר איז פאַרגע־בונג, כדי דו זאָלסט געפּאָרכט ווערן. ר' אחא האָט געזאָגט: פון ראש השנה אָן איז ביי דיר אָנגעבריים די פאַרגעבונג, כדי דו זאָלסט געפּאָרכט ווערן, כדי דיין מורא זאָל זיין איבער דיינע באַשעפעניש. אין יענע טעג וואָס צווישן ראש השנה און יום כיפור פאַסטן יחידים, און הקדוש ברוך הוא לאָזט זיי אָפּ נאָך אַ דריטל פון זייערע זינד. און יום כיפור פאַסטן אַלע, און הקדוש ברוך הוא לאָזט זיי אָפּ נאָך אַ דריטל פון זייערע זינד. אַזוי ביז עס פאַסטן מאַנסלייט און ווייבער און קינדער, איז זיי הקדוש ברוך הוא מוחל אַלץ און ער זאָגט: „וואָס איז אַוועק, איז אַוועק; פון איצט אָן און ווייטער איז עס אַ [נייער] חשבון". און אַ בת־קול גייט אַרויס און זאָגט: „גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט, אייער תפילה איז שוין געהערט געוואָרן".

ח (ד)

אבא תחנא דער חסיד האָט געהאַלטן ביים אַריינקומען אין זיין שטאָט ערב שבת פאַרנאַכט מיט זיין פעקל אויפן אַקסל, און ער האָט געפונען אַ מענטשן באַדעקט מיט גרינד ליגנדיק אויפן שיידוועג. האָט יענער געזאָגט צו אים: „טו אין מיר אַ מצווה און ברענג מיך אַריין אין שטאָט". האָט ער געזאָגט: „זאָל איך איבערלאָזן מיין פעקל, — מיט וואָס וועל איך מיך מיט מיין משפחה שפּייזן? אויב אָבער איך לאָז איבער דעם מיט גרינד געשלאָגענעם, פאַר־זינדיק איך דאָך מיין נשמה". וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט געלאָזט דעם יצר טוב באַהערשן דעם יצר הרע און האָט אַריינגעבראַכט דעם מאַן מיטן גרינד אין שטאָט אַריין, און איז צוריקגעקומען און גענומען זיין פעקל און איז אַריין ביים זון אונטערגאַנג. האָבן זיך אַלע געוואונדערט און געזאָגט: „איז דאָס אבא תחנא דער חסיד?" און ער האָט אויך איבערגעטראַכט אין האַרצן און געזאָגט: „מיינסטו, אַז איך האָב אפשר מחלל שבת געווען?" דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא געלאָזט ווידער אויפשיינען די זון, ווי עס שטייט געשריבן (מלאכי ג, כ): וזרחה — און עס וועט אויפשיינען פאַר אייך, וואָס איר האָט מורא פאַר מיין נאָמען, אַ זון פון גערעכטיקייט. דעמאָלט האָט ער איבערגעטראַכט אין האַרצן און געזאָגט: „מיינסטו, אַז אפשר איז [שוין] מיין שכר אָפּגענומען געוואָרן?"[1] איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט צו אים: גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט, און טרינק מיט אַ פריילעך האַרץ דיין וויין, וואָרום גאָט האָט שוין באַוויליקט דיינע מעשים, דיין שכר איז [ניט] אָפּ־גענומען געוואָרן.

ט (ה)

אַן אַנדער פשט: [דער פסוק] גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט רעדט וועגן דניאל איש חמודות,[1] ווי דער פסוק זאָגט (דניאל ט, כא—כב): ועוד

ח. [1] אַז מיטן נס פונעם צוריק אויפשיינען פון דער זון האָט אים שוין דער אייבער־שטער אָפּגעצאָלט דעם שכר פאַר זיין פיינער טאָט. עמענדירט דאָ און ווייטער לויטן אות אמת (זע מתנות כהונה).

**אמר ר׳ אחא: מראש השנה סליחה מתוקנת לך, למען תורא, שתהא יראתך על בריותיך. ואותן הימים שבין ראש השנה ליום הכפורים היחידים מתענין, והקב״ה מתיר להם עוד שליש מעונותיהם. וביום הכפורים מתענין כולן, והקב״ה מתיר להם עוד שליש מעונותיהן. עד שמתענין אנשים ונשים וטף מוחל להם הקב״ה את הכל ואומר: „מה דאזל, אזל; מן הכא ולהלן הוא חושבנא״. יצתה בת קול ואומרת להם: „**לך אכול בשמחה לחמך, **כבר נשמעה תפלתכם״.**

ח (ד)

**אבא תחנה חסידא נכנס לעירו ערב שבת עם חשיכה וחבילתו מונחת לו על כתפו, ומצא מוכה שחין אחד מוטל בפרשת דרכים. א״ל: „רבי, עשה עמי צדקה והכניסני לעיר.״ אמר: „אם אני מניח חבילתי, מהיכן אתפרנס אני וביתי? ואם אני מניח את מוכה שחין, אני מתחייב בנפש״. מה עשה? המליך יצר טוב על יצר רע והכניסו למוכה שחין לעיר, ובא ונטל את חבילתו ונכנס עם דמדומי חמה. והיו הכל תמהין ואומרים: „זה הוא אבא תחנה חסידא?״ אף הוא הרהר בלבו ואמר: „תאמר שמא חללתי את השבת?״ באותה שעה הזריח הקב״ה את החמה, דכתיב** (מלאכי ג): וזרחה לכם, יראי שמי, שמש צדקה, וגו׳. **באותה שעה הרהר בלבו ואמר: „תאמר, (שלא) [שמא] נתקבל שכרי?״ יצתה בת קול ואמרה לו: „**לך אכול בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך, כי כבר רצה האלהים את מעשיך, **[לא] נתקבל שכרך״.**

ט (ה)

**ד״א:** לך אכול בשמחה לחמך **מדבר בדניאל איש חמודות, שנאמר** (דניאל ט): ועוד אני מדבר בתפלה, והאיש גבריאל אשר ראיתי בחזון בתחלה מועף ביעף, **טייס וחזר וטייס,** — — — ויבן וידבר עמי. **ר׳ חגי בשם ר׳ יצחק אמר: דניאל איש חמודות**

---

אני — און ווי איך רעד נאָך אין געבעט, אַזוי איז דער מאַן גבריאל, וואָס איך האָב געזען אין דער זעאונג צום אָנהייב, געקומען פליענדיק צו פליען, **געפלויגן און ווידער געפלויגן**[2] — — — און ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין און גערעדט מיט מיר. **ר׳ חגי האָט אין נאָמען פון ר׳ יצחקן געזאָגט: דניאל**

---

**ט. [1] דער באַליבטער, דער פיל־באַגערטער, געגלוסטער. [2] זע ברכות ד, ב: דאָס וואָרט פליען ווערט דאָ איבערגעחזרט צוויי מאָל, מיינט עס, אַז גבריאל האָט דורכגעמאַכט דעם**

איש חמודות האָט געזאָגט: „הקדוש ברוך הוא האָט געוואוסט, אַז איך האָב געענדיקט מיין תפילה, האָט ער געשיקט אַ מלאך וואָס האָט גערעדט מיט מיר — ווי דער פסוק זאָגט: און ער האָט באַמערקט[3] און האָט גערעדט מיט מיר; — און וואָס האָט ער גערעדט מיט מיר? ער האָט מיר געזאָגט (דאָרט כג): בתחלת — ביים אָנהייב פון דיין געבעט איז אַרויס אַ וואָרט, — ער האָט מיר געזאָגט: 'אַ באַפעל איז אַרויס, אַז דער בית המקדש זאָל געבויט ווערן, און כדי צו דערפילן דיין בקשה האָב איך געזאָגט ביים אָנהייב פון דיין גע-בעט — — — אַז דו ביסט אַ פיל־באַגערטער' " — וואָרום גאָט האָט געגלוסט צו זיין תפילה. ר' שמואל בר אוניא האָט געזאָגט: דריי מאָל שטייט דאָ געשריבן חמודות,[4] — ער האָט געזאָגט צו אים: געגוג דיר,[5] דיין באַשאַפער גלוסט צו דיר, זיין פמליא גלוסט צו דיר, און זיין תורה גלוסט צו דיר, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט י, יב): כי — וואָרום פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס דו האָסט אָפּגעגעבן דיין הארץ צו פאַרשטיין און צו פייניקן זיך פאַר דיין גאָט, זיינען דיינע ווערטער געהערט געוואָרן, דיין תפילה איז געהערט געוואָרן. אַ בת־קול איז אַרויס און האָט געזאָגט צו אים: „גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט, דיין תפילה איז שוין געהערט געוואָרן".

י (ו)

(ח) בכל עת — צו יעדער צייט זאָלן דיינע קליידער זיין ווייס, און קיין אייל זאָל אויף זיין קאָפּ ניט פעלן. ר' יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט: אויב דער פסוק רעדט פשוט וועגן ווייסע קליידער, — וויפיל ווייסע קליידער האָבן די אומות העולם; און אויב דער פסוק רעדט פשוט וועגן גוטע איילן, — וויפיל גוטע איילן האָבן די אומות העולם! זע, דער פסוק רעדט ניט אַנדערש, נייערט וועגן מצוות און מעשים טובים און וועגן תורה.

ר' יהודה הנשיא האָט געגעבן אַ משל צו דעם: צו וואָס איז די זאַך גע־גליכן? צו אַ מלך וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה און פאַרבעטן געסט צו זיך; ער האָט זיי געזאָגט: „גייט וואַשט זיך איין, און מאַנגלט אויס [אייערע קליידער], און שמירט אייך איין [מיט אייל], און וואַשט אייערע בגדים, און גרייט זיך צו צו דער סעודה". אָבער ער האָט זיי ניט באַשטימט קיין צייט, ווען זיי זאָלן קומען צו דער סעודה. האָבן די קלוגע אַרומגעשפּאַצירט פאַר דער טיר פונעם מלכס פּאַלאַץ; זיי האָבן געזאָגט: „פעלט דען עפּעס אין מלכס פּאַלאַץ?"[1] די נאַראָנים צווישן זיי האָבן ניט געלייגט קיין אַכט און האָבן זיך ניט געקימערט וועגן דעם מלכס וואָרט; זיי האָבן געזאָגט: „מיר וועלן זיך שוין דערוויסן ווען דעם מלכס סעודה איז, — איז דען פאַראַן אַ סעודה אָן טירחה און אָן אַ האָוועניש פון איינעם צום צווייטן?" איז דער קאַלכברענער אַוועק צו זיין קאַלך און דער טעפּער צו זיין ליים, דער

---

וועג פון הימל אין צוויי געפליען. [3] אַז איך האָב געענדיקט די תפילה (געטייטשט לויטן דרש). [4] ט, כג; י, יא; י, יט. [5] צו פאַסטן און זיך פייניקן.

י. [1] אַז עס זאָל דאַרפן לאַנג געדויערן דאָס צוגרייטן די סעודה; קען ער דאָך אונדז

אמר: „ידע הקב"ה שגמרתי תפלתי, ושלח מלאך ודבר עמי — שנאמר: ויבן וידבר עמי — ומה דבר עמי? אמר לי: (שם): בתחלת תחנוניך יצא דבר, — אמר לי: גזרה נגזרה שיבנה בית המקדש, ולמלא שאלתך אמרתי בתחלת תחנוניך — — — כי חמודות אתה", שהיה מתאוה לתפלתו. ר' שמואל בר אוניא אמר: ג' פעמים כתיב כאן: חמודות, חמודות, חמודות, — א"ל: „דייך, בוראך מתחמד לך, פמליא שלו מתחמד לך, ותורתו מתחמדת לך. דכתיב (שם י): כי מן היום הראשון אשר נתת את לבך להבין ולהתענות לפני אלהיך נשמעו דבריך, נשמעה תפלתך. יצתה בת קול ואמרה לו: „לך אכול בשמחה לחמך, כבר נשמעה תפלתך".

י (ו)

(ח) בכל עת יהיו בגדיך לבנים, ושמן על ראשך לא יחסר. א"ר יוחנן בן זכאי: אם בבגדים לבנים הכתוב מדבר, — כמה בגדים לבנים יש להם לאומות העולם; ואם בשמנים טובים הכתוב מדבר, — כמה שמנים טובים יש לאומות העולם! הא אינו מדבר, אלא במצוות ומעשים טובים ובתורה.

ר' יהודה הנשיא משלו: משל למה הדבר דומה? למלך שעשה סעודה וזימן אצלו אורחים; אמר להם: „לכו ורחצו, וגהצו, וסכו, ורחצו בגדיכם, והתקינו עצמכם לסעודה". ולא קבע להם זמן, אימתי יבאו לסעודה. והיו הפקחין מטילין על פתח פלטין של מלך; אמרין: „כלום פלטין של מלך חסר כלום?" הטיפשין שבהן לא השגיחו ולא הקפידו על דבר המלך; אמרו: „שסופנו להר-גיש בסעודות המלך, — כלום יש סעודה שאין בה הטרח וחברה אלו לאלו?" והלך הסייד לסידו ויוצר לטיטו, נפח לפחמו, כובס לבית המשרה שלו. פתאום אמר המלך: „יבאו הכל לסעודה! מהרום!" אלו באו בכבודם, ואלו באו בניוולם. שמח המלך על הפקחין, שקיימו דברו של מלך; ולא עוד, אלא שכבדו פלטין

---

שמיד צו זיינע קוילן, דער וועשער צו זיין וועשעריי. פלוצלונג האָט דער מלך אַ זאָג געטאָן: „זאָלן אַלע קומען צו דער סעודה! איילט זיך!" זיינען די געקומען בכבודיק, און יענע זיינען געקומען אין זייער שמוץ. האָט זיך דער מלך געפרייט מיט די קלוגע, וואָס האָבן אויסגעפירט דעם מלכס וואָרט; און ניט דאָס אַליין, נייערט זיי האָבן געלייגט כבוד אויפן מלכס פּאַלאַץ. ער

איז אָבער אין כעס געווען אויף די נאַראָנים, וואָס האָבן ניט אויסגעפירט דעם מלכס וואָרט און האָבן פאַרמיאוסט דעם מלכס פּאַלאַץ. האָט דער מלך געזאָגט: „די וואָס האָבן זיך צוגעגרייט צו דער סעודה, זאָלן קומען און עסן פון דער סעודה פונעם מלך; אָבער די וואָס האָבן זיך צו דער סעודה ניט צוגעגרייט, זאָלן פון דער סעודה פונעם מלך ניט עסן". קענסטו דאָך מיינען, אַז זיי קענען אַוועקגיין און פּטור? האָט ווידער דער מלך געזאָגט: „ניין! נייערט די זאָלן זיך אָנלענען און עסן און טרינקען, און יענע זאָלן שטיין אויף די פיס, קריגן שמיץ און זיך צוקוקן און האָבן צער". אַזוי איז עס מיט יענער וועלט, וואָס ישעיה זאָגט (ישעיה סה, יג): הנה — אָט, מיינע קנעכט וועלן עסן, און איר וועט הונגערן.

זיוותאי האָט געזאָגט פון ר' מאירס וועגן: די זיצן אָנגעלענט און עסן און טרינקען, און יענע זיצן אָנגעלענט, אָבער עסן ניט און טרינקען ניט; ס'איז ניט גלייך דער צער פון דעם וואָס שטייט [און עסט ניט] צום צער פון יענעם וואָס זיצט אָנגעלענט [און עסט ניט]: דער וואָס שטייט און עסט ניט און טרינקט ניט קוקט אויס ווי אַ באַדינער; אָבער דער וואָס איז אָנגע־לענט און עסט ניט, זיין צער איז פילפאַך געטאָפּלט און זיין פּנים ווערט אים פאַרגרינט. דאָס איז וואָס דער נביא זאָגט (מלאכי ג, יח): ושבתם — און איר וועט זיצן [2] און זען [דעם חילוק] צווישן דעם צדיק און דעם רשע.

בר קפּרא און ר' יצחק בר קפּרא זאָגן: ס'איז געגליכן צו דער פרוי פון מלכס שטאַפּעט, וואָס האָט זיך געצירט פאַר די אויגן פון אירע שכנות. האָבן די שכנות איר געזאָגט: „דיין מאַן איז דאָ ניטאָ, טאָ פאַר וועמען צירסטו זיך?" האָט זי געזאָגט צו זיי: „מיין מאַן איז אַ מאַטראָס; אויב ס'וועט אים צוגעשיקט ווערן אַ שטיקל ווינט, וועט ער גלייך קומען און זיך אַוועקשטעלן איבער מיר. איז ניט בעסער, אַז ער זאָל מיך זען בכבודיק, און ניט אין שמוץ?" אַזוי, צו יעדער צייט זאָלן דיינע קליידער זיין ווייס פון עבירות; און קיין אייל אויף דיין קאָפּ זאָל ניט פעלן, [זאָלן דיר ניט פעלן] קיין מצוות און מעשים טובים.

מיר האָבן געלערנט: [3] און טו תשובה אַ טאָג פאַר דיין טויט. האָבן די תלמידים געפרעגט ר'אליעזרן: „ווייס דען אַ מענטש ווען ער שטאַרבט, אַז ער זאָל דעמאָלט תשובה טאָן?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „דאַרף טאַקע אַ מענטש אוודאי און אוודאי תשובה טאָן היינט, טאָמער שטאַרבט ער אויפן צווייטן מאָרגן; און אַזוי וועלן אַלע זיינע טעג זיין טעג פון תשובה." דעריבער זאָגט דער פּסוק: צו יעדער צייט זאָלן דיינע קליידער זיין ווייס.

יא (ז)

(ט) ראה — גענים דאָס לעבן מיט דער ווייב וואָס דו האָסט ליב. רבי האָט געזאָגט אין נאָמען פון דער הייליקער עדה: שאַף דיר איין אַ מלאכה צוזאַמען מיט תורה; פון וואַנען איז עס געדרונגען? גענים דאָס לעבן מיט דער ווייב

[1] אַ ליאַדע מענוט אַריינרופן. [2] פון ישב, זיצן, — געטייטשט לויטן דרש. [3] אבות ב, י.

של מלך. וכעס על הטיפשין, שלא קיימו את דבר המלך וניוולו פלטין של מלך. אמר המלך: „אלו שהתקינו עצמן לסעודה, יבאו ויאכלו בסעודת המלך; ואלו שלא התקינו עצמן לסעודה, לא יאכלו בסעודת המלך". יכול ילכו ויפטרו להם? חזר המלך לומר: „לאו! אלא יהיו אלו מסובין ואוכלין ושותין, ואלו יהיו עומדים על רגליהם, לוקין ורואין ומצטערים". כך לעתיד לבוא הוא שישעיה אומר (ישעיה סה): הנה עבדי יאכלו, ואתם תרעבו. זיוותאי אמר בשם ר' מאיר: אלו מסובין ואוכלין ושותין, ואלו מסובין לא אוכלין ולא שותין; לא דומה צערו של זה שהוא עומד לצערו של זה שהוא מיסב: זה שהוא עומד לא אוכל ולא שותה דומה למשמש; זה שמיסב ואינו אוכל, צערו כפול ומכופל ופניו מוריקות. הוא שהנביא אומר (מלאכי ג): ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע.

בר קפרא ור' יצחק בר קפרא אמרי: לאשתו של בולדריס שהיתה מקשטת עצמה בפני שכינותיה. אמרו לה שכינותיה: „בעלך אינו כאן, בפני מי את מקשטת עצמך?" אמרה להון: „בעלי מלח הוא; אם יזדמן לו מעט רוח, תיכף יבא ונמצא עומד למעלה מראשי. לא מוטב, שיראה אותי בכבודי ולא בניוולי?" כך בכל עת יהיו בגדיך לבנים מן העבירות; ושמן על ראשך אל יחסר, ממצות ומעשים טובים.

תני: ושוב יום אחד לפני מיתתך. שאלו תלמידיו את ר' אליעזר, אמרין ליה: „וכי אדם יודע אימתי הוא מת, שיעשה תשובה?" אמר להם: „לא כל שכן ישוב היום, שמא ימות למחר שלאחריו; ונמצאו כל ימיו בתשובה". לכך נאמר: בכל עת, יהיו בגדיך לבנים.

יא (ז)

(ט) ראה חיים עם אשה אשר אהבת. אמר רבי משום עדה קדושה: קנה לך אומנות עם התורה; מה טעמא? ראה חיים עם האשה אשר אהבת. ולמה הוא קורא אותן „עדה קדושה"? ששם היו ר' יוסי בן משולם ור' שמעון בן מנסיא, שהיו משלשין היום,

---

וואָס דו האָסט ליב.[1] און פאַרוואָס רופט ער זיי „די הייליקע עדה"? ווייל דאָרט זיינען געווען ר' יוסי בן משולם און ר' שמעון בן מנסיא, וואָס פלעגן

---

יא. [1] זע אויבן, ז. מט, וואו די תורה ווערט פאַרגליכן צו אַ פרוי, און לעבן מיינט

איינטיילן דעם טאָג אין דרייען, אַ דריטל אויף תורה, אַ דריטל אויף תפילה, אַ דריטל אויף מלאכה. און אַנדערע זאָגן, [אַז דאָס איז דערפאַר] וואָס זיי פלעגן זיך מיען אין תורה אין די ווינטער טעג און טאָן אַ מלאכה אין די זומער טעג. ר׳ יצחק בן אלעזר פלעגט רופן ר׳ יהושע דעם זון פון ר׳ טימין און ר׳ בורקי „די הייליקע עדה״, ווייל זיי פלעגן איינטיילן [דעם טאָג] אין דרייען, אַ דריטל אויף תורה, אַ דריטל אויף תפילה, אַ דריטל אויף מלאכה.

מיר האָבן געלערנט: אַן אבל [נאָך זיין ווייב] טאָר ניט חתונה האָבן מיט אַ צווייטער פרוי ביז נאָך דרייסיק טעג. ר׳ יהודה זאָגט: ביז עס וועלן אַריבערגיין די שלוש רגלים איינס נאָכן אַנדערן, קעגן די דריי מאָל חיים, לעבן, וואָס שטייט דאָ געשריבן. ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען ער האָט קינדער; אָבער ווען ער האָט ניט קיין קינדער, אָדער ער האָט קליינע קינדער, מעג ער [חתונה האָבן פריער], צוליב דער פאַרמיידונג פון דער מצווה פון פרוכפּערן און מערן זיך אָדער צוליבן האָדעווען [די קליינע קינדער]. און געשעען איז אַ מעשה מיט ר׳ טרפונען, וואָס זיין ווייב איז אים געשטאָרבן, און גלייך ווי מע האָט צוגעדעקט דעם קבר האָט ער געזאָגט צו איר שוועסטער: „קום אַריין [2] און האָדעווע דיין שוועסטערס קינדער״. פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט געפירט מיט איר ווי דער שטייגער פון דער וועלט ביז איבער דרייסיק טעג.

מיר האָבן געלערנט: אַן אבל טאָר ניט גיין אין אַ הויז וואו ס׳איז דאָ אַ שמחה, נייערט נאָך דרייסיק טעג.

מיר האָבן געלערנט: דער חיוב פון אַ טאַטן צו זיין זון איז אים צו מלען און אים אויסצולייזן,[3] און אויך אים לערנען תורה, און אים לערנען אַ מלאכה און אים געבן אַ ווייב. און אַנדערע זאָגן: אויך אים צו לערנען שווימען אין טייך. „אים צו מלען״, — פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יז, יב): ובן — און צו אַכט טעג זאָל געמלט ווערן ביי אייך יעדער מאַנספּאַרשוין. „אים אויסצולייזן״, — פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (שמות יג, יג): וכל בכור — און איטלעכן מענטשן־בכור צווישן דיינע זין זאָלסטו אויסלייזן. „אים לערנען תורה״, — פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (דברים יא, יט): ולמדתם — און איר זאָלט זיי לערנען. „אים לערנען אַ מלאכה״, — פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ל, יט): ובחרת — זאָלסט אויסקלייבן דאָס לעבן. „אים צו געבן אַ ווייב״, — פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה כט, ו): קחו — נעמט ווייבער, און געבערט זין און טעכטער, און נעמט ווייבער פאַר אייערע זין. „אים לערנען שווימען אין טייך״, — פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט: זאָלסט אויסקלייבן דאָס לעבן.[4]

---

דאָ פרנסה וואָס קומט דורך מלאכה. — פאַרגלייך אבות ב, ב. [2] האָב חתונה מיט מיר. [3] דורכפירן אַ פדיון הבן, אויב ער איז אַ בכור. [4] אַ פאָטער דאַרף באַוואָרענען זיין זון

שליש לתורה, שליש לתפלה, שליש למלאכה. ויש אומרים, שהיו יגעים בתורה בימות החורף ובמלאכה בימות הקיץ. ר׳ יצחק בן אלעזר היה קורא לר׳ יהושע בריה דר׳ טימי ור׳ בורקי „עדה קדושה״, שהיו משלשין שליש לתורה, שליש לתפלה, שליש למלאכה.

תני: אבל אסור להכניס לו אשה עד שלשים יום. ר׳ יהודה אומר: עד שעברו שלש רגלים בזה אחר זה, כנגד שלש פעמים שכתב חיים, חיים, חיים. במה דברים אמורים? כשיש לו בנים; אבל אין לו בנים, או שהיו לו בנים קטנים, מותר מפני מיעוט פריה ורביה ופרנסתן. ומעשה שמתה אשתו של ר׳ טרפון, וכשנסתם הגולל אמר לאחותה: „הכנסי וגדלי את בני אחותך״. ואף על פי שכנסה, לא נהג בה דרך ארץ אלא לאחר שלשים יום.

תני: אבל אסור לילך לבית המשתה אלא לאחר שלשים יום.

תני: מצות האב חייב בבנו למולו ולפדותו, וגם ללמדו תורה וללמדו אומנות ולהשיאו אשה. ויש אומרים: אף להושיטו בנהר. „למולו״ מנין? שנאמר (בראשית יז): ובן שמונת ימים ימול לכם כל זכר. „לפדותו״ מנין? שנאמר (שמות יג): וכל בכור אדם בבניך תפדה. „ללמדו תורה״ מנין? שנאמר (דברים יא): ולמדתם אותם. „ללמדו אומנות״ מנין? שנאמר (שם ל): ובחרת בחיים. „לישא אשה״ מנין? שנאמר (ירמיה כט): קחו נשים והולידו בנים ובנות, וקחו לבניכם נשים. „להושיטו בנהר״ מנין? שנאמר: ובחרת בחיים.

וכל מי שאין לו אשה שרוי בלא טוב, בלא עזר, בלא שמחה, בלא ברכה, בלא כפרה. „בלא טוב״ מנין? (בראשית ב) לא טוב היות האדם לבדו. „בלא עזר״ מנין? (שם) אעשה לו עזר כנגדו. „בלא שמחה״ מנין (דברים יד) ושמחת אתה וביתך. „בלא ברכה״

---

און איטלעכער וואָס האָט ניט קיין ווייב לעבט אָן גוטס, אָן געהילף, אָן שמחה, אָן ברכה, אָן פאַרגעבונג. „אָן גוטס״, — **פון וואַנען איז דאָס געדרונגען?** (בראשית ב, יח): לא טוב — ס׳איז ניט גוט פאַרן מענטשן צו זיין אַליין. „אָן געהילף״, — **פון וואַנען איז דאָס געדרונגען?** (דאָרט) אעשה — איך וועל אים מאַכן אַ געהילף ווערליק פאַר אים. „אָן שמחה״, — **פון וואַנען איז דאָס געדרונגען?** (דברים יד, כו): ושמחת — און דו וועסט זיך פרייען, דו און דיין הויז.[5] „אָן ברכה״, — **פון וואַנען איז דאָס געדרונגען?** (יחזקאל

מד, ל): להניח — כדי צו מאַכן רוען אַ ברכה אויף דיין הויז.[6] **„אָן פאַרגע־בונג", — פון וואַנען איז דאָס געדרונגען?** (ויקרא טז, ו) וכפר — און ער זאָל פאַרגעבן פאַר זיך און פאַר זיין הויז. **ר' יהושע בן לוי**[7] **זאָגט: אויך אָן לעבן, ווי דער פסוק זאָגט:** געניס דאָס לעבן מיט דער ווייב וואָס דו האָסט ליב; **[און אויך] אָן שלום, ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל א, כה, ו): ואתה — און דו זאָלסט האָבן שלום און דיין הויז זאָל האָבן שלום. **ר' חייא בר גמדא האָט געזאָגט: אויך קיין גאַנצער מענטש איז ער ניט, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית ד, ב): ויברך — און ער האָט זיי געבענטשט און האָט גערופן זייער נאָמען מענטש, — **כל זמן זיי זיינען ביידע צוזאַמען, זיינען זיי מענטש; זיינען זיי ניט ביידע צוזאַמען, ווערן זיי ניט גערופן מענטש. און אַנדערע זאָגן: ער פאַרמינערט אויך דאָס געשטאַלט [פון כביכול], ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ט, ו): כי — וואָרום אין געשטאַלט פון גאָט האָט ער געמאַכט דעם מענטשן.[8]

יב (ח)

(י) כל אשר — אַלץ וואָס דיין האַרץ וועט געפינען צו טאָן מיט דיין כוח, טו. **ר' מנחמא האָט אין נאָמען פון ר' בון איבערגעדרייט דעם פסוק: אויב דו ווייסט, אַז ס'איז ניטאָ קיין טאָן,** און קיין חשבון, און קיין וויסן, און קיין חכמה אין דעם קבר וואָס דו גייסט אַהין, **איז אַלץ** וואָס דיין האַנט וועט געפינען צו טאָן מיט דיין כוח, טו.[1]

**ר' אחא האָט געגלוסט צו זען דאָס פנים פון ר' אלכסנדרי.[2] האָט ער זיך אים באַוויזן אין חלום, און האָט אים געוויזן צוויי זאַכן: די געהרגעטע פון לוד, אַז קיינער געפינט זיך ניט אויף יענער זייט פון זייער מחיצה[3] — געליבט איז דער. וואָס האָט אַראָפּגענומען די חרפה פון לוליאַנוס און פאַפּוס![4] — און אַז וואויל איז דעם וואָס קומט אַהער מיט זיין לערנען אין דער האַנט.**

**זבדי בן לוי האָט געגלוסט צו זען דאָס פנים פון ר' יהושע בן לוי. האָט ער זיך אים געוויזן אין חלום, און האָט אים געוויזן מענטשן וואָס זייערע**

---

**קעגן דער געפאַר פון דערטרונקען ווערן.** [5] **אין זין פון הויזגעזינט. דאָ ווערט אונטער** דיין הויז פאַרשטאַנען דיין ווייב (זע משנה יומא, א, א: זיין הויז, **דאָס מיינט זיין ווייב).**
[6] **הויז, ווי אויבן, און ברכה גייט דאָ צוזאַמען מיט הויז.** [7] **אין** בראשית רבה **ווערט דאָס וואָרט געבראַכט פון ר' יהושע דסיכנין פון וועגן ר' לויס וועגן, און דאָס ווייטערדיקע וועגן שלום ווערט געבראַכט אין נאָמען פון ר' יהושע בן לוי.** [8] **און אויב אַ מאַן נעמט ניט קיין ווייב און האָט ניט קיין קינדער, מינערט ער דאָס געשטאַלט פון גאָט.**

**יב.** [1] **די צווייטע העלפט פונעם פסוק, וואָס קומט לויט דעם דרש צוערשט, ווערט דאָ פאַרשטאַנען אין אַ רעטאָרישן זין; אַזוי ווי אָבער אַ מענטש ווייס, אַז אויף יענער וועלט איז יאָ דאָ אַ חשבון, דאַרף ער זיין אָפּגעהיט מיט זיינע מעשים.** [2] **וואָס איז שוין געווען טויט.** [3] **זיי זיינען אויף יענער וועלט די נענטסטע צו גאָט. וועגן די געהרגעטע פון לוד, לוליאַנוס און פאַפּוס, זע אויבן,** ג. כב. **זע אויך** רש"י, תענית יח, ב, **און** בבא בתרא י, ב, **וואָס ברענגט אַ מסורה, אַז מע האָט געפונען דעם מלכס טאָכטער אַ געהרגעטע, און מע האָט געוואָלט אומברענגען די יידן אויפן חשד, אַז זיי האָבן זי געהרגעט; האָבן די צוויי ברידער גענומען אויף זיך די שולד כדי צו ראַטעווען דעם כלל.** [4] **דער רבונו של עולם**

**מנין?** (יחזקאל מד) להניח ברכה אל ביתך. **"בלא כפרה" מנין?** (ויקרא טז): וכפר בעדו ובעד ביתו. **ר' יהושע בן לוי אומר: אף בלא חיים, שנאמר:** ראה חיים עם האשה אשר אהבת; **בלא שלום, שנאמר** (שמואל א, כה): ואתה שלום וביתך שלום. **ר' חייא בר גמדא אמר: אף אינו אדם שלם, שנאמר** (בראשית ה): ויברך אותם ויקרא את שמם אדם, — **בזמן ששניהם כאחד הם** אדם; **אין שניהם כאחד, אין** קרויין אדם. **ויש אומרים: אף ממעט בדמות, שנאמר** (שם ט): כי בצלם אלהים עשה את האדם.

יב (ח)

(י) כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך, עשה. **ר' מנחמא בשם ר' בון הוה מסרס הדין קרייה: אם יודע את,** שאין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה, כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה.

**ר' אחא הוה מתחמד למיחמי אפוי דר' אלכסנדרי. איתחמי ליה בחלמיה, הראהו שני מילין: הרוגי לוד אין לפנים ממחיצתם, — ברוך שהעביר חרפתן של לוליאנוס ופפוס! — ואשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו.**

**זבדי בן לוי הוה מתחמד למיחמי אפוי דר' יהושע בן לוי. איתחמי ליה בחלמיה, הראהו בני אדם פניהם זקופות ובני אדם פניהם נמוכות. א"ל: "ומהו כדין?" א"ל: "אלו שפניהם זקופות תלמודן בידן; אלו שפניהם נמוכות, אין תלמודן בידן".**

**ריש לקיש, ואית דאמרי: ר' יהושע בן לוי, הוה מתחמד למיחמי לר' חייא רבה. אמרין ליה: "לית את הוא כדי". אמר לון: "למה? ולא לעית באוריתא כוותיה?" אל: "לא אלפת אוריתא**

---

פנימער זיינען אַרויפגעהויבן און מענטשן וואָס זייערע פנימער זיינען אַראָפּגעלאָזט. האָט ער געזאָגט צו אים: "פאַרוואָס איז עס אַזוי?" האָט ער אים געזאָגט: "די וואָס זייערע פנימער זיינען אַרויפגעהויבן [זיינען געקומען] מיט זייער לערנען אין דער האַנט; די, וואָס זייערע פנימער זיינען אַראָפּגעלאָזט האָבן ניט געהאַט זייער לערנען אין דער האַנט".

ריש לקיש, און אַנדערע זאָגן: ר' יהושע בן לוי, האָט געגלוסט צו זען ר' חייא רבה. האָט מען אים געזאָגט: "דו ביסט עס ניט ווערט." האָט ער געזאָגט צו זיי: "פאַרוואָס? האָב איך דען ניט געלערנט קיין תורה, ווי ער?" האָט מען אים געזאָגט: "דו האָסט ניט געלערנט קיין תורה [מיט יענעם

ווי ער; און ניט נאָר דאָס, נייערט ער האָט אויסגעוואָנדערט [פון דער היים צו לערנען תורה]".[5] האָט ער געזאָגט צו זיי: „האָב איך דען ניט געוואָנדערט [צוליב תורה לערנען]?" האָט מען אים געזאָגט: „דו האָסט געוואָנדערט אַליין צו לערנען, און ער האָט געוואָנדערט צו לערנען יענעם".[6] האָט ער געפאַסט דריי הונדערט תעניתים, און [ר' חייא] האָט זיך אים באַוויזן אין חלום און האָט אים געזאָגט: „ווער עס האָט עפּעס [תורה], און האַלט דעם עפּעס פאַר זיך,[7] וואָלט אים בעסער געווען, ווען ער וואָלט ניט באַשאַפן געוואָרן".[8]

ר' אַסי האָט געפאַסט דרייסיק טעג צו זען ר' חייא רבה, און האָט אים ניט געזען. האָט מען אים געזאָגט:[9] „דו ביסט עס ניט ווערט". האָט ער געזאָגט צו זיי: „לאָמיך אים זען, און וואָס עס וועט זיין, וועט זיין". האָט ער געזען די טרעפּלעך [פון זיין שטול], און זיינע אויגן זיינען אים טונקל געוואָרן. און אויב דו וועסט זאָגן, אַז ר' אַסי איז ניט געווען קיין אדם גדול [איז הער]: איינער אַ וועבער איז געקומען פאַר ר' יוחנן און האָט געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, אַז דער הימל איז געפאַלן, און איינער פון דיינע תלמידים האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט זיין האַנט". האָט ער גע־זאָגט: „וואָלסט אים דערקענט?" האָט ער געזאָגט צו אים: „אויב דו וועסט זיי פאַרבייפירן פאַר מיר, וועל איך אים דערקענען". זיינען זיי פאַרבייגע־גאַנגען פאַרביי אים. ווען ער איז צוגעקומען צו ר' אסין, האָט ער גע־זאָגט: „דאָס איז ער!"

ר' הונא דער ריש גלותא האָט געזאָגט צו די חכמים: ווען איך וועל שטאַרבן, ברענגט מיך אַרויף צו [דעם קבר פון] ר' חייא רבה". ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים אַרויפגעבראַכט קיין ארץ ישראל. האָט מען געזאָגט: „ר' הונא איז ווערט צו קומען אַהער [און ליגן] לעבן ר' חייא רבה; אָבער ווער וועט אַריינגיין און אים אַריינגעבן אַהין?" האָט ר' חגי געזאָגט: „איך וועל אים אַריינברענגען". מע דערציילט, אַז ווען ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר, האָט ער שוין געקענט זיין לערנען [אויסנווייניק], און ער האָט אויף זיין לעבן קיין קרי[10] ניט געזען. האָט מען געזאָגט צו אים: „דו זוכסט דיר אַן אויסרייד,[11] וואָרום דו ביסט אַן אַלטער מאַן, און אויב דו וועסט דאָרט שטאַרבן, אַרט דיך ניט דאָס [וואָס דו וועסט מער ניט לעבן]".[12] האָט ער זיי געזאָגט: „טוט מיר די דאָזיקע זאַך: ברענגט אַ שטריק און בינדט צו צו מיינע פיס; איז אויב איך וועל אַרויסגיין, איז גוט, און אויב ניט, וועט איר מיך אַרויסשלעפּט פאַר מיינע פיס". האָט מען אים אַזוי געטאָן.

---

האָט אָפּגענומען נקמה פאַר זייער טויט (זע אויבן דאָרט). [5] ר' חייא האָט אויסגעוואָנדערט פון בבל קיין ארץ ישראל. [6] זע כתובות קג, ב, וועגן ר' חייאס באַמיאונגען צו פאַר־שפּרייטן תורה. [7] אַזוי לויט משנת דר' אליעזר; לויטן מתנות כהונה מיינט עס: ווער עס איז אַ גאָרניט, און פירט זיך ווי אַן עפּעס (כלום האָט ביידע באַדייטונגען). [8] לויטן ירושלמי כלאים, ט, ג, האָבן די תעניתים אים ניט געהאָלפן. [9] לויטן ווייטערדיקן מיינט עס: פון הימל. [10] אויספלוס פון זאָמען (פון זיך אַליין: ביי אַ קדוש וטהור פּאַסירט עס ניט). [11] עילותא, טעקסט געביטן לויטן ירושלמי דאָרט. [12] מע האָט אים חושד געווען,

כוותיה; ולא עוד, אלא דהוא הוה גליי״. אמר לון: „ואנא לא הוינא גליי?״ אמרין ליה: „את הוית גלי למילף, והוא גלי לאלפא.״ יתב תלת מאה תעניתא, אתחזי ליה בחלמיה, אמר: „מאן הוא דכלום, ודבר בגרמיה כלום, נוח ליה אם לא נברא״.

ר׳ אסי צם תלתין יומין למיחמי לר׳ חייא רבה, ולא חמייה. אמרי ליה: „לית את כדיי. אמר לון: „אחמיה יתיה, ויהוי מה דהוי״. חמא דרגין דידיה, וכהיין עינוי. אין תימר, דר׳ אסי לאו אדם גדול הוה: — חד גרדייא אתא קומי דר׳ יוחנן, אמר: „חמית בחלמי רקיעא נפל, וחד מתלמידיך סמכיה בידיה״. אמר: „ידעת ליה?״ א״ל: „אין אעבר יתהון קמיי, ידע אנא ליה״. עברון קומיה; כד מטא לר׳ אסי, אמר: „דין הוא!״

ר׳ הונא ריש גלותא אמר לון: „כד דמיכנא, אעלוני גבי ר׳ חייא רבה.״ כד דמך, אסקוניה לארעא דישראל. אמרון: „כדיי הוא ר׳ הונא למייתי הכא גבי ר׳ חייא רבה. מאן עליל ויהב ליה תמן?״ א״ר חגי: „אנא מעייל ליה״. אמרין: בר תמני עשר שנין הוה ורגיל תלמודיה, ולא חמי קרי מיומיה. אמרין ליה: „(עלותך) [עילתא] את בעי, דאת גברא סבא, ואם דמכת תמן לא אכפת לך בחיין״. אמר לון: „עבדון לי הדא מילתא: אייתון חבלה וקטרו ברגליי; ואן אנא נפיק, מוטב, ואן לא, תהוון שררין ברגליי״. איתעביד ליה כן. עאל ואשכח תלתא דנין: „יהודה בני, אחריך ואין עוד; חזקיה בני, אחריך ואין עוד; יוסף בן ישראל, אחריך ואין עוד״. תלה עיינוי למסתכלה, אמרון ליה: „אמיך אפיך!״ שמע קליה דר׳ חייא רבה; אמר ליהודה בריה: „ברי, נפש ליה לר׳ הונא ריש גלותא, דיתיב ליה״. ולא קביל עליה למיתב ליה.

איז ער אַריין און האָט פאַרנומען דריי געמורמלען:[13] „יהודה מיין זון, נאָך דיר איז ניטאָ קיינער מער;[14] חזקיה מיין זון, נאָך דיר איז ניטאָ קיינער מער; יוסף, זון פון ישראל, נאָך דיר איז ניטאָ קיינער מער.״ האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן אַ קוק צו טאָן; האָט מען אים געזאָגט: „לאָז אַראָפּ דיין פּנים!״ און ער האָט געהערט דאָס קול פון ר׳ חייא רבה; ער האָט געזאָגט צו זיין זון יהודה: „לאָז ר׳ הונא דעם ריש גלותא זיך זעצן [לעבן דיר]״.[15] אָבער [ר׳ הונא] האָט ניט אָנגענומען [דעם כבוד] זיך צו זעצן [לעבן אים].[16]

אַז ער וויל דעם כבוד פון באַהאַלטן ווערן אין ר׳ חייאס קבר. [13] אַזוי לויטן ערוך השלום; לויטן מתנות כהונה — און ער האָט געפונען דריי אויפשריפטן. [14] ניטאָ מער דיין גלייכן. [15] אין דער ישיבה של מעלה. [16] איבער עניוות, האַלטנדיק יהודהן פיל העכער

[האָט מען [אין הימל] געזאָגט: „אַזוי ווי ער האָט ניט אָנגענומען צו זעצן זיך,] [17] אַזוי זאָלן אים זיינע קינדער ניט אויפהערן אויף אייביק".

[ר' חגי] איז אַרויס פון דאָרט אַן אַכציק יאָריקער, און זיינע יאָרן זיינען אים געטאָפּלט געוואָרן.[18]

## יג (ט)

ר' זעירא האָט געגלוסט צו זען ר' יוסי בר' חנינא; האָט ער זיך אים באַוויזן. האָט ער אים געפרעגט: „לעבן וועמען געפינסטו זיך?" [1] האָט ער אים געזאָגט: „לעבן ר' יוחנן". „און ר' יוחנן לעבן וועמען?" „לעבן ר' יונתן בן עמרם". „און ר' יונתן בן עמרם לעבן וועמען?" „לעבן ר' חייא רבה".[2] „[קען ניט] ר' יוחנן זיצן לעבן ר' חייאן?" האָט ער געזאָגט צו אים: „אַן אָרט פון שפּיזן פון פייער און צונגען פון פלאַם. קאָן דעם שמידס זון [3] אַריינגיין אַהין?"

ווען ר' נחום דער קודש קדשים איז געשטאָרבן, האָט מען איבערגעדעקט די אָפּבילדער מיט ראָגאָזשעס; מע האָט געזאָגט: „זאָל ער זיי ניט זען נאָך זיין טויט, אַזוי ווי ער פלעגט זיי ניט אָנקוקן ביים לעבן". אָבער קען ער זיי דען זען [טויטערהייט]? האָט ר' אַשיאַן געזאָגט: ס'איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן די צדיקים און די רשעים [נאָכן טויט], נייערט דאָס רעדן אַליין.[4] ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: ס'איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן די [געשטאָרבענע] צדיקים און צווישן אונדז, נייערט דאָס רעדן אַליין. ר' זעירא האָט געזאָגט: דער טויטער הערט זיין לויב אין זיין אָרון ווי פון חלום.

און פאַרוואָס רופט מען אים „נחום דער קודש קדשים"? ווייל ער האָט אויף זיין לעבן ניט אָנגעקוקט קיין צורת מטבע.[5] ר' חייא האָט געזאָגט (ויקרא יט, ד): אל תפנו — איר זאָלט זיך ניט קערן צו די געצן [מיינט], איר זאָלט זיך ניט קערן זיי צו דינען. רבי האָט געזאָגט: איר זאָלט זיך ניט קערן זיי צו זען.

און פאַרוואָס רופט מען רבין „רבינו הקדוש"? ווייל ער האָט אויף זיין לעבן ניט אָנגעקוקט זיין מילה. אַנטונינוס [6] איז געווען אַ געמלטער. האָט ער געזאָגט צו רבין: „קוק אָן מיין מילה". האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב אויף מיין לעבן אויף מיינער ניט געקוקט, וועל איך אויף דיינער קוקן?"

---

פון זיך. [17] צוגעגעבן לויטן ירושלמי דאָרט. [18] אַ שכר פאַר אָפּגעבן זיך מיט ר' הונאס קבורה.

יג. [1] אין דער ישיבה של מעלה. [2] אין די געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דאָ דאָס ווייטערדיקע: „און ר' חייא רבה לעבן וועמען?„ „לעבן ר' יוחנן". ס'איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז אַריינגעפאַלן מיט אַ טעות, און אין איינקלאַנג מיט דער גמרא אין בבא מציעא (פה, ב) האָבן מיר עס אַרויסגעלאָזט. [3] ר' יוחנן ווערט אָפט באַצייכנט מיטן צונאָמען בר נפחא, דעם שמידס זון. [4] די געשטאָרבענע זעען אַלץ און ווייסן פון אַלץ, אָבער דער כוח פון רעדן בלייבט נאָר ביי די צדיקים. אין ירושלמי עבודה זרה (ג, א) פון וואַנען דער טעקסט איז גענומען, איז ר' אשיאנס מימרא ניטאָ. [5] די מטבעות האָבן געהאַט דעם קיסרס בילד אויף זיך, און ער האָט געהאַלטן, אַז ניט נאָר טאָר מען ניט דינען צו אָפּביל־

[אמרין: „כמה דלא קביל עלוי מתיב ליה,] כן זרעתיה לא פסקה לעולם״. יצא משם בן שמונים שנה, ונכפלו לו שנותיו.

יג (ט)

ר׳ זעירא הוה מחמד למיחמי לר׳ יוסי בר׳ חנינא; איתחמי ליה. א״ל: „אצל מי אתה תקוע?״ א״ל: „אצל ר׳ יוחנן״. „ור׳ יוחנן אצל מי?״ „אצל ר׳ יונתן בן עמרם.״ „ור׳ יונתן בן עמרם אצל מי?״ „אצל ר׳ חייא רבה״. („ור׳ חייא רבה אצל מי?״ „אצל ר׳ יוחנן.״) „ור׳ יוחנן אצל ר׳ חייא לא?״ א״ל: „אתר דזיקוקין דנור ובעורין דאשא, מאן מעייל בר נפחא לתמן?״

כד דמך ר׳ נחום איש קדש קדשים, חפון אפוי איקנתא מחצלתא; אמרין: „לא יחמי במיתותיה היך מה דלא חמי יתהון בחיוהי.״ אפשר דהוה מחמי יתהון? אמר ר׳ אשיאן: אין בין צדיקים לרשעים, אלא דיבור פה בלבד. ר׳ שמעון בן לקיש אמר: אין בין צדיקים לבינן, אלא דיבור בלבד. אמר ר׳ זעירא: המת שומע קילוסו מתוך ארונו כמן החלום.

ולמה קורין אותו „נחום איש קדש קדשים?״ שלא הביט צורת מטבע כל ימיו. אמר ר׳ חייא (ויקרא יט, ד): אל תפנו אל האלילים, — אל תפנו לעובדן. אמר רבי: אל תפנו לראותן ודאי.

ולמה קורין אותו „רבינו הקדוש״? שלא הביט במילתו כל ימיו. (אנטלימוס) [אנטונינוס] הוה גזיר. אמר ליה לרבינו: „חמי גזרתי״. א״ל: „בשלי לא הסתכלתי מימי, ובדידך אנא מסתכל?״

יד (י)

כד דמך רבי בציפורי הוון אמרין ציפוראי: „כל דאתא ואמר: דמך רבי, אנן קטלין ליה״. אזל בר קפרא ועלל בכוותא ואדיק ליה, ורישיה מיכרך ומניה בזיעין; אמר: „אחים בני ידעיה,

---

יד (י)

[1] ווען רבי איז געשטאָרבן אין ציפּורי, האָבן די מענטשן פון ציפּורי געזאָגט: „אויב עמיצער וועט קומען און זאָגן: רבי איז געשטאָרבן, וועלן מיר אים הרגענען״. איז אַוועק בר קפּרא און האָט זיך אַריינגעקוועטשט אין אַ פענצטער, און זיין קאָפּ איז געווען פאַרוויקלט און די קליידער צעריסן, און

---

דער, — מע טאָר אפילו ניט קוקן אויף זיי, ווי רבי זאָגט ווייטער. [6] געביטן לויט ירושלמי מגילה א, יא.

ער האָט געזאָגט: „ברידער, זין פון ידעיה, הערט מיך אויס! מלאכים און שטאַרבלעכע האָבן זיך אָנגענומען מיט דער האַנט אָן די לוחות הברית; האָט זיך געשטאַרקט די האַנט פון די מלאכים, און זיי האָבן אַרויס־געכאַפּט די לוחות". האָט מען געזאָגט צו אים: „איז רבי געשטאָרבן?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איר האָט עס געזאָגט, איך האָב עס ניט געזאָגט". און פאַרוואָס האָט ער עס ניט געזאָגט? ווי עס שטייט געשריבן (משלי י, יח): ומוציא — און דער וואָס טראָגט אַרויס אַ וואָרט איז אַ נאַר. האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער [מיט אַזאַ רעש], אַז דער טומל פון קריעה רייסן איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט ווי גובתתא,[2] אַ מהלך פון דריי מייל. האָט מען געלייענט אויף אים דעם פּסוק (קהלת ז, י ב): ויתרון — אָבער די מעלה פון וויסן איז, וואָס חכמה גיט לעבן דעם וואָס האָט זי.

ר' נחמיה האָט אין נאָמען פון ר' מונאן געזאָגט: מעשה ניסים איז גע־שען יענעם טאָג. ערב שבת איז עס געווען, און אַלע שטעט זיינען זיך צונויפגעקומען צום הספד אויף רבין. מע האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַכצן שולן, און מע האָט אים אַוועקגעפירט קיין בית שערים, און דער טאָג האָט געוואַרט אויף זיי, ביז יעדער איינציקער ייד איז געקומען אַהיים און אָנגע־צונדן ליכט, און זיך אָפּגעבראָטן אַ פיש, און אָנגעפילט אַ פאַס וואַסער. ערשט ווען דער לעצטער פון זיי האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט איז אונטערגע־גאַנגען די זון און דער האָן האָט געקרייט. האָבן זיי זיך אָנגעהויבן מצער זיין און האָבן געזאָגט: „ווי, מיר האָבן מחלל שבת געווען". איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט: „איטלעכער וואָס האָט זיך ניט געפוילט [צו זיין] ביי רבים הספד איז אָנגעברייט אויף עולם הבא, אויסער דער וועשער, וואָס איז דאָרט געווען און איז ניט געקומען". אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער אַרויף אויפן דאַך און האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דאַך און איז געפאַלן און געשטאָרבן. איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט: „אויך דער וועשער איז אָנגעברייט אויף עולם הבא".[3]

## טו (יא)

(יא) שבתי — און ווידער האָב איך געזען אונטער דער זון, אַז ניט פאַר די פלינקע איז דאָס געוועטלויף. ניט פאַר די פלינקע איז דאָס געוועטלויף, דאָס איז יעקב אבינו: ערשט נעכטן (בראשית כט, א): וישא — און יעקב האָט אויפגעהויבן זיינע פיס [און איז אַוועק]; און היינט שטייט געשריבן (דאָרט מט, לג): ויאסף — און ער האָט אַריינגענומען זיינע פיס אין בעט [און איז אויסגעגאַנגען]. — און ניט פאַר די גבורים איז די מלחמה, דאָס איז יעקב: ערשט נעכטן (דאָרט כט, י): ויגש — האָט יעקב גענענט און האָט

יד. [1] זע אויבן, ז. כז, די באַמערקונגען. [2] אויבן — גופתתא. [3] אין די געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דאָ אַ צוגאָב פון אַן איבערשרייבער: כתיבין בגיטין ירושלמי, כתובות ועבודה זרה כולהון עובדי דחסידי — אין ירושלמי גיטין, כתובות און עבודה זרה זיינען פאַרשריבן די אַלע מעשות פון די חסידים.

שמעוני! שמעוני! אראלים ומצוקים אחזו ידן בלוחות הברית; גברה ידן של אראלים וחטפו את הלוחות". אמרון ליה: „דמך רבי?" אמר לון: „אתון אמריתון, אנא לא אמינא." ולמה לא אמר? דכתיב (משלי י): ומוציא דבה הוא כסיל. קרעון מניהון, עד דאזל קליה דקריעה עד גובתתא, מהלך שלשה מילין. וקרא עליה (קהלת ז): ויתרון דעת החכמה, וגו׳.

ר׳ נחמיה בשם ר׳ מונא אמר: מעשי נסים נעשו באותו היום. ערב שבת היה, ואתכנשון כל קרייתא להספידה דרבי. ואשרוניה בתמני עשרי כנשתא, ואובלוניה לבית שערים, ותלא לון יומא עד דמטא כל חד וחד מישראל לביתו ומדליק לו את הנר וצולה לו דג וממלא לו חבית של מים. עד שעשה האחרון שבהן, שקעה החמה וקרא הגבר. שרון מצוקין, אמרין: „ווי דחללינן שבתא!" יצתה בת קול ואמרה: „כל שלא נתעצל בהספדו של רבי מזומן לחיי העולם הבא, בר מן קצרה, דהוה תמן ולא אתא". כיון דשמע כן, סלק לאיגרא וטלק גרמיה מן איגרא ונפל ומת. יצתה בת קול ואמרה: „אף קצרה מזומן לחיי העולם הבא".

טו (יא)

(יא) שבתי וראה תחת השמש, כי לא לקלים המרוץ, וגו׳. כי לא לקלים המרוץ, זה יעקב אבינו: אתמול (בראשית כט): וישא יעקב רגליו; היום כתיב (שם מט): ויאסף רגליו אל המטה. — ולא לגבורים המלחמה, זה יעקב: אתמול (שם כט): ויגש יעקב ויגל את האבן, — אמר ר׳ יוחנן כאדם שמעביר את הפקק מעל פי הצלוחית; והיום (שם מו): וישאו בני ישראל את יעקב אביהם — בגופו, ואפילו בגלקטיקא לא היה יכול להטען. וגם לא לחכמים לחם, זה יעקב: אתמול (שם לא): ויזבח יעקב זבח בהר, ויקרא לאחיו, וגו׳, ויאכלו לחם (וכי אחיו היו? אח אחד הוה ליה, והלואי

---

אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ווי אַ מענטש וואָס נעמט אַרויס אַ קאָרק פונעם מויל פון אַ פלאַש; און היינט (דאָרט מו, ה): וישאו — און די קינדער פון ישראל האָבן געטראָגן זייער פאָטער יעקבן, — זיין הוילן גוף, אפילו אויף אַ טראָג בעטל האָט מען אים ניט געקענט טראָגן. און אויך איז ניט פאַר חכמים דאָס ברויט, דאָס איז יעקב: ערשט נעכטן (דאָרט לא, נד): ויזבח — און יעקב האָט געשאָכטן אַ שלאַכטאָפּפער אויפן באַרג, און ער האָט גערופן זיינע ברידער — — — און זיי האָבן געגעסן

ברויט (**אָבער זיינען זיי דען געווען זיינע ברידער? נאָר איין ברודער האָט ער דאָך געהאַט, און הלוואי וואָלט ער אים געהאַט באַגראָבן! זיינען זיי ניט געווען זיינע זין? נייערט ווען זיי האָבן געגרייכט צו זיינע אַקסלען, האָט ער זיי פאַרגליכן צו זיך און האָט זיי גערופן זיינע ברידער); און היינט** (דאָרט מג, ב): שובו — גייט ווידער און קויפט אונדז אַ ביסל עסן. — און אויך איז ניט פאַר די פאַרשטענדיקע דאָס עשירות, **דאָס איז יעקב** (דאָרט ל, מג): ויפרץ — און דער מאַן האָט זיך זייער און זייער אויסגעשפרייט (**ר׳שמעון אין נאָמען פון ר׳ סימון: דער פסוק לערנט אונדז, אַז ער האָט געהאַט עפּעס ווי פון יענער וועלט; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (מיכה ב, יג): עלה — דער דורכברעכער[1] וועט אַרויפגיין זיי פאָראויס); **און היינט** (בראשית מז, יב): ויכלכל — און יוסף האָט געשפּייזט זיין פאָטער. — און אויך איז ניט פאַר די ווייסערס דער חן, **דאָס איז יעקב; ערשט נעכטן** (דאָרט מח, יט): „ידעתי — איך ווייס, מיין זון, איך ווייס, — **איך ווייס די מעשה פון יהודהן מיט תמרן,[2] פון ראובנען מיט בלההן;[3] איז מה־דאָך זאַכן וואָס זיינען דיר ניט אַנטפּלעקט געוואָרן, זיינען מיר יאָ אַנטפּלעקט געוואָרן; אַ פשיטא שוין זאַכן וואָס זיינען דיר יאָ אַנטפּלעקט געוואָרן!" און היינט זאָגט ער אים** (דאָרט מז, כט): אם נא — אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן — — — זאָלסטו מיך ניט באַגראָבן אין מצרים.

**אַן אַנדער פּשט:** אַז ניט פאַר די פלינקע איז דאָס געוועטלויף, **דאָס איז עשהאל, ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל ב, ב, יח): ועשהאל — און עשהאל איז געווען פלינק אויף זיינע פיס ווי איינער פון די הירשן. **און אין וואָס איז באַשטאַנען זיין פלינקייט? וואָס ער פלעגט לויפן איבער די האָר פון די זאַנגען, און זיי פלעגן זיך ניט צעברעכן. איז ערשט נעכטן:** און עשהאל איז געווען פלינק אויף זיינע פיס; **און היינט** (דאָרט, כג): ויכהו — און אבנר האָט אים געשלאָגן מיטן הינטערשטן טייל פון דער שפּיז — — — [און ער איז געשטאָרבן]. — און ניט פאַר די גיבורים איז די מלחמה, **דאָס איז אבנר, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט א, כו, טו): הלא — דו ביסט דאָך אַ מאַן, און ווער איז דיין גלייכן אין ישראל. **וואָרום ר׳ יוסי האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: ס׳איז געווען גרינגער פאַר אַ מענטשן אַוועקצורוקן אַ וואַנט וואָס איז געבויט זעקס איילן די דיק, איידער צו רירן אבנרס אַ פוס; און היינט** (דאָרט ב, ג, לג): הכמות — זאָל אבנר שטאַרבן ווי עס שטאַרבט אַ הפקר יונג? — און אויך איז ניט פאַר חכמים דאָס ברויט, **דאָס איז שלמה: ערשט נעכטן** (מלכים א, ה, ב—ג): ויהי — און שלמהס ברויט אויף איין טאָג איז געווען דרייסיק כור זעמלמעל און זעכציק כור פּראָסט מעל, **און נאָך שטייט:** צען רינדער פעטע, — **ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: און אַזוי, טאָג־איין טאָג־אויס, האָט אים יעדע ווייב זיינע געמאַכט אַ סעודה, מיינענדיק אַז ער וועט עסן ביי איר; און היינט** (קהלת ב, י): וזה — און דאָס איז געוואָרן דער

**קבריה! והלא בניו היו! אלא כשהגיעו לשכמו, דימה אותן לו וקרא אותן לו אחים)**; **והיום** (שם מג): שובו שברו לנו מעט אכל. — וגם לא לנבונים עשר, **זה יעקב** (שם ל): ויפרץ האיש מאד מאד (**ר' שמעון בשם ר' סימון: מלמד, שהיה לו מעין דוגמה של עולם הבא; הדא מה דאת אמר** (מיכה ב): עלה הפורץ לפניהם); **והיום** (בראשית מז): ויכלכל יוסף את אביו. — וגם לא ליודעים חן, **זה יעקב: אתמול** (שם מח): „ידעתי, בני ידעתי, — **יודע אני מעשה יהודה בתמר, מעשה ראובן בבלהה; מה אם דברים שלא נתגלו לך נתגלו לי, דברים שנתגלו לך, על אחת כמה וכמה!"** **והיום אמר לו** (שם מז): אם נא מצאתי חן בעיניך, וגו', אל נא תקברני במצרים.

**ד"א:** כי לא לקלים המרוץ, זה עשהאל, **שנאמר** (שמואל ב, ב): ועשהאל קל ברגליו כאחד הצביים, וגו'. **ומה היה קלותו? שהיה רץ על סאסי שיבוליא, ואינן משתברין. אתמול:** ועשהאל קל ברגליו, **והיום** (שם): ויכהו אבנר באחרי החנית, **וגו'.** — ולא לגבורים המלחמה, **זה אבנר, דכתיב** (שם א, כו): הלא איש אתה, ומי כמוך בישראל, וגו', **דאמר ר' אסי משום ר' יוחנן: נוח לו לאדם להזיז כותל בנוי שש אמות בעובי, מלהזיז רגלו אחת של אבנר; והיום** (שם ב, ג): הכמות נבל ימות אבנר? — וגם לא לחכמים לחם. **זה שלמה: אתמול** (מלכים א, ה): ויהי לחם שלמה ליום אחד שלשים כר סלת וששים כר קמח. **וכתיב:** עשרה בקר בריאים, **וגו', — אמר ר' יוחנן: וכן בכל יום ויום (וכן) כל אשה ואשה עושה לו סעודה, כסבורה שהוא סועד אצלה; והיום** (קהלת ב): **וזה** היה חלקי מכל עמלי, — **מאן דאמר: קודיה, ומאן דאמר: קניה, ומאן דאמר: קשרתיה.** — וגם לא לנבונים עשר, **זה איוב: אתמול** (איוב א): ויהי מקנהו שבעת אלפי צאן, **וגו';** (שם) ומקנהו פרץ בארץ, — **א"ר יוסי בר' חנינא: פרץ גדרו של עולם, — בכל**

---

חלק פון מיין גאַנצער מי, — **איינער זאָגט: זיין קרוג, און איינער זאָגט: זיין שטעקן, און איינער זאָגט: זיין גאַרטל.**[4] — און אויך איז ניט פאַר די פאַר־שטענדיקע דאָס עשירות, **דאָס איז איוב: ערשט נעכטן** (איוב א, ג): ויהי — און זיין אייגנס איז געווען זיבן טויזנט שאָף — — — (דאָרט, י) און זיין אייגנס האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד, — **ר' יוסי בר' חנינא האָט געזאָגט:**

---

**טו.** [1] הפורץ — ויפרץ. לויטן ילקוט אויף דעם פּסוק ווערט עס געדרשנט אויף יענער וועלט. [2] בראשית לח. [3] בראשית לה, כב. [4] ז'ע אויבן א, לב און ב, יג, טעקסט און

[פרק מיינט] ער האָט דורכגעבראָכן דעם שטייגער [5] פון דער וועלט, — אומעטום איז דער שטייגער פון דער וועלט, אַז וועלף הרגענען ציגן, אָבער ביי איובן האָבן די ציגן געהרגעט וועלף; און היינט (דאָרט יט, כא): חנונו — דערבאַרימט אייך אויף מיר, דערבאַרימט אייך אויף מיר, חברים מיינע. — און אויך איז ניט פאַר די וויסערס דער חן, דאָס איז יהושע. ר׳ אחווה דער זון פון ר׳ זיראן האָט געזאָגט: צוויי זאַכן האָט געזאָגט יהושע פאַר משהן, און עס האָט ניט געפונען קיין חן אין זיינע אויגן, און דאָס זיינען זיי: איינס ביים באַשטימען די זקנים און איינס ביי דער מעשה מיטן עגל הזהב. ביים באַשטימען די זקנים שטייט געשריבן (במדבר יא, כח—כט): אדוני — מיין האַר משה, פאַרשפּאַר זיי, — ער האָט אים געזאָגט: „פאַרטיליק זיי [6] און ברענג זיי אום פון דער וועלט". האָט משה געזאָגט צו אים: דו נעמסט זיך אָן מיין קריוודע? ער האָט אים געזאָגט: „יהושע, דיך בין איך מקנא? [7] הלוואי זאָלן מיינע זין זיין ווי דו, הלוואי זאָל גאַנץ ישראל זיין ווי דו; הלוואי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק פון גאָט זיין נביאים". און איינס ביים עגל הזהב, ווי דער פסוק זאָגט (שמות לב, יז—יח): וישמע — און יהושע האָט געהערט דאָס קול פון פאָלק אין זיין שאַלן [און ער האָט געזאָגט צו משהן: אַ קול פון מלחמה איז אין לאַגער]. האָט משה געזאָגט צו אים: אַ מענטש וואָס איז אָנגעברייט צו זיין דער שררה איבער זעקס מאָל הונדערט טויזנט מענטשן, זאָל ניט וויסן צו אונטערשיידן צווישן איין מין קול און אַ צווייטן? ס׳איז ניט קיין קול פון אַ געשריי פון גבורה (ווי עס זאָגט זיך (דאָרט יז, א): וגבר, האָט ישראל גובר געווען) און ס׳איז ניט קיין קול פון אַ געשריי פון שוואַכקייט (ווי עס זאָגט זיך (דאָרט, יג) ויחלש — און יהושע האָט אָפּגעשוואַכט עמלקן) [8] אַ קול פון זינגען הער איך". — ר׳ אסי האָט געזאָגט: אַ קול פון לויב געזאַנג צו דער עבודה זרה הער איך. ר׳ יודן אין נאָמען פון ר׳ אסין האָט געזאָגט: ניטאָ דער דור, וואָס זאָל ניט אַריינקריגן עפּעס [9] פון [דער שטראָף פאַרן מאַכן] דעם עגל הזהב.

## טז (יב)

אַן אַנדער פשט: אַז ניט פאַר די פלינקע איז דאָס געוועטלויף, דאָס איז משה: ערשט נעכטן איז ער אַרויף ווי אַ פויגל און געפלויגן אין די הימלען, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יט, ג): ומשה — און משה איז אַרויף צו גאָט; און היינט (דברים ג, כז): כי — וואָרום דו וועסט ניט אַריבערגיין דעם

[5] ווערטערלעך — דעם פלויט. [6] כלם, אָנשפּיל אויף כלאם. [7] לויט אַ גמרא (סנהדרין יז, א) האָבן אלדד און מידד, די צוויי זקנים וואָס זיינען אויסגעבליבן (במדבר יא, כו), נביאות געזאָגט, אַז משה וועט שטאַרבן און יהושע וועט אַריינפירן ישראל אין לאַנד אַריין, און דערפאַר זאָל יהושע, לויט אונדזער מדרש, האָבן געפאָדערט די שטראָף. און דער מיין פון המקנא אתה לי (דו נעמסט זיך אָן מיין קריוודע) זאָל לויט דעם זיין: „ביסט מיך חושד אין קנאה?" [8] דער פסוק און דער פריערדיקער ווערן דאָ געבראַכט פעסטצושטעלן אַז גבורה און חלושה באַציען זיך אויף מלחמה. [9] ווערטערלעך — אַן אונץ, אַ קליינעם טייל.

מקום מנהגו של עולם זאבים הורגים את העזים, ברם באיוב העזים הורגים את הזאבים; והיום (שם יט): חנוני, חנוני אתם, רעי, וגו׳. — וגם לא ליודעים חן, זה יהושע. אמר ר׳ אחוה בריה דר׳ זירא: שני דברים דבר יהושע בפני משה, ולא נגמל חן בעיניו, ואלו הן: אחד במינוי הזקנים ואחד במעשה העגל. „במינוי הזקנים״, דכתיב (במדבר יא): אדוני משה, כלאם, — אמר לו: „כלם והעבירם מן העולם״. ויאמר לו משה: „המקנא אתה לי״? אמר לו: „יהושע, בך אני מתקנא? הלואי בני כיוצא בך, הלואי כל ישראל כיוצא בך; ומי יתן כל עם ה׳ נביאים״, וגו׳. ואחד בעגל, שנאמר (שמות לב): וישמע יהושע את קול העם ברעה. אמר לו משה: „אדם שעתיד להנהיג שררה על ששים רבוא, אינו יודע להבחין בין קול לקול? (שם) אין קול ענות גבורה (הדא מה דאת אמר (שם יז): וגבר ישראל) ואין קול ענות חלושה (הדא מה דאת אמר (שם יג): ויחלש יהושע) קול ענות אנכי שומע. — א״ר אסי: קול קילוס של עבודת כוכבים אנא שמיע. ר׳ יודן בשם ר׳ אסי אמר: אין לך כל דור ודור, שלא נטל אונקי אחת של עגל.

טז (יב)

ד״א: כי לא לקלים המרוץ, זה משה: אתמול טס ברקיע ועולה כעוף, שנאמר (שם יט): ומשה עלה אל האלהים; והיום (דברים ג): כי לא תעבר את הירדן הזה, אפילו חבל של חמשים אמה לא היה יכול לעבור. — ולא לגבורים המלחמה, זה משה: אתמול (תהלים סח): מלכי צבאות ידדון, ידדון, — מהו ידדון, ידדון? ידדון בהליכתן, ידדון בחזירתן. ר׳ יודן בשם ר׳ אייבו אמר:

---

דאָזיקן ירדן, אפילו אַ שטרעקע פון פופציק איילן[1] האָט ער ניט געקענט אַריבערגיין. — און ניט פאַר די גיבורים איז די מלחמה, דאָס איז משה: ערשט נעכטן (תהלים סח, יג): מלכי — מלאכים[2] פון מחנות פירן און פירן,[3] — וואָס מיינט פירן און פירן? זיי האָבן זיך מיט זיי געפירט ביי זייער אָפגיין, זיי האָבן זיך געפירט מיט זיי ביי זייער אומקער.[4] ר׳ יודן האָט אין

---

טז. [1] די ברייט פון ירדן. [2] געטייטשט לויטן דרש. [3] געלייענט ידדון, ווי מיט אַ פתח אונטער דער ערשטער דלת; אַזוי לויט דעם דרש. [4] ביי איטלעכן פון די עשרת הדברות פלעגן די יידן פון גרויס פּחד צוריקלויפן פון באַרג סיני צוועלף מייל און דאַן צוריקקומען. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו די מלאכים: „גייט און העלפט זיי״; און די מלאכים האָבן זיך אַרומגעפירט מיט זיי אַהין און צוריק (מכילתא יתרו, ט;

נאָמען פון ר׳ אייבו געזאָגט: עס שטייט דאָ ניט „מלאכי צבאות״, מלאכים פון מחנות, נייערט מלכי צבאות, — אפילו די מלכים פון די מלאכים, מיכאל און גבריאל, האָבן מורא געהאַט פאַר משהן.[5] און היינט קאָן ער אפילו די קלענסטע[6] פון זיי ניט אָנקוקן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דברים ט, יט): כי יגרתי — וואָרום איך האָב זיך געשראָקן פאַר אף און חמה.[7] — און אויך איז ניט פאַר די חכמים דאָס ברויט, דאָס איז משה: ערשט נעכטן איז ער באַשטימט געוואָרן ווי דער האַר איבער די קיניגלעכע אויפנאַמעס אין פרעהס פּאַלאַץ, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ב, יא): ויגדל — און משה איז גרויס געוואָרן און איז אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער, — וואָס מיינט ער איז גרויס געוואָרן? זיין גרויסקייט איז געווען, וואָס ער פלעגט אַריינפירן און אַרויספירן [די געסט]; און היינט (דאָרט כ): קראן — רופט אים אַריין, און זאָל ער עסן ברויט. — און אויך איז ניט פאַר די פאַרשטענדיקע דאָס עשירות, דאָס איז משה, — פון וואַנען איז אים געקומען דאָס עשירות וואָס ער איז נתעשר געוואָרן? ר׳ חנין האָט געזאָגט: אַ סאַפּיר־גרוב האָט הקדוש ברוך הוא אים אנטפּלעקט אין זיין געצעלט, און אַז משה האָט עס געפונען איז ער פון דעם נתעשר געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט לד, א): פסל לך, זייער אָפּפאַל זאָל זיין פאַר דיר;[8] און היינט איז אים דאָס גאַנצע עשירות ניט בייגעשטאַנען. — און אויך איז ניט פאַר די ווייסערס דער חן, דאָס איז משה: ערשט נעכטן [זאָגט אים גאָט] (דאָרט לג, יז): כי מצאת — וואָרום דו האָסט געפונען חן אין מיינע אויגן; און היינט (דברים ג, כו): אל תוסף — זאָלסט מער ניט רעדן צו מיר וועגן דער דאָזיקער זאַך.

כי עת — נייערט צייט און צופאַל טרעפט זיי אַלעמען. אַ צייט איז עס וואָס באַפאַלט[9] דעם מענטשן און צעטרייסלט אַלצדינג אין אים, און דעמאָלט בעט ער[10] רחמים. וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער גיין און זיך נעמען צו תפילה און געבעט, און ער וועט ניצל ווערן. ר׳ הונא האָט געפרעגט שמואלן: „וואָס מיינט דאָס וואָס שטייט געשריבן: כי עת ופגע?״ האָט ער אים געזאָגט: „אַ מאָל טרעפט, אַז אַ מענטש בעט[10] און טוט תפילה, און ווערט געענטפערט; און אַ מאָל בעט ער, און ווערט ניט געענטפערט. וואָרום קיינער האָט ניט מסדר געווען קיין תפילות און געבעטן מער פון משהן, און לסוף איז אים גע־זאָגט געוואָרן (דאָרט לא, יד): הן — זע, דיינע טעג האָבן זיך גענענט צום שטאַרבן.

יז (יג)

(יב) כי — וואָרום דער מענטש ווייס צומאָל ניט זיין צייט, ווי די פיש וואָס ווערן געכאַפּט אין אַ בייזער נעץ. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: איז דען

---

ילקוט תהלים, תשצה). — דער דרוש קומט דאָ אַריין נאָר צופעליק, דער עיקר דרש איז ר׳ יודנס. [5] לויט דעם ווערט ידדון געטייטשט: זיי וואַנדערן, אַנטלויפן (פון נדד), לויט דער גמרא (שבת פח, ב), אַז משה האָט באַזיגט די מלאכים, ווען זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז גאָט זאָל אים געבן די תורה. [6] ווערטערלעך: די פשוטע סאָלדאַטן. [7] כעס און גרימ־צאָרן, לויטן מדרש — נעמען פון צוויי מלאכי חבלה (זע אויבן ד, ה). [8] פסל — פסולת,

„מלאכי צבאות" אין כתיב כאן, אלא מלכי צבאות, — אפילו מלכיהון דמלאכייא, מיכאל וגבריאל, היו מתיראין ממשה. והיום אפילו גוליירין שבהם לא היה יכול להסתכל בהן; הה"ד (דברים ט): כי יגרתי מפני האף והחמה. — וגם לא לחכמים לחם, זה משה: אתמול עביד קומיס קלטור בפלטין של פרעה, שנאמר (שמות ב): ויגדל משה ויצא אל אחיו, — מהו ויגדל? שהיתה גדולתו להכ־ ניס ולהוציא; והיום (שם): קראן לו ויאכל לחם. — וגם לא לנבו־ נים עשר, זה משה, — מהיכן בא לו עושר והעשיר? א"ר חנין: מחצב של ספיר גלה לו הקב"ה בתוך אהלו ומצא, ומשם העשיר משה, שנאמר (שם לד): פסל לך, פסילתן תהא לך; והיום כל הדין עותר לא קם ליה. — וגם לא ליודעים חן, זה משה; אתמול (שם לג, יז): כי מצאת חן בעיני; והיום (דברים ג): אל תוסף דבר עוד אלי בדבר הזה.

כי עת ופגע יקרה את כלם, עת היא שפוגעת האדם ומערערת בו כל הדברים האלה, והוא מפגיע. מה יעשה? ילך ויעסוק בתפלה ובתחנונים, והוא ניצל. ר' הונא שאל לשמואל, א"ל: מהו דין דכתיב: כי עת ופגע? א"ל: פעמים שאדם מפגיע בתפלה ונענה; פעמים שמפגיע ואינו נענה. שאין לך שסידר תפלות ותחנונים יותר ממשה רבינו, ולסוף נאמר לו (שם לא): הן קרבו ימיך למות.

יז (יג)

(יב) כי גם לא ידע האדם את עתו, כדגים שנאחזים במצודה רעה. א"ר ברכיה: וכי יש מצודה רעה ויש מצודה טובה? אמר ריש לקיש: זו חכה. הה"ד (במדבר יד): וימותו האנשים מוציאי דבת הארץ רעה, — במה הומתו? רבנן ור' שמעון בן יוחאי. רבנן אמרין: אסכרה עלתה בגרונם, ונחנקו ומתו. ור' שמעון

---

פאראן אַ שלעכטע נעץ און אַ גוטע נעץ? ריש לקיש האָט געזאָגט: [אַ שלעכטע נעץ] מיינט דער האַקן [פון אַ ווענטקע].[1] דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (במדבר יד, לז): וימותו — און עס זיינען געשטאָרבן די מענטשן וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן די בייזע רייד אויפן לאַנד, — דורך וואָס זיינען זיי געטייט געוואָרן? [זאָגן וועגן דעם] די רבנן און ר' שמעון בן יוחאי. די רבנן זאָגן: די קרופּ איז זיי אַריין אין האַלדז, און זיי זיינען דערשטיקט

אָפּפאַל פון די לוחות, וואָס זיינען געווען פון סאַפּירשטיין, (זע ווייטער י, כד, באַמער־ קונג 7). [9] פוגעת — פגע. [10] מפגיע — פגע.

געוואָרן און זיינען געשטאָרבן.[2] און ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: דורך אַ צעפאַלן פון זייערע איברים זיינען זיי געשטאָרבן. ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: דער טעם פון די [ווערטער פון די] רבנן איז — דאָ ווערט געזאָגט אין אַ בייזער נעץ, און דאָ ווערט געזאָגט בייזע [רייד], איז אַזוי ווי בייזע וואָס שטייט דאָ[3] מיינט אַ האָקן וואָס גייט אַריין אין האַלדז פונעם פיש און דערווערגט אים, אַזוי אויך מיינט בייזע וואָס שטייט דאָרט, אַז די קרופּ איז זיי אַריין אין האַלדז, און זיי זיינען געשטאָרבן. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: דער טעם פון ר׳ שמעון בן יוחאיס ווערטער איז — דאָ[4] ווערט געזאָגט מגפה, און דאָרט ווערט געזאָגט מגפה (זכריה יד, יב): וזאת — און דאָס וועט זיין די מגפה — — — [זייער פלייש וועט צעקריכן], — אַזוי ווי מגפה וואָס ווערט דאָרט געזאָגט מיינט אַ צעפאַלן פון איברים, אַזוי אויך מיינט מגפה וואָס ווערט דאָ געזאָגט אַ צעפאַלן פון איברים. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: פאַראַן אַ נעץ וואָס פאַנגט אין ים און פאַנגט אויף דער יבשה, [און פאַראַן אַ נעץ וואָס] פאַנגט אויף דער יבשה און פאַנגט ניט אין ים; אָבער דער האָקן פאַנגט סיי אין ים און סיי אויף דער יבשה, און ער גייט אַריין ביים פיש אין האַלדז און דערווערגט אים.[5]

ר׳ עזריה און ר׳ יונתן בר׳ חגי [האָבן געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ יצחק בר מריון [וואָס האָט עס געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ חנינאַן: פאַראַן אַ מענטש וואָס זינדיקט קעגן [מענטשן אויף] דער ערד, און ער זינדיקט ניט קעגן [גאָט אין] הימל; קעגן [גאָט אין]הימל, אָבער ניט קעגן [מענטשן אויף] דער ערד. אָבער ווער עס רעדט לשון הרע, זינדיקט סיי קעגן [גאָט אין] הימל, סיי קעגן [מענטשן אויף] דער ערד, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים עג, ט): שתו — זיי שטעלן אַן קעגן הימל זייער מויל, און זייער צונג גייט אום אויף דער ערד. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: מיר געפינען, אַז זיי גייען קעגן הימל, און זייער צונג גאַוועָרט אויף דער ערד; וואָס איז דער טעם דערפון? זיי שטעלן אַן קעגן הימל זייער מויל,[6] און זייער צונג גייט אום אויף דער ערד. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: קיין מענטש רעדט ניט קיין לשון הרע, סיידן ער ווערט אַ כופר בעיקר,[7] ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יב, ה): אשר — די וואָס זאָגן: מיט אונדזער צונג זיינען מיר שטאַרק, אונדזערע ליפּן זיינען מיט אונדז, ווער איז האַר איבער אונדז? ר׳ יצחק האָט געזאָגט (דאָרט נ, כב): בינו נא — פאַרשטייט אקאָרשט דאָס, איר גאָט פאַרגעסערס, דאָס זיינען די וואָס רעדן לשון הרע, ווי דער פסוק זאָגט: די וואָס זאָגן: מיט אונדזער

יז. [1] וואָס פאַרשאַפט אַ סך פּיין דעם פיש. [2] און דאָס באַשטעטיקט די ווערטער פון ריש לקישן. [3] מיר האָבן געביטן דעם טעקסט דאָ און ווייטער לויט דער לאָגיק פונעם מאמר. מעגלעך אַז דער טעקסט איז גענומען פון אַן אונדז אומבאַקאַנטן מדרש אויף יענעם פסוק אין במדבר, און דורך דעם איז דאָ אַריינגעפאַלן דער טעות. דער מתנות כהונה וויל בייטן די ווערטער כאן און להלן אין אָנהייב פון ר׳ יהודהס רייד. [4] אין פסוק פון במדבר. [5] דער האָקן כאַפּט דעם פיש אין וואַסער און טייט אים ערשט אויף דער יבשה. [6] ווי אין פסוק יא: און זיי זאָגן: ווי קען דען גאָט וויסן? [7] לייקנט אין גאָט.

בן יוחאי אמר: בנשילת איברים מתו. ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: טעמון דרבנן — נאמר כאן במצודה רעה, ונאמר להלן רעה, מה רעה האמורה (להלן) [כאן] חכה יורדת לגרונו של דג וחונקתו, אף רעה האמורה (כאן) [להלן] אסכרה עלתה בגרונם ומתו. ר׳ ברכיה אמר: טעמיה דר׳ שמעון בן יוחאי — נאמר כאן מגפה ונאמר להלן מגפה (זכריה יד, יב): וזאת תהיה המגפה, מה מגפה האמורה להלן בנשילת איברים, אף מגפה האמורה כאן בנשילת איברים. א״ר ברכיה: יש לך מצודה שהיא צדה בים ואינה צדה ביבשה, צדה ביבשה ואינה צדה בים; אלא זו חכה צדה בים והיא צדה ביבשה, שהיא יורדת לגרונו של הדג וחונקתו.

ר׳ עזריה ור׳ יונתן בר׳ חגי בשם ר׳ יצחק בר מריון בשם ר׳ חנינא: יש לך אדם שחוטא בארץ ואינו חוטא בשמים; בשמים ואינו חוטא בארץ. אבל מי שאומר לשון הרע חוטא בשמים ובארץ, שנאמר (תהלים עג): שתו בשמים פיהם, ולשונם תהלך בארץ. א״ר אלעזר: מצינו, שהם מהלכים בשמים, ולשונם שותתה בארץ; מה טעם? שתו בשמים פיהם, ולשונם תהלך בארץ. א״ר יוחנן: אין אדם אומר לשון הרע, עד שהוא כופר בעיקר, שנאמר (שם יב): אשר אמרו: ללשוננו נגביר, שפתינו אתנו, מי אדון לנו? אמר ר׳ יצחק: (שם נ): בינו נא זאת, שכחי אלוה, אלה שהן אומרין לשון הרע, שנאמר: אשר אמרו: ללשוננו נגביר, שפתינו אתנו, מי אדון לנו?

יח (יד)

(יג) גם זה ראיתי חכמה תחת השמש. א״ר שמואל בר אימי: זו מחשבתן של רמאין ברמיותן, כגון המערב מים ביין, בלבקי בשמן, מי מאיס בדבש, חלב חמור בקטף, קומוס במור, עלי גפ-

---

צונג זיינען מיר שטאַרק, אונדזערע ליפּן זיינען מיט אונדז, ווער איז האַר איבער אונדז?

יח (יד)

(יג) גם זה — אויך דאָס האָב איך געזען אַ חכמה אונטער דער זון. ר׳ שמואל בר אימי האָט געזאָגט: דאָס איז די [בייזע] מחשבה פון די שווינדלערס ביי זייערע שווינדלערייען, אַ שטייגער דער וואָס מישט אַריין וואַסער אין וויין, זאַפט פון האָרן-מאָן אין בוימל, זאַפט פון ווילדע יאַגעדעס אין האָניק, אייזל-מילך אין באַלזאַם, פעד־זאַפט אין מירע, וויין בלעטלעך

[אין בשמים בלעטלעך, רויטע פליסיקייט אין סאַק, וויקע] [1] אין פעפער. מע טאָר ניט מאַכן קיין וואָג־שטאַנג לאַנג אין איין זייט און קורץ אויף דער צווייטער זייט; מע טאָר ניט מאַכן קיין קויף־ווישער [2] ברייט אין איין זייט און שמאָל אין דער צווייטער זייט. אַ וואָג שטאַנג און אַ קויף־ווישער וואָס האָבן אַ בית־קיבול [3] אויף [אַריינצולייגן] מעטאַלן,[4] און אַ קאַראַמיסלע וואָס האָט אַ בית־קיבול אויף געלט,[5] און אַן אָרימאַנס אַ שטאַק, וואָס האָט אַ בית־קיבול אויף וואַסער, און אַ שטעקן וואָס האָט אַ בית־קיבול אויף אַ מזוזה און אויף [אַריבערצוגנבענען] פערל,[6] — דאָס אַלץ איז מקבל טומאה.[7] און וועגן דעם אַלעמען האָט ר׳ יוחנן [בן זכאי] [8] געזאָגט: „ווײ איז מיר, אויב איך זאָג; ווײ איז מיר, אויב איך זאָג ניט. זאָג איך, לערנען איך מיט דעם די שווינדלערס; זאָג איך ניט, האַלט איך אָפּ דאָס לערנען [פונעם תלמיד], און ער וועט מטמא זיין דאָס ריינע".[9] אַן אַנדער פשט: [מע דאַרף עס יאָ זאָגן], כדי די שווינדלערס זאָלן ניט מיינען, אַז „די חכמים קענען זיך ניט אויס אויף אונדזערע מעשים". ר׳ שמואל האָט געזאָגט: פונדעסט־וועגן (הושע יד, י): כי ישרים — דען רעכטפאַרטיק זיינען די וועגן פון גאָט, די צדיקים גייען אין זיי, און די זינדיקע ווערן געשטרויכלט אין זיי.

## יט (טו)

(יד—טו) עיר — אַ שטאָט אַ קליינע, דאָס איז די וועלט; און מענטשן אין איר זיינען ווינציק, דאָס איז דער דור פון אנוש [1] און דער דור פון מבול; און עס איז געקומען אויף איר אַ גרויסער מלך, און האָט זי אַרומ־גערינגלט, דאָס איז דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא; און ער האָט געבויט אַרום איר גרויסע וואַלן,[2] מיט געשיקטקייט און ליסטיקייט. ומצא בה — און עס האָט זיך געפונען אין איר אַן אָרימאַן אַ חכם, דאָס איז נח, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ז, א): כי — וואָרום דיך האָב איך געזען אַ צדיק פאַר מיר אין דעם דאָזיקן דור; ומלט — און ער האָט מציל געווען די שטאָט מיט זיין חכמה, דען ער פלעגט זיי זאָגן: „ווײ, איר פוסטע קעפּ! מאָרגן קומט אַ מבול, טוט תשובה!" און זיי פלעגן אים זאָגן: „אויב ס׳וועט זיך אָנהייבן אַ צרה, וועט זי זיך פונעם הויז פון דעם דאָזיקן מענטשן

יח. [1] צוגעגעבן לויט ו, א. [2] אַ לאָפּעטקע אַראָפּצווווישן דעם קויפּ (איבערמאָס, ווערך פון אַ מאָס). [3] אַן אויסהוילונג. [4] און דורך דעם פעלשן וואָג און מאָס. [5] און מע קאָן אין דעם עפּעס פאַרגנבענען (זע ברטנורה, כלים יז, יט). [6] די אויסהוילונג אויף אַריינ־צולייגן אַ מזוזה דינט ווי אַ מיטל צו שמוגלען פערל (כהן, סאָנטשינא). [7] אויב זיי רירן זיך אָן אָן עפּעס וואָס איז טמא, ווערן זיי אויך טמא, ווייל זיי ווערן פאַררעכנט ווי כלים. [8] צוגעגעבן לויט כלים, דאָרט. [9] ניט ווויסנדיק אַז די דאָזיקע כלים זיינען מקבל טומאה, בלייבן זיי אין דער חזקה פון ריין, און קענען דערווייל מטמא זיין עפּעס אַנדערש. לויטן מהרז״ו דאַרף דער נוסח זיין פאַרקערט: ומטהר את הטמא — און עס וועט מטהר זיין דאָס אומריינע, און דאָס איז לאַגישער.

יט. [1] זע רשי און אונקלוס, בראשית ד, כו. — אויך אינעם דור פון אנוש זיינען די מענטשן פון דער וועלט געמינערט געוואָרן דורך אַ מבול (בראשית רבה ה, א). [2] ער האָט אָנגעשיקט אויף איר דעם מבול.

נים [בפליון, סקרא בציר, כרשינין] בפלפלין. **לא יעשה קנה מאזנים ארוך מצד זה וקצר מצד זה; לא יעשה את המחק עבה מצד זה וצר מצד זה.** קנה מאזנים ומחק שיש בהן בית קיבול מתכות, והאסיל שיש בו בית קיבול מעות, וקנה של עני שיש בו בית קיבול מים, ומקל שיש בו בית קיבול מזוזה ומרגלית, הרי אלו טמאין. **ועל כולם אמר ר׳ יוחנן [בן זכאי]: אוי לי אם אומר, אוי לי אם לא אומר. אם אומר, מלמד אני את הרמאין; אם לא אומר, אני מונע את התלמוד ומטמא את הטהרות. ד״א: שלא יהיו הרמאים הם סבורין, שאין החכמים בקיאין במעשה ידינו. א״ר שמואל: אף על פי כן** (הושע יד): כי ישרים דרכי ה׳, וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם.

יט (טו)

(יד—טו) עיר קטנה, **זה העולם**; ואנשים בה מעט, **זה דור אנוש ודור המבול**; ובא אליה מלך גדול וסבב אותה, **זה מלך מלכי המלכים הקב״ה**; ובנה עליה מצודים גדולים, **כמנון ועקמון.** ומצא בה איש מסכן וחכם, **זה נח, שנאמר** (בראשית ז): כי אתך ראיתי צדיק לפני בדור הזה; ומלט הוא את העיר בחכמתו, **דהוה אמר להו: „ווי, ריקייא! למחר מבולא אתי, עבדון תתובא! והוו אמרין ליה: „אן משרייא פורענותא, מן בייתיה דההוא גברא משרייא.״ כיון שמת מתושלח, אמרין ליה: „לא מביתיה דההוא גברא משרייא פורענותא?** ואדם לא זכר את האיש המסכן ההוא. **אמר להון הקב״ה: „אתון לא אדכרתוניה, אנא מדכר ליה״, שנאמר** (שם ח): ויזכר אלהים את נח, וגו׳.

כ (טז)

**ד״א:** עיר קטנה, **זה מצרים**; ואנשים בה מעט, **אלו המצרים;**

---

אַנהייבן״. אַז מתושלח איז געשטאָרבן, אַזוי האָבן זיי געזאָגט צו אים: „ניט פֿונעם הויז פון דעם דאָזיקן מענטשן האָט זיך אָנגעהויבן די צרה״ און קיינער האָט ניט געדענקט דעם דאָזיקן אָרימען מענטשן. **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „איר האָט אים ניט דערמאָנט, וועל איך אים דערמאָנען״, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ח, י): ויזכר — און גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן נחן.

כ (טז)

אַן אַנדער פשט: אַ שטאָט אַ קליינע, **דאָס איז מצרים**; און מענטשן אין

איר זיינען ווינציק, **דאָס זיינען די מצרים**;[1] און עס איז געקומען אויף איר אַ גרויסער מלך און האָט זי אַרומגערינגלט, **דאָס איז דער רשע פרעה**; און ער האָט געבויט אויף איר גרויסע וואַלן,[2] **מיט געשיקטקייט און ליסטיקייט**; און עס האָט זיך געפונען אין איר אַן אָרימאַן אַ חכם, **דאָס איז יוסף הצדיק**; און ער האָט מציל געווען די שטאָט מיט זיין חכמה, **דען ער האָט געזאָגט צו פרעהן** (דאָרט לד — לה): יעשה — זאָל פרעה דאָס טאָן, און זאָל ער באַשטימען אויפזעערס איבערן לאַנד — — —און זאָלן זיי אויפזאַמלען דאָס גאַנצע עסן פון די דאָזיקע גוטע יאָרן וואָס קומען; — און קיינער האָט ניט געדענקט דעם דאָזיקן אָרימען מענטשן. **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „איר האָט אים ניט דערמאָנט, וועל איך אים דערמאָנען"** (דאָרט מב, ו): ויוסף — און יוסף איז דער געוועלטיקער איבערן לאַנד.

כא (יז)

**אַן אַנדער פשט: אַ** שטאָט אַ קליינע, **דאָס איז מצרים**; און מענטשן אין איר זיינען ווינציק, **דאָס זיינען יוספס ברידער, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, ג): און יוספס ברידער האָבן אַראָפּגענידערט;[1] — און עס איז געקומען אויף איר אַ גרויסער מלך און האָט זי אַרומגערינגלט, **דאָס איז יוסף**; און ער האָט געבויט אויף איר גרויסע וואַלן, **דאָס זיינען די דריי באַפעלן וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, אַז קיין קנעכט זאָל ניט אַריינקומען קיין מצרים,[2] און אַז קיינער זאָל ניט אַריינקומען מיט צוויי אייזלען,[3] און אַז קיין מענטש זאָל ניט אַריינקומען, ביז עס וועט ניט פאַרשריבן ווערן זיין נאָמען און זיין טאַטנס נאָמען און זיין זיידנס נאָמען און זיין באָבעס נאָמען;**[4] און עס האָט זיך געפונען אין איר אַן אָרימאַן אַ חכם, **דאָס איז יהודה**; און ער האָט מציל געווען די שטאָט מיט זיין חכמה, **ווען ער האָט געזאָגט** (דאָרט מג, ט): אנכי — איך בין ערב פאַר אים, **און אויך ווען ער האָט געזאָגט צו יוספן** (דאָרט מד, לג): ישב — זאָל דיין קנעכט, איך בעט דיך, זיצן דאָ אַנשטאָט דעם יינגל; — און קיינער האָט ניט געדענקט [דעם דאָזיקן אָרימען מענטשן]. **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „איר האָט אים ניט דערמאָנט, וועל איך אים דערמאָנען"** (דאָרט מו, כח): ואת יהודה — און יהודהן האָט ער געשיקט פאַראויס צו יוספן.

כב (יח)

**אַן אַנדער פשט: אַ** שטאָט אַ קליינע **דאָס איז מצרים**; און מענטשן אין איר זיינען ווינציק, **דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים י, כב): בשבעים — מיט זיבעציק נפשות זיינען דיינע עלטערן אַראָפּ קיין מצרים;

כ. [1] אַ סך פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבן פון הונגער. [2] ער האָט זיי ניט געוואָלט פאַרקויפן קיין תבואה (בראשית רבה צא, ה).

כא. [1] מיט צוויי ווינציקער ווי זיי זיינען געווען. [2] כדי זיינע ברידער זאָלן זיין געצוואונגען אַליין צו קומען נאָך ברויט. [3] כדי אַלע זיינע ברידער זאָלן מוזן קומען [4] די דאָזיקע רשימות פלעגט מען שפּעטער ברענגען פאַר יוספן, האָט ער געקענט וויסן, ווען די ברידער קומען.

ובא אליה מלך גדול וסבב אותה, **זה פרעה הרשע**; ובנה עליה מצודים גדולים, **כמנון ועקמון**; ומצא בה איש מסכן וחכם, **זה יוסף הצדיק**; ומלט הוא את העיר בחכמתו, **שאמר לו לפרעה** (שם מא): יעשה פרעה ויפקד פקידים על הארץ, וגו׳, ויקבצו את כל אכל השנים. הטובות הבאות האלה, **וגו׳**; ואדם לא זכר את האיש המסכן ההוא. **אמר הקב״ה: אתון לא אדכרתוניה, אנא מדכר ליה״** (שם מב): ויוסף הוא השליט על הארץ.

כא (יז)

**ד״א:** עיר קטנה, **זו מצרים**; ואנשים בה מעט, **אלו אחי יוסף, שנאמר** (שם): וירדו אחי יוסף עשרה; — ובא אליה מלך גדול וסבב אותה, **זה יוסף**; ובנה עליה מצודים גדולים, **אלו שלש גזרות שגזר, שלא יכנס עבד למצרים, ולא יכנס אדם בשני חמורים, ולא יכנס אדם שלא יכתב שמו ושם אביו ושם זקנו ושם זקנתו**; ומצא בה איש מסכן וחכם, **זה יהודה**; ומלט הוא את העיר בחכמתו, **שאמר** (שם מג): אנכי אערבנו, **וגו׳, ועוד שאמר ליוסף** (שם מד): ישב נא עבדך תחת הנער, **וגו׳**; ואדם לא זכר, **וגו׳. אמר הקב״ה: „אתון לא אדכרתוניה, אנא מדכר ליה״** (שם מו): ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף.

כב (יח)

**ד״א:** עיר קטנה, **זו מצרים**; ואנשים בה מעט, **אלו ישראל, שנאמר** (דברים י): בשבעים נפש ירדו אבותיך מצרימה; — ובא אליה מלך גדול, **זה פרעה**; וסבב אותה ובנה עליה מצודים גדו־לים, **שגזר גזרות קשות זו מזו, שמנען מתשמיש המטה, ומשך להם בערלה, וגדל להם בלורית**; ומצא בה איש מסכן וחכם, **זה משה, שנאמר** (שמות יא): ויאמר משה: כה אמר ה׳: כחצות

---

— און עס איז געקומען אויף איר אַ גרויסער מלך, **דאָס איז פּרעה**; און ער האָט זי אַרומגערינגלט און האָט געבויט אויף איר גרויסע וואַלן, **דען ער האָט גוזר געווען גזרות איינע שווערער פון דער צווייטער, וואָרום ער האָט זיי פאַרמיטן פון תשמיש המטה,**[1] **און האָט זיי געצוואונגען אויסצוציען די פאָרהויט**[2] **און צו לאָזן וואַקסן אַ טשופּרינע**;[3] און עס האָט זיך געפונען אין איר אַן אָרימאַן אַ חכם, דאָס איז משה,[4] **ווי דער פסוק זאָגט** (שמות יא, ד):

כב. [1] **ער האָט זיי ניט געלאָזט זיך באַהעפטן מיט די ווייבער** (שמות רבה, א, יב). [2] **כדי מע זאָל ניט דערקענען, אַז זיי זיינען געמלט.** [3] **לויטן שטייגער פון די געצנדינער** (**די לעצטע צוויי גזרות שפּיגלען אָפּ די סיטואַציע אין דער צייט פון אנטיוכוס און אד־**

ויאמר — און משה האָט געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אַרום האַלבע נאַכט וועל איך אַרויסגיין אין מצרים — — —;[5] און ער האָט מציל געווען די שטאָט מיט זיין חכמה, ווי **דער פסוק זאָגט** (דאָרט יב, ז): ולקחו — און מע זאָל נעמען פון דעם בלוט און אַרויפטאָן אויף בײדע בייַשטידלעך — — —;[6] און קיינער האָט ניט געדענקט [דעם דאָזיקן אָרימען מענטשן.[7] **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „איר האָט אים ניט דערמאָנט, וועל איך אים דערמאָנען"** (ישעיה סג, יא): ויזכר — און ער האָט דערמאָנט די טעג פון אַמאָל, פון משהן.[8]

כג (יט)

**אַן אַנדער פשט:** אַ שטאָט אַ קליינע, **דאָס איז** [**דער באַרג**] **סיני;**[1] און מענטשן אין איר זיינען ווינציק, **דאָס איז ישראל;**[2] און עס איז געקומען אויף איר אַ גרויסער מלך, **דאָס איז דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא;** און ער האָט זי אַרומגערינגלט און געבויט אויף איר גרויסע וואַלן, **דאָס זיינען די צוויי הונדערט אַכט און פערציק געבאָטן און דריי הונדערט פינף און זעכציק פאַרבאָטן;** און עס האָט זיך געפונען אין איר אַן אָרימאַן אַ חכם, **דאָס איז משה, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות יט, יג): לא תגע — קיין האַנט זאָל זיך ניט אָנרירן אָן אים; — און ער האָט מציל געווען די שטאָט מיט זיין חכמה, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, יב): כל — איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן דעם באַרג, זאָל געטייט ווערן;[3] — און קיינער האָט ניט געדענקט, **אא"וו. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „איר האָט אים ניט דערמאָנט, וועל איך אים דערמאָנען"** (מלאכי ג, כב): זכרו — געדענקט די תורה פון משה מיין קנעכט.

כד (כ)

**אַן אַנדער פשט:** אַ שטאָט אַ קליינע, **דאָס איז** [**דער באַרג**] **סיני;** און מענטשן אין איר זיינען ווינציק, **דאָס איז ישראל;** און עס איז געקומען אויף איר אַ גרויסער מלך, **דאָס איז דער יצר הרע;**[1] און געבויט אויף איר גרויסע וואַלן, **ווי דער פסוק זאָגט** (שמות לב, ד): אלה — דאָס איז דיין גאָט, ישראל;[2] און עס האָט זיך געפונען אין איר אַן אָרימאַן אַ חכם, **דאָס איז משה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, יא): למה — פאַרוואָס, גאָט, זאָל ברענען דיין צאָרן אויף דיין פאָלק? — און קיינער האָט ניט געדענקט, **אא"וו. האָט הקדוש ברוך**

---

ריאנוס). [4] אפשר ווייל ער האָט קיינמאָל פון קיינעם גאָרניט גענומען (במדבר טז, טו) אָדער ווייל ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון מצרים מיט ליידיקע הענט. [5] און דאַן זיינען אַלע מצרישע בכורים אויסגעשטאָרבן. [6] פון די הייזער פון ישראל, כדי דער מלאך המות זאָל זיי איבערהיפּערן. [7] דאָס פאָלק האָט פאַרגעסן וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיי, און מע איז כסדר געווען אומצופרידן. [8] אַזוי לויטן דרש.

כג. [1] וואָס איז דער קלענסטער פון די בערג (סוטה ה, א). [2] זע דברים ז, ז. [3] און מיט זיין וואָרנונג האָט ער זיי געראַטעוועט פון דער שטראָף.

כד. [1] וואָס באַזיצט אַ שטאַרקן כוח. [2] ער האָט זיי אָנגערעדט צו מאַכן דעם עגל הזהב.

הלילה, **וגו׳;** ומלט הוא את העיר בחכמתו, **שנאמר** (שם יב): ולקחו מן הדם, **וגו׳;** — ואדם לא זכר את האיש המסכן ההוא. **אמר הקבה: „אתון לא אדכרתוניה, אנא מדכר ליה״** (ישעיה סג): ויזכר ימי עולם, משה.

כג (יט)

**ד״א:** עיר קטנה, **זה סיני;** ואנשים בה מעט, **אלו ישראל;** ובא אליה מלך גדול, **זה מלך מלכי המלכים, הקב״ה;** וסבב אותה ובנה עליה מצודים גדולים, **אלו מאתים וארבעים ושמונה מצות עשה ושלש מאות וששים וחמש מצות לא תעשה;** ומצא בה איש מסכן וחכם, **זה משה, שנאמר** (שמות יט): לא תגע בו יד; — ומלט הוא את העיר בחכמתו, **שנאמר** (שם): כל הנוגע בהר מות יומת; — ואדם לא זכר, **וגו׳. אמר הקב״ה: „אתון לא אדכרתוניה, אנא מדכר ליה״** (מלאכי ג): זכרו תורת משה עבדי.

כד (כ)

**ד״א:** עיר קטנה, **זה סיני;** ואנשים בה מעט, **אלו ישראל;** ובא אליה מלך גדול, **זה יצר הרע;** ובנה עליה מצודים גדולים, **שנאמר** (שמות לב): אלה אלהיך, ישראל; ומצא בה איש מסכן וחכם, **זה משה; שנאמר** (שם): למה, ה׳, יחרה אפך בעמך? — ואדם לא זכר, **וגו׳. אמר הקב״ה: „אתון לא אדכרתוניה, אנא מדכר ליה״** (תהלים קו, כג): ויאמר להשמידם, לולי משה בחירו, **וגו׳.**

כה (כא)

**ד״א:** עיר קטנה, **זה בית הכנסת;** ואנשים בה מעט, **זה ציבור;** ובא אליה מלך גדול, **זה מלך מלכי המלכים, הקב״ה;** וסבב אותה ובנה עליה מצודים גדולים, **זה כמנון ועקמון;** ומצא בה

---

**הוא געזאָגט: „איר האָט אים ניט דערמאָנט, וועל איך אים דערמאָנען״** (תהלים קו, כג): ויאמר — און ער האָט געוואָלט זיי פאַרטיליקן, ווען ניט משה זיין אויסדערוויילטער.

כה (כא)

**אַן אַנדער פשט:** אַ שטאָט אַ קליינע, **דאָס איז די שול;** און מענטשן אין איר זיינען ווינציק, **דאָס איז דער ציבור;** און עס איז געקומען אויף איר אַ גרויסער מלך, **דאָס איז דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא;** און ער האָט זי אַרומגערינגלט און געבויט אויף איר גרויסע וואַלן, **דאָס מיינט געשיקטקייט און ליסטיקייט;**[1] און עס האָט זיך געפונען אין איר אַן

אָרימאַן אַ חכם, דאָס מיינט מען דעם זקן, דעם חכם, אָדער דעם חזן,[2] וואָרום ווען דער זקן זיצט און דרשנט, און מע ענטפערט נאָך אים[3]: ,,אמן, זאָל זיין גרויסער נאָמען זיין געבענטשט," — איז אפילו אויב איינער האָט געהאַט אויף זיך הונדערט יאָר אַ צעטל מיט גזירות, איז אים גאָט מוחל אַלע זיינע זינד; און קיינער האָט ניט געדענקט, אא"ו. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: ,,איר האָט אים ניט דערמאָנט, וועל איך אים דערמאָנען" (ויקרא יט, לב): מפני — פאַר אַ גרייז זאָלסטו אויפשטיין, און זאָלסט לייגן כבוד אויף אַ זקן.

כו (סב)

אַן אַנדער פשט: אַ שטאָט אַ קליינע, דאָס איז דער גוף; און מענטשן אין איר זיינען ווינציק, דאָס זיינען זיינע איברים; און עס איז געקומען אויף איר אַ גרויסער מלך, דאָס איז דער יצר הרע; און פאַרוואָס רופט דער פסוק דעם יצר הרע גרויסער? ווייל ער איז עלטער פונעם יצר טוב מיט דרייצן יאָר; — און ער האָט זי אַרומגערינגלט און געבויט אויף איר גרויסע וואַלן, מיט געשיקטקייט און ליסטיקייט; און עס האָט זיך געפונען אין איר אַן אָרימאַן אַ חכם, דאָס איז דער יצר טוב; און פאַרוואָס רופט מען אים אָרי-מאַן? ווייל ער געפינט זיך ניט ביי מערסטע מענטשן, און מערסטע מענטשן הערן זיך ניט צו צו אים; און ער האָט מציל געווען די שטאָט מיט זיין חכמה, וואָרום איטלעכער וואָס הערט זיך צו צום יצר טוב ווערט ניצול, — דוד האָט געזאָגט: ,,וואויל איז דעם וואָס הערט זיך צו צו אים", דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (תהלים מא, ב): אשרי — וואויל איז דעם וואָס לייגט אַכט אויפן אָרימאַן; — און קיינער האָט ניט געדענקט. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: ,,איר האָט אים ניט דערמאָנט, וועל איך אים דערמאָנען" (יחזקאל לו, כו): והסירותי — און איך וועל אָפּטאָן דאָס שטיינערנע האַרץ פון אייער לייב, און וועל אייך געבן אַ האַרץ פון פלייש.

כז (כג)

(טז) ואמרתי — און איך האָב מיר געזאָגט: חכמה איז בעסער פון גבורה, הגם די חכמה פונעם אָרימאַן ווערט פאַראַכט. האָט ר' יוחנן געזאָגט: איז דען די חכמה פון ר' עקיבאן, וואָס איז געווען אַן אָרימאַן, פאַראַכט געוואָרן? נייערט דאָ מיינט מען אַ זקן וואָס זיצט [און דרשנט], און ער איז אָרים[1] אין זיינע ווערטער. אַ שטייגער, אַ זקן זיצט און דרשנט (דברים יז, יט): לא תכיר — דו זאָלסט ניט דערקענען קיין פנים, און ער דערקענט; דו זאָלסט ניט נעמען קיין שוחד, און ער נעמט; ,,דו זאָלסט ניט אַנטלייען אויף

---

כה. [1] גאָט האָט זיי צוגעשיקט מענטשן געשיקטע און קלוגע, ווי ווייטער, כדי זיי זאָלן וויסן, ווי זיך אויסצוהיטן פון זינד. [2] וואָס זיינען געוויינלעך געווען אָרימעלייט. (זקן איז דאָ אַ סינאָנים פון חכם, לויט דער גמרא אין קידושין לב, ב: ואין זקן אלא חכם — זקן מיינט ניט אַנדערש נייערט אַ תלמיד חכם.) [3] ביים קדיש, וואָס מע זאָגט נאָך דער דרשה.

איש מסכן וחכם, **זה הזקן, החכם, או החזן, שבשעה שהזקן יושב ודורש, ועונין אחריו: „אמן, יהי שמו הגדול מבורך", — אפילו יש לו שטר גזירות של מאה שנה, הקב"ה מוחל על כל עונותיו;** ואדם לא זכר, וגו', **— אמר הקב"ה: „אתון לא אדכרתוניה, אנא מדכר ליה"** (ויקרא יט): מפני שיבה תקום, והדרת פני זקן.

כו (כב)

**ד"א:** עיר קטנה, **זה הגוף;** ואנשים בה מעט, **אלו איבריו;** ובא אליה מלך גדול, **זה יצר הרע; ולמה הוא קורא ליצר הרע** גדול? **שהוא גדול מיצר טוב שלש עשרה שנה;** וסבב אותה ובנה עליה מצודים גדולים, **כמנון ועקמון;** ומצא בה איש מסכן וחכם, **זה יצר טוב; למה קורא אותו** מסכן? **שאינו מצוי בכל הבריות, ואין רובן של בריות נשמעין לו;** ומלט הוא את העיר בחכמתו, **שכל השומע ליצר טוב נמלט. — אמר דוד: טוביה למאן דשמע לו, הה"ד** (תהלים מא): אשרי משכיל אל דל; ואדם לא זכר. **אמר הקב"ה: „אתן לא אדכרתוניה, אנא מדכר ליה"** (יחזקאל לו): והסירותי את לב האבן מבשרכם, ונתתי לכם לב בשר.

כז (כג)

(טז) ואמרתי אני: טובה חכמה מגבורה, וחכמת המסכן בזויה. **א"ר יוחנן: וכי חכמתו של ר' עקיבא, שהיה מסכן, בזויה היתה? אלא זה זקן שהוא יושב ומסכן בדבריו. כגון זקן שהוא יושב ודורש** (דברים יז): לא תכירו פנים, **והוא מכיר;** (שם) לא תקח שחד, **והוא לוקח; „לא תלוה ברבית", והוא מלוה. שמשון הלך אחר עיניו** (שופטים טז, כ): והוא שפט את ישראל עשרים שנה; **גדעון [עבד עבודת כוכבים], שנאמר** (שם ח): ויעש אותו גדעון לאפוד, **וגו', והוא שפט את ישראל. הוי, אין** מסכן, **אלא מי שמסכין את דבריו.**

---

צינדזן", און ער אַנטלייט. שמשון איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיינע אויגן,[3] (שופ־טים טו, כ): והוא שפט — און ער האָט געמשפּט ישראל צוואַנציק יאָר; גדעון [האָט געדינט דער עבודה זרה],[4] ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט ח, כז): ויעש — און גדעון האָט געמאַכט פון דעם אַן אפוד, און ער האָט געמשפּט ישראל. זעסטו, אַז אָרימאַן מיינט ניט אַנדערש, נייערט איינער וואָס פאַר־אָרימט זיינע ווערטער.

---

כז. [3] אין רות רבה א, ב, איז דער נוסח בזוי בדבריו, מבוזה דורך זיינע אייגענע ווער־

## כח (כד)

(יז) דברי — די גלאַטענע ווערטער פון די חכמים ווערן מער געהערט, דאָס זיינען די דרשנים; איידער דאָס געשריי פון אַ הערשער צווישן נאַראָנים, דאָס זיינען די פאַרטייטשערס וואָס שטייען איבערן עולם.[1]

אַן אַנדער פשט: די גלאַטענע ווערטער פון די חכמים ווערן מער געהערט, דאָס איז עמרם און זיין בית־דין. ר׳ בון האָט געזאָגט: זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען הינטער אַ מויער אָדער הינטער אַ פּלויט;[2] זיי האָבן געזאָגט: „וואָס קומט אונדז אַרויס פון דעם, וואָס מיר נעמען ווייבער און באַהעפטן זיך מיט זיי[3] און וואַרפן [די קינדער] אין טייך אַריין? קאָן זיך אַזוי האַלטן אַ וועלט?״ איידער דאָס געשריי פון אַ הערשער צווישן נאַראָנים, דאָס איז פּרעה, וואָס האָט גוזר געווען (שמות א, כב): כל הבן — יעדער זון וואָס וועט געבוירן ווערן, זאָלט איר אים אין טייך אַריינוואַרפן, און דאָס לאַנד[4] האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף זיין גזירה.[5]

## כט (כה)

(יח) טובה — בעסער חכמה איידער כלי־זין: [בעסער חכמה], דאָס איז די חכמה פון יעקב אבינו; איידער כלי זיין פון עשו הרשע. ר׳ לוי האָט געזאָגט [יעקב] האָט זיי[1] באַוואָפנט מיט כלי זיין פון אינעווייניק[2] און האָט זיי אָנגעטאָן אין ווייסן[3] פון דרויסן, און האָט זיך צוגעגרייט אויף דריי זאַכן: אויף תפילה, אויף מתנה, און אויף מלחמה. „אויף תפילה״ — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (בראשית לב, יב): הצילני — זיי מיך מציל, איך בעט דיך, פון דער האַנט פון מיין ברודער; „אויף מתנה״ — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, יט): ואמרת זאָלסט זאָגן: פון דיין קנעכט יעקב איז עס אַ מתנה געשיקט; „אויף מלחמה״ פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט לג, ב—ג): וישם און ער האָט געשטעלט די דינסטן [און זייערע קינדער צוערשט] — — — און ער איז אַוועק זיי פאָראויס, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד, — ער האָט געזאָגט: „בעסער זאָל ער מיך באַפאַלן, איידער מיינע קינדער״. (דאָרט, טז) וישב — און עשו האָט זיך אומגעקערט יענעם טאָג אויף זיין וועג קיין

---

טער. זע אין אונדזער אויסגאַבע די באַמערקונגען דאָרט. [2] ער לאָזט זיך דערקענען צו אַ פריינט און טוט אים אַ טובה ביי אַ משפט. [3] זיי נאָכגעגעבן וואָס זיי האָבן געוואָלט, און געוויזן אַנדערע אַ שלעכטן ביישפּיל. [4] צוגעגעבן לויט רות רבה דאָרט.

כח. [1] זע אויבן ז, יב, און באַמערקונגען [2] ווייל פרעה האָט פאַרבאָטן דעם יידישן בית־דין צו פונקציאָנירן, און זיי האָבן געמוזט זאָגן זייערע ווערטער גלאַטן און שטיל. [3] ווערטערלעך: און פאַרזייען. [4] געביטן בדינא אויף מדינתא. לויטן מתנות כהונה, וואָס וויל אויפהאַלטן דעם נוסח בדינא, דאַרף עס מיינען: און עס איז ניט געווען דער דין פון הימל מע זאָל לייגן אַכט אויף זיין גזירה. דער רד״ל וויל אָנשטאָט בדינא לייענען בר־נש, קיין מענטש האָט ניט געלייגט קיין אַכט — — —. [5] דער פסק פון עמרמס בית דין אָפּצוגטן די ווייבער איז יאָ אויסגעפאָלגט געוואָרן (ביז מרים האָט זיי באַווירקט אים בטל צו מאַכן — סוטה יב, א), אָבער פרעהס גזירה איז געבראָכן געוואָרן דורך זיין אייגענער טאָכטער, ווען זי האָט געראַטעוועט משהן.

כח (כד)

(יז) דברי חכמים בנחת נשמעים, **אלו הדרשנים**; מזעקת מושל בכסילים, **אלו המתורגמנין שעומדים על הציבור.**

**ד״א:** דברי חכמים בנחת נשמעים, **זה עמרם ובית דינו. א״ר בון: נמנו אחר הגפה ואחר הגדר; אמרו: „מה הנאה יש לנו, שאנו נושאים נשים וזורעים ומשליכים ליאור? עד כאן העולם יתקיים?** מזעקת מושל בכסילים, **זה פרעה, דהוה גזר** (שמות א, כב): כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, **וגו׳, ולא הות (בדינא) [מדינתא] משגחא על גזירתיה.**

כט (כה)

(יח) טובה חכמה מכלי קרב: [טובה חכמה], **זו חכמתו של יעקב אבינו;** מכלי קרב **של עשו הרשע. א״ר לוי: זיינם כלי זיין מבפנים והלבישן לבנים מבחוץ, והתקין עצמו לשלשה דברים: לתפלה, לדורון ולמלחמה. „לתפלה״ מניין? שנאמר** (בראשית לב): הצילני נא מיד אחי; **„לדורון״ מניין? שנאמר** (שם): **ואמרת:** לעבדך ליעקב מנחה היא שלוחה; **„למלחמה״ מניין? שנאמר** (שם, לג): וישם את השפחות, **וגו׳,** והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה, — **אמר: „מוטב שיפגע בי ולא בבני״.** (שם): וישב ביום ההוא עשו לדרכו שעירה, — **ולמה שעירה? ר׳ אלעזר ור׳ שמואל בר נחמני. ר׳ אלעזר אמר: מפני שטר חוב. ור׳ שמואל אמר: מפני הבושה.**

וחוטא אחד יאבד טובה הרבה, **זה עשו הרשע, שאבד כל הטובות והמתנות של עולם הבא.**

---

שעיר, — **פאַרוואָס קיין שעיר? [זאָגן וועגן דעם] ר׳ אלעזר און ר׳ שמואל** בר נחמני. **ר׳ אלעזר**[4] **האָט געזאָגט: צוליבן שטר־חוב.**[5] **ר׳ שמואל**[6] **האָט געזאָגט: צוליב חרפּה.**[7]

וחוטא — און איין זינדיקער מאַכט קאַליע אַ סך גוטס, **דאָס איז עשו הרשע, וואָס האָט [זיך] קאַליע געמאַכט אַלע גוטסקייטן און גאָבן פון יענער וועלט.**

---

כט. [1] **זיינע מענטשן, ווען ער האָט זיך גערדאַרפט באַגעגענען מיט עשון.** [2] **אונטער די קליידער.** [3] **ווי אַ סימן, אַז ער וויל שלום.** [4] **אין** בראשית רבה פב, יג, **איז דער נוסח** ר׳ אליעזר. [5] **צוליב דעם וואָס עס איז פאַרשריבן געוואָרן ביי אברהמען** (בראשית טו, יג): אַז פרעמדע וועלן זיין דיינע קינדער אין אַ לאַנד וואָס איז ניט זייערס, **און עשו האָט ניט געוואָלט זיין אין דעם, האָט ער זיך אָפּגעטיילט פון אברהמס משפחה** (מתנות כהונה). [6] **אין** בראשית רבה — ר׳ יהושע בן לוי. [7] **וואָס ער האָט פאַרקויפט די בכורה.**

ל (כו)

אַן אַנדער פּשט: בעסער חכמה, דאָס איז די חכמה פון סרח [1] די טאָכטער פון אָשר; איידער כלי זיין, איידער די כלי זיין פון יואבן, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל ב, כ, טז—יז): ותקרא — האָט אַ קלוגע פרוי גערופן פון דער שטאָט — — — [דערנענטער זיך אַהער], מיינט עס, אַז ער איז געווען ווייט; און ער האָט זיך דערנענטערט צו איר, און די פרוי האָט געזאָגט צו אים: [„ביסטו עס יואב?] דו ביסט ניט יואב, דו ביסט אַ פאַרברעכער, דו ביסט ניט [ווערט] דיין נאָמען;[2] ניט דו ביסט אַ בן־תורה און ניט דוד איז אַ בן־תורה. שטייט דען ניט געשריבן אין דער תורה (דברים כ, י): כי תקרב — אַז דו וועסט גענענען צו אַ שטאָט מלחמה צו האַלטן אויף איר, זאָלסטו אויסרופן צו איר שלום? אפשר [גלייך זיך לאָזן] אויף מלחמה?" ווי עס שטייט געשריבן (שמואל ב, כ, יח): ותאמר — האָט זי געזאָגט אַזוי צו זאָגן: רעדן האָט מען געדאַרפט רעדן צוערשט — — — [פרעגן ביי אבל[3]], וכן התמו,[4] — זי האָט געזאָגט צו אים: „האָבן זיך דען דאָ[5] געענדיקט די ווערטער פון דער תורה, אַז מע זאָל זיי ניט מקיים זיין?" האָט ער געזאָגט צו איר: „און ווער ביסטו?" האָט זי געזאָגט צו אים: „ווער איך בין? (דאָרט, יט): אנכי — איך בין [פון] די שלמותדיקע,[6] געטרייע פון ישראל, איך האָב עס משלים[7] געווען די צאָל[8] פון ישראל אין מצרים, איך האָב עס איבערגעגעבן[9] דעם וואָרהאַפטיקן[10] יוסף צום וואָרהאַפטיקן משה; ווילסטו טייטן אַ שטאָט און אַ מוטער אין ישראל?" — אַ שטאָט, דאָס איז אבל בית המעכה, „און מיך, וואָס איך בין אַ מוטער אין ישראל".[11] גלייך (דאָרט, כ): ויען — האָט געענטפערט יואב און געזאָגט: חלילה, חלילה מיר, — חלילה פאַר יואבן, חלילה פאַר דודן, חלילה פאַר זיין מלוכה,[12] נייערט (דאָרט, כא): לא כן — ניט אַזוי איז די זאַך, נייערט אַ מאַן פון דעם געבערג פון אפרים, שבע בן בכרי איז זיין נאָמען, האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אויפן מלך, אויף דודן.

אויב [עס שטייט שוין] אויפן מלך, צו וואָס נאָך אויף דודן? און אויב אויף דודן, צו וואָס נאָך אויפן מלך? האָבן געזאָגט ר' עזריה און ר' יונתן בר' חגי אין נאָמען פון ר' יצחק בר מריון: דיך צו לערנען, אַז איטלעכער וואָס איז

---

ל. [1] בראשית מו, יז; דאָרט שרייבט זיך דער נאָמען מיט אַ „לינקער" שין. לויטן ווייטערדיקן האָט זי זוכה געווען צו לעבן ביז אין די טעג פון דוד און יואב (זע אויך סוטה יג, א) [2] אין בראשית רבה צג, ט, ווערט יואב געטייטשט לויטן וואָרט אב, אַ פאָטער פאַר ישראל. [3] די באַלאַגערטע שטאָט. [4] לויטן פשט: און אַזוי וואָלט מען אָפּגעענדיקט. [5] געלייענט וכן, און אַזוי, ווי וכאן, און דאָ. [6] געטייטשט לויטן ווייטערדיקן דרש. [7] דער־גאַנצט. [8] מנין — אמוני. לויט דער אגדה איז סרח געבוירן געוואָרן ביים אַריינקומען קיין מצרים, און מיט איר איז גאַנץ געוואָרן די צאָל זיבעציק. [9] השלמתי — שלומי. [10] נאמן — אמוני. סרח האָט אָנגעוויזן משהן, וואו יוספס ארון געפינט זיך (סוטה, דאָרט). [11] וואָס האָט זוכה געווען אויפצושטעלן אַזוי פיל דורות דורך איר לאַנג לעבן. [12] געבויט

ל (כו)

ד"א: טובה חכמה, זו חכמה של סרח בת אשר; מכלי קרב, מכלי קרבו של יואב, שנאמר (שמואל ב, כ): ותקרא אשה חכמה מן העיר [ — — — קרב הנה], — מכן, דהוה רחיק; ויקרב אליה ותאמר, האשה: „[האתה יואב?] לא אתה הוא יואב, קוצר את, לית את לפום שמך; לא את בן תורה ולא דוד בן תורה. לא כתיב בתורה (דברים כ): כי תקרב אל עיר להלחם עליה, וקראת אליה לשלום? שמא למלחמה?" דכתיב (שמואל ב, שם): ותאמר לאמר: דבר ידברו בראשונה — — — [שאל ישאלו באבל], וכן התמו, אמרה לו: „עד כאן תמו דברי תורה שלא להתקיים?" אמר לה: „ואת מאן?" אמרה לו: „מאן אנא? (שם) אנכי שלומי אמוני ישראל, אני היא שהשלמתי מנינן של ישראל במצרים, אני היא שהשלמתי נאמן יוסף לנאמן משה; ואתה מבקש להמית עיר ואם בישראל?" — עיר זו אבל בית המעכה, „ולי, שאני אם בישראל". מיד (שם): ויען יואב ויאמר: חלילה, חלילה לי, וגו', — חלילה ליואב, חלילה לדוד, חלילה למלכותו. אלא (שם) לא כן הדבר, כי איש מהר אפרים, שבע בין בכרי שמו, נשא ידו במלך בדוד.

אם במלך, למה בדוד? ואם בדוד, למה במלך? א"ר עזריה ור' יונתן בר' חגי בשם ר' יצחק בר מריון: ללמדך, שכל המעיז פניו בתלמידי חכמים וגדול הדור, כאילו מעיז פניו במלך; עאכ"ו דוד, שהוא מלך וחכם וגדול הדור! אמר ר' יודן: כל המעיז פניו במלך, כאילו מעיז פניו בשכינה, דכתיב: נשא ידו במלך בדוד, — במלך, זה מלך מלכי המלכים, הקב"ה; ואחר כך בדוד, זה דוד מלך ישראל.

---

מעיז פנים תלמידי חכמים, אָדער אַ גדול הדור, איז ווי ער וואָלט מעיז פנים געווען דעם מלך;; אַ פשיטא שוין, [אויב ער איז מעיז פנים] דודן, וואָס ער איז אי אַ מלך, אי אַ חכם און אי אַ גדול הדור! ר' יודן האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס איז מעיז פנים דעם מלך, איז ווי ער וואָלט מעיז פנים געווען דער שכינה, ווי עס שטייט געשריבן: האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אויפן מלך, אויף דודן, — אויפן מלך, דאָס איז דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא; און נאָך דעם — אויף דודן, דאָס איז דוד דער מלך פון ישראל.

(דאָרט) תנו — גיט אַרויס אים אַליין, וועל איך אַוועקגיין. האָט זי געזאָגט צו אים: „פון וואַנען ווייסטו [אַז ער איז חייב מיתה]?" האָט ער געזאָגט צו איר: „איטלעכער וואָס איז מעיז פנים אַקעגן דעם מלכות פון דודס הויז ווערט פאַרמשפט פון אויבן". גלייך (דאָרט, כב): ותבא — איז די פרוי גע־קומען צום גאַנצן פאָלק מיט איר חכמה, און זי האָט געזאָגט צו זיי: „וועט איר זיך ניט צוהערן צו יואבן? וועט איר זיך ניט צוהערן צו דודן? וואָסער אומה האָט זיך געשטעלט קעגן זיי? וואָסער מלכות האָט זיך געשטעלט קעגן זיי?" האָבן זיי געזאָגט צו איר: „און וואָס וויל ער?" האָט זי געזאָגט צו זיי: „טויזנט מאַנסלייט". האָבן זיי געזאָגט צו איר: „יעדער איינער וועט געבן לויט וויפיל ער האָט [אין זיין משפחה]". האָט זי געזאָגט צו זיי: „איך וועל גיין און אים איינבעטן, אפשר וועט ער מינערן פון דעם". האָט זי זיך געמאַכט ווי זי גייט און קומט, און זי האָט געזאָגט צו זיי: „פינף הונדערט וויל ער". האָבן זיי געזאָגט צו איר: „יעדער איינער וועט געבן לויט וויפיל ער האָט". האָט זי געזאָגט צו זיי: „איך וועל גיין און אים איבערבעטן, אפשר וועט ער מינערן פון דעם". האָט זי זיך געמאַכט ווי זי גייט און קומט צוריק, און זי האָט געזאָגט צו זיי: „איין מענטשן וויל ער, און ער איז דאָ אַ פרעמ־דער". האָבן זיי געזאָגט צו איר: „ווער איז ער? דעם בעסטן פון שטאָט וואָלטן מיר אים דאַך אַוועקגעגעבן". האָט זי געזאָגט צו זיי: „שבע בן בכרי איז זיין נאָמען." גלייך האָבן זיי גענומען דעם קאָפּ פון שבע בן בכרי און האָבן אים אַריבערגעוואָרפן איבערן מויער.[13]

וחוטא אחד — און איין זינדיקער מאַכט קאַליע אַ סך גוטס, דאָס איז שבע בן בכרי.

לא (כז)

אַן אַנדער פשט: בעטער חכמה, דאָס איז די חכמה פון חזקיהו דעם מלך פון יהודה; איידער כלי זין פון סנחריבן. ר' לוי האָט געזאָגט: דריי מאָל האָט סנחריב פאַרטריבן [יידן] אין גלות: דאָס ערשטע מאָל האָט ער פאַר־טריבן דעם שבט ראובן און גד; דאָס צווייטע מאָל — די [איבעריקע פון די] צען שבטים; צום דריטן מאָל איז ער אַרויף אויף יהודה. גלייך האָט חזקיהו גענומען און זיי באַוואָפנט מיט כלי זיין פון אינעווייניק און האָט זיי אַנגעטאָן אין ווייסן פון דרויסן. און האָט זיך צוגעגרייט אויף דריי זאַכן: אויף תפילה, אויף אַ מתנה, און אויף מלחמה. אויף תפילה, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה לז, טו): ויתפלל — און חזקיה האָט מתפלל געווען צו גאָט. אויף אַ מתנה, ווי עס שטייט געשריבן (מלכים ב, יח, טז): בעת ההיא — אין יענער צייט

אויף דער איבערחזרונג פון חלילה. [13] פאַראַפראַזירטער טעקסט פון אונדזער פסוק.

(שם) תנו אותו לבדו ואלכה, וגו׳. אמרה ליה: „מנן את ידעית?״ אמר לה: „כל המחציף פניו במלכות בית דוד, מתחייב הוא מלעיל״. מיד (שם): ותבא האשה אל כל העם בחכמתה, אמרה לון: „לית אתון שמעון ביואב? ולית אתון שמעון בדוד? הידא אומה קמת בהון? הידא מלכות קמת בהון?״ אמרין לה: „ומה הוא בעי?״ אמרה לון: „אלף דגוברין״. אמרין לה: „כל בר נש יהיב לפום מה דאית ליה״. אמרה לון: „אנא אזלא ומפייסא ליה, דילמא דהוא פחית״. עבדא גרמה אזלא ואתיא; אמרה לון: „חמש מאון הוא בעי״. אמרין לה: „כל בר נש ובר נש יהיב לפום מה דאית ליה״. אמרה לון: „אנא אזלא ומחטא ליה, דילמא דהוה פחות מנהון״. עבדא נפשה היא אזלא והדרא; אמרה לון: „חד גבר הוא בעי, והוא אכסניא״. אמרין לה: „אן הוא? טב קרתא ניהביה ניהליה״. אמרה לון: „שבע בן בכרי שמו״. מיד ויקחו את ראש שבע בן בכרי וישליכו אותו בעד החומה. וחוטא אחד יאבד טובה הרבה, זה שבע בן בכרי.

לא (כז)

ד״א: טובה חכמה, זו חכמתו של חזקיהו מלך יהודה; מכלי קרב של סנחריב. א״ר לוי: שלש גלויות הגלה סנחריב: פעם ראשונה הגלה שבט ראובן וגד; שנייה — עשרת השבטים; שלישית בא על יהודה. מיד עמד חזקיהו וזיינם כלי זיין מבפנים והלבישם לבנים מבחוץ והתקין עצמו לשלשה דברים: לתפלה, לדורון ולמלחמה. לתפלה, דכתיב (ישעיה לז): ויתפלל חזקיהו לה׳. לדורון, דכתיב (מלכים ב, יח): בעת ההיא קצץ חזקיה את דלתות היכל ה׳ ואת האומנות, — מה הוא האומנות? ר׳ לוי אמר: ציפריא, ורבנן אמרין: שיגמיא. למלחמה, שנאמר (דברי הימים ב, לב): ויעש שלח לרב ומגנים. ונעץ חרב על פתח בית המדרש

---

האָט חזקיה אַרומגעהאַקט די טירן פון גאָטס טעמפּל און די אומנות, — וואָס מיינט אומנות? ר׳ לוי האָט געזאָגט: גירלאַנדעס, און די רבנן זאָגן: זאַוויעסעס.[1] אויף מלחמה, ווי דער פּסוק זאָגט (דברי הימים ב, לב, ה): ויעש — און ער האָט געמאַכט געווער אַ סך און שילדן. און ער האָט אַריינגעשטעקט אַ שווערד

**בײַ דער טיר פון בית מדרש און האָט געזאָגט: „איטלעכער וואָס וועט ניט לערנען קײן תורה, וועט די דאָזיקע שווערד אַריבערגײן איבער זײַן האַלדז״.**[2]
(מלכים ב, יח, לז) ויבא — און ס׳איז געקומען אליקים בן חלקיה, וואָס איבערן הויז, **דער וואַך-עלטסטער**, און שבנא דער שרײַבער, **דער עלטסטער פון די שרײַבערס**, און יואח בן יוסף דער דערמאָנער, **דער הויז-אויפזעער.**

וחוטא אחד — און אײן זינדיקער מאַכט קאַליע אַ סך גוטס, **דאָס איז סנחריב, ווי דער פסוק זאָגט** (דברי הימים ב, לב, כא): וישב — און ער האָט זיך אומגעקערט מיט אַ פאַרשעמט פּנים צו זײַן לאַנד; (מלכים ב, יט, לז) וימלך — און אויף זײַן אָרט האָט געקיניגט אסר חדון זײַן זון.

**ואמר: „כל מי שאינו עוסק בתורה, תהא החרב הזאת עוברת על צוארו״.** (מלכים ב, יח): ויבא אליקים בן חלקיהו אשר על הבית, **ספקלי**, ושבנא הסופר, סקיווי פטריי, ויואח בן אסף המזכיר, **סביא.**

וחוטא אחד יאבד טובה הרבה, **זה סנחריב, שנאמר** (דברי הימים ב, לב): וישב בבשת פנים לארצו; (מלכים ב, יט) וימלך אסר חדון בנו תחתיו.

---

לא. [1] **דאָס אַלץ איז געווען מיט גאָלד, און ווייטער שטייט:** און ער האָט עס געגעבן דעם מלך פון אשור. [2] **כדי דער זכות פון דער תורה זאָל אים ביישטיין אין זיין מלחמה מיט סנחריבן.**

# פרשה י

## א

(א) זבובי מות — טויטע פליגן פאַרשטינקען און צעבלעזלען דעם אייל פונעם זאַלבמישער, — בן עזאי און ר׳ עקיבא. בן עזאי האָט געזאָגט: איין פליג אַז זי שטאַרבט, פאַרשטינקט ניט און צעבלעזלט ניט דעם אייל פונעם זאַלבמישער;[1] אָבער דורך איין זינד[2] וואָס עמיצער זינדיקט מאַכט ער קאַליע פאַר זיך אַ סך גוטס. ר׳ עקיבא האָט געדרשנט (ישעיה ה, יד): לכן — דעריבער האָט די אונטערערד אויסגעברייטערט איר שלונג און אויפגעריסן איר מויל [פאַר דעם] וואָס איז אַן געזעץ,[3] — דאָ שטייט ניט „געזעצן", נייערט אַן געזעץ: דאָס איז דער וואָס עס פעלט אים איין מצווה, וואָס זאָל אַריבערוועגן אויף דער זייט פון זיינע זכיותן.[4]

די דורשי רשומות[5] זאָגן: אַ מענטש ווערט געמשפּט לויט זיין רוב [מעשים]; דאַרף ער זיך שטענדיק מעסטן [ווי ער וואָלט געווען] האַלב רעכטפאַרטיק און האַלב אַ בעל־חייב. האָט ער געטאָן אַ מצווה, איז וואויל צו אים, דען ער האָט זיך אַריבערגעוואויגן אויף דער זייט פון זכות; האָט ער עובר געווען אַן עבירה, איז ווי צו אים, דען ער האָט זיך אַריבערגעוואויגן אויף דער זייט פון שולד. ר׳ שמעון בן אלעזר האָט געזאָגט: ווייל דער יחיד ווערט געמשפּט לויט זיין רוב [מעשים] און די וועלט ווערט געמשפּט לויט איר רוב, איז דורך דעם איינציקן חטא וואָס דער דאָזיקער האָט געזינדיקט מאַכט ער קאַליע פאַר זיך און פאַר דער וועלט אַ סך גוטס.

## ב

אַן אַנדער פּשט: [דער פּסוק] טויטע פליגן פאַרשטינקען און צעבלעזלען דעם אייל פונעם זאַלבמישער רעדט וועגן דעם געזעמל פון קורחן. געכטן האָבן זיי געעיפּושט[1] קעגן משהן און געזאָגט: „ניט משה איז אַן אמתער נביא, און ניט אהרן איז אַ כוהן גדול, און ניט איז די תורה פון הימל;" און היינט רעדן זיי[2] [אַנדערע] ווערטער פאַר משהן און זיי זאָגן: „משה איז אַן אמתער נביא, און אהרן איז אַ כוהן גדול, און די תורה איז פון הימל".[3] יקר — טייערער פון חכמה, פון כבוד,[4] דאָס איז די נבואה [פון משהן];[5] די נאַרישקייט צו פאַרמינערן,[6] דאָס איז משהס גזירה, וואָס ער האָט געזאָגט (במדבר טז, ל): ואם — אויב אָבער אַ באַשאַפונג וועט גאָט באַשאַפן, און די ערד וועט אויפמאַכן איר מויל.[7]

---

א. [1] ווייל אין פּסוק שטייט פליגן, אין מערצאָל. [2] געלייענט אין לעצטן פּסוק וחטא אחד, אַנשטאָט וחוטא אחד. [3] געטייטשט לויטן דרש. [4] עס טרעפט, אַז אַ מענטש האָט גלייך אויף גלייך מצוות און עבירות, און איין מצווה קאָן דאַן מכריע זיין לכף זכות. [5] די וואָס טייטשן פּסוקים אַלעגאָריש, בדרך משל.

# פרשה י

## א

(א) זבובי מות יבאיש, יביע שמן רוקח, — **בן עזאי ור׳ עקיבא. בן עזאי אמר: זבוב אחד שמת, אינו מבאיש ומביע שמן רוקח; אלא בחטא יחידי שחטא, איבד ממנו טובה הרבה. דרש ר׳ עקיבא** (ישעיה ה): לכן הרחיבה שאול נפשה, ופערה פיה לבלי חק, — **„חקים״ אין כתיב כאן, אלא** לבלי חק: **מי שאין לו מצוה שתכריע לו על זכותיו.**

**דורשי רשומות אומרים: האדם נידון אחר רובו, ולעולם ימוד אדם עצמו חציו זכאי וחציו חייב. עשה מצוה אחת, אשריו שהכריע את עצמו לכף זכות; עבר עבירה אחת, אוי לו שהכריע את עצמו לכף חובה. אמר ר׳ שמעון בן אלעזר: לפי שהיחיד נידון אחר רובו והעולם נידון אחר רובו, בחטא יחידי שחטא זה איבד ממנו ומן העולם** טובה הרבה.

## ב

**ד״א:** זבובי מות יבאיש, יביע שמן רוקח **מדבר בעדת קרח: אתמול מבאישין כנגד משה ואומרין: „לא משה נביא אמת, ולא אהרון כהן גדול, ולא תורה מן השמים״; והיום מביעים דברים לפני משה ואומרים: „משה נביא אמת, ואהרן כהן גדול, ותורה מן השמים״.** יקר מחכמה, מכבוד, **זו הנבואה;** סכלות מעט, **זו גזירתו של משה, שאמר** (במדבר טז): ואם בריאה יברא ה׳ ופצתה האדמה את פיה.

**ד״א:** זבובי מות יבאיש, יביע שמן רוקח, וגו׳, **מדבר בדואג**

---

**אַן אַנדער פשט: [דער פסוק]** טויטע פליגן פאַרשטינקען און צעבלעז־לען דעם אייל פונעם זאַלבמישער רעדט וועגן דואגן און אחיתופלן[8]: **נעכטן**

---

ב. [1] מבאישין — יבאיש. [2] מביעים — יביעו. [3] זע בבא בתרא עד, א. [4] געטייטשט לויטן דרש. [5] וואָס האָט זיי פאַראויסגעזאָגט אַ ביטערן סוף. [6] לויטן דרש (זע רד״ל). [7] און ווען די ערד האָט פאַרשלונגען קורחן מיט די זייניקע, איז דאָס נאַרישקייט אויף דער ערד פאַרמינערט געוואָרן. עס איז אויך מעגלעך, אַז כאָטש משה איז געווען גערעכט, איז דעם בעל אגדה דאָך געווען דערווידער זיין עקסטרעמע שטרענגקייט קעגן קורחן,

האָבן זיי געעיפּושט ווערטער קעגן דודן און האָבן געזאָגט: „פון אַ פּסולער משפּחה איז ער; שטאַמט ער ניט פון רות דער מואבישער [9] ?" און היינט רעדן זיי [אַנדערע] ווערטער און שעמען זיך. טייערער פון חכמה, פון כבוד, דאָס איז די נבואה פון דודן;[10] די נאַרישקייט צו פאַרמינערן (תהלים נה, כד): ואתה — און דו, גאָט, וועסט זיי אַראָפּנידערן אין קבר־גרוב.

אַן אַנדער פּשט: [דער פּסוק] טויטע פליגן פאַרשטינקען און מאַכן בלעזלען דעם אייל פונעם זאַלבמישער רעדט וועגן דעם דור פון אליהו הנביא: נעכטן האָבן זיי געעיפּושט ווערטער קעגן אים און געזאָגט (מלכים א, יח, כו): הבעל — בעל, ענטפער אונדז; און היינט רעדן זיי [אַנדערע] ווערטער און זאָגן (דאָרט, לט): ה׳ — גאָט, ער איז דער גאָט! גאָט, ער איז דער גאָט! — טייערער פון חכמה, פון כבוד, — פון חכמה, דאָס איז תורה, פון כבוד, דאָס איז די נבואה פון אליהון; די נאַרישקייט צו פאַרמינערן (דאָרט, מ): ויורידם — און אליהו האָט זיי אַראָפּגענידערט צום טייך קישון און האָט זיי דאָרטן אויסגעשאָכטן.

ג

(ב) לב — זאָס האַרץ [1] פון דעם חכם איז אויף זיין רעכטער זייט.[2] ר׳ חנינא בר פּפּא האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו צווי מענטשן וואָס האָבן געהאַט צוויי כור,[3] איינער מיט ווייץ און איינער מיט גערשטן. האָט איינער געזאָגט צום אַנדערן: „אויב דו [וועסט נעמען דעם כור] מיטן גערשטן, וועל איך [נעמען] דעם מיטן ווייץ; אויב איך [וועל נעמען] דעם מיטן ווייץ, וועסטו [נעמען] דעם מיטן גערשטן; סיי ווי וועל איך נעמען דעם מיטן ווייץ". אַזוי האָט אברהם געזאָגט צו לוטן (בראשית יג, ט): אם השמאל — אויב [דו וועסט גיין] לינקס, וועל איך זיך נעמען רעכטס; און אויב [דו וועסט גיין] רעכטס, ואשמאילה, — האָט ר׳ חנינא בר יצחק געזאָגט: דאָ שטייט ניט „אשמאלה",[4] נייערט אשמאילה[5]: „אפילו דו זאָלסט זיך שטאַרק שטעלן, וועל איך דיך מאַכן צו גיין לינקס".

רבי, ווען אַ מענטש פלעגט קומען צו משפּט פאַר אים, איז אויב ער האָט זיך צוגעהערט צום פּסק, איז געווען גוט; און אויב ניט, פלעגט ער זאָגן צו זיין הויז מענטשן: „פאַרנעם אים לינקס". פלעגט ער אים פאַרנעמען און אים וויזן דעם לעז־שטעקן [6] פון יענער זייט.[7]

---

און לויט דעם וואָלט מען געדאַרפט איבערזעצן סכלות מעט ווערטערלעך: אַ ביסל נאַריש־קייט, און אַזוי אויך די ווייטערדיקע פאַלן. [8] וועגן דעם ערשטן זע שמואל א, כב, ט—י, און יח; וועגן דעם צווייטן — שמואל ב, יז, א—ב. [9] פאַרגלייך אונדזער אויסגאַבע פון רות רבה ח, א. [10] ווי ביי משהן (באַמ. 5), און אַזוי ווייטער ביי אליהון.

ג. [1] דאָס אָרט פון חכמה און פאַרשטענדיקייט. [2] צום גוטן. [3] אַ תבואה מאָס. [4] אין בנין קל, מיט אַ סגל אונטער דער אלף און אַ חולם אויף דער מם, וואָס זאָל מיינען: „וועל איך גיין לינקס". [5] אין הפעיל, וואָס איז אַ פּועל יוצא, טראַנזיטיוו, און ס׳מיינט: איך וועל [דיך] מאַכן צו גיין לינקס. [6] אַ שטעקן וואָס מע באַנוצט ביים אַראָפּנעמען די טרויבן פונעם ווייַנשטאָק: ער האָט אים געסטראַשעט צו שלאָגן, אויב ער וועט ניט

**ובאחיתופל: אתמול מבאישן כנגד דוד ואומרים: „פסול משפחה הוא; לא מרות המואביה הוא?" והיום מביעין דברים ומתביישין.** יקר מחכמה, מכבוד, **זו נבואתו של דוד;** סכלות מעט (תהלים נה): ואתה, אלהים, תורידם לבאר שחת, **וגו'.**

**ד"א:** זבובי מות יבאיש, יביע שמן רוקח, **וגו', מדבר בדורו של אליהו: אתמול מבאישין דברים כנגדו ואומרין** (מלכים א, יח): הבעל, עננו; **והיום מביעין דברים ואומרים** (שם): ה' הוא האלהים! ה' הוא האלהים! — יקר מחכמה, מכבוד, — מחכמה, **זו תורה,** מכבוד, **זו נבואתו של אליהו;** סכלות מעט (שם): ויורידם אליהו אל נחל קישון וישחטם שם.

ג

(ב) לב חכם לימינו. **א"ר חנינא בר פפא: לשני בני אדם שהיו להם שני כורין, אחד של חטים ואחד של שעורים. אמר אחד מהן לחבירו: „אם את של שעורים, אני של חטים; אם אני של חטים, את של שעורים; כל עיקר אני נוטל של חטים". כך אמר אברהם ללוט** (בראשית יג): אם השמאל, ואימינה; ואם הימין, ואשמאילה. — **אמר ר' חנינא בר' יצחק: „אשמאלה" אין כתיב כאן, אלא** אשמאילה: **„אפילו את מחצף, אנא משמאיל לך".**

**רבי, כד הוה סליק בר נש לדינא קדמוהי, אין הוה שמע לדינא, הוה טבאות; ואי לא, הוה אמר לבר ביתיה: „אשמיל ליה". והוה מכוין ומחמי ליה קטיף מן הדין גיסא.**

**ד"א:** לב חכם לימינו, **זה יעקב, שנאמר** (שם לא): **ויקח יעקב** וישא את בניו ואת נשיו, **וגו';** ולב כסיל לשמאלו, **זה עשו הרשע, שנאמר** (שם לו): **ויקח עשו את נשיו ואת בניו.**

---

**אַן אַנדער פּשט:** דאָס האַרץ פון דעם חכם איז אויף זיין רעכטער זייט, **דאָס איז יעקב, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט לא, יז): ויקם — איז יעקב אויפ־געשטאַנען און האָט אַרויפגעזעצט זיינע קינדער און זיינע ווייבער — — —, ולב — און דאָס האַרץ פונעם נאַר איז אויף זיין לינקער זייט, **דאָס איז עשו הרשע, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט לו, ו): ויקח — און עשו האָט גענומען זיינע ווייבער און זיינע קינדער.[8]

---

אויספאָלגן דעם פּסק. [7] וואו ער פלעגט אים אָוועקפירן. לויטן אות אמת (ציטירט פון מתנות כהונה) **דאַרף דער נוסח זיין:** ומחוי ליה קטיף — און ער האָט אים געגעבן אַ שניידנדיקן קלאַפּ. [8] **עשו האָט דאָ באַוויזן, אַז ער איז להוט נאָך ווייבער, אַנדערש ווי יעקב.**

ד

(ג) וגם — און אויך אויפן וועג, ווען דער נאַר גייט, פעלט אים אוים זיין האַרץ, און ער זאָגט אַלעמען: ער איז אַ נאַר. דער נאַר מיינט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז נאַריש ווי ער; און ער ווייס ניט, אַז ער איז אַ נאַר, און דאָס גאַנצע פאָלק איז קלוג.[1]

ה

אם — אויב דער גייסט פון אַ העכערער קומט אַרויף אויף דיר,[1] פאַרלאָז ניט דיין אָרט: אויב דו קריגסט ממשלה, זאָלסטו ניט פאַרלאָזן דיין מידה פון עניוות. [דער פסוק קומט] דיך צו לערנען, אַז איטלעכער וואָס פאַרלאָזט זיין עניוות ברענגט אויף זיך דעם טויט און אַ זינד אויף זיין דור. און פון וועמען לערנסטו עס אָפּ? פון זכריהו, ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים ב, כד, כ): ורוח — און דער גייסט פון גאָט האָט באַקליידט זכריהן — — — און ער האָט זיך געשטעלט איבער דעם פאָלק, — איז ער דען געגאַנגען איבער די קעפּ פון פאָלק? נייערט ער האָט זיך געזען העכער פון דעם גאַנצן פאָלק: דעם קעניגס איידעם, און אַ כוהן, און אַ נביא, און אַ שופט. האָט ער אָנגעהויבן רעדן גרויסהאַלטעריש און ער האָט געזאָגט צו זיי [: אַזוי האָט גאָט געזאָגט]: פאַרוואָס טוט איר עובר זיין אויף די געבאָטן פון גאָט, אַז איר זאָלט ניט באַגליקן? גלייך (דאָרט, כא) האָבן זיי געמאַכט אויף אים אַ בונט און האָבן אים פאַרשטיינט מיט שטיינער אויפן באַפעל פון מלך.[2]

ר׳ יודן האָט געפרעגט ר׳ אחאן: וואו האָט מען געהרגעט זכריהן, אין דער עזרת ישראל, אָדער אין דער עזרת נשים? האָט ער אים געזאָגט: ניט אין דער עזרת ישראל און ניט אין דער עזרת נשים, נייערט אין דער עזרת כוהנים; און זיי האָבן זיך צומאָל ניט נוהג געווען מיט זיין בלוט ניט ווי מיטן בלוט פון אַ הירש און ניט ווי מיטן בלוט פון אַן אינד. וועגן בלוט פון אַן אינד און אַ הירש שטייט געשריבן (ויקרא יז, יג): און מע זאָל אויסגיסן זיין בלוט און עס פאַרדעקן מיט ערד. אָבער דער דאָזיקער צדיק, מיט זיין בלוט האָט מען זיך ניט נוהג געווען ניט ווי מיטן בלוט פון אַ הירש און ניט ווי מיטן בלוט פון אַן אינד. און פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי געווען? (יחזקאל כד, ח): להעלות — כדי אויפצוברענגען גרימצאָרן, כדי צו נעמען נקמה.

דו געפינסט, אַז בעת נבוזראדן איז אַרויף חרוב צו מאַכן ירושלים, האָט הקדוש ברוך הוא אַ וואונק געטאָן צום בלוט, און עס האָט אָנגעהויבן יוירן, ער הט געזאָגט צו דעם: „אָט איז די צייט פאַר דיר אויפצומאָנען דיין חוב״. האָט [נבוזראדן][3] געזאָגט צו זיי: „זאָגט מיר, וואָס איז עס פאַר אַ מין בלוט?״ האָבן זיי געזאָגט צו אים: „דאָס איז בלוט פון אָקסן און ווידערס און שעפּסן, וואָס מיר פלעגן מקריב זיין פאַר הקדוש ברוך הוא״. גלייך האָט ער געלאָזט ברענגען אַ סך אָקסן און ווידערס און שעפּסן און געשאָכטן

ד. [1] לויטן רד״ל ווערן דאָ דעם נאַרס ווערטער געדרשנט צוויי מאָל: און ער זאָגט אויף איטלעכן, אַז ער איז אַ נאַר — און ער זאָגט אויס איטלעכן [אויף זיך], אַז ער איז אַ נאַר.

ד

(ג) וגם בדרך כשהסכל הולך לבו חסר, ואמר לכל: סכל הוא. טפשא סבר, דכל עמא טפשין כוותיה; והוא לא ידע, דהוא טפשא, וכל עמא חכימין.

ה

(ד) אם רוח המושל תעלה עליך, מקומך אל תנח: כי באתה לך ממשלה, אל תנח מדת ענוותנותך. ללמדך, שכל המניח ענוותנותו, גורם מיתה (לעולמו) [לעצמו] וחטאת לדורו. וממי את למד? מזכריה, שנאמר (דברי הימים ב, כד): ורוח אלהים לבשה את זכריה, וגו׳, ויעמד מעל לעם, — וכי מעל לראשי העם היה הולך? אלא שראה את עצמו גדול מכל העם: חתן המלך, וכהן, ונביא, ודיין. התחיל מדבר גדולות ואומר להם: למה אתם עוברים את מצות ה׳, ולא תצליחו, וגו׳. מיד (שם) ויקשרו עליו וירגמוהו אבן במצות המלך.

ר׳ יודן שאל את ר׳ אחא: היכן הרגו את זכריה, בעזרת ישראל, או בעזרת נשים? א״ל: לא בעזרת ישראל ולא בעזרת נשים, אלא בעזרת כוהנים; ולא נהגו בדמו לא כדם צבי ולא כדם איל. כתיב בדם איל וצבי שנשפך דמו (ויקרא יז): ושפך את דמו וכסהו בעפר. אבל צדיק זה לא נהגו בדמו לא כדם צבי ולא כדם איל. וכל כך למה? (יחזקאל כד): להעלות חמה ולנקום נקם.

את מוצא, כשעלה נבוזראדן להחריב את ירושלים רמז הקב״ה לדם, והתחיל תוסס. אמר ליה: „הא עינתא דתגבי דייתיקי דידך״. אמר להן [נבוזראדן]: „אמרו לי, מה טיבו של דם זה?״ אמרו לו: „זה דם פרים ואילים וכבשים שהיינו מקריבים להקב״ה״. מיד הביא פרים ואילים וכבשים ושחט עליו הרבה, ולא עמד. אמר להון: „אי אמריתו לי, מוטב; ואי לא, אנא מסריקנא לבישרא דהנך אינשי במסריקין דפרזלא״. ולא אמרו. והשתא דאמר להו:

---

איבער דעם, אָבער עס האָט ניט אויפגעהערט [צו יוירן]. האָט ער געזאָגט צו זיי: „וועט איר מיר זאָגן, איז גוט; און אויב ניט, וועל איך קעמען אייערע לייבער מיט אײַזערנע קאַמען״. [צוערשט] האָבן זיי ניט געזאָגט: אָבער איצט, אַז ער האָט זיי געזאָגט [אויף זייער ענטפער]: „ס׳איז ניט אַזוי״,[4]

---

ה. [1] געטייטשט לויטן דרש: אויב דו ביסט עולה לגדולה. [2] זע אונדזער אויסגאַבע פון איכה רבה, ז׳ 50 באַמ. 19, 20; זע אויך אויבן, ג, כ, דעם גאַנצן ענין און די באַמערקונגען. [3] צוגעגעבן לויט אויבן, דאָרט. [4] מעגלעך, אַז דער טעקסט דאַרף אַזוי עמענ־

האָבן זיי געזאָגט צו אים: וואָס קענען מיר באַהאַלטן פון דיר? אַ נביא אַ כוהן האָבן מיר געהאַט, און ער פלעגט אונדז שטראָפן אין נאָמען פון גאָט: „נעמט אויף [גאָטס וואָרט]!" און מיר האָבן עס ניט אויפגענומען פון אים, נייערט מיר זיינען אויפגעשטאַנען אויף אים און אים געהרגעט". האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך וועל אים איינשטילן". האָט ער געלאָזט ברענגען דעם גרויסן סנהדרין, און זיי אויסגעשאָכטן איבער דעם [בלוט], אָבער עס האָט זיך ניט באַרואיקט; האָט ער אויסגעשאָכטן דעם קליינעם סנהדרין איבער דעם, אָבער עס האָט זיך ניט באַרואיקט; האָט ער געלאָזט ברענגען די כהונה בליטן און זיי אויסגעשאָכטן איבער דעם, און עס האָט זיך ניט באַרואיקט; האָט ער אויסגעשאָכטן קינדער פון רבינס הויז, און עס האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער געזאָגט צו דעם: „זכריה! די בעסטע פון דיין פאָלק האָב איך אומגעבראַכט; ווילסטו, זיי זאָלן אַלע אומקומען?" גלייך האָט זיך עס באַרואיקט. איז אויפגעקומען ביי דעם דאָזיקן רשע אין האַרצן אַ הרהור תשובה, און ער האָט געזאָגט: „ווער עס ברענגט אום נאָר איין נפש פון ישראל,[5] שטייט וועגן אים געשריבן (בראשית ט, ו): שופך — דער וואָס פאַרגיסט אַ מענטשנס בלוט, זאָל דורך אַ מענטשן זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן; אַ פשיטא שוין דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט אומגעבראַכט אַ סך נפשות!" גלייך איז הקדוש ברוך הוא פול געוואָרן מיט רחמים, און ער האָט אַ וואונק געטאָן צום בלוט, און ס'איז איינגעזאַפּט געוואָרן אויפן אָרט.

ר' יודן האָט געזאָגט: זיבן עבירות האָבן זיי עובר געווען יענעם טאָג: זיי האָבן געהרגעט אַ כוהן, און אַ נביא, און אַ שופט, און האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט, און האָבן מטמא געווען די עזרה, און געווען איז עס שבת און יום כיפור.

אָבער יחזיאל האָט ניט אַזוי געטאָן, נייערט (דברי הימים ב, כ, יד): ויחזיאל — און אויף יחזיאל דעם זון פון זכריהו, דעם זון פון בניה, דעם זון פון יעיאל, דעם זון פון מתניה דעם לוי, איז געוועז דער גייסט פון גאָט אין מיטן פון דעם קהל. — וואָס מיינט אין מיטן פון דעם קהל? ער האָט זיך געהאַלטן גלייך מיט קהל.[6]

ו

אַן אַנדער פשט: [דער פסוק] אויב דער גייסט פון דעם הערשער קומט איבער דיר [1] רעדט וועגן נוחן: ער איז אַריין אין דער תבה מיט דערלויבעניש און איז אַרויס מיט דערלויבעניש. „ער איז אַריין מיט דערלויבעניש" — פון וואַנען איז עס געדרונגען? (בראשית ז, יא) בא — קום אַריין, דו און דיין גאַנץ הויזגעזינד, אין דער תבה; „און ער איז אַרויס מיט דערלויבעניש" — פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? (דאָרט ח, טז) גיי אַרויס פון דער תבה, דו און דיין ווייב — — —.

---

דירט ווערן: והשתא דאמר להו (לית) הכי — אָבער איצט, אַז ער האָט זיי געזאָגט אַזוי.
[5] גראָד רעדט זיך ניט אינעם וייטערדיקן פסוק וועגן יידן. [6] אין איינקלאַנג מיט אונדזער פסוק אין קהלת.

**„לית הכי״. אמרו ליה: „מאי ניכסי מנך? נבייא כהנא הוה לן, והוה מוכח לן לשום שמיא: „קבילו!״ ולא קבלינן מיניה, אלא קאימנן עילוה וקטלינן ליה״. אמר להון: „אנא מפייסנא ליה״.** אייתי סנהדרי גדולה, שחט עילויה, ולא נח; שחט סנהדרי קטנה עילויה, ולא נח; אייתי פירחי כהונה, שחט עילויה, ולא נח; שחט תינוקות של בית רבן, ולא נח. א״ל: „זכריה! טובים שבעמך אבדתי; רצונך, שיאבדו כולם?״ לאלתר נח. **הרהר אותו רשע תשובה בלבו ואמר: „מי שמאבד נפש אחת מישראל כך כתוב בו** (בראשית ט): שופך דם האדם, באדם דמו ישפך; **אותו האיש שאיבד נפשות הרבה, עאכ״ו!״ מיד נתמלא הקב״ה רחמים ורמז לדם, ונבלע במקומו.**

**אמר ר׳ יודן: שבע עבירות עברו באותו היום: הרגו כהן, ונביא, ודיין, ושפכו דם נקי, וטמאו את העזרה, ויום שבת ויום כפור היה.**

**אבל יחזיאל לא עשה כן, אלא** (דברי הימים ב, כ): ויחזיאל בן זכריה בן בניה בן יעיאל בן מתניה הלוי, מבני אסף, היתה עליו רוח ה׳ בתוך הקהל, — **מהו** בתוך הקהל? **שהשוה עצמו לקהל.**

ו

**ד״א:** אם רוח המושל תעלה עליך **מדבר בנח: נכנס אל התיבה ברשות ויצא ברשות. נכנס ברשות מניין?** (בראשית ז) בא אתה וכל ביתך אל התבה; **ויצא ברשות מניין?** (שם, ח) צא מן התבה, אתה, **וגו׳.**

**ד״א:** אם רוח המושל תעלה עליך **מדבר ביהושע: כשם שעברו ישראל את הירדן ברשות, כך לא עלו אלא ברשות. עברו ברשות מניין? שנאמר** (יהושע א): עברו בקרב המחנה, **וגו׳. עלו**

---

**אַן אַנדער פּשט:** [**דער פּסוק**] אויב דער גייסט פון דעם הערשער קומט איבער דיר **רעדט וועגן יהושען: אַזוי ווי** [די בני] **ישראל זיינען אַריבער דעם ירדן מיט דערלויבעניש, אַזוי זיינען זיי ניט אַרויף פון ירדן, בּייערט מיט דערלויבעניש. „זיי זיינען אַריבער מיט דערלויבעניש״ — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווי דער פּסוק זאָגט** (יהושע א, יא): עברו — גייט דורך אין לאַגער — — — [וואָרום אין דריי טעג אַרום גייט איר אַריבער דעם דאָזיקן ירדן]; **„זיי זיינען אַרויף מיט דערלויבעניש״, ווי דער פּסוק זאָגט**

---

ו. [1] **לויטן דרש: אויב דו געפינסט זיך אונטערן באַפעל פון אַ העכערן, און אַזוי**

(דאָרט ד, יז): ויצו — און יהושע האָט באַפוילן די כוהנים אַזוי צו זאָגן: גייט אַרויף פון ירדן.

אַן אַנדער פּשט: [דער פּסוק] אויב דער גייסט פון אַ הערשער[2] — — — רעדט וועגן דודן: **איידער ער איז געוואָרן מלך** [שטייט געשריבן] (שמואל א, יז, יד): ודוד — און דוד איז דער קלענסטער; **און ווען ער איז געוואָרן מלך** (דברי הימים א, כח, ב): ויקם — און דוד המלך האָט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס און האָט געזאָגט: הערט מיך אויס, מיינע ברידער און מיין פאָלק.[3]

אַן אַנדער פּשט: [דער פּסוק] אויב דער גייסט פון אַ הערשער — — — רעדט וועגן מרדכין: **איידער ס'איז אים אָנגעקומען די גדולה** [שטייט געשריבן] (אסתר ב, כא): ומרדכי — און מרדכי זיצט אין מלכס טויער; **און ווען ס'איז אים אָנגעקומען די גדולה** [שטייט] (דאָרט ו, יב): וישב — און מרדכי האָט זיך אומגעקערט צום מלכס טויער.

ז

(ה) יש — פאַראַן אַ שלעכטס, וואָס איך האָב געזען אונטער דער זון, ווי אַ פאַרזען, וואָס איז אַרויס פון אַ געוועלטיקער, — **אַזוי האָט געזאָגט יעקב צו לבנען** (בראשית לא, לב): עם — ביי וועמען דו וועסט געפונען דיין גאָט, דער זאָל ניט לעבן, **און אַזוי איז עס געווען, ווי אַ פאַרזען, וואָס איז אַרויס פון אַ געוועלטיקער, און רחל איז געשטאָרבן.**[1]

**ר' יהושע בן לויס זון[2] האָט געהאַט אַ געשווילעכץ[3] אין שלונג. איז געקומען איינער פון יענע [פון בר פנדיראס[4] תלמידים] אַרויסצונעמען זיין געשוויר. [נאָך דעם] האָט ער אים געפרעגט: „וואָס האָסטו געזאָגט איבער אים?"[5] האָט ער אים געזאָגט: דעם־און־דעם פּסוק לויט יענעם".[6] האָט ער געזאָגט: „בעסער וואָלט ער באַגראָבן געוואָרן, און דו זאָלסט ניט האָבן געזאָגט אויף אים דעם דאָזיקן פּסוק". און אַזוי איז עס אים געשען, ווי אַ פאַרזען, וואָס איז אַרויס פון אַ געוועלטיקער.**

**ר' ירמיה פון שבשתא[7] האָט גענומען אַ קרוין פון איילבירט [בלעטער] און זי אַרומגעבונדן אויף זיין קאָפּ.[8] האָט עס שמואל געהערט און ער האָט גע־**

---

אויך ווייטער ביי יהושען. [2] דאָ, און ווייטער ביי מרדכין, ווערט דער פּסוק ווידער גע־טייטשט ווי אויבן, סימן ה. [3] ער האָט אָנגעהאַלטן זיין פריערדיקע ענווּת און זיך געהאַלטן גלייך מיטן פאָלק.

ז. [1] פאַר דער צייט, ווייל זי האָט צוגעגנבעט לבנס תרפים (דאָרט לב), און יעקב האָט ניט געוואוסט דערפון. [2] לויטן ירושלמי (שבת יד, ד) — זיין זונס זון. [3] לויטן פני משה, ירושלמי דאָרט. [4] ישו. — צוגעגעבן לויט וואַרשעווער אויסגאַבעס (איבערדרוק פון כתב, ניו יאָרק, און פון אורה (מיט יעבּצעס איבערזעצונג), ניו יאָרק. אין ראָמס אויסגאַבעס איז אויף דעם אָרט דאָ אַ בלויז צוליב צענזור טעמים. [5] וואָס פאַר אַ שפּרוך האָסטו גע־נוצט? [6] לויט בר פנדיראס אויסטייטש. [7] אין איכה רבה ה, טז — שבשב. אַ צאָל מפרשים מיינען, אַז דאָס איז אַן אָרט אַזאַ; לויט אַנדערע ווערט ער אַזוי גערופן צוליבן פאַרזען וואָס איבער אים איז ער געשטאָרבן (שבשתא — גרייז, פאַרזען. — זע אונדזער אויסגאַבע פון איכה רבה, ז' 353, באַמ. 1). [8] אויף זיין חתונה, און זינט דעם צווייטן חורבן האָבן

**ברשות, שנאמר** (שם, ד): ויצו יהושע את הכהנים לאמר: **עלו** מן הירדן.

**ד״א:** אם רוח המושל, וגו׳, **מדבר בדוד: עד שלא מלך** (שמואל א, יז): ודוד הוא הקטן; **וכשמלך** (דברי הימים א, כח): ויקם דויד המלך על רגליו ויאמר: שמעוני, אחי ועמי.

**ד״א:** אם רוח המושל, וגו׳, **מדבר במרדכי: עד שלא באתה לו גדולה** (אסתר ב:) ומרדכי יושב בשער המלך; **וכשבאת לו גדולה** (שם ו): וישב מרדכי אל שער המלך.

**ז**

(ה) יש רעה ראיתי תחת השמש, כשגגה שיוצא מלפני השליט, — **כך אמר לו יעקב ללבן** (בראשית לא): עם אשר תמצא את אלהיך לא יחיה, **וכן הות**, כשגגה שיוצא מלפני השליט, **ומיתת רחל.**

**בריה דר׳ יהושע בן לוי הוה ליה חד בלעא. ואייתי חד מן אילין [תלמידיו של בר פנדירא] לאפקא בלעיה. א״ל: „מה אמרת עליו?״ א״ל: „פסוק פלן בתר פלן״. אמר: „והוה נייח ליה דקבריה, ולא הות אמר עליו הדין פסוקא״. וכן הות ליה,** כשגגה שיוצא מלפני השליט.

**ר׳ ירמיה דשבשתא נטל עטרה של זית וקשרה בראשו. שמע שמואל ואמר: „נייח הוה דייתרים רישיה, ולא עבד כן״. וכן הות ליה.**

**אנטונינוס זעירא בר בריה דאנטונינוס רבה הוה שאיל לרבינו הקדוש, אמר: „מאן מאית קדמאי, או אנא או את?״ א״ל: „אנא״. אמרין ליה תלמידוי: „רבינו, כל עלמא מצלין לחייך טביא, ואת אמרת הכין!״ אמר לון: „אן אתת ענתה, מה אית בה?**

---

זאָגט: „עס וואָלט שוין בעסער געווען פאַר אים, מע זאָל אים דעם קאָפּ אַראָפּ־נעמען, און ער זאָל עס ניט טאָן״. און אַזוי איז עס אים געשען.

אַנטונינוס דער יונגער, דער אייניקל פון אַנטונינוס דעם עלטערן, האָט געפרעגט אונדזער הייליקן רבין[9] „ווער וועט שטאַרבן דער ערשטער, איך אָדער דו?״ האָט ער אים געזאָגט: „איך״. האָבן זיינע תלמידים געזאָגט צו אים: „רבי, די גאַנצע וועלט איז מתפלל אויף אַ גוט לעבן פאַר דיר, און דו זאָגסט אַזוי!״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויב די צייט וועט קומען, וואָס מאַכט עס אויס? און אויב דער מלאך המות קומט עמיצן אָוועקצונעמען, וואָס

קען ער אים זאָגן, — קום ניט צו מיר? איך וועל ניט קומען? און ניט נאָר דאָס, נייערט אויב עס וועט זיין אַזוי, וועלן זיי זאָגן: געבענטשט איז דער גאָט פון די יידן, — אפילו די צייט פון זייער טויט ווייסן זיי". און אַזוי איז עס אים געעשן,[10] ווי אַ פּאַרזען, וואָס איז אַרויס פון אַ געוועלטיקער.

אַן אַנדער פּשט: פּאַראַן אַ שלעכטס וואָס איך האָב געזען — — — ווי אַ פּאַרזען, וואָס איז אַרויס פון אַ געוועלטיקער, דאָס איז עלי הכוהן וואָס האָט געזאָגט צו שמואלן: „ניט מיינע קינדער וועלן ירשענען מיין אָרט, און ניט דיינע קינדער וועלן ירשענען דיין אָרט.[11] און אַזוי איז עס אים געשען, ווי אַ פּאַרזען וואָס איז אַרויס פון אַ געוועלטיקער.

## ח

(ז) נתן — די נאַרישקייט ווערט געשטעלט אויף גרויסע הייכן, דאָס זיינען די כשדים, ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה לט, ג): ויבאו — זיינען געקומען אַלע האַרן פון דעם מלך פון בבל און האָבן זיך געזעצט בשער התוך,[1] וואָס מיינט בשער התוך? דאָס אָרט וואו מע פלעגט באַשטימען[2] די הלכות; און די עשירים זיצן אין דער נידער, דאָס זיינען די [חברים פון] סנהדרין, ווי דער פסוק זאָגן (איכה ב, י): ישבו — עס זיצן אויף דער ערד און שוויגן די עלטסטע פון דער טאָכטער פון ציון.

## ט

(ז) ראיתי — איך האָב געזען קנעכט אויף פערד, דאָס זיינען די ישמעאלים;[1] און האַרן וואָס גייען ווי קנעכט, דאָס איז יוסף. ר' לוי האָט געזאָגט: אַ קנעכט האָט געקויפט, און אַ זון פון אַ דינסט האָט פאַרקויפט, און דער פרייער מענטש איז פאַרקויפט געוואָרן צו זיי ביידן.[2]

ר' עקיבא איז אַ מאָל אַרויף קיין רוים. האָט אים באַגעגנט איינער אַ סריס פון קיסרס הויף, און האָט אים געזאָגט: „ביסטו עס דער רבי פון די יידן?" האָט ער אים געזאָגט: „יאָ". האָט ער געזאָגט צו אים: „הער אויס דריי זאַכן פון מיר: ווער [עס רייט] אויף אַ פערד איז אַ מלך; אויף אַן אייזל — איז אַ פריי־געבוירענער; האָט ער שיך אויף זיינע פיס, איז ער אַ מענטש; דער וואָס האָט ניט דאָס און ניט דאָס, איז אַ באַגראָבענעם בעסער פון אים". האָט ער געזאָגט: „דריי זאַכן האָסטו געזאָגט, טאָ הער פון מיר דריי זאַכן אין אומבייט: די שיינקייט פונעם פּנים איז אַ באַרד; די פרייד פונעם האַרצן איז אַ פרוי; אַ גאָב פון גאָט זיינען קינדער;[3] ווי איז יענעם מענטשן, וואָס אַלע דריי פעלן אים.[4]" און ניט נאָר דאָס, נייערט ער האָט אים אויך אָקעגנגעטראָגן

די חכמים עס פאַרבאָטן (סוטה ט, יד). [9] ר' יהודה הנשיא, רבי. [10] ער איז געשטאָרבן פריער. [11] זע מדרש שמואל י, וואו עס ווערט געדרשנט פונעם פסוק (שמואל א, ג, יז): כה יעשה לך אלהים — זאָל דיר גאָט אַזוי טאָן; וועגן שמואלס זין זע דאָרט ח, ג.

ח. [1] לויטן פּשט — אין מיטלסטן טויער. [2] מחתכין — חתך — התוך (זע אויבן ג,כ).

ט. [1] וואָס האָבן אָפּגעקויפט יוספן (בראשית לז, כח). [2] פּוטיפר, פּרעהס קנעכט, האָט געקויפט פון די ישמעאלים, קינדער פון הגר דער דינסט, דעם פריי־געבוירענעם יוספן. [3] תהלים קכז, ג. [4] זייענדיק אַ סריס פאַרמאָגט ער ניט קיין זאַך פון די דריי.

ואן אתא מלאך המות דיסביניה, מה הוא מימר ליה: לא אתת לגבי? לית אנא אתי? ולא עוד, אלא אלו הוה כן, והון אינון אמרין: בריך אלההון דיהודאי, — אפילו בשעת מיתתהון אינון ידעין". וכן הות ליה, כשגגה שיוצא מלפני השליט.

ד"א: יש רעה ראיתי, וגו', כשגגה שיוצא מלפני השליט, זה עלי הכהן שאמר לשמואל: „אין בני יורשין מקומי, אף אין בניך יורשין מקומך". וכן הות ליה, כשגגה שיוצא מלפני השליט.

ח

(ו) נתן הסכל במרומים רבים, אלו הכשדים, דכתיב (ירמיה לט): ויבאו כל שרי מלך בבל וישבו בשער התוך, — מהו בשער התוך? מקום שמחתכין בו את ההלכות; ועשירים בשפל ישבו, זה סנהדרין, שנאמר (איכה ב): ישבו לארץ, ידמו.

ט

(ז) ראיתי עבדים על סוסים, אלו ישמעאלים; ושרים הולכים כעבדים, זה יוסף. א"ר לוי: עבדא זבין, ובר אמתא מזבין, ובר חורין מזדבן לתרויהון.

ר' עקיבא הוה סליק לרומי; פגע ביה חד סריס מן מלכותא. א"ל: „את הוא רביהון דיהודאי?" א"ל: „אין". א"ל: „שמיע מינאי תלת מילין: דעל סוס — מלך; דעל חמור — בן חורין; מנעלים ברגליו — בר נש; דלא דין ולא דין — חפיר טב מיניה". אמר: „תלת מילין אמרת, תלת מילי שמע לי חילופיהון: הדרת פנים — זקן, שמחת לבב — אשה, נחלת ה' — בנים; אוי לו לאותו האיש דחסר שלשתן." ולא עוד, שקדמו הכתוב: ראיתי עבדים על סוסים, כיון דשמע ההוא סריס כן, טרף רישיה אגודא ומית.

ד"א: ראיתי עבדים על סוסים, זה אחאב; ושרים הולכים כעבדים על הארץ, זה אליהו, שנאמר (מלכים א, יח): ויד ה' היתה אל אליהו, וישנס מתניו וירץ לפני אחאב, וגו'.

---

דעם פסוק: איך האָב געזען קנעכט אויף פערד. ווי יענער סריס האָט דאָס געהערט, אַזוי האָט ער זיך גענומען שלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט און איז געשטאָרבן.

אַן אַנדער פּשט: איך האָב געזען קנעכט אויף פערד, דאָס איז אחאב; און האַרן וואָס גייען ווי קנעכט אויף דער ערד, דאָס איז אליהו, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, יח, מו): ויד ה' — און גאָטס האַנט איז געווען אויף אליהון, און ער האָט אָנגעגורט זיינע לענדן און איז געלאָפן פאַר אחאבן.

### י

(ח) חופר — ווער עס גראָבט אַ גרוב, **דאָס איז דער רשע פרעה, וואָס האָט געזאָגט** (שמות א, כב): כל הבן — יעדן זון וואָס וועט געבוירן ווערן זאָלט איר אין טייך אַריינוואַרפן; — וועט אין איר אַריינפאַלן, **ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קלו, טו): ונער — און ער האָט אויסגעמישט פרעהן און זיין חיל אין ים־סוף.

**אַן אַנדער פשט:** ווער עס גראָבט אַ גרוב, **דאָס איז המן, ווי דער פסוק זאָגט** (אסתר ג, יג): להשמיד — אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען. — וועט אין איר אַריינפאַלן, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ט, כה): ישוב — זאָל זיך אומקערן זיין בייזע מחשבה — — — אויף זיין קאָפּ.

ופרץ — און ווער עס ברעכט דורך אַ צאַם, אים וועט בייסן אַ שלאַנג, **דאָס איז דינה. בעת איר פאָטער און אירע ברידער זיינען געזעסן אין בית מדרש, איז זי אַרויס** (בראשית לד, א) לראות — צו זען די טעכטער פון לאַנד. **האָט זי געבראַכט צו דעם, אַז זי זאָל באַמאַנט ווערן פון** שכם דעם זון פון חמור דעם חוי, **וואָס** ווערט גערופן שלאַנג,[1] **און ער האָט זי איינגעביסן, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט, ב): וירא — און שכם דער זון פון חמור האָט זי געזען — — — און ער האָט זי גענומען, — **ער האָט זי איבערגערעדט מיט ווערטער,** ווי עס ווערט געזאָגט (הושע יד, ג): קחו — נעמט מיט אייך ווערטער;[2] און ער איז געלעגן מיט איר, **ווי דער שטייגער פון דער וועלט;** און ער האָט זי געפייניקט דורך משכב זכור.[3]

### יא

**ר׳ שמעון בן יוחאי און זיין זון ר׳ אלעזר זיינען געווען באַהאַלטן דרייצן יאָר אין אַ הייל אין פקע אין דער צייט פון די שמד גזירות, און זיי פלעגן עסן באָקסערן און טייטלען. צום סוף פון די דרייצן יאָר איז ר׳ שמעון בן יוחאי אַרויס און האָט זיך געזעצט ביי דער עפענונג פון דער הייל. האָט ער געזען, ווי אַ יעגער פאַרשפרייט זיין נעץ צו כאַפּן פייגל. האָט ער געהערט אַ בת־קול וואָס האָט געזאָגט: „דימוס[1]!" און דער פויגל האָט זיך געראַטעוועט.[2] אַ צווייט מאָל האָט ער געהערט אַ בת־קול וואָס האָט געזאָגט „ספיקלא[3]!" און ער איז געכאַפּט געוואָרן. האָט ער געזאָגט: „אפילו אַ פויגל קומט ניט אום[4] אָן [אַ גזירה פון] הימל, אַ פשיטא שוין דאָס לעבן פון אַ מענטשן. לאָמיר אַרונטערגיין און זיך היילן אין די הייסע וואַסערן פון טבריה". זיינען זיי אַרונטערגעגאַנגען און האָבן זיך אויסגעהיילט אין די הייסע וואַ־**

---

י. [1] חיויא — חוי. [2] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט צו ווייזן די שייכות פון נעמען מיט ווערטער. [3] דורך ניט נאָרמאַלן געשלעכטס פאַרקער. דער דרש ווערט געבויט אויף דעם וואָס שכמס קומען אויף דינהן ווערט אין פסוק באַצייכנט מיט צווי באַזונדערע ווערטער.

יא. [1] באַפרייט (גריכיש). [2] געביטן דאָ און ווייטער לויט בראשית רבה עט, ו, און לויט ירושלמי שביעית ט, א. [3] אַ שפיז (לאַטייניש), אַ סימן פון פאַרמשפטקייט אין די רוימישע געריכטן. [4] געביטן לויט ירושלמי דאָרט, און אַזוי איז עס אויך לויט בראשית

(ח) חפר גומץ, **זה פרעה הרשע, שאמר** (שמות א): כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו; — בו יפול, **שנאמר** (תהלים קלו): ונער פרעה וחילו בים סוף.

**ד״א:** חפר גומץ, **זה המן, שנאמר** (אסתר ג): להשמיד, להרג ולאבד; — בו יפול, **שנאמר** (שם ט): ישוב מחשבתו הרעה, וגו׳, על ראשו.

ופרץ גדר ישכנו נחש, **זו דינה. כשהיו אביה ואחיה יושבין בבית המדרש, יצאה** (בראשית לד) לראות בבנות הארץ. **גרמה לעצמה, שיבא עליה** שכם בן חמור החוי, **שנקרא** נחש, **ונשך אותה, דכתיב** (שם): וירא אותה שכם בן חמור, וגו׳, ויקח אותה, — **פתה אותה בדברים, כמה דאת אמר** (הושע יד): קחו עמכם דברים; — וישכב אותה, **בדרך ארץ**, ויענה, **במשכב זכור.**

יא

**ר׳ שמעון בן יוחאי ור׳ אלעזר בריה הוון טמירין במערתא דפקע תלת עשר שנין בשמדא. והוון אכלין חרובין ותמרים. ולסוף תלת עשר שנין נפק ר׳ שמעון בן יוחאי ויתיב על פילי דמערתא. חמא חד צייד פריס מצודתיה למצוד צפרין. שמע ברת קלא אמר: „דימוס!״ (ואתפסת) [ואשתזבת]; שמע זמן תני־נות ברת קלא אמר: „ספיקלא!״ (ואשתזבת), [ואתפשת]. אמר: „אפילו ציפור מבלעדי שמיא לא (יברח) [יבדא], כל שכן נפש בר נש. ניחות וניתסאי בהדין מוי דמוקד דטבריה״. נחתון ואיתסון בהדין מוי דמוקד דטבריה. אמרון: „צריכין אנו לעשות טובה ונהני להלון בני אתרא, כדרך שעשה אבינו יעקב, שנאמר** (בראשית לג): ויחן את פני העיר, **שהיה עושה איטליס ומוכר להם בזול״. עשה איטליס ומכר בזול.**

**אמר: צריכין אנו מדכייא טבריה. מה עביד? נסיב תורמסין**

---

סערן פון טבריה. און זיי האָבן געזאָגט: „מיר דאַרפן טאָן עפּעס גוטס פאַר די איינוואוינער פון דעם אָרט און זיי מהנה זיין, לויטן שטייגער ווי יעקב אבינו האָט געטאָן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית לג, יח): ויחן — און ער האָט געטאָן אַ געפעליקייט[5] פאַר דער שטאָט, ער האָט געמאַכט אַ מאַרק און זיי פאַרקויפט ביליק״. האָט ער געמאַכט אַ מאַרק און פאַרקויפט ביליק.

ער האָט געזאָגט: מיר דאַרפן רייניקן טבריה.[6] וואָס האָט ער געטאָן?

ער האָט גענומען לובין און געוואָרפן אין גאַס, און וואו נאָר ס'איז געווען אַ טויטער, פלעגט ער אויפשווימען און אַרויפקומען.[7] האָט אים געזען איינער אַ כותי; האָט ער געזאָגט: „זאָל איך ניט גיין און חוזק מאַכן פון דעם דאָזיקן זקן פון די יידן?" וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט גענומען איינעם אַ טויטן און אים באַהאַלטן [8] אין אַ גאַס וואָס ער האָט אויסגערייניקט, — אַנדערע זאָגן: אין גריבה, און אַנדערע זאָגן: אין דער גאַס פון בר קרדימא. און ער איז אַוועק און געזאָגט צו אים: „האָסטו אויסגערייניקט יענע גאַס?" האָט ער אים געזאָגט: „יאָ". האָט ער געזאָגט צו אים: „און אויב איך וועל דיר אַרויסנעמען פון דאָרט אַ טויטן?" האָט ער אים געזאָגט: „נעם אַרויס און וויַז מיר". גלייך האָט ר' שמעון בן יוחאי געזען ברוח הקודש, אַז ער האָט אים דאָרט באַהאַלטן. האָט ער געזאָגט: „איך בין גוזר אויף דעם וואָס ליגט, אַז ער זאָל אויפשטיין, און אויף דעם וואָס שטייט, אַז ער זאָל זיך לייגן!" און אַנדערע זאָגן: „איך בין גוזר אויף דעם וואָס איז אויבן, אַז ער זאָל אַראָפּגיין, און אויף דעם וואָס איז אונטן, אַז ער זאָל אַרויפקומען!" און אַזוי איז עס אים געשען.

איז ער אַרויסגעגאַנגען [פון טבריה] און איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דער שול פון מגדלא. האָט ער געהערט דאָס קול פון נקאי דעם סופר [זאָגנדיק]: „בן יוחאי האָט מטהר געווען טבריה!" [9] האָט ער געזאָגט: „זאָל קומען אויף מיר [וואָס עס זאָל קומען], אויב איך באַזיץ ניט אַזויפיל מסורות [10] וויפיל האָר אויף מיין קאָפּ, אַז די דאָזיקע טבריה איז אָנגעברייט גערייניקט צו ווערן, און זי איז אָנגעברייט צו זיין [אַן אָרט] פאַר די וואָס עסן תרומה,[11] חוץ אין דעם און אין יענעם [אָרט]".[12] אָבער ער האָט אים ניט געגלויבט. האָט ער געזאָגט צו אים: „דו האָסט דורכגעבראָכן דעם צאַם פון די תלמידי חכמים [13]!" און ער האָט געלייענט איבער אים: און וועך עס ברעכט דורך אַ צאַם, אים וועט בייסן אַ שלאַנג. און אַזוי איז עס אים געשען.

ר' שמעון בן יוחאי איז פאַרבייגעגאַנגען [אין דעם טאָל פון בית נטופא] [14] אין אַ שמיטה יאָר.[15] האָט ער געזען, ווי אַ מענטש קלייבט דעם נאָכוואוקס פון שביעית. האָט ער געזאָגט צו אים: „איז עס ניט שביעית?" האָט ער אים געזאָגט: „ביסטו עס ניט דער וואָס האָט עס מתיר געווען? האָבן מיר דען ניט אַזוי געלערנט: [ר' שמעון זאָגט]:[16] אַלע נאָכוואוקסן זיינען דערלויבט, חוץ דעם נאָכוואוקס פון קרויט, ווייל ס'איז ניטאָ זיין גלייכן

---

רבה דאָרט. [5] געטייטשט ויחן (געלאַגערט) לויט חן. [6] פון די טויטע וואָס זיינען דאָרט געווען באַגראָבן. [7] און ר' שמעון האָט די טויטע מקבר געווען אויסער דער שטאָט, און די שטאָט איז ריין געוואָרן פון טומאה. [8] באַגראָבן. [9] געזאָגט אין אַ טאָן פון אומגלויבן. [10] אַלטע טראַדיציעס באַקומען פון זיינע רביים. [11] וואָס מע טאָר ניט עסן אין אַ טמא אָרט. [12] חוץ אין אַ פּאָר באַשטימטע ערטער, וואָס וועלן בלייבן טמא. [13] לויט בראשית רבה, דאָרט, האָט עס ר' שמעון געטאָן מיטן הסכם פון די חכמים. [14] צוגעגעבן לויט בראשית רבה. [15] אום שביעית, דאָס זיבעטע יאָר, ווען מע האָט ניט געטאָרט באַאַרבעטן די פעלדער און גערטנער (ויקרא כה, ד—ה). [16] צוגעגעבן לויט משנה שביעית

ומקליק בשוקא, וכל מן דהוה מית, טייף וסליק ליה. חמא יתיה חד כותאי; אמר: „לית אנא מגחיך בהדין סבא דיהודאי?״ מה עבד? נסב חד מית וטמריה בגו שוקא דדכייה, — אית אמרין בגריבה, אית דאמרין בשוק דבר קרדימא. אזל ואמר ליה: „דכי-תיה שקק פלן?״ א״ל: „אין״. א״ל: „ואן אפיקית לך מיניה חד מית?״ א״ל: „גוד חמי לי״. מיד צפה ר׳ שמעון בן יוחאי ברוח הקודש, שהוא טמן אותו שם. אמר: „גוזר אני על דין דרביע יקום, ועל דקאים — ירביע!״ ואית דאמרי: „גוזר אני על עילאי יחות, ועל תתאי — יסיק!״ וכן הות ליה.

מינפק ליה, עבר קומי האי כנישתא דמגדלא. שמע קל דינקאי ספרא: „בן יוחאי דכי טבריה״. אמר: „יבא עלי, אם אין בידי שמועות כשערות ראשי, שטבריה זו עתידה ליטהר, ועתידה להיות לאוכלי תרומה, חוץ מזו ומזו״. לא הימנוה יתיה. אמר ליה: „פרצת גדרן של תלמידי חכמים!״ וקרא עליו: ופרץ גדר ישכנו נחש. וכן הות ליה.

ר׳ שמעון בן יוחאי היה עבר [בהדא בקעת דבית נטופא] בשמיטתא. חמא חד בר נש מלקט ספיחי שביעית. א״ל: „ולא שביעית היא?״ א״ל: „ולא את הוא שאת מתיר? לא כן תנינן: [ר׳ שמעון אמר:] כל הספיחין מותרין, חוץ מספיחי כרוב, לפי שאין כיוצא בהן בירקות שדה?״ ואמר ליה: „ואין חברי חולקין עלי?״ וקרא עליו: ופרץ גדר ישכנו נחש. וכן הות ליה.

יב

(ט) מסיע אבנים יעצב בהם, מי שמסיע עצמו מתלמודו, לסוף הוא מצטער, בעי מילא ולא משכח; בוקע עצים יסכן בם, — כל

---

צווישן די פעלד גרינסן[17]?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „אָבער קריגן ניט מיינע חברים אויף מיר?״[18] און ער האָט געלייענט איבער אים: און ווער עס ברעכט אַ צאַם, אים וועט בייסן אַ שלאַנג. און אַזוי איז עס אים געשען.

יב

(ט) מסיע — ווער עס רייסט אַרויס שטיינער, וועט זיך ווי טאָן אָן זיי, ווער עס רייסט זיך אָפּ פון זיין לערנען,[1] וועט לסוף האָבן צער; ער וועט וועלן וויסן אַ זאַך, און וועט עס ניט געפינען; ווער עס שפּאַלט האָלץ, וועט

---

ט, א. [17] נאָך דעם נאָכוואוקס פון קרויט טאָר מען ניט קלייבן אום שביעית, ווייל קרויט איז ניט קיין ווילד געוויקס. [18] אין דער זעלבער משנה שטייט: און די חכמים זאָגן: אַלע נאָכוואוקסן זיינען פאַרבאָטן, און דער דין איז לויט דער מערהייט.

דורך דעם באַדינט ווערן,[2] — כל־זמן ער איז זיך עוסק מיט דעם,[3] האָט ער הנאה פון דעם; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, א, ד): ותהי — און זי איז אים געווען אַ באַדינערין.[4]

אַן אַנדער פשט: ווער עס טראָגט איבער[5] שטיינער פון איין אָרט צו אַ צווייטן, וועט זיך ווי טאָן אָן זיי;[6] ווער עס שפּאַלט האָלץ, וועט דורך דעם באַדינט ווערן, — ר׳ מיאשיה האָט געזאָגט: ווי אַ שכר פאַר די צוויי מאָל שפּאַלטן וואָס אברהם אבינו האָט געשפּאָלטן דאָס האָלץ אויפן באַרג מוריה,[7] האָט ער זוכה געווען, אַז דער ים זאָל געשפּאָלטן ווערן פאַר זיינע קינדער אויף צוועלף חלקים.[8]

יג

(י) אם קהה — אויב דאָס אייזן ווערט שטומפּיק, אויב דער רבי איז געוואָרן שטומפּיק צום תלמיד ווי אייזן, און ער ווייזט אים ניט קיין פּנים,[1] און דער רבי ווייזט ניט דעם תלמיד קיין פריינטלעך פּנים, איז אינעם תל־מידס מעשים אַ קילקול פאַראַן;[2] וחילים — מוז ער די כוחות שטאַרקן, — וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער ברענגען צען מענטשן, אַז זיי זאָלן איבערבעטן דעם רבין, און ער וועט לסוף שטייגן אין דער צוגרייטונג צו חכמה.[3]

אַן אַנדער פשט: אויב דאָס אייזן ווערט שטומפּיק, אויב דער תלמיד איז געוואָרן שטומפּיק צום רבין,[4] ווי דער פסוק זאָגט (משלי כז, יז): ברזל — אייזן ווערט מיט אייזן געשאַרפט,[5] און דער רבי איז ניט מסביר דעם תלמיד [דאָס לערנען], איז אין דעם תלמידס מעשים אַ קילקול פאַראַן; מוז ער די כוחות שטאַרקן, זאָל ער גיין און ברענגען צען מענטשן, אַז זיי זאָלן אי־בערבעטן זיין רבין; ויתרון — און דאָס געווינס וועט זיין — צוגרייטונג צו חכמה, לסוף וועט ער אָפּלאָזן[6] זיין כעס און וועט אים צוגרייטן[7] זיין לערנען.

אַן אַנדער פשט: אויב דאָס אייזן ווערט שטומפּיק, אויב דיין לערנען איז דיר געוואָרן שטומפּיק ווי אייזן, און עס ווייזט דיר ניט קיין פּנים,[8] עס גיט זיך דיר ניט איין עס מסביר צו זיין, וואַרף זיך[9] אויף דעם מיט דיין [גאַנצן] כוח.[10]

איינער פון ר׳ שמעון בן יוחאיס תלמידים האָט פאַרגעסן זיין לערנען; איז ער אַוועק וויינען אויפן בית עולם.[11] אַז ער האָט זיך אַ סך אָנגעוויינט, האָט

יב. [1] זע איכה רבה ד, א וואו די תורה לערנער ווערן געגליכן צו שטיינער. [2] גע־טייטשט לויטן דרש. [3] מיט תורה. [4] סוכנת — יסכן. [5] לויטן דרש. [6] אַ רמז אויף אַ מעשה אין בבא קמא נ. ב: איינער האָט געוואָרפן פון זיין פעלד אויפן וועג. האָט אים אַ חסיד געזאָגט: „פאַרוואָס וואַרפסטו שטיינער פון אַן אָרט וואָס איז ניט דיינס אין אַן אָרט וואָס איז דיינס?„ האָט ער געלאַכט פון אים. אין אַ צייט אַרום איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן זיין פעלד. און ער איז געגאַנגען אויף יענעם וועג און איז געפאַלן איבער זיינע שטיינער. האָט ער געזאָגט: „גוט האָט מיר יענער חסיד געזאָגט — — — —.” [7] עס שטייט: און ער האָט אָנגעשפּאָלטן האָלץ, — עצי, אין מערצאָל, ווייניקסטנס צוויי. — אין בראשית רבה נה, ח, זיינען די ווערטער על הר המוריה ניטאָ און דאָס שטימט מיטן פסוק וואָס זאָגט, אַז דאָס האָלץ האָט ער צוגעגרייט אין דער היים (מהרז״ו). [8] תנחומא בשלח י.

**זמן דלעי ביה מתהני ביה; המד"א** (מלכים א, א): **ותהי לו סוכנת.**

**ד"א:** מסיע אבנים ממקום **למקום** יעצב בהם; **בוקע** עצים יסכן בם. — **א"ר מיאשיה: בשכר שתי בקיעות שבקע אברהם אבינו על הר המוריה זכה ליקרע הים לבניו שנים עשר קרעים.**

יג

(י) אם קהה הברזל; **אם נתקהה הרב על התלמיד כברזל,** והוא לא פנים, **ואין הרב** מסביר **פנים לתלמיד,** קלקל, **קלקול מעשים יש בתלמיד;** וחילים יגבר, — **מה יעשה? יביא עשרה בני אדם, והם מפייסין את הרב, סוף שהוא מותיר** הכשר חכמה.

**ד"א:** אם קהה הברזל, **אם נתקהה התלמיד על הרב, שנאמר** (משלי כז): ברזל בברזל יחד, **ואין הרב מסביר לתלמיד,** קלקל, **קלקול מעשים יש בתלמיד;** וחילים יגבר, **ילך ויביא עשרה בני אדם ויפייסין את רבו;** ויתרון הכשיר חכמה, **סוף הוא מותיר לו כעסו ויכשיר לו את תלמודו.**

**ד"א:** אם קהה הברזל, **אם נקהה תלמודך עליך כברזל,** והוא לא פנים, **אינו בא לידך להסבירו בפניך,** קלקל **עליו בחילך.**

**חד מתלמידיו דר' שמעון בן יוחאי אינשי אולפניה; אזל ליה בכי לבי עולמין. מדכי הוה בכי סגי, אתחמי ליה בחלמא ואמר ליה: „כד תהא רמי בי תלתא קלי, אנא אתי". אזיל ההוא תלמידא לגבי פתר חילמייא ותני ליה עובדא. א"ל: „אמור פרקך תלת זימנין, והוא אתי לך". ועבד כן, וכן הות ליה.**

**אמר ר' ברכיה: אם נקהת אומה, שהיא קשה כחה כברזל,**

---

**זיך [זיין רבי] אים באַוויזן אין חלום און אים געזאָגט: „אַז דו וועסט וואַרפן אויף מיר דריי שטיינדלעך, וועל איך קומען". איז דער תלמיד אַוועק צו אַ חלום באַשיידער און אים דערציילט די מעשה. האָט ער אים געזאָגט: „זאָג איבער דיין פרק דריי מאָל, וועט [דיין לערנען] דיר צוריקקומען". ער האָט עס געטאָן, און אַזוי איז עס אים געשען.**

**ר' ברכיה האָט געזאָגט:** [אויב דאָס אײַזן ווערט שטומפיק], **אויב ס'איז שטומפיק געוואָרן[12] די אומה, וואָס איר כוח איז שטאַרק ווי אײַזן, ווי עס**

---

יג. [1] **געטייטשט לויטן דרש.** [2] קלקל; **ס'איז אַ סימן, אַז דעם תלמידס אויפפיר איז ניט גוט.** [3] **לויטן דרש.** [4] **קאַליע אין אויפפירונג.** [5] **און אַזוי קאָן מען קיין פעולה ניט האָבן אין לערנען, סיידן מען לערנט מיט עמיצן (זע רשי אויף דעם פסוק).** [6] מותיר — ויתרון. [7] ויכשיר — הכשיר. [8] **לויטן דרש.** [9] **קלקל, לויט יחזקאל כא, כו:** קלקל — ער האָט געוואָרפן מיט די פיילן. [10] **לערן עס ווידער און ווידער, ווי ווייטער.** [11] **אויף זיין**

שטייט געשריבן (דברים ד, כ): ואתכם — און אייך האָט גאָט גענומען און אייך אַרויסגעצויגן פון דעם אייזנשמעלצאויוון, פון מצרים; — און ער ווייזט דיר ניט קיין פנים, און הקדוש ברוך הוא ווייזט ניט קיין פריינטלעך פנים דעם דור, איז ער קאַליע,[13] זיינען שלעכטע מעשים פאַראַן אין דור; וואָס זאָל מען טאָן? זאָל ער די כוחות שטאַרקן, זאָל מען גוזר תענית זיין, און הקדוש ברוך הוא וועט זיי מוחל זיין אויף אייביק.

ר׳ חמא בר פפא האָט געזאָגט פון ר׳ יהודה בר׳ סימונס וועגן: אויב דער הימל איבער אייערע קעפּ איז שטומפּיק געוואָרן ווי אייזן, אָט ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כו, יט): ונתתי — און איך וועל מאַכן אייער הימל ווי אייזן,[14] און הקדוש ברוך הוא ווייזט ניט קיין פריינטלעך פנים, זיינען שלעכטע מעשים פאַראַן אין דיר; וואָס זאָל מען טאָן? זאָל מען גוזר תענית זיין, און הקדוש ברוך הוא וועט דערלייכטערן זיין וועלט.

יד

(יא) אם ישך — טוט די שלאַנג בייסן אָן אַ שפּרוך?[1] ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: די שלאַנג וועט קיינמאָל ניט בייסן, סיידן ס׳איז איר איינגערוימט געוואָרן פון העכער; און קיין לייב פאַרצוקט ניט, סיידן ס׳איז אים איינגערוימט געוואָרן פון אויבן; און קיין מלכות פאַרנעמט זיך ניט אויף מענטשן, סיידן ס׳איז איר איינגערוימט געוואָרן פון העכער.

ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: מע זאָגט צו דער שלאַנג: „פאַרוואָס אַז דיין צונג בייסט איין איין אבר, פילן עס און ציטערן אַלע [אברים]?" זאָגט זי: „מיר זאָגט איר עס? זאָגט עס דעם וואָס מיט דער צונג".[2] פאַרוואָס גאַווערט דיין צונג?" „ווייל זי האָט מיר גורם געווען די שטראָף".[3] „פאַרוואָס צאַפּלט זיך דיין קערפּער?" „מיין צונג האָט עס מיר גורם געווען".[4] „פאַרוואָס אַז דו בייסט איין איין אבר, פילן עס און ציטערן אַלע?" האָט זי געזאָגט צו זיי: „מיר זאָגט איר עס? זאָגט עס דעם וואָס מיט דער צונג, דען ער רעדט אָן דאָ און הרגעט אין רוים, אָדער — אין רוים, און הרגעט דאָ, אין עק וועלט". „פאַרוואָס געפינסטו זיך צווישן די פלויטן?" „ווייל איך האָב געבראָכן דעם גדר פון דער וועלט".[5]

ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: די שלאַנג האָט געבראָכן דעם שטייגער פון דער וועלט, דעריבער איז זי געוואָרן דער אומברענגער פון אַלע די וואָס ברעכן דעם שטייגער פון דער וועלט".

ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: בשעת הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו דער שלאַנג (בראשית ג, יד): על גחנך — אויף דיין בויך זאָלסטו גיין, האָבן אַראָפּגענידערט מלאכים און האָבן אָפּגעהאַקט אירע הענט און פיס, און איר קול האָט זיך געטראָגן פון איין עק וועלט צום צווייטן. די שלאַנג

רבינס קבר. [12] שוואַך געוואָרן, צוליבן אויספעלן פון רעגן (לויט ר׳ אמיס ווערטער אין תענית ז, ב; און דאָס איז אויך אין הסכם מיט די ווייטערדיקע ווערטער פון ר׳ חמא בר פפא). [13] קלקל. [14] און עס וועט קיין רעגן ניט גיין.

**דכתיב** (דברים ד): ואתכם לקח ה׳ ויוציא אתכם מכור הברזל, ממצרים; — והוא לא פנים, **ואין הקב״ה מסביר פנים לדור,** קלקל, **מעשים רעים יש בדור; מה יעשה?** וחילים יגבר, **יגזרו צומין ותעניות, והקב״ה יותר הוא להם לעולם.**

**ר׳ חמא בר פפא בשם ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: אם נתקהו שמים שעל ראשיכם כברזל, המד״א** (ויקרא כו): ונתתי את שמיכם כברזל, **ואין הקב״ה מסביר פנים, קלקול מעשים יש בדור; מה יעשו? יגזרו תענית, והקב״ה מרויח לעולמו.**

יד

(יא) אם ישך הנחש בלוא לחש? **א״ר אבא בר כהנא: לעולם אין הנחש נושך, אלא אם כן נלחש לו מלעיל; ואין הארי טורף אלא אם כן נלחש לו מלמעלה; ואין המלכות מתגרה בבני אדם, אלא אם כן נלחש לה מלעיל.**

**א״ר שמואל בר נחמני: אומרין לנחש: „מפני מה לשונך נושך באבר אחד, וכולן מרגישין ומרתתין?״ א״ל: „ולי אתם אומרים? אמרו לבעל הלשון״. „מפני מה לשונך שותת?״ „היא גרמה לי״. „מפני מה גופך מטורף? „לשוני גרם״. מפני מה אתה נושך באבר אחד, וכולן מרגישין ומרתתין?״ אמר להם: „ולי אתם אומרים? אמרו לבעל הלשון, דהוא אומר כאן והורג ברומי; או ברומי והורג כאן בסוף העולם״. „מפני מה את מצוי בין הגדרות?״ „מפני שפרצתי גדרו של עולם״.**

**תני ר׳ שמעון בן יוחאי: נחש פרץ גדרו של עולם, לפיכך נעשה ספקלאטור לכל פורצי גדרות.**

**אמר ר׳ שמעון בן לקיש: בשעה שאמר הקב״ה לנחש** (בראשית ג, יד): על גחונך תלך, **ירדו מלאכי השרת וקצצו ידיו ורגליו, והלך קולו מסוף העולם ועד סופו. בא נחש ולמד על מפלתה של אדום, שנאמר** ירמיה מו): קולה כנחש ילך. **ורבנן מדמיין ליה להדין קרייה** (בראשית ב): **ושם הנהר השלישי חידקל,**

---

**איז געקומען אונדז לערנען וועגן דער מפלה פון אדום,**[6] **ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה מו, כב): קולה — איר קול גייט ווי פון אַ שלאַנג. **און די רבנן פאַר־גלייכן עס צו דעם דאָזיקן פסוק** (בראשית ב, יד): ושם — און דער נאָמען

---

יד. [1] געטייטשט לויטן דרש. [3] דעם וואָס רעדט אָן לשון הרע און ברענגט אָן צרות מיט זיין צונג. [3] פאַר אַנרעדן חוהן צו זינד. [4] און זי איז פאַרמשפט געוואָרן צו קריכן

פון דעם דריטן טייך איז חידקל, — [די טייכן] [7] **זאָגן צום חידקל: „פאַרוואָס לאָזט זיך דיין קול הערן?" זאָגט ער צו זיי: „הלוואי זאָל זיך עס הערן צווישן די טייכן". זאָגן זיי צום פרת: „פאַרוואָס האָסטו ניט קיין קול וואָס זאָל זיך לאָזן הערן, אָט ווי אונדזערע קולות הערן זיך?" זאָגט ער צו זיי: „מיינע מעשים וועלן אָן אויף מיר: אַ מענטש פאַרזייט לעבן מיר גרינס־זריעה, און עס גייט אויף צו די דריי טעג; ער פאַרזעצט אַ פלאַנץ לעבן מיר, און עס גייט אויף צו די דרייסיק טעג".**

טו

(יג) דברי — די רייד פונעם חכמס מויל האָבן חן, **דאָס איז כורש דער מלך פון פרס, וואָס האָט געזאָגט** (עזרא א, ג): מי בכם — ווער פון אייך, פון זיין גאַנץ פאָלק [איז גרייט], זאָל גאָט זיין מיט אים, און זאָל ער אַרויפגיין; — און די ליפּן פון דעם נאַר פאַרדאַרבן אים, **דען ער האָט פאַרדאָרבן זיינע ווערטער און האָט חרטה געהאַט אויף זיי.**[1]

(יד) תחלת — דער אָנהייב רייד פון זיין מויל איז נאַרישקייט, **דען ער האָט געזאָגט** (דאָרט): הוא — דאָס איז דער גאָט וואָס אין ירושלים;[2] — און דער סוף פון זיינע רייד איז בייזע ווילדקייט, **דען ער האָט חרטה געהאַט און מבטל געווען זיינע באַפעלן, און ער האָט געזאָגט: „דער וואָס איז אַריבער [דעם פרת],[3] איז אַריבער; און דער וואָס איז ניט אַריבער, זאָל ניט אַריבערגיין".**[4]

**אַן אַנדער פשט:** דער אָנהייב רייד פון זיין מויל איז נאַרישקייט, **דאָס איז אחשורוש, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ד, ו): ובמלכות — און אין דער מלוכה פון אחשורושן, אין אָנהייב פון זיין קיניגן, האָבן זיי געשריבן פיינט־שאַפט [אויף די איינוואוינער פון יהודה און ירושלים]; — און דער סוף פון זיינע רייד איז בייזע ווילדקייט, **דער ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט פאַרווערט די אַרבעט אויפן בית המקדש.**

טז

(יד) והסכל — און דער נאַר טוט מערן רייד. — **ר' ברכיה פון ר' סימונס וועגן האָט באַשיידט דעם פסוק אויף משהן: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משהן: „איך האָב געשריבן וועגן דיר, אַז דו ביסט אַ חכם; שטייסטו און מערסט רייד, — ביסטו ניט קיין חכם** (דברים ג, כו): אל תוסף — זאָלסט ניט מערן צו רעדן צו מיר וועגן דער דאָזיקער זאַך".

יז

(טו) עמל — די מי פון דעם נאַר פאַרמאַטערט אים, **דאָס איז אַ תלמיד**

---

**אויפן בויך.** [5] גדר (פלויט) — **שטייגער פון דער וועלט.** [6] **געמיינט רוים.** [7] **צוגעגעבן** לויט ילקוט דברים, תתא.

טו. [1] **אחשורוש ווערט** אין אסתר רבה א, ג, **אידענטיפיצירט מיט ארתחששתא, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דאָס בויען פונעם בית המקדש (זע אונדזער אויסגאַבע, א, א, באַמ. 7).** [2] **איז דען גאָט נאָר אין ירושלים?** [3] **אויפן וועג קיין יהודה; צוגעגעבן** לויט אסתר רבה, פתיחתא ח. [4] **זע** דאָרט **אונדזער אויסגאַבע באַמערקונג 4.**

**— אומרים** [הנהרות] לחידקל: „מפני מה קולך נשמע?״ א״ל: „הלוואי נשתמע קולי בין הנהרות״. אומרים לפרת: „למה לית לך קלא משתמע, כמה דקלין משתמעי?״ אומר להם: „מעשי מוכיחין עלי: **אדם זורע בי זריעת ירק, עולה לשלשה ימים; נוטע בי נטיעה, עולה לשלשים יום**״.

טו

(יג) דברי פי חכם חן, **זה כורש מלך פרס, שאמר** (עזרא א): מי בכם מכל עמו, יהי אלהיו עמו ויעל; — ושפתות כסיל תבלענו, **שבילע דבריו וחזר בם.**

(יד) תחלת דברי פיהו סכלות, **שאמר** (שם): הוא האלהים אשר בירושלים; — ואחרית פיהו הוללות רעה, **דחזר ובטל גזרותיו, ואמר: „מאן דעבר** [פרת], **עבר; ומאן דלא עבר, לא יעבר.**

**ד״א:** תחלת דברי סכלות, **זה אחשורוש, שנאמר** (שם ד): ובמלכות אחשורוש, בתחלת מלכותו, כתבו שטנה, **וגו׳;** ואחרית פיהו, **שעלה ובטל מלאכת בית המקדש.**

טז

(יד) והסכל ירבה דברים, — **ר׳ ברכיה בשם ר׳ סימון פתר קרא במשה: אמר הקב״ה למשה: „כתבתי עליך, שאת חכם, — עומד ומרבה דברים אתה, ואינך חכם** (דברים ג): אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה.

יז

(טו) עמל הכסילים תיגענו, **זה תלמיד העומד במשנתו;** אשר לא ידע ללכת אל עיר, — **לא היה לו לילך לרבו, שיחזיר לו תלמודו?**

**ד״א:** עמל הכסילים תיגענו, **זה יפתח;** אשר לא ידע ללכת אל עיר, — **לא היה לו לילך אצל פנחס, ויפר לו נדרו? אלא**

---

**וואָס בלייבט שטיין אין זיין לערנען;** אשר — וואָרום ער ווייס ניט, ווי צו גיין אין שטאָט, — **האָט ער דען ניט געדאַרפט גיין צו זיין רבין,[1] אַז ער זאָל אים אומקערן זיין לערנען?**

**אַן אַנדער פשט:** די מי פון דעם נאַר פאַרמאַטערט אים, **דאָס איז יפתח;** וואָרום ער ווייס ניט, ווי **צו** גיין אין שטאָט, — **האָט ער דען ניט געדאַרפט**

---

יז. [1] דער תלמיד ווערט דאָ פאַרגליכן צו אַ דאָרף, וואו ניט אַלץ איז בנמצא, און דער רבי צו אַ שטאָט, וואו מע קריגט וואָס מע דאַרף (רד״ל); **אָדער:** עיר ווערט דאָ געטייטשט אַ מלאך (ווי אין דניאל, ד, י), צו וועמען די תלמידי חכמים ווערן פאַרגליכן (מהרז״ו).

**גיין צו פינחסן,**[2] **אַז ער זאָל אים מתיר נדר**[3] **זיין? נייערט יפתח האָט געזאָגט: „איך בין אַ ראש און אַ פירער ביי ישראל, זאָל איך גיין צו פינחסן?" און** פינחס האָט געזאָגט: „איך בין אַ כוהן גדול און אַ זון פון אַ כוהן גדול, **זאָל איך גיין צו אַן עם הארץ?" צווישן זיי ביידן**[4] **איז יענע אומגליקלעכע אומגעקומען, און זיי ביידע זיינען באַשטראָפט געוואָרן איבער איר בלוט: יפתח איז צעפאַלן געוואָרן אברימווייז און איז אַזוי באַגראָבן געוואָרן,**[5] **ווי עס שטייט געשריבן** (שופטים יב, ז): ויקבר — און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין די שטעט פון גלעד. — **אין וויפיל ערטער איז ער באַגראָבן געוואָרן, וואָס דו זאָגסט:** און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין די שטעט פון גלעד? **נייערט דער פסוק לערנט אונדז, אַז ער איז צעפאַלן געוואָרן אברימווייז, און [יעדער אבר] איז באַגראָבן געוואָרן אין זיין אָרט. וואָס האָט פינחס געליטן? עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים דער רוח הקודש אויף צוויי הונדערט יאָר, ווי עס שטייט געשריבן** (דברי הימים א, ט, כ): ופינחס — און פינחס דער זון פון אלעזר, **און עס שטייט ניט** „איז אַ פירשט איבער זיי", **נייערט איז געווען אַ** פירשט איבער זיי, אַמאָל איז גאָט געווען מיט אים.[6]

יח

(טז) אי לך — ווי דיר, לאַנד, וואָס דיין מלך איז אַ יינגל. **אין פסוק שטייט** (מלכים א, ג, טז): אז — דעמאָלט זיינען געקומען צוויי פרויען זונות, — **ווער זיינען זיי געווען? ר' מאיר**[1] **זאָגט: גייסטער זיינען זיי געווען; און די רבנן זאָגן: יבמות**[2] **זיינען זיי געווען. ר' סימון זאָגט אין נאָמען פון ר' יהושען**[3]**: אמתע זונות זיינען זיי געווען, און ער האָט אַרויסגעטראָגן זייער פסק־דין אָן עדות און אָן אַ וואָרענונג.** (דאָרט יז—כז): ותאמר — און איין פרוי האָט געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר — — — און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג נאָך מיין געבערן — — — איז געשטאָרבן דאָס קינד פון דער דאָזיקער פרוי, **ווייל זי איז געפאַלן אין חלשות**[4] **אויף אים; איז זי אויפגעשטאַנען** אין מיטן נאַכט — — — און איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי אָנצוזייגן מיין זון, [ערשט ער איז טויט]. — — — האָט די אַנדערע פרוי געזאָגט: ניין, נייערט — — —; האָט דער מלך געזאָגט: די זאָגט: — — —

---

[2] **לויט אַ מסורה האָט פינחס זוכה געווען צו אַ זייער לאַנג לעבן, און שפּעטער איז ער געווען אידענטיש מיט אליהו הנביא** (פרקי דר' אליעזר, כט; מז; ילקוט פינחס; מדרש אגדה פינחס). [3] **זע** שופטים יא, ל—לא. [4] **געענדערט לויט ווייטער און לויט** תנחומא בחוקותי ה. [5] **יעדער אבר באַזונדער.** [6] **משמעות, אַז איצט ניט. מיר האָבן געשטעלט די פונקטואַציע לויטן דרש, אַנדערש ווי דער טראָפּ און דער פשט.**

יח. [1] **לויט אַנדערע מקורות — רבי.** [2] יבמה — **אַ שוועגערין, וואָס איז געבליבן אַן אלמנה אָן קינדער, און איר מאַנס ברודער,** דער יבם, שוואָגער, **דאַרף חתונה האָבן מיט איר, אָדער איר געבן חליצה** (דברים כה, ה—ט). **און דאָ האָט יעדער פון זיי זיך געוואָלט באַפרייען פון דעם דורכן לעבעדיקן קינד. לויט דעם דאַרף דאָס וואָרט** זונות **געטייטשט ווערן לויטן תרגום אויף דעם פסוק: שפּייזערקעס, אכסניה־האַלטערינס** (פונדקן)**, פונעם שורש** זון, שפּייזן. [3] **אין** שיר השירים רבה, א, י — **ר' יהושע בן לוי.** [4] **לויט** יאַסטראָוו; **אָדער** דאיתמרגת — **זי האָט זיך אויסגעגליטשט [און געפאַלן] אויף אים (זע** יאַסטראָוו

אמר יפתח: „אני ראש וקצין לישראל, אלך אצל פנחס?" ופנחס אמר: „אני כהן גדול בן כהן גדול, ואלך אצל עם הארץ?" מביני (תרייה) [תרויהון] ספת ההיא עלובתא, ותרויהון איתחייבון על דמה: יפתח נישול אבר אבר ונקבר, דכתיב (שופטים יב): ויקבר בערי גלעד, — ובכמה מקומות נקבר, דאת אמר: ויקבר בערי גלעד? אלא מלמד, שהיה נישול אבר אבר, ונקבר במקומו; פנחס מה הפסיד? נסתלקה ממנו רוח הקדש מאתים שנה, דכתיב (דברי הימים א, ט): ופינחס בן אלעזר — „נגיד עליהם" אין כתיב כאן, אלא — נגיד היה עליהם, לפנים ה' עמו.

יח

(טז) אי לך ארץ שמלכך נער. כתיב (מלכים א, ג): אז תבאנה שתים נשים זונות, — מי היו? ר' מאיר אומר: רוחות היו; ורבנן אמרי: יבמות היו. ר' סימון בשם ר' יהושע אומר: זונות ממש היו, והוציא דינן בלא עדים והתראה. (שם): ותאמר האשה האחת: בי אדוני, וגו', ויהי ביום השלישי ללדתי, וגו', וימת בן האשה הזאת, (דאיתמרטת) [דאיתמרעת] עלוי; ותקם בתוך הלילה, וגו', ואקום בבקר להיניק את בני, וגו'; ותאמר האשה האחרת: לא כי, וגו'; ויאמר המלך: זאת אומרת, וגו'. ר' פנחס ור' ירמיה בשם ר' חייא בר אבא ור' ביבי, ומטו בה משמיה דר' פדת: סדר הדין כך הוא: הדיין יושב, והנידונין עומדין (והסרסור מכריע ביניהם); התובע תובע, והנתבע משיב, והדיין מכריע ביניהן.

א"ר סימון: מכאן שצריך הדיין לשנות טענותיהם, — מן הדין קרייה: ויאמר המלך: זאת אומרת: זה בני החי, וגו', וזאת אומרת: לא כי, וגו'.

---

ר' פינחס און ר' ירמיה האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר' חייא בר אבא און ר' ביבי, און קומען קומט עס אינעם נאָמען פון ר' פדת: דער סדר פון אַ משפט איז אַזוי: דער שופט זיצט, און די וואָס משפטן זיך שטייען;[5] דער מאָנער מאָנט, דער געמאָנטער ענטפערט, און דער שופט איז מכריע צווישן זיי.

ר' סימון האָט געזאָגט: פון דאַנען איז געדרונגען, אַז דער שופט דאַרף איבערחזרן זייערע טענות, — פון דעם דאָזיקן פסוק: האָט דער מלך געזאָגט: די זאָגט: דאָס איז מיין זון דער לעבעדיקער — — — און די זאָגט: ניין, נייערט — — —;

און דער מלך האָט געזאָגט: ברענגט מיר אַ שווערד — — — און דער מלך האָט געזאָגט: צעשניידט דאָס לעבעדיקע קינד — — —, האָט געזאָגט די פרוי, וואָס איר קינד איז געווען דאָס לעבעדיקע — — — [איך בעט דיך מיין האַר, גיט איר דאָס לעבעדיקע קינד] — — —. ר׳ יהודה האָט אין נאָמען פון ר׳ אלעאין געזאָגט: ווען איך וואָלט דאָרטן געווען, וואָלט איך אים אַ שטריק אַרומגעוויקלט אויפן האַלדז! ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט: ברענגט מיר אַ שווערד, איז ווען ניט וואָס זי איז פול געוואָרן מיט רחמנות אויף אים, וואָלט עס דאָך געהרגעט געוואָרן. און וועגן יענער שעה זאָגט עס דער פּסוק: ווי דיר, לאַנד, וואָס דיין מלך איז אַ ייִנגל.

דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן מיט חכמה זיין שלוסוואָרט; ער האָט געזאָגט: „האָט דען הקדוש ברוך הוא אומזיסט באַשאַפן דעם דאָזיקן מענטשן צוויי אויגן, צוויי אויערן, צוויי פיס, צוויי הענט? נייערט הקדוש ברוך הוא האָט פאָראויסגעזען אַז דער דאָזיקער משפט איז אָנגעברייט צו זיין". ער האָט ניט געזאָמט, נייערט ער האָט געזאָגט: גיט איר דאָס לעבעדיקע קינד, און טייטן זאָלט איר עס ניט טייטן. אויף יענער שעה האָט עס דער פּסוק געזאָגט (יז): אשריך — וואויל דיר, לאַנד, וואָס דיין מלך איז אַ פרייער מענטש, און דיינע האַרן עסן אין צייט, אין צייט פון יענער וועלט;[6] אין גבורה און ניט אין שוואַכקייט,[7] ווען דער מענטש איז נאָך אין פולן כוח און ניט ווען ער איז אין זיין שוואַכקייט.[8]

ויען — האָט זיך אָפּגערופן דער מלך און האָט געזאָגט: גיט איר דאָס לעבעדיקע קינד; און דער רוח הקודש האָט אויסגעשריען און געזאָגט: „זי איז זיכער זיין מוטער".

## יט

ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: אין דריי ערטער האָט דער מידת הדין אויסגעשריען: אין דעם בית־דין פון שם, און אין דעם בית־דין פון שמואלן, און אין דעם בית־דין פון שלמהן. „אין דעם בית־דין פון שם" — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית לח, כו): ויכר — און יהודה האָט דערקענט און געזאָגט: זי איז גערעכט, פון מיר;[1] און דער רוח הקודש האָט אויסגעשריען און געזאָגט: „ממני — פון מיר זיינען געקומען די אַלע זאַכן".[2] — „אין דעם בית־דין פון שמואלן" — פון

— מרג; זע אויך אונקלוס, דברים יט, ה). [5] אין די געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דאָ די פראַזע: און דער פאַרמיטלער איז מכריע צווישן זיי, וואָס האָט דאָ קיין זין ניט. מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט אין איינקלאַנג מיטן ירושלמי, סנהדרין ג, ח. דער רד"ל מיינט, אַז דאָס איז אַ פאַרגרייזונג פונעם וויטערדיקן: און דער שופט איז מכריע. [6] זיך אָנגרייטנדיק אויף דער וועלט מצוות און מעשים טובים (זע אויבן ח, טז). [7] געטייטשט לויטן דרש. [8] אַ מענטש דאַרף זוכן זיך צו מיען אויף מעשים טובים אין דער יוגנט, און ניט אָפּלייגן עס אויף דער עלטער (עץ יוסף).

יט. [1] פון מיר איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן, — זע תרגום אונקלוס אויף דעם פּסוק. [2] כדי דורך איר זאָלן פון שבט יהודה אַרויסקומען מלכים ביי ייִדן (רשי אויף דעם פּסוק).

**ויאמר המלך:** קחו לי חרב, **וגו';** ויאמר המלך: גזרו את הילד החי, **וגו'.** ותאמר האשה אשר בנה החי, **וגו'. א"ר יהודה א"ר אלעאי: אילו הייתי שם, פוקרין הייתי כורך על צווארו! כשהוא אומר:** קחו לי חרב, — **אילולא שנתמלאת עליו רחמים, כבר נהרג. ועל אותה שעה הוא אומר:** אי לך ארץ שמלכך נער.

**אותה שעה התחיל אנפילוגוס בחכמתו; אמר: „כלום ברא הקב"ה לאדם זה שתי עינים, שתי אזנים, שתי רגלים, שתי ידים? אלא צפה הקב"ה שעתיד דין זה להיות". לא עשה, אלא אמר:** תני לה את הילוד החי, והמת לא תמיתהו. **על אותה שעה אמר** (יז): אשריך ארץ, שמלכך בן חורים, ושריך בעת יאכלו, **בעתו של עולם הבא;** בגבורה ולא בשתי, **בגבורתו ולא בתשישו.**

**ויען המלך:** תנו לה את הילוד החי; **ורוח הקדש צווחת ואומרת:** היא אמו **ודאי.**

יט

**אמר ר' שמואל בר נחמני: בשלשה מקומות צווחת מדת הדין: בבית דינו של שם, ובבית דינו של שמואל, ובבית דינו של שלמה. בבית דינו של שם מניין? שנאמר** (בראשית לח): ויכר יהודה ויאמר: צדקה ממני; **ורוח הקדש צווחת ואומרת: „ממני היו כל הדברים". בבית דינו של שמיאל מניין? שנאמר** (שמואל א, יב): הנני, ענו בי נגד ה', **וגו'.** ויאמר אליהם: עד ה' בכם ועד משיחו, **וגו'; „ויאמרו: עד" אין כתיב כאן, אלא** ויאמר: עד, — **מי אמר** עד? **רוח הקדש אומרת: „אתם מעידים על הגלוי, ואני אעיד על הנסתרים". בבית דינו של שלמה מניין? שנאמר:** ויען המלך

---

**וואַנען איז דאָס געדרונגען? ווי דער פּסוק זאָגט** (שמואל א, יב, ג—ה): הנני — דאָ בין איך, זאָגט עדות אויף מיר קעגן גאָט — — — און ער האָט געזאָגט צו זיי: אַן עדות איז גאָט קעגן אייך און אַן עדות זיין געזאַלבטער — — —; **און עס שטייט דאָ ניט „ויאמרו — און זיי האָבן געזאָגט: אַן עדות", נייערט:** ויאמר — און ער האָט געזאָגט: אַן עדות, — **ווער האָט געזאָגט** אַן עדות? **דער רוח הקודש האָט געזאָגט: „איר זענט עדות אויפן אָפענעם איך בין אַן עדות אויפן פאַרבאָרגענעם". — „אין דעם בית־דין פון שלמהן", — פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? ווי דער פּסוק זאָגט:** האָט זיך אָפּגערופן

[3] לויטן ספר מלכים האָט מלכות יהודה געהאַט אַ גרעסערע צאָל גערעכטע און פאַראַנטוואָרטלעכע מלכים איידער מלכות ישראל.

דער מלך און האָט געזאָגט: גיט איר דאָס לעבעדיקע קינד; **און דער רוח הקודש האָט געזאָגט: זי איז זיכער** זיין מוטער.

**אַן אַנדער פשט:** ווי דיר, לאַנד, וואָס דיין מלך איז אַ יינגל, **דאָס זיינען די מלכים פון ישראל;** וואויל דיר, לאַנד, וואָס דיין מלך איז אַ פרייער מענטש, **דאָס זיינען די מלכים פון יהודה.** און דיינע האַרן עסן גאַנץ פרי, **דאָס זיינען די מלכים פון ישראל;** און דיינע האַרן עסן אין צייט, **דאָס זיינען די מלכים פון יהודה.**[3]

כ

(יח) בעצלתים — דורך פוילקייט לאָזט זיך אַראָפּ דער באַלקן, **דורך דעם וואָס ישראל האָט זיך געפוילט**[1] **צו לאַגערן ביים באַרג סיני אין מח־לוקת,** האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער באַלקן, [**ווי אין פסוק**] **שטייט** (תהלים יח, י): ויט — און ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם הימל און אַרונטערגענידערט; ובשפלות — און דורך שפלדיקע הענט רינט דאָס הויז, **דורך דעם וואָס ישראל האָט זיך געהאַלטן שפלדיק**[2] **פון צו לאַגערן ביים באַרג סיני אין מחלוקת.** רינט דאָס הויז (שופטים ה, ד): גם — אויך די וואָלקנס האָבן וואַ־סער געטריפט.

**אַן אַנדער פשט:** דורך פוילקייט פאַלט איין דער באַלקן, **דורך דעם וואָס ישראל האָט זיך געפוילט תשובה צו טאָן אין די טעג פון ירמיהן,**[3] פאַלט איין דער באַלקן (ישעיה כב, ח): ויגל — און מע האָט אָפּגעדעקט דעם צודעק פון יהודה, **מע האָט אָפּגעדעקט דאָס וואָס דאַרף זיין פאַרדעקט;**[4] און דורך שפל־דיקע הענט רינט דאָס הויז, **דורך דעם וואָס ישראל איז געווען שפל**[5] **פון תשובה טאָן אין די טעג פון ירמיה, שטייט געשריבן** (עמוס ו, יא): כי הנה — וואָרום אָט וועט גאָט באַפעלן, און מע וועט צעקלאַפּן דאָס גרויסע הויז אויף שפּענדלעך, און דאָס קליינע הויז אויף שפּאַלטן. **ר' הונא האָט געזאָגט: [דאָס צעקלאַפּן אויף] שפּענדלעך איז ניט גלייך ווי אויף שפּאַלטן: פון אַן איינ־שפּאַלטונג בלייבן ניט קיין חורבות, אָבער פון שפּענדלעך בלייבן [נאָר] חורבות.**[6]

**אַן אַנדער פשט:** דורך פוילקייט פאַלט איין דער באַלקן, **דורך דעם וואָס אַ פרוי פוילט זיך בודק צו זיין [ווען זי דאַרף קריגן] איר צייט, ווערט זי קראַנק [פלוצים],**[7] **ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא טו, לג): והדוה — און פון

כ. [1] זיך צוריקגעהאַלטן. [2] ניט געהאַלטן זיך פאַרריסן, נייערט געווען עניוותדיק, און דורך דעם אויסגעמיטן מחלוקתן. [3] אַנדערש ווי פריער, ווערט דאָ דער פסוק גענומען אין נעגאַטיוון זין, און אַזוי אויך דער ווייטערדיקער דרש. [4] מע האָט אַראָפּגעריסן דעם דאַך פון קדשי קדשים (יפה ענף). [5] געפאַלן, מאָראַליש נידעריק. [6] און מע קען פון דעם מער גאָרניט מאַכן, און דער געדאַנק איז, אַז פון דער גרויסער מלכות ישראל וועט גאָרניט בלייבן, בעת דאָס קליינע יהודה וועט ווידער אויפלעבן. — מיר האָבן די איבער־זעצונג געמאַכט לויטן תרגום אויפן פסוק און לויט מצודת דוד; אַזוי איז עס אויך לויטן עץ יוסף. לויט דער איבערזעצונג פון יהואש, זיינען בקיעים קלענערע ברוכטיילן איידער רסיסים; איז עס אָבער לעקסיש ניט ריכטיק (זע שטיינבערג, משפט האורים) און עס שטימט ניט מיטן דרש. [7] און איז זיך גורם דעם חטא פון לעבן מיטן מאַן בעת זי איז

ויאמר: תני לה את הילוד החי, וגו׳, **ורוח הקדש אומרת:** היא אמו **ודאי.**

**ד״א:** אי לך ארץ שמלכך נער, **אלו מלכי ישראל;** אשריך ארץ שמלכך בן חורים, **אלו מלכי יהודה.** ושריך בבקר יאכלו, **אלו מלכי ישראל;** ושריך בעת יאכלו, **אלו מלכי יהודה.**

כ

(יח) בעצלתים ימך המקרה, **על ידי שנתעצלו ישראל מלחנות במחלוקת בהר סיני,** ימך המקרה, — **כתיב** (תהלים יח): ויט שמים וירד; ובשפלות ידים ידלף הבית, **עד שנשתפלו ישראל מלחנות במחלוקת על הר סיני,** ידלף הבית (שופטים ה): גם עבים נטפו מים.

**ד״א:** בעצלתים ימך המקרה, **על ידי שנתעצלו ישראל מלעשות תשובה בימי ירמיה** ימך המקרה (ישעיה כב, ח): ויגל את מסך יהודה, גלי **דכסייה;** ובשפלות ידים ידלף הבית, **על ידי שנשתפלו ישראל מלעשות תשובה בימי ירמיה, כתיב** (עמוס ו): כי הנה ה׳ מצוה, והכה את הבית הגדול רסיסים והבית הקטן בקיעים. **א״ר הונא: לא דמי הדין רסיסה להדין בקיעה: (מה) הדין בקיעה לית מיניה אליסים, והדין רסיסה אית מיניה אליסים.**

**ד״א:** בעצלתים ימך המקרה, — **ר׳ כהן פתר באשה: על ידי שהאשה מתעצלת לבדוק עצמה בעונתה, נעשית דוה, שנאמר** (ויקרא טו): והדוה בנדתה; — ובשפלות ידים, **על ידי שמשתפלת מלבדוק עצמה, נעשית זבה, שנאמר** (שם): ואשה כי יזוב זוב דמה, **וגו׳.**

כא

(יט) לשחוק עושים לחם, **לשחוקים של יראות עושים לחם;** ויין ישמח חיים, **זו התורה, שנאמר** (תהלים יט): פקודי ה׳ ישרים

---

דער קראַנקער אין איר אָפזונדערונג; — און דורך שפלדיקע הענט, **דורך דעם וואָס זי איז שפל פון זיך בודק צו זיין, ווערט זי בלוט־פליסיק, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, כה): ואשה — און אַ פרוי, וואָס איר בלוטפליסונג וועט פליסן — — —:

כא

(יט) לשחוק — פון לוסטיקייט וועגן מאַכט מען אַ סעודה, **פאַר דער לוסטיקייט פון די געצן** [דינער] **מאַכט מען אַ סעודה;** אָבער [1] ווין מאַכט

---

**אַ נידה. אין ויקרא רבה יט, ד ווערט דער דרש געבויט אויף דער ענלעכקייט פון** מקרה, **דער באַלקן, מיט** מקורה, **איר [בלוט] קוואַל.**

פריילעך דאָס לעבן, דאָס איז די תורה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יט, ט): פקודי — די באַפעלן פון גאָט זיינען רעכטפאַרטיק, זיי דערפרייען דאָס הארץ; — און געלט פאַרענטפערט אַלץ, — ר׳ יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוי: אַ מאָל ווערט מען [דורך געלט] גערעכטפערט, און אַ מאָל ווערט מען ניט גערעכטפערט. אַ מאָל, ווען מע טוט מיט דעם צדקה, ווערט מען גע־ענטפערט, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ל, לג): וענתה — און ענטפערן וועט פאַר מיר[2] מיין ערלעכקייט; און אַ מאָל, ווען אַ מענטש טוט ניט מיט דעם קיין צדקה, ווערט עס אים אַ קטיגור, ווי דער פסוק זאָגט (דברים יט, טז): לענות — צו ענטפערן[3] קעגן אים שלעכטס.

ר׳ שמעון בן לקיש איז פאַרבעטן געוואָרן פון איינעם אַ שכן. [קומענדיק אַהין] האָט ער געזען מענטשן שטייען אויף און טאַנצן און קלאַפּן [מיט די הענט], און מע גיט זיי עסן און טרינקען. האָט ער געזאָגט: „דאָס איז גוט, איך וועל אויך אויפשטיין און טאַנצן און זינגען". איז ער אויפגעשטאַנען און געטאַנצט און געזונגען, און מע האָט אים געגעבן אַ פעסל מיט אַלטן וויין. האָט ער געלייענט אויף זיך: פון לוסטיקייט וועגן מאַכט מען אַ סעודה.

כב

(כ) אפילו אין דיין געדאַנק זאָלסטו דעם מלך ניט שעלטן. ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צום מענטשן: „צי ווייל איך האָב דיר געגעבן מער געדאַנק איידער דער בהמה און דער חיה און די פייגל, זאָלסטו לעסטערן און שענדן מיר אין פנים? איך האָב דיר געמאַכט אויגן און איר[1] אויגן, דיר אויערן און איר אויערן, דיר הענט און איר הענט, דיר פיס און איר פיס, דיר אַ מויל און איר אַ מויל, נמשל — ער איז געגליכן צו אַ בהמה,[2] נדמה, און נדמה[3] מיינט ניט אַנדערש ניערט שווייגן, איך האָב זיי געמאַכט שווייגן קעגן דיר;[4] זע דעם כבוד וואָס איך האָב דיר אָנגעטאָן, און דו פאַרשטייסט ניט די גאַנצע טובה פון דעם, [ווי דער פסוק זאָגט] (תהלים מט, כא): אדם — דער מענטש איז אין כבוד, און ער פאַרשטייט ניט.[5]

כג

אַן אַנדער פשט: אפילו אין דיין געדאַנק זאָלסטו דעם מלך וואָס אין דיין דור ניט שילטן, און אין דיינע שלאָפקאַמערן זאָלסטו ניט שילטן דעם עושר, דעם עושר וואָס אין דיין דור זאָלסטו ניט שילטן; וואָרום דער פויגל פון הימל [וועט פאַרטראָגן דאָס קול]. ר׳ ירמיה בן אלעזר זאָגט: דאָס איז די קראָ אין דער חכמה פון וואָרזאָגן;[1] און דער וואָס האָט פליגלען וועט אויסזאָגן דאָס וואָרט, ווייל אַ וואַנט האָט אויערן.

---

כא. [1], [2], [3] לויטן דרש.

כב. [1] דער חיה און בהמה. [2] לויט תהלים מט, יג. [3] אין תהלים דאָרט — נדמו, ווערן פאַרשניטן. [4] נאָר דער מענטש באַזיצט די פעאיקייט פון רעדן. [5] געטייטשט לויטן דרש.

כג. [1] דורך כישוף קאָן מען פון דער קראָ אַרויסקריגן וואָס זי האָט געהערט. ש. בובער

משמחי לב; — והכסף יענה את הכל. — ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי: פעמים נענה, פעמים אינו נענה. פעמים שעושים בו צדקה הוא נענה, שנאמר (בראשית ל): וענתה בי צדקתי; פעמים שלא יעשה בו צדקה הוא מקטרגו, המד״א (דברים יט): לענות בו סרה.

ר׳ שמעון בן לקיש קרא יתיה חד מגר. חמא אינשי קיימן מרקדין ומטפחין, ויהבון להון מיכלא ומשתיא. אמר: „הא טבאות, אוף אנא איקום ואירקוד ואזמר״. קם ורקד וזמר, ויהבין ליה חד גרב דחמר עתיק. וקרא עלוי: לשחוק עושים לחם.

כב

(כ) גם במדעך מלך אל תקלל. אמר ר׳ יהודה בר׳ סימון: אומר הקב״ה לאדם: „בשביל שנתתי לך מדע יותר מן הבהמה ומן החיה ומן העופות, אתה מחרף ומגדף לפני? עשיתי לך עינים ולה עינים, לך אזנים ולה אזנים, לך ידים ולה ידים, לך רגלים ולה רגלים, לך פה ולה פה,—נמשל כבהמות נדמה, אין נדמה אלא שתיקה: שיתקתים מפניך; ראה כבוד שעשיתי לך, ואין אתה מבין כל הטובה הזאת(תהלים מט): אדם ביקר, ולא יבין״.

כג

ד״א: גם במדעך מלך אשר בדורך אל תקלל, ובחדרי משכבך אל תקלל עשיר, עשיר שבדורך אל תקלל: כי עוף השמים, — ר׳ ירמיה בן אלעזר אמר: זה הוא העורב חכמת טיארין; ובעל כנפים יגיד דבר, משום אזנים לכתל.

ד״א: גם במדעך מלך, מלכו של עולם, אל תקלל, ובחדרי משכבך אל תקלל עשיר, עשירו של עולם; כי עוף השמים יוליך את הקול. — ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי: יש קרסיות לטובה, ויש קרסיות לרעה. „קרסיות לטובה,״ שנאמר (דברים ה): וישמע

---

אַן אַנדער פשט: אפילו אין דיין געדאַנק זאָלסטו דעם מלך, דעם מלך פון דער וועלט, ניט שילטן, און אין דיינע שלאָפקאַמערן זאָלסטו ניט שילטן דעם עושר, דעם עושר פון דער וועלט; וואָרום דער פויגל פון הימל וועט פאַרטראָגן דאָס קול. — ר׳ יהושע פון סיכנין פון ר׳ לויס וועגן: פאַראַן אונ־טערהאָרכערס [2] צום גוטן, און פאַראַן אונטערהאָרכערס צום שלעכטן. „אונ־

---

(מדרש תהלים ז, א) וויל בייטן עורב, קראָ, אויף ערום, קלוג. דער וואָס איז קלוג, גע־לערנט, אין דער חכמה פון וואָרזאָגן. [2] קרסיות, וואָס יאַסטראָוו הייסט בייטן אויף קיריוסין,

טערהאָרכערס צום גוטן", ווי דער פּסוק זאָגט (דברים ה, כה): און גאָט האָט געהערט דאָס קול פון אייערע ווערטער — — — [און גאָט האָט געזאָגט]: — — — זיי האָבן גוט געטאָן [מיט] אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט.

חייא בר אדא און בר קפּרא [זאָגן וועגן דעם]. חייא בר אדא האָט געזאָגט: די גוטיקייט [פון די רייד איז געווען] ווי די גוטיקייט פון [צערעכט מאַכן] די קטורת; בר קפּרא האָט געזאָגט: די גוטיקייט איז געווען ווי די גוטיקייט פון [צערעכט מאַכן] די [מנורה] רערלעך.[3]

„אונטערהאָרכערס צום שלעכטן", ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט א, לד־לה): וישמע ה' — און גאָט האָט געהערט דאָס קול פון אייערע ווערטער, און ער האָט געצערנט און געשוואָרן — — —.

ר' אבהו אין נאָמען פון ר' תחליפא זיין שווער: אין פּסוק שטייט (תהלים צה, יא): אשר — וואָס איך האָב געשוואָרן אין מיין צאָרן, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אין מיין צאָרן האָב איך געשוואָרן, און איך האָב חרטה"; [איך האָב געזאָגט:] אויב זיי וועלן קומען אין מיין רו־אָרט — אין דעם דאָזיקן רו־אָרט וועלן זיי ניט קומען, זיי וועלן אָבער קומען אין אַן אַנדער רו־אָרט".[4] ר' ביבי האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יהושע בן לוי: [ס'איז אַ משל] מיט אַ מלך, וואָס איז אין כעס געוואָרן אויף זיין זון און האָט אים אַרויסגעשטויסן פון זיין פּאַלאַץ און געשוואָרן, אַז ער וועט זיין זון מער אין פּאַלאַץ ניט אַריינלאָזן. וואָס האָט ער געטאָן? יענער פּאַלאַץ איז געווען אַן אויפגעבויטער, האָט ער אים געלאָזט צעוואָרפן און האָט אים ווידער אויפגעבויט, און האָט אים אַהין אַריינגעלאָזט; קומט אויס, אַז אי ער האָט אַריינגעלאָזט זיין זון, אי ער האָט געהאַלטן זיין שבועה. אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „אין מיין צאָרן האָב איך געשוואָרן, און איך האָב חרטה; [איך האָב געזאָגט:] אויב זיי וועלן קומען אין מיין רו־אָרט, — אין דעם דאָזיקן רו־אָרט וועלן זיי ניט קומען, זיי וועלן אָבער קומען אין אַן אַנדער רו־אָרט".

און דער וואָס האָט פליגלען וועט אויסזאָגן דאָס וואָרט, — ר' בון האָט געזאָגט: בשעת אַ מענטש שלאָפט דערציילט דער גוף דער נשמה [וואָס ער האָט דורכן טאָג געטאָן], און די נשמה — דעם נפש,[5] און דער נפש — דעם מלאך, און דער מלאך זאָגט עס דעם כרוב, און דער כרוב זאָגט עס דעם וואָס האָט פליגלען. ווער איז דער? דאָס איז דער שרף. און דער שרף טראָגט אַוועק די זאַך און ברענגט עס פאַר דעם וואָס האָט מיט זיין זאָג די וועלט באַשאַפן.

---

לויט פּסיקתא רבתי ג, ד. [3] וועגן ביידע זאַכן זע שמות ל, ז; ביים צוגרייטן קטורת פלעגט מען זאָגן (און אפשר זינגען): היטב הדק, הדק היטב, גוט צערייבן, צערייבן גוט (כריתות ו, ב). [4] עס רעדט זיך וועגן אַ פּתח חרטה ביים מתיר זיין אַ נדר, אָדער אַ שבועה: דער רבוש"ע האָט געשוואָרן אַוועקצונעמען ישראל פון זייער רו־אָרט (מיטן חורבן פון בית ראשון), אָבער ער האָט ניט געשוואָרן ניט צו געבן זיי אַ צווייט רו־אָרט (דעם צווייטן בית המקדש). דער אָנהייב פון מאמר קומט פון ירושלמי (נדרים ג, א), וואו ער ווערט

ה׳ את קול דבריכם, וגו׳, היטיבו כל אשר דברו.

**חייא בר אדא ובר קפרא. חייא בר אדא אמר: הטבה כהטבת קטורת; בר קפרא אמר: הטבה כהטבת הנרות.**

„**קרסיות לרעה**״, **שנאמר** (שם): וישמע ה׳ את קול דבריכם ויקצף וישבע, וגו׳״.

**ר׳ אבהו בשם ר׳ תחליפא חמיו: כתיב** (תהלים צה): אשר נשבעתי באפי, — **אמר הקב״ה: „באפי נשבעתי וחוזרני בי;** אם יבאון אל מנוחתי, — **למנוחה זו אינם באים, אבל באין הם למנוחה אחרת״. ר׳ ביבי בשם ר׳ יהושע בן לוי אמר: למלך שכעס על בנו ודחפו והוציאו חוץ לפלטין שלו, ונשבע שלא יכניסו לבנו לפלטין. מה עשה? היתה בנויה, וסתרה וחזר ובנאה והכניסו; נמצא מכניס בנו ומקיים שבועתו. כך אמר הקב״ה:** „באפי נשבעתי, **וחוזרני בי;** אם יבאון אל מנוחתי, — **למנוחה זו אינן באים, אבל באים הם למנוחה אחרת״.**

ובעל כנפים יגיד דבר, — **א״ר בון: בשעה שהאדם ישן, הגוף אומר לנשמה,והנשמה לנפש, והנפש למלאך, והמלאך אומר לכרוב, והכרוב אומר** לבעל כנפים. **מי הוא זה? השרף. והשרף יוליך דבר ויגיד לפני מי שאמר והיה העולם.**

כד

**ד״א:** במדעך מלך אל תקלל, **מלך שלפניך אל תקלל;** ובחדרי משכבך אל תקלל עשיר, **גדול שבמקומך;** כי עוף השמים יוליך את הקול, — **אמר הקב״ה לדוד: „לא כך היית אומר** (תהלים ו): יבשו ויבהלו מאד כל אויבי, — **מי היו אויביך, לא שאול? לא כך**

כד

**אן אַנדער פשט:** אין געדאַנק זאָלסטו דעם מלך ניט שילטן, **דעם מלך וואָס איז פאַר דיר**[1] זאָלסטו ניט שילטן; און אין דיינע שלאָפקאַמערן זאָלסטו ניט שילטן דעם עושר, **דעם פער פון דיין וואוינאָרט;** וואָרום דער פויגל פון הימל וועט פאַרטראָגן דאָס קול, — **הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו דודן: „ניט אַזוי האָסטו געזאָגט** (תהלים ו, יא): יבשו — פאַרשעמט און דערשראָקן

---

**געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ יהושען, און די צווייטע העלפט איז אַ צוגאָב דערקלערונג פונעם בעל המדרש.** [5] **אַ העכערע מדרגה פון מענטשנס גייסטיקייט.**

כד. [1] **וואָס דו דאַרפסט קיניגן נאָך אים, אַ שטייגער שאול און דוד, ווי ווייטער (עץ**

זייער זאָלן ווערן אַלע מײַנע פײַנט, — ווער זײַנען געווען דײַנע פײַנט, ניט שאול? האָסטו ניט אַזוי געזאָגט (דאָרט יח, א): ביום — אין דעם טאָג ווען גאָט האָט אים מציל געווען פון דער לאַפּע פון אַלע זײַנע פײַנט און פון דער האַנט פון שאולן?" האָט דוד געזאָגט: „רבונו של עולם! דו ברענגסט עס אויף קעגן מיר ווי מוטוויליקייטן? רעכן עס מיר ווי אַ פאַרזען". דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ז, א): שגיון — אַ פאַרזען[2] פון דודן, וואָס ער האָט געזונגען צו גאָט וועגן [זײַנע] ווערטער [אויף] כוש דעם בנימינער.[3]

אַן אַנדער פשט: אפילו אין דײַן געדאַנק זאָלסטו דעם מלך ניט שילטן, דאָס איז משה, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, ה): ויהי — און ער איז געווען אַ מלך אין ישורון;[4] — און אין דײַנע שלאָפקאַמערן זאָלסטו ניט שילטן דעם עושר, דאָס איז משה. פון וואַנען איז משה רײַך געוואָרן? פון דעם אָפּפאַל פון די לוחות. ר' חנין האָט געזאָגט: אַ סאַפּיר־גרוב האָט [הקדוש ברוך הוא][5] אים אַנטפּלעקט אין זײַן געצעלט, און פון דעם איז משה נתעשר געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (שמות לד, א): פסל לך — האַק דיר אויס צוויי שטיינערנע לוחות, — זייער אָפּפאַל[6] זאָל זײַן פאַר דיר.[7]

---

יוסף; אַזוי אויך מהרז"ו אויף ויקרא רבה לב, ב). [2] שגגה — שגיון. [3] געטײַטשט דעם פסוק לויטן דרש. לויט דער גמרא (מועד קטן טז, ב) ווערט מיט כוש בן ימיני געמיינט

**היית אומר** (שם יח): ביום הציל ה׳ אותו מכף כל אויביו ומיד שאול?״ **אמר דוד: „רבוש״ע! זדונות אתה מעלה עלי? שגגות חשוב אותן לי״. ההי״ד** (שם ז): שגיון לדוד, אשר שר לה׳ על דברי כוש בן ימיני.

**ד״א: גם** במדעך מלך אל תקלל, **זה משה, שנאמר** (דברים לג): ויהי בישרון מלך; ובחדרי משכבך אל תקלל עשיר, **זה משה. מניין העשיר משה? מפסילתן של לוחות. אמר ר׳ חנין: מחצב של סנפירינון גלה [לו הקב״ה] בתוך אהלו, ומשם העשיר משה, שנאמר** (שמות לד): פסל לך שני לוחות אבנים, וגו׳, — **פסילתן תהא לך.**

---

**שאול. [4] ישראל. [5] צוגעגעבן לויט** ירושלמי שקלים ה, ב. **[6] פסילתן — פסל. [7] דער נוסח אין** ירושלמי, **פון וואַנען דער דרש איז גענומען, איז ריכטיקער: ר׳ חמא בר חנינא האָט געזאָגט: פונעם אָפּפאַל פון די לוחות איז משה רייך געוואָרן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** פסל לך — — **דער אָפּפאַל זאָל זיין דיינער. ר׳ חנין האָט געזאָגט: אַ גרוב פון טייערע שטיינער האָט אים גאָט באַשאַפן אין זיין געצעלט.**

# פרשה יא

א

(א) שלח — שיק אַרויס דיין ברויט אויפן וואַסער. ר׳ ביבי האָט געזאָגט: אויב דו ווילסט טאָן צדקה, טו עס מיט די וואָס מיען זיך אין דער תורה, וואָרום וואַסער וואָס שטייט דאָ מיינט ניט אַנדערש, נייערט דברי תורה, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה נה, א): הוי — אָ, אַלע דאָרשטיקע, קומט נאָך וואַסער.[1]

ר׳ עקיבא האָט געזאָגט: ווען איך בין אַמאָל געפאָרן אויפן ים, האָב איך געזען ווי אַ שיף איז געזונקען אין ים, און איך האָב מיך מצער געווען פון וועגן איינעם אַ תלמיד חכם וואָס איז דאָרט געווען און איז אוודאי דערטרונקען געוואָרן. אָבער ווען איך בין געקומען אין דער מדינה קאַפּאַדאָקיע, האָב איך אים געזען ווי ער זיצט פאַר מיר און פרעגט פראַגעס. האָב איך אים געזאָגט: „זון מיינער, ווי אַזוי ביסטו אַרויס פון ים?״ האָט ער מיר געזאָגט: „רבי, איבער דיין תפילה האָט מיך איין כוואַליע געוואָרפן צו אַ צווייטער, און יענע ווידער צו אַן אַנדערער, ביז זיי האָבן מיך צוגעבראַכט צו דער יבשה״. האָב איך געזאָגט צו אים: „זון מיינער, וואָס פאַראַ מעשים [טובים] פאַרמאָגסטו?״ האָט ער געזאָגט: „ווען איך בין אַריין אין דער שיף האָט מיך באַגעגנט איינער אַן אָרימאַן, און ער האָט געזאָגט צו מיר: ׳טו אין מיר אַ מצווה׳. האָב איך אים געגעבן אַ לעבל ברויט. האָט ער געזאָגט צו מיר: ׳אַזוי ווי דו האָסט מיר געגעבן מיין לעבן מיט דיין גאָב, אַזוי זאָל דיר דיין לעבן געגעבן ווערן.׳ ״ האָב איך געלייענט אויף אים: שיק אַרויס דיין ברויט אויפן וואַסער.

ס׳איז געשען אַ מעשה מיט אַ גרויסער שיף, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן ים הגדול. האָט דער ווינט זי גענומען און פאַרפירט אין אַן אָרט, וואו ס׳איז ניט געווען קיין גייענדיק וואַסער. ווי זיי האָבן געזען, אַז זיי זיינען אין אַן אמתער צרה, אַזוי האָבן זיי געזאָגט: „לאָמיר מאַכן אַ שותפות מיט אונ־דזערע הצטרכותן. אויב מיר וועלן שטאַרבן, וועלן מיר אַלע שטאַרבן; אויב מיר וועלן לעבן, וועלן מיר אַלע לעבן״. האָט זיי דער אייבערשטער געעפנט די אויגן, און זיי האָבן גענומען אַ ציגעלע און עס אָפּגעבראָטן און עס אויפ־געהאָנגען אויף דער מערב זייט פון דער שיף. איז נאָכן ריח צוגעקומען אַ גרויסע חיה און האָט עס אָנגעהויבן שלעפּן, ביז זי האָט אַריינגעבראַכט [די שיף] אין גייענדיק וואַסער, און זיי זיינען אַוועק [מיטן שטראָם]. ווי זיי זיינען אָנגעקומען און אַריין קיין רוים, אַזוי האָבן זיי דערציילט די מעשה ר׳ אליעזרן און ר׳ יהושען; האָבן זיי געלייענט אויף זיי: שיק אַרויס דיין ברויט אויפן וואַסער.

# פרשה יא

## א

(א) שלח לחמך על פני המים. א״ר ביבי: אם בקשת לעשות צדקה, עשה אותה עם עמלי תורה, שאין מים האמור כאן, אלא דברי תורה, שנאמר (ישעיה נה, א): הוי כל צמא לכו למים.

אמר ר׳ עקיבא: כשהייתי בא בים ראיתי ספינה שטבעה בים, ונצטערתי על תלמיד חכם אחד שהיה בה ונטבע. וכשבאתי למדינת קפוטקיא ראיתיו, שהיה יושב לפני ושואל שאלות. נמתי לו: „בני, היאך עלית מן הים?״ אמר לי: „רבי, בצלותך טרדני הגל לחבירו וחבירו לחבירו, עד שהגיעוני ליבשה.״ אמרתי לו: „בני, מה מעשים יש בידך?״ אמר: „כשנכנסתי לספינה פגע בי איש אחד מסכן. אמר לי: ׳זכי בי׳; ויהבית ליה חד עיגול. אמר: ׳כמה דיהבית לי נפשי במתנך, כן יתיהב לך נפשך׳.״ וקראתי עליו: שלח לחמך על פני המים.

מעשה בספינה אחת גדולה מפרשת לים הגדול. נטלה הרוח והוליכה למקום שאין בו מים מהלכין. כשראו שצרתן צרה, אמרו: „באו ונשתתפינן באיצטרכא שלנו. אם נמות, נמות כולנו; אם נחיה, נחיה כולנו.״ האיר המקום עיניהם, ונטלו גדי אחד וצלו אותו, ותלוהו במערבה של ספינה. באה חיה גדולה לריחו והתחילה גוררת בה, עד שהשליכה למים המהלכין, והלכו. כיון שהגיעו ונכנסו לרומי, תנון עובדא לר׳ אליעזר ור׳ יהושע, וקרון עליהן: שלח לחמך על פני המים.

בר קפרא מקפל בשוניתא דימא דקסרי. ראה ספינה שטבעה בים הגדול (ואוטפיטא) [ואנטיפיטא] עולה מתוכה ערום. כד

---

בר קפרא איז אַרומגעגאַנגען [2] אויף די פעלזן פון ים־ברעג אין קיסריה. האָט ער געזען, ווי אַ שיף איז געזונקען אין ים הגדול, און אַ שררה [3] איז אַרויסגעקומען פון איר אַ נאַקעטער. ווען ער האָט אים דערזען, איז ער צו־

---

א. [1] און דאָרט איז עס אַ משל פאַר גאָטס וואָרט. [2] דער מתנות כהונה וויל בייטן אויף מטייל, אומגעשפאַצירט, (ווי ווייטער, ביי ר׳ אליעזר בן שמוע און ווי אויבן ה, י). [3] פינקטלעך: פראָ־קאָנסול, וועמעס זיץ ס׳איז געווען אין קיסריה. געביטן לויט ירושלמי

געקומען צו אים און אים באַגריסט, און אים געגעבן צוויי סלעים. און וואָס [נאָך] האָט ער געטאָן? ער האָט אים אַריינגעבראַכט צו זיך אַהיים און אים געגעבן עסן און טרינקען, און אים געגעבן נאָך דריי סלעים; ער האָט געזאָגט צו אים: „אויף אַזאַ אַדם גדול ווי דו מעג מען אויסגעבן נאָך דריי סלעים". אין טעג אַרום זיינען געכאַפּט געוואָרן יידן אין אַ צונויפגעלאָף.[4] האָט מען געזאָגט: „ווער וועט גיין און איבערבעטן [מלכות] וועגן אונדז?" האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: „בר קפּרא, וואָרום ער איז חשוב ביי מלכות". האָט ער געזאָגט צו זיי: „ווייסט איר, אַז דאָס דאָזיקע מלכות טוט ניט קיין זאַך אומזיסט?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „דאָ איז פאַראַן פינף הונדערט דינר, נעם זיי און גיי און בעט איבער [מלכות] פון וועגן אונדז." האָט ער גענומען די פינף הונדערט דינר און איז אַוועק צו מלכות. ווען יענער שררה האָט אים דערזען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און אים באַגריסט; ער האָט אים געזאָגט: „פאַרוואָס האָט זיך דער רבי מטריח געווען אַהער?" האָט ער אים געזאָגט: „איך בעט דיך דו זאָלסט זיך מרחם זיין אויף די דאָזיקע יידן." האָט ער אים געזאָגט: „דו ווייסט, אַז דאָס דאָזיקע מלכות טוט ניט קיין זאַך אומזיסט". האָט ער געזאָגט צו אים: „איך האָב מיט מיר פינף הונדערט דינר; נעם זיי און בעט איבער [מלכות] פון וועגן זיי". האָט ער אים געזאָגט: „די דאָזיקע דינרן זאָלן בלייבן ביי דיר פאַר די פינף סלעים וואָס דו האָסט מיר געגעבן, און דיין אומה וועט באַפרייט ווערן פאַרן עסן און טרינקען וואָס דו האָסט מיר געגעבן אין דיין הויז; און דו גיי בשלום, מיט גרויס כבוד". האָט מען געלייענט אויף אים: שיק אַרויס דיין ברויט אויפן וואַסער.

ב

ר' אלעזר בן שמוע האָט אַרומגעשפּאַצירט אויפן ברעג פון ים הגדול. האָט ער געזען ווי אַ שיף ווערט אַרומגעשליידערט אין ים, און אין איין כהרף־עין איז זי געזונקען מיט אַלץ וואָס איז געווען אויף איר. און ער האָט געזען ווי איינער אַ מאַן זיצט אויף אַ ברעט פון דער שיף [און ווערט געוואָרפן] פון איין כוואַליע צו דער צווייטער, ביז ער איז אַרויף אויף דער יבשה איינגאַנצן נאַקעט, און האָט זיך באַהאַלטן צווישן די פעלדזן פון ים. געטראָפן האָט עס אין אַ צייט, ווען יידן האָבן עולה רגל געווען קיין ירושלים. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך בין פון די קינדער פון עשו אייער ברודער; גיט מיר אַ שטיקל בגד, איך זאָל מיט דעם צודעקן מיין אונטער־חלק, ווייל דער ים האָט מיך באַנומען, און ס'איז מיר גאָרניט ניט געבליבן". האָבן זיי געזאָגט צו אים: „זאָל אַזוי באַנומען ווערן די גאַנצע אומה דיינע". האָט ער אויפגע־הויבן זיינע אויגן און דערזען ר' אלעזרן אומגייענדיק צווישן זיי. האָט ער געזאָגט: „איך זע, אַז דו ביסט אַן אַלטער און בכבודיקער מאַן אין דיין פאָלק, און דו פאַרשטייסט [ווי אָפּצוהיטן] דעם כבוד פון מענטשן. טאָ טו אין מיר

---

מגילה ג, ב (זע רד"ל). [4] ביי אַן אומרו. עמענדירט לויט ירושלמי תרומות ח, ד.

חמיניה, בא אצלו ושאל בשלומו, ונתן לו ב׳ סלעים. מה עשה? הכניסו לביתו והאכילו והשקהו, ונתן לו עוד ג׳ סלעים אחרים; אמר לו: „אדם גדול שכמותך יוציא שלשה סלעים אחרים.״ לבתר יומין אתצידון יהודאי בהדין (ספפסא) [סיפסיפא]. אמרין: „מאן אזיל ומפייס עלינא?״ אמרין דין לדין: „בר קפרא, דהוא חשוב במלכותא״. אמר לון: „וידעון אתון, — הדא מלכותא עבדא מידי על מגן?״ אמרין ליה: „אית הכא חמש מאוון דדינרין, סב יתהון וזיל ופייס עלינן.״ נסב חמש מאות דדינרין וסלק למלכותא. כשראה אותו (אנטפיטי) [אנטיפיטא], עמד על רגליו ושאל בשלומו; א״ל: „למה איצטער רבי להכא?״ א״ל: „בעינא ממך, דתרחם על אילין יהודאי״. א״ל: „ידע את, דהדין מלכותא עבדא כלום על מגן.״ א״ל: „אית עמי חמש מאוון דדינרי; סב יתהון ופייס עלינן״. א״ל: „(אית) אילין דינרין אינון יהון מתמשכנין לך חלף חמשה סלעים דיהבת לי, ואומתך משתזבן חלף מאכל ומשתה דאוכלת ואשקת יתי בביתך; ואת זיל בשלם, ביקרא סגי.״ וקרון עלוי: שלח לחמך על פני המים.

ב

ר׳ אלעזר בן שמוע הוה מטייל על כיף ימא רבה. חמא אילפא דמיטרפא בימא, כהריפת עין טבעת וטבע כל מה דהוה בה. חמא חד גבר דיתיב על קורשא דספינתא מגלא לגלא, סליק ליבשתא כד הוא הוה ערטילאי, והוה מיטמר בכיף ימא. ארעת ענתה דישראל סלקין לריגלא בירושלם. אמר להון: „מן בני עשו אחוכון אנא; הבו לי זעיר כסות ואיכסו בה תתאי, דערעני ימא ולא אישתזב גבאי מידי.״ אמרין ליה: „כן יתערערן כל אומתך״. תלה עיניה וחמא ית ר׳ אלעזר דהוה מטייל ביניהון. אמר: „מסתכל אנא, דאת גבר סב ויקיר מאומתך ואת חכים ביקרי דברייתא. אלא זכי בי והב לי תכסית דאכסי בה תתאי, דערערן ימא.״ הווה על ר׳ אלעזר בן שמוע שבע אצטלוון, שלח חד ויהביה ליה. אובליה לביתיה ואכליה ואשקיה, ויהב ליה תרין מאוון

---

אַ מצווה, און גיב מיר אַ צודעק, איך זאָל דערמיט צודעקן מיין אונטער־חלק, ווייל דער ים האָט מיך באַנומען״. האָט ר׳ אלעזר בן שמוע געהאָט אויף זיך זיבן הילעס; האָט ער אַראָפּגענומען איינס און אים געגעבן. און ער האָט אים געבראַכט אין זיין הויז און אים געגעבן עסן און טרינקען, און האָט אים

געגעבן צוויי הונדערט דינר, און אים געמאַכט רייטן [אויף זיין אייזל] פערצן מייל,[1] און ער האָט אים אָנגעטאָן גרויס כבוד; ביז ער האָט אים געבראַכט אַהיים. אין טאָג אַרום איז דער קיסר, דער רשע, געשטאָרבן, און מע האָט אים אויפגענומען פאַר מלך אויף זיין אָרט. האָט ער גוזר געווען אויף יענער שטאָט, אַז אַלע מאַנסלייט זאָלן געהרגעט ווערן און אַלע ווייבער זאָלן זיין צו רויב. האָט מען געזאָגט צו ר׳ אלעזר בן שמוע: „גיי און בעט איבער [מלכות] פון וועגן אונדז." האָט ער געזאָגט צו זיי: „ווייסט איר, אַז דאָס דאָזיקע מלכות טוט ניט קיין זאַך אומזיסט?" האָבן זיי אים געזאָגט: „דאָ איז פאַראַן פיר טויזנט דינר, נעם זיי און גיי און בעט איבער [מלכות] פון וועגן אונדז". האָט ער עס גענומען און איז אַרויף און האָט זיך געשטעלט ביים טויער פון מלכות, און האָט געזאָגט צו זיי: „גייט זאָגט דעם מלך: „איינער אַ ייד שטייט ביים טויער, ער וויל באַגריסן דעם מלך". האָט ער געזאָגט: „ברענגט אים אַריין". ווי דער מלך האָט אים דערזען, אַזוי האָט ער זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ פון זיין טראָן און איז געפאַלן אויפן פּנים, און ער האָט אים געזאָגט: „וואָס טוט דאָ מיין האַר, און פאַרוואָס האָט ער זיך מטריח געווען צו קומען אַהער?" האָט ער געזאָגט: „פון וועגן דעם, אַז דו זאָלסט זיך מרחם זיין אויף יענער שטאָט, און אַז עס זאָל בטל ווערן יענע גזירה". האָט ער געזאָגט צו אים: „איז פאַראַן געשריבן אַ שקר אין דער תורה?" האָט ער אים געזאָגט: „ניין". האָט ער געזאָגט צו אים: „שטייט ניט געשריבן אין אייער תורה (דברים כג, ד—ה): לא יבא — אַן עמוני און אַ מואבי זאָל ניט קומען אין דער געמיינדע פון גאָט; פאַרוואָס? איבער דעם וואָס זיי זיינען אייך ניט אַנטקעגנגעקומען מיט ברויט און מיט וואַסער; און [ווייטער] שטייט (דאָרט, ח): לא תתעב — דו זאָלסט ניט פאַראומווערדיקן אַן אדומי, וואָרום דיין ברודער איז ער, — און איך, בין איך ניט אַ זון פון אייער ברודער עשו? און איר האָט מיט מיר קיין חסד ניט געטאָן, און ווער עס איז עובר אויף דער תורה, קומט אים דער טויט." האָט ר׳ אלעזר בן שמוע געזאָגט: „כאָטש זיי האָבן זיך פאַרשולדיקט קעגן דיר, לאָז אָפּ און זיי זיך מרחם אויף זיי". האָט ער געזאָגט צו אים: „און דו מיינסט, אַז דאָס דאָזיקע מלכות טוט עפּעס אומזיסט?" האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב מיט מיר פיר טויזנט דינר, נעם זיי און זיי זיך מרחם אויף זיי". האָט ער געזאָגט צו אים: „די דאָזיקע פיר טויזנט דינר זאָלן אָפּגעגעבן ווערן צו דיר פאַר יענע צוויי הונדערט וואָס דו האָסט מיר געגעבן; און די גאַנצע שטאָט זאָל באַפרייט ווערן פון וועגן דיר, פאַרן עסן און טרינקען וואָס דו האָסט מיר געגעבן. און גיי אַריין אין מיינע אוצרות און שראַנקען[2] און נעם דיר זיבעציק הילעס, פאַר דער הילע וואָס דו האָסט מיר געגעבן, און גיי בשלום צו דיין אומה, און איך וועל זיי אָפּלאָזן פון דייַנעט וועגן." האָט מען געלייענט אויף אים: שיק אַרויס דיין ברויט אויפן וואַסער.

דינרין, וארכביה ארבעה עשר פרסין, ועבד ליה יקרא סגי, עד דאעליה לביתיה. לבתר יומין מת קיסר הרשע, ואימנו ליה מלכא תחותיה. גזר על מדינתא ההיא כל גוברין לקטלא וכל נשיא לביזה. אמרו לר׳ אלעזר בן שמוע: „זיל ופייס עלינן״. אמר לון: „אתון ידעיתון, — הדא מלכותא עבדא מידי על מגן?״ א״ל: „אית הכא ארבעה אלפין דינרין, סב יתהון ואזיל ופייס עלינן.״ נסב יתהון וסלק וקם על תרע מלכותא. אמר לון: „איזלון אימרון למלכא: ׳חד גבר יהודאי קאים על תרעא, בעי משאל שלמא דמלכא׳.״ אמר: „אעלוניה״. כד חמיניה מלכא, שדא מעל כורסייה ונפל על אנפוהי. א״ל: „מאי עיסקיה דמרי הכא, ולמה איצטער מרי להכא?״ אמר: בגין דתתרחם על הדא מדינתא, ותתבטל הדא גזירתא.״ א״ל: „אורייתא כלום כתיב בה שיקרא?״ א״ל: „לא.״ א״ל: „לא כתיב בתורתכם (דברים כג, ד—ה): לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳; למה? על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים; וכתיב (שם, ח): לא תתעב אדומי, כי אחיך הוא, — ואנא, לא בר עשו אחוכון אנא? ולא גמלון לי חסד, ומאן דעבר אדאו־רייתא חייב לקטלא.״ א״ל ר׳ אלעזר בן שמוע: „אע״פ דהינון חייבין לך, תישבוק ותרחם עליהון.״ א״ל: „ואת ידע, הדא מלכותא עבדא מידי על מגן?״ א״ל: „אית עמי ארבעת אלפין דינרין, סב יתהון ואיתרחים עליהון.״ א״ל: „ארבעה אלפין הללו יהון לך יהיבין, חלף תרין מאוון דיהבת לי; ומדינתא כולה תהא משתזבא בגינך, חלף מיכלא ומישתיא דאוכלת ואשקת יתי. ועול לבי (געא) [גזא] וגנזי דידי וסב לך שבעין אצטלוון דלבושך, חלף אצטלא דיהבת לי, וזיל בשלם על אומתך ואשביקין בגינך.״ וקרון עלוי: שלח לחמך על פני המים.

ג

עובדא הוה בחד בר נש, דבכל יום הוה נסיב חד עיגול ומקלק לימא רבא. חד יומא אזל וזבין חד נון; קרעיה ואשכח

---

ג

געשען איז אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס יעדן טאָג פלעגט ער נעמען אַ לעבל ברויט און וואַרפן אין ים אַריין. איין טאָג איז ער אַוועק און געקויפט אַ פיש; אַז ער האָט אים אויפגעשניטן, האָט ער געפונען אין

ב. ג. פרסין, פערסישע מייל; ² געענדערט לויט יאַסטראָוו.

אים אַן אוצר. האָט מען געזאָגט וועגן אים: „אָט איז דער מענטש, וואָס זיין לעבל ברויט איז אים בייגעשטאַנען". און מע האָט געלייענט אויף אים: שיק אַרויס דיין ברויט אויפן וואַסער.

ר' יצחק האָט געזאָגט: ס'איז געשען אַ מעשה מיט אַ סוחר,[1] וואָס איז געגאַנגען אין וועג מיט איינעם אַן עלטסטן. אַזוי גייענדיק צוזאַמען האָט יענער אים ליב באַקומען. אַז זיי זיינען אַריין אין שטאָט, האָט ער אים אַריינגענומען צו זיך און אים געגעבן עסן און טרינקען. אין טעג אַרום איז דער דאָזיקער סוחר געכאַפּט געוואָרן איבער דעם וואָס ער האָט פאַרקויפט קליידער פאַרפלעקט מיט בלוט. האָט עס געהערט יענער עלטסטער און איז געקומען צו אים,[2] און אים געפרעגט: „וואָס טוסטו דאָ?" האָט ער אים דער־ציילט די מעשה. האָט ער געזאָגט צו אים: „אַז דו וועסט אַרויסגיין צו ווערן געמשפט, זאָג זיי: דער־און־דער ווייסט אַ זכות אויף מיר". אַז ער איז אַרויס געמשפט צו ווערן, האָט ער געזאָגט: „דער־און־דער ווייסט אַ זכות אויף מיר". האָט מען געזאָגט צו יענעם: „וואָס פאַר אַ זכות ווייסטו אויף דעם דאָזיקן?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „דער ברודער פונעם געהרגעטן איז מיר שולדיק געווען [אַ חוב], און ער האָט ניט געהאַט וואָס מיר צו געבן; האָב איך גענומען די קליידער [פונעם געהרגעטן] און האָב זיי געגעבן דעם דאָזיקן, אַז ער זאָל זיי מיר פאַרקויפן". האָבן זיי געזאָגט: „אַ באַגלויבטער האָט באַקומען פון אַ באַגלויבטן; זאָל ער אַרויס פריי". האָט מען געלייענט אויף אים: שיק אַרויס דיין ברויט אויפן וואַסער.

ד

ר' אלעזר בר' סימאי האָט באַשיידט דעם [פסוק] אויף אברהם אבינו. הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט: „דו האָסט געזאָגט (בראשית יח, ה): ואקחה — און איך וועל אייך נעמען אַ שטיקל ברויט, — ביי דיין לעבן! איך וועל עס אָפּצאָלן דיינע קינדער אין מדבר און אין ישוב און לעתיד לבוא". „אין מדבר", ווי דער פסוק זאָגט (שמות טז, ד): הנני — אָט רעגן איך אייך אַראָפּ ברויט פון הימל; „אין ישוב", ווי דער פסוק זאָגט (דברים ח, ח): ארץ — אַ לאַנד פון ווייץ און גערשטן; „לעתיד לבוא", ווי דער פסוק זאָגט (תהלים עב, טז): יהי — זאָל זיין אַ געדעטעניש פון תבואה אין לאַנד.[1] „דו האָסט געזאָגט (בראשית יח, ד): ורחצו — און וואַשט אייערע פיס, — ביי דיין לעבן! איך וועל עס אָפּצאָלן דיינע קינדער אין מדבר און אין ישוב און לעתיד לבוא". „אין מדבר", ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל טז, ט): וארחצך — און איך האָב דיך אַרומגעוואַשן מיט וואַסער; „אין ישוב", ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה א, טז): רחצו — וואַשט אייך, רייניקט אייך; „לעתיד לבוא", ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ד, ד): אם — ווען גאָט וועט האָבן אָפּגעוואַשן דעם שמוץ פון די טעכטער פון ציון.[2] „דו האָסט געזאָגט (בראשית, דאָרט): יקח — זאָל געבראַכט ווערן אַ ביסל וואַסער, — ביי דיין

[1] ג. געביטן לויט שמות רבה יט, ו (זע יאַסטראָוו). [2] איך תפיסה.

**ביה סימא. אמרו ליה: „היידי הוא גברא דקם ליה עיגוליה.״ וקרון עלוי:** שלח לחמך על פני המים.

**א״ר יצחק: עובדא הוה (בפרגמטוזטוס) [בפרגמטוטוס] שהיה מהלך בדרך בהדי אסרדיוט חד. כשהן מהלכין זה עם זה קשר עמו חיבה. כיון שנכנסו לעיר הכניסו עמו והאכילהו והשקהו. לבתר יומין איתציד ההוא (פרגמטוזטוס) [פרגמטוטוס] דהוה מזבין מניך מגעגעין בדמא. שמע ההוא אסרדיוט ואתא לגביה. א״ל: „מה את עביד הכא?״ תנא ליה עובדא. א״ל: „כד את נפיק למיתדנא, אימא להו: ׳פלן חכים עלי זכו׳״. כד נפק לאתדנא, אמר: „פלוני חכים עלי זכו.״ אמרין ליה: „מה זכו את ידע לדין?״ אמר לון: „אחוי דקטילא הוה חייב לי, ולא הוה ליה מה יתן; ונסיבית ית מנוי ויהבית יתהון לדין למזבנא יתהון לי.״ אמרין: „נאמן מנאמן קביל, והוא נפיק לדימוס.״ וקרון עליה:** שלח לחמך על פני המים.

ד

**ר׳ אלעזר בר׳ סימאי פתר באברהם אבינו. אמר לו הקב״ה: „אתה אמרת** (בראשית יח): ואקחה פת לחם, — **חייך, שאני פורע לבניך במדבר ובישוב ולעתיד לבוא.״ „במדבר״, שנאמר** (שמות טז): הנני ממטיר לכם לחם מן השמים; **„בישוב״** (דברים ח): ארץ חטה ושעורה; **„לעתיד לבא״, שנאמר** (תהלים עב): יהי פסת בר בארץ. **„אמרת** (בראשית יח): ורחצו רגליכם, — **חייך, אני פורע לבניך במדבר ובישוב ולעתיד לבא.״ „במדבר״, שנאמר** (יחזקאל טז): **וארחצך** במים, **וגו׳; „בישוב״, שנאמר** (ישעיה א): רחצו, הזכו; **„לעתיד לבא״, שנאמר** (שם ד): אם רחץ ה׳ את צאת בנות ציון. **„אמרת** (בראשית, שם) יקח נא מעט מים, — **חייך, אני פורע לבניך במדבר ובישוב ולעתיד לבא״. „במדבר״, שנאמר** (במדבר כא): עלי באר, **וגו׳; „בישוב״, שנאמר** (דברים ח): ארץ נחלי מים, **וגו׳;**

---

לעבן! איך וועל עס אָפּצאָלן דיינע קינדער אין מדבר און אין ישוב און לעתיד לבוא.״ „אין מדבר״, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כא, יז): עלי — קוועל אַרויף, ברונעם; „אין ישוב״, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ח, ז): ארץ — אַ לאַנד פון באַכן וואַסער; „לעתיד לבוא״, ווי דער פסוק זאָגט (יואל ד, יח):

---

ד. [1] און דער פסוק ווערט געדרשנט אויף משיחס צייטן (זע מדרש תהלים; זע אויך רש״י, אויף דעם פסוק). [2] אויך דער פסוק ווערט באַשיידט אויף לעתיד לבוא (זע ילקוט

והיה — און עס וועט זיין אַז אין יענעם טאָג וועלן די בערג טריפן זאַפט, און די הייכן וועלן גיסן מיט מילך, און אַלע טייכלעך פון יהודה וועלן שטראָ־מען מיט וואַסער.[3] **„דו האָסט געזאָגט** (בראשית, דאָרט): והשענו — און לענט אייך אָן אונטערן בוים, — **ביי דיין לעבן! איך וועל עס אָפּצאָלן דיינע קינדער אין מדבר און אין ישוב און לעתיד לבוא". „אין מדבר", ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קה, לט): פרש — ער האָט אויסגעשפּרייט אַ וואָלקן פאַר אַ צודעק; **„אין ישוב", ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא כג, ב): בסכות — אין סוכות זאָלט איר זיצן זיבן טעג; אַלע איינגעבוירענע אין ישראל זאָלן זיצן אין סוכות; **„לעתיד לבוא", ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה ד, ו): וסכה — און אַ סוכה וועט זיין פאַר אַ שאָטן בייטאָג.

## ה

(ב) תן — גיב אַ חלק צו זיבן, און אויך צו אַכט. [**וועגן דעם זאָגן**] **ר' אליעזר און ר' יהושע. ר' אליעזר זאָגט:** גיב אַ חלק צו זיבן, **דאָס זיינען די זיבן טעג פון דער וואָך; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, יח, מד): ויהי — און עס איז געווען אויפן זיבעטן — — — **אין דעם טאָג פון שבת;**[1] און אויך צו אַכט, **דאָס זיינען די אַכט טעג פון מילה, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט, מב): וישם — און ער האָט אַריינגעטאָן זיין פּנים צווישן זיינע קני, — פאַרוואָס צווישן זיינע קני? **ער האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! אפילו ווען דיינע קינדער זאָלן ניט האָבן אין האַנט מער ווי דעם זכות פון די דאָזיקע צוויי מצוות, שבת און מילה, איז כדאי אַז דו זאָלסט זיך מרחם זיין אויף זיי". ר. יהושע זאָגט:** גיב אַ חלק צו זיבן, **דאָס זיינען די זיבן טעג פון פסח;** און אויך צו אַכט, **דאָס זיינען די אַכט טעג פון סוכות.**[2] **און פון וואַנען קען מען מרבה זיין**[3] **שבועות און ראש השנה און יום כיפור?** [**עס האָט געקענט שטיין**] גם, אויך, [**און עס שטייט**] וגם, און אויך, **לערנט עס אונדז אַ ריבוי.**[4]

**ר' עזריה זאָגט:** גיב אַ חלק צו זיבן, **דאָס איז וואָס משה האָט געמלט** [**די יידן**] **צום זיבעטן דור;**[5] און אויך צו אַכט, **דאָס איז וואָס יהושע האָט געמלט צום אַכטן דור, ווי עס שטייט געשריבן** (יהושע ה, ב): בעת ההיא — אין יענער צייט האָט גאָט געזאָגט צו יהושען: [מאַך דיר שטיינערנע מעסערס

---

ישעיה). [3] **זע ילקוט אויף דעם פסוק, וואו ר' שמעון בן חלפתא דרשנט דעם פסוק אויף לעתיד לבוא.**

ה. [1] אין פריערדיקן פסוק שטייט, אַז דער יונג איז געגאַנגען הין און צוריק (צו זען, אויב וואָלקנס קומען אָן) זיבן מאָל, האָט שוין דאָ געקענט שטיין „צום לעצטן מאָל"; און אויב עס שטייט ווידער אויפן זיבעטן, ווערט עס גערדרשנט אויף שבת: אליהו האָט געבעטן אויף רעגן אין זכות פון שבת (מהרז"ו). לויט דעם ווערט תן חלק פאַרשטאַנען ווי אליהוס תפילה אויף רעגן: גיב אַ חלק צו [די וואָס היטן אָפּ] זיבן. [2] איןביידע ימים טובים דאַרף מען מאַכן די ברכה שהחיינו, אָדער, לויט אַן אַנדער מיינונג, די ברכה מקדש ישראל והזמנים (עירובין מ, ב). [3] צוגעבן. [4] אַ צוגאָב, אַז אויך די דאָזיקע ימים טובים גייען אַריין אין כלל (עירובין, דאָרט). [5] פון אברהם אבינו (אברהם, יצחק, יעקב, לוי,

„**לעתיד לבא**", **שנאמר** (יואל ד): והיה ביום ההוא יטפו ההרים עסים, והגבעות תלכנה חלב, וכל אפיקי יהודה ילכו מים, **וגו'**. „**אמרת** (בראשית, שם): והשענו תחת העץ, — **חייך, אני פורע לבניך במדבר ובישוב ולעתיד לבא.**" „**במדבר**", **שנאמר** (תהלים קה): פרש ענן למסך; „**בישוב**", **שנאמר** (ויקרא כג): בסכות תשבו שבעת ימים; כל האזרח בישראל ישבו בסכות; „**לעתיד לבא**", **שנאמר** (ישעיה ד): וסכה תהיה לצל יומם, **וגו'**.

### ה

(ב) תן חלק לשבעה וגם לשמונה, — **ר' אליעזר ור' יהושע. ר' אליעזר אומר:** תן חלק לשבעה, **אלו שבעת ימי שבת; המד"א** (מלכים א, יח): ויהי בשביעית, **ביום השבת;** וגם לשמונה, **אלו ח' ימי המילה, דכתיב** (שם): וישם פניו בין ברכיו, **וגו'. ולמה** בין ברכיו? **אמר לפני הקב"ה: „רבוש"ע! אפילו אין ביד בניך אלא זכות שתי מצות הללו, שבת ומילה, כדאי שתרחם עליהם." ר' יהושע אומר:** תן חלק לשבעה, **אלו ז' ימי הפסח;** וגם לשמונה, **אלו שמונת ימי החג. ומניין לרבות עצרת וראש השנה ויום הכיפורים? תלמוד לומר** גם — **וגם, ריבויין.**

**ר' עזריה אומר:** תן חלק לשבעה, **זה דור שמל משה לשבעה;** וגם לשמונה, **זה דור שמל יהושע לשמונה, דכתיב** (יהושע ה): בעת ההיא אמר ה' אל יהושע, **וגו'. [ויש אומרים, שגם במצרים יהושע מלן, דכתיב:]** מל את בני ישראל שנית, **מכלל שמלן בראשונה.** (שם) ויעש לו יהושע [חרבות צרים, וימל את בני ישראל אל גבעת הערלות], **שעשו אותה גבעה בערלות.**

**ר' נחמיה פתר קרייא בנשיאים:** תן חלק לשבעה, **דכתיב**

---

און מל די קינדער פון ישראל אַ צווייט מאָל. **און אַנדערע זאָגן, אַז אויך אין מצרים האָט זיי יהושע געמלט, ווי עס שטייט געשריבן:]** מל די קינדער פון ישראל אַ צווייט מאָל.[6] **[און ווייטער שטייט]** (דאָרט, ג): ויעש — **און יהושע** האָט זיך געמאַכט שטיינערנע מעסערס, און ער האָט געמלט די קינדער פון ישראל ביי גבעת הערלות, — **זיי האָבן דאָס אָרט געמאַכט אַ בערגל פון** פאָרהויטן.[7]

**ר' נחמיה האָט באַשיידט דעם פסוק אויף די נשיאים:** גיב אַ חלק צו זיבן, **ווי אין פסוק שטייט** (במדבר ז, מח): ביום השביעי — אויפן זיבעטן טאָג, דער

---

קהת, עמרם, משה). [6] **צוגעגעבן לויט עץ יוסף, אין איינקלאַנג מיט שמות רבה יט, ה;**

נשיא פון די קינדער פון אפרים; און אויך צו אַכט, ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט, נד): ביום השמיני — אויפן אַכטן טאָג, דער נשיא פון די קינדער פון מנשה.[8]

ר׳ יהודה האָט באַשיידט דעם פּסוק אויף [די טעג פון] דערפּילונג[9]: גיב אַ חלק צו זיבן, דאָס זיינען די זיבן טעג פון דערפילונג, ווי דער פּסוק זאָגט (ויקרא ח, לג): כי — וואָרום זיבן טעג וועט מען דערפילן אייער האַנט; און אויך צו אַכט, ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט ט, א): און עס איז געווען אויפן אַכטן טאָג.

ר׳ הונא האָט געזאָגט: גיב אַ חלק צו זיבן, דאָס זיינען די זיבן טעג פון [דער פרויס] אָפּזונדערונג; און אויך צו אַכט, דאָס זיינען די אַכט טעג פון מילה, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט יב, ג): וביום — און אויפן אַכטן טאָג זאָל ער געמלט ווערן.

ר׳ לוי האָט געזאָגט: גיב אַ חלק צו זיבן, דאָס זיינען די זיבן טעג פון [זיצן אין] סוכה; און אויך צו אַכט [ווי אין פּסוק שטייט] (במדבר כט, לה): ביום השמיני — אויפן אַכטן טאָג זאָל אייך זיין אַן איינזאַמלונג.

ו

ר׳ אלעזר בר׳ שמעון איז פאַרשלאָפט געוואָרן, און עס האָט זיך אים אָפּגעדעקט זיין אָרעם. האָט עס געזען זיין ווייב, און זי האָט געלאַכט און געוויינט. זי האָט [געלאַכט און] געזאָגט: „וואויל איז מיר, וואָס פאַר אַ חלק איך האָב געהאַט אויף דער וועלט! וואויל איז מיר, וואָס איך בין געווען באַהאַפטן מיט דעם דאָזיקן רעכטפאַרטיקן גוף!" און זי האָט געוויינט און געזאָגט: „ווי, וואָס דער דאָזיקער רעכטפאַרטיקער גוף איז [אָנגעברייט] פאַר דער ערד!" און אַז ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער געזאָגט צו איר: „איך שטאַרב, אָבער קיין ווערים וועלן ניט האָבן קיין שליטה איבער מיר; נאָר איין מאָל איז אָנגעברייט צו לעכערן הינטער מיין אויער. וואָרום איין מאָל בין איך [ערגעץ] אַריין און האָב געהערט ווי איינער אַ מענטש זידלט [אַ תלמיד חכם] [1] און איך האָב געהאַט בכוח צו טאָן אין אים אַ משפּט, און איך האָב ניט געטאָן".

אַז ער איז געשטאָרבן, איז ער אַרייַנגעגעבן געוואָרן [צו קבורה] אין גוש חלב. האָט זיך ר׳ שמעון [2] באַוויזן [אין חלום] [3] צו די לייט פון מירון און האָט געזאָגט צו זיי: „איין רעכט אויג האָב איך געהאַט, און איר ברענגט עס ניט צו מיר". זיינען די מירונער געגאַנגען און געוואָלט אים ברענגען; איז גוש חלב אַרויסגעגאַנגען מיט שטעקנס און מיט שפּיזן. איין מאָל, ווען דער גרויסער תענית [4] האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי געזאָגט: „אָט איז די צייט אים צו ברענגען, כל זמן זיי זיינען פאַרנומען.[5]" זיינען זיי אַוועק מיטן באַגער אים צו ברענגען, און צוויי פייערדיקע שלאַנגען זיינען אַרויסגעקומען און אָנגעהויבן גיין פאַר זיי. האָבן זיי געזאָגט: „דאָס איז די צייט

שיר השירים רבה א, פסוק יב, און דאָרט ג, פסוק ו. [7] גבעת הערלות. [8] און דער שבט יוסף האָט אַזוי אַרום באַקומען צוויי חלקים (זע בראשית מח, ה). [9] הייליקונג, דעדיקירונג.

(במדבר ז): ביום השביעי נשיא לבני אפרים; וגם לשמונה, **דכתיב** (שם): ביום השמיני נשיא לבני מנשה.

**ר׳ יהודה פתר קרייא במילואים:** תן חלק לשבעה, **אלו שבעת ימי המילואים, שנאמר** (ויקרא ח): כי שבעת ימים ימלא את ידכם; וגם לשמונה, **דכתיב** (שם ט): ויהי ביום השמיני.

**ר׳ הונא אמר:** תן חלק לשבעה, **אלו שבעת ימי הנדה;** וגם לשמונה, **אלו שמונת ימי המילה, שנאמר** (שם יב): וביום השמיני ימול.

**ר׳ לוי אמר:** תן חלק לשבעה, **אלו ז׳ ימי הסוכה;** וגם לשמונה (במדבר כט): ביום השמיני עצרת תהיה לכם.

ו

**ר׳ אלעזר בר׳ שמעון איתשיש, ואיתגליאת אדרעיה. חמיתיה איתתיה, וחייכת ובכית, ואמרת: „טובוי, מה הוה חלקי בהדין עלמא! טובוי, דאידבקת להדין גופא צדיקא.” ובכית ואמרת: „ווי, דהדין גופא צדיקא לאדמה!” וכד הוה מידמך, אמר לה: „אנא מידמך, ברם רמה לית ליה משליט בי, אלא תולעתא דעתידא נקרא אחורי אודני. דחד זמן הוינא עליל, ושמעית קליה דחד בר נש מחרף [צורבא מרבנן], והות ספיקא בידי למיעבד ביה דינא, ולא עבדית.”**

**וכיון דדמך אתיהב בהדא גוש חלב. והוה ר׳ שמעון מיתגלי על מרונאי ואמר לון: „חד עין דימין דהות לי, ולית אתון יהביה יתיה גבי.” והוון מרונאי אזלון בעיין מייתוניה, וגוש חלב אנפקון בחוטריי ובמורניתא. חד זמן קרב צומא רבה; אמרן: „הא ענתא מייתין יתיה, עד דאינון בקיין.” אזלון בעיין מייתוניה, ונפקין תריין חיוואן דנור, שרן מהלכין קדמיהון. אמרון: „ההוא שעתא דאנן מייתין.” וכיון דמטון למערתא, קמון לון תריין חיוואן ליסטר. אמרון: „מאן עליל מייתי ליה?” אמרה: „אנא עללה ומייתי ליה,**

---

**וואָס מיר ווען ווען ברענגען". און ווי זיי זיינען צוגעקומען צו דער הייל, אַזוי האָבן זיך די צוויי שלאַנגען געשטעלט אָן אַ זייט, האָבן זיי געזאָגט: „ווער וועט אַרייַנגיין און אים אַרויסברענגען?" האָט זיין ווייב געזאָגט: איך וועל**

---

ו. [1] צוגעגעבן לויט בבא מציעא פד, ב. [2] בן יוחאי, זיין פאָטער, וואָס איז נקבר געוואָרן אין מירון. [3] לויט בבא מציעא, דאָרט. [4] יום כיפור. [5] מיטן גרייטן זיך צום יום טוב.

אַריינגיין און אים אַרויסברענגען, ווייל איך האָב אַ סימן אויף אים". זי איז אַריין אים אַרויסצוברענגען, און האָט געפונען דעם מאַיל זיצנדיק און לע־כערנדיק הינטער זיין אויער. האָט זי געוואָלט אים אַראָפּנעמען. האָט זי געהערט ווי אַ בת־קול זאָגט: „לאָזט דעם בעל־חוב אויפמאָנען זיין חוב". מע האָט אים געבראַכט און אַריינגעגעבן לעבן זיין פאָטער, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך ר' שמעון מער ניט באַוויזן צו די מירונער.

ז

ווען ר' אלעזר בר' שמעון פלעגט אַריינקומען אין הויז פונעם ווער, פלעגט רבים פּנים פאַרכמורעט ווערן.[1] פלעגט אים זיין פאָטער[2] זאָגן: „זון מיינער, ס'איז כדאַי [דו זאָלסט פון אים ליידן], — ער איז אַ לייב אַ זון פון אַ לייב, און דו ביסט אַ לייב אַ זון פון אַ פוקס." ווען [ר' אלעזר] איז געשטאָרבן, האָט [רבי] געשיקט זיך צו שדכענען צו זיין ווייב. האָט זי צוריקגעשיקט און געזאָגט צו אים: „אַ כלי וואָס איז גענוצט געוואָרן אין קדושה, זאָל גענוצט ווערן אין וואָכעדיקייט?" האָט ער געזאָגט צו איר: „און וואָס אַזוינס האָט ער געטאָן, וואָס איך האָב ניט געטאָן?" האָט זי געזאָגט צו אים: „ווען ער פלעגט זיך זעצן לערנען תורה, פלעגט ער לערנען מיט לייב און לעבן; און ער פלעגט זאָגן, אַז אַלע יסורים פון ישראל זאָלן קומען אויף אים, און זיי פלעגן קומען. און ווען עס פלעגט קומען די צייט פון לער־נען, פלעגט ער זאָגן: זאָלן זיי גיין איינציקווייז פון וואַנען זיי זיינען גע־קומען."[3] האָט ער געזאָגט צו איר: „איך וועל אויך אַזוי טאָן". האָט ער זיי גערופן, זיי זאָלן קומען, און זיי זיינען געקומען; אָבער אַז ער האָט געוואָלט זיי זאָלן אַוועקגיין, זיינען זיי ניט אַוועק. און אַנדערע זאָגן: דרייצן יאָר צייט האָט ער געליטן אויף זיינע ציין. האָט ער געשיקט איר זאָגן. האָט זי געזאָגט צו אים: „איך האָב געהערט, אַז אין קדושה גייט מען העכער, אָבער ניט נידעריקער."

און אויך צו אַכט (במדבר כט, לה): ביום — אויפן אַכטן טאָג — אַ פאַרזאַמלונג[4] — — —

ח

(ג) אם — אויב די וואָלקנס ווערן פול מיט רעגן, ליידיקן זיי זיך אויס אויפן לאַנד[1]: אויב די תלמידי חכמים ווערן פול מיט תורה,[2] ליידיקן זיי עס אויס אויף ישראל, וואָס ווערט גערופן לאַנד, ווי דער פסוק זאָגט (מלאכי

---

ז. [1] ווייל ר' אלעזר פלעגט אָפט האָבן אויסצוזעצן קעגן רבים ווערטער (בבא מציעא דאָרט). [2] ר' שמעון בן גמליאל. [3] ער פלעגט אַוועקשיקן די יסורים, כדי זיי זאָלן אים ניט שטערן אין לערנען (אין אָוונט פלעגט ער זאָגן צו זיי: „מיינע ברידער און פריינט, קומט„; אין דער פרי פלעגט ער זאָגן צו זיי: „גייט אייך", איבער ביטול תורה — בבא מציעא דאָרט). [4] נאָכן איבעררייס מיט די מעשות וועגן ר' אלעזרן, וואָס האָבן דאָ אין פלוג קיין שייכות ניט, האָט דער בעל המדרש משמעות געפילט די נויטווענדיקייט זיך אומצוקערן צוריק צום באַהאַנדלטן טעקסט.

ח. [1] לויטן דרש. [2] תורה איז געגליכן צו וואַסער (דברים לב, ב): יערף — זאָל טריפן

**דאית לי סימן ביה". עללת לאייתיה ואשכח ההוא תולעתא יתיבא ונקרא אחורי אודניה. בעית מרים יתיה; שמעת ברת קלא אמרת: "שבקו למריה חובא דיגבי חוביה." אייתוניה ויהבוניה גבי אבוי. מן ההוא שעתא לא איתגלי ר' שמעון על מרונאי.**

ז

**ר' אלעזר בר' שמעון כשהיה נכנס לבית הועד, היו פניו של רבי מקדירות. והוה אבוי אמר ליה: "ברי, יאות, — זה ארי בן ארי, ואתה ארי בן שועל". מן דדמך, שלח תבע באיתתיה. שלחת ואמרת ליה: "כלי שנשתמש בו קדש, ישתמש בו חול?" א"ל: "ומה עבד, דאנא לא עביד דכוותיה?" א"ל: "כד יתיב מלעי באורייתא, הוה לעי כל צרכיה; והוה אמר, דכל יסוריהן דישראל ייתון עליה, והיינון אתיין. וכד הות ענתה דמלעי, הוה אמר: 'כל חד וחד ייזל ליה לאתריה.'" א"ל: "אוף אנא עבד כן". קרא לון דייתון, ואתון. בעא דיזלון, ולא אזלון. ואית דאמרי: תלת עשר שנין דיומין עביד חשש שיניה. שלח ואמר לה. אמרה ליה: "שמעתי, שמעלין בקדש, ולא מורידין."**

וגם לשמונה (במדבר כט): ביום השמיני עצרת.

ח

(ג) אם ימלאו העבים גשם, על הארץ יריקו, וגו': **אם ימלאו תלמידי חכמים תורה, על ישראל יריקו, שנקראו ארץ, שנאמר** (מלאכי ג): כי תהיו אתם ארץ חפץ; — ואם יפול עץ בדרום ואם בצפון, — **אם הגיע קירסו של תלמיד חכם להורות, אם בדרום** ואם בצפון — — — [שם יהוא], **כל ישראל מתכנסין שמה ומעמידין חכמתו ושומעין ממנו ולומדין ממנו.**

**ד"א:** אם ימלאו העבים גשם, **אם הנביאים ימלאו נבואה,** על הארץ יריקו, — **על ישראל מתנבאין, שנאמר:** כי תהיו אתם ארץ

---

ג, יב): כי תהיו — וואָרום איר וועט זיין אַ באַגערט לאַנד; — און אויב אַ בוים פאַלט, אין דרום צי אין צפון, — **אויב עס קומט אָן די רעכטע צייט פאַר אַ תלמיד חכם צו פאַרשפרייטן תורה,**[3] **צי** אין דרום, צי אין צפון — — — [דאָרט וועט עס זיין],[4] **אַהין וועט זיך גאַנץ ישראל פאַרזאַמלען און אויפהאַלטן זיין חכמה און הערן און לערנען פון אים.**

**אַן אַנדער פשט:** אויב די וואָלקנס ווערן פול מיט רעגן, — **אויב די נביאים ווערן פול מיט נבואה,**[5] ליידיקן זיי עס אויס אויפן לאַנד, — **זאָגן**

זיי נביאות אויף ישראל, ווי דער פסוק זאָגט: וואָרום איר וועט זיין אַ באַ־גערט לאַנד; און יונתן[6] האָט איבערגעזעצט [דעם פסוק] (ישעיה ה, ו): ועל העבים — און די וואָלקנס וועל איך באַפעלן ניט צו רעגענען אויף אים קיין רעגן — „און די נביאים וועל איך באַפעלן, זיי זאָלן זיי קיין נביאות ניט זאָגן.[7]" און אויב אַ בוים פאַלט, — אויב עס קומט די רעכטע צייט פאַר נביאים נביאות צו זאָגן, צי אין דרום, צי אין צפון — — — [דאָרט וועט עס זיין], אַהין וועט זיך גאַנץ ישראל פאַרזאַמלען און הערן זייער נבואה און לערנען פון זיי.

ר' יצחק האָט געזאָגט: אויב דו זעסט צרות אָנקומען אויף דער וועלט, איז עס פון וועגן ישראל, וואָס ווערט גערופן לאַנד, ווי דער פסוק זאָגט: וואָרום איר וועט זיין אַ באַגערט לאַנד. [און אויב אַ בוים פאַלט], אויב עס קומט די צייט פאַר אַ תלמיד חכם זיך אָפּצוטאָן פון דער וועלט, אַ שטייגער ר' מונא אין ציפורי אָדער ר' בון אין טבריה, צי אין דרום, צי אין צפון, אויף דעם אָרט וואו דער בוים פאַלט, דאָרט וועט ער זיין, אַהין וועט זיך כל ישראל פאַרזאַמלען און טאָן מיט אים [דעם לעצטן] חסד.

(ד) שומר — דער וואָס היט דעם ווינט וועט ניט זייען, דער וואָס היט דאָס געמיט[8] פון מלכות[9] וועט ניט זייען קיין מצוות און מעשים טובים; און דער וואָס קוקט אויף די וואָלקנס פון מלכות;[10] וועט ניט שניידן קיין מצוות און מעשים טובים.

ט

(ה) כאשר — אַזוי ווי דו ווייסט ניט — — —. זיבן זאַכן זיינען פאַר־באָרגן פון מענטשן, און דאָס זיינען זיי: דער טאָג פון שטאַרבן, און דער טאָג פון טרייסט,[1] און די טיף פון אַ משפט,[2] און ביי וואָס וועט אַ מענטש פאַרדינען, און וואָס טראָגט זיין חבר אין האַרצן, און מיט וואָס איז אַ פרוי מעוברת, און ווען וועט דאָס דאָזיקע מלכות פון אדום[3] פאַלן.

„דער טאָג פון שטאַרבן" — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט (קהלת יא, יב): כי — וואָרום דער מענטש ווייסט ניט זיין צייט. „דער טאָג פון טרייסט" — פון וואַנען? ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ס, כב): אני —

ווי רעגן מיין לערנונג (מהרז"ו). [3] תורה איז געגליכן אויך צו אַ בוים (משלי ג, יח): עץ — אַ בוים פון לעבן איז זי פאַר די וואָס האַלטן זיך פעסט אָן איר. [4] לויט רד"ל. [5] וואָס איז געגליכן צו וואַסער (ישעיה נה, יא): הוי — אָ, אַלע דורשטיקע, קומט נאָך וואַסער. [6] עמענדירט לויטן רד"ל, וואָס ווייזט אָן מיט רעכט, אַז עקילס האָט איבערגעזעצט די כתבי הקודש אויף גריכיש, ניט אויף אַראַמיש, און די אָנגעגעבענע איבערזעצונג געפינט זיך, מיט קליינע פאַנעטישע ענדערונגען, אין תרגום יונתן. [7] דער תרגום ווערט געבראַכט צו באַווייזן, אַז מיט רעגן קען מען מיינען נבואה. [8] רוח מיינט ווינט און געמיט. [9] דער וואָס רעכנט זיך מיט דער באַציאונג פון מלכות צו דער אָפּהיטונג פון יידישקייט. [10] ווען מלכות זוכט צו פאַרטונקלען יידישקייט דורך אירע גזירות.

ט. [1] פון גאולה. [2] פאַר אַ מענטשן איז שווער צו דערגיין דעם לעצטן אמת אין אַ משפט. לויט אַנדערע מיינט עס דעם יום הדין אויף יענער וועלט. [3] רוים.

חפץ; [ו]**תרגם (עקילס הגר) [יונתן]** (ישעיה ה): ועל העבים אצוה מהמטיר עליו מטר — **„ועל נביאיא אפקיד, דלא יתנבאון להון נבואתא;"** ואם יפול עץ, **אם הגיע קירסן של נביאים להת־נבאות**, אם בדרום ואם בצפון — — — [שם יהוא], **שמה יהיו כל ישראל מתכנסין ושומעין נבואתן ולמדין ממנו.**

**א"ר יצחק: אם ראית צרות שהם משמשות ובאות על הארץ, בשביל ישראל, שנקראו ארץ, שנאמר:** כי תהיו אתם ארץ חפץ. [ואם יפול עץ], **אם הגיע קירסו של תלמיד חכם להסתלק מן העולם, כגון ר' מונא בציפורין ור' בון בטבריא,** אם בדרום ואם בצפון, מקום שיפול העץ שם יהוא, **שמה יהיו כל ישראל [מתכנסין ו]גומלין אותו חסד.**

(ד) שומר רוח לא יזרע, **שומר רוחן של מלכות** לא יזרע **מצוות ומעשים טובים;** ומי רואה בעבים **של מלכיות,** לא יקצור **מצות ומעשים טובים.**

ט

(ה) כאשר אינך יודע. **ז' דברם מכוסים מבני אדם, ואלו הם: יום המיתה, ויום הנחמה, ועומק הדין, ובמה הוא משתכר, ומה בליבו של חבירו, ומה בעיבורה של אשה, ומלכות זו של אדום אימתי נופלת.**

**„יום המיתה" מניין? שנאמר** (קהלת יא): כי לא ידע האדם את עתו. **„יום הנחמה" מניין? שנאמר** (ישעיה ס): אני ה' בעתה אחישנה. **„ועומק הדין" מניין? שנאמר** (דברים א): כי המשפט לאלהים הוא. **„במה הוא משתכר" מניין? שנאמר** (קהלת ה): זה מתת אלהים היא. **„ומה בליבו של חבירו", שנאמר** (ירמיה יז): אני ה' חוקר לב. **„ומה בעיבורה של אשה", שנאמר:** כעצמים בבטן המלאה. **„מלכות הרשעה זו של אדום אימתי נופלת", שנאמר** (ישעיה סג): כי יום נקם בלבי.

---

איך, גאָט, וועל עס אין צייט אונטעראיילן. **„און די טיף פון אַ משפט" — פון וואַנען? ווי דער פסוק זאָגט** (דברים א, יז): כי המשפט — וואָרום דער משפט איז פון גאָט. **„ביי וואָס וועט אַ מענטש פאַרדינען" — פון וואַנען? ווי דער פסוק זאָגט** (קוהלת ה, יח): זה — דאָס איז אַ מתנה פון גאָט. **„און וואָס טראָגט זיין חבר אין האַרצן"; ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה יז, י): אני — איך, גאָט, טו פאָרשן דאָס האַרץ. **„און מיט וואָס איז אַ פרוי מעוברת", ווי דער פסוק זאָגט:** ווי די ביינער אין בויך פון אַ טראָגעדיקער. **„ווען וועט**

דאָס דאָזיקע מלכות פון אדום פאַלן", ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה סג, ד): כי — וואָרום אַ טאָג פון נקמה איז אין מיין האַרצן.

י

(ו) בבקר — אין דער פרי זיי דיין זאָמען, — [וועגן דעם זאָגן] ר' אליעזר און ר' יהושע. ר' אליעזר זאָגט: אויב דו האָסט געזייט אין פרי־סעזאָן, זיי אויך אין שפעט־סעזאָן, וואָרום דו ווייסט ניט וועלכעס וועט זיך דיר איינגעבן, דאָס פריאיקע, צי דאָס שפעטיקע; וואָרום דו ווייסט ניט וועלכעס וועט געראָטן, דאָס צי יענס. ר' יהושע זאָגט: האָסטו גענומען אַ ווייב אין דיין יוגנט און זי איז געשטאָרבן, נעם ווידער אויף דער עלטער; האָסט געהאַט קינדער אין דיין יוגנט, האָב אויך קינדער אויף דער עלטער, ווי דער פסוק זאָגט: אין דער פרי זיי דיין זאָמען, און אין אָוונט לאָז ניט אָפּ דיין האַנט, וואָרום דו ווייסט ניט וועלכעס וועט געראָטן, דאָס צי יענס.

ר' ישמעאל און ר' עקיבא [זאָגן]. ר' ישמעאל זאָגט: האָסטו געלערנט תורה אין דיין יוגנט, לערן אויך אויף דער עלטער, וואָרום דו ווייסט ניט, וועלכע תורה וועט זיך דיר האַלטן, די פון דיין יוגנט, צי די פון דיין עלטער, אָדער ביידע וועלן זיין גלייך גוט. און ר' עקיבא זאָגט: צוועלף טויזנט תלמידים האָב איך געהאַט, פון גבת ביז אנטיפרס, און אַלע זיינען זיי מיר אויסגעשטאָרבן ביים לעבן, צווישן פסח און שבועות, און לסוף זיינען מיר געבליבן פון זיי זיבן, און דאָס זיינען זיי: ר' יהודה, און ר' נחמיה, און ר' מאיר, און ר' יוסי, און ר' שמעון בן יוחאי, און ר' אליעזר דער זון פון ר' יוסי הגלילי, און ר' יוחנן הסנדלר. ער האָט געזאָגט צו זיי: „די ערשטע זיינען ניט געשטאָרבן, נייערט צוליב דעם, וואָס איינער האָט ניט פאַרגונען דעם אַנדערן זיין תורה; איר זאָלט ניט זיין אַזוי". גלייך האָבן זיי זיך אויפ־געהויבן און האָבן אָנגעפילט גאַנץ ארץ ישראל מיט תורה.

ר' נתן [לויט אַן אַנדער נוסח: כהן] [2] האָט באַשיידט דעם פסוק אויף אַ ווייב. אויב דו האָסט גענומען אַ ווייב אין דיין יוגנט, נעם אויך אויף דער עלטער; פאַרוואָס? דו ווייסט ניט, וועלכע קינדער וועלן זיך דיר האַלטן, צי פון דיין יוגנט, צי פון דיין עלטער, אָדער ביידע וועלן זיין גלייך גוט.

יא

(ז) ומתוק — און זיס איז דאָס ליכט, זיס איז דאָס ליכט פון תורה; און גוט איז פאַר די אויגן [צו זען די זון], — וואויל איז דעם, וואָס זיין לער־נען לייכט אים ווי די זון. ר' אחא זאָגט: זיס איז דאָס ליכט פון יענער וועלט; וואויל איז דעם, וואָס וועט זוכה זיין צו זען יענס ליכט, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ל, כו): והיה — און דאָס ליכט פון דער לבנה וועט זיין ווי דאָס ליכט פון דער זון — — —.

[1] ד.ה. דער סאַנדאַלן מאַכער. [2] דער צוגאָב געפינט זיך אין טעקסט פון דער ראָם אויס־גאַבע פון יאָר תרס"ט.

י

(ו) בבקר זרע את זרעך. — **ר׳ אליעזר ור׳ יהושע. ר׳ אליעזר אומר: אם זרעת בבכיר, זרע באפיל, שאין את יודע איזה מתקיים לך, אם הבכיר, ואם האפיל:** כי אינך יודע אי זה יכשר, הזה או זה. **ר׳ יהושע אומר: נשאת אשה בילדותך ומתה, תשא בזקנותך; היו לך בנים בילדותך, יהיו לך בנים בזקנותך, שנאמר:** בבקר זרע את זרעך ולערב אל תנח ידך, כי אינך יודע, אי זה יכשר, הזה או זה.

**ר׳ ישמעאל ור׳ עקיבא. ר׳ ישמעאל אומר: אם למדת תורה בנערותך, למד בזקנותך, שאין אתה יודע, אי זו תורה מתקיימת, אם של נערותך, אם של זקנותך,** ואם שניהם כאחד טובים. **ור׳ עקיבא אומר: שנים עשר אלפים תלמידים היו לי, מגבת ועד אנטיפרס, וכולן מתו בחיי, בין פסח לעצרת, ובסוף העמידו לי שבעה, ואלו הן: ר׳ יהודה, ור׳ נחמיה, ור׳ מאיר, ור׳ יוסי, ור׳ שמעון בן יוחאי, ור׳ אליעזר בנו של ר׳ יוסי הגלילי, ור׳ יוחנן הסנדלר. אמר להם: „הראשונים לא מתו, אלא מפני שהיתה עינם צרה בתורה זה לזה; אתם לא תהיו כן״. מיד עמדו ומילאו כל ארץ ישראל תורה.**

**ר׳ נתן** [נוסח אחר: כהן] **פתר קרייא באשה: אם לקחת אשה בנערותך, לקח בזקנותך; למה? אינך יודע איזה בנים מתקיימין לך, אם של נערותך, אם של זקנותך,** ואם שניהם כאחד טובים.

יא

(ז) ומתוק האור, **מתוק אורה של תורה;** וטוב לעינים׳ — **אשרי שתלמודו מאיר לו כשמש. ר׳ אחא אומר: מתוק אור העולם הבא; אשרי שיזכה לראות האור ההוא, שנאמר** (ישעיה ל): והיה אור הלבנה כאור החמה, **וגו׳**.

יב

(ח) כי אם שנים הרבה יחיה האדם, בכלם ישמח **בשמחת התורה;** ויזכר את ימי החשך, **אלו ימי הרעה.** כי הרבה יהיו

---

יב

(ח) כי — וואָרום וויפיל יאָרן אַ מענטש זאָל לעבן, זאָל ער אין זיי אַלע זיך פרייען **מיט דער פרייד פון תורה;** און זאָל ער געדענקען די טעג פון פינצטערניש, **דאָס זיינען די טעג פון שלעכטס.**[1] וואָרום [אפילו] עס זאָל

זיין אַ סך, — [קעגן] אַלץ וואָס קומט ערשט איז עס נישטיקייט [2]: די תורה וואָס אַ מענטש לערנט אויף דער וועלט איז נישטיק קעגן דער תורה [וואָס מע וועט לערנען אין די טעג] פון משיחן.

## יג

(ט) שמח — פריי זיך, בחור, אין דיין יינגלשאַפט. ר׳ שמואל בר ר׳ יצחק האָט געזאָגט: די חכמים האָבן געוואָלט באַהאַלטן [1] דעם ספר קוהלת, מחמת זיי האָבן געפונען אין אים ווערטער וואָס זייען נוטה צו אפיקורסות. זיי האָבן געזאָגט: איז דאָס שלמהס חכמה, וואָס ער האָט געזאָגט: פריי זיך, בחור, אין דיין ייגלשאַפט? משה האָט געזאָגט (במדבר טו, לט): ולא תתורו — און איר זאָלט ניט נאָכגיין נאָך אייער האַרצן; און שלמה האָט געזאָגט: און גיי אין די וועגן פון דיין האַרצן, — איז הפקר אַ וועלט? לית דין ולית דיין? ווייבאַלד אָבער ער האָט געזאָגט: ודע — און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם וועט דיך גאָט ברענגען צום משפט, האָבן זיי געזאָגט: גוט האָט שלמה גערעדט.

ר׳ חייא רבה און ר׳ שמעון בן חלפתא [זאָגן וועגן דעם]. ר׳ חייא רבה האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו איינעם וואָס איז אַטלאָפן פונעם תליון; איז ער געלאָפן, און יענער איז אים נאָכגעלאָפן. האָט מען געזאָגט צו אים: „לויף ווייניקער, וועסטו ניט דאַרפן צופיל לויפן צוריקוועגס״. אַזוי: און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם וועט דיך גאָט ברענגען צום משפט. ר׳ שמעון בן חלפתא זאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו איינעם וואָס איז געשוואומען אין טייך;[2] איז ער געלאָפן, און יענע זיינען אים נאָכגעלאָפן, האָט מען געזאָגט צו אים: „לאָז זיך ווייניקער אַריין [אין וואַסער], וועסטו ניט דאַרפן צופיל זיך מאַטערן ביים אַרויסגיין.״ אַזוי: און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם וועט דיך גאָט ברענגען צום משפט״.

ר׳ חנינא בר פפא האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו איינעם וואָס האָט אַריינגעגנבעט [סחורה אָן] אָפּצאָל. איין מאָל האָט מען אים געכאַפּט און מע האָט אים געזאָגט: „גיב אָפּ וואָס דו האָסט ביי דיר״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „נעמט אייך וואָס איך האָב ביי מיר״. האָבן זיי געזאָגט: „דו מיינסט, אַז מיר וועלן נעמען ניט מער ווי דאָס וואָס דו האָסט ביי דיר? איצט וועלן מיר אויפמאָנען פון דיר אַלץ וואָס דו האָסט ביי זיך און אַלץ וואָס דו האָסט אָנגעגנבעט די אַלע יאָרן וואָס דו פלעגסט גנבענען.״ אַזוי: און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם וועט דיך גאָט ברענגען צום משפט.

ר׳ לוי האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ פויגל וואָס איז געווען פאַרשפאַרט אין אַ שטייג. איז געקומען אַ פויגל און האָט זיך געשטעלט איבער אים און אים געזאָגט: „וואויל איז דיר, וואָס דו געפינסט דיין עסן אָנגעגרייט״. האָט ער געזאָגט צו אים: „דו וויסטער און פינצטערער שלימזל!

---

יב. [1] וועגן וועלכע עס רעדט זיך ווייטער אין די ערשטע פסוקים פון יב. [2] אַזוי לויטן דרש (זע רד״ל).

[כל שבא הבל], **תורה שאדם למד בעולם הזה הבל היא לפני תורתו של משיח.**

יג

(ט) שמח, בחור, בילדותך. **א״ר שמואל בר ר׳ יצחק: בקשו חכמים לגנוז ספר** קהלת, **שמצאו בו דברים שהן מטין לצד מי־נות. אמרו: זה חכמתו של שלמה, שאמר:** שמח, בחור, בילדותך? **משה אמר** (במדבר טו): ולא תתורו אחרי לבבכם; **שלמה אמר:** והלך בדרכי לבך, — **הותרה הרצועה? לית דין ולית דיין? כשאמר:** ודע, כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט, **אמרו: יפה אמר שלמה.**

**ר׳ חייא רבה ור׳ שמעון בן חלפתא. ר׳ חייא רבה אמר: לאחד שברח מפני הקוסטנר; והיה רץ והוא רץ אחריו. אמרו לו: „מעט בריצה, שלא תרבה בחזירה.״ כך:** ודע, כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט. **ר׳ שמעון בן חלפתא אומר: לאחד שהיה שט על פני הנהר; היה רץ ורצין אחריו. אמרו לו: „מעט בכניסה, שלא תרבה ביציאה ותיגע״. כך:** ודע, כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט.

**ר׳ חנינא בר פפא אמר: לאחד שגנב את המכס. חד זמן צדון יתיה; אמרין ליה: „הב מה דאית גבך.״ אמר לון: „סבון לכון מה דאית גבאי״. אמרון: „את סבר, לית אנן נפקין, אלא כל דאית גבך? האידנא אנן תבעין מינך כל מה דאית גבך וכל מה דגנבת כל אילין שנייא דהוית גניב.״ כך:** ודע, כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט.

**א״ר לוי: לעוף שהיה חבוש בכלוב. בא עוף אחד ועמד לו על גביו, אמר לו: „אשריך, מה מזונותיך מצויין לך.״ א״ל: „ביש גדא וטמיע מזלא! למזונותי את מסתכל, ולחבושי לית את סקר; דלמחר מפקין ונכסין לי.״ כך:** ודע, כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט.

---

אויף מיין עסן קוקסטו, און אַז איך בין פאַרשפּאַרט זעסטו ניט; וואָרום מאָרגן וועט מען מיך אַרויסנעמען און שעכטן״. אַזוי: און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם וועט דיך גאָט ברענגען צום משפט.

ר׳ תנחום האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו איינעם אַן אוממענטש, וואָס איז געקומען צו אַ קרעמער און אים געזאָגט: „גיב מיר פעט פלייש און אַלטן וויין און צושפּייזן".[3] האָט ער געגעסן און געטרונקען און איז געוואָרן בגי־לופין, און ער האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין. האָט יענער אים געזאָגט: „גיב מיר דאָס געלט פאַר דעם וואָס דו האָסט געגעסן". האָט ער געזאָגט: „דער בויך מיינער איז פאַר דיר, שפּאַלט אים אויף [און נעם דיר אָפּ דיינס]." דער קרעמער איז געווען אַ חכם; וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט גענומען אַ ראָגאָזשע און אים איינגעוויקלט אין דעם, און האָט אים געלייגט ביי דער טיר פון זיין קראָם. און צו איטלעכן פאַרבייגייער האָט ער געזאָגט: „וואַרף אַריין צדקה פאַר דעם דאָזיקן מת, אים צו קויפן תכריכים". איז פאַרבייגע־גאַנגען איינער אַ נישטיקער יונג, אַן אויסוואָרף, און געזאָגט צו אים: „ביז ווען וועט זיך דער דאָזיקער וויסטער און פינצטערער שלימזל דאָ וואַלגערן?" האָט ער אים געזאָגט: „ביי דיין לעבן, ביז דאָס געלט וועט זיך אויפקלייבן".[4] ווען דאָס געלט האָט זיך אים אָנגעקליבן, האָט ער געזאָגט צו אים: „גיי צו אַלעם בייזן! אַזוי: און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם וועט גאָט דיך ברענגען צום משפּט.

## יד

אַן אַנדער פּשט [אויפן פּסוק] פריי זיך, בחור, אין דיין יינגלשאַפט [זאָגן] ר׳ יודן און ר׳ פינחס. ר׳ יודן האָט געזאָגט: אין דיין יינגלשאַפט, — [פריי זיך] מיט דער תורה וואָס דו האָסט געלערנט אין דיין יינגלשאַפט; און זאָל דיך דיין האַרץ דערפרייען אין די טעג פון דיין בחורשאַפט, דאָס איז די משנה; און גיי אין די וועגן פון דיין האַרץ און נאָך דער זעאונג פון דיינע אויגן, דאָס איז דער תלמוד;[1] און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם וועט דיך גאָט ברענגען צום משפּט, דאָס איז [פון וועגן] די מצוות און מעשים טובים. ר׳ פינחס זאָגט: פריי זיך, בחור, אין דיין יינגלשאַפט, — וואָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז דו זאָלסט אויסדערוויילט ווערן[2] אויף דיין עלטער? די תורה וואָס דו האָסט געלערנט אין דיין יינגלשאַפט; איז אויב דו ביסט אויסדער־וויילט געוואָרן אויף דיין עלטער, זאָלסטו זיך ניט צו ווייט אַוועקלאָזן [מיט אייגענע סברות] אין דברי תורה, נייערט זאָלסט גיין אין די וועגן פון דיין האַרץ, דאָס איז דאָס לערנען וואָס דו האָסט געלערנט פון דיין רבין; און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם, — — — ער וועט דיר באַצאָלן דעם שכר פאַר מצוות און מעשים טובים.

---

יג. [1] זע אויבן א, ד, און באַמערקונגען. [2] זיך צו ראַטעווען פון נאָכיאָגערס. [3-4] גע־ביטן לויט יאַסטראָוו.

יד. [1] לויט דער אָרדנונג פון לערנען: צו פינף יאָר — מקרא, צו צען יאָר — משנה, צו פופצן יאָר — גמרא (אבות ה, כא). [2] ווי אַ פירער צווישן די חכמים (הבחר — בחור).

ר׳ תנחום אמר: לבן בליעל שבא אצל חנוני, א״ל: „תן לי בשר שמן ויין ישן ומיני (ארגסטירין) [אוגסיגרין].״ אכל ושתה ונתבסם ובא לצאת. א״ל: אייתי טימי מה דאכלת.״ אמר: „כריסיה דההוא גברא קומך, בזעה״. חנוני הוה חכים; מה עשה? נטל מחצלת וכרכו בה, והניחו על תרע חנותיה. כל דעבר א״ל: „אישדי זכו עם הדין מיתה, דנזבון ליה תכריכין״. עבר חד בר פחין ביש סגיא, א״ל: „עד כדון ביש הדין גדא וטמיע מזלא הכא מקלקן?״ א״ל: „בחייך, עד (דאיסתנפנוי) [דאיסתפנון] פריטוי.״ כיון (דאיסתנפנוי) [דאיסתפנון] פריטייא דידיה, א״ל: „איזיל לפחתא!״ כך: ודע, כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט.

יד

ד״א: שמח, בחור, בילדותך, — ר׳ יודן ור׳ פנחס. ר׳ יודן אמר: בילדותך, — בתורתך שלמדת בילדותך: ויטיבך לבך בימי בחורותיך, זו המשנה; והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך, זה התלמוד; ודע, כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט, אלו מצות ומעשים טובים. ר׳ פנחס אומר: שמח, בחור, בילדותך, — מי גרם לך להבחר בזקנותך? תורה שלמדת בילדותך; ואם נבחרת בזקנותך, אל תפליג עצמך בדברי תורה, אלא והלך בדרכי לבך, זה התלמוד שלמדת מרבך; ודע, כי על אלה, וגו׳, עליו לשלם לך שכר מצות ומעשים טובים.

ר׳ שמעון בן יוחאי אומר: לאחד שהיה מפסיל בנשים ושטוף בזמה; והוה אמר: „הידא איתתא אנא בעי לה? הידא איתתא אנא בעי לה?״ הזקין ובקש לישא אשה; א״ל: „ביש גדא וטמיע מזלא! הידא איתתא בעיא לך כדון, — נחירך קטיף, אודנך יקרין ועיינך כהיין?״ כך: כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט.

---

ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו איינעם וואָס פלעגט פסלענען אַלע פרויען,[3] און איז געווען אַריינגעלאָזט אין זנות; און ער פלעגט זאָגן: „וואָס פאַר אַ ווייב זאָל איך ווילן? וואָס פאַר אַ ווייב זאָל איך ווילן?״ ווען ער איז אַלט געוואָרן האָט ער געוואָלט נעמען אַ ווייב; האָט מען געזאָגט צו אים: „ווי'סטער, פינצטערער שלימזל! וואָסער ווייב וועט דיך אַצינד ווילן, ווען דיין נאָז הענגט דיר אַראָפּ,[4] דיינע אויערן זיינען שווער און דיינע אויגן טונקל?״ אַזוי: און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם וועט דיך גאָט ברענגען צום משפט.

י [ס׳איז געגליכן] צו איינעם, וואָס האָט געהאַט פעלדער און וויינגערטנער, און פלעגט ניט אָפּשיידן קיין תרומה און מעשר. ער איז אַלט געוואָרן און האָט פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעגן; האָט ער געזאָגט: „ווען איך וואָלט איצט געהאַט פעלדער און וויינגערטנער, וואָלט איך ניט אָפּגעשיידט קיין תרומה און מעשר?״ האָט מען געזאָגט צו אים: „איצט, וואָס געווען איז געווען״. אַזוי: און זיי וויסן, אַז פאַר דעם אַלעם וועט דיך גאָט ברענגען צום משפט.

**לאחד שהיו לו שדות וכרמים, ולא היה מפריש תרומה ומעשרות. הזקין וירד מכל נכסיו; אמר: „אילו היו לי שדות וכרמים, ולא הייתי מפריש תרומה ומעשרות?" אמרין ליה: „כדון מה דהוה הוה". כך:** ודע, כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט.

---

[3] קיין שידוך איז אים ניט געפעלן געוואָרן. [4] ווי אַ פאַרוועלקטע פרוכט; ווערטערלעך: אָפּגעריסן (יאַסטאַרוו).

# פרשה יב

## א

(יא, י) והסר — און טו אָפּ פאַרדראָס פון דיין האַרצן. ר׳ לוי האָט געזאָגט: יעדע קינדערישקייט [ברענגט] פאַרדראָס, און יעדער פאַרדראָס — נאַרישקייט.[1] שלמה האָט געזאָגט: ווײַבאַלד אַז ייִנגלשאַפט און יונגשאַפט זיינען נישטיק, דעריבער ((יב, א): און געדענק דיין באַשעפער.

מיר האָבן געלערנט.[2] עקביא בן מהללאל זאָגט: קוק זיך צו צו דריי זאַכן [און דו וועסט ניט קומען צו קיין עבירה]: פון וואַנען דו ביסט געקומען — פון אַן עיפּושדיקן טראָפּן; און וואוהין דו גייסט — צו אַן אָרט פון שטויב, ווערים און מאַיל; און פאַר וועמען דו ביסט אָנגעברייט אָפּצוגעבן דיין וחשבון — פאַרן מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא. ר׳ יהושע בן לוי פון סיכנין[3] האָט געזאָגט: אַלע דריי זאַכן האָט עקיבא אַרויסגעדרשנט פון איין וואָרט [(יב, א) בוראך, דיין באַשעפער, וואָס מע קען לייענען]: בארך — דיין קוואַל, בורך — דיין גרוב, בוראך — דיין באַשעפער: „דיין קוואַל״, דאָס איז דער עיפּושדיקער טראָפּן; „דיין גרוב״, דאָס איז [דאָס אָרט פון] ווערים און מאַיל; דיין באַשעפער, דאָס איז דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, וואָס דו ביסט אָנגעברייט אָפּצוגעבן פאַר אים דין וחשבון.[4] דעריבער ווערט דאָ געזאָגט: וזכר — און געדענק דיין באַשעפער אין די טעג פון דיין בחורשאַפט, כל זמן דו ביסט נאָך אין דיין כוח; איידער עס וועלן אָנקומען די שלעכטע טעג, דאָס זיינען די טעג פון עלטער, און עס וועלן אָנקומען יאָרן [וואָס דו וועסט זאָגן: איך האָב ניט אין זיי קיין באַגער], דאָס זיינען די [טעג פון] יסורים. ר׳ חייא בר נחמיה האָט געזאָגט: דאָס זיינען די טעג פון משיחן, ווען ס׳וועט ניט זיין קיין צידקות, ניט קיין זינד.[5]

## ב

(ב) עד אשר — איידער עס וועט פינצטער ווערן די זון, דאָס איז די ליכטיקייט פון פנים; און דאָס ליכט, דאָס איז די נאָז; און די לבנה, דאָס איז דער שטערן;[1] און די שטערן, דאָס זיינען די שפּיצן פון די באַקנביינער; און

---

א. [1] דער דאָזיקער פסוק איז דאָ, ווייזט אויס, באַהעפט געוואָרן צו פרשה יב צוליבן ווייטערדיקן מוסר השכל. [2] אבות ג, א. [3] אין ויקרא רבה, יח, א, — ר׳ יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוין. [4] אין אַלע אויסגאַבעס איז דער סדר: בורך, בארך, בוראך; אָבער מיר האָבן עס געשטעלט לויטן סדר פון עקביאס ווערטער, און אַזוי איז אויך דער נוסח אין ויקרא רבה. [5] דער מענטש וועט דאַן ניט זיין קיין בעל בחירה, און ער וועט זיין גוט פון דער נאַטור אויס (לויטן רמב״ן, ציטירט פון יפה תואר).

ב. [1] אין ויקרא רבה, דאָרט, איז דער נוסח: און דאָס ליכט, דאָס איז דער שטערן; און די לבנה, דאָס איז די נאָז (דאָס צווייטע איז געבויט אויף אַ וואָרטשפּיל: ירח — ריח).

# פרשה יב

א

(יא, י) והסר כעס מלבך. א"ר לוי: כל טילוי — סירוי, וכל סירוי — טפשן. אמר שלמה: הואיל והילדות והשחרות הבל, לפיכך (יב, א) וזכר את בוראך.

**תנינן: עקביא בן מהללאל אומר: הסתכל בשלשה דברים: מאין באת, — מטפה סרוחה; ולאן אתה הולך, — למקום עפר, רמה ותולעה; ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, — לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.** ר' יהושע בן לוי דסכנין **אמר: שלשתן דרש עקביא מתוך תיבה אחת:** בארך, בורך, בוראך: בארך, **זו לחה סרוחה;** בורך, **זו רמה ותולעה;** בוראך, **זה מלך מלכי המלכים הקב"ה, שאתה עתיד ליתן לפניו דין וחשבון. לכך נאמר:** וזכר את בוראך בימי בחורתיך **עד דחילך עלך;** עד אשר לא יבאו ימי הרעה, **אלו ימי הזקנה,** והגיעו שנים, **אלו היסורין. ר' חייא בר נחמיה אמר: אלו ימות המשיח, שאין בהם לא זכות ולא חובה.**

ב

(ב) עד אשר לא תחשך השמש, **זה קלסתר פנים;** והאור, **זה החוטם;** והירח, **זה המצח;** והכוכבים, **אלו ראשי לסתות;** ושבו העבים אחר הגשם, — **ר' לוי אמר בה תרתי, חדא לחבריא וחדא לבוריא. חדא לחבריא: בא לבכות, זלגו עיניו דמעות; וחדא לבוריא: בא להטיל מים, הגללים יוצאים ומקדמין אותו.**

---

ס'וועלן זיך אומקערן די וואָלקנס נאָכן רעגן, — **ר' לוי האָט געזאָגט וועגן דעם צוויי זאַכן, איינס וועגן די חברים** [2] **און איינס וועגן די פּראָסטאַקעס. איינס וועגן די חברים: [נאָך אײדער] ער קומט וויינען, גיסן שוין זיינע אויגן טרערן; און איינס וועגן די פּראָסטאַקעס: ווען ער קומט לאָזן ס'וואַסער, גייט אים צוערשט אַרויס דער אָפּפאַל.** [3]

---

[2] די חכמים, די לומדים. [3] פון עלטער שוואַכקייט, אָבער דער חכם איז פאַרזיכטיק און וואַרט ניט לאַנג; און דער פּסוק ווערט פאַרשטאַנען: דער רעגן קומט נאָך אײדער די וואָלקנס זיינען פאַראַן.

ג

(ג) ביום — אין דעם טאָג ווען די הויזוועכטערס וועלן ציטערן, דאָס זיינען די ריפּן; און עס וועלן זיך אויסקרימען די העלדישע לייט, דאָס זיינען זיינע אָרעמס. ר׳ חייא בר׳ נחמיה זאָגט: דאָס זיינען זיינע ריפּן. און די מאָלערינס וועלן אויפהערן אַרבעטן, דאָס איז דער מאָגן; וואָרום זיי זיינען ווינציק געוואָרן, דאָס זיינען די ציין; און ס׳וועלן פינצטער ווערן די קוקערינס אין די פענצטער, דאָס זיינען די אויגן. ר׳ חייא בר׳ נחמיה זאָגט: דאָס זיינען די לונגען־פליגל, וואָס פון דאָרט קומט דער קלאַנג פונעם קול.

ד

(ד) וסגרו — און עס וועלן פאַרשלאָסן ווערן די טירן צו דער גאַס, דאָס איז דעם מענטשנס אַרויסגאַנג; ווען ס׳ווערט נידעריק דער רויש פון דער מיל, איבער דעם וואָס דער מאָגן מאָלט ניט; און מע וועט שטיין בלייבן ביים קול פון אַ פויגל: דער דאָזיקער זקן, ווען ער דערהערט פייגל צוויטשערן, זאָגט ער, אַז גזלנים קומען אים צו באַפאַלן; און נידעריק וועלן ווערן אַלע טעכטער פון געזאַנג, דאָס זיינען די ליפּן. ר׳ חייא בר׳ נחמיה האָט געזאָגט: דאָס זיינען די נירן, וואָרום זיי טראַכטן און דאָס האַרץ באַשטימט.

ה

(ה) גם — אויך פאַר אַ הויך אָרט וועט מען מורא האָבן: דער דאָזיקער זקן, אַז מע רופט אים אין אַן אָרט, [מע פאַרבעט אים צו אַ סעודה],[1] זאָגט ער צו זיי: זיינען דאָרט פאַראַן דערנער? זיינען דאָרט פאַראַן באַרג־אַרויפן? זיינען דאָרט פאַראַן באַרג־אַראָפּן?״ און פחדים אויפן וועג. [וועגן דעם האָבן געזאָגט] ר׳ אבא בר כהנא און ר׳ לוי. איינער האָט געזאָגט: דער פחד פאַרן וועג באַפאַלט אים: „זאָל איך גיין, צי זאָל איך ניט גיין?״ און ער זאָגט: „איך וועל ניט גיין.״ און דער אַנדערער האָט געזאָגט [דאָס איז ר׳ לוי] [2]: ער הייבט אָן מאַכן צייכנס אויפן וועג; ער זאָגט: „ביז יענער גאַס, ביז יענעם אָרט, האָב איך כוח צו גיין; אָבער ביז צו יענעם אָרט [3] האָב איך ניט קיין כוח צו גיין. און ס׳וועט בליען דער מאַנדלבוים, — ר׳ לוי האָט געזאָגט: דאָס איז דער נוס פונעם רוקנביין.[4]

אדריאנוס, זאָלן אים די ביינער צעריבן ווערן און זיין נאָמען זאָל אָפּגעמעקט ווערן, האָט געפרעגט ביי ר׳ יהושע בן חנניא: „פון וואַנען וועט דער מענטש אַרויסוואַקסן לעתיד לבוא?״ האָט ער אים געזאָגט: „פונעם נוס פון רוקנביין״. האָט ער געזאָגט צו אים: „ווייז עס מיר.״ וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט געבראַכט אַ נוס פון אַ רוקנביין און אים געלייגט אין וואַסער, און ער איז ניט צעגאַנגען; אין פייער, און ער איז ניט פאַרברענט געוואָרן; צווישן מיל־שטיינער, און ער איז ניט צעמאָלן געוואָרן; האָט ער אים אַוועקגעלייגט אויפן שמיד־אייזן און געקלאַפּט אויף אים מיטן האַמער, האָט זיך צעשפּאָלטן

ה. [1] אַ צוגאָב אין טעקסט פון אַן איבערשרייבער. [2] ווי פריער. [3] וואו די סעודה איז. [4] דאָס אייבערשטע ביינדל פונעם רוקנביין, וואָס סטאַרטשעט אַרויס צוליב אָפּגע־

ג

(ג) ביום שיזעו שמרי הבית, אלו הצלעות; והתעותו אנשי החיל, אלו זרועותיו. ר׳ חייא בר׳ נחמיה אומר: אלו צלעותיו. ובטלו הטחנות, זו המסס; כי מעטו, אלו השנים. וחשכו הראות בארבות, אלו העינים. ר׳ חייא בר׳ נחמיה אומר: אלו כנפי הריאה, שמשם בת קול יוצאת.

ד

(ד) וסגרו דלתים בשוק, אלו נקביו של אדם; בשפל קול הטחנה, על ידי דלית מסוסא טחין; ויקום לקול הצפור: הדין סביא כד שמע ציפרין מציציין, אמר — לסטין אתו לקפחא יתיה; וישחו כל בנות השיר, אלו השפתות. ר׳ חייא בר׳ נחמיה אמר: אלו הכליות, שהן חושבות והלב גומר.

ה

(ה) גם מגבוה ייראו: הדין סבא, כד צווחין ליה לאתר [מזמנין לסעודה], הוא אמר להון: „אית תמן מסוריין? אית תמן מסקין, אית תמן מחתותין.״ וחתחתים בדרך, — ר׳ אבא בר כהנא ור׳ לוי. חד אמר: חיתיתיה של דרך נפלה עליו: „איזיל, או לא איזיל?״ אמר: „לא איזיל״. וחורנא אמר [הוא ר׳ לוי]: התחיל מתווה תוואים בדרך; אמר: „עד שוק פלן, עד אתר פלן אית בי חילא להלך; ועד אתר פלן לית בי חילא להלך.״ וינאץ השקד, — ר׳ לוי אמר: זה לוז של שדרה.

אדריאנוס שחיק עצמות, מחיק שמיה, שאיל את ר׳ יהושע בן חנניא, א״ל: „מהיכן אדם מציץ לעתיד לבא?״ א״ל: „מלוז של שדרה.״ א״ל: „הראני.״ מה עשה? הביא לוז אחד של שדרה, נתנו במים ולא נמחה; באור, ולא נשרף; בריחים, ולא נטחן; נתנו על הסדן והכה עליו בפטיש, נחלק הסדן ונבקע הפטיש, ולא הועיל כלום.

ויסתבל החגב, אלו קרסוליו; ותפר האביונה, זה התאוה המטלת שלום בין איש לאשתו, שהיא בטלה.

---

דער שמיד־אייזן און דער האַמער האָט זיך צעשפּליטערט, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן.

ויסתבל — און ס׳וועט ווערן אַ משא דער היישעריק, דאָס זיינען זיינע קנעכלעך; און ס׳וועט אויפהערן דאָס וועלן,[5] דאָס איז די גלוסטונג, וואָס

ברענגט אַריין שלום צווישן מאַן און ווייב, און זי הערט אויף [אויף דער עלטער].

ר׳ שמעון בן חלפתא איז געוואוינט געווען אַרויפצוקומען צו אונדזער רבין[6] [יעדן חודש].[7] ווען ער איז אַלט געוואָרן, האָט ער עס מער ניט געקענט. איין מאָל איז ער אַרויפגעקומען. האָט אים אונדזער רבי געזאָגט: „וואָס עפּעס האָבן מיר זוכה געווען צו זען דעם רבינס ליכטיק פּנים היינט?" האָט ער געזאָגט צו אים: „ווייטע זיינען געוואָרן נאָענט, און נאָענטע זיינען געוואָרן ווייט; פון צוויי זיינען געוואָרן דריי, און דער וואָס ברענגט שלום איז ניטאָ מער." [דער פּשט דערפון איז: „ווייטע זיינען געוואָרן נאָענט", דאָס זיינען די אויגן, וואָס פלעגן זען פון דער ווייטנס, און איצט זעען זיי אפילו ניט פון נאָענט; „און נאָענטע זיינען געוואָרן ווייט", דאָס זיינען די אויערן, וואָס פלעגן הערן צום ערשטן מאָל אָדער צום צווייטן מאָל, און איצט דערהערן זיי ניט אפילו צום הונדערטסטן מאָל; „פון צוויי איז געוואָרן דריי," — דער שטעקן מיט די צוויי פיס; און דער וואָס ברענגט שלום אין דער היים איז ניטאָ מער", דאָס איז די תאווה, וואָס ברענגט אַריין ליבשאַפט צווישן מאַן און ווייב].[8]

כי — וואָרום דער מענטש גייט צו זיין אייביקער היים. דאָ שטייט ניט „צו דער אייביקער היים", נייערט צו זיין אייביקער היים, — ריש לקיש האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס קומט אָן אין אַ שטאָט, און מיט אים קומען דוכסן, מדינה־האַרן און הויפליים;[9] איז כאָטש זיי קומען אַלע אַריין אין טויער ווי איין גרופּע, גייט אָבער יעדער איינער רוען [אין אַן אָרט וואָס איז] לויט זיין כבוד. אַזוי, כאָטש אַלע פאַרזוכן דעם טעם פון טויט, האָט אָבער יעדער איינער אַ באַזונדער וועלט פאַר זיך.[10]

וסבבו — און עס וועלן זיך אומדרייען די באַקלאָגערס אין מאַרק, דאָס זיינען די ווערים.[11]

ו

(ו) עד אשר — איידער די זילבערשנור וועט צעריסן ווערן, דאָס איז דער חוט השדרה; און דער גאָלדענער בעקן וועט צעשמעטערט ווערן, דאָס איז דער קאָפּ־שאַרבן.[1] ר׳ חייא בר נחמיה האָט געזאָגט: דאָס איז דער שלונד, וואָס פאַרטרייבט דאָס גאָלד און מאַכט דאָס זילבער צו אַנטלויפן.[2] און צעבראָכן וועט ווערן דער קרוג ביים קוואַל, דאָס איז דעם מענטשנס בויך: דריי טעג נאָכן [טויט] ווערט דעם מענטשנס בויך צעשפּאָלטן און גיט צוריק

---

מאָגערטקייט. [5] אביונה, געטייטשט לויט אבה, וועלן, גלוסטן. [6] רבי, ר׳ יהודה הנשיא. [7] צוגעגעבן לויט ויקרא רבה יח, א. [8] דאָס איינגעשלאָסענע אין די קלאַמערן איז משמעות אַ צוגאָב פון אַן איבערשרייבער. [9] לויט ויקרא רבה, דאָרט. [10] לויט זיינע מעשים אויף דער וועלט. [11] די באַקלאָגערס קלאָגן אויף דעם, וואָס דער געשטאָרבענער איז אָנגעברייט אויפגעגעסן צו ווערן פון ווערים (עץ יוסף).

ו. [1] גלגלת — גלת. [2] דאָס גאָלד און זילבער גייט אַוועק אויפן עסן. אין ויקרא רבה איז דער נוסח: מכלה את הזהב ומריקה את הכסף — עס פאַרניכט דאָס גאָלד און

ר׳ שמעון בן חלפתא הוה יליף סליק לגבי רבינו [בכל ירח]. כד סיב לא הוה יכיל. חד זמן סליק. א״ל רבינו: „מה זכינן למיחמי סבר אפוי דר׳ יומא הדין?״ א״ל: „רחוקות נעשו קרובות, וקרובות נעשו רחוקות; שתים נעשו שלש, ומטיל שלום בטל.״ [פירושא: „רחוקות נעשו קרובות,״ אלו העינים, דהוון חמיאין מן רחיק, כדון אפילו מן קריב לא חמיאין; „וקרובות נעשו רחוקות״, אילין אודניא, דהוון אינון שמען בחד זמן ותרתין זימנין, וכדון אפילו במאה זימנין לא שמען; „שתים נעשו שלש״ — חוטרא ותרתין רגליא; „ומטיל שלום בבית בטל,״ זו התאוה, שמטיל חיבה בין איש לאשתו.]

כי הלך האדם אל בית עלמו. „אל בית העולם״ אין כתיב כאן, אלא בית עלמו. — אמר ריש לקיש: למלך שנכנס למדינה, ועמו דוכסין ואפרכין (ואיסטסטולאטין) [ואסטרטיוטין]; אע״פ שכולם נכנסין בפילי אגון אחת, כל אחד ואחד הולך ושורה לפי כבודו. כך, אע״פ שכולם טועמים טעם מיתה, כל אחד ואחד יש לו עולם בפני עצמו.

וסבבו בשוק הסופדים, אלו התולעים.

ו

(ו) עד אשר לא ירתק חבל הכסף, זה הוא חוט של שדרה; ותרץ גלת הזהב, זו גלגלת. ר׳ חייא בר נחמיה אמר: זו גרגרת, שהיא מגלה את הזהב ומריצה את הכסף. ותשבר כד על המבוע, זו כריסו של אדם: לאחר שלשה ימים כריסו של אדם נבקעת ומוסרת לפה ואומרת לו: „הא לך מה שגזלת וחמסת ונתת בי.״ ר׳ חגי מייתי לה מהדין קרייא (מלאכי ב): וזריתי פרש על פניכם, פרש חגיכם״. בר קפרא אמר: עד שלשה ימים תקפו של אבל, שעדיין צורת הפנים ניכרת, — תנינא: אין מעידין, אלא על פרצוף פנים עם החוטם, וגו׳.

---

דעם מויל [וואָס ער האָט גענומען ביי דעם] און ער זאָגט צו דעם: „נאַ דיר וואָס דו האָסט אָנגעגזלט און אָנגערויבט און אַריינגעלייגט אין מיר.״ ר׳ חגי ברענגט עס אַרויס פון דעם דאָזיקן פסוק (מלאכי ב, ג): וזריתי — און איך וועל צעשפּרייטן מיסט אויף אייערע פנימער, מיסט פון אייערע ימים טובים. בר קפרא האָט געזאָגט: ביז דריי טעג האַלט אָן די שטאַרקייט פון טרויער,

**וואָרום ביז דאַן איז נאָך צו דערקענען דאָס אויסזען פון פנים, ווי מיר האָבן געלערנט: מע קען ניט אַנדערש עדות זאָגן,**[3] **נייערט לויטן געשטאַלט פונעם פנים מיט דער נאָז — — —**[4]

ונרץ הגלגל — און דאָס ראָד ווערט צעשמעטערט אין גרוב אַריין, — **צוויי אמוראים [זאָגן וועגן דעם]. איינער האָט געזאָגט: ווי די דאָזיקע** [ברונעם־] רעדער פון ציפורי;[5] און דער אַנדערער האָט געזאָגט: ווי די **דאָזיקע גרודעס פון טבריה.**[6] **דאָס** [צווייטע] **איז ווי דער פסוק זאָגט** (איוב כא, לג): מתקו לו — עס זיינען אים זיס די גרודעס פון טאָל.[7]

ז

(ז) וישב — און אומקערן וועט זיך דער שטויב צו דער ערד ווי געווען,— [**וועגן דעם זאָגן**] **ר׳ פינחס און ר׳ חלקיה אין נאָמען פון ר׳ סימון: ווען** [**איז געזאָגט געוואָרן**] והרוח — און דער גייסט וועט זיך אומקערן צו גאָט וואָס האָט אים געגעבן? **ווען** אומקערן וועט זיך דער שטויב צו דער ערד [ריין ווי געווען]; **אויב אָבער** ניט (שמואל א, כה, כט): ואת נפש — אָבער די זעל פון דיינע פיינט וועט ער שליידערן אין כף הקלע.

ר׳ שמואל בר נחמן אין נאָמען פון ר׳ **אבדימי פון חיפה: [ס׳איז געגליכן צו אַ כוהן אַ תלמיד חכם וואָס האָט איבערגעגעבן צו אַ כוהן אַן עם הארץ אַ לאַבן ברויט פון ריינער תרומה און אים געזאָגט: „זע, איך בין ריין, און מיין הויז איז ריין, און מיינע כלים זיינען ריין, און דער דאָזיקער לאַבן וואָס איך גיב דיר איז ריין. איז אויב דו וועסט מיר אים צוריקגעבן פונקט ווי איך גיב אים דיר, איז גוט; אויב אָבער ניט, וועל איך אים פאַרברענען פאַר דיין פנים". אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צום מענטשן: „זע, איך בין ריין, און מיין וואוינאָרט איז ריין, און מיינע באַדינערס זיינען ריין, און די נשמה וואָס איך גיב דיר איז ריין. איז אויב דו גיסט זי מיר צוריק ווי איך גיב זי דיר, איז גוט; אויב אָבער ניט, וועל איך זי פאַרברענען פאַר דיין פנים". דאָס אַלץ רעדט זיך ווען ער איז אויף דער עלטער; אָבער אין זיינע יונגע טעג, אויב ער זינדיקט, ווערט ער געשלאָגן מיט אויספלוס און מיט קרעץ. דעריבער** טוט משה וואָרענען ישראל (ויקרא טו, ב): איש — איטלעכער מאַן, אַז ער וועט זיין פלוסיק פון זיין לייב.

ח

**ר׳ יהושע בן לוי האָט באַשיידט די פסוקים אויפן בית המקדש. דער נביא האָט געזאָגט צו ישראל:** וזכר — און געדענק דיין באַשעפער [אין די

---

לײדיקט אויס דאָס זילבער. [3] אויף אַ מענטשן, אַז ער איז געשטאָרבן און אַז זיין ווייב מעג חתונה האָבן (משנה, יבמות טז, ג). [4] און ווייטער שטייט דאָרט, אַז אַזאַ עדות ווערט אָנגענומען, אויב זי באַציט זיך אויף די ערשטע דריי טעג נאָכן טויט, ווייל נאָך דעם קען מען שוין דאָס פנים ניט דערקענען. [5] אַ ראָד איבערן ברונעם, איבער וועלכן אַ שטריק איז אַריבערגעוואָרפן אַרויסצוציען דאָס וואַסער. [6] דאָס קייקלען זיך אין ים אַריין. [7] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט צו דערקלערן דאָס וואָרט רגבייה.

ונרץ הגלגל אל הבור, — תרין אמורין. חד אמר: כאילין גלגליא דציפורין; ואוחרנא אמר: כאילין רגבייה דטבריה. המד"א (איוב כא): מתקו לו רגבי נחל.

ז

(ז) וישב העפר על הארץ כשהיה. ר' פנחס ור' חלקיה בשם ר' סימון: אימתי והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה? לכשישוב העפר על הארץ [כשהיה]; ואם לאו (שמואל א, כה): ואת נפש איביך יקלענה בתוך כף הקלע, וגו'.

ר' שמואל בר נחמני בשם ר' אבדימי דחיפה: לכהן חבר שמסר לכהן עם הארץ ככר של תרומה טהורה ואמר לו: „ראה, שאני טהור וביתי טהור וכלי טהורים, וככר זו שאני נותן לך טהורה היא. אם אתה מחזירה לי כדרך שנתתיה לך, מוטב; ואם לאו, הריני שורפה לפניך". כך אמר הקב"ה לאדם זה: „ראה, שאני טהור ומעוני טהור ושמשי טהורים, ונשמה שאני נותן לך טהורה היא. אם את נותנה לי כשאני נותנה לך, מוטב; ואם לאו, אני שורפה בפניך." כל אלה בימי זקנותו; אבל בימי נערותו, אם חטא הוא לוקה בזיבה וצרעת. לפיכך משה מזהיר לישראל (ויקרא טו): איש כי יהיה זב מבשרו.

ח

ר' יהושע בן לוי פתר קריא במקדש. אמר להם הנביא לישראל: וזכר את בוראך, זכרו את בוראכם עד (שבחוריכם) [שבחירו-תיכם] קיימין: עד שברית כהונה קיימת, שנאמר (שמואל א, ב): ובחור אותו מכל שבטי ישראל לי לכהן; עד שברית לויה קיימת, שנאמר (דברים יח): כי בו בחר ה' אלהיך מכל שבטיך, וגו'; עד שברית ירושלים קיימת, שנאמר (מלכים א, יא): העיר אשר בחרתי

---

טעג פון דיין בחורשאַפט], געדענקט אייער באַשעפער כל־זמן אייערע אויס־דערוויילטקייטן [1] האַלטן זיך נאָך: כל־זמן דער בונד מיט דער כהונה האַלט זיך נאָך, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל א, ב, כח): ובחור — און אים אויסדער־וויילט פון אַלע שבטים פון ישראל פאַר אַ כוהן צו מיר; כל־זמן דער בונד מיט דער לוויה [2] האַלט זיך נאָך, ווי דער פסוק זאָגט (דברים יח, ה): כי בו — וואָרום אים האָט גאָט דיין האַר אויסדערוויילט פון אַלע דיינע שבטים; כל־זמן דער בונד מיט ירושלים האַלט נאָך אָן, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים

---

ח. [1] בחירותיכם — בחורותיך. עמענדירט לויט איכה רבה, פתיחתא כג, פון וואַנען דער גאַנצער סימן איז גענומען מיט קליינע שינויים (דאָרט ווערט די דרשה געבראַכט פון ר'

א, יא, לב): העיר — די שטאָט וואָס איך האָב זי אויסדערווײלט; **כל־זמן דער בונד מיט מלכות בית דוד האָלט זיך נאָך, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים עח, ע): ויבחר — און ער האָט אויסדערווײלט דוד זיין קנעכט; **כל־זמן דער בית המקדש האָלט זיך נאָך, ווי דער פסוק זאָגט** (דברי הימים ב, ז, טז): ועתה — און אַצינד האָב איך אויסדערווײלט און געהײליקט דאָס דאָזיקע הויז; **כל־זמן איר האָלט זיך נאָך, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים ז, ו): בך — דיך האָט גאָט דיין גאָט אויסדערווײלט אים צו זיין פאַר אַן אייגן פאָלק.

עד אשר — אײדער עס וועלן אָנקומען די שלעכטע טעג, **דאָס זיינען די טעג פון גלות, ווי עס שטייט געשריבן** (עמוס ו, ג): המנדים — איר וואָס טוט וואַנדערן[3] צום שלעכטן טאָג; — והגיעו — און עס וועלן אָנקומען די יאָרן וואָס דו וועסט זאָגן: [איך האָב ניט אין זיי קיין באַגער], **וואָרום דער זכות אבות וועט דאַן בטל ווערן;** עד — אײדער עס וועט פינצטער ווערן די זון, **דאָס איז דאָס מלכות פון דודס הויז, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים פט, לז): וכסאו — און זיין שטול ווי די זון פאַר מיר; — און דאָס ליכט, **דאָס איז די תורה, ווי דער פסוק זאָגט** (משלי ו, כג): כי — וואָרום אַ ליכט איז דאָס געבאָט, און די תורה איז אַ ליכטיקייט; — און די לבנה, **דאָס איז דער סנ־הדרין, ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים פט, לח): כירח — ווי די לבנה זאָל ער אייביק באַשטיין;[4] — און די שטערן, **דאָס זיינען די תלמידי חכמים;** און ס׳וועלן זיך אומקערן די וואָלקנס נאָכן רעגן, — **דו געפינסט, אַז אַלע שווערע און שלעכטע נבואות וואָס ירמיה האָט נביאות געזאָגט אויף זיי, זיינען ניט געקומען אויף זיי, בייערט נאָכן חורבן פון בית המקדש.**[5]

ביום — אין דעם טאָג וואָס די היטער פון הויז וועלן ציטערן, **דאָס זיינען די וואַכן פון די כהנים און לוויים;** און עס וועלן זיך אויסקרימען די העל־דישע לייט, **דאָס זיינען די כהנים. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: צווי און צוואַנציק טויזנט לוויים האָט אהרן אויפגעהויבן אין איין טאָג, ווי דער פסוק זאָגט** (במדבר ח, יא): והניף — און אהרן זאָל אויפהייבן די לוויים אַן אויפ־הייבונג פאַר גאָט.[6] **ר׳ חנינא האָט געזאָגט: די דאָזיקע וואָליע איז זייער אַ גרינגע זאַך,[7] און דאָך פלעגט דער כוהן מכוון זיין און עס נעמען מיט איין האַנט און עס וואַרפן היגטער זיך צווי און דרייסיק איילן ווייט הינטערן** [מזבח־] **בריקל.** און די מאָלערינס וועלן אויפהערן [אַרבעטן], **דאָס זיינען די משניות גדולות, ווי למשל, די משנה פון ר׳ עקיבא, און די משנה פון ר׳ חייא און ר׳ הושעיא, און די משנה פון בר קפרא;**[8] וואָרום זיי זיינען ווינציק

---

יהושע בן סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוין). [2] מיט אַ חיריק אונטער דער ו, קאָלעקטיווער נאָמען פאַר די לוויים. [3] געטייטשט לויטן דרש. [4] אין איכה רבה ווערט געזאָגט, אַז דער סנהדרין, איז געגליכן צו דער לבנה, ווייל די חברים זיינען געווען אויסגעזעצט ווי אין אַ האַלבער לבנה. [5] ס׳וועלן זיך אומקערן די וואָלקנס נאָכן רעגן, — ערשט נאָכן חורבן וועלן זיך אָנהייבן נייע צרות. [6] און ווייטער, אין פסוק כא, שטייט, אַז אהרן האָט דאָס געבאָט דורכגעפירט (די צאָל פון צווי און צוואַנציק טויזנט געפינט זיך אין במדבר ג, לט). [7] און ס׳איז שווער זי צו וואַרפן ווייט. [8] ברייתות און תוספתות וואָס רבי האָט ניט אַריינ־

בה; **עד שמלכות בית דוד קיימת, שנאמר** (תהלים עח): ויבחר בדוד עבדו; **עד שבית המקדש קיים, שנאמר** (דברי הימים ב, ז): ועתה בחרתי והקדשתי את הבית הזה; **עד שאתם קיימין, שנאמר** (דברים ז): בך בחר ה׳ אלהיך להיות לו לעם סגלה.

עד אשר לא יבאו ימי הרעה, **אלו הן ימי הגלות, הה״ד** (עמוס ו): המנדים ליום רע; והגיעו שנים אשר תאמר וגו׳, **שזכות האבות בטילה**; עד אשר לא תחשך השמש, **זו מלכות בית דוד, שנאמר** (תהלים פט): וכסאו כשמש נגדי; והאור, **זו התורה, שנאמר** (משלי ו): כי נר מצוה ותורה אור; והירח, **זה סנהדרין, דכתיב** (תהלים פט): כירח יכון עולם; והכוכבים, **אלו תלמידי חכמים**; ושבו העבים אחר הגשם. — **את מוצא, כל הנבואות הקשות שנתנבא עליהם ירמיה, לא באו עליהם אלא לאחר חורבן הבית.**

ביום שיזעו שמרי הבית, **אלו משמרות כהונה ולויה**; והתעותו אנשי החיל, **אלו הכהנים. א״ר אבא בר כהנא: שנים ועשרים אלף לוים הניף אהרן ביום אחד, שנאמר** (במדבר ח): והניף אהרן את הלוים תנופה לפני ה׳. **א״ר חנינא: המוראה הזו דבר קל הוא, והיה הכהן מכוין ונוטלו באחת ידו וזורקו לאחורי הכבש ל״ב אמה לאחורי ידיו.** ובטלו הטחנות, **אלו משניות גדולות, כגון משנתו של ר׳ עקיבא, ומשנתו של ר׳ חייא ור׳ הושעיא, ומשנתו של בר קפרא**; כי מעטו, **זה התלמוד שבלול בהן**; וחשכו הראות בארבות, — **את מוצא, כשגלו ישראל לבבל, לא היה אחד יכול לסבור את תלמודו.**

וסגרו דלתים בשוק, **אלו דלתות נחשתא בית אלנתן, שהיו פתוחות לרווחה**; בשפל קול הטחנה, **על ידי שבטלו מדברי**

---

געוואָרן, **דאָס איז דער תלמוד, וואָס איז אַריינגעמישט**[9] **אין זיי**; און ס׳וועלן פינצטער ווערן די קוקערינס אין די פענצטער, — **דו געפינסט, אַז ווען ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל, האָט קיינער פון זיי ניט געקענט פאַרשטיין זיין לערנען.**

וסגרו — און עס וועלן פאַרשלאָסן ווערן די טירן צו דער גאַס, **דאָס זיינען די טירן פון נחושתא [פון] הויז**[10] **פון אלנתן, וואָס פלעגן זיין ברייט אָפן [פאַר אָרימע לייט]**; ווען ס׳ווערט נידעריק דער רויש פון דער מיל, **דורכ־**

---

געגומען אין דער משנה (**זע באַמערקונג 10 אויף ז׳ 47 פון אונדזער** איכה רבה **אויס־גאַבע).** [9]בלול; **אין** איכה רבה **איז דער נוסח** שכלול, **וואָס איז נכלל, אַנטהאַלטן אין זיי.** [10] **אין** איכה רבה **איז דער נוסח** בר אלנתן, **דער זון פון אלנתן. דער** רד״ל **וויל דאָרט בייטן**

דעם וואָס זיי האָבן אויפגעהערט זיך צו פאַרנעמען מיט דברי תורה. ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: דברי תורה זיינען געגליכן צו אַ מיל: אַזוי ווי די דאָזיקע מיל הערט ניט אויף [צו מאָלן] ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט, אַזוי ווערט ביי דברי תורה געזאָגט (יהושע א, ח): והגית — און דו זאָלסט אַריינטראַכטן אין דעם טאָג און נאַכט. — ויקום — און מע וועט שטיין בלייבן ביים קול פון אַ פויגל. — ר׳ לוי[11] האָט געזאָגט: אַכצן יאָר צייט פלעגט אַ בת־קול אויסרופן און אויסצוויטשערן איבער נבוכדנצרן און אים זאָגן: „שלעכטער קנעכט! גיי אַרויף, מאַך חרוב דאָס הויז פון דיין האַר, וואָרום זיינע קינדער האָבן ווידערגעשפעניקט און הערן זיך ניט צו צו אים"; און נידעריק וועלן ווערן אַלע טעכטער פון געזאַנג, דען ער איז אַרויף און האָט אָפּגעשטעלט דאָס געזאַנג פון בית המקדש;[12] דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה כד, ט): בשיר — מע טרינקט ניט קיין וויין מיט געזאַנג.

גם — אויך פאַר אַ הייך וועט מען מורא האָבן, פאַר דעם העכסטן פון דער וועלט, דעם מלך איבער אַלע מלכים, האָט ער[13] מורא געהאַט; און פחדים אויפן וועג, דער פחד פאַרן וועג איז אים באַפאַלן. און[14] ר׳ לוי האָט געזאָגט: ער האָט אָנגעהויבן מאַכן סימנים אויפן וועג, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל כא, כו): כי עמד — ווייל געשטעלט האָט זיך דער מלך פון בבל אויפן שיידוועג, ביים וועגצייכן, ביים אָנהייב פון די צוויי וועגן, וואו עס צעגייען זיך צוויי וועגן — צוויי וועגן זיינען דאָרט געווען, איינער גייט צום מדבר און איינער גייט צום ישוב;[15] צו טרעפן מיט כישוף, ער האָט אָנגעהויבן מאַכן כישוף אויפן נאָמען פון רוים, און עס איז ניט אַרויסגעקומען; אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדריע,[16] און ס׳איז ניט אַרויסגעקומען; אויפן נאָמען פון ירושלים, און ס׳איז אַרויסגעקומען. ער האָט געשאָקלט מיט די פיילן אויפן נאָמען פון רויב, און ס׳איז ניט אַרויסגעקומען; אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדריע, און ס׳איז ניט אַרויסגעקומען; אויפן נאָמען פון ירושלים, און ס׳איז אַרויסגעקומען. ער האָט געצונדן ליכט און לאָמטערנעס אויפן נאָמען פון רוים, און זיי האָבן זיך ניט אָנגעצונדן; אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדריע, און זיי האָבן זיך ניט אָנגעצונדן; אויפן נאָמען פון ירושלים, און זיי האָבן זיך אָנגעצונדן. ער האָט געלאָזט שווימען שיפן אויפן טייך פרת אויפן נאָמען פון רוים, און זיי זיינען ניט געגאַנגען; אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדריע, און זיי זיינען ניט געגאַנגען; אויפן נאָמען פון ירושלים, און זיי זיינען געגאַנגען. ער האָט געפרעגט ביי די תרפים, דאָס איז זיין עבודה זרה; ער האָט געקוקט אין דער לעבער, — ר׳ לוי[17] האָט געזאָגט: ווי יענער אַראַבער, וואָס שעכט אַ לאַם און קוקט אַריין אין דער לעבער.[18]

דאָרט, כז—כח) בימינו — אין זיין רעכטער האַנט איז געווען דער כישוף אויף ירושלים, דער כישוף[־גורל] פון ירושלים איז געווען אין זיין רעכטער האַנט, אָנצושטעלן שטורעמבעק, האַרן איבער טויזנט; צו עפענען דאָס מויל מיט רציחה, — די הענקערס; אויפצוהייבן דאָס קול מיט טרומייטן;[19] אָנצו־

תורה. א״ר שמואל בר נחמני: נמשלו דברי תורה כטחנה: מה טחנה זו אינה בטלה לא ביום ולא בלילה, כך דברי תורה נאמר בה (יהושע א): והגית בו יומם ולילה. — ויקום לקול הצפור, אמר ר׳ לוי: י״ח שנה היתה בת קול מכרזת ומצפצפת על נבוכדנצר ואומרת לו: „עבדא בישא! סוק, אחריב ביתיה דמארך, דבנוי מרדין ולא שמעין ליה״; וישחו כל בנות השיר, שעלה וביטל השיר מבית המקדש; המד״א (ישעיה כד): בשיר לא ישתו יין.

גם מגבה ייראו, מגבוהו של עולם, מלך מלכי המלכים, נתירא; וחתחתים בדרך, חיתיתה של דרך נפלה עליו. ור׳ לוי אמר: התחיל מתאווה תוואים בדרך, שנאמר (יחזקאל כא): כי עמד מלך בבל על אם הדרך, על אם דבצלי, בראש שני הדרכים, שמתווכת לשני הדרכים, — שני דרכים היו שם, אחת הולכת אל המדבר ואחת הולכת לישוב; לקסם קסם, התחיל לקסום קסמים לשמה של רומי, ולא עלו; לשמה של אלכסנדריא, ולא עלו; לשמה של ירושלים, ועלו. קלקל בחצים לשמה של רומי, ולא עלו; לשמה של אלכסנדריא, ולא עלו; לשמה של ירושלים, ועלו. הדליק נרות ופנסין לשמה של רומי, ולא הדליקו; לשמה של אלכסנדריא, ולא הדליקו; לשמה של ירושלים, והדליקו. הציף ספינות בנהר פרת לשמה של רומי, ולא הלכו; לשמה של אלכסנדריא, ולא הלכו; לשמה של ירושלים, והלכו. שאל בתרפים, זו עבודת כוכבים שלו; ראה בכבד, — א״ר לוי, כהדין ערביא דנכיס אימרא וחמי בכבדיה.

(שם) בימינו היה הקסם ירושלים, היה קסמו של ירושלים בימינו, לשום כרים, כלירכין; לפתח פה ברצח, ספקלאטורין; להרים קול (בסרפיניסם) [בסלפינגס]; לשום כרים על שערים, עשה כרקומין; לשפך סללה, אבני בליסטרא; ולבנות דיק, כבשין.

---

שטעלן שטורעמבעק אויף די טויערן, באַלאַגערוועדק; אָנצושיטן אַן ערדוואַל

---

פון בר, זון, אויף בת, טאָכטער, לויט מלכים ב, כד, ח: און דער נאָמען פון זיין (יהויכינס) מוטער איז געווען נחושתא די טאָכטער פון אלנתן. [11] אין איכה רבה — רבי. [12] דאָרט: פון טרינקהויז. [13] נבוכדנצר. [14] אין איכה רבה ווערט דער ערשטער טייטש געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ אבא בר כהנאן, און מיט דעם ווערט פאַרשטענדלעך דער און. [15] דער נוסח אין איכה רבה איז לירושלים, און דאָס איז פאַסיקער. [16] רוים און אַלעקסאַנדריע זיינען דאָ אַן אַנאַכראָניזם. דער דרשן באַנוצט זיי ווי סימבאָלן פון וועלט מאַכטן. [17] אין איכה רבה — רבי. [18] פאָראויסצוזאָגן די צוקונפט. [19] געביטן לויט יאַסטראָוו.

[פאַר] די שליידער־שטיינער; און צו בויען אַ באַלאַגער־מויער, [דאָס זיינען] די בריקלעך. און דאָס אַלץ וועט ביי זיי זיין ווי אַ פאַלשער כישוף אין זייערע אויגן, זיבן מאָל זיבן אויף זיי.[20] — דער נביא האָט געזאָגט צו ישראל: וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט די תורה, וואָס ווערט געדרשנט אויף זיבן מאָל זיבן [אופנים]; אַצינד, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, קומט אויף אייך נבוכדנצר און כישופט אויף אייך זיבן מאָל זיבן. און פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי געשען? און דאָס דערמאָנט אָן די זינד, אַז זיי זאָלן געכאַפּט ווערן, דאָס איז דאָס [פאַרגאָסענע] בלוט פון זכריהן.[21]

וינאץ — און עס וועט בליען דער מאַנדלבוים, דאָס איז די נבואה פון ירמיה, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה א, יא): אַ מאַנדלשטאָק זע איך. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער מאַנדלבוים, פון דער צייט וואָס ער הייבט אָן בליען ביז ער מאַכט פאַרטיק זיינע פרות איז איין און צוואַנציק טעג, אַזוי אויך האָט די גאַנצע גזירה [פון חורבן] ניט געדויערט מער, נייערט פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב [איין און צוואַנציק טעג].[22]

און ס׳וועט ווערן אַ משא דער היישעריק, דאָס איז דאָס געצנבילד פון נבוכדנצרן, ווי דער פסוק זאָגט (דניאל ג, א): נבוכדנצר מלכא — דער מלך נבוכדנצר האָט געמאַכט אַ געצנבילד פון גאָלד, [זיין הייך זעכציק איילן, זיין ברייט זעקס איילן]. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: קומט אויס, אַז דו זאָגסט: עפּעס וואָס איז זעכציק די הייך און זעקס די ברייט [קאָן שטיין, אָבער][23] עס דאַרף דאָך אַ היקף פון איינס צו דריי![24] האָט ר׳ בני[25] געזאָגט: אָט ווי אַ ראָר, — מע האָט עס אויפגעשטעלט, און עס איז אומגעפאַלן; מע האָט עס אויפגעשטעלט, און עס איז אומגעפאַלן. ר׳ חגי האָט געזאָגט פון ר׳ יצחקס וועגן: עס איז ניט געבליבן שטיין, ביז מע האָט ניט געבראַכט גאָר דאָס זילבער און גאָלד פון ירושלים און מע האָט אויסגעגאָסן פון דעם אַ שיכט פון פאַרנט, אָן אָנשפּאַר פאַר זיינע פיס; דאָס איז עס ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל ז, יט): כספם — זייער זילבער וועלן זיי אויף די גאַסן אַרויסוואַרפן [און זייער גאָלד וועט אָן אומריינקייט ווערן].

ותפר — און עס וועט אויפהערן דאָס וועלן, דאָס איז דער זכות אבות;[26] וואָרום דער מענטש גייט צו זיין אייביקער היים: פון בבל האָבן זיי אָפּגעשטאַמט, און קיין בבל האָבן זיי זיך אומגעקערט; און עס וועלן זיך אומדרייען די באַקלאָגערס אין מאַרק, דאָס איז דער גלות פון יכניה.[27] דו געפינסט, אַז

[20] זע תרגום יונתן, און רשי אויף דעם פסוק: ניין און פערציק מאָל האָט ער אויסגעפּרואווט דעם כישוף אויף ישראל. [21] אין איכה רבה געפינט זיך דאָ די מעשה מיטן מאָרד פון זכריהן, וואָס ווערט געבראַכט אויבן, פרשה י׳, ה. [22] צצוגעגעבן לויט איכה רבה. [23] עמענדירט לויט איכה רבה, וואו דער טעקסט איז פיל קלאָרער. [24] די הייך זאָל ניט זיין מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל ווי די ברייט. [25] אין איכה רבה — ר׳ לוי. [26] דער ווילן פון די אבות זיך איינצושטעלן פאַר זיי וועט ניט העלפן. — אביונה קאָן דאָ אויך געטייטשט ווערן ווי צוויי ווערטער: אבי יונה, דער פאָטער פון דער טויב, — די אבות פון דער כנסת ישראל (מהרז״ו, איכה רבה). [27] יהויכין, וואָס איז פאַרטריבן

וכולם — והיו להם כקסם שוא בעיניהם, שבעי שבעות להם, — **אמר להם נביא לישראל: „אלו זכיתם, הייתם קורין בתורה, שנדרשת שבעה משבעה; ועכשו שלא זכיתם, הרי נבוכדנצר** קוסם **עליכם שבעה משבעה. וכל כך למה?** והוא מזכיר עון להתפש. **זה דמו של זכריה.**

וינאץ השקד, **זו נבואתו של ירמיה, שנאמר** (ירמיה א): מקל שקד אני רואה. **א״ר אלעזר: מה השקד הזה משעת שיניץ עד שהוא גומר פירותיו כ״א יום, כך כל גזרה לא היתה אלא מי״ז בתמוז עד ט׳ באב [עשרים ואחד יום].** ויסתבל החגב, **זה צלמו של נבוכדנצר, שנאמר** (דניאל ג): נבוכדנצר מלכא עבד צלם דדהב, [רומיה אמין שתין, פתיה אמין שית]. **א״ר יוחנן: אשתכח, דאת אמר: כל דרומיה שיתין ופותייה שית [קאים, והרי] צריך היקף חד מתלתא! א״ר בני: כקנה זה, היה מעמידו ונופל, מעמידו ונופל. א״ר חגי בשם ר׳ יצחק: לא היה עומד, עד שהביא כל כסף וזהב שבירושלים ושפכו לפניו דימוס, סמך על רגליו; הה״ד** (יחזקאל ז): כספם בחוצות ישליכו [וזהבם לנדה יהיה].

ותפר האביונה, **זו זכות אבות**; כי הלך האדם אל בית עלמו: **מבבל היו ולבבל חזרו**; וסבבו בשוק הסופדים, **זו גלות יכניה. את מוצא (משעה) [בשעה] שגלתה גלותו של צדקיה, יצאת גלות יכניה לקראתם, והיו מכוסים שקים מבפנים ולבנים מבחוץ, והוון משאלין אילין לאילין: „מה אבא עביד? מה אמא עבידא? מה אחא עביד?״ ואמרון לון: „קטילין אינון.״ והוה מספיד בחדא ידיה ומקלס בחדא ידיה, לקיים מה שנאמר** (שם כד): ופארכם על ראשיכם ונעליכם ברגליכם, לא תספדו ולא תבכו.

---

**אין דער צייט [28] ווען צדקיהוס גלות איז פאַרטריבן געוואָרן, איז דער גלות פון יכניה אַרויס זיי אַנטקעגן, און זיי זיינען געווען אָנגעטאָן פון אונטן אין זעק און פון דרויסן אין ווייסן,[29] און זיי האָבן געפרעגט איינע די אַנדערע: „וואָס מאַכט דער טאַטע? וואָס מאַכט די מאַמע? וואָס מאַכט דער ברודער?״ און יענע האָבן געזאָגט צו זיי: „זיי זיינען געהרגעט.״ האָבן זיי געקלאָגט מיט איין האַנט [30] און לויב געזונגען מיט דער צווייטער האַנט,[31] און ס'איז מקויים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט** (דאָרט כד, כג): ופארכם — און אייערע קאָפּ־צודעקן וועלן זיין אויף אייערע קעפּ און אייערע שיך אויף אייערע פיס, ניט איר וועט [קענען] קלאָגן, ניט איר וועט [קענען] וויינען.

עד אשר — איידער דער זילבערשנור וועט צעריסן ווערן, **דאָס איז דער שלשלת היוחסין;**[32] און דער גאָלדענער בעקן וועט צעשמעטערט ווערן, **דאָס זיינען די ווערטער פון דער תורה, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים יט, יא): הנח־מדים — וואָס זיינען גלוסטיקער פון גאָלד; — און צעבראָכן ווערן וועט דער קרוג ביים קוואַל, — **צוויי אמוראים** [**דערקלערן עס**]**. איינער האָט געזאָגט: דאָס איז ברוכס** קרוג **ביי ירמיהס** קוואַל; **און איינער האָט געזאָגט: דאָס איז ירמיהס** קרוג **ביי ברוכס קוואַל.**[33] **דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה לו, יח): מפיו — מיט זיין מויל פלעגט ער אויסרופן צו מיר אָט די אַלע ווערטער, און איך פלעג פאַרשרייבן אין ספר מיט טינט. — און דאָס ראָד ווערט צעשמעטערט אין גרוב אַריין, — **פון בבל האָבן זיי אָפּגעשטאַמט און קיין בבל האָבן זיי זיך אומגעקערט. „פון בבל האָבן זיי אָפּגעשטאַמט", ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית יב, א): ויאמר ה' — און גאָט האָט געזאָגט צו אברמען: גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד; **„און קיין בבל האָבן זיי זיך אומגע־קערט"** (עזרא ה, יב): ועמא — און דאָס פאָלק האָט ער פאַרטריבן קיין בבל.

**ר' יוחנן האָט געזאָגט** (ישעיה מד, כז): האומר — דער וואָס זאָגט צו דער טיפעניש: ווער טרוקן, — **טיפעניש איז בבל; און פאַרוואָס הייסט זי טיפעניש? ווייל דאָרט זיינען איינגעזונקען געוואָרן**[34] **די** [**דערטרונקענע פון די**] **וואַסערן פון מבול, ווי אין פסוק שטייט** (ירמיה נא, מט): גם בבל — אויך בבל איז צום פאַלן, איר דערשלאָגענע פון ישראל; [אויך אין בבל טוען פאַלן די דערשלאָגענע פונעם גאַנצן לאַנד.[35] **ריש לקיש האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט** (בראשית יא, ב): וימצאו — און זיי האָבן געפונען אַ טאָל אין לאַנד שנער, — **פאַרוואָס ווערט עס גערופן** שנער? **ווייל אַהין זיינען אַריינגעטרייסלט געוואָרן**[36] **די טויטע פונעם דור המבול. אַן אַנדער פשט:** שנער, **ווייל זיי פלעגן שטאַרבן פון אַ דערשטיקעניש,**[37] **אָן אַ ליכט און אָן אַ מרחץ. אַן אַנדער פשט:** שנער, **ווייל זיי זיינען אויסגעטרייסלט פון מצוות, ניט קיין תרומה און ניט קיין מעשר.**[38] [**אַן אַנדער פשט**]**:** שנער, **ווייל אירע האַרן שטאַרבן יונג.**[39] [**אַן אַנדער פשט**]**:** שנער, **ווייל זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ שונא און אַ פיינט**[40] **צו הקדוש ברוך הוא; און ווער איז עס? נבוכדנצר.**

וישב — און אומקערן וועט זיך דער שטויב צו דער ערד ווי געווען, **פון בבל האָבן זיי אָפּגעשטאַמט און קיין בבל האָבן זיי זיך אומגעקערט;** און דער גייסט וועט זיך אומקערן צו גאָט, **דאָס איז דער רוח הקודש. דו גע־פינסט, אַז ווען ירמיה האָט געזען, ווי ירושלים איז חרוב, און דער בית המקדש איז פאַרברענט, און ישראל איז אַוועק אין גלות, און דער רוח הקודש האָט זיך אָפּגעטאָן, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן** [**זאָגן**] **איבער זיי** הבל הבלים, נישטיקייט פון נישטיקייטן.[41]

---

גע־[28] געוואָרן צוזאַמען מיט צען טויזנט יידן עלף יאָר פאַרן חורבן (מלכים ב, כד, טו). ביטן לויט איכה רבה. [29] אויס מורא אַרויסצואווייזן טרויער אויפן חורבן אין דער אָנוועזנהייט פון נבוכדנצרן. [30] געקלאַפּט זיך אויפן האַרצן פון ווייטאָג. [31] אין איכה רבה

עד אשר לא ירתק חבל הכסף, **זו שלשלת יוחסים; ותרץ** גלת הזהב, **אלו דברי תורה, שנאמר** (תהלים יט): הנחמדים מזהב; ותשבר כד על המבוע, — **תרין אמורין. חד אמר: כדו של ברוך על מבועו של ירמיה; וחד אמר: כדו של ירמיה על מבועו של ברוך. הה״ד** (ירמיה לו): מפיו יקרא אלי את כל הדברים האלה, ואני כתב על הספר בדיו. — ונרץ הגלגל אל הבור, — **מבבל היו ולבבל חזרו. מבבל היו, שנאמר** (בראשית יב) ויאמר ה׳ אל אברם: לך לך מארצך, **ולבבל חזרו** (עזרא ה, יב): ועמא הגלי לבבל.

**א״ר יוחנן** (ישעיה מד): האמר לצולה: חרבי, — **צולה זו בבל; ולמה נקרא שמה** צולה? **ששם** צללו **מי המבול, דכתיב** (ירמיה נא): גם בבל לנפל, חללי ישראל, [גם לבבל נפלו חללי כל הארץ]. **אמר ריש לקיש: כתיב** (בראשית יא): וימצאו בקעה בארץ שנער, — **למה נקרא שמה** שנער? **שננערו שם מתי דור המבול. ד״א:** שנער, **שמתו בתשנוק, בלא נר ובלא מרחץ. ד״א:** שנער, **שהן מנוערים מן המצות, בלא תרומה ובלא מעשרות. [ד״א]** שנער, **ששריה מתים נערים. [ד״א:]** שנער, **שהעמידה שונא וער; ואיזה זה? זה נבוכדנצר.**

וישב העפר על הארץ כשהיה, **מבבל היו ולבבל חזרו;** והרוח תשוב אל האלהים, **זו רוח הקדש. את מוצא, כיון שראה ירמיה ירושלים חרבה ובית המקדש שנשרף וישראל שגלו ורוח הקדש שנסתלקה לה, התחיל עליהם** בהבל הבלים.

---

**איז פאַראַן אַ צוגאָב, אַז אויפן קול האָבן זיי אים לויב געזונגען: „דו באַזיגער פון די באַרבאַרן.״** [32] **די משפחה־קייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן איבער די שחיטות.** [33] **לויטן ערשטן איז ברוך, דער תלמיד,** דער קרוג, **וואָס איז איבערן גלות באַרויבט געוואָרן פון די ווערטער פון זיין רביך,** דעם קוואַל; **לויטן צווייטן, איז ברוך** דער קוואַל, **ווייל נאָכדעם ווי ירמיה האָט אויסגערופן צו אים** אָט די אַלע ווערטער **און ברוך האָט זיי פאַרשריבן, האָט שוין דער רבי געדאַרפט אָנקומען צום תלמיד.** [34] צללו — צולה. [35] **דער מיין איז: די אומברענגערס פון ישראל וועלן פאַלן אין בבל, אַזוי ווי אַמאָל זיינען דאָרט געפאַלן די [דורכן מבול] דערשלאָגענע פון גאַנצן לאַנד (מיר האָבן צוגעגעבן די צווייטע העלפט פונעם פסוק לויט איכה רבה).** [36] ננערו — שנער. [37] תרגום אונקלוס **מאַכט אויף** וינער, און ער האָט אַריינגעטרייסלט (שמות יד, כז) — ושניק, און ער האָט פאַרשטיקט, **ווערט עס דאָ גערדרשנט אויף** שנער. [38] **מצוות וואָס זיינען נוהג נאָר אין ארץ ישראל („מצוות התלויות בארץ״).** [39] שנער — נער. [40] שונא ועך — שנער. [41] **אין איכה רבה** **ענדיקט זיך דער טעקסט** מיט איכה ישבה, ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם. **דאָ איז עס פאַרביטן געוואָרן אויפן אָנהייב פונעם ווייטערדיקן פסוק, וואָס איז דער גרונט־מאָטיוו פון גאַנץ קוהלת (זע אַריינפיר א, באַמ. 8).**

ט

(ח) הבל הבלים — נישטיקייט פון נישטיקייטן. מיר האָבן געלערנט: **אַז אַן עושר קריגט אַריין אַ גוטע זאַך, איז ער צוערשט הונגעריק אויף דעם; ווערט עס אים פאַרעלטערט,**[1] **טרעט ער אויף דעם. אויך דער אָרימאַן, אויף זיין אָרימען שטייגער, אויך זיינע אויגן [קוקן אַרויף] צו דעם וואָס איז העכער פון אים, צו דעם חלק וואָס דעם עושר איז שוין נמאס געוואָרן. דער האָט תאוות און יענער האָט תאוות, אָבער ביידע זיינען גלייך [ווען ס'קומט] צום קבר, — אַלץ איז נישטיקייט.**[2]

(ט) ויותר — און חוץ דעם וואָס קוהלת איז געווען אַ חכם — — — **צום** סוף פון קוהלת שטייט געשריבן (י): בקש — קהלת האָט געזוכט צו געפינען באַגערלעכע ווערטער, **קוהלת האָט געזוכט אויסצוגעפינען דעם שכר וואָס ווערט געגעבן פאַר מצוות, ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה ט, כג): כי — ווייל די דאָזיקע באַגער איך, זאָגט גאָט. **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים:** „שלמה! וכתוב — עס איז [שוין] אָנגעשריבן רעכטפאַרטיק, ווערטער פון אמת, — **איך האָב עס שוין געלאָזט אָנשרייבן אינעם ספר פון רעכטפאַרטי־קייט** (תהלים לא, כ): מה רב — ווי גרויס איז דיין גוטס וואָס דו האָסט באַ־האַלטן פאַר די וואָס האָבן מורא פאַר דיר; **און נאָך שטייט געשריבן** (מלאכי ג, יב): כי תהיו — וואָרום איר וועט זיין אַ באַגערלעך לאַנד". **און ווידער האָט ער געזוכט אויסצוגעפינען דעם שכר פאַר** [לערנען] **תורה, ווי דער פסוק זאָגט** (משלי ח, יא): וכל חפצים — און קיין באַגערלעכקייטן זיינען ניט גלייך צו איר. **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים:** „שלמה! עס איז [שוין] אָנגעשריבן רעכטפאַרטיק, ווערטער פון אמת, — **איך האָב עס שוין געלאָזט אָנשרייבן אינעם ספר פון רעכטפאַרטיקייט." דאָס איז ווי אַ פסוק שטייט** (ישעיה סד, ג): עין — קיין אויג האָט ניט געזען, אויסער דיר, גאָט, [וואָס ער וועט טאָן צו דעם וואָס וואַרט אויף אים].[1]

**שלמה האָט געזוכט אויסצוגעפינען, ווען דער קץ**[2] **וועט קומען, ווי דער פסוק זאָגט** (שיר השירים ב, ז): אם תעירו — אויב איר וועט וועקן, און אויב איר וועט אויפוועקן די ליבשאַפט, ביז זי וועט באַגערן.[3] **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „איך האָב עס שוין געלאָזט אָנשרייבן אינעם ספר פון רעכטפאַרטיקייט** (ישעיה סג, ד): כי — וואָרום אַ טאָג פון נקמה איז אין מיין האַרצן".[4] **ר' שאול פון נאווה האָט געלערנט אין נאָמען פון ר' שמעונען: אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגן: ווען איז דער קץ פון גאולה? זאָלסטו אים זאָגן:** וואָרום אַ טאָג פון נקמה איז אין מיין האַרצן **שטייט געשריבן. ר' יהודה בר' סימון אין נאָמען פון ר' יהושע בן לוי: „דריי סימנים [האָט דער איי־בערשטער געזאָגט] האָב איך דיר געמאַכט און אָנגעצייכנט וועגן משהס קבר** (דברים לד, ו): בגיא — אין טאָל, אין לאַנד פון מואב, קעגן בית פעור; **און פונדעסטוועגן:** און קיין מענטש ווייסט ניט זיין קבר ביזן היינטיקן טאָג. **איז אויב דאָס האַרץ זאָגט דעם מויל ניט אויס, וועמען וועט דאָס מויל אויסזאָגן."**[5]

ט

(ח) הבל הבלים. תני: החזיק עשיר בדבר טוב, תחלתו רעב הוא לו; (המתישן) [התישן] בו, עשאו למרמס. גם עני, כי דל חלקו, גם עיניו (לגבות) לגבוה ממנו, חלק (שמעיז) [שמואס] בו עשיר. לזה תאוה ולזה תאוה, שניהם שוין לקבר, — הכל הבל.

י

(ט) ויותר שהיה קהלת חכם. בסוף קהלת כתיב (י): בקש קהלת למצא דברי חפץ, בקש קהלת לעמוד על מתן שכרן של מצות, כדכתיב (ירמיה ט): כי באלה חפצתי, נאם ה׳. א״ל הקב״ה: „שלמה! וכתוב דברי אמת, — הכתבתיהו על ספר הישר׳ (תהלים לא): מה רב טובך אשר צפנת ליראיך; ועוד כתיב (מלאכי ג): כי תהיו אתם ארץ חפץ״. ועוד בקש לעמוד על שכרה של תורה, שנאמר (משלי ח): וכל חפצים לא ישוו בה. א״ל הקב״ה: „שלמה, וכתוב ישר דברי אמת, כבר הכתבתיהו על ספר הישר.״ הה״ד (ישעיה סד): עין לא ראתה, אלהים, זולתך.

בקש שלמה לעמוד על הקץ, מתי, שנאמר (שיר השירים ב): אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ. א״ל הקב״ה: „כבר הכתבתיהו על ספר הישר (ישעיה סג): כי יום נקם בלבי״. ר׳ שאול דנווה מתני לה בשם ר׳ שמעון: אם יאמר לך אדם: מתי קץ הגאולה? הוי אומר לו: כי יום נקם בלבי כתיב. ר׳ יהודה בר׳ סימון בשם ר׳ יהושע בן לוי: שלשה סימנים סימנתי לך וסיימתי לך בקבורתו של משה (דברים לד): בגיא, בארץ מואב, מול בית פעור; ואע״פ כן ולא ידע איש את קבורתו. לבא לפומא לא גלי, פומא למאן גלי?

יא

(יא) דברי חכמים כדרבנות, ככדור של בנות: מה כדור זה מתכדר מיד ליד ואינה נופלת לארץ, כך (יהושע א): לא נפל דבר

---

ט. [1] ער ווערט צוגעוואוינט צו דעם. [2] וועגן די ענדערונגען אין דעם סימן זע רד״ל און מתנות כהונה.

י. [1] אַזוי לויטן דרש, און לויט דעם גייט דאָ דער פסוק איבער פון צווייטער פערזאָן צו דריטער (פאַרגלייך דעם נוסח פון ברכות: ברוך אתה — — — אשר בחר — — —). [2] דער סוף פון גלות, די טעג פון משיחן. [3] געבויט אויף דער ענלעכקייט פון אויסדרוק: עד שתחפץ — דברי חפץ. [4] ס׳איז אַ סוד ביים רבוש״ע (ווי אין די פריערדיקע פאַלן). [5] פאַראַן, הייסט עס, אַזעלכע סודות וואָס זיינען פאַרן מענטשן אייביק פאַרבאָרגן.

## יא

(יא) דברי — די ווערטער פון די חכמים זיינען כדרבנות, — ווי דער באַלעם פון מיידלעך[1]: אַזוי ווי דער דאָזיקער באַלעם ווערט געקייקלט פון האַנט צו האַנט און פאַלט ניט אויף דער ערד, אַזוי (יהושע כא, מג): לא נפל — ס'איז ניט אָפּגעפאַלן קיין וואָרט [פון אַלדעם גוטן וואָס גאָט האָט גערעדט]; אַזוי ווי דעם דאָזיקן באַלעם וואַרפט מען אום מיט די הענט, און ער פאַלט ניט אַראָפּ, אַזוי האָט משה מקבל געווען די תורה פון סיני און זי איבערגעגעבן צו יהושען, און יהושע צו די זקנים, און די זקנים צו די נביאים, און די נביאים האָבן זי איבערגעגעבן צו די אנשי כנסת הגדולה.[2]"

אַן אַנדער פּשט: ווי די טרייבשטעכערס, — אַזוי ווי דער דאָזיקער טרייבשטעכער קירעוועט מיט דער קו, כדי זי זאָל אַקערן און כדי צו געבן חיונה דעם בעל בית אירן, אַזוי קירעווען די ווערטער פון תורה אָפּ דאָס האַרץ פון די לערנערס פון די וועגן פון טויט צו די וועגן פון לעבן.

מיט דריי נעמען ווערט דער טרייבשטעכער גערופן: דרבן, מלמד,[3] מרדע.[4] מלמד, ווייל ער לערנט די קו; מרדע, ווייל ער לערנט דער קו וויסן;[5] דרבן, ווייל ער מאַכט וואוינען[6] פאַרשטאַנד אין דער קו, אַז זי זאָל אַקערן די בייטן און געבן חיונה דעם בעל הבית אירן. איז עס ניט אַ קל־וחומר: מה־דאָך פאַר זיין קו מאַכט אַ מענטש אַ טרייבשטעכער, — היינט פאַר זיין יצר הרע וואָס רעדט אים אָפּ פון דער וועלט און פון יענער וועלט, אוודאי און אוודאי.

וכמשמרות — און ווי נעגל איינגעפלאַנצטע,[7] — דער דאָזיקער פּסוק האָט ניט געדאַרפט זאָגן אַנדערש, נייערט ווי „ביימער איינגעפלאַנצטע", און דו זאָגסט: און ווי נעגל איינגעפלאַנצטע. נייערט דאָס לערנט אונדז, אַז זיי האָבן די מעלה פון אַ פלאַנץ און די קעפּ[8] פון [נעגל פון] אייזן.[9]

אַן אַנדער פּשט: און ווי נעגל איינגעפלאַנצטע, — אַזוי ווי דער דאָזיקער נאָגל, כאָטש דו נעמסט אים אַרויס פון זיין אָרט, בלייבט פון אים אַ קענטיקער צייכן; אַזוי איז יעדערער וואָס פאַרזינדיקט זיך און די חכמים שטעקן אויס אַ האַנט אויף אים,[10] איז אפילו ווען ער האָט חרטה, בלייבט אויף אים אַ קענטיקער סימן.

אַן אַנדער פּשט: און ווי נעגל איינגעפלאַנצטע, — כל זמן ר' אליעזר האָט געלעבט, האָט זיך דאָס פאָלק נוהג געווען לויט ר' יהושען; אָבער נאָך דעם ווי ר' אליעזר איז געשטאָרבן [האָט ר' יהושע אומגעקערט די זאַך ווי אַמאָל, און] דאָס פאָלק האָט זיך ווידער געפירט לויט זייער שטייגער, [לויט ר' אליעזרן].[11]

---

יא. [1] ככדור של בנות — כדרבנות (לויטן פּשט — ווי טרייבשטעכערס). [2] אבות א, א, — און די תורה איז דורך דער גאַנצער צייט ניט פאַרגעסן געוואָרן. [3] שופטים ג, לא. [4] משנה, אהלות טז, א. [5] מורה דעה — מרדע. [6] דייר בינה — דרבן. [7] ווערטערלעך, לויטן ווייטערדיקן דרש. [8] ווערטערלעך: באַלעם. [9] אויב מיר זאָלן אָננעמען דעם נוסח ווי ער איז, קאָן עס מיינען, אַז פון איין זייט האָבן די ווערטער פון תורה די פאַרוואָרצלטקייט פון פלאַנצן, און פון דער צווייטער זייט קאָן מען אַ מאָל, אין אויסנאַם פאַלן, מבטל

[מכל הדבר הטוב אשר דבר ה׳]; **מה כדור זה מקלעין בה בידים ואינה נופלת, כך משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים, וזקנים לנביאים, ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה.**

**ד״א:** כדרבנות, **כדרבן זה שמכוין את הפרה כדי לחרוש, וכדי ליתן חיים לבעליה, כך דברי תורה מכוונין את לב לומדיהם מדרכי מיתה לדרכי חיים.**

**ג׳ שמות נקראו לו:** דרבן, מלמד, מרדע. מלמד, **שהוא מלמד את הפרה;** מרדע, **שהוא מורה דעה לפרה;** דרבן, **שהוא דייר בינה בפרה, כדי לחרוש לתלמיה ליתן חיים לבעליה. והלא דברים קל וחומר: מה לפרתו עושה אדם דרבן, ליצרו שמסיתו מן העולם הזה ומן העולם הבא, על אחת כמה וכמה!**

וכמשמרות נטועים, — **לא איצטריך הדה קרייא למימר, אלא „כאילנות נטועים״, ואת אמר:** וכמשמרות נטועים! **אלא מלמד, שיש להם שבח של מטע וכדורות של ברזל.**

**ד״א:** וכמשמרות נטועים, — **מה המסמר הזה אע״פ שאת עוברו ממקומו, רישומו ניכר; כך כל מי שעונותיו גורמים וחכמים פושטן בו יד, אע״פ שהא חוזר בו, רישומו ניכר.**

**ד״א:** וכמשמרות נטועים, — **כל ימיו של ר׳ אליעזר היו העם נוהגין כר׳ יהושע; ואחר שמת ר׳ אליעזר [החזיר ר׳ יהושע את הדבר ליושנו, ו] חזר העם לנהוג כמדתן, [כר׳ אליעזר].**

---

**זיין אַ וואָרט פון דער תורה.** לויטן דרש אויפן פסוק (תהלים קיט, קכו): עת לעשות לה׳, הפרו תורתך — **אין אַ צייט ווען מע דאַרף טאָן פון גאָטס וועגן, קאָן מען פאַרשטערן אַ תורה** (תמורה יד, ב; רשי אויף דעם פסוק), — **אָט ווי מע קאָן אַרויסציִען אַ נאָגל ווען נויטיק. אין** ילקוט קוהלת **אויף אונדזער פסוק איז אָבער דער נוסח אַנדערש: ״— — — ווייל דער נאָגל האָט אַ רויז (אַ קעפּל), און ס׳איז לייכט אים אַרויסצוציִען, דעריבער שטייט:** און ווי נעגל איינגעפלאַנצטע, **ווייל די וואָרצלען פון אַ בוים איז שווער אַרויסצורייסן; אָבער דער בוים האָט ניט אַזאַ כוח ווי אייזן — — — האָט ער (דער פסוק) געגעבן די ווערטער פון תורה דעם כוח פון אייזן און די פאַרוואָרצלטקייט פון אַ בוים״** (אַזוי איז עס אויך לויט פסיקתא רבתי ג, ד, און לויט במדבר רבה יד, ד). [10] **באַשטראָפן אים, — מיט חרם, אַ שטייגער.** [11] **עמענדירט לויט אַ גמרא אין** נידה, ז, ב **(וואו דער נוסח איז פונקט דער היפוך פון דער ענדערונג וואָס א. כהן** (קוהלת רבה, סאָנטשינאָ, **312, באַמ. 5) וויל מאַכן, —** לויטן מהרז״ו, משמעות). **די חכמים האָבן „געבענטשט״ (אויף סגי נהור לשון:** ברכוהו, **אַרויפגעלייגט אויף אים אַ טיילווייזן חרם, — זע** רד״ל) **ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ווייל ער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן דער מערהייט פון סנהדרין** (בבא מציעא נט, ב). **וויל דער בעל המדרש דאָ אויספירן, אַז ער איז געווען אַן אויסנאַם, און פון זיין דערוויטערונג איז נאָך אים קיין סימן ניט געבליבן.**

## יב

(יא) בעלי — [די ווערטער פון די חכמים — — —[וואָס ווערן **געזאָגט** **פון]** מענער פון פאַרזאַמלונגען,[1] ווען ווערן ווערטער פון תורה **געזאָגט** **ווי עס דאַרף צו זיין? ווען די וואָס לערנען זיי הערן זיי אויף פאַרזאַמלונגען.**[2] **פון וואַנען ווידער קאָנסטו** [**אַרויסלערנען צו**] **זאָגן, אַז אויב איינער האָט** **געהערט** [**אַ דבר תורה**] **פון** [**סתם**] [3] **אַ יידן, אַז עס זאָל אים זיין ווי ער וואָלט** **עס געהערט פון מויל פון אַ חכם? דאָס לערנט אונדז דער פסוק** (דברים ו, ו): אשר — וואָס איך באַפעל דיר היינט;[4] **און ניט נאָר ווי ער וואָלט עס גע־** **הערט פון מויל פון אַ חכם, נייערט ווי פון מויל פון חכמים, ווי דער פסוק** **זאָגט:** די ווערטער פון חכמים זיינען ווי טרייבשטעכערס; **און ניט נאָר ווי** **ער וואָלט עס געהערט פון חכמים, נייערט ווי פונעם מויל פון סנהדרין** (במדבר יא, טז): אספה לי — זאַמל מיר צונויף זיבעציק מאַן;[5] **און ניט נאָר** **ווי ער וואָלט עס געהערט פונעם מויל פון סנהדרין, נייערט ווי ער וואָלט עס** **געהערט פון משהס מויל, ווי אונדזער פסוק זאָגט:** נתנו — **זיי זיינען געגעבן** **געוואָרן פון איין פאַסטוך;**[6] **און ניט נאָר ווי ער וואָלט עס געהערט פון דעם** **פאַסטוך משה, נייערט פונעם מויל פון הקדוש ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים פ, ב): רעה — דו פאַסטוך פון ישראל, פאַרנעם, **וואָרום אחד, איינער,** **איז ניט אַנדערש נייערט הקדוש ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים ו, ד): שמע ישראל — הער, ישראל, גאָט, אונדזער גאָט — גאָט איז איינער.

**דאָרטן** [7] **האָבן מיר געלערנט: אַ מענטש טאָר ניט אַרויסגיין** [**אום שבת**] **מיט געניאָגלטע סאַנדאַלן,**[8] **און ניט מיט קיין איינציקן סאַנדאַל,**[9] **אויב ער** **האָט ניט קיין וואונד אויף זיין פוס. וויפיל נעגל מעגן זיין אין דעם? ר׳ יוחנן** **האָט געזאָגט: פינף, קעגן די פינף חומשים פון דער תורה; ר׳ דוסא בן חנניה** **זאָגט: זיבן, קעגן די זיבן טעג פון דער וואָך; און ר׳ חנינא זאָגט: ניין, קעגן** **די ניין חדשים פון טראָגן. ר׳ יוסי בן חנניה האָט געזאָגט: דער צוויי־שפּיץ**[10] **ווערט ניט פאַררעכנט אין דער צאָל נעגל. ר׳ זעירא האָט געפרעגט ביי ר׳** **אבא בר זבדא**[11]**: מעג מען אַריינשלאָגן נעגל אין אַ שוך** [**און אַרויסגיין מיט** **דעם**] **אום שבת? האָט ער אים געזאָגט: מע מעג.**[12] **— מעג מען זיי איבער־** **דעקן**[13]**? האָט ער אים געזאָגט: מע מעג.**[14] **— מעג מען זיי אָנטאָן איינס אויפן** **אַנדערן**[15]**? האָט ער אים געזאָגט: מע מעג.**[16]

**ר׳ חייא פלעגט אַריינגאָגלען עלף אין איין זייט און דרייצן אין דער** **צווייטער,**[17] **קעגן די פיר און צוואַנציק ספרים**[18]**: אַזוי ווי די ספרים זיינען** **פיר און צוואַנציק, אַזוי זיינען די** [**לויים**] **וואַכן פיר און צוואַנציק; און אַזוי** **ווי די וואַכן זיינען פיר און צוואַנציק אַזוי זיינען די נעגל פיר און צוואַנציק.**[19]

---

יב. [1] לויטן דרש. [2] פון חכמים, ווייל נאָר בחברותא קאָן מען אויפטאָן אין לערנען (רד״ל). [3] לויט במדבר רבה יד, ד, וואו דער נוסח איז: מפי קטן שבישראל. [4] און דער היינט זאָל מיינען יעדע צייט, און דער איך — יעדער ייד וואָס איז אין זיין צייט באַרופן אויף דעם. [5] איש, אין איינצאָל, דיך צו לערנען, אַז איינעמס אַ וואָרט איז אַמאָל אַזוי וויכטיק ווי דאָס וואָרט פון סנהדרין. [6] משה, וואָס איז באַשטימט געוואָרן ווי דער פאַסטוך

יב

(יא) בעלי אספות, — אימתי דברי תורה נאמרין כתקנן? בשעה שבעליהן שומעין אותן באסופות. מנין אתה אומר, שאם שמע מפי אדם שבישראל, שיהא עליו כשומע מפי חכם? תלמוד לומר (דברים ו): אשר אנכי מצוך היום: ולא כשמעו מפי חכם, — כמפי חכמים, שנאמר: דברי חכמים כדרבנות; ולא כשמעו מפי חכמים, אלא כמפי סנהדרין (במדבר יא): אספה לי שבעים איש; ולא כשמעו מפי סנהדרין, אלא כשומע מפי משה, שנאמר: נתנו מרעה אחד, זה משה; ולא כשומע מרועה משה, אלא מפי הקב״ה, שנאמר (תהלים פ): רעה ישראל, האזינה, ואין אחד אלא הקב״ה, שנאמר (דברים ו): שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד.

תמן תנינן: לא יצא האיש בסנדל המסומר, ולא ביחיד בזמן שאין ברגלו מכה. כמה מסמרות יהיו בו? ר׳ יוחנן אמר: ה׳, כנגד ה׳ חומשי תורה; ר׳ דוסא בן חנניה אומר: ז׳ כנגד ז׳ ימי השבת; ור׳ חנינא אומר: ט׳ כנגד ט׳ ירחי הלידה. א״ר יוסי בן חנניה: הכלבוס אינו ממנין המסמרות. ר׳ זעירא (בשם) [שאל ל]ר׳ אבא בר זבדא: מהו ליתנם על גבי מנעל בשבת? א״ל: מותר. — מהו (להחליפם) [להחיפם]? א״ל: מותר. — מהו ליתנם זה על גב זה? א״ל: מותר.

ר׳ חייא נותן אחד עשר מכאן ושלשה עשר מכאן, כנגד עשרים וארבעה ספרים: מה הספרים כ״ד, אף המשמרות כ״ד; ומה המשמרות כ״ד, אף המסמרים כ״ד.

---

פון ישראל, ווייל ער איז געווען אַ געטרייער פּאַסטוך צו זיינע שאָף אין מדבר (שמות רבה ב, ב). [7] שבת ס, א (משנה). [8] הילצערנע סאַנדאַל־זוילן צוגענאָגלט צום אייבערשטן לעדער מיט אייזערנע נעגל. — דער פאַרבאָט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער צייט פון (אדריאַנוסעס?) גזרות, ווען איבער אַזאַ פּאָר סאַנדאַלן איז אומגעקומען אַ גרויסע צאָל יידן (זע דאָרט די גמרא). [9] „טאָמער ווערט מען לאַכן פון אים, און ער וועט עס אויסטאָן און טראָגן מיט דער האַנט אום שבת“ (רשי; אין ירושלמי שבת, ו, ב, ווערן אָנגעגעבן אַנדערע דערקלערונגען). [10] אַ צווייִשפּיציקער נאָגל, וואָס דער שוסטער נוצט ווען ער הייבט אָן באַהעפטן די הילצערנע זויל מיטן אייבערשטן לעדער. [11] עמענדירט לויטן נוסח פון ירושלמי. [12] ווייל דאָס אומגליק האָט פּאַסירט מיט סאַנדאַלן, וואָס מע האָט זיי געקענט אומדרייען מיטן פאָרנט אויף הינטן (זע שבת, דאָרט), אָבער מיט אַ שוך קאָן מען עס ניט טאָן, האָט מען אויף שיך ניט גוזר געווען. [13] איבערציען די הילצערנע זוילן מיט לעדער, און דאַן געבן נעגל. — עמענדירט לויטן עץ יוסף, און אַזוי קומט עס אויס אין דער גמרא שבת. [14] ווייל ס׳איז שוין ניט מער קיין סאַנדאַל, נאָר אַ שוך. [15] דעם שוך אויפן באַנאָגלטן סאַנדאַל, אָדער פאַרקערט. [16] ווייל ס׳איז אַנדערש ווי בעת דער

## יג

(יב) ויותר מהמה — און מער פון זיי,[1] מיין זון, זיי געוואָרנט [פון] מאַכן אַ סך ספרים אָן אַ סוף, — [לייען] מהומה, וואָרום איטלעכער וואָס ברענגט אַריין אין זיין הויז מער ווי די פיר און צוואַנציק ספרים, ברענגט אַריין אַ מהומה אין הויז, אַ שטייגער דער ספר בן סירא און דער ספר בן תגלא;[2] ולהג — און נאָכצוטראַכטן אַ סך וועגן דעם איז אַ מאַטערניש פאַרן לייב, — נאָר צו רעדן[3] זיינען זיי געגעבן געוואָרן, זיי זיינען אָבער ניט געגעבן געוואָרן אויף מאַטערניש פאַרן לייב.[4]

## יד

(יג) סוף דבר — דער סוף פונעם וואָרט לאָזט אַלץ הערן,[1] לויטן סוף פונעם מענטשנס אויפפיר[2] לאָזן אַלע הערן וועגן זיינע מעשים: „אַ פיינער מאַן איז דער־און־דער געווען, אַ גאָטספאָרכטיקער איז דער־און־דער געווען.[3]"

ר' לוי האָט געזאָגט: פאַרוואָס רופט מען אַ מגפה דבר? ווייל זי פירט אַוועק[4] די גוטע מיט די שלעכטע; און פאַרוואָס רופט מען דעם הייזע־ריק גובי? ווייל ער מאָנט אויף[5] די שטראָף פון מענטשן און [אַנדערע] באַשעפעניש.

וואָרום בשעת אַ מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט, זאָגט הקדוש ברוך הוא צו די מלאכים: „זעט, וואָס זאָגן מענטשן וועגן אים." [און אויב זיי זאָגן:] „אַ פיינער מאַן איז ער געווען, אַ ירא שמים איז דער דאָזיקער געווען", אַזוי גלייך פליט אויף זיין בעט אין דער לופטן.[6]

## טו

ווען ר' לוי בר סיסי איז נפטר געוואָרן, איז געקומען אבא, שמואלס פאָטער, און האָט נאָכגעזאָגט איבער אים דעם דאָזיקן פסוק: דער סוף פונעם

---

פאַרבאָט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. [17] אין אום־צאָלן, ווייל גראָד־צאָלן („זוגות") זיינען געווען פאַררעכנט פאַר ניט מזלדיק. (זע בבא מציעא פו, א; פסחים קי, ב). [18] פון תנ"ך. [19] מסתמא אויפן סמך וואָס דאָס וואָרט מסמרות, נעגל, ווערט אין אונדזער פסוק געשריבן מיט אַ „לינקער" שין, משמרות, וואָס קאָן זיך אויך לייענען ווי מיט אַ "רעכטער", און מיינען וואַכן.

יג. [1] אַזוי לויטן דרש. [2] דער ערשטער געפינט זיך צווישן די „ספרים חיצונים", די אַפּאָקריפן, און ווערט עטלעכע מאָל ציטירט אין דער גמרא; דער צווייטער איז היינט אומ־באַקאַנט. [3] להגות — להג. [4] וועגן די ספרים חיצונים מעג מען נאָר אויבנאויפיק שמועסן; אָבער שטאַרק באַמיען זיך זאָל מען נאָר איבער די פיר און צוואַנציק ספרים. — דער פריערדיקער פּאַראַגראַף וועגן באַנאַגלטע סאַנדאַלן איז וואַרשיינלעך געבראַכט געוואָרן צו־ליב די לעצטע ווערטער וועגן די פיר און צוואַנציק ספרים, וואָס פאַרבינדן אים מיטן סימן יג.

יד. [1] לויטן ווייטערדיקן דרש. [2] דיבוריה — דבר. [3] אַ מענטש ווערט נאָכן טויט געמשפּט לויט זיינע לעצטע מעשים, צום גוטן ווי צום שלעכטן, נאָר דער בעל המדרש וויל דאָס שלעכטע ניט דערמאָנען. [4] דבור — דבר. [5] גובי — גבי (דער דאָזיקער מאמר ווערט דאָ נאָר געבראַכט צוליבן אָנשפּיל אויפן וואָרט דבר. מיטן ווייטערדיקן קערט זיך דער בעל המדרש אום צוריק צום פריערדיקן). [6] זיין נשמה גייט אַרויף אין הימל (וועגן

יג

(יב) ויותר מהמה, בני הזהר: [עשות ספרים הרבה אין קץ], — מהומה, שכל המכניס בתוך ביתו יותר מכ״ד ספרים, מהומה הוא מכניס בביתו, כגון ספר בן סירא וספר בן תגלא; ולהג הרבה יגיעת בשר, — להגות ניתנו, ולא ליגיעת בשר ניתנו.

יד

(יג) סוף דבר הכל נשמע, — סוף דיבורו של אדם הכל משמיעין את מעשיו: „כשר היה פלוני זה, ירא שמים היה פלוני זה.״ אתון ושאלון לשלמה: „סופיה דכולה מה?״ אמר להון: „סוף דבר — — —״

אמר ר׳ לוי: למה קורין אותו דבר? דדביר טבין עם בישין; ולמה קורין אותו גוביי? דגבי דינא דאינשא ודברייתא.

שבשעה שאדם נפטר מן העולם הקב״ה אומר למלאכי השרת: „ראו, מה הבריות אומרות עליו,״ — „כשר היה, ירא שמים היה פלוני זה״ — מיד מטתו פורחת באויר.

טו

כד דמך ר׳ לוי בר סיסי, עאל אבא אבוי דשמואל ואפטר עליו הדין קרייה: סוף דבר הכל נשמע. למה ר׳ לוי דומה? למלך שהיה לו פרדס, והיו בו ק׳ גפנים, והוא עושה ממנו מאה חביות יין; והיה אותו פרדס חביב עליו מכל פרדסים שיש לו. עמד על תשעים, והיה עושה מאה חביות; עמד על שמונים, עמד על שבעים, עמד על ששים, עמד על חמשים, עמד על ארבעים, עמד

---

וואָרט לאָזט אַלץ הערן. צו וואָס איז ר׳ לוי געגליכן? צו אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ פרוכטגאָרטן, וואָס האָט פאַרמאָגט הונדערט וויינשטאָקן, און ער פלעגט מאַכן פון דעם הונדערט פאָס וויין; איז אים דער דאָזיקער פרוכטגאָרטן געווען ליבער פון אַלע זיינע פרוכטגערטנער. [מיט דער צייט] איז ער גע־בליבן מיט ניינציק וויינשטאָקן,[1] און ער פלעגט אַלץ מאַכן הונדערט פאָס וויין; איז ער געבליבן מיט אַכציק, איז ער געבליבן מיט זיבעציק, איז ער געבליבן מיט זעכציק, איז ער געבליבן מי טפופציק, איז ער געבליבן מיט פערציק, איז ער געבליבן מיט דרייסיק, איז ער געבליבן מיט צוואנציק, איז

---

דעם אויסדרוק אין טעקסט פאַרגלייך ילקוט במדבר, תשסד, וואו עס דערציילט זיך וועגן אהרנס טויט).

ער געבליבן מיט צען — און ער פלעגט אַלץ מאַכן הונדערט פאַס ווייַן; לסוף איז ער געבליבן מיט איינעם, און ער האָט ווידער געמאַכט הונדערט פאַס ווייַן. האָט דער מלך געזאָגט: „דער דאָזיקער ווייַנשטאָק איז מיר ליבער פון אַלע פּרוכטגערטנער וואָס איך האָב". אַזוי האָט געזאָגט הקדוש ברוך הוא: „ער [2] איז מיר ליב ווי די גאַנצע וועלט." און ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען געזאָגט: כי זה — וואָרום דאָס איז דער גאַנצער מענטש.[3]

## טז

(יד) כי — וואָרום יעדע טואונג וועט גאָט ברענגען צו משפּט. אַז רבי פלעגט לערנען פּסוק,[1] און פלעגט צוקומען צו איינעם פון די דאָזיקע זעקס פּסוקים, פלעגט ער וויינען, און דאָס זיינען זיי: (עמוס ד, יג): כי הנה — וואָרום זע, ער פורעמט בערג [און ער באַשאַפט ווינט, און ער זאָגט דעם מענטשן, וואָס זיין טראַכטן איז], — אפילו זאַכן וואָס האָבן ניט קיין ממשות און קיין זינד [2] ווערן דעם מענטשן פאַרשריבן אויף זיין פּינקס; און ווער פאַרשרייבט זיי? עשה — דער וואָס מאַכט פון פרימאָרגן אַ חשכות. און נאָך (צפניה ב, ג): בקשו — זוכט גאָט, איר אַלע ליידנדיקע אין לאַנד [3] — — —. [און ווידער] (עמוס ה, טו): שנאו — האָט פיינט שלעכטס און האָט ליב גוטס [4] — — —. און דער דאָזיקער פּסוק: וואָרום יעדע טואונג וועט גאָט ברענגען צו משפּט.[5]

(משלי יט, ב) גם — אפילו ניט ווייסנדיק איז פאַרן נפש ניט גוט,[6] — ר' ביבי האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו איינעם וואָס איז געווען געוואוינט משמש המטה צו זיין מיטן זונען אויפגאַנג,[7] און ער האָט פאַרגעסן און האָט משמש המטה געווען פאַר זון אויפגאַנג;[8] איז אויב ניט ווייסנדיק איז ניט גוט, אַ פּשיטא שוין ווען ער וואָלט געוואוסט און וואָלט משמש המטה געווען! און ניט נאָר דאָס, נייערט (דאָרט) ואץ — און דער וואָס איילט מיט די פיס, זינ־דיקט, — [ס'איז געגליכן] צו איינעם וואָס האָט געהאַט פאַר זיך צוויי קראָמען, איינע פאַרקויפט געשאָכטן פלייש און איינע פאַרקויפט פלייש פון נבלות; און ער האָט פאַרגעסן און האָט געקויפט נבלה־פלייש. איז אויב ניט ווייסנדיק איז ניט גוט, אַ פּשיטא שוין ווען ער וואָלט געוואוסט און געקויפט! און ניט נאָר דאָס, נייערט און דער וואָס איילט מיט די פיס, זינדיקט.

ר' יוחנן האָט באַשיידט דעם פּסוק אין שייכות מיט שבת: [ס'איז גע־גליכן] צו איינעם וואָס האָט געהאַט פאַר זיך צוויי שטעגן, איינער אַ גלאַטער און איינער פול מיט דערנער און שטיינדלעך, און ער האָט פאַרגעסן און איז

---

טו. [1] די איבעריקע זיינען איינגעדאַרט געוואָרן. [2] ר' לוי. [3] ער האָט די ווערט פון אַלע אַנדערע מענטשן צוזאַמענגענומען.

טז. [1] מיר האָבן אַרויסגעלאָזט הדין (דעם דאָזיקן) לויט איכה רבה ג, י. [2] ווייל דער פּסוק רעדט דאָך נאָר וועגן מענטשנס טראַכטן. [3] כדי אויסצומיידן די בייזע שטראָף וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָרט. [4] אויך דאָרט רעדט זיך וועגן אויסמיידן גאָטס שטראָף. [5] צוויי פּסוקים פעלן דאָ, און זיי געפינען זיך אין איכה רבה, דאָרט (זע אונדזער אויסגאַבע, זייט 301, און באַמערקונג 2; פאַרגלייך אויך תנחומא אמור, ב). [6] לויטן דרש: אפילו ווען אַ חטא ווערט באַגאַנגען דורך אַ טעות, בשוגג, איז אויך ניט גוט. [7] כדי צו

על שלשים, עמד על עשרים, עמד על עשרה, והיה עושה ק׳ חביות של יין; עמד על אחת, והיה עושה ק׳ חביות של יין. אמר המלך: „חביב עלי זה הגפן מכל פרדסים שיש לי.׳ כך אמר הקב״ה: „חביב עלי הוא ככל העולם.״ וכיון שמת אמרו: כי זה כל האדם.

## טז

(יד) כי את כל מעשה האלהים יבא במשפט. ר׳ הוה פשיט (הדין) קרייה, וכיון שהיה מגיע לאחד משׁשה מקראות הללו, היה בוכה, ואלו הן: (עמוס ד): כי הנה יוצר הרים, וגו׳, — ואפילו דברים שאין בם ממש ולא חטא, נכתבין לו על פנקסו; ומי כותבן? עשה שחר עיפה. ועוד (צפניה ב): בקשו את ה׳ כל ענוי הארץ, וגו׳. (עמוס ה): שנאו רע ואהבו טוב, וגו׳. והדין פסוקא: כי את כל מעשה, וגו׳.

(משלי יט): גם בלא דעת נפש לא טוב, — אמר ר׳ ביבי: לאחד שהיה למוד לשמש מטתו עם הנץ החמה; ושכח ושמש מטתו קודם הנץ החמה; בלא יודע לא טוב, — אלו יודע ושימש, על אחת כמה וכמה! ולא עוד, אלא (שם) ואץ ברגלים חוטא, — לאחד שהיו לפניו שני חנויות, אחת מוכרת בשר שחוטה ואחת מוכרת בשר נבלה; ושכח ולקח בשר נבלה. בלא יודע לא טוב,— אלו ידע ולקח, עאכ״ו! ולא עוד, אלא ואץ ברגלים חוטא.

ר׳ יוחנן פתר קרייה לענין שבת: לאחד שהיו לפניו שני שבילים, אחד שפוי ואחד מלא קוצים וצרורות, ושכח והלך בזה שבו קוצים וצרורות; [בלא ידע לא טוב], — אלו ידע והלך, עאכ״ו!

ר׳ יוחנן ור׳ש לקיש פתרי קרייה. ר׳ יוחנן אמר; בנדרים

---

געגאַנגען אויף דעם וואָס מיט דערנער און שטיינדלעך;[8ב] [איז אויב ניט ווויסנדיק איז ניט גוט], אַ פשיטא שוין ווען ער וואָלט געוואוסט און געגאַנגען.

ר׳ יוחנן און ריש לקיש באַשיידן דעם פסוק. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: מיט נדרים און נדבות [גיין אָפּט אין בית המקדש] טאָר מען ניט;[9] מיט אַ קרבן

---

מאַכן צוערשט זיכער, אַז זיין ווייב איז ניט געוואָרן קיין נידה. [8] און ער איז נכשל געוואָרן. [8ב] און לויט איין אמורא טאָר מען אום שבת ניט טרעטן אויף פלאַנצן (עירובין ק, ב). [9] לויטן פסוק (קוהלת ה, ד): טוב — בעסער זאָלסט ניט מנדר זיין, איידער מנדר

חטאות און אַ קרבן אשם [10] מעג מען. ריש לקיש זאָגט: מיט נדרים און נדבות מעג מען, מיט אַ קרבן חטאת און קרבן אשם טאָר מען ניט.[11]

ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: מה־דאָך איינער וואָס באַגייט אַן עבירה ניט ווייסנדיק איז ניט גוט; אַ פּשיטא שוין אויב ער האָט געוואוסט און איז געגאַנגען און האָט געטאָן! דעריבער: כּי — וואָרום יעדע טואונג וועט גאָט ברענגען צו משפּט, וועגן אַלץ וואָס איז פאַרהוילן, סיי גוטס און סיי שלעכטס. [ווען ר׳ יוחנן איז צוגעקומען צו דעם דאָזיקן פּסוק האָט ער געוויינט;[12]] ער האָט געזאָגט: אַ קנעכט וואָס זיין בעל הבית פאַררעכנט אים זינד דורך אַ טעות גלייך ווי זינד מיט אַ כּיוון, — קאָן אים גוטס דערוואַרטן?

וואָס מיינט: וועגן אַלץ וואָס איז פאַרהוילן [רב האָט געזאָגט [13]:] דאָס מיינט מען דעם וואָס הרגעט אַ לויז פאַרן חברס פּנים, ווען יענעם איז עס נמאס. און שמואל האָט געזאָגט: דאָס מיינט מען דעם וואָס שפּייט פאַר זיין חברס פּנים, ווען יענעם איז עס נמאס.

וואָס מיינט: סיי גוט און סיי שלעכט? אין בית המדרש פון ר׳ ינאי האָט מען געזאָגט: דאָס איז דער וואָס גיט אַן אָרימאַן אַ פּרוטה בפרהסיה. אָט ווי ס׳האָט געטראָפן מיט ר׳ ינאי, וואָס האָט געזען ווי איינער אַ מענטש האָט געגעבן אַ פּרוטה צו אַן אָרימאַן בפרהסיא. האָט ער געזאָגט: „בעסער וואָלסטו אים ניט געגעבן, איידער איצט וואָס דו האָסט געגעבן און אים מבייש געווען.״ אין בית המדרש פון ר׳ שילא האָט מען געזאָגט: דאָס איז דער וואָס גיט צדקה צו אַ פרוי אין געהיים, ווייל ער ברענגט זי צו חשדים. רבא האָט געזאָגט: דאָס איז דער וואָס שיקט זיין ווייב ניט געטרייבערט פלייש פריטיק פאַרנאַכט.[14] — אָבער ס׳איז דאָך ניט אַזוי, וואָרום רבא אַליין שיקט דאָך! — ר׳ חסדאס טאָכטער [15] איז אַנדערש, ווייל ער איז זיכער מיט איר.

(סיי גוט און סיי שלעכטס).[16]

גענדיקט מדרש קהלת בעזרת השם יתברך

---

זיין און ניט באַצאָלן, — דורך אָפּטע נדרים קאָן מען קומען צו אַ מכשול. [10] קרבנות איבער אַ חטא וואָס מע באַגייט בשוגג, אומגערן (וועגן דעם ערשטן זע ויקרא ד, וועגן דעם צווייטן — דאָרט, ה) [11] אַ מענטש מוז זיך אויסהיטן פון זינדיקן אפילו בשוגג, כּדי ער זאָל ניט דאַרפן ברענגען די דאָזיקע קרבנות, ווייל אפילו אַ שוגג איז אויך זינדיק. — אין ויקרא רבה ד, ג איז דער נוסח אינגאַנצן אַנדערש: ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: מיט אַ קרבן

**ונדבות אסור; בחטאות ואשמות מותר. וריש לקיש אמר: בנדרים ונדבות מותר; בחטאות ואשמות אסור.**

**ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: מה העובר עבירה אחת בלא יודע, לא טוב; אילו ידע והלך ועשה, — עאכ״ו! לפיכך:** כי את כל מעשה האלהים יבא במשפט, על כל נעלם, אם טוב ואם רע. **[ר׳ יוחנן כי מטי להאי קרא בכי;] אמר: עבד שרבו שוקל שגגות כזדונות, תקנה יש לו?**

מאי על כל נעלם? **[אמר רב:] זה ההורג כינה בפני חבירו, ונמאס. ושמואל אמר: זה הרק בפני חבירו, ונמאס.**

מאי אם טוב ואם רע? **אמרי דבי ר׳ ינאי: זה הנותן פרוטה לעני בפרהסיא. כי הא דר׳ ינאי חזייה לההוא גברא דיהיב פרוטה לעני בפרהסיא. אמר: „מוטב דלא יהבת ליה, מהשתא דיהבת וכסיפתיה״. דבי ר׳ שילא אמרי: זה הנותן צדקה לאשה בסתר, דמייתי לה לידי חשדא. רבא אמר: זה המשגר בשר לאשתו כשאינו מחותך בערבי שבתות. איני, והא רבא משדר! שאני בת ר׳ חסדא, דקים ליה בגווה.**

(אם טוב ואם רע.)

חסלת מדרש קהלת בעזרת השם יתברך

---

חטאת און אַ קרבן אשם טאָר מען ניט; מיט נדרים און נדבות מעג מען. און ריש לקיש האָט געזאָגט: אפילו מיט נדרים און נדבות טאָר מען אויך ניט. [12] צוגעגעבן לויט חגיגה ה, א. [13] לויט חגיגה, דאָרט. [14] צוליב דער שפּעטער שעה קאָן זי פאַרגעסן נאָכצוקוקן, צי דאָס פלייש איז געטרייבערט, צי ניט, און דורכדעם קומען צו אַ מכשול. — אין אַלע דריי פאַלן איז די כוונה געווען גוט, אָבער אַרוסגעקומען איז שלעכטס, און דאָס מיינט: סיי גוט און טיי שלעכט. [15] רבאס ווייב. [16] די דאָזיקע פראַזע געפינט זיך אין אַלע געדרוקטע אויסגאַבעס אין קלאַמערן. לויטן מהרז״ו איז דאָ אַרויסגעפאַלן דער פאָלגנדער אָפּשלוס פונעם לעצטן פאַראַגראַף: פאַרוואָס זאָל דער אייבערשטער ברענגען צו משפט אויך דאָס גוטע; און דער ענטפער איז, אַז אויב גוטע מעשים זיינען גורם שלעכטס, ווערן זיי אויך געבראַכט צו משפט.

# זוכצעטל

**נעמען פון די דרשנים און פון אנדערע פערזאנען פון דער תלמודישער עפאכע וואס ווערן געבראכט אין קהלת רבה.**

---


## א

ר' אבא — 30, 34, 214, 284, 342.
אבא הושעיא פון טיריא — 42.
ר' אבא בר זבדא — 500.
ר' אבא בר כהנא — 34, 40, 46, 79, 102, 156, 226, 440, 482, 488.
אבא פון צידון — 284.
אבא בר קפרא — זע בר קפרא.
אבא, שמואלס פאטער — 502.
אבא תחנא דער חסיד — 382.
ר' אבדימי פון חיפה — 486.
ר' אבהו [פון קיסריה] — 78, 150, 152, 159, 160, 301, 332, 356, 452.
אבויה — 306.
ר' אבון (ר' בון?) — 142.
ר' אבין — 41, 42, 66, 70, 320.
ר' אדא בר אהבה — 41.
ר' אדא בר חוניא — 34.
ר' אדא בר' שמעון — 214.
אדריאנוס — 48, 108, 122, 123, 482.
ר' אוניה (ר' חוניא?) — 74.
ר' אושעיא — זע ר' הושעיא
ר' אחא — 21, 23, 24, 26, 40, 52, 56, 68, 99, 102, 110, 172, 176, 234, 238, 268, 276, 316, 328, 336, 372, 390, 426, 472.
ר' אחווא בר' זירא — 161, 400.
ר' איבו (אייבו) — 76, 148, 158, 248.
ר' אילא — 257.
אימיקאנטראן — 120
ר' איסי — 320.
ר' איסי פון קיסריה — 348.
ר' אליעזר [בן הורקנוס] — 45, 48, 56, 60, 186, 268, 302, 306, 307, 313, 314, 348, 386, 456, 464, 472, 498.
ר' אליעזר בר' יוסי הגלילי — 195, 472.
ר' אליעזר בן יעקב — 362.
אלישע בן אבויה (אחר) — 306, 312, 348.
ר' אלכסנדרי — 214, 390.
ר' אלעזר — 28, 55, 56, 71, 84, 152, 164, 175, 228, 242, 246, 347, 364, 404, 415, 492.
ר' אלעזר בן דמא — 58, 59, 348.
ר' אלעזר בר' יוסה (יוסי?) — 303.
ר' אלעזר בר' יוסי — 86, 240.
ר' אלעזר בר' יוסי בן זמרא — 174.
ר' אלעזר בר' סימאי — 462.
ר' אלעזר בן עזריה — 106.
ר' אלעזר בן ערך — 301.
ר' אלעזר בן שמוע — 458, 459, 460.
ר' אלעזר בר' שמעון — 434, 466, 468.
ר' אמי — 186, 224.
אנטונינוס — 394, 431.
ר' אסי — 290, 392, 400.
ר' אפס פון דרומא — 304.
ר' אשיאן — 394.

## ב

ר' בון (ר' אבון) — 76, 154, 155, 184, 268, 284, 303, 358, 390, 414, 452, 470.
ר' בון בר' חייא — 258.
ר' בורקי — 388.
בן בטיח — 321, 322.
ר' ביבי — 71, 132, 158, 288, 445, 452, 456, 500.
ר' בנאה — 32, 330.

בן כלבא שבוע — 321.
בן ציצית הכסת — 321.
ר' בני — 492.
ר' בנימין — 26, 160, 192, 226.
בן עזאי — 422.
ר' ברכיה — 26, 28, 32, 36, 38, 40, 63, 66, 71, 104, 124, 132, 159, 160, 202, 246, 254, 292, 331, 402, 404, 439, 442.
בר קפרא — 30, 31, 106, 210, 256, 324, 342, 386, 395, 452, 457, 458, 485, 488.

ג

גביני דער זון פון חרסון — 206.
ר' גמליאל בר' חנינא — 260.
רבן גמליאל דער זון פון ר' יהודה הנשיא — 314.
גניבא — 260.

ד

ר' דוסא בן חנניה — 500.
דניאל דער שניידער — 194.

ה

ר' הונא — 21, 23, 24, 26, 44, 120, 150, 158, 172, 224, 226, 230, 276, 317, 330, 336, 402, 448, 466.
ר' הונא דער זון פון ר' אחאן—378.
ר' הונא בר פפא — 244.
ר' הונא דער ריש גלותא — 392, 393.
הוני בר גניבא — 216.
ר' הושעיא (אושעיא) [רבה] — 66, 106, 120, 268, 288, 488.
ר' הילל בר' שמואל בר נחמן — 36.
ר' המנונא — 41.
ר' המנונא דער סופר — 304.

ז

זבדי בן לוי — 390.
זיוותאי בן לוי — 386.
ר' זירא (ר' זעירא) — 70, 258.
ר' זכאי — 102.
ר' זעירא (ר' זירא) — 210, 298, 394, 500.

ח

ר' חגי — 260, 342, 343, 362, 383, 392, 394, 485, 492.
ר' חוניא (ר' אוניה?) — 76, 150.
חזקיה [בר' חייא] — 393.
ר' חזקיה — 96.
ר' חייא [רבה] — 28, 106, 210, 228, 256, 354, 376, 391, 392, 393, 394, 474, 488, 500.
ר' חייא בר אבא — 32, 134, 202, 244, 369, 445.
ר' חייא בר ר' אדא — 256, 452.
ר' חייא בר גמדא — 358.
ר' חייא בר יוסף — 188.
ר' חייא בר נחמיה — 106, 119, 480, 482, 484.
ר' חייא בר תנחום — 44.
ר' חלבו — 71.
ר' חלפיי — 26.
ר' חלפתא — 172.
ר' חלקיה — 170, 486.
חמא בר גוריא (גוריון) — 229.
ר' חמא בר חנינא — 104, 352.
ר' חמא בר פפא — 440.
ר' חנין — 292, 402, 454.
ר' חנין פון ציפורי — 46, 240.
ר' חנינא — 32, 34, 56, 71, 120, 134, 162, 166, 192, 208, 271, 302, 304, 362, 404, 488, 500.
ר' חנינא בר' אבהו — 55.
ר' חנינא בן דוסא — 18.
חנינא (חנניה) דער זון פון ר' יהו־שעס ברודער — 60, 348.
ר' חנינא בר יצחק — 66, 74, 271, 424.
ר' חנינא בן עקביא — 86.
ר' חנינא בר פפא — 112, 182, 424, 474.
ר' חנינא פון ציפורי — 46.
ר' חנניה — 246.
ר' חסדא — 58, 229, 506.

ט

ר' טוביה — 78, 150.
טורנוס רופוס — 182.
טראכינוס — 182.
ר' טרפון — 162, 163, 388.

י

ר' יאשיה — 330.
ר' יהודה — 46, 76, 84, 104, 168, 172, 180, 192, 208, 234, 252, 255, 260, 285, 290, 388, 466, 472.
ר' יהודה בר אלעי — 66, 355, 446.
ר' יהודה הנחתום — 310.
ר' יהודה הנשיא — זע רבי יהודה [בר' חייא] — 393.
ר' יהודה בר' יוסי — 234.
ר' יהודה פון כפר גיבוריא — 227.
ר' יהודה בר' לעיי (אלעיא?) — 198.
יהודה בן לקיש — 84.
ר' יהודה בן נקוסה — 62, 348.
ר' יהודה בר' סימון — 24, 124, 156, 164, 173, 221, 269, 280, 364, 378, 380, 404, 440, 450, 496, 506.
ר' יהודה בן פזי — 194.
ר' יהודה בר שלום — 44.
ר' יהושע [בן חנניה] — 22, 42, 45, 46, 48, 60, 108, 179, 186, 196, 227, 259, 308, 348, 375, 444, 456, 464, 472, 482, 498.
יהושע בר' טימי — 388.
ר' יהושע בן לוי — 67, 108, 134, 175, 226, 290, 300, 356, 362, 390, 391, 430, 452, 480, 486, 496.
ר' יהושע פון סכנין — 28, 34, 142, 148, 272, 362, 370, 380, 450, 451.
ר' יהושע בן קרחה — 24, 38.
ר' יהושע בר' תנחום פון כפר אגון — 134.
ר' יודן — 22, 26, 36, 69, 74, 76, 102, 166, 178, 186, 188, 228, 314, 336, 352, 400, 401, 426, 428, 476.
ר' יוחנן [בר נפחא] — 34, 44, 50, 76, 86, 149, 150, 195, 208, 214, 229, 234, 244, 256, 258, 271, 296, 301, 320, 328, 334, 335, 336, 372, 392, 394, 397, 398, 404, 412, 492, 494, 500, 504, 505.
ר' יוחנן הסנדלר — 472.
ר' יוחנן בן זכאי — 216, 266, 301, 321, 322, 384, 406.
ר' יונה — 96, 164, 264, 368.
ר' יונתן — 54, 56, 60, 160, 167, 176, 246, 248, 364, 376.
ר' יונתן פון בית גוברין — 248.
ר' יונתן בר' חגי — 404, 416.
יונתן (בן עוזיאל) — 470.
ר' יונתן בן עמרם — 394.
ר' יוסי — 56, 172, 228, 230, 236, 302, 372, 398, 472.
ר' יוסי הגלילי — 284.
ר' יוסי בר הונא — 232.
ר' יוסי בר' זביד — 302.
ר' יוסי בן זמרא — 246.
ר' יוסי בן חלפתא — 49, 188.
ר' יוסי בר' חנינא — 100, 166, 394, 399.
ר' יוסי בן חנניה — 246, 500.
ר' יוסי בן יאסין — 322.
ר' יוסי בן יהודה — 214.
ר' יוסי בן משולם — 387.
ר' יוסי בר נהוראי — 173.
ר' ינאי — 28, 42, 134, 186, 241, 242, 296, 506.
ינאי המלך — 318—320.
ר' ינאי דער זון פון ר' שמעון — 102.
ר' יעקב בר אבונא — 32, 236.
ר' יעקב בר אחא — 76, 86, 150, 320.
ר' יעקב פון גבול — 32.
ר' יעקב פון כפר חנן — 157, 222.
יעקב פון כפר גיבוריא — 342, 343.
יעקב פון כפר סכניא (סמא) — 58, 348.
ר' יעקב בר' קורשאי — 200.
ר' יצחק — 20, 38, 66, 78, 150, 158, 184, 185, 202, 209, 260, 299, 348, 362, 366, 372, 383, 404, 462, 470, 492.
ר' יצחק בר' אלעזר — 242, 388.

ר' יצחק בר מריון — 114, 146, 404, 416.
ר' יצחק בר קפרא — 386.
ר' ירמיה — 127, 128, 164, 166, 320, 348, 368, 369, 445.
ר' ירמיה בן אלעזר — 53, 450.
ר' ירמיה פון שבשתא — 430.
ישוע בן פנטירי — 58.
ר' ישמעאל — 42, 58, 59, 72, 92, 267, 427.
ר' ישמעאל בר' יוסי — 52.
ר' יששכר פון כפר מנדי — 294.

ל

ר' לוי — 26, 28, 30, 32, 34, 63, 76, 86, 108, 114, 130, 134, 148, 156, 160, 180, 186, 206, 222, 266, 328, 336, 337, 352, 358, 359, 362, 366, 370, 380, 414, 418, 450, 451, 466, 474, 480, 481, 482, 490, 500.
ר' לוי דער זון פון ר' זעיראן — 300.
ר' לוי בר חיתא — 114.
ר' לוי בר חמא — 208.
ר' לוי בר סיסי — 32, 500.
ר' לוי בר פנטי — 358.
לוליאַנוס — 182, 390.

מ

ר' מאיר — 64, 92, 114, 115, 122, 207, 224, 247, 262, 306—310, 322, 323, 372, 386, 444, 472.
ר' מונא — 228, 260, 396, 470.
מיישא (מיאשיה) — 127, 164, 368, 438.
ר' מנא — 142, 224, 296, 324, 326.
ר' מנא (מונא) פון שאַאָב — 356, 380.
ר' מני — 226.
מנחם דער בעקער — 246.
ר' מנחמא — 127, 164, 240, 368, 388.

נ

ר' נחום דער קודש קדשים — 394.
ר' נחמיה — 66, 168, 192, 208, 235, 255, 282, 324, 362, 396, 464, 472.
נחמיה (נחמן?) דער זון פון ר' שמואל בר נחמן — 160.
ר' נחמן — 112, 188.
ר' נחמן בר' יצחק — 186.
ר' נחמן דער זון פון ר' שמואל בר נחמן — 127, 164.
נקדימון בן גוריון — 321.
ר' נתן — 42, 168, 214, 235, 472(?).
ר' נתן פון בית גוברין — 134.
ר' נתן כהן — 134, 472.

ס

ר' סימאי — 36.
ר' סימון — 19, 46, 112, 134, 168, 294, 398, 442, 444, 445, 486.
ר' סימון בר זבדי — 96.
ר' סימון בר זביד — 257, 258.

ע

עולא פון בירא — 71.
ר' עזריה — 378, 404, 416, 464.
עניני בר נחשון — 162.
עקביא בן מהללאל — 480.
ר' עקיבא — 40, 75, 136, 139(?) 182, 256, 266, 308, 310, 412, 422, 432, 456, 472, 488.
עקילס דער גר — 313.

פ

ר' פדת — 445.
ר' פינחס — 20, 28, 76, 96, 100, 114, 146, 150, 170, 240, 262, 264, 278, 286, 289, 349, 369, 445, 476, 486.
ר' פינחס בר חמא — 162.
ר' פלטיה פון נוה — 36.
פפוס — 182, 390.

ק

ר' קרוצפי — 214.

ר

ר' ראובן — 146.
רב — 92, 252, 312, 334, 335, 336, 506.
רבא — 506.
רבה בר מחסיא — 229.
רבי (ר' יהודה הנשיא) — 30, 31,

40, 41, 52, 182, 214, 222, 228, 235, 254, 302, 303, 304, 312, 324, 384, 386, 394, 395, 396, 424, 431, 468, 484, 504.
ריש לקיש — זע ר' שמעון בן לקיש.

ש

ר' שאול פון נאווה — 496.
ר' שילא — 506.
שלומית (אלכסנדרה) — 318.
שמואל — 99, 312, 402, 430, 506.
ר' שמואל — 22, 36, 224, 260, 268, 270, 406.
ר' שמואל בר' . . . — 271.
ר' שמואל בר אוניא — 384.
ר' שמואל בר אמי (אימי) — 266, 405.
ר' שמואל בר חובה — 52.
ר' שמואל בר ר' יצחק — 24, 26, 72, 127, 128, 164, 224, 474.
ר' שמואל בר נחמן (נחמני) — 24, 46, 62, 86, 92, 134, 197, 230, 284, 290, 294, 340, 368, 415, 440, 446, 486.
ר' שמואל פון קאַפּאַדאָקיע — 342.
ר' שמעון — 352, 398, 496.
ר' שמעון בר אבא — 76, 134, 372.
ר' שמעון בן אלעזר — 24, 252, 422.
רבן שמעון בן גמליאל — 84, 228, 320, 338.
ר' שמעון בן חלפתא — 19, 64, 136, 137, 138, 218, 242, 256, 304, 474, 484.
ר' שמעון בן יהוצדק — 297.
ר' שמעון בן יוחאי — 22, 36, 70, 84, 100, 113, 230, 282, 284, 403, 404, 434, 436, 438, 440, 466, 468, 472, 477.
ר' שמעון בר' יוסי — 84.
ר' שמעון בן לקוניא — 376.
ר' שמעון בן לקיש (ריש לקיש) — 34, 36, 38, 148, 149, 166, 206, 256, 330, 353, 391, 394, 403, 440, 450, 484, 494, 505.
ר' שמעון בן מנסיא — 84, 387.
שמעון סיכנא פון עיצה — 216.
שמעון בן שטח — 317—320.
ר' שמעון בן שקפא — 69.
ר' שמלאי — (מיט אַ „לינקער" שין) — 166.

ת

ר' תחליפא — 452.
ר' תנחום — 316, 476.
ר' תנחום בר חייא — 326.
ר' תנחומא — 127, 151, 164, 240, 244, 264, 368.

* * *

## שליסל צו די געבליבענע ראשי תבות

(אלע אנדערע ראשי תבותן פון די טראדיציאָנעלע אויסגאבן האָבן מיר געדרוקט אין זייער פולן אויסלייג)

או"ה — אומות העולם
א"י — ארץ ישראל
א"ל — אמר לו, אמרו לו, אמר להם
אע"פ — אף על פי
א"ר — אמר ר' . . .
בה"מ — בית המקדש
ד"א — דבר אחר
הה"ד — הדא הוא דכתיב
הקב"ה — הקדוש ברוך הוא
וגו' — וגומר
ח"ו — חס ושלום
ט"ב — ט' באב
כהה"ד — כהדא הוא דכתיב
כמד"א — כמה דאת אמר
עאכ"ו — על אחת כמה וכמה
רבש"ע — רבונו של עולם
ר"ל — ריש לקיש
ר"ע — ר' עקיבא

needs of modern man, of raising his courage and hope in the face of new and hitherto unexperienced dangers and horrors, and of enriching his ethical and religious life. The author hopes that this new edition of Koheleth Rabbah will contribute its modest share towards that end.

S. DUNSKY

sphere of the ancient Midrashic texts. An attempt was therefore made to blend these two aspects of the language, whereby the archaic is refined and brought closer to the modern idiom through the filter of contemporary Yiddish, while the latter is softened and flavoured by the folkloristic aroma of the archaic.

As translations in general, and especially those of ancient texts, are at the same time of necessity a commentary, there arose the second problem of establishing the correct meaning of the text, which is often quite obscure. In such cases the author had to choose between the many commentaries and glossaries, old and modern, often indicating by means of footnotes the basis on which the choice was made, especially in cases where a personal interpretation was preferred.

For centuries, Midrashic literature has exercised immense influence over the Jewish people — religiously, ethically and aesthetically, and in times of stress and tragedy, raised their spirits and strengthened their hopes for better and happier times, "for the day that is wholly good", and not only for themselves, but for all of mankind. That salutary influence was effected directly by perusing and studying the Midrashic books themselves, as well as indirectly through the meeting up with the abundant midrashic quotations found in the works of Bible commentators such as Rashi. Midrashic quotations would also be profusely found in the Hebrew Musar books[20], as well as in the old Yiddish translations of the Pentateuch, and not least in the homilies of the Maggidim, those folk preachers whose influence over the masses was tremendous.

It is the author's deep conviction that besides possessing a rich store of materials that are of great importance for the historian of the Jewish past, the Aggadah still retains an inherent capacity of satisfying the aesthetic

---

by Margalioth and Echah Rabbah by S. Buber. 20. A specific literature, the subject of which was the instruction of high religious as well as moral and ethical behaviour of man.

present, enjoyed the efforts of competent scholars who expertly weeded out the many mistakes and misreadings.[17] But Midrashic literature, not being of any practical or legal importance, was quite neglected. Some of the traditional commentators[18] succeeded in correcting many a texts. But numerous mistakes and text corruptions still remained.[19]

In the present edition, as in the previous two, the author attempted a thorough research into parallel texts of Talmudic and Midrashic literary sources and, on that basis, introduced a great number of corrections and emendations. In all such cases the old reading is printed in circular, and the new in rectangular, parentheses, and in each case an annotation is added which provides the source of the given correction, to give the student the opportunity of comparing texts and of judging for himself.

Also, as in the case of the above-mentioned two volumes, the author has introduced in the present volume modern punctuation, thereby breaking up the text into short paragraphs, making for easier reading and better appreciation of this ancient literary work.

The second task was that of translating the Midrash into Yiddish.

In this regard the first problem was the kind of language to be used. There was the Yiddish common to traditional study of Talmud and Midrash of the Yeshivoth (Talmudic academies) and synagogues for centuries, and the old religious literature written in the vernacular. But it was felt that this would be too archaic for the modern reader. On the other hand, the use of modern Yiddish would not be in harmony with the style and the general atmo-

---

Montreal 1962. 17. Like R. Gershom and Rashi in the 11th century, R. Solomon Luria in the 16th and R. Eliyahu Gaon in the 18th. 18. Such as R. Issachar Baer Cohen of the 16th century, author of **Matnoth Kehunah,** R. Samuel Strashun (**Rashash**) of the 18th century, and especially R. David Luria of the same century. 19. At the present there are modern scholarly editions of quite a number of Midrashic books; of the Rabboth, however, only three enjoyed such editions, viz.: Bereshith Rabbah by Theodor-Albeck, Wayikra Rabbah

pomegranate I have found; its inside I eat and its peel I cast away."

**Place and time of composition**

Koheleth Rabbah was composed in Palestine. The great number of Greek and Latin words clearly point to that locale instead of Babylonia. Besides other evidence to that effect there is also the use of the word **here** as designating Palestine and **there** to designate Babylonia.[14]

In regard to time of composition this Midrash belongs to the middle of the Midrashic period. On the one hand the authors draw much of their material from the Yerushalmi and from the older Midrashim such as **Bereshith (Genesis) Rabbah, Wayikra (Leviticus) Rabbah and Echah (Lamentations) Rabbah;** on the other hand a passage of this Midrash, although it is not mentioned by name, is cited by R. Ahai, an 8th century author.[15] Consequently we can with a great degree of certainty conclude that Koheleth Rabbah was composed about the 7th century C.E., certainly not later than the beginning of the 8th.

**The Present Edition**

As in the former two Midrashic editions,[16] the editor's task in the present volume was two-fold. First, to establish frequently the correct reading of the text. Transmitted through generations by handwritten copies, the Talmudic and Midrashic books were often mishandled by incompetent copyists, who often copied old and worn manuscripts and were forced to use their imagination in order to insert missing words and phrases. However, the Talmud, especially the Babylonian, which was to mould, through its legal aspects, all phases of Jewish life right down to the

---

14. 2, 7: "Solomon made use of spirits and sent them to India where they brought him water to water (the pepper trees)." So also 1:34 and 1:12: "The Rabbis of **there** said in the name of Rabbi Isaac of **here**", whereby it is certain, that **there** is designating Babylonia and **here** — Palestine: R. Isaak was a palestinian. 15. Z. H. Hayes, **Introduction to Midrash Rabbah** (Bereshith Rabbah, Romm Edition). 16. Echah Rabbah Montreal 1956, and **Esther Rabbah and Ruth Rabbah** (in one volume)

But R. Hiya bar Nehemiah is not content with this explanation ("does scripture merely inform us of the material riches of Solomon?"), and instead, he explains the passages as alluding to the study of the Torah: the houses he built refer to synagogues and houses of learning; the vineyards he planted — to the rows of disciples who sat there in tiers as in a vineyard; the gardens and parks — to the great Halakhah collections of Rabbi Hiya the Great and Bar Kappara; the gold and silver he abundantly acquired — to the words of the Torah, "as it is said: **More to be desired are they than gold** (Psalms 19, 11)", etc. etc.

There are only a few exceptions where the Aggadists make no attempt to soften the negative impression of the text. Such is the exposition to verse 2, Ch. 9: **All things come alike to all; there is one event to the righteous and to the wicked,** etc., where instead of attempting an allegorical interpretation in the manner of other passages, the author takes the text literally and even intensifies that striking exposure of heavenly injustice by enumerating a long list of historical Biblical events, which show distinctly that there is no justice in the order of the world. Another example of the Aggadists' bitter resentment to the apparent injustice of Providence is the comment of R. Hanina bar Papa on verse 17, Ch. 3: **The righteous and the wicked God will judge.** Said R. Hanina: "A robber ascends the scaffold and Rabbi Akiba ascended the scaffold."

As is the case with Midrashic literature in general, Koheleth Rabbah is very rich in folk tales and sayings which reflect the state of mind and way of thinking as well as the beliefs of scholars and masses alike. Of special interest are the stories in 1:24 - 25 which give vivid expression to the struggle against a young and militant Christianity. Another fascinating story relates the tragic biography of Elisha ben Abuyah, who in the face of the Hadrianic persecutions of the 2nd century C.E. lost faith and abandoned his people, but whom his great disciple, the famous R. Meir, did not want to forsake, saying "A

events of the Biblical past and to the aspirations of the Jewish people for the future; and in part as alluding to the life and conduct of man, to the significance of the study of Torah and of doing good deeds, and to the reward and punishment that await man in the World to Come. Such interpretations, broadened into expositions and lengthy discourses, are scattered among the Aggadic elements of both the Palestinian and the Babylonian Talmud.

The classical collection of such expositions and discourses, however, is the Midrash on Ecclesiastes, known as Koheleth Rabbah. All the means that the Darshanim had at their disposal are here used to turn this book of scepticism and disillusionment into a book of utter piety, of deep belief in the righteousness of the Creator in His dealings with His creation, and in the just order which eventually will be established in the World to Come.

A good example of this interpretation is the exposition on verse 15, chapter 7: **There is a righteous man that perisheth in his righteousness, and there is a wicked man that prolongeth his life in his evil doing.** According to the interpretation, the first half of the verse alludes to a righteous man, whom God takes away from this world while still young in order to avoid a possible decline from his high standard of behaviour, whereas the second part alludes to the wicked man whose life God lengthens in the hope that he may eventually repent.

Another example is the exposition on verse 16, chapter 2. The bitter complaint of Koheleth, **And how must the wise man die even as the fool,** is explained in the following sense: How can one even think that the wise man dies just as the fool, whereas we know from a number of Biblical passages (which are cited) that the fool dies and is forgotten, while the wise man is remembered for eternity.

A most characteristic example of the allegorical manner of interpreting the verses of Ecclesiastes is the lengthy exposition on verses 4 - 8, chapter 2. These verses are at first explained according to their verbal meaning, alluding to the vast riches of King Solomon and his luxurious life.

Most of the Rabboth belong to the exegetical Midrashim, with the exception of the Midrashim of Exodus (commencing with chapter 15), Leviticus, Numbers and Dueteconomy, which are of a homiletic character.

## 2. KOHELETH RABBAH

### Contents

"The sages sought to hide[11] the book of **Koheleth (Ecclesiastes)** because they found therein words which may entice to heresy".[12] The book of Ecclesiastes with its juxtaposition of inherent scepticism and deep disillusionment with the transience of life and with the very meaning of man's existence under the sun on the one hand, and of practical piety on the other, aroused doubts in the minds of the sages whether the book was worthy of a place among the Holy Scriptures. However, with their sense for the genuine and the truthful, the sages felt, that this wonderful, fascinating expression of a deep-thinking and even more deeply suffering human soul must not be lost. In addition, there was the tradition that the book was authored by none other than "the wisest of all men", King Solomon himself. Thus they found merit in those passages which gave expression to a feeling of deep humility and submission in the presence of the Creator, especially as expressed in the last chapter. And they took to interpreting all the "doubtful" verses in a manner that would eventually bring the book into harmony with the traditional outlook of Jewish religious thought.

This allegorical manner of interpreting the verses of Ecclesiastes was practised for ages. The Targum[13] to that book is more Midrash than translation. In part the verses are explained by the Targumist as allusions to different

---

the reading of the Torah once in three years, the Pentateuch was divided into 154 - 175 Sedarim. 10. The Midrashim on the Scrolls progressively acquired that name between the 16th and the 18th centuries, the book of Esther being the last of them. Before that they were designated simply Midrash Song of Songs, Midrash Ruth, etc. (Strack, ibid.). 11. To suppress, exclude from the Biblical canon. 12. Koheleth Rabbah 1, 4. 13. Aramaic translation.

and certain special Saturdays, and are known as Pesiktoth. Some are of special subjects, such as "Tanna debe Eliyahu", which deals with the ethical conduct of man and glorifies the study of Torah.

## Language

The language of the Midrashim is a composite of Hebrew and Aramaic with an admixture of a large number of Greek and Latin words. The Aramaic prevails mostly in folk stories and folk sayings, whereas the Hebrew element is predominant in texts which deal with commentaries on Biblical passages. In regard to language, there is also a difference between earlier and later Midrashic compilations. The Aramaic of the books of earlier centuries, when that language was still the vernacular of the oriental Jew, progressively gives way to a pure Hebrew after the advent of Islam. Along with the revival of the Arabic language and literature, Hebrew again became a literary medium for the scholar in the synagogues as well as for the writer of poetry and poetic liturgy.

## The Rabboth

Among the various Midrashic books there is a group of ten under one common name, **Midrash Rabbah** (plural — **Rabboth**). These are collections of expositions and discourses on the five books of Moses and the five books of the Hagiographa, known as Scrolls (Song of Songs, Ruth, Lamentations, Ecclesiastes and Esther). Although they are designated by one common name, they are each of a different character, and their compilation spans approximately the entire Midrashic period.

Opinions differ as to the source of the name Rabbah, the most logical explanation being, that originally only the Midrash on Genesis was known as Rabbah, (the Great) to differentiate it from another, smaller collection of expositions on the same book called **Zuta** (the Small). But as the above-mentioned ten books very early became an integral part of Synagogal liturgy, their Midrashim subsequently received the name of Rabbah.[10]

Biblical book, and superficially such a Midrash gives the impression of simply being a collection of commentaries on the Biblical texts. In reality these Midrashim are original literary creations, the rabbis merely using the commentary form as a means of imparting their own ideas. To use their own metaphorical language, the Aggadists use the Biblical verse as a precious age-old musical instrument on which theye made their own music. What stone is for the sculptor, pigments and canvas for the painter, sounds of surrounding nature for the musical composer, so is the Biblical verse for the Aggadist, — raw material for his creative genius.

This method is based on the motion, that "the Torah has seventy faces", a notion which in its turn is based on a commentary to Jeremiah 23:29, **Is not my word like fire, said the Lord; and like a hammer that crushes the rock?** "Just as the sledge-hammer shatters the rock into many shivers, so also may one Biblical verse be subject to many interpretations".[8] As a result, each commentary on a given passage frequently forms an expositional entity in itself, abandoning any logical connection between consecutive verses and ignoring the original sense of the passage as it was meant by the Biblical author.

That, however, does not exclude the fact, that the Midrashic authors, who were not far removed from the period when Hebrew still was a spoken language, often were adequately equipped to arrive at the most accurate explanation of a Biblical passage or of individual words and phrases.

The discourses of the homiletical Midrashim are based on individual texts, mostly on the beginnings of the Pentateuchal **Parashoth** or **Sedarim** (portions) which were read in synagogues on Saturdays.[9] Some Homiletic Midrashim contain expositions on the **readings** of holidays

---

once in his lifetime allowed himself to peruse such a book (Yerushalmi Shabbath 16, 1). 8. Babli (Babylonian Talmud) Sanhedrin 34. 1 (translation according to the emendation of the Tosafist R. Samuel). 9. According to the old Palestinian custom of completing

and individual. It includes deep religious thought together with illuminating insight into national and social problems. In these books the sages raise the problem of the place of the Jewish people among the nations of the world and grapple with the question of the meaning and significance of their sufferings, delving at the same time with deep concern into the fate of all nations and of humanity as a whole. Very frequently the pages of these books are deeply involved with questions of moral behaviour, voicing ethical demands of heights often transcending moral concepts of the Bible itself.

To develop and enhance their ideas, to illustrate and illuminate them, the Aggadic rabbis employed a large and kaleidoscopic range of media including folk tales, richly sprinkled with fine humor or satire, folk sayings, legends (the narrower contemporary meaning of Aggadah), fables and parables, historical data, stories about great men, their trials and achievements; and, above all, a rich variety of interpretations and expositions on abundantly quoted Biblical passages. All this results in a wonderful, variegated folkloristic mosaic of human thought and emotion, of poetic expression and literary charm.

The Aggadah attained its highest peak of development (still mostly in oral form) in the third and fourth centuries, when Judaism had to meet the challenge and onslaught of a rising and aggressive Christianity.

The work of compiling the Aggadic literature spread over a period of about 900 years, from the 3rd century C.E. to the 12th. This, however, refers only to the different compilations; the material itself, even of the latest books, originated between the 1st, (or even 2nd) century B.C.E. to the 5th C.E.

## Exegetic and Homiletic Midrashim

Two distinct forms prevail in Midrash Aggadah, the exegetic and the homiletic.

The exegetical Midrashim (plural of Midrash) follow with their comments the successive verses of a given

the designation Oral Law, or rather Oral Lore[5], since it embraces Aggadah as well as Halakhah. The reasons for this opposition, or even ban, as Talmudic tradition maintains is not certain. One opinion holds that it arose out of the sages' fear that if committed to writing, Oral Lore would eventually become of equal importance and authority with Holy Scriptures. Others maintain that it grew out of an apprehension, conscious or unconscious, that Oral Lore, when put to writing, would lose its quality of being always susceptible to change and adaptable to new environments and situations. Perhaps it was, to mention a further view, the result of sheer inertia: in ancient times people did not take to writing quite as easily as nowadays, and, in the course of time, mere circumstance became hallowed tradition. However, as generations passed, the accumulation of material became so vast as to make it impossible to be transmitted orally. A rationale was then found to allow the written form of Oral Lore (Torah Sheb'al-Pe) initially for Aggadic materials and eventually also for matters of Halakhah. As early as the third century C.E. we find frequent mention of Aggadic books.

Rabbi Yohanan said: "This is certain — he who studies Aggadah from a book, will not so soon forget it".[6] Books of Aggadah are also mentioned in the same century in connection with the names of R. Hiya, R. Jacob bar Aha, R. Simeon ben Lakish and R. Joshua ben Levi[7].

## Contents

This Aggadic literature, which eventually came to be designated by the general name of Midrash, consists of much diversified contents. It contains philosophical meditations on the nature of God, man and the universe, nation

4. Or Haggadah, from **higgid,** to tell, narrate. 5. H. L. Strack, **Introduction to the Talmud and Midrash.** — This opposition to writing, however, does not exclude the well-established fact that teachers and students alike were in possession of written notes of both Halakhah and Aggadah for their private use. 6. Yerushalmi (Palestinian Talmud) Berakhoth, 5, 1. 7. One of the most popular Aggadic Rabbis, but yet a strong opponent of written Aggadah, who only

# KOHELETH RABBAH

## INTRODUCTORY REMARKS

### 1. MIDRASH

**Midrash Halakhah and Midrash Aggadah**

Since the days of Ezra, when the five books of Moses were proclaimed as the constitution of the Jewish people,[1] there has been a constant effort on the part of the sages and scholars to elucidate and interpret the contents of the sacred books. The legal elements of these books were explained and elaborated upon in a manner which allowed their adjustment to ever-changing religious and ethical ideas and to evolving political and social conditions, both in Judea and in the Diaspora. This activity or discipline is known as **Midrash Halakhah**[2]. The narrative and poetic elements of the Pentateuch, and eventually of all Biblical books, served as a source of ever-new teachings of a religious, moral, social and historical character. As time went on, this expositional activity of the **Darshanim**[3] gave rise to that literature which is called **Midrash Aggadah.**[4]

The Aggadic literature, which is our sole concern here, was, along with the literature of the Halakhah, one of the two main channels through which Jewish spiritual creativity found its outlet during the first millenium of the Common Era. Together, they are considered the classic expression of post-Biblical Jewish thought.

**Oral and Written Law**

In their beginnings both Halakhah and Aggadah were transmitted orally from generation to generation, because of strong opposition to commit them to writing, — hence

1. Nehemiah 8 - 10. 2. **Midrash** — study, exposition, from **darash,** to interpret, study, expound. **Halakhah** — legal matter, law, rule; also the discussions and elaborations concerning legal matter; from **Halakh** to walk, hence the teaching to be followed, the rule to be guided by. 3. Plural of **darshan,** from **darash** — expounders, preachers, lecturers.

PUBLISHED

WITH THE ASSISTANCE

of the

CANADA COUNCIL

★

RECEIVED THE

H. M. CAISERMAN LITERARY AWARD

of the

CANADIAN JEWISH CONGRESS

Copyright 1967 by S. Dunsky

---

Printed in Canada by

THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.

Montreal, Quebec

1967

# MIDRASH RABBAH

## KOHELETH

## (ECCLESIASTES)

with

YIDDISH TRANSLATION

TEXT EMENDATIONS

EXPLANATORY NOTES AND INTRODUCTIONS

by

S. DUNSKY